STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01039

BATSIUNG TSU ARBET UN ARBETER

N. Shemen

Permanent preservation of this book was made possible
by Elinor & Irving Reiner
in memory of
Abraham Slusky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

באַציאונג צו אַרבעט און אַרבעטער

סאָציאַלער יושר, לויט תנ"ך, תלמוד און יהדות

באַנד 2

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
התשכ"ג - - 1963

N. SHEMEN

BATZIUNG TZU ARBET UN ARBETER

Sotzialer Yoisher Loit Tanach, Talmud un Yahaduth

JEWISH ATTITUDE TOWARD LABOUR

Social Justice Based on Biblical, Talmudic and Rabbinic Studies

Volume II

Copyright by N. Shemen,
1 9 6 3.

Printed in Canada
by
Morris Printing Company,
345 Adelaide St. West,
Toronto, Ontario.

7

אינהאַלט:

צווייטער טייל
ייד און וועלט

קאַפּיטל ניינצן
ייד און מענטש

זייט

א. יידישע עטיק און וועלטלעכקייט. — פון געטאָ צו אן אייגן לעבן. — גוף און נשמה. — אנטראָפּאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע 11

ב. דער ייד אין די אויגן פונעם ניט־ייד. — „יוסטינאַן־קאָדעקס" אנטי־סעמיטיזם. — אן אריינבליק אין וועלטלעכע האָריזאָנטן 17

ג. דייטשע ביבל־קריטיקער. — בלבולים אויפן ספר הספרים און בלבולים אויפן עם הספר. — שנאה צו יידן אין אלע צייטן 22

ד. ערנסט רענאַן. — נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. — אָביעקטיוו וועגן קריסטנטום אָבער סוביעקטיוו וועגן יידן.—א וויסנשאַפטלער גורם געוועזן צום וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם 25

ה. ארנאָלד טוינבי. — נאָכפאָלגער פון רענאַן. — זעט ניט מהות פון יהדות. — רעספּעקטירט ניט דעם נעכטן און זעט ניט דעם היינט . . 32

קאַפּיטל צוואַנציק
טאָלסטאָי און קריסטנטום

א. „דאָס געוויסן פון אייראָפּע". — טאָלסטאָי און שלום עליכם. — גרויסער הומאַניסט צום גרויסן הומאָריסט. — טאָלסטאָי׳ס נאָכפאָלגערשאַפט צווישן יידן. — ווערטער אָבער ניט מעשים 37

ב. יידישע עטישע מאָראַל. — וועלט און נאַטור. — צוויי אנשויאונגען. — יחוד השם. — נעאָ־היידנישעס און קריסטנטום. — עשירות וואָס ברענגט נוצן 41

ג. סאָציאַלע עטיק איז א באַדינג. — פּראַקטישער אידעאַליזם. — אויף נסים פארלאָזט מען זיך ניט. — צדק און אמונה גייט סינטעטיש זאַלבענאַנד 50

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק
אָפּשטאַמונג פון מענטש

א. דאַרוויניזם. — אָפּשטאַמונג פון מינים. — צלם אלקים און חשיבות פון מענטש 75

ב. דאַרוויניזם און וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם. — נייער וועלט־באַנעם. — טעאָרעטישער יסוד 61

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק
סאָציאַליזם און מאַרקסיזם

א. איז מארקס געווען אן אנטיסעמיט? — משה העס און די יידן־פראַגע. — סאָציאַליסטן אין מערב און אין מזרח־אייראָפּע. — אויגוסט בעבעל 68

ב. משה העס און מאַרקסיזם. — גאולה און וועלט־עמאַנציפּאַציע. — היינע׳ס צוריקשליידערן קריסטלעכע באשולדיקונגען 73

קאפיטל דריי־און־צוואנציק

יידן איןווירטשאפטלעכן לעבן

א. געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן. — באַשולדיקונגען קעגן יידן. — פאַלשע פאַראורטיילן און פאַרגרייזטע פאַקטן. — שנאה צו סאָציאַליזם און צו יידן 80

ב. די עטיק פון יהדות און מאָראַל פון יידישקייט. — אוטאָפּיסטן און בעלי מוסר דערהויבן פאָלק צו העכערע באַגריפן פון לעבן 82

קאפיטל פיר־און־צוואנציק

אטעאיסטישער סאָציאַליזם

א. סאָציאַליסטן ווי קעמפער קעגן דער יידישער אמונה. — סאָציאַליסטישע אפּיקורסים. — ווי אזוי ב. פייגנבוים האָט אָנגעפירט דעם קאַמף. — אטעאיסטישער פאַנאַטיזם 99

ב. די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. — כוואַליע פון אנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע 106

קאפיטל פינף־און־צוואנציק

פּראָלעטארישע דיקטאַטור

א. קאָמוניסטישער מאַניפעסט. — גרונט־הנחות. — רעוואָלוציע פון 1848. — סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער קאַמף 116

ב. די אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. — די שרעקלעכע גאָטלאָזיקייט. — מעטאָד פון גייסטיקער אוזורפּאַציע 118

ג. ווען די יעווסעקציע האָט געבושעוועט. — אָנפאַלן אויף באַוואוסטע רבנים. — יידישע אמונה האָט מען ניט געקענט אויסוואָרצלען. — רבנישע פּערזענלעכקייטן 121

קאפיטל זעקס־און־צוואנציק

יידישער קאַמף פאַר פרייהייט

א. געשיכטע פון יידיש־רעוואָלוציאָנערער ארבעטער באַוועגונג. — פירער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. — התחייבות צו זיך און וועלט . . . 136

ב. יידישע קאמפן פאַרן אַלגעמיינעם יושר. — באַטייליקונג אין די באַפרייאונגס־קאַמפן. — אין די פאָדערשטע רייען 142

ג. א בלבול וואָס איז לאַנג אָפּגעפרעגט געוואָרן. — יידישע ארבעטער אומעטום. — א סטאַטיסטיק 150

קאפיטל זיבן־און־צוואנציק

אָנהויב פון בונד

א. די נאָך־ליבערמאַן תקופה. — אויפברויז אינעם יידישן לעבן. — פאַרשיידענע לאָזונגען און לייזונגען 164

ב. גרינדונג פון „בונד". — שטורעם און דראַנג. — דאָס יאָר 1905 אין דער געשיכטע פונעם רוסישן יידנטום 169

ג. דערוואַכונג פון יידישן אַרבעטער. — אַרבעטער העראָאיזם. — דינאַמישע געשעענישן 173

קאפיטל אכט־און־צוואנציק

ציוניסטישער סאָציאַליזם

א. פון העס ביז באָראָכאָוו. — די ערשטע תקופה. — די ערשטע טריט אין

ענגלאַנד און אין אמעריקע. — די פּאַלטאַווער קאָנפערענץ. — נ. סירקין. — פון פּועלי ציון ביז מפּא"י 178
ב. די פראגע פון „כבוש העבודה". — ווען דאָס איז געווען אַן אָנגע־וויטיקטע פראגע. — פּארשאַרפטע פּראָבלעם. — אראבישע ארבעטער און יידישע ארבעטס־געבער. — וואָס א. ד. גאָרדאָן האָט געטראַכט וועגן דעם. — די חסדי השם מיט מדינת ישראל. — די ראָלע פונעם ארבעטער 184
ג. בער באָראָכאָוו. — וואָס שטעלט מיט זיך פאָר באָראָכאָוויזם. — אידייאישע געשטאַלטונג. — רעליגיע 188

קאַפּיטל ניין־און־צוואנציק

חלוציזם און קיבוץ־לעבן

א. כבוש העבודה אויף א נאַטירלעכן אופן. — דער איינפלוס פון א. ד. גאָרדאָן. — רעליגיע פון ארבעט 194
ב. הסתדרות העובדים. — דאָס ווערק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. — א פאַך־אַריין וואָס איז אנדערש 199
ג. פּועלי ציון ווערט פאַקטאָר. — הסתדרות גרייכט איבער די תחומים. — אַנדערע באַוועגונגען 204

דריטער טייל

רעליגיעזער סאָציאַליזם

קאַפּיטל דרייסיק

אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק

א. גרונט־יסוד פון מאָדערנעם רעליגיעזן סאָציאַליזם. — יהדות אין באַ־ערשונג פון יצר. — חלוצים פון רעליגיעזן סאָציאַליזם 211
ב. טעאָריע און פּראַקטיק. — העכערע שטרעבונגען. — פאַר און נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה 214

קאַפּיטל איין־און־דרייסיק

די תורה פאַרן מענטש

א. מעדיטאציע ביחידות. — ליבשאַפט צום צבור. — דריי אהבות. — די פילאָזאָפיע פון יהדות 221
ב. עם סגולה און אוניווערסאַלקייט. — ר' יהודה הלוי. — גייסטיקע ווערטן 225
ג. משפט און יושר העכער פון מלוכה. — „קול אלהים מתהלך". — אין דער מענטשלעכער נשמה. — הלל הזקן אלס מוסטער 228

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

דין ולפנים משורת הדין

א. צווייפלען אין מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק. — יהדות אין היסטאָרישן פּאַרנעם. — אויפבוי און איבערבוי. — גאולה פון גוף און פון רוח . 230
ב. דאָס טאָן מער ווי דער דין. — אַן אויפגאַבע וואָס איז געוואָרן פליכט. — סאָציאַלע אחריות. — באַדינגונגען און איינפלוסן 235

זייט

קאַפּיטל דריי־און־דרייסיק

דאָס געזעץ פון ווערט

א. פלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג. — פּרייז פון סחורות. און פון מענטשן. — פּריוואַט־אייגנטום 242

ב. די רעכט אויף פּריוואַט־אייגנטום. — קאַמפּס־מעטאָדן פאַר אַרבעטער־רעכט. — טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַנטי־מאַרקסיזם 249

קאַפּיטל פיר־און־דרייסיק

מזרחי אַלס באַוועגונג

א. דער אויפשטייג אויף פּאָליטישער אַרענע. — צעירי מזרחי אין פּוילן. — בראשית פון באַוועגונג 252

ב. לעצטער האַלבער יאָרהונדערט. — די נייע באַוועגונגען. — הפועל המזרחי און פועלי אגודת ישראל 257

קאַפּיטל פינף־און־דרייסיק

תורה ועבודה

א. אָנגעהויבן אין פּוילן. — אַריבער אין ארץ ישראל. — גרונטלייגער פון אַ תורהדיקן סאָציאַליזם 263

ב. גרינדונג פון „צעירי מזרחי". — ווי אַזוי דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן. — יצחק ריבקינד גרינדער פון לאָדזשער „צעירי מזרחי". — ערשטע אָרגאַניזאַציע. — אינטערעסאַנטע פאַקטן 267

קאַפּיטל זעקס־און־דרייסיק

חזון און מעשים

א. רעליגיעזער רענעסאַנס. — יונג אין גייסט; אַלט אין דערפאַרונג. — אַ קינד וואָס איז רייף געוואָרן. — פון ר' שמואל מאָהיליווער ביז ר' שמואל חיים לאַנדוי 277

ב. מזרחי פירער וואָס האָבן פאַרשטאַנען וויכטיקייט פון רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט — ר' יצחק ניסנבוים. — באַגייסטערט פון תו"ע אידעאָלאָגיע 282

קאַפּיטל זיבן־און־דרייסיק

הפועל המזרחי אין ארץ ישראל

א. תורה ועבודה באַוועגונג אין ארץ ישראל און אין תפוצות ישראל. — „ראש פינה" דער ווינקלשטיין. — וואוקס און השפעה 293

ב. צעירי מזרחי אין פּוילן. — הפועל המזרחי אין ארץ ישראל. — וועלט־באַוועגונג 299

קאַפּיטל אַכט־און־דרייסיק

פּערזענלעכקייטן

א. פון הרב ריינעס ביז הרב בערלין. — וויזיאָנער. — דער פּוסק. — מרן הראי"ה קוק זצ"ל 304

ב. שח"ל. — טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער. — קאַצקער דרך. — טריבון פון באַוועגונג 309

ג. אינעם רייסטער פון פירנדיקע חברים. — ראשונים אין דער באַוועגונג. — אין כנסת און אין דער ממשלה 316

קאַפּיטל ניין־און־דרייסיק

עולים פון פּערטער עליה

א. אַנטוויקלונג פון באַוועגונג. — אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן. — נאַטירלעכע לעבנס־קראַפט 327

קאפיטל פערציק | זייט

קאָלאָניזאַציע און התישבות

א. הפועל המזרחי אין שטאָט און אין דאָרף. — אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן. — נאַטירלעכע לעבנס־קראַפטן 334

ב. קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. — קיבוץ יבנה. — מוסטער און מוטער פון קיבוצים. — דאָס לעבן פון א קיבוצניק 338

קאפיטל איין־און־פערציק

פראָגראַם פון התישבות

א. ארבעט שעפערישקייט. — א מיטל צו א תורהדיק לעבן. — קאָנסטרוקטיווע אין בוי און אינטענסיווע אין בייטראַג 344

ב. ישיבות און התישבות. — „השומר הדתי" און „בני עקיבא". — יוגנט און חינוך. — פאַרטיי ליטעראַטור 349

ג. פאַרשיידענע סאָציאַלע לייסטונגען. — הילפס־צווייגן פון כל המינים. — קופת מלוה. — די ראָל פון דער פרוי 352

קאפיטל צוויי־און־פערציק

פראַקציעס אינעם הפועל המזרחי

א. דריי הויפּט פראַקציעס. — די 11־טע וועידה. — צוזאַמענאַרבעט אונטערן ברית עולמית 358

ב. רוף פאַר רעליגיעזער אייניקייט. — די 12־טע קאָנפערענץ. — יצחק רפאל אלס אייניקייט טריבון 360

ג. פינף שיטות אינערהאַלב דער באַוועגונג. — זיג פון מעסיקע. — „מיזוג". — א פאַקטאָר 363

קאפיטל דריי־און־פערציק

עפּאָפּייע פון רעליגיעזן חלוציזם

א. אויסערגעוויינלעכער העראָאיזם. — יבנה אין קאַמף קעגן שונא. — גוש עציון קדושה און גבורה 373

ב. בהתנדב עם. — איך נפלו גבורים. — וואונדער פון אונזער תקופה. — קידוש השם 375

ג. יידיש בלוט אויף פאַרהייליקטן באָדן. — קינדער פון השומר הצעיר מיט קינדער פון השומר הדתי. — פאַראייניקט אויף פּאָזיציעס. רשימה פון געפאַלענע 379

קאפיטל פיר־און־פערציק

פּועלי אגודת ישראל

א. אָן אָפּשפּראָץ און ארויסשפּראָץ פון פּוילישן יידנטום. — אָנהייב פון דער באַוועגונג. — דרייסטער שפּאַן 386

ב. די אגודיסטישע אַרבעטער באַוועגונג. — געבורטלאַנד. — כח און פאַרמעסט אין ישראל. — תשוקה צום הייליקן לאַנד 389

קאפיטל פינף־און־פערציק

פון אגודה צו זעלבסטשטענדיקער באַוועגונג

א. ווען פייערזאַל פון פּוילישן חסידות האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. — אויף די שליאַכן פון געשיכטע 398

ב. א קינד וואָס איז שנעל רייף געוואָרן. — א באַוועגונג פון רעליגיעזע אַרבעטער. — די ראשונים פון פועלי אגודיזם 403

קאפיטל זעקס־און־פערציק

טעאָרעטישע באַגרינדונג

א. חוש פאַר צדק און געפיל פאַר יושר. — סאָציאַלער פּאַטאָס און געזעל־שאַפטלעכער רעאַליזם 408

ב. קעגנערשאַפט צו ערשטער מאַי פייערונג. — וועגן פּריוואַט־אייגנטום. — טעאָרעטישע איינשטעלונגען 410

קאפיטל זיבן־און־פערציק

שיבת ציון און פּועלי אגודיזם

א. א קילער טאָן וואָס ווירקט. — אַלאַרם וואָס וועקט נישט. — השפּעה פון מתנגדי ציון. — ענדערונגען 413

ב. אויפבוי פון באַוועגונג אין ארץ ישראל. — א נייער לעבנס־שטייגער . 415

קאפיטל אַכט־און־פערציק

פּא״י התישבות

א. קיבוצים, מושבים און קאָלאָניעס. — מוסטערן פון רעליגיעזן קאָלעק־טיוויזם. — דערגרייכונגען 419

ב. גייסטיקע מנהיגים פון דער באַוועגונג. — לויב פאַר און פון דער באַוועגונג. — צען יאָר עקזיסטענץ 424

קאפיטל ניין־און־פערציק

א היסטאָרישער שריט

א. ווען פּועלי אגודת ישראל איז אריינגעטראָטן אין רעגירונג. — אָנער־קענט נישט „מועצת גדולי התורה״. — א היסטאָרישער באַשלוס . . 426

ב. בנימין מינץ. — בויער און וויזיאָנער. — פון פּוילישן מאַנטשעסטער ביז ירושלימער מלכות 429

קאפיטל פופציק

העובד הדתי

א. שטעלט טראָפּ אויף פּראָלעטאַרישקייט. — האַלט זיך אין „הסתדרות״. — גרינדונג פון באַוועגונג 436

ב. טעטיקייטן אויפן חנוך־געביט. — שמירת שבת און כשרות. — בלויז זעלבסטשטענדיקע, אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע קאָן שטאַרקן רעליגיעז לעבן. — איבערצייגונג פון הפּועל המזרחי 442

קאפיטל איין־און־פופציק

טעאָרעטישע קאָנצעפּיעס

א. אמונה און פאַרשטענדניש. — נעגירונג פון דאָגמעס. — ענלעכקייט צו גאָרדאָניסטן שיטה 447

ב. ניט קיין סאָציאַלע און ניט קיין רעליגיעזע רעוואָלוציע. — באַשיידענע פאָדערונגען. — ניט לייכטע דערגרייכונגען 457

ג. גרינדער פון דת ועבודה. — סיבות. — פאַרוואָס ניט דערפאָלגרייך אין פּוילן. — אויך אין ישראל ווייט פון דערפאָלג 461

זוכצעטל (נעמען־רעגיסטער) 467

באַמערקטע דרוק־פעלערן

צווייטער טייל

ייד און וועלט

קאפיטל ניינצן

ייד און מענטש

אין אָנהייב פון אונזער ארבעט, האָבן מיר בכיוון, זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָבלעם מ ע נ ט ש, ווייל דער עיקר איז דער מענטש. אין זיין הנהגה און באַנעמונג, איז אָפּהענגיק די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

א. יידישע עטיק און וועלט־לעבקייט. — פון געטאָ צו אן אייגן לעבן. — גוף און נשמה. — אַנטראָפּאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע.

אויף אן אנדער אָרט[1], האָבן מיר זיך אויף אַ גאָר ברייטער קאַנווע זיך פאַרנומען ארויסצו־ברענגען די מענטשלעכע געשטאַלט אין אונזער „שטורעם און דראַנג" תקופה, ווען מענטש האָט, ווי יוחנן כהן גדול אַמאָל[2], פאַרראַטן, ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און ווי אייביק ס'זענען די ווערטער פונם משורר: „מה אנוש כי תזכרנו"[3].

קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן צו קענען אַריינדרינגען און באַנעמען דעם מענטש: ניט די אַנטראָפּאָלאָגיע, ניט די פּסיכאָלאָגיע און ניט די סאָציאָלאָגיע. די נשמה פונם מענטש איז געבליבן אַ מיסטעריע.

די אַנטראָפּאָלאָגיע גיט זיך אָפּ מיט דעם מענטש אַלס געזעלשאַפטלעך וועזן, אָבער ווי ווייט זי זאָל ניט וועלן אויפדעקן אַלע געהיימניסן פון אָט דעם וועזן איז איר דאָך ניט געלונגען צו געפינען דעם שליסל צו דער מענטשלעכער פּסיכיק און מענטשלעכן אינסטינקט וואָס זאָל אים אינגאַנצן אָפּטיילן פון דער חיה.

די סאָציאַלע פילאָזאָפיע פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן האָט באַין ברירה געמוזט צוטרעטן צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם פון אַ ביאָלאָגיש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט.

ניט טיילאָר, דער אַנטראָפּאָלאָג, און ניט הענרי מאָרגאַן, דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג האָבן געקענט אויפדעקן פאַר אונז די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה און כאַראַקטער.

זיי האָבן אונז אויפגעקלערט אַ סך פון די געהיימניסן אין דער נאַטור פון אַלע לעבעדיקע ברואים און איבערהויפּט אין דער מענטשלעכער בריאה.

זיי דערקלערן אונז די געוואוינהייטן, ווי למשל, די מאָנאָגאַמישע הייראַטן וואָס זאָלן האָבן אַן ענגע שייכות צו די אַלגעמיינע סעקסועלע אינסטינקטן פון די מער אַנטוויקלטע חיות, וועלכע קומען אַלס רעזולטאַט פון אַ נערוון־מעכאַניזם.

די אַנטראָפּאָלאָגיע האָט נאָר אויפגעדעקט די פיזישע געזעצן אָבער ניט דעם מענטש אַלס סאָציאַלער פענאָמען. בכלל איז די „אָביעקטיוויטעט" אויפ'ן

אַנטראָפּאָלאָגישן פּעלד זייער אָפט דעלוסיוו. זי האָט אויפגעטאָן וואונדער אין פאַר־גלייכן בלוט, מעסטן קעפּ און נעז, און וועגן מוחות. זי האָט באַוויזן, אַז אַלע מענ־טשען זיינען גלייך, כאָטש פאַרשיידן אין כאַראַקטער, לויט די השפּעות פון עטנאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען, אָדער סאָציאַלע באַדינגונגען, וועלכע ווירקן צו שאַפן פאַרשיידענע מדרגות פון „העכערע" און „נידעריקע" מענטשן, און וואָס אַ טייל פון דער מענטשהייט איז שנעל געוואָרן ציוויליזירט בעת אַן אַנדערער איז געבליבן ביים ווילדן צושטאַנד.

נאָך קופּערניקוס'ען, למשל, האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט מאַכט דורך אַ פּראָגרעס, וואָס וועט ברענגען גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַ רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכע דערגרייכונגען — דער סוף איז אָבער געווען, אַז דער מענטש האָט זיך מאָראַליש, עטיש גאָרנישט ניט דערהויבן און אונזערע אייגענע טעג, האָבן באַוויזן ווי גרויליך דער מענטש קען זיין אפילו אין דער ציוויליזירטער וועלט. מיט איינמאָל האָט איין מענטש אָנגערויטלט אַ וועלט און אַריינגעפירט דער ציוויליזאַציע אין דזשאָנגל אַריין. דער הימל איז מיט איין מאָל שוואַרץ געוואָרן פון דעם רויך פון באָמבעס און די ערד איז רויט געוואָרן פון די מיליאָנען לעבנס אומגעבראַכט פון נאַצי־מערדער.

מיט איינמאָל זענען צוגעקומען מאַסן־קברים, פרישע לאַנגע קברים פעלדער.

אין אַמעריקע איז אַמאָל געווען אַ פּאָעטישער שטראָפּער און זעער, דער לאָנגאיילענדער וואָלט וויטמאַן (געבוירן 1819, געשטאָרבן 1892), האָט ער טיף אַריינגעדרונגען אינם לעבן. ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען אין אַמעריקע איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן שקלאַפן האַנדל. ער האָט געקעמפט צוזאַמען מיט פּרעזידענט לינקאָלן פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן און ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער בלוטיקער בירגער קריג צווישן די דרום און צפון שטאַטן און צענדליקער טויזנטער קרבנות זענען געפאַלן — דאַן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן צו דינען זיין ליב לאַנד.

אין יענער צייט האָט ער געזונגען:

„ניט קיין פּרעכטיקע פּאָעמע ברענגט איך דיר.
ניט קיין מייסטערהאַפטע הערליכע פערזן:
בלויז אַ קליין ביכל וואָס אַנטהאַלט
די פינסטערניש פון דער נאַכט
און די בלוט טריפנדע וואונדן
און די תפילות פון שטאַרבנדע".

ער האָט געזען ווי לינקאָלן איז געפאַלן נאָך זיין גרויסן זיג. ער האָט אים באַוויינט, ער האָט געזען ווי דאָס פאָלק רופט דעם קאַפּיטאַן, נוויטיקט זיך אין אים און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַמעריקעס געזאַנג מיט נייע טענער. ער האָט געזונגען פון גוף און נשמה; ער האָט געטרוימט פון אַ

גליקלעכער וועלט. ער האָט געזונגען פון טאָג, ווען די אַמעריקאַנער וועלן זיין פילאָזאָפן און אַרבעטער־דיכטער.

„איך בין דער דיכטער פון גוף און איך בין
דער דיכטער פון דער נשמה.
די פריידן פון הימל זענען מיט מיר, און די
ליידן פון גיהנום זענען מיט מיר . . . "

ער האָט געטרוימט נאָך וועלט־רעוואָלוציע — אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע ווען אַרבעטער און בויער וועלן רעגירן — איצט 70 יאָר נאָך זיין טויט, און אין וואָס פאַר אַ וועלט מיר לעבן! דאָס לאַנד פונם פּראָלעטאַריאַט האָט ביטער אַנטוישט. די רעגירונג פון אַרבעטער־קלאַס טוט זאַכן אין סתירה צו די אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע.

און לאָמיר באַטראַכטן, דאָס פּראָבלעם ייד און וועלט.

אויבנאויף דאַכט זיך, אַז עס ליגט אַ גוואַלטיקער תהום צווישן אָט די צוויי באַגריפן: יידישקייט, פאַרגאַנגענהייט, אידילישקייט, פאַנטאַזיע, א. א. וו. וועלטלעכקייט — רעאַליזם, קעגנוואַרט, קלאָרקייט . . .

ווי אַזוי פאַרבינדט מען די צוויי וועלטן, די אצילות'דיקע, גן־עדנ'דיקע, באַשיידנדיקע, מיט דער וועלט פון זודיקער שוים, פון שמעלצטאָפּ, פון אַסימילאַציע?

וועלטלעכקייט איז קעגן איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, קעגן ריטואַלע מנהגים, קעגן רעליגיעזער התלהבות, קעגן רעליגיעזע פליכטן . . . יידישקייט איז באַלאָדנט מיט אָט דעם סאָרט אידעאַליזם, מיט מסירת נפש פאַר ריטואַלע מנהגים, מיט קאַמפן פאַר הייליקע אָפּגעזונדערטקייט, פאַר איזאָלאַציע — „בחוקותיהם לא תלכו . . . "

פאַרשיידענע פאַרזוכן זענען געמאַכט געוואָרן צו באַזייטיקן די מחיצה צווישן יידישקייט און וועלטלעכקייט, אָבער אָן אַ דערפאָלג. עס איז נאָך אַלץ ניט אויסגעשטעלט געוואָרן אַ לעבנס־פּראָגראַם אין וועלכן עס זאָל זיך שאַפן אַ ק ל אָ ר בילד וועגן מהות פון יידנטום אין פאַראַלעל צום אייראָפּייאיזם.

וויכטיק איז די דאָזיקע סינטעטישע פאַרבינדונג פאַר דער יוגנט.

די רעליגיעזע באַוועגונגען וואָס ווילן האָבן אַ געזונטע קרעפטיקע יוגנט מוזן זיך לאָזן אויף נייע דרכים צוגעפּאַסט צום רוח הזמן והשכל. זיי מוזן קאָנצענטרירן אַלע זייערע כחות און אַרבעטן אינטענסיוו צו געווינען דעם היינטיקן רעאַליסטישן מענטש, וועלכער לאָזט זיך ניט באַהערשן פון גלאַט אַזוי דאָגמעס און איבערנאַטירלעכקייט.

די מערב־אייראָפּייאישע מענטשהייט, אַריינגערעכנט די יידישע, איז אַרויס פון די קינדער־שיכלעך. זי קוקט מיט אָפענע אויגן אויף רעליגיע, אויף דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, מיסטיק און מעטאַפיזיק.

מיר ווייסן דאָך ווי גרויסע פילאָזאָפן זוכן א צוריקקער צו רעליגיע. אנרי בערגסאָן, דער גרעסטער פילאָזאָף אין דער לעצטער תקופה, איז אין זיין בוך וועגן „מאָראַל און רעליגיע" ארויסגעקומען קעגן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם, וואָס איז ניט בכח צו פאַרענטפערן די פאַרשיידענע לעבנס־פראַגן וואָס פלאָגן כסדר דאָס האַרץ און געוויסן פון מענטש, און קענען ניט דערקלערט ווערן דורך די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן.

בערגסאָן איז מיט דער מיינונג, אז קיין שום וויסנשאַפט קען אונז ניט דערקלערן דעם שטענדיק דויערנדיקן קאָנטינואירלעכן לעבנס פּראָצעס. ער האַלט, אז באַגרייפן דאָס לעבן און זיינע סודות, קען מען בעסער דורך דער התגלות, וואָס קומט צו אונז אויפ'ן וועג פון אינטואיציע, דורך געפיל.

אינטואיציע איז פאַר בערגסאָן א מין אינסטינקט פון א העכערן באַוואוסטזיין וואָס קומט דורך קינסטלערישע וויזיעס. בערגסאָן גייט נאָך שפּינאָזאַ'ס פּאַנטעאיסטישער טעאָריע. דער חלוק צווישן אים און שפּינאָזאַ'ן, באַשטייט אין דעם, וואָס לויט שפּינאָזאַ'ן איז גאָט דאָ אין אַלץ און אַלץ איז גאָט. און לויט בערגסאָנ'ען איז גאָט דאָס לעבן, דאָס חיות, דאָס פליסנדיקע באַוועגלעכע . . .

בערגסאָן האַלט אויך, אז קאָנטראָלירן די אינסטינקטן ביים מענטש קען נאָר די רעליגיע. אָן איר, וואָלט דער מענטש צעפרעסן געוואָרן פון צווייפל און די מורא פאַר'ן טויט וואָלט אים גייסטיק דערדריקט. די רעליגיע גיט דעם מענטש מיטלען גובר צו זיין דעם צווייפל און די שרעק פאַר'ן טויט.

דאָס אומגליק פון אונזער צייט, האַלט בערגסאָן, באַשטייט אין דעם, וואָס די מענטשן זענען געוואָרן מאַטעריאַליסטן — בויגן זיך פאַר דער טעכניק, פאַר'ן קאַלטן חומר וועלכן זיי האָבן זיך געשאַפן אלס אָפּגאָט. די מענטשן, האַלט ער, באַדאַרפן זיך באַפרייען פון חומר, כדי מיט געמיינזאַמע כחות צו העלפן דערגרייכן די רעליגיעז מענטשלעכע צילן. בערגסאָן דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון פּ י ל ן גאָט, צו א מדרגה וואָס מאָראַליסטן דערגרייכן. געקומען איז דאָס צו אים נאָך שווערע איבערלעבענישן, בענקענישן און זוכענישן . . . ער איז אָבער אוועק ווייט אין זיין זוכעניש — אוועק פון יידנטום!

די יידישע אמונה איז א וועלטלעכע. די נביאים, זענען געווען וועלטלעך, האָבן זיך פאַרנומען מיט פּראָבלעמען פון וועלטלעכן כאַראַקטער. דער נביא עובדיה האָט זיין גאַנצע נבואה (אין איין קאַפּיטל) געווידמעט דעם פאָלק אדום. דער נביא עמוס האָט אָנגעהויבן זיין נבואה מיט „דמשק", „עזה", „צור", „אדום" און „בני־עמון". און אזוי איז מיט אַנדערע נביאים, וועלכע האָבן זייער וואָרט געווידמעט די אַנדערע פעלקער אויסער ישראל.

די חכמי התלמוד זענען געווען בקיאים אין די „חכמות חצוניות". כמעט אַלע פון זיי, זענען געווען באַהאַוונט אין די דעמאָלטדיקע וויסנשאַפטן, אין דער דעמאָלטדיקער יוריספּרודענץ, אין מעדיצין, אין זאָאָלאָגיע, באָטאַניק, אַגראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. (בהמות ועופות טהורים וטמאים, הלכות ערוגה, כלאי הכרם, יסוד העבור, טרפות, דיני ממונות, ערובין, הלכות נשים . . .) . זיי האָבן אַפילו געמאַכט וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן, און געוואָלט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן דערגיין געוויסע זאַכן.

אין דער ספרדישער עפּאָכע, האָבן זיך אַלע אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע למודים, פּונקט אַזוי גוט ווי מיט יידישע. די אַנדערע חכמות האָבן זיי געלערנט אין אַראַביש און פון אַראַבישע לערער, און דעריבער האָבן זיי געשריבן זייערע ביכער אין דער אַראַבישער שפּראַך. אַזוי דער רמב"ם זיין פילאָזאָפיש ווערק „מורה נבוכים", אַזוי דער מחבר פון „כוזרי", אַזוי דער רבנו בחיי, וועלכער איז זיך מתנצל אין דער הקדמה צו זיין „חובות הלבבות" פאַר זיין ווייניק קענען אַראַביש, און דאָך האָט ער געשריבן אין אַראַביש, ווייל אויך פון איר האָט ער געשעפּט זיינע ידיעות . . .

דאָס זעלביקע האָבן געטאָן גדולים פון דער איטאַליענישער רענעסאַנס-עפּאָכע, געשאַפן אויף דער שפּראַך פון וועלכער זיי האָבן געשעפּט זייערע ידיעות.

ערשט נאָך דעם גלות שפּאַניע, ווען אין פּוילן און אין דייטשלאַנד זענען געשאַפן געוואָרן די גרעסטע יידישע צענטרען האָט מען אויפגעהערט שטודירן וועלטלעכע למודים און זיך אָפּגעגעבן אַממערסטנס מיט פּלפּול, מיט תלמוד און פּוסקים.

אין שפּעטערע ציטן, ווען עס איז אויפגעקומען די השכלה עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד, מיט מענדעלסאָנ'ען און זיינע נאָכפאָלגער, האָט זיך אָנגעהויבן די קולטורעלע אַסימילאַציע. די משכילים מיט זייערע עקסטרעמע שטעלונגען צום יידישן לעבן, צו דער יידישער טראַדיציע, זענען אינגאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן צום יידנטום: זיי האָבן געשאַפן אין פרעמדע שפּראַכן, אויף פרעמדע טעמעס, וואָס האָבן קיין שייכות ניט צו יידן און יידישקייט.

ערשט אינעם לעצטן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן זוכן דעם סינטעז פון יידישקייט און וועלטלעכקייט; אויפצובויען אַ יידישקייט פון וועלטלעכקייט, און אַ וועלטלעכקייט וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט יידישקייט. אַ ייד זאָל זיין באַהאַוונט סיי אין זיין ספּעציפיש יידישער מיסיע און סיי אַלס מענטש, אַ רינג פון דער גרויסער מענטשהייט. צו שאַפן אַ טיפּ ייד, וואָס זאָל פאַרקערפּערן אין זיך דעם „איש יהודי" — ייד און מענטש.

ווי אַזוי בינדט מען צוזאַמען ייד מיט מענטש?

דער פונקט וואָס בינדט סינטעטיש צוזאַמען ייד מיט מענטש, זענען די פליכטן פון מאָראַל, קולטור, וויסנשאַפט א. א. וו. אַן אָרנטלעכער און אמת׳ער ייד — אין בעסטן זין פון וואָרט לויט׳ן באַגריף פון יידישקייט איז אויך אַן אָרנטלעכער גוטער מענטש. דער סאָציאַלער תוכן איז כמעט דער זעלביקער: ליבע צום צווייטן, זעלבסט־באַהערשונג, עטישע פליכטן, פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, „שלטון השכל" א. ד. גל.

די סינטעטישקייט דאַרף אויך זיין אויפ׳ן סאָציאַלן געביט. פון איין זייט: זיך רעכענען מיט די אומשטענדן, מיט די היינט־צייטיקע פאָרמען פונם לעבן, מיט די פסיכאָלאָגיש־ביאָלאָגישע טענדענצן; פון דער אַנדערער זייט: אָפּוואַרפן די שיטה, אַז סאָציאַליזם, מוז זיין אַטעאיסטיש — און ביידע ריכטונגען זאָלן זיך אונטערוואַרפן די אַקסיאָמע פון „צדק צדק תרדוף" . . .

עס זענען דאָ צוויי קאַרדינאַלע קעגנזאַצן צווישן רעליגיע און סאָציאַליזם: 1) די אויסטייטשונג פון דער געשיכטע און 2) דער גלויבן אין אַנדערע וועלטן וואָס וועלן קומען. אַנאַליזירט מען אָבער די אַנשויאונגען פון ביידע ריכטונגען ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען זאָגאָר גאָר ניט אַזוי דואַליש צווישן זיך ווי אונז דאַכט זיך.

דער מאַרקסיסטישער אויסטייטש פון דער געשיכטע איז אַ שטרענג און דורכאויסיקער מאַטעריאַליסטישער. אַלץ וואָס קומט פאָר, אַלע דערשיינונגען, אַלץ איז פאַרבונדן מיט׳ן קאַלטן חומר, מיט׳ן מאַטעריאַליזם. די רעליגיעזע קאָנצעפּציע איז, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם". זי וויל אפילו דאָס מאַטעריעלע איבערמינצן אין גייסטיקעס, אפילו דעם חומר וויל זי מאַכן נשמה׳דיק, רוחניות׳דיק . . . די רעליגיע קען ניט מסכים זיין אַז סאָציאַלע גערעכטיקייט זאָל זיין דער איינציקער ציל אין לעבן. זי שטרעבט צו נאָך העכערס, צו געטלעכעס, צו הייליקס . . .

דאָס קען אָבער נאָך אַלץ ניט צוריקהאַלטן פון סינטעטישער פאַרבינדונג צווישן דער מאַטעריאַלער און אידעאַלער דאָגמע, נאָך וועלכע דער מענטש דאַרף לעבן לויט די עטישע מאָראַלע פרינציפּן.

כל זמן די רעליגיע זוכט צו פאַרזאָרגן דעם אָרימען פּראָלעטאַריער מען זאָל אים ניט אונטערדריקן און עקספּלואַטירן, אַזוי לאַנג ווי די רעליגיע אַנערקענט דעם ווערט פונם אַרבעטער, דעם פּראָדוצירער, אַז דער אַרבעטער גיט אַוועק זיין נשמה ביים אויסאַרבעטן דעם פּראָדוקט, איז שוין דאָ די מעגלעכקייט צו מאַכן די ערד פאַר א הימלישן גן־עדן.

די רעליגיעזע טעאָרעטיקער האָבן אויך געוואוסט אַז ישעיה הנביא׳ס „אחרית הימים" וועט ניט קומען גלאַט אַזוי דורך אַן אַבסטראַקטן ווילן. דערגרייכן דאָס, קען מען נאָר דורך אַן אַקטיוון און פעסטן ווילן, וואָס זאָל זיין געקניפּט

און געבונדן מיט׳ן רעאלן לעבן, מיט׳ן טאג־טעגלעכן קאמף אויפ׳ן באָדן פון ק אָ נ ק ר ע ט ע ווירקלעכקייט.

די יידיש־רעליגיעזע אידייע פון ג א ו ל ה איז ניט קיין עולם הבאָ׳דיקע, איז ניט קיין ה י מ ל ד י ק ע , נאָר דוקאָ אַן ע ר ד י ש ע און וועלכער עס ווערט סינטעטיש פאַרבונדן דאָס רוחניות׳דיקע מיט דאָס גשמיות׳דיקע.

די יידישע רעליגיע, ניט געקוקט דערויף וואָס זי גיט זיך אָפּ מיט יעדן יחיד ספּעציעל, מיט פּערזענלעכן תיקון, צו מאַכן פון דעם „לב האבן" א „לב בשר", איז זי דאָך ניט קיין אינדיווידועל־עטישע. זי וויל די גאַנצע געזעלשאַפט זאָל ווערן אויסגעבעסערט — „כל ישראל ערבים זה לזה". יעדער ייד איז מחויב צו שטראָפן דעם צווייטן פאַר ניט דערפילן די פאַרשיידענע פליכטן צו דער געזעלשאַפט און צו דער געטלעכקייט.

די יידישע רעליגיע וויל ניט האָבן קיין קעגנגעזעצטע קלאַסן, זי וויל ניט האָבן קיין געזעלשאַפט אין וועלכער עס זאָלן זיך געפינען מולטי־מיליאָנערן פון איין זייט, און אויף דער צווייטער זייט געפּלאָגטע אונטערדריקטע אַרבעטער.

די יידישע רעליגיע וויל ניט קיין פרישות און אַסקעטישער הייליקייט. זי פאָדערט געזעלשאַפטלעכע דערהויבונג, קאָלעקטיווע קדושה — חברים כל ישראל. זי לאָזט ניט דעם מענטשן זיין געשלאָסן, ער זאָל זיך אויסלעבן ביחידות — זי וויל פון אים ער זאָל זיין צוגעבונדן מיט אַלע פילנדיקע הערצער, מיט אַלע שעפערישע כחות, כדי צו פאַרווירקלעכן די גרויסע אידעאַלן קאָלעקטיוו, בצבור.

די רעליגיע אנערקענט אויך אַז אידייען קענען אַנדערש ניט דערגרייכן זייער הויך, סיידן זיי ווערן איינגעפלאַנצט אין א קבוץ פון מענטשן, אין א כלל וואָס נעמט אויף זיך אָבליגאַטאָריש זיי דורכצופירן. נאָר דורך א כלל, דורך א פאַראייניטלעכן צבור קען א פּראָגראַם פון סאָציאַלע פאַרשטענדיקונג ווערן פאַרווירקלעכט.

ב. דער ייד אין די אויגן פונם ניט־ייד. — „יוסטיניאַן־קאָדעקס" אַנטיסעמיטיזם.—אַן אַריינבליק אין וועלטלעכע האָריזאָנטן.

דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן זיין גלות־געשיכטע מיט׳ן שאַנד־פלעק פון דעם אַזוי־גערופענעם „יוסטיניאַן־קאָדעקס" אין וועלכן די יידן זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס turpes, inferiors, Infame, דאָס הייסט, אַלס פּסולת פונם מענטשלעכן שטאַם, אַלס אַרויסגעשטויסענע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אין דער מאָדערנער רענעסאַנס־עפּאָכע, האָט מען געשאַפן א קאַריקאַטור פון א יידן, א שיילאָק. וויליאַם שעקספּיר (1564־1616), האָט אַנדערש דעם ייד ניט געוואָלט זען, נאָר אין דער פאָרם און אין דער געשטאַלט פון א שיילאָק. פירט מען א פּאָלעמיק צי עס איז בכלל גאָר דאָ אַזאַ אכזריות׳דיקער ייד אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, צי וואָלט

א רב אין וועגעציע גאר געוואלט הערן פון אזא ווילדן פארלאנג און קניה; אז „אסמכתא״ איז דאך בכלל ניט קונה לויט׳ן פסק פון רמב״ם[1] און שלחן ערוך[2] און נאר א וועגעציער וועלטלעכער געריכט האט געקענט, אויב דאס האט אמאל פאסירט, באטראכטן אזא אבסורדן קאנטראקט.

לויט׳ן יידישן דין, איז שיילאק׳ס תנאי מיט אנטאניוס׳ן געוועזן בטל באלד פון אנהייב אן, שוין צוליב דעם אליין, ווייל ער איז געווען „א מתנה על מה שכתוב בתורה״ וואס איז לכתחילה בטל[3]. ס׳איז א גרויסער איסור, חובל צו זיין א מענטשן, צו באגיין זיך מיט סאדיזם קעגן מיט־מענטש[4]. מ׳טאר בכלל קיין מענטשן ניט שלאגן, איז דאך במילא, לויטן יידישן געזעץ, ניט מעגלעך געווען אזא פאסירונג ווי שיילאק־אנטאניוס. ווען מען ברענגט פאר א רב אזא משפט, וואלט ער זיך ניט געוואונדערט מיט בקשה צו שיילאק׳ן, ווי דער קריסטלעכער שופט, נאר וואלט צו אים גערעדט מיט שטרענגקייט, שארף און באפעלעריש: פאר דריי טויזנט דוקאטן קאן מען קיין מענטש ניט פייניקן. דער ענין שיילאק האט א טיפן פסיכאלאגישן באדייט, צו באווייזן ווי לעכערלעך דאס געריכט האט זיך געפירט און צו וואס פאר א באדינגונגען זי האט געשטעלט דעם ייד אין געטא. די אכזריות פון דער ניט־יידישער וועלט האט דעם ייד ארא**פ**געפירט פון דעת קונו, פונם יידישן גאלדענעם גלייך־וועג — אבער אנשטאט ארויסרופן פארדרוס אויף דער ניט־יידישער וועלט, האבן זיך אלע גאר גענומען צום ייד, ניט קיין חילוק צי דאס איז א זאמבארט, צי א רענאן, צי גאר א טוינבי אין אונזער צייט.

די וועלט, אזוי צו זאגן, די בעסערע מענטשהייט, איז שטארק אויפגעבראכט אויף׳ן נאצי־אנטיסעמיטיזם, מען קאן גאר ניט פארשטיין די דעות כוזבות, די פאלשע נידערטרעכטיקע טעאריעס קעגן יידן, ווי אזוי זיי האבן געווינען מאסן אנהענגער אין אלע לענדער. מען זוכט פארגלייכונגען צו אים; מען זוכט צו דערקלערן און אויפדעקן די סימפטאמען פון אט דער חולאת. מען זוכט אויס־צוגעפינען פון אט דעם סארט יידן־פיינטלעכקייט וואס איז געבוירן געווארן אין דעגענערירטע מוחות, וועלכע האבן אים איינגעהילט אין א פארטיקער אידייע.

מען זוכט זיין גלייכן אין מיטלאלטער, אין אלטערטום, און מען פארגעסט דערביי אז דעם הינטערגרונט צו אט די נידעריקע חיה׳שע אינסטינקטן געפינט מען דוקא אין דער נייער צייט, אין דעם אכצנטן און ניינצנטן יארהונדערט, וואס איז אזוי רייך מיט פראגרעסיווע דערגרייכונגען.

אין דעם ניינצנטן יארהונדערט געפינען מיר דיווארצלען צו אט דעם זאאלאגישן אנטיסעמיטיזם וואס האט זיך פארמאסטן אפצומעקן פון דער וועלט, ניט נאר דאס יידנטום, נאר אלץ וואס האט צו טאן מיט יידן. די טעאוטאנישע בארבארן שטעלן זיך ניט אפ פאר קיין זאך, אפילו פון אפמעקן גאט׳ס נאמען, פון פארניכטן די יידישע תורה. אין אונזער תקופה, ווען שקרים זענען פארוואנדלט

געוואָרן אין אידייען, האָט מען אויך פון אָט דער געמיינסטער מענטשלעכער לײדנשאַפט געמאַכט אַ גלויבן.

אַ צאָל אַנטיסעמיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן תלמוד, אַז ער איז פײנטלעך צו קריסטן, אַז ער איז ניט גענוג מאָראַליש הויך אָלס געזעצגעבונג.

מיט אַזאַ חוצפה׳דיקער באַהויפּטונג זענען אַרויסגעקומען די דײטשע איבערזעצער פון תלמוד יוסטוס, דר. עקער און ראָהלינג. (זײ זענען צוליב די פאַלשע בלבולים פאַרמשפּט געוואָרן אין תפיסה). קעגן זײ, זענען אַרויסגעטראָטן די באַרימטע פּראָפעסאָרן און יידן קענער דר. טהאָדאָר געלדעקע, דר. שטראַק, דר. רעליטש, דר. קאָפּ און דער באַרימטער קאַטױלישער טעאָלאָג ביקעל. זײ האָבן באַוויזן די פאַלשקייט פון די אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען וואָס שטעלן מיט זיך פאָר עם הארצות, פאַרבלענדטן האַס און בייזוויליקייט.

ס׳זענען געווען אַנטיסעמיטן וואָס האָבן אין 19־טן יאָרהונדערט אַלאַרמירט וועגן די „פּראָטאָקאָלן פון זקני ציון”, וועלכע זאָלן כלומרשט אַנטהאַלטן די ערגסטע סאָרטן מעשׂי תעתועים, וואָס יידן באַגייען קעגן קריסטן. גענוג מי און ענערגיע איז אויסגענוצט געוואָרן כדי צו איבערצייגן די קריסטלעכע וועלט, אַז דאָס פאָלק, ביי וועלכן עס איז טיף איינגעקריצט דאָס געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך”, קען ניט שאַפן אַזעלכע האַס און פאַראַכטונג־טעאָריעס ווי מען וויל אים צושרייבן.

די אַנטיסעמיטן האָבן אויך דורך מיאוסע שקרים, געוואָלט באַווייזן ווי צעשטערנדיק דער ייד ווירקט. פון איין זייט, האָבן זיי געזוכט צו באַווייזן אַז דאָס גאַנצע גרויס קאַפּיטאַל און גרויס אינדוסטריע געפינט זיך אין יידישע הענט, און אַז מיט דער הילף פון גרויס קאַפּיטאַל ווילן די יידן באַהערשן די גאַנצע וועלט.

פון דער אַנדערער זייט באַשולדיקן זיי די יידן אין סאָציאַליזם, רעוואָלו־ציאָניזם, קאָמוניזם און באָלשעוויזם, וואָס איז לויט זייער מיינונג אַ יידישע המצאָה.

איינער פון די דאָזיקע , פּראָפעסאָר ווערנער זאָמבאַרט, האָט וועגן יידישן גרויס־קאַפּיטאַל און וואוכעריי, אויפגעבויט אַ גאַנצע טעאָריע.

דער דאָזיקער סאָציאָלאָג האָט אָנגעשריבן אַ צאָל גאַנץ ערנסטע ווערק אויפ׳ן געביט פון סאָציאָלאָגיע. ער האָט באַרייכערט די עקאָנאָמיש־סאָציאָלאָגישע ליטעראַטור מיט אַ גאַנץ חשוב׳ן צושטייער. ווען עס קומט צו יידן ווערט ער פאַרבלענדט. ער זעט דעם יידן (אין זיין ריזן ווערק „ליבע, לוקסוס און קאַפּיטאַליזם”) שוין גאָר ניט אין ריכטיקן געשטאַלט. אַ גאַנצע טעאָריע האָט ער אויפגעבויט וועגן די יידישע גאַלעוועס און איסט בראָדוויי.

און אַט צו וועלכע מסקנות זאַמבארט איז געקומען:

יידן זענען פון כאראקטער אַ הענדלער פאָלק. די נאַטור, די בייזע אומרחמנות׳דיקע נאַטור, האָט זיי גלייך לכתחילה געשאַפן אַלס הענדלער, אַלס מעקלער, אַלס לופט־סוחרים! און ניט בלויז די נאַטור, נאָר די געשיכטע האָט זיי פארטריבן פון פאַבריק, פון ווארשטאַט, פון אַלע פראָדוקטיווע ארבעט־פּלעצער און האָט זיי באַזעצט אין הענדלער־מערק.

זאַמבארט פילט ניט די טראַגעדיע פון קלאַסישן פאָלק וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען אויף זיין אייגענעם באָדן און איז שפּעטער פארוואנדלט געוואָרן אין אַ פאָלק פון מנחם מענדעלס. ער הערט ניט דאָס געשריי וואָס גייט אויף פון דער יידישער נאַלעווקעס, (דאָס געוועזענע . . .) וואָס זאַמבארט׳ס פאָלק האָט חרוב געמאַכט. דאָס געשריי אין וועלכן עס דריקט זיך אויס די בענקשאַפט, די שטרעבונג נאָך אַ נאָרמאַל נאַטירלעך פאָלקס לעבן.

בלינד דאַרף מען זיין צו זאָגן, אַז יידן זיינען דורך דער געשיכטע באַשטימט געוואָרן אַלס הענדלער. בלינד דאַרף מען זיין ניט צו זען, ווי די גאַנצע געשיכטע פון יידן, ביז זייער נעמען דעם וואנדערשטעקן אין האַנט, האָבן יידן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קלאַסיש מוסטער־פאָלק, וואָס לעבט זיך אויס ביי מלאכה, ביי פּראָדוק־טיוו־נוצלעכער און ערלעך־שעפערישער מלאכה. אַ פאָלק וועמענס פירער און פאָלקס־מענטשן האָבן געלעבט ביים ווארשטאַט, ביי דער לאַנדווירטשאַפט.

בלינד דאַרף מען זיין און ניט זען, ווי ערלעכע פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג איז אָרגאַניש איינגעוואַקסן אין דער יידישער עטיק אַלס איינס פון אירע אַטרי־בוטן. פארמאַכטע אויגן דאַרף מען האָבן ניט צו זען, ווי מלאכה איז געווען די באַליבטע באַשעפטיקונג ביי אונזערע אבות, נביאים, תנאים, און אמוראים.

די סטרוקטור פון אַ לופט עקאָנאָמיע איז ניט קיין יידישע שאַפונג. זי איז אַ פּראָדוקט פון דער גלות׳דיקייט, אַ רעזולטאַט פון די רדיפות און גירושים וואָס אונזערע פארפאָלגער האָבן אונז געמאַכט. גירושים פון מדינות און גירושים פון פרנסה צווייגן.

אינטערעסאַנט איז, וואָס אפילו אַ שארלס פוריע, איינער פון די אבות פון „אוטאָפּישן סאָציאַליזם" איז אויך געווען אַ פאַרגייער פון סאָציאַליסטישן אנטי־סעמיטיזם. ער שרייבט וועגן יידן אַט וואָס:

„עס איז אַ גליק אין אַזאַ קאָניוקטורע, וואָס די יידן זיינען ניט צאָלרייך אין פראנקרייך, מחמת זייענדיק אַ פאָלק פון פּראַצענטניקעס וואָלטן זיי שוין צו דער צייט פארנומען דעם גרעסטן טייל פון ערד־באַזיץ און וואָלטן דערבארעמט די פּאָלי־טישע וויכטיקייט, וואָס איז די טבע פון זייער סעקטע. פון פראנקרייך וואָלט געוואָרן בלויז אַ סינאַגאָגע. ווייל, אויב די יידן וואָלטן פארמאָגט אפילו ניט מער ווי אַ פערטל פון דעם לאַנד אייגנטום, וואָלטן זיי אויסגעאיבט אַן אומגעהויער גרויסן איינפלוס אַ דאַנק זייער געהיימען און אומאויפלייזבארן בונד. די דאָזיקע געפאר

איז איינע פון א טויזנט סימפּטאָמען, וועלכע זאָגן עדות וועגן אונזער סאָציאַלער דעגענעראַציע".

ער רעדט וועגן א ייד איסקאַריאָט, וועלכער קומט קיין פראַנקרייך מיט פיל באַנקראָטירטע געלט. ער באַזעצט זיך און עטאַבלירט א געשעפט אין קאָנקורענץ מיט די זייער רעספּעקטאַבעלע פירמעס פון וועלכע ער מאַכט א תל. ער זאַמעלט אָן א סך געלט וואָס ער קריגט אויף קרעדיט און דערנאָך מאַכט ער א ויברח אין אַן אַנדער לאַנד און טוט דאָרט אויך דאָס זעלבע:

„די סטראַטעגיע פירט איסקאַריאָט אָן פאַר א משך פון צוויי יאָר, צום סוף פון וועלכע ער האָט גאָרניט פאַרדינט, כאָטש ער האָט געטאָן א סך געשעפט. זיין פּלאַן ווערט געהאַלטן בסוד, ווייל די יידן באַשעפטיקן קיינעם ניט אויסער יידן — דאָס איז א פאָלק, וואָס אין הארצן האָבן זיי פיינט אַלעמען און זיי וועלן קיינמאָל ניט אַרויסגעבן, אַפילו די גרעסטע שווינדלערייען, וואָס זיי טוען אָפּ.

„ווען אַלץ איז פאַרטיק, נוצט איסקאַריאָט אויס זיין קרעדיט אויף וויפל ער קען נאָך און ער שיקט אַרויס באַשטעלונגען צו די הויפּט שטעט פאַר א סומע פון פינף־זעקס הונדערט טויזנט פראַנק, ער קריגט עס אויף אויסצאָלונגען אויף א באַשטימטער צייט. נאָכדעם עקספּאָרטירט ער זיין סחורה קיין אויסלאַנד און פאַרקויפט דאָס איבעריקע פאַר א ביליקן פּרייז. צום סוף, ווען ער האָט אַלץ פאַר־וואַנדלט אין מזומן, נעמט דער אָרנטלעכער איסקאַריאָט און מאַכט א „ויברח" מיט די קלינגערס . . . די געפאַר אין האָבן צו טאָן מיט יידן נע־ונד'ניקעס איז דאָס, וואָס קיין זאַך איז זיי ניט טייער און דאָס ווערט ערשט צום סוף אַנערקענט"[6].

און ניט נאָר ער האָט געהאַט אַזא מיינונג וועגן יידן. אַפילו מאַרקס — אַליין א ייד — און דאָך האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַז די עצם „יידישקייט" באַשטייט אין האַנדל און פּראָפיטן.

באַקונין, דער גרויסער קעמפער פאַר פרייהייט פאַר אַלעמען, פאַר'ן פּראָלע־טאַריאַט און פאַר די אונטערדריקטע האָט אויך קיין סך גוטס ניט געזען אין יידן, ווי מיר וועלן עס ווייטער אָנווייזן.

זיי האָבן פאַרגעסן, אָדער געמאַכט זיך פאַרגעסן, אַז יידן זיינען ניט תמיד פאַרטאָן אין האַנדל; אַז יידן זיינען פאַרטאָן און פאַרנעמען אין אַלע צייטן א בכבודיק אָרט אין אַלע וויסנשאַפטן, אין קונסט און מוזיק — און אַז יידן האָבן זיך אין מאַסן באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר פרייהייט אין אַלע לענדער און אויף אַלע קאָנטינענטן.

געוונג צו דערמאָנען די פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, איבערהויפּט די אויפ־שטאַנדן אינעם „פעלקער פרילינג" אין פראַנקרייך. אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1848, האָט די יידישע געזעלשאַפט פּאָליטיש פאַרנומען פאַרשיידענע פּאָזיציעס: די יידישע פינאַנסירן מיט ראָטשילדן בראש, האָבן געשטיצט די מאָנאַרכיע קעגן דער רעוואָלוציע; די מיטל־בורזשואַזיע האָט געשטיצט דעם רעכטן פליגל פון דער

רעפּובליק; אדאָלף קרעמיע (1880-1796) האָט אָנגעפירט מיטן רעפּובליקאנישן צענטרום און דער עקסטרעם לינקער פליגל האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ריי פון דער רעוואָלוציע און מיט געווער אין האנט געקעמפט פאר דער פרייהייט פון די פראנצויזישע מאסן.

אין די דאָזיקע רייען געפינען מיר דעם בארימטן ארמאן לעווי, נאָענטער ידיד פון פּויליש־נאציאָנאלן דיכטער אדאם מיצקעוויטש.

די זעלביקע סיטואציע געפינען מיר בעת דער פאריזער קאָמונע. מיר געפינען אויך יידישע באטייליקונג אין דער באפרייאונג פון די נעגער־שקלאפן אין אמעריקע — אָבער וועגן דעם אין אן אַנדער קאפּיטל.

ג. דייטשע ביבל־קריטיקער. — בלבולים אויפן ספר הספרים און בלבולים אויפן עם הספר. — שנאה צו יידן אין אַלע צייטן.

אויף אַן אנדער אָרט[1], שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דער אייביקער מגפה וואָס הייסט אנטיסעמיטיזם און וועגן דער יידישער באציאונג צום מענטש[2]; וועגן דעם יידישן באגריף פון „אדם המעלה”, וועגן דעם ניטשעאנער „אויבערמענטש”, וועגן די ראסן־טעאָריעס. מיר וואָלטן אָבער דאָ ניט דערגענצט אונזער ארבעט, ווען מיר בארירן ניט נאָכאמאָל אָט דאָס פּראָבלעם, זאָל זיין אויף דעם בקיצורדיקסטן אופן.

ווען די אנטיסעמיטישע כוואליעס האָבן זיך אָנגעהויבן פארשפּרייטן, האָט מען אָנגעהויבן אַריינטראכטן אין זיינע גרונטלאגן און קוועלן, זיין אָפּשטאם און אנטוויקלונג. עס איז דאָך קיין ספק נישט, אז ווען נישט די כלומרשטע וויסנשאפטלעכע ווערק „די גרונטלאגן פון דעם נייעצנטן יאָרהונדערט” און „מענטש און גאָט” פון האוסטאָן סטיוארט טשעמבערליין, וועלכער האָט זיך פארליבט אין דייטשלאנד, ווען נישט זאמבארטס ווערק „דער יודע אונד מאָדערנער קאפּיטאליזמוס”, וואָלט נישט מעגלעך געווען דער ברוטאלער נאצישער חיה'שער אנטיסעמיטיזם.

די נאצי־טעאָרעטיקער זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון די זאָמבארטס, טשעמבערליינס, טרייטשקעס א.א., וועלכע האָבן זיי געלערנט און געוויזן ווי אזוי צו פעלשן די וויסנשאפט. דער מאָדערנער ראסן אנטיסעמיטיזם, דארף מען אויך וויסן, איז אן אָפּשטאם פון דעם אלטן רעליגיעזן אוןווירטשאפטלעכן אנטיסעמיטיזם, וואָס איז אזוי אלט, פּונקט ווי דאָס יידישע פאָלק.

די שנאה צום יידישן פאָלק איז מגולגל געוואָרן פון די עגיפּטער צו די גריכן, פון די גריכן צו די רוימער, פון די רוימער צו די היינטיקע איראָפּעער, ביז עס האָט זיך אנטוויקלט דער אנטיסעמיטיזם פון אונזער צייט.

עס איז אוממעגלעך צוזאמענצונעמען אלץ, וואָס די רוימער אָדער די גריכן האָבן געזאָגט וועגן די יידן, וועגן דער יידישער תורה און אמונה. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען, אז א גריכישער שרייבער מיטן נאָמען אפּעניאָל שרייבט וועגן

יידן, אז זיי גלויבן נימ אין איין גאָט (מאָנאָטעאיזם), נאָר זיי דינען צו די וואָלקנס און צו די פּלאַנעטן. אנדערע גריכישע געלערנטע צעלזוס און פּעטראָניוס, וועלכע קריטיקירן אים, גיבן אויך צו, אז יידן דינען צום הימל, אָבער נישט צו דער זון, לבנה און שטערן. אן אנדער שרייבער וויל באַווייזן, אז יידן האָבן געדינט צו אן אייזל, צו א חמור. אזוי שרייבט אין זיין „היסטאָריע" דער באַוואוסטער טאַציטוס, אז די אייזלען האָבן עס משהן געוויזן דעם שטיין פון וואסער אין דער מדבר און אז דעריבער האָבן יידן פארגעטערט דאָס אייזל. אין זיין שיטה גייען נאָך די באַוואוסטע רוימישע היסטאָריקער פּלאָטאַרק, דיאָדאָר, אַפּיאָן און פלאָרוס. דער לעצטער שרייבט אפילו, אז ווען פּאָמפּעאוס, דער רוימישער גענעראַל האָט פארכאפּט דעם בית המקדש, האָט ער געפונען דאָרט א קאָפּ פון א חמור, צו וועלכן די יידן פלעגן דינען. זיי האָבן אויך געזאָגט, אז צוליב דעם, עסן נישט די יידן קיין חזיר, ווייל זיי האַלטן דעם חזיר פאַר הייליק. פונוואנען עס האָבן זיך גענומען די אַלע פאַלשע באַשולדיקונגען און בלבולים אויף יידן, איז אוממעגלעך צו דערגיין.

די ערשטע באַשולדיקונג קעגן יידן, אז זיי זיינען אן אָפּשטאַם פון א נידעריקער ראַסע איז געמאכט געוואָרן פון אן עגיפּטישן גלח מיטן נאָמען מענאטהאָן, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פונעם צווייטן פּטאָלאמעאוס (תלמי), פילאַדעלפוס (283-246 פאַר דער קריסטלעכער צייט רעכנונג) אין אלעקסאנדריע, וואו עס איז געווען א גרויסער ישוב. אין זיינע היסטאָרישע ווערק איבער מצרים, רעדט ער מיט שנאה און גאַל וועגן יידן און טראַכט אויס אויף זיי פאַרשיידענע בלבולים.

ווי געזאָגט ווילן מיר זיך דאָ נים אריינלאָזן אין א ברייטערער שטודיע וועגן אנטיסעמיטיזם, וואָס מיר האָבן שוין געטאָן ביי אן אנדער געלעגנהייט.

מיר ווילן בלויז אָנווייזן אויף עטלעכע שטריכן פונעם אנטיסעמיטיזם, און וואָס עס רירט אָן דעם איצטיקן קעגנשטאנד.

די ערשטע באגעגענישן צווישן יידן און גריכן האָט ביי די לעצטע לגמרי נישט דערוועקט קיין שום געפיל פון אנטיפּאַטיע. דאָס ערשטע מאָל, ווען די גריכן האָבן זיך געטראָפן מיט די יידן איז געווען אין די צייטן פון אלעקסאנדער דעם גרויסן (אלעקסאנדער מוקדון). אין זיין דעראָבערונגס־מאַרש פון דער פּערסישער אימפּעריע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין ארץ ישראל, וואו עס איז אים אנטקעגנ־געקומען שמעון הצדיק, דער כהן גדול מיט אן עדה יידן פון ירושלים, וועלכע האָבן געמאכט א גוטן איינדרוק אויף דעם מאַצעדאָניער העלד, וועלכער איז אראָפּ פון זיין אייזל זיך בוקן פאַרן כהן גדול.[3]

די ערשטע גריכישע שרייבער, וועלכע דערמאָנען די יידן, האָבן געזען אין זיי א ראַסע פון פילאָזאָפן און געלערנטע, א פאָלק וואָס איז איבערגעגעבן צו פילאָזאָפיע!

דורך א צופאַל דערציילט אונז קליאַרכוס, אז זיין רבי אריסטאָטעלעס, זייענדיק אין קליין אזיע (אין די יאָרן 348-345), האָט ער באַגעגנט א ייד פון

ווענען ער איז אזוי באגייסטערט געוואָרן פאר זיין חכמה, אז ער האָט נישט קיין לויב ווערטער פאר אים. אריסטאָטעלעס האָט אזוי ווייניק וואָס געוואוסט פון יידן, אז ער מיינט, אז די יידן זיינען אן אָפּשטאם פון די אינדישע פילאָזאָפן. מען זאָגט אויך, שרייבט קליארכוס, אז די פילאָזאָפן ווערן ביי די אינדיער גערופן קאלאנום און ביי די סיריער „יאהודים", ווייל זייער לאנד רופט זיך יהודה. דער דאָזיקער ייד, דערציילט ער ווייטער, האָט גוט געקענט די גריכישע פילאָזאָפיע. זיי האָבן מיט אים פארבראכט אין פילאָזאָפישע געשפּרעכן און זיי האָבן פון אים מער געלערנט ווי ער פון זיי.

פלאוויוס ברענגט אויך באוויזן, אז פּיטאַגאָרעס, דער ערשטער גריכישער פילאָזאָף, האָט געוואוסט פון אונזערע דאָקטרינען און אין א גרויסער מאָס זיי נאָכגעפאָלגט, זיי אריינגענומען אין זיינע פילאָזאָפישע ארבעטן.

דעם זעלבן באגריף וועגן יידן האָט געהאַט מעגאַסטענאַס, וועלכער האָט צוליב דיפּלאָמאטישע ענינים באזוכט אינדיע און אָנגעשריבן איינדרוקן פון אינדיע. צווישן אנדערעס, באמערקט ער, אז אלץ וואָס אונזערע ערשטע חכמים האָבן אונז געלערנט וועגן דער נאטור געפינט זיך ביי די פילאָזאָפן, וואָס א טייל פון זיי, די בראכמאנים, וואוינען אין אינדיע און א טייל אין יהודה.

דער איינציקער גריכישער שרייבער פון יענער צייט, וועלכער האָט יאָ געהאַט א מער ווייניקערן באגריף וועגן יידן, און וועמענס רייד זיינען נאָענט צו דער ווירקלעכקייט איז העקטאַיוס פון דער שטאָט אבדערא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון תלמי לאגי.

ער דערציילט וועגן עגיפּטן, אז די יידן זיינען פון דאָרט פארטריבן געוואָרן אין דער צייט פון א מגפה (אן אָפּקלאנג פון די „עשר מכות") און זיינען געגאנגען קיין כנען אונטער דער פירערשאפט פון משה, וועלכער האָט זיי צעטיילט אויף צוועלף שבטים, לויט דער צאָל פון די חדשים. זיי האָבן זיך אויפגעבויט די שטאָט ירושלים און א בית המקדש. זיי האָבן ספּעציפישע געזעצן און טראדיציעס, צוליב וועלכע זיי ליידן פון פארפאָלגונגען און פּיין. זיי טאָרן זיך ניט בוקן צו קיינע בילדער. לויט זייער גלויבן האָט ניט גאָט קיין דמות אדם. די מאכט פון פאָלק באשטייט אין דעם, וואָס זיי גיבן זייערע קינדער א גוטע דערציאונג. דער כהן־גדול שאפט איבער דעם פאָלק. די לעצטע צייט, באמערקט ער, איז פאָרגעקומען אן ענדערונג, זיי ווערן באאיינפלוסט פון העלעניזם.

קעגן העקטאַיוס'ן, וועלכער האָט אלץ דערציילט לפי תומו, איז ארויסגעקומען דער העלעניזירטער עגיפּטישער גלח פון אלעקסאנדריע מענאַטהאָן (געבוירן אין עגיפּטער, האָט זיך דערצויגן אויף גריכיש), מיט א ווערק פון דריי טיילן „א עגיפּטיקאַ". די געשיכטע פון עגיפּטן איז, ווי דער מחבר פארזיכערט, געשטיצט אויף העראָגליפישע רעקאָרדן. ווי מיר וועלן אָבער ווייטער זען, דערציילט ער בלויז פאלשע און לעגענדארישע בבא מעשיות, פארנעבלטע דערציילונגען. שטיצנדיק

זיך אויף אזעלכע מקורות, ווייל מענאטהאָן זיך פארמעסטן אָפּצואווענדן די מיינונ־גען וועגן מצרים פון דעם גרעסטן גריכישן היסטאָריקער העראָדאָטוס, וועלכער האָט זיך זיכער געשטיצט אויף אמת'ע פאקטן, רעקאָרדן און העראָגליפן פון אַלט מצרים.

און נאָך אינטערעסאנטער איז, וואָס גראָד דעמאָלט, אין צייט פון צווייטן תלמי, האָבן יידן געהאט זיך איינגעבירגערט אין מצרים. די תורה איז איבערגע־זעצט געוואָרן אין גריכיש, ניט נאָר פאר די גריכן נאָר אויך פאר א גרויסן טייל יידן, וועלכע זיינען דעמאָלט שוין געווען שפּראכלעך און קולטורעל אסימילירט און האָבן זיך געדארפט באנוצן מיט דער גריכישער איבערזעצונג פון דער ביבל. גראָד דעמאָלט האָט מענאטהאָן אָנגעשריבן זיין אנטיסעמיטיש ווערק, וועלכעס די שפּעטערע יידן־שונאים, האָבן נאָכגעשריבן.

פלאוויוס פארנעמט זיך מיט אָפּוואַרפן אלע זיינע באשולדיקונגען, אָבער דאָס געהערט שוין צו א באזונדער ארבעט. וואָס מיר זיינען אויסן איז צו ברענגען פאקטן, ווי אזוי ליבעראַלע היסטאָריקער, קינסטלער און וויסנשאפטלער האָבן געגרייזט און ניט פארשטאנען דעם ייד, אוודאי ניט דעם מהות פון יהדות.

ווי **מיר** האָבן פריער אָנגעוויזן, האָבן געגנוג גדולים ביי די אומות העולם געזען די יידן ווי בלוטדורשטיקע שיילאָקס, וואָס האָבן שיינע טעכטער און א סך געלט. אזוי האָט זיי געזען שעקספּיר! אנדערע האָבן זיי געזען, ווי גרינדער פון שול פאר גנבים (טשארלס דיקענס) אָדער איינפּאַקער פון געלט, וואָס די מארסיאנער האָבן פארלוירן (ה. ג. וועלס) און נאָך אזעלכע אויסטראכטענישן, ווי די רוסישע ליטעראטור־שאפער גאָגאָל, טשעכאָוו און דאָסטאָיעווסקי האָבן אויסגעטראכט — און שוין אָפּגערעדט פון דעם וויסנשאפטלעכן אנטיסעמיטיזם.

ד. ערנסט רענאַן. — נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. — אָביעקטיוו וועגן קריסטנטום אָבער סוביעקטיוו וועגן יידן. — א וויסנשאַפטלער גורם געווען צום וויסנשאַפטלע־כען אַנטיסעמיטיזם.

דאָ ווילן מיר באהאנדלען די ווערק און די אנשויאונגען פון איינעם פון די ליבעראלע פּאַר־שער און היסטאָריקער אין פראנקרייך, פון נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה, יוסף ערנסט רענאַן (טרעגיר - 1823; פּאריז - 1892), דער בארימטער ביבל־פאָרשער און היסטאָריקער[1], וועלכער ווערט אין א געוויסן זין געהאלטן פאראנטוואָרטלעך פאר דעם וויסנשאפטלעך־קולטורעלן אנטיסעמי־טיזם, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך געהאלטן פאר א גרויסן יידן־פריינט, זיך געפרייט מיט דער ביבל, געפּאָרשט סעמיטישע שפּראכן, ליב געהאט העברייאיש און דאָך א סך שולדיק געווען אינם קולטורעלן אַנטיסעמיטיזם, אזוי צו זאָגן.

אין יאָר 1856 האָט ער געהייראט א פּרוי מיט'ן נאָמען קאָרנעליע, א פּלי־מעניצע פון בארימטן האָלענדישן מאלער ארי שעיפער און מיט דער הילף פון

זיין פריינט מיכאל קלמן לעווין, א רייכער מעצענאט אָנגעהויבן פארעפנטלעכן זיינע שריפטן. אלס פארלעגער האָט ער פאר אים אָפּגעדרוקט 30 בענדער פון זיינע ווערק. עלף ביכער זיינען ארויס שפּעטער, נאָך זיין טויט (1887). די מאדאם לעווי, האָט נאָך רענאנ'ס טויט געוואָלט ערן דעם כבוד פון איר מאן, האָט זי אָפּגעקויפט רענאנ'ס ביבליאָטעק און אין איר מאנ'ס נאָמען עס אוועקגעשאָנקען דער נאציאָנאלער ביבליאָטעק אין פראנקרייך.[2]

אין יענער צייט האָט ער צווישן אנדערעס פארעפנטלעכט זיינע וואונדערלעכע פראנצויזישע איבערזעצונגען פון איוב און שיר השירים מיט זיין אינטערפּרעטאַציע (פּירוש). אין 1855, האָט ער אויך פארעפנטלעכט זיין געשיכטע פון די סעמיטישע לשונות און איז דערפאר טאקע באלוינט געוואָרן אָנגעשטעלט צו ווערן אין קאלעדזש דע פראנס אלס הויפּט פּראָפעסאָר פון העברייאיש. מעגלעך טאקע צוליב דעם, ווייל ער האָט זיך פארמאָסטן קעגן יידישער תורה, תלמוד און בעיקר קעגן יידישן אתה בחרתנואיזם, א פאקט, אז נאָכדעם ווי ער האָט נאָר אָנגערירט דעם קלעריקאליזם, און פארעפנטלעכט זיין ווערק וועגן „נוצרי'ס לעבן" (1863), האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע און ער האָט קיין פּאָסטן ניט געקענט באקומען אפילו אין ענגלאנד, אין ליבעראלן פרייען ענגלאנד.

אין יאָר 1860, נאָכדעם ווי פראנקרייך האָט פארנומען סיריע, האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, אים פאָרגעשלאָגן א רעגירונגס אמט, צו פאָרן אין סיריע שטודירן איר פארגאנגענהייט זינט די פעניקער ציוויליזאציע. די מיסיע האָט ער ערנסט גענומען אויף זיך און ער האָט צוזאמען מיט זיין שוועסטער הענריטע און פרוי באלד פארלאָזט מארסעי. אָנגעקומען קייןביירוט (בירות) איז ער דעם 11־טן אָקטאָבער, 1860 און זיך באלד גענומען באריזן „גאָט'ס גן עדן", ווי ער רופט אָן די סירישע בערג אין א בריוו צו זיין חבר בערטעלאָ, און אין זיינע „בריוו פון הייליקן לאנד". די דאָרטיקע אלטערטימער האָבן אויף אים געמאכט א שטארקן און טיפן איינדרוק און ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט אין יענער צייט אזוי פיל באריזט, צור צדון, גליל, לבנון, הר חרמון, ארץ ישראל, ספּעציעל די הייליקע שטאָט ירושלים (מאי, 1860), דאָך איז ער דאָרט געווען ליטעראריש זייער פּרוכטבאר. דער פינאל פון זיין אָרטיקן שטודירן איז געווען דאָס ווערק „לעבן פון יעזוס" (ישו'ס לעבן 1865), וואָס האָט ארויסגערופן א כוואליע פון פּראָטעסטן מצד קריסטלעכע פירער.

ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער, זיינער א ידיד, האָט אים דאָך געוואָלט האָבן אלס פּראָפעסאָר פון העברייאיש אין קאלעדזש דע פראנס, איז דער בילדונגס־מיניסטער דורואי געווען געצוואונגען צוריקצורופן די באשטימונג. די אָרטאָדאָקסאלע קריסטן פון די הויכע פענסטער האָבן אים באקעמפט מיט אלע זייערע כוחות. ביי זיי האָט עס געהייסן, אז ער האָט פארוואָכעדיקט די לעגענדעס אין

וואַנגעליזם, אַז יעזוס איז געווען בלויז אַ מענטש אין צייט ווען קאַטאָליקן גלויבן אין דריי־אייניקייט, אַז יעזוס איז אַ משיח־גאָט . . .

עס האָבן ניט געהאָלפן די אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע פריינט, באַווייזנדיק, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס לערנט פון אָריגינעלע מקורות, קענענדיק העב־רייאיש, כאַלדואיש, פּערסיש, סיריש און שוין אָפּגערעדט פון לאַטיין און גריכיש. די פּראָפעסאָרן וועלכע האָבן געהאַלטן מיט אים זיינען אויך באַזייטיקט געוואָרן, ווערנדיק געהאַלטן אונטער חשד פון ראַדיקאַליזם.

אויף זיין פּלאַץ איז מען געווען געצוואונגען אָנצושטעלן דעם באַרימטן יידיש־פראַנצויזישן געלערנטן דר. שלמה מונק. די אַנטיסעמיטן זיינען ניט געווען צופרידן צו האָבן דעם דריטן ייד אין „קאָלעדזש דע פראַנס", איבערהויפּט דורואי, דער דירעקטאָר איז ניט געווען צופרידן. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. צי דער אינצידענט האָט עפּעס געווירקט אויף רענאַן אָדער ניט, קענען מיר ניט וויסן. זיין חבר גרואַן דאָף, אין זיינע מעמואַרן, זאָגט, אַז רענאַן האָט זיך צו דעם דר. מונק זייער גוט באַצויגן, געהאַלטן פון אים און ניט געפילט קיין פאַרדרוס וואָס אַ ייד פון שלעזיע, קוים אַ פראַנצויזישער בירגער, זאָל האָבן פאַרנומען זיין פּאָסטן.

פונדעסטוועגן האָט עס אויף רענאַן געמאַכט אַ שווערן רושם, דאָס אָפּזאָגן אים פון אוניווערזיטעט און דאָס צוימען מענטשלעכן געדאַנק און ער האָט פאַר־עפנטלעכט אַ בראָשור („דאָס אָפּזאָגן אַ פּראָפעסאָר פון קאָלעדזש דע פראַנס"— 1868) און האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דעם אינצידענט. אין אינטעלעקטועלע קרייזן, האָט זיין דיסמיסיע אַרויסגערופן גרויסע דעבאַטעס.

אין יענער צייט האָט ער צוגעגרייט זיינע ווערק „סען פּאָול" (1869); „אַפּ־שטאַם פון קריסטענטום"; „אַפּאָסטאָלען"; אַנטי קריסט" (1873) א.א. ווערק. ער האָט געררייזט אין איירָאָפּע, געהאַלטן לעקציעס און געשריבן אַרטיקלען.

אין צייט פון דער פּאַריז באַלאַגערונג איז ער געווען ליטעראַריש זייער פּראָ־דוקטיוו, ספּעציעל ווענגן יידן און יידישן שאַפן, אויך ווענגן העברייאיש און רבני צרפת. זיין פיל־בענדיק ווערק געשיכטע פון ישראל, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1888. פריער, פאַר דעם, צוויי בענד וועגן די רבנים אין פראַנקרייך און אין אַלגעמיין וועגן גדולי ישראל אין פראַנקרייך. אָבער אויך אויף אַנדערע געביטן געאַרבעט, ווי „פילאָזאָפישע דראַמעס" (1886), „יוגנט זכרונות (1883), „מאַרקוס אָרילוס" (1881). געוואָרן נאָענט באַקאַנט מיט די באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי לואי פּאַסטאָר, בראַנדעס, מאַמזען, מעטערלינק א.א. אין 1877 געווען אין האַג, געהאַלטן אַ גרויסן פּאָרטראַג וועגן שפּינאָזאַ און געווען איינער פון די הויפּט פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור־געשיכטע געזעלשאַפט.

אין יאָר 1892 האָט ער פאַרענדיקט זיין ווערק „געשיכטע פון ליטעראַטור אין פראַנקרייך", דעם 31־טן באַנד וועגן רבנים. ביים פאַרענדיקן לייענען די

קאַרעקטור איז ער קראַנק געוואָרן. דעם 2־טן אָקטאָבער איז ער געשטאָרבן אין פאריז און געהאט א שטאטלעכע לויה.

רענאן איז געווען דער ערשטער קאטאָליק צו שרייבן אָביעקטיוו וועגן יעזוסן און וועגן דער עפּאָכע פון דער ערשטער קריסטלעכער אורשפּרונג, מער פון וועלכן עס איז אנדער קאטוילישן טעאָלאָג. ער האָט געוואָלט אויסטרעטן דעם וועג פאר שפּעטערע פאָרשער, זיי זאָלן קענען באהאנדלען דעם אורשפּרונג פון קריסטנטום אָביעקטיוו און ערלעך. ניט אָפּלאכן פון קריסטנטום האָט ער געוואָלט; נאָר פשוט, דערקלערן דעם אָנפאנג פון קריסטנטום, ווי א גרויסע געשעעניש אין מענטשלעכע אנטוויקלונג. זיין ווערק ווערט פון א סך מאָדערנע פאָרשער באטראכט ווי א וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע שטודיע און איז פיל אויסגענוצט געוואָרן פון היינטיקע היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן. אָבער אין זיין צייט איז ער שרעקלעך באַקעמפט געוואָרן פון די קריסטלעכע געלערנטע און פון דער קאטוילישער קירכע. די געזעלשאפט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען צוגעגרייט און ניט רייף פאר אזעלכע אָנשויאונגען.

אויף וויפל אָביעקטיוו און פריי ער איז געווען אין זיין שטודירן די אַנט־שטייאונג פון קריסטנטום און דאָס לעבן פון די קריסטלעכע אפּאָסטאָלן, איז ער געווען טענדענציעז נעגאטיוו וואָס שייך זיין שטודירן די געשיכטע פון די יידן, אָדער ווי ער רופט עס „די געשיכטע פון ישראל". דאָ איז ער געווען באאיינפלוסט פון אנדערע; דאָ איז ער ניט נעגאנגען אין די פוסטריט פון דעם בארימטן טעאָלאָג היינריך געזיניוס, וועלכער ווערט פאררעכנט אלס גרעסטער קענער פון העברייאיש צווישן די קריסטלעכע געלערנטע און וועלכער האָט געשריבן גרויסע ווערק וועגן העברייאישער שפּראך און גראמאטיק. דער לעצטער ווי א וויסנשאפטסמאן האָט געשריבן ערלעך און אומפּאַרטייאיש און באגרינדעט די פאקטן ניט אויף השערות. רענאן, דאקעגן, האָט ביים שרייבן „די געשיכטע פון ישראל" זיך א סך פארלאָזט אויף די אייגענע השערות און אויף בויך סברות פון אנדערע, איבערהויפּט ווען עס דאַרף כאראקטעריזירט ווערן דער ייד פון נאָך דער ביבלישער עפּאָכע.

מיט א היפּשלעכן געפיל פון אנטיפּאַטיע איז רענאן צוגעטראָטן צו זיין שטודיום וועגן פאָלק ישראל און יהדות. אויב פארן קריסטנטום האָט ער געהאט יראת הכבוד, האָט ער זיך באצויגן צום אלטן טעסטאמענט שטרענג, פארלייקענדיק און פאַראַנירענדיק ווי ווייט מעגלעך די הייליקייט פון דער יידישער געשיכטע, ניט געקוקט דערויף וואָס ישראל׳ס מיסיע ווערט פון אים אנערקענט. ווי רענאן באהויפּטעט זיינען בלויז דאָ דריי פעלקער, וואָס האָבן בייגעטראָגן צו דער וועלט׳ס ציוויליזאציע און קולטור—די גריכן, די רוימער און די יידן. פון די גריכן האָבן מיר איבערגענומען קונסט און וויסנשאפט. פון יידן — רעליגיע און אידעאליזם, סאָציאלע גערעכטיקייט און מאָראל. פון די רוימער — די מאכט ווי אזוי איינצו־נעמען וועלטן. אָן וועלטס מאכט וואָלט געווען אוממעגלעך די טראנספּערירונג

פון גריכישער פליאָזאָפיע און קונסט און אוודאי ניט די קריסטלעכע רעליגיע, וועמענס וואָרצלען, ער האַלט, געפינען זיך אין יידנטום.

רענאַן איז ניט איבעריק באַגייסטערט פון רוים׳ס מאַכט. זיין באַגייסטערונג איז מער געווענדעט אויף גריכישער שאַפונג און קריסטלעך־יידישער שעפעריש־קייט. ער איז באַגייסטערט פון די נביאים, וועלכע זיינען געווען ניט בלויז מאָראַל־פּריידיקער נאָר אויך פּאָליטישע און סאָציאַלע פירער. ריידנדיק וועגן די נביאים דריקט ער זיך אויס:

„די היסטאָריע פון אַלט יודאַאיזם באַווייזט דעם בעסטן מוסטער פון דער עקספּאַזיציע צווישן סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן . . . דער נביא וואָס האָט געלעבט אין ירושלים פינף הונדערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערא, האָט געהאַט צו זאָגן וועגן די מעגלעכקייטן און אוממעגלעכקייטן פון מיליטערישע און דיפּלאָ־מאַטישע אַקציעס . . . זיי האָבן אַפילו באַקעמפט דאָס כהנימטום ביי יידן אויב עס איז געגאַנגען אין אַ שלעכטער ריכטונג. (דאָס—האַלט ער—באַווייזט די הויכע אַנטוויקלונג פון ישראל שוין אין יענער צייט). דער פּאָעט, דער גרויסער וואָרטס־מענטש, איז ביי קיין פּאָלק נישט אַנערקענט געוואָרן אַלס פירער פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם, ווי ביי יידן".

פאַרענדיקנדיק זיין קאַפּיטל וועגן די נביאים, באַמערקט ער, דרך־אגב, אַז ווען די יידן זאָלן געווען אויספאָלגן די נביאים, וואָלט דאָך דער חורבן ניט געווען פאָרגעקומען, וואָלט ירושלים געווען פאַרבליבן די הויפּט שטאָט פון יהודה, אָבער קיינמאָל ניט געווען דערגרייכט צו דער שטופע פון ווערן דער וועלט׳ס הויפּט־שטאָט.

אין זיין צען בענדיק ווערק א.ג. „די געשיכטע פון ישראל" קומט ער צו געוויסע באַרעכטיקטע אויספירן בנוגע דעם אָפּשטאַם פון ישראל און זיין אַנט־וויקלונג. ער קומט אָבער אויך צו אַזעלכע אויספירן, וואָס אַפילו אַ יידישער פריידענקער, אַ ניט־גלויביקער מוז אים באַקעמפן און באַווייזן זיין פאַלשקייט, יעדנפאַלס זיין טעות.

ער פאַנגט אָן זיין געשיכטע פון דער פאַטריאַכאַלישער עפּאָכע (אברהם, יצחק און יעקב) און פירט אויס, אַז יידישע רעליגיע איז אַנטוויקלט געוואָרן אין מצרים, וואו פון שבט איז געוואָרן נאַציע און „אל" איז געוואָרן דער נאַציאָ־נאַלער גאָט. ער איז מסכים, אַז יידישע רעליגיע איז אויסגעברייטערט געוואָרן אין דער מדבר און יידישע נאַציע אין ארץ ישראל. ער לייקנט אָבער אין דער צייט פון וואַנדערונג אין מדבר. לויט אים איז אַן אוממעגלעכקייט צו וואַנדערן 40 יאָר אין אַ מדבר. נאָכדעם גייט ער איבער צו דער לאַנגער עפּאָכע פון יהושע בן נון ביז דוד, אַ קימאַ לן פון אַ 400 יאָר, רעדט ברייט ארום די געטער קאַמפן אין לאַנד, ווי אַזוי דער פלשתים גאָט דגון (און עשתורת) האָט זיך געוואָלט אריינרייסן אין לאַנד. אין צייטן פון קעניג שלמה, איז טיילווייז דערלויבט געוואָרן אריינצוברייננגען

פרעמדע געטער אין לאַנד אריין און פרעמדע קולטור האָט אָנגעהויבן משפיע זיין.

רענאַנ׳ס בעסטע ארבעט איז טאַקע וועגן די נביאים און דעם אורשפּרונג פון מאָנאָטעאיסטישן גלויבן. מ׳זעט, ווי נאָענט עס איז אים די נביאים עפּאָכע, ווי גוט ער איז באַקאַנט אין דער דאָזיקער עפּאָכע און ווי רייך זיין וויסן איז וועגן די נביאים ישעיה, ירמיה, יחזקאל, ספר איוב, דניאל. דאָ איז ער מער אויסגעהאַלטן, ווייל ער איז נייטראַל און האָט נים קיין זייטיקע פניות.

ווען ער קומט אָבער באַהאַנדלען דעם שיבת ציון פּעריאָד און די העלענים־טישע עפּאָכע — דאָס קאָמפּליצירטסטע קאַפּיטל יידישע געשיכטע אין אַלטערטום, גייט ער ראשית אראָפּ פון דער גלייכער ליניע און לאָזט זיך אויף א זיג־זאַג וועג. דאָ האַלט ער מיט די מאַקאַבייער און דאָ לויבט ער די העלעניסטן. דאָ געפעלט אים די סעפּטואַגינטאַ און דאָ האַלט ער זיך ביים מקור. עס ווערט ביי אים א מיש־מאַש פון פילאָן, אַפּאָקריפען און נייער טעסטאַמענט. ער איגנאָרירט די ביבליש־תלמודישע ספרים. ער זוכט דעם אמת בלויז אין די ווערק פון א העראָדאָטוס, פון א סאָקראַ־טעס און א היפּאָקראַטעס. מערסטנס איז ער נוטה צו די צדוקים, קעגן די פירושים און האַלט נים פון תלמוד. כדי צו פאַרענטפערן דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט געשאַפן א תורה שבעל פה צו דער תורה שבכתב, זאָגט ער, אז „ווען א פאָלק שאַפט אַזאַ ווערק ווי די ביבל, מעג מען עס פאַרגעבן דאָס שוואַכערע ווערק ווי דער תלמוד”. זיין באַציאונג צום תלמוד איז נים פון ריין פרייער פאָרשונג און קלאָרן פאַרשטיין. ער איז באַאיינפלוסט פון קריסטלעכע קעגנער פון תלמוד, פון קריסט־לעכע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן געזען אין תלמוד א שטערונג צום קריסטנטום אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן באַטראַכט די תלמודיסטן (פרושים) פאַר די גרעסטע באַקעמפער פון יעזוס׳ס תורה און מעשים.

אז קריסטן זיינען תמיד קעגן תלמוד איז אונז גוט באַקאַנט. מיר ווייסן דאָך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין מיטלאַלטער, קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן געוואָלט באַקעמפן דעם תלמוד, פאַרבאָטן דעם תלמוד און דערקלערט דאָס צווייט־וויכטיק־סטע ווערק צו דער ביבל ווי א ווערק וואָס איז פול מיט נים וויכטיקייטן און גאָר אָפּט מיט שענדלעכע ענינים. דער פּאַפּסט בענעדיקטוס דער דרייצנטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרעפנטלעכן פאַרשיידענע בלבולים אויפן תלמוד, האָט ער אין יאָר 1416 ארויסגעגעבן א באַפעל, מען זאָל פאַרברענען דעם תלמוד.

רענאַן, וואָס האָט געוואָלט אַלץ דערקלערן אויף ריינער אויספאָרשונג און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, איז געווען אָנגעשטעקט פון „גירסא דינקותא” זיינער, אין די קריסטלעכע שולן וואו מען האָט זיך באַצויגן מיט אַנטיפּאַטיע צום ייד און צו דער תלמודישער שאַפונג, צו די פירושים, די קעמפער קעגן די אסיים און ערשטע קריסטן.

אין איין קאפיטל קען ער זיין ענטוזיאסטיש פארן יידישן געניוס, יידישן חוש פאר רעליגיע, גערעכטיקייט, מאָראַל און גלייכצייטיק נאָכפּאָלגן מיט אזעלכע עפּיטעטן, אז יידן זיינען עגאָאיסטיש, שמאָלקעפּיק, ענגהארציק, סאָפּיסטיש, טרוקן, פלעגמאטיש, קאלט . . . דאָ רעכנט ער אוים ווי יידן אלס אָריענטאַלישע ראסע, האָבן איינגעזאפּט אין זיך אלע מעלות פונם אָריענט, און דאָ שילדערט ער ווי א פאָלק דורך אָקצידענטאריש לויטן גערדאנק און געפיל. ער באקעמפט די קריסטלעכע דאָגמעס און לעגענדעס, וואָס שייך רעם קריסטנטום און ער נעמט אָן אלע קריסטלעכע דאָגמעס און פּאָראורטיילן וואָס שייך יידן און תלמוד־לערע. ער איז באגייסטערט פארן מאָנאָטעאיסטישן גלויבן אין איין גאָט, באשאפער פון דער גאנצער מענטשהייט. עס איז א גרויסער אידעאל, זאָגט ער, צו האלטן אלע מענטשן גלייך ווי גאָט׳ס באשעפענישן. דאָך האלט ער שטארק פון דער גערמאַנישער ראסע. דאָ זעט ער ביי יידן דעם גערדאנק פון אוניווערסאלן גאָט און אוניווערסאלער רעליגיע, ער איז באגייסטערט פון די נביאים און ווער זיינען די נביאים וועלכע זיינען געקומען מיטן אידעאל פון א מענטשלעכער דערלייזונג — ניט קיין יידן? דוכט זיך, אז קיין בעסערע יידן פון זיי האָבן מיר ניט. זיי האָבן געבראכט דעם יידישן פאָלק און דער גאנצער וועלט די הייליקע שליחות. זיי האָבן געבראכט די געטלעכע תורה, די נייע לעבנס באגריפן פון יושר.

רענאנס מיינונג איז, אז די יידישע רעליגיע איז ענגהארציק, לאָקאַל, ענגנאַציאָנאַל. בלויז די נביאים האָבן איר געוואָלט מאכן אוניווערסאל. איז אָבער געקומען, האלט ער, די עפּאָכע פון בית שני און פון די פּרושים און איר צוריק פארוואנדלט אין א לאָקאַלער רעליגיע פאר בלויז דעם יידישן פאָלק.

ווען ניט דער חורבן בית שני, וואָלט אפילו די טאָכטער, דאָס קריסטנטום, געוווען פארבליבן א פארזעסענע מויד אין די גרענעצן פון יהודה. ער איז כמעט צופרידן פונם חורבן וואָס האָט ארויסגעבראכט דאָס קריסטנטום צו דער גרויסער וועלט.

איז, פארשטייט זיך ניט וויכטיק צו אָפּוועגדן רענאנס קריטיק און אויסזעצונגען וועגן דער אלוועלטלעכקייט און אלמענטשלעכקייט פון תנ״ך און תלמוד. דער עיקר פּרינציפּ אין אונזער תורה איז דאָך דער „ואהבת לרעך כמוך״ — דער „עיקר גדול״ און אלע אנדערע מצוות זיינען בלויז צווייגלאך — און ווי מיר יידן פארשטייען דעם באגריף פון ואהבת לרעך, מיינט עס ליבע צו אלע מיטמענטשן, וועלכע פירן זיך אויף ווי רעים, ווי חברים פון דער גרויסער מענטשלעכער געזעלשאפט.

און מערקווירדיק, ער, דער מאן, וואָס האָט מיטן גרעסטן אייפער און ערנסט זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן דאָס קריסטנטום. 25 יאָר האָט ער געשריבן וועגן אנטשטייאונג פון קריסטנטום און זיך באקענט מיט אלע מקורים און עוואָלוציע פון קריסטלעכן גלויבן. די געשיכטע פון יידנטום האָט ער געשריבן גראָד אין א גאָר

קורצער צייט. עס האָט אים גענומען אַפשר צוויי יאָר, די צען בענדער יידישע געשיכטע. נאָך מער: ער לאַכט אָפּ פון נסים און מופתים אין דער ביבל אָבער באַציט זיך מיט טיפער ליבע צו קריסטלעכער מיטאָלאָגיע, אויספאָרשנדיק יעדעס פּינטעלע, יעדע לעגענדע, ווייל אַלץ ווייסן און אַלץ דערקלערן. ער פאָרשט אויס די עפּאָכע פון קריסטנטום וואָס שייך דעם קריסטלעכן גלויבן און אַנטשטייאונג און באַמיט זיך צו שאַפן אַ מיסטער־ווערק. ער באַציט זיך אָבער מיט ביטול צו דעם פרוי־ערדיקן פעריאָד, דעם שטורמישן פעריאָד אין דער צייט פון בית שני, די אויפ־לעבונג פון די דריי יידישע פּאַרטייען, די גרויסע וויכוחים און סכסוכים צווישן די פּרושים, צדוקים און די איסיים.

שרייבנדיק די געשיכטע פון קריסטנטום, האָט ער אַלץ געמאָסטן און גע־וואויגן מיט דער מאָס פון אַ פאָרשער, בעת ביי דעם שרייבן „די געשיכטע פון ישראל", האָט ער אַלץ געשריבן פראַגמענטאַריש, סתם אַזוי אָן אַ פאַרשטענדעניש, אָן באַציאונג, ניט ווי אַן אָביעקטיווער פאָרשער, ווי ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

ער האָט גרויסע פאַרדינסטן. ער האָט היפשלעך צוגעטראָגן צום היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן שאַפן. ס'איז דאָך אַ גרויסער אויפטו זיין אַרבעט וועגן דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אין וועלכער די יידישע איז פיל פאַרטראָטן[3]. ער האָט אויך רעדאַגירט נייבער'ס ווערק וועגן די חכמי צרפת — ער האָט אָבער פיל געהאָלפן די אַנטיסעמיטישע פאָרשער, זיי זאָלן האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן מיט זייערע בלבולים און אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. איינער פון זיי איז דער היינטצייטיקער היסטאָריקער אַרנאָלד טוינבי.

ה. אַרנאָלד טוינבי. — נאָכפאָלגער פון רענאַן. — זעט ניט מהות פון יהדות. — רעספּעקטירט ניט דעם נעכטן און זעט ניט דעם היינט.

דער ענגלישער היסטאָריקער אַרנאָלד טוינבי, ווערט באַטראַכט אין געוויסע קרייזן אַלס קולטור־היסטאָריקער, וואָס האָט פאַרשטענדעניש פאַר דעם נעכטן און וואָס זוכט פּערספּעקטיוון פאַר דעם מאָרגן. מ'ווייזט אָן, ווי קלאָר ער אַנאַליזירט די 21 ציוויליזאַציעס פון וועלכע 14 זיינען אָפּ־געשטאָרבן און אַז ער איז אין פאַרגלייך צו שפּענגלער'ס שוואַרץ־זעעריי, אַן אָפּטימיסט און גלויביקער אין דער דעמאָקראַטישער ציוויליזאַציע.

באַטראַכט מען אָבער טיפער זיינע ווערק, אַנאַ־לאָגיעס און אויספירן, זעט מען ווי שטאַרק ער איז אונטערן איינפלוס פון רענאַן און זיין גלייכן צווישן די דייטשע ביבל־קריטיקער און פאָרשער. איבערהויפּט, אין שייכות מיט יידן, איז ער טענדענציעז, פאַרזעט פאַקטן און בויט בויך־סברות.

ער זעט יידן אַלס אַ שטענדיק האַנדל־וואַנדל פאָלק, וואָס איז ניט מסוגל צו פּראָדוקטיוויזאַציע, בעת די פאַקטן, היסטאָרישע און היינטצייטיקע, ווייזן, אַז יידן קענען זיין גוטע אַרבעטער — אַ לעבעדיקער ביישפּיל איז ישראל, וואו יידן

האָבן פאַרוואַנדלט מדבריות אין פּרוכטבאַרע פעלדער און גערטנער. יידן צייכע־נען זיך אויס אין לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, אין שווערער אינדוסטריע, אין מאַכן בריקן, לייגן באַן־ליניעס, שאָסייען און אין אַלע מינים הייזער־בוי.

טוינבי איז באַהערשט פון די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן, וועלכע מאָלן די פּרושים אין די פינסטערסטע קאָלירן:

„זיי בינדן שווערע משאות, וואָס זיינען שווער צו דערטראָגן און לייגן זיי אַרויף אויף די אַקסלען פון מענטשן; אָבער זיי אַליין לייגן ניט צו קיין פינגער צו זיי. וואָרים זיי מאַכן זיך ברייט די תפלין און לאַנג די ציצית. האָבן ליב דעם אויבנאָן מען זאָל זיי אָפּגעבן שלום און אָנגערופן צו ווערן רבי . . . [1]

מתיא גיסט אויס זיין ביטער האַרץ אויף די פּרושים. ער רופט זיי חונפים, בלינדע פירער, קינדער וואָס האָבן געה־רג'עט די נביאים אאַ"וו. און ניט נאָר ער, דער גאַנצער נייער טעסטאַמענט איז באַהערשט פון אַט־דעם האס צו די פּרושים. זייער באַקעמפער, שאול פון תרשיש פאַרגעסט אין יעזוס'עס אָנזאָג פון מילדקייט, גוטסקייט און רחמנות. ער ווערט נאָכגעפאָלגט פון אַפּאָס־טאָלן און קריסטלעכע טעאָלאָגן — און טוינבי, צי מיר ווילן צי ניט, איז דאָך באַאיינפלוסט פון דער דאָזיקער ספערע פון דענקען און טראַכטן.

ער וויל אויך באַווייזן מיט אַלע כוחות, אַז יידן האָבן איז זיך פרעמד בלוט — און אַט האָט ער אַ מכלומרשטן פאַקט, אַז די אדום'ער זיינען איינגעגלידערט געוואָרן צווישן יידן. ער שטיצט זיך, ווען ס'לוינט זיך אים, אויף פלאַוויוס'עס אַ זאָג, אַז די אדומער האָבן זיך מל געווען און געוואָרן יידן און ער איגנאָרירט די מיינונג פון פאָרשער, אַז דער דאָזיקער זאָג איז צווייפלהאַפט. ער ווערט באַהערשט פון די טענדענציעז־סוביעקטיווע פאָרשער, וועלכע ווילן אַפילו באַווייזן, אַז ישו מנצרת איז ניט געווען קיין ייד[2].

טוינבי וויל בכלל מינימיזירן די הנחה, אַז יידן האָבן אַ נאַציאָנאַלן גוף, אַן איינגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע און ער פּרובירט פאַרלייקענען די נאַציאָנאַלע אינספּי־ראַציעס פונם יידישן פאָלק. יידן זיינען, לויט אים, אַן איבערבלייב פון סירישע נאָמאַדן . . . [3]

ס'גייט אים ממש אין לעבן צו באַווייזן, אַז די יידן זיינען אַן איבערבלייב פון סיריער און פערסיער, וואָס האָבן געדינט צום פייער[4] און ער וויל דווקא ציען אַ פּאַראַלעלישן פאַרגלייך צווישן די „צוויי הויכע רעליגיעס", ווי ער רופט עס — און דערביי גיט ער נאָך אַ צוגאָב, אַז דערפאַר, וואָס יהודה און ישראל האָבן געוואָלט גרינדן אַ שטאַרקע מדינה אין צייט פון דוד און שלמה און דאָס שפּעטער פּרובירט טאָן אין צייט פון די חשמונאים און ס'איז זיי ניט געלונגען, ניט אין צייט פון ערשטן בית המקדש און ניט אין צייט פון צווייטן, דערפאַר האָבן זיי געשאַפן די אידייע פון מלכות שמים, דעם פוטוריזם... און לסוף נאָך צוויי

טויזנט יאָר וואַנדער, זיך פאַרנומען מיט שאַפן אַן ערדישן אחרית הימים דורך רעוואָלוציע און דורך פּראָלעטאַרישער אָרדנונג[5].

י. קלויזנער ווייזט אָן אויף דער פאַלשקייט און פאַרפירערישקייט פון טוינ־בי'ס אויספירן און פון זיין באַהאַנדלען ציוניסטישע אַספּיראַציעס. וואָלט ער געווען אַן אָפענער אַנטיסעמיט, וואָלט ער ניט געווען שעדלעך. איז ער אָבער באַקאַנט אַלס אָביעקטיווער פאָרשער — און דערצו ווערן זיינע ווערק אַרויסגעגעבן דורך דער „מאַיעסטעט״־רעגירונג און זיי טראָגן דערמיט דעם אָפיציעלן חותם פון רעגירונגס־אינסטאַנצן.

מאָריס סעמיועל האָט דעריבער גאָר גוט געטאָן מיט זיין „מה־שתשוב״־ווערק[6], אָפּווענדנדיק אַלע זיינע, טוינבי'ס באַשולדיקונגען.

טוינבי באַהאַנדלט אויך די יידישע אמונה — און אויך דאָ מאַכט ער אַ טעות. ער באַגרייפט ניט, און אפשר וויל ער ניט באַגרייפן, אַז די יידישע אמונה איז אַנדערש אין איר מהות פון וועלכער ניט איז אמונה. זי איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן אַלס מלבוש פון נאַציאָנאַלער קולטור; זי איז פאַרפלאָכטן און פאַרוועבט מיט די געשעענישן פון יידישן פאָלק. ער וויל דאָס ניט וויסן און ער האָט נאָך פאַרדרוס אויף דעם נצחון פון יידישן גאָט. ער קען ניט פאַרגעבן, וואָס דער גאָט פון אַ קליינער עדה, צווישן די בערג פון אפרים און יהודה זאָל ווערן דער איינציקער גאָט אויף דער וועלט[7] און דווקא נאָכ'ן חורבן!

ער זוכט פאַרשיידענע ענטפערס אויף דערויף. ווי מיר יידן וויסן, איז דער גרעסטער כח פון דער יידישער אמונה געלעגן אין אויספורעמען דעם יידישן מענטשן און אינעם ציל פון תיקון עולם במלכות שדי.

די יידישע אמונה האָט תמיד געזען גאָט דעם איין־און־איינציקן, וואָס פירט דעם גאַנצן קאָסמאָס, וואָס קאָנטראָלירט דעם גאַנצן אוניווערס און וואָס האָט השגחה פרטית איבער אַלע יצירות און איבער אַלץ, צי דאָס איז דומם, צי צמח, צי חי, צי מדבר — אין די דאָזיקע ספערן האָבן יידן באַוויזן צו שאַפן די נאַציאָנאַלע רעליגיע, גאָט פון ישראל אשר בחר . . . אַלס נאַציאָנאַלע אמונה האָט זי גובר געווען די אַנדערע אמונות — אָבער וועגן דעם אין אַ ווייטערדיקן פּרק.

טוינבי איז אויך דער כופר: ער לייקנט אין דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון אַ יידיש פאָלק; ער פאַרלייקנט די רעכט פון יידישער אומאָפּהענגיקייט אין ישראל. ער גיט יידן בלויז די רעכט פון אַ קולטור־רעליגיעזער סעקטע, אַז יידן זאָלן זיך האַלטן בלויז ביי ר' יוחנן'ס כלל פון „תן לי יבנה וחכמיה״, אָבער בשום אופן נישט דעם פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן סטאַטוס.

טוינבי וואָלט מסכים געווען צום „סטאַטוס קוואָ״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897, ווען יידן האָבן אַרויסגעשטעלט לאָזונגען פון פּאָליטישן ציוניזם און דעם פאַרלאַנג פון אַן אייגענער אומאָפּהענגיקער מדינה[8].

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס טוינבי'ס „שטודיעס אין געשיכטע״,

האָט ארויסגערופן קעגנערשאפט ניט בלויז ביי יידן, נאָר אויך אין די ניט־יידישע ליבעראלע קרייזן[9]. און לשם אָביעקטיוויטעט, קען מען אפילו ניט באשולדיקן אים, מער ווי דעם פּאָרשער ה. ג. וועלס, וועלכער האָט אויך מינימיזירט דעם באטייט פון ישראל אין זיין אור־אלטן היסטאָרישן פעריאָד און נאָך מער דעם באטייט פון יהדות אין די דורות פון זיין וואנדער און זיין שאפן אין דער דיאספּאָרא.

זיי האָבן געגרייזט אין פארשטיין דעם ייד, זיין אמונה און קולטור[10]. זיי האָבן געהאט דעם קריסטלעכן צוגאנג צו יהדות, און דעריבער ניט געהעריק אויפגעפאסט יידנטום און זיין פארנעם אינעם עולם המחשבה און אוודאי נישט אין עולם המעשה.

אפילו דער גרויסער און געניאלער לעוו ניקאָלייעוויטש טאָלסטאָי (געבוירן 9־טן סעפּטעמבער, 1828, אין יאסנאיא פּאלאניא, קראפּינער קרייז, טולער גוב., געשטאָרבן 20־טן נאָוועמבער, 1910, אויף דער סטאנציע אסטאפּאָווא, טאמבאווער גובערניע), אפילו ער, דער גרויסער הומאניסט איז געווען אונטערן איינדרוק פון קריסטלעכע פאָראורטיילן קעגן יידן, אָבער וועגן דעם אין ווייטערן קאפּיטל.

ווי מיר האָבן אין די פריערדיקע פּרקים געזען האָבן די תנאים פאָרמולירט א געזעצגעבונג, וואָס זאָל שטאַרקן די יידישע עטיק און שיצן דעם ארבעטער.

די תורה איז אַ תורת חיים, און איר ציל איז: צו פירן אַ געהייליקט לעבן לויט די אידעאַלן פון צדק און יושר, לויט די יעודי הנביאים. די תורה איז די באזע פאר א צופרידן לעבן. דער מענטש בלייבט נישט מער אין זיין איינזאמקייט, הילפלאָז און שוצלאָז. ער ווערט נישט מער געבויגן פאר דער זאָרג פונם מאָרגנדיקן טאָג. עס לויערט נישט מער אויף אים נויט, הונגער און עלנט. ער איז נישט מער אינערלעך צעריסן. אויך די שרעק פאר דאָס אומפאַרמיידלעכע ווערט אים פיל לייכטער. ער באהעפט זיך מיט גאָט, ביי וועמען ער געפינט טרייסט און רו, ווי דער תהלים־לייענער דריקט זיך אויס:

גאָט איז מיין פּאַסטוך —
עס קען מיר גאָרנישט פעלן,
ער דערקוויקט מיין נשמה —
און פירט מיך אויף שטעגן . . .

הערות

א.

1. אין מיין ווערק „די באַציאונג צום פרעמדן".
2. ער האָט געטאָן די עבודה אין בית המקדש אכציק יאָר און אויף דער עלטער געוואָרן אַ צדוקי, פאַרראָטן די כהונה . . .
3. זע: תנחומא, חקת ו'; בראשית רבה, ח'; סנהדרין ל"ח, ע"א; אלי' כי טוב, ספר הפרשיות, בראשית, ז' ל'.

ב.

1. רמב"ם, הלכות מכירה, י"א, ו'.
2. חושן משפט, הלכות מקח וממכר, ר"ז, י"ב.
3. גיטין פ"ד, ע"ב.
4. אסור לאדם לחבול בין בעצמו ובין בחברו — רמב"ם, חובל ומזיק, ה', א'; אין חושן משפט ווערט גע'פסק'ענט, אסור לאדם להכות חבירו, ואם הכהו עובר בלאו און אין סימן ת"כ, סעיף א' און סעיף ב' „ואפילו הכה עבד הכאה שאין בה שוה פרוטה לוקה, שהרי ישנו במקצת מצוות" . . .
5. זע, זיין ווערק, „סאָציאַלער שיקזאַל פון מענטשן", ענג. איבערז. ז' 134.
6. טעאָריע פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע", ענגל. איבערזעצונג 1870, ז"ז 210‑212.

ג.

1. זע, נ. שמן, „די באַציאונג צום פרעמדן", ז"ז 205‑248; באַזונדער שטודיע אין כתב־יד וועגן אַנטיסעמיטיזם.
2. זע, נ. באַדער, די מלחמות פון די חשמונאים, ז"ז 42‑44.
3. יוסיפוס פלאַוויוס, נגד אפיון, בתרגומו של שמחוני, מאמר ראשון, כ"ב; אויך אין דער ענגלישער איבערזעצונג.

ד.

1. אַ פאַרגרעסערטע ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג — אין מאַנוסקריפּט.
2. דער זשורנאַל Revue des Deux Mondes האָט אים שטאַרק געלויבט.
3. אַ פּרוּוו, כמעט דער ראשון אויפן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע אין יידיש, וועגן פראַנצויזישן יידנטום און יידיש־גייסטיקן שאַפן אין פראַנקרייך, האָט געמאַכט יוסף מילנער, מיט זיין ווערק, „יידן אין פראַנקרייך", פּאַריז, 1952.

ה.

1. מתיא כ"ג, ד"ז'. אויספירלעכער וועגן די דאָזיקע באַשולדיקונגען אויף יידן, מצד די אַפּאָסטאָלן און זייערע נאָכפאָלגער אין „אוצר ויכוחים" פון יהודה דוד אייזנשטיין, שני חלקים, ניו־יאָרק, 1928.
2. האוסטין טשעמבערליין (1855‑1927) אין זיין ווערק „די גרונדלאַגן פון 19־טן י"ה.
3. זע, A. G. Toynby, A Stoudy of History, 8 Volumes, Oxford, vol. 2, 1947, p. 135 "Fossile" 144-145, 368.
4. זע: יוסף קלויזנער, הבוקר, תל־אביב, 18.3.55; כ' ניסן, תשט"ו, אַפּריל 12, 1955, גליון 5925. באַווייזט, אַז טוינבי איז מער פּובליציסט ווי היסטאָריקער און פּובליציסטיש פאַלש. זע אויך: יצחק ברזילי, בצרון (העורך חיים טשערנוביץ), שנה י', ניסן תש"ט, חוב' ו', ז"ז 48‑57; דזשואיש פראָנטיער, בריוו צווישן טוינבי און מערי סירקין.
5. אין זיין שטודיע לאָזט ער כמעט דורך די שפּאַנישע עפּאָכע, סיי די פינסטערע גירושים און רדיפות און סיי די ליכטיקע גאָלדענע תקופה.
6. זע, The Professor and the Fossil, by Maurice Samuel, Alfred A. Knopf, New York, 1956.
   אויך דעם ענטפער פון יידישן שפּינאָזיסט העררי וואַטסאָן
   Harry Watson, An Answer to Prof. Toynbee's Unwarranted Attack on Zionism and Israel, Pub. by the American Spinoza Institute.
7. דאָרט, ז"ז 43‑46. — באריכות.
8. מ. פראַנער, מאבדן אלי פּדות, ז"ז 92‑100.
9. גענוג צו דערמאָנען דעם אַרויסטרירט קעגן טוינבי'ס אויספירן מצד דעם רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אַפּטיילונג פון לאָנדאָנער „טיימס", פון יוליען העקסעל, דאָגלעס דזשעראָלד א.א.
10. זע, א. אלמי, „פרייע אַרבעטער שטימע", פּעב. 11, 1955. כדאי אַ בליק צו טאָן אין טוינבי'ס „שטודיע אין געשיכטע", 1953, ז"ז 495, 501‑503.

קאַפּיטל צוואַנציק

טאָלסטאָי און קריסטנטום

א. „דאָס געוויסן פון אייראָפּע". — טאָלסטאָי און שלום עליכם. — גרויסער הומאַניסט צום גרויסן הומאָריסט. — טאָלסטאָי'ס נאָכפאָלגערשאַפט צווישן יידן. — ווערטער אָבער ניט מעשים.

לעוו טאָלסטאָי האָט געהאט א גרויסע נאָכפאָלגערשאפט צווישן יידן. געגוג צו דערמאָנען א. ד. גאָרדאָן און זיינע אידייאישע נאָכפאָלגער. א גרויסע צאָל פון די ערשטע חובבי ציון, בילוניקעס און חלוצים האָבן זיך געהאלטן פאר טאָלסטאָיאַנער. שלום עליכם האָט שטארק געהאלטן פון דעם געניאלן שריפטשטעלער, וועמען מען האָט באטראכט אלס „דאָס געוויסן פון אייראָפּע". ער איז פון אים געווען באגייסטערט, סיי אלס מענטש און סיי אלס קינסטלער, ווי עס זאָגן עדות די בריוו צו דר. יוסף פערפער[1] פון ריגע, אין וועלכע ער רעדט מיט גרויס באגייסטערונג וועגן טאָלסטאָיען.

ער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריוו[2]:

„איך האָב געהאלטן, אז זיין (טאָלסטאָי'ס—נ.ש.) תורה איז אונזער תורה, אונזער יידישע תורה. אויף א סך, א סך פונקטן איז ער, נאָך מיין מיינונג, זיך צונויפגעגאנגען מיט אונזערע יידישע חכמים און צדיקים. זיין אייביקע מלחמה מיטן יצר הרע, מיטן שטן־מקטרג . . . איך האָב געגלויבט באמונה שלימה, אז ביי א פערזענלעכער געלעגנהייט וועט מיר גרינגער זיין צו איבערצייגן דעם דאָזיקן גרויסן קינסטלער און דענקער, אז אין דער גרויסער מענגע פון מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען אלע אומגליקלעך, יעדער אויף זיין אופן, געפינען זיך עטלעכע מיליאָנען אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכסטע, גערויבטע פון יעדער מענטשנרעכט, וואָס קוקן ארויס אויף זיין מעכטיק וואָרט, ווי אויף משיחן . . .

„מיר איז נישט אָפּגעגאָלטן צו זיין אין יאסנא פּאָליאנע (טאָלסטאָי'ס וואוינאָרט—נ.ש.). איך האָב נאָר געהאט א געלעגנהייט מיט אים בריוולעך זיך צו פארשטענדיקן וועגן א פריוואטער זאך . . ."

נאָכן קישענעווער פּאָגראָם (1903), האָט שלום עליכם זיך געווענדעט צו אים. ער האָט געוואָלט אויפרודערן „דאָס געוויסן פון אייראָפּע" און דערמיט אויפרודערן דאָס רוסישע פאָלק, די רוסישע מאסן, קעגן פּאָגראָמען אויף יידן. טאָלסטאָי, דערציילט שלום עליכם, האָט אים אָפּגעענטפערט אין געציילטע „שטארקע שטריכן".

„איינער פון זיינע בריוו — שרייבט שלום עליכם — איז געווען פארעפנטלעכט, אָבער נישט אינגאנצן. פון קישענעווער פּאָגראָם ביז איצט זיינען מיר,

דאנקען גאָט, אוועקגעגאנגען אזוי ווייט, אז איך גלויב נישט, אז איצט זאָל זיין דער מאָמענט דעם בריוו צו פארעפנטלעכן . . . "

און שלום עליכם זעצט פאָר:

„ניין, איך האָב נישט זוכה געווען צו קענען טאָלסטאָיען פערזענלעך — און דאָס וועט מיר באנג טאָן ביז מיין לעצטן טאָג אויף דער ערד. אפנים, עס איז באַשערט, אז מיר זאָלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דאָרט, אויף יענער זייט לעבן, דאָרט, וואו — לאָמיר האָפן — ס'איז נישטאָ קיין שום „טשערטא אפיעדאליסטי" און נישט קיין שום „יעווריייסקי וואָפּיאָס".

„זאָל עס נאָר נישט זיין אזוי גיך, עס ווילט זיך נאָך א ביסל אָנמוטשען אויף דער וועלט און זען, וואָס וועט זיין וויטער" . . .

שלום עליכם איז באגייסטערט פונם הומאניסט־מאָראליסט און באַ־דויערט דעריבער, וואָס ער האָט ניט געהאַט די זכיה זיך צו זען מיט אים פנים אל פנים. ער האלט טאָלסטאָיען פאר איינעם פון די חסידי אומות העולם, ווי מיר זען פון זיין הומאָריזם, אז ער האָפט זיך צו זען מיט אים, אויפן עולם העליון . . .[2]

וואָס האָט אָבער טאָלסטאָי געטאָן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם?

צום באדויערן, ווייניק וואָס געטאָן. אין 1903 האָט ער געשיקט אַ פּראָטעסט־בריוו צום קעשענעווער „שטאָט גאלאווא" (ראָט) און א מתנה פון דריי דערציילונ־גען געשיקט צו שלום עליכם'ען, זיי צו פארעפנטלעכן אין יידישן זאמלבוך „הילף", וואָס שלום עליכם האָט ארויסגעגעבן לטובת די פּאָגראָם־געליטענע. ערשט אין 1908, האָט ער פארעפנטלעכט זיין רוף: „איך קאָן נישט שווייגן"!

דער בריוו צו שלום עליכם לייענט זיך:

„סאָלאָמאָן נאאומאָוויטש,

„די שרעקלעכע נבלה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין קעשענעוו, האָט מיך קרענקלעך איבערראשט. איך האָב טיילווייז אויסגעדריקט מיין באציאונג צו דעם דאָזיקן ענין אין א בריוו צו א באקאנטן יידן, וואָס א קאָפּיע פון אים ליגט איך דאָ ביי. די טעג האָבן מיר פון מאָסקווע געשיקט א קאָלעקטיוון בריוו צום קעשע־נעווער „שטאָט־גאלאָווא", וואָס דריקט אוים אונזערע געפילן וועגן דעם דאָזיקן שרעקלעכן פאל. איך וועל זיין זייער צופרידן מיטצואווירקן פאר אייער זאמלבוך און איך וועל מיך באמיען אָנצושרייבן עפּעס, וואָס זאָל זיין צוגעפּאסט צו די אומשטענדן.

„צום באדויערן איז דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, דהיינו, אז דער איינציקער שולדיקער, נישט נאָר פון די קעשענעווער גרויזאמקייטן, נאָר פון יענעם גאנצן פירוד־הלבבות, וואָס ווערט אריינגעבראכט אין א געוויסן קליינעם טייל — און נישט קיין פּאָלקישן פון דער רוסישער באפעלקערונג — איז בלויז און נאָר די

רעגירונג, אָבער דאָס, צום באדויערן, קאָן איך נישט זאָגן אין א רוסישער געדרוקטער אויסגאבע."

דעם 6־טן מאי, 1903. (געחתמעט) „לעוו טאָלסטאָי".

אינטערעסאַנט איז, וואָס בן־ציון כ"ץ, שרייבט וועגן דעם ענין: אינטערווענץ פון רוסישע אינטעלעקטואלן וועגן קעשענעווער פּאָגראָם[4], ער שרייבט צוו"א:

„הפוגרום הקישינובי עשה רושם ניכר על האינטליגנציה הרוסית, הרבה יותר יותר מאשר הפוגרומים בשנת השמונים, אף שנמשכו כשנתים והקיפו חלק גדול של אוקריינה . . . המלומד העברי פ. גץ, עורר את החסיד שבאומות העולם וולאדימיר סולוביוב על נחיצת המחאה מצד הסופרים הרוסים, והוא שפנה לסופר הגדול ל. טולסטוי, שהסכים לחתום, ואחריו חתמו רבים, אולם אחרי הפוגרום בקישינוב התעוררו הסופרים והמלומדים הרוסים לצאת במחאה עזה ונמרצה נגד הממשלה, וכינו את הפוגרום בשמו האמתי, שהוא חרפת העם הנוצרי, טולסטוי לא רצה לחתום עליו, מפני המלים „העם הנוצרי" וחיבור מחאה משלו נגד הממשלה שרק בה הטיל האשמה . . . "

ווי מיר זען פון כ"צעס עדות זאָגן, האָט טאָלסטאָי, ווען ער איז געשטעלט געוואָרן צום נסיון, א נסיון פון ווערטער, אָבער שטאַרקערע ווי ער האָט געוואָלט, ארויסצוקומען מיט דער אמתער באַשולדיקונג קעגן דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג, וועלכע האָט דערלאָזט און שטילערהייט מסכים געווען צו פּאָגראָם־מעטאָדן, האָט ער ניט געוואָלט חתמענען . . . דאָס קריסטלעכע אין אים האָט זיך דערוועקט און ניט דערלאָזט דעם הומאַניסט באַהערשן דאָס קריסטלעכקייט, ניט אכטנדיק וואָס די קירכע האָט אים מחרים געווען. טיף אין הארץ איז ער געבליבן דער קריסט באהערשט פון דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, און דער עיקר ניט געוואָלט רעדן שלעכטס אויף די קריסטלעכע מאסן.

זיין בייטראָג צום פאָנד פון די פּאָגראָם־געליטענע, איז אויך נישט געווען מער, ווי דריי דערציילונגען, פאר דעם זאַמלבוך „הילף" וואָס דער פארלאַג „תושיה" האָט ארויסגעגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון שלום עליכם[5] און דערמיט איז דער גרויסער הומאַניסט אָפּגעקומען . . . דאָס קריסטלעכקייט אין אים האָט אים דיקטירט ניט צו פארטשעפּן זיך מיט די קריסטלעכע צאַן קדשים.

און דאָ קומען מיר צו דער הייסער פּאָלעמיק, צווישן א צאָל יידישע פּובליציסטן[6].

אהרן צייטלין, האָט זיך אויסגעדריקט[7], אז טאָלסטאָי האָט זיך ניט אָפּגערופן וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן. ער האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג באַזירט אויף א מאמר פון דר. ישראל קרניאלי אין „דבר".

דאָס האָט ארויסגערופן א שטורעם מצד די טאָלסטאָיאַנער, באַזונדערס מצד מ. אָשעראָוויטש, וואָס איז ארויסגעקומען אין „פאָרווערטס" מיט אן ארטיקל אונטערן נאָמען „א בלבול אויף טאָלסטאָי".

אויף דערויף, ענטפערט צייטלין[8], „אַ מעשה נוראָ מיט אַ בלבול", סומירנדיק:

„וואָס איז דער אמת וועגן טאָלסטאָי׳ס באַציאונג צו יידן? . . .

„טאָלסטאָי האָט מיט אַלע כחות פון זיין גרויסער נאַטור באַקעמפט דעם אַנטיסעמיט אָדער אַנטי־ייד, וואָס איז געלעגן אין זיין בלוט, פונקט ווי ער האָט כסדר באַקעמפט דאָס געצנדינערישע אין זיך. ס׳איז געווען אַ געראַנגל צווישן אינסטינקט און באַוואוסטזיין.

„אינטעלעקטועל האָט טאָלסטאָי באַנומען די גרויסקייט פון דעם יידישן רעליגיעזן גייסט. טאָלסטאָי האָט די יידישע געשיכטלעכע דערשיינונג באַוואונדערט מיט דער פולסטער אויפריכטיקייט. אָרגאַניש, אָבער האָט ער דעם לעבעדיקן ייד נישט איבעריקס גוט פאַרטראָגן . . .

„איך זאָג עס אויפן סמך פון דעם, וואָס איך האָב געלייענט אין אַ רוסיש בוך וועגן טאָלסטאָיען, געשריבן פון איוואַן נאַזשיווין, אַ רוסישער שרייבער מיט אַ נאָמען, אַ געוואַלטיקער טאָלסטאָי־אָנהענגער . . . "

צייטלין ברענגט אויך דעם פאַר אַלעמען באַקאַנטן פאַקט, אַז טאָלסטאָי האָט אָפּגעזאָגט זיך אונטערצושרייבן אויף אַן אויפרוף קעגן פּאָגראָם אין האָמעל, ווי ער האָט זיך ניט געוואָלט חתמענען אויפן אַלגעמיינעם פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם אין קעשענעוו. ער פאַרענדיקט מיט אַ ציטאַטע פון חיים גרינבערג[9], אַז „טאָלסטאָי איז אויך מיט זיין אַגראַר־אַנאַרכיסטישער אוטאָפּיזם, ווייט נישט געווען ריין פון אַנטיסעמיטישע רעאַקציעס און באַזונדערס . . . פון האַלב־אַנטיסעמיטישע פאַרשוויייגונגען".

דאָס איז געווען טאָלסטאָי, דער וואָס האָט געהאָלפן די דוכאָבאָרן און אַנדערע סעקטעס און געשריבן וועגן „באַלעבאָס און אַרבעטער" (1875); דער, וואָס האָט געפּאָרשט די 4 עוואַנגעליומס און זיך איינגעשטעלט פאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערן (1881 און 1893); דער, וואָס האָט געשילדערט די מאַכט פון פינסטערניש" (1886) און געוואָגט מיט "קריטיק פון דאָגמאַטישער גאָט־לערע" (1891); ווען ס׳איז געקומען צו יידן, האָט ער ג ע ש ו י ג ן !

די יידן, ספּעציעל זיינע פאַרערער, האָבן זיך דערמיט ניט גערעכנט. ווען אין 1928, ס׳איז געפייערט געוואָרן זיין 100־טער געבוירנטאָג, האָבן יידן אומעטום זיך באַטייליקט אין די פייערונגען, געדרוקט זיינע דערציילונגען, איבערגעזעצט זיינע ראָמאַנען, אויפגעפירט זיינע דראַמעס און געווידמעט ליטעראַרישע שריפטן לכבוד דער געשעעניש[10].

טאָלסטאָי איז אָבער ניט קיין יחיד. די אַנדערע קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור, שוין אָפּגערעדט פון דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל, טשעכאָוו און זייער גלייכן, האָבן אויך אַרויסגעוויזן אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. און ניט נאָר רוסישע; דאָס זעלביקע מיט אַ גרויסער צאָל ענגלישע, ווי דיקנס און אַנדערע, דייטשע און

פוילישע קינסטלער שריפטשטעלער האָבן פּראָפּאַגירט און פאַרשפּרייט האַס צו ייִדן. גוטע קריסטן אָבער דורכגעדרונגען מיט פאַראורטייל צו ייִדן, מיט ייִדן־האַס און דאָס ניט געקענט אויסוואָרצלען פון זיך.

נאָך מער, ייִדן־האַס געפינען מיר ניט בלויז ביי גריכיש־אָרטאָדאָקסאַלע אָדער רוימיש־קאַטוילישע קריסטן. מיר געפינען דאָס ביי די רעפאָרמער פון דער קריסטלעכער רעליגיע, ווייל אויך זיי, פאַרלאָזנדיק געוויסע טיילן פון דעם דאָגמאַטיזם, זענען ווייט געווען פון תורהדיקער מאָראַל און עטיק, זיי זענען געווען באַצויבערט פון דער עסטעטיק און צערמאָניאַל, די אַזוי גערופענע גריכיש־בלימלדיקע חכמה...

מארטין לוטער (1483-1546) למשל, וועמעס רעפאָרמאַציע האָט זיך פאַרשפּרייט פון דייטשלאַנד אין דער שווייץ, נאָכדעם קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד און אַנדערע לענדער פון צענטראַל און מערב־אייראָפּע. ער האָט צוגעשטעלט 95 פאָרשלאָגן צו דער קירכע פון וויטענבורג, גורם געווען אַז אַ העליש פייער זאָל אַרומכאַפּן אייראָפּע. ער האָט אָבער דאָך ניט אַרויסגעשטעלט קיין באַדינג, אַז ייִדן זאָל געגעבן ווערן פרייהייט און גלייכהייט.

ווען עס איז געקומען צו דער ייִדן־פראַגע, איז ער גאָרנישט ניט פריי געווען פון אַנטיסעמיטישע טענדענצן.

ב. ייִדישע עטישע מאָראַל. — **וועלט און נאַטור.** — **צוויי אַנשויאונגען.—יחוד השם.** — **נעאָ־הייִדנישעס אין קריסטנטום.** — **עשׂי־רות וואָס ברענגט נוצן.**

דער לייט־מאָטיוו ביי ייִדן באַלד פון באַגין, איז יחוד השם, אמונה אין איין־איינציקן גאָט, באַשאַפער און פירער פון דער וועלט, ווי דער רמב"ם פאָרמולירט עס אַזוי קלאָר:

„יסוד היסודות ועמוד ההוראות לידע שיש שם מצוי ראשון לכל הנמצאים, אדון כל הארץ והוא אחד ולא שנים"[1], דאָס מיינט, אַז אַ ייִד דאַרף גלויבן אַז אין אַלץ, אין אַלע נאַטור־דער־שיינונגען, סיי אין דעם אָרגאַנישן, סיי אין דעם ניט אָרגאַנישן, ווערט רעאַליזירט — ווי הרב יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק האָט עס אַזוי קלאָר מסביר געווען — דער „רצון קדמון פון בורא עולם"[2].

ער סומירט עס אין זיין צחות הלשון:

„יחוד השם פאַרלאַנגט פון מענטשן, אַז ער זאָל צוטרעטן צו אַלע דערשיינונגען, זאַכן און פערזאָנען מיט אַ רעלאַטיוון מאַסשטאַב, און זאָל זיי אָפּשאַצן נאָר אין ראַמען פון אַ סאָציאַל־היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אַלס ניט אַבסאָלוט, נישט אייביק און נישט איינגאַנצן אמת. נאָר איינער איז אַבסאָלוט, אייביק, נישט באַאיינפלוסט דורך קיין קראַפט און מאכט, פולער אמת, צדק און

חסד; נאָר איינער, איז ראשון ואחרון, דער מקור און דער תכלית — און דער איינער איז דער רבונו של עולם. חוץ אים איז אַלץ ציטווייליק, פאַרבייגייענדיק (עס שפּילט דערביי קיין ראָלע נישט ווי לאַנג א זאַך מעג עקזיסטירן), נישטיק און תהו. אויב, למשל, א ייד פאַרשטייט ניט דעם יסוד און אין זיין התפּעלות און באַוואונדערונג איז ער מעריך א נברא, מער וויפיל עס איז ווערט, איז ער אַן עובד עבודה זרה. דער ייד מעג זאָגן די דרייצן אני מאמינ׳ס אַלע טאָג, לערנען זוהר און זיין אָפּגעהיט אין א מצוה קלה כבחמורה, כל זמן ער איז איינגעגלויבט אין עפּעס, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן און שיינקט עס טרייזשאַפט, וואָס ער דאַרף געבן נאָר דעם בורא עולם, זינדיקט ער קעגן דעם „אנכי" און דעם „לא יהי׳ לך אלהים אחרים על פּני".[3]

דאָ, האָט איר די פילאָזאָפיע פון יהדות; דאָ, זעט מען דעם חילוק פון יהדות און קריסטנטום אינם עיקר העיקרים, אינעם יסוד היסודות, ווייל דאָס קריסטנטום, האָט דעם נברא געגעבן כוח פון געטלעכקייט און אים געמאַכט דעם דירעקטן שותף אין דעם בורא׳ס בריאה און אין התפּעלות פאַר אים, גענומען דינען צו אים מער ווי סתם א שותף במעשי בראשית.

דאָס איז ניט בלויז אין שייכות מיט יחוד־השם דערקענטעניש, וואָס קריסטנטום האָט היפּשלעך איבערגענומען און געוואָרן באַאיינפלוסט פונם היידנישן גלויבן, יעדנפאַלס, איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן, נאָר בכלל אין אַלע שייכותן מיטן אויפפאַסן דערשיינונגען אינעם מענטשלעכן לעבן.

אָט למשל, וועגן אָפּטימיזם און פּעסימיזם, לאָמיר זאָגן וועגן גוטס און שלעכטס, איז ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן א מהלך פון יידנטום און קריסטנטום. מיר ווילן דאָ זיך באַנוצן מיט הלל צייטלינ׳ס פאָרמולירונג, וועגן אָפּטימיזם אין יהדות:

„אין יעדן מין צער, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, איז דאָ דער הייליקער פונק פון זיין געבענטשטן נאָמען, נאָר ער איז באַהאַלטן אין א סך לבושין, הילעס, און ווען ער וועט זיך באַטראַכטן, אז אפילו דאָ, אין זיין צער, איז אויך גאָט ברוך הוא מיט אים, וועט אָפּגעדעקט ווערן דאָס לבוש און בטל ווערן דער צער".[4]

הלל צייטלין, לאָזט זיך טיפער אריין אין דער דאָזיקער חקירה, ציטירנדיק פון חסידות, דעם זאָג פון בעל־שם־טוב, אַז „דאָס שלעכטע איז בלויז די כסא, די שטול פאַר דאָס גוטע" און ער איז דאָס מסביר דערמיט, וואָס „אַלץ גייט נאָכ׳ן תכלית, און דער תכלית איז די העכסטע גאָט־דערקענטעניש, וואו עס הערשט שוין קיין שלעכטס נישט".

נאָך מער, „וואָס העכער דער מענטש הויבט זיך אויף — דערקלערט אונז דער חסידות־קענער — אַלץ נישטיקער און קלענער ווערן ביי אים די אינטערעסן פון אונזער וועלט מיט אירע געשעפטן, פאַרלאַנגען, צרות און ווייטיקן . . . "

און דאָ פירט ער אונז אין דעם היכל פונם בעל התניא,[5] אַז דער מענטש דאַרף גלויבן אין באַשעפער פון דער וועלט, אַז די גאַנצע נאַטור איז אַנטשטאַנען פון גאָרנישט און ווען דער מענטש וועט קיין איין רגע נישט אויפהערן צו טראַכטן וועגן דעם, מיט זיין טיפן פאַרשטאַנד און כסדר זיך פאָרשטעלן, אַז ער איז אַנטשטאַנען פון גאָרנישט, ווי וועט דאָס אים אַרויספאַלן אויפן רעיון, אַז אים איז שלעכט? . . .

„וואויל איז דעם — שרייבט ציטלין — וואָס זעט די גאַנצע גוטס פון דער וועלט אַלס ווילדע גראָז אין אַ גאָרטן פון קרייטיכער און די וועלט איז אין זיינע אויגן אַן אויסוואורף און אין פנים טוט ער איר שפייען . . .״[6]

מיר געפינען אין תנ״ך און אין די ווערק פון מיטלאַלטערלעכע יידישע פּאָעטן און מחברים, אויסדרוקן פון טרויער און פאַרצווייפלונג, אַזוי אין די לידער פון אברהם אבן עזרא און אַזוי אין די שריפטן פון די אַנדערע פּיטנים, מפרשים און פילאָזאָפן געפינען מיר יאוש און ניט אומזיסט, האָט ר׳ אברהם בן חסדאי איבערגעזעצט אין העברייאיש דאָס ווערק „בן המלך והנזיר״, וואָס איז איבער־פולט מיט פעסימיזם און יאוש. גאָר אַמשטאַרקסטן קומט דער אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג אין די ווערק פון ר׳ ידעיה הפניני, דער מענטש מיטן לאַגישן צוגאַנג צו זאַכן און פּאַסירונגען, וועמעס ספר „בחינות עולם״, ווערט באַטראַכט פאַר דאָס ווירקזאַמסטע ווערק אויפן געביט פון מענטש־באַטראַכטעניש, מענטש דערקענטעניש . . .

מיר גייען אַ ביסל ווייטער, צו די תפלות פון די ימים נוראים, טרויער און פחד כאַפּט אַרום די וואָס שטעלן זיך צום משפט פאַר׳ן שופט כל הארץ.

די פּערל־שנור אין דער יידישער עבודה, די אַזוי־גערופענע ליטורגיע, איז אָבער פול ניט בלויז מיט מורא פאַר׳ן דיין ומוכיח; עס איז דאָרט דאָ אַ היפּש ביסל פאַרצווייפלונג, ווי עס זאָגט זיך אין „ונתנה תוקף״:

„מיר פאַרקינדיקן די שטאַרקע הייליקייט פון היינטיקן טאָג, ווייל גרויס פּאָרכטיק איז ער, ווייל דיין הערשאַפט ווערט דערהויבן היינט און דיין שטול אין הימל — מיט גענאַד באַפעסטיקט און דו געריכט זיצסטו אויף אים מיט ווארהאַפטיקייט. עס איז וואָר און געווים, אַז דו ביזט דער קלאָגער און ריכטער און עדות. שרייבסט און חתמעסט, רעכנסט און ציילסט און געדענקסט אַלץ, וואָס לאַנג שויז פאַרגעסן. דו עפנסט דעם ספר — זכרונות וואָס ווערט פון זיך זעלבסט געלייענט און יעדערנס האַנט־שריפט איז דאָרט פאַרצייכנט, דאָ שאַלט פונם שופר דעם גרויסן, באַגלייט מיט שטיל פיינער שטים און אויפגערעגט שוועבן מלאָכים, באַגריפן פון ציטער און אַנגסט — פאַרקינדיקט מיט שרעק זייער שפּראַך: „אָט איז דער טאָג פון געריכט, צו משפט׳ן אַלע חיילות פון הימל״, ווייל זיי זיינען אויך דאָ ניט ריין אין די אויגן ביי דיר, ווען עס קומט צום געריכט. און אַלע באַוואוינער פון דער וועלט, ווי הערטשאַפטן שאָף גייען איבער פאַר דיר,

ווי דער הערט (פּאַסטוך) באַזונדער זיין הערטשאַפט, פירט זיין שאָף דורך אונטערן רוט, אַזוי טוסטו אויך פירן, ציילן, רעכענען און איינאָרדענען איעדער לעבעדיקע זעל, אַזוי באַשטימסטו ציל און מאָס פאַר איטלעכס מין באַשעפעניש און שרייבסט אָן זייער ריכטער־שפּראַך, באַשטימסט פאַר יעדן זיין גזר־דין".

אַזוי אין „אדם יסודו מעפר", אַ כמעט בודיסטישע[8] אויפפאַסונג:

„זיין (מענטש—נ. ש.) גרונט איז פון שטויב און זיין ענד איז צום שטויב, מיטן זעלבן געפאַר זיין ברויט קוים ער ברענגט, געגליכן איז ער צום צעבראָכענעם שאַרבן, ווי אַ גרעזל פאַרדאַרט, ווי אַ בליעכץ פאַרוועלקט, ווי אַ שאָטן וואָס ווייכט, ווי אַ וואָלקן פאַרשווינדט, ווי אַ ווינט טוט אַ בלאָז ווי אַ שטויב פליט אַרורך, ווי אַ טרויסט בילד פאַרשוועבט"[9].

דערביי איז אָבער דאָ האָפענונג, האָפענונג אויף גאָט'ס מאַכט און פּראַכט, האָפענונג אויף גאָט'ס רחמים און חסד, ווי עס זינגט זיך אין דער מעדיטאַציע פון „היה עם פיפיות" אָדער אינעם לויב פון „יהי כבוד":

„זאָל גאָט'ס רום אויף אייביק זיין . . . זאָל גאָט'ס נאָמען זיין געבענטשט פון איצט ביז אייביק, פון זון־אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג — געלויבט איז גאָט'ס נאָמען, דערהויבן איז גאָט איבער אַלע פעלקער, זיין הערלעכקייט איז איבער אַלע הימלען. גאָט, דיין נאָמען איז אויף אייביק, דיין אָנדענק פון דור צו דור. גאָט'ס שטול שטייט פעסט אין הימל און זיין רעגירונג איבער אַלץ געוועלטיקט. פרייען זיך די הימלען, און לוסטיק ווערט די ערד און ס'ווערט געזאָגט צווישן פעלקער: גאָט רעגירט! גאָט האָט רעגירט! גאָט וועט רעגירן אין דער אייביקער אייביקייט!"[10].

דער מענטש, ניט געקוקט אויף זיין געבוילגנקייט פאַר דעם באַשעפער, איז, ווי מיר האָבן שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעמערקט, חשוב ביים באַשעפער און ער דאַרף זיך האַלטן ביי אָט דער חשיבות.

אָדם הראשון איז דער חשובסטער פון דער גאַנצער בריאה, ער איז דער נפש החיה . . . ער איז דער באַהערשער פון דער טבע — ער מוז אָבער לויט דער תורה באַאַרבעטן ד י ט ב ע, אויב ביים באַשאַף פונם מענטש ווערט דאָס ניט געזאָגט, ווערט עס אים שפּעטער אָנגעזאָגט, „ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה"[11] וואָס איז אַ רמז, אַז „אדם לעמל יולד" און אַז ער דאַרף דעם דאָזיקן גורל זיינעם אָננעמען מיט צופרידנקייט.

דערביי האָט די תורה געשטעלט אַלס יסוד פון יהדות די צוויי אהבות: אהבת השם און אהבת הבריות. „ואהבת לרעך כמוך" איז געוואָרן דער „כלל גדול בתורה"[12] און די אהבה ווייסט ניט פון קיין קאַטעגאָריעס, אָדער קלאַסי־פיצירונג, גלייכקייט פאַר אַלע מענטשן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר פאָרמעלע און עגאַליטאַרישע גלייכקייט.

יהדות איז אין תוך דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם; דער גרונט מאָטיוו אין דער יידישער אמונה, איז בטחון! אז גאָט וויל ניט ברענגען דאָס שלעכטס, נאָר דער מענטש ברענגט אויף זיך דעם עונש, צוליב זיינע זינד.

דאָס קריסטנטום פאַרמיטלנדיק צווישן אמתן גלויבן און היידנישן, איז איינגעגאַנגען אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן, איבערלאָזנדיק רעשטלעך פון גריכנטום און פון רוימישע טראַדיציעס.

די גריכישע מיטאָלאָגיע למשל, שילדערט די קאַמפן פון די קינדער קעגן זייער פאָטער אוראַנוס וועמען געא (די ערד) האָט באַפוילן: פונם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פון אוראַנוס זאָלן געבוירן ווערן די געטינס פון נקמה, געשילדערט אַלס קינדערלאָזע פרויען מיט מוראַדיקן אויסזען. זיי זינגען מיט אַ שרעקלעך קול און ציען צו דעם בלוט־פאַרגיסער און לאָזן אים ניט רוען . . . מיר האָבן דאָ גוטהייסונג פון נקמה אין דער לעגענדע; מיטאָס איז געוואָרן רעאַליטעט אין די גריכיש־רוימישע לערעס.

די גריכיש־רוימישע לעגענדע שילדערט די קאַמפן אויפן באַרג אָלימפּוס, און, אַז צעאוס איז אַרויסגעקומען דער זיגער. צו דעם קומען צו, די פאַרשיידענע ברוטאַלע ליבעם פונם עראָס (גאָט פון ליבע) און פון אַפראָדיטאַ (ליבעס געטין), געבורט פון געטער און די מוראַדיקע סימבאָלן פון קריגעריין, אויסגעלאַסנקייטן לויטן שטייגער פון מצרים וואָס איז געווען איין גרויס שאַנדהויז — און דער סוף: אייביקער פאַראורטייל, לפתח חטאת רובץ!

ביי יידן, באַלד ביים באַגין ווערט דאָס אַלץ אויסגעוואָרצלט, געצוימט: לא ילבש גבר שמלת אשה . . . אַלץ ווערט געטובלט, געריייניקט און געהייליקט און דעריבער קומט אַרויס אַ „ישראל עם קדוש!"

העסיאָד און האָמער, זען דעם אָנהויב אַ תהו ובהו, אַז נאָר דורך דער ליבע וואָס פאַרייניקט זכר און נקבה איז געקומען נעפּל און פינצטערניש, דערנאָך ליכט, אוראַנוס (הימל) און נעפּטון (ים) און טעאָגאָניע — ערד און גאַנצער יצירה . . . יהדות אַנערקענט בלויז דעם יוצר אין דער יצירה, אַז דער באַשעפער האָט לכתחילה אַלץ באַשאַפן און אַז גאָט האָט אין זיין אומענדלעכער גוטסקייט געמאַכט אַזוי, אַז די גייסטער פון די אומפאַלקאָמע וועזנס, זאָלן זיך קענען אומענדלעך אַנטוויקלען, שטרעבנדיק צו געטלעכער הייליקער שלימות און דאָך, קיינמאָל ניט טראַכטן פון פאַרהייליקונג פונם מענטש, ווייל דאָס טראָגט מיט זיך היידנישעס, פאַלשקייט, אומקער צום גריכיש־רוימישן מיטאָס.

די יידישע טראַדיציע ווייסט ניט און אַנערקענט נישט קיין איבער־מענטשן, וואָרים עס איז ניטאָ אַזאַ צדיק אויף דער וועלט, וואָס זאָל טאָן לויטער גוטס און זאָל ניט זינדיקן („כי אָדם אין צדיק באָרץ אשר יעשה טוב ולא יחטאָ"). ניטאָ צווישן מענטשן קיין געטער, גאַנצע אָדער האַלבע. דער מענטש, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, איז בלויז מענטש, אַ בשר ודם, אָ ד ם קומט פון א ד מ ה ,

ער שטאַמט פון דער ערד און איז באַגרעניצט אין זיינע מעגלעכקייטן. גרויס קאָן ער ווערן נאָר דאַן, ווען ער טראָגט מיט זיך די גרויסע אידייע פון דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן, פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט . . . [13].

דאָס קריסטנטום, נאָכפאָלגנדיק די לערעס פון ישו פון נצרת, האָבן בלויז טעאָרעטיש־טעאָלאָגיש זיך געלאָזט אויף זיינע ווענן, אויף דער פאַראָרדנונג זיינע, נישט צוזוגעבן און נישט אָראָפּצונעמען פון וואָס עס איז געשריבן אין תורת משה, אריינגערעכנט אויך באַשיידנקייט און ליבשאַפט וואָס איז געגאַנגען אויף אַ גאָר עקסטרעמען אופן — צוזושטעלן די באַק צום שלעגער . . . אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אינם מיטלאַלטער מיט רדיפות, קרייץ־צוגן, בלוט־בלבולים און אינקוויזיציעס . . . די וועלט איז אַ בריק פאַר'ן עולם הבא — האָט ער זיי געלערנט — אָבער זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט זייערע אייגענע בנינים אויף דער בריק פון עולם הזה. די אַפּאָסטאָלן האָבן אָפּגעשפּעט פונעם מסחר ביי יידן אָבער זייערע נאָכפאָלגער האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און געשטעלט דעם רייכן העכער פונם אָרימען.

די קריסטלעכע מאָראַל פון אָרים און רייך, פון אַרבעט און געניוס איז דערמיט אַנדערש פון דער דער יידישער. „אין דער קריסטלעכע לערע — שרייבט חיים ליבערמאַן — „ווערט רייכקייט פאַרדאַמט, ווי די ערגסטע זאַך, ניט בלויז זינדיקע רייכקייט, רייכקייט אַנגעקליבן דורך עקספּלואַטאַציע, רויב און שווינדל, נאָר אפילו ערלעך־דערוואָרבענע רייכקייט.

„דעם נוצרי'ס אידעאַל איז געווען — אָרימקייט. דער רייכער מאַן, איז שוין צוליב זיין רייכקייט אַליין אַ רשע, און דער אָרימאַן, איז שוין צוליב זיין אָרימקייט אַליין אַ צדיק . . . ”

„די תורה — זאָגט ער ווייטער — וויל גאָרנישט קיין אָרימקייט”: „אפס כי לא יהיה בך אביון”[14], זי וויל, די אָרימע זאָלן ווערן רייך[15].

„אָבער”, פירט ער אויס: „רייכקייט איז אויך ניט קיין אידעאַל, פאַרקערט, מעסיקייט איז דער גרויסער אידעאַל פון יידנטום” און עשירות ווייזט ער אָן, איז ביי דעם וואָס איז צופרידן מיט זיין פאַרמעג, „איזהו עשיר? — השמח בחלקו”[16]. דאָס איז דער תמצית פון בן זומאָ'ס לערע וועגן גליק און צופרידנקייט.

חיים ליבערמאַן גייט ווייטער מיט זיינע באַהויפּטונגען:

„די גמרא זאָגט: איינע פון די אַכט זאַכן וואָס צופיל איז אומגעזונט און ווייניק איז גוט, איז רייכקייט, ווייל ס'איז מבטל פון תורה. פון האָבן צופיל גאָלד און זילבער האָבן די יידן געמאַכט דעם עגל[17].

„אונזערע חכמים האָבן אויך געוואוסט צו זאָגן, אַז די רייכע לייט פון בבל, וועלן גיין אין גיהנום אריין[18] אָבער ניט פאַר זייער רייכקייט, נאָר ווייל זיי האָבן זייער האַנט פאַרמאַכט פאַר אָרימעלייט . . . ” .

אינם קריסטנטום, קאָן מען געפינען אזא שטעלע:

„ווי צו אייך, איר רייכע! וויינט און קלאָגט אויף די צרות וואָס וועלן קומען אויף אייך . . . דער לוין פון די ארבעטער, וואָס ברענגט אייך אריין די פרוכט פון אייערע פעלקער, — דער לוין פון די ארבעטער וועלכע איר רויבט, שרייט אויף אייך און דער געשריי פון די וואָס שניידן תבואה פאַר אייך גייט ארויף אין די אויערן פון דעם אַלמעכטיקן גאָט. איר לעבט אין פארגעניגן און אין וואוילטאָג אויף דער וועלט און איר מאכט פעט אייער האַרץ, אזוי ווי צו דער שחיטה. איר באַגייט פארברעכן, איר טויטעט דעם אומשולדיקן און ער שווייגט, עפנט ניט זיין מויל . . .[19].

איז דאָך גוט און וואויל, כעס און צאָרן אויף די רייכע, פאַרדאַמונג פון זייערע מעשים — אָבער, האָבן די פאַרדאַמונגס־ווערטער געהאָלפן? בלויז געציילטע קריסטלעכע פירער, אַזעלכע ווי טאָלסטאָי, זענען דורכגענומען געוואָרן אין מחשבה און אין געפיל פון די פונדאַמענטאַלע לערעס און געזוכט צו באַווירקן אַנדערע פאַר ליבע און רחמנות.

די קריסטלעכע מאַסע איז ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פונם ביטול היש, פון מבטל מאַכן דאָס עולם הזה'דיקע. דאָסטאָיעווסקי ברענגט צום אויסדרוק דורכן מויל פונם גרויסן אינקוויזיטאָר (ברידער קאַרמאַזאָוו), ווען דער נוצרי אַליין וואָלט געקומען און געוויזן די קריסטן, אז זיי גייען ניט אין זיינע וועגן, וואָלטן זיי אים פאַרשטיינט. פרידריך ניטשע האָט עס אויסגעדריקט נאָך שאַרפער: „דער לעצטער קריסט איז געשטאָרבן אויפן צלם".

דאָס קריסטנטום, די עוואַנגעליע, וואָס זאָגט, אז זי איז ניט געקומען מבטל מאַכן, נאָר ממלא זיין, איז געגאַנגען ביז'ן עקסטרעמען פּאָזיטיוון אַלטרואיזם און אינטערפּרעטירט דעם „ואהבת לרעך כמוך" פונם אַלטן טעסטאַמענט, אז וואָס איר ווילט, מענטשן זאָלן אייך טאָן, דאַרפט איר זיי פריער טאָן[19א]. אָבער וואָס האָט ער דערגרייכט? און אפשר ליגט דער חסרון אין קריסטנטום, אין פּראָפּאַגירן „תפסת־מרובה"־אידעאָלאָגיע, וואָס איז אומפּראַקטיש און פרעמד דער ווירק־לעכקייט[19ב].

אונזער תורה, ווי אַ תורת חיים, איז ניט מבטל דאָס עולם הזה'דיקע. לעבן איז גאָר וויכטיק. די תורה וויל, אז דער מענטש זאָל זיך אויסקלייבן לעבן: „ובחרת בחיים"!

ריכטיק ציטירט ח. ליבערמאַן, די מערקווירדיקע שטעלע אין תנא דבי אליהו[20]: „כל הקץ בחיים טובים בעולם הזה — סימן רע לו", דאָס מיינט, אז „דער וואָס איז ממאס דאָס גוט לעבן אויף דער וועלט, איז אַ שלעכטער סימן פאַר אים, איז זיין שטראָף גרויס, וואָרים ער איז אַ כופר אין דער גוטסקייט פון השי"ת און איז מבזה די מתנות פון גאָט" . . . די תורה לערנט ווי אזוי צו

קאָנטראָלירן דאָס לעבן און עס דערהויבן צו קדושה, ווייל תורה איז לא בשמים היא, תורהדיק לעבן מיינט, לעבן לויט דער יידישער מאָראַל און עטיק.

אַזוי ווערט געלערנט, אַז של־שלי איז מדה בינונית, ויש אומרים, זו מדת סדום"[21] ווייל ס'ווענדט זיך ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט אייגנטום, מיטן שלעכטן באַנוץ, מאַכט מען עס פאַר אַ מדת סדום און כדי צו רעגולירן דעם כח פון אייגנטום, האָט מען עס איבערגעגעבן אין די הענט פון בית דין, הפקר בית־דין — הפקר, ווייל דער בית־דין וועט וויסן ווי צו האַנדלען און פעסטשטעלן די סאָציאַלע אָרדנונג לויט דער תורה.

דער צדיק — ווי די חז"ל כאַראַקטעריזירן אים — דאַרף ניט קיין סך. ער באַגנוגנט זיך מיט ווייניק; בלויז דער רשע, האָט קיינמאָל ניט גענוג[22]. דער צדיק האָט אָבער אַ רעכט זיך צו באַשיצן קעגן רשע, ער זאָל אים ניט באַרויבן און באַגזלען.

רכילות, באַרעדן אַ יידן, איז שטרענג פאַרבאָטן, אָבער ווען יענער באַרויבט אים, איז זיין פליכט צו דערציילן אַנדערע בכדי צו פאַרהיטן מענטשן פונם רויבער[23]. דאָס ווייזט אויף דער פּראַקטישקייט פון תורה־לעבן, אויף דער מעגלעכקייט אויסצופירן די געזעצן פון יהדות און די ערלעכע באַציאונג סיי צום אַרבעטער, סיי צום אָרימען, סיי צום בורזשוי און סיי צום עושר[24].

מערקווירדיק איז דער אויסדרוק פון ר' הערש חיות, (פריער בראָדער און נאָכדעם קאַלישער רב): „חייב אדם להגן על עצמו אם נכרי עושק ומנבל ומזלזל אותו, אבל עוד יותר מחוייב אם בן ברית עושק ומנבל ומזלזל אותו"[25].

ניט אונטערשטעלנדיק די אַנדערע באַק, נאָר פאַרטיידיקן זיך, איז די מאָראַל פון יהדות. יידישקייט האָט געלעבט און עקזיסטירט ניט דורך דער אַבסאָלוטער אויטאָריטעט, נאָר דורך דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט. אַזאַ גערעכטיקייט וואָס דערלאָזט ניט צו טיילן די מענטשהייט אין קלאַסן און סעקטעס; אַ גערעכטיקייט וואָס זוכט צו באַגרעניצן די מעגלעכקייט פון טיילן אַ פאָלק אין קאַפּיטאַליסטן און אין אָרימעלייט, נאָר אַנשטאָט דעם, צו באַזאָרגן יעדן מיט דאָס נויטיקסטע.

ניט רייכקייט און ניט אָרימקייט ווערן געשטעלט איינס העכער פון דאָס אַנדערע. דער עיקר איז די באַציאונג צום מענטש! דעריבער געפינען מיר הערלעכע אויסדרוקן אין תלמוד וועגן עשירות און אין דער זעלביקער מאָס, הערלעכע אויסדרוקן וועגן יגיעי כפים, אַרבעטער און בעלי מלאכה וואָס לעבן פון זייער האָרעוואַניע. די פראַגע און דאָס פּראָבלעם איז, ווי אַזוי דער מענטש לעבט, אויף וואָסערע יסודות האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן און אַז ער זאָל וויסן דעם ציל פון זיין לעבן — און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס „די עשירות איז דער גרעסטער שטיין אויף דעם וועג פונם אמת'ן מענטשלעכן גליק"[26], קאָן דער מענטש זיך דערהויבן אַפילו אין עשירות און מען מוז ניט אָננעמען די עקסטרעמע מיינונגען פון די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן, וועלכע האָבן דערנידעריקט

עשירות ביזן גרונט און געהאַלטן, אַז בלויז יסורים און אָרימקייט דערהויבן דעם מענטש צו מלכות שמים . . .

דאָס קריסטנטום האָט געלערנט:

„ס'איז לייכטער אַ קעמל דורכצוגיין דורך דעם שפּעלטל פון אַ נאָדל, ווי אַן עושר אַריינצוקומען אין „מלכות שמים" . . . אָדער, „הערט מיינע ליבע ברידער, די אָרימע פון דער וועלט האָט דאָך גאָט אויסדערוויילט, זיי זאָלן זיין רייך אין גלויבן און די יורשים פון דער מלוכה, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זיינע גוטע פריינט"[27].

„די רייכע באַרויבן אייך און שלעפּן אייך צום בית דין . . . ווי צו אייך, איר רייכע פון פאָלק, וויינט און קלאָגט אויף די צרות, וואָס וועלן אייך באַגעגענען. אייער עשירות וועט צעפוילט ווערן און אייערע טייערע קליידער וועלן מילבן צעפרעסן . . . דאָס גאַנצע עקלהאַפטע פאַרמעגן אייערס וועט קעגן אייך עדות זאָגן און וועט צעפרעסן אייער לייב . . . דער שכר פון די פּועלים טוט דאָך שרייען . . . און דאָס געשריי פון די שניטערס האָט דערגרייכט צו די אויערן פון גאָט דעם הערשער . . . "

און נאָך זאָגט דער גאַליליער צו זיינע תּלמידים: „וואויל וועט אייך זיין ווען מ'וועט אייך זידלען און באַליידיקן און אויף אייך פאַלשע בלבולים אויס־טראַכטן צוליב מיין נאָמען" . . .

אָט די פאַרביטערטקייט קעגן רייכע און דאָס לייגן זיך פאַר יעדן — דאָס איז פרעמד צום יהדות, אַזוי ביים באַגין און אַזוי ביי דער דורותדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָנצעפּציע פון דערהויבנקייט — און מיר וועלן זיך דאָ באַגנוגענען מיט ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דער צוואָה וואָס דער רמב"ם האָט געשריבן צו זיין זון, און אין וועלכער ס'שטראַלט אויף פאַר אונזערע אויגן די עטישע געשטאַלט פון אונזערע גרויסע חכמים און לערער פאַר וועלכע דער רמב"ם איז געווען אַ ליכט־טורעם:

„איר זאָלט אייך יחוסן מיט אייערע גוטע מדות און זיך באַגנוגענען מיט אייער ערלעכקייט, ווייל ס'איז ניטאָ קיין גרעסערער יחוס ווי מאָראַל, און קיין בעסערע ירושה ווי ערלעכקייט. זייט מקרב דערוויילטערטע. בייגט אייך אַראָפּ צו די דערנידעריקטע, זייט פריינטלעך צו באַליידיקטע, דערבאַרעמט זיך אויף גערדריקטע, פרייט זיך מיט זייער פרייד, געדענקט זיי אין אייערע ימים טובים, און זעט זיי זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן פון אייערע מתּנות . . .

איר זאָלט זיין באַשיידן, ווייל באַשיידנקייט איז אַ לייטער אַרויפצושטייגן צו גרויסקייט. דינט אייערע פריינט און קרובים מיט אייער גוף, און מיט אַלץ וואָס גאָט האָט אייך באַשאָנקען, אָבער ניט מיט אייער נשמה, ווייל די נשמה איז אַ געטלעכע מתּנה".

דאָס איז די קאָנצעפּציע פון דערהויבנקייט ביים ראַציאָנאַליסט, דעם רמב"ם, ביי וועמען דער שלטון השכל איז געשטאַנען איבער אַלץ און וועמעס השפּעה איז אייביק[28] און זיין פילאָזאָפיע איז דאָך, דורכגעגאַנגען אַלע סטאַדיעס פון דענקען יסודותדיק, לויט אפילו די הנחות פון אויגוסט קאָמט[29], אַז יעדע איינע פון די אָנפירנדיקע קאָנצעפּציעס . . . גייט דורך דריי טעאָרעטישע באַדינגונגען: די טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און וויסנשאַפטלעכע, וועלכע ער רופט די פּאָזיטיווע.

וו מיר האָבן אין די ביז איצטיקע פּרקים אָנגעוויזן, איז סאָציאַלער עטיק אין עיקר, אַ באַדינג אין דער יידישער אמונה און ס'איז ניט קיין וואונדער דער סינטעז פון צדק און אמונה אין תנ"ך — און ביי אַלע וואָס זענען באַהויכט פונם תנ"כ'ישן גייסט.

ג. סאָציאַלע עטיק איז אַ באַדינג. — פּראַקטישער אידעאַליזם. — אויף נסים פאַרלאָזט מען זיך ניט. — צדק און אמונה גייט סינ־טעטיש זאַלבענאַנד.

מיר דערלויבן זיך ציטירן אַ פּסוק אין ירמיה[1], וואָס ברענגט קלאָר אַרויס, לויט דעם קאָמענטאַר פון חז"ל, די דאָזיקע דינאַמיש־יסודותדיקע לערע:

„הלוואי, וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזט און מיין תורה געהיט . . . ווייל דורך דעם ליכט אין איר, וואָלטן זיי אומגעקערט צום גוטן"[2].

דאָס אָפּהיטן די מצוות, לייטערט דעם מענטשן און פירט אים צו דער ריכטיקער אמונה. אין היטן די מצוות ליגט די חכמה: „ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם" . . . און דער תלמודישער צוגאָב איז, אַז „לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות", אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס און לייטערן דעם גוף און די נשמה. איינהאַלטן דעם יצר און זיך איבערגעבן דעם יוצר . . .

אויך דערין ליגט אַ טיפער אונטערשייד צווישן יהדות און קריסטנטום.

דאָס קריסטנטום פאַרהייליקט דעם נזיר, דעם מענטשן וואָס שיידט זיך אָפּ, וואָס טיילט זיך אָפּ פון הנאות פון דער וועלט . . . אפילו הייראַט פאַרבאָט די קאַטוילישע קירכע צו גייסטלעכע. די תורה פאַרבאָט גאָרניט הנאות פון דער וועלט. הייראַט איז פון די ערשטע און וויכטיקסטע מצוות, פּריה ורביה איז די ערשטע מצוה אין דער תורה און דער נזיר דאַרף גאָר ברענגען אַ קרבן. דער קרבן איז אַ פאַרגעבונג פאַר זיין זינדיקן מיט אָננעמען נזירות. יידישקייט גיט דעם מענטש אַ נאָך־שווערערן וועג — צו באַהערשן דעם יצר און נאָכפאָלגן גאָט'ס וועגן: „וכי אפשר לאדם להלוך אחרי השכינה . . . אלא להלוך אחרי מידותיו: מה הוא מלביש ערומים . . . אף אתה הלבש ערומים, מה הוא מבקר חולים, אף אתה בקר חולים . . ."[3]. און געדענקען דאַרף מען, אַז ניט מיט אייגענע כוחות מאַכט מען פאַרמעגן, נאָר ער, דער „הזן את העולם כולו"; ער, דער באַשעפער, גיט פאַר אַלעמען! נאָר מיר, די מענטשן זענען שולדיק אויב ס'איז דאָ הונגער אויף דער וועלט.

די תורה וויל דאָס באַזאָרגן און זאָגט אָן:

„וגר לו תונה" . . .

„כל אלמנה ויתום לא תענון" . . . [4].

„כי עבד הם . . . ולא ימכרו ממכרת עבד"[5].

„את כספך לא תתן לו בנשך" . . . [6].

„לא תטה משפט גר יתום" . . . [7].

„מאזני צדק . . . יהי' לכם" . . . [8].

און נאָך און נאָך אזעלכע סאָציאַלע מצוות, וואָס זענען אַן עיקר און יסוד אין געזעצגעבונג און דורך וועלכע ס'ווערט אַנטפּלעקט דאָס ליכט פון יהדות.

אַזוי איז עס געווען אין אַלע דורות ביז אונזער אייגענעם דור.

די יידישע געשיכטע פאַנגט זיך אָן מיט דער עפּאָכע אין וועלכער דער פעאָדאַלער סיסטעם האָט געהערשט, ווען לאַנד און באָדן האָבן באַזעסן יחידים און די אָרימערע האָבן געאַרבעט אַלס שקלאַפן און טאָג־אַרבעטער. „כי לי כל הארץ"! — קומט דאָס געטלעכע וואָרט.

דער ארץ ישראל באָדן ווערט צעטיילט, ניט לויט קלאַס און קאַסטע, נאָר לויט צאָל מענטשן און באַדערפענישן. די כהנים, די וואָס זענען ביי אַלע פעלקער די פּריווילעגירטע, זיי קריגן ניט קיין לאַנד. זיי קריגן תרומה־מעשרות פאַר זייער אַרבעט. אַפילו דער כח פונם מלך, ווערט קאָנטראָלירט און באַגרעניצט „לבלתי רום לבבו מאחיו". אלע יידישע קינדער ווערן באטראכט פאר בני מלכים.

די סאָציאַלע געבאָטן אין דער תורה זענען באַזירט אויף דער אקסיאָמע, אַז אַלץ געהערט צו גאָט, ווי דער פּסוק זאָגט: „לי הכסף ולי הזהב . . . " און אויב דו גיסט צדקה, גיסטו זיינס, „תן לו משלו שאתה ושלך שלו" . . . דערמיט ווערן באַקעמפט די אינערלעכע עגאָאיסטישע טענדענצן און אינדיווידואַליסטישע געוואוינהייטן . . . מ'טאָר ניט באַגזלן אָדער פאַרשעמען דעם אָרימאַן, ווייל עס איז פּונקט ווי מען באגזלט און מען פארשעמט גאָט. ווען מען שפּייזט אים ניט, נעמט מען זיין נשמה פון אים[9].

אין תנ"ך און אין תלמוד ווערט אנערקענט, אַז דאָס איינשאַפן די פּרנסה פונם מענטש, איז ווי קריעת ים סוף[10] און די יידן זענען באַליבט, בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן מקבל געווען די תורה און באַזעלט געוואָרן פון די סאָציאַלע און עטישע געבאָטן[11], ווי דער נביא ירמיה דריקט זיך אויס „כי כאשר ידבק האזור על מתני איש כן הדבקתי אלי את כל בית ישראל[12] און דער מדרש אינטער־פּרעטירט: „ . . . אמר משה לפני הקב"ה: רבונו של עולם: משבעים אומות שלך, אין אתה מצוני אלא על ישראל בלבד, ואל בנ"י תאמר, ואל בנ"י תדבר, אמור אל בנ"י, דבר אל בנ"י וכו' א"ל, מפני שהם דבוקים בי"[13]. יידן זענען באהאָפטן געוואָרן צום השם יתברך, ביים באַרג סיני, דורך קבלת התורה.

די נביאים און שפּעטער די בעלי התלמוד האָבן אין אָט דער דבקות געזען די מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון ח ט א י ם , פון זינד און מילאָ וועלן ניט זיין קיין חוטאים און אין דעם געזען אַ באַזע פאַר דער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס זיי האָבן באַטראַכט רעאַליזירבאַר אין אַ תורהדיקער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור.

„יתמו ח ט א י ם מן הארץ" — האָט די קלוגע ברוריה אָנגעוויזן איז געשריבן און ניט ח ו ט א י ם . . .[14]. די הויפּט־זאַך איז, באַזייטיקן די רעגונגען צו זינד און במילא וועלן ניט זיין קיין זינדיקע.

דער רמב"ם שטעלט עס אַוועק אַזוי קלאָר:

„כאשר יאמין האדם אלה היסודות כולם ונתברר אמונתו בהם הוא נכנס בכלל ישראל ומצוה לאהבו ולרחם עליו בכל מה שצוה השם יתברך איש לרעהו מן האהבה והאחוה, ואפילו עשה מה שיכול מן העברות מחמת התאוה והתגברות הטבע הגרוע, הוא נענש כפי חטאיו אבל יש לו חלק לעולם הבא והוא מפושעי ישראל. וכשנתקלקל לאדם יסוד מאלה היסודות, הרי יצא מן הכלל וכפר בעיקר"[15].

רבי יוסף אלבו, דער בעל העיקרים, באַגרעניצט נאָך מער די יסודות. ער שטעלט זיי, אויף: מציאות השם, תורה מן השמים, ושכר ועונש" . . .

די דאָזיקע יסודות זענען וויכטיק צו קאָנטראָלירן דעם מענטשלעכן יצר און אים דערהויבן צו די עכט־מענטשלעכע, סופּער־הומאַנע, געטלעכע פּרינציפּן.

און נאָך אַ זאַך מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אין קלאָר מאַכן די חילוקים פון יהדות און די קריסטלעכע לערעס:

דאָס קריסטנטום, לערנט, אַז מ'דאַרף זיך סומך זיין אויף נסים. יידן, וואָס זענען „מלומדים בנסים" (לויט רש"י'ס אויסדרוק), לעבן אַ דאַנק נסים, פאַרלאָזן זיך ניט אויף נסים. די חז"ל לערנען: „אין סומכין על הנס", מ'טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף נסים. „ווי מינדערווערטיק איז דער דאָזיקער מענטש, וואָס צוליב אים האָט מען געענדערט די געזעצן פון דער נאַטור"[16]. אין הימל איז מען ניט גערן צו צערודערן דעם גאַנג פון דער טבע, חוץ אין צייט ווען מ'מוז באַווייזן געטלעכע אַנטפּלעקונג . . .

דער וואָס וועט זיך נעמען אין הארצן — זאָגט דער רמב"ם — אַז ער וועט ניט טאָן קיין מלאָכה, וועט זיך ניט לערנען קיין פּראָפעסיע, נאָר בלויז לערנען תורה און זיך מפרנס זיין דורך אַ נס, דורך צדקה וואָס גוטע לייט וועלן אים געבן, דער פאַרשוועכט גאָט'ס נאָמען, איז מבזה די תורה און לעשט אויס דאָס ליכט פון תורה[17].

דער מענטש דאַרף טאָן אַלץ וואָס ס'איז נויטיק, ער זאָל האָבן חיונה אויף אַן ערלעכן וועג און דערביי קובע זיין עתים לתורה — און ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן אָדער צו נסים מן השמים. ווער עס האַנדלט ערלעך — לויטעט אַ מאמר חז"ל — איז ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה[18].

די נביאים באַמיען זיך צו דערוויטערן שלעכטס און ברענגען גוטס, „שנאו רע ואהבו טוב והציגו בשער משפט"[19]. זייער רוף איז: „זוכט גערעכטיקייט, שטאַרקט דעם געדרוקטן, טוט רעכט דעם יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אלמנה"[20].

די דאָזיקע פליכט איז חל אויף יעדן מענטש, פונם געוויינלעכן בירגער, ביזן העכסטן ביזן קעניג. דער קעניג, ווי דאָס פאָלק, דאַרף זיך פירן לויט די פּרינציפּן פון יושר און צדק[21].

מיכה המורשתי שטעלט אוועק דעם פּראָגראַם: „מ'האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש, וואָס איז גוט . . . טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד"[22]. דער פאַרלאַנג איז, אַ שלטון צדק, ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו . . .[23].

די האָפנונג און שטרעבונג אויף משיח'ס קומען, מיינט, ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, די האָפנונג אויף אַן אָרדנונג און וועלט־פירערשאַפט באַזירט אויף גערעכטיקייט: נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גאולה[24].

ס'איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז דעם רמב"ם'ס קעגנערשאַפט צום קריסטנטום, איז געווען ניט בלויז צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר אַ סך צוליב דער קריסטלעך־פאַרגרייזטער טעאָריע און קאָנצעפּציע פון נאַציאָנאַליזם[25] און דאָס גורם זיין אָנפאַלן און הריגות אויף יידן:

„ . . . אף (ישוע) שדמה שיהיה משיח ונהרג בבית דין, כבר נתנבא בו דניאל, שנאמר ובני פריצי עמך, ינשאו להעמיד חזון ונכשלו, וכי יש מכשול גדול מזה, שכל הנביאים דיברו שהמשיח גואל לישראל ומושיעם ומקבץ נדחיהם ומחזק מצותם, וזה גרם לאבד ישראל בחרב, ולפזר שאריתם ולהשפילם, ולהחליף התורה ולהטעות רוב העולם לעבוד אלוהי מבלעדי ד'"[25].

און צום סוף, נאָך אַ וואָרט וועגן דער באַציאונג צום אָרימאַן און די הילף וואָס מען דאַרף אים געבן. גענוג צו דערמאָנען די דינים פון לווה און מלווה: „כי תשה ברעך משאת מאומה, לא תבא אל ביתו לעבוט עבוטו . . ." אין יידיש: אויב דיין חבר איז דיר עפּעס שולדיק און דו קומסט צו אים מאָנען דיין חוב, זאָלסטו ניט אַריינגיין צו אים אינדערהיים און נעמען ביי אים אַ משכון, אין דרויסן זאָלסטו בלייבן שטיין און דער מענטש וואָס דו מאָנסט ביי אים, זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם משכון אין דרויסן . . .

די תורה האָט זיך גערעכנט מיט די געפילן פונם אָרימאַן וואָס דאַרף זיך באָרגן געלט אויף הלוואה. זיין היים, באַטראַכט די תורה ווי זיין פעסטונג; זיין פּערזענלעכע פרייהייט איז טייער און הייליק.

דאָס זעלביקע וועגן אַן אַנדער סאָרט הילף צום אָרימען מענטשן, ווי צדקה. שטיצע צום נויטבאַדערפטיקן איז אָבליגאַטאָריש[26] און אַזוי וועגן לקט[27] ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די פריערדיקע פּרקים, אָבער אַלץ מוז געטאָן ווערן אויף אַ באַשיידענעם אופן, ווייל מ'דאַרף זיך רעכענען מיט די געפילן און סענטימענטן פונעם נויטבאַדערפטיקן, פונעם אָרימאַן.

הערות

א.

1. זען, ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 37, ז"ז 720־721, בריוו פון נערווי, איטאַליע, 1־טן דעצ., 1910 צום רעדאַקטאַר פון „וועגעטאַר אבאַזרי", דר. פערפער.

2. בריוו פון 4־טן דעצ., 1910, זען יידישע קולטור; זע אויך ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 1929, נומער 25.

3. איבערגעדרוקט אין „ייד. קולטור", ניו־יאָרק, אָקט. 1953, ז' 29. זע אויך „שלום עליכם בוך", 1926, ז' 23.

4. „העברי", א', תשרי־כסלו תשי"ג, תל־אביב, ז"ז 12־13. ער ברענגט דאָרט ארויס, אַז וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און מאַקסים גאָרקי האָבן יאָ גע'חתמעט דעם שאַרפן פּראָטעסט — אָבער וועגן זיי — באַזונדער. וועגן טאָלסטאָי'ס באַציאונג צו יידן, צו זען, אין אבא גאָרדינ'ס „עטיק און פּאָליטיק", יידישע שריפטן, באַנד 6, ז' 9.

5. דער זאַמלבוך „פיר ליטעראַטור און קונסט", מיטן נאָמען „הילף" איז דערשינען אין וואַרשע, אויגוסט, 1903 און עס זיינען אריין צוו"א, די דריי דערציילונגען אָדער לעגענדעס פון לעוו טאָלסטאָי, איבערז. פון שלום עליכם, און עס ווערט אפילו ניט דערמאָנט, אַז דער זאַמלבוך איז ארויס לטובת די געליטענע פון פּאָגראָם, אפילו דאָס האָט מען אין צאַרישן רוסלאַנד ניט דערלויבט . . .

6. דער עיקר צווישן דעם באַרימטן פּאָעט און שריפטשטעלער אהרן צייטלין און דעם פאָרשער־היסטאָריקער מ. אשעראָוויטש.

7. „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", ניו־יאָרק, פרייטיק, דעם 1־טן מאַי, 1953.

8. אין זיין וועכנטלעכער רובריק א.נ. „פון פרייטאָג ביז פרייטאָג", אונטערן סוב־קעפּל, „פּאָניע בלייבט פּאָניע", דער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", פרייטיק, דעם 22־טן מאַי, 1953.

9. **זע, „איד און וועלט", ז' 206.**

א. אלמי אין אַן אַרטיקל א.נ. „טאָלסטאָי און זיין באַציאונג צו יידן" („פרייע ארב. שטימע", אויג. 14, 1953), שרייבט צוו"א, אַז טאָלסטאָי האָט ניט געוויזן קיין גרויס חידוש אַלס מאָראַל־פילאָזאָף, „ער האָט בלויז קריסטאַליזירט די קריסטלעכע מאָראַל, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין נייעם טעסטאַמענט . . . " און ער ברענגט אויך דעם פאַקט, אַז טאָלסטאָי איז געווען אַ קעגנער פונעם ציוניזם . . . דאָס אַלץ ווייזט, אַז ער איז געווען באַאיינפלוסט פון די קריסטלעכע דאָגמעס.

מ. אשעראָוויטש, אין אַן אויספירלעכער אָפּשאַצונג אד"ט „טאָלסטאָי און די יידן" (צוקונפט, פעב. 1961, ז"ז 50־56), ווייזט נאָך אַלץ ארויס געוואַלטיקע באַגייסטערונג פאַר דעם גרויסן מאָראַליסט און ער ציטירט פון ש. דובנאָוו'ס מעמוארן, אַז יעדע מין שנאה, האָט טאָלסטאָי ניט געקענט באַנעמען — אָבער וועגן דעם אויספירלעכער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

10. ווי ווייט מען איז באַגייסטערט פון טאָלסטאָי'ען איז גענוג צו ברענגען דעם פאַקט, וואָס וועגן אים האָט מען געשריבן אין דער יידישער פּרעסע, מער ווי וועגן וועלכן ניט איז אַנדערן קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור. גענוג אַ בלעטער צו טאָן אין די אַמאָליקע וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", אין די נומערן 102־103 (פרייטיק דעם 16־טן און פרייטיק, דעם 23־טן אַפּריל, 1926, ז"ז 245־247; 265־267). אַ גרעסערן אַרטיקל אד"ט „טאָלסטאָי און טורגעניעוו", אינם נומער 116 (פרייטיק, דעם 23־טן יולי, 1926, ז"ז 487־89), אַ גרויסן ביאָ־פּסיכאָגראַפישן אַרטיקל, אד"ט: „דאָס אינטימע טאָג־בוך פון לעוו טאָלסטאָי".

אין 1928 האָט די וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער" געווידמעט אַ ספּעציעלן נומער (37, פרייטיק, דעם 14־טן סעפּט.), לכבוד דעם 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון לעוו טאָלסטאָי און דער רעדאַקטאָר נ. מייזיל, דריקט זיך אויס אין זיין אריינפיר־אָפּשאַצונג ווי פאָלגט: „מיט טיפן יראת־הכבוד און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נעמט איצט אויף די גאַנצע קולטור־וועלט די ווידער־אויפגעוואַכטע ליבע און דעם פונסניי פאַרשטאַרקטן אינטערעס צום גרויסן, וואונדערבאַרן רוסיש און אַלוועלטלעכן גאון־קינסטלער . . . " דער מאמר האָט אַן איבערפלוס פון סופּער־לאַטיוון, אומנויטיקע, אָבער ווייזט אויף דער פאַרערונג צו טאָלסטאָיען. דאָס איז געווען די זכיה פונם געניאַלן קינסטלער און מענטש, כאָטש ביי יידן האָט ער זיך דעם דאָזיקן גרויסן כבוד ניט פאַרדינט; כאָטש, ווען עס איז געקומען צו דער יידן־פראַגע, זיך ארויסצוזאָגן קעגן די פּאָגראָמען, האָט ער געקאַרגט אפילו מיט ווערטער — און זיך ניט ארויסגעוויזן פאַר דעם גרויסן „חסיד" ביי די אומות העולם, מורא געהאַט איינצושטעלן און מורא געהאַט צו טאַדלען דאָס רוסישע פאָלק, די רוסישע מאַסן . . .

ב.

1. אָנפאַנג פון „משנה תורה".
2. אין זיין וואונדערלעכער עסיי, פאַרעפנטלעכט אינם „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", יאַנ. 3, 1955.
3. דאָרט, אויספירלעך.
4. „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס", ז' 153.
5. מהרש"ז, אין זיין אגרת הקודש.
6. זע „פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס", ז' 108.
7. פון די איבערזעצונגען פון ר' מרדכילי (ה. טשעמערינסקי), ארויס דורכן פאַרלאַג „יהודיה", ווילנע־וואַרשע, תרע"ג און שטאַרק געלויבט פון אלחנן צייטלין, הי"ד, אין „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 79, וואַרשע, פרייטיק, נאָוו. 6, 1925, ז"ז 220־221.
8. אין די הייליקע שריפטן VEEDS ווערט איבערגעגעבן גענוי די בודיסטישע אמונה, די לעגענדעס ארום בודהאַ גוטאַמאַ און זיינע קאַמפן מיט די פאַלשע פּריסטער. דער וואָס איז אינטערעסירט אין אַט דער מערקווירדיקער אמונה, האָט פאַר זיך אַ גאַר רייכע ליטעראַטור אין ענגליש; אין יידיש איז אַ. אַלמי'ס ווערק וועגן בודיזם דאָס אָנערקענטסטע און אין העברייאיש איז ג. זעליקאָוויטשעס אַרבעט גאָר נוצלעך . . . בודאַ, ווי מיר זעען פון זיינע שריפטן, לייקנט אין השארת הנפש און אויך אין דער השגחה פּרטית, ווי מיר האָבן עס אָקצעפּטירט און פאַרשטאַנען. ער גלויבט אָבער אין אַ באַשעפער פון דער וועלט. די בודיסטישע רעליגיע איז אַ דורכאויס פּעסימיסטישע, פּריידיקט שטרענגען אַסקעטיזם, ווייל דער סוף איז דאָך טויט, נירוואַנאַ. זי האָט אָבער אַ הויכע מאָראַל, זי באַקעמפט די נייגונגען צו „עטמאַן"־עגאָאיזם, קנאה, נקמה, מאָרד, תאווה, און אַפּעלירט פאַר אמת און צדק. געציל זליקוביץ אין זיין תורת בודהאַ (תרגום עברי מכתבי הקודש „תריפּיתיקה" „כל משולש", ענלעך צו דער „טרינעטי" שילדערט גענוי דאָס לעבן און די אידייען פון בודאַ און בודיזם, ווי אַן אמונה — אָבער מיר מוזן מקצר זיין.
זע אויך, א. אַלמי, „בין סיני לאולימפּוס", הוצ' הספריה י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960, ז"ז 92־100.
9. איבערזעצונגען פון תפלות, דאָרט, ז' 453.
10. דאָרט, ז' 199.
11. בראשית ב', ט"ו; ש. י. פייגין, מסתרי העבר, ניו־יורק, תש"ג, ז' 7.
12. רבי עקיבא אין ירושלמי, נדרים פרק ט' הלכה י"ד; תורת כהנים, קדושים; ב"מ, ס"א; תוס' סנהדרין מ"ה, ע"א, אָנהייב־וואָרט „ברור"; רמב"ן, ויקרא, י"ט, י"ח.
13. זען, נ. שמן, די באַציאונג צום פרעמדן, 3־טער טייל.
14. דברים ט"ו, ד'.
15. דערמיט דערקלערט רש"י אויפן אָרט די סתירה פון די פּסוקים אויפן זעלבן אָרט: כי לא יהיה בך אביון און „כי לא יחדל אביון . . . " ס'ווענדט זיך, צי מען איז „עושה רצונו של מקום, צי מ'היט די תורה . . .
16. אבות ד',א'. 17. יומא פ"ו, ע"ב.
18. ביצה ל"ב, ע"ב. זען, חיים ליבערמאַן, שלום אש און קריסטנטום, באריכות.
19. פייגנבוים, רעליגיע און סאָציאַליזם, ז"ז 7־8, ציטירט פון „אגרת יעקב" ה'.
19א. מתיא 12.
19ב. זע, ספר המצות להרמב"ם, מצות עשה, ר"ו, (בצירוף הערות . . . מאת חיים העליר) הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תש"ו, וועגן אהבה צום מענטש, לויט דער תורה־יהדות.
יהודה דוד אייזנשטיין, אין זיין „אוצר וכוחים" (ניו־יאָרק, 1928) שטעלט זיך אָפּ גאָר באריכות וועגן דער עקסטרעמער, איבערטרייבעריש־גוזמאותדיקער אהבה, ווי געפּריידיקט אינעם נייעם טעסטאַמענט (באַזונדערס זיין אָפּהאַנדלונג אינעם קאַפּיטל, „ספרי האונגליון", ז"ז 315־348).
20. פּרק י"ד. 21. אבות ה', י"ג.
22. תהלים ל"ז, ט"ז, („טוב מעט לצדיק מהמון רשעים")
23. בדברים שבין אדם לחברו, כמו גזל ועושק ונזק וצער ובושת, ואונאת דברים, יכול לספר לבני אדם, גם היחיד אשר יראה יגיד כדי לעזור לאשר אשם לו ולקנא האמת — שערי תשובה לר"י, שער ג', רכ"א.
24. זע, מסלת ישרים, פּרק י"א.
25. שו"ת מהר"ץ חיות.
26. זע, הלל צייטלין „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס", ז"ז 67־68.
27. דאָרט, באריכות.
28. ס'האָט דאָך ניט געהאָלפן די קריטיק און די חרמות אויף דעם רמב"ם און זיינע ווערק מצד ר' מאיר בן טודרוס הלוי אבולפיא פון טאָלעדאָ, שפּאַניע און ניט די חרמות מצד ר' שלמה בן אברהם פון מאָנפּעליע, פראַנקרייך, יונה גערונדאַ און דוד בן שאול, וועלכע האָבן דערפירט, אַז דעם רמב"ם'ס ספרים זאָלן געוואָרפן ווערן אין פייער פון שייטער־הויפן. די גדולי הדור האָבן די שרפה פאַרלאָשן און דער רמב"ם איז געבליבן פאַרהייליקט. לערנען אין זיינע ספרים איז געוואָרן אַ מוז־זאַך און זיינע ווערק האָבן זוכה געווען צו דער גרעסטער פּאָפּולאַריטעט און צו די מערסטע פירושים פון קריטיש־אַנאַליטישע באַמערקונגען מיט פאַרענטפערונג פאַר זיינע שטעלונגען.
29. August Comte, Positive Philosophy, Vol. 1, pp. 1-2, London, 1896.

נ.

1. ט״ז, י״א. „ואותי עזבו ואת תורתי לא שמרו״ (און מיך האָבן זיי פאַרלאָזט און מיין תורה האָבן זיי ניט געהיט״
2. זע, ירושלמי, חגיגה, פרק א׳; פתיחתא דאיכה רבתי.
3. סוטה י״ד.
4. שמות, כ״ב, כ״-כ״ג.
5. ויקרא כ״ה, מ״ב.
6. דאָרט, דאָרט, ל״ז.
7. דברים כ״ד, י״ז.
8. ויקרא י״ט, ל״ו.
9. רמב״ם הלכות מלכים און הלכות תרומות ומעשרות.
10. תנחומא, ב׳.
11. פסחים קי״ה, ע״א.
12. ירמיה י״ג, י״א: וואָרים, אַזוי ווי דער גאַרטל איז באַהעפט צו די לענדן פון אַ מאַן, אַזוי האָב איך באַהעפט צו מיר דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, און דאָס גאַנצע הויז פון יהודה, זאָגט גאָט מיר צו זיין פאַר אַ פאָלק און פאַר אַ נאָמען און פאַר אַ לויב און פאַר אַ שיינקייט . . .
13. פתיחתא, ילקוט שמעוני שע״ו; פון דעם מדרש, ווייזט אויס, האָט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער גענומען זיין תפלה־געזאַנג: ווען עפעס — דבר אל בני ישראל . . .
14. בראשית רבה, ס״ו, ב׳; זע אַ פריערדיק קאַפּיטל וועגן דעם.
15. מסכת סנהדרין פרק י׳.
16. „כמה גרוע זה שנשתנו לו סדר בראשית״ — שבת נ״ג, ע״ב.
17. יד החזקה, הלכות תלמוד תורה, פרק ג׳, הלכה י׳.
18. מכילתא, אויפן פסוק ויאמר אם שמוע תשמע (שמות, ט״ו, כ״ו) און רמב״ן, דאָרט.
19. עמוס ה׳, ט״ו.
20. ישעיה א׳, י״ז.
21. דאָרט, ל״ב, א׳ — „הן לצדק ימלוך מלך״.
22. מיכה ו׳, ח׳
23. דברים א׳, ט״ז־י״ז.
24. ר׳ אַברהם, דער זון פון רמב״ם, פאַרטיידיקנדיק דעם פאָטער׳ס ראַציאָנעלע שיטה, וועגן די משיח־טעג (פירוש המשניות להרמב״ם, סנהדרין, פרק י׳) דערקלערט דעם ענין פון לויתן (אין זיין פירוש אויף „חלק״ אין סנהדרין), אַפּשטאַם פון ישעיה הנביא׳ס נבואה „ביום ההוא יפקוד ד׳ . . . על לויתן נחש . . . (כ״ז, א׳) און אינטערפּרעטירט דאָס, וואָס עס ווערט אַ סך מאָל געזאָגט אין תלמוד „לעתיד לבא״, אַז דאָס מיינט אַמאָל די טעג פון משיח און אַמאָל די צוקונפט וועלט, וועגן וועלכער ס׳ווערט געזאָגט: „העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה״ (ברכות י״ז, ע״א; זהר יתרו, פ״ג). זע, „מאמר על דרשות חז״ל (געפונען געוואָרן אין דעם אוצר הספרים פון ר״ד אַפּנהיים, געדרוקט אין ווילנער אויסגאַבע פון עין יעקב). ס׳איז כדאי צו זען די אָפּווענדונג, השגות הראב״ד, אויפן רמב״ם, אין הלכות מלכים י״ב, א׳.
25. דער דאָזיקער ציטאַט, ווי אַ סך אַנדערע זיינען צוליב די צענזורן אַרויסגענומען געוואָרן פון רמב״ם. אין דער לעצטער רמב״ם־אויסגאַבע, „משנה תורה״ הוא היד החזקה לרבנו משה בן מימון ז״ל, מהדורה חדשה מצולמת מדפוס רומי, ר״מ, עם מבוא מאת הרב י. ל. הכהן מימון, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשט״ו, „בהשתתפות משרד הדתות״, געפינט זיך דער דאָזיקער נוסח, לויטן רמב״ם כתב־יד.
26. הלכות מתנות עניים, פרק י׳, הלכה א׳.
27. פאה, ה׳, ו׳.

קאַפּיטל איין-און-צוואַנציק

אָפּשטאַמונג פון מענטש

א. דאַרוויניזם.—אָפּשטאַמונג פון מינים. — צלם אלקים און חשיבות פון מענטש.

אויף אַן אַנדער אָרט[1], שרייבן מיר, וועגן דער נייער שיטה פון עוואָלוציע, וואָס איז אויפגעקומען אינמיטן 19־טן יאָרהונדערט, דורך טשאַרלס דאַרווין (געבוירן שרוזבערי, ענגלאַנד, פעברואַר 12, 1809; געשטאָרבן דערפּלדאַון, ענגלאַנד, אַפּריל 12, 1882) און איר שייכות צום מאַרקסיזם און צו דער עוואָלוציע־סיסטעם אין אַסטראָנאָמיע, אין סאָציאָלאָגיע (אויגוסט קאָמט) און פּסיכאָלאָגיע (דורך דזשיימס מילל), אין אַנטראָפּאָלאָגיע, ביאָלאָגיע און אויף אַנדערע געביטן אין דער וויסנשאַפט.

אין צייט, ווען הערבערט ספּענסער (1820־1903) און די מאַרקסיסטן, האָבן זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין דער דאַרוויניסטישער דערקענטעניש, האָבן טעאָלאָגן און פירער פון דער רעליגיעזער געזעלשאַפט און אויך אַ צאָל וויסנשאַפטלער, ווי עאוגען דירינג (1803) באַקעמפט דעם דאַרוויניזם.

מיר ווילן דאָ בלויז אָנמערקן, אַז דער תנ"ך פאַרלייקנט ניט די פיזיש־כעמישע פאַקטאָרן אין רעגולירן די אָרגאַנישע מינים . . . ער איז אָבער קעגן די הנחות פון דאַרוויניסטישער ביאָלאָגיע און קעגן דער דיאַלעקטיק פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

די דאָזיקע וויסנשאַפטן האָבן געקענט ברענגען צו דער פאַרקרומטער נאַציסטישער ביאָלאָגיש־ראַסיסטישער הנחה, אַז „ס'איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז נאָר די באַשעפענישן וואָס זענען אַממערסטן צוגעפּאַסט צום לעבן, בלייבן ביים לעבן; און ווער ס'איז נישט צוגעפּאַסט, ווערט פאַרניכטעט: און דערפון איז נישטאָ קיין יוצא מן הכלל.

„און פון דאַנען איז דער מקור צו אַ צווייטן פּרינציפּ — דער פּרינציפּ פון נאַציזם:

„דער דאָזיקער נאַטור־געזעץ איז נוגע נישט נאָר יחידים, נאָר אויך פעלקער־גרופּן און ראַסן. דאָס יידישע פאָלק איז לויט דער נאַצי־השקפה, דאָס אַמווייניקסטן צוגעפּאַסט צום לעבן. דעריבער ליגט אויף אים דער גזר־דין פון פאַרטיליקונג"[2].

די תורה לערנט, אַז יעדע באַשעפעניש איז דאָס יצור פון באַשעפער, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך באַרעכטיקט צו גלייכקייט.

די תורה לערנט ווי אַזוי צו צוימען רשעות, ווי צו צוימען די עגאָאיסטישע נטיות ביי מענטשן, ווי צו באַהויכן אים מיט דער קאָסמישער וויזיע און מיסיע

— און צו גייסטיקער גבורה — די גבורה צו קאָנטראָלירן דעם יצר דורך העכערער מאָראַל און דורך אינערלעכער רוחניותדיקער קדושהשאַפט . . .

מיר ווילן זיך דעריבער ניט אַריינלאָזן אין די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון אַזעלכע אַנטראָפּאָלאָגן ווי גרעגאָר יאָהאַן מאַנדעל (1822-1884), אָדער סאָציאָלאָגן ווי קאַרל יאָהאַן קאַוטסקי (1854-1938) וועגן ראַסן־ריינלעכקייט, בלוט־געמיינשאַפטלעכקייט און אַז ניט געקוקט, וואָס דער נביא יחזקאל דערמאָנט אונז, אַז מיר שטאַמען פון אמורי און חתי[3], ציען מיר אונזער גענעאַלאָגישן יחוס, אַלס זרע אברהם יצחק און יעקב . . .

יידישע דענקער האָבן באַמערקט די קערפּערלעכע ענלעכקייט צווישן מענטש און חיה. שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט דער בעל התהלים, דוד המלך, געזאָגט: „אדם ובהמה תושיע ד׳" (מענטש און בהמה העלפט גאָט). יידנטום האָט אָבער געזען אינם מענטש דעם בחיר היצירה, די חלה פון דער וועלט, און, אַז ער קאָן זיך דערהויבן צו זיין אַ מלאך[4]; זיך דערהויבן צו די העכערע געטלעכע ספערן, ווייל ער איז אויך אַ גייסטיק און געזעלשאַפטלעך וועזן, לויט זיין אינערלעכן און אויסערלעכן פאָרם . . .

יידנטום זעט אין מענטש־אָפּשטאַם די געזעלשאַפטלעכקייט און זוכט אויס־צואוואָרצלען יעדן סאָרט סאָציאַלן ענגאָ. ניט בלויז אין שייכות מיט קלאַסן אונ־טערשיידן, נאָר אויך אינם געשלעכטער־קאַמף, אין שייכות מיט מענער אָדער פרויען היעראַרכיע, וואָס איז צו געפינען ביי די אַלטערטימלעכע הייד־נישע פעלקער און מיט וועלכע ס׳פאַרנעמען זיך סאָציאָלאָגן און קולטור־פאָרשער פון אַלע ריכטונגען[5].

אין דער תורה איז נישטאָ ניט קיין יחיד־ענגאָ און ניט קיין צבור־ענגאָ. דער מענטשלעכער באַשאַף איז אַן אוניווערסאַלער און ער איז באַשאַפן גאַנץ, האַרמאָניש „והאלקים מצא את האדם ישר". אַלס אַזעלכער, דאַרף דער מענטש בסדר קעמפן צו בלייבן. ער דאַרף בלייבן ישר, בכדי צו ברענגען די געטלעכע שכינה אויף דער ערד[6]. אפילו מאַן און פרוי, ווען זיי לעבן בשלום, רוט די שכינה צווישן זיי, ווי עס ווערט געזאָגט: „ער האָט צעטיילט זיין נאָמען (י ה) און האָט אים אַריינגעטאָן צווישן זיי: דעם „י" אין מאַן א י ש , דעם „ה" אין דער פרוי א ש ה , זיינען זיי זוכה, איז די שכינה צווישן זיי; זיינען זיי ניט זוכה, טוען אויסגעלאַסנקייט, פאַרנעמען זיך מיט די זינדיקע מעשים, ווערט די שכינה אָפּגעטאָן פון זיי און זיי ווערן ממש פאַרברענט, ס׳בלייבן צוויי מאָל אש[7].

דער באַשעפער זוכט צו פאַרזיכערן דעם קיום פון די פון אים באַשאַפענע. דער ערשטער געבאָט צו אָדם הראשון, איז געווען די מצוה פון פריה ורביה: „אני אל שדי פרה ורבה[8]. און געהייליקט אָט די מצוה פון קיום המין, דורך פאַרשיידענע סיגים און גאָדערם, ביים געבורט פון יידישן פאָלק, איז איינס פון די יסודות פון דער יידישער אמונה געווען, די ריינקייט פון געשלעכטלעכן לעבן

און דאָס פאַרבאָטן דעם פאַרקער מיט פרעמדע טעבטער ווייל דאָס קען צעשטערן די גאַנצקייט פון דער יידישער אומה, די ריינקייט פון משפחה־קייט וואָס ציט זיך זינט אברהם אָבינו[9].

ווענן ריינעם צוזאמענלעבן פון מאַן און פרוי, ווערט געזאָגט אין זוהר אַז קלוגשאַפט איז דער פאָטער, פאַרשטענדעניש — די מוטער: חכמה און בינה ווענן זיך אויף דער וואָגשאָל . . . פון חכמה איז געקומען בינה . . . [10] אָבער ווענן דעם באַזונדער.

מיר ווילן בלויז אָנווייזן, אַז די יידישע אמונה, די אמונה אינם מאָנאָטעאיזם, גלויבט באמונה שלימה אין דער אין־סופיקייט, קאָסמיש־אומענדעלכקייט; אַז שאַפער — באַשאַפער פון אַלע פאָרמען און געשטאַלטן, האָט ביים ברענענדיקן דאָרן איבערגעגעבן די שליחות צום גרעסטן זעער צו פאָרמירן אויפן יסוד פון אהיה, שליחות פון אייביקייט, — די גייסטיקע ווערטן און חשיבות פונם מענטש.

די יידישע עטיק און מאָראַל איז באַזירט אויפן מאָנאָטעאיזם, אויפן גלויבן אין אחדות האמונה, אינם אונטערוואָרפן פון די מענטש־זיטלעכקייט דעם אַלמעכטיקסטן ווילן, אין קעגנזאַץ צו די פילאָזאָפישע הנחות, אַז דער מענטש איז באַגאַבט געגנוג צו קאָנען זיך אַליין שאַפן די מאָראַל און עטיק, דעם אַזוי גערופענעם קאַנטישן „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו פון דער אויטאָנאָמער פאַרנונפט" וואָס דאַרף דעם מענטש דערהויבן צום הויכן פּעדעסטאַל פון מאָראַליש־עטישער שלימותדיקייט. די יידישע עטיק, ווי שכלדיק־פאַרנונפטיק זי זאָל ניט זיין, האָט זיך באַזירט אויף געטלעכער אַנטפּלעקונג[11].

די תורה פאַרלאָזט זיך ניט אויף סתם אַזוי פרייער מאָראַל, פון שטייגער „כל הישר בעיניו יעשה", ווייל אזא פרייע מאָראַל, פירט צו א מעשה פּלגש בגבעה, צו עבודה זרה, רציחה און זנות. די תורה וויל אַ הנהגה פון מלכות שמים וואָס האַלט דעם מענטשן אינערלעך פריי, גייסטיק און נשמהדיק פריי, אָבער באַזירט אויף עבודת השם, אויף אמת און חשיבות, אויף דיסציפּלין און אויטאָריטעט און אַלס אילוסטראַציע, איז כדאַי צו ברענגען אַ משנה וואָס ווייזט אויף חשיבות פון אויטאָריטעט ביי יידן.

די משנה[12] דערציילט:

„האָט געשיקט רבן גמליאל, (דער נשיא) צו ר' יהושע און אים אויפגעפאָדערט: גוזרני עליך שתבא אצלי במקלך ובמעותיך ביום כפור שחל להיות בחשבונך" (איך בין גוזר, זאָלסט קומען צו מיר מיט דיין שטעקן און מיט דיין געלט אין דעם טאָג, ווען עס פאַלט אוים יום־כפור, לויט דיין חשבון).

עס האַנדלט זיך דאָרט, ווענן אַ וויכוח צווישן די תנאים, ווענן באַשטימען דעם טאָג פון יום כפור.

האָט ר' יהושע זיך מצער געווען און דאָך געזאָגט צו ר' דוסא בן הרכינס: „אויב מ'זאָל אָפּפרעגן דעם בית־דין פון ר' גמליאל, דאַרפן מיר אָפּפרעגן איטלעכן

בית־דין וואָס איז ביי אונז אויפגעקומען פון די צייטן פון משה רבנו ביז היינט — און עס איז געזאָגט געוואָרן: און עס זענען ארויף, נדב און אביהוא און די זיבעציק זקנים פון ישראל, איז, פאַרוואָס זענען ניט אויסגערעכנט די נעמען פון די זקנים? — דאָס איז כדי אונז צו לערנען, אַז איטלעכע וואָס שטעלן צונויף דעם בית־דין ביי יידן אין זייער צייט, זענען זיי געגליכן צום בית־דין פון משה רבנו . . . "

האָט ער גענומען אין זיין האַנט דעם שטעקן און זיין געלט און איז אוועק קיין יבנה, צו ר' גמליאל'ן, אין טאָג, ווען עס איז אויסגעקומען לויט זיין חשבון יום־כפור . . .

האָט זיך אויפגעשטעלט ר' גמליאל, אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: קום אין פרידן מיין רבי און מיין תלמיד; מיין רבי אין חכמה און מיין תלמיד, ווייל דו האָסט געפאָלגט מיין באַפעל.

די יידישע מאָראַל און עטיק, שטיצט זיך שטארק אויף רעספּעקט, דיסציפּלין און אויטאָריטעט — און אויב דעם מענטשן ווילט זיך אַביסל פּארגעסן, קומט דאָס „עין רואה" וואָס לאָזט ניט אָפּ און רופט א י כ ה ? וואו ביסטו, מענטש? און די אויטאָריטעט פונם פירער ווערט געשטאַרקט, לויטן אויספיר: „ללמדך, שאפילו קל שבקלים נתמנה פרנס על הצבור, הרי הוא כאביר שבאבירים" (דיך צו לערנען, אַז אפילו, דער לייכטסטער פון די לייכסטע, ווערט באַשטימט אַלס פירער ביי יידן, דאַרף ער גערעכנט ווערן ווי פון די חשוב'סטע פון די חשובע).

די יידישע עטיק און מאָראַל איז אריין אין די „לערעס פון די אבות", גערופן אבות, ווייל די לערעס זענען ווי רייד פון עלטערן צו זייערע קינדער, פאָטערלעכע רייד וועגן הייליקייט און אידעאַליזם אינם לעבן און ניט ווייניקער פּראַקטישקייט. מאָראַליסטן פון גייסט. ניט קיין וואונדער, וואָס יידישע דיינקער און פּראָפּאַגירער פון דער יידישער עטיק, האָבן זיך פארנומען מיט קאָמענטאַרן און פּאָפּולאַריזאַציע פון די אָבות[13], אָנווייזנדיק, אַז יידיש לעבן איז ניט סובל סתירהדיקייט, אַז עס מוז זיין: כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ד' צבאות הוא[14] לויטן תלמודישן קאָמענטאַר: אם הרב דומה למלאך ד' צבאות, יבקשו תורה מפיהו"[15] און אַז עס איז ניט גענוג צו זיין אַ נאה דורש, מען מוז זיין אַ נאה מקיים און מעשה אבות סימן לבנים.

די תנ"כישע עטיק, איז באַזירט אויף גאָט'ס באַפעלערישקייט, ווייל דער מענטש, איז לויט „בראשית"־יצירה באַשאַפן געוואָרן אינם „צלם אלקים" און דאַרף זיך אָפּלערנען פון זיינע אַטריבוטן: מה הוא רחום — אף אתה . . . ביז „והייתם לי קדושים — כי קדוש א נ י . דאָס זיינען די מאָטיווירנדיקע פאַקטאָרן אין דער יידישער עטיק אין קעגנזאַץ צו דער אַטעאיסטישער עטיק און מאָראַל, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף לוין און עונש.

„איר זאָלט ניט זיין ווי די קנעכט — פלעגט אָנזאָגן אַנטיגנוס איש סוכו (א דערפל אין יהודה) תלמיד פון שמעון הצדיק—וואָס דינען דעם האַר כדי צו באַקומען לוין, נאָר ווי די קנעכט, וואָס דינען דעם האַר נישט צו באַקומען לוין און די מורא פאַר'ן באַשאַפער זאָל זיין אויף אייך[16]. מ'דאַרף מקיים זיין די באַפעלן פון גאָט מיט ליבשאַפט און דיסציפלין: אהבה און יראה, „ויהי מורא שמים עליכם" — ש מ י ם , די הימלישע גרויסקייט דאַרף באַווירקן, ווייל דאָרט איז דאָ „המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו"[17], דערזעלביקער לייט־מאָטיוו פון שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה[18]. שכר ועונש איז בלויז גילטיק אַלס סטימול, צו פירן דעם מענטש צום גוטן און באַווירקן זיין פסיכיק, לויט דעם רמב"ם'ס טעאָריע, אַז דער מענטש איז אין זיינע פאַרבאָרגענישן באַהויכט פון גוטן ווילן, נאָר אויסערלעכע אומשטענדן האַלטן אים צוריק[9].

די תנ"כישע לערע, ווי פאַרשטאַנען פון אונזערע חכמים, וויל דווקא, אַן עטישע באַנעמונג און קיום המצוות, מתוך אהבה[20] און דערנאָך קומט שוין במילא די הילף פון באַשעפער, אַז דער מענטש זאָל גיין אין אָט דעם דרך, ווי דער פסוק זאָגט: „רצון יראיו יעשה" — גאָט פאָרמירט דעם רצון פון זיינע יראים, זיי זאָלן נישט וועלן עפּעס אַנדערש און פירט אים צו דעם גענום פון זיו השכינה, צום זעלישן גליק און פרייד[21].

ב. דאַרוויניזם און וויסנ־שאַפטלעכער סאָציאַליזם. — נייער וועלט־באַנעם. — טעאָרעטישער יסוד.

דאַרווין און מאַרקס זענען, ווי געזאָגט, זייער נאָענט אין צייט־גייסט און הנחות. ביידע זיינען אויך געווען שטאַרק באַפריינדעט און בייביידן איז דער מענטש און די גאַנצע וועלט, לויטער חומר, מעכאַניזם . . . און פונקט ווי מאַרקסיסטיש־דאַרוויניסטישע, אַזוי סאָציאַליסטישע טעאָריעס, האָבן זיך באַוויזן אויף דער וועלט־אַרענע, א סך פריער, אָנהייבנדיק פון טאָמאַס מור (1478-1535) ראָבערט אָוען, שאַרל פוריע און אַנדערע.

קאַרל מאַרקס (געבוירן אין טרעוועס, דייטש־לאַנד מאַי 5, 1818; געשטאָרבן אין לאָנדאָן מערץ 14, 1883) האָט אין זיין ווערק „דאָס קאַפּיטאַל" (ערשטער באַנד דערשינען אין 1867) אַרויסגעבראַכט די יסודות פון מאַרקסיזם: זעענדיק דאָס עקאָנאָמישע געזעץ, ווי דער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט; געבנדיק דערביי, די מאַטעריאַליסטישע אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען.

קאַרל מאַרקס ווען דער פאָטער, א דייטש־יידישער אַדוואָקאַט, האָט אָפּגעשמדט, נאָך אַלס קינד, האָט זיינע טעאָריעס ניט געקענט פאַרשפּרייטן אין די דייטשע אינטעלעקטועלע קרייזן, אויך ניט געהאַט קיין דערפאָלג אין פאַריז (וואו ער איז געקומען אין 1843) נאָר גאָר אין ענגלאַנד, וואו ער האָט געפונען אַלס פריינט פרידריך ענגלס (געבוירן אין באַרמען, ריינלאַנד, נאָוועמבער 28,

1820; געשטאָרבן, לאָנדאָן, אויגוסט 6, 1895) און אַלס רעזולטאַט האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אין 1848, דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און אויך אָרגאַניזירט דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די סאַמע קאַרדינאַלסטע יסודות פון מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם: דער אַנטאַגאָניזם צווישן פּראָלעטאַריער און בורזשואַזיע; די טעאָריע פון מערווערט; די אַנאַרכיע פון פּראָדוקציע און די קריזיסן וואָס פירן צו מלחמות. זייער לאָזונג איז געווען: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך! — אָבער ווי קאָן מען פאַראייניקן מענטשן וועלכע האָבן אַנדערע נאַטורן, אַנדערע כאַראַקטערן, אַנדערע אַנשויאונגען? עס האָבן זיך באַלד געמאַכט אינערהאַלב די סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלן אומאויפהערלעכע פּאָלעמישע קאָנפליקטן און מ'האָט אָנגעהויבן אָנווייזן אויף מאַרקס'עס אומקאָנסעקווענטקייט. בלויז פרידריך ענגלס, האָט נאָכגעפאָלגט דעם מאַרקסיזם אין אַלע זיינע קאָנסעקווענצן, אינעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קלאַס, פון די קייטן, פון עקאָנאָמישער נויט און גייסטיקער אונטערדריקונג.

ווי מאַרקס, באַטראַכט ענגלס, די „פּרייע פּראָדוצענטן" ווי אַ נויטווענדיקייט אין דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע, אין דער פּלאַנמעסיקער ווירטשאַפט . . . די ממשלה פון פרייהייט ווערט געבויט אויף דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט".

מיר זענען ניט פאַראינטערעסירט אין די ביאָגראַפישע זייטן סיי פון מאַרקס'עס און סיי פון ענגלס לעבן, פונקט ווי מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט באַשרייבן דעם ייד־אַסימילאַטאָר פערדינאַנד לאַסאַל, וועלכער האָט פּאַקטיש געשאַפן די דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אָרגאַניזירט דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז אויך ניט אונזער אויפגאַבע, דאָ אָנצואווייזן אויף זייערע טענות אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע; דאָס געהערט צו פאַכמענער, מומחים אין הלכות עקאָנאָמיע, וואָס האָבן דעם באַרוף אויף די עקוויוואַלענטן און פּרעפערענצן אין די ענינים.

אונז אינטערעסירט דער סאָציאָלאָגישער טייל פון מאַרקסיזם און זיין פאַרבינדונג מיט די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייטן; ווי אַזוי די פאַרשיידענע פּראַקציעס אינם סאָציאַליזם האָבן פּרובירט אָריענטירן און אַריינלערנען אין דער טעאָריע פון מאַטעריאַליזם, וועגן וועלכער מאַרקס און ענגעלס האָבן אַזויפיל געשריבן, ספּעציעל דער לעצטער אין זיין ווערק „לודוויג פייערבאַך".

אין זיין דאָזיקן ווערק שטעלט זיך פרידריך ענגעלס אָפּ, וועגן דעם אונטערשייד פון אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. ווען מען רעדט וועגן אידעאַליסט אין דער פילאָזאָפיע מיינט מען נישט — זאָגט ער — איינעם וואָס שטרעבט צו דערהויבענע צילן, ווי מענטשן־ליבע, גוטע מידות, יושר און דאָס גלייכן; פונקט אַזוי מיינט נישט אין דער פילאָזאָפיע מאַטעריאַליסט

איינעם וואָס יאָגט זיך נאָך געמיינע צילן, ווי נאָכגעבן זיך אַלע נידעריקע תאוות, פרעסן, זויפן, איינזאַמלען געלט־פּאַרמעגנס אדגל. דער אידעאַליסט אין דער פילאָזאָפיע איז דער, וואָס האַלט, אַז די אידייע, דער געדאַנק איז געקומען פאַר דער נאַטור, פאַר׳ן מענטש, אַז די וועלט שטאַמט אָפּ פונם דענקען, אַז די מאַטעריעלע וועלט, איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פונם גייסט . . . דער מאַטעריאַליסט האַלט פּונקט פאַרקערט, אַז די אידייען זענען אָפּשפּיגלונגען אינם מענטשישן מאַרך פון דער מאַטעריעלער, קערפּערלעכער וועלט, אַז דאָס מענטשלעכע זיין איז געקומען פריער פאַר׳ן דענקען.

מאַרקס און ענגעלס, זייענדיק תלמידים פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, פון איר דיאַלעקטיק, האָבן זיי די דאָזיקע פילאָזאָפיע רעוואָלוציאָניזירט, געשאַפן די נייע ריכטונג וואָס זיי רופן איר אונטער׳ן נאָמען דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, פאַראייניקענדיק העגעלס דיאַלעקטיק מיט׳ן מאַטעריאַליזם.

דער דאָזיקער נייער וועלט־באַנעם האָט, לויט ענגעלס׳ן, זיך אויסגעצייטיקט אין מאַרקס׳ מוח אין 1845, ווען מאַרקס האָט אין זיינע באַרימטע עלף טעזיסן איבער פייערבאַכ׳ן אַרויסגעבראַכט זיין שיטה, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס מאַרקסיזם. דער עצם פון אָט דער דאָזיקער טעאָריע, ווערט דורך ענגעלס׳ן דערקלערט אין זיין הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" (1888), שרייבנדיק:

„כאָטש דער מאַניפעסט איז אונזער שותפותדיקע אַרבעט, באַטראַכט איך עס אָבער פאַר מיין חוב קלאָר צו מאַכן, אַז די פונדאַמענטאַלע הנחה, וואָס פורעמט אויס איר קערן, געהערט מאַרקס׳ן. די דאָזיקע הנחה איז: אַז אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע האָט דער הערשנדיקער אופן פון עקאָנאָמישער פּראָדוקציע און אויסטויש, און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס דרינגט דערפון נויטווענדיק אַרויס, געפורעמט דעם פונדאַמענט איבערן וועלכן ס׳קען דערקלערט ווערן, די פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע געשיכטע פון דער דאָזיקער עפּאָכע; דערפון איז געדרונגען, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט (נאָך דער אויפלייזונג פון דער פּרימיטיווער שבטים־געזעלשאַפט, וואָס די ערד איז ביי איר געווען שותפותדיק אייגנטום) איז געווען די געשיכטע פון קלאַסנקאַמפן, פאַרמעסטן צווישן עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע, הערשנדיקע און אונטערדריקטע קלאַסן; אַז די געשיכטע פון די דאָזיקע קלאַסנקאַמפן פורעמט אַ רייע עוואָלוציעס, אין וועלכע ס׳איז היינט געקומען צו אַזאַ מצב, וואו דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט — קען ניט אנדערש דערגרייכן זיין עמאַנציפּאַציע פון דער ממשלה פונם עקספּלואַטירנדיקן און הערשנדיקן קלאַס — די בורזשואַזיע — סיידן ער זאָל אין דער אייגענער צייט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אויך באַפרייען די גאַנצע געזעלשאַפט פון יעטווידער עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג, קלאַס־אונטערשידן און קלאַסנקאַמפן".

אין 1847 איז מאַרקס אַרויס מיט זיין טעאָריע וועגן מערווערט אין זיין ווערק „אָרעמקייט פון פילאָזאָפיע" — אַ קריטיק איבער פּרודאָנס פילאָזאָפיע פון אָרעמקייט און אַזוי יעדעס מאָל אַרויסגעקומען מיט קאַפּיטלען פון זיין קאַפּיטאַל — זיין רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם וועגן דער היסטאָרישער ראָלע פונם פּראָלעטאַריאַט אין ענדערן די יסודות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מיר וועלן וועגן דעם ווייטער רעדן. דאָ, ווילן מיר בלויז אָנווייזן, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקן ציל — די פאָלקאָמע באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון נויט, עלענט און שקלאַפעריי. זיי זענען אויך ביידע געווען איבערצייגט, אַז איידער מען פירט דורך אַן איבערקערעניש אין לעבן, מוז מען פריער דורכפירן אַן איבערקערעניש אין געדאַנק און זיי האָבן זיך גענומען מיט פולים רעוואָלוציאָניזירן די פילאָזאָפיע און די סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

מאַרקס האָט געשריבן די הויפּט־ווערק און ענגעלס האָט זיי פּאָפּולאַריזירט, דורך זיינע ווערק, „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט", „אורשפּרונג פון דער פאַמיליע", אַנטי־דירינג", „לודוויג פייערבאַך" און אַנדערע.

מאַרקס האָט אפשר ניט געשאַפן קיין נייע פילאָזאָפיע; ער האָט אָבער רעוואָלוציאָניזירט דעם העגעליאַניזם[1], און אַזוי אַרום געשאַפן די נייע ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע, דעם אַזוי־גערופענעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט געבראַכט צו אַן אויפברויז קעגן די פאַר־דורות אָנגענומענע סאָציאַלע און מאָראַלישע טראַדיציעס, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט"[2].

מיר הערן פון זיי אַזעלכע דערשטוינענדיקע ווערטער:

„דער גרונט באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר דער הערשאַפט פון דעם בורזשואַזן קלאַס איז די אָנזאַמלונג פון רייכטום אין די הענט פון יחידים, די אויסבילדונג און פאַרמערונג פונם קאַפּיטאַל; דער באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פונם קאַפּיטאַל איז די לוין־אַרבעט. די לוין־אַרבעט באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף דער קאָנקורענץ פון די אַרבעטער צווישן זיך . . . מיט דער אַנטוויקלונג פון גרויס־אינדוסטריע . . . ווערט אַרויסגעריסן פון דער בורזשואַזיע דער באָדן אונטער די פיס . . . איר אונטערגאַנג און דעם זיג פונם פּראָלעטאַריאַט . . . "

קעגן מאַרקס'ן זענען דאַן אַרויסגעטראָטן גאָר אָנגעזעענע סאָציאָלאָגן־עקאָנאָמיסטן, דאָך איז אים געלונגען צו שאַפן דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל"[3] און אַרויסרופן דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט צו זיין פאַרמעסט.

אויף די קאָנגרעסן זענען אויסגעפעכט געוואָרן די שטרייטן צווישן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און די טעאָריעס פון די פּרודאָניסטן, בלאַנקיסטן און אַנדערע[4].

די גרויסע אידייאישע פייער־פּראָבע איז געווען די פּאַריזער קאָמונע אין צייט פון פראַנצויזיש־דייטשן קריג אין 1870 יאָר. פראַנקרייך האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן קריזיס, דאָס פּרייסישע מיליטער האָט באַלאַגערט פּאַריז, די מאַכט פון נאַפּאָלעאָן דעם 3־טן איז געפאַלן — אין יענער צייט האָבן די פּאַריזער אַרבעטער זיך גענומען צום געווער, פאַרטריבן די מאַכט־האָבער און פּראָקלאַמירט די מאַכט פון דער קאָמונע . . .

די קאָמונע האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז זיבעציק טעג, זיבעציק העראָישע, איבערמענטשלעכע, טעג און זי איז געפאַלן.

מיטן פאַלן פון דער קאָמונע, איז אויך געפאַלן דער אינטערנאַציאָנאַל און ס'איז בלויז געבליבן דער גייסט פון אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — אָדער לויט די אויסטייטשונגען פון די דעמאָ־קראַטישע סאָציאַליסטן — די עוואָלוציע פון פּראָגרעס.

פּאַריז איז אַ צייט געווען דער צענטער פונם „אינטערנאַציאָנאַל". דאָרט, איז אין 1863 אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּראָגראַם פונם „אינטערנאַציאָנאַל". די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן עס געמאַכט, דעם אינטערנאַציאָנאַל פאַר אַ וועלט־כוח, דעריבער איז דער דורכפאַל פון דער קאָמונע געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל. גאָר באַזונדערס האָבן זיך געפילט געטראָפן די מאַרקסיסטישע אָנהענגער.

נאָכן דורכפאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אידעאָלאָגישער שטרייט אינם מאַרקסיסטישן לאַגער, אַ שטרייט וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז'ן סוף פונם ערשטן וועלט־קריג און דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. אין אַט די חילוקי דעות האָבן אַנטייל גענומען די פירער און טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי קאַרל קאַוטסקי, אָטאָ באַוער, פרידריך אַדלער, פּאָול לאַפאַרג, עדואַרד בערנשטיין, וואַנדערוועלדע, פּלעכאַנאָוו, לענין, טראָצקי און אַנדערע — אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ באַזונדער אַרבעט.

לויט דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפט, איז דער פּראָצעס און איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם — אַ פעסטגעשטעלטער, אַן אייביקער און אומפאַרענדלעכער . . . פאַר דער דורכפירונג פונם סאָציאַליזם, איז לויט אים נויטיק, אַ צענטראַליזירטע און אייגהייטלעכע מאַכט פון אַלע אַרבעטער, קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַ קליינעם שטאַב פירער, וואָס זאָל באַשטימען אַלץ וואָס יעדער איינער דאַרף טאָן און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן . .

דאָס איז געווען דער איינשטעל פונם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל".

די אַנאַרכיסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון פּרודאָן און אַנדערע האָבן קיינמאָל ניט מסכים געווען צו אַט דעם אופן פון דיינקען וועגן די פּראָצעסן פון אַנטוויקלונג אויף אַ וועג וואָס פירט צו דיקטאַטאָרישקייט; זיי אָנערקענען נישט

די מאַטעריעל־באַשטימטע פּראָצעסן, נאָר שטעלן אוים אויף דעם ווילן צו ענדערן, פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון לעבן.

פרידריך ענגעלס אַליין האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן מודה געווען אויף זייער טעות. אין אַ בריוו צו דזש. בלאָק (סעפּטעמבער 21, 1890) דריקט ער זיך אוים:

„מאַרקס און איך, זענען טיילוויז שולדיק פאַר דעם וואָס יונגערע שרייבערס לייגן אַמאָל מער געוויכט אויף דער עקאָנאָמישער זייט, ווי עס קומט איר. מיר האָבן געדאַרפט אונטערשטרייכן אָט דעם הויפּט־פּרינציפּ אין אָפּאָזיציע צו אונזערע קעגנערס, וועלכע האָבן עס אָפּגעלייקנט, און מיר האָבן ניט תמיד געהאַט די צייט, דעם פּלאַן אָדער די מעגלעכקייט, צו דערלויבן די אַנדערע מאָמענטן אין דער אינטעראַקציע, צו קומען צו זייער בארעכטיקטן אויסדרוק" . . . 7.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין תירוץ, ס'איז בלויז וויכטיק ענגעל'ס מודה זיין אין ג ע א י י ל י ק י י ט . אַ גרעסערן טעות, אַ פאַרברעכערישן, האָבן זיי געמאַכט אין זייער אָפּשאַצן דאָס יידישע פאָלק — אָבער וועגן דעם ווייטער.

ה ע ר ו ת

א.

1. אין אַ באַזונדער אַרבעט — אויספירלעך.
2. דר. מ. דווארזשעצקי, „אייראָפּע אָן קינדער", יד ושם, ירושלים (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב), 1961, ז"ז 27־28.
3. יחזקאל ט"ז, ג' — אביך האמורי ואמך חתית, דיין פאָטער איז געווען דער אמורי און דיין מוטער פון חת . . . דערמיט שטראָפט ער די יידישע טעכטער און מוטערס, וואָס האָבן אָפּגעקערט פונעם גלייכן וועג.
4. בראשית רבה, כ"ג; שבת קי"ב, ע"ב.
5. זע, אבא גאָרדין, „די פרוי און די ביבל", ניו־יאָרק, 1939 ז"ז 5־8; דאָרט, ז"ז 25־27.
6. במדבר רבה, פרשה ז'.
7. סוטה י"ז, ע"א, רש"י דאָרט. אלי' כי טוב, איש וביתו — ז"ז 5־15:
N. Drazin, Marriage Made in Heaven, 1958.
8. איך בין דער אַלמעכטיקער גאָט, פרוכפּער זיך און מער זיך — בראשית ל"ה, י"א. מלאכי ב', י"א
9. זוהר שמות, ג', ע"ב.
בראשית ט"ז, ע"ב.
10. ויבן — אמר רב חסדא, מאי דכתיב ויבן ה' את הצלע, מלמד שנתן הקב"ה בינה יתירה באשה יותר מבאיש — נדה מ"ה, ע"ב. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם געדאַנק, אַז די פרוי זאָל האָבן מער פאַרשטאַנד, ווי דער מאַן. מיר ווייסן דאָך פון אַן אַנדערן מאמר, וואָס האַלט, אַז פרויען זיינען לייכטזיניק, „נשים דעתן קלות" (ע"ז, י"ז ע"ב). טייל זאָגן, אַז דאָס מיינט מען, אַז די פרוי ווערט רייפער פאַר'ן מאַן; טייל זאָגן, אַז זייער דערציאונג קומט פריער. יעדנפאַלס זיינען פאַראַן חילוקי דעות.
11. זען, הרב צבי הכהן, דר. קליין: קולטור־פילאָסאָפישע שטודיען, אַרגענטינע, התש"ג־1943, ז"ז 36־37.
12. ראש השנה פרק ב' און אין דער גמרא: כ"ה, ע"ב.
13. אין די לעצטע דריי צענדליק יאָרן זיינען דערשינען אַ צאָל ווערק אויך אין יידיש, קאָמענטאַרן און איבערזעצונגען וועגן אבות. מיר וועלן דערמאָנען אייניקע: מרדכי באַמבערג ,אבות ותולדות (פאַרלאַג, „חבצלת", וואַרשא), תרצ"א־1931; אפרים אליהו ריבאַק, אמרי אבות, שיקאַגא, תש"ז־1947; נפתלי קראַוויץ, פרקי אבות־אַנטאָלאָגיע, העברייאישער טעקסט, יידיש און ענגליש איבערזעצונג און קאָמענטאַר, נאָך אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, אַרויסגעגעבן אין שיקאַגא, 1951.

14. מלאכי ב׳, ז׳, ווייל די ליפּן פונם כהן היטן וויסן און תורה דאַרף מען זוכן פון זיין מויל, ווייל דער שליח פון גאָט איז ער . . .
15. חגיגה ט״ו, ע״ב.
16. אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פּרס, אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פּרס, ויהי מורא שמים עליכם אבות פּרק א׳, משנה ג׳. כל מה שאתם עושים — לא תעשו אלא מאהבה, ספרי דברים.
17. איוב כ״ה, ב׳, האַרמאָניע אין הימלישן סדר ברענגט יראה און אהבה. געוועלטיקייט און פּאַרכטיקייט זיינען ביי אים און ער שאַפט שלום אין זיינע הויכן . . . האַרמאָניע אין הימלישן סדר דורך יראה און אהבה.
18. ישעיה מ׳, כ״ו; אבות ותולדות, באַמבערג, ז׳, ז׳;
19. יד החזקה, גירושין ט״ו.
20. ספרי עקב.
21. זען, דר. קליין, דאָרט באריכות, ציטירט פון מאָריץ לאַזאַרוס, די עטיק פון יידנטום, ז״ז 100־88.

ב.

1. פרידריך געאָרג ווילהעלם העגעל (1831־1770) איז געווען אָנערקענט אַלס גרויסער דייטשער פילאָזאָף, שאַפער פון דער טעאָריע, וואָס אָנערקענט אידעאַליזם אַלס טרייב־קראַפט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע.
2. דערשינען צום ערשטן מאָל אין דייטש, אין יאָר 1848 און געוואָרן די ביבל פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.
3. וועגן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און זיין אונטערגאַנג, האָט געשריבן דזשיימס גיאָם, א ווערק פון פיר בענד א.נ. „דער אינטערנאַציאָנאַל, דאָקומענטן און דעראינערונגען, 1878־1864״ דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט פינף קאָנגרעסן:
אין לאָנדאָן איז ער געבוירן געוואָרן אויף דער באַרימטער מאַסן־פאַרזאַמלונג פון „אַרבעטער פון אַלע לענדער״, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28־טן סעפּטעמבער, 1864, אין סאַן מאַרטינס האָל — דער ערשטער געלונגענער פּרואוו צו פאַרייניקן אין איין בונד אַלע ראַדיקאַל ריכטונגען. נאָכדעם זיינען פאָרגעקומען קאָנגרעסן אין גענף (3־טן סעפּטעמבער, 1866); אין לאָזאַן (8־2 סעפּטעמבער, 1867); אין בריסל, 13־6 סעפּטעמבער, 1868; אין האַג, סעפּט. 2, 1872 — דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנגרעס. בעת אין גענף איז פאָרגעקומען א צונויפקום אונטערן פאָרזיץ פון גאַריבאַלדי, דעם באַרימטן פרייהייטס־קעמפער אין איטאַליע, איז אין לאָזאַן פאָרגעקומען א זיצונג פונם אינטערנאַציאָנאַל די ביידע רעפּרעזענטאַנטן זיינען זיך צונויפגעקומען און אַרויסגעקומען מיט דער גרינדונג פון דער „ליגע פאַר שלום״.
4. די קאַמפן צווישן מאַרקס׳ן און די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָנגעהויבן ביים האַגער קאָנגרעס (1872) און געפירט צום צוזאַמענברוך פונם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל״. באַקונין און פּרודאָן האָבן ניט מסכים געווען צו די מאַרקסיסטישע טעאָריעס און מאַרקסיסטישער טאַקטיק.
5. זען, א. ש. זאַקס, „די פּאַריזער קאָמונע״, ז״ז 36־27. נאָכ׳ן דורכפאַל פונם ערשטן, איז געגרינדעט געוואָרן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1913, פאַרן אויסברוך פונם ערשטן וועלט־קריג. געפירט דערצו האָבן די דיסקוסיעס און פּאָלעמיקס צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן־סינדיקאַליסטן. ווען דאָס האָט זיך א דאַנק קאַוטסקי׳ן איינגעשטילט ביים ערפורטער קאָנגרעס און פּראָגראַם פון 1891, איז אַרויסגעקומען פון איין זייט בערנשטיינס רעוויזיאָניזם און פון דער אַנדערער זייט די גרופּע פון קאַוטסקי און פּלעכאַנאָוו, די אָרטאָדאָקסאַלע דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן; לענין, טראָצקי, ראָזא לוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט און די אַנדערע פונם לינקן פליגל, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אויף א מאָמענט אָראָפּלאָזן די פאָן פון קלאַסן־קאַמף — דער סוף איז געווען, אַז ביים צימערוואַלדער קאָנגרעס, איז אויך דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל צעפאַלן.
6. מער וועגן דער פילאָזאָפיע פון מאַטעריאַליזם, וועגן דער שעפערישער עוואָלוציע און וועגן דער שיטה פון אַנרי בערגסאָן, איראַציאָנאַליזם און קאָסמישער מיסטיק אין א ספּעציעלער פאָרשונג.
7. זע, קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס: קאָרעספּאָנדענץ 95־1846 (ענגליש), ז״ז 77־475; זע אויך „ייוו״א־בלעטער״, מאַי־יוני, 1945, באַנד 25.

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

סאָציאַליזם און אַנטיסעמיטיזם

א. איז מאַרקס געווען אַן אַנטיסעמיט? משה העס און די יידן פראַגע. — סאָציאַליסטן אין מערב און אין מזרח אייראָפּע. — אויגוסט בעבעל.

איז קאַרל מאַרקס געווען אַן אַנטיסעמיט? איז ער געווען אַ שונא פון יידנטום? איז ער געווען אַ שונא פון יהדות? האָט ער פיינט געהאַט די יידישע רעליגיע אָדער דעם ייד בכלל? די, און נאָך פראַגעס, ווערן געשטעלט, פון מאַרקסיסטן און אַנטי־מאַרקסיסטן, ווען זיי שטודירן זיינע ווערק און ווען זיי באַקענען זיך מיט זיין לעבן און אַקטיוו.

דער נאָמען קאַרל מאַרקס איז ענג פאַרבונדן מיט דער שאַפונג פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און מיט דער אָרגאַניזירונג פונם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. עס איז געווען קאַרל מאַרקס וואָס האָט צוזאַמען מיט פרידריך ענגעלס אָרגאַניזירט דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל" (גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, 28־טן סעפּטעמבער, 1864 אין סען מאַרטין האָל, לאָנדאָן, ענגלאַנד); עס איז געווען מאַרקס וואָס האָט פאַרפאַסט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" דערשינען, (1847) און אין זיין ווערק „דאַס קאַפּיטאַל" (ערשטער באַנד, דערשינען 25־טן סעפּטעמבער, 1867) אויסגעאַרבעט די יסודות פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס האָט געדאַרפט קומען, לויט זיינע אויסרעכענונגען, נאָך די אויפברויזן אין אייראָפּע[1]. ער איז דאַן אַרויסגעקומען מיט דעם לאָזונג: דער פּראָלעטאַריאַט קאָן פאַרלירן בלויז זיינע קייטן און געווינען קאָן ער די גאַנצע וועלט און נאָך מער: די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס איז די זאַך פון אַרבעטער־קלאַס גופא . . .

ווען עס איז אָבער געקומען צו דער יידן־פראַגע, הערן מיר גאָר אַנדערע ווערטער פון אָט דעם דיינקער וועלכער האָט געזוכט וועלט־גאולה און מענטש־באַפרייאונג. ניט אומזיסט, איז אין די לעצטע יאָרן אויפ׳סניי אַקטועל די טעמע: צי איז מאַרקס געווען אַן אַנטיסעמיט? צי איז ער געווען אַ שונא פון יידנטום? און שונא פון יידן . . .[2]

זיי האָבן באַטראַכט און אַנאַליזירט מאַרקס׳עס עסיי „צו דער יידן־פראַגע"[3] אין וועלכער ער פּאָלעמיזירט מיט די לינקע העגעליאַנער (ברונאָ באַוער). ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דעם ממשותדיקן יידן, דעם וואָכעדיקן יידן, ניט דעם שבת־ייד נאָר דעם ייד פונדערוואָכן . . . לאָמיר זוכן דעם סוד פון דער יידישער רעליגיע און דעם ממשותדיקן יידן . . . " .

און מאַרקס גייט ווייטער:

„וואָס איז די וואָכעדיקע באַזע פון יידנטום? תכלית, אייגנטום . . . וואָס איז דעם יידנס וואָכעדיקער קולט? געשעפטמאַכעריי. וואָס איז דעם יידנס וועלטלעכער גאָט? — געלט. דעריבער איז די עמאַנציפּאַציע פון אונזער עפּאָכע — די עמאַנציפּאַציע פון געשעפטסמאַכעריי און געלט, דאָס הייסט זיך עמאַנסיפּירן פון פּראַקטישן, רעאַלן יידנטום . . . ”[4].

יאָ!, אַזוי האָט קאַרל מאַרקס אויפגעפאַסט דעם מהות פון יידנטום. ער, דער פאָטער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, וועלכער האָט אויף זיין ווערק אָנגעשריבן: „פאַרמאַך נישט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט! אָפּעריר ניט מיט פאַלשע בילדער און לאָז זיך נישט פאַנגען פון אילוזיעס” — אָט ער, האָט געזען אין יידנטום, דעם קולט פון געשעפטסמאַכעריי און געזוכט צו באַפרייען די וועלט פון אָט דעם קולט, באַפרייען די וועלט פון יידנטום.

וויאַזוי האָבן סאָציאַליסטן באַהאַנדלט די יידן־פראַגע? וויאַזוי האָבן זיי רעאַגירט אויף מאַרקס'עס אַרויסגעזאָגטע מיינונגען? וויאַזוי האָבן יידישע סאָציאַליסטן רעאַגירט אויף די דאָזיקע באַהויפּטונגען?

אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ביזן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט הערט מען גאַנץ שוואַכע פּראָטעסטן קעגן מאַרקס'עס הנחות. שתיקה — קאָן מען זאָגן — כהודאה דמיא! ווייזט אויס, אַז אויך די פירער פון די אַנדערע פראַקציעס אינם סאָציאַליזם, האָבן געזען דעם ייד ווי אַ פּראָטאָטיפּ פון סוחר, פּראָצענטניק, וואוכערניק און שווינדלער און אויך זיי, האָבן אוודאי געזען דעם יידן, ווי מאַרקס זעט אים, אַ גרופּע באַנקירן און וואוכער . . .

בלויז איינער, האָט חוזר געווען פון שמד, היינריך היינע (געבוירן דוסלדאָרף, דייטשלאַנד דעצעמבער 13, 1799; געשטאָרבן פּאַריז, פעברואַר 17, 1856) און דערזען זיין פאַלשן שריט. אין פּלאָמיקע ווערטער זוכט ער אַ צוריקקער צום יידישן גייסט, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

„מיין שוואַכקייט צו דער גריכישער קולטור האָט זיך אָפּגעקילט. איצט זע איך, אַז די גריכן זענען געווען נאָר שיינע יונגען, אָבער די יידן זענען געווען שטאַרק און אומבויגעוודיק ניט נאָר אין די פאַרגאַנגענע צייטן . . . זיי זענען דאָס ביז היינט . . . אַמאָל, האָב איך געוואָרפן אַן אומ'חן אויף משה'ן; אַזוי ווי אין מיר האָט געהאַט אַן איבערגעוויכט דער העלענישער גייסט, האָב איך נישט געקענט מוחל זיין דעם יידישן געזעצגעבער זיין שנאה צו יעדן מין בילדערישקייט און פּלאַסטיק . . . איך האָב ניט באַמערקט, אַז משה גופא איז געווען אַ גרויסער קינסטלער . . . ער האָט ניט אויפגעשטעלט, אַזוי ווי די עגיפּטער, דענקמעלער פון ציגל און גראַניט. ער האָט געשאַפן פּיראַמידן פון מענטשן . . . גענומען אַן אָרים פאַסטוך־שבט און האָט פון אים געמאַכט אַ פאָלק . . . וואָס קאָן דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע פעלקער . . . ” .

טיף אין אים האָט געטליעט דער יידישער פּונק און געזען שיינקייט אין יידנטום (ווי אין „דער רבי פון באַכראַך" און אַנדערע ווערק).

דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, פרעמד די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער מכל המינים, אַריינגערעכנט די יידיש־אָפּשטאַמיקע אַסימילאַנטן פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָט זיך געשמדט, ווי עס האָבן געטאָן לודוויק בערנע, אברהם מענדעלסאָן (משה מענדעלסאָן'ס זון) און זיין זון פעליקס (1809-1847), דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר.

מאַרקס, דער מאַן מיטן שאַרפן חוש פאַר יושר, האָט ווייזט אויס, ניט געוואָלט זען דעם ייד, אין זיין אמתן געשטאַלט, ניט געקוקט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ווי באַקונין כאַראַקטעריזירט אים: „אינטעליגענץ און וויסן און ליידנשאַפטלעכע איבערגעבנקייט צו דער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט . . . "

עס איז מאָדנע, דער דואַליזם וואָס באַהערשט אים. פון איין זייט: גרינטלעך פאַרשטיין און באַוואוסטזיניק באַנעמען, די געשיכטע פון דער מענטשהייט; קענען גוט סאָציאַלע אַנטוויקלונגען; קענען דעמאָגראַפיש די אַנטוויקלונג פון פעלקער... פון דער אַנדערער זייט: אַזאַ פאַלשע באַנעמונג פונם מהות פון יידנטום; אַזוי וויניק קענען די נביאים; אַזוי וויניק קענען דאָס פאָלק פון וועלכן ער האָט געשטאַמט. ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס מיר געפינען אַנטיסעמיטן אין סאָציאַליסטישן לאַגער[5]. ס'איז ניט קיין וואונדער וואָס אַזאַ פיגור ביים מערב־אייראָפּיאישן סאָציאַליזם ווי עדמאָן פּיקאַר, האָט געקענט זיין אַ שונא ישראל[6] און אַרויסקומען אָפן מיט אַנטיסעמיטישע ווערק צו באַווייזן, אַז יידן מאַכן חרוב די וועלט און צעשטערן די אַרישע ציוויליזאַציע — און נאָך מער: דער ייד איז אַ פּאַראַזיט!

אים האָבן נאָכגעפאָלגט, די בלאַנקיסטן, אַזעלכע ווי נ. טרידאָן, וועלכער האָט געשריבן אַז יידן זענען די טרעגער פון בלויז שלעכטס[7].

קאַרל מאַרקס, דער מענטש וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצואַנדערשן די וועלט, איז אַליין באַאיינפלוסט געוואָרן פונם רעאַקציאָנערן אַנטיסעמיטיזם און דאָס איבערגעפלאַנצט צווישן רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, פון מזרח און מערב אייראָפּע.

די פּאַרטיידיקער פון מאַרקס'עס טעזן בנוגע דער יידן־פראַגע[8] האַלטן, אַז ער האָט געוואָלט אָוועקשטעלן די יידן־פראַגע אין דייטשלאַנד אויף אַ רעאַל־פּאָליטישן באָדן, אָבער נאָכפאָלגנדיק די מאָדע פון דער צייט, איז ער געווען געצוואונגען צו דעמאַסקירן די יידישע רעליגיע, ווייל זי איז די שטיצערין פונם קאַפּיטאַליזם — ער איז אָבער ווייט געווען פון אַנטיסעמיטיזם.

איז דאָס, אונטער אַלע אומשטענדן קיין תירוץ נישט! ער האָט דאָך געדאַרפט, פריער זיך באַקענען מיטן סאָציאַלן אינהאַלט פון דער יידישער רעליגיע און מיט די רעליגיעזע פירער פון דורות איידער ער איז אַרויסגעקומען מיט

פאַראורטיילן. ווי אַ וויסנשאַפטלער־סאָציאַליסט, האָט ער דאָך געדאַרפט זען, דעם ייד דורך אַלע דורות און ניט בלויז אין זיין געגנט, אויפן רהיין־געביט און ניט בלויז די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן . . . פון זיין צייט.

אין זיין גאָר אינטערעסאַנטער אָפּשאַצונג פון מאַרקס'ען, שרייבט אברהם ליעסין־וואַלט[9] דאָס פאָלגנדיקע:

„קאַרל מאַרקס, אָדער, לויט זיין יידישן פאַמיליע־נאָמען, קאַרל מרדכי, איז דערשינען פאַר אונז . . . אַ פעלקער באַפרייער . . . וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפירט און געשטרעבט ארויסצופירן פון פינסטערניש און שקלאַפעריי, ניט נאָר זיין פאָלק, נאָר די גאַנצע מענטשהייט"[10].

„און ניט נאָר מאַרקס דער דיינקער און ניט נאָר מאַרקס דער רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך מאַרקס דער ייד, איז פאַר אונז, יידישע סאָציאַליסטן, זייער אַ נאָענטער, זייער אַ וויכטיקער ענין"[11].

אָבער ליעסין קען ניט אוועק פונם פאַקט, און ער גיט צו, אַז מאַרקס'ען זענען געווען פרעמד יידן און יידישע פּראָבלעמען, ווי עס באַווייזן די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן, ווי אַן ענטפער צו זיין פריינט ברונאָ באַוער[12] און זיכער — גיט צו, ליעסין, דער מאַרקס־באַגייסטערטער — אָטעמט ניט זיין ענטפער מיט ליבע צו יידן. די סיבה:

„ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעקס, ווען זיין פאָטער האָט אים אָפּגעשמדט און דער אַסימילירטער פאָטער האָט שוין געזען, אַז זיין זון זאָל זיך האָדעווען אַ גוי גמור . . . אַ תינוק שנשבה בין העכו"ם, האָט דער יונגער מאַרקס פון יידן און יידישקייט ניט געוואוסט.

„אין יענער צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און דער כח פון געלט איז גרויס געוואָרן אויף דער וועלט, האָט די יידישע גרויס־בורזשואַזיע גענומען שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָלע, און זי, אָט די יידישע גרויס־בורזשואַזיע, איז עס פאַר מאַרקס'ן געווען דאָס יידישע פאָלק . . . און אין דעם זינען, האָט ער געשריבן דעם ענטפער, אַז די יידן־פראַגע, איז הויפּט־זעכלעך אַן עקאָנאָמישע . . . די קאָנקורענץ־שנאה פון דעם קריסטלעכן געלט־מענטש, און נאָר ווען עס וועט פאַרשווינדן פון דער וועלט, דער גייסט פון דעם געלט־מענטש, דער קאַפּיטאַליסטישער גייסט, דער „יידישער גייסט", ווי ער האָט עס דאָן גערופן, וועט אויך פאַרשווינדן פון דער וועלט די יידן־שנאה . . . "[13].

וויאַזוי ליעסין קאָן זיך באַפרידיקן דערמיט בלייבט אומפאַרשטענדלעך. ליעסין, דער וואַרעמער נאַציאָנאַלער ייד; ליעסין, דער הייסער יידישער פּאָעט, וועלכער רירט זיך ניט אָן אַ פּסוק פון ישעיה אָדער עמוס; ווי אַזוי קען ער דאָס פאַרענטפערן, זיך צופרידנשטעלן און שרייט ניט אויס, אַז דאָס איז איינפאַכער אַנטיסעמיטיזם . . .

ליעסין ברענגט דאָך די קריטיק אויף מאַרקס'ן מצד גאָר גוטע מאַרקסיסטן, ווי דער רוסישער פּראָפעסאָר בולגאַקאָוו, וועלכער האָט אים אָנגערופן: „אַ זון וואָס האָט אויפגעהויבן די האַנט קעגן זיין מוטער" . . . און גיט צו, אַז אויף מאַרקס'ן האָט ניט געמאַכט קיין איינדרוק דער עלילת דם פּראָצעס אין דמשק וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט.[14]

און גאָר מערקווירדיק איז, וואָס משה העס (געבוירן 1812, אין באָן דייטשלאַנד; געשטאָרבן 1875) דער מחבר פון באַרימטן ווערק „רוים און ירושלים"[15], אַ הייסער נאַציאָנאַליסט און וואַרעמער ייד, וויאַזוי האָט ער געקענט מיטאַרבעטן מיט מאַרקס'ן און גאַרנישט ניט אָנווייזן אויף זיין פאַלשקייט אין באַצוג צו יידן? וויאַזוי האָט ער געקענט אַראָפּשלינגען אָט דעם ביטערן פּיל, אַז „די עמאַנסיפּאַציאָן דען יודען איז, די עמאַנסיפּאַציאָן דער וועלט פאָן דען יודען . . . " ? וויאַזוי, האָט ער געקענט פועלן ביי זיך, צו זיין פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער ליגע?

משה העס, איז געווען דער הייסטער אָנהענגער פון דעם נאַציאָנאַליסט־טעאָרעטיקער גאָטפריד הערדער. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר דורך אַנטוויקלען די באַזונדערע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קולטורן קאָן מען דערגרייכן צו אַ בעסערער און שענערער מענטשהייט. (אַזוי האָט אויך געטראַכט יוזעף מאַדזיני, דער איטאַליענישער פרייהייטס קעמפער).

משה העס, האָט אין זיין ווערק אַרויסגעבראַכט די ווידער־געבורט פון יידישן פאָלק אין ארץ ישראל און אָנגעוויזן, אַז אוניווערסאַלע גאולה, קאָן נאָר מעגלעך זיין, ווען יעדער פאָלק־קאָלעקטיוו האָט זיין פרייהייט.

עס איז מאָדנע דאָס, וואָס העס, אַזוי באַהויכט פון יידישער פרייהייט־און־שיבת ציון אידייע, ער, זאָל אַפילו ניט באַמערקן מאַרקס'ן, אויף זיינע טעותים? מאָדנע!

איינער פון די ערשטע צו פאַרשטיין די גרויסע סכנה וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער אַנטיסעמיטיזם איז גאָר געווען אַ ניט־ייד, דער פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויגוסט ב ע ב ע ל.

דער דאָזיקער הומאַניסט און מענטשן־פריינט האָט מער פון אַלע דייטשע סאָציאַליסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ קאַרל קאַוטסקי, אַ רודאָלף הילפערדינג, אַ מערינגען, זיך גענומען באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. ער האָט באַוויזן דורך גרינטלעכע אויספאָרשונגען די פאַלשקייטן פון אַנטיסעמיטיזם.

בעבעל האָט זיך גוט אַריינגעטראַכט אין דער געשיכטע און געזוכט די סיבות פונם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע ציטן און וועגן דעם היינט אַזוי מאָדישן ראַסן־אַנטיסעמיטיזם. ער האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. שטענדיק אים געשליידערט אין פּנים אַריין. רעדנדיק וועגן די אינטעליגענטע אַנטיסעמיטן,

וואָס טראַכטן אוים פאַרשיידענע טעאָריעס אויפן יידן, און אויסן זענען זיי נאָר פּטור צו ווערן פונעם יידישן קאָנקורענט, זאָגט ער: „דער יידישער סטודענט אַרבעט פליסיקער, בשעת דער דייטשער סטודענט פאַרוועגדט ס'רוב פון זיין צייט אויף זיצן אין רעסטאַראַנען און פעכטונגס־זאַלן (כדי צוצוגרייטן זיך צו דועלן) און אין אַנדערע ערטער, וועלכע ס'איז בעסער ניט אָנצורופן . . . די יידן זענען געוויינלעך זייער פליסיק, אַרבעטן פּרעכטיק, און ס'איז נאַטירלעך, וואָס בעת די עקזאַמענס באַזיגן זיי זייערע דייטשע קאָלעגן, וועלכע פאַרוועגדן זייער צייט אויף אַ „סטודענטישן אופן".

ניטאָ נאָך איינער, וועלכער זאָל מיט אַזויפיל מוט אומדערשראָקן מוכיח זיין דעם דייטשן פאָלק, ווי בעבעל, וועלכער האָט גאָר ניט געשאָנעוועט זיינע לאַנדס־גענאָסן. ניטאָ נאָך אַזאַ קעמפּער קעגן אַנטיסעמיטיזם ווי בעבעל איז עס געווען. ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצע ענערגיע, זיין געזונטן שכל און קאַלטן אַנאַליז אויף צו באַווייזן די נאַרישקייט פון אַנטיסעמיטיזם וואָס איז אַ מכה אויפן פאָלקס־קערפּער און וואָס שטופּט אַראָפּ די מענטשהייט אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון ציוויליזאַציע און קולטור.

אַ גרויסע צאָל פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט זיך געהאַלטן ביי די פּרינציפּן וואָס בעבעל האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט. בעבעל'ס פאָרמולע: „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים" איז איינגעקריצט געווען אין זייערע מוחות.

ב. משה העס און מאַרקס־יזם. — גאולה און וועלט עמאַנציפּאַציע. — היינע'ס צוריקשליידערן קריסטלע־כע באַשולדיקונגען.

משה העס, ווי באַקאַנט, האָלט מאַרקס'ן פאַר זיין רבי אין סאָציאַליזם. אין אַ בריוו צום דייטש־יידישן שריפטשטעלער בערטאָלד אויערבאַך (דאַטירט קעלן, סעפּטעמבער 2, 1841) שרייבט ער צווישן אַנדערן: „. . . זיי גרייט צו באַקענען זיך מיט'ן גרעסטן, אפשר דעם איינציקן, אייגנט־לעכן פילאָזאָף וואָס עקזיסטירט איצט. ער שטייגט איבער לויט זיין פילאָזאָפיש־גייסטיקן פאַרנעם, ניט בלויז שטרויסן, נאָר אויך פייערבאַכן . . . וואָלט איך געקענט זיין אין באָן, וואו ער לייענט וועגן לאָגיק, וואָלט איך געוועזן זיין פליסיקסטער צוהערער . . . דר. מאַרקס . . . איז נאָך אַ גאַנץ יונגערמאַן און ער וועט דער מיטלאַלטערלעכע רעליגיע און פּאָליטיק געבן דעם לעצטן שטויס. ער פאַרבינדט דעם טיפסטן פילאָזאָפישן ערנסט מיטן שניידיקסטן וויץ; שטעלט זיך פאָר רוסאָ, וואָלטער, לעסינג, האָלבאַך, היינע און העגעל פאַראייניקט אין איין פּערזאָן — איך זאָג פאַראייניקט און ניט פאַרשמאָלצן — אָט האָסטו דיר דר. מאַרקסן".[1]

העס האָט געזען, אַז דעם גרויסן בנין פון טעאָרעטישן און פּראַקטישן סאָציאַליזם באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות, האָבן געבויט מאַרקס און

ענגעלס. אונטער זייער פּאָרמולירונג, האָט העס געפונען דעם בעסטן וועג ווי אַזוי דורכצופירן דעם סאָציאַליזם, האַלטנדיק, אַז זיין, מאַרקס' שרייבן, איז „ווי געקריצט מיט אַן אייזערנעם פּען אויף שטאָל, וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן . . . ער איז זיכער דער געניאַלסטער אין אונזער פּאַרטיי . . . ״.[2]

ווען ער האָט געגרעדט וועגן מאַרקס'ן, האָט דער סאָציאַליזם ביי אים גובר געווען און בעת ער האָט געשריבן זיין ווערק „רוים און ירושלים״ האָט דער יידישער נאַציאָנאַלער הומאַניזם און גאולה־באַגריף גובר געווען. יידישע גאולה און עמאַנציפּאַציע, האָט ער פאַרבונדן מיט דער עמאַנציפּאַציע פון פּראָלעטאַריאַט.

אָבער פריער ביאָגראַפיש־פּסיכאָגראַפיש וואָס וועט העלפן קלאָר מאַכן זיין דואַליזם.

ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. זיינע עלטערן האָבן אָפּגעשטאַמט פון דורות רבנים. זיין זיידע האָט מיט אים געלערנט און אין אים איינגעוואָרצלט ליבשאַפט צו גייסטיק־יידישע ווערטן.[3]

דער אַרום, די גאַס, איז אָבער געווען אַ פרעמד־גייסטיקער, אַ וועלטלעכער און געווירקט אויף אים, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט וועלטלעכער בילדונג. אין 1830, איז ער אַריינגעטראָטן אין אוניווערסיטעט פון באָן און דאָרט איז ער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די נייע געדאַנקען וואָס האָבן באַהערשט די סטודענטנשאַפט און ווי דער שטייגער פון יונגע מענטשן אָנגעהויבן וואַנדערן פון באַוועגונג צו באַוועגונג: אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם — און זיך געהאַלטן ביי דאָס לעצטע.

און פּונקט ווי ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן דעם וואַנדער־וועג, וואָס שייך, אידעאַלן, אַזוי האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן אַ וואַנדער־וועג אין זיין לעבן, געמוזט פאַרלאָזן זיין פאָטער'ס הויז. דער פאָטער איז געווען קעגן זיינע אידייען און אויפפירונג און קיינמאָל אים ניט געקענט מוחל זיין די פאַרשעמונג פון אים, צוליב זיין אויסקלייבן זיך אַ ניט־יידיש מיידל פון אַ שאַנד־הויז און מיט איר חתונה־געהאַט (אין יאָר 1840) אָדער געוואוינט פריִע ליבע, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט אין יענע שטורמיש־יוגנטלעכע יאָרן.

יעדנפאַלס, אויף דער עלטער איז ער געווען אַ חוזר בתשובה און איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו זיין פאָלק, צו אַ משפּחה־לעבן און אין אָט דער תקופה פון הייפקייט געשריבן זיין ווערק „רוים און ירושלים״ (1859־1860), וועלנדיק שאַפן די סינטעזע פון תורה־קדושה מיט וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם, וועלטלעכן יושר, וועלטלעכער מאָראַל.

אין יידישע פּראָבלעמען איז ער שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן נאָכ'ן בלוט־באָד און פּאָגראָם אין דמשק אין יאָר 1840. ער האָט דאַן אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דעם, און געוואָרן פאַרבונדן מיט פּראָפעסאָר גרעץ, (דאַן אַרויסגעגעבער פון אַ מאָנאַטשריפט אונטערן נאָמען „פיר דאַס וויסענשאַפט

דעם יודענטומס") און מיטגעאַרבעט אין אַלע זיינע נאָכפאָלגנדיקע אַרבעטן. ער האָט אָנגעפאַנגען פרייִדיקן דעם יידיש נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם; און גערעדט מיט גרויס כבוד און שטאָלץ, וועגן זיינע פרומע זיידעס און תלמידי חכמים.

מאַרקס'עס אַנטיסעמיטישע השפעות, האָט העס, ווייזט אויס, איגנאָרירט. זיך געמאַכט ניט ווי איגנאָרירט. זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ווייל, ווי וואָלט ער געקענט מסכים זיין צו דער מאַרקסיסטישער הנחה, אַז דאָס פּראָבלעם יידן־האַס, איז בלויז אַ פּראָבלעם פון האַנדלס־ספּעקולאַציע — און אַזוי שנעל ווי די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג וועט פאַרשווינדן, וועט דאָס יידנטום אונטערגיין אָדער אינגאַנצן רעפאָרמירט ווערן. ווי האָט ער געקענט מסכים זיין, אַז „דער וועלטלעכער יסוד פון יידנטום — איז עגאָאיזם; דער וועלטלעכער קולט פון יידן — ג ע ל ט" . . .

משה העס האָט אין זיין ווערק „רוים און ירושלים" עווענטועל צוריקגעוויזן די מאַרקסיסטיש, סאָציאַליסטיש־קאָסמאָפּאָליטישע הנחות און באַוויזן, אַז דער יידישער קאַמף פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט איז אַ קאַמף צווישן ריינעם גלויבן און דעם היידנישן, שפּעטער צווישן יידן און העלענען און נאָך שפּעטער צווישן ריינעם, אומשותפותדיקן מאָנאָטעאיזם און דאָס טריניטי — דריי־אייניקייט־קריסטנטום — און אַז יידנטום איז דער אויסדרוק פון די העכסטע שטרעבונגען פאַר אַ פרייער געזעלשאַפט, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אָרדנונג פון יושר, פרייהייט, מענטשן־רעכט און פאָלקס־רעכט.

מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט די יסודות פון אַ סאָציאַלער געזעלשאַפט; די מיטלען פון באַזירן דעם ווערט פון אַרטיקל לויט לוין און פּראָדוקציע. ער האָט אָבער געגרייזט אין זיינע איבערצייגונגען, אַז נאָר אין אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לענדער וועט דער אַרבעטער ווערן סאָציאַליסטיש־באַוואוסטזיניק און טעכניש צוגע־גרייט צו אַ רעוואָלוציאָנערער סטאַדיע פון דער עקאָנאָמיע. ער האָט אויך געגרייזט אין פאַרשטיין די נשמה פון אַ פאָלק . . .

אַ פּוילישן אויפשטאַנד האָט ער נאָך פאַרשטאַנען[4], אָבער אַ יידישן בשום אופן ניט. אין אַט די ענינים פון יידישער רעכט און פרייהייט, האָט ער זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון אַ הערדער, איידער פון אויגוסט בעבעל וועלכער האָט געהאַלטן, אַז „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די אידיאָטן".

מאַרקס האָט גיכער מסכים געווען צו אַזעלכע רייד ווי פון בעלגישן סאָציאַליסט עדמאָן פּיקאַר (1836-1924), אַז די „פילאָסעמיטן זענען די אידיאָטן פון סאָציאַליזם", אָדער צו הערדער'ס אויספירן (אין זיין „העברייער"), אַז יידן זענען אַ פאַרדאָרבענע ראַסע, אַז זיי האָבן ניט קיין געפיל פאַר ערע און פרייהייט, אַז „גאָט'ס פאָלק" וועמען דער הימל אַליין, האָט געשענקט זיין פאָטערלאַנד, איז שוין פון טויזנטער יאָרן . . . אַ פּאַראַזיטן פאָלק . . . (אַ פאָרגייער פון נאַציזם).

ווי אַ טעאָלאָג־נאַטוראַליסט, האָט הערדער אין זיין ווערק „די עלטסטע

אורקונדע דעם מענטשנגעשלעכט" (דערשינען אין 1776), באַוויזן ווי טײלן פון חומש שטאַמען פון אַן אַלטן סעמיטישן עפּאָס, אַז שיר השירים איז פּשוטע עראָטיק . . .

אינטערעסאַנט איז, אַז הערדער ווײַזט דאָך אַרויס באַגײַסטערונג און באַוואונדערונג דעם אַלטן ייִדנטום און דעם אַלטן ייִדישן ספר און אין זײַן גענעטישער שטודיע, אַנערקענט ער די גוטע זײַטן פון אַלט־ייִדנטום. עס איז ניט קיין וואונדער וואָס זײַן ווערק „אידייען צו פילאָזאָפיע דער געשיכטע", האָט געהאַט אַ געוויסן אײַנפלוס אויף אַזאַ ייִדישן דענקער, ווי רבי נחמן קראָכמאַל[5]. ווען ער האָט אָבער געשילדערט דעם ייִדן פון דעם 18־טן יאָרהונדערט, איז ער בײַ אים געווען אַ סוחר, אַ מעקלער . . . און אַז „דער כאַראַקטער פון אָט דעם פאָלק, איז אַ קריגערישער . . . זיי בענקען ניט נאָך ערע, שוץ, פאָטערלאַנד"[6].

ווען די „פּוילישע פראַגע", איז געקומען פאַר מאַרקס'ען און ענגעלס'ן, האָבן זיי זאָפאָרט גענומען אַ געהעריקע שטעלונג. זיי האָבן געזען אינם קאַמף פאַר פּוילנ'ס באַפרײַאונג (אין 1815 געוואָרן צעטײלט נאָכ'ן הייליקן דרײַ־בונד, צווישן עסטרײַך, דײַטשלאַנד און רוסלאַנד) אַ פאַקטאָר וואָס סטימולירט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אייראָפּע.

ווען ס'האָט אין 1845 אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין אייניקע טײלן פון פּוילן, האָבן זיי געאַרבעט מעשים לטובת די אויפשטענדלער. די פּוילישע פראַגע איז ניט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג. די ייִדישע פראַגע, האָט זיי ביידן ניט אינטערעסירט. ייִדישע נאַציע האָט מאַרקס ניט אויפגעפאַסט און ניט באַנומען.

איינער פון זײַנע אייניקלעך, זשאַן לאָנגע (1876־1938), זון פון שאַרל, איינער פון די גרינדער פון „ערשטן אינטערנאַציאָנאַל", מיטגליד פון דער פּאַריזער קאָמונע (1871) רעפּרעזענטירנדיק די פּרודאָניסטן, האָט באַגריפן די ייִדיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און געלערנט סאָציאַליזם פון בעבעל און באַוער און ניט בײַם זיידן מאַרקס, אָדער בײַ הערדער, פּיכטע און זייער גלײַכן. ער האָט פאַר־שטאַנען די רעכטן פון ייִדן צו בויען זייער אייגענע נאַציאָנאַלע היים.

זשאַן לאָנגע האָט גאָר אַ סך געלערנט בײַם דיכטער פון „לאָרעליי", וואָס האָט באַצויבערט מיט זײַן וואונדער־קראַפט, אַז מען מעג שטאָלצירן מיט'ן ייִדישן אָפּשטאַם, מיט די ייִדישע פּאַטריאַרכן, וועלכע האָבן אַרויסגעפירט זייער פאָלק פון שקלאַפערײַ און אָנגעזאָגט די בשורה פון פרײַהייט.

היינע האָט ניט מורא געהאַט, אין זײַן עסיי וועגן „שײַלאָק", אויסצומוסרן דער קריסטלעכער וועלט פאַר אירע עוולות קעגן ייִדן. ער געפינט שײַלאָק'ן יום כפור צו נעילה און ער הערט:

„אַ שטים, אין וועלכער ס'האָבן געריזלט טרערן, וועלכע זענען נאָך קיינמאָל מיט די אויגן נישט געוויינט געוואָרן . . . דאָס איז אַ שלוכצן, וואָס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין . . . דאָס זענען געווען וויי־געשרייען, וואָס קאָנען נאָר קומען פון

אַ ברוסט, וועלכע האָט געהאַלטן אין זיך פאַרשלאָסן דאָס גאַנצע מאַרטירערטום, וואָס אַ גאַנץ געפּייניקט פאָלק האָט אַריבערגעטראָגן זייט אַכצן יאָרהונדערטער... דאָס איז געווען דאָס כאַרכלען פון אַ נשמה, וועלכע איז געפאַלן טויט, מיד פאַר די טויערן פון הימל . . . "

און דער דיכטער רופט אויס:

„איז עס די שולד פון די יידן, וואָס דער געשעפטס־גייסט האָט זיך ביי זיי אַזוי מאַוימדיק אַנטוויקלט? די שולד ליגט אינגאַנצן אין יענער משונעת, מיט וועלכער מען האָט אין מיטלאַלטער נישט געוואָלט וויסן פון דער אינדוסטריע און באַטראַכט דעם האַנדל ווי אַ נישט איידעלע זאַך און די געלט־געשעפטן פאַר אַ קללה, און דערפאַר האָט מען איבערגעגעבן אין יידישע הענט די אינדוסטריע־צווייגן, די געלט־געשעפטן. יידן, אויסגעשלאָסן פון אַלע אַנדערע פּרנסות, האָבן במילא, געמוזט ווערן די ראַפינירטע סוחרים און באַנקירן. מען האָט זיי געצוואונגען רייך צו ווערן און געהאַסט פאַר זייער רייכטום . . . דער טראַדיציאָנעלער פאָלקס־האַס, איז געבליבן צוגעקלעפּט צו די יידן . . . די רעפּרעזענטאַנטן פון געלט־באַזיץ . . . " .

מאַרקס, אין קעגנזאַץ, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פונם וואולגאַרן אַנטיסעמיטיזם און קיינמאָל אַפילו ניט געפינען פאַר נויטיק, צו קאָמפּלימענטירן זיינע יידישע סאָציאַליסטן, פאַר זייער קאָסמאָפּאָליטישקייט און אוניווערסאַלקייט. די דיסקוסיע[7], צי ער איז געווען אַ פאָלנער אַנטיסעמיט, אָדער בלויז אַנגעשטעקט אין אַ מילדערן אַנטיסעמיטיזם, איז במילא אַן איבעריקע און אומנוצלעכע.

זיינע באַהויפּטונגען וועגן יידן[8] האָבן אָבער געבראַכט אַ סך שאָדן — און גאָר אַ סך משפּיע געווען אויף די רוסישע סאָציאַליסטן, אַזוי אויף די טעאָרעטיקער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (אויף געאָרג פּלעכאַנאָוו'ן) און אַזוי אויף די טעאָרעטיקער און פירער פון די באָלשעוויקעס[9] און אויף סאָציאַליסטישע פירער אין מערב און צענטראַל־אייראָפּע[10]. אויך די רייען פון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן זענען אַנגעשטעקט געוואָרן פון אַנטיסעמיטיזם[11].

ניט קיין וואונדער, וואָס פּלעכאַנאָוו, דערהערנדיק אין דער שווייץ, וועגן סאָציאַליסטישע פּאָגראָמען אויף יידן, איז בלויז אויפגעבראַכט געוואָרן, אָבער גאָרנישט ניט געטאָן אויף צו טאַדלען און רופן אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען.

ניט קיין וואונדער, וואָס אַזאַ משכיל, ווי יהלל, האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, שרייבנדיק[12] צווישן אַנדערן:

„און אָט זענען אָנגעקומען די פּאָגראָם־טעג. דער המון האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו די יידן, זיי צו פאַרניכטן און פאַרלענדן. דעמאָלט האָט מיין זעל זיך אָפּגעקערט פון סאָציאַליזם, ניט פון דער אידייע, אין וועלכער איך האַלט מיך איצט נאָך שטאַרקער און קרעפּטיקער, ווייל זי איז דער וועזן פון יידנטום און דער יסוד פון זיין תורה, נאָר פון די טוערס אַרום דער אידייע . . . "

מאַרקס האָט ניט פאַרשטאַנען די יסודות פון דער יידישער רעליגיע; ער האָט אויך ניט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון נאַציע אין די ראַמען שטאַט און צבור — און ער האָט ניט געוואָלט באַנעמען די לאָזונג פון נאַציע, ווי מאָדיפיצירט דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 וואָס האָט פּראָקלאַמירט: „סואווערעניטעט איז איינציק און אומצעטיילבאַר . . . אַז „די פולע סואווערעניטעט געהערט דער נאַציע", אַז ס'איז ניט קיין חילוק צי עס איז אַ יידישער קאָלעקטיוו צי אַ פּוילישער, אַזוי לאַנג ווי עס לעבן גרויסע טיילן פון דעם פאָלק און זייער וואונטש איז, אַן אייגענעם שטאַט, אַן אייגענע נאַציע, זענען זיי באַרעכטיקט דערצו: באַרעכטיקט אויף אייגענעם באָדן און באַרעכטיקט אויפן באָדן וואו זיי לעבן צווישן אַנדערע פעלקער.

ביים באַרג סיני איז פּראָקלאַמירט געוואָרן גאָט'ס קעניגרייך אויף דער ערד; זיינע מאָראַלישע געזעצן און זיין וועלט אָרדענונג פאַר דער מענטשהייט — געזעצן וואָס פאַרפליכטן אַלעמען, אָן אונטערשייד פונם קעניג ביזן פּאַסטוך; געזעצן גילטיק פאַרן יחיד און פאַר'ן כלל.

דער רעליגיעזער מאָראַלישער געוויסן איז געווען דער כח פונם נביא אין זיין באַקעמפן די אוממאָראַלישע מעשים פון דער מאַכט.

ביים בית שני און נאָכ'ן חורבן איז דער קאַמף פאַר דער מאָראַלישער גאַנצ־קייט געפירט געוואָרן פון די פּרושים, סנהדרין און חכמי התלמוד, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט זייער שאַרף קעגן דער מאַכט וואָס צווינגט דעם מענטשן צו האַנדלען קעגן זיין געוויסן און קעגן דעם געבאָט פון זיין שעפער[2].

די תורה זיכערט דעם געוויסן־פרייהייט פון דעם אינדיווידואום מיט אַלע זיינע פאָלגן און טענדענצן פון ציווילע און לעגאַלע פרייהייטן, סיי אין דער ספערע פון קאָנקרעטן און סיי אין דער ספערע פון אַבסטראַקטן אידעאַליזם. זי ברייטערט דערמיט אויס די פּערספּעקטיוו און דעם בטחון פון דעם מענטש; זי פירט אַרויס זיין דענקערישן וועלט־באַנעם, זי אַנטפּלעקט זיין דענקערישן עלעמענט וואָס זוכט תופס צו זיין דאָס גאַנצע אינם מענטש: די אינסטינקטיוו־אויפגעגאַנגענע און די רעפלעקסיוו־דערקענטעניש פון זיין נשמה. זי אַנטדעקט, ברייטערט אויס און קאָנ־טראָלירט דאָס אוניווערסאַלקייט אינם מענטשנס פּסיכיק און דערהויבט עס צו דער מדרגה פון לתקן עולם במלכות שדי.

הערות

א.

1. אויפשטאַנדן אין פּוילן קעגן צאַריזם; די ליאָנער געשעענישן פון 1831 און דער אויפברויז אין מזרח און מערב אייראָפּע אין 1848 און די יאָרן נאָך די אויפשטאַנדן — ער האָט געזוכט צו געבן אַ פאָרמולע צום עכאָ פון דורות . . .

2. די פראגע איז שוין עטלעכע מאל אויפגעהויבן געווארן פון בארימטן דיכטער־פובליציסט אהרן צייטלין; ש. גראדזשענסקי („ייד. קעמפער", דעצ. 13, 1946 ־ דעצ. 21, 1946); צביון (דר. האפּ־מאן), „פארווערטס", 30 נאוו., 1946; אין ענגליש, א בוך פון י. ל. טעלער; דר. ד. גלאבוס (אין „טאג" און אין דער „פרייע ארבעטער שטימע", יאנ. 1947); א. אלמי און אנדערע.

3. פארעפנטלעכט אין די דייטש־פראנצויזישע יארביכער, 1844.

4. ציטירט לויט ש. גראדזענסקי, „יידישער קעמפער", דעצ. 13, 1946.

5. זען, נ. שמן, „פאשיזם אין אייראפּע" (1934); „צווישן קריג און פרידן" (1940); „די באציאונג צום פרעמדן" (1945).

6. זע, ז. שייקאווסקי, „דער בירגער־סענאטאר, סאציאליסט־אנטיסעמיט", יידישער קעמפער, ראש השנה נומער, תש"ח.

7. Tridon G. Le Molochisme Juif, Bruxelles, 1885.

8. שייקאווסקי, דארט, ז. 84.

9. „צוקונפט", מאי, 1918; זכרונות און בילדער, ל. מ. שטיין, פאלקס ביבליאטעק, אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאנגרעס, ניו יארק, 1954, ז"ז 254־238.

10. דארט, ז' 240.

11. דארט, ז' 241.

12. לעצטנס איז דערשינען א בוך אין ענגליש, א.נ., A World Without Jews, by Karl Marx, Edited, with an introduction by Dagobert D. Runes, Philosophical Libarry, 1960

13. ליעסין, ז' 251.

14. דארט, ז"ז 261־252.

15. „ראם אונד יערוזאלעם", דערשינען אין 1862. דארט, ברענגט העס ארויס, צום ערשטן מאל, דעם ציוניסטישן געדאנק, כאטש ער איז דאן געווען מיט זיין רוף, א „קול קורא במדבר".

ב.

1. זע: משה העס ובני דורו, ברייוו־אויסטויש, ז"ז 83־71; היסטארישע שריפטן, ייוו"א, צווייטער באנד, ווילנע, 1940; אברהם ביק, משה העס און זיין דור, יידישע קולטור, אויג., 1947, ז"ז 52־51.

2. פון א בריוו צום רוסישן רעוואלוציאנערן דענקער אלעקסאנדער הערצען, מערץ 1850 — דארטן באריכות. זע אויך זיין „די פאמיליע", פריי איבערזעצט, מיט אנמערקונגען און צוגאבע, פון ב. פייגנבוים, ארויסגעגעבן פון „פארווערטס", 175 איסט בראדוויי, 1918.

3. ער האט זיך אויך באטייליקט אין דער 1848 רעוואלוציע אין דייטשלאנד, וועלכע איז אזוי ברוטאל אונטערדריקט געווארן, און ער איז פאראורטיילט געווארן צו טויט־שטראף.

4. זע, די קארעספּאנדענץ צווישן מארקס און ענגעלס און צו זייערע פריינט, געשריבן אין דייטש, שפּעטער איבערזעצט אין רוסיש, ענגליש און פראנצויזיש. מיר האבן זיך באנוצט מיט דער ענגלישער איבערזעצונג.

5. זע, ש. דאווידאוויץ, מבוא לכתבי ר' נחמן קרוכמאל.

6. ניט אומזיסט רופט גרעץ אן הערדער'ן, דעם בלעם פון די אנטיסעמיטן. זע אויך, וועגן אנטיסעמיטיזם אין די ערשטע יארן פון דער ווייטמארער רעפובליק, ייוו"א־בלעטער, באנד 29, נומ' 1, 1947. הערדער איז טאקע דער גרויסער קענער פון דער ביבלישער פארשונג און פון דער מיטאלטערלעכער יידישער פּאעזיע, אבער דערביי איז ער א נאד גרעסערער אנטיסעמיט און מאלט פאלש יידן פון זיין צייט און פון דורות פריער.

7. זען: מ. איוועננסקי, הדואר, גליון ל"א־ל"ב (1944); אהרן צייטלין, „מארגן־זשורנאל", יולי 7, 1944. דר. ד. גלאבוס „יידישע קולטור", אויגוסט־סעפּטעמבער 1944 (נומ' 9־8, ז"ז 80־77).

8. וועגן דער ראלע פון יידן אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט, זע: יוסף גוטמאן, ייוו"א־בלעטער, נומ' 20, 1942. זע אויך A World Without Jews און איבערזעצונג פון מארקס'עס עסיי וועגן יידן.

9. וועגן דעם אין א ווייטערן קאפּיטל.

10. זע, ז. שייקאווסקי, וועגן אנטיסעמיטיזם אין דער פראנצויזישער ארבעטער באוועגונג; יעקב לייטער, סאציאליזם און יהדות, ז"ז 12־10.

11. י. ל. טעלער האט עס באוויזן אין זיין בוך וועגן דער „לאנגער, נישט־אונטערבראכענער טראדיציע פון סאציאליסטישן אנטיסעמיטיזם", אנווייזנדיק אויפן פאקט, אז אפילו דניאל דעליאן (געשטארבן 1914) איז געווען אנגעשטעקט פון „מארקסיסטישן אנטי־יידישן פאראורטייל". זע, Scapegoat of Revolution. דער שעיר לעזאזל פון רעוואלוציע, א בוך פון ארום 350 ז"ז.

12. אין זיין אויטאביאגראפיש ווערק „זכרון בספר", 1910. פ. קורסקי, אין זיין פארווארט צו דזשאן מילל'ס „פיאנערן און בויער", גיט איבער וועגן אנטיסעמיטיזם ביי די רוסישע נאראדאווניקעס.

13. זע עבודה זרה י"ז, ע"ב, זייט 79). מ. א. עמיאל, הצדק הסוציאלי והצדק המשפט והמוסרי שלנו, ספרית תו"ע, תל־אביב, תרצ"ו, ז"ז 7־5; פרגל. אורות התחיה פון הרב קוק, וועגן רעליגיעזן רענעסאנס און חלוצישער מיסיע בבא מציעא ה', ע"ב. הלל צייטלין, דבר לעמים, ז' 26; נתיבות עולם, נתיב אהבת הבורא. זע אויך, הרב דוד ש. שפירא,, יסודות הדת האוניברסלית, תרצ"ו, ז"ז 26־25.

קאפיטל דריי-און-צוואנציק

יידן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן

בעת מ'שטודירט די געשיכטע פון סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, ווערט מען אויפגעשווידערט פון אַזאַ מאָדנע דערשיינונג, ווי אַנטיסעמיטיזם און יידן־האַס ביי גאָר אַנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן וכדומה.

א. געזעלשאַפטלעכע פראַ־צעסן. — באַשולדיקונגען קעגן יידן. — פאַלשע פאָר־אורטיילן און פאַרגרייזטע פאַקטן. — שנאה צו סאָ־ציאַליזם און צו יידן.

ווען מיכאל באַקונין וויל אָפּלאַכן פון מאַרקס'ן, דריקט ער זיך אויס, אַז אין אים ליגט דער י ו ד א און פּרודאָן באַנוצט זיך מיט כּלערליי אינסינואַציעס אויף יידן. דער ייד, ווערט ביי אים אידענטיפיצירט מיט פינאַנסיסט, פּאַראַזיט . . .[1]. פון א ווערנער זאָמבאַרט, איז דאָך אָפּגערעדט. מ'דאַרף בלויז א בליק טאָן, אין זיין ביכל, „סאָציאַליזם און סאָציאַלע באַוועגונג"[2] און ס'ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך א פולשטענדיקן אַנטיסעמיט.

דאָס דאָזיקע ביכל, איז וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַלץ נייע מאַטעריאַלן, ביז ס'איז געקומען די צענטע אויפלאַגע, אונטערן טיטול: „דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם" אין וועלכן ער איז אַוועק פון אָביעקטיוויזם. ער באַקעמפט די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע, דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם; ער לאַכט אָפּ פון די אוטאָפּיסטן, ווי סען סימאָן און פוריע און פון די אַנאַרכיסטן ווי באַקונין, פּרודאָן און אַנדערע און ער גרייט צו די באַזע פאַר'ן נאַצי־פאַשיזם.

סאָציאַליזם אין מאַרקסיסטישן זין, — זאָגט ער — איז פרעמד דעם דייטשן גייסט; אַז מאַרקס געבוירן אַלס מרדכי (געבוירן 1818) האָט איבערגענומען די ירושה פון רבנים, די דערציאונג פון דער געטאָ . . .

ווי לעכערלעך די דאָזיקע באַשולדיקונג איז!

מאַרקס האָט, ווי מיר ווייסן, קיין חדר ניט באַזוכט און קיין גמרא נישט געלערנט . . . זאָמבאַרט, א געלערנטער און וויסנשאַפטסמאַן, האָט זיך אָבער גאָר ניט צוריקגעהאַלטן אין זיין שנאה צום סאָציאַליזם און צו יידן. ער איז אַראָפּ פון דער ליניע, זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע ווידערשפּרוכן — און אין זיין ווערק „די יידן און דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם"[3], איז ער אַרויסגעקומען אָפן, אַז יידן זענען די טרעגער פון קאַפּיטאַליזם. (אין זיינע אַנדערע ווערק באַשולדיקט ער יידן אין קאָמוניזם, סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם).

אין דער הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג, גיט צו פּראָפעסאָר האזליטע[4] אַז דאָס ווערק איז פול מיט טעותים; אַז זאָמבארט האָט ניט געהאט קיין דירעקטן צוטריט צו די ספרים פון וועלכע ער ציטירט, אַז זיינע ידיעות זענען אויבערפלעכלעכע. ער שרייבט:

„גאָר אַ סך אין זאָמבארט'ס „יידן און דער מאָדערנער קאפּיטאליזם", מוז צוריקגעוויזן ווערן . . . זיינע היסטאָרישע פאַקטן זענען אָפט פארגרייזט . . . זיין סאָציאלע טעאָריע איז אַ פעלערהאפטע . . . זיין אויסטייטש פון דער יידישער רעליגיע, געזעץ און פילאָסאָפיע שטראָמט אין אַ היפּשער מאָס ארויס פון קוואלן וואָס זענען פול מיט אורטיילן . . . "

ס'איז גאָר ניט שווער אָנצואווייזן אויף די פעלשונגען אין זיין ציטירן פון תלמוד און תלמודישע מקורים[5] און מיר ווילן בלויז קאָנסטאטירן, אַז זאָמבארט, וועלכער מאכט דעם אָנשטעל פון אַן אָביעקטיוון געלערנטן, איז ניט אָביעקטיוו און איז ניט געלערנט אין יידישע ענינים; יעדער ייד ווערט ביי אים אַ קאפּיטאליסט אָדער מארקסיסט. דאָס ווערק איז פון אָנהויב ביזן סוף איין גרויסער ליגן, פאלש און פארפירעריש[6].

פון איין זייט, זעט ער די פירער פון סאָציאליסטישע באוועגונגען אַזעלכע יידן ווי קארל מארקס, העס, לאסאל, ראָזא לוקסעמבורג, בערנשטיין, רענער און אַנדערע אינטערנאציאָנאלע פיגורן און פון דער אַנדערער זייט — די הויפּטן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, אינטערנאציאָנאלע באַנקירן און פינאַנסיסטן — און מיינט אַז מיט זיינע ווערק, באווייזט ער אַ נייע אידעאָלאָגיע וואָס זאָל זיין אינגאנצן פריי פון יידישער השפעה . . .

דער טעות איז אָבער ניט געווען בלויז זאמבארט'ס. דער טעות איז אויך געווען מארקס'עס.

מארקס האָט געוואלטיקע פארדינסטן פאַר דער סאָציאָלאָגיש־עקאָנאָמישע וויסנשאפטן; ער האָט געוואלטיקע פארדינסטן פאַר דעם פּראָגרעס פון פּראָלע־טארישער אָרגאניזירטקייט. די דערשיינונג פון „קאָמוניסטישן מאניפעסט" (פעברואר, (1848) האָט דעם גאַנג פון דער מענטשהייט געגעבן אַ נייעם קער. דער מאניפעסט איז געוואָרן ווי די מחברים (מארקס און ענגעלס) דערקלערן אין דער הקדמה צו דער דייטשער אויסגאבע (1872) — אַ היסטאָרישער דאָקומענט.

די גרויסקייט פונם מאניפעסט ליגט אינם ערשטן קאפּיטל. אין קורצע עטלעכע זייטלעך, ווערט געגעבן דער שליסל צו די געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן און די געזעצמעסיקייט וואָס רעגולירט דעם לויף פון די פּראָצעסן . . .

אין איניקע שורות איז קאָנצענטרירט די גאנצע מארקסיסטישע פּראָגראַם:

„די געשיכטע פון דער ביז איצטיקער געזעלשאפט, איז די געשיכטע פון קלאסן־קאמף און אַ רוף: „ארבעטער פון אַלע לענדער פאראייניקט אייך"!

מארקס האָט אָבער אונטערשאַצט די כוחות פון קאפיטאליזם און היפשלעך איבערשאַצט די כחות פון פראָלעטאריאַט; ער האָט אויך גורם געווען צרות מיט זיין נעגירן די מאָראַלישע ווערטן און נאציאָנאַלע בייטראַגן.

דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט, אַז זאָמבארט, זאָל אָנווייזן אויף דער שעדלעכקייט פונם מארקסיזם און זיך פארנעמען מיט די אַזוי גערופענע פסיכאָלאָגישע סיבות, אָפּלאָכנדיק פון די סאָציאַליסטן און אַנארכיסטן, אַז זיי זענען אָפּאָרטוניסטן, קאַריעריסטן און לסוף, די לעבערלעכע און העסלעכע אינסינואַציעס אַז „מארקס איז געווען די פארקערפערונג פון דער יידישער חוצפה".

מארקס אַליין, ווי מיר ווייסן, איז געווען אַנטי־יידיש, מער ווי וועלכער ניט איז סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און פירער . . . אָבער ווידער דאָס זעלביקע: די באַשולדיקונגען אויף מארקס'ן זענען אַ רעזולטאַט פון זיינע אייגענע טעותן. אפילו קאַרל קאַוטסקי, דער אָרטאָדאָקסאַלער מארקסיסט און גרעסטער פארערער פון מארקס'ן, האָט געמוזט צוגעבן אַז „מארקסיזם רעווידירט זיך אַליין" און אַז עס איז נויטיק אין די ראַמען פון מארקסיזם צו מאַכן די רעוויזיע . . . (דאָס זאָגט אַ קעגנער פון בערנשטיין'ס רעוויזיאָניזם!).

לואי דע־ברוקער, איינער פון די שענסטע געשטאַלטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אַ באַגייסטערטער פון עוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און שטאַרקער אָנהענגער פון דער מארקסיסטישער דיאַלעקטיק, זאָגט זיך ארויס גאַנץ אָפן, אַז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" און דער „קאַפּיטאַל" דאַרפן נישט באַטראַכט ווערן פאַר דער א און ת פון מארקסיסטישן סאָציאַליזם און אַז די אַנטוויקלונגען און סיטואַציעס פון דער נייער צייט רופן ארויס אַ נייעם צוגאַנג.

ער איז דער שטאַרקסטער אָפּלייגעטיקער פונם מארקסיזם און זיינע דיאַלעקטישע קאָנצעפּציעס. ער מוז אָבער מסכים זיין, צו די, וואָס האַלטן, אַז די ראָל פון סאָציאַליסטישער אַקציע און די דערציאונג פונם פּראָלעטאַריאַט, איז היינט אַ סך אַנדערש, ווי אין דער צייט פון מארקס'עס ארויפשטייג אויף דער וועלט־אַרענע — אָבער וועגן דעם אין די ווייטערדיקע פּרקים.

מאַרקס האָט אָפּגעלאַכט פון די אוטאָפּיסטן און ניט ווייניקער פון די וואָס האָבן פארשפּרייט נאַציאָנאַליזם. אין אמת געזאָגט, האָבן די אוטאָפּיסטן געבראַכט אומגעהויערן נוצן אין ארויסהייבן די מאָראַל פונם ארבעטער, דעם יושר

ב. די עטיק פון יהדות און מאָראַל פון יידישקייט. — אוטאָפּיסטן און בעלי מוסר דערהויבן פאָלק צו העכערע באַגריפן פון לעבן.

פון דער געזעלשאַפט; ווער נאָר ס'האָט אַגיטירט פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט פאַר יעדן פאָלק, האָט דערהויבן נאַציע צו אַ העכערן באַגריף.

לאָמיר נעמען למשל, עדוארד בעלאַמי, דער מחבר פון ראָמאַן „לוקינג בעקוואַרד" (אַ בליק צוריק, געשריבן אין יאָר 1888) ארויסברענגענדיק

אויף זיין אופן א נייעם סאָרט סאָציאַליזם, א נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. אָפּפרעגנדיק די קלאַסן־קאַמף טעאָריע, לויט שטרענגע מאַרקסיסטן, איז בעלאַמי מיט זיינע אנשויאונגען דערקלערט געוואָרן שעדלעכער ווי די גרעסטע רעאַקציאָנערן, ווייל ער, מיט זיינע טעאָריעס, האַלט צוריק פון רעוואָלוציע. דער פאַקט איז אָבער, אז בעלאַמי׳ס ראָמאַן האָט געשאַפן א באַוועגונג פאַר ק ה ל י ש ע אונטערנעמונגען, וואָס איז אין לאַנגן פּראָצעס געווען א שריט פאָראויס צו דער באַגרעניצונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אָנשטאָט אַן אַרבעטער קאַמף, האָט זיין באַוועגונג געפירט דעם קאַמף דורך דעם קאָנסומער, דורך דעם איינקויפער און פאַרבראויכער פון דער סחורה און פּראָדוקציע. צו זיינע „נאַציאָנאַליסטישע" (געמיינט סאָציאַליסטישע) קלובן האָבן געהערט מענטשן פון די הויכע פענסטער, גייסט־מענטשן און אפילו סוחרים מיט א העכערן פאַרנעם.[1]

מאַרקס האָט ניט געהאַלטן פון סתם אַזוי מאָראַליש־פּריידיקן; ער האָט אַלץ געוואָלט, עס זאָל זיין לויט די כללים פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. צו וואָס האָט אָבער די דאָזיקע וויסנשאַפט דערפירט? אינם פאָטערלאַנד פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָט נאָך דער רעוואָלוציע געהערשט א פּאַנאָראַמע פון קנעכט־שאַפט, א געצן־דינסט, פּערזאָנען־קולט, וואָס האָט ניט זיין גלייכן.

ס׳איז ניט באַשאַפן געוואָרן דער נייער מענטש וואָס זאָל זיין ראוי צו א נייעם סדר, צו אַן עכט־ריינע און מוסטערהאַפטע סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס זאָל וויסן, אז „לא על הלחם לבדו יחי׳ האָדם", אז דער מענטש לעבט ניט בלויז פאַר חומרדיקע באַפרידיקונג; אז דער מענטש לעבט ניט בלויז אין זכות פון „סורוויוואַל אָף דהי פיטעסט" (קאַמף פאַר עקזיסטענץ) וואָס בלויז די שטאַרקסטע בלייבן איבער . . .

מאַרקס האָט נעגירט די אידייע פון נאַציאָנאַליטעט. וואָס זעען מיר איצט: אומעטום, אויף יעדן קאָנטינענט ווערט אויסגעקעמפט נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. די פעלקער פון דער וועלט זענען געצוואונגען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אויסצואַרבעטן די פּראַקטישע סיסטעם פון גאַראַנטיעס פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון איטלעכער נאַציע, גרויס אָדער קליין.

יידן, וואָס זענען ביז אונזער דעקאַדע, באַטראַכט געוואָרן פאַר דער קלאַסישער עקסטעריטאָריעלער נאַציע האָבן אויך דערגרייכט א שטאַט ווי אַלע שטאַטן, מיט אַלע אַטריבוטן און אַספּיראַציעס פון א שטאַטלעך פאָלק, א סך מערער ווי נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וואָס יידישע סאָציאַליסטן האָבן געפאָדערט ביים אינטערנאַציאָנאַל.

מאַרקס האָט אויך נעגירט דעם פאַקט, אז יידן זענען געווען ניט בלויז וואוכער, סוחרים, באַנקירן און מעקלער, נאָר זיך באַטייליקט, ווען זיי האָבן געהאַט די רעכט דערויף, אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד אין וועלכן זיי

האָבן זיך געפונען: אַזוי איז עס געווען מיט יידן פון דרום, מערב, צענטער און מזרח אייראָפּע.

גענוג אַ בליק צו טאָן אין די ווערק פון דר. שולוואַס[2] וועגן יידן אין איטאַליע און גאָר באַזונדערס אין זיין לעצט ווערק, די נייעסטע געשיכטלעכע פאָרשונג איבער דעם איטאַליענישן יידנטום, די געשיכטע פון יידנטום אין צייט פון רענעסאַנס־פּעריאָד[3], אַרומנעמענדיק אַלע פּאַזן וואָס שייך דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג, קלאַסן פאַנאַנדערטייל, יידישע פּרנסות, סוחרים, באַנקירן, בעלי מלאכות און בכלל, דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, פּאָליטישן און קולטורעל־גייסטיקן מצב פון אָרטיקן יידנטום אין דער קאָכיקער און ברויזנדיקער רענעסאַנס־תקופה. אַן ענלעכן מצב, געפינען מיר אין אַנדערע לענדער, אוודאי אין פּוילן און אין רוסלאַנד.

ביז די קרייצצוגן — שרייבט דר. יצחק שיפּער — האָבן יידן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. ערשט נאָך די קרייצצוגן געווען געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען מיט געלט־געשעפט, מיט וואוכעריי אאַ"וו[4].

מאַרקס און ענגעלס, איידער זיי האָבן אַרויסגעטראָגן וועלכן נישט איז פאַראורטייל קעגן יידן און קעגנערשאַפט צום יידישן נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, האָבן פריער געדאַרפט שטודירן דאָס סאָציאַלע לעבן ביי יידן, די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון יידישן געזעץ און דער יידישער עטיק, די יידישע אינטערפּרעטאַציע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין אירע ברייטערע אימפּליקאַציעס, דעם יידישן מהות פון אַ געהייליקט לעבן. זיי וואָלטן אפשר געפּאַסט גאָר אַנדערע שלוסן.

די יידישע עטיק, וואָלטן זיי אויסגעפינען, איז באַזירט אויף די הומאַני־טאַרסטע געזעצן פון גערעכטיקייט, אויף דעמאָקראַטיע און רחמנות — און דאָס לעצטע, איז חל, אפילו צו בהמות און חיות.

זיי וואָלטן אויך אויסגעפינען, וועגן דער יידישער באַציאונג צו ניט־יידן. די פליכט איז — למשל — צו שטיצן ניט־יידישע נויט־באַדערפטיקע, פּונקט ווי יידישע; באַזוכן ניט־יידישע קראַנקע, פּונקט ווי יידישע — און וואָס שייך אַרבעט, לערנען דאָך די חז"ל, אַז „דער וועלכער ציט הנאה פון דער אַרבעט פון זיינע הענט, שטייט העכער אפילו פון אַ הימל־פּורכטיקן מענטש" און אַז די „פוילקייט איז אַ קוואַל פאַר זינד" און רואינירט דעם מענטשן . . .

די יידישע עטיק פאַרהערלעכט דאָס ריינע פאַמיליע־לעבן, דעם שלום־בית און די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. זי האָט דעם אַרבעטער'ס רעכט געשטעלט העכער פון דעם אַרבעטסגעבער. דער אַרבעטער מעג חרטה האָבן אפילו אין מיטן העלן טאָג — אָבער ניט דער בעל־הבית. די יידישע געזעץ־געבער האָבן דורך אַ ריי עטישע געזעצן באַשיצט דעם אַרבעטער פיזיש און גייסטיק, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין ערשטן טייל פון אונזער אַרבעט. רב, איינער פון די ערשטע אמוראים, דער רבי פונם דור נאָך די תנאים, רעכנט אויס, צווישן די פיר זאַכן פאַר

וועלכע מענטשן פאַרלירן זייער פאַרמעגן, „דאָס, וואָס זיי פאַרהאַלטן דעם אַרבע־טער'ס לוין . . . "

ווען פאַרשער פון מאַרקס חדר וואָלטן זיך באמת, וואָלטן זיי געקענט אויסגע־פינען וועגן דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, פּוילן און אין דער ליטע, וויאַזוי ס'זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די בערשטער פאַריינען, די גאַרבערייען, די בעקערס — און מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש די דאָזיקע אַרבעטער אינם יידישן תחום האָבן געקעמפּט פאַר דער זאַך פונם אַרבעטער. זיי האָבן דאָס ניט געטאָן און דעריבער — אַזוי אומבאַוואוסטזיניק בנוגע יידן און יידישקייט.

ווען זיי לאָזן זיך אַריין אין אויספאָרשן דעם באַדייט פון ג ע ל ט ביי יידן, וואָלטן זיי אויך געקענט אויסגעפינען, אַז יידן זענען ניט קיין דורכאויס געלט־פאָלק, ווי זיי ווילן דאָס איינרעדן דער וועלט, דער עיקר די סאָציאַליסטישע וועלט[5].

יידישע בעלי מלאכות, צעך־פאַכלייט, וואָלטן זיי אויסגעפינען, האָבן זיך געפונען אומעטום. אין ארץ ישראל, אַזוי שנעל ווי עס איז דאָרט באַנייט געוואָרן אַ ישוב, האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען די אָרגאַניזירונג פון גרופּעס און קאָלעקטיוון פון יידישע אַרבעטער.

מיט אַ צייט צוריק איז געפירט געוואָרן אַ פּאָלעמיק[6] וועגן אופן פון שרייבן יידישע געשיכטע און צי מאַרקסיסטישע אַנשויאונגען, דאַרפן טאַקע דאָמינירן געשיכטע־פאָרשונג.

אַ. מענעס, וועמעס באַגין אין דער יידישער וויסנשאַפט און חכמי־ישראל שטודיע, איז געווען אַ בונדיסטישע, אָבער מיט גאָר גרויסע און ברייטע האָריזאָנטן, באַזירט אויף טיפע קענטעניש און למדנות, קומט צום אויספיר, אַז מען קען ניט שרייבן געשיכטע אָן אהבת ישראל:

„דער פאָרשער, דער היסטאָריקער — שרייבט ער, האָט . . . אַ חוב זיך צו פאַרטיפן און פּרוּוון צו פאַרשטיין ניט דעם אומזין, נאָר דעם זין, די היסטאָרישע ראָלע פון דעם אַלטן סדר, פון דער אַלטער טראַדיציע (זיין קורסיוו — נ. ש.). עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי צו באַטראַכטן די יידישע פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס אונזער נאָענטן עבר, פון דעם נאַאיוו־משכילישן שטאַנדפּונקט, וואָס האָט אין די קאַמפן פון די לעצטע דורות געזען ניט מער ווי אַ קאַמף פון פּראָגרעס קעגן רעאַקציע, אַ קאַמף פון ליכט קעגן פינסטערניש".

ער האַלט, אַז מיר מוזן אַוועק פון די משכילישע אַקסיאָמעס און כאַראַקטעריסטיק, פון דעם רעליגיעזן לעבן אין דער נאָענטער און ווייטער פאַרגאַנגנהייט. ער ברענגט אַרויס, די געפערלעכע טעותים פון אַ ריי יידישע געלערנטע אין נאָמען פון „אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג".

„גאָר אַ סך צעטומלעניש — שרייבט ער — האָט אין דעם פּרט אַריינגעבראַכט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און באַזונדערס קאַרל מאַרקס׳ אייגענע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער „יודענפראַגע". עס איז היינט אפשר איבעריק צו פּאָלעמיזירן קעגן אַזעלכע „פּערלדיקע" פאָרמולירונגען, ווי למשל, אַז „געלט איז דער אמתער גאָט פון ישראל"; אָדער אַזאַ „אָריגינעלע וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונג, אַז דער גאַנצער מהות פון יידישקייט, באַשטייט אין פּראַקטישקייט און עגאָאיזם. עס איז אָבער כדאי צו פרעגן, פונוואַנען קומען צו דעם יידיש-געבוירענעם קאַרל מאַרקס אַזעלכע ווילדע פאָרשטעלונגען וועגן יידן און יידישקייט? דער ענטפער איז גאַנץ קלאָר. מאַרקס האָט זיינע ידיעות וועגן יידן געשעפּט אויסשליסלעך פון קריסטלעכע קוואַלן. עס איז אָבער, אַ חוץ דעם, אויך אמת, אַז דער עצם פּרואוו צו אינטערפּרעטירן די פאַקטן און געשעענישן פון יידישן לעבן — דערעיקר אין ליכט פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם מוז אומ-פאַרמיידלעך פירן צו אַ פעלשונג און פאַרקריפּלונג פון דער יידישער געשיכטע".

אמתדיקע ווערטער פון אַן אויפריכטיקן פאָרשער.

אַ. מענעס איז אויך גערעכט מיט זיין קריטיק אויף די יידישע פאָרשער וואָס קאָנצענטרירן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף די נעגאַטיווע פאַקטאָרן אינם יידישן לעבן, ווי דאָס האָבן געטאָן די משכילים און דערנאָך די מאַרקסיסטישע היסטאָריקער און ניט גערעכנט זיך מיטן שווערן יידישן קאַמף פאַר קיום און פאַרבינדנקייט אַלס גאַנצער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, וועמען עס פאַרייניקט איין געמיינזאַמער היסטאָרישער גורל[7] און דאָ קומט זיין ויכוח מיט דר. רפאל מאהלער, וועלכער — ווייזט ער אָן — גיט אַן איינזייטיק טענדענציעז בילד פון יידישן לעבן, שרייבנדיק צווישן אַנדערן, אַז אין אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן האָט געהערשט שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע . . . אַז דאָס עפנטלעכע יידישע לעבן אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, איז דיקטירט געוואָרן פון די גבירים און תקיפותדיקע מנהיגים און אַז די דיקטאַטור פון גבירים-קלאַס אין די קהלות האָט אָנגענומען אַ הפקרדיקן כאַראַקטער[8].

מאהלער איז טענדענציעז אין מאָלן דאָס שוואַרץ בילד, נישט זעענדיק די ליכטיקע געשטאַלטן סיי צווישן די בעלי בתים, סיי צווישן די רבנים, ווי מיר זעען עס, אין די תקנות און סטאַטוטן פון „וועד ארבע ארצות".

„דער כלל רבנים און לומדים — שרייבט ער — האָט נישט בלויז געשטיצט מיט׳ן רעליגיעזן אויטאָריטעט דעם סיסטעם פון אומברחמנותדיקער עקספּלו-אַטאַציע פון פאָלק דורך דער גבירישער קהל-אָליגאַרכיע, נאָר איז אויך אַליין געווען אַ שותף צו אַלע זייערע מעשים גזילה און רציחה".

דאָס איז מאַרקסיסטישער גאַנג; זיכער ניט באַהויכט פון היסטאָרישער אָביעקטיווקייט.

ר. מאהלער קומט אַרויס מיט דער באַהויפּטונג, אַז „וואָס מער עס איז צעפּוילט געוואָרן דער פעאָדאַלער סיסטעם פון פּוילן, אַלץ טיפער איז אויך דעגראַדירט געוואָרן דער סיסטעם פון יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע... מוטיקע יחידים, ווי דער וואונדערפולער דרשן אפרים פון לֹונטשיץ, וואָס האָט אומדערשראָקן געמוסרט די רבנים און ראשי קהלות אין זיינע דרשות אויף די לובלינער ירידים, האָבן נאָך אין אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט, געמוזט פאַרלאָזן פּוילן און אָפּריכטן גלות אין דער פרעמד".

מענעם איז אָבער איבערצייגט, אַז די גאַנצע געשיכטע וועגן ר' אפרים לונטשיצער (געבוירן אין ערשטן העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט) איז ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אַ דיכטערישער פאַנטאַזיע.

וואָס ווייזן באמת די פאַקטן?

דער דרשן און תלמיד חכם ר' אפרים לונטשיצער איז קיינמאָל ניט געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן פּוילן. די מנהיגים און פרנסים האָבן אים נישט גערודפט. אין זיין הקדמה צום ספר „כלי יקר", שרייבט ר' אפרים לענטשיצער:

„ומנהיגי שלש ארצות יצ"ו היושבים ראשונה במלכות שמים . . . החזיקו בידי ומכיסם סייעו למלאכת הדפוס„.

אין פנקס וועד ארבע ארצות, ווערט ער אומצייליקע מאָל דערמאָנט און דווקא מיט גרויס כבוד.

אמת, ר' אפרים איז געווען אַ שאַרפער קריטיקער און מוכיח — אָבער זענען די נביאים ניט געווען קיין מוכיחים? עס איז דאָך איינע פון די מצוות „הוכח תוכיח את עמיתך . . . " דווקא ווייל מ'האָט יענעם ליב, דאַרף מען אים אָנווייזן אויף חסרונות און פעלערן, בכדי ער זאָל זיי אויסבעסערן און גרייכן צו מער שלימותדיקייט.

ס'קאָן זיין, אַז ר' אפרים האָט געהאַט קעגנער, צוליב זיין שאַרפקייט, אָבער ווי מיר זען, האָט ער געהאַט וואַרעמע און איבערגעגעבענע פריינט וואָס האָבן אים געשטיצט און געהאָלפן און צווישן די דאָזיקע, האָבן זיך געפונען די „פני" פון דער דעמאָלטדיקער רעליגיעזער וועלט, די „היושבים ראשונה במלכות" . . .

ר' אפרים לענטשיצער האָט פאַרלאָזט פּוילן, פשוט, צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט, האָט ער געקראָגן דאָס רבנות אין איינער פון די אָנגעזעענסטע קהלות, אין דער באַרימטער קהלת פּראָג, ווי ער דערמאָנט אין זיין ספר „עמודי שש":

„כי העיר ה' רוח קדשו על אנשי הקהלה הקדושה המפוארה ק"ק פּראָג . . . עיר גדולה לאלהים מלאה חכמים וסופרים ועשירים אשר מעולם כתר שם טוב עולה על גביהם בתורה ומצוה וביראת ה' כל היום . . . ויען כי בחרו בי ושלחו אחרי לק"ק לבוב מאה פרסאות אמרתי עת לעשות לה' ". לויט דער דאָזיקער דער־קלערונג, איז ער ניט געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן פּוילן, צוליב וועלכע ניט איז רדיפות—און אז ער איז ניט געפאָרן קיין פּראָג, אָפּריכטן גלות אין דער פרעמד. ער

איז געפּאָרן, ווייל ער איז געווען באַגייסטערט פון פּראַגער רבנות; ער איז געפּאָרן, ווייל דער רוף פון רבנות האָט אים פאַרכאַפּט און באַנומען.

ר' אפרים לענטשיצער, קאָן מען זיין זיכער, איז ניט געווען באַהערשט פון דער שיטה פון קלאַסן־קאַמף און איז ניט אַנטלאָפן פון עשירים, בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען רייך.[9]

לאָמיר זען, ווי ער ווערט געשילדערט אינם „ספר לינטשיץ"[10]. דאָרט ווערט דערציילט, אַז רבינו שלמה אפרים ב"ר אהרן לינטשיץ נולד לפי המשוער בשנת ש"ה (1545) און אַז אין דער יוגנט האָט ער געלעבט אין יאַראָסלאַוו, וואו ער האָט פאַרפאַסט זיין ערשט ספר „עיר גבורים", וואָס איז ווי עס זאָגט זיך אין שער־בלאַט אַ מוסר־ספר, „שהוא מלא תוכחת מוסר".

דער שרייבער, הרב פרנקל ציטירט פון דער הקדמה צום „עוללות אפרים", אַז אַלץ וואָס ער האָט געבראַכט פון תורה און תלמוד איז געקומען פונם זכרון, אָן װעלכער הילף פון אַריינקוקן אין אַ ספר.

אין יאָר שמ"א, האָט ער געוואוינט אין לעמבערג און איז דאָרט געווען פון די „גדולי הדרשנים". פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויספאָרן אין אַנדערע שטעט, באַזונדערס קיין לובלין, דאָרטן האַלטן זיינע דרשות.

אין יאָר שס"ד, איז ער געוואָרן ראש ישיבה און דרשן אין פּראָג, בעת דער מהר"ל איז דאָרט געווען הויפּט־רב[11] און נאָכדעם געוואָרן רב אַלס ממלא־מקום פון מהר"ל.

ווענן זיין אויפהאַלט אין פּראָג, שרייבט ער אין דער הקדמה צו זיין ספר „שפתי דעת" (פּראָג, שע"ז) דאָס פאָלגנדיקע:

„ועתה באדר שנת שס"ד לפ"ק הועמסתי במלא כבד ממני ויותר מכל אשר הי' לפני כי העיר ד' רוח קדשו על אנשי הקהלה הקדושה והמפוארה ק"ק פּראָג, אשר נבחרתי כיום מתוך העדה הקדושה להיות לעבד ד' לעם הזה, לישא עלי משא כבד דבר ד' לפניהם בישיבה ולצאת ולבא בעניני הקהלה וזה באמת מלא כבד עלי, בפרט בקהלה מפוראה כזו, אשר ריחה הטוב נודף למרחוק . . . "

פון אָט דער הקדמה איז צו זען צוויי זאַכן: ער איז ניט געווען להוט נאָך רבנות און בעסער געוואָלט אַרומפאָרן האַלטן דרשות און זיכער ניט פאַרנומען זיך מיט דרשות צוליב וועלכע ניט איז רדיפות; ער איז אויך ווייט געווען פון רעוואָלוציאָנערישקייט און קעגנערשאַפט צו גבירים, נגידים . . . אַזעלכע, האָט ער געהאַט אין פּראָג און געווען שטאַרק באַגייסטערט פון זיי.

עס איז אויך כדאי צו צוגעבן, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער געהאַט אַלס מיטגליד פון זיין בית־דין, דעם גאון הדור, מקובל און פוסק ר' ישעיה הלוי איש הורביץ, דער בעל השל"ה.

צווישן זיינע תלמידים, געפינען זיך אויך אַזעלכע גדולים, ווי ר' יום־טוב ליפּמאַן־העלער (מחבר פון תוספות יום־טוב), ר' שעפּטל הורוויץ, דעם של"ה'ס

זון[13], רב אין פאַרשיידענע קהלות: פּאָזנאַן, ווין און אַנדערע שטעט און אויך ר' אפרים'ס זון ר' צבי הירש (נפטר, י"ט תמוז, שפ"ד, אין פּראָג), איז געווען באוואוסט אין דער רבנישער וועלט.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויף דעם, וואָס פאַרשער ווילן דווקא צושרייבן רעוואָלוציאָנערישקייט, איז אויף זיין מצבה, אויסגעקריצט די ווערטער: ראש הדרשנים נקרא שמו ודורש טוב לעמו. דער טיטל איז געבליבן דרשן און א **דרשן וואָס רעדט גוטס אויף יידן...**

ארום זיין געבורט און קינדהייט, קורסירן פאַרשיידענע לעגענדעס. ס'זאָל הייסן, אַז דער מהר"ל פון פּראָג האָט געראַטעוועט דעם יונגן בחורל פון לינטשיץ ווען די סטרא אחרא האָט געוואָלט פאַרשלעפּן אויף אַנדערע דרכים. אָבער דאָס געהערט ניט צו אונזער אַרבעט.

אין אַן אַנדער אַרבעט[13] רעדן מיר באַריכות אַרום די ראָלע פון רבנות, אָנווייזנדיק אויף דעם פאַקט, וואָס אין געוויסע מאָמענטן, האָט זיך געשאַפן אַ ירידה אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע ביי יידן, און אַז רבנים האָבן אָפּגעקויפט אָדער אויסגעקויפט זייערע שטעלעס פאַר געלט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין די פאַרשיידענע תקנות פון וועד ארבע הארצות[14]. דער דאָזיקער איבל איז אָבער שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון רבנים גדולי הדור. און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ שטעלע אין מענעס'עס ענטפער און פאַרטיידיקונג:

„דער אמת איז — שרייבט ער — אַז דער רוב בנין ומנין פון די רבנים אין פּוילן, האָבן געלעבט אין נויט און דחקות. פון די אַלע „פעטע" פרנסות" (וועלכע מאהלער רעכנט אויס — נ. ש.) איז אָפט ניט געווען אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט..."

און ווייטער:

„עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז גראַד צווישן לומדים און רבנים האָבן זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל פּערזענלעכקייטן פון דער העכסטער מאָראַלישער קוואַליטעט. מענטשן וואָס האָבן באמת ניט געוואוסט פון קיין צורת מטבע...[15] שלמה מיימון, וואָס איז אוודאי ניט געווען קיין פאַראינטערעסירטער צד, רעדט וועגן יידישן לעבן אין פּוילן און וועגן דער תלמודישער מאָראַל מיטן גרעסטן רעספּעקט. ער רימט באַזונדערס די יידישע צדקה־אינסטיטוציעס און דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן. איך צווייפל אַבסאָלוט ניט, אַז די באַשרייבונג פון שלמה מיימון איז אַ סך נאָענטער צו דער ווירקלעכקייט ווי די טענדענציעזע שילדערונגען פון אַ סך פון אונזערע „אָביעקטיווע" היסטאָריקער"[16].

דער עיקר חסרון פון אָט די מאָדערנע היסטאָריקער איז זייער טענדענציעז־נעגאַטיווער צוגאַנג צו רבנישער יידישקייט, האַלטנדיק דאָס פאַר אַ גלות פּראָדוקט און ניט צוגעפּאַסט צו אַ פאָלק מיט נאַציאָנאַלע אַטריבוטן.

דאָס מערקווירדיקע דערביי איז, אַז פונקט ווי מאהלער, אַזוי פאַררופן זיך אויך די פאָרשער ב. מאַרק און א. קופּפּער[17] אויף דער רעבעלישקייט פון ר' אפרים לענטשיץ, אָבער דאָך — חילוק. זיי, די שטרענגע מאַרקסיסטן, דערלויבן זיך אַביסל אָביעקטיווקייט, ווען זיי שרייבן וועגן יענעם רענעסאַנס־פּעריאָד אין פּוילן און אין איטאַליע, אין באַשרייבן די רבנישע קעמפער פונם דור:

„יום טוב ליפּמאַנ'ס טראַדיציע, האָט זיך אָפּגערופן אין דער יידישער סביבה אין פּוילן מיט אַ געוואַגטער שטאַרקן ווידערקול אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן און אָנהייב 17־טן יאָרהונדערט, אין דער טעטיקייט און שאַפונגען פון די פּאָלקס־טריע רענעסאַנס־פאַרשטייער פון די פּויליש־ליטווישע יידן, אפרים־שלמה פון לענטשיץ און יוסף הלוי סגל פון ליטע. אפרים לענטשיצער האָט געקעמפט נישט בלויז מיט דער פּען, נאָר אויך מיטן דירעקטן וואָרט ווי אַ ראַדיקאַלער (? — נ. ש.) רעדנער אויף ירידים . . . "

איר האָט דאָ אַ „ליניע", אַ שיטה פון אויפפאַסן געשיכטלעכע געשעענישן, אַ מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג, דאָך אַנדערש, מילדער און מער איינגעהאַלטן.

זיי ציטירן פון אייניקע פאָרשער, אין באַצוג צו דער פּערזענלעכקייט פון דעם באַרימטן לענטשיצער אָראַטאָר און פּראָפּאַגירער פון נייע אידייען, אַז „זיינע אַרויסטרעטונגען זענען דורכגעדרונגען מיט אַ שטריך פון געזונטן שכל. ער איז פריי פון וועלכע — עס איז — פאַראורטיילן, ער פאַרמאָגט אַן ערלעכע נאַטור. ער האָט קריטיקירט די פעלערן פון גרויסע און קליינע, אַנטבלויזט די פעלערן פון אייגענעם רבנים־שיכט און האָט אויפגעהויבן די שטים קעגן פאַרשפּרייטן פאַלשע אַנשויאונגען אין וויסנשאַפטלעכע פראַגן, געשמיסן דעם פּראָטעקציע־סיסטעם ביים אויסקלייבן גייסטלעכע (? — נ. ש.). ער האָט קריטיקירט די נישט־ריכטיקע דערציאונג, דעם פאַלשן אופן פון לערנען. ער האָט אויך געשמיסן די פאַרריסנקייט פון די רבנים און געשטורעמט די קאַזואיסטישע (פּלפּולישע) ריכטונג אין דער תלמוד־לערע".

נעמענדיק זיך די מי נאָכצוקוקן און נאָכקאָנטראָלירן די מיינונגען פון אייניקע אַנדערע פאָרשער און קולטור־היסטאָריקער, געפינען מיר, ווי י. צינבערג, שרייבט וועגן ר' אפרים לענטשיצער אַז ער פלעגט האַלטן פייערדיקע דרשות קעגן די רייכע און פאַנאַטיקער[18]. שמחה אַסף, אַ רבניש־געלערנטער, תלמודיסט און פאָרשער, שרייבט וועגן אים, אַז ער איז געווען זייער אַ דרייסטער, ער האָט ניט געשוינט נישט די רייכע, נישט די פּרנסים, נישט די רבנים און נישט די ראשי ישיבות און קריטיקירט עפנטלעך אפילו די אָנפירער פון די מדינות פון די וועדים.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט איז געווען פאַר־דאָרבן; עס האָבן זיך געפונען פאַרדאָרבענע זאַכן, אין דער יידישער געזעלשאַפט. איז עס געווען די אויפגאַבע פונם פירער, אָנצואווייזן אויף דער פאַרדאָרבנקייט

און דאָס אויסראָטן. דאָס איז אַפּילו ניט אַ באַוויז, וואָס מאַרק און קופּפער ווילן קומען צום אויספיר[19], אַז די ממשלה איז אינגאַנצן געלעגן אין די הענט פון די תקיפים . . . ווייל, אויב אַזוי, ווי וואָלטן די וועד־פירער געשטיצט און ארויסגעגעבן די ספרים פון אַ פּערזאָן וואָס קריטיקירט די פירערשאַפט.

זיי פאַרגעסן אויך, אין וואָס פאַר אַ מצב, די יידן האָבן זיך דאַן געפונען. ניט בלויז די מאַסן, אויך די געציילטע פּריווילעגירטע, האָבן זיך געפונען אונטער דעם כסדרדיקן דראָענדיקן טעראָר פון דער אַלץ־שטייגנדיקער מאַכט און איינפלוס פון די יעזואיטן. ס'איז ניט געווען קיין פראַגע פון „קרובים למלכות", פון שתדלנות . . . פון האָבן נאָענטערע באַציאונגען מיט די פּוילישע מושלים . . . ס'איז געווען אַ פראַגע פון קיום, פון ראַטעווען זיך, פון קענען בייקומען שווערע נסיונות — אין אַזאַ סיטואַציע באַשולדיקט מען קיינעם נישט; מען איז עלול אַפילו דעם צלם אלקים צו פאַרלירן און בלויז מענטשן מיט העכערן פאַרנעם, נביאים, מוכיחים האָבן די רעכט אָנצואווייזן אויף עוולות — און אַזאַ איז געווען ר' אפרים, צו קענען רעדן קעגן די תקיפים, בעת די געפאַר פון ירידה לויערט, בכדי אויפצוהייבן און שטאַרקן די מאָראַל.

לאָמיר זען, וואָס ער שרייבט אין זיין ספר „עיר גבורים"[20], ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דעמאַסקירן די פאַרברעכנס, ניט אַכטנדיק וואָס ס'וועט אים אויסקומען אויסצושטיין חרפות און ווילדע רדיפות . . . "

אוודאי, אין אַן אָנגעצויגנקייט, ווען עמאָציעס באַהערשן די געזעלשאַפט און סטיכיע רעגירט, איז דאָ די דאָזיקע געפאַר; מ'דאַרף אָבער זוכן די סיבות און גורמים צו אָט דער אָנגעצויגנקייט . . .

שוין פון זיין יוגנט אָן — דערקלערט ער — איז אים נישט געפעלן געוואָרן די געזעלשאַפט אין וועלכער עס הערשט אַפּנאַרעריי, גאוה און פאַרברעכנס . . . אָבער דאָס זענען זינד, זינט מענטש איז געבוירן געוואָרן און פון תמיד באַמיען זיך ערלעכע מענטשן דאָס צו עלימינירן, לכה"פ, מינימיזירן.

אַזעלכע רייד הערן מיר פון כלערליי מנהיגים, ווען זיי זענען באַהויכט מיט דער עטיק פון יהדות און די מאָראַל פון יידישקייט. דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון אַ יידישן מנהיג, פון אַ ר ב ב י ש ר א ל . אויב דער רב טוט עס ניט, דערפילט ער ניט זיין מיסיע, זיין באַרוף.

ר' אפרים לענטשיצער דערקלערט אויך:

„דאָס יידישע פאָלק ווערט וואַסמאָל אָרימער, די יידישע אָרימקייט פּראָטעסטירט, אָבער ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל איר העלפן זיך ארויסצובאַקומען פון די רויבער־נעגל . . . " און ער פירט אויס: „ווען ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אין וואָס עס באַשטייט די אַנאַרכיע אונזערע פון דור תהפוכות . . . האָב איך נישט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן פון ברענגען צום אויסדרוק דאָס, וואָס איך טראַכט".

און ער שילדערט דעם מצב, וויאַזוי די רייכע דערלאָנגען זייערע פאַרמעגנס:

„. . . גאַנצע נעכט איז ער (דער רייכער — נ. ש.) פאַרנומען מיט צוטראַכטן פאַרשיידענע מיטלען און דאגות, טאָמער וועט אים ניט געלינגען צו דערגרייכן אַזאַ פאַרמעגן, ווי ער וואָלט געוואָלט. זיין גאַנץ לעבן איז ביי אים דאָס געלט, אים איז אַלץ איינס, צי ער וועט עס דערגרייכן דורך אַן אומגעזעצלעכן אָדער געזעצלעכן וועג . . . אין דעם זעלבן גייסט דערציט ער זיינע קינדער זיי זאָלן אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די פאַרמעגלעכע און אָרימע . . . "[21]

איז דאָ ווידער דיזעלביקע טענה: זיי מאַכן אים פאַר אַ קלאַסן-קעמפער און דאָס איז דורכאויס פאַלש און איבערטריבן. דער לענטשיצער, ווי אַלע אַנדערע מוכיחים אין אַלע צייטן, באַמיט זיך אַרויסצוברענגען בולט דאָס שאַטנדיקע ביי יידן און ער אַפּעלירט צום יידישן געוויסן; ער איז דערעיקר אויסן, מחזיר למוטב זיין, די יידישע עדה און ער טוט עס מיט גרענעצלאָזער ליבשאַפט צו יידן, צו זיין פאָלק, ווי דער נביא האָט אויסגעשריען „איר האָט צעשטערט די געזעלשאַפט מיט אייערע מעשים, ווייל אין אייערע הייזער געפינט זיך דאָס, וואָס איר האָט אָנגעזאַמלט ביי די אָרימע . . . "

ר' אפרים לענטשיצער זעט אומיושרדיקס אין דער געזעלשאַפט, זוכט ער עס אויסצובעסערן. ווי אַ מענטש מיט טעמפּעראַמענט און טיפן יושר-געפיל, ווייזט ער אָן אויף די איבלען און עוולות — און איז איבערצייגט, אַז זיינע ווערטער וועלן אויפּברויזן און ענדערן דעם מצב, אַז די תקיפים-אָנפירער וועלן באַזייטיקט ווערן און אַ נייער סדר וועט זיך איינשטעלן אינם יידישן לעבן . . . אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו רעוואָלוציע, צו מאַרקסיזם, צו קלאַסן-קאַמף.

דער פאַקט איז דאָך, ווי געזאָגט, אַז די פירער פון „וועד" האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט זיין ספר און אים דרייפאַכיק געשטיצט: מיט געלט; מיט הסכמות און מיט רופן צום יידישן עולם, זיי זאָלן לערנען זיינע ספרים, באַזונדערס זיין ספר „כלי יקר" אויף תורה.

„די פירער פון דעם „ועד ארבע הארצות" — שרייבן מאַרק און קופּפער — האָבן געפּרואווט איינשטילן דעם בונטאַר, זיי האָבן אפילו געהאָלפן אַרויסגעבן די מער געלאַסענע (? — נ. ש.) ווערק זיינע, ווי זיין פירוש אויף דער תורה „כלי יקר" (1601-1602). לענטשיצער איז אָבער געווען צו שטאַרק פאַרבונדן מיט די אונטערדריקטע פאָלקס-מאַסן.

„אין די עלטערע יאָרן זענען צו אים צוגעשטאַנען די, וואָס האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די גבירישע גרוילטאַטן און האָבן אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל אַרויספאָרן איבער די יידישע ישובים אין פּוילן און אויפהייבן זיין פּראָטעסט. בפרט האָבן זיי פאַרלאַנגט, ער זאָל ווי אַמאָל אַרויסטרעטן עפנטלעך

אויף דעם צוזאַמענפאַר פון די קהלות־פירער און הויפּט־רבנים, וואָס קומט פאָר אויף דעם גראָמניצער יאַר־מאַרק אין לובלין.

„לענטשיצער — שרייבן זיי — האָט זיך צוגעהערט צו זייער רוף און אין זיינע אַרויסטריטן האָט ער אָנגעגריפן די תקיפישע פירער. אין רעזולטאַט פון זיינע דרייסטע אַרויסטרעטונגען האָבן זיך, נישט געקוקט אויף זיינע עלטערע יאָרן, די רדיפות אויף אים פאַרשטאַרקט, אַזוי אַז אין יאָר 1604, איז אפרים לענטשיצער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין היימלאַנד און אַרויסצוואַוואַנדערן קיין פּראָג".

ס'איז באמת שומו שמים, וויאַזוי מ'בויט אויף השערות, בויך־סברות, גאַנצע טעאָריעס, פעסטגעשטעלטע אַקסיאָמעס און גענויע שילדערונגען — און נאָך מער וואונדער איז אויף מאַרקס'ן, דעם היסטאָריקער מיט רעפּוטאַציע, וויאַזוי ער בויט דאָ אויף היסטאָרישע פאַקטן, ווען ער ווייסט, אַז די פאַקטן זענען באַזירט בלויז אויף השערות און בוך סברות.

צווישן די גדולי ישראל זענען תמיד געווען פאַרשיידענע מיינונגען, וויאַזוי צו דערהויבן ייִדן: אייניקע האָבן דאָס געטאָן דורך מוסר, דורך אַזעלכע ספרים ווי חובת הלבבות און מסילת ישרים זיך האַלטנדיק שטרענג ביים „הוכח תוכיח . . . אנדערע, מיט גוטסקייט, ווי דער מהר"ל מפראג[22] דורך זיין ספר גבורות ה'[23].

די היסטאָריש־רעליגיעזע פיגור און גייסטיקער פירער פון די פּויליש־טשעכישע געמיינדעס, האָט באַזעסן, אויסער באַגאַבטקייט אין דער רבניש־תלמודישער ליטעראַטור אַלערליי וועלטלעכע וויסנשאַפטן און געזוכט צו עפענען די טויערן פון די פאַנטאַסטיש־וואונדערלעכע סודות פון וועלטלעך־קיום. ער, דער מהר"ל האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג וויאַזוי אָנצוהויבן זיין פאָלק און די וועלט בכלל מיט הויכער מאָראַל און דערנעענטערן די וועלט צום אמת און פּולשטענדיקער דערלייזונג און ניט אומזיסט איז ער געווען באַליבט און פאַרערט סיי ביי ייִדן און סיי ביי ניט־ייִדן.

יעדער אין זיין צוגאַנג — אָבער: אלו ואלו דברי אלקים חיים.

די באַזונדערע צוגאַנגען וויאַזוי צו דערהויבן די מאַסן, האָט זיך נישט אָנגעפאַנגען ביי די רבנים. די אונטערשיידן, געפינען מיר שוין ביי די נביאים און דאָס איז זיכער נישט געווען צוליב זעלבסט־האַס, אָדער בכלל, האַס אויף ייִדן, אויף זייער פאָלק.

איינער פון די ווייניקע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אָט דער שטודיע, ל. לערער, שרייבט:

„עס איז לחלוטין נישט קיין אויסטערלישע זאַך צו הערן, ווי מענטשן האָבן תרעומות אויפ'ן אייגענעם פאָלק אָדער ווייזן אָן אויף זיינע חסרונות. דאָס ווערט געטאָן אי אין אייגענעם קרייז בעל־פה, אי אין דער עפנטלעכקייט און

בכתב. אין קריטישע ציַיטן, ווען אמת׳ע אָדער אויסגעדוכטע פעלערן לאָזן זיך שטאַרק פילן, איז נאַטירלעך, אַז אַזאַ טענדענץ צו זוכן און אונטערשטרייכן חסרונות זאָל ווערן אָפטער און שטאַרקער . . . ״ אַפילו ערלעכע — לאָיאַלע געטריַיע יידן, דריקן זיך אַ סך מאָל אויס זייער נעגאַטיוו צו יידן און וועגן יידישע חסרונות״.

יחזקאל קויפמאַן — ברענגט ער — באַמיט זיך צו באַווייזן, די פאַלשקייט פון די באַשולדיקונגען וואָס מענטשן מאַכן קעגן זיך אַליין. ער רופט דאָס „אַנטיסע־מיטיזם מתוך ליבע״ און ער פּירט אויס:

„די קראַנקהייט פונם אַנטיסעמיטיזם מתוך ליבע האָט אויפגעבליט צווישן אונז אין דער השכלה־עפּאָכע, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך פאַרשפּרייט צווישן אונז און פרעסט אונז פון אַלע זייטן . . . ״[24].

ל. לערער, ברענגט אויך די באַוואוסטע פּסיכאָאַנאַליטישע הנחה, אַז די גאַנצע וועלט־קולטור, ספּעציעל רעליגיע, צייכנט זיך אויס מיט צוויי היפּוכדיקע טענדענצן: צו פייניקן אַנדערע און צו פייניקן זיך אַליין . . . און ער האַלט, אַז דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע יידן, יידישע קולטור, יידישע רעליגיע, כאָטש דאָס איז נאָך געננוג אָפּפרעגבאַר פון אַלע זייטן, אָבער עס איז דאָ אַ סך אמת אין זיינע אַנאַליטישע שטודיעס, ווי ער זאָגט אין סומירונג, אַז „אויף יידן האָט מען אַרויפגעוואָרפן אַלע חטאים שבעולם . . . ״ און אַז „אין אַלגעמיין וויזן יידן אַרויס צוויי אופנים פון אָפּרופן זיך אויף דער דאָזיקער סיטואַציע. ביי טייל, אָדער אין טייל מאָמענטן, ווירקט דאָס מגזם צו זיין אויף דעם אייגענעם ווערט. יידן זענען דעמאָלט די בעסטע, די איידלסטע, די פייאיקסטע צווישן די פעלקער. עס דריקט זיך אָבער אויך אויס, אין דער מאַזאָכיסטישער פאָרם: זיך באַשולדיקן אין אַלץ, מודה זיין, אַז אַלע חטאים וואָס ווערן אונז צוגעשריבן זענען טאַקע אמת . . .״

ער האַלט, „אַז דאָס רוב פון זיי האַלטן אין זיך זייער וויכטיקע אמת׳ן . . . ״ ער איז אָבער קעגן דאָס צונויפמישן אַלע פאָרמען פון נעגאַטיווע באַציאונגען . . . ער האַלט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק, ווען אַ ייד, אַן אוהב ישראל, אַ ליבהאָבער פון זיין פאָלק, ווייזט אָן אויף געוויסע חסרונות ביים ישראל־פאָלק, צי אַ משומד, אָדער אַ יידן־פיינט פאַרנעמט זיך מיט אויסזוכן חסרונות ביי יידן.

אלס המשך פון אָט דער שטודיע, האָט ער גאָר לעצטנס, ווידעראַמאָל באַרירט די טעמע פון יידישן זעלבסט־האַס[25] זיך אָפּשטעלנדיק אויף׳ן ווערק פון טעאָדאָר לעסינג וועגן האַס צו יידן פון באַרימטע משומדים און בכלל וועגן צווישנייידישע באַציאונגען — אָבער דאָס וועט אונז צו ווייט פאַרפירן. מיר ווילן בלויז ברענגען ווי ווייט דער זעלבסטהאַס האָט געקענט פירן, אַז דער גרויס־טאַלענטירטער דיכטער יוליאַן טואווים, פונם גרויס־יידישן אָפּשטאַם, זאָל וואַגן אין זיינע אַ פּאָעמע צו שילדערן דעם יידישן כאַראַקטער אין אָט די פערזן:

„שווארצע, כיטרע, בערדיקע
מיט מטורפע אויגן
אין וועלכע ס'איז דאָ אייביקע שרעק,
אין וועלכע ס'איז דאָ ירושה פון דורות,
מענטשן וואָס ווייסן ניט וואָס ס'באַטייט פאָטערלאַנד,
ווייל זיי לעבן אומעטום,
טראַגישע, נערוועזע מענטשן,
פאַרוואָגלט געוואָרענע"[26].

אזוי האָט געטראַכט און אזוי האָט געזען די יידן אַ פויליש־אַסימילירטער ייד, וועלכער האָט געווים חרטה געהאַט אין דער שפּעטערער, נאָך היטלערישער תקופה, ווען ער האָט געשריבן זיין בארימטע פּאָעמע „צו דער יידישער מאַמע אויפן לאָדזשער בית עלמין", דאָרט רעדט ער שוין—

„פון דער טרייער פוילנס טאָכטער,
פון דער יידישקע מיין מאַמע . . . "[27].

די גדולי הרבנים, ווי מיר ווייסן, האָבן, ווי די נביאים אַמאָל, זיך באַמיט צו ברענגען דאָס פאָלק אויפן דרך הישר. ווי „הארטנעקיק" און „ווידערשפּעניק" דאָס פאָלק זאָל ניט געווען זיין, האָבן די נביאים מיט זייער פלאַמיקער שפּראַך און מיט זייער הייליקער עקזאַלטאַציע געשטאַרקט דעם בונד צווישן גאָט און ישראל. די דאָזיקע טראַדיציע פון דערהויבנקייט, איז באַפעסטיקט געוואָרן דורך די תנאים, אמוראים און רבנים אין אַלע צייטן, אפילו אין לאַנגן פינסטערן גלות.

די נביאים, ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, האָבן ניט געשוויגן און ניט פאַרשוויגן די עוולות אין ישראל און געזען קלאָר די זינד און די שטראָף פאַר די באַגאַנגענע זינד, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק דורך דעם נביא עמוס[28] אָדער דורך דעם וויי־געשריי פונעם נביא מיכה[29].

די נביאים זעען די זינד פון געצן־דינעריי, סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, זנות אא"וו און זיי רופן צו תשובה, אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, אַן עכט־יידיש־עטיש לעבן — אָבער אין זייער שטראָפן איז אפילו ניטאָ קיין שמץ פון זעלבסטהאַס[30].

די תנאים און אמוראים, ווי נאָכפאָלגער פון די נביאים, האָבן געזוכט דורך מוסר־רייד ארויסהייבן די בונד־אידייע צווישן פאָלק און גאָט. זיי האָבן מוכיח געווען דאָס פאָלק, אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן — אָבער אַלץ מיטן ציל אַז דאָס פאָלק זאָל מתקן זיין זיינע מעשים און צו האַלטן זיך פאַר דעם עם הנבחר אין די באַציאונגען צווישן איין ייד און דעם אנדערן.

די נביאים האָבן געווים ניט מגזם געווען אין זייער מאָלן און שילדערן יידישע עוולות אין זייער צייט. זיי האָבן געזען גרויליקע בילדער פון עקל און

רשעות. זייערע שטראָף רייד זענען געווען א נאציאָנאַל־צעמענטירנדיקער כח. אין אונזערע דורות, טראָגט אזא סאָרט מוסר א דיסאינטעגרירנדיקער פאַקטאָר — און דאָס מוסר זאָגן, ניט אַכטנדיק ווער דער בעל־מוסר זאָל ניט זיין, מוז עס האָבן די באַוואָרעניש, אז זיינע ווערטער זאָלן חלילה ניט ברענגען נעגאטיווע רעזולטאטן און ווער האָט עס די רעכט צו רעדן מיט דער שאַרפקייט פונעם נביא אָדער פונם תנא, ווי למשל, אזא אויסדרוק, אז די אומגליקן פון דער וועלט קומען אלס רעזולטאט פון זינד ביי יידן[31].

אין אונזערע טעג, ווירקט מען בעסער מיט אהבת ישראל באַציאונג, אז דער אָרימסטער ייד האָט א רעכט צו א סעודה פון מלכים[32].

צו דעם סוג באַציאונג צו יידן, גרעניצלאָזע אהבה און אומבאַגרעניצטן חסד, געפינען מיר ביי איינעם פון די לעצטע רואים און רועים, רבינו רבי אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל (געבוירן 16 טאָג אין אלול — חודש הרחמים, התרכ"ה אין גראַיעווע, א שטעטעלע אין ליטע־פוילן; נפטר ג' אלול, תרצ"ה) וועלכער האָט איבערגענומען די מדת החסד פון אבהם אָבינו צו רעדן גוטס אויף יידן, בעטן פאַר יידן אין ירושלים עיר הקודש, מקרב זיין יידן און בכלל ניט געזען קיין שלעכטס ביי יידן. ער האָט געהאַט די מדת הגבורה פון יצחק, זיך צו שטעלן מיט גבורה און פעסטקייט קעגן יעדן וואָס רעדט שלעכטס אויף יידן[33].

אַלץ וואָס עס האָט געהאַט אין זיך די נצוצי הקדושה — שרייבט הרב מיימון — האָט ער ליב געהאַט, זינט זיינע רייפערע יאָרן, אזוי זיין ליבשאַפט צו עם ישראל, תורת ישראל און ארץ ישראל און דעריבער זוכה געווען צו א פאַרערונג מצד אַלע ריכטונגען אינם יידישן לעבן. ער האָט צוגעצויגן צו יידישקייט דורך התקרבות, דורך זיסע אנגענעמע ווערטער אנשטאָט די שאַרפע קריטיק און בייזע שטראָף־רייד — אָבער דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדערער ארבעט.

הערות

א.

1. זע, יאָסל קאָהן, ניו־יאָרקער „וואָכנבלאַט", מאַי, 1960, נומ' 534.
2. דערשינען צום ערשטן מאָל אין 1896, א ביכל פון קנאַפע 125 זייטן.
3. ארויסגעגעבן אין אַן ענגלישער איבערזעצונג דורך דער „פרי פרעס", גלינקאָ, איל., 1951. צו וואָס דער פאַרלאַג האָט באַדאַרפט מזכה זיין דעם אַמעריקאַנעם לייענער, דווקא מיט א בוך וואָס איז ווייט פון אָביעקטיווער פאָרשונג, איז שווער צו פאַרשטיין.
4. זע, דאָרט באריכות.
5. זעז, מיינע ווערק „צווישן קריג און פרידן" און „באַציאונג צום פרעמדן", פרטים פון זיינע פעלשונגען, ציטירנדיק האַלבע און פּערטלדיקע מאמרים, בלויז דאָס וואָס עס האָט זיך אים געלוינט.
6. זע, בצלאל שערמאַן, „יידישער קעמפער", פרייטיק, דעם 29־טן פעב., 1952.

ב.

1. זע, אב. קאהאן „א באגעגעניש מיט׳ן באריממן עדוארד בעלאמי, פארפאסער פון דעם וועלט־באריממן ראמאן „לוקינג בעקווארד״ . . . פארווערטס, ניו־יארק, אקט. 31, 1948.
2. דאס אשכנזישע יידנטום אין איטאליע, ייווא״א־בלעטער, באנד 34, ניו־יארק, 1950; חיי היהודים באיטליה בתקופת הרינאסאנס, ניו־יארק, תשט״ו; היהודים בוירצבורג, בימי הבינים, 1935; הונדערט יאר אין דער געשיכטע פון דער יידישער קהלה אינעם מיטלעלטערישן ווירצבורג (1250־1350), שמואל ניגער בוך, ייווא״א.
3. חיי היהודים באיטליה . . . דאס לעבן פון יידן אין איטאליע, אין דער רענעסאנס־תקופה. אלע פרטים פונם ארטיקן יידישן לעבן.
4. זע, ליט. בלעטער, ווארשע, נומ 15־17; 22־29, 1928.
ווענן יידישע ארבעטער אין פראנקרייך — צו זען: ז. שייקאווסקי, „יידישע פאכשולן אין פראנקרייך, אין 19־טן י״ה (ייווא״א־בלעטער, באנד 42, ניו־יארק, 1962, ז״ז 81־120, אז דאס פארשפרייטן מלאכה צווישן פראנצויזישע יידן, איז געווען איינס פון די אספעקטן, וואס יידן אין פראנקרייך האבן דורכגעמאכט זינט דער רעוואלוציע פון 1789.
„פאר דער רעוואלוציע — שרייבט ער — איז דערלויבט געווען יידן זיך צו פארנעמען בלויז מיט א פאר פראפעסיעס, האנדל מיט פערד און בהמות . . . געבן הלוואות אויף פראצענטער אדג״ל . . . צו אגריקולטור און אינדוסטריע האט מען קיין יידן ניט צוגעלאזט״ . . .
ערשט נאך דער רעוואלוציע — שרייבט ער — האט זיך א פראפאגאנדע פאר פראדוקטיוויזאציע און ער גייט איבער פרטים און סטאטיסטיק וועגן דער דאזיקער פראדוקטיוויזאציע.
5. זען, יצחק ריבקינד, „יידישע געלט״ אין לעבנסשטייגער, קולטור געשיכטע און פאלקלאר, לעקסיקאגראפישע שטודיע, ניו־יארק, האקדמיה האמריקנית למדעי היהדות, תש״ד.
6. זע, א. מענעס „פארוואס דווקא אהבת ישראל?״, צוקונפט, יולי־אויגוסט, 1949, ז״ז 346־349.
7. דארט, ז׳ 347.
8. „די יידן אין אמאליקן פוילן״, דערשינען אינם זאמלבוך „די יידן אין פוילן״, ניו יארק, 1946.
זע אויך, דר. שלמה איידלבערג, דער גייסטיקער פרצוף פון דער יידישער קהלה — צוקונפט, מערץ, 1962.
9. זע, דארט, ז׳ 349, אז ווען אין פראג האט אויסגעבראכן א שריפה און ער איז געווען געצוואונגען צו פארלאזן די שטאט, האט ער פארבראכט אויסערן שטאט „עם חברותא קדושא״, חכמים ועשירים״.
10. זע, „ספר לינטשיץ״, ערוך בידי הרב יצחק ידידי׳ פרנקל, הוצאת עולי לינטשיץ בישראל, תשי״ג־1953. די שטאט איז געגרינדעט געווארן ארום 970־980־טן יאר דורך דעם קעניג מיעטשיסלאוו דער ערשטער און ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג געציילט ארום 1500 יידישע משפחות. זי איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין פוילן.
11. דארט, ז״ז 26־33. דערפון אליין, וואס ער איז געווען צוזאמען מיטן מהר״ל, איז גענוג פאקט, אז זיין שארפקייט אין די דרשות זיינען ווייט ניט געווען דאס וואס מ׳שרייבט אים צו, ווארי ניט קיין רופן צו רעוואלוציע און אויפשטאנד קעגן דעם איינגעשטעלטן סדר . . . ער האט געזאגט מוסר, ווי א רב דארף עס טאן און אויף אן אופן ווי א גרויסער מנהיג ווייזט אן ווי אזוי אויסצובעסערן און מתקן זיין די געזעלשאפט.
12. מחבר פון ספר „ווי העמודים״.
13. די רבנות אינסטיטוציע ביי יידן, חודש־שריפט, „יידישע וועלט״, מעקסיקע, פעברואר־מערץ, 1946, נומ׳ 3־4, ז״ז 37־41.
14. זע, י .היילפרין, פנקס ועד ארבע ארצות, הוצ׳ מוסד ביאליק, ירושלים, תש״ה, באזונדערס וועגן תקנות הקהל אין שייכות מיט רבנות, ז״ז 4, 61 א.א. מקומות אין די תקנות פונם ועד.
15. זע, יצחק ריבקינד, יידישע געלט, אין לעבנסשטייגער . . . לעקסיקאלאגישע שטודיע תש״ד, אריינפיר, ז׳ 15, „איינע פון די גרויסע טיטלען איז ביי יידן עד היום געבליבן — „ער ווייס ניט קיין צורת מטבע״ און די נאכבאמערקונג דארט (9), אז דאס פלעגט געזאגט ווערן אויף א ייד א צדיק, וואס איז אויסגעטאן פון הויות העולם, א סימן פאר צדקות . . . און ער ברענגט א מקור פון ירושלמי, עבודה זרה, פרק ג׳ הלכה א׳: „נחום איש־קודש קדשים שלא הביט בצורת מטבע מימיו״, כאטש דארט איז, ווי ער גיט צו, די כוונה און „טעם, צוליב עבודה זרה, ווייל אויף די מטבעות זיינען אויסגעקריצט בילדער״ . . .
16. זע, „צוקונפט״, נומ׳ יולי־אויג., סעפט. און נאוו., 1949. מענעס פארטיידיקט אזוי לאגיש די הלכה, שלחן־ערוך־יידישקייט פון די אטאקעס מצד די משכילים און מארקסיסטיש־מאטעריאליסטישע אויפפאסונגען פון יידישער געשיכטע און יידישן לעבנסשטייגער.
17. דער רענעסאנס אין איטאליע און אין פוילן און זיין ווירקונג אויף די יידן, בלעטער פאר געשיכטע, ייד. היסט. אינסט. אין פוילן, אקט־דעצ., 1953, באנד 6, העפט 4, ז״ז 4־99.
18. זע, באנד 5, ז״ז 116, 190. בלעטער פאר געשיכטע, דארט, ז״ז 90־91.

19. געדרוקט אין באזל, 1580, בעת ער איז געווען רב אין לעמבערג (לבוב־לוואוו).

20. ציטירט, לויט מארק און קופפער, דארט ז״ז 93-91.

21. זע, היילפרין, פנקס ז״ז 15-14, 491 וועגן ר׳ אפרים שלמה׳ס אקטיוויטעטן און וועגן דער באציאונג פונם ועד, צו אים און צו זיינע ספרים. ער ציטירט פון זיין הקדמה צום כלי־יקר (לובלין, שס״ב) וואו ר׳ אפרים שרייבט צוו״א: „הנה בעת בשנת שס״א לפ״ק קודם ימי הפורים נפלתי למשכב בחולי מסוכן כמה שבועות . . . נדרתי לד׳ ואשלמה להבר חיבור זה ומנהיגי שלש ארצות יצ״ו היושבים ראשונה במלכות שמים, נודע בשערים לשם ולתהלה, מכחם החזיקו בידי ומכיסם סייעו למלאכת הדפוס״ . . . אויך דער ארויסגעבער דאנקט פאר דער סובווענציע! פון דעם איז צו דרינגען, אז ער איז שוין גאר געווען צופרידן פון דעם ועד׳ס פירערשאפט. היילפרין ציטירט אויך פון דאס אויבנגעזאגטע: „בבואו בימים ניתח ר׳ שלמה אפרים לונטשיץ בקרת חמורה על כמה ממנהיגי הועד . . . און ער ציטירט פון דער הקדמה צום ספר „עמודי שש״ (פראג, שע״ח), אין וועלכער ער דריקט זיך אויס: „ואחרי זה בבואי בימים הפצירו בי שלמים וכן רבים לאמור: קום דבר דברים בשער בת רבים בקהלות של מדינת פולין הקדושות ובפרט ביומא דשוקא בק״ק לובלין, אשר שם קיבוץ גדול כמעט מן כל חכמי המדינה . . . ושם היה מרדכי לדבר נגד מלכים, מאן מלכי רבנן ולננע בקצה המחנה—וגרמתי לעצמי שרבים היו רודפי וצרי . . .״ דאס אלץ מיינט ניט, אז ער איז געווען רעוואלוציאנער. ער האט בלויז אויף זיין שטייגער גערופן פאר יושר און יידישער גערעכטיקייט.

22. ר׳ יהודה ליווא בן בצלאל (געב. פאזן 1515; נפטר פראג, 1609), באקאנט אויך אין דער ניט־יידישער וועלט מיטן נאמען „דער האהער ראבי ליוואָ״ און אלס דער שאפער פונם „גולם״, דורך וועלכן ער האט אפגעראטעוועט פראגער יידן פון די עלילות־דם גזירות.

23. געדרוקט אין קראקע, אין יאר 1582, דורך דעם בארימטן דרוקער יצחק בן אהרן מפרוסטיץ.

24. א טעמע און א קעגנשטאנד, אויף וועלכער ער ארבעט א צוויי צענדליק יאר און איז באקאנט מיט אלע אירע ווינקעלעך . . . ז״ז 24-28.

25. ייוו״א־בלעטער, באנד 19, נומ׳ 1, יאנ.־פעב., 1942; באנד 20, נומ. 2. מיט א יאר פריער, אין 1941, ב׳ 17, האט א. גאלאמב געשריבן וועגן שנאה צו יידן ביי יידן. זע, 1942 באנד, ז״ז 43-39 באריכות, ציטירט פון יחזקאל קויפמאן, חורבן הנפש, מאזנים, חוב׳ ד׳, כרך א׳, טבת תרצ״ד. דר. מייערס פסיכאאנאליטישע הנחה . . . ייוו״א־בלעטער, ז׳ 46. „אידישער קעמפער״, ראש־השנה תשכ״א־נומער, ז״ז 71-65.

26. ל. לערער, אין ייוו״א־בלעטער, ציטירט פון Julian Tuwim, Czybanie na Boga, Zydzi, Warszawa 1919, s. 77. די יידישע איבערזעצונג איז פון מ. קליגסבערג. יעקב גלאטשטיין דריקט זיך אויס וועגן יוליאן טוואווים, אז ביז קורץ פאר זיין טויט, איז ער געשטאנען מיטן רוקן צום יידישן פאלק („טאג־מארגן־זשורנאל״, זונטיק, נאוו. 27, 1955).

27. „פון די נייע לידער״, איבערז. אין יידיש—ל. אליצקי.

28. עמוס ב׳, ד׳.

29. מיכה ז׳, ב׳.

30. זע, ל. לעהרער, היסטאריש־פסיכאלאגישע פאקטארן אין צווישנייידישע באציאונגען, ייוו״א־בלעטער, סעפט.־אקט., באנד 19, נומ׳ 1, ז״ז 46-36, 55.

31. זע, יבמות ס״ג, ע״א.

32. בבא מציעא מ״ט, ע״א. דערמאנט אין פריערדיקן קאפיטל.

33. זע, הרב יהודה ליב הכהן מימון, מדי חודש בחדשו, סיני, אלול, תש״ב (שנה כ״ג, כרך מ״ז, חוברת י״ב, ז״ז של״ב־שנ״ה), וועגע די מידות היסודיות חסד און גבורה פון וועלכע דער צדיק הדור איז געווען באהויכט, און ווי דער „תורת חסד על לשונו״ איז ביי אים געווען ניט סתם אזוי מליצה . . . נאר פולשטענדיקע ווירקלעכקייט.

קאַפּיטל פיר-און-צוואַנציק

אַטעאיסטישער סאָציאַליזם

צווישן די טעאָרעטיקער פון יידישן און פון אַלגעמיינעם סאָציאַליזם, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זייער עובדא, און הויפּט-אויפגאַבע איז געווען אַרונטערייסן רעליגיע, באַזונדערס די יידישע אמונה. זיי האָבן זיך הויפּטזעכלעך

א. סאָציאַליסטן ווי קעמפער קעגן דער יידישער אמונה. — סאָציאַליסטישע אפּיקורסים. — ווי אַזוי ב. פייגנבוים האָט אָנגעפירט דעם קאַמף. — אַטעאיסטישער פאַנאַטיזם.

אָפּגעגעבן מיט אפּיקורסות, מיט קאַמף קעגן רעליגיע און קעגן קלעריקאַלן.

איינער פון זיי איז געווען ב. פייגנבוים. ער האָט אָנגעפירט זיין אַפּיקורסות-אַגיטאַציע אין סאָציאַליסטישן לאַגער, הגם ניט סיסטעמאַטיש-וויסנשאַפטלעך אָבער מיט דער הילף פון ערודיציע האָט ער געהאַלטן אין איין אויסזוכן און אַרויסברענגען די נעגאַטיווע שאַטנדיקע זייטן פון רעליגיע.

ב. פייגענבוים, האָט נישט איינמאָל אַרויסגערופן קעגנערשאַפט צו זיין אַטעאיסטישע פּראָפּאַגאַנדע און צו די מעטאָדן פון זיין אַגיטאַציע — ער איז געווען ווי א. ליעסין דריקט זיך אויס וועגן אים — „אַ טיף גלויביקער אין זיין אפּיקורסות"[1]. ער איז ממש פאַרבלענדט געוואָרן פון אַטעאיסטישן פאַנאַטיזם.

א. ליעסין דערציילט:

„. . . דער שרייבער פון די צייַלען האָט אים מיט פיל יאָרן צוריק געפרעגט: „גענאָסע פייגענבוים, וואָס האָט איר צו רב פּפּא'ן? הלמאי באַפאַלט איר אים שטענדיק, ווי אַ פּערזענלעכן שונא? איר ווייסט דאָך, אַז רב פּפּא האָט געלעבט אין 4-טן יאָרהונדערט, מיט 16 הונדערט יאָר צוריק, און ערגעץ וואו אין בבל, אין אַ שטעטל צווישן סורא און פּומבדיתא. טאָ ווי קענט איר קומען צו אים מיט אַ מאָס פון 20-טן יאָרהונדערט און פון איסט בראָדוועי, ניו יאָרק?" פייגענבוים האָט עפּעס-וואָס געענטפערט, דאַכט זיך נאָך אפילו מסכים געווען, און ער איז פונדעסטוועגן ווייטער אָנגעגאַנגען אויף דעמזעלבן אופן. ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. דער כעס אויף רב פּפּא'ן האָט אין אים געברענט, אין לעבן איז דאָס אים געגאַנגען"[2].

ס'זענען געווען גרעסערע אפּיקורסים ביי יידן, דווקא ניט פון סאָציאַליסטישן לאַגער, וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זייער אפּיקורסות „באַגרינדעט" וויסנשאַפטלעך, סיסטעמאַטיש — אָבער זיי האָבן זייערע אפּיקורסישע ווערק געשריבן פאַר אינטעלעקטואַלן, פאַר יחידים און דעריבער ניט געווען אַזוי שעדלעך. אַנדערש

איז געווען מיט ב. פייגענבוים'ען ער האָט אָנגעפירט זיין אנטי־רעליגיעזע אגיטאַציע מיט וואָרט און שריפט אויף דער יידישער גאַס, צווישן ברייטע יידישע מאַסן.

א. ליעסין זוכט צו געפינען דעם הינטערגרונט פון זיין אנטי־רעליגיעזקייט, באַהויפּטנדיק, אַז דער „קאַמף פון פייגנבוים'ען איז געווען דער קאַמף פון אַ משכיל, אַן אויפגערעגטן משכיל, וואָס האָט שוין געשריבן ניט אין העברייאיש, נאָר אין יידיש, ניט פאַר די איינגעזעסענע יידישן מאַסן פון רוסלאַנד און גאַליציע, נאָר פאַר די צונויפגעלאָפענע יידישע מאַסן פון ענגלאַנד און אַמעריקע . . ."

„מיר, פון איינגערן דור — גיט ליעסין צו — זענען שוין קיין משכילים ניט געווען . . . העברייאיש איז שוין געוואָרן אַ זעלבסט־צוועק פון גרויסער נאַציאָנאַלער באַדייטונג, און ניט נאָר אַלס מיטל פאַר'ן צוועק פון השכלה. און פאַר אונז זענען שוין געשטאַנען ניט קיין אַפּיקורסישע משכילישע גריבלענישן, נאָר גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגן — דער פּאַלעסטיניזם, דער סאָציאַליזם, די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג . . ."

ב. פייגענבוים האָט זיך פאַרנומען ניט בלויז מיט באַקעמפן רעליגיעזע פירער און רעליגיע פון זיין צייט, נאָר זיך פאַרמאָסטן קעגן רעליגיע פון אַלע דורות, קעגן דעם תנ"ך און קעגן די בעלי התלמוד[3].

אין דעם „פאָרוואָרט" צו זיין בוך „יידישקייט און סאָציאַליזם"[4], נאָכדעם ווי ער דערקלערט, אַז „דאָס בוך איז געשריבן פאַר די מאַסן, וואָס קענען ניט קיין גמרא . . . גיט ער צו אין זיין סאַרקאַסטיש לשון: „פאַר אַן ערלעכן תלמודיסט מיט אַ געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד וועט אבסאָלוט ניט בלייבן וואָס איינצוּוואַנדן און אויסזעצן קעגן דער ריכטיקייט פון מיין איבערגעבן וואָס די גמרא זאָגט. אומערלעכע מענטשן און קרומע קעפּ אָבער קענען געפינען היציקע טענות אפילו קעגן דער באַהויפּטונג, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר . . ."

פריער ברענגט פייגענבוים ציטאַטן פון דער קריסטלעכער און אַנדערע רעליגיעס אָנווייזנדיק אויף דעם פאַקט, אַז זיי האָבן טאַקע אַ גוטע מאָראַל און גוטע באַציאונג צום ארבעטער־מענטש אָבער די פירער האָבן שטענדיק געהאַלטן אַנדערש. ער ציטירט פון אַ פּאָלעמיק צווישן אויגוסט בעבעל מיט אַ באַוואוסטן דייטשן גלח, אין וועלכער בעבעל האָט זיך אויסגעדריקט אַז „די פרומע און די גלחים האָבן פון די עלטסטע צייטן אָן ביז היינטיקן טאָג קיינמאָל נישט געהאַלטן די גוטע, איידעלע לערעס פון דער רעליגיע . . ." און נאָך מער, אַז "די געצנדינער האָבן אַ סך מער געהאָלפן דעם פאָרשריט, ווי דאָס קריסטנטום . . . און אַז בלויז „דער סאָציאַליזם איז די ריינע מענטשלעכקייט . . . ווייל ער באַשאַפט די אַלגעמיינע גלייכהייט, אַלגעמיינע מענטשן־ליבע, אַלגעמיינע גליק . . ."

נאָך מער, אויגוסט בעבעל דריקט זיך אויס:

„דער זאָגענאַנטער גוטער קערן . . . אין קריסטנטום, איז ניט דווקא

קריסטלעך, נאָר אַלגעמיין מענטשלעך; דאָס אָבער, וואָס עס איז נאָר קריסטלעך, טויג צו גאָרניט און איז אַ פּיינט פאַר דער מענטשהייט . . . "[5].

ב. פייגענבוים, איז מסכים מיט בעבעל'ן איבערהויפּט וואָס שייך יידישער אמונה פון וועלכער ער לאַכט אָפּ מיט'ן גרעסטן סאַרקאַזם — און ניט ווייניקער פון די יידישע סאָציאַליסטן וואָס זענען געוואָרן פּאַטריאָטן פון דער יידישער רעליגיע און ווילן דווקא „אָנטאָן דעם סאָציאַליזם אין אַ טלית".

איז דאָ ניט שייך, צו פּאָלעמיזירן מיט פייגענבוים'ען. אָביעקטיוו־געשטימטע, ערלעכע סאָציאַליסטן, האָבן געקוקט אויף אים ווי אַ פאַנאַטיקער, וועלכער האָט געטאָפּט ממש אין דער פינסטער, וואָס שייך דער עטיק פון יהדות. שטאָט זיך באַנוצן מיט די תקנות „וועד ארבע ארצות"[6], אָדער „תקנות מעהרין"[7], כאַפּט ער זיך אָן אין די ווערק פון יצחק בער לעווינסאָן, מענדעלי מוכר ספרים און אַנדערע, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט די יידישע פּרנסים, גבאים, ראשי הקהל און תקיפים אין גאָר נישט קיין שיינע ליכט[8].

אין סאָציאַליסטישן קרייז האָט ער מיט זיינע אַגיטאַציעס ניט געהאַט קיין צו גרויסן דערפאָלג. אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, ווי אַב. קאַהאַן, אַ רעאַליסטישער פּובליציסט, האָט אים מבטל געמאַכט, געהאַלטן אַז זיינע אידייען זענען שעדלעך פאַר דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע[9].

ב. פייגענבוים'ס תורה פון אַנטי־רעליגיעזקייט, האָט אָבער אָנגעשטעקט די אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע. די פאַריידיקער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, האָבן זיך אין די בראשית־יאָרן פון זייער באַוועגונג, אָנגעכאַפּט אין אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

די רעדאַקטאָרן פון „די פרייע אַרבעטער שטימע" (אָנגעהויבן דערשיינען, יולי 1890), אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי משה קאַטץ (1864־1941), ש. יאַנאָווסקי (1864־1939) האָבן כסדר געדרוקט אַרטיקלען קעגן רעליגיע, דערמוטיקט אַנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראַטיווע פאַרזאַמלונגען און ענלעכע אַרויסטריטן קעגן רעליגיע.

אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט, קענען מיר זיך ניט אַריינלאָזן אין אַרויסברענגען יענע תקופה פון אַנאַרכיזם אין אַמעריקע.

געגוג צו דערמאַנען, אַז אין דער אַרבעט „דאָס מענטשלעכע רעכט"[10], ווערט דערקלערט:

„דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק באַקעמפט דעם **אָבערגלויבן פון רעליגיאָן** (קורסיוו — מייגער) די פאַראורטיילן פון קלאַסן, די שווינדלערייען פון דער פּאָליטיק, ער באַקעמפט דאָס גאַנצע אויסבייטונג־סיסטעם פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן אויף אַלע זיינע וועגן.

דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק איז פריי פון די אַלע פאַראורטיילן. זיין נאָמען

דריקט עס אויס. אנארכיע מיינט אָן הערשאַפט, אָן אונטערדריקונג, אָן אויס־ביטונג; עס מיינט די פרייהייט און גלייכהייט, נאָך וועלכע די מענטשהייט שטרעקט אויס זייט לאַנגע יאָרן אירע ליפּן, פאַרדאַרט פון שקלאַפעריי און קנעכט־שאַפט. די אנארכיע איז דער שונא פון אַלע פּאַראַזיטן און פון יעדער אויסבייַ־טונג, און דערפאַר דער שטענדיקער קעמפער קעגן הערשער, וועלכע רעגירן, און קעגן הערשער, וועלכע ווילן רעגירן".

אין די 90־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן — ווי געזאָגט — די אנארכיסטן אין אמעריקע זיך א סך אָפּגעגעבן מיט אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. גאָר באַזונדערס מיט פאַרעפנטלעכן „תפלה זכהס" אין וועלכע די אנארכיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן גענוצט די ערגסטע ווערטער אויף חוזק צו מאַכן פון רעליגיע.

וועגן די דאָזיקע „תפלה זכהס" האָבן א סך געשריבן[11]. פון די וויכטיקסטע, און אָביעקטיווסטע און גלייכצייטיק אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען האָט געשריבן דער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע", דר. ה. פראַנק[12].

„וועגן די אַמאָליקע אַמעריקאַנער אנאַרכיסטישע „תפלה זכהס" — שרייבט ער — האָט מען שוין ניט ווייניק געשריבן. מ'דאַרף אָבער אונטערשיידן די סאַמע ערשטע, אַזוי צו זאָגן, „תפלה זכה'ס" — דאָס מיינט פון די יאָרן 1889־1891 פון איין זייט, און די שפּעטערדיקע אַזעלכע — מיינט עס — וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע 1890־ער יאָרן און אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, פון דער צווייטער זייט . . . די ערשטע דריי, אָדער פיר, אַמעריקאַנער „תפלה זכהס", וואָס זענען דערשינען דאָ, אין ניו־יאָרק מיט איבער 55 יאָר צוריק, האָט קיינער, וואָס האָט ביז איצט זיי באַהאַנדלט אין דער ערנסטער ליטעראַטור, זיי פאַר די אויגן קיינמאָל ניט געהאַט, הגם מ'האָט יאָ „ציטירט" פון זיי . . . "

דר. פראַנק גיט איבער אַז,

„ערשט מיט א יאָר צוויי צוריק האָב איך פון אונזער אַלטן חבר, דר. ג. סקלאַר, אין פילאַדעלפיע, באַקומען א קאָפּיע פון דער „תפלה זכה" פון יאָר תרנ"ב (1891), דאָס הייסט, די דריטע און מסתמא די לעצטע פון דער ריי, אָדער סעריע, פון יענע דריי, וואָס פלעגן דערשיינען יאָר־יערלעך, דריי מאָל, זינט 1889.

„דאָס איז א 4־זייטיק בלאַט, מיט א פאָרמאַט פון זייט כמעט א העלפט פון דער איצטיקער „פרייע אַרבעטער שטימע", און זויבער געדרוקט (מיט האַנט־זאַץ) אויפ'ן שטייגער פון א צייטונגל, וואָס דערשיינט נאָר איין מאָל א יאָר — צו די „ימים נוראים" . . . די „צייטשריפט" פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן פון דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט", און דער איינצל־פּאַרקויף־פּרייז איז געווען איין סענט".

דר. פראַנק, ווי אַן ערלעכער אַנאַרכיסט און ניט סתם אַזוי אַ שונא פון רעליגיע, שרייבט ווייטער:

„דער הויפּט־אינהאַלט פון אַט דעם נומער 3, „תפלה זכה" לימים הנוראים, לשבתות ולכל ימות השנה", וואָס האָט אויסגעפילט 3 פולע זייטן אירע, איז באַשטאַנען פון אַ לענגערער גאַנץ טרוקענער „דיסערטאַציע" אָדער כמו־וויסנ־שאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג, באַטיטלט „אַ שטראַהל פון ליכט", און האָט געדאַרפט דינען ווי אַן אויפקלערנדיקער אַרטיקל מכח דעם אַטעאיזם בכלל און דעם אַנאַרכיסטישן אַטעאיזם בפרט".

ער גיט איבער די קורצע הקדמה אויף דער ערשטער זייט, געשריבן, לויט אונזער מיינונג, אין גייסט פון יענער צייט, ווען ביי אַ סך פון ראַדיקאַלן לאַגער, האָט געהערשט עם הארצות און פאַרגרעבטקייט, וואָס שייך יידישע געשיכטע, יידיש וויסן, וואָס שייך יידישקייט.

ניט ווילנדיק דאָ איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַלע מאמרים, ציטירונגען פון אַלע אַרטיקלען וואָס איינער איז גרעסער מיט אַפּיקורסות פון די אַנדערע און פאַנגט זיך אָן מיט אַן אויסצוג: „תניא ר' יוסי אומר, מעולם לא ירדה שכינה למטה ולא עלה משה למרום", ניט פאַרשטייענדיק מסתם דעם דאָזיקן מאמר און בכלל, צו וואָס די ראיה פון אַ תנא, ווען זיי לאַכן אויס און שפּעטן אָפּ פון די תנאים און זייערע לערעס. מיר וועלן אָבער ברענגען איין אויסצוג וואָס זאָל געבן דעם לייענער אַ באַגריף פון די אַרטיקלען וואָס אַנאַרכיסטן־אַפּיקורסים האָבן דאַן געשריבן:

„מיר, „פּיאָנערע דער פרייהייט" אַלס איינע פון די טויזנטער גרופּן, וועלכע קעמפן פאַר די באַפרייאונג דער פאַרשקלאַפטן מענטשהייט, האָבן אונדז צור פליכט געמאַכט יעדעס יאָר אַרויס־צו געבן איין „תפלה זכה" און צו פאַראַנשטאַלטן איין „יום כפור באַל" מיט דעם צוועק צו מאַכן איינע געוואַלדיקע דעמאָנסטראַציאָן געגן רעליגיאָן און אַבערגלויבן און אַזוי ווי אייך איז באַקאַנט אַז יעדעס יאָר האָבן מיר שטערונגען סיי פון די שווינדלער און גאָטס־גנבים און סיי פון די פאַרדומטע אונוויסנדע משה רבנו'ס בהמהלעך (שרעקלעכע אינסינואַציע—נ.ש.), זאָ געפינען מיר פאַר נויטיק איין מאָל פאַר אַלע מאָל אונזער צוועק אָפּן און דייטלעך צו ערקלערן:

מיר פאַרדאַמען די רעליגיאָן אויס צוויי שטאַנדפּונקטן: אַלס אַטעאיסטן און אַנאַרכיסטן.

דער פאַרמעסט פון די „פּיאָנערן פון פרייהייט" איז צו באַקעמפן אַלע רעליגיעס אָבער ווי יידן וואָס רעדן צו יידן פאַרמעסטן זיי זיך איבערהויפּט קעגן דער יידישער רעליגיע, מיט'ן כח פון די פייגענבוים'ס און זייער גלייכן, און זיי מיינען, אַז זיי קענען טאָן אַלץ וואָס זיי ווילן און ס'גלוסט זיך זיי, עובר זיין אויף אַלע עברות.

צווישן די אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען, געפינט זיך אַ גאָרנישט־זאָגנענדע פּאַראָדיע, נאָכמאַכנדיק אַ ימים־נוראימדיקן פּיוט און ווי דר. פראַנק דריקט זיך אויס, „פאַרפּאַסט אין אַ הילצערנעם, פאַרקריפּלטן „לשון קודש" . . . געשריבן אין גייסט פון יאָהאַן מאָסטס . . . [13] און ס'איז איבערגעדרוקט דוד עדעלשטאַטס ליד „דער יידישער פּראָלעטאַר".

ס'ווערן אָנגעגעבן אין די מודעות, וואו זיך צוזאַמענקומען פייערן מיט עסן און טרינקען יום כפור („שטאַט־אונטערהאַלטונגען") אין ניו־יאָרק: קלאַרענדאָן האַלל אויף דער 13־טער גאַס און צווישן די רעדנערס געפינט זיך דר. זאָלאָטאראָף (שפּעטער געוואָרן הייסער ציוניסט); אין סט. לואיס, אין א פּריוואַטע היים; און די צייט פון דאָס באַלעווען אום יום־כפּור איז אָנגעגעבן אין ניו־יאָרק אָנפאַנג 8 אוהר דעם מאָרגענס ביז נאָך נעילת שער און אין סט. לואיס „מאָנטאַג מעלות השחר עד צאת הכוכבים". דאָס זעלבע אין פילאַדעלפיע, אין קעמדען, אין באָסטאָן, מאָנטאַג דעם 12־טן אָקטאָבער „פון 10 אוהר מאָרגענס ביז נאָך הבדלה" און דרשת נעילה פון מ. קאַטץ (שפּעטער געוואָרן ציוניסט און רעדאַגירט די „יידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע) און אין פּראָווידענס, „זאָנטאַג דעם 11־טן אָקטאָבער 7 אוהר אבענדס עד חצי הלילה", דרשת כל נדרי — מ. קאַטץ.

צום סוף א צוגאָב:

„אין די אַלע אבענגינאַנטע (אַנגעוויזענע) פּלעצער איז געזאָרגט פאר די בעסטע „אַמיוזמענטס" (פּאַרוויילונגען): מוזיק, געזענגע (געזאַנג) און אויפקלע־רונגס־רעדן. יום כפּור בופעט לפי מנהג האַטעאיסטים והאנארכיסטים בכל הארצות".

יוסף קאַהאַן אין זיין ווערק וועגן דער אנארכיסטישער באַוועגונג[14], איבער־געבנדיק אומצייליקע פּרטים וועגן דער ארבעטער באַוועגונג בכלל אין יענעם פּעריאָד, ווידמעט ער א צאָל זייטלעך וועגן „די אַנטי־רעליגיעזע אגיטאַציע אין די ניינציקער יאָרן"[15]. ער שרייבט צוו"א:

„צווישן די אנד. אויפקלערונגס־טעטיקייטן וואָס האָבן באַשעפטיקט אונזערע גענאָסן צום סוף פון די אַכציקער יאָרן און פאר א לאַנגער צייט נאָכדעם, האָט פאַרנומען א גאַנץ גרויסן פּלאַץ די אנטי־רעליגיע אגיטאַציע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך ארום די ימים נוראים . . .

„פאַר יעדן יום כפּור פּלעגן זיי אַראַנזשירן א פאַרזאַמלונג און אונטערהאַל־טונג . . . ארום וועלכע עס פּלעגן פאָרקומען ערנסטע צוזאַמענשטויסן מיט די פרומע יידן . . . "

ער דערציילט, אז די קאַמפּן האָבן ארויסגערופן פּאָליציאַישע אריינמישונג און ניט בלויז די אנארכיסטן, די גרופּירונגען ארום די „ריטע דער פרייהייט" אָדער די „פּיאָנירע דער פרייהייט", נאָר אויך די אנדערע סאָציאַליסטן האָבן באַקעמפט רעליגיע.

„די אנטי־רעליגיע אגיטאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן יאָר־איין, יאָר־אויס פאר אַן ערך 25 יאָר . . . " אָבער בעת די אנארכיסטן האָבן געפּראַוועט עפנטלעכע בעלער, האָבן די סאָציאַליסטן עס געפּראַוועט אין זייערע פּריוואַטע היימען.

„די יידישע סאָציאַליסטן זענען די ערשטע יאָרן געווען פונקט אזוי טעטיק אויף דעם געביט ווי די אנארכיסטן. טייל פון זיי, ווי פייגנבוים, ראָזנצווייג און אנד.

האָבן די דאָזיקע טעטיקייט אָנגעפירט אַלע זייערע יאָרן. די אָפיציעלע פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אין די נײַנציקער יאָרן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם כלומרשטן באַשלוס פון דער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט זאַך און זיי האָבן יענעם באַשלוס אויסגעטײַטשט אויף אַ העכסט וואולגאַרן אופן (מײַן קורסיוו — נ.ש.). אַב. קאַהאַן האָט זיך צעדרשנט, אַז איצט מעג מען שוין! פרײַדענקער, הייסט עס, מעגן שוין ניט נאָר עסן קניידלעך, נאָר אויך זאָגן די הגדה״ . . . 16

יוסף קאַהאַן קען ניט פאַרטראָגן די נאָכגיביקייט מצד סאָציאַליסטן צו רעליגיע און רעליגיעזע מנהגים.17

ער באַמיט זיך צו באַווײַזן, אַז דער היסטאָרישער „ערפורטער פּראָגראַם״ (1891), רעדט ניט וועגן אוועקשטעלן רעליגיע אין אַ פּריווילעגירטן שטאַנד — אָבער דאָס האָט אײַגנטלעך שוין ניט צו טאָן מיט אונזער טעמע.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז איינציקע פון די היינטיקע היסטאָריקער, וואָס האָבן שוין געניג סטאַזש פון יידיש און אַקאַדעמיש וויסן, זוכן אויך שטענדיק צו שילדערן דעם רעליגיעזן ייד אין אַ מיאוסער קאַריקאַטור, ווי עס האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן דר. א. מענעס, דער אָביעקטיווער פאָרשער וועלכער איז ניט פאַרבלענדט געוואָרן פון די מאָדערנע ראַדיקאַלע איזמען, איבערהויפּט ווײַזט ער דאָס אָן, אין זײַן פּאָלעמיק מיט דר. רפאל מאַהלער דעם היסטאָריקער־מאַרקסיסט, וועלכער דערלויבט זיך שרײַבן אין זאַמעלבוך „די יידן אין פּוילן״, אַז:

„דער כלל רבנים און לומדים האָט נישט בלויז געשטיצט מיט׳ן רעליגיעזן אויטאָריטעט דעם סיסטעם פון אומ׳ברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע פון פאָלק דורך דער גבירישער קהל־אָליגאַרכיע, נאָר איז אויך אַליין געווען אַ שותף צו אַלע זייערע מעשים פון גזילה און רציחה״.

דר. מענעס שטעלט זיך איין פאַר אונזערע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע, אַז זיי זענען געווען אַ פאָלק פון קדושים, אַז זיי האָבן באַוויזן די גרעסטע מסירת נפש, די העכסטע קדושה און גבורה — און ווען מיר משפּט׳ן זיי אין מאָמענטן פון שוואַכקייט און פאַרלוירנקייט, מוזן מיר פריער געדענקען דעם כלל: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״ (משפּט ניט דײַן חבר ביז וואַנען דו וועסט זיך געפינען אויף זײַן פּלאַץ!״ . . .)

א. מענעס איז אויפגערעגט אויף היסטאָריקער וועלכע ווילן ניט זען דעם אמת אינעם יידישן לעבן. אים פאַרדריסט זייער וועלן פאַרבלענדן די אויגן פון די, וואָס ווילן שטודירן אָביעקטיוו די געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע.

די וועלטלעכקייט ביים סאָציאַליזם האָט אָנגענומען אַזאַ סאָרט אַגרעסיוון כאַראַקטער, אַז באַהערשטע פון סאָציאַליזם, האָבן ממש אָנגעהויבן פירן מלחמה מיט רעליגיע און געצילט צו באַפרייען די מאַסן פונם קלער. אויב דאָס איז אַזוי

ב. די נײַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. — כוואַליע פון אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

געווען בײַ ניט־יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, איז דאָס געווען צענפאַך שטאַרקער בײַ א טייל יידישע רעוואָלוציאָנערן וועלכע האָבן מיט־אַמאָל געוואָלט צערײַסן אַלע קייטן. זיי האָבן געזען אין רעליגיעזן לעבן אבסקוראנטיזם און רעאַקציע און אַ גרויסער שטער צו דער וועלטלעכקייט, צו דער רעוואָלוציע.

דאָס, האָט באמת ניט געהאַט צו טאָן, מיטן קאַמף פאַר אַטעאיזם אויף א וויסנשאַפטלעכן אינטעליגענטן אופן; דאָ איז ניט פאָרגעקומען א פּאָלעמיק וועגן דעם אורשטאָף פון וועלכן דער אוניווערס איז באַשאַפן געוואָרן, צי עס איז דאָ א פּלאַנירער און קאָנטראָלירער, ווי רעליגיעזע יידן גלויבן . . . עס איז געווען בלויז אַן אַגיטאַציע קעגן רעליגיע, קעגן רעליגיעזע פירער, קעגן רעליגיעזע מנהגים, קעגן רעליגיעזע מנהיגים און אַמשאַרפסטן און אַמבולטסטן האָט זיך עס אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע אַגיטאַציע אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

אין די נײַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז די יונגע יידישע ארבעטער באַוועגונג געווען אונטער דער השפּעה פון אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע אַטעאיסטן. די בורזשואַזע־באַוועגונגען האָבן זיך געהאַלטן בײַם שטאַנדפּונקט, אַז יידן זענען ניט מער ווי אַ רעליגיעזע דענאָמינאַציע און פאַרוואַרפן דעם געדאַנק, אַז יידן זענען אַ פאָלק.

ווען מיר לייענען די דעמאָלטדיקע יידיש־אַנאַרכיסטישע פּרעסע, זעט מען ווי ווייט ס'איז זיי, די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן געגאַנגען אין לעבן אָפּצולאַכן פון תורת משה, אָפּשפּעטן פונם אתה בחרתנואיזם בײַ יידן. דער ציל איז געווען אוועקצורײַסן דעם ייד פון זײַן אמונה.

ס'איז ניט קיין וואונדער וואָס די גרינדערס פון די יידישע יוניאָנס, האָבן אויף אַ קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין 1891, דעקלארירט: „די וועלט איז אונזער פאָטערלאַנד, סאָציאַליזם אונזער רעליגיע!”.

זיי האָבן געהאַלטן:

מיר האָבן ניט קיין יידן־פראַגע אין אַמעריקע. די אייגנצלנע יידן־פראַגע, וועלכע מיר אנערקענען איז די פראַגע, ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל נישט קומען צו אַזעלכע „יידן־פּראָגעס”.

אַנשטאַט שטורעמען די תפיסה־טויערן האָבן זיי געשטורעמט די הימלען . . .

בלויז געציילטע סאָציאַליסטישע פירער האָבן זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו רעליגיע און באַקעמפט די אַנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראַציעס. איינער פון זיי איז געווען, ווי דערמאָנט פריער, אב קאַהאַן, דער סאָציאַליסטישער פירער (און שפּעטער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס”) וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יידישע ארבעטער מאַסן.

אַב. קאַהאַן, ניט זייענדיק קיין רעליגיעזער מענטש, ניט האָבנדיק אפילו קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם פאַר ספּעציפיש־יידישן סאָציאַליזם, אויסער דעם, וואָס ער האָט געהאָלפן בויען די יידישע געווערקשאַפטן און דעם אַרבעטער־רינג, דעם אָרדען וואָס איז געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, האָט ער דאָך אָבער געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר רעליגיע, האָט רעספּעקטירט די געפילן פון דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש און דעריבער האָט ער פּראָטעסטירט קעגן די אַטעאיסטן, סעקולאַריסטן און אַסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער באַוועגונג וועמעס עובדא ס'איז געווען באַקעמפן רעליגיע, באַקעמפן דעם רעליגיעזן סאָציאַליזם. אַב קאַהאַן, דער רעאַליסט און לאָגיקער אין זיין קאַריערע אַלס זשורנאַליסט, ליטעראַטור־קריטיקער און סאָציאַליסטיש־אַרבעטער פירער, האָט באַטראַכט דעם אַגרעסיוון אַטעאיזם פאַר ווילד־פּלייש אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט, איז אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס, געווען פּאָפּולער דאָס ווערק פון א. וו. לונאַטשאַרסקי[2] (1875-1933) אין וועלכן ער אַנערקענט די גרויסקייט פון דער יידישער רעליגיע וואָס האָט אַרויס־געבראַכט די משיח אידייע פון איין זייט און גערעכטיקייט פון דער אַנדערער זייט; ער איז באַגייסטערט פאַר ישעיהו הנביא'ס אידעאַל פאַר דעם ליידענדן. ער האַלט אויך, אַז דער נבואה־גייסט איז ניט געשטאָרבן אין פאָלק ישראל[3], ער פאַרמאָגט אָבער ניט גענוג באַהאַוונקייט, די געלאַסענע פאָרזיכטיקייט פון אַ וויסנשאַפטסמאַן אַפּצושאַצן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער הלכה און צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן פאַרנעם פון דער אגדה. ער באַגרייפט ניט דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער יהדותדיקער שאַפונג נאָך דעם תנ"ך.

לונאַטשאַרסקי גיט זיך אויף שנעל אַ פּסק'ן אָן, אַז „יידן האָבן געהאַט צוויי פּנימער, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין צוויי שולען אָדער מאַניערן פון אויסטייטשן די שריפטן: אגדה און הלכה. די אגדה איז געווען אַ פרייע אויסטייטשונג, אַ שאַפענדיקער אופן צו פּריידיקן; די הלכה איז געווען אַ טויטע היסטאָרישע אויסטייטשונג. די אגדה האָט געלעבט מיט אַן אינטענסיוון לעבן אין די צפון־פּראָווינצן, אין גליל, צו דער צייט פון אָנהויב פון אונזער ערא. די הלכה האָט געהערשט אין ירושלים, אַרום בית המקדש . . . "

דער אמת איז דאָך, אַז ביידע צוזאַמען האָבן געשטאַלטיקט די ווערטן פון יהדות. איינס האָט דערגענצט דאָס אַנדערע. אויב די אגדה איז געווען די מחשבהדיקע תורה, איז די הלכה געווען די לעבנס־תורה — און די וואָרצלען פון לעבן שטעקן אין דער מחשבה און זענען פאַרבינדן מיט די לעבנס־באַדינגונגען. בכלל, מוז מען זאָגן, אַז צו די ענינים קען נאָר צוטרעטן אַ מענטש, וואָס איז דורכגעדרינגען מיט'ן יידישן גייסט און וואָס האָט אַ טיפע אַקאַדעמישע בילדונג.

אין דער הלכה, ווי אין דער אגדה, קען דער פאָרשער געפינען אַ בולטע

אָפּשפּיגלונג פון דער טאָג־טעגלעכער סביבה אין יענער צייט וואָס האָט באַאיינפלוסט די קאָנקרעטע באַשטימונגען און חלוקי דעות צווישן די הלכהשע אויטאָריטעטן. דער פאָרשער, קאָן אויך געפינען אַ סאָציאָלאָגישן הינטערגרונט פאַר אָט די חלוקי דעות, ווי למשל, אייניקע פאָרשער ווילן דערקלערן די חומרות פון בית שמאי און קולות פון בית הלל אויפ'ן יסוד פון געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אונטערשיידן, אַז די מיטגלידער פון בית שמאי האָבן געהערט צו די אויבערשטע שיכטן און אויך צום מיטל־קלאַס בעת די מיטגלידער פון בית הלל, האָבן געהערט אין גרעסטן טייל צו די נידעריקערע און אָרימערע שיכטן פון פאָלק . . . אָבערביידע הייזער צוזאַמען האָבן געשאַפן דאָס בית ישראל ברוך ישראל, געלייגט דעם פונדאַמענט פון יהדות, דאָס עטישע ווי דאָס דיסציפּלינאַרע דאָגמאַטישע . . . .[4]

לונאַטשאַרסקי, גיט צו אַז דאָס יידנטום האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפ'ן קריסטנטום וואָס שייך מאָראַל און עטיק אָבער, ער זעט אין קריסטנטום, שוין אין די גאָר ערשטע צייטן, די עלעמענטן פון גריכיש־אַזיאַטישקייט, די סינטעזע צווישן יידנטום און הײדנטום וואָס ער זעט גאַנץ פּאָזיטיוועס אין פּאַגאַניזם, ניט אַכטנדיק וואָס דער עיקר מאָראַל, די שטיצונג פון די שטאָלצע און די דערהויבונג פון די אָרימע און דערנידעריקטע איז געקומען דורך די לערעס פון יידנטום.[5]

ער איז איבערצייגט, אַז נאָר דער מאַרקסיסטיש־וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם, קען ברענגען די דערלייזונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס אידעאַלע און דאָס מאַטעריעלע ווערט איין איינהייטלעכקייט. דער גרונט־מאָטיוו וואָס באַוועגט דעם באַוואוסטזיניקן סאָציאַליסט — האַלט ער — איז „דער פּלאַנמעסיקער קאַמף פון ארבעטער קלאַס און ער שטעלט מיט זיך פאַר נאָר אַ קלאַסן קאַמף וואָס איז פול מיט פּערזענלעכע קרבנות אין נאָמען פון אַלגעמיינעם דערפאָלג, אַ קאַמף וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אין גאַנג פון דורות. הייסט עס, ניט די פּערזענלעכע נויט, נאָר דאָס באַוואוסטזיין פון דער געדריקטער לאַגע, פון דעם גאַנצן קלאַס, ניט פּערזענלעכע פּאַראַורטיילן נאָר קלאַסן צילן — אָט דאָס איז די נשמה פון דער באַוואוסטזיניקער ארבעטער באַוועגונג".

ווי אַ שטרענגער מאַרקסיסט, זעט ער די גליקזעליקייט אינעם מענטשלעכן כח, אינם פּשוט'ן „כחי ועוצם ידי", די קראַפט, לעבנס שטראָם און ענערגיע ביים מענטש. דאָס איז אין קעגנזאַץ צו תורה יהדות.

אַ שטאַרקער קעגנער פון רעליגיע און פּאַראַויסגייער פון דער באָלשעוויסטישער באַציונג צו רעליגיע איז געווען פּאָל לאַפּאַרג, וועמעס בוך „קעגן גאָט און קאַפּיטאַל" איז דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג אין מינסק, ווייס־רוסלאַנד ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן.[6] האַלטנדיק אַז „דאָס קריסטנטום . . . איז דאָך דער עיקר רעליגיע פון יענע געזעלשאַפטן, וואָס באַזירן זיך אויף פּריוואַט־

איינגנטום פון עקספּלואַטאַציע פון געדונגענער אַרבעט . . . זי וועט בלייבן די רעליגיע פון דער בורזשואַזיע . . . ״ 7.

פּאָול לאַפאַרג, ווי זיין שוועער קאַרל מאַרקס, איז איבערצייגט, אַז די וויסנשאַפט וועט באַפרייען דעם מענטשלעכן מוח פון דער רעליגיע, ביי אים הייסט עס די „אידייע פון גאָט״. ער איז אָבער ניט מסכים וואָס דער „אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט ווייזט אַרויס אַן אומבאַגרינדעטע, אָבער פעסטע גלייכגילטיקייט צו רעליגיע״. ער דערקלערט די עקאָנאָמישע סיבות פון דער אמונה אין גאָט ביי דער בורזשואַזיע: „דער פּאַראַזיטיזם איז דער מהות פון קריסטנטום. יעזוס, דער אַנערקענטער לערער, אין זיין נבואה אויפ׳ן באַרג, האָט אויפגעדעקט דעם כאַראַקטער זיינעם. טאַקע דאָ האָט ער פאָרמולירט דעם „פאָטער אונזעריקער״, די תפלה, מיט וועלכער יעדער גלויביקער דאַרף זיך ווענדן צו גאָט אויסצובעטן ביי אים „ברויט טאָג־טעגלעך״, אַנשטאָט צו בעטן אַרבעט; און ווייטער, כדי קיין איין קריסט, וועלכער איז ווערט דעמדאָזיקן נאָמען, זאָל ניט געבראַכט ווערן צו קיין נסיון, ער זאָל דאַרפן אָנקומען צו אַרבעט, כדי צו באַקומען יענע זאַכן, וואָס זיינען אים נויטיק פאַר׳ן לעבן, — גיט קריסטוס צו: „קוקט זיך צו צו די פויגל פון הימל, זיי זייען ניט און שניידן ניט, נאָר אייער פאָטער אין הימל האַלט זיי אויס . . . דאַגהט ניט און פרעגט ניט, וואָס וועלן מיר עסן מאָרגן, וואָס וועלן מיר טרינקען, וואָס וועלן מיר אָנטאָן? . . . אייער גאָט אין הימל וויים, אַז איר נויטיקט זיך אין אַלע זאַכן״. דער פאָטער אין הימל פון דער בורזשואַזיע איז דער קלאַס פון די געדונגענע פון פיזישער און אינטעלעקטועלער אַרבעט; ער איז דער גאָט, וואָס זאָרגט פאַר אַלע אירע באַדערפענישן״.

לאַפאַרג, לאָזט ניט דורך, אויך די יידישע רעליגיע, דעם תנ״ך. ער זעט אין דער יידישער אמונה, די שטיצע פאַר דער בורזשואַזיע, פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, די ערד באַזיצער און רייכע מיט לייב־איינגנטום — און זיין אויספיר איז, אַז דער פּראָלעטאַריער וואָס האָט זיך גענומען צו שאַפן אַ נייע אָרדנונג, באַזירט אויף יושר און מאָראַלע פּרינציפּן, דאַרף באַקעמפן רעליגיע, דאַרף באַקעמפן די רעליגיעזע דאָגמעס, דאַרף באַקעמפן די רעליגיעזע מנהגים. — און ווי ער סומירט: „די טאַינעם פון איעוו — ראָטשילד, דעם קאַפּיטאַליסט״, אינם סאַרקאַסטישן נוסח פון אַ דיאַלאָג צווישן איוב און ראָטשילד׳ן (פאַרוואָס דווקא ראָטשילד׳ן? דאָס שמעקט מיט אַנטיסעמיטיזם).

דער געשפּרעך גייט אינם נוסח פון שפּאָט און ביליקן ציניזם;

„קאַפּיטאַל, גאָט מיינער, וואָרום האָסטו פאַרלאָזן מיך? . . . האָב איך דען ניט געלעבט לויט דיינע געבאָטן? האָב איך זיך דען ניט אויסגעצייכנט מיט אויפריכטיקייט און געזעצלעכקייט פון מיינע מעשים? קען מען מיר דען אויפוואַרפן, אַז איך האָב ווען עס איז געאַרבעט? און נאָכדעם, האָב איך דען ניט גענומען פון לעבן אַלערליי פאַרגעניגנס, וועלכע עס האָבן מיר נאָר דערלויבט

מיינע מיליאָנען און די אָרגאַנען פון מיינע חושים? האָב איך דען נישט געצוואונגען צו ארבעטן טאָג ווי נאַכט מענער, פרויען און קינדער ביז די לעצטע כחות און נאָך מער פון דעם? האָב איך זיי דען ווען עס איז געגעבן עפּעס מער פון דעם הונגעריקן ארבעטלוין? און איך האָב זיך דען כאָטש איין מאָל דערלויבט מיטפילן די אָרעמקייט און פארצווייפלונג פון מיינע ארבעטער ? ? ?[8].

אויף דעם זעלבן לייכטן, ווייניק דורכגעטראַכטן אופן, לאַכט ער אָפּ פון ספר בראשית[9]. ער לאַכט אָפּ פון די אָבות, און בכלל, פון דעם אופן, וויאַזוי ס'ווערט איבערגעגעבן די אנטוויקלונג פון משפחה־לעבן, הייראַט־אינסטיטוציע, נאַציע־אַנטוויקלונג.

ווער ס'פארשטייט דעם גייסט פון יענער צייט, און האָט וועלכן ניט איז באַגריף פון תורה גייסט, פונם לעבן פון די אָבות פון יידישן פאָלק וואָלט זיך אַזוי ניט אויסגעדריקט: „נאָר אויב די ווייב קומט ניט ארוים פון גוף פון איר מאַן, קומט זי ארוים פון זיין טייסטער; אין משך פון דעם ערשטן פּעריאָד פון פּאַטריאַרכאַט פלעגט דער מאַנסביל קויפן זיך זיין ווייב אָדער פאַר מתנות, ווי יצחק, אָדער פאַר לאַנג־יאָריקער ארבעט, ווי יעקב . . . "[10]. דאָס איז סתם נוצלאָזע לעסטערונג וואָס קען ניט באַווירקן און האָט ניט קיין באַדייט פאַר געלערנטע באַוואוסטזיניקע מענטשן.

נאָך ווייניקער אינטערעסאַנט, איז זיין אָפּלאַכן, וועגן די דערציילונג אין דער תורה וועגן דעם ברודער־מאָרד, קין און הבל, וועגן דער שטראָף אויף קין'ען וואָס ער רופט עס „די לעגענדע וועגן קין און הבל" וואָס ער פארגלייכט מיט קאַלעוואַלאַ, די עפּישע פּאָעמע פון פינישן פאָלק; זיינע קאָמענטאַרן זענען בכלל איבעריק און אָן יסוד, ווי למשל, ווען ער וויל דווקא באַהויפּטן, אַז דער יידישער גאָט, איז דער פּאַסטעכער גאָט וואָס האַסט ערד־ארבעט . . . פּונקט ווי עס איז סתם געזאָגט, אַז די „לעגענדע וועגן קין'ען, וועלכע ווערט אַזוי נאַריש אויסגעטייטשט פון די בורזשואַזע פּאָעטן, מיינט דעם נצחון פון דער ערד־ארבעט איבער דעם פּאַסטעכער לעבן"[11].

און גאָר מאָדנע, איז זיין פארמעסט קעגן מילה[12], זיך שטיצנדיק אינגאַנצן אויף דעם גריכישן היסטאָריקער העראדאָטוס (424־484 פאַר קריסטוס ערא) און זיינע נאָכפאָלגער, אַז מילה איז געווען אַ מנהג ביי די מצריים, ספּעציעל ביי די מצריישע כהנים. ער איגנאָרירט לגמרי, די פאַקטן פון דער תורה. אפילו ווען מילה זאָל ניט זיין מער, ווי אַ „מאָדנער מנהג", אָדער „אַן אַקט פון ריינקייט־אָפּהיטונג, אַ פרימיטיוון מאַסמיטל צו פארזיכערן זיך פון די עפּידעמיעס פון ווענערישע קראַנקהייטן . . . " איז עס שוין ניט קיין באַרבאַרישער מנהג, ווי לאַפּאַרג וויל האָבן. בכלל, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזיע . . .

די דאָזיקע אפּיקורסות האָט אָבער פאַרכאַפּט א נענונגנדיקע צאָל יידישע ראַדיקאַלן. געגוג צו דערמאַנען דאָס ביכל וועגן מילה פון ל. ראָזענצווייג.

דאָס דאָזיקע אַפּיקורסישע ביכל, איז דערשינען אין יאָר 1916, אין סאַמע ברען פון דעם ערשטן וועלט־חורבן[13]. דער ייד, ל. ראָזנצווייג, האָט קיין אַנדערע פּראָבלעמען ניט געהאַט ווי אַרויסצוקומען מיט אַ פאַרמעסט קעגן מילה און רעדט ווי אַן אויטאָריטעט קעגן „ברית אברהם" און איז נאָך אין כעס, אויף אַ ניו־יאָרקער צייטונג וואָס האָט געדרוקט אַ בריוול פון אַן אַמעריקאַנער רעווערענד פון פּלינסק, פּוילן[14] און נאָך צוגעגעבן אַ לייט־אַרטיקל, אויסדריקנדיק לויב אַ „מוטיקן רב" אין מאָנטרעאַל וואָס איז אַרויסגעקומען מיט אַן איסור אויף דורכצופירן ברית מילה אום זונטיק, צוליב דעם וואָס עס איז דאַן געווען אַזאַ מנהג, אָפּצולייגן „בריתן" אויף זונטיק[15].

דער דאָזיקער ייד, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר, אַז זיינע עלטערן האָבן ביי אים ניט געפרעגט, און צום אכטן טאָג, דורכגעפירט די ערשטע יידישע מצוה פון הטפת דם ברית, רעדט אַזוי שענדלעך־נאַריש:

„דער מנהג פון מל זיין איז פיל עלטער פון יידישן פאָלק. אַלע ווילדע און האַלב־ווילדע פון דיזן (דעם דאָזיקן) שענדלעכן מנהג"[16]. ער רעדט אַזוי פרעך קעגן אונזער שטאַם־פאָטער אברהם אָבינו[17], וועגן וועמען די תורה גיט איבער אַז אויפ'ן באַפעל פון גאָט האָט ער דורכגעפירט דעם מילה־אַקט איבער זיך און נאָכדעם איבער זיין בני בית און ביים דאָזיקן ראַדיקאַל ווערט עס אַ „בלוטיקער מנהג איבערגענומען פון ווילדע כנענים".

מיר ווילן פּשוט ניט פאַרשוועכן אונזער אַרבעט מיט ציטירן פון זיינע בריוניתדיקע אויסדרוקן, אינם נוסח פון „רבן דקרו". אַלץ זעט ביי אים אויס, „בלוטיק, העסלעך, באַרבאַריש, גרויזאַם" . . . ווען אַפילו ניט־יידן פירן דורך מילה־אַקט, צוליב געזונט־צוועקן און צו פאַרהיטן פון וועגערישע קראַנקהייטן און יעדער וואָס קען יידישע און וועלט־געשיכטע ווייסט, אַז דאָס איז ניט געווען, ווי הערבערט ספּענסער וויל באַהויפּטן, אַ צייכן פון שקלאַפעריי . . . מילה איז געווען אַ צייכן פון אַן עם הנבחר, פון אַן אויסדערוויילטער ראַסע, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע ניט צו לאָזן זיך פאַרפירן פון די געמיינקייטן פון די כנענישע פעלקער.

דער דאָזיקער ל. ראָזנצווייג, פאַרנעמט זיך נאָך מער, ווי מבטל מאַכן מילה; ער פאַרמעסט זיך קעגן די עשרת הדברות, קעגן משה רבינו — און דאָס, מיט גרונטלאָזע, לייכטזיניקע באַווייזן אויף וועלכע ס'פּאַסט אַפילו ניט צו ענטפערן, אוודאי ניט פירן אַ פּאָלעמיק, אָדער אַפּאָלינעטיק פון די עקרי הדת.

ער ציטירט למשל, פון איינעם ישראל (ראַבינער?) אברהמס[18] אַז משה'ס לעבן איז געווען אין געפאַר, ווייל ער האָט זיך ניט מל געווען פאַר דער חתונה אַ בלוטיקער חתן). פאַר יודע ספר, איז דאָך ניט שייך, ענטפערן אויף אַזעלכע

נאַרישקייטן און אויספירן, אַז משה איז געווען קעגן מילה און אַז דעריבער האָבן די יידן זיך ניט מל געווען אין דער מדבר.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער קעגנער פון מילה, גיט צו, אַז אַפילו אין דער „אַרבעטער שטימע", האָבן באַרימטע דאָקטוירים פּאַרעפנטלעכט אַרטיקלען צו פאַרטיידיקן מילה און אַז באַרימטע מעדיקער זענען איבערצייגט, אין דער נויטיקייט פון מילה פאַר דער פאַרהיטונג פון כל־מיני קראַנקהייטן און אַז אַ דאַנק מילה זענען יידן מאָראַליש העכער פון אַנדערע פעלקער[19].

פאַר אונז איז די פּאָלעמיק איבעריק, מילה איז דער הייליקער ברית צווישן ייד און גאָט: איז די ערשטע יידישע מצוה, חותם ברית קודש און זיין באַדייט איז גרויס אין נגלה און נסתר, פילאָזאָפיש און ראַציאָנאַליסטיש, ווי עס לערנט אונז דער רמב"ם[20] אַז דאָס מל זיין העלפט קעגן צופיל תאווה . . . און גיט אַן אַלגעמיינעם קערפּערלעכן צייכן דעם מיטגליד פון דער יידישער אמונה.

די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעזאָגט קעגן מילה:

פּעטרוס רופט עס אַן „אַ יאָך וואָס ניט אונזערע עלטערן, ניט מיר, זענען אימשטאַנד צו טראָגן"; פּאַול האָט געזאָגט: „סיי באַשניטן און סיי אומבאַשניטן, איז גאָרנישט, וויכטיק איז בלויז צו האַלטן פון גאָט'ס באַפעלן" — אָבער יידן זאָלן ווערן באַאיינפלוסט פון קריסטלעכע אַנטי־מילהשאַפט?

חיים ליבערמאַן, אין זיין ווערק „שלום אש און קריסטנטום"[21], שטעלט זיך אָפּ, וועגן מילה ביי יידן.

„קיין זאַך — שרייבט ער — האָט ניט געהאַט דעם כח אָפּצורייסן יידן פון דעם דאָזיקן ריטואַל" . . . און ניט איין ייד האָט באַצאָלט מיטן לעבן דערפאַר, אָנהויבנדיק פון אַנטיוכוס הרשע . . . ביז דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מצוה פון ברית מילה איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט אַן אויסגעהאַלטנקייט, וואָס שטייגט אַריבער יעדער אַנדער מצוה, צערעמאָניע אָדער ריטואַל ביי יידן . . . דער אָפּגעפרעמדטער, אין חרם־געלייגטער כופר בעיקר ברוך שפּינאָזאַ האָט געשריבן: „אין דעם צייכן פון דעם ברית זע איך אַזאַ גרויסע באַדייטונג, אַז איך בין איבערצייגט, אַז דידאָזיקע מצוה אַליין איז גענוג אויפצוהאַלטן אויף אייביק דעם קיום פון יידן ווי אַ באַזונדער פאָלק".

אין ענין נסתר, מיסטעריע פון דעם מילה־ריטואַל, האָט רבי צדוק הכהן אַ סך געשריבן באַווייזנדיק אַז אין מצות מילה, ליגט דער שורש פון קדושה[22] און אַז די ערלה, איז „מכסה ומעלמת קדושת ברית" און ווען די ערלה ווערט אָפּגעטאָן, באַווייזט זיך ליכטיקייט און די נידעריקע תאוות ווערן באַגרעניצט[23] אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס איז פאַר יעדן יידן קלאָר.

די קעגנער פון מילה, זענען בכלל קעגן דער תורה, ניט־זייענדיק אַפילו איבערצייגט אַז די תורה איז ווירקלעך זייער שונא, ווייל זיי באַמיען זיך ניט

אַריינצודרינגען אין דער טיפקייט פון דער תורה און אירע ציִלן.

די פירנדיקע אַנאַרכיסטן, יעדנפאַלס דער רוב פון זיי, האָבן אין יענעם פּעריאָד פונם באַגין פון יידישער אַרבעטערשאַפט, באַקעמפט אויף אַלע אופנים רעליגיע.

איינער פון זיי איז געווען ש. יאַנאָווסקי, „אַ פּיאָנער און בויער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע". ניט געקוקט וואָס ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ שטרענג רעליגיעזער היים, געלערנט אין חדר און ישיבה, האָט ער אין זיינע שפּעטערע יאָרן, אַלס אַנאַרכיסט, באַקעמפט רעליגיע און רעליגיעזע יידן.

אין זיינע זכרונות [24], דערציילט ער, אַזוי איבערצייגנדיק, אַז „אויב אַ מענטש פאַרט טעג און טעג און אַמאָל וואָכן אויף אַ שטורמישן ים און וואַגט דאָך אַריינצוואַרפן די תפלין אין ים אַריין — איז דאָס אַוודאי אַ מענטש מיט איבערצייגונגען און ער איז טאַקע אַ גוטער אַנאַרכיסט . . . " [25].

יאַנאָווסקי'ס חבר, אברהם פרומקין (1873-1940), אַ געבוירענער אין ירושלים, אינם שטרענג רעליגיעז־הויז, ביי זיין פאָטער ישראל דוב פרומקין (רעדאַקטאָר פון „חבצלת"), אויך ער רעדט מיט שטאָלץ וועגן קעגנערשאַפט צו רעליגיע, זענדיק אין רעליגיעזער אָפּגעהיטנקייט אַ שטערונג צו זייער באַוועגונג [26].

אין זכרונות־ביכער פון בונד־גרינדער און פירער אין פוילן און אין אַמעריקע, ווערט אויך איבערגעגעבן, וועגן זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו רעליגיע, צוליב דיזעלביקע מאָטיוון, אָבער וועגן דעם „בונד" באַזונדער.

דעם קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט מיט דער תורה, האָט געבראַכט אַ סך שאָדן די אַרבעטער־אינטערעסן. עס איז געווען אַ פינסטערער קאַמף, „העם ההולכים בחושך . . . " ווי דער נביא וואָלט געזאָגט. בלויז געציילטע אינם סאָציאַליסטישן לאַגער, האָבן איינגעזען דעם ביטערן טעות און פאַר זיי זענען געעפנט געוואָרן, זאָל זיין שפּעטלעך פונם מאור היהדות, אָבער גענוג אָפּצושלאָגן די בלבולים פון די עם־הארצים אין תורה־וויסן. זיי האָבן באַגריפן די צוגעבונדנקייט פונם ייד צו זיין תורה, אינם זין פון „בכל דרכיך דעהו", אַז יעדע האַנדלונג דעם יידס, דאַרף זיין באַזירט און באַגרעניצט לויטן תורה־געזעץ — דאָס געזעץ פון דער העכסטער מאָראַל און אַבסאָלוטן יושר.

די תורה געזעצן רינגלען אַרום דעם ייד'ס גאַנצן לעבנסוועג, יעדן פּרט, ביז'ן מעגלעכסטן פּרעציז — אָבער וועגן דעם אין ווייטערע פּרקים.

הערות

א.

1. זע, צוקונפט, דעצ. 1932; זכרונות און בילדער, ז"ז 231-235.
דער אַמאָליקער וואַרשעווער תּלמיד חכם שמחה בונם (אַ נאָמען נאָך דעם באַרימטן פּשיסכער רבי'ן זצ"ל), וועלכער איז פּלוצלונג געוואָרן אַ משכּיל און וואָס איז צוליב זיין אַפּיקורסות גע־צוואונגען געוואָרן אָפּצוגטן זיין ערשטע ווייב, האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע אין „המליץ" אונטערן פּסעוודאָנים ש ב ת ראשי־תיבות: שמחה בונם תאנה - פייגנבוים).
וועגן אים אין יעקב מילכ'ס זכרונות, „אויטאָביאָגראַפישע סקיצן", באַנד איינס, 1940, ז"ז 202-209.

2. דאָרט — אויספירלעך.

3. וועגן ב. פייגנבוים, זיינע אַפּיקורסישע אַרטיקלען, בכלל וועגן אַטעאיזם אין אַמעריקע אין יענער צייט און ווי אַב. קאַהאַן איז געווען קעגן זיינע אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען, זען: הלל ראָגאָף, „דער גייסט פון פאָרווערטס", 1954, ז"ז 45-60.

4. ערשטער טייל: „דיא רעליגיאָן און דיא אַרבייטער", אַרויסג. פון פּאָרפּאַסער, 175 איסט בראָדוועי, ניו־יאָרק, 1914.

5. זע, דאָרט, ז"ז 10-21, ציטירט אויך פון קראַכמאַל'ס מונה"ז, שער י'.

6. זען, ישראל היילפּרין, פּנקס ועד ארבע ארצות, ירושלים, תש"ה, בהוצ' מוסד ביאליק, של הסוכנות היהודית לארץ ישראל.

7. היילפּרין, תקנות מדינת מעהרין, ירושלים, תשי"ב, חברה מקיצי נרדמים, בסיוע מוסד הרב קוק שעל יד המזרחי העולמי.

8. יצחק בער לעווינסאָן, דער „רוסישער מענדעלסאָן", שילדערט די תּקיפים אין זיין „די הפקר וועלט"; מענדעלי מו"ס: „די טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָט בעלי טובות" און אַנד. ווערק. זע אויך, פייגנבוים אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", דעצ. 7, 1912 און אין זיין רעליגיע און אַרבעטער, ז"ז 129-130.

9. אין זיין ווערק „בלעטער פון מיין לעבן", דערציילט אַב. קאַהאַן עטלעכע מאָל וועגן זיין קעגנערשאַפט צו דער אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. ער דערציילט למשל (אין 3־טן באַנד, אַרויסג. נ.י. 1926) וועגן די יום־כּפּור בעלער און „תּפילה זכּה" פון די אַנאַרכיסטן, אַז דאָס איז אים געווען דערווידער: „אויף דעם צבועק ווירקט דאָס ניט און דעם ערנסט רעליגיעזן גיט דאָס נאָר יסורים און טרייבט אים אָפּ פון אונז" . . . זע, ז"ז 80-81.

10. בראַשור פון פּ. קראָפּאָטקין, איבערז. פון מ. קאַטץ, מיט אַ פאָררעדע פון מ. לעאָנטאַיעף (מאַיעסעיעוו).

11. אַל. טשעריקאָווער, אין זיין היפּש־דאָקומענטירטער אַרבעט אַ.נ. „די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן אין גערוּאַנגל קעגן יידישן גאָט (אַ קאַפּיטל קולטור־געשיכטע מיט אַ יאָר 50 צוריק)", אידישער קעמפער, 7 און 14 מערץ, 1941.

12. „אַ טשיקאַווע „תּפילה זכּה" מיט 35 יאָר צוריק", פרייע אַרב. שטימע, פרייטיק, יאַנ. 11, 1946.

13. אויפן סמך פון אַ בריוו, וואָס דר. פראַנק האָט באַקומען פון ש. ס. גאָרסאָן, איז דער מחבר און רעדאַקטאָר פון דער „תּפילה זכּה" געווען דער „פאַרברענטער אַטעאיסט" קאַפּעלאָוו . . . און אַז אַ סך פון די מיטגלידער פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט" האָבן געהאַלטן אַנדערש, אַז „עס וועט טאָן מער שאָדן איידער גוטס פאַר דער באַוועגונג . . . אַז אַ. טאָנענבאַום זאָל פאַרמילדערן די פּלעצער אין קאַפּעלאָווס „ת.ז." . . .

14. „די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע", היסטאָרישער איבערבליק און פּערזענלעכע איבערלעבונגען, יובילעי־אויסגאַבע, נאָוו. 11, 1905 — נאָוו. 11, 1945.

15. דאָרט, ז"ז 70-79.

16. זע, ה. בורגין, געשיכטע פון דער ייד. אַרב. באַוועגונג אין אַמעריקע, 1915, ז' 340; געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ייוו"אָ, ניו־יאָרק, 1945, ז' 466; ב. וויינשטיין, געשיכטע פון דער ייד. אַרבעטער באַוועגונג און אַנד•

17. י. קאַהאַן, דאָרט, ז"ז 74-76; זע אויך, נ. גאָלדבערג, די געשיכטע פון דער ייד. אַרבעטער באַוועגונג, ייוו"אָ־אויסגאַבע, באַנד צוויי.

ס'איז אויך וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דעם ווערק פון דר. אַנטאָנאָווסקי, געשיכטע פון דער ייד. אַרבעטער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ביז 1890 (צוויי בענד), אַרויסג. פון ייוו"אָ (1943-1945) אונטער דער רעד. פון אַלי' טשעריקאָווער (אין ענגליש דערשינען דורך ייוו"אָ אין 1961).

ב.

1. אב. קאהאן האָט אויך געוואָגט צו שטעלן די יידן פראגע אויף דעם טאָג אָרדענונג פון דעם בריסעלער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס, אויגוסט 1891, נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט מצד רעכטס און לינקס. זע, בלעטער פון מיין לעבן, באַנד דריי, ז״ז 158־166.
2. לונאַטשאַרסקי׳ס ווערק „רעליגיע און סאָציאַליזם“ איז דערשינען אין צוויי בענד, אין 1911 און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש פון ל. לאַקסאַן (מ. גורעוויטש פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1921).
3. דאָרט, באַנד 2, ז׳ 163. לונאַטשאַרסקי איז געשטאָרבן דעם 26־טן דעצעמבער, 1933, אין מענטאָן, פראַנקרייך. געווען לענינ׳ס נאָענטער מיטאַרבעטער; 12 יאָר געווען בילדונגס־קאָמיסאַר. פאַרענ־דיקט אין גלות.
4. וועגן די אגדות חז״ל, זען: „די אגדות ביי יידן“ (ענגליש) פון רבי לוי יצחק גינצבורג (אַ מאָנומענטאַל ווערק), ביאַליק׳ס עסיי וועגן אגדה און הלכה (אין זיינע כתבים) און דאָס ספר האגדה פון ביאַליק־ראַבניצקי — אין אַ פריערדיקן פּרק האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט מער אַריכותדיק.
5. לונאַטשאַרסקי, דאָרט, ז״ז 271־287; 339.
6. „פּאַמפלעטן און אַרטיקלען“, יידיש — כא. קאהאן, צענטראַל־פאַרלאַג, מינסק — 1929, מלוכה דרוקעריי פון ווייסרוסישן מלוכה פאַרלאַג, ז״ז 5־6; 9; 15־38.
7. דאָרט, ז׳ 36־38.
8. דאָרט, ז׳ 125.
9. דאָרט, ז״ז 133־155.
10. דאָרט, ז״ז 160־161.
11. דאָרט, ז״ז 37, 104, 166־185.
12. דאָרט, ז״ז 169־193, מילע, איר סאָציאַלע און רעליגיעזע באַדייטונג“. זע אויך, האָרדנער גיל־קינסאָן, „געוואוינהייטן און מנהגים אין אַלטן עגיפּטען“, לאָנדאָן, 1878.
13. פריער האָט ער די דאָזיקע תורה געדרוקט אין קאַפּיטלען, אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע“, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. יאַנאָווסקי. עד היום, איז די רעליגיע־פראַגע אַקטועל אויף די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער שריפט און שרייבער באַמיען זיך נאָך אַלץ צו באַגרינדען אַטעאיזם...
14. ער דערמאָנט נישט דעם נאָמען פונם פּלינסקער און ניט דעם נאָמען פון דער ציימונג. אינטערע־סאַנט איז, אַז דאָס שטעטעלע פּלינסק־פּלונסק־פּלאָנסק, האָט אַרויסגעגעבן גאָר לייטישע יידן — דעם לייטישסטן — דעם פּרעמיער און פּראָקלאַמירער פון מדינת ישראל, דוד בן גוריון.
15. זע, דאָרט, ז״ז 16־17.
16. דאָרט, ז״ז 23־25.
17. דאָרט, ז״ז 36־48. זע אויך „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ“, ז״ז 79־84.
18. זע, „פרייע אַרב. שטימע“, יולי 24, 1915; אויג. 21, 1915 פּאָלעמיק וועגן „באַשניידן“ און מיי־נונגען פון עקספּערטן.
19. מורה נבוכים, חלק ג׳, פּרק מ״ד.
20. זע, דאָרטן, „גלויבן און אָבערגלויבן“, ז״ז 136־141.
21. אַן ענטפער אויף זיינע מיסיאָנערישע שריפטן, ניו־יאָרק, תש״א, ז״ז 256, אַנווייזנדיק אויף די פאַלש־פאַרפירערישע געדאַנקען אין אַש׳עס קריסט. ווערק, באַזונדערס ז״ז 87־94.
22. זע, ישראל קדושים, אשר הוצאנו מהאוצר הגנוז של הכתבי קודש שכתב בכתי״ק הנשאר לנו ברכה מכ״ק אדמו״ר שר התורה גאון הגאונים כחד מקמאי כו׳ רבינו צדוק הכהן מלובלין זצלה״ה . . . לובלין, תרפ״ח־1928.
23. דאָרט, ז״ז ס״ב־ס״ה.
24. „ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם“, פ.א.ש., ניו־יאָרק, 1948. דר. ה. פראַנק, אַריינפיר ז׳ 18.
25. דאָרט, ז״ז 88־89; 219. זע אויך, אבא גאָרדין, ש. יאַנאָווסקי, זיין לעבן, קעמפן און שאַפן, לאָס אַנדזשעלעס, 1957, 3־טער און 4־טער טייל.
26. „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם“, ניו־יאָרק, 1940.

קאַפּיטל פינף-און-צוואַנציק

פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור

אַ. קאָמוניסטישער מאַני־פעסט. —גרונט־הנחות. — רעוואָלוציע פון 1848. — סאָציאַלער און נאַציאָנאַ־לער קאַמף.

אין פעברואר 1848, איז אין בראָשור פאָרמאַט דערשינען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", וואָס האָט געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג, אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר אַ נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. דער מאַניפעסט שטעלט מיט זיך פאָר דעם ערשטן פאַרעפנטלעכטן דאָקומענט פון דער מאַרקסיסטישער וועלט־אַנשויאונג.

געקומען איז ער, אַלס רעזולטאַט פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דעם געהיימען „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", אין נאָוועמבער 1847, ביי וועלכן מאַרקס'ן און ענגעלס'ן איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן די גרונט־פּרינציפּן פון אַט דעם פאַרבאַנד.

געקומען איז ער אויך אַלס אומדירעקטער רעזולטאַט פון די אויפטרייסלונגען אין גאַנץ אייראָפּע, אַן אויפברויז וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 און אויך אַ רעזולטאַט פון די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונגען אויפן אייראָפּייאישן קאָנטינענט.

אין יענע יאָרן פון ערב דעם „פעלקער פרילינג" (1846-1845), האָבן מאַרקס און ענגעלס, זיך געשטעלט אין צענטער פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג (דאָן, די מערסט אַנטוויקלטע); זיי האָבן זיך גענומען צו דער געשטאַלטיקונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, און זיך באַמיט צו לייגן דעם פונדאַמענט פון ווייסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם — ס'איז אַרויסגעקומען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט".

מאַרקס איז מיט זיין אידייאישן חבר ענגעלס, געזעסן אין בריסל און אויסגע־אַרבעט די פּלאַטפאָרם פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס איז געוואָרן ווי ענגעלס האָט זיך אויסגעדריקט אין 1890 „דאָס סאַמע פאַרשפּרייטסטע, דאָס סאַמע אינטער־נאַציאָנאַלסטע ווערק פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור . . ."

אינם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווערט אָנגעוויזן אויף דער נאַאיווקייט פון די טרעגער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, ווי גראַף אַנרי דע סען סימאָן (1825-1760), שאַרל פוריע (1837-1772), ראָבערט אָוען (1858-1771) און אַנדערע, וועלכע האָבן געזען דאָס אָנגעווייטיקטע סאָציאַלע פּראָבלעם, אָבער ניט געוואוסט ווי עס צו לייזן און זיך באַנוגנט מיט אַפּעלירן צום יושר פון די קאַפּיטאַליסטן . . .

זיינע גרונט־הנחות, לאָזן זיך פאָרמולירן אין דריי הויפּט־טעזן:

1. די ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע און די געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע סטרוקטור, וואָס איז אַן אומבאַדינגטער פּועל־יוצא פון אָט דער ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע— זיי בילדן אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע, דעם יסוד פון דער פּאָליטישער און גייסטיקער געשיכטע פון דער געגעבענער עפּאָכע;

2. אין הסכם דערמיט (לערנט מאַרקסיזם) איז די גאַנצע געשיכטע (אויסער דעם אוראַלטן קאָלעקטיוון ערד־באַזיץ), אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף, פון קאַמפן צווישן באַהערשטע און הערשנדיקע קלאַסן, צווישן עקספּלואַטירנדיקע און עקספּלואַטירטע און —

3. אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט איצט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, ווען דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס, קאָן זיך נישט אַנדערש באַפרייען, סיידן, ער זאָל גלייכצייטיק די גאַנצע געזעלשאַפט אויף שטענדיק באַפרייען פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסן־קאַמף . . .

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" וואָס איז לויט אַ קאָמוניסטישן אויסדרוק, דער שיר השירים פון מאַרקסיזם, ווייזט אַן אויף די מיטלען, ווי צו באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליזם און זיין ווירטשאַפט־סיסטעם.

„פון אַלע קלאַסן, וואָס שטייען ביים היינטיקן טאָג, קעגן דער בורזשואַזיע, איז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, אַן אמת־רעוואָלוציאָנערער קלאַס . . . "

די שעפער פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האַלטן שטאַרק פון רעוואָלוציע, אַז נאָר דורך רעוואָלוציע קאָן געזיכערט ווערן דער זיג פון סאָציאַליזם און אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און לייגן אַ פונדאַמענט פון זיין הערשאַפט. אין אַנדערע ווערטער, מיינט עס, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור! דער מאַניפעסט האָט טאַקע געבראַכט די לאָזונג: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

„פילאָזאָפן — זאָגט מאַרקס ערגעץ אַנדערשוואו — האָבן בלויז אויף פאַרשיידענע אופנים די וועלט אויסגעטייטשט, דער עיקר איז אָבער, די וועלט איבעראַנדערשן"[1].

ענגעלס, זיין מיטאַרבעטער און מחבר פון אַ צאָל ווערק[2] האָט אויך געהאַלטן, אַז כדי צו דערגרייכן דעם ציל פון פאָלקאָמער באַפרייאונג פון נויט, עלנט און שקלאַפעריי, מוז מען פריער דורכפירן אַן איבערקערעניש אין לעבן, רעוואָלוציאָניזירן די פילאָזאָפיע און די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן.

ביידע צוזאַמען, האָבן אויפגעשטעלט די אַזוי גערופענע דאָקטרין — היסטאָרישן מאַטעריאַליזם וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך אַ סך פון דעם העגעליאַניזם און ניט ווייניק פון פייערבאַכ'ס פילאָזאָפישע געדאַנקען[3] און זיי זענען געווען זיכער זייער גאַנצן לעבן, אַז דער מאַניפעסט האָט געהאַט דעם

גרעסטן איינפלוס סיי אויף די אויפשטענדלער בעת דעם פעלקער-פרילינג פון 1848 און סיי אויף דער פאַריזער קאָמונע פון 1871.[4]

מיר וואָלטן דאָ, געדאַרפט זיך פאַרטיפן אין די עיקר-פונקטן פונם מאַרקסיזם, ווי ער ווערט אַרויסגעבראַכט אינם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", מיר וואָלטן געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויף יענער תקופה אין דער געשיכטע פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, די פון 1848 און די פון 1871 (די פאַריזער קאָמונע) — אָבער דאָס וואָלט פאַרפירט צו ווייט — און מיר מוזן דאָס איבערלאָזן אויף אַן אַנדער געלעגנהייט.

מיר וועלן זיך אויך ניט אָפּשטעלן אויף פּרטים פונם מאַרקסיסטישן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, וועגן ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל"[5], די קאַמפן צווישן די מאַרקסיסטן, פּרודאָניסטן, לאַסאַליאַנער, פּונקט ווי מיר וועלן ניט שרייבן וועגן פּראָלעטאַרישן הימן[6] — אָבער, וואָס אונז אינטערעסירט אינם איצטיקן מאָמענט און וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות, צו אונזער אַרבעט, איז דער איינפלוס פון מאַרקסיזם און זיין אַנטי-רעליגיעזקייט אויף דעם באָלשעוויסטישן קאָמוניזם און וועגן דעם מוזן מיר זיך אָפּשטעלן באַזונדער.[7]

ב. די אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. — די שרעקלעכע גאָטלאָזיקייט. — מעטאָד פון גייסטיקער אוזורפּאַציע.

דער רענעסאַנס האָט אָנגעזאָגט דער מענטשהייט וועגן אַ צייט, ווען מענטש וועט זיך באַפרייען פון אָבערגלויבערישקייט און וועט אָנהייבן שטייגן העכער און העכער, ביזן קלימאַקס פון „ומלאה הארץ דעה". איז געקומען אַן אָרדנונג אין נאָמען פון אָט די שיינע רענעסאַנס-וויזיעס און אַ שרעקלעכע גאָטלאָזיקייט האָט גענומען באַהערשן אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט.

די נייע אָרדנונג האָט פאַרוואָרפן די עטישע ווערטן און ניט געוואָלט אָנערקענען דעם עטיש-מאָראַלישן מאָנאָטעאיזם. אָפּגעשפּעט און אויסגעלאַכט די ממלכת-כהנים-אידייע, וואָס באַטייט, אַ רעגירונג פון געטלעכע דינער און אַ הייליק פאָלק.[1]

נאָך מער: דאָס אָפּשפּעטן פון דער יידישער רעליגיע, איז ניט געקומען פון דרויסן, נאָר גראָד פון אינעווייניק, פון אייגענע יידן; עס איז געווען, ווי דער נביא זעט פאָראויס — מהרסיך ומחריביך ממך יצאו.[2]

אין דעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, איז עס געווען שטאַרק אין דער מאָדע, דאָס באַקעמפן רעליגיע און איין אַגיטאַטאָר האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם אַנדערן, דורך וואָרט און שריפט, אין פאַרמיאוס'ן רעליגיע אין די אויגן פון סאָוועטישן מענטשן.[3] צו די ערגסטע פון דעם סאָרט, געהערט מ. שיינמאַנ'ס „גאָט און קאַפּיטאַל"[4] וואָס האָט אַ פאָרוואָרט פונם באַרימטן יעווסעק און באַקעמפער פון דער יידישער רעליגיע, יעמ. יאַראָסלאַווסקי וועלכער שרייבט

אז דער ציל זיינער איז, „קלאָר מאכן דעם קלאַסן־מהות פון יעדער רעליגיע ביי היינטיקן טאָג, אויפדעקן אירע וואָרצלען . . . דערוויזן, אַז די רעליגיע איז אַ מעכטיק געווער אין די הענט פונם קאַפּיטאַל אין דער גאָרער וועלט קעגן די אַרבעטנדיקע מאַסן און איינצוהאַלטן זיי אונטערן קאַפּיטאַליסטישן יאָך".

די מחברים פון אָט די ביכלעך, זיינען איבערצייגט, אז „אין דער זאַך פון דינען דעם קאַפּיטאַל, אין קאַמף קעגן קאָמוניזם, קעגן פסר"ר — זענען אַלע קירכן, אַלע רעליגיעזע אַנשטאַלטן, אַלע רעליגיעס איינִיק . . . "[5].

שרייבנדיק וועגן „קאָמינטערן און די רעליגיע"[6] פאַרזיכערן אונז די יעווסעקישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, אין זייער לשון און אָרטאָגראַפיע:

„אינ דער פראַגע וועגנ דער באַציאונג צו רעליגיע האַלט זיך דער קאָמניטערנ אין זיינ פּראָגראַמ בא דער לערע פונ מאַרקסנ, ענגעלסנ און לענינענ.

„מאַרקס און ענגעלס האָבנ אינ 1847 יאָר אינעם „קאָמוניסטישנ מאַניפעסט" אָנגערופנ די גייסטלעכע — „געדונגענע לוינ־אַרבעטער" פונ דער בורזשואַזיע, אונ די רעליגיע — „בורזשואַזער פאַראורטייל", אונטער וועלכנ עס ליגנ באַהאַלטנ די „בורזשואַזע אינטערעסנ" . . .

מ. שיינמאַן, ציטירט פון לענינ'ען, אז נאָך אין 1905 האָט ער געשריבן, אַז מ'דאַרף „קעמפן קעגן יעדער מין רעליגיעזער פאַרשיכורונג פון די אַרבעטער. פאַר אונז איז דער אידייאישער קאַמף ניט קיין פּריוואַטע, נאָר אַן אַלגעמיין־פּאַרטייאישע זאַך, אַ געמיינזאַם־פּראָלעטאַרישע זאַך"[7].

זיך שטיצנדיק אויף לענינ'ס הנחות בנוגע דעם קאַמף קעגן רעליגיע, האָט די פּראָגראַם פון קאָמינטערן געפאָדערט פון יעדן מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו קעמפן קעגן דער רעליגיע און קירך, ווי קעגן אַ „הילף־אַפּאַראַט פון דער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג", און די קלעריקאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס „רעאַקציאָנערע אָטריאַדן פונם קלאַסן־פיינט אינם לאַגער פון פּראָלעטאַריאַט.

אין רעליגיע האָבן די קאָמוניסטישע פירער און באַגרינדער פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געזען די „געווער פון קאָלאָניאַלע רויבערייען און אימפּעריאַליסטישער פאַרכאַפּונג־פּאָליטיק"[9] און אַז די רעליגיעזע דערציאונג פון די סאָלדאַטן איז נויטיק כדי צו פאַרטונקלען זייער באַוואוסטזיין און צו שטאַרקן די מלחמה־אַפּעטיטן פון דער בורזשואַזיע, שטאַרקן די שקלאַפן־איינגנטימער אא"וו[10].

אַ באַזונדער קאַפּיטל ווידמעט דער דערמאַנטער מחבר „וועגן יידישער רעליגיע" און מיר דערלויבן זיך צו ציטירן:

„אַזוי האָבן אויך די יידישע בורזשואַזיע און די יידישע רבנים איינגעפּלאַנצט אין משך פון יאָרהונדערטער אין די מוחות פון די פאָלקס־מאַסן דעם געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק און די יידישע רעליגיע — זענען ניט צעטיילבאַרע באַגריפן,

און דאָס אָפּנייג פון דער יידישער רעליגיע איז אַלצאיינס ווי פאַראַטן די יידישע נאַציע".

נאָכדעם נעמט זיך דער מחבר אָפּלאָכן פון די יידישע ימים טובים, פון פסח, סוכות, חנוכה און אַנדערע. ער מאַכט זיך אויך לעבערלעך מיט זיינע באַהויפּטונגען, אַז די רבנים דינען בלויז די געלט־זעק און „שטייען ניט אָפּ אויף אַ האָר פון די גייסטלעכע פון אַנדערע רעליגיעס"[12]. אָדער, אַז דער ציוניזם צוזאַמען מיט'ן קלעריקאַליזם דינען בלויז און נאָר די יידישע בורזשואַזיע, באַהויפּטנדיק אַז ציוניזם לערנט, אַז „אַ יידישער ארבעטער טאָר זיך ניט מישן אין קיין גוישע געשעפטן. אַ יידישער ארבעטער טאָר זיך ניט מישן, טאָר ניט נעמען קיין אַנטייל אינם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט די ארבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס איז ניט זיין עסק, ניט זיין זאַך, ער דאַרף נאָר שטרעבן קיין פּאַלעסטינע".

אַז דאָס איז ווייט פון פאַקטן, איז איבעריק צו זאָגן. אינם ציוניזם זענען באַלד פון אָנהייב געווען ארבעטארישע פּראַקציעס מיט פּראָגראַמען פון פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערישן כאַראַקטער, אָננעמענדיק אפילו דעם מאַרקסיסטישן קלאַסן־קאַמף דיאַלעקטיק.

פונקט אזוי איז אומזיסט די פרייד פונם מחבר, אַז דער אַטעאיזם וואַקסט, אַז די רעליגיע פאַלט, אַז ס'קומען פאָר אַנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראַציעס אין וואַרשע, דווינסק, אין אַמעריקע און אַז אין סאָוועטן־לאַנד איז אָפּגעווישט געוואָרן יעדן זכר פון יום־טוב און שבת, ניטאָ קיין כשרות, די בתי מדרשים פוסטעווען . . .

אוודאי זענען פאַראַן אויך צווישן רעליגיעזע יידן עקספּלואַטאַטאָרן. אָבער דאָס פאָלק אַלס אַ גאַנצע, די יידישע רעליגיע אַלס אַזעלכע, די נביאים, סיי אין צייט פון נבואה און סיי נאָכ'ן חורבן, ווען עס האָט זיך אָפּגעטאָן די נבואה, — אַלע רעדן און לערנען: נישט צו אונטערדריקן דעם שוואַכן. זיי שטראָפן די בלוט־זויגערס—אָבער זיי האָבן ליב מיט דער גרעסטער אהבה דאָס יידישע פאָלק.

דער יחיד שטעלט מיט זיך פאָר אַן עולם קטן אין אוניווערס פון און פאַר זיך, אין זיינע אייגענע דימענסיעס איז ער אַ גאַנצקייט, וואָס איז אָרגאַניש פארבונדן מיטן קאָלעקטיוו. דער אינדיווידואום איז ניט טיילבאַר, אזוי האָט אים די נאַטור באַשאַפן און קיינער קען ניט באַווייזן קיין נייעם „מעשה בראשית" . . . דער יחיד אַליין, ווי דער שטאַמבוים קאָן ניט פּראָדוצירן אַ לעבעדיקן נפש. די געזעלשאַפט, דער קאָלעקטיוו, דאַרף דינען אויף דעם האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון אַ גרעסערער צאָל יחידים — אָבער ניט אויף פארשקלאַפן אים דורך טאָטאַלער באַהערשונג . . .

פון די פינף רעליגיעס וואָס דאָמינירן די וועלט, האָט די יידישע דעם קלענסטן עולם נאָכפאָלגער, „כי אתם המעט מכל העמים" . . . אַ האַלבן ביליאָן

ג. ווען די יעווסעקציע האָט געבערשעוועט. — אַני־פאַלן אויף באַוואוסטע רבנים. — יידישע אמונה האָט מען ניט געקענט אויסוואָרצלען. — רבנישע פערזענלעכקייטן.

פאַרשיידענע דענאָמינאַציעס קריסטן; אַ האַלבן ביליאָן בודיסטן מכל המינים; אַ פיר הונדערט מיליאָן הינדואיסטן; אַ דריי הונדערט מיליאָן נאָכפאָלגער פון איסלאַם (געגרינדעט אין 622 נאָך קריסטלעכער ערא) און בלויז 13-14 מיליאָן „בני ברית", איבערגעגעבענע דער יידישער אמונה, ווויסנדיק, אַז „משה אמת ותורתו אמת" און אַז די אמונה איז געקומען צום יידישן פאָלק, אַ דאַנק דער אהבת השם צו די אָבות און זייערע קינדער: „כי מאהבת ה' אתכם ומשמרו את השבועה אשר נשבע לאבותיכם . . . "[1].

די יידישע רעליגיע, ווייל זי איז די רעליגיע פון אַ מינדערהייט, איז זי, פון אָנהייב אָן, באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פון 1917, געוואָרן די מערסט־גערודפטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. די לעניניסטישע ליניע (רעליגיע אַלס אָפּיום) איז מערסטנס באַנוצט געוואָרן אויף יהדות. ניט געקוקט אויף איר מיעוטקייט, האָט זי מער געשראָקן די פ אַ נ אַ ט י ש ע א ט ע א י ס ט ן, אין דער בחינה פון „אימת חלוש על גיבור"[2]. די פיזיש שוואַכע, האָט גאָר געוויזן אַז גייסטיק האָט זי מער גבורה . . . און דער פאַקט איז, אַז ניט געקוקט אויף אַלע רדיפות, סיי פון קריסטן און סיי פון אַנטי־קריסטן, איז די יידישע אמונה געבליבן שטאַרק און לעבעדיק, איבער פייער און וואַסער און זי איז געבליבן גאַנץ. „פּאַרמעט איז געברענט געוואָרן און אותיות זענען געבליבן" פליענדיק איבער לענדער און קאָנטינענטן — און ממשיך געווען . . . .

אַ שוידערלעכע דעלוזיע! די יעווסעקציע האָט געמיינט, אַז אַט־אַט און די יידישע אמונה איז אַ געשלאָגענע, אַ באַזיגטע . . . אָבער: „כאשר יענו — כן ירבה וכן יפרוץ"[3]. די אַנטי־רעליגיעזע אַטאַקעס, געטאָן מיט דער גרעסטער פליים, האָבן ניט געקענט גובר זיין די קדושה פון רוסישן יידנטום.

איינער פון די וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם לעצטן חורבן[4], שטעלט צוויי קאַרדינאַלע פראַגעס:

1. איז עס מעגלעך, אַז דער האַס פון די באָלשעוויקעס, זאָל זיך נעמען צוליב זייער שרעק פאַר'ן גייסטיקן יסוד פון יהדות? . . .

2. ווי קען מען באַשולדיקן באָלשעוויסטישע פירער אין אַנטיסעמיטישע טענדענצן, ווען מיר ווייסן, אַז אין רוסלאַנד, איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַנטיסעמיטיזם פאַרבאָטן געוואָרן און יידן איז געגעבן געוואָרן אַלע בירגערלעכע רעכטן און פרייהייט?

ער פרעגט און ער ענטפערט:

„דער באָלשעוויזם, איז דורכאויס קעגן יידנטום . . . ער וויל אָפּווישן דעם יידישן גייסט . . . עס איז דער ציל פון באָלשעוויסטישע פירער צו

ליקווידירן אַלץ וואָס איז יידיש . . . דאָס איז די שיטה פון אַטעאיסטיש־סאָציאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם; די שיטה פון אַסימילאַציע וואָס וויל אָפּטויטן יעדן סאָרט קרעאַטיוויטעט פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזער שעפערישקייט און דערמיט אָפּשטעלן די קאָנטינואיטעט פון אַ פאָלק און זיינע אַספּיראַציעס.

וויאַזוי די יעווסעקציע האָט געפירט איר פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער רעליגיע, קעגן רעליגיעזע מנהיגים, איבערהויפּט קעגן רבנים, איז גענוג צו דערמאָנען דאָס פּראָפּאַגאַנדע ביכל פון אַבאַ לעוו און ר. ווין, „דער יידישער קלעריקאַליזם און זייער קאַמף קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג"[5] וואָס איז פול מיט פאַלשע בלבולים אויף יידן, אויף יידישע פירער און גאַר באַזונדערס אויף די גייסטיקע מנהיגים. באַלד אינם פאָרוואָרט לאָזן זיי אונז וויסן, אַז „די באָלשעוויסטישע אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע איז קיינמאָל ניט געווען ב ל ו י ז אַטעאיסטיש, פריידענקעריש, אַפּיקורסעדיק. איר הויפּט־ציל איז ניט געווען נאָר צו דערווייזן און באַווייזן די וויסנשאַפטלעכע באַדענלאָזיקייט, די אינערלעכע סתירות און די נאַרישקייטן פון דער רעליגיע.

„מיר האָבן זיך שטענדיק דערהויפּט געסטאַרעט אויפצודעקן פאַר די מאַסן דעם ס אָ צ י אַ ל ן מהות פון דער רעליגיע, איר קלאַסן־כאַראַקטער אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט . . . צו באַווייזן אַז רעליגיע און אירע דינער האָבן שטענדיק געדינט און דינען די אינטערעסן פון די עקספּלואַטאַטאָרס, קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן . . . "

און ווייטער:

„. . . אונזער בראַשור . . . קאָן, גלויבן מיר, דינען אַלס איבערצייגנדיקער מאַטעריאַל דערפון, וויאַזוי אויך די יידישע רעליגיע מיט אירע רבנים, דיינים און אַנדערע כלי־קודש האָבן געדינט דעם צאַריזם, דער בורזשואַזיע און באַקעמפט די אַרבעטער־באַוועגונג . . . "

ס'פאַרשטייט זיך, אַזאַ אַזאַ פרום־גלויביקער ייד ווי דער ווילנער שטאָט־מגיד זאָל ניט געווען מסכים זיין צו אַ סטרייק; אַז יידישע סאָציאַליסטן וועלכע האָבן גערופן צום סטרייק, זאָלן אַרויסקומען מיט אַ בראָשור קעגן שטאָט מגיד (1896) איז פאַרשטענדלעך. אַז סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין לאָדזש, זאָלן אַרויס־טרעטן קעגן דעם אָרטיקן שטאָט רב, ר' אליי' חיים מייזעל וועלכער באַמיט זיך אויסגלייכן דעם סכסוך צווישן די פאַבריקאַנטן און די אַרבעטער און די לעצטע זאָל זיך אויסדאַכטן, אַז דער רב איז אויף דער זייט פון די גבירים . . . דאָס קען מעגלעך זיין. אָבער זאָגן, אַז אַלע רבנים זענען אויף דער זייט פון די עקספּלואַטאַטאָרס, דאָס איז אַ בלבול פונם ערגסטן סאָרט, דאָס איז פּלוידעריי, פונקט ווי די באַשולדיקונג קעגן דעם דווינסקער שוועבל־פאַבריקאַנט שלמה זאַקס, אַז ער איז שלעכט צו אַרבעטער ווייל ער איז „זייער אַ פרומער כלי־קודשדיקער ציוניסט"[6].

מיט'ן זעלבן ציניזם, שרייבן זיי וועגן דער רבנישער אסיפה אין קראָקע, נאָכ'ן קעשענעווער פּאָגראָם (1903). דאָ, באַנוצן זיי זיך מיט פּשוטער אינסינואַציע, אַז די רבנים מיט דער זשאַנדאַרמעריע האָבן געשלאָסן יד אחת אַ בונד קעגן דעם יידישן אַרבעטער[7]. אויב ס'האָט זיך געפונען אַ רב, אָדער אַ גבאי, אָדער אַ בעל טאַקסע, וואָס איז געווען קעגן דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן, זענען אַלע רבנים און אַלע גבאים שולדיק דערין? אוודאי זענען די רבנים געווען קעגן אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געפּריידיקט אַטעאיזם און גאַטלאָזיקייט אויף דער יידישער גאַס; אוודאי זענען געווען אייניקע רבנים וואָס האָבן געפּריידיקט אונטערטעניקייט צום צאַריזם צוליב דער מורא, אַז שאַרפע פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס, קען חלילה פירן צום אונטערגראָבן דעם יסוד פון קיום האומה, צו נאָך גרעסערע שחיטות — אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די רבנים אַלם כלל, האָבן ניט געהאַט קיין ווילן צו זען דעם יידישן אַרבעטער, ווי אַן אויסגעלייזטער מענטש, פון זיין שטענדיקער שקלאַפעריי צום בעל הבית.

די צוויי מחברים, א. לעוו און ר. ווין, באַשטעטיקן זייערע באַשולדיקונגען מיט ציטאַטן פון דער בונדישער „אַרבעטער שטימע" (נומער 35, אָקטאָבער, 1903), וואו עס רעדט זיך וועגן יענער אסיפה און פון אַנדערע רבנישע קול־קורא'ס קעגן בונד און קעגן די יידישע סאָציאַליסטן[8].

אין דעם זעלבן ביכל, באַשמוצן זיי דעם נאָמען פון הרב צירעלסאָן, אָנרופנדיק אים „אַן עלטסטער פון אַ שוואַרץ מאָהשער באַנדע"[9], אַ פּערזאָן וואָס איז פאַרערט ביי יידן און ווערט באַטראַכט פאַר אַ הערלעכער פּערזענלעכקייט און רבנישער אויטאָריטעט. אַזוי באַהאַנדלען זיי די אַנדערע רבנים וועמענס גורל איז געווען צו לעבן און צו ווירקן אין רוסישן תחום, אין דער פינסטערער צאַריסטישער געטאָ, אונטער סטאַליפּינ'ס רעזשים.

מיט'ן ענלעכן נוסח און עפּיטעטן שרייבן זיי וועגן קאַלישער רב, הרב ליבשיץ.

וועו ס'לוינט זיך זיי, שרייבן זיי וועגן אַלע קאָרעספּאָנדענציעס וואָס זיי געפינען אין דער דעמאָלטדיקער בונדישער פּרעסע, ווי העכסט פאַרלעסלעך. אָבער ווען ס'לוינט זיך אַנדערש גלויבן זיי נישט קיין איין וואָרט וואָס „יענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן געשריבן". (זייער לשון). זיי גלויבן אַפילו ווען ס'לוינט זיך זיי די פאַרלעסלעכקייט וועגן רבנישער תקיפות אין ווילנע פון פאַרן ערשטן קריג, ציטירנדיק פון „צייט" (נומער 9, 1913):

„אין דער גרויסער ביבליאָטעק צום אנדענקען פון מתתיהו סטראַשון, — זעלטענער אוצר פון ספרים אויף אַלערליי שפּראַכן: העברעאיש, רוסיש און יידיש. אַ ביבליאָטעק, ביי וועלכער עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גראַנדיעזער לעזע־זאַל, ווייל די ביכער גיט מען ניט אַרויס אין דער היים — אין אָט דער ביבליאָטעק הערשט עפּעס אַ מאָדנע פרומקייט: מען לאָזט דאָרטן קיין צורת אשה ניט צו,

קיין פּרויען לאָזט מען ניט אַריין אין לעזע־זאַל. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ „נאַקעטע" קאָפּ טאָר מען דאָרט ניט זיצן, דווקא אין אַ היטל".

די אַלע „אָנקלאָגעס", האָבן גאָרניט צו טאָן מיט רבנישער קעגנערשאַפט צו סאָציאַלן יושר, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ממשלה פון „שוואַרצע כחות" פון דעם יידישן קלעריקאַליזם . . . וואָס האָט געפּעסטיקט די הערשאַפט פונם זשאַנדאַרם און גביר"[10].

ביים אויספיר, פרייען זיך די מחברים, אַז נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז געקומען אַן ענדע צום צאַריזם און רבניזם. ס'איז אָבער אָך און ווי צו פרייד פון „יאמרו רבם דקרו" . . .

פאַרוואָס האָבן די מחברים פאַרגעסן אָדער געמאַכט זיך פאַרגעסן, וועגן דער גרויסקייט אין אהבת ישראל און ליבע צום אָרימען וואָס די רבנים אינם תחום האָבן אַרויסגעוויזן. און לאָמיר דערמאָנען כאָטש אייניקע פּערזענלעכקייטן פון יענער פּלעיאַדע רבנים־גאונים: ר' אלי' חיים מייזעל, דער גאון אין מדות[11] (געבוירן האָראָדאָק, ביי ווילנע אין יאָר תקפ"א — 1821 נפטר געוואָרן אין לאָדזש, י"ד אייר, תרע"ב — 1912) און לאָמיר הערן וואָס ס'שרייבט וועגן אים אין שייכות צו דער רעטונג פון יידישע רעוואָלוציאָנערן, צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו[12]:

„יצחק (איר ברודער, דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן פון לאָדזש) איז ווידער אַרעסטירט. די מאַמע האָט גלייך אַלאַרמירט דעם טאַטן און מיט אַלע פּאַפּירן איז מען געלאָפן צום רב, רבי אלי' חיים מייזעל, אַ דאַנק וועמענס אינטערווענץ מען האָט יצחק'ן באַפרייט . . . " און ווייטער:

„יצחק האָט זיך באַהאַלטן פאַר'ן אויג פון דער „אָכראַנע" אינם זיכערסטן אָרט פון לאָדזש, אין הויז פון אונזער מחותן ר' אלי' חיים מייזעל. אַלס רעגירונגס־ראַבינער האָט ער ביי זיינע גרויסע מעלות פון אַ חכם און בעל טובה געוואונען דעם גאַנצן צוטרוי און איינפלוס ביים גובערנאַטאָר. בייזוויליקע מענטשן פלעגן נישט קענען צוקוקן ווי ער חברט זיך מיט דער רעגירונגס־מאַכט און ווערט פון זיי געאַכטעט. מען האָט צום ביישפּיל איבערגעדרייט דעם פעלץ זאַגנדיק, אַז ער האָט געהייסן אַרעסטירן אַלע יידן, וואָס טראָגן נישט קיין ציצית. עס האָט זיך אַפילו פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז כדי באַפרייט צו ווערן פונם חשד מצד פּאָליציי, אַז מ'איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ „בעזבאָזשניק", איז בלויז גענוג צו ווייזן אַז ס'איז שקר וכזב מיט די ציצית. עס האָבן קודם כל אַלע פּאַרטיי־מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען צו געפערלעכע אַרעסטן, אָנגעטאָן אין ציצית.

„הרב מייזל'ס טעטיקייטן במשך פון צענדליקער יאָרן, זיין מסירת־נפשדיקע טעטיקייט בעת דער מגפה פון דער כאָלערע־עפּידעמיע, זיין ווירדיקע האַלטונג און באַשוצונג פון באמת אומשולדיקע אין דער רעוואָלוציע, זיין אַלטרואיסטישער כאַראַקטער פון אַ מענטשן וועלכער האָט געקענט אין אַזאַ רייכער קהלה, ווי לאָדזש,

מאַכן קאָלאָסאַלע געלטער און איז נפטר געוואָרן ווי א נעבעכדיקער אָרימאַן, איבערגעלאָזט זיין משפחה אין דלות, האָט אים נאָכ'ן טויט באַשאַפן דעם רום פון א צדיק, ביי וועלכענס קבר, אָן קיין שום מצבה, לויט זיין צוואה, פלעגן תמיד ברענען צענדליקער ליכטלעך פון מתפללים. צעבראָכענע נשמות פלעגן קומען עפעס אויסבעטן דורך זיין פארמיטלונג ביי דעם גוטן רבונו של עולם . . .

„יצחק אליין האָט נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף א מסירה דעם רב, וועלכן פראָוואָקאטאָרן האָבן געזוכט מיט עפעס צו פארשווארצן אין די אויגן פון גובער־נאַטאָר און פאָליציי־שעף און על כל צרה שלא תבא האָט ער שנעל „געמאַכט פיס קיין ווארשע".

אברהם ביק שרייבט:

„ר' אלי' חיים מייזעל, דער ל אָ ד ז ש ע ר ר ב איז גאַנצע פופציק יאָר געוועזן איינער פון די באדייטנדסטע פירענדע געשטאלטן פון פויליש־רוסישן יידנטום אין דער צווייטער העלפט פון נייצענטן און אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פופציק יאָר איז דער באַרימטער לאָדזשער רב געוועזן נישט בלויז די צענטראַלסטע געשטאַלט אין דער רבנישער וועלט, נאָר אויך א יחיד במינו צווישן די רבנים פון זיין דור, מיט דעם וואָס ער איז נישט נאָר געוועזן א למדן, א גאון און יושב אוהל, וועלכער האָט ארויסגערופן חריפות, נאָר א שטאַרקער גייסט, וואָס איז געקומען אין לעבעדיקער באַרירונג מיט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן און איז געוועזן דער מנהיג פון דעם יידישן צבור אין דער רוסיש־פוילישער מאַנ־טשעסטער".[13]

נאָך דעם ווי ער דערציילט וועגן זיין יחוס (ניינטער דור פון רמ"א, אָפּשטאַ־מיקער פון מהרש"א) און וועגן זיין עילוי־אישקייט און עסקנות איידער און נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן לאָדזשער רב (1873) שרייבט ער:

„ר' אלי' חיים מייזל איז געוועזן דער אמתער שונא בצע. ביי אים אין שטוב איז קיינמאָל קיין איבעריקער גראָשען ניט געוועזן. אַלץ פלעגט ער אוועקגעבן בסתר, קיינער זאָל נישט וויסן. אָפט פלעגט ער מאַכן חובות וועלכע די רייכע האָבן געמוזט צאָלן. ווען די נגידים האָבן וועגן דעם אויסגעדריקט זייער אומ־צופרידענקייט, פלעגט ער זיי ענטפערן אז די אָרעמע לייט האָבן אים געמאַכט פאַר זייער קאַסירער איבער זייער געלט . . . ער, ר' אלי' חיים, איז טאַקע געוועזן זייער איינציקע הילף און רעטונג".[14]

אויפן סמך פונ'ם בוך „א טייל זכרונות וועגן לאָדזשער רב",[15] ברענגט ער עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און פאַקטן צו באַשטעטיקן די גרויסקייט אין מדות פון דעם גדול הדור וואָס „פלעגט זיך טיילן מיט'ן לעצטע ביסן ברויט מיט די לאָדזשער אָרעמעלייט . . . "

„געוועזן איז ר' אלי' חיים פונ'ם טיפ כלל־טוער, וואָס זאָרגן פאַר די שטילע ליידענדע. קיין שום קליינקייט איז נישט דורך אומבאַמערקט פאַר זיינע אויגן . . .

„ר' אלי' חיים מייזל'ס אהבת ישראל איז אַ באַזונדער פאַרבנרייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון רוסישן יידנטום; מיט זיין שאַרפזיניקייט האָט ער נישט איין אַנטיסעמיט פאַרמאַכט דאָס מויל . . . ".

גאָר אַ סך — ברענגט ער — האָט ר' אלי' חיים אויפגעטאָן אין די פלעווע־צייטן און אין די יאָרן 1904-05. ער האָט מיט זיין חכמה אָפגעראַטעוועט לאָדזש פון אַ פּאָגראָם.

„ר' אלי' חיים איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1912, און זיין לויה איז געווען די גרעסטע, וואָס לאָדזש האָט ווען געהאַט. זיין נאָמען איז פאַרבליבן ווי איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן (קורסיוו מיינער — ג. ש.) פון פּוילישן יידנטום"[16].

וועגן זיין אינטערווענץ לטובת די יידישע בעלי מלאָכות, ווערט דערמאָנט דער פאַקט אַז ער האָט אינטערווענירט ביי פּאָזנאַנסקי'ן, אַז ער זאָל צולאָזן יידישע אַרבעטער און אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן אַרבעטן זונטאָג אַנשטאָט שבת[17].

אין אַ מאָנאָגראַפיש ווערק, וועגן לאָדזשער רב, דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק[19], ווערט ער געשילדערט ווי איינער פון די ליבלעכסטע מענטשן, פאַרערט צו ווערן ביי אַלע ריכטונגען ביי חסידים, ווי ביי מתנגדים, ביי האָרעפּאַשנע אַרבעטער און פּאָלקס־מענטשן, ווי ביי רייכע בעלי־בתים, לומדים און אַריסטאָקראַטן. אַלע האָבן אָנערקענט זיין גרויסקייט אין תורה און דערהויבנקייט אין מידות — און דערצו אַ מנהיג בחסד עליון.

אין זיין אָפּשאַצונג פון אָט דער גייסטרייכער פּערזענלעכקייט, שרייבט הרב י. ל. הכהן מימון[20], אַז רבי אליהו חיים מייזל האָט געשטאַמט פון באַרימטן פילאַנטראָפּ און נדבן ר' מרדכי מייזל פון פּראַג, אויף וועמען דער רבנישער היסטאָריקער ר' דוד גאַנז, שרייבט, אַז ער איז געווען איינער פון די זיילן פון פּראַג, ראש פון נדיבים און פאָטער פון אביונים . . . און איז געווען זייער באַליבט און פאַרערט ביים פּראַגער קעניג מאַקסימיליאַן.

און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ גרויסע פּערזענלעכקייט פון יענעם דור דעה — רבי חיים בריסקער (סאָלאָווייטשיק, ראש פון וואָלאָזשינער ישיבה און שפּעטער בריסקער רב), אַ געניאַלער קאָפּ־מענטש מיט אַ גרוים הארץ. ער איז געווען, ווי רבי מאיר בערלין שילדערט אים, דער מענטש מיט דער טיפסטער הבנה אין תלמודישע ענינים, מיט קרישטאָלענער שאַרפקייט, דער גרויסער לאָגיקער[21] און דערצו, דער וואונדערלעכער מענטש אין זיין באַציאונג צו די ליידנדיקע און אונטערדריקטע, דער סימבאָל פון אַ סאָציאַלן מאָראַליסט, אַרום וועמען ס'וועבן זיך נאָך עד היום אומצעליקע לעגענדעס און עפּיזאָדן וועגן זיין איינשטעלן זיך פאַר דער האָרעפּאַשנער מאַסע, אפילו פאַר זינדיקע מיידלעך און פרויען, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ רחמנות.

ס׳ווערט דערציילט וועגן אים, אין שייכות מיט די סטרייקן פון 1905, אז ווען די בריסקער בעלי בתים און רייכע יידן פאַרבריקאַנטן האָבן געסטראַשעט איבערצוגעבן די סטרייקער צו דער צאַרישער מאַכט, האָט זיך ר׳ חיים שטאַרק באַמיט און געפּועלט ביי די גבירים לטובת די אַרבעטער, געקראָגן פאַר זיי אַ העכערן לוין און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. זיין אייניקל, ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק, דער גאון הדור, באַרימטער בעל מחשבה, ראש פון ר׳ יצחק אלחנן ישיבה און הויפּט־רב אין באָסטאָן, דערציילט דרך־אגב אין זיין עסיי „איש הלכה" (דער מאַן פון הלכה)[22], אַז אין בריסק זענען אַמאָל געשטאָרבן צוויי יידן. אין דער פרי איז געשטאָרבן אַן אָרימער שוסטער און פאַרנאַכט דער גביר פון שטאָט. לויט׳ן דין דאַרף מען צום ערשטן באַגראָבן דעם, וואָס איז פריער געשטאָרבן, אָבער די „חברה קדישא", וועלכע האָט באַקומען אַ היפּשע סומע פון דעם רייכנ׳ס משפחה, האָט באַשלאָסן צו טאָן דאָס רעכט דעם גביר פריער. ר׳ חיים האָט זיך דערפון דערוואוסט און באַלד געשיקט דעם שמש אָנזאָגן, מ׳זאָל ניט וואַגן דאָס טאָן. ווען דער שמש איז צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער פון דער חברה קדישא, אז זיי פאָלגן ניט זיין פסק, איז ער געקומען מיט׳ן שטעקן און פשוט זיי אַרויסגעיאָגט און מ׳האָט פריער מקבר געווען דעם אָרימאַן.

„אַ רב ביי יידן — דערציילט ער דאָרט — האָט רבי חיים געהאַלטן, דאַרף זיך אָננעמען פאַר די אָרימעלייט, שטאַרקן דעם שוואַכן און קעמפן קעגן יעדער עוולה . . . "

הרב שלמה יוסף זעווין, איינער פון זיינע תלמידים, שילדערט אין זיין ספר „אישים ושיטות"[23], די פּלעיאַדע רבנים פון יענעם דור, דעם נצי״ב (נפתלי צבי יהודה ברלין, תקע״א־תרנ״ב) און די אַנדערע גדולי הדור ביים פּויליש־ליטווישן יידנטום, דערעיקר שרייבט ער וועגן זייער גרויסקייט אַלס דערהויבענע עטישע פּערזענלעכקייטן. אַ באַזונדער קאַפּיטל ווידמעט ער רבי חיים בריסקער (ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, תרי״ג־תרע״ח), וועמען ער באַטראַכט אַלס „חד בדרא" צוליב זיינע אַטריבוטן וועלכע האָבן אים געמאַכט „משכמו ומעלה גבוה מכל העם" . . . מיט גאוניות, אהבת האמת והחסד . . .

האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קראַנקן — שרייבט ער — האָט ער „מחמיר" געווען: געהייסן אַלץ טאָן פאַר׳ן חולה, ניט געלאָזט פאַסטן יום כפור אא״וו.

אומצעליקע קוריאָזן פון ר׳ חיים׳ס מסירת נפש פאַר רעטונג פון יידן, קורסירן אין דער יידישער וועלט און בלויז אַן אחד מאלף, האָט הרב זעווין אַריינגענומען אין זיין ביאָ־פּסיכאָגראַפישע אַרבעט.

ער דערמאָנט למשל דעם פאַל, ווען ביים ערשטן קריג, בעת די דייטשן האָבן געכאַפּט פינף יידן אין בריסק און געוואָלט זיי שטעלן צו אַ מיליטערישן געריכט, האָט ר׳ חיים ניט געלאָזט זאָגן „כל נדרי", ביז די גבירים האָבן צוגעזאָגט אַ גענוגנדיקע סומע, אויף צו ראַטעווען די דאָזיקע אומשולדיקע יידן.

ס'האָט אַמאָל געטראָפן — דערציילט ער — אַז אַ מוטער איז געקומען צולויפן צום רב, און איבערגעגעבן, אַז איר זון, אַ „בונדיסט" איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרלאַנגט, דער רב זאָל גיין צו פּאָליציי און אינטערוועניר. די מקורבים האָבן אים אָפּגערעדט צוליב איינגענער געפאַר, האָט ר' חיים זיי געזאָגט: דער אַרעסטירטער איז אַ וודאי און איך בין אַ ספק (מ'איז דאָך ניט זיכער, צי זיי וועלן מיך באַשולדיקן אין סאָציאַליזם) ואין ספק מוציא מידי וודאי . . .

אין 1905, ווען די סטרייקן האָבן אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד און די אַרבעטער אין בריסק האָבן צוגעשטעלט צו די פאַבריקאַנטן זייערע פאָדערונגען, האָט ר' חיים געווירקט אויף די אַרבעטס-געבער, זיי זאָלן נאָכקומען די פאָדערונגען און די אַרבעטער האָבן געוואָלט אים האָבן אַלס זייער פאַרמיטלער . . .

ביי רבנים, ווי ר' חיים, און זיין גלייכן, ביי וועמען חסד און אמת האָבן האַרמאָנירט, האָט קיין רייד ניט געקענט זיין פון סתם מכבד זיין עשירים, אָדער זיך שטעלן אויפן צד פון די רייכע, די גערעכטיקייט האָט דאָמינירט.[24]

הרב זעווין דריקט זיך אויס, אַז ווער ס'האָט ניט געזען ר' חיים בריסקער'ס איבערגעגעבנקייט צו די תושבים פון זיין קהלה, אין צייט פון דער אָרטיקער גרויסער שריפה, אין יאָר תרנ"ה האָט קיין רחמנות אין זיין לעבן ניט געזען. אין זיינע ווערטער:

„לא נח ולא שקט יומם ולילה, וכל כוחותיו השקיע בהקמת הריסותיהם של הנשרפים . . . בכל אותם הימים של אחרי השריפה לא היה ישן רבי חיים בביתו, אלא הי' הולך למסדרון המשופע של בית הכנסת וישב שם על הרצפה. כל הפצורותיו של בני ביתו שינוח בביתו ועל מטתו לא הועילו" . . .

אַזוי ווענן זיין געבן צדקה; אַזוי ווענן זיין אינטערעס אין אַלע פּראָבלעמען פון בריסקער יידן. אַלץ מיט ברייטקייט, אינטימער באַציאונג און געפיל. יעדער ייד איז אים נאָענט און טייער.

אינטערעסאַנט איז, וואָס זיין איידעם ר' הערש גליקסאָן, דערציילט:

אַן אָרימע פרוי, איז אַמאָל געקומען צו ר' חיים'ן און דערציילט איר וויטיק. זי האַלט ביים געלעגן ווערן און זי פאַרמאָגט גאָרנישט, זיך מפרנס צו זיין. זי איז זייער אָרים. האָט ר' חיים זיך געווענדט צו דער רביצין: „וואו איז דער פרויען קאָמיטעט? פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט פאַר דער דאָזיקער אומגליקלעכער פרוי?" . . . ער זעט אָבער, אַז די רביצין געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט, סוד'עט זיך מיט די טעכטער. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט אין אָרדנונג, אַז דאָ איז עפּעס געשען . . .

נאָך לאַנגער חקירה ודרישה, די רביצין האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און גיט אַ זאָג:

— איר מאַן איז פון איר אוועק שוין עלף חדשים . . .

— אויב אַזוי? איז זי דאָך אוודאי עלנט, פאַרלאָזט און ס'איז ניטאָ ווער

ס'זאָל זיך אויף איר מרחם זיין . . . מוזן מיר איר אַריינגעמען אין הויז צו אונז . . .

הכלל, זי האָט דאָרט געוואוינט, געלעגן געוואָרן, געהאַט אַ בן זכר, ר' חיים האָט געפּראַוועט דעם „ברית" און אין משך פון צוויי יאָר אויסגעהאַלטן די פרוי און איר קינד[26].

הרב זעווין פאַרענדיקט זיין אָפּשאַצונג:

„בדור של אנשים קטנים, בינונים וגדולים התהלכה הדמות המופלאָה של ר' חיים — אבל הדור כולו למקטניו ועד גדוליו, הביט עליו כעל אחד מהראשונים, בחינת „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אָדם . . . "

אין די בריסק־ביכער[25] איז אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן בריסקער רב, וועגן ר' חיים סאָלאָווייטשיק. אויך אינ'ם בוך „בריסק", אין דעם קאָמוניסטישן נוסח[26], ווערט ר' חיים'ס נאָמען דערמאָנט מיט גרויס פאַרערונג און יראת הכבוד, אַריינגערעכנט דעם ספּעציעל־געווידמעטן אַרטיקל פון א. ליטווין „רעב כאַים סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער ראָוו" אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דאָס צדקות און תמימות:

„בריסקער יידן קענען זייער ראָוו, רעב כאַים סאָלאָווייטשיק, פון אַן אַנדער זייט. אַף אַלע קרייזן פון דער בריסקער יידישער באַפעלקערונג מאַכט אַן אומגעהויער טיפן איינדרוק זיין הויכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. און דאָ טרעפן זיך צוזאַמען אַלע מיינונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט. יונגע מענטשן מיט פרייע רעליגיעזע געדאַנקען, פּונקט אַזוי ווי עלטערע רעליגיעזע יידן, דערציילן אויך מיט גלייכער באַגייסטערונג פאַרשיידענע מייסעס וועגן זייער ראָוו; מייסעס וואָס זענען ענלעך צו לעגענדעס וועגן אַמאָליקע אַלטע „לאַמעדוואָווניקעס" . . . [27].

הרב זעווין רעכנט אויס, נאָך אַ צאָל פון אָט דער פּלעיאַדע, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק:

ר' יוסף ראָזן (תרי"ח־תרצ"ו) אויף וועמען ביאַליק האָט געזאָגט אַז ער איז געווען צוויי איינשטיינס . . . און דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער גאון און באַשיידענער מענטש[28], ווי ער דריקט זיך אויס: „משמת הגאון הרוגאצ'ובי בטל כבוד התורה כמו שהיו אומרים, משמת ר' עקיבאָ בטל כבוד התורה, שהיה נותן לבו לדרוש כל קוץ וקוץ . . . וזהו כבוד תורה שאין בה דבר לבטלה". זיינע ספרים, (צפנת פענח, מכתבי תורה, און אַנדערע אין כתב יד), זענען לכתחילה פאַר גאונים און טיפזיניקע לומדים, אָבער אין לעבן געווען אַזוי פשוט, איינפאַך, צוריקגעהאַלטן.

הרב זעווין שילדערט די עטישע פּערזענלעכקייט פון דעם צווייטן דווינסקער רב, ר' מאיר שמחה הכהן (תר"ג־תרפ"ו), דער גרויסער למדן און מחבר פון קלאַסישן ספר „אור שמח" און אַנדערע ספרים און ער דערציילט וועגן די

פריינטלעכסטע באַציאונגען צווישן די צוויי גדולים וועלכע זענען אין איין צייט געווען די רבנים פאַר קהלת דווינסק.

אזוי שילדערט ער דעם גאון און עסקן, דעם לעצטן פון יענעם גאונישן דור, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי׳ן (תרכ״ג־ת״ש), וועלכער האָט מיט איבערמענטשלעכע כוחות און הימלישע אָנשטרענגונג געראַטעוועט אומצייליקע פונם שארית הפליטה[29].

און ווי קען מען דורכגיין, און ניט דערמאָנען די גרויסע רבנישע פערזענלעכקייט פון דער זעלבער תקופה, ר׳ ישראל מאיר הכהן פון ראדין, דער בעל „חפץ חיים״, וועלכער האָט כל ימיו ביז זיינע קרוב הונדערט יאָר, געלערנט דער יידישער וועלט ווי אזוי זיך אויסצולעבן שלחן־ערוכדיק און אין זיין גאַנצן לעבן באַטראַכט געוואָרן ווי דער „סימבאָל פון עטישער יידישקייט״[30].

דער גרויסער לערער פון מדות און מוסר פון אונזער דור, האָט אויך ניט דורכגעלאָזט, — ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, — די דינים וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו אַרבעט און אַרבעט־פּראָבלעמען און תמיד זיך געשטעלט אויף דער זייט פונ׳ם אַרבעטער.

ער פאָלגט נאָך דעם יידישן דין לויט וועלכן דעם אַרבעטער׳ס לוין, ווערט באַשטימט לויט דעם מנהג פון דער מדינה, אַריינגערעכנט אויך די אַרבעטס־שעה׳ן. דאָס מיינט, אַז יעדערער, האָט אַ רעכט איינצופירן די תקנות לויט דער צייט און די סיטואַציעס.

דער „חפץ חיים״ באַטאָנט זייער שטאַרק, און ווידערהאָלט, דעם ווערט פון יגיע כפימניק; ער אַליין איז געווען דער בעסטער מוסטער, דערמיט וואָס ער האָט ניט געוואָלט ציען חיונה פון רבנות, נאָר גאָר פון אַ שפּייז־געוועלבל וואו ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט מדקדק צו זיין אין די וואָגן און מאָסן, און פון פאַרשפּרייטן זיינע ספרים[31].

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ער האָט געזען, אַז ער איז מצליח אין מסחר, האָט ער מורא געקראָגן טאָמער איז ער מצליח צוליב קאָנקורענץ און אַנדערע סוחרים ליידן דערפון, האָט ער, שטייענדיק אין געוועלבל, צוגערעדט די קונים צו קויפן ביי אַנדערע.

אין זיין ספּעציעלן ספר וועגן פאַרברעך פון לשון הרע, וואָרנט ער, אַז ניט נאָר טאָר מען ניט רעדן קיין שלעכטס וואָס איז ליגן, נאָר אפילו דאָס, וואָס איז אמת, טאָר מען אויך ניט פאַרשפּרייטן, לשון הרע פון אמת, איז אויך פאַרבאָטן... דער מענטש דאַרף לערנען דעם אַנדערן ער זאָל מתקן זיין זיינע מעשים, אָבער בשום אופן ניט באַרעדן.

ער האָט פאַרשפּרייט דאָס אָריגינעלע יהדות, באַזירט אויף צדק און יושר אין האַנדל און אין אַרבעט, און אַז דאָס איז, די גערעכטיקייט, באַהויכט פון קדושה.

דער חפץ חיים האָט געהאַט פונוועמען צו לערנען אָט די דאָזיקע מדות. ער האָט אַזעלכע מדות געקענט לערנען פון רבי ישראל סאַלאַנטער[31א].

ר׳ ישראל סאַלאַנטער פלעגט זיך נוהג זיין, פאַר פסח, צו באַזוכן די בעקערייען און אַכטונג געבן ניט בלויז אויף כשרות, נאָר אויך אויף דעם, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט עקספּלואַטירט ווערן ביים פאַרנעמען זיך ביי דער דאָזיקער אַרבעט פון מצות־מצוה. ער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ פּסח־בעקעריי און געזען, ווי דער בעל הבית, דער בעקער, אַרבעט מיט זיינע בעלי מלאָכות אמתע עבודת פרך; פרויען, יונגע קינדערלעך, ווערן געצוואונגען צו אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, פאַר אַ קלענגלעכן געהאַלט . . . האָט ר׳ ישראל אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט, אַ קללה אויף די שונאי־ישראלים וואָס האָבן אויסגעטראַכט אויף אונז, אַז מיר באַנוצן זיך מיט גויאיש בלוט פאַר אונזערע מצות. גאָט ווייסט און איז אָן עדות, און איר אַלע זיינט עדות, ווי נאַריש און פאַלש דאָס איז. איך זע דאָס פאַרקערטע, אַז ווייַ צו אונזערע זינד: ס׳זענען דאָ בעקער וואָס באַקן מצות מיט יידיש בלוט, מיט בלוט פון יתומים און אלמנות . . . [32].

און אַז מיר וועלן גיין אַביסל פריער, צו פריערדיקע דורות, וועלן מיר זען ווי איינער נאָכן אַנדערן, רבנישע פערזענלעכקייטן האָבן באַוויזן זיך אַרויסצו־שטעלן פאַר׳ן אָרימען און ליידנדיקן. זיי האָבן דערביי מקיים געווען דעם „לא תגורו מפני איש״, ניט אַרויסווייזנדיק קיין נשיאות פנים צום ראש הקהלה אָדער גביר פון שטאָט, ווען זיי האָבן איינגעזען זיין אומרעכט.

די אָרימעלייט פון אַזאַ שטאָט ווי ניקלסבערג, פלעגן זיך באַקלאָגן אויף דעם אומיושר מצד די קהלה־לייט, אָבער זיך ניט געקענט העלפן. וואָס האָבן זיי געטאָן? האָבן זיי זיך געווענדעט צו ר׳ מנחם מענדל קראָכמאַל (1600־1661), דעם מחבר פונ׳ם הלכה־ספר „צמח צדק״ און ער האָט זיך זאָפאָרט געשטעלט אויפן צד פון די אָרימע. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, זיי צו דערלויבן שאַפן אַן אייגענע קהלה!

אויב וועלכע ניט איז קהלה־היעראַרכיע, האָט פון צייט צו צייט איבערגענומען די מאָס און גערדריקט דעם מיטלקלאַס, אָדער דעם אַרבעטער, איז עס ניט געווען די שולד פון די רבנים, אוודאי ניט די שולד פון דער רעליגיע, פון דער יידישער הלכה, וואָס איז דורכאויס קעגן העגעמאָניע פון גביראָקראַטיע. אדרבה, די רבנים האָבן קאָנטראָלירט און געצוימט די תקיפים וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן זייער מאַכט.

די יעווסעקציע וואָס האָט אַזוי געשימפּט קעגן יידישע נגידים, האָט לכה״פ געמעגט זען אויסנאַמען. אַ סך פון זיי, האָבן דאָך ממש מיט זייער פילאַנטראָפּיע, זיך געשטעלט אויף דער גרעסטער הויכקייט און ווירדיקייט וואָס קיין געווינטלעכער מענטש איז ניט אימשטאַנד צו דערגרייכן. זיי האָבן געמעגט

וויסן, אַז איינער פון אַט די פילאַנטראָפּן, דער באַראָן הירש, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „איך גלויב, אַז דער רייכער מאַן האָט דאָס רעכט צו געניסן פון זיין פאַרמעגן, נאָר אויף אַזויפיל, וויפיל ער נויטיקט זיך; זיין פליכט איז אָבער, דאָס רייכטום זיינס צו רעכענען אַלס פּקדון, וועלכער איז אים פאַרטרויט געוואָרן אויף אַ קורצער צייט".

אמת, „בעזבאָזשניקעס", ווי ש. ניגער רופט זיי[33], האָבן מיר געהאַט ניט בלויז אין סאָוועטן לאַנד, מיר האָבן זיי געהאַט (און מיר האָבן זיי), אין די אַמעריקעס און אַפילו אין הייליקן לאַנד, אין ארץ ישראל, איצטיקע מדינת ישראל.

מיר געדענקען גוט, ווי אַ גרופּע פּונ׳ם „השומר הצעיר" קבוצה, ש ע ר ה ג ו ל ן האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פּרובירט אַ להכעיס־שטיק צו דעפּאָרטירן אַ ספר־תורה וואָס איז זיי געשיקט געוואָרן און ניט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר דער יידישער טראַדיציע נוהג כבוד צו זיין, יידישע הייליקטימער, וואָס יידן האָבן געטראָגן מיט זיך אויף שייטער־הויפנס און צוזאַמען מיט זיי פאַרברענט געוואָרן, מיט ספר תורה׳ס זענען יידן געגאַנגען אויף קידוש השם — און דאָ, דעפּאָרטאַציע! און דורך וועמען, דורך יידן, דורך קינדער פון אייגענעם פאָלק, אין דער אייגענער מדינה, שנאת ישראל — ל י ש ר א ל , שנאה צו זיך, צו די אייגענע הייליקטימער . . .

מיר ווייסן, און ס׳איז אונז, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, גוט באַקאַנט די אַנטי־רעליגיעזישקייט וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן אַנטי־נאַציאָנאַליזם ביי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אַנטי־רעליגיעזן קאַמף פאַרן צענטער פון זייער פּראָפּאַגאַנדע און זיך פאַרנומען מיט אַ געראַנגל קעגן יידישן גאָט. זיי זענען נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך דעם „בונד" דאָרט, אין דער אַלטער היים און דורך די סאָציאַליסטן, דאָ, אויפ׳ן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט[34], מיט די יום־כפּור־בעלער, מיט פּסחדיקע חמץ־באַנקעטן אדגל.

מאָרים ווינטשעווסקי, למשל, האָט אין זיין „יהי אור", די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אין יידיש, געשטעלט די רעליגיעזע י"ג — דרייצן סאָציאַליסטישע אני מאמינס און ווי ש. ניגער באַמערקט, מיט אַ כיוון זיי געשריבן אויף העברייאיש, אַגיטירט ווי אַנדערע קעגן רעליגיע, אויך אין פערזן, אָפּגעלאַכט פון רעליגיע און פונם גלויבן אין גאָט . . . [35]. אַזוי האָבן סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן געמאַכט אַ פאַרשוועררונג קעגן דער יידישער אמונה און קעגן רעליגיע בכלל. בלויז געציילטע, ווי אב. קאַהאַן, א. ליעסין, חיים גרינבערג, זענען ארויסגעטראָטן קעגן די אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגירער, און געזען אין רעליגיע, מאָראַליש־סאָציאַלע דערהויבונג.

ס׳זענען געווען רבנים אין אַלע דורות, אויך אינם דור פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דעם אָרימען און ליידנדיקן. זיי

האָבן באַלויכטן דעם פינסטערן גלות און מיט זייער גייסטיקייט אויפגעהאַלטן דעם בנין פון פאָלק. אין די קריטישסטע מאָמענטן, אויפגעהאַלטן דעם יידישן שטייגער־לעבן, דעם יידישן באַוואוסטזיין פאַר נאַציאָנאַלער אחריות און אידעאָלאָגישער דערהויבונג.

עס זענען אויך געווען רבנים, וואָס האָבן א סך בייגעטראָגן אין אונזער תקופה פון בנין הארץ, אין דער געשטאַלטיקונג פונם ישוב, אויפן היסטאָריש־פאַרהייליקטן באָדן פאַר יידן, זינט אברהם אָבינו.

און דאָ איז אין פּלאַץ נאָכאַמאָל צו דערמאָנען דעם רב און רבי פונם דור, די ליכטיקע פּערזענלעכקייט וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען א ב ר ה ם י צ ח ק — ביידע אבות — הכהן קוק זצ"ל, דער גאון אין צדקות און טיפער דיינקער, וועלכער האָט זינט זיין רבנות קאַריערע אין בויסק (תרנ"ה) ביז זיין פּטירה אין ירושלים אַלס רב־ראשי געטאָן געוואַלטיק פאַר חיבת ציון — און מערסטנס דערגרייכט א דאַנק זיין גרעניצלאָזער אהבת ישראל.[35]

הרב קוק איז געווען דער אומגעווייינלעכער עסקן; רבנישער פילאָזאָף מיט א דיכטערישער נשמה; איינער פון די „בעלי תריסים" און בעלי מחשבה וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ווען ארויסגעגעבן . . . ווי הרב זעווין דריקט זיך אויס: „היה היחיד בדורנו, היחיד בין גדולי התורה, שהיה שליט בהלכה ובאגדה כאחת . . . כל מקצועות התורה היו ברשותו".

ווילן מיר דאָ ניט געבן א רייסטער פון אָט דער פלעיאַדע רבנים גדולי הדור, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם דור און געטאָן גרויסע זאַכן פאַר'ן וואוילזיין פונם דור, ווי ר' יחזקאל ליבשיץ (תרכ"ב־תרצ"ב), רב אין בויסק און אין קאַליש,[36] רבי משה מרדכי עפּשטיין (תרכ"ו־תרצ"ד), רבי ברוך דוב לייבאָוויטש, סלוצקער רב (געבוירן תר"ל, אומגעקומען ה' כסלו, ת"ש) און נאָך און נאָך רבנים עסקנים, שוין ניט אויסרעכנדיק די צאָל באַרימטע רביים, אדמור"ים, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע עסקנות אין די לעצטע דעקאַדן און ווי נאָכפאָלגער פון חסידות, זיך עוסק געווען צו לינדערן די ליידן פונם יחיד ווי פונם כלל — און איבערהויפּט דעם האָרעפּאַשנעם פּשוטן פאָלקס־מענטש — אָבער ווער קאָן זיך דאָ ארייגלאָזן אין די ענינים.

אויף די דאָזיקע גוטע יידן און צדיקים פון דור, קאָן מען זאָגן, אז ניט איינמאָל האָבן זיי, אין פאַרטיידיקן יידן, געהאַנדלט ווי דער ביבלישער גבעון, ווען דער מלאך האָט אים באַגריסט אין עפרה מיט די ווערטער „ד' עמך גבור החייל!"[37], האָט אים גבעון גאַנץ שאַרף געענטפערט: „בי אדוני, ויש ד' עמנו ולמה מצאתנו כל זאת ואיה כל נפלאותיו אשר ספרנו לנו אבותנו . . . „[38] און דער מלאך איז געווען געצוואונגען צו באַוואונדערן זיין קוראַזש און אים געזאָגט „לך בכחך זה והושעת את ישראל מכף מדין הלא שלחתיך".[39]

יאָ, אזוי האָבן גערעדט די מליצי־יושר פאַר'ן יידישן פאָלק און מיט דעם כח, האָבן זיי זיך געשטעלט מתפלל זיין פאַר יידן און מיט דעם כח זיך איינגעשטעלט פאַר יעדן ייד. אין דעם זין, האָבן זיי פאַרשטאַנען יידישקייט.

מ'האָט געפרעגט ר' חיים בריסקער זצ"ל: וואָס איז די אויפגאַבע פון א רב און וואָס איז זיין מיסיע?

האָט ער געענטפערט אויף זיין סטיליסטישן אופן:

— „זיך איינצושטעלן פאַר דער פאַרשעמונג פון די עלנטע און פאַרלאָזטע; צו באַשיצן דעם כבוד פון די אָרימע און ראַטעווען דעם באַרויבטן פון זיינע רויבער . . . "

ה ע ר ו ת

א.

1. זע „טעזן וועגן פייערבאַך". אינטערעסאַנט איז, וואָס אלדאָס העקסלי האָט אמאָל געזאָגט: „איך האָב אלעמאָל געשטרעבט צו ענדערן די וועלט. כ'האָב אָבער אויסגעפינען, אז פריער דאַרף דער מענטש זיך ענדערן . . . "
2. „די אנטוויקלונג פון סאָציאַליזם, פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט"; „אורשפּרונג פון דער פאַמיליע"; „אנטי דירינג"; לודוויק פייערבאַך".
3. פייערבאַך האָט דאַן שטאַרק אויסגענומען מיט זיין מאַטעריאַליסטיש־פילאָזאָפישער אויפפאַסונג אין זיין ווערק „דאָס וועזן פון קריסטנטום".
4. דער מאַניפעסט איז איבערזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש דורך לאורא לאַפאַרג, מאַרקס' טאָכטער און פרוי פון פאָול לאַפאַרג, אין 1885 און נאָכדעם ארויס אין א סך אנדערע איבערזעצונגען אין א צאָל שפּראַכן.
5. געגרינדעט די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער אסאָסיאַציע, געגרינדעט סעפּטעמבער 28, 1864, אין לאָנדאָן, אין זאַל פון הייליקן מאַרטין.
6. דער מחבר עזשען פּאָטיע (1816־1887) האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פון דער פּאַריזער קאָמונע.
7. וועגן דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד, זע זאַמלונג פון לענינ'ס ארטיקלען „פּראָלעטאַרי", 1924 יוני, 1918, זע דאָרט, הקדמה פון מ. דימאַנשטיין.
   זע, דר. יוסף טענענבוים, צווישן מלחמה און שלום, צענט. פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1956, ז"ז 24־26 (אין העברייאיש, בין מלחמה ושלום, ירושלים, תש"ד, ז"ז 17־19), וועגן דער ראָל פון יעווסעקציע מיט דימאַנשטיינען בראש.

ב.

1. לויט ר' שמשון רפאל הירש (געב. האַמבורג, התקס"ח־1808; נפטר, פראַנקפאַרט, התרמ"ט־1888); א רעגירונג פון גאָט'ס דינער אויסערלעך און א הייליק פאָלק אינערלעך.
2. דיינע צעשטערער און דיינע פאַרוויסטער וועלן ארויס פון דיר, ישעיה מ"ט, י"ז.
3. גענוג צו דערמאָנען די ביכלעך „היגיענישע מיצוועס" (פון מ. שיינגאָלד); פאַרוואָס קעמפן מיר קעגן רעליגיע" (פון אי. סודאַרסקי); קעגן פייסעכ (זאמלונג).
4. מעלוכישער נאַצמינדפאַרלאַג באַם פּרעזידיום פונ וווציק, כאַרקאָוו־קיעוו, 1932.
5. דאָרט, ז. 37.
6. דאָרט, ז"ז 49־51.
7. דאָרט, ז. 50, ציטירט פון „לענין, סאָציאַליזם און רעליגיע" ב. טייל 1, זייטן 49־51 (אין רוסיש).
8. דאָרט, ציטאַטן פון „פּראָגראַם פון קאָמינטערן" מלוכה־פאַרלאַג, 1928, ז"ז 75, 95־96.

ג.

1. דברים, ז', ז־ח'.
2. שבת ע"ז, ע"ב.
3. שמות א', י"ב.
4. מ. פראַנגער (מאַרק), מאָבדן אלי פרות, פרקי הגות לעשור המדינה, ירושלים תשי"ח, הוצ' מוסד הרב קוק, ז"ז 41־52.
   זע אויך, חיים גרינבערג, קאָמוניזם און רעליגיע, איד. קעמפער, ראש השנה תש"ה.
5. צווייטע, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1928.
   זע אויך, מ. אלטשולער „אַנ א גאָט", פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1932.
6. „דער פרייהייטס־גלאָק", נום. 1, סענטיאַבער 1901, דאָרט פאַרעפנטלעכט אַן ארטיקל: „רבנים און גלחים ביים קאַפּיטאַל אין דינסט".

8. זע, דאָרט, ז״ז 21-31. די „אַרבעטער־שטימע״ האָט דאָן טאַקע געשריבן אין אַט דעם בייסענדן סאַרקאַסטישן לשון:

„די הכנות פון דער יידישער קלעריקאַלער אַרמיי צו קעמפן מיט׳ן „בונד״ האָבן זיך אָפּן אַרויסגעוויזן אויפ׳ן קראַקויער צוזאַמענפאָר פון די רבנים. דאָרט האָבן שוין די באַרימטע עקיבא ראַבינאָוויטש פון פּאָלטאַווע (באַוואוסטער קעגנער פון ציוניזם—נ.ש.) און רבי וועלוול פון גראַדנע פאַרגעלייגט צו מאַכן ידאחת מיט׳ן צאַריזם און אַרויסצוגעבן אַלע פּאָליטישע פאַרברעכער און אויסשליסן זיי פון כלל ישראל . . . ״ זיי דערמאָנען אויך דעם נאָמען שערע־שעווסקי (טאַבאַק־פאַבריקאַנט), דעם מעזריטשער רב ר׳ חיים זאַק און אַנדערע, וואָס האָבן באַקעמפט די דאָזיקע סאָציאַליסטישע „בונטאָווטשיקעס״ . . . אָבער די פראַגע שטעלט זיך, וואָלטן די בונדיסטן היינט דאָס געשריבן וועגן יענע קדושים וטהורים—גוטהאַרציקע מענטשן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מיט זייער האַנדלונג ראַטעווען זיי דעם כלל־ישראל פון אומקום? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער זיי קענען ניט געבן קיין ענטפער.

9. דאָרט ז. 33. 10. דאָרט, ז״ז 53-54.

11. זע ,מ. ש. סלונים, תולדות משפחת הרב מלאדי, ז׳ 43, וועגן ר׳ אלי׳ חיים מייזל בן ר׳ משה (אויך אינטערעסאַנט בילד), וועגן זיין יוגנט אין וואָלאָזשין און נאָכדעם אַלס רב אין פּרוזשאַן, לאָמזשע, פּונוואַנעט ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס לאָדזשער רב אין יאָר 1873.

12. יצחק קאַצענעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן, אַרויסג. צענט. פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, בוענאָס איירעס, 1948, ז״ז 105-106. 13. דאָרט, ז׳ 157.

13. „דער לאָדזשער רב, ר׳ אלי׳ חיים מייזעל, גאון און כלל־טוער,״ לאָדזשער יזכור־בוך, ז״ז 65-69, ניו־יאָרק, 1943. 14. מסורה, תרפ״ז. 15. דאָרט, ז. 67.

16. א. ביק, דאָרט, ז׳ 69. 17. דאָרט, ז׳ 67.

18. זע, אוצר ישראל ו׳, ז״ז 2-3: „העובדים בבתי חרושת היו מתחלה אינם־יהודים ומעט שהתחילו הפועלים היהודים לעבוד שם השתדל הרב ר׳ אלי׳ חיים מייזל אצל ה׳ ישראל בן קלמן פּוזנאַנסקי, שהי׳ מראשי בתי החרושת לפתות בית מלאכה מיוחד בשביל היהודים למען יעבדו שם ביום הראשון וינוחו ביום השבת וממנו ראו ועשו בעלי בתי מלאכה אחרים״.

19. רבי אליהו חיים מייזל, מאת אברהם יהודה ברז׳נסקי, הרב בלודז׳, תולדותיו, תכונותיו, פעולותיו וצדקותיו. תל אביב, תשט״ז.

20. אין זיין סעריע מדי חודש בחדשו, חודש אייר אין דער יידישער געשיכטע.

21. זע, הרב מאיר ברלין (בר אילן): פון וואָלאָזין ביז ירושלים, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, תרצ״ג־1933, ז״ז 211-239.

22. „תלפיות״, בעריכת הרב שמואל ק. מירסקי, תש״ה.

23. הוצ׳ ביתן הספר, תל־אביב, תשי״ב. 24. דאָרט, ז׳ 68.

25. אַרויסגעגעבן פון בריסקער לאַנדסלייט־פאַריין אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1953.

26. בריסק דליטא, אנציקלופדיה של גליות, העורך אליעזר שטיינמאַן, המנהל ה. ברלס, ירושלים, תשט״ו, באַזונדערס ז״ז 146-152. יידיש־ אויפלאַגע 1955, ז״ז 185-196.

27. אינם בוך בריסק, ז .56. דער שרייבער שילדערט די הערלעכע פּערזענלעכקייט אויף עטלעכע זייטן.

28. זע, אישים ושיטות - תשי״ב.

29. זע, ש. רוטשטין, תולדות רח״ע גרודזינסקי (אחיעזר), הגאון רבנו חיים עוזר גרודזינסקי מוילנה, חייו ופעולותיו; נ. שמן, רח״ע גראָדזענסקי, אַ גרעסערן אָפּשאַצונג אַרטיקל.

30. זע, יהודה ליב גרויבאַרט, יביע אומר, ז״ז 177-179, מספד מר על הגאון הצדיק . . . כי היה איש האשכולות, אדם השלם כליל המעלות, יתר שאת לו בכל סגולות ומדות חמודות, וה׳ ברך אותו בכל . . . צדיק מושל יראת אלקים . . . בר לבב ונפש זכה חסיד בכל מעשיו . . .

31. זע, חיים וואַלף, „דער חפץ חיים — דער פרומסטער ייד פון אונזער דור״; הרב אברהם ביק, „קעמפער און היטער״ הרב מ.מ. ישר, רבי ישראל מאיר הכהן, החפץ חיים. די קראָם האָט דער חפץ חיים געקויפט פאַר דעם געלט (150 רובל), וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון אַ מומע (דעם פאָטער׳ס אַ שוועסטער). ער אַליין פלעגט זיך ניט מישן אין דער קראָם, נאָר זיין פרומע פריידע מיט איר שוועסטער חיה שרה, פלעגן אכטונג געבן אויפן געשעפט. ער האָט בלויז אכטונג געגעבן, אַז די פרייזן זאָלן ניט זיין צו הויך, אַז די מאָסן און געוויכטן זאָלן זיין אַקוראַט. ער פלעגט בודק זיין די מאָסן פאַר פליסיקייט און אַנדערע מאָסן, מיט דער זעלביקער שטרענגקייט און זהירות, ווי מען איז בודק חמץ.

דער מחבר פון „חפץ חיים״, איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל אין יאָר תקצ״ט און נפטר געוואָרן אין ראַדין, כ״ד אלול, תרצ״ג.

31א. וועגן אים — אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל (ז״ז 350-351, באַנד 1) אויספירלעכער.

32. זע ,ש. ניגער, „בעזבאָזשניקעס״ — „נוסח אַמעריקע״, צוקונפט, יאַנ. 1942, ז״ז 53-58. ער רעכנט אויס, ווי אַזוי און וואו — ווער עס זיינען געווען די אַנטי־רעליגיעזע אָנפירער; ווי אַזוי זיי האָבן אָנגעפירט דעם אַנטי־רעליגיעזן קאַמף און וואו דער קאַמף איז געפירט געוואָרן. דער ביטערסטער קעגנער פון רעליגיע איז געווען, גיט ער צו, ב. פייגנבוים, וועגן וועמען מיר האָבן שוין פריער אָנגעמערקט און מערער — ווייטער.

33. זע, הרב י. ל. הכהן מימון, סיני, אלול, תש״כ, ז״ז של״ב־שנ״ט.

34. זע פריערדיקן קאַפּיטל.

36. אין מיין בוך „לובלין״, ז״ז 90-91, 106-110, 507-508.

37. שופטים ו׳, י״ב. 38. דאָרט, י״ג. 39. דאָרט, י״ד.

קאַפּיטל זעקס-און-צוואַנציק

יידישער קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלן יושר

די געשיכטע פון דער יידיש־רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג הויבט זיך אָן אַ סך פריער פאַר'ן „בונד"[1], (די יידיש־סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע). צו זיין פּינקטלעך, געשיכטלעך־עקזאַקט, עפנט זיך די דאָזיקע תקופה נאָך מיט הונדערט יאָר פריער, אין דער צייט ווען ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען די סאָציאַלע קאַמפן און אויפשטאַנדן אין די לענדער פון מזרח־און מערב־אייראָפּע, מיט זייערע קאָמפּאַקטע יידישע ישובים. יידן האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפברויזן, קעמפנדיק פאַר די יושרדיקע פאָדערונגען פון די מאַסן, פון די אונטערדריקטע מינדערהייטן און פאַר דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די לענדער וואו זיי האָבן געוואוינט.

פון יידישן פּראָלעטאַריאַט — התחייבות צו זיך און טער באַוועגונג. — פירער רעוואָלוציאָנערער ארבע־ א. געשיכטע פון יידיש־ וועלט.

זייט דורות, האָבן זיך די קינדער פונ'ם יידישן פאָלק, זין און טעכטער, אויסגעמישט אין די קעמפנדיקע רייען פון די ברויזנדיקע מאַסן אומעטום, ווי מיר האָבן עס אָנגעמערקט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. באַזונדערס איז דאָס אמת, וואָס שייך פראַנקרייך און די אָרטיקע קאַמפן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 און יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די שפּעטערע רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן.

די רומרייכע קאָמונאַרן־וואַנט אויף פּער לאַשעז אין פּאַריז, איז געגנוג באַפלעקט מיט יידיש בלוט און עס שיינען אַרויס די ליכטיקע יידישע מאַרטירער־נעמען, די באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע העלדן־מאַרטירער. זיי האָבן, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, געשטורעמט די באַסטיליע אין 1789; געווען אויף די באַריקאַדן אין 1848 און ניט געפעלט אין די גרויסע מערץ־טעג פון 1871. זיי זענען געפאַלן צווישן די הונדערטער טויזנטער אומבאַקאַנטע זעלנער אין די פּאַריזער שלאַכטן און בירגער־קריגן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז ניט שייך אויסרעכענען דעם רייסטער פון העלדן־מאַרטירער אין יענע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע קאָמונאַרן, ווי לעאָ פרענקל (1899־1844) דער אונגאַרישער ייד וואָס איז געוואָרן אַ חבר פון קאַרל מאַרקס און איינער פון די אַקטיווסטע רעוואָלוציאָנערן־פירער אין פראַנקרייך; אָדער סימאָן מאַיער, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אַנדערע וויכטיקע

אינסטאַנצן פון דער קאָמונע, אָבער ווי געזאָגט, איז ניט אונזער אויפגאַבע זיך אריינלאָזן אין פרטים.

1870 איז פאָרגעקומען די מלחמה צווישן פראַנקרייך און פּרייסען. די פּרייסישע אַרמיי איז דערגאַנגען ביז פּאַריז. דער שלימזלדיקער קייסער פון די פראַנצויזן, נאַפּאָלעאָן דער 3־טער, איז צוזאַמען מיט אַ 100־טויזנטיקער אַרמיי געפאַנגען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די בורזשואַזיע האָט דאַן פאַרכאַפּט די מאַכט און פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק. פאַר׳ן אַרבעטנדיקן פאָלק האָבן זיי אָבער גאָרנישט געטאָן. די מאַסן האָבן געהונגערט, און עס איז געקומען די רעוואָלוציע פון פראַנצויזישן פאָלק. דעם 18־טן מערץ, 1871 איז פאָרגעקומען דער אָפענער קאַמף און אין אַ סך שטעט זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן און ס׳האָבן זיך געגרינדעט קאָמונעס.

די קאָמונע האָט אָפּגעשאַפט די געזעצן פון דער אַלטער אָרדנונג און איינגעפירט נייע, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף דער אידייע פון סאָציאַליזם. צווישן אַנדערע האָבן אין דער קאָמונע אַנטיילגענומען אַ סך יידישע רעוואָלוציאָנערן, דער דערמאָנטער לעאָ פרענקעל אַ זייגערמאַכער; סימאָן מאַיער, אַ זון פון אַ טעאַטער־דירעקטאָר און אַליין אַ גרינדער פון טעאַטערס (ער איז פאַרמשפט געוואָרן צו טויט־שטראָף); גאַסטאָן קרעמיע, דער אָנפירער פון דער מאַרסעלער קאָמונע (אַן אַדוואָקאַט, געבוירן אין 1843); משה גאָלדרייך (געבוירן אין מלאַווע, פּוילן), גאָלדשטיין און אַ סך אַנדערע.

לאַזאַר לעווי, (געבוירן 1844), איז געווען איינער פון די טעטיקסטע טוער אין דער פּאַריזער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל. ער איז בעת דער קאָמונע געוואָרן מיטגליד פון דער „איניציאַטיוו־קאָמיטע״; אַרמאַן לעווי, רעדאַקטאָר פון „דער פּאַטריאָט״, די פרוי עליזע דימיטריעוו, אַ מוטיקע קעמפערין און גוטע רעדנערין (נאָך דער קאָמונע האָט זי זיך געראַטעוועט קיין זשענעווע), בנימין זאַקס, אַ זון פון דעם באַוואוסטן געלערנטן שניאור זאַקס (געשטאַמט פון קאָוונער גובערניע), אַ פּוילישער ייד מיט׳ן נאָמען גראָסמאַן (דערשאָסן געוואָרן פון די ווערסאַילער) . . . און נאָך און נאָך.

ווער שמועסט וועגן די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן די אונטערדריקער, דאָרט זענען יידן געווען פאַרטראָטן ניט בלויז ווי סתם אַזוי יחידים, נאָר ווי פירער און אָרגאַניזירער פון די אויפשטאַנדן קעגן די צאַרישע הערשער און גאָר שטאַרק זענען יידן געווען באַטייליקט אין די רעוואָלוציעס פון פעלקער־פרילינג אינ׳ם יאָר 1848.

ווער ס׳וועט בלויז אַ בליק טאָן אין דער געשיכטע פון סאָציאַלע קאַמפן אין מזרח־ ווי אין מערב־אייראָפּע, וועט באַלד דערזען ווי יידן, פּויאיקע, ריין־אידעאַליסטישע, האָבן זיך מקריב געווען אין די קאַמפן פאַר סאָציאַלן יושר. זיי האָבן אפילו געקעמפט פאַר די, וועמען יידן זענען געווען פרעמד, ווייט און

אַפּגעריסן; יידישע קעמפער, אַפּשטאַמיקע פון רייכע, בורזשואַזנע און רבנישע פאַמיליעס, האָבן, נאָך איידער ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „בונד" און נאָך איידער ס'איז אויפגעקומען דער ציוניסטישער סאָציאַליזם, געקעמפט מיט דער גרעסטער קרבנות־גרייטקייט, ניט בלויז פאַר'ן יידישן פאָלק, נאָר פאַר'ן אַלגעמיינעם פאָלק אין די לענדער וואו זיי האָבן געוואוינט.

שוין אין די זיבעציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן דורכגעפירט עקאָנאָמישע שטרייקן; אַזוי אין ביאַליסטאָק, אַזוי אין ווילנע, לאָדזש, וואַרשע, לובלין, מינסק און אַנדערע שטעט און צענטערן.

יידישע קעמפער זענען געשטאַנען בראש אין די קאַמפן פאַר די רעכט פון'ם פאָלקס־מענטש און פון'ם פּראָלעטאַריאַט. אין די רייען פון די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערן טרעפן מיר ניט בלויז יחידים נאָר גאַנצע גרופּעס אַקטיווע יידישע אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן. אין פּוילן האָבן מיר געהאַט אַזעלכע גרופּעס זינט דער קאַמפּס־דערוואַכונג פון טאַדעאַוש קאָשטשושקאָ אין 1794[3].

דער יידישער אָנטייל אין דער „פּאָווסטאַניע" פון 1863, איז אַן אָפּן קאַפּיטל, פאַר יעדן, וואָס וויל נאָר זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום[4]. נאָך מער באַקאַנט איז דער יידישער אָנטייל אין פריערדיקע אויפשטאַנדן. געגוג צו דערמאָנען די קאַמפן פון דעם ייד בערעק יאָסעלעוויטש, דעם קאָשטשושקאָ־פּולקאָווניק, לעגיאָנער און שטאַב־אָפיציר וועלכער איז געפאַלן הינטער קאָצק[5] אין יאָר 1809, אין אַ שלאַכט מיט די עסטרייכישע חיילות. זיין זון יוסף בערקאָוויטש, האָט אינ'ם נאָוועמבער אויפשטאַנד פון 1830, נאָכגעפאָלגט די טראַדיציעס פון זיין פאָטער און געקעמפט פאַר פּוילנס פרייהייט[6].

ניט ווייניקער באַקאַנט זענען די אַקטיוויטעטן פון באַרימטן וואַרשעווער רב, ר' דוב בער מייזלס (תקס"ד־תרל"ו — 1798־1870) וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין קראָקע אינ'ם 1848 אויפשטאַנד און דערווייַלט געוואָרן צום דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט אין ווין. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּאַטריאָטן פון פּוילן — און איז ביי די פּאָליאַקן באַטראַכט געוואָרן אַלס אידעאַלער רב אין פּוילן, אַלס קעמפער פאַר זיין פאָלק ישראל סבא און קעמפער פאַר פּוילן, דאָס לאַנד פון זיין געבורט[7].

אָבער ניט בלויז אין פּוילן האָבן יידן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פרייהייטס־קאַמפן. אומעטום וואו יידן האָבן געוואוינט און זיך באַטראַכט ווי תושבים האָבן זיי אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אַזעלכע קאַמפן.

נאָך מער זעט זיך אָן די יידישע באַטייליקונג אינ'ם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז 1848, דאָס יאָר ווען קאַרל מאַרקס האָט פאַרעפנטלעכט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און נאָך שטאַרקער מיט זעכצן יאָר שפּעטער, נאָך דער גרינדונג (דורך מאַרקס'ן) פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל (1864),

וועלכער איז אין יאָר 1872 דורך אים אַליין אויפגעלייזט געוואָרן, צוליב זיינע קאַמפן מיט די טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם, (באַקונין, פּרודאָן און אַנדערע).

ניט בלויז האָבן יידן ביי‎געטראָגן צום אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם דורך אַרויסגעבן זיינע טעאָרעטיקער, ווי קאַרל מאַרקס (אין וועמענס אָדערן ס'האָט דאָך געפּליסט יידיש בלוט); משה העס, פערדינאַנד לאַסאַל, ראָזע לוקסעמבורג און אַ סך אַנדערע, נאָר פּשוט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, יעדנפאַלס אַ גרויסער טייל פון זיי, האָבן אַ סך ביי‎געטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס האָט גענומען קעמפן מיט אַלע כוחות פאַר דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט.

ווען דער סאָציאַלער קלימאַקס איז אַ שווערער, אַ רעאַקציאָנערער, ליידן ביידע און ווען ער איז אַ מילדערער, אַ דעמאָקראַטישער, געניסן דערפון סיי די יידן און סיי די אַרבעטער. וואו די אַרבעטערשאַפט איז פריי, געניסט פרייהייט, געניסן יידן פון דער פרייהייט. דעריבער, איז עס געוואָרן אַקסיאָמאַטיש די דאָזיקע מאָס און זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג (צום ערשט אין ענגלאַנד מיט אַ הונדערט־פופציק יאָר צוריק, און דערנאָך אין אַנדערע לענדער), האָבן יידן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, אין'ם טעאָרעטישן, און ניט־ווייניקער אין'ם פּראַקטישן טייל פון אָט דער נייער באַוועגונג: געבויט פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַריינען, פריער אַלגעמיינע, דערנאָך יידישע; געבויט סאָציאַליסטישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; געשאַפן אַלגעמיינע און יידישע אַרבעטער אינסטיטוציעס, אַזוי אין די אייראָפּייאישע לענדער און אַזוי אין די אַמעריקעס, איבערהויפּט אויפן צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט.

יידן האָבן געלערנט ניט־יידן ווי צו בויען זייערע פאַריינען, ווי צו פאַרבעסערן זייער מצב, ווי צו אַנטוויקלען אַן אָרגאַניזירטן כח פון פּראָלעטאַריאַט.

די פּיאָנערן תקופה פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער אומעטום, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט יידישן כח, אינטעלעקט און באַוואוסטזיין — און ניט ווייניקער מיט דער אָרגאַניזירונג פונ'ם פּאָליטישן כח פונ'ם אַרבעטער, מיט'ן סאָציאַליזם.

יידישע אַרבעטער און יידישע פאָלקס־מאַסן בכלל, האָבן געפילט אַ גורל־נאָענטקייט מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט, ווי אַ סאָציאַלער קלאַס.

אמת, עס איז ניטאָ און עס איז ניט געווען קיין אָרגאַנישער שייכות צווישן יידן ווי אַ פאָלק און דער אַרבעטער באַוועגונג ווי אַ סאָציאַלער קלאַס: צווישן יידן זענען געווען און ס'זענען פאַראַן אַרבעטער און ניט־אַרבעטער און צווישן אַרבעטער זענען פאַראַן יידן און ניט־יידן. ביידע האָבן אָבער געליטן פון דעם במעט זעלביקן גורל — אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע, ניט אַכטנדיק וואָס די סיבות זענען ווייט ניט די זעלביקע.

מיט דער גייסטיק־מאַטעריעלער רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן, ווען די יידישע מאַסן האָבן זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט זיך אָט דער

פאַרשפּעטיקטער רענעסאַנס ביים סוף פון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, אָנגעהויבן שטורמישער און דראַמאַטישער, ווי דער אַלגעמיין־אייראָפּייאישער. מיט מערקווירדיקער שנעלקייט האָבן די יידישע אַרבעטער זיך דערפילט ווי אַן אַרבעטער־קלאַס און אַנטוויקלט אַ קלאַסן־באַוואוסטזיין. דער דאָזיקער אויפגעוועקטער סאָציאַלער באַוואוסטזיין, האָט געמאַכט די יידישע פּראָלעטאַריער בונטאַריש, קעמפעריש און אין אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען פון יענער צייט, קעמפן זיי, אין די פאָדערשטע רייען, מיט דער גרעסטער התלהבות.

היסטאָריש גענומען, האָט אויך דער נאַציאָנאַלער סענטימענט און די נאַציאָנאַלע אידייע אַריינגעדרונגען אין די רייען פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, נאָך פאַר׳ן אויפקום פון דער סאָצאַליסטישער אידעאָלאָגיע. די פּאָגראָמען פון 1881 אין רוסלאַנד האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטויס אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַליזם. משה־לייב ליליענבלום (1844־1901) איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן פאַר קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, וואָס קאָן ראַטעווען גרויסע טיילן יידן פון אונטערגאַנג. און מיט אַ יאָר שפּעטער דערשיינט דר. יהודה־לייב (לעאָ) פּינסקער׳ס (1821־1891) באַרימטע בראָשורע „אויטאָעמאַנסיפּאַציע", וואו דער פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע ווערט אַוועקגעשטעלט ברייטער און גרינטלעכער. ער איז ניט געווען קיין ציוניסט אינ׳ם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, ער איז גיכער אַ טעריטאָריאַליסט. „מיר דאַרפן ניט שטרעבן — שרייבט ער — צו אויפשטעלן אונזער אַלט פאָטערלאַנד. מיר מעגן זיך באַנוגענען אויך מיט אַן אַנדער לאַנד. ניט דאָס הייליקע, נאָר אַן אייגענע לאַנד, דאַרף זיין דער ציל פון אונזער שטרעבן".

דר. פּינסקער האָט, כמעט דער ערשטער, אַרויסגעבראַכט די לאָזונג פון דער אויפלעבונג פונ׳ם יידישן פאָלק און שטאַרק באַווירקט דעם יידיש־נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק, מיטהעלפנדיק אַזוי אַרום דער אויסבילדונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. נאָך אים איז געקומען אחד העם (אָשר גינצבורג — 1856־1927) מיט דער אידייע פון גייסטיקן ציוניזם, פאָרשלאָגנדיק ארץ ישראל אַלס גייסטיקן צענטער פאַר אונזער גאַנצן פאָלק אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.

אין יאָר 1896 איז דערשינען די בראָשורע „יידנשטאַט" פון דר. טעאָדאָר הערצל (1860־1904), וואָס רופט און מוטיקט צו דער שאַפונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1897 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזל דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די אָפיציעלע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט אירע ציוניסטיש־פּאָליטישע אַספּיראַציעס.

אויך אין דעם סאָציאַליסטישן קרייז האָט זיך אין יענער תקופה אָנגעפאַנגען אַ דינאַמישע באַוועגונג פאַר׳ן צוריקקער צום נאַציאָנאַליזם און אייניקע האָבן

טעאָרעטיש אבסטראַקט אָנגעוויזן אויף אַ סינטעטישן אופן: סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם — אָבער מיט ווייניק קלאָרקייט וואָס שייך נאַציאָנאַליזם.

ערשט אין 1887 איז דערשינען אַ קליין ביכל: „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע גורלות פונ'ם יידישן פאָלק", פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, יידישיזם, קולטור־נאַציאָנאַליזם און נאָך עטלעכע איזמען.

דאָס דאָזיקע ביכל איז דורכגעדרונגען מיט אַ זעלטענעם, פאַר יענער צייט וואַרעמען נאַציאָנאַלן געפיל און שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז „דער קיום פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט איז ווינטשנסווערט פון שטאַנדפּונקט פון דעם גייסטיקן און מאָראַלישן פאָרשריט פון די יידן" . . . אין 1892 איז דערשינען זיין אויפרוף „אַ ייד צו יידן", וואו עס קומט צום אויסדרוק, דער געדאַנק, וועגן דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע באַוועגונג, פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק.

זשיטלאָווסקי איז געקומען מיט נאַציאָנאַליסטישן שטורעם — און ער האָט ווי אייניקע באַטראַכטן אים — געעפנט די איבערגאַנג־תקופה: איבערגאַנג פון קאָסמאָפּאָליטיזם צום יידיש־נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערישן סאָציאַליזם.

ער איז אָבער ניט אַזוי קלאָר, ווי עס איז געווען דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו הי"ד (געבוירן אין מטיסלאַוו, 2־טן טאָג ראש השנה, 1880; אומגעקומען אין ראמבולי, ביי ריגע, דעצעמבער 8־טן 1941). דובנאָוויזם האָט געמיינט אידעאָלאָגיע פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קעגן דער פאַרלייקענונג פון גלות־דאַיקייט, ווי ער ברענגט אַרויס די דאָזיקע אידייען אין זיין גרויס ווערק „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום"[8].

דובנאָוו האָט דעם גאַנצן לעבן געפירט אַ הייסע פּאָלעמיק מיט'ן „בונד", און מיט זיינע גרינדער־טעאָרעטיקער[9], און אַזוי מיט זיינע שפּעטערע פירער, (מיט זיין איידעם הענריק ערליך הי"ד)[10]; בעת זשיטלאָווסקי, איז אַ לאַנגע צייט געווען נאָר נאָענט צום „בונד". ער האָט געלעבט, ווי דער דיכטער איינהאָרן דריקט זיך אויס, „אין צוויי וועלטן" און אפשר אין נאָר אַ סך וועלטן, ווייל ער האָט אומצעליקע מאָל געטוישט זיינע אידעאָלאָגיעס און קאָנצעפּציעס. אָפּטמאָל אַ מישלינג פון טעאָריעס. אַזוי אין פּראַקטישן עפּנטלעכן און אַזוי אין פּריוואַטן לעבן[11] — אָבער מיר שרייבן ניט זיין ביאָגראַפיע[12].

זשיטלאָווסקי איז אַ צייט געווען אַ מיטגליד פון דער פּועלי ציון אין אַמעריקע. ווי ברוך צוקערמאַן גיט איבער אין זיינע זכרונות[13], האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אינ'ם צוגרייטן די פּראָגראַם פון דער פּועלי ציון קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ, אין 1910.

אין שייכות מיט אָט דעם צוזאַמענפאַר, האָט זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט א סעריע אַרטיקלען, אַנהאַלטנדיק זיין קרעדאָ בנוגע דעם יידישן פאָלק[14], סומירנדיק זיין אני מאמין, אַז „דאָס יידישע פאָלק מוז קעמפן פאַר זיין דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג, אונטער אַלע אומשטענדן, וואו ער זאָל נישט זיין צעזייט און צעשפּרייט . . . "

ער באַגרינדעט, אויף זיין דיאַלעקטישן אופן, דעם יידיש פּראָגרעסיוון און נאַציאָנאַלן געדאַנק און ער איז איבערצייגט, אַז עס קאָן זיין אַ צונויפשמעלצונג פון געוויסע פּועלי־ציון אידעאַלן מיט בונדיסטישע. ער איז אָבער דאַן שוין ניט געוועזן קיין חידוש אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן, ווי ער איז עס געווען אין יענער באַגין תקופה, ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט, די איבערגאַנג־תקופה פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָנאַליזם און פון אַבסטראַקטן משכיליזם צום נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער שעפערישקייט . . .

ש. דובנאָוו, היפשלעך באַאיינפלוסט פונ׳ם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, געהאַט זיין צוגאַנג צו די נייע אַנטוויקלונגען און זיך געשטעלט אויף׳ן שטאַנדפּונקט פון סאָציאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, ווי די לייזונג פאַר יידן אין די תפוצות. אין זיינע ווערטער:

„דאָס יידנטום שטרעבט ניט צו קיין טעריטאָריעלע, ניט צו קיין פּאָליטישער אָפּגעזונדערטקייט, נאָר צו אַ געזעלשאַפטלעכער און קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע . . . צום פּאַרטיידיקן זיין אויטאָנאָמישקייט אין אַלע ספערן פון לעבן"[15]. אָבער וועגן דעם באַזונדער.

אינ׳ם פריערדיקן קאַפּיטל, האָבן מיר, אויף אַ רמזדיקן אופן אָנגעוויזן וועגן די באַפרייאונגס־קאַמפן פון יידן אין פּוילן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן־קעמפער אין 16־טן, 17־טן, 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט און ס׳איז דערמאָנט געוואָרן, אַז

ב. יידישע קאַמפן פאַרן אַלגעמיינעם יושר. — באַטייליקונג אין די באַפרייאונגס־קאַמפן. — אין די פאַרשטע רייען.

לעצטנס האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן דעם דער היסטאָריקער בער מאַרק[1].

די פּוילישע יידן, ווייזט ער אָן, פאַרמאָגן אַ גאַר שיינע „טראַדיציע אין הינזיכט פון מאַסנ־האַפטיקער באַטייליקונג אין די פרייהייטס־קאַמפן פאַר אַ סאָציאַל־און־נאַציאָנאַל־באַפרייט פּוילן און פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקט און פריי לעבן פון די יידישע מאַסן אין דעם באַפרייטן פּוילן".

אויף׳ן סמך פון מקורים, אַרכיוואַלע, היסטאָרישע און שאלות־ותשובות ליטעראַטור, ווייזט ער אָן, אַז פּוילישע יידן זענען געווען שטאַרקע, פיזיש־העלדישע און גייסטיק־העראָישע קעמפער, אין אַלע צייטן און אויף אַלע שלאַכט־פעלדער קעגן אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים, נעמענדיק אַנטייל אין דער

באוואפנטער שוץ פון די שטעט און שטעטלעך אקעגן דער ריזיקער, פּאַרטיקולאַר-דיקער טאטארישער כוואַליע, ווען זי האָט באַדראָט פּוילן, שפּעטער קעגן די אַנדערע באַנדעס; פּאַרטרייבנדיק אַנפאַלער און ריניקנדיק די שליאַכן . . . און זינט טאַדעאוש קאָשטשושקאָ'ס אויפשטאַנד אין יאָר 1794, האָבן זיי זיך באַטייליקט פולשטענדיק אין די קאַמפן פאַר פּוילנ'ס פרייהייט און פאַר אייגענער גלייכבארעכטיקונג.

ב. מאַרק רעכנט אויס נעמען פון באַוואוסטע אויפשטענדלער אין די קאָשטשושקאָ קאַמפן, צווישן אַנדערע דערמאָנט ער, דעם פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וועלכער האָט אין אָקטאָבער 1794, אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער ייִדישער באַפעלקערונג, שרייבנדיק:

„. . . ווער עס האָט ג־ט אין האַרצן און וויל העלפן דעם פאָטערלאַנד — און דאָס איז מחויב יעדער צו טאָן — דער וואָס האָט אַ געלעגנהייט דאָס צו טאָן. ווער ס'וויל געווינען פרייהייט און וויל פאַרדינען אַזאַ פרייהייט, דער זאָל קעמפן פאַר'ן פאָטערלאַנד ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט . . . [2].

די ייִדישע אָפיצירן אין קאָשטשושקאָ'ס אַרמיי האָבן פאַרנומען אַ גאָר אַנגעזען אָרט. זייערע רומפולע אויפטוען און העלדישער ווידערשטאַנד ווערן דערמאָנט אין דער געשיכטע פון פּוילן.

פאַרוואָס האָבן פּוילישע ייִדן געקעמפט פאַר פּוילנ'ס פרייהייט?

ב. מאַרק קלערט דאָס אויף מיט דריי מאָמענטן: „מיט דער צוגעבונדקייט צום פּוילישן היימלאַנד, מיט דער פּאָזיטיווער באַציאונג פון די פּראָגרעסיווע פּוילישע עלעמענטן צו די באַגרעניצטע אין זייער רעכט ייִדן און מיט דעם ווילן פון דער ייִדישער פאָלקס־מאַסע אויסצוקעמפן פאַר זיך מיט געווער אין האַנט גלייכע בירגער־רעכט און מעגלעכקייטן פון עקאָנאָמישער עקזיסטענץ" [3].

ער האַלט, אַז די דאָזיקע דריי גרויס־אימפּולסן שטויסן די ייִדישע פאָלקס־מאַסן און די אויפגעקלערטע ייִדישע עלעמענטן צו אַ ברייטן און אַקטיוון אָנטייל אין די פרייהייטס־קאַמפן פון 1830, 1846 און 1863־1864.

אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט, קענען מיר זיך ניט אַריינלאָזן אין פּרטים פון אָט די אַלע קאַמפן און אויפשטאַנדן און דער ייִדישער באַטייליקונג אין זיי. ס'איז אויך ניט דאָ דאָס אָרט צו דיסקוטירן מיט ב. מאַרק'ן וועגן זיינע אויספירן וואָס איז שייך די אימפּולסן, אַוודאי ניט מיט פאַרנעמען זיך צו דערמאָנען נעמען פון ייִדישע העלדישע קעמפער אין פּוילן.

ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די ייִדישע מאַסע איז באַשטאַנען פון פּלעבעער, אָרעמע בעלי מלאָכות, פאָלקיש־משכיליש־יאַקאָבינער אינטעליגענץ . . . אין זיינע ווערטער: „עס איז נישט ריכטיק די באַהויפּטונג פון געוויסע ייִדישע בירגערלעכע היסטאָריקער, אַז די ייִדישע אויפשטענדלער זענען באַשטאַנען פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און אונטערוועלט־מענטשן . . . "

ב. מארק איז איבערצייגט, אז „די דאָזיקע מאַסע איז, אין אַלגעמיין — געווען דורכגעדרונגען מיט קלאָרע קאַמף־צילן" . . . זי איז געקומען פון דער יידישער אָרעמשאַפט — לויט זיין באַהויפּטונג — און ניט פון דער בירגערלעכער אָדער רייכער געזעלשאַפט און אוודאי ניט פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע צווישן וועלכער ס'האָבן זיך געפונען פאַרטרעטער און אַגענטן פון דער צאַרישער מאַכט . . . ער שרייבט צווישן אַנדערן:

. . . זי האָט זיך נישט געווענדט צו די דעמאָלטדיקע אָפיציעלע פּלוטאָקראַטישע וואָרט־זאָגער פון די יידן אין ווארשע, נישט צום אָפיציעלן שתדלן (סינדיק), וועלכער איז, אגב, געווען א כאַבאַרניק און א גנב פון געזעלשאַפטלעכע געלטער, נישט צום גרעסטן גביר שמואל זביטקאָווער, נישט צו אַנדערע „גרויסע יידן". די יידישע אָרעמשאַפט האָט זיך צו זיי נישט געווענדט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז דער יידישער פּלוטאָקראַטיע זענען פרעמד די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע . . . דער גרעסטער יידישער גביר און אונטערנעמער פון ווארשע, שמואל זביטקאָווער, וועלכער ווערט אַזוי באַזונגען דורך געוויסע (אלע—נ.ש.) יידיש־בירגערלעכע היסטאָריקער, איז געווען א ליוועראַנט פון צאַרישן מיליטער. ער האָט געשפּילט בעת'ן קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד אַן ענלעכע ראָל, ווי דאָס אָפּאָרטוניסטישע, פּאַטריצישע פּוילישע בירגערטום . . . "

די יידן האָבן געענטפערט אויף דעם רוף פון טאַדעאוש קאָשטשושקאָ פאַר דער אינסורעקציע פון פּוילישן פאָלק. בעת די געשעענישן פון 17־טן און 18־טן אַפּריל האָבן די יידן אין ווארשע, ווי א באַשטאַנדטייל פון די אַלגעמיינע קעמפער, זיך געוואָרפן אויף דעם צאַרישן גאַרניזאָן וואָס האָט געהיט די זיכערקייט פון די צאַרישע אונטערדריקער. די יידישע מאַסן האָבן געקעמפט מסירת־נפשדיק אינאיינעם מיט די פּוילישע אויפשטאַנדלער. די פירער פון דער יידישער אָפּטיילונג זענען געווען בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש, וואָס האָט שפּעטער אַזוי העלדיש פאַרטיידיקט פּראַגע, ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט. קאָשטשושקאָ האָט אין איינעם פון זיינע אויפרופן געזאָגט:

„אין די גרויסע טעג פון 17־טן און 18־טן אַפּריל, האָבן די יידן, קעמפנדיק מיט גרויס דרייסטקייט, באַוויזן, אַז זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר די גזירות פון די דעספּאָטן און זיי קאָנען מקריב זיין זייער לעבן לטובת דער מענטשהייט".

ב. מארק רייסט אראָפּ אזא גרויסע און וויכטיקע יידישע פּערזענלעכקייט ווי ר' שמואל זביטקאָווער, וועלכער האָט געקעמפט מיט גרויס מסירת־נפש פאַר דער רעטונג פון פּראַגער יידן. פאַרוואָס זאָלן מיר אָבער איגנאָרירן די מאַסן־ווערק פון היסטאָרישן און בעלעטריסטישן כאַראַקטער וואָס שילדערן רבי שמואל זביטקאָווער און זיין טאַכטער תמרל בערגסאָן אַלס די ליכטיקסטע געשטאַלטן פון פּוילישן יידנטום? נענוג א בלעטער צו טאָן נ. סאָקאָלאָוו'ס ווערק וועגן

וואַרשעווער פּערזענלעכקייטן; גענוג אַ בליק צו טאָן אין די ווערק פון דר. יעקב שאַצקי, אין די ווערק פון אונזערע אָפּיציעלע און אנערקענטע היסטאָריקער, ש. דובנאָוו און אנדערע, גענוג צו דערמאָנען אויך די חסידישע ווערק וואו עס ווערט דערציילט וועגן די דאָזיקע לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייטן. אָבער ווי געזאָגט, קענען מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַט דער שטודיע.

יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער פעברואר רעוואָלוציע פון 1848 אין פראַנקרייך און גאָר באַזונדער אין דער פּאַריזער קאָמונע פון 18־טן מערץ 1871, וועגן וועלכער קאַרל מאַרקס האָט געשריבן:

„דאָס פּאַריז פון די אַרבעטער מיט זיין קאָמונע, וועט אייביק געפייערט ווערן אַלס רומפולער אָנזאָגער פון אַ נייער געזעלשאַפט. זיינע מאַרטירער זענען איינגעוואָרצלט אין גרויסן האַרץ פון אַרבעטער־קלאַס" („דער בירגער קריג").

דער פעלקער פרילינג פון 1848 האָט משפּיע געווען אויף די שפּעטערע רעוואָלוציעס. די לידער פון דער רעוואָלוציע, די לאָזונגען, די פאָדערונגען — דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף די מאַסן און אויף דער אינטעליגענץ.

אַזוי האָט מען געהערט דאָס רירנדיקע ליד פון געאָרג הערוועג (1817־1875): „דו אַקערסט און דו זייסט" פון די מאַרשירנדיקע רעוואָלוציאָנערן פון 19־טן יאָרהונדערט און אַזוי אין דער רעוואָלוציע פון 1905. דאָס ליד איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן און אויך אין יידיש דורך דעם דאָן אויפגייענדיקן שטערן מיט זיינע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס, דר. חיים זשיטלאָווסקי.

הערוויג, דער מחבר פון'ם ליד, אַ דייטשער רעוואָלוציאָנער, איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד צוליב זיינע רעוואָלוציאָנערע שריפטן און געפינען אַזיל אין דער ברוינזנדיקער, מער ליבעראַלער, פראַנקרייך. ער איז געשטאָרבן שוין נאָך דער פּאַריזער קאָמונע, נאָכן דורכפאַל פון יענעם העלדישן אויפשטאַנד. זיינע אויפברויז־לידער זענען אָבער געזונגען געוואָרן אין די אויפשטאַנדן פון די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט און אין די דעמאָנסטראַציעס פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מיר גיבן דאָ עטלעכע סטראָפן פון דעם באַרימטן ליד:

און דו אַקערסט און דו זייסט,	זיצסט ביים וועבשטול טאָג און נאַכט,
און דו שטריקסט און דו נייסט,	גראָבסט דעם אַרץ אין קוילן־שאַכט,
און דו האַמערסט און דו שפּינסט—	פילסט אָן ביז איבערפול דעם האָרן,
זאָג אָ פאָלק, וואָס דו געווינסט.	פּליסט עס אָן מיט קליין און קאָרן.

דאָך וואו איז דיין מאָלצייט צוגעגרייט?
דאָך וואו איז דיין יום־טוב קלייד?
דאָך וואו איז דיין וואַרעמער שוץ?
דאָך וואו איז דיין שאַרפע שווערד?

אַלעס איז דיין אַרבעט! זאָג!
אַלעס, אָבער ניט פאַר זיך!
און פון אַלעמען האָסטו בלויז
אויסגעשמידט אַ קייט פאַר זיך.

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט!
און דערקען דיין אייגענע מאַכט!
אַלע רעדער שטייען שטיל
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל.

אייניקע פאַרשער פון דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג ווייזן אָן, אַז הערוועג, ווי שפּעטערע נאָך אים, איז געווען אונטער'ן איינפלוס פון'ם גרויסן ענגלישן דיכטער און קעמפער פּוירסי ביש שעלי (1792-1827) און אַלס מוסטער, ברענגען זיי, עטלעכע סטראָפן פון זיין באַרימט ליד „סאָנג טו דהי מען אָוו אינגלענד".

דאָס ליד לייענט זיך אין יידישער איבערזעצונג:

מענער פון ענגלאַנד, צו וואָס אַקערט איר
די ערד פאַר די לאָרדן, אייערע אונטערדריקער?
פאַרוואָס וועבט איר טאָג און נאַכט
די רייכע קליידער פאַר אייערע טיראַנען?
האָט איר דען רו, באַקוועמלעכקייט,
אַ הויז, ברויט צי צאַרטקייט פון ליבע?
וואָס קריגט איר דען אַלס לוין
פאַר אייער פּיין, פאַר אייער שרעק?
דאָס קערנדל וואָס איר פאַרזייט שניידט אַן אַנדערער,
די אוצרות וואָס איר געפינט, נעמט צו אַן אַנדערער;
פאַרזייט דאָס פעלד — אָבער לאָזט ניט קיין טיראַן עס שניידן!
גראָבט אוצרות — אָבער דערלאָזט ניט קיין פרעמדן פאַרנעמען!
וועבט קליידער — נאָר לאָזט ניט דעם ליידיקגייער זיי אָנטאָן!
שמידט געווער — נאָר פאַר אונזער פאַרטיידיקונג!

שעלי'ס טעמאַטיק און שעלי'ס טאָן האָבן נאָכגעפאָלגט די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער רעוואָלוציאָנערן: מאָרים ווינטשעווסקי, מאָרים ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, ד. באָוושאָווער און די אַנדערע נאָך זיי.

אויך אין דער „נייער וועלט", אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, ווי מיר האָבן געזען[5], זענען יידן געווען צווישן די ערשטע קעמפער פאַר פרייהייט פון אַלע קלאַסן און ראַסן. זיי האָבן פון אָנהייב אָן געקעמפט קעגן שקלאַפעריי און דיסקרימינאַציע. ניט ווייניקער האָבן יידן אַנטייל גענומען אין דער אַמערי-קאַנער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווען ס'איז אין 1878 געגרינדעט

געווארן די „סאשעליסט לעיבאר פארטיי" (ס.ל.פ.), געפינען זיך אין אירע רייען יידישע פירער. דעליאן, זיין באקעמפער אב. קאהן (דאן רעדאקטאר פון „אבענד־בלאט"), לואי מילער, מארים הילקוויט און אנדערע זיינען געשטאנען אין שפיץ פון די דאזיקע באוועגונגען.

אינטערעסאנט איז, אז אין יענע יארן איז דער יידישער פראלעטאריאט געווען גרוים אין צאל, אין פארגלייך מיט דער יידישער בורזשואזיע און קליינבירגער, און אויך דאמינירנדיק אין דער אלגעמיינער ארבעטער באוועגונג. היינט אבער ווערט די צאל פון יידישע ארבעטער אויפן אמעריקאנער קאנטינענט אלץ ווייניקער און זיין פלאץ פארנעמט דער יידישער קליינבירגער, וועלכער ווערט דער קוואנטיטאטיווער הערשער אין אונזער לעבן.

אמת, אויפן ארט פונם אמאליקן שווערן ארבעטער זענען צוגעקומען נייע, אפים־ארבעטער, ווייס־קאלנערדיקע פראפעסיאנאלן, ציוויל דינסט ארבעטער. זיי ווערן אבער דאך ניט באטראכט אלס פראלעטאריער אינם ענגן זין פוןווארט.

זיך רעכענענדיק מיט דער מיינונג פון יעקב לעשצינסקי[6], מוז מען קומען צו זיינע אויספירן, אז דאס יידישע לעבן אין די אמעריקעס, און גאר באזונדער אין די לאטיין־אמעריקאנישע לענדער, וועט גאר אינגיכן טראגן אן אויסשליסלעך בירגערלעכן כאראקטער. אין זיינע ווערטער: „מיר זענען געבליבן ביי אזא רייכער גייסטיקער סאציאליסטישער ירושה, נאר אן יידישע ארבעטער, אן לעבעדיקע טרעגער פון סאציאליסטישן אידעאל . . . [6]. מיר זענען אבער ניט מחוייב זאגן נביאות.

וואס מיר ווילן זאגן איז, אז כמעט אין אלע רעוואלוציעס פאר'ן פראגרעס און פארשריט פון מענטשלעכער ציוויליזאציע, האבן יידן גענומען א טיכטיקן אנטייל. יידן, למשל, האבן זיך באטייליקט אין דער טשעכישער רעוואלוציע פון 15־טן יארהונדערט, לויטן עדות זאגן פונעם כראניקער יוסף בן יהושע בן מאיר הכהן[7], און ווי יוסף גוטמאן ווייזט אן[8], זענען יידן געווען א וויכטיקער טייל פון דער בעמישער באפעלקערונג . . . דאס עקאנאמישע לעבן האט זיך אין זיי שטארק געגויטיקט . . . די אנטוויקלונג פון האנדל און פון דער אינדוסטריע, און אויך דער וואוקס פון די באדערפענישן פון די אדעללייט און פון הויף, האט געבראכט מיט זיך א פארשטארקטן באדארף פון לייַ־קאפיטאל. פאר קריסטן איז געווען פארווערט צו בארגן געלט אויף פראצענט — ווער־זשע האט געקענט צושטעלן די נייטיקע הלוואות אויב ניט יידן? די קיניגלעכע מאכט האט זיך גענייטיקט אין געלט־מקורים, וואס זאל זיין אומאפהענגיק פון די פעאדאלן שטאנדן — און דאס האבן יידן צום בעסטן געקענט באזארגן"[9].

„כדי מיר זאלן קענען באנעמען די באציאונג פון דער רעוואלוציע צו יידן, און פון יידן צו דער רעוואלוציע, — שרייבט גוטמאן — האבן מיר געמוזט פריער אנאליזירן דעם תוך פון דער הוסיטישער רעוואלוציע: צי האט זי געהאט

אַ מיטלאַלטערשן אָדער אַ מאָדערנעם כאַראַקטער, אַ רעליגיעזן אָדער סאָציאַלן . . . די קאַרגע מקורים באַווייזן אין גאַנצן איינשטימיק, אַז יידן סיי אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער הוסיטישער באַוועגונג און האָבן איר אויך געהאָלפן, ווי ווייט זיי האָבן עס געקענט ביי אַ געוויסער אָפּגעהיטקייט . . . אויך באַווייזן די מקורים, אַז מען האָט די הוסיטן שטאַרק אויפגעוואָרפן זייער טאָלעראַנץ לגבי יידן; לסוף באַווייזן זיי, אַז וואו די קאַטוילישע קאָנטער־רעוואָלוציע האָט מנצח געווען, האָט זי זיך שווער נוקם געווען אין יידן״[9].

אין איינע פון זיינע אַרבעטן, גיט אונז ד. שוב, אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן דעם יידישן אַנטייל אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אינ׳ם צווייטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט מיט דער באַוואָרעניש, אַז „די לעגענדע, אַז יידן האָבן צוגעגרייט און געמאַכט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אויסגעטראַכט געוואָרן פון די רוסישע שוואַרץ־מאָהאַניקעס און איז הויפּטזעכלעך פון די רוסישע אַנטיסעמיטן פאַרשפּרייט געוואָרן אין די אַנדערע לענדער...״

במשך די ערשטע 50 יאָר פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג — שטעלט ער פעסט — האָבן יידן נישט גענומען קיין שום אַנטייל . . .אין די 30־קער און 40־קער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, איז אין די מאָסקווער און פּעטערבורגער ראַדיקאַלע קרייזלעך . . . נישט געווען קיין איין ייד. די פירער . . . זענען געווען אַלעקסאַנדער גערצן, וויסאַריאָן בעלינסקי, פּראָפעסאָר גראַנאָווסקי, ניקאָלאַי סטאַנקעוויטש און אַנדערע קינדער פון רוסישע אָדעליקע . . .

אין דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ״ (ערד און פרייהייט), געגרינדעט אין יאָר 1862 אין פּעטערבורג . . . איז אויך געווען אַ מיטגליד ניקאָלאַי אוטין, אַ זון פון אַ געשמדטן ייד. אָבער ער האָט אויסער זיין אָפּשטאַמונג ניט געהאַט קיין שום געמיינשאַפטלעכעס מיט יידן . . . ״

יידן, ווייזט ער אָן, האָבן ערשט אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָר־הונדערט אָנגעהויבן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

„מיטן וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — שרייבט ער — האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער צושטראָם פון יידן אין אירע רייען . . . דער עיקר אין דער ריי פון דער ניי־געגרינדעטער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״[10]. אין דער פירערשאַפט איז דאָך געווען דער יידישער אַנטייל אַ גאָר קליינער. פון די אַכט פערזאָנען, וואָס האָבן געגרינדעט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, זענען געווען צוויי יידן — אהרן זונדעלעוויטש און סאַוועלי זלאַטאָפּאָלסקי.

ס׳איז דעריבער, לויט אים, ניט קיין וואונדער וואָס אין די אָרגאַנען פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, באַזונדערס אין דער ביילאַגע צום „ליסטאָק נאַראָדנאַי־

וואָלי" (יולי 1883) רעדט זיך וועגן די „יידישע אומרוען", ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג קעגן די „זשידעס" מיט די צוגאָב־רמזים, אַז דאָס האָט דאָס רוסיש, אונטערדריקטע פאָלק, זיך אַרויסגעלאָזט קעגן די „פאָלקס־עקספּלואַטאַטאָרן", קעגן די „כאַבאַרניקעס" און עקספּלואַטאַטאָרן, ווי זיי דריקן זיך אויס. ווען יידן זאָלן געווען האָבן אַ וואָרט דאָרט, וואָלטן זיי ניט געלאָזט, איז שוב זיכער, אַזעלכע אויסדריקן אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט . . .

אינגאַנצן זיכער אין דעם, קאָן מען דאָך ניט זיין — און עס לאָזט זיך ניט גלויבן, אַז יידן, יידישע סטודענטן, שפּעטערע אַקטיוויסטן און פון אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, זאָלן אינם ערשטן צענדליק יאָר פון דער אָרגאַניזאַציע לגמרי זיך ניט באַטייליקן? . . . דאָס איז מאָדנע! בכלל, ווייסט מען ניט ווער ס'איז געווען דער פאַרפאַסער פון יענעם פּאַרלוימדערישן אַרטיקל און ד. שוב, זוכט צו טרעפן און ער וויל גאָר קומען צו אַ הנחה, אַז דאָס איז געווען סערגעי דעגאַיעוו, „וואָס איז צו יענער צייט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די פאַרבליבענע רעשטלעך אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר פון דער פּעטערבורגער „אָכראַנקע" . . .

ווי מיר האָבן עס אין די פריערדיקע פּרקים געזען, האָט עס גאַנץ מעגלעך אָנגעשריבן ניט קיין פּראָוואָקאַטאָר, נאָר אַ גוטער סאָציאַליסט־אַנטיסעמיט און אַז עס איז ניט זעלטן אַז סאָציאַליסטן זאָלן אַרויסווייזן אָפענעם אַנטיסעמיטיזם.

ד. שוב, גיט דאָך צו,[11] אַז „די מערהייט רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין די 80־קער יאָרן האָט אָפן אויסגעמיטן זיך שאַרף אָפּצאָמען אין דער יידן־פראַגע פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם 6־טן נומער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אַפילו אַזאַ אומצווייפלהאַפטער יידן־פריינט ווי לאַווראָוו האָט אין זיין בריוו צו פּאַוועל אַקסעלראָד'ן פון 14־טן אַפּריל 1882 אַזוי געשריבן: „איך מוז זיך אייך מודה זיין, אַז איך האַלט די יידישע פראַגע פאַר זייער אַ קאָמפּליצירטער, און פּראַקטיש איז זי אויסערגעוויינלעך שווער פאַר אַ פּאַרטיי, וואָס וויל זיך דערנענטערן מיט'ן פאָלק און אויפהייבן קעגן דער רעגירונג. טעאָרעטיש לייזן זי אויפ'ן פּאַפּיר איז זייער גרינג, אָבער אין אַנגעזיכט פון די פאָלקס־ליידנשאַפטן און דער נויטווענדיקייט צו האָבן דאָס פאָלק, וואו מעגלעך נאָר, אויף אונזער זייט, איז דאָס שוין גאָר אַן אַנדער ענין".

אין פּוילן, האָבן יידן גענומען אַן אַנטייל אין דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) באַלד פון איר גרינדונג (דעם 17־טן נאָוועמבער, 1892). אַ ייד, סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן איז געווען פון די סעקרעטאַרן.

אין די שפּעטערע יאָרן, זענען צוגעקומען אַסימילאַנטישע סאָציאַליסטן, ווי יוזעף קוויאַטעק, הערמאַן ליבערמאַן און אַנד., וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אַנשליסן אין „בונד".

זיי האָבן געוויס, גענהאַט אַ חלק אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם א.ג. פּאַריזער

פּראָגראַם, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין דער קאָנסטיטוציע, פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

אויף אַן אַנדער אָרט, שטעלן מיר זיך אָפּ וועגן מלאָכה אין צייט פון תּלמוד און אויך וועגן די בעלי התּלמוד וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מלאָכה. דאָ, ווילן מיר בלויז אָנווייזן אויף דעם פאַלשן בלבול, אַז יידן וייכן פון שווערער אַרבעט, אַז דאָס איז שוין לאַנג צעקלאַפּט געוואָרן.

ג. אַ בלבול וואָס איז לאַנג אָפּגעפרעגט געוואָרן. — יידישע אַרבעטער אומע־טום. — אַ סטאַטיסטיק.

אין אַמעריקע, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, האָבן יידן גאָר אַ סך ביינעטראָגן צו דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג[1] און צום סאָציאַליזם[2]. זיי זענען געווען צווישן די ערשטע צו אָרגאַניזירן „אַליינהילף און אינטער־עטנישע סאָלידאַריטעט". זיינע קאַמפן פאַר רעכט און אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער, האָט דער יידישער אַרבעטער אָנגעווענדט ניט בלויז אין זיינע אייגענע רייען, נאָר דאָס אַריבערגעטראָגן צו אַנדערע נאַציאָנאַלע ראַסן און עטנישע גרופּן און געהאָלפן אויפשטעלן און אויפבויען דעם אַמעריקאַנער יוניאָניזם.

אַזוי האָבן יידישע אַרבעטער געשאַפן אַזעלכע גרויסע פאַך־פאַריינען ווי די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" (געגרינדעט אין 1900), שפּעטער: „די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקע" (אויפגעקומען אין 1914) און נאָך די דאָזיקע גרעסערע, זענען געקומען קלענערע פאַריינען פון באַקלייד־אַרבעטער און געניאָסן דערפון האָבן ניט בלויז יידישע אַרבעטער. די אַזוי גערופענע יידישע פאַך־פאַריינען זענען געוואָרן מאָדעלן פאַר דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט.

אויף פאַרשיידענע אופנים, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געענטפערט אויף די פראַגן פון באַציאונגען צווישן דער אַרבעטער באַוועגונג און דער רעגירונג. אַפילו די וואָס האָבן געהערט צום אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם און האָבן געהאַט אַ גאָר ראַדיקאַלע שטעלונג, גלויבנדיק, אַז די אַרבעטער קענען איבערנעמען די פונקציעס פון מדינה און דעריבער אַגיטירט פאַר דער אָפּשאַפונג פון מלוכה־סיסטעם (אַ שטעלונג פון קראָפּאָטקין ביז ראָקער) אַפילו אָט די ראַדיקאַלסטע פון די ראַדיקאַלן, האָבן גאַנץ־גוט געוואוסט, אַז ביז אַזאַ עטיש־אַנאַרכאָ־געזעלשאַפט קען געשאַפן ווערן, מוז מען אָנקומען צו דער רעגירונג.

די באַציאונג צו אַ רעגירונגס־סיסטעם מצד די יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער ווי פון „בונד" (די לערעס פון אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר מעדעם, נח (יקותיאל פּאָרטנאָי און אַנדערע) איז געווען ווי די פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די פועלי ציון אידענטיפיצירנדיק זיך מיט די טעאָריעס פון בער באָראָכאָוו, דר. נחמן סירקין, ש. ר. לאַנדוי און אַנדערע — האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אויפן באָדן און דערגרייכט נאַציאָנאַל־יידישע באַפרייאונג מיט שטאַרקע מאַכט פאַר׳ן יידישן סאָציאַליזם.

ס׳איז דעריבער ניט קיין ספק, די פאַלשקייט פונעם בלבול אויף יידן, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין ארבעטערשאַפט[3], אַז זיי קענען ניט זיין קיין ארבעטער.

דר. אוריה צבי ענגעלמאַן[4], צעקלאַפּט דעם בלבול, אַז יידן ווילן ניט ארבעטן און זוכן תמיד אַ לייכטן פאַרדינסט — אָדער האַנדל־וואַנדל. ער שרייבט צווישן אַנדערן, אַז די מערב־אייראָפּייאיש יידישע אימיגראַנטן, וועלכע זענען אין דער אַלטער היים געווען קליינהענדלער און מעקלער, האָבן ביים אָנקומען אין אַמעריקע געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זייער קליין־סוחרישער דערפאַרונג. זיי האָבן צוזאַמען מיט דעם „יענקי־סוחר (יענקי טריידער) נאָכגעפאָלגט די פּיאָנערן . . . אָבער, ווייזט ער אָן אויף סטאַטיסטישע פאַקטן, אַז די גרעסטע מערהייט פון די אריבערגעקומענע מזרח־אייראָפּייאישע יידן וואָס האָבן זיי איבערגעשטיגן, זיינען געווען ארבעטער.

מאַכנדיק אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון די פאַרשיידענע סטאַטיסטישע אָנצייכענונגען אין די אָפיציעלע אַרכיוון פון די „יונאַיטעד סטעיטס אימיגריישאָן קאָמישאָן״, קומט ער צום אויספיר, אַז „יידישע פאַכמענער, בעלי מלאָכות, האָבן אויסגעמאַכט 67.1 פּראָצענט״. ער ציטירט אויך אַ רעפּאָרט פונ׳ם אימיגראַציע־קאָמישאָנער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון יאָר 1911, וועלכער שרייבט: „די יידן האָבן נישט נאָר צוגעשטעלט אַ העכערן רעלאַטיוון צאָל פאַכמענטשן, ווי די אַנדערע עטנישע גרופּן, נאָר זיי, די יידן, האָבן אויך געגעבן אַ גרעסערע אַבסאָלוטע צאָל פון פאַכמענטשן אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פעלקער״.

דר. ענגעלמאַן ווייזט אָן, אַז ביים סוף פון 19טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט איז דער פעדלער שוין געווען אַ דעקלאַסירטער מענטש. „זיין וועג האָט שוין מער ניט געפירט צו רייכטום״ . . . און די ניי־געקומענע האָבן זיך גענומען צו מלאָכה, די גרעסטע צאָל פון זיי האָבן זיך גענומען צו דער נאָדל־אינדוסטריע, וואָס יידן האָבן אַנטוויקלט צו איינער פון די גרעסטע אינדוסטריעס.

ער ווייזט אויך אָן ווי פאַלש ס׳זענען די פאָרשער, גראַדע יידן[5], אַז יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט לייכטערער ארבעט ווייל זיי זענען אומפּייאיק פאַר שווערע ארבעט, פאַקטן באַווייזן אַז אין רוסלאַנד זענען ס׳רוב שמידן געווען יידן און אין ארץ ישראל טוען יידן אַלע שווערע ארבעטן, ברעכן שטיינער, לייגן וועגן, טריקענען בלאָטעס אא״וו.

ער גיט אויך אָן גענויע סטאַטיסטיקס וועגן דער פאַרקלענערונג פון יידישע ארבעטער פון די נאָדל־אינדוסטריעס און די סיבות פאַרוואָס יידן פאַרלאָזן שפּעטער און בכלל די טעקסטיל־אינדוסטריעס. אין זיין סומירנדיקן סך־הכל, אַז דער

עקאָנאָמישער לעבן פון די יידן אין אַמעריקע איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון צוויי פאַקטאָרן: די פאַרשטאַרקטע נאָכפראַגע נאָך אָפּיס אָנגעשטעלטע און פּראָפעסיאָנאַלן און די אַלגעמיינע איינגעשרומפּנקייט פון אַרבעט אין שעפּער און פאַבריקן ווי אַ קוואַל פון פּרנסה . . . ער איז איבערצייגט אַז די סיבות וואָס יידן האָבן פאַרלאָזט אַרבעט אין פאַבריקן, אַז דאָס איז צוליב די גרויסע היסטאָרישע און עקאָנאָמישע טענדענצן וועלכע האָבן געפורעמט דעם לעבן פון דער יידישער מינדערהייט אין אַמעריקע.

יעקב לעשצינסקי, אין זיין ווערק „אויפן ראַנד פון אָפּגרונט"[6] שרייבט וועגן פּוילישן יידנטום[7] דאָס פאָלגנדיקע:

„צוריק מיט איינע 170 יאָר, איז דאָס פּוילישע יידנטום געווען כמעט גלייך מיט'ן וועלט־יידנטום, אויב מען זאָל ניט רעכענען די ספרדישע און אַראַבישע יידן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געשפּילט גאָר אַ קנאַפּע ראָלע אין לעבן פון יידישן פאָלק אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט. אין פּוילן פון ערב דער ערשטער צעטיילונג (1772) האָבן געלעבט אַרום 70 פּראָצענט פונ'ם וועלט־יידנטום, און מער פון 80 פּראָצענט פונ'ם אשכנזישן יידנטום, פון דעם דאָזיקן, הויפּט, אויב נישט איינציקן, טרעגער פונ'ם היסטאָרישן נאַציאָנאַלן המשך פון יידישן פאָלק.

„אַלע אויסגעוואַקסענע אין די לעצטע 150 יאָר גרויסע און קליינע ישובים, הן אין אייראָפּע גופא און הן אין אַלע אַנדערע עקן וועלט, זענען ביאָלאָגיש און קולטורעל, צווייגן פונ'ם פּויליש־יידישן בוים — פונ'ם איינציקן גלות־בוים וואָס האָט געזויגן יניקה פון איין און דעם זעלבן באָדן אין משך פון אַזאַ לאַנגער און נישט־אונטערבראָכענער תקופה, כמעט אין משך פון צ ע ן יאָרהונדערטער!"

„די געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן — שרייבט ער — האָט ניט קיין פאַרגלייך אין קיין לאַנד. זייענדיק אַ מינדערהייט אין לאַנד, האָבן יידן אינ'ם רוב שטעט און שטעטלעך געבילדעט אַ מ ע ר ה י י ט. אין געוויסע האַנדלס־מאַרקן — גאַנצע הונדערט פּראָצענט . . . "

„אין קיין שום לאַנד — קאָנסטאַטירט ער דעם פאַקט — האָבן יידן זיך נישט אַזוי געדיכט, אַזוי קאָמפּאַקט קאָנצענטרירט, אַזוי זיך צוזאַמענגענומען און געטוליעט איינער צום אַנדערן און זיך אַזוי פּריוויליק געטאָזירט . . . ווי אין פּוילן"[8].

און אויפ'ן סמך פון סטאַטיסטישע פיגורן און געשיכטע פון סאָציאָלאָגישן שטאַנד, באַווייזט לעשצינסקי, אַז ביז'ן צווייטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, האָבן כמעט אַלע יידן אין פּוילן, זיך פאַרנומען מיט האַנדל[9], און אַז דאָס איז געווען דער פאַל אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, לאַטוויע און אַנדערע מזרח־אייראָפּייאישע מדינות. ער גיט אָן סיבות פאַר אָט דעם מצב.

ערשט אינ'ם צווייטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, האָט זיך פאַרמערט דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער האַנטווערקער, די קליין־אינדוסטריע; בעת דער

גרעסטער טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג איז געווען באַשעפטיקט מיט גרויס און שווער אינדוסטריע.

די יידישע גרויס-בורזשואַזיע האָט אין פוילן געשאַפן די ערשטע בענק, געבויט די ערשטע באַנען, פאַרבונדן דעם פוילישן מאַרק מיט'ן אינטערנאַציאָנאַלן. זי איז אָבער אָפּגעריסן געוואָרן פונ'ם יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, סאָציאַל-קולטורעל אַריינגעוואַקסן אין דער אָרטיקער סביבה . . . זיך אַסימילירט אין דער לאַנד-שפּראַך . . . און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אַסימילאַציע-פּראָצעס . . .

אין פוילן — די שטאַרקסטע פעסטונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטן, וואו יידישער לעבנס-שטייגער האָט געהערשט אויף הונדערט פּראָצענט — דאָרט האָט מען געקענט זען דעם פּרצוף-פּנים פון דער יידישער עקאָנאָמיע אין גלות; דעם פּאַרנעם פון יידישן פּראָלעטאַריער און די אויסזיכטן פאַר דער יידישער בורזשואַזיע.

ווען נאָר יידן זענען צוגעלאָזן געוואָרן צו פּרנסה-צווייגן, זענען זיי געווען אויף די אוואַנסיר פּאָזיציעס, און אַזוי אַרום איבערגעבויט און איבערגעאַנדערשט דאָס פּוילישע לעבן און די פּוילישע ווירטשאַפט.

יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּרנסות.

הירש אַבראַמאָוויטש, באַשרייבט אָט די „פאַרשוואונדענע יידישע פּרנסות" אין ליטע, אָנהייבנדיק מיט פישעריי[10] באַקלאָגנדיק זיך, אַז אונטער דער נייער פוילן, וואָס האָט איינגעשלאָסן ווילנער געגנט, גייען אוועק רייען יידישע פּרנסות, פון וועלכע ס'האָבן געצויגן חיונה טויזנטער יידישע פאַמיליעס — און ער באַשרייבט אַ ציקל באַשעפטיקונגען, דערעיקר ביי דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג (ישובניקעס) און ער גיט אָן אַ רשימה פון אָט די פאָלגנדיקע פּרנסה-צווייגן: פישעריי, פאַכטעריי, אַרענדעריי, שענקעריי (קרעטשמעס), שינדל-מאַכעריי, וויינעריי . . . , שמידעריי, שוסטעריי, סעדעריי און אַ גאַנצע ריי יידישע באַשעפטיקונגען און דאָרפישע מלאָכות.

ער באַקענט אונז מיט די איינצלהייטן פון דעם אייגנטלעכן פיש-פאַנג אַלס אינדוסטריע און האַנדל — און אַז סוף-כל-סוף איז עס געווען אַ פּראָפעסיע פון אביונים און ניט אומזיסט האָט זיך געזאָגט, אַז „פישער שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים" . . .

אינטערעסאַנט איז, זיין באַהויפּטונג, אַז „די יידישע פישער-אַרבעטער זענען געווען מערסטנטיילס גאָטספאָרכטיקע מענטשן. יעדער פישער האָט געהאַט ביי זיך טלית און תפילין און אין דער פרי, ווען מען פלעגט פאַרוואָרפן דעם נעץ און צופאָרן צום ברעג . . . פלעגן די יידישע פישער אַרויסגיין און דאַוונען שטייענדיק אונטער אַ בוים. די איבעריקע פישער גויים האָבן זיך באַצויגן מיט יראת-הכבוד צום דאַוונען פון זייערע חברים . . ."

„די אַרבעט — שרייבט ער — פֿאָדערט גרויסע פּיזישע כּוחות. זי מוז אויסגעפֿירט ווערן ביי יעדן וועטער, אַפילו אין שטורעמס, גוס־רעגנס און די גרעסטע קעלטן. די יידן־פֿישער זענען אָבער קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען פֿון זייערע קריסטלעכע חברים . . . „

ער שילדערט גענוי די אַרבעט, די מלאָכה, וויאַזוי און אונטער וואָסערע תּנאָים זענען אַרענדירט געוואָרן די אָזיערעס און די שוועריקייטן פֿאַר יידן צו אַרענדירן רעגירונגס־אָזיערעס, אַז זיי „מוזן קומען מיט „אונטערגעשטעלטע" גויים אויף וועמעס נאָמען מען האָט דערלאַנגט „קאָנווערטן" מיטן אָנגעבאָטענעם פּרייז . . . יידן האָבן געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך צו פֿאַרזאָרגן זיך מיט פּרנסה, זיך ניט אָפּשטעלנדיק פֿאַר שוועריקייטן און פֿאַר פּיזישע אָנגעשטרענגקייט און איינגעשטעלטקייט.

די פּרנסות זענען אַרויסגעפֿאַלן פֿון יידישע הענט, ווייל די פּוילן פֿון נאָך דער ערשטער מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך די סיבּות, אַרויסצושטופּן דעם ייד פֿון זיין חיונה־קוואַל.

הירש אַבראַמאָוויטש גיט אָן אַ ריי סיבּות פֿאַר אָט דעם מצב.

„די יידישע פֿישעריי האָט אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן תּיכּף נאָך דער מלחמה (געמיינט די ערשטע מלחמה, 1914־1918 — נ. ש.). אין דער אינפֿלאַציע־צייט, ווען אַלץ איז געווען שטאַרק אַרויפֿגעשרויפֿט, זענען די אַרענדע־פּרייזן געווען שטאַרק געהעכערט. די יידישע פֿישער־אונטערנעמער זענען טאַקע בדיל הדל געוואָרן, און איינע נאָך די אַנדערע ליקווידירט זייערע אונטערנעמונגען. ס'האָבן זיך שוין באַוויזן קריסטלעכע אונטערנעמער, וועלכע ווערן אין די נייע לענדער שטאַרק פּאַוואָריזירט. אַפילו דעמאָלט, ווען זיי לייגן פֿאָר אַ סך אַ נידעריקערע אַרענדע ווי די יידן — באַקומען זיי די קאָנטראַקטן . . . „

און נאָך מער שרייבט ער:

„ . . . די העצע קעגן די יידן־אַרענדאַטאָרן סיי פֿון דער פּרעסע, סיי פֿון די באַאַמטע מאַכט אוממעגלעך צו פֿירן די פֿישעריי . . . יידישע פֿישער־אַרבעטער זענען שוין כּמעט אינגאַנצן פֿאַרשווּנדן" . . .

לעשצינסקי ווי דער היסטאָרישער סטאַטיסטיקער, אַ מחבּר פֿון אַ ווערק וועגן יידישע אַרבעטער אין פּוילן און רוסלאַנד[11] פֿירט אויס, אין זיין פֿריער דערמאָנט ווערק[12] אַז „ניט געקוקט אויף דעם אויפֿבלי־פּעריאָד אין דער נייער פּוילן פֿון נאָכ'ן קריג, האָט דער ייד, סיי דער בורזשוי און סיי דער אַרבעטער זיך געשראָקן פֿאַר'ן מאָרגנדיקן טאָג . . . געפֿינענדיק זיך אין אַ האָפֿנונגסלאָזן צושטאַנד . . . קאַנדידאַטן זיך צו וואַרפֿן פֿון פֿינפֿטן שטאָק. די עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לעבן, האָט אַ תּל געמאַכט קודם־כּל פֿון דעם יידישן אַרבעטער וועלכער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון

אַלע זיינע פּאָזיציעס, פאַרנומענע פון די פּאָליאַקן און לסוף פאַרניכטעט די יידישע בורזשואַזיע . . . די יידישע אַזוי גערופענע קאַפּיטאַליסטן . . . ״

יידן — ווייזט ער אָן — זענען קיינמאָל ניט צוגעלאָזן צו מלוכה אָדער שטאָטישע אַמטן, אפילו נישט ביי אַרבעט אין שטאָטישע אונטערנעמונגען, ניט ביים טראַמוויי, ניט ביי קאַנאַליזאַציע, ניט ביי וואַסערלייטונג, אפילו נישט ביי רייניקן די גאַסן.

און דאָ קומען מיר צו אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן שטריך: דער אונטערשייד צווישן די אַרבעטער־מאַסן ביי יידן און ביי ניט־יידן. דער פּוילישער אינדוסטריאַליסט ווי דער הויך־פּראָפעסיאָנאַל, האָט געשטאַמט פון דעם העכערן קלאַס און די אַרבעטער פון די נידעריקע שיכטן און צווישן זיי איז געשטאַנען אַ תהום, אַ פּרעמדקייט, בעת ביי יידן איז די לאַגע געווען פּונקט אַ פאַרקערטע, ניט בלויז איז ניט געווען קיין מחיצה, אַ פּסיכישע וואַנט צווישן אַרבעטער און פאַבריקאַנט, נאָר ביידע האָבן פּסיכיש און קולטורעל געהערט צו דער זעלביקער אַטמאָספערע, געשטאַמט פון די זעלביקע שיכטן, בלויז סאָציאַל ארויסגעוויזן דיפערענצירונג . . . דאָס האָט געהאַט מעלות און חסרונות. דער יידישער פאַבריקאַנט האָט ניט געוואָלט האָבן דעם יידישן אַרבעטער ביי זיך, ווייל ער וועט זיך מוזן באַציען צו אים איידעלער . . . דער יידישער אַרבעטער האָט מיט זיך אויך פאַרגעשטעלט די געפאַר פון זיך אויסלערנען און קוואַליפיצירן זיך און אַליין פּרובירן „דאָס גליק״, בעת דער ניט־יידישער אַרבעטער האָט פון אַזעלכעס ניט געטראַכט . . .

אַ העלפט פון יידישע אונטערנעמער איז אַליין געווען פּראָלעטאַריער, פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעטן ביי יענעם און דורכגעמאַכט דעם וועג צום העכסטן סאָציאַלן שטאַפּל. די פאַרהאַנדלונגען מיט זיי, סטרייקן ביי זיי, האָבן געמוזט געפירט ווערן אַנדערש ווי מיט ניט־יידישע פאַבריקאַנטן[13].

די גרויסע לאָדזשער פאַבריקאַנטן[14] למשל, ישראל פּאָזנאַנסקי, אשר קאָן, מאַרקוס זילבערשטיין א. א. האָבן געשטאַמט פון פּשוט׳ע בעל־בתישע היימען, געלערנט אין חדרים, אין בית־מדרש — און ערשט נאָכדעם גענוצט „דאָס גמרא־קעפּל״ אויף צו מאַכן געשעפטן . . .

איז דאָ ניט דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם סוף פון פּוילישן יידנטום. זיי זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן און טויט לאַגערן וואָס די ווילדסטע גערמאַנישע באַרבאַרן האָבן אויסגעטראַכט. דער קליינער איבערבלייב איז נאָכ׳ן קריג געוואָרן אַ בויער פון אַ נייעם יידישן ישוב און געוואָלט אויפסניי ווערן שעפעריש־פּראָדוקטיוו אין נידערשלעזיע וואו ס׳האָבן זיך באַוויזן יידישע טראַמוויי־אַרבעטער, קוילן־גרעבער, מעטאַל און טעקסטיל־אַרבעטער — און אין די פאַרשיידענע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון.

די „אָרט"־געזעלשאַפט האָט נאָכ'ן קריג, צוזאַמען מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן, אַ סך געהאָלפן אין דער אויסבילדונג אין אַלע צווייגן, פון דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט און אַגריקולטור, ווי אין אַלגעמיין פּראָדוקטיוו־שעפערישן לעבן — און געבראַכט אַ גרויסן וואוקס אין דער יידישער שאַפונגס־ענערגיע. זי האָט געהויבן דעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון דער שארית הפליטה, דורך העלפן זייערע פּאָזיציעס אין דער ווירטשאַפט פון דער אויפגעשטאַנענער, אויף נייע יסודות, פּוילן. ס'איז אָבער ניט געשאַפן געוואָרן קיין ישוב אין פריערדיקן פאַרנעם.

פון די אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן גאָר אַ סך ביינעטראָגן צו דערהויבן דעם יידישן אַרבעטער, דאַרפן דערמאָנט ווערן צוויי: „ י ק " א (יידישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, געגרינדעט 1906) און דער „אָרט". בעת די ערשטע, האָט זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיט קאָלאָניזאַציע און מיגראַציע, האָט זיך די צווייטע, פאַרנומען מיט פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, מיט אויסבילדן יידישע פאַכמענער, יידישע אינזשענירן, מאַשיניסטן אדג"ל.

דער „אָרט" האָט אָרגאַניזירט אפילו אַזעלכע שולן אין וועלכע מ'זאָל לערנען מעטאַליסטן, גיסעריי פון אייזן און קופּער, עלעקטראָ־מעכאַניקער, שמידעריי, האָלץ באַאַרבעטונג און מאָדעלירונג און אַרויסגעגעבן קוואַליפיצירטע אַרבעטער אויף אַלע געביטן.

און דאָ אביסל „אָרט"־געשיכטע:

דעם 10־טן אַפּריל, 1880, האָט דער קאָמיטעט, אונטערן פאָרזיץ פון ס. פּאָליאַקאָוו, אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די פאַרשיידענע קהלות. „די נויט — ווערט דאָרט צווישן אַנדערן געזאָגט — וואָס הערשט צווישן דער מאַסע פון אונזערע מיטגלויביקע, האָט דערגרייכט די לעצטע גרעניצן, און מיר זענען איבערצייגט, אַז זי קאָן געענדערט ווערן, בלויז דורך דער פאַרשפּרייטונג פון מלאָכה און ערד־אַרבעט . . . ". דער בריוו (געפינט זיך אין אָרט־אַרכיוו) איז געחתמעט פון „ס. ס. פּאָליאַקאָוו, באַראָן ה. א. גינצבורג, א. י. זאַק, מ. ראָזנטאַל, מ. פּ. פרידלאַנד"[14].

אין אַ לייט־אַרטיקל אינעם איינפלוסרייכן רוסיש־יידישן זשורנאַל „ראַזסוועט"[15] וועגן דער גרינדונג פון „אָרט", ווערט געזאָגט:

„דאָס איז ניט קיין גראָשן־שטיצע פאַר ראַדמיסטער נשרפים, נישט קיין ציטוויליקע הילף פאַר געליטענע פון אומגערעטעניש אין דעם אָדער יענעם פּונקט. דאָס אָרגאַניזירט זיך אַן אַלגעמיינע און ראַדיקאַלע הילף פאַר דער גאַנצער מאַסע רוסישע יידן. דאָס איז אַ הילף וואָס וועט האָבן אַן אייביקע היסטאָרישע באַדייטונג".

יאָ, גאָלדענע ווערטער — דעם אָרט'ס הילף איז פאַרשריבן אין דער

יידישער מאָדערנער געשיכטע אַלס רומפּול קאַפּיטל פון יידישער הילף אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

די גרינדער פון „אָרט", מיינסטנס, פאַרטרעטער פון יידישער אינטעליגענץ און געזעלשאַפטלעך־געשטימטע גבירים, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען מוז ארויסשלעפּן יידן פון לופט־פּרנסות. אין די שפּעטערע תקופות, האָבן שוין מענטשן מיט אידעאָלאָגיעס, מיינסטנס פון „בונד"־שולע און אַלגעמיינע סאָציאַליסטן גענומען אַן אַקטיוון טייל אין דער פירערשאַפט, זעענדיק אין „אָרט" אַ געזעלשאַפט וואָס פירט דורך אַ פונקציע פאַר וועלכער זיי אַגיטירן: די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע אומשיכטונג פון די יידישע מאַסן, אויסלערנען יידישע קינדער פּראָפעסיעס; לאַנדווירטשאַפט, אויף אַ מאָדערנעם שטייגער; שניידעריי, סטאָלעריי, פאַרבעריי, קירזשנעריי וכדומה צוגעפּאַסט צו דער צייט און אומשטענדן . . .

די הויפּט־פירערשאַפט איז געווען אין סאָציאַליסטישע הענט, אַזוי דירעקטאָרן און אַזוי אינסטרוקטאָרן, אָבער אויך אייניקע ציוניסטישע עסקנים האָבן גענומען אַן אנטייל אין דער ארבעט, אפילו נאָכדעם ווי אדוואָקאַט אַבראַמסאָן, איינער פון די גרינדער, האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד און אנדערע האָבן זיך אויף אייביק געזעגנט מיט די לעבעדיקע . . . געגנוג צו דערמאָנען אַזעלכע ציוניסטישע עסקנים ווי יוליוס ברוצקוס, וולאַדימיר סיאָמקין און אַנדערע.

דעם 24־טן נאָוועמבער, 1880, איז אָפיציעל פאָרגעקומען די גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „אָרט", אין רוסלאַנד.

דער שאַס פון 1־טן מערץ, 1881, ווען רעוואָלוציאָנערן האָבן דורכגעפירט דעם אַטענטאַט אויפ'ן צאַר, אַלעקסאַנדער דער דריטער איז ארויף אויפ'ן טראָן, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון שוואַרצער רעאַקציע און די געזעלשאַפט פאַר פּראָדוקטיוויזירונג איז ניט צושטאַנד געקומען.

ערשט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך דער גרינדונג, האָט דער „אָרט" באַקומען די מעגלעכקייטן אָנצופאַנגען זיינע טעטיקייטן און ארויסגעקומען מיט אַ קלאָרן פּראָגראַם: 1. דערהויבן דעם טעכנישן מצב פון יידישע האַנטווערקער און לאַנדווירטן; 2. פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער יידישער האַרוואַניע; 3. העלפן אנטוויקלען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונגען און 4. אויספאָרשן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די יידישע מאַסן און זען ווי אַמבעסטן העלפן דער איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג.

אין 1917, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז געקומען אַ סוף צו די טעטיקייטן פון „אָרט" אין רוסלאַנד (די ראַטן־מאַכט האָט איבערגענומען אַלע פונקציעס פון סאָציאַלער הילף). מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער „אָרט" אָנגעהויבן זיינע טעטיקייטן אין אנדערע אייראָפּייאישע לענדער, בעיקר מזרח־אייראָפּע, ליטע אא"וו און די גרעסטע שטיצע באַקומען פון אַמעריקע.

אין אויגוסט, 1921, איז געשאַפן געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד „אָרט", און זיין גרעסטע טעטיקייט איז געווען אין נאָכ'מלחמה'דיקן פוילן. די גרינדער האָבן זיך, ווי געזאָגט, געשטעלט פאַר זייער ציל צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן, צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד־אַרבעט צווישן יידן.

דער „אָרט" האָט אַזוי אַרום אַ טראַדיציע פון צענדליקער יאָרן אינטענסיווע טעטיקייטן. אפילו אינם איצטיקן פוילן, האָט דער „אָרט" אַ פאַרצווייגטע שולונג מיט אינסטרוקטאָרן פאַר די פּראָפעסיאָנעלע און טעכנישע לימודים. די פּוילישע רעגירונג ווייזט אַרויס אַ גרויסן אינטערעס צו דער „אָרט"־פאַך שולונג אין לאָדזש, וורָאָצלאַוו (ברעסלאַו), קראָקע, שטשעטשין א.א.

אַ סטאַטיסטישער דאָקומענט פון דער פאַרוואַלטונג פון יאָר 1949, ווייזט אָן, אַז 2135 שילער האָבן זיך דאַן געלערנט אין די „אָרט"־שולן אין די דערמאָנטע שטעט.

דער „אָרט" אין פּוילן האָט נאָכ'ן קריג, אָן ספק, אַ סך געהאָלפן דעם פּראָצעס פון איבערשיכטונג — צו פאַרוואַנדלען דעם געבטיקן לופט־מענטש אין אַ פּראָ־דוקטיוון און נוצלעכן מענטש פאַר דער געזעלשאַפט.

געראַטעוועטע פון גיהנום האָבן געקראָגן מעגלעכקייטן זיך צו לערנען: ערד־אַרבעט, בינען־צוכט, אַלגעמיינע אַגריקולטור, לעדער־גאַלאַנטעריע, צאָן־טעכניקער, וועבעריי, שניידעריי, וועש־נייטאָרעריי, שלאָסעריי, עלעקטראָ־ ראַדיאָ, מעכאַנישע און טעכנישע שולונג.

היינט צו טאָג ווערט כמעט דער גרעסטער טייל פון „אָרט'ס" בודזשעט אויס־געגעבן אין ישראל און אין אַלע קרייזן פון דער מדינה אָנערקענט מען איצט די ראָלע פון „אָרט" אין לאַנד. 100 פאַך אויסבילדונג־אינסטיטוציעס אין וועלכע עס לערנען זיך אַרום 10 טויזנט תּלמידים, ווערן אָנגעפירט פון „אָרט" און די צאָל איז פיר מאָל אַזוי גרויס איבער דער וועלט, אַריינגערעכנט מערב־אייראָפּע און די אַפריקאַניש־אַזיאַטישע לענדער, וואו נאָר עס געפינען זיך יידן און וואו מען דערלויבט זיין טעטיקייט.

דער „אָרט" האָט געוויזן מיט מעשים, אַז קאַרל מאַרקס איז ווייט ניט גערעכט געווען מיט זיין באַהויפּטונג, אַז יידן זיינען אַ פאָלק פון הענדלער, אַ סאָציאַלע קאַסטע פון קרעמער מענטשן.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין חקירה וועגן מלאכה ביי יידן אין ארץ ישראל און אין תּפוצות ישראל. דאָס וואָלט געפירט צו ווייט, אַריבער דעם תּחום פון אונזער אַרבעט.

מרדכי קאָסאָווער באַקענט אונז מיט גאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן חברות און אַרבעטער קרייזן אין ארץ ישראל, אַ סך פריער פאַר דער „הסתדרות". ער באַזירט דאָס אויף מקורותדיקע און אויטענטישע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס איז אים געלונגען אויפצוקלייבן בעת זיין וואוינען אין ארץ ישראל. ער גיט

דערביי פּרטים וועגן שוין דאַן געמאַכטע פּלענער צו פּראָדוקטיוויזירן דעם ישוב, אויך די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע אין ירושלים, אין יפו און אין די אַרומיקע קאָלאָניעס.

די ערשטע חברה פון די אשכנזישע בעלי מלאכות איז געווען די „חברת פּועלי צדק", געגרינדעט אין די זיבעציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט. עס זיינען שוין דאַן געווען 362 אשכנזישע בעלי מלאכות פאַמיליעס, געקומענע פון רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַלערליי מלאכות.[16] אויסער זיי, זיינען אויך געווען אַן ערך 215 פאַמיליעס פּשוטע אַרבעטער, דער אָרימסטער שיכט אין לאַנד.

פון די הויפּט מלאכות איז געווען די אויסגעאַרבעטע כּלים פון אייזן־האַלץ. אָרגאַניזירט די דאָזיקע בעלי מלאכות האָט יחיאל מיכל פּינעס (געב. ראָזשינוי, גראָדנער גובערניע אין יאָר תר"ד—1842; געשטאָרבן אין יפו און באַערדיקט אין ירושלים, תרע"ג—1912).

יחיאל מיכל פּינעס איז צוליב זיין פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער שטאַרק גערודפט געוואָרן פון די קנאים און פאַנאַטיקער. ער האָט זיך אָבער גאָרנישט ניט אָפּגעשראָקן פון זיי. ער האָט געהאַט אויף זיין צד די אָנהענגער פון רבי שמואל סאַלאַנטער, וועמען ער האָט פאַרערט און באַטראַכט פאַר דער גרויסער עטישער פּערזענלעכקייט פון דור.[17]

זיין חברה האָט ער נאָמען געגעבן „החרש והמסגר", מיטן ציל צו פאַרברייטערן די מלאכה פון אייזן־און־האָלץ אויסאַרבעטונג און עס פאַרשפּרייטן אין אייראָפּע און אַמעריקע.

ימ"פּ האָט אויך צווישן אַנדערע אַקטיוויטעטן, אָרגאַניזירט שולן, אַגריקולטור־אונטערנעמונגען און פאַרשיידענע נויטיקע אויסאַרבעטונגען ווי פּעל, זייף, שינדלען־פאַבריק אאַ"וו.

ווי קאָסאָווער גיט איבער, האָט די יידישע מלאכה געהאַט הילף ביים אָרגאַניזירן זיך, ניט בלויז פון פּינעס'ן, נאָר אויך געהאַט געזעלשאַפטלעכע הילף פון דער יידיש־פראַנצויזישער אַלאַיאַנס (חברת כּל ישראל חברים, געגרינדעט אין 1860); פון דער „ענגליש־יידישער אַסאָסיאַציע" (געגרינדעט אין לאָנדאָן אין יאָר 1871) און פון דער „ווינער איזראַעליטישע אַליאַנץ" (געגרינדעט מיט צוויי יאָר שפּעטער).

אין יאָר 1882, האָט די „אַלאַיאַנס" געעפנט אויף איר חשבון אַ האַנטווערקער־שול אונטער דער אָנפירונג פון נסים בכּר. די שולע האָט געהאַט זעקס וואַרשטאַטן פאַר קונסט־סטאָלעריי, שמידעריי, טאָקעריי, שוסטעריי און שניידעריי.[18] זיי האָבן אויך באַקומען אונטערשטיצונג, תמיכה מצד אויסלענדישע כּוללים און קאָמיטעטן.

אין מאַי, 1900, איז געגרינדעט געוואָרן אַ האַנטווערקער פאַרבאַנד „פּעולה", צו העלפן בעלי מלאכות בלייבן און זיך דערנערן אין לאַנד. דער דאָזיקער פאַרבאַנד

האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור צום ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, מיט אַ דין וחשבון און תקנות פון דער אָרגאַניזאַציע. איינס פון די צילן איז געווען: צו פאַר־בעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די בעלי מלאכות[19], אַרבעטער און קאָלאָניסטן, אויסבעסערן דעם מעמד פון מלאכה און אַרבעט — און זיך שיצן קעגן דער אכזריותדיקער עקספּלואַטאַציע.

די יפוער „פּעולה", געגרינדעט 26 יאָר נאָך דער ירושלימער חברה „פּועלי צדק", איז געגאַנגען אַ סך ווייטער אין אירע צילן. אין איר באַריכט, געפינען מיר שוין, די אָרגאַניזירונג פון אַ פאַרמיטלונגס־קאָמיטעט צווישן אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער.

אין 1906, איז אין ירושלים געגרינדעט געוואָרן נאָך אַן אַרבעטער־פאַריין, מיטן נאָמען „יגיעי כפּים", וועלכער האָט זיך אפילו פאַרנומען (אין 1908) מיט אויפבויען אַן אייגענעם קוואַרטאַל אין ירושלים און ווי מ. קאַסאָוואַר גיט איבער[20], האָבן זיך דאַן אין לאַנד געפונען אַן איבערוועגנדיקע צאָל בעלי מלאכות און אַ סך זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, צוליב אַרבעטלאָזיקייט.

די סטאַטוטן פוןביידע חברות זיינען, לויטן דעמאָלטדיקן שטייגער, כמעט די זעלביקע און געשריבן אין זעלביקן נוסח. פאַרוואָס עס זיינען געשאַפן צוויי חב־רות: די ירושלימער „פּעולה" און די יפוער „יגיעי כפּים", בלייבט אומפאַרענט־פערט. ווי זיי אַליין דריקן זיך אויס, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז נאָר פאַראייניקטער־הייט קען עפּעס געטאָן ווערן דורך „גאַראַנטיע פונם כלל צום פּרט און פונם פּרט צום כלל"[21].

אין די תקנות פון דער ירושלימער „יגיעי כפּים", זיינען צוגעקומען נאָך צוויי: וועגן גרינדן אַ ליי־קאַסע און וועגן הייזער פאַר אָרעמע בעלי מלאכות.

ק. שטעלט זיך אָפּ אויף אָט דעם גאָר אינטערעסאַנטן פאַקט — דעם צדקה־כאַראַקטער וואָס איז געווען אַזוי פאַרשטענדלעך פאַר דעם ירושלים פאַרבאַנד און אַזוי פרעמד דעם יפוער האַנטווערקער פאַרבאַנד. „אָט דער צדקה טאָן — שרייבט ער — ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן אין דער תקנה דורך דעם פּונקט וואָס זאָגט, אַז דער נאָמען פון דעם געווינער פון אַזאַ הויז (געבויט פון אַ לאָטעריע־הכנסה—נ.ש.), וואָס ווערט פאַרשריבן ווי הקדש פאַר'ן פאַריין, וועט אויסגעקריצט ווערן אויף אַ מירמלשטיין אלס מנדב פון דעם הויז און וועט פאַרעוויגט ווערן. דערצו נאָך איז דער פאַריין מחייב דעם איינוואוינער וואָס האָט זוכה בגורל געווען אַזאַ הויז, אַז ער זאָל גאָט פאַר דעם וואהל פון דעם מנדב און זיין גאַנצע פאַמיליע זיין לעבין לאַנג [בעטן], און נאָך זיין אָבלעבין זאָל ער לערנען משניות לעילוי נשמתו און זאָל דאַווענען פאַר'ן עמוד דעם גאַנצין ערשטין יאָהר"[22].

ד. בן גוריון, אין זיין גרעסערן מאמר וועגן די פאָרלויפער פון דער הסתדרות[23] האַלט, אַז מיט דער גרינדונג פון דער „אגודת הפועלים" אין 1886, פאַנגט זיך אָן די

תקופה פון צוגרייטן דעם באָדן פאַר יידישער ארבעט און אָרגאַניזירטער יידישער ארבעטערשאַפט.

ער דערמאָנט אויך דעם פאַקט, אַז „א גרויסע צאָל פון די ערשטע חובבי ציון, ווי הרב צבי הירש קאַלישער, זאב יעב"ץ, מרדכי עליאַסבערג, י. ל. פּינסקער און אַנדערע האָבן טיף געגלויבט, אַז ערד־ארבעט, פיזישע ארבעט, איבערבוי פון אונזער עקאָנאָמישער סטרוקטור דאַרפן זיין די יסודות פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג".

בן גוריון שרייבט ווייטער:

„אין זיין דערעפענונגס־רעדע אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די „חובבי ציון" (אין קאַטאָוויץ, י"ח חשון, תרמ"ה) האָט פּינסקער געזאָגט: „די שרעקלעכע לאַגע פון יידישן פאָלק וועט זיך ניט ענדערן צום גוטן, כל־זמן עס וועט ניט פאָר־קומען א שינוי־מקום און א שינוי אין לעבנס־שטייגער, וואָס וועט געבויט ווערן אויפן יסוד פון ארבעט און מלאכה . . . "

וועגן יידישער באַטייליקונג אין מסחר און ארבעט אין איטאַליע, האָט ווי פריער דערמאָנט, געשריבן מ. א. שולוואַס, באַזונדערס אין זיין לעצט ווערק „בצבת הדורות"[24].

נאָך לעצטנס, האָט ער אין זיין שטודיע וועגן די תימנער יידן[25], זייער קולטור און לעבנס שטייגער, אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז זיי האָבן זיך אויסשליסלעך פאַרנומען מיט מלאכה און כל מיני האַנטווערקערײַ—אָבער ווי געזאָגט, דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון אונזער ארבעט.

הערות

א.

1. פולער נאָמען: „אַלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד".
2. זע: ז. שייקאָווסקי, ייוו"א־זאַמלבוך· „יידן אין פראַנקרייך"; יוסף מילנער, „יידן אין פראַנקרייך", פּאַריז, 1953.
3. זע, ע. רינגעלבלום, קאַפּיטלען געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן, צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1953, ז"ז 107־63.
4. זע, ב. מאַרק, „דער יידישער אַנטייל אין דער פּאָווסטאַניע פון 1863", דאָס נייע לעבן, וואַרשע, נום. 10 (291); נום. 11 (192). וועגן דעם יידישן אַנטייל אינעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד פון 1831 איז באַזונדערס וויכטיק די אָפּהאַנדלונג פון י. טרונק אין „דאָס נייע לעבן", נום. 101־103 (172־270).
5. דאָס שטעטל קאָצק ליגט אַרום 75 קילאָמעטער ווייט פון לובלין, פוילן און איז באַרימט מיט דער רבישער דינאַסטיע פון ר' מענדעלע קאָצקער. אויפן אָרט, וואו ב. י. איז געפאַלן אַרום 4 קילאָמעטער הינטער קאָצק, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מאָנומענט אין זיין אָנדענק. וועגן יאָסעלעוויטשן איז שוין פאַראַן א היפּש־רייכע ליטעראַטור, צווישן וועלכער עס געפינט זיך אויך א בראָשור פון פּראָפ. ע. לונינסקי אין פּויליש און אין יידיש).
6. זע, אַנציקלופּדיה של גליות, וארשה, כרך ראשון, העורך, יצחק גרינבוים, ז"ז 29־32, באַזונדערס ד. פלינקער'ס מאמרים וועגן וואַרשעווער רבנים.
7. דאָרט, ז"ז 37, 39, 41, 77, 122, 298־299.
   זע אויך, ספר קראקא, הוצ' מוסד הרב קוק, תשי"ט וועגן הרב מייזלס און אַנד.
8. אין יידיש — משה און שאול פערדמאַן, מיט אַן אַריינפיר וואָרט און צוגאָבן פון ח. ש. קאַזדאַן, פאַרלאַג שלמה מענדעלסאָן, מעקסיקע 1959.
9. דאָרט, אַריינפיר, ז"ז 15־17.

10. זע, צוקונפט, יוני, 1938. זע אויך, סאָפיע דובנאָוו־ערליך, דאָס לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו, ז"ז 182־291.
11. „פאָרווערטס", זונטיק, דעם 7־טן אַפּריל, 1957, געוואוינט מיט אַ קריסטלעכער פרוי, געהאַט קריסטלעכע קינדער, דערצויגן ווי מישלינגען.
זע אויך, דר. א. מוקדוני, אויסלאַנד, אַרויסג. פאַרבאַנד פוילישע יידן, אַרגענטינע, ז"ז 139־150, וואו ער שילדערט די שניידנדיקע קאָנטראַסטן אין זשיטלאָווסקי'ס לעבן און טראַכטן און ווי ער האָט געביטן זיינע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס. ער דערציילט צוו"א: „זיין (זש.—נ.ש.) קריסטלעכע פרוי האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן פאַר סטודענטן און פּאָליטישע עמיגראַנטן, און פון דעם האָט זיך די פאַמיליע, פון מאַן, פרוי און פינף קינדער דערנערט . . . "
12. וועגן אים און זיינע טעאָריעס: חיים ליבערמאַן — שדים אין מאָסקווע (1937); דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער (1937); דר. חיים זשיטלאָווסקי און זיינע פּאַרטיידיקער (1944); יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי (1944); דר. חיים זשיטלאָווסקי און אַב. קאַהאַן (ניטאָ יאָר וועגן אַרויסג.); א. אלמי, „חשבון און סך־הכל" (1959), ז"ז 124־315; און נאָך און נאָך, וועמענס צאָל איז אוממעגלעך אויסצורעכענען. ..
זע אויך, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — געקליבענע ווערק — צוזאַמענגעשטעלט פון יודל מאַרק, ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1955 — 419 זייטן.
13. „יידישער קעמפער", ראש השנה תשי"ז.
14. פאַרעפנטלעכט אין זיין „דאָס נייע לעבן"; אַריין אין 4־טן באַנד פון זיינע שריפטן, אַרויסגעגעבן פון ניו־יאָרקער יובילײ־אויסגאַבע, ז"ז 6־95.
15. זע, בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום (1897־1905); ח. ש. קאַזדאַן, שמעון דובנאָוו און די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, „צוקונפט", יולי־אויגוסט, 1955, ז"ז 247.

ב.

1. אַזוי אינעם אָפיציעלן יידיש־קאָמוניסטישן אָרגאַן אין הייַנטיקן פוילן: „די פאָלקס־שטימע" (נומ. 156 (812)) ז"ז 5־6 און אַזוי אין די „בלעטער פאַר געשיכטע" וואָס ער האָט רעדאַקטירט.
2. זע דאָרט, באריכות —די יידישע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָקלאַמאַציע איז פון ב. מאַרק.
3. זע אויך, ב. מאַרק „דער אַנטייל פון דער באַפעלקערונג אינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד פון 1794", פאָלקס־שטימע, נומ' 68 (930) ז"ז 5־6.
4. זע „חיים זשיטלאָווסקי, געזאַמלטע שריפטן", באַנד 5, ניו יאָרק, 1917. מיר גיבן דאָ די פאָלקס־טימלעכע איבערזעצונג פון רבקה רויזנבלאַט־רובין, „יידישע קולטור" (פעברואַר 1951, ז"ז 40־42), אויסקלייבנדיק די סטראָפן 2, 5 און 10.
5. געגנוג אַ בליק צו טאָן אין ס. פאָנער'ס אַרבעט „יידן אין אַמעריקאַנער געשיכטע", באַזונדערס דאָס קאַפּיטל „יידן אין די אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג", אין וועלכן ער באַווייזט, אַז מערסטע פון די 200 טויזנט יידן אין אַמעריקע ,אין צייט פון לינקאָלן, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אויף דער זייט פון דער יוניאָן־אַרמיי קעגן די שקלאַפן־אויטאָקראַטן פון די דרום־שטאַטן.
6. „פאָרווערטס", יוני 26, 1952.
7. געלעבט אין איטאַליע אַלס דאָקטאָר אין 16־טן יאָרהונדערט און איז באַוואוסט אַ דאַנק זיין ספר „עמק הבכא".
8. זע, „יידן אין דער טשעכישער רעוואָלוציע פון 15־טן יאָרהונדערט", „ייוואָ־בלעטער", באַנד 3, סעפּט־אָקט., 1942, ז"ז 54־86.
9. דאָרט, ז"ז 56־57. אין דעם פנקס ועד ד' ארצות, פון ישראל היילפּערן, לויט אייניקע תקנות, ווייזט זיך אַרויס, אַז יידן האָבן גענומט אָנגענומען געוויסע רעגעלן בנוגע הלוואות בכדי ניט אַרויס־צורופן וועלכע ניט איז שנאה מצד דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.
10. צונקונפט, יוני 1944, ז"ז 360־368. ער דערמאָנט דאָרט די ערשטע אַקטיווע יידן־טעראָריסטן: סאָלאָמאָן וויטנבערג, אַ זון פון אַ יידישן בעל מלאכה אין ניקאָלאַיעוו. אויפגעהאָנגען אין 1879־טן יאָר; אהרן גאָבעט — אַ ווילנער — אויך אומגעקומען אויף דער תליה.
11. דאָרט, ז. 363.

ג.

1. זע, פּראָפ. זעליג פּערלמאַן, „יידיש־אַמעריקאַנער יוניאָניזם", צוקונפט, דעצ. 1955.
2. זען, מ. הילקוויט, די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צווייטער באַנד.
3. זע, דר. ל. פרידמאַן, ליט. בלעטער, וואַרשע 1929, נומ. 39.
4. אידישע שאָפּ־אַרבעטער און די אידישע „ווייסע־קאָלנער" אַרבעטער אין אַמעריקע — צוקונפט, נאָוועמבער, 1937, ז"ז 641־644.

5. ווי דזשאַרדזש קאַהען אין זיין בוך „דהי דזשוס אין דהי מעיקינג אָוו אַמעריקאַ", מאַרים פּישבערג אין זיין בוך „דהי דזשוס".
6. ארויסג. דורכן צענט.־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1947.
7. אַריינפיר, ז' 17.
8. דאַרט, ז"ז 8; 22־24.
9. ז"ז 25־29.
10. זע, „פון נאָענטן עבר", קולטור־היסטאָרישער דריי־חדשים זשורנאַל, אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט, פאַרלאַג „ליט.־בלעטער", וואַרשע, 1937, ז"ז 45־51.
11. אויך בוך וועגן סאָוועטישן יידנטום (1941), ווערק וועלכע פאַרנעמען א גאַר וויכטיקע פּאָזיציע אין דער יידיש־עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער פאָרשונג.
12. אויפן ראַנד פון אַפּגרונט, ז"ז 86, 124־127, 151־165.
13. דאַרט, ז"ז 218־232.
14. וואַרשע, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט געציילט 32.5 פּראָצענט, האָט געהאַט יידן צווישן שטאַטישע אַרבעטער און באַאַמטנטום בלויז 3.0 פּראָצענט; לובלין, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט געציילט 34.0 פּראָצענט, האָט געהאַט בלויז 2.6 פּראָצענט יידישע אַרבעטער.
וועגן דער געשיכטע פון יידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן, זען: י. שיפּער, עמנואל רינגעלבלום און מאיר הלוי — זייערע איבערגעדרוקטע אַרבעטן, דערשינען אין „בלעטער פאַר געשיכטע", רעד. ב. מאַרק, וואַרשע, באַנד 11, 1958.
ס'איז אויך וויכטיק זיך צו באַקענען מיט די שטודיעס פון אפרים קופּפער, שטריכן צו השכלה . . . „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 3, ה' 3־4; א. רעכטמאַן, יידישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, ז"ז 197, 200, 212.
וועגן בעלי מלאכה און אָרעמשאַפט אין פּוילן: רפאל מאַהלער, „יידן אין אַמאָליקן פּוילן, אין ליכט פון ציפערן (די דעמאָגראַפישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידן אין קרוין־פּוילן אין 18־טן יאָרהונדערט), פאַרל. „יידיש בוך", וואַרשע, 1958 — א גאַר וויכטיקע און אויטענטישע שטודיע; אפרים קופּפער, אין „בלעטער פאַר געשיכטע", ייד. היסט. אינסטיטוט ביים צ"ק פון יידן אין פּוילן, יאַנ.־דעצ., 1949 (דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אַרב. באַוועגונג ביי יידן אין פּוילן). אינטערעסאַנט זיינען אויך די בייטראַגן צו אָט דער דאָזיקער פאָרשונג, מצד א צאָל אַרבעטן אין די קהלות־פּנקסים, דערשינען נאָך חורבן אייראָפּע.
15. אין זייער רוף, האָבן די איניציאַטאָרן געלאָזט וויסן דער רוסישער עפנטלעכקייט אין א ראַזוועסט פון 3־טן יולי, 1880, אין יידישער איבערזעצונג („אָרט"־ידיעות, 1930), אַז די געזעלשאַפט איז אויסן דערמיט צו אָרגאַניזירן: „אַן אַלגעמיינע און ראַדיקאַלע הילף פאַר דער גאַנצער מאַסע יידן — דאָס איז א הילף, וואָס וועט האָבן אַן אייביקע היסטאָרישע באַדייטונג".
16. אין זיין וויכטיקער שטודיע וועגן „יידישע בעלי מלאכות אין ארץ ישראל פון סוף 19־טן יאָרהונדערט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה". די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט, האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין די ייוואָ"א־בלעטער: ב. 13, 1938, נומ. 1־2, ז"ז 7־28; ב' 14, 1939, נומ' 1־2, ז"ז 90־103 און נומ' 5, ז"ז 405־424; ב' 18, 1941, נומ' 2, ז"ז 192־202; ב' 21, 1943, נומ' 3, ז"ז 276־301.
17. זע, ב' 21, ז"ז 277־278, באַזירט אויף א קאָרעספּאָנדענץ פון
A. M. Luncz, The Jews in Jerusalem "The Ashkenazim", Jewish Chronicle, April 18, 1879.
18. זע, הרב י. ל. הכהן פישמאַן (מימון), שרי המאה, כרך ב' ירושלים, תש"ג, פרק ל"ג; גאולה בת יהודה, רבי יחיאל מיכל פינעס, ירושלים תש"ד, ז"ז 29־34.
19. קאַסאָווער, דאַרט, ז"ז 283־290, מקורים, טאַבעלעס און סטאַטיסטיק.
20. דאָרטן, ז"ז 291־293, דער שער פון דער בראשור, וואָס האָט די תקנות און דעם דין וחשבון ציטירט פון זייער „שטאַטוטען־בוך" (יידיש) אין ספר התכנית אשר לאגדת יגיעי כפים (העברייאיש)— זע, דאַרט, ז' 301.
21. דאַרט, ז"ז 291־293 דער שער פון דער בראשור, וואָס האַלט די תקנות און דעם דין וחשבון איז: „אגדת האמנים והחרשים „פעולה", אשר ביפו על חוף ים הגדול בארץ ישראל, בשנת אתתל"ב לגלותנו (1902)", בדפוס „ההשקפה" (ירושלים).
22. דאַרט, ז"ז 297־301.
23. זע, „א פערטל יאָרהונדערט הסתדרות", הסתדרות־בוך, ז"ז 21־25; נ. סאָקאָלאָוו, פערזענלעכקייטן, בוענאָס־איירעס, 1948, ז"ז 211־201.
24. תל־אביב־ירושלים, תש"ד, ז"ז 36־37; 192־195; 307־320.
25. געהאַלטן רעפעראַט אד"ט „די תימנער יידן, זייער אָפּשטאַם און זייער קולטור" ביי אונז אין טאָראָנטאָ, דעם 25־טן דעצעמבער, 1960.

קאַפּיטל זיבן־און־צוואַנציק

אָנהויב פון בונד

אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן דעם יידישן אנטייל אין דער אלגעמיינער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין מזרח ווי אין מערב אייראָפּע און ניט ווייניקער וועגן דעם יידישן אנטייל אין די אמעריקאנישע ארבעטער פּארטייען. געשריבן האָבן רעכטע, לינקע און עקסטרעם־לינקע; אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען וועגן דעם געשריבן[1]. גאָר ווייניק האָבן אָבער געפּאָרשט אָביעקטיוו, און אויסגעטייטשט פאַקטן אויף אַן אָביעקטיוון אופן. איינער פון די וואָס פאָרשן אָביעקטיוו און זייער מיינונג איז באַזירט אויף פאַקטן, איז אברהם מענעס, וועלכער האָט דורך אומציייליקע ארבעטן ארויסגעהויבן די ערב־בונד עפּאָכע, די „בונד" און נאָך־„בונד" עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער און סאָציאַליסטישער באוועגונג[2].

א. די נאָך־ליבערמאַן תקופה. — אויפברויז אינעם יידישן לעבן. — פאַרשיידענע לאָזונגען און לייזונגען.

דער אָנהויב פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג, די סאָציאַליסטישע באוועגונג ביי יידן, האָט הינטער זיך א פארגאַנגענהייט פון ארום ניינציק יאָר. אָנהויב די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, טרעפן מיר אין ווילנע — ווי א. מענעס ווייזט אָן — די ערשטע פּיאָנערן פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע ביי יידן, צווישן וועלכע מיר באגעגענען א. זונדעלעוויטש (דער שפּעטער בארימט־געוואָרענער טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג) און אהרן שמואל ליבערמאַן, גרינדער און פירער פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „אגודת הסוציאליסתים העברים בלונדון" און רעדאַקטאָר פון ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן אָרגאַן „האמת".

יאָרן לאַנג האָט א. ליבערמאַן, דער פאָטער פון יידישן סאָציאַליזם, געלעבט נע ונד און געשמאַכט אין די תפיסות צוליב זיין פארשפּרייטן סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס. געבוירן אין קליינעם שטעטעלע לונע (אין די יאָרן צווישן 1842־1844), דערצויגן אין סואוואלק און ווילנע, אליין א פארברענטער משכיל, האָט ער נאָך גאָר יונג אויפגעגעבן לומדות, רבנות־קאַריערע און זיך פאַרנומען מיט פארשפּרייטן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע אידייען[3]. צוליב די שטענדיקע ארעסטן מצד דער צארישער מאַכט, איז ער אוועק קיין לאָנדאָן (אין יאָר 1876) און דאָרט, צווישן די יידישע מאַסן, פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. ער האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע א.נ. „אל שלומי בחורי ישראל"[4]. זיין חבר זונדעלעוויטש איז געכאַפּט געוואָרן אין

ווילנע, איז פארשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואו ער האָט זיך דרייסיק יאָר אָפּגע־פּייניקט אין די טורמעס. אין לאָנדאָן איז ער געשטאַנען נאָענט צו לאַווראָוו׳ן און זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען אין זיין סאָציאַליסטישן אָרגאַן „ופּעריאָר" (פאָר־אויס).

זייענדיק א פריידענקער, איז ער דאָך געבליבן צוגעבונדן צום יידישן נאַ־ציאָנאַליזם און צו דער יידישער רעליגיע. ער האָט שטענדיק זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די נייע סאָציאַליסטישע לערע שעפּט איר קוואַל פון דער יידישער תורה. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן, אַז אַ יידיש־סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין תשעה באב און אויף זיין שטאַרקן פאַרלאַנג איז דאָס אָפּגעלייגט געוואָרן. ער האָט אויך מערסטנס זיין סאָציאַליזם פאַרשפּרייט אין העברייאיש, אין „האמת" (דערשינען דריי העפטן) און שפּעטער אין ווין אין פּרץ סמאָלענסקי׳ס אָרגאַן „המביט" . . . אין די לעצטע יאָרן, נאָך אַזויפיל איבערלעבענישן, איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, זיך באַזעצט אין סיראַקיוז, געווען שטאַרק אַנטוישט און אין עלטער פון 36 יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.[44]

א. מענעס באַווייזט אין זיינע אַרבעטן וועגן דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן א סך פריער ווי די אָנגעגעבענע דאַטעס. אין יאָר 1871, איז באַקאַנט, א סטרייק פון יידישע טאַבאַק־אַרבעטער אין ווילנע, אין דער פאַבריק פון שישמאַן און דורונטשע. „אין דעם פּאָליציי־באַריכט וועגן דעם דאָזיקן סטרייק — שרייבט ער — געפינען מיר ידיעות וועגן נאָך פריערדיקע סטרייקן פון יידישע טאַבאַק־אַרבעטער אין דרום, אין אָדעס און קרעמענטשוג. אין יאָר 1881, ווערט געמאַכט א פּרואוו פון יידישע שניידער־אַרבעטער אין מינסק צו אָרגאַניזירן א „זעלבסטשטענדיקע חברה פון אַרבעטער, מיט אַן אייגענעם מנין, מיט׳ן אויסדריקלעכן צוועק צו שיצן די אינטערעסן פון די פּועלים . . . "

מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אָט דעם ענין, וואָס פירט צו א ברייטערער און טיפערער שטודיע, וואָס מיר האָבן צו טאָן ביי א צווייטער געלעגנהייט. מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנווייזן, אַז דער אָנהויב און די פּרואוו צו אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער, איז פאָרגעקומען א סך פריער, פאַר דער אַנטשטייאונג פון „בונד" און די אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

אין א. מענעס׳עס ווערטער, „די אייגנטלעכע יידישע סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג (איז) נאָך א היפּש ביסל עלטער ווי די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. מייסטנס אָן וועלכע ניט איז הילף מצד דער אינטעליגענץ און אָן פרעמדע דערפאַרונגען, האָבן די יידישע אַרבעטער אַליין געמוזט געפינען דעם וועג פון אחדות און קאַמף" . . .

אין אמת׳ן זיינען אָט די חברות פון יידישע בעלי מלאכות געווען פאַרבונדן מיט א בית־מדרש אָדער מנין און א טייל חברות זיינען אויסשליסלעך געשאַפן

געוואָרן פאַר רעליגיעזע צוועקן, פאַר גייסטיקער פאַרבינדונג, ווי די אַמאָליקע „חברה תהלים", חברה משניות וכדומה.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין גאַליציע פאַנגט זיך אָן מיט דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע טליתים אַרבעטער אין קאָלאָמעא, דער צענטער פון יידישע טליתים-וועבער אין גאַליציע. דער ערשטער סטרייק איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1892, האָט געדויערט גאַנצע 14 יאָר, זיך פאַרענדיקט מיט א דורכפאַל פאַר די אַרבעטער.[5]

א. מענעס ברענגט ווייטער, אַז:

„אין קאָרעספּאָנדענץ פון שעדלעץ[6] געפינען מיר א ווייטערדיקן נאָטיץ: „די בעלי-בתים, וועלכע זיינען געווען ביז דאַן צעריסן צווישן זיך, זענענדיק די מאַכט פון אחדות, זיינען זיך אויך צונויפגעקומען צוזאַמען און שלום געשלאָסן און אויסטרינקענדיק א היבש ביסל „מאָנאָפּאָל" האָבן זיי געמאַכט אחדות, און געבנדיק זיך די הענט, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז באַלד נאָך סוכות זאָלן זיי אונז נויטן צום אַלטן אָרדנונג" — דער אויסדרוק „זיך געבן די הענט" באַדייט בלי ספק — שווערן (תקיעת כף).

א. מענעס ווייזט אָן אויף דער ענלעכקייט פון אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער אין אַנדערע שטעט. אומעטום איז דער קאַמף פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען געפירט געוואָרן אין נאָמען פון אידעאַלן פון פרייהייט און פאַרברידערונג און אינ'ם באַגין נעמט עס אָן א רעליגיעז-פייערלעכן כאַראַקטער. די שבועה ביים אויסגלייכן זיך איז געקומען מערסטנס מיט'ן האַלטן א ספר תורה אין האַנט, אָדער א פּאָר תפילין אא"וו.

ער ווייזט אָן, אַז אין דער ערשטער בונדישער שבועה, האָט מען זיך גערופן געבן די הענט:

„דערום ברידער, שוועסטער גיט זיך אַלע די הענט,
און שווערט ביי דער פאַהנע, וואו דער פאַקל ברענט . . . "

דאָס נעמען די הענט איז געקומען פון א רעליגיעזן ריטואַל. דער יידישער אַרבעטער האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעטער באַוועגונג די אַלטע יידישע טראַדיציעס, די רעליגיעזע שטימונג, די רעליגיעזע באַגייסטערונג און התלהבות...

דאָס אַנטשטיין פון א יידישן פּראָלעטאַריאַט און די קאַמפן פונם יידישן אַרבעטער איז געווען, פאַרשטייט זיך, גאָר אַנדערש ווי ביים אַלגעמיינעם אַרבעטער. פאַר אים זיינען געשטאַנען ספּעציפישע אויפגאַבן און גאָר אַנדערע קאַמפס-באַדינגונגען:

לאָדזש, למשל, איז געווען די גרעסטע טעקסטיל-שטאָט אין מזרח-אייראָפּע. די דאָזיקע אינדוסטריע האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַנטוויקלען מיט דער דייטשער

אימיגראַציע פון 1823, ווען די ערשטע האַנט־וועבערייען האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן. יידן האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פונם דאָזיקן טעקסטיל־צענטער.[7]

די ערשטע דאַמף־מאַשין האָט געבראַכט לודוויק גייער אין יאָר 1835. מיטן וואוקס פון דער אינדוסטריע, איז געוואַקסן די צאָל יידן. בעת׳ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַר׳ן צוזאַמענבראָך פון דער הייליקער (צאַרישער) אימפּעריע, האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן 22.6 פּראָצענט.[8]

אין דער דאָזיקער שטאָט זיינען אָנגעגאַנגען סאָציאַלע קאַמפן פון שניידער־געזעלן קעגן זייערע מייסטערס, שוין אין יאָר 1828 — און אַזעלכע קאַמפן זיינען געווען ניט קיין זעלטענע דערשיינונגען.

די מלאכה פון וועבעריי האָבן יידן געלערנט פון דייטשן בסוד־סודות, ווייל יידן זיינען געווען קעגן דעם, אַז יידישע בעלי מלאכות זאָלן זיך צופיל חברן מיט דייטשן און פאַרברענגען אין זייער סביבה . . . יידן האָבן זיך דאָך אויסגעלערנט די מלאכה און די צאָל באַשעפטיקטע יידן ביי טעקסטיל־אַרבעט איז כסדר געשטיגן, ניט אַכטנדיק וואָס סיי די יידישע און סיי די ניט־יידישע פאַבריקאַנטן, האָבן געזוכט עצות ניט צו באַשעפטיקן יידן, אַזוי, אַז פון צייט צו צייט האָבן רעגירונג־אינסטאַנצן געמוזט אינטערווענירן און אַרויסגעבן אַפילו באַפעלן צוצולאָזן יידישע אַרבעטער.[9]

דאָס יידישע לאָדזש, דאָס אַרויפאַרבעטן זיך פון יידישע אינדוסטריאַליסטן און מאַנופאַקטור אָנפירער, איז קינסטלעריש געשטאַלטיקט געוואָרן דורך י. י. זינגער אין זיין ווערק „די ברידער אשכנזי״.[10] דאָס ווערק נעמט אַרום די עפּאָכע פונעם אינדוסטריעלן אויפשטייג אין פוילן, אין צייט פון די רעוואָלוציעס און קאַמפן פאַר זעלבסטשטענדיקייט.

אין זיין שטודיע וועגן דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג דערציילט אַ. מענעס וועגן יידישע אַרבעטער קאַמפן אין מאָהילעוו, קרינקי, מיט זייערע לעדער־פאַבריקן און ווייזט אָן, אַז אומעטום פאַרנעמט דאָס בית מדרש אַ וויכטיק אָרט אין די קאַמפן פון די יידישע אַרבעטער קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס פון יידישן תחום.

ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ וועגן ווילנע — דאָס וויגעלע פונם בונד — און ער שרייבט צוו״אַ:

„ווילנע, למשל, האָט שוין אין 1892־93 פאַרמאָגט אַ 700 אָרגאַניזירטע אַרבעטער און אַרבעטערינס. אין 1894, איז די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע געווען פאַרבונדן מיט 23 פאַכן און געציילט איבער טויזנט מיטגלידער. אויך וואַרשע איז ניט אָפּגעשטאַנען אין דער הינזיכט . . . שטאַרק זיינען אויך געווען די אָרגאַניזאַציעס אין מינסק און ביאַליסטאָק . . . און שוין אין 1896, אין לאָנדאָן, אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, ד״ה אַ יאָר איידער דער „בונד״ איז געגרינדעט געוואָרן, האָט פּלעכאַנאָוו געקענט דערקלערן: „די יידישע אַרבעטער

באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַוואַנגאַרד פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג".

די גרינדונג פון „בונד" דאַט דעריבער געקענט פאַרקומען, ווייל ס'איז שוין געווען גרייט דער מאַטעריאַל; ווייל ס'האָט שוין עקזיסטירט די סאָלידע באַזע פאַר אַ פאַרטיי פון יידישן פראָלעטאַריאַט. פונקט אַזוי האָט געקענט פאַרקומען דער ציון קאָנגרעס, ווייל ס'איז שוין געווען דער אָרגאַניזירטער עלעמענט דערפאַר. עס האָט בלויז געפעלט דער דינאַמישער כח, די טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע יסו־דות, די אינטעליגענץ. דאָס איז געקומען ביי די ציוניסטן נאָכ'ן ערשטן קאָנגרעס און ביי די בונדיסטן נאָך דער אָפיציעלער און אומלעגאַלער גרינדונג פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך, אויף אַ סאָציאַליסטישן שטייגער, פאַרנומען מיט די ספּעציפישע יידישע פראַגן.

נאָך אַרקאַדי קרעמער'ס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", האָבן זיך גרויסע צאָלן יידישע אַרבעטער אָנגעשלאָסן אין „בונד", וואָס האָט געפירט צו אַ דורכאויס יידי־שער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אַזוי קאַמפּסלוסטיק געקעמפט פאַר'ן סאָציאַליסטישן אידעאַל, צוגלייך מיט דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפ־לעבונג, האָט די דאָזיקע קאַמפּס־לוסטיקייט אַריבערגעטראָגן אין אַמעריקע און מיט אַ מערקווירדיקער שנעלקייט באַאיינפלוסט אַ גרויסן טייל פון די בעסטע שאַפנדיקע כוחות אין יידישן לעבן. די יידישע ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען, די יידישע קונסט אין איר פאַרשיידנאַרטיקן זשאַנר — אַלץ האָט זיך גענומען שטעלן צום דינסט פונ'ם פאָלק און געאַרבעט פאַר דער באַפרייאונג און דערלייזונג פונ'ם פאָלק. אויך דאָס אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע יידנטום האָט זיך געשטעלט אין אַ געווויסן זין, צום דינסט פון די נייע השפעות און אויפברויזן. זי האָט איבערגע־אַרבעט יענע עלעמענטן מיט וועלכע די גרונט־עקרים פון יידנטום האָבן געקאָנט מאַכן שלום.

אַ נייע תקופה האָט זיך אָנגעפאַנגען אינ'ם לעבן פון יידישן פאָלק. עס האָט זיך באַוויזן דער כח פונ'ם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש אין זיין צעשפּרייטקייט, וואָס האָט קיינמאָל ניט געבויגן זיין קאָפּ, קיינמאָל ניט געבראָכן זיין ווילן אָנצו־האַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום. דער יידישער אַרבעטער מענטש האָט באַוויזן זיין לעבנס־כח, זיין „עלאַן וויטאַל" פאַר דער גרויסער און הערלעכער צוקונפט.[11]

מיר שרייבן ניט די געשיכטע פון „בונד", אוודאי ניט די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. מיר שרייבן וועגן סעקולאַרן סאָציאַליזם אויף אַזויפיל וויפל עס איז נוגע אונזער שטודיע וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַ רעליגיעז־

ב. גרינדונג פון „בונד“. — שטורעם און דראַנג. — דאָס יאָר 1905 אין דער געשיכטע פונעם רוסישן יידנטום.

סאָציאַליסטישער ארבעטער באוועגונג. מיר האָבן אָנגעהויבן, ווי א פּרעליוד, מיט דער גרינדונג פון „בונד“, ווייל מיט דער דאָזיקער ארבעטער באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאַפּיטל פון יידישן קאַמף פאר סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע. די נייע ווענדונג האָט זיך געשטעלט א גאָר נייעם פאָרם פון באַפרייאונג: רעכט פאר'ן יידישן ארבעטער אויפן אָרט!

ווי אזוי איז פאָרגעקומען די גרינדונג פון „בונד“?

דאָס וועלן מיר איבערלאָזן צו די בונדיסטישע זכרונות־שרייבער און פאָר־שער. איינער פון די גרינדער, יוסף מילל („דזשאָן“) דערציילט אין זיינע זכרונות[1]:

„... דאָס יאָר 1889־1890 דאַרף אריין אין דער געשיכטע, אלס די צייט פון דער אינטענסיווסטער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און פון פּיאָנערן־אָנ־שטרענגונג אויפן באָדן פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג אין ווילנע ...“

ער דערציילט וועגן אלץ, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענע ערב־בונד יאָרן, ווי אזוי עס איז צוגעגאַנגען מיט דער גרינדונג פון „בונד“, די פּערזאָנען און גרופּן, וואָס האָבן גענומען אן אקטיוון אנטייל און ווי אזוי די טעאָרעטיקער, ארקאַדי קרעמער און אנדערע, האָבן אויסגעאַרבעט די פּראָגראַם פון דער דאַן נייער יידישער ארבעטער באוועגונג.

דאָס וויגעלע פון „בונד“ איז, ווי באַקאַנט, געווען ווילנע און ניט איינער שטעלט זיך אָפּ, פאַרוואָס עפּעס ווילנע? פראַנץ קורסקי[2] ווייזט אָן, אז עס איז ניט געווען קיין צופאַל, „נאָר אין ווילנע, אין דעם דעמאָלט גרעסטן גייסטיקן יידישן צענטער, האָט געקענט אויפקומען און זיך נצחונדיק פאַרשפּרייטן א יידישע — הגם לויט אירע טענדענצן אן אינטערנאַציאָנאַליסטישע — באוועגונג“.

ווארשע — שרייבט ער — איז געווען צו רעליגיעז (מיין קורסיוו—נ.ש.) און ניט געווען גענוג קולטורעל ... אין ווילנע — זאָגט ער — האָט געוועלטיקט גאָר א באַזונדער גייסט ...“

ארקאַדי קרעמער — גיבן אלע צו — איז געווען די צענטראַלע פיגור אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד“, וואו עס זיינען געווען 13 דעלעגאַטן:

1. אבראַמאָוו, נח (וויטעבסק); 2. בערמאַן, פּאַוועל (מינסק); 3. גאָלדמאַן, לייבל „לעאָן“ (ווארשע); 4. גרינבלאַט, ראָזע (ביאַליסטאָק); 5. זשאַלודסקי, מערע (ווארשע); 6. מילל, יוסף „דזשאָן“ (ווארשע); 7. מוטניק, אברהם „גליעב“ (ווילנע); 8. סאַראַקאַ, הירש (ווילנע); 9. קאַץ דוד (ווילנע); 10. קאַץ, הלל (ביאַליס־טאָק); 11. קאַפּלינסקי, ישראל מיכל (ווילנע); 12. קאָסאָווסקי, וולאַדימיר (ווילנע); 13. קרעמער, ארקאַדי (ווילנע). צוזאַמען עלף (11) מענער און צוויי (2) פרויען. פון זיי: זעקס (6) ווילנער, דריי (3) ווארשעווער, צוויי (2) ביאַליסטאָקער, איינער

פון וויטעבסק און איינער פון מינסק. נח פּאָרטנוי, איינער פון די זיילן און גרינ־דער־טעאָרעטיש פון „בונד" איז ניט געווען ביי דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווייל ער איז דאַן געווען אַרעסטירט.[4]

וואָס איז געוואָרן פון אָט די עלף אידעאַליסטן?

איינציקע זיינען אוועק פון „בונד" און פון סאָציאַליזם בכלל. איינער איז אוועק אויף גאָר שלעכטע דרכים, קאַפּלינסקי איז אַריבער אין דינסט פון דער „אָכראַנע" און אין 1918, דערשאָסן געוואָרן דורך דער רוסישער „טשעקאַ". איינער איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, מערסטע זיינען געבליבן מיטן „בונד": „דזשאָן" מילל (1870־1952); „מוטניק" גליעב (1869־1930); סאָראָקאַ (1873־1909); בערמאַן (1873־1922).

אַרקאַדי (1865־1935) איז געווען די צענטראַלע פיגור אין יענער פּיאָנערן־תקופה, „אַ מענטש מיט אַ קלאָרן קאָפּ, מיט אַ גייסטיקן און פּאָליטישן גלייכגע־וויכט, מיט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיאיקייטן . . . איינער פון די שענסטע פיגורן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג . . . " ער איז, לויט קורסקי'ן, אין פּוילן זין, דער פּאָטער פון „בונד".

דער צווייטער וויכטיקסטער אין דער ריי, איז יקותיאל נח פּאָרטנאָי (באַקאַנט אַלס חבר נח — 1872־1941) און אַלע ריידן וועגן אים מיט דער גרעסטער יראת הכבוד. זיי האָבן ממש ניט קיין ווערטער צו שילדערן זיינע 50 יאָר עבודה פאַר'ן סאָציאַליזם . . .

„אין אים — שרייבט קורסקי — איז האַרמאָניש געווען פאַראייניקט אַ טיפער אינטעלעקט מיט אַ קרישטאָל־ריינעם און פעסטן כאַראַקטער, איינער פון די מיר־טיקסטע מענטשן אין דער סכנותפולער אַרבעט אונטערן צאַרישן רעזשים . . . " אַ ווייטן בליק, אַ געזונטן חוש פאַר רעאַלע מעגלעכקייטן, אַ זעלטענעם טאַקט־געפיל און קודם־כל אַ טיפן, אומדערשיטערטן גלויבן אין דער זאַך, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן".

נח איז געוואָרן אַ לעגענדאַרישע פערזענלעכקייט (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, ערב יום־כפור, דעם 30־טן סעפּטעמבער, 1941) צוליב זיין פעלזנפעסטן גלויבן, עקשנותדיקן ווילן, גרענעצלאָזן אידעאַליזם און טיפן חוש פאַר ראַעלער ווירק־לעכקייט.

ער האָט געהאַט אַ מלוכה־פּאָסטן, זיך דערוואָרבן אַ גוט־סיטואירטע פּאָזיציע — אָבער פון דאָרט, אַראָפּגעקוקט צום פינסטערן תהום פון עלנט, רעכטלאָזיקייט — און אַ סך בייגעטראָגן צו דערהויבן די דערדריקטע . . .

ער איז ניט געווען קיין רעדנער, ניט קיין שרייבער אָבער אַ סאָציאַליסטישער פירער! ניט אַכטנדיק, וואָס ער האָט געהערט צו דעם פּיאָנערן־פּעריאָד פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו דער צייט פון

רעוואָלט קעגן צאַריזם און ניט ווייניקער צו דער נייער צייט און נייער ראָלע אַלס פירער פון „בונד" אין פוילן און פאָרזיצער פון בונדישן צ.ק.

דער דריטער אין דער ריי, איז אָן ספק וולאַדימיר מעדעם (יולי 22, 1879 — יאַנ. 13, 1923), כאָטש ער איז געקומען שפּעטער, שוין נאָך דער גרינדונג פון „בונד"[5].

די בונד־באַוועגונג האָט זיך גענומען גיין אויף די ברייטע שליאַכן פון קאַמף פאַר יידישע רעכט און דער עיקר, וועגן רעכט פאַר'ן יידישן אַרבעטער. אמת, זיי האָבן געהאַט גענוג אויסצושטיין אינערהאַלב און אויסערהאַלב דער באַוועגונג. אייניקע סאָציאַליסטישע פירער זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד" צוליב זיין נאַציאָנאַליזם, האַלטנדיק פאַר אַן אומזין די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

דער „איסקראַ", דער אָפיציעלער סאָציאַליסטישער אָרגאַן, האָט אָנגעפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק קעגן „בונד". אַנדערע, ווי מ. מ. ראָזענבוים, דער באַרימטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, דער רבי פון א. ליעסין, דער וואָס האָט אָנגעשריבן דעם „אויפרוף צו די פויערים" (בערן, 1894) איז אַוועק אויף רעכטס. די גאָר־לינקע אין די סאָציאַליסטישע קרייזן זיינען געווען שטאַרק קעגן דער „רעכטער" ליניע פון בונד.

די באַוועגונג, ווי פראַנץ קורסקי ווייזט אָן, האָט דאָך פּראָגרעסירט. „די גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", די פּיאָנערן גרופּע פון „בונד" גייט אין 1894 אַריבער פון פּראָפּאַגאַנדע קרייזן צו אַרבעטער מאַסנאַגיטאַציע און נאָכדעם מער אינטענסיווע אַרבעט אָנגעפירט דורך קאָמיטעטן אין דער צאַרישער אימפּעריע און דורך אַן ענגן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען אַמאָל פון דריי און אַמאָל פון פיר־פינף פּערזאָן.

וואָלט דאָ נויטיק געווען זיך אַריינלאָזן טיפער און ברייטער אין די אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן באַהערשט דעם „בונד" — אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט[6]. מיר ווילן בלויז אָנווייזן אויף דעם איינפלוס פון „בונד" אויף די יידישע מאַסן און אויף זיין ווייטקייט פון רעליגיע און טראַדיציע.

שוין די בונדישע שבועה, געשריבן פונם פאָלקלאָריסט ש. אַנסקי, געזונגען מיט עקסטאַטישער געריכטקייט, האָט בלויז געזען די פאַרבינדונג „פון אַרבעט און נויט":

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָנע איז גרייט —
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט.

— — — — — — — — — —

מיר שווערן א טרייהייט אָן גרעניצן צום „בונד"
נאָר ער קען די שקלאַפן באפרייען אצינד.

דאָס איז געווען דער גייסט פון די „בונד"-גרינדער. אין זייער איינשטעל פילט זיך א קעגנערשאפט צו די רעליגיעזע מנהיגים און נאָך מער צו די יידישע גבירים.

עס זיינען, פארשטייט זיך, געווען אויסנאמען. געגוג צו דערמאָנען דעם גרויסן דיכטער אברהם וואלט-ליעסין, וועלכער האָט אין זיין רעוואָלוציאָנערער דיכטונג קיינמאָל ניט פארגעסן די לײדן פון זיין פאָלק, נאציאָנאלע און סאָציאלע.

ליעסין האָט שוין דאן פארמאָגט א הויך-אנטוויקלטן נאציאָנאלן געפיל, יראת הכבוד פאר אונזערע קדושים און גרייטקייט אויף אייגענעם קידוש השם און דעם סאָציאלן פּאַטאָס, וועלכן ער האָט פאראייביקט אין זיינע דעמאָלטדיקע לידער וועלכע זענען געזונגען געוואָרן פון בונדיסטן און בכלל ארבעטס מענטשן. ער איז געווען פאראייניזאמט און צעריסן מיט דער וועלט און מיט זיך . . . ער האָט אָבער זיך געשטארקט דורך זיין גרענעצלאָזער ליבשאפט צום יידישן פאָלק און צום פּראָלעטאריער פון אלע פעלקער.

אין א ליד, וואָס ליעסין האָט געשריבן אין יאָר 1894 „זאָלן זיי קומען", זאָגט דער דיכטער:

„איך האָב נישט, א עלנדע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
ארום אין דעם אָרימען, וואכיקן לעבן,
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!
אָ,זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער
וואָס האָבן דיר אלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פארטרונקען — איך שטרעק מיט א שמחה
דעם האלז זיי אנטקעגן!
און ווארעם זאָל פליסן אויך מיין בלוט אהין אין די ריינע,
אהין אין די הייליקע בלוטיקע ימען
פון דיינע מיליאָנען גיבורים און קדושים —
און פליסן צוזאמען!"

דער „בונד" איז ארויסגעקומען מיט דער אידייע צו בויען די מענטשלעכע געזעלשאפט אויף יסודות פון קעגנזייטיקער קאָ-אָפּעראציע און ברידערלעכקייט און דערביי באטאָנט, אז די יידישע געזעלשאפט זאָל האָבן איר אייגן נאציאָנאל פּנים,

ג. דערוואכונג פון יידישן ארבעטער. — ארבעטער הערָאָיזם. — דינאַמישע געשעענישן.

יידן זאָלן קענען פריי און שעפעריש זיך אויסלעבן אלס יידן אין אלע ערטער, וואו זיי לעבן.

דער „בונד" האָט זיינע אספעקטן באזירט אויף ד אָ א י ק י י ט , אויף די קאמפן פאר דער נייער סאָציאליסטישער אָרדנונג אין די וואוין־לענדער. בונדיזם, ווי אן איזם, האָט געמיינט די צונויפפלעכטונג פון סאָציאליסטיש־דעמאָקראטישע פרינציפן מיט דער עקזיסטענץ פון פעלקער־איינהייטן אויף דער באזע פון קולטור, ליטעראטור און טראדיציע, ניט דארפנדיק אָנקומען צו ספעציפיש־אויטאָנאָמישע לאנד־סעקטאָרן. בונדיזם איז דערמיט געווען קעגן ציוניזם אין זיינע יסודותדיקע הנחות און איבערהויפט קעגן אָריענטאציע פון ארץ ישראל אלס יידישע היימלאנד. בונדיזם האָט פראָפאגירט די אידייע פון קאָנטינוואיטעט אין תפוצות און דאָאיקער סאָציאליסטישער ארבעט און שעפערישקייט.

ס'נויטיקט זיך, וואָס אן אמת, א ביסל טיפער זיך אָפּשטעלן וועגן אָט־די „בונד"־אידייען — אָבער דאָס וואָלט אונז אוועקגעפירט אריבער דעם תחום — און מיר ווילן זיך האלטן ביים קעגנשטאנד, רעליגיעזן סאָציאליזם.

מיר פילן אָבער א דרינגנדיקע נויטווענדיקייט זיך אָפּשטעלן אויף יענער הערָאישער עפּאָכע און גאָר באזונדערס וועגן איינעם פון די ערשטע קדושים אין יענעם התלהבותדיקן אויפברויז. מיר מיינען דאָ דעם ווילנער שוסטער־ארבע־טער הערש לעקערט (געב. 1880 — אומגעבראכט געוואָרן אויף דער צארישער תליה, דעם 11־טן יוני, 1902), ארום וועמען ס'איז שוין דאָ א גאנצע ליטעראטור[1].

א. ליעסין, ווידמעט אים אויף זיין שטייגער, א פרעכטיקע עסיי, שרייבנדיק צוו"א:

„אין יענעם טאָג האָט זיך לעקערט דערהויבן הויך איבער די הונדערט און דרייסיק מיליאָנען אונטערטאנען פון צאר, די ווייסע שקלאפן, וועלכע טראָגן גערולדיק זייערע שקלאפן־קייטן, און צוזאמען מיט אים, איז אויך דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון גאנצן לאנד, דער גאנצער יידישע פראָלעטאריאט, דאָס גאנצע יידישע פאָלק"...

ליעסין גיט אויך איבער אינטערעסאנטע ביאָגראפישע שטריכן פון אָט דעם אָרימען שוסטער ארבעטער און פשוטן פאָלקס־מענטש. ער באקענט אונז מיט די באדינגונגען פון ארבעטער־לעבן אונטער דער צארישער מאכט, ציטירנדיק דערביי, די היינט שוין־היסטאָרישע פראָקלאמאציעס פון בונדישן צענט.־קאָמיטעט, נאָך יענער שרעקלעכער עקזעקוציע אויפ'ן באפעל פון פאן וואל'ן, איבער די יידישע באטייליקטע אין דער 1־טער מאי דעמאָנסטראציע, וואָס פאר אן איינדרוק דאָס האָט געמאכט אויף די ארבעטער מאסן בכלל און אז הערש לעקערט'ס טאט איז באטראכט געוואָרן אלס נקמה־אקט פאר דעם געשענדעטן יידישן פראָלעטאריער.

דער נאָמען לעקערט איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר'ן העראָישן קאַמף פון „בונד", קעגן צארישן רעזשים. זיין נקמה־אַקט אונטער יענע באַדינגונגען האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט די פינסטערניש פון צאַריזם. זיין העראָישע האַלטונג אויפ'ן מיליטער געריכט דעם 28־טן מאַי (דעם 15־טן לויטן רוסישן קאַלענדאַר) און אין די לעצטע מינוטן פאַר דער תליה, 2 אַזייגער פאַרטאָג, דעם 10־טן יוני (28־טן מאַי לויטן רוסישן קאַלענדאַר) האָבן אים געשטעלט אין איין ריי מיט די גרעסטע קעמפער און מאַרטירער פון צאַרישן רוסלאַנד.

דער „בונד" איז געווען פּרינציפּיעל קעגן אינדיווידועלן טעראָר. אין דעם האָט ער זיך אונטערשיידט פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" און „סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן". לעקערט'ס טאַט איז אָבער אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג, מיט יראת הכבוד און מיט גרויס אַנערקענונג. זיין אַקט איז געווען נקמה און ווירדיק באַרעכטיקטע האַנדלונג קעגן דער דעמאָלדיקער אַכזריות אויף די 54 אַרבעטער־דעמאָנסטראַנטן וועלכע זענען סאַדיסטיש־באַרבאַריש געפּייניקט געוואָרן אין דער קענגנוואָרט פון פאָן וואַלען.

אינ'ם אויפרוף פונ'ם בונד, נאָך יענער געשעעניש, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„ביז היינט איז אונזער פּאַרטיי געווען קעגן פּאָליטישן טעראָר, אויך איצטער זאָגן מיר זיך אָפּ, אָנצואווענדן טעראָר, אַלס מיטל פון קאַמף, קעגן דער זעלבסטהערשונג.

„אָבער די ווילדע מעשים פון פאָן וואַלען רופן אַרויס אַ שרעקלעכע אויפרעגונג ביי אַלע אונזערע חברים. מיר זענען איבערצייגט, אַז פון צווישן די רייען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין אַ ראַכע־נעמער, וועלכער וועט זיך נוקם זיין פאַר דער דערנידערונג פון זיינע ברידער . . . ."

הערש לעקערט איז געווען דער נקמה־נעמער, פאַר'ן כבוד פונ'ם אַרבעטער, פונ'ם מענטש, פון זיין באַוועגונג.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט געלויבט זיין טאַט, איז געווען שטאָלץ וואָס צווישן זיינע רייען האָט זיך געפונען אַ מענטש וועלכער האָט זיך מקריב געווען פאַר די „באַרבאַריש־פאַרשמיסענע מענטשלעכע רעכט" און עפנטלעך דערקלערט:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אַרויסגעשטעלט פון זיינע רייען אַ נוקם פאַר דער באַליידיקונג פון זיין ערע".

אין די בונדישע שריפטן, באַזונדערס אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער באַוועגונג, „די אַרבעטער שטימע", איז דאָן אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דעם העראָישן אַקט פון הערש לעקערט, וועגן זיין שטאָלצער האַלטונג און בכלל וויאַזוי ס'איז צוגעגאַנגען די תליה פון דעם ערשטן יידישן אַרבעטער העלד, וועמענס

נאָמען איז פאַרייביקט געוואָרן ביי די יידישע מאַסן און אין דער יידישער ליטעראַטור[3].

דער איינפלוס פון „בונד" איז געגאַנגען ווייט אַריבער די גרעניצן פון פוילן־רוסלאַנד. זיין איינפלוס איז געווען היפשלעך שטאַרק אין ענגלאַנד און אַ סך מער אין אַמעריקע, ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג און אויסברייטערונג פון אַרבעטער רינג. די מיטגלידער פון אַרבעטער רינג, זענען על־פּי־רוב געווען דורכגעדרונגען מיט לעבנס־דערפאַרונג פון דער אַלטער היים און זענען דורכגעגאַנגען די סאָציאַליסטישע שול פון „בונד" און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

קומענדיק דאָ אין מאַסן, האָבן זיי געזוכט אַ ווייטערער אַחיזה, אַ המשך צו דעם וואָס זיי האָבן געלערנט און אויב די פּאָליטישע באַדינגונגען זענען דאָ ניט געווען די זעלבע און ס'איז זיי שווער געווען צו טראַכטן וועגן אַ נייער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן זיי קודם־כל זיך גענומען אָרגאַניזירן אַ פראַטערנאַלן אָרדן אויף צו מאַכן באַקוועמער דאָס לעבן פון יידישן אימיגראַנט. זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן גרויס אידעאַליזם און אָפּפערוויליקייט אינ'ם בויען פונ'ם יידישן אַרבעטער לעבן. זיי זענען אויך געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט יידישע אַרבעטער באַוועגונגען פון דער אַלטער היים.

דער אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן דעם 4־טן אַפּריל, 1892 און געהאַט זיין מיסיע צום אַלעם ערשטן, קעגנזייטיקע הילף, „חיי שעה" אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו באַטאָנען, אַז דער אַרבעטער רינג צילט צו ווערן אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער כח, אַז זיינע יסודות זענען עכט סאָציאַליסטישע.

אין דער „פּרינציפּן דערקלערונג פון אַרבעטער־רינג" ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„. . . אָבער קעגנזייטיקע הילף אַליין וועט ניט אָפּשאַפן די אורזאַכן פון די ליידן פון אַרבעטער. אַלס מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג שטרעבן מיר דערפאַר צו דער פולשטענדיקער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קלאַס . . . מיר שטרעבן אויפצוהייבן דעם סטאַנדאַרט פון לעבן פון אַרבעטער, דורך גרעסערע פאַרדינסטן און קירצערע שעה'ן: פאַרשטאַרקן זייער השפּעה אין דעם אינדוסטריעלן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן".

א. ליעסין, דער שטאַרק נאַציאָנאַלער דיכטער מיט סאָציאַליסטישן פּאַטאָס האָט, ווי דער פּאַרפאַסער פון אַרבעטער־רינג הימן, אויסגעדריקט, אַז דער אַרבעטער רינג האָט די „היימישע פלאַמען שוין צענדליקע יאָרן געהיט" . . .[4]

דער „בונד" האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַריינדרינגען אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — און גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל,

אין אַלע זיינע פּראַקטיקעס[5], ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט מצד אַ צאָל יידישע סאָציאַליסטן.

אַב. קאַהאַן (1860-1952) למשל האָט אָפן געזאָגט ביים פינפטן צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע:

„אויב אונזער מיסיאָן איז צו טראָגן סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די אַמעריקאַנער מאַסן, דאַן טאָרן מיר ניט ווערן אַ צווייטע עדישאָן פון בונד"[6].

דער בונד האָט געגעבן אַ גאַר וויכטיקן ביישטייער צו דער אָרגאַניזירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַריינען און באַזונדערס צו דעם וואוקס פון די אַזוי־גערופענע יידישע „יוניאָנס" — אָבער וועגן דעם באַזונדער[7].

דער „בונד" האָט זינט 1894, דורך וואָרט און שריפט (ערשטע העקטאָגראַ־פירטע בונד־צייטונג אין ווילנע) אומלעגאַל און לעגאַל, אין מזרח, מערב און צענטראַל־איראָפּע — און נאָכדעם, אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, פאַרשפּרייט זיינע אידייען: גערופן צו מרידה און געוועקט קעגן פאַרשקלאַפונקייט — און אָרגאַ־ניזירט אַ גרויסן טייל פון יידישע אַרבעטער און אים געפירט אין קאַמף פאַר אַ בעסער און שענער לעבן.

הערות

א.

1. געגנוג צו דערמאָנען די „רויטע בלעטער", זאַמלבוך . . . נומ' 1, מינסק, 1924; ש. דימענטשטיין, „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן אין דער רעוואָלוציע פון 1905", מאָסקווע, 1929; ע. טשערניאַנסקי, דער יידישער אַרבעטער אין ווייסרוסלאַנד, באַם באַגינען פון דער יידישער אַרב. באַוועגונג", מלוכה־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד, 1932; מ. שיינגאָלד, „דער יידישער אַרבעטער אַלס טייל פונם גאַנצן אַרבעטער קלאַס . . . " נאַצמינדפאַרלאַג, כאַרקאָוו און קיעוו, 1932 ;א. בראַנמאַן, ש. טאַמינסקי, ש. פּאַלאַטניק „קלאַסנקאַמף", כרעסטאָמאַטיע, ערשטער טייל, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1928. אין פּוילן זיינען דערשינען אומצייליקע ווערק וועגן יידישן אַרבעטער. גענוג צו דערמאָנען דעם „רויטן פּנקס", צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, ערשטער זאַמלבוך 1921, נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט נאָך אַ זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן דורך דער „קולטור ליגע", וואַרשע; וו. שולמאַן, „בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג", ערשטער טייל, 1929, פאַרלאַג, „די וועלט"; די געשיכטע פון יידישן אַרב. בונד אין ליטע, פּוילן, רוסלאַנד פון א. ב. ווילנע, 1906, ראַם און וויטווע דרוקעריי.
2. זע, א. מענעס און ר. אַבראַמאָוויטש, די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג . . . אַלגעמ. ענציקלאָפּעדיע, יידן ג', ניו־יאָרק 1942, ז"ז 527-627.
3. זע, קלמן מרמר'ס אַריינפיר צו ליבערמאַנ'ס בריוו, ניו־יאָרק 1951; אפרים טויבנהויז, „זהרורים".
4. וועגן אים און זיינע טעטיקייטן — אין אַ באַזונדער אַרבעט.

4א. י. ד. אייזנשטיין, אין זיין „אוצר זכרונותי" (ניו־יאָרק, תרצ"ו, ז' 46) גיט איבער, אַז ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1880 און אַז פאַר זיין באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט ער איבער־געלאָזט אַ בריוול אין דייטש (דאַטירט, נאָוו. 18, 1880), זיך געזעגנדיק מיט דער וועלט און ער זאָגט צוו"אַ:

„שלום צו דיר וועלט און אַלץ אין איר, דער מאַן וואָס האָט ביי דיר ניט געפינען מער ווי טרויער גייט צוריק צום גרוב . . . איך בעט פון יעדן, מיך ניט צו משפּטן, ביז ער וועט דערגרייכן צו מיין מצב . . . "

5. א. מענעס, דאָרט, אויספירלעך. אינעם אָרגאַן פון די יידישע סאָציאַליסטן אין גאַליציע, „אידישער פאָלקסבלאַט", נומ. 3, 1899, ווערן די חסידים און פרומע באַשולדיקט, אַז זיי האָבן פאַרראַטן דעם סטרייק.
6. „אַרבעטער שטימע", נומ' 30, אָקט. 1902.

7. זע, אברהם טענענבוים, „געשיכטע פון יידן אין לאָדזש", 1909; „היינט" יובּילײ בוך (תרס"ה־תרפ"ח, 1908־1928) — די אַרטיקלען פון דר. י. שיפּער, מ. א. האַרטגלאַס, דר. פּ. ראַטנשטרייך, א. אַלפּערין א.א., דערהויפּט דעם לעצטנ'ס סטאַטיסטיקס וועגן דער „פּוילישער מאַנטשעסטער".
8. דאָרט — באריכות.
9. פּרטים ביי א. טענענבוים. זע אויך, ש. מילמאַן, אונזער רעגירונגס־פּאַראָרדנונג פון סעפּטעמבער 27, 1825; אין יאָר 1886, ווידערהאָלט די קריטיק קעגן יידישע טעקסטיל־פאַבּריקאַנטן, דורכן אָפיציעלן רוסישן וואַרשעווער רעגירונגס־אָרגאַן, „וואַרשאַווסקי דניעווניק". צוליב קיצור, גיבּן מיר ניט קיין סטאַטיסטיק פון ייד. אַרבעטער.
10. פאַרלאַג מתנות, ניו־יאָרק, 3־טע אויפלאַגע, 1951. וועגן לאָדזש, אינעם יזכור־בוך, ניו־יאָרק 1943, ז"ז 13־20.
11. וועגן דער יידיש־וועלטלעכער ליטעראַטור — אין א באַזונדער אַרבעט (נאָך אין מאַנוסקריפּט).

ב.

1. דזשאַן מילל, פּיאָנערן און בויער, באַנד 1, 1946, ז' 59; באַנד 2, ז"ז 9־6.
2. געזאַמלטע שריפטן, פאַרל. וועקער, ניו־יאָרק, 1952, ז' 81.
3. פראַנץ קורסקי, שמואל קאַהן, דאָרט, ז"ז 127־132.
4. דאָרט, ז"ז 9־71. וועגן אַרקאַדי און זיין תקופה; זע אויך, דזשאַן מילל'ס זכרונות און ב. וולאַדעק'ס שריפטן: מילל, באַנד 2, ז"ז 88־93; ז"ז 141־159. פּרטים און אַנטוויקלונגען, היסטאָרישע דאָקומענטן ביי קורסקי'ן.
5. זע, ב. וולאַדעק, אין לעבן און שאַפן, רעד. יעפים ישורין, פאַרווערטס אַסאָס., 1936, ז"ז 360־363. וועגן וולאַדימיר מעדעם, זיין כאַראַקטער און פּערזענלעכקייט איז לעצטנס געפירט געוואָרן א דיסקוסיע צווישן דעם העברייאישן דיכטער יעקב כהן און דעם יידישן דיכטער א. אַלמי. לויט דעם ערשטן איז ער געווען פּשוט, א משומד'ס זון . . . און לויט דעם צווייטן — אַן אידעאַליסט, דערהויבּענער און הומאַנישער געשטאַלט . . . זען: „היימיש" (רעד. מ. גראָסמאַן, נומ' 50־52) יולי־סעפּט. 1960; „פרייע אַרב. שטימע", נ.י. אָקט. 5, 1960.

ג.

1. זע: ש. לעהמאַן, אַרבעט און פרייהייט, וואַרשע, 1921; די לעקערט פּיעסן פון ה. לייוויק און א. קושנירעוו א.א.
2. „צוקונפט", 1904; „זכרונות און בילדער", אַרויסגעגעבן דורך ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבּליאָטעק, ציק"א, ניו־יאָרק 1954, ז"ז 139־152.
3. „דיא אַרבייטער שטיממע", פינפטער יאַרגאַנג, נומ' 27, יוני, 1902.
4. זיין ליד לכבוד 25 יאָר אַרב. רינג, האָט די פאָלגנדיקע ערשטע סטראָפן:

„מיר האָבן די היימישע פלאַמען
א פערטל יאָרהונדערט געהיט,
זיי האָבן אויך הינטער די ים'ען
פאַר אונז אַזוי ליב נאָך געגליט".

זע אויך, א. ש. זאַקס, די געשיכטע פון אַרב. רינג, 1892־1925, צוויי בענד, 858 ז"ז, מיט אינדעקסן און הוספות.
5. זען: בונד־אַרכיוו א.נ. פון פראַנץ קורסקי; מאָריס הילקוויט, די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן, צוויי טיילן, איבּערז. פון הלל ראָגאָף; הלל ראָגאָף, די געשיכטע פון „פאָרווערטס", גרינדונג און בלי־פּעריאָד; מלך עפּשטיין, געשיכטע פון אַרבעטער קלאַס אין אַמעריקע, איבערהויפּט 2־טן באַנד.
6. „די נייע וועלט", יולי 16, 1920. וועגן יענער תקופה, אין אַב. קאַהאַנס מעמואַרן, „בּלעטער פון מיין לעבן", ניו־יאָרק 1926, באַזונדערס ערשטער און צווייטער באַנד, וואו ער שילדערט אַזוי אויספירלעך סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן און בכלל שטיקער יידיש לעבן אין אַמעריקע.
7. אויך וועגן דער ראָל פון „בונד" אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יידיש און אין דעם פאָרשריט פון דער יידישער פּרעסע.

קאפיטל אַכט-און-צוואַנציק

ציוניסטישער סאָציאַליזם

אין דער זעלביקער צייט, ווען ס'איז אנטשטאַנען דער „בונד", איז אויך אנטשטאַנען די באַוועגונג פון ציוניזם-סאָציאַליזם, די פועלי-ציון און אַלע אירע פראַקציעס. דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער אָפּצווייג פונ'ם אַלגעמיינעם ציוניזם, אנערקענענדיק די ציוניסטישע קאָנצעפּציע, האָט אין איר סאָציאַליסטיש-נאַציאָנאַלן פּראָגראַם אָנגעגעבן די שטרעבונג צו האָבן אַן אייגן לאַנד, ארץ ישראל, וואָס זאָל זיין דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דעם גאַנצן יידישן לעבן. וויפיל רעזערוואַציעס, זיי זאָלן ניט געווען מאַכן וואָס שייך דעם יידישן לעבן אין די תפוצות און וואָס שייך דעם סאָציאַליסטישן צוגאַנג צום אויפבוי פון דער יידישער מדינה, האָבן זיי דאָך ניט געענדערט דעם סאַמע תוך, דעם סאַמע יסוד פון די ציוניסטישע ענד-צילן פאַר'ן קיום פון יידישן פאָלק.

א. פון העס ביז באָראָכאָוו. — די ערשטע תקופה. — די ערשטע טריט אין ענג־לאַנד און אין אַמעריקע. — די פּאָלטאַווער קאָנפע־רענץ. — נ. סירקין. — פון פועלי ציון ביז מפא"י.

מיר קענען זיך ניט אריינלאָזן אין פּרטים און פּרטי-פּרטים פון דער אידייע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אָדער ציוניסטישן סאָציאַליזם און זיין שייכות צום מארקסיזם און סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער פאָרגייער פון אָט דער אידייע, איז געווען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, משה העס (1812-1875), וועלכער איז דורך זיין ווערק, „רוים און ירושלים", געוואָרן דער אָנזאָגער פונ'ם נאַציאָנאַל-ראדיקאַלן פּאָליטישן ציוניזם. עס איז געווען דער גרונט-געדאַנק פון משה העס, אַז די יידישע עמאַנציפּאַציע איז פארבונדן מיט דער וועלט-עמאַנציפּאַציע און ביידע זענען ענג פארבונדן מיט דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג, מיט'ן סאָציאַלן יושר אנשטאַט די אָרדענונג וואָס איז באַזירט אויפ'ן קאַפּיטאַליזם.

העס, ווי די אנדערע ראדיקאַל-געשטימטע גייסטער אין דייטשלאַנד פון ערשטן העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט, האָט געזוכט אַן אָנהאַלט מיט'ן פּראָגרעסיוון טייל פון דער געזעלשאַפט, מיט'ן יונגן ארבעטער קלאַס. ער האָט אָבער, אנדערש פון מארקס'ען, געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן פּראָבלעם און געקומען צו די געדאַנקען וואָס ער דריקט אויס אין זיין „רוים און ירושלים"[1].

נחמן סירקין, איז געווען פון די ערשטע אין די ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם ארויסצוקומען מיט דער אידעאָלאָגישער פאָרמולירונג און פּראַקטישן וועג פאַר אָט דער נייער, סינטעטישער קאָנצעפּציע פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג

און סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין 1898, איז ער ארויסגעקומען אין דעם ווינער סאָציאַליסטישן זשורנאַל „דייטשע ווארטע" מיט א סעריע ארטיקלען וועלכע זענען שפּעטער ארויסגעגעבן געוואָרן ווי א בראָשור „די יידן־פראגע און די יידיש־סאָציאַליסטישע מלוכה" וועגן וועלכער בערל כצנלסון האָט געשריבן: „מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אז דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל אויף א סאָציאַליסטישער טריבונע דערהערט די שטים פון א ייד, וואָס באהאלט זיך ניט; וואָס פארווישט ניט זיין פּרצוף; וואָס רעדט ווי א ייד, ווי א גלייכער מיט גלייכע . . . וואָס אנטפּלעקט אָן רחמנות די וואונדן פון זיין נאַציע . . . וואָס רעדט אָפן וועגן זיין נאַציאָנאַלן שטרעבן . . . וואָס פאָדערט פאר זיין פאָלק דאָס רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט".

נ. סירקין האָט געגלויבט און איז געווען איבערציינגט, אין דער מעגלעכקייט מזווג צו זיין סאָציאַליזם מיט ציוניזם, צו שאַפן די הארמאָניע פון א יידיש לאַנד מיט א יידישער רעוואָלוציע. באהויכט פון העם'ס גערדאנקען איז ער געגאנגען א טריט ווייטער, ווייל די צייט איז געוואָרן רייפער פאר אָט די אידייען און ער האָט מנצח געווען סיי אין טעאָרעטישן או סיי אין פּראקטישן זין.

די דאָזיקע אידייען זענען אין אָנהויב אריינגעדרונגען אין רוסלאַנד, פּוילן ליטע און באלד זיך פארשפּרייט אין צענטראַל און מערב־אייראָפּע. דערנאָך אין ארץ ישראל און אמעריקע.

די ערשטע תקופה פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין ארץ ישראל — די תקופה פון פּועלי ציון נעמט ארום 15 יאָר, פון התרס"ד (1904) ביז התרע"ט (1919). די גרינדער פון דער פּועלי ציון באוועגונג אין ארץ ישראל זענען געווען חלוצישע עולים פון מזרח אייראָפּע.

די אָפיציעלע גרינדונג פון פּועלי ציון באוועגונג, אויף א וועלט־פארנעם, איז פאָרגעקומען אין פעברואר, 1906, אין פּאָלטאַווע. פאר דעם, מיט 5־6 יאָר פאר דער פּאָלטאַוועער קאָנפערענץ, האָט שוין עקזיסטירט דאָ און דאָרט א גרופּע פּועלי ציון, אזוי אין רוסלאַנד, אזוי אין פּוילן און אזוי אין גאַליציע. יעדע גרופּע האָט אָבער געהאַט איר פּראָגראַם און ניט געווען פארבונדן איינער מיט דער אנדערער.

אין פּאָלטאַווע זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פון'ם בנין: פּועלי ציון — באָראָכאָוויזם און עס איז פאָרמולירט געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

פון די, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין יענער היסטאָרישער קאָנפערענץ, האָבן בלויז דריי דערלעבט צו זען די פארווירקלעכונג פון זייער טרוים: מדינת ישראל און הסתדרות. זיי זענען: יצחק בן צבי, נשיא ישראל; זיין לעבנס־באַגלייטערן, רחל ינאית און יעקב זרובבל, פאָלקס־טריבון, וועטעראַן און לערער פון באָראָכאָוויזם.

יצחק בן צבי ווי אַ חבר פון בער באָראָכאָוו, איז געווען איינער פון די וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די באַרימטע פּועלי־ציוניסטישע דעקלאַראַציע „אונזער „פּלאַטפאָרמע” און ווען ער איז געקומען אויף צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, אין יאָר תרס״ז (1907), האָט ער געזוכט צו פאַראייניקן די צוויי עקזיסטירנדיקע אַרבעטער גרופּעס „צעירי ציון־הפועל הצעיר” און „פּועלי ציון” (ביידע געגרינדעט אין פּתח תקוה סוף זומער תרס״ה (1905) און ביי דער יפוער קאָנפערענץ י״ט־כ״ד טבת, תרס״ז איז באַשלאָסן געוואָרן גוטצוהייסן די פּלאַטאַוער „פּלאַטפאָרמע”; דערמיט איז באָראָכאָוויזם גוטגעהייסן געוואָרן פאַר די ארץ ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט.

אין ענגלאַנד, איז די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אויפגעקומען כמעט אין איין צייט,מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין די יאָרן 1898־1899.

איינער פון די שטאַרקסטע פּראָפּאַגירער פאַר דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, איז געווען ווי געזאָגט דר. נחמן סירקין (געבוירן אין מאָהילעוו, 1867; געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, ח׳ אלול, 1924). ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס אויפ׳ן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, אין די טעג פון 28־טן ביז 31־טן אויגוסט, 1898, איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן אַ פּראָגראַם פאַר ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט. 23 דעלעגאַטן (צוויי פון ענגלאַנד), האָבן ביי יענעם קאָנגרעס געפאָדערט ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַקטיוו. צווישן דער דעלעגאַציע מיט סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אנשויאונגען האָבן זיך געפונען אַזעלכע שוין דאַן באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, ווי ש. ר. לאַנדוי, בערנאַרד לאַזאַר, מ. עבנער און אַנדערע. די באַוועגונג איז אַרויסגעקומען אויף די ברייטע שליאַכן פון יידישן אַקטיוו און איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט אַלץ פאָראויס, סיי וואָס שייך אידעאָלאָגישן איינשטעל און סיי וואָס שייך אָרגאַניזאַציע.[3]

רחל ינאית־בן צבי גיט איבער אין אירע זכרונות וועגן דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פּועלי ציון, וועגן די פאַרשיידענע גרופּירונגען פאַר דער קאָנפערענץ: „ציוניסטן־סאָציאַליסטן”, „סיימיסטן”, „בלויע פּועלי ציון” און „רויטע פּועלי ציון” און די דערגרייכונגען אויף דער קאָנפערענץ (מערץ, 1906) אין פּאָלטאַווע. לויט איר אָפּשאַצונג, איז די קאָנפערענץ „פאַרגעקומען אין פּאָלטאַווע צוליב דעם מאָטיוו: אין אַזאַ קרייז־שטאָט, וואו אַ סך רעוואָלוציאָנערן פון אַנדערע שטעט זענען פאַרטריבן געוואָרן, וועט די מאַכט נישט פאַרדעכטיקן אַזוי שטאַרק”.[4]

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, איז אָפיציעל באַשטימט געוואָרן, דער אידעאָלאָגישער איינשטעל פון דער נייער באַוועגונג, אַ רעוויזיע פונ׳ם מאַרקסיזם! נאָך מער: אַן אַפּלייקענונג פון די מאַרקסיסטישע הויפּט־טעזן, וואָס שייך דעם קלאַסן־סטרוקטור, קלאַסן־קאַמף און נייע יידיש־ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראָגנאָז צום יסוד־בנין פון מאַרקסיזם; די אַנערקענונג פון הערצליאַנישן

פּאָליטישן ציוניזם — די רעוואָלוציאָנערסטע אידייע פון יידן שטאַט, אינ׳ם לאַנד פון די אָבות, זאָל געשאַפן ווערן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז הערצל, אין זיין „יידנשטאַט", רעדט שוין וועגן א זיבן שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג. ער זעט פאָראויס, אַז אַ נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג, וועט זיין אין דער יידישער מדינה — זיבן שעה . . .

„איך בין איבערצייגט—שרייבט ער—אַז דער זיבן־שעה׳דיקער אַרבעטסטאָג איז רעאַליזירבאַר" . . .

ער זעט אפילו אין דער פאַנטאַזיע, אַן אַרבעטסטאָג פון פינף שעה.

יענע קאָנפערענץ האָט גוטגעהייסן אַ פּראָגראַם פון יידישער זעלבסט־איניציאַטיוו און שעפערישקייט, ווי אַ קולמינאַציע־פּונקט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פונ׳ם יידישן רענעסאַנס; פון רעאַליזיר־מעטאָדן צו די אידייען פון אַ משה העם; סינטעז פון ציוניזם און סאָציאַליזם אויף אַ פּראַקטיש־דינאַמישן אופן.

אָבער שוין דאַן, האָבן זיך אָנגעהויבן די אידייאישע קאַמפן אינערהאַלב דער דאָזיקער פּועלי ציוניסטישער באַוועגונג: די באָראָכאָוויסטישע און סירקיניסטישע. די ערשטע אַ מער־מאַרקסיסטישע וואָס זעט אין ציוניזם, אַ היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט און אַז די ראָלע פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס באַשטייט „אין אויסברייטערן זיינע האָריזאָנטן און פאַרוואַנדלען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין אַ סטראַטעגישע באַזע אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם . . . "[5].

סירקין — דאַקעגן האָט געהאַלטן אַז אַלע יידישע קלאַסן זענען שותפים אין דער וויזיע פון אויסלייזונג און פון דער יידישער מדינה . . . ער האָט געשטעלט דעם עיקר יסוד וואָס שייך דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אידעאַל אויף די לערעס פון די נביאים[6] — אַ „יידיש לאַנד איז נייטיק ניט נאָר כדי צו נאָרמאַליזירן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק, עס איז אויך נייטיק כדי צו פאַרוואַנדלען אין וואָר די אוניווערסאַלע וויזיעס פון די נביאים וואָס זענען פּונקט אַזוי אין גלות ווי יידן גופא זענען אין גלות.

„דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם — האָט סירקין געהאַלטן—פאָדערט מער ווי די דירעקטע קאָנפראָנטאַציע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אומאויפהערלעכן קאַמף. היות די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ישראל קאָן זיך ניט שטיצן ניט אויף מלוכה־בורזשעטן און נישט אויף דער אינוועסטירונג פון פּריוואַטע קאַפּיטאַלן, קאָן זי פינאַנצירט ווערן נאָר דורך נאַציאָנאַלע יידישע קאַפּיטאַלן — דאָס הייסט, דורך די פאָנדן וואָס יידן פון דער גאָרער וועלט גיבן דורך די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אויף בנין הארץ. אָט די פאָנדן ווערן נישט געגעבן מיט דער כוונה וועמען עס איז פּערזענלעך רייכער צו מאַכן . . . זיי ווערן געגעבן לטובת הכלל . . . דאָס

שאפט פאר דעם יידישן ארבעטער די מעגלעכקייט צו שפילן זיין ראָלע אין דעם פּראָצעס פון נאציאָנאלן ווידערגעבורט . . . ״

בער באָראָכאָוו (ז׳ תמוז תרמ״א-1881; טבת תרע״ה-1917) דריקט זיך אוים וועגן יידישן נאציאָנאליזם[7]:

„די יידן ... וועלן לייטן דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַליזאַציע (מיין קורסיוו—נ.ש.) אין לאַנד און וועלן דאָרט זיין די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּראָדוקציע. די נאַציאָנאַלע קאָמפּאַקטקייט פון דער יידישער אימיגראַציע וועט שאַפן אַ באָדן פאַר אַן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיקער געזעלשאַפט, וועלכע וועט פאַרשלינגען די אָרטיקע באַפעלקערונג . . . אין לעצטן סך־הכל וועט זיך אין פאַלעסטינע שאַפן אַ נאַציאָנאַלע מערהייט (פון אידן און אַסימילירטע פעלאַכן) און אומבאַדייטנדע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און די באַציאונגען צווישן זיי וועלן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן רעגולירט ווערן לויט די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע״.

באָראָכאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע צו דערקלערן דעם סאָציאַלן אינהאַלט, טענדענץ און טרייב־קראַפט פון יידישן לעבן, דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אונזערן, ווי דעם יידישן מענטשלעכן סינטעז, באַזירט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון דער יידישער היסטאָרישער דינאַמיק און די כוחות, וואָס פירן די זעלבסט־עמאַנציפּאַציע אויף אַ פאָלקאָמענער שטופע.

שרייבן מיר נישט די געשיכטע פון פּועלי ציון און אירע ריכטונגען. מיר ווילן בלויז דערמאָנען, אַז ניט לייכט איז עס אָנגעקומען די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, אַריינצודרינגען מיט זייערע אידעאָלאָגיעס צווישן די ברייטע יידישע מאַסן.

שווערער, אַפילו פון „כל התחלות קשות״, איז עס די פּועלי ציון און זייערע פראַקציעס פון רעכטס, לינקס און צענטרום, אָנגעקומען צו געווינען יידישע אַרבעטער זיי זאָלן קומען אין זייערע רייען און נאָך שווערער צו קריגן די געהעריקע אַנערקענונג אין די ציוניסטישע ספערן[8].

ביי דער „פּאַראייניקונג־קאָנווענשאָן״, (ווי דער צונויפפאָר אין שיקאַגע, 1903, ווערט גערופן) איז די פּועלי ציון אין אַמעריקע אַרויסגעקומען מיט אַ פּראָגראַם אויף אַ ברייטן שטח פון אַקטיוויטעטן, וואָס האָט געדאַרפט אַטראַקטירן דעם יידישן פאָלקס־מענטש אין אַמעריקע. דער פּראָגראַם שליסט איין אויך די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין די גלות־לענדער, ווי נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, דאָס אויפהייבן דעם קולטור־מצב פון די יידישע מאַסן, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט ביידע שפּראַכן: יידיש און העברעיאיש א.א״וו. דער פּועלי ציוניזם אין אַמעריקע איז געוואָרן איינע פון די יידיש־פעסטונגען. נישט אַכטנדיק די געגועים נאָך העברעיאיש, איז יידיש געוואָרן די אָפיציעלע שפּראַך ביי אַלע פאַרזאַמלונגען און אויך אין די שולן מטעם הפּוע״צ.

ס'האָט לאַנג גדויערט און די פירער האָבן לאַנג גערארפט קעמפן, ביז זיי זענען אָנערקענט געוואָרן. פאַר דעם אַלגעמיין־ציוניזם זענען זיי געווען סאָציאַליסטן און פאַר דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליזם — ציוניסטן.

דאָס האָט גורם געווען צו אומאויפהערלעכע אינערלעכע אידייען־געראַנגלענישן, שאַרפע קאָנפליקטן און צעטיילונגען. דער פאַקט איז, אַז שוין אַזוי ווייט ווי אין יאָר 1915, בעת'ן ערשטן קריגס־אויסברוך, האָט די פועלי ציון פאַרמאָגט קוים א 700 מיטגלידער און דער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד — א 2,000 חברים.

ערשט אין צייט פון קריג, ווען די גדולים פון דער וועלט־באַוועגונג, די טעאָרעטישע און פּראַקטיש־אָרגאַניזאַטאָרישע פירער, האָבן געוואוינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט די באַוועגונג געמאַכט פאָרשריט.

צווישן די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין אַמעריקע געפינען מיר אין יענעם פּעריאָד: בער באָראָכאָוו, נחמן סירקין, יצחק בן צבי, דוד בן גוריון, יעקב זרובבל, שלמה קאַפּלאַנסקי, אַלכּסנדר חישין, ברוך צוקערמאַן און אַנדערע. זיי האָבן געשטאַרקט די באַוועגונג כלפּי פנים און כלפּי חוץ.

איינע פון די סיבות וואָס האָט געפירט צום וואוקס פון פועלי ציוניזם אַלס וועלט־באַוועגונג, איז געווען די עליה ב', וואָס האָט מיט זיך געבראַכט די אָרגאַניזירונג פון קבוץ־לעבן אין לאַנד, חלוציזם און דעם וואוקס פון דער „הסתדרות", ווי מיר וועלן עס ווייטער זען.

אָנגעהויבן מיט די „דגניות" (דגניה א' איז די מוטער פון די קבוצות און דגניה ב', די שוועסטער קבוצה) און באַלד זיך פאַרשפּרייט חלוצישער ברען, חלוצישער עקשנות פון אומקאָמפּראָמיסלעכן אידעאַליזם פון „לבנות ולהבנות" (בויען און זיך אַליין איבערבויען) — א לעבן ווי עס האָט געלערנט און פּראַקטיצירט א.ד. גאָרדאָן (1922־1856) און די דערצויגענע גאָרדאָניסטן וועלכע האָבן אַלע עטאַפּן פון דער ארץ ישראל ווירטשאַפט מיטגעמאַכט.

ווען מען רעדט וועגן אידעאַליזם אינ'ם קיבוץ־לעבן, טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער צווייטער עליה וועמעס אויפטו איז בעיקר געווען — דער איבערבוי פון דעם יידישן מענטשן.

די ערשטע עליה, די אַזוי־גערופענע בילו'אישע, איז געווען גרויס און מיט ניט ווייניק אידעאַליזם. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם ערשטן שריט פאַר כיבוש האדמה אינם הייליקן לאַנד. די צווייטע עליה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט כיבוש העבודה — און זי האָט געלייגט דעם חותם אויפ'ן ישוב און אויף דער מדינה . . . זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם מענטשן־איבערבוי, די מאָדערנע פּראָלעטאַריזאַציע וואָס איז דאַן געווען א נויטיקייט, לויט דער נייער צייט, די צייט פונ'ם וואוקס פון פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער.

עס איז געווען די צייט, ווען יידן האָבן געזוכט מעגלעכקייטן זיך אַרויסצורייסן פון די פּעריפעריע־צווייגן פון דער ווירטשאַפט וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אין מערב, מזרח־אייראָפּע און אין אַמעריקע. יידן האָבן מער ניט געוואָלט בלייבן קאָנצענטרירט אין די טיפּישע שוויץ־וואַרשטאַטן איזאָלירט פון גרויס־אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער יידישער אַרבעטער האָט זיך געריסן פון געטאָ און פון דאָרט ניט געקענט אַרויס.

געפונען זיין אָרט האָט ער אין ארץ ישראל.

מיר האָבן ביז איצט זיך באַקענט מיט דער אַנטשטייאונג — אויף דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרענע — פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, פון וועלכע ס'האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעשיילט אין אַ פאַרצווייגטקייט:

ב. די פראַגע פון „כבוש העבודה". — ווען דאָס איז געווען אַן אַנגעווייטיקטע פראַגע. — פאַרשאַרפטע פּראָבלעם. — אַראַבישע אַרבעטער און יידישע אַרבעטס־געבער. — וואָס א. ד. גאָרדאָן האָט געטראַכט וועגן דעם. — די חסדי השם מיט מדינת ישראל. — די ראָלע פונם אַרבעטער.

רעכטע פּועלי ציון וועלט־באַוועגונג, לינקע פּועלי ציון (היינטיקע אחדות העבודה) באַוועגונג, השומר הצעיר, חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, הסתדרות, פאַרבאַנד און נאָך און נאָך מיט ווייט־גרייכנדיקע פּראָגראַמען, פאָרמולירטע ביי די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

אין ארץ ישראל גופא, זענען געמאַכט געוואָרן פּיאָנערישע אָנשטרענגונגען פאַר אַ דינאַמישן פּראָגראַם, מיט אַנטשלאָסנקייט פאַר דער וואונדערלעכער טראַנספאָרמירונג פון דעם פיזישן און סאָציאַלן מדבר, אין אַ בליענדיק לאַנד מיט כל־טוב. גלייכצייטיק, זענען געלייגט געוואָרן די יסודות, אויסצובוייטערן און קאָנסאָלידירן די ניי־געשאַפענע געזעלשאַפט און אויפצוהאַלטן דעם סאָציאַלן גלייכגעוויכט, אַזוי אויף די לאַנדווירטשאַפטן און אַזוי צווישן די שטאָטישע תושבים.

איינע פון די פּראָבלעמען איז געווען: כ ב ו ש ה ע ב ו ד ה.

די פראַגע פון „כבוש העבודה" („די דערלאָבערונג פון דער אַרבעט") איז אין און אַרום ארץ ישראל, פאַר אַ צייט געווען די אָנגעווייטיקסטע פראַגע. אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן, ווען דער ציוניזם האָט אָנגענומען אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישן כאַראַקטער, איז די פראַגע אַרויפגעשוואומען, באַלד נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען עס האָט זיך געשאַפן אַ מאַסן־איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל. די פראַגע איז אין די דרייסיקער יאָרן נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב די דאַן נייע אַנטוויקלונגען אין ארץ ישראל.

אַ סך פון אונזערע פירער און סאָציאַלע דענקער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז יידישע אַרבעטער האָבן דאָס רעכט, צו פאָדערן און דורכפירן אַז

די יידישע אונטערנעמונגען זאָלן באַשעפטיקן בלויז יידישע אַרבעטער. אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זענען פריער עקספּלואַטירט געוואָרן און געהאָלפן די יידישע אונטערנעמער באַקומען זייער קאַפּיטאַל, טאָרן נישט אַרויסגעשטויסן ווערן פון דער אַרבעט. בעסער געזאָגט, אַזוי ווי די אַראַבער זענען די „נייטיווס", די דאָרטיקע געבוירענע, זענען זיי באַרעכטיקט צו יידישע אַרבעט. דאָס אַלץ איז אַרומגערעדט געוואָרן פון דעם עטישן שטאַנדפּונקט, פון אַבסטראַקטן יושר צי איז „חייך קודמין לחיי חברך" צי ניט; צי מוז מען פריער פאַרזאָרגן די יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן ניט בלייבן אַרבעטלאָז דורך באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער; אָדער, די אַראַבער, די איינוואוינער פון לאַנד האָבן דאָך על כל פּנים אַ רעכט צו ווערן באַשעפטיקט אין יידישע אונטערנעמונגען, נישט קוקנדיק דערויף וואָס דורך די אַראַבישע אַרבעטער ווערן די שכירות רעדוצירט, די אַרבעט אומאָרגאַניזירט, און יידישע קאַפּיטאַליסטן קענען אויסנוצן די געלעגנהייט פאַר מער עקספּלואַטאַציע.

די פראַגע איז אויך געווען צי נאָר צו נאַציאָנאַלע אַרבעט וואָס קומט פון נאַציאָנאַלע פאָנדן פון יידישן פאָלק, זענען די יידן באַרעכטיקט ניט צוצולאָזן קיין פרעמדע אָדער אַפילו צו פּריוואַט קאַפּיטאַל דאַרף מען זען עס זאָלן נאָר באַשעפטיקט ווערן יידישע אַרבעטער.

ווען די דאָזיקע פראַגע וואָלט נאָר געווען אַ ר י י ן עטישע און אַבסטראַקטע וואָלט זיך אפשר גאָר ניט געווען געלוינט אַזוי פיל אַריינצוטראַכטן. די פראַגע איז אָבער דאָן געווען מער ווי אַן עטישע — עס איז געווען אַ פּראַקטישע סאָציאַלע פראַגע, און ווייל די פראַגע איז געווען אַ פּראַקטישע און איז אַזוי קאָמפּליצירט האָט זיך דאָן אַ סך געטאָן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דאָס וואָרט „כבוש" אָדער „דעראָבערונג" קלינגט אַ ביסל צו קריגעריש, צו מלחמה־מעסיק. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די אויפגאַבע פון די יידישע אַרבעטער אָדער „הסתדרות" (געווערקשאַפטן) איז, ניט צו דערלאָזן די אַראַבישע אַרבעטער צו אַרבעטן ביי יידישע אונטערנעמער. פאַקטיש אָבער, האָבן די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל זייער קאַמף געפירט ניט פאַר דער דעראָבערונג פון אַרבעט נאָר פאַר דער רעכט אויף אַרבעט.

דאָס ווייזט זיך אַרויס, ווען מיר באַקענען זיך מיט די אומשטענדן און באַדינגונגען אין וועלכע דער יידישער אַרבעטער האָט זיך דאָן געפונען. לאָמיר דאָס אַנאַליזירן אין קורצן:

1) דער אַראַבישער אַרבעטס־מאַרק ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל ניט זיין, איז געווען פאַקטיש פאַרשלאָסן פאַר דעם יידישן אַרבעטער. דער אַראַבישער אַרבעטס־געבער האָט ניט גענומען קיין יידישע אַרבעטער: ערשטנס צוליב דעם אַראַבישן באָיקאָט אויף יידישער אַרבעט, און צווייטנס (אפשר איז דאָס

געווען די הויפּט־סיבה), צוליב דעם וואָס דער אַראַבישער אַרבעטס־געבער איז געוואוינט געווען צו צאָלן אַזאַ קלענלעכן לוין, אַז דער יידישער אַרבעטער מיט זיין העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד, האָט זיך ניט געקענט דערמיט באַנוגענען.

2) דאָס זעלבע האָט געקענט געזאָגט ווערן בנוגע די רעגירונגס־אַרבעטן. די רעגירונג (בריטישער מאַנדאַט) ווי אַן אַרבעטס־געבער האָט געזוכט וואָס ביליקערע אַרבעטס־הענט. זי האָט דעריבער גיכער אָנגעשטעלט אַראַבישע אַרבעטער איידער יידישע . . .

3) געבליבן איז פאַר דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל בלויז דער אָרטיקער יידישער אַרבעטס־מאַרק. דער יידישער אַרבעטער האָט געמוזט ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק זוכן אַרבעט ביים יידישן אונטערנעמער. איז אָבער דער יידישער אַרבעטס־געבער, אפילו דער ארץ ישראל'דיקער, וואָס איז אַהין געקומען לשם אידעאַל קיין סך ניט בעסער געווען פון אַלע אַנדערע אַרבעטס־געבער און געזוכט ביליקע אַרבעט צו פאַרגרעסערן זיינע פּראָפיטן. דעם אידעאַל זיינעם, דעם ציוניסטישן פּאַטריאָטיזם האָט ער אוועקגערוקט אין אַ זייט און האָט גענומען דעם אַראַבישן אַרבעטער, בכדי זיך שנעל אַרויפּאַרבעטן און ווערן אַ יידישער „פּריץ" . . .

דער אייגענער „איך" איז ביי אים געווען פריער ווי דער נאַציאָנאַלער, און האָט זיך גאַנץ ווייניק צוגעהערט צו דעם מוסר, מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז דאָס פּריצישקייט זיינס איז אַן אומגליק פאַר'ן יידישן אויפבוי, אַז אַ לאַנד פון לויטער פּריצים קען קיין קיום ניט האָבן . . . דער יידישער אַרבעטס־געבער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אויב מען וויל בויען אַ נייעם יידישן לעבן מוז עס געבויט ווערן אויף דעם פונדאַמענט פון יידישער אַרבעט. דעם יידישן אַרבעטער, וועלכער האָט נישט באַקומען קיין אַרבעט ביים אַראַבער, און אויך ניט ביי דער רעגירונג, און נישט געקענט אַרבעטן אונטער די באַדינגונגען פון אַראַבישן אַרבעטער, אים איז אויסגעקומען צו קעמפן פאַר זיין רעכט אויף אַרבעט — בעסער געזאָגט — אויף בעסער באַצאָלטער אַרבעט.

די מעטאָדע פון קאַמף, די מיטלען און צוגאַנג צו דעם דאָזיקן קאַמף זענען געווען ניט אויסגעהאַלטענע.

ווי באַוואוסט, איז אומעטום וואו עס געפינען זיך צווייערליי אַרבעטער און איינער קאָנקורירט מיט'ן צווייטן, ברענגט עס צו אַ פאַרקלענערונג פון אַרבעטער־לוין. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אין צייט ווען עס איז דאָ אויפ'ן אַרבעטס־מאַרק אַרבעטס־הענט פון צוויי מדרגות, טייערע און ביליקערע, דאַן וועט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל ניט קוקן אויף קיין מוסר און אַגיטאַציע און נעמען די ביליקערע.

די לאָזונג פון „כבוש העבודה" האָט דעריבער דאַן ניט געטאָן קיין גרויסע

טובה דעם יידישן אַרבעטער. דאָס האָט גאָר פאַרשטאַרקט די קאָנקורענץ צווישן די אַראַבישע און יידישע אַרבעטער.

די לאָזונג פון „כבוש העבודה" האָט דאַן פאַרשאַרפט די שלעכטע באַציאונגען צווישן אַראַבישן און יידישן אַרבעטער, געשטויסן אומדירעקט דעם אַראַבישן אַרבעטער, אין די אָרעמס פון דעם אַראַבישן עפענדי, וועלכער האָט באַקומען די בעסטע כלי זין אין זיינע הענט, פאַר אַגיטירן שנאה צו יידן, קעגן יידישע איינוואַנדערונג און צו פּאָגראָמען אויף יידן.

אנשטאַט דערנענטערן דעם אַראַבישן האָרעפּאַשניק צו דעם יידישן, האָט אַזאַ טאַקטיק גורם געווען צו דערווייטערן אים. אנשטאַט לעשן די פלאַמען פון ראַסן־העצע און שאָוויניזם האָט דאָס געבראַכט נאָך ברען־מאַטעריאַל צו דער אַזוי אויך גענוג צעגליטער נאַציאָנאַלער העץ־אַטמאָספערע אין ארץ ישראל.

אז מען דאַרף זוכן די דערנענטערונג צווישן די אַראַבישע און יידישע מאַסן האָבן דאָך אַלע פון דער פּועלי־ציוניסטישער שולע אַגיטירט. דאָס אַליין איז דאָך געווען אַן אידעאַל, אַ פּרינציפּ צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון ביידע קלאַסן.

א. ד. גורדון, האָט צוליב דעם געוואָרנט און אַפּעלירט צו שאַפן באַדינגונגען, פאַר אַ פאַראייניקטער יידישער און אַראַבישער נאַציאָנאַלער מדינה. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן און אַראַבער דאַרפן צווישן זיך לעבן בשלום איינער מיט'ן צווייטן.[1]

די פּאָלעמיקס אין צייט פון עליה ב' צווישן די עולים־פּיאָנערן, איז געווען צי מ'זאָל זיך פאַרנעמען אויפן וועג פון „כבוש הקרקע" (ערד־דעראָבערונג) אָדער כבוש העבודה" (אַרבעט־דעראָבערונג). אין דער פּאָלעמיק זענען געהערט געוואָרן רייד פון די צוויי יוסף'ס: וויטקין און אהרונוביץ; אויך מ. סמיליאַנסקי און טורקעניץ — אָבער אַלע האָבן געקוקט אַרויף צו א. ד. גורדון, בערל קאַצענעלסאָן, א. ח. ברענער.

א. ד. גאָרדאָן איז געווען ווייט פון מאַרקסיזם, ער האָט ניט געהאַלטן פון אַ רעוואָלוציאָנערער ענדערונג אין דער געזעלשאַפט, אַז נאָר אין דער יסודות'דיקער ענדערונג פון דער געזעלשאַפט, איז אָפּהענגיק די פרייהייט און קלאַסנלאָזיקייט פון דער מענטשהייט. ער האָט געהאַלטן אַז די אויסבעסערונג אין דער געזעלשאַפט, קאָן קומען אויף אַ נ א ט י ר ל ע כ ן אופן, דורך באַהעפטן זיך מיט דער נאַטור — אָבער וועגן דעם ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

אַ דאַנק די חסדי השם, האָט דער ציוניזם מצליח געווען און „כבוש העבודה" ווי אַ קאָנקורענץ מיט'ן אַראַבישן אַרבעטער איז אַראָפּ פונם טאָג־אָרדנונג. דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל האָט אנערקענט די גערעכטיקייט פון די יידישע פּאָדערונגען און עס איז מקוים געוואָרן „ציון במשפט תפדה". די מאָדערנע

חלוצי העבודה זענען געוואָרן די חלוצי הצבא, און אין א געוויסן זין נאָכגעפאָלגט די ווערטער סונ׳ם דיכטער[2]:

„בדם ואש יהודה נפלה
ובדם ואש יהודה תקום"

(אין בלוט און אין פייער
איז יהודה געפאַלן: אין בלוט
און אין פייער וועט יהודה
אויפשטיין).

די ארץ ישראל ארבעטערשאַפט און די ארץ ישראל קאָלאָניסטן האָבן די נייע אויפגאַבע באַנומען ווען זיי האָבן געדאַרפט דורך בלוט און קאַמף דעראָבערן דאָס לאַנד, א כבוש הארץ וואָס איז אומפאַרגלייכלעך אין דער מאָדערנער געשיכטע פון פעלקער. די קבוצות און בכלל חלוצישע ישובים האָבן דערפילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל אין דער מלחמה קעגן די אראַבישע מדינות סיי אין באַשטימען די גרעניצן און סיי אין זייער פאַרטיידיקונג[3].

א דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון אָט די פּיאָנערן, האָט דער חודש „זיו" אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, אַנטפּלעקט דעם גלאַנץ און שיין פאַר׳ן יידישן פאָלק.

ה׳ אייר האָט געבראַכט די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל און געוואָרן דאָס וואונדערלעך באַצויבערנדיק וואָרט, א יום־טוב פאַר יידן אין דער מדינה און אויסער דער מדינה.

ג. בער באָראָכאָוו.— וואָס שטעלט מיט זיך פאָר באָראָכאָוויזם. — אידייאישע געשטאַלטונג. — רעליגיע.

וועגן בער באָראָכאָווין איז גאָר א סך געשריבן געוואָרן און ס׳איז כמעט ניט איבערגעלאָזט געוואָרן א „מקום להתגדר" . . . אזוי וועגן זיינע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע טעאָריעס און אזוי וועגן זיינע פילאָלאָגישע, ליטעראַרישע און לינגוויסטישע פאָרשונגען. גאָר לעצטנס, איז דערשינען א בוך וועגן „זיין לעבן און זיין שאַפן" פון זיינעם א תלמיד־נאָכפאָלגער משה מענאַכאָווסקי[1]. דער מחבר באַמיט זיך אונז צו געבן א קלאָר בילד, סיי פון זיין פּערזענלעכקייט, און סיי פון זיינע וויסנשאַפטלעכע, אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען.

באָראָכאָוו איז געווען צווישן די געציילטע, וועמעס נאָמען, ווערט דערמאָנט מיט כבוד און חשיבות, אפילו פון די וואָס האָבן „אָפּגענויגט" פון זיינע אַנאַליטישע אויספירן. אייניקע פון זיינע כתבים, האָבן אפילו דערגרייכט פּאַרטיי־קאַנאָניזאַציע.

אינטערעסאַנט איז, אַז זיין טעטיקייט האָט אינגאַנצן געדויערט אַ סך־הכל פון פופצן יאָר, (אָנהייבנדיק אין עלטער פון 21 יאָר און פאַרענדיקט אינ׳ם עלטער פון 36 יאָר) און אַזויפיל דערגרייכט אין זיין שעפעריש לעבן.

אינ׳ם קורצן שפּאַן פון זיין לעבן, איז ער געווען ניט בלויז דער טריבונער־מענטש אויף פּאַרטיי־צוזאַמענקונפטן; נאָר אויך, דער סאָציאָלאָג, פילאָלאָג, פאָרשער, ליטעראַט און טיף־דיינקערישער לערער פון אַ דור יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָט דורכגעמאַכט וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס, באַלפור־דעקלאַראַציע, חורבן פון אייראָפּייאישן יידנטום און דעם אויפבוי פונ׳ם גרויסן ווערק — מדינת ישראל.

ער האָט באַוויזן געניאַלקייט, סיי אַלס פירער פון אַ באַוועגונג און סיי אַלס וויסנשאַפטלער. זיין גייסטיקער איינפלוס, האָט ארומגענומען דעם פועלי ציוניזם, מיט אַלע זיינע אָפּצווייגונגען אין תפוצות ישראל און אין ארץ ישראל.

וואָס איז געווען זיין חידוש?

אַלע שטעלן זיך אָפּ אויף אָט דער פראַגע און גאָר באַזונדערס, מ. מענאַכאָווסקי, וועלכער איז „מיט זיין גאַנצן וועזן צוגעבונדן צום באָראָכאָוויזם״[2].

ער שטעלט זיך אָפּ גאָר באַריכותדיק וועגן דעם אויפטו און באַדייט פון דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ (פעברואַר 1906) און די ערשטע יאָרן נאָך דער דאָזיקער יסודותדיקער קאָנפערענץ, אָבער דערעיקר, וועגן דעם „גאון פון פּאָלטאַווע״, ווי באָראָכאָוו ווערט טיטולירט.

באָראָכאָוו, ווי די אַנדערע סאָציאַליסטן, נעמט אַריין די מאַרקסיסטישע מעטאָדע אין זיין פאָרשונג און אויף אַ מאַרקסיסטישן אופן, אַנאַליזירט ער די פּראָדוקציע־פּראָצעסן ביי פאַרשיידענע פעלקער. ער איז אַ מאַרקסיסט אין דעם זין, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון אַ פאָלק זענען זיינע הויפּט־כוחות. אין צוגאָב צום מאַרקסיזם איז ער איבערצייגט, אַז אויף דער טעריטאָריע פון אַ פאָלק, איז קאָנצענטרירט זיינע מעגלעכקייטן און ער קומט צום אויספיר, אַז קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלער קאַמף האָבן אַ דירעקטע שייכות איינער צו דער אַנדערער. דערמיט טראָגט ער אַריבער דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק אין די ראַמען פון ציוניסטישן סאָציאַליזם — אַז נאָר אויף אייגענער טעריטאָריע וועט דער יידישער אַרבעטער דערגרייכן זיינע צילן, ווי ער ברענגט עס אַרויס אַזוי קלאָר אין זיין אַרבעט „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק״.

ער נעגירט ניט די ראָלע פון די אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; ער ווייזט אָבער אָן, ווי זייער ראָל איז בלויז אַ ציטווייליקע, בעת די פועלי־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע פאַראייניקט סינטעטיש און אויף אייביק די סאָציאַליסטישע צילן מיט ציוניזם: צילן פון אַ יידישע מלוכה, יידישן אקעראייזן, יידישן דאַמף־מאַשין, יידישע אינדוסטריע אאַ״וו א״וו. ער איז מזווג די ציוניסטישע יידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען מיט סאָציאַליסטישע.

דעם דאָזיקן טעאָרעטישן איינשטעל און אידייאישן קרעדאָ, האָט ער שוין פאַרפיקסירט אין „אונזער פּלאַטפאָרם", „די קלאַסן אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע" און אין אַנדערע ווערק. ער היט די אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישע פּרינציפּן מיט דער פאַרשמעלצונג פון דער רעוואָלוציאָנערישקייט און דינאַמישקייט פון פּאָליטישן ציוניזם.

ער פאַרוואַרפט די אַלט־אינדיווידועלע קאָנצעפּציע פון מענטש און וועלט און האַלט זיך ביים מאַרקסיסטישן וועלט־באַנעם אָבער נאָך דער אַנאַליטישער צעגלידערונג פון יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם, אָפּעריר נדיק מיט די היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס, זעט ער, די איינציקע לייזונג פון דער „יידן־פראַגע" דורך אַן אייגענער טעריטאָריע, דורך דער שאַפונג פון אַ נאָרמאַלן יידישן אַרבעטער וואָס קאָן, צוליב געאָגראַפישע און פּסיכאָלאָגישע סיבות, געשאַפן ווערן בלויז און נאָר אין ארץ ישראל. זיין נאָמען איז דעריבער געוואָרן אומצעשיידבאַר פון׳ם פּועלי־ציוניזם.

„די יידן־פראַגע, האַלט ער, קען געלייזט ווערן נאָר דורך פאַרבינדונג פון געזונטן גלות־לעבן מיט אַ געזונטן צענטער אין דעם אייגענעם לאַנד . . . אָן ציוניזם איז נישטאָ קיין געזונטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, אָבער אָן דעם גלות אויך נישט. מיר ווילן אַ פעסטן ציון און אַ פעסטן גלות. — דאָס איז דער פּאַראָל פון׳ם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּועלי ציוניזם" . . . 3.

פאַרוואָס דווקא ארץ ישראל?

אויף דעם האָט באָראָכאָוו אַ דעפיניטיוון ענטפער און דערקלערונג. אין „אונזער פּלאַטפאָרמע" קלערט ער אויף גאָר בקיצור אָט דעם שטאַנדפּונקט, און אַז דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט חיבת ציון, לשם ליבשאַפט:

„אונזער פּאַלעסטיניזם איז נישט קיין פּרינציפּיעלער, ווייל ער איז לחלוטין נישט פאַרבונדן מיט אַלטע טראַדיציעס . . . "

פאַרוואָס האָט ער טאַקע ניט געוואָלט צוגעבן די גרויסע און וויכטיקע סיבה, די אמת׳ע סיבה פאַרוואָס ארץ ישראל? ווייל ציון איז דאָס לאַנד פון אונזערע אבות, דאָס לאַנד פון יידישער נבואה, פון יידישער מלכות . . . אַז יידן האָבן דורך אַלע תקופות תמיד געשטרעבט און קיינמאָל נישט אויפגעגעבן די דאָזיקע בענקשאַפט פון אומקערן זיך קיין ציון און צו די ציון אידעאַלן; יידן האָבן שטענדיק באַטראַכט ארץ ישראל אַלס זייער לאַנד און געגלויבט באמונה שלמה אין די יעודי הנביאים.

מענאַכאָווסקי פאַרענטפערט באָראָכאָוו׳ס שטעלונג דערמיט, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ כיוון . . . ווייל די יידישע אַרבעטער־גאַס איז דאַן געווען פאַרכאַפּט פון „בונד" און ס. ס. וועלכע האָבן ביטער באַקעמפט די ערשט־אויפגעקומענע פּועלי ציון באַוועגונג . . . געשריגן אויף די העכסטע טענער

און געפּויקט אין אַלע פּויקן, אַז די פּועלי ציון ווילן שלעפּן די יידישע אַרבעטער צו דער מוטער רחל'ס קבר . . .

ער גייט אָן נאָך אַ מאָטיוו:

„די אידייע פון אוגאַנדע איז געווען פריש. האָט באָראָכאָוו געמוזט אָנקומען צו אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע זאָלן באַווייזן אַז היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש איז ארץ ישראל די איינציקע טעריטאָריע, וואָס איז לויט איר ווירטשאַפטלעכן מהות צוגעפּאַסט פאַר יידן״.[4]

מענאַכאָווסקי ברענגט פאַקטן צו באַשטעטיקן דידאַזיקע השערה.

אָבער, ווי מיר האָבן פריער אָנגעמערקט האָבן באָראָכאָוו'ס טעזיסן, די אַזוי־גערופענע מאַרקסיסטיש־ציוניסטישע, אַרויסגערופן קעגנערשאַפט אויך אין די אייגענע רייען: פאַר אייניקע איז ער געווען צופיל מאַרקסיסטיש און פאַר אַנדערע צופיל ציוניסטיש. דער השומר הצעיר פון לינקס און די פּועלי ציון פון רעכטס (היינטיקע מפא״י) האָבן ניט אַזוי שנעל זיך געלאָזט איבערצייגן אין אָט די וויסנשאַפטלעכע יסודות.

די רעכטע פּועלי ציון האָבן באַטראַכט דר. נחמן סירקין פאַר זייער טעאָרעטיקער און פירער. זיינע פאָרמולירונגען האָבן דאָמינירט און העגעמאָניזירט סיי ביים שטאָטישן אַרבעטער און סיי ביים קיבוצניק, נעגירנדיק טיילן פון באָראָכאָוו'ס קאָנצעפּציעס וועלכע ער באַזירט און באַגרינדעט לויט'ן מאַרקסיסטישן מעטאָד, ניט אַכטנדיק וואָס ער איז געקומען כמעט צום זעלביקן אויספיר, אַז „אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק איז מאַכטלאָז אין דער וועלט און פאַרמאָגט ניט קיין אייגן לאַנד, קיין אייגענעם שטיצפּונקט אויף דעם ערד־קוגל, אַזוי לאַנג ווי מיר זענען אַ באַדנלאָזער אויסנאַם צווישן אַלע פעלקער . . . אַזוי לאַנג וועלן אונזערע עקזיסטענץ־רעכט צווישן די פעלקער נישט זיין געזיכערט״.

זענען מיר ניט אויסן דאָ צו געבן אַ פולע באָראָכאָוו שטודיע. מיר ווילן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף נאָך איין פּונקט אין באָראָכאָוויזם: באָראָכאָוו'ס צוגאַנג צו רעליגיע.

מ. מענאַכאָווסקי ווידמעט אַ פּרק, דעם גרעסטן אין זיין שטודיע,[5] שרייבנדיק צווישן אַנדערן:

„באָראָכאָוו'ס גרויסע ערודיציע, זיין אינטערעס אין דער וויסנשאַפט, האָט אים געפירט צו פאַרנעמען זיך אויך מיטן פּראָבלעם פון רעליגיע. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט אַליין, גייט ניט אַראָפּ און וועט ניט אַראָפּגיין פון סדר־היום כל זמן די וועלט וועט עקזיסטירן . . .

„באָראָכאָוו, אַלס מענטש מיטן גרויסן אינטערעס פאַר וויסנשאַפט, האָט אויף דעם געביט אָנגעשריבן צוויי גרויסע אַרבעטן: „דער ווירטואַליזם״ און „צו דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזן באַוואוסטזיין״.

מענאַכאָווסקי ווייזט אָן, אַז באָראָכאָוויזם האָט געשטעלט דעם יסוד פון דער פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזן באַוואוסטזיין און געקומען צו דער הנחה, אַז „רעליגיע איז עמאָציאָנעלע פּאַסיוויטעט".

באָראָכאָוו געהערט צו די אַנטי־רעליגיעזע דענקער און ער איז זיך א סך סומך אויף לונאַטשאַרסקי'ס שטודיעס, מיטן צוגאָב פון א וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, באַהויפּטנדיק, אַז „רעליגיעזער גלויבן מאַכט פּאַסיוו דעם מענטשלעכן דיינקען".

און דאָ פּאַסט זיך גוט אַריין א פערז פון יעקב גלאַטשטיינ'ס א ליד:

אַלץ. א חוץ אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן,
אונזער דור, א דור פון חלום
קיילעכדיק ווי אונזער ערד —
פון חלום צו חלום.
אַלץ געדענקט אונזער דור,
דאָס האָט אונזער דור פאַרגעסן.

(„דעם טאַטנס שאָטן", ז. 56)

ניט וויכטיק זענען אָבער די דיסקוסיעס און פּאָלעמיקס וועגן טעאיזם, דעאיזם און אַטעאיזם; ניט וויכטיק זענען די דיסקוסיעס וועגן דער עקזיסטענץ פון א „העכערער קראַפט", פון א קאָסמישן באַוואוסטזיין אָדער די דיסקוסיעס וועגן דער ריטואַליסטישער פּראַקטיק, צי דאָס איז דער אמת'ער אויסדרוק פון גאָטס ווילן[6]. וויכטיק איז, אַז דורך אמונה ווערט אָפּגעשוואַכט ביים מענטשן, דאָס געפיל פון „כחי ועוצם ידי" און חומריותדיקער זעלבסטצופרידנקייט. ס'שאַפט זיך די עטיש־הויכע אידעאישע געזעלשאַפט פון „והי' מחניך קדוש", דערהויבן דורך תורה און געלייטערט דורך עבודה, ווי עס איז דער דעוויז פון דער תורה ועבודה באַוועגונג (געגרינדעט אין אלול, תרע"ח) ווי א המשך פון מזרחי (געגרינדעט אין אדר, תרס"ב) צו דערהויבן דעם יידישן מענטש צום הויכן עטישן ניוואָ פון תורה־הייליקייט[7]. אָבער וועגן דעם אין א וויטערן קאַפּיטל.

הערות

א.

1. זע: פריער. קאַפּ. 20; הקדמה צו „רוים און ירושלים" (איבערז. פון נ. סירקין); אברהם ביק, משה העס און זיין דור, „ייד. קולטור", אויג. 1947.
2. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, קענען מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין איינצלהייטן וועגן די פאַרשיידענע פראַקציעס אינעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. וועגן דעם — אין א באַזונדער שטודיע.
3. נחמן סירקין, געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטן, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1925.
4. ייד. קעמפער, פסח, תשט"ו — פּרטים וועגן גרינדונג און באַטייליקטע אין דער דזשיקער היסטאָרישער קאָנפערענץ.
5. בצלאל שערמאַן, דאָרט, ז"ז 71־74 — באַריכות.

6. דאָרט, אינטערעסאַנטע פאַקטן. קלמן מרמר, אין זיינע מעמוארן „מיין לעבנס־געשיכטע", באַנד צוויי (ז"ז 413־431) דערציילט באַריכות וועגן זיין באַטייליקן זיך אינעם דריטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין באַזעל (אויג., 1899) און אַז דר. סירקין, איז אויף דעם קאָנגרעס באַקעמפט געוואָרן מיט זיין סאָציאַליזם.
וועגן די אָנפאַנג־יאָרן פון דער פּועלי ציון באַוועגונג, וועט דער לייענער געפינען אַ סך מאַטעריאַל אין „יידישער אַרב. פּנקס" (צו דער געשיכטע פון דער פּועלי ציון באַוועגונג) רעדאַגירט דורך זרובבל, באַנד 1, קאַפּ. פּאַרל. „נייע קולטור", וואַרשע, 1928.

7. אין זיין ווערק „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

8. זע, ל. שפּיזמאַן, „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג", באַנד איינס, וועגן די התחלה יאָרן פון אָרגאַניזירטקייט אין אַמעריקע (1903־1905); פּאַרגל. בצלאל שערמאַן, „יידישער קעמפער", פּסח תשט"ז; די סאָציאַלע פילאָסאָפיע פון דעם אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניזם, פּסח תש"ד.

ב.

1. זע, א. ד. גורדון, מכתבים, ז"ז 122־123.
וועגן א. ד. גאָרדאָן — אין ווערק פון אבא גאָרדין, דענקער און דיכטער, איקוף־פאַרל., נ.י. 1949, ז"ז 47־57.

2. יעקב כהן, אין „בריונים", ליד געשריבן אין בערן, אלול, תרס"ג.

3. זע, ישראל אין קאַמף, „פאַרן החלוץ", נומ' 10, תל־אביב, תש"ח־1948.
וועגן אַרב.־פּראָבלעמען אין ישראל, „החקלאות העברית בארץ ישראל" — בצרון, י', חוב' ט' (117), אב־אלול, תש"ט.

ג.

1. דערשינען, בוענאָס־איירעס, 1959.

2. דאָרט, הקדמה; אויך ז"ז 33־48.

3. דאָרט, ז"ז 9־47 — באַריכות.

4. דאָרט, ז' 47.

5. זע, דאָרט, ז"ז 13־112.

6. ווי עס ווערט לעצטנס אָנגעפירט אין דער „פרייער אַרב. שטימע" (סעפּט.־דעצ., 1960) דורך א. אלמי און אַנדערע.

7. זע „תולדות המזרחי בארץ ישראל", מאת הרב משה אוסטרובסקי, הוצ' ראובן מס, ירושלים, תש"ד, לעצטער פּרק.

קאפיטל ניין-און-צוואנציק

חלוציזם און קיבוץ-לעבן

דער ערשטער גרויסער אויפטו פון ציוניזם אין ארץ ישראל איז געווען דער חלוציזם. באזונדערס האבן די ארבעטארישע ציוניסטן, פון אלע פראקציעס, ארייגעבראכט דעם חלוציזם — דערציענדיק קאדרען חלוצים פאר דעם גרויסן אידעאל. דערמיט האבן זיי געזיכערט דעם אויפבוי פון דער יידישער היים און איבערבוי פון פאלק אויף גאר נייע יסודות. חלוציזם אין אלע זיינע פארמען און ריכטונגען, האט געשאפן דעם נייעם מענטש, צוגעפאסט פאר דעם אויפבוי פון דאס גרויסע ווערק, אן וועלכן מ'קען זיך נישט פארשטעלן די דערגרייכונגען פאר און אינ'ם בוי פון דער מדינה.

א. כבוש העבודה אויף א נאטירלעכן אופן. — דער איינפלוס פון א. ד. גארדאן. — רעליגיע פון ארבעט.

די מדינה האט אנדערש נישט געקענט קומען, סיידן דורך אט דעם אומגעוויינלעכן אידעאליזם, פון יענע פיאנערן פון דער עליה ב' און זיינע נאכפאלגער, וואס האט אויסגעווארצלט ביי זיך דעם ענאיזם, דעם געיעג צו ארבעטן פאר זיך און זיך ארויפארבעטן.

קיבוץ־לעבן האט געמיינט קאלעקטיוו, קאמונאל, ארבעט פאר קהל, פאר'ן כלל, פאר דעם צבור . . . און פון יענע אידעאליסטישע עולים־חלוצים האבן זיך באוויזן די אידעאלע קיבוצים, ווי דגניה א' — די מוטער פון די קבוצות — דגניה ב', די שוועסטער־קבוצה און נאך אזעלכע ענלעכע קיבוצים מיט נאטור־בענקשאפט פון יונגע העלדן.

אינ'ם בוך „דגניות", ווערט א סך געשריבן וועגן די גרינדער און וועגן די באגייסטערער פון קבוצה־סיסטעם, גאר באזונדערס וועגן אהרן דוד גארדאן, ארום וועמען ס'איז א ליטעראטור געשאפן געווארן. א שטרענגע זעלבסט־דיסציפלין האט די קיבוצים פון יענעם פיאנערן־דור באהערשט. עפעס א געהיימער כח האט זיי געטריבן צו אט דעם אידעאלן לעבן פון ארבעט בצוותא, פון א לעבן אין א סאציאלן סטאטוס וואס האט פרייוויליק אפגעשאפט די מעגלעכקייט פון עקספלואטאציע. נישט אנדערש אז אין אט די פרייע חלוצים האט געקלאפט דאס הארץ פון א וויזיע צו באפרייען די מענטשן פון זייער פארבלאנדזשעניש און זיי פירן צו א שלימותדיק לעבן אינ'ם קאסמאס . . .

די רעליגיעז־סאציאלע טעארעטיקער האבן דאס געוואלט משלים זיין דורך זייער נייער — הגם אין תוך אלטער — תורה־קאנצעפציע: קאלעקטיוויזם איז וועלכער דער יחיד ווערט ניט פארלוירן — א טעזע וואס נעמט צוזאמען

דאָס לעבעדיקע און קאָנקרעטע פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק מיט אַ תורה־סכעמע און אחדות־אלקות פילאָזאָפיע וואָס האָט דעם כח צו אַן עליטאַרע מענטשלעכע דערהויבונג, צו אַן אהבת־ישראל־דורכגעדרינגנקייט, ווי מיר וועלן עס ווייטער באַהאַנדלען.

די קבוצה, ווי א. ד. גורדון און זיינע מיטצייטלער האָבן איר פאַרשטאַנען, האָט געשאַפן די העכערע געזעלשאַפט, שוין דערמיט אַליין וואָס אויפן שוים פון דער פרייער נאַטור, האָט דער מענטש זיך דערפילט פרייער, ריינער און גייסטיקער און געהאַט אַ בעסערע מעגלעכקייט. אָבער פריער וועגן גאָרדאָנ׳ען און וועגן זיין רוף „צוריק צו דער נאַטור"[1].

אהרן דוד גורדון איז אַן צווייפל געווען איינער פון די טיפסטע דיינקער, אין אָנהויב תקופה פונ׳ם אַרבעטנדיקן ציוניזם. דורך אים האָט די בענקשאַפט נאָך אַ נייע אָרדנונג אין יידישן לעבן, באַקומען איר העכסטן און שלימות׳דיקן אויסדרוק. אין אים זענען די אידעאַלן פון גייסטיקן און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס געווען איינגעוואָרצלט אַזוי טיף, ער זאָל זיין דער ערשטער אַרויסצוקומען מיט דער לאָזונג פון אומקער צו דער נאַטור, וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, דערפירן צו דער לייטערונג און דערהויבונג פון יידישן מענטש וואָס איז כולל יידיש־פאָלק.

גורדון האָט וואָס אַן אמת קיין נייע תורה נישט געשאַפן. זיין אידייע איז שוין געווען באַקאַנט פריער דורך אַזעלכע דיינקער ווי רוסאָ, טאָלסטאָי און אַנדערע, וועלכע האָבן גערופן דעם מענטש צום צוריקקער, צו דער נאַטור, וואָס זאָל אים דערהויבן עטיש און אים פאַרבינדן מיט׳ן גאַנצן מענטשלעכן און נאַטירלעכן קאָלעקטיוו. שפּעטער איז גאַנדי געווען דער הויפּט־פּראָפּאַגירער פון דער לאָזונג, קעגן די וואָס זעען דאָס גליק פון דער מענטשהייט נאָר אין דער פאַרשענערונג פון דער קולטור און ציוויליזאַציע.

גורדון איז אָבער געווען דער ערשטער צו וואַגן אַרויסקומען מיט אַזאַ לאָזונג צו אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט, אָפּגעריסן פון דער נאַטור, וואָס לעבט אַן אומנאָרמאַל לעבן שוין טויזנטער יאָרן — צו אָט אַזאַ פאָלק האָט ער גערעדט וועגן לעבן נאָרמאַל אויף דער נאַטור, צו בויען אַ נייע לעבן אין ארץ ישראל אויף אַ נייער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סטרוקטור. צו אַ פאָלק אָפּגעריסן לגמרי פון דער נאַטור, האָט ער גערעדט וועגן פאַרוואָרצלען זיך אין דער ערד, וועגן לעבן אויפ׳ן שוים פון דער נאַטור פון וועלכער עס דאַרפן אַרויסגענומען ווערן די אוצרות וואָס זענען אין איר באַהאַלטן, די שאַפונגס־קרעפטן וואָס זענען אין איר פאַרבאָרגן. צו אַזאַ פאָלק האָט ער גערעדט וועגן ליבע צו אַרבעט, צו ערד־אַרבעט! — צו „לופט" מענטשן, האָט ער גערעדט וועגן די מעלה פון אַרבעט, וואָס „מאַכט דעם מענטש אומאָפּהענגיק און פריי, באַזייטיקט פּאַראַזיטנטום, קאָנקורענץ און גיט אַ מעגלעכקייט צו דעראָבערן

א לאנד. א לאנד געהערט נאר צו דעם וואס באארבעט איר, וואס האט ליב איר ערד, וואס איז באהאפטן מיט איר נאטור".

דורך דעם לעבן אויפ'ן שויס פון דער נאטור, ווערט במילא אפגעשאפן די איבלען צווישן קלאסן, צווישן ארבעטער און ארבעטס־געבער — אלע האבן איין־איינציקן אינטערעס צו שאפן די מאטעריעלע און גייסטיקע גויטן פאר'ן גאנצן פאלק, פאר דעם גאנצן כלל, פאר דער נאציע. גורדונ'ס „נאציאנאלער איך" (ער איז אולטרא־נאציאנאליסט) איז באזירט אויפ'ן לעבן און שעפערישן כח וואס דרינגט ארויס פון פאלקס־גייסט און צילט צו דער קאנצענטראציע פון פאלק. „אינ'ם שויס פון דער נאטור" האט ער געפונען א רפואה פאר די אבנארמאליטעטן פון יידישן פאלק. אין באהעפטן זיך מיט דער נאטור, מיט דער מוטער ערד, האט ער געזען, ראטעוועט מען ארויס דעם ייד פון ווערן פארשלונגען אין די כוואליעס פון באדנלאזיקייט און דעקלאסירטקייט.

א דאנק גורדונס אידעאלאגישע און טעארעטישע באגרינדונג פון נאטור לעבן, איז געבוירן געווארן דער ראמאנטיזם פון באהעפטן זיך מיט דער נאטור וואס האט ארויסגעגעבן פון זיך צענדליקער טויזנטער חלוצים וועלכע האבן ארויסגעוויזן פייאיקייט צו פארוואנדלען דאס אומנאטירלעכעס אין נאטירלעכעס. אין די שווערסטע קריזיס יארן שטייען זיי די פיאנערן אויף זייערע דעראבערטע פאזיציעס און מיט מענטשלעכע קרבנות פארטיידיקן זיי אונזער נאציאנאלע היים.

אויב מיר דערשאצן היינט ניט די וויכטיקייט פונ'ם חלוץ און זיין ראל אינ'ם אויפבוי פון אונזער נאציאנאלע היים, וועלן עס די בלעטער פון געשיכטע טאן. זיי וועלן באווייזן די וויכטיקייט פון אט דעם גוואלדיקן טרייבענדן חלוצים־כח וואס רייסט מיט זיך מיט מענטשלעכע קרבנות, וואס צווינגט צו אויבער־מענטשלעכע אנשטרענגונגען. די חלוצים־אידייע, איז דאך די, וואס רעוואלוציאניזירט דאס יידישע, עקאנאמישע לעבן אומעטום; וואס פארוואנדלט די יידישע יוגנט אין אן ארבעטס־יוגנט; וואס דערציט יידישע זין און טעכטער צו ארבעט און פראדוקטיוויזאציע. דער יידישער חלוץ שטרעבט צו אן ארבעטס־לעבן, צו א באנייטן לעבן ניט נאר אין ארץ ישראל נאר אומעטום וואו עס געפינען זיך יידישע ישובים.

די מתנה פון אט דעם נייעם טיפ ייד איז קאלאסאל געוואקסן; זי האט זיך פארצווייגט. די איבערשיכטונג פון צענדליקע טויזנטער יונגעלייט אין דער „החלוץ" באוועגונג האט זיך געהאלטן אין איין פארגרעסערן, קאנסאלידירן און פארפעסטיקן אויף אלע געביטן. עס איז אויפגעוואקסן א יוגנט, א באוואוסטזיניקע וועלכע האט געשטרעבט און געקעמפט פאר א גערעכטער לעבנס־ארדנונג, וואס איז מוותר אויף אירע אינדיווידועלע בארערפעונישן און דינט געטריי דעם כלל.

גורדון האָט געזוכט צו פאַרבינדן דעם יידישן מענטש מיט דער ערד פון וואַנען ער זאָל קענען קריכן אין הימל אַריין, צו די וויטע ווייטענישן אין הויכע הויכנישן, און דאָך ניט פאַרלירן דעם באָדן אונטער זיך — „השמים שמים לד׳ והארץ נתן לבני אדם״.

ער האָט געשאַפן דעם סינטעז פון הימלישעם מיט ערדישעם — א פאַנטאַזיע וואָס האָט הינטער זיך א רעאַלן פּראַקטישן באָדן אויף וועלכן עס קאָנען זיך אוועקשטעלן ניט נאָר אויסדערוויילטע נאָר טאַקע גאַנץ פּשוטע בשר ודם׳ס, מיט שטאַרקע מוסקולן און מיט ווילן צו אַרבעטן.

א. ד. גורדון האָט געזוכט צו פאַראייניקן דעם „טבע הוה״, די וועלט נאַטור מיט׳ן „טבע חי״ מיט די לעבעדיקע באַשאַפונגען — צו פאַראייניקן דעם גאַנצן קאָסמאָס און אים פאַרבינדן אין אַן איינהייטלעכן כח. אינ׳ם מענטש דעם „חי״ זעט ער אויך די עלעמענטן פון „דומם״, די עלעמענטן וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס גאַנצע נאַטור וועזן. דער מענטש שטייט העכער צוליב זיין דערקענונגס כח וואָס איז דער מיטל־פּונקט צווישן „חי״ און „דומם״. אָבער אויך ביים מענטשן איז דער כח ההכרה באַגרעניצט אויף אַזויפיל אַז ער דערגרייכט ניט צום סוף פון דער דערקענטעניש. אין דעם „אני מכיר״, אין דער מאָס פון דערקענען און פילן, זעט ער בלויז סתירות, ווידערשפּרעכונגען און נעגנזאַצן.[2]

ער זעט אויך דעם צוזאַמענהאַנג פון מענטש צו נאַטור, וואָס איז צוליב דער מענטשלעכער הכרה, געענדערט געוואָרן פונ׳ם יחוס, פון די אַנדערע לעבעדיקע אָרגאַניזמען. א דאַנק די מענטשלעכע חושים, מענטשלעכער געדאַנק, איז דעם מענטשנס לעבן אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם לעבן פון דער אַלגעמיינער בריאה. איידער דער מענטש איז געקומען צום עגאָיזם, צום „אני ואפסי עוד״ האָט ער געזען אַלץ וואָס לעבט אין אים ווי א זאַך וואָס איז אויסער אים. דער „אני״, די הכרה פון „איכיזם״, האָט דעם מענטשן אָפּגעטיילט פון דאָס אַרומיקע, האָט געבראַכט צום ריס צווישן אים און דער נאַטור און אים אָפּגעצוימט אין א באַזונדערער אינדיווידואַליטעט.[3]

ער באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס דער מענטש, באַזינגענדיק די נאַטור, דעראָבערנדיק איר און אויפדעקנדיק אירע באַהעלטעניש, האָט זיך דערווייטערט פון דער נאַטור, קאָן ניט לעבן מיט דער טבע. ער זוכט אַן ענטפער אויף אָט דער רעטעניש אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ער וויל פאַרענטפערן די דער־ווייטערונג פון אָט דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם פונ׳ם דומם און צומח, ער קאָן אָבער קיין קלאָרן ענטפער ניט געבן. די יידישע רעליגיע וויל אָט די האַרבע קשיא פאַרענטפערן מיט דעם וואָס אדם הראשון האָט נאָר געגעסן פונ׳ם „עץ הדעת״ און ניט פונ׳ם „עץ החיים״. דער עץ הדעת האָט דאָס גורם געווען, דער מענטש זאָל זיך פילן נאַקעט, זאָל זיך שעמען מיט זיין נאַקעטקייט, מיט זיין נאַטירלעכקייט — „ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי ערומים הם, ויתפרו עלה תאנה ויעשו להם

חגורות . . . וישמעו את קול ה׳ . . . ויתחבא האדם ואשתו . . . עירום אנכי״ ניט צוליבן פילן די קעלט אָדער די היץ איז דער מענטש געקומען צום געדאַנק פון באַקליידן זיך, נאָר פון דערקענטעניש זיך צו שעמען, אַזוי גוט ווי דער מענטש האָט שפּעטער אָנגעהויבן באַקומען דעם אינסטינקט זיך צו באַצירן, זיך שיין צו מאַכן.[4]

גורדון איז ניט מסכים מיט שאָפּענהויער׳ן, אַז דער זין פון לעבן איז ניט צו וועלן לעבן, איז דער „שלילת הרצון לחיות״, אַז דאָס איז דער איינציקער אידעאַל און שטרעבונג וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. ער זעט דעם היפּוך פון שלילת החיים. אין לעבן זעט ער גאַנץ פּאָזיטיווע ווערטן. ער זעט שיינקייט אין לעבן. שיין לעבן ביי אים, הייסט לעבן לויט דער הויכער עטיק. פון׳ם „יופי של צמצום״ דאַרף מען איבערגיין צום „יופי של התפשטות״ פון אַ ברייטערן, גייסטיקן אינהאַלט און פאָרם וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם מענטשנס געבוירן ווערן.

פולשטענדיקע פרייהייט קאָן נאָר דער מענטש באַקומען ווען ער לעבט מיט דער נאַטור, ווען ער איז מיט איר באַהאָפטן, ווען ער איז אין איר איינגעשלונגען. אַזוי גיך ווי דער מענטש טיילט זיך אָפּ פון דער נאַטור, ווען ער דערקענט זיך אַלס אינדיווידיאום, ווערט ער גלייכצייטיק פאַרשקלאַפט צו זיינע שלעכטע נייגונגען, צו מאַכט פון דער פויסט, צו קנאה א.א.וו.

גורדון שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דער מענטשלעכער באַציאונג צו אַרבעט, צו ערד אַרבעט. און ער שטעלט אַלץ אויפ׳ן טראָפּ פון „והאָרץ לא תמכר לצמיתות״.

אין דער פּערזאָן פון א. ד. גורדון איז די חלוצים אידייע אין איר ברייטסטן מהות פאַרגעשטעלט געוואָרן. ער איז געווען אַ חלוץ ביז אין דער טיפער עלטער. ער איז געשטאָרבן אַן ערד־אַרבעטער, מיט׳ן אַקער אין האַנט. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט אין פולן זין פון וואָרט. געלעבט נאָר פון דעם וואָס ער האָט פּראָדוצירט אָבער ניט ווייניקער טרייער נאַציאָנאַליסט.

א. ד. גאָרדאָן האָט אין זיין סביבה געשאַפן דעם חלוצישן ברען און עקשנות, ממש ווי ער האָט געלערנט און פּראַקטיצירט די הויכקייט פון „דת העבודה״ (רעליגיע פון אַרבעט); געאַרבעט און געשאַפן אין דגניה (בייטאָג געאַרבעט און ביינאַכט געשריבן) און מיט זיין פּערזענלעכקייט און מעשים סטימולירט די חברים פון די דגניה׳ס (אָדער „דגניות״) זיי זאָלן ווערן באַנייער און איבערבויער, אין יענעם „שטורעם און דראַנג״ פּעריאָד מיט דער אומגעהויער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק פאַר׳ן חלוץ און קבוצה . . .[5]

גאָרדאָן איז געקומען אין ארץ ישראל אין תרס״ד — און דאָרט באַנומען די פאַרבינדונג און צוגעבונדנקייט פון מענטש און נאַטור, קדושה פון לעבן אויף דער שוים פון נאַטור, וואו קאָסמישער איינהייטלעכקייט ווערט אַנטפּלעקט אין זיין מיסטישן צויבער. ער האָט געהאַלטן, „אַז אויב דער מענטש איז זוכה

ווערט ער א שותף אין מעשה בראשית און קאסמישן לעבן; איז ער נישט זוכה — איז ער דער קנעכט פון דער ערד און דער באליידיקטער פון לעבן . . . ״

ווען דער מענטש איז זוכה, איז ער בלויז גאָט'ס קנעכט לויט דער יידישער אויפפאסונג, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין א יום-כפורדיקע תפלה:

„אתה אלוקי וכל היצורים עבדיך ועובדיך ולא יחסר בגלל עובדי בלעדיך כי כוננת כולם להגיע עדיך״ (דו ביסט גאָט און אלע באַשעפענישן זענען דיינע קנעכט און דינען צו דיר, פון דיין כבוד ווערט נישט געמינערט, ווען זיי דינען צו אנדערע וואָרים זייערע אלעמענס כוונות איז דיר צו דערגרייכן . . .) .

גאָרדאָן, ווי די אַנדערע טעאָרעטיקער פון ארבעטער ציוניזם, האָט געזען אין חלוציות, די סאָציאלע אידעאָלאָגיע פון קאָאָפעראַטיווער פּיאָנערישקייט און אָפּשאפונג פון עקספּלואטאציע. ער איז געווען איבערצייגט, אז דאָס וועט פירן צו א גערעכטן עקאָנאָמישן סטרוקטור און סאָציאַלן סטאטוס; אז דאָס וועט באפרייען די מענטשהייט פון קלאסן-קאמף און נאַציאָנאלע קאָנפליקטן.

וואָס איז די „הסתדרות״? אין שייכות מיט פערציק יאָר עקזיסטענץ פון דער „הסתדרות העובדים״, איז דאָס געווען א טעמע פון ערשטן ראנג: מ'האָט זיך געוואָלט באקענען מיט אָט דער אָרגאניזאציע פון יידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל, וועמעס ערשטע סעקרעטאָרן זענען געווען יצחק בן צבי (נשיא מדינת ישראל) און דוד בן גוריון (ראש הממשלה).

ב. הסתדרות העובדים — דאָס ווערק פון ציוניסטישן סאָציאליזם. — א פּאַר־פאריין וואָס איז אַנדערש.

די הסתדרות ווי דאָס ווערק פון ציוניסטישן סאָציאליזם איז געקומען אין א צייט, ווען די מענטשהייט איז געווען צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: קאפּיטאל און ארבעט. די ערשטע האָט געהאט מאכט פון געלט און די צווייטע — כח פון ארבעט, „ווען דער ארבעטער נאָר וויל, בלייבן אלע רעדער שטיל״ . . . די נאַציאָנאל־באוואוסטזיניקע ארבעטער האָבן געהאט נאָך א מיסיע: אויפהייבן די רעכט־בארויבטע אין גלות און אינ'ם יידישן לאנד זינגען דאָס אחדות־געזאנג פון מענטשלעכע ווירדע, פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערלעכקייט . . .

די הסתדרות העובדים, האָט געהאט גרויס דערפאָלג, איז געוואָרן דער צוּיבערנדיקער פאקטאָר אינ'ם נאציאנאלן אויפבוי. זי האָט געהאט די זכיה צו שטיין פאר דער גאנצער צייט אלס דער אוואנגארד פונ'ם גרויסן בוי־ווערק.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די הסתדרות ארויסגעגעבן אַן אויפקלערונגס־ביכל פאר די נייע עולים[1] מיטן ציל צו באקענען דעם היינטיקן עולה מיט דער פארצווייגטקייט פון דער הסתדרות. אין ביכל ווערט איבערגעגעבן בקיצור די געשיכטע פון דער הסתדרות, אירע צילן און דערגרייכונגען, וואָס גרייכן ווייט

איבער דעם תחום פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַך־פאַריין, וואָס דאַרף בלויז זאָרגן פאַר׳ן וואוילזיין פון זיינע מיטגלידער־ארבעטער.

די הסתדרות הכללית של העובדים בארץ ישראל, איז די גרעסטע ארבעטער פעדעראַציע לויט איר פארנעם און מאַסשטאַב. זי איז די מאַסיווע אָרגאַניזאַציע וואָס שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע סיי אין סאָציאַלן, סיי אין ווירטשאַפטלעכן און סיי אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

אָרגאַניזירט אין חנוכה תרפ״א (דעצעמבער 1920), האָט זי דאַן געדאַרפט זאָרגן בלויז פאַר׳ן וואוילזיין פון 4,433 מענער און פרויען ארבעטער וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין לאַנד און דער ישוב בכלל, האָט געציילט בערך 60,000 נפשות. דער פארנעם איז אָבער שוין דאַן געווען אַ גרויסער, פילפאַכיקער, באַזאָרגנדיק ניט בלויז דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריער, נאָר אויך דעם קאָלאָניסט, דעם קיבוצניק, דעם לאַנדווירט און בכלל צו העלפן איבערבויען דעם סאָציאַלן סטרוקטור פון פאָלק און לאַנד.

די גרינדער האָבן געוואוסט, אַז זייער אויפגאַבע ווי ציון־חלוצים, איז צו פאַרוואַנדלען די הסתדרות אין אַן אָרגאַניזאַציע וואָס דאַרף העלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל. די סאָציאַלע אויסבעסערונג איז אַ דערגענצונג צו אָט דעם אידעאַל. די פאַרווירקלעכונג פונ׳ם ציוניזם איז נאָר מעגלעך דורך עליה — און אין דעם גייסט און פאַר דעם אקטיוו איז געשאַפן געוואָרן די הסתדרות, ביי וועמעס גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, שמואל יבנאלי, איינער פון די הויפּט־פירער אין דער צווייטער עליה, האָט דערקלערט, אַז „די אויפגאַבע פונ׳ם יידישן ארבעטער און פונ׳ם גאַנצן דור, איז ניט בלויז ממשיך זיין דעם קיום פונ׳ם פאָלק . . . נאָר די אויסלייזונג פון לאַנד און דאָס ברענגען יידן ארויס פון זייערע גלותן . . . ״

די הסתדרות האָט זיך דעריבער פאַרנומען דירעקט און אומדירעקט מיט עליה, מיט קאָלאָניזאַציע, מיט לאַנדווירטשאַפט, מיט פאַרשפּרייטן די לאַנד־פּראָדוקטן („תנובה״, „המשביר״ און אַנדערע), מיט אירריגאַציע אונטערנעמונגען, מיט דער שאַפונג פון קאָאָפּעראַטיוון, מיט ליי־קאַסעס, מיט הייזער־בוי, מיט׳ן בוי פון פאַבריקאַציע, מיט מסחר, עקספּאָרט און אימפּאָרט און מיט הונדערטער אַנדערע זאַכן. ווער איז אימשטאַנד דאָס אַלץ אויסצורעכענען? זי האָט אפילו אויסגעפירט מלוכהשע פונקציעס מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, און איז ניט געבליבן הינטערשטעליק וואָס שייך סאָציאַלע הילף און אַנדערע לייסטונגען. די „קופּת חולים״ למשל, האָט אָפּגעראַטעוועט צענדליקע טויזנטער מענטשן און זיי געשטעלט אויף די פיס.[2]

געגרינדעט אין 1912, דורך אַ מיטגלידערשאַפט פון 150 מענטשן, איז די דאָזיקע קראַנקן־קאַסע געוואָרן די גרויס־פאַרצווייגטע אינסטיטוציע אין לאַנד,

וועלכע דינט מיט מעדיצינישע באהאנדלונג ארום 70 פראצענט פון דער באפעלקערונג.

די הסתדרות פארנעמט זיך אויך מיט גייסטיקע ענינים, מיט קולטור און ליטעראטור. גענוג צו דערמאנען דעם אפיציעלן ארגאן „דבר" (געגרינדעט אין תרפ"ה, ערשטער רעדאקטאר בערל קאצענעלסאן) מיט זיינע וויכטיקע ביילאגעס; „עם עובר"־פארלאג וואס ווערט באטראכט פאר איינעם פון די אנגעזעענסטע פארלאגן; „אהל" — ארבעטער טעאטער; א שולע פאר מדריכים, צו דערציען ארבעטער פירער און נאך און נאך, וואס אויסצורעכענען זיי, וואלט פארפירט צו ווייט.

די הסתדרות איז געוואקסן מיט'ן וואוקס פונ'ם ישוב. היינט־צו־טאג ווען דער ישוב ציילט אריבער צוויי מיליאן יידן, גרייכט די הסתדרות־משפחה איבער א מיליאן, דאס הייסט, אז א העלפט פונ'ם ישוב איז פארבונדן מיט דער הסתדרות וועלכע איז אויסגעוואקסן צום מעכטיקסטן כח אין דער מדינה.

אין דער הסתדרות געפינען זיך שווארצע ארבעטער און אקאדעמיקער; קינסטלער און וויסנשאפטלער; פאלקס־מענטשן און אינטעלעקטואלן. ניט אלע האבן די זעלביקע עקאנאמישע אינטערעסן און ניט אלע לעבן דעם זעלבן שטייגער לעבן — אבער דאך געפינען זיי זייער ארט אין דער דאזיקער אומפארטייאישער, אדער, איבערפארטייאישער ארבעטער ארגאניזאציע, וואס האט אפילו א „מחלקה דתית", א רעליגיעזע אפטיילונג אין וועלכער ס'נעמען אנטייל די אנהענגער פון „דת ועבודה" וועגן וועלכער מיר וועלן זיך אפשטעלן באריכותדיק.

דער „בראשית" פון דער הסתדרות — ווי אליעזר ליבנה[3] דערקלערט — איז געווען א מוטיקער עקספערימענט צו קאמבינירן א סך סאציאלע און עקאנאמישע פונקציעס אונטער איין עפנטלעכן „דאך". דער טרייבנדיקער ציל־באוואוסטזיין איז געווען צו פארגיכערן דעם ציוניסטישן „אחרית הימים"[4].

די הסתדרות, ווי אירע ארגאניזאטארן, גיבן איבער, האט קודם־כל געצילט חברישקייט און חלוציזם[5] און איז, אין בן־גוריונ'ס ווערטער: „ניט דער אנהויב און ניט דער ערשטער שריט, נאר א נייער העכערער שטאפל אין וואוקס פון אונזער באוועגונג.

„די מערסטע ווערטן פון אונזער באוועגונג זענען פאקטיש געשאפן געווארן נאך פאר דער גרינדונג פון דער הסתדרות:

„דאס ווערט פון ארבעט און איר פלאץ אין דער עמאנציפאציע פון פאלק און אויפבוי פון לאנד; דאס ווערק פון שמירה און הגנה; דער געדאנק פון זיך פארווירקלעכנדיקן סאציאליסטישן חלוציזם; דער אויפבוי פון דער ארבעטער־קאלאניזאציע און די פארווירקלעכונג פון דער נאציאנאליזירונג פון באדן . . . דער געדאנק פון אייניקייט פון ארבעטער־קלאס און זיין היסטארישע מיסיע; דער פאליטישער קאמף פאר די נאציאנאלע און סאציאלע רעכט; די ארגאניזירונג

פון דער החלוץ־באַוועגונג אין גלות — די דאָזיקע אַלע ווערטן און דערגרייכונגען, וואָס ליגן אין יסוד פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן געשלאָגן וואָרצלען נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער הסתדרות.

„אָבער דאָך וועט דער אָנדענק פון גרינדונגס־טאָג אין חיפה — אין חנוכה, 1920 — בלייבן אַן אַנטשיידנדיקע היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, פּונקט אַזוי ווי עס איז געבליבן אַ היסטאָרישע דאַטע, דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל אין דער געשיכטע פון ציוניזם. מיט דער גרינדונג פון דער הסתדרות איז אויפגעשטעלט געוואָרן די איינהייט פון אַרבעטער־קלאַס, זענען געוואָרן מאָביליזירט זיין אַרבעט־פעאיקייט, זיין שעפערישער און קאַמפּס־כח און ס'איז געוואָרן אָרגאַניזירט זיין קאָלעקטיווע אחריות"[6].

שרייבן מיר ניט די געשיכטע פון דער „הסתדרות". מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף איר ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון'ם ישוב, ווי די שאַפונג פון'ם פּועלי־ציוניזם און אינ'ם פאַרשריט פון חלוציזם און קבוצה־לעבן אין ארץ ישראל, זינט דער גרינדונג פון דגניה א', די „מוטער פון די קבוצות", ביז דער אַנטשטיי־אונג פון מדינת ישראל.

די הסתדרות איז אויסגעוואַקסן צו דער אומפאַרגלייכלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, טאַקע דערפאַר, ווייל זי איז אַנדערש אין קאָנצעפּציע, אינהאַלט און סטרוקטור און זי איז געוואָרן דער אינסטרומענט פון דער אַרבעטערשאַפט, פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ מלוכה, אויפבוי פון לאַנד און פאָלק.

בן גוריון, ווי איינער פון די גרינדער, שטעלט זיך אָפּ וועגן „די ערשטע פאָרלויפער פון דער הסתדרות"[7], איבערהויפּט וועגן די „אגודת הפועלים", געגרינדעט אין יאָר תרמ"ו (1886), דער ערשטער אַרבעטער פאַריין וואָס האָט זיך געשטעלט די פאָלגנדיקע אויפגאַבן:

א) „דער קאָמיטעט זאָל ניט אויפהערן אויסצופאָרשן אַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, כדי די מיטגלידער זאָלן ניט אַרומגיין ליידיק; ב) שטיצן די אַרבעטסלאָזע; לעבן געמיינזאַם, קאָכן אין איין פּלאַץ . . . "

אלכסנדר חיסין פאַרנאָטירט דעם 21־טן מערץ, 1887:

„דורכגעדרונגען מיטן פולן באַוואוסטזיין פון דער גרויסער ראָל פון יידישן אַרבעטער אין דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און פון דערהויבענעם ציל, איז דער פאַריין ענערגיש צוגעטראָטן צו זיינע געשעפטן . . . " .

בן גוריון דערציילט וועגן די פאַרשיידענע אַרבעטער־פאַריינען זינט 1886 ביז די גרינדונג פון דער הסתדרות; וועגן דער „אחדות העבודה" (געגרינדעט אין 1919) און די גרינדונג פון „הסתדרות" (חנוכה, 1920) אין הויף פון טעכניקום אין חיפה, ווי אַן אָפּרוף אויף די רופן פון יוסף טרומפּעלדאָר, י. ח.

ברענער, א. ז. ראבינאָוויטש, ב. קאַצענעלסאָן, ש. יבנאלי און אַנדערע „צו די ארבעטער פון ארץ ישראל"[9].

ווי געזאָגט, שרייבן מיר ניט די געשיכטע פון דער „הסתדרות", מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנמערקן אויף אייניקע אַנטוויקלונגען וואָס שייך די ארבעטער־שאַפט אין ארץ ישראל און זיינע דערגרייכונגען סיי אויפ'ן סאָציאַלן און סיי אויפ'ן נאַציאָנאַלן געביט.

די הסתדרות העובדים וואָס איז אויפגעקומען דורך דעם חלוצישן סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז געקומען מיט'ן געדאַנק און ציל: בויען ארץ ישראל אויף די יסודות פון סאָציאַלער גלייכקייט און גערעכטיקייט — און אַזוי אַרום געוואָרן דער גרעסטער קאָנסטרוקטיווער כח, אַזוי אין אָרגאַניזאַציע, אַדמיניסטראַציע און אַזוי אין הילפס־לייסטונגען און אין אויפשטעלן קאָאָפּעראַטיוון געבנדיק די מעגלעכקייט דעם ארץ ישראלדיקן סאָציאַליסטיש־באַוואוסטזיניקן ארבעטער ניט צו דאַרפן אָנקומען צו רעוואָלוציעס, אָדער מלוכה־סאָציאַליזם פון דיקטאַטאָרישן כאַראַקטער, נאָר בויען די געזעלשאַפט אויפ'ן באַזיס פון אַ פרייער און אומאָפּהענגיקער געזעלשאַפט און יושרדיקע באַהאַנדלונג פונ'ם ארבעטער[10]. די הסתדרות האָט, קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, געפורעמט און געשטאַרקט די סאָציאַליסטישע אַטמאָספערע.

וואָס רעפּרעזענטירט די הסתדרות היינט צו טאָג?

אין אַ גאָר לעצטע אָפּהאַנדלונג[11], דערוויסן מיר זיך פאָלגנדיקעס: די הסתדרות ציילט 685 טויזנט מיטגלידער . . . אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען: הפועל המזרחי — 52 טויזנט מיטגלידער; פועלי אגודת ישראל — 19 טויזנט מיטגלידער. ביידע, זענען פאַרבונדן מיט דער הסתדרות אין דער פּראָפעסיאָנעלער און אונטערנעמערישער טעטיקייט דורך אַן אָפּמאַך אין 1953. (פאַראַן אויך ארבעטער אָפּטיילונגען ביי „חירות" און ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ישראל).

28 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען פאַראַן אין הסתדרות, לויט די צווייגן פון דערווירטשאַפט; אויך ביורא אָנגעשטעלטע, באַאַמטע, לערער, דאָקטוירים אא"וו.

די הסתדרות פאַרנעמט זיך אויך מיט אונטערנעמערישע און קאָמערציעלע טעטיקייטן, אינדוסטריעלע און טראַנספּאָרט־אונטערנעמונגען, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט און עס איז ניט נויטיק אריינצוגיין אין פּרטים און ווידערהאָלונגען.

די פועלי ציון, אויסערן תחום פון דער מדינה, קאָן מיט רעכט צושרייבן צו איר קרעדיט, די גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דעם יידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד (אָפיציעל געגרינדעט אין יוני 1910), וועמעס אויפטו איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן און פורעמען אַ יידיש פּראָטערנאַלע ארבעטאָרישע באַוועגונג „אין פולן באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן" . . . און

נאָך מער: צו אַקטיוויזירן דעם יידישן אַרבעטער פאַר „אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון יידישן פאָלק . . . ״

די טעאָרעטיקער פונ׳ם פּועלי ציוניזם, באָראָכאָוו און סירקין, האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דער נויטיקייט צו גרינדן אַזאַ אָרדן מיט זיין „אַנדערשקייט״ אויף דער יידישער גאַס, פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור־סביבה, פאַר דער „דאָאיקייט״, און פאַר די נאַציאָנאַלע צילן און אַספּיראַציעס.

צי עס איז ווינטשנסווערט, אַז אַזויפיל פונקציעס זאָלן קאָנצענטרירט ווערן אין די הענט פון איין אָרגאַניזאַציע און צי דאָס שטעלט מיט זיך ניט פאָר אַ סכנה פון דיקטאַטור און געוואַלט־מאַכט, וועגן דעם גייען אָן דיסקוסיעס, אויך אין די רייען פון דער הסתדרות, גאָר באַזונדערס גייט אָן די דאָזיקע דיסקוסיע, זינט דער גרינדונג פון דער מדינה[12].

אינטערעסאַנט איז, אַז די הסתדרות איז געקומען צו איר גרויס, גראַד אַ דאַנק דעם אידעאַליזם פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה, די באַקאַנטע עליה ב׳. יענע עולים־חלוצים זענען ניט געקומען סתם מיט רעוואָלוציאָנערע מחשבות: זיי זענען געקומען מיט יסודותדיקע אידייען אין באַצוג צו יחידישע, צבורדיקע חלוציש־אַרבעטאַרישע פונקציעס. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט בלויז ביי כבוש העבודה, נאָר געגאַנגען אַביסל וויטער — „כבוש מקום העבודה״ און מצרף געווען זייערע אידייען צו דעם תורההדיקן דעוויז פון „וחי אחיך עמך״. זיי האָבן באַוויזן דעם נס פון עליה ב׳[13].

דאָס זענען געווען יענע יאָרן, לויטער אידעאַליזם, ווי דאָס לידל גייט „אכן היו זמנים״, אַמאָל זענען געווען צייטן . . .

די דריטע עליה, איז געווען אַ מער פּראַקטישע, זיך גערעכנט מיט דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט פון ארץ ישראל און זיך פאַרנומען ניט בלויז מיט חלוציזם, קבוציזם, אָרגאַניזירן די אַרבעטערשאַפט, נאָר אַרויסגעקומען מיט דער לאָזונג, אַז די אַרבעטער מוזן אַליין בויען אַ ווירטשאַפט, זיך פאַרנעמען אויף נייע טעטיקייט־געביטן . . .

די פּועלי ציון פירער און די הסתדרות שפּעטער, האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען נישט בלויז צווישן אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן געמאַכט זייער היים אינ׳ם לאַנד פון די אָבות, נאָר אויך צווישן אַרבעטער אין תפוצות ישראל, אַמעריקע אַריינגערעכנט[1].

ג. פּועלי ציון ווערט פאַקטאָר. — הסתדרות גרייכט איבער די תחומים. — אַנדערע באַוועגונגען.

יידישע אַרבעטער אומעטום, האָבן אָנגעהויבן אָנערקענען דעם באַדייט פונ׳ם פּועלי ציוניזם אין אַלע זיינע שטרעמונגען. זיי האָבן אין אַרבעטער־ציוניזם געזען דעם גרויסן שטופּ פאַר דער פאַר־

ווירקלעכונג פון די ציון אידעאַלן: זיין אויפטו פאַר בנין הארץ, חלוציזם און הגנה פּראָגראַם — און דער עיקר די גרינדונג פון דער הסתדרות.

די פאַראייניקטע אַרבעטער געווערקשאַפטן אין אמעריקע, האָט געזען אין „הסתדרות" די קרוין פונעם ציוניסטישן סאָציאַליזם און געשטיצט מיט אַלע כוחות די אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן גרויס פאַרנעמיקן אַרבעטער פאַריין.

די הסתדרות האָט געוואונען די הערצער און די נשמות פון די אַרבעטער און געקראָגן סיי מאַטעריעלע און סיי מאָראַלישע הילף. די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, האָט זיך געהאַלטן ביי דער דעקלאַראַציע פון יוני 1918, וואָס האָט פאַרפליכטעט צו העלפן „דורך אַלע מעגלעכקייטן איינפירן אין פּאַלעסטינע א פאָלקס־רעפּובליק, באַגרינדעט אויף די פולסטע דעמאָקראַטישע יסודות, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש". אין דער הסתדרות האָבן זיי געזען דעם דאָזיקן כח, דעם כח פון איבערשטאַלטיקן א מדינה און מאַכן א סוף צו דער מנחם־מענדלשער פסיכיק אין אונזער יידישן פאָלקס־שטייגער.

די הסתדרות, ווי א קינד פונ'ם סאָציאַליסטישן ציוניזם, האָט געזען אין יידישער שעפערישקייט, אַן אייביקן פּראָצעס, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּשטעלן — און דעם אויסדרוק צו אָט דער שעפערישקייט, געזען אויף דעם שטח פון פאָלקס־אייגנאַרטיקייט, גייסטיקע אַנדערשקייט דורך אייגענער מלוכהשאַפט.

מיט'ן אויפקום פון ציוניזם און די שטרעבונג זיך אומצוקערן און בויען אַן אייגענע מדינה, האָבן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן זיך א נעם געטאָן צו די מקורותדיקע קוואַלן פון יידיש־סאָציאַלן יושר. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז אינ'ם פּראָגראַם פון דעם היסטאָרישן גורל, מוז אויך אַריינגענומען ווערן די היסטאָרישע וויזיע פאַר דער צוקונפט.

ווילנדיק אָדער ניט, האָבן זיי געמוזט קומען צום באַשלוס, אַז דער סאָציאַלער געדאַנק, וואָרצלט טיף אין דער יידישער געזעצגעבונג און אין דער יידישער טראַדיציע. פון תנ"ך, משנה — ביז חסידות, ציט זיך די דאָזיקע קייט און יעדער דור האָט אַריינגעבראַכט זיין רינג אין אָט דער יהדות דאָקטרין, וואָס פאַרזיכערט פיזיש און גייסטיק דעם המשך פונ'ם יידישן יחיד און צבור.

דאָס האָט יאָרן פריער אַנערקענט דער יידישער פילאָזאָף פון אידעאַליסטישן־העגעליאַנישן חדר, נחמן קראָכמאַל (1785־1840), וועלכער שטיצט זיך שטאַרק אויף דער גייסטיקער השפעה אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון פעלקער, בפרט פון יידישן פאָלק[2] און דאָס האָבן געמוזט אַנערקענען אפילו די היסטאָריקער פון מאַטעריאַליסטיש־סאָציאָלאָגישן חדר.

קראָכמאַל האָט אָט די עטישע אַטריבוטן פון תורת ישראל און עם ישראל, אַרויסגעבראַכט אויפן קלאָרסטן אופן[3]. ער האַלט, אַז א דאַנק אָט די אַטריבוטן, איז יידישער קיום, געוואָרן סופּער־נאַטירלעך, „למעלה מן הטבע".

די נאַציאָנאַל־סאָציאַלע דאָקטרין וואָס איז דורך אים און אַנדערע פאָרשער אַרויסגעקומען אויפ׳ן אויבערפלאַך פון חכמת־ישראל־היסטאָריאָגראַפיע, האָט אָפּגעוואונדערט אַלע אַסימילאַטאָרישע און קאָסמאָפּאָליטישע הנחות פון מאַרקסיסטן און נעאָ־מאַרקסיסטן — און וואָס שייך די יסודות פון יידישער אמונה, האָבן זיי געהאַלטן, אַז זיי זענען געבויט אויף שכל און ראַציאָנאַלן פאַרשטאַנד און באַהויכט פון דעם נביאיש־דינאַמישן כח וואָס איז אַ סך שטאַרקער פון טרוקענעם אַטעאיס־טיש־מאַטעריאַליסטישן כח.

דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָבן זיי געמוזט צוגעבן, האָט נישט באַוויזן צו שאַפן גליק דעם מענטשן, איז ניט געווען בכח אים צו געבן דעם מאַקסימום פון אינערלעכן פרידן און באַפרידיקונג — אַז אַ סטימולירנדיקער כח קאָן בלויז זיין, מאָראַלישע דערהויבונג.

י ב נ ה האָט געקענט לייגן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויפהאַלט פון יידן אין גלות און ס י נ י האָט געקענט געבן אַ לעבנס־אינהאַלט פאַר דער מענטשהייט און ניט אומזיסט האָט דער אַפּאָסטאָל[4] זיך אויסגעדריקט: „דיינקט ניט, אַז איך בין געקומען פאַרניכטן די תורה אָדער די נביאים; איך בין געקומען ד ע ר פ י ל ן . . . . מילאָ, דאָס „דערפילן", האָט פאַרשאַפט גענוג צרות און איבלען, אָבער דאָך האָט אפילו דער אַפּאָסטאָל געמוזט צוגעבן, אַז תורה בלייבט אייביק! די מאַרקסיסטיש־סאָציאַלע וויסנשאַפט האָט געבלאָנדזשעט, איבער־לאָזנדיק אַ טיפן גייסטיקן קריזיס. אין ענגלאַנד, למשל, האָבן ערנסטע אַרבעטער פירער, זיך פאַרנומען מיט זוכן וועגן ווי אַזוי צו פּאָפּולאַריזירן די סאָציאַליסטישע אידייע אַפילו צווישן אַרבעטער. זיי האָבן געמוזט ענדערן אַזעלכע פונקטן אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „לייבאָר פּאַרטיי", וואָס האָט גערופן צו נאַציאָנאַליזאַציע פון פּראָדוקציע מיטלען. די טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי האָבן געמוזט זוכן אַ נייעם וועג ווי אַזוי אויסצוקריסטאַליזירן אַ פּלאַטפאָרמע, אין וועלכער מאַרקסיזם זאָל ניט אינגאַנצן ליקווידירט ווערן און זיך צופּאַסן צו די נייע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען, אַריינצופּאַסן סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע אין דער געזעלשאַפט פון שפע . . .

ביים סומירן מוז אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין דער זעלביקער צייט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן פון איין זייט די ציוניסטישע און פון דער אַנדערער זייט, די בונדיסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, איז אויך אַרויסגעקומען אויף דער יידישער גאַס, דער יידיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיזם אָדער פאָלקיזם, וועמעס אידעאָלאָג און טעאָרעטיקער ס׳איז געווען, ווי דערמאַנט פריער, דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו.

אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (פאַרעפנטלעכט אינ׳ם יידיש־רוסישן „וואָסכאָד") האָט ער אויפגעשטעלט דעם היסטאָריש־אידעאָלאָגישן

פונדאמענט פונ׳ם פאָלקיזם, וואָס האָט צוגעצויגן גרויסע טיילן פון דער אינטעליגענץ אָבער קיינמאָל ניט געוואָרן די מאַסן־באַוועגונג.

די פאָלקיסטישע באַוועגונג האָט, ווי דער „בונד״, זיך אָריענטירט גאָר א סך אויף דאָאיקייט, אויפ׳ן יידישן לעבן אין גלות. אין די רייען פון די פאָלקיסטן האָבן זיך געפונען סאָציאַליסטן און ניט־סאָציאַליסטן. דער שטיצפּונקט פונ׳ם פאָלקיזם איז אָבער געווען ניט קלאַס, נאָר פאָלק, די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי, ווי איינער פון די פירער פון דער רוסלענדישער „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען וויקטאָר מיכאילאָוויטש טשערנאָוו (געשטאָרבן אין עלטער פון 78 יאָר, אפּריל 15, 1952) האָט נאָכגעפאָלגט טיילוויז די שיטה פון דובנאָוו׳ן אָבער מיט מער שטיצע אויף דעם ארבעטער קלאַס, מיט אן איינגאַרטיקער באַציאונג צו יידיש.

אין זיין ווערק „ייד און וועלט״[5], ברענגט זשיטלאָווסקי אַרויס זיין סינטעז פון א יידיש־פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס נעמט אריין און שמעלצט צוזאַמען דעם ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און גלות־נאַציאָנאַליזם.

זשיטלאָווסקי, זייענדיק דורכגעדרינגען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־אנשויאונג, האָט געזוכט דעם וועג אין אונזער נאַציאָנאַלן לאַבירינט, צו שאַפן א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין די אַלע לענדער וואו יידן וואוינען קאָמפּאַקט. אַנדערש פון ש. דובנאָוו׳ס „גייסטיקער נאַציאָנאַליזם״, זוכט ער א געזונטערן יסוד, אן עקאָנאָמישע באַזע פאַר׳ן קיום פון פאָלק אין די תפוצות און דעם קיום פון יידישער קולטור. ער קומט צום אויספיר:

„וואָס מער מענטש א ייד איז, וואָס טיפערער אים זענען די רייכע איינגאַרטיקע פאָרמען פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס העלער אין אים לייכט דער פונק פון דער מענטשלעכער חשיבות און דרך ארץ צו דעם מענטשן אין זיך אַליין, וואָס טיפער אין אים שמאַרצט די וואונד פונ׳ם יידישן שטאַלץ, אַלץ מער ייד איז ער, אַלץ שטאַרקער איז אין אים דער וואונטש צו דינען דעם אייגענעם פאָלק און העלפן אים, אז ער זאָל באַשאַפן פאַר זיך די מעגלעכקייט פון א פרייען, שיינעם און חשוב׳ן לעבן אין דער אייגענער היים! . . .

וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייד!״

די רעליגיעז־סאָציאַלע דיינקער האָבן געהאַלטן, דאָס פאַרקערטע: וואָס מער ייד, אַלץ מער מענטש. מיט׳ן אויפקום פונ׳ם ציוניזם, האָבן די רעליגיעזע ציוניסטן זיך א נעם געטאָן צו שאַפן אנ׳ם לאַנד, וואו אונזער אור־פאָטער האָט זיין זון צו דער עקידה געבראַכט די געלייטערטע געזעלשאַפט. צו פאַרזיכערן די פונדאַמענטאַלע לערעס פון יושר, ניט בלויז דורך דער טרוקענער־אַנאַליטיש־מענטשלעכער לאָגיק, נאָר דורך דעם געטלעכן באַפעל, דורך דעם נביאישן „כה אמר השם״.

די רעליגיעז־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען האָבן אַלס צוגאָב אריינגעבראַכט

דאָס יידישע ליכט פון אחרית הימים־וויזיעס, גערייניקט דאָס יידישע האַרץ פון פרעמדע השפּעות, עמאַציעס, סטיכיעס און עס באַאיינפלוסט מיט׳ן נביאים־גייסט. זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט אויפצולעבן די גרויסע אידעאַלן פונ׳ם נביא אינ׳ם אויפגעלעבטן לאַנד דורך דעם אויפגעלעבטן פאָלק, ווי מיר ווילן עס זען אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

הערות

א.

1. ווענן אים און גאָרדאָניסטן — געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן; זע אויך פריער, קאַפּ. 26.
2. זע, „כל כתבי א. ד. גורדון, כרך ג׳, ז׳ 106.
3. דאָרט, ז״ז 116־118.
4. דאָרט, חלק ד׳, ז״ז 63־65; זע אויך:
A. D. Gordon, Selected Essays, tr. by Frances Burnce, Ph.D., Boston, 1937.
5. זע, „ארבעים שנה״, ערוך ע״י י. לופבן, הוצ׳ מרכז מפלגת פועלי ארץ ישראל, תל־אביב, תש״ז. אַ קובץ געווידמעט פערציק יאָר „הפועל הצעיר״ און גאָר אַ סך דעם זקן־חלוץ, וואָס איז ביי זיי געווען פאַרערט און באַליבט.

ב.

1. „ההסתדרות מהי?״ מאת ק. שבתאי, ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל, המרכז לתרבות והסברה, 1952.
2. A. Revuski, The Histadruth, New York, 1938.
3. איינער פון די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דער ישראלדיקער אַרבעטער באַוועגונג.
4. „צוקונפט״, יאַנ.־פעב., 1958. אויך: „מבפנים״, עין־חרוד, אדר א׳, תשי״ד—פעב. 1954.
5. דוד בן־גוריון, אריינפיר, ז׳ 4 און ב. קאַצענעלסאָן, ז״ז 3־4, „אַ פערטל יאָרהונדערט הסתדרות־זאַמלבוך״, רעד. ל. שפּיזמאַן, אַרויסג. געווערקשאַפטן . . . ניו־יאָרק, 1946.
6. דאָרט, ז״ז 4־7 באריכות.
7. דאָרט, ז״ז 21־22.
8. דאָרט, אויספירלעך.
9. זע, ל. אמיתי, דאָרט, ז״ז 26־35.
10. דאָרט, ז״ז 36־54.
11. זע, דר. ב. וואַלמאַן, הסתדרות און מדינת ישראל, „צוקונפט״, אָקט. 1949, ז׳ 456. ייד. קעמפער, פּרייטיק, אָקט. 7, 1960, ז״ז 4־5.
12. אליעזר ליבנה און דר. הערצל בערגער, „צוקונפט״, יאַנ.־פעב., 1958. דער ערשטער איז קעגן דער קאָנצענטרירונג פון דער גאַנצער עקאָנאָמיע און ווירטשאַפט אין די הענט פון אַזאַ אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, בעת דער אַנדערער זעט עס ווי אַ מ ו ז צו האָבן אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אַלס כח אינעם אויפבוי פון דער מדינה.
13. זעו: „ספר העליה השניה״ (פאַרלאַג „עם עובד״); ארבעים שנה״ (פאַרלאַג „הפועל הצעיר״) און אַנדערע שריפטן.

ג.

1. די ערשטע ידיעה וועגן אַ פועלי ציון פאַריין אין ניו־יאָרק, געפינען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דער ווינער „וועלט״, נומ׳ 48 (נאָוו. 30, 1900). אינעם „המכבי״, וועמענס ענגלישער רעדאַקטאָר איז געווען לואי ליפּסקי (יידישער רעד. איז אַ צייט געווען ג. זעליקאָוויטש) ווערט אין די יאָרן 1901־1902, אַ סך דערציילט וועגן די נייע ציוניסטישע גרופּירונגען אין ניו־יאָרק. זע אויך, ל. שפּיזמאַן, הסתדרות־זאַמלונג, וועגן וואוקס און ציל פון דער דאָזיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.
2. זע, כתבי רנ״ק, מורה נבוכי הזמן, בעריכת ש. ראבידוביץ, הוצאת „עינות״, ברלין תרפ״ד, ז״ז ל״ז־ל״ח; י. צינבערג, געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, באַנד 8, בוך 1, ז׳ 86; גאולה בת יהודה, רבי נחמן קראכמאל ותפיסתו הלאומית, „ארשת״, ירושלים, תש״ד, ז״ז תכ״ב־תכ״ג; גרשון א. חורגין, רבי נחמן קראכמאל, משנתו והשפעתו, הספר העברי קובץ שנתי, ניו־יאָרק, תש״י, ז״ז נ״א־נ״ב.
3. ש. איש הורוויץ, ציון לנפש רנ״ק, וואַרשע, תרמ״ז, ז׳ 18; לשיטת רנ״ק בעניני הדת והלאומיות, המליץ, נומ׳ 111, 114, 117; כתבי רנ״ק, מ״ב־מ״ג; מיכה יוסף ברדיצבסקי, אוצר הספרות, שנה ב׳; ארשת, דאָרט, ז׳ תכ״ח; ש. ראבידוביץ, התורן, החדשי, שנה י״א, תרפ״ה, חוב׳ א׳־ג׳, ז״ז 168־170; מ. ל. ליליינבלום, הלאומיים הראשונים במאה האחרונה, כל כתביו, ג׳, ז״ז 95־96.
4. נאָכקוקן, ייד. קעמפער, פּסח תשט״ז, ז״ז 148־149.
5. אַרויסג. דורכן „איקוף״ און דר. חיים זשיטלאָווסקי פאָלקס־קאָמיטעט, 1945, רעד. ג. מייזיל.

ד ר י ט ע ר ט י י ל

רעליגיעזער סאָציאַליזם

קאַפּיטל דרייסיק

אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק

א. גרונט־יסוד פון מאָדערנעם רעליגיעזן סאָציאַליזם — יהדות אין באַהערשונג פון יצר. — חלוצים פון רעליגיעזן סאָציאַליזם.

די טעאָרעטיקער און אידעאָלאָגן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם האָבן זיך פאַרטיפט אין דעם וועזן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואו דער געדאַנקען־גאַנג איז געווען דער מאַרקסיסטישער; לויט זייער באַגאַבונג, ארויס פון דער בית־מדרש אנאַליטיק, האָבן זיי אָנגעהויבן פאָרשן דאָס יידישע לעבן און די יידישע מצוות. מיטן פּאַטאָס פון נביא־ישער זעאונג — המשך פון ישעיה־עמוס־הושע; המשך פון משיח געדאַנק אין דער יידישער געשיכטע — האָבן זיי אריינגעשטראָמט אין דער יידישער יוגנט — די שעפערישע יידישקייט פון אלע דורות און אלע עפּאָכעס.

די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם האָבן אויך דערפילט, אז אין דער יידישער אינטעליגענץ, און ניט ווייניקער אין דער יידישער מאסע, האלט זיך אין וועקן די הויכע אמונה אין די אידעאלן וועלכע קענען ווערן די שטאַרקסטע טרייבקראַפט — די גלויבנדיקע תמימות, וואָס היט פון אנטוישונגען און וואָס שטאַרקט דעם טרוים. צוזאַמען מיטן באַוואוסטזיין און איבערצייגונג אין תורה־דיקן סאָציאַליזם, דאָס הייליקע ליכט פון „אש דת", דורך וועלכן עס ווערט פאַר־געשטעלט און אנטפּלעקט די פרייהייט און די גערעכטיקייט אין זייערע עקזאלטירטע דורות'דיקע טרוימען . . . האָבן זיי דאָס ליכט פון די הייליקע אידעאלן געבראַכט אינם יידישן לעבן; זיי האָבן באַוויזן די עטישע מאָראַל אין די מצוות, אין קעגנזאַץ צום אטעאַסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט געזען אין דער רעליגיע די היעראַרכיע און אויטאָקראַטיע, וואָס שטערט דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

אין דער צייט, ווען דער סאָציאַליזם האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פּראָמעטעאוס און פאוסט, מיט זייער רעוואָלוציע און אויפשטאַנד, האָבן די טיף רעליגיעזע סאָציאַליסטן זיך געשטעלט אין דער ריי פון איוב און קהלת, וועלכע אָנערקענען די גערעכטיקייט פון גאָט און אז די מענטשלעכע צרות, נעמען זיך סוף־כל־סוף, פון זיינע אייגענע יצר'דיקע טראַגישע שוואַכקייטן.

אין מענטשלעכע שוואַכקייטן האָבן זיי געזען א נאַטירלעכקייט, ווייל אזוי איז די יצירה און קיין בן־אדם קאָן דאָך ניט אריינדרינגען אין די טיפענישן פון דער יצירה; החקר אלהי תמצא? אם עד תכלית שדי תמצא? ווילסט די פאָרשונג פון גאָט געפינען?[1] און ווי איוב דריקט זיך אויס: מי יתן טהור מטמא, לא אחד (ווער קען מאַכן פון ריין אומריין — קיינער ניט)[2] דער מקור פון מענטש „טיפּה סרוחה",

איז ווי קען ער זיין לויטער זויבער, ריין און ניט ווערן גערעגט פונם יצר? לויט דעם צוגאָב טייטש: לא אחד, קיינער בלויז איינער . . . בלויז דער באשעפער קען דאָס באווייזן צו טאָן!

די מצוות זיינען אויף צו קאָנטראָלירן און צוימען דעם יצר. תאוה, למשל, ווערט געצוימט דורך דער מצוה פון „פרו ורבו"; עסן ווערט קאָנטראָלירט דורך כשרות, א.א.וו. דעם ענטפער אויף אלע תרי"ג מצוות האָבן אונזערע חכמים גע־געבן אין זייער א קורצן אפאָריזם: לא נתנו המצוות אלא לצרף בהם את הבריות". די מצוות זיינען געצילט צו לייטערן דעם מענטש . . . ארויסצורייסן פונם מענטשן די פאַרדאָרבענע געוואוינהייטן און אים גייסטיק לייטערן און אויפלעבן.

די נביאים, די קעמפער פאר גאָט'ס וואָרט, האָבן געוואָלט לייטערן און הייליקן דעם מענטשנס מחשבה — יעדער מענטש זאָל ווערן א גיבור אויף איינצוצוימען דעם יצר: „איזהו גבור הכובש את יצרו"! דורך דער דאָזיקער גבורה פון באקעמפן אין זיך דעם יצר, זאָל דער מענטש געשטעלט ווערן העכער פון דער בהמה און חיה, וועלכע זיינען איבערגעגעבן בלויז צום אינסטינקט.

דאָס קריסטנטום האָט געוואָלט באקעמפן דעם יצר דורך באווייזן זיין אבסאָלוט קאטעגאָרישן שלעכטס. די תאוות הגוף איז פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי די ליידנ־שאפטן פונם טייוול און מען דארף זיי גענצלעך אויסראָטן און אויסוואָרצלען. תורת ישראל זעט אָבער אין יצר א געוויסן פאָזיטיוון ווערט. אין יהדות איז דער נזיר־אסקעט ניט דער בעסטער טיפּ אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. דער נזיר דארף דאָך ברענגען א קרבן נאָכן פארענדיקן זיין נזירות און איינער פון די חכמי התלמוד האָט דאָך געזאָגט, אז דער קרבן איז פאר א פארגעבונג, ווייל דער נזיר האָט אויף זיך גע'אסור'ט זאכן, וואָס זיינען אים געווען דערלויבט.[3]

די ערשטע מצוה פון דער תורה איז: „פרו ורבו". דער ניט־פארהייראטער איז ניט פון די בעסטע אין ישראל; א יידישער פירער אן אומפארהייראטער („רווק") איז שוין גאָרניט קיין כבוד. ער דארף זיין א מוסטער מיט אויפבויען א הויז אין ישראל לתורה ולתעודה . . . האיש הנושא אשה, משלים עצמותו ומוצא אבדתו.[4] דורך דער הייראט ווערט צונויפגעהאלטן און צעמענטירט איינהייט פונם יחיד און דער מענטשהייט — די ליניעס פון געשלעכט־האלבירונג קומען זיך צוזאמען דורך דער פארהעלטעניש פון מוטערשאפט מיט פאָטערטום — א פאראייניקונג פון ביידע עלעמענטן.[5]

יהדות, ווי עס ווערט באטאָנט אין אומצייליקע ספרים, פאָדערט ניט, דאָס ארויסרייסן דעם יצר („עצירת היצר"), נאָר א שווערע און מער פּראָבלעמאטישע דערגרייכונג—דער מענטש זאָל באהערשן זיין יצר דורך זיין שטארקן רצון, דורך דער בחינה פון סוף מעשה במחשבה תחילה . . . אז אלץ זאָל בטל ווערן דורך א שטארקן קאָנטראָל און באהערשונג — דאָס איז דער זין פון די תרי"ג מצוות, צו

קאָנטראָלירן און באַהערשן דעם „יצר לב האדם רע מנעוריו" און דעם אחריות־עגאָאיזם, וואָס כאַפּט אַרום דעם מענטש פון זיין געבורט.[6]

דער ציל פון דער מענטשהייט איז אויסצואוואָרצלען דעם עגאָ, אָפּצושאַפן סעפּאַראַציע און צעצווייאונג אין אַלע פאָרמען און וואַריאַציעס; אַזוי אין קאָסמאָס עגאָ, אַזוי אין סאָציאַ־עגאָ; אויסצואוואָרצלען די שלעכטע גורמים פון יצר הרע — די צעשפּאַלטונג און צעצווייאונג ביי דער מענטשהייט און פאַרווירקלעכן די בענקשאַפט נאָך פאַראייניקונג אין אַלע זיינע פאָרמען — די אוניווערסאַלע תשובה, ווען דאָס מענטשלעך האַרץ וועט איבערפילט ווערן מיט ליבע און רחמנות, ווי דער נביא זאָגט: „און איך וועל אַרויסנעמען דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער לייב און איך וועל אייך אַריינגעבן אַ פלייזשיקע מענטשלעך האַרץ.[7]

דאָס קאָן נאָר מעגלעך זיין לויטן באַגריף פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, ווען די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון דער תורה, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צווייטער נאַטור; ווען מען וועט זיך דערהויבן צו די רייד פון די נביאים קעגן דער אונטער־דריקונג פון אָרימעלייט און סאָציאַל־דערנידעריקטע . . . ווען עס וועלן פאַרווירק־לעכט ווערן די סאָציאַל־מאָראַלישע עמפּערונג פון די נביאים . . .

די ערשטע פּיאָנערן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם זיינען געווען די, וואָס האָבן באַוויזן אויסצופירן דעם תנא ר' יהודה בן תימא'ס שילדערן דעם כח פון גלויבנ־דיקן מענטשן, אַז ער דאַרף זיין „מוטיק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַן אָדלער; פלינק ווי אַ הירש און שטאַרק ווי אַ לייב, צו טאָן דעם ווילן פון דיין פאָטער אין הימל".[8]

זיי, די חלוצים פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, האָבן פון זייער זייט געדאַרפט אומקערן די יוגנט צו די אידעאַלן פון ריינעם יהדות, צו דער תקופה, ווען אַרבעט איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, שיבה למקור יהדות! צום תנ"כ'ישן סאָציאַ־ליזם, ניט דאַרפנדיק וואַרטן ביז דער גינסטיקער רעוואָלוציאָנערער רגע צו קענען עקספּראָפּריאירן די „עקספּראָפּריאַטאָרס", ווי דער מאַרקסיזם לערנט.

אין זייער סאָציאַלן דענקען, אין זייערע טיפּסטע בענקענישן פאַר אַ נייער סאָציאַלער יושר'דיקער אָרדנונג, קומט צום אויסדרוק דער באַגער, אַז אין מלוכה־שן, רעליגיעזן סאָציאַליזם זאָל ניט בלויז דער מאָגן אָנגעפילט ווערן, נאָר נשמות זאָלן אָנגעפילט ווערן מיט פרייד און גייסטיקייט. דער יחיד זאָל ניט זיין סתם אַזוי אַ טייל פון אַ מאַשין, אָדער אַ בלויזער צעל אין דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם . . . דער אַבסאָלוטער מושל, די געטלעכע הערשאַפט זאָל באַשטימען דעם מענ־טשענ'ס און דער וועלט'ס שיקזאַל — דער מענטש זאָל אָבער זיין קאָנטראָ־לירט דורך פּרינציפּן און פליכטן באַזירט אויף אויטאָריטאַטיוון באַוואוסטזיין, נערעכטיקייט און גוטע מידות — די הויפּט־מידה: „לב טוב" — דאָס גוטע האַרץ, וואָס איז, לויט די רייד פון ר' אלעזר בן ערך, מיט דער הסכמה פון זיין גרויסן רבי'ן, ר' יוחנן בן זכאי — דער בעסטער וועג פאַרן מענטשן אין

לעבן . . . דורך דעם גוטן האַרץ דערזעט דער מענטש ניט בלויז זיך אָדער די אַבסטראַקציע פון כלל, נאָר די לעבעדיקע קאָנקרעטקייט פונם יחיד אין זיינע טויזנטפאַכיקע זאָרגן — און ער געפינט דעם וועג ווי אַזוי זיי צו לייזן און אויסבעסערן . . . דורך שאַפן אַ נייעם ציוויליזירטן סאָציאַלן לעבנס סדר — און דאָ איז וויכטיק עטלעכע פונדאַמענטאַלע קרעדאָס, וואָס שייך דעם נייעם לעבנס סדר.

אַזאַ לייזונג זוכט שוין לאַנג די ליבעראַלע וועלט, וועלכע האָט איינגעזען, אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם. מיט איינגענער מאַטעריאַליסטישער באַפרידיקונג, ווייסט זי, קאָן די וועלט ניט האָבן קיין קיום. כל זמן די מענטשהייט וועט ניט זיין צופרידן און דערהויבן, איז זיין אייגענע זיכערקייט און פרייהייט אין גרויס געפאַר.

ב. טעאָריע און פּראַקטיק. — העכערע שטרעבונגען. — פּאַר און נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

אין די לעצטע איבער פיר צענדליק יאָר זיינען אויסגעוואַקסן ביי יידן דריי רעליגיעז סאָציאַל־אָרבעטאָרישע באַוועגונגען: 1. „הפועל המזרחי" אין אַ ברייטערן פאַרנעם, געראָפן תורה ועבודה באַוועגונג; 2. „פּועלי אגודת ישראל"; 3. דת ועבודה. דער הויפּט אידעאַל פון אַלע דריי באַוועגונגען איז „הכרת מלכות שמים"! דאָס סאָציאַלע פּראָגראַם פון אַלע דריי ריכטונגען איז הויפּטזעכלעך באַזירט אויפן אַבסאָלוטן תורה־יושר. דער פאַרלאַנג, אַז אַלע וואָס אַרבעטן זאָלן רעגירן, איז פאַרביטן געוואָרן אויפן פאַרלאַנג, אַז אַלע וואָס פּראָדוצירט זאָל געניסן פון די פּראָדוקטן, ווייל רעגירן מיט דער וועלט קאָן נאָר קוב"ה, צו וועמען די גאַנצע וועלט און די גאַנצע מענטשהייט געהערט.

די אַלע דריי באַוועגונגען האָבן אויך כמעט דעם זעלבן אויסטייטש וועגן דעם באַגריף „עבודה" (אַרבעט). אַרבעט אין אַ העכערן זין און באַדייט איז ראַמאַנטיש־באַצויבערנדיק; פאַרבינדט דעם מענטש מיטן אַנדערן מענטש, פאַרבינדט אים מיטן פאָלק; פאַרבינדט אים מיט דער נאַטור; מיט דער יצירה. „עבודה" האָט אויך אַ העכערן עטישן זין, אויסגלייכנדיק דעם מענטשן, פאַרוואַנדלענדיק אים אַלס אַ טייל פון דער געזעלשאַפט. די מענטשהייט ווערט מער פאַראייניהייטלעכט און גלייכט אויס אַלע פאַרקרומטקייטן, אַלע מענטשלעכע אונטערשיידן, וועלכע זיינען גורם איבלען, דיסקרימינאַציעס און קלאַסן־קאַמפן.

זיי האַלטן ניט פון אַרבעט אַלס אַ רעליגיע אַן און פאַר זיך. דאָס ניט! דער אויסדרוק „דת עבודה" רעליגיע פון אַרבעט האַלטן זיי איז אַבסורדיש, געצנדינעריש. אַרבעט דאַרף דינען ניט בלויז דעם גוף. זי דאַרף דינען אַלס יצירה, אַלס לייטערין פון דער מענטשלעכער נשמה. זי דאַרף אויך דינען ניט בלויז אויף צו דערהויבן דעם יחיד נאָר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, דעם גאַנצן שטאַט, די נאַציע.

דער סאָציאַל־עטישער פּרינציפּ, וואָס דרינגט אַרויס פונם גרויסן כלל „ואהבת לרעך כמוך", צילנדיק אָפּצושאַפן אַלע גורמים, וואָס פאַראורזאַכן די מענטשלעכע

צעטיילקייט פון עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע, באַדריקער און געדריקטע, פרייע און פאַרשקלאַפטע — דער ציל איז אָפּצושאַפן גענצלעך דעם האַס און די צעטיילטקייט. אויף זייער אָרט שאַפן אַזעלכע לעבנס באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פירן ניט בלויז צום עקאָנאָמישן סאָציאַליזם, נאָר פריער פאַר אַלץ צום עטישן סאָציאַליזם, וועמענס הויפּט פּרינציפּ איז אייביקע ליבשאַפט צווישן מענטש און מענטש.

אַרויסקומענדיק פון דער הנחה, קען מען זאָגן, אַז גוסטאַוו לאַנדויערס סאָציאַליזם איז דער נאָענטסטער צום תורה ועבודה גייסט.

אַלע דריי ריכטונגען האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום אַלגעמיינעם סאָציאַליזם, ניט אַזוי פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, נאָר פון פּראַקטישן.

עס זיינען ,אָבער, פאַרשטייט זיך, פאַראַן שאַרפע חלוקי־דעות: אידייאישע, טעאָרעטישע, רעאַליסטיש־פּראַקטישע, צווישן אָט די דריי ריכטונגען אין רעליגיעזן סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם פון תורה ועבודה איז פון באַגין געווען ענג פאַרבונדן מיטן אויפבוי פון ארץ ישראל, מיטן בנין הארץ, מיטן לאַנד וואו עס בויט זיך און עס שאַפט זיך אַ ניי לעבן, וואָס קאָן צונויפפאַסט ווערן צום יידישן יושר געדאַנק, צום יידישן סאָציאַליזם, צום יידישן אַרבעטער.

תורה ועבודה אַלס טייל פון מזרחי און אַלוועלטלעכן ציוניזם, האָט פולשטענדיק מסכים געווען מיט די שאַפער און באַגרינדער פון מאָדערנעם פּאָליטישן ציוניזם, ווי פּינסקער, הערצל, קאַלישער, נאָרדאַו א.א. לעאָן פּינסקער אין זיין „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע" (דערשינען אין 1880), האָט ניט געהאַט הערצל'ס וויזיע און אויך ניט זיין פייער צו וועקן צו גאולה. ער, מער ווי אַנדערע, האָט אָבער אויסגעשריען מיט גאַל און צאָרן דעם גאַנצן טראַגישן אמת וועגן אונזער לאַגע אין דער וועלט. ער האָט זיך אויך פאַרמאָסטן צו זוכן אַ תשובה, אַ לייזונג צו אונזער פינסטערן גורל — אַ היים! מיר דאַרפן אַ היים! מיר האָבן „צופיל" היימען און קיין איין אמת'ע היים האָבן מיר ניט. דער גלות האָט אונז קראַנק געמאַכט, גייסטיק און פיזיש. מיר דאַרפן גייסטיק, סאָציאַל און עקאָנאָמיש געזונט ווערן. אַ חוט־המשולשדיקע אומבאַדינגבאַרע היילונג, וואָס איז נאָר מעגלעך אין אַן אייגענער היים.

דער אָנזאָגער פון דער גרויסער גאולה באַוועגונג האָט אָנגעוויזן, אַז מיר דאַרפן אַ היים און ניט געזאָגט וועלכע היים. תורה ועבודה פּונקט ווי די אַנדערע ריכטונגען אינם פּאָליטישן ציוניזם האָט געזאָגט: אַ היים אין אונזער היסטאָריש באַרעכטיקט לאַנד, אינם ארץ אבותינו, אין ארץ ישראל.

פיינט האָבנדיק איזאָלאַציע אין יידישן לעבן האָט די תורה ועבודה געפירט אַ מעסיקע פּאָליטיק, בנוגע איר טאַקטיק און פאַרהאַנדלונג מיט אַנדערע גרופּירונגען, וועלכע שטעלן צוזאַמען די גרויסע ציוניסטישע באַוועגונג און דעם ישוב אין

ארץ ישראל. זי האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבן איר קאַמף פאַר א רעליגיעז־סאָציאַל בארעכטיקטן לעבן אין ארץ ישראל.

תורה ועבודה האָט געבויט איר טייל פונם ישוב אין תורה־גייסט לויט אלע מאָסן און אונטער אלע אומשטענדן, דאָך תמיד געזוכט א הסכם מיט אנדערע קער־פערשאפטן אזוי אויפן געביט פאַר דער פארבעסערונג פונם ארבעטערס מצב, אזוי אויפן געביט פון אויפבוי און חלוציזם.[1]

די באוועגונג פאַר'ן רעליגיעזן סאָציאַליזם אין אונזער תקופה האָט זיך אנגעפאנגען אין די יאָרן פון און נאָך דעם ערשטן וועלט קריג, אין צייט פון צעשטערטע מאטעריעלע רייכטימער, אין צייט פון מאָרד־קאַשמאַר, אין צייט פון טאָטאלן אומקום וואָס האָט גורם געווען מאָראלישע ירידה און גייעג נאָך א פאראזיטן לעבן, וואָס קומט נאטירלעך נאָך פארוואָרלאָזטקייט און הפקר'דיקייט.

אין יענער תקופה האָט זיך באוויזן אויף דער יידישער גאס א נייע יוגנט־באוועגונג, א שטאָלצע יוגנט, וואָס איז געווען גרייט אויסקעמפן און אָפּגעבן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דער בויאונג פון דאָס היסטאָרישע יידישע לאַנד און פאַר דער איבערבויאונג פונ'ם היסטאָרישן יידישן פאָלק, מיט האָפנונג און פערספּעק־טיוו פאַר דערפאָלג אויף ביידע געביטן.

פול מיט באגייסטערונג, האָט די יוגנט זיך א נעם געטאָן צו פארווירקלעכן די דאָזיקע אידעאַלן. מיט חלוצים גייסט געוואָלט מאכן א סוף צו דעם טראגישן קאַשמאַר פון דער צוויי־טויזנט יאָריקער גלות געשיכטע. זיי זיינען געווען באזעלט מיט שטאָלענער זיכערהייט, אז די וועלט און מיט איר דאָס יידישע פאָלק שטייט אויפ'ן שוועל פון באפרייאונג; אז ס'האַלט ביים אויפגיין א נייע געזעלשאפט פון אמת'ער גלייכהייט און פרייהייט, א געזעלשאַפט אָן אויסנוצער און אויסגענוצטע...

ווי זאָגט הרב יצחק ניסענבוים הי"ד: „בראשית היתה המחשבה"[2]. ציטירנדיק די דאָזיקע ווערטער פון הרב י. ל. הכהן פישמאַן (מיימון) אין זיין הקדמה צו דעם ספר: „הציונית הדתית והתפתחותה". ווען ער דאַרף שרייבן וועגן „הפּועל המזרחי", וויל ער בעסער אָנפאנגען מיט די ווערטער: „בראשית היתה הפעולה" . . . ווייל — פירט ער אויס —

„דער הפּועל המזרחי" איז אין בראשית פון זיין גרינדונג ניט געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון א באזונדערער מחשבה, נאָר ער האָט געהאַט די זעלבע מחשבה פון „צעירי מזרחי". ער איז געקומען די מחשבה פארווירקלעכן אין לעבן" . . .

איז דאָ אין דעם אַן אמת, אָבער ניט דער גאנצער אמת. דער הפּועל המזרחי איז גראָד יאָ ארויסגעקומען מיט אַן אייגענער זעלבסטבאשטימטער אידעאָלאָגיע. אין אָנהויב זיינען אָבער ניט קלאָר געווען די אידעאָלאָגישע גריבלענישן, געקומען מיט'ן פאנאנדערוואוקס און פארשטאַרקונג פון דער באוועגונג אין ארץ ישראל און אין תפוצות ישראל.

דאָס זעלביקע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן פּועלי אגודת ישראל, וועלכע האָט אָנגעהויבן און ביז די לעצטע יאָרן געשטאַנען מיט אגודת ישראל — און דאָך באַוויזן אַן אומדערשעפּלעך און טיף אינטואיטיווע געדאַנקבליציקייט צוזאַמען מיט פּילזייטיקער טעטיקייט על דעת עצמה.

דער הפּועל המזרחי מיט זיין לאָזונג: „הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה"[7], האָט באַוויזן גרויסע טאַטן, העראָישע מעשים, דורכמאַכנדיק דעם וועג פון שטורמישע און ברויזנדיקע כוואַליעס . . . אָבער ניט ווייניקער אויפגעטאָן אויפ'ן געביט פון טעאָריע און אידעאָלאָגיע, אויף וועלכן עס האָט זיך אויך געפּאָדערט חלוצישן שוואונג און אָנשטרענגונג.

עס איז ניט לייכט געווען משפּיע צו זיין אויף דער געשטאַלטונג פונ'ם רעליגיעזן לעבן אין לאַנד, אויף דער אנטפּלעקונג פון אן עכט יידיש רעליגיעזן אַרבעטער לעבן, אויף די יסודות פון תורה און קדושה. עס האָט זיך געפּאָדערט אויף דערויף אידייאישע פּאַרטיפונג און אינטעלעקטועלע באַוואוסטזיניקייט. די ווערטער „יצירה" און „עבודה" זיינען אַ גרויסער חידוש, אפילו ווען דאָס בלייבט בלויז אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם מקורות'דיקן טראַדיציאָנעלן יידנטום.

יעדע יידישע פּאַרטיי אָדער באַוועגונג האָט זיך דעם ווילן און די פאָרשטעלונג פון אַ היסטאָרישן מאַרשרוט. זי האָט אָבער אין אויג בלויז איין קווערשניט פון פאָלק און פאַרנאַכלעסיקט די אַנדערע. עס איז כמעט ניטאָ די סינטעטישע באַוועגונג וועלכע זאָל אינזינען האָבן אַלע סאָציאַלע שיכטן פון פאָלק, אַלע פיזישע און גייסטיקע מדרגות פון זיין לעבן און שאַפן — אַן אַלאומפאַסנדיקן יידישן וועלט באַנעם; ניטאָ די באַוועגונג, וואָס זאָל איינזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן צער פון פאָלק, זיין גאַנצע בענקשאַפט און טראַכטעניש . . .

דער מאָראַליש רעליגיעזער כח איז דעריבער שטאַרקער פון אַלע אַנדערע; שטאַרקער פון דער פעטישיזאַציע פון מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם, וואָס די ראַפינירטע מאַסן פּראָפּאַגאַנדע סוגעסטירט.

די סאָציאַליסטישע אידייע טראָגט, אָדער דאַרף טראָגן, ווי הענריק דעמאַן[8] ניט צו, די פּאָזיטיווע זיטלעכע ווערט-מאָסשטאַבן. דאָס איז דער אורקוואַל פון דער סאָציאַליסטישער אידייע. אין זיינע ווערטער: „די פאָרם פון סאָציאַליזם, זיינע אָרגאַניזאַציעס, זיינען נאָר דאַן ווידערשטאַנדס פעיאיק . . . ווען זיי פאַרקערפּערן די קראַפט פון אַן אמת'ער אידייע . . ."

דאָס איז די גרונט אידייע פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, צו דערהויבן דעם מענטשלעכן גייסט, די מענטשלעכע קולטור — און דאָ קומען מיר ווידער צו דעמאַנ'ס סומירונג:

„די צו גרויסע אַקצענטירונג פונ'ם קלאַסן באַגריף אין וואולגאַרן מאַרקסיזם, די אונטערשאַצונג פון די פּערזענלעכקייט-ווערטן אין זיין פּאָליטישער פּראַקטיק, זיין נייגונג צו פאָרמען פון מלוכה אַפּטרופּסות און מלוכה סאָציאַליזם . . . זיין צו-

טרוי צו דער וואכזאמקייט פון ביוראָקראַטישער ווירטשאפט רעגולירונג . . . דאָס אַלץ זיינען סימנים, וואָס אונטערשיידן אים פון מערב אייראָפּייאישן סאָציאַליזם, פונקט אזוי, ווי דער לוטעראניזם האָט זיך אונטערשיידט פונ׳ם קאַלוויניזם . . . די געדאנקענוועלט פון ענגלישן סאָציאַליזם, איז אויסגעבויט אויף דער וועאַנגעלישער מאָראַל פון די ניט קאָנפאָרמיסטישע פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס אין דער זעלבער מאָס, ווי די געדאנקענוועלט פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם אויף דער אינטעלעקט מאָראַל פון דער אַנטי־קלעריקאַלער אויפקלערונגען עפּאָכע"[4].

דע מאַן איז פאַרשריען געוואָרן סיי פון די רעכטע און סיי פון די לינקע, סיי פון די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, סיי פון די לענינסטישע מאַרקסיסטן.

דער דאָזיקער וויכוח, ווי אקאדעמיש־טעאָרעטיש ער זאָל ניט זיין, האָט אָבער בלויז א זינען, וואָס שייך דעם אייראָפּייאיש־וועלטלעכן סאָציאַליזם.

דער יידישער סאָציאַליזם, זיינען די טעאָרעטיקער פון תו"ע און פּא"י איבערצייגט, מוז זיין באַזירט אויף די אידעאַלן פון תורה און נביאים, אויף דער תורה־דיקער עטיק און מאָראַל, וואָס איז ניט אין סתירה צו דער פּרייהייטלעכער אָרדנונג פון סאָציאַליסטישער פאַרנעזעלשאַפטלעכקייט און איז בלויז קעגן קלאַסן־קאַמף מעטאָדן, וואָס פירן צו בלוטיקע רעוואָלוציעס. לויט רעליגיע, איז דאָס לעבן פון יעדן מענטש הייליק, יעטוועדער מענטש האָט די זעלבע מאַיעסטעט און די זעלבע רעכט.

דער רעליגיעזער סאָציאַליזם באַזירט ניט זיינע אָנשויאונגען פון וועלט־דערלייזונג אויף רעוואָלוציע און בלוטיקן קאַמף. ער שטיצט זיך בעיקר אויף דער משיח־אידייע, אַז קומען וועט סוף־כל־סוף די אויסגעבענקטע שעה פון אויסלייזונג און באַפרייאונג, ווי די נביאים האָבן עס זיך פאָרגעשטעלט מיט זייער ברויזנדיקן און פלאַמיקן וואָרט . . . דער משיח אידעאַל פאַרנעמט דעם אויבנאָן און איז דער שטאַרקסטער, וויברירנדיקער אַקאָרד אין זייער געטלעך וואָרט — דאָס וואָרט פון מאָראַלישן פּאַטאָס.

אין אַלע פאַזן פונעם אויפבוי פון דער יונגער מדינה, פילט זיך די מי און אויפקלערונגס אַרבעט פון די פּיאָנעריש חלוצישע אָנשטרענגונגען פאַר פּראַקטישער נעזעצגעבונג און פולער האַרמאָניע מיט תורת ישראל און וועלטלעכן פאַרשריט.

עס איז כדאי צו ברענגען אייניקע מאמרים פון אידעאָלאָגיש־פּראַקטישן כאַראַקטער, אויף צו באַווייזן די ערנסטקייט פון די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם און זייער אַקטועלן ווערט פאַר דער געשטאַלטונג פון מדינת ישראל.

מיר וועלן ברענגען אַן אויסצוג פון א מאמר פון פּא"י טעאָרעטיקער הרב רפאל קאַצענעלענבויגן[5]: „בעיות השעה לאור הלכה", אין וועלכן ער נעמט אַרום כמעט אַלע פאַזן פון דער באַוועגונג׳ס צוגאַנג, וואָס שייך די סאָציאַלע פּראָבלעמען לויט דעם יידישן קאָדעקס און דער יידישער אמונה.

הרב ק., ווי אנדערע פון פּא"י באוועגונג, האלט זיך שטארק ביי פּריוואט־אייגנטום, און דאָך באמת ער זיך צו געפינען רעכטס אויף סטרייק און אנדערע קאַמפּס־מעטאָדן פאר סאָציאַלער רעכט. ער האלט זיך שטארק ביים עבודה יסוד: „לפתור את כל השאלות העולות על הפרק בחיי כלל ישראל לפי התורה הכתובה והמסורה", און דאָך ניט בלייבן היינטערשטעליק לגבי דעם וועלטלעכן סאָציאַליזם. לויט זיין מיינונג דארף די הלכה זיין „מכרעת וקובעת", זי באשטימט און ווענט איבער — אָבער נאָר די הלכה, וועלכע איז באזירט אויף די יסודי התורה . . . אַזאַ הלכה אָבער וועלכע איז באזירט בלויז אויף געפיל, אויף רגשות הלב, מעג זי קומען מלבבות הקדושים וטהורים, האָט זי ניט די שטאַרקייט צו זיין דער פּוסק ומכריע, ווי ר' יהושע האָט שוין פון לאנג געזאָגט: „תורה לא בשמים היא ואין משגיחין בבת קול[6]. דינים בין אדם לחברו, סאָציאַלע געזעצן ווערן ניט געלייזט דורך אורים ותומים, דורך א נביא, אפילו ניט דורך אליהו הנביא, וועלכער קאָן בלויז לייזן ספקות פּראָבלעמען[7].

די יידישע עטיק, דער הויפּט יסוד פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, איז באזירט אויף קדושה, אויף הייליקייט אין יידישן לעבן.

איז דאָ וויכטיק אן אינטערפּרעטאציע פון קדושה. אויף דעם פּסוק: קדושים תהיו[8]! קאָמענטירט דער מדרש, לעליונים קדושה אחת; לתחתונים — שתי קדושות . . . א שווערע שטעלע אין מדרש. דער מאָדזשיצער רבי, ר' שמואל אלי', גיט צו פארשטיין אָט דעם ענין פון צוויי קדושות.

איין קדושה, זאָגט ער, איז דאָס הייליקן זיך דורך די מצוות פון דער תורה; די צווייטע קדושה, איז רשות, זי איז אָבער וויכטיק פאר דער מאָראַלישער דער־הויבונג פון'ם מענטש. די ערשטע קדושה איז אין גייסטיקן לעבן — די צווייטע אין מאטעריעלן, חומריות'דיקן לעבן . . . איין קדושה איז געמיינט די אינדיווי־דועלע, און די צווייטע — די אלגעמיין צבור'דיקע . . .

הייליקן דאָס יידישע לעבן מיינט אריינברענגען קדושה־גייסט סיי אין'ם אינ־דיווידועלן און סיי אין'ם געזעלשאפטלעכן לעבן — און די קדושה דארף זיין אפילו אין די ענינים וואָס זיינען יאָ דערלויבט, „קדש עצמך במותר לך", (ווי דער רמב"ן דריקט זיך אויס: „כי יש נבל ברשות התורה, ע"כ צריך להתקדש בדברים המותרים . . . ")

די טאָפּלטע קדושה באשטייט אין קדושת חובה (פארפליכטנדיקע הייליקייט) און קדושת רשות (פּרייוויליקע הייליקייט). די קדושה שני' פארזיכערט די קדושה ראשונה.

קדושים תהיו — כי קדוש אני! ווען איר וועט וועלן האָבן הייליקייט, וועט הקב"ה, דער בעל הקדושה, אייך געבן נאָך מער קדושה, אין דער בחינה פון „הבא לטהר מסייעין אותו", אָדער ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין תלמוד[9]: „המקדש

עצמו . . . בעולם הזה, מקדשין אותו בעוה"ב". די קדושה קומט פונ'ם מקור הקדושה, ואטהר ואתקדש, בקדושה של מעלה . . . [10].

די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם זיינען געווען איבערצייגט, אז ארויסברייננגען און אנטפּלעקן די עטישקייט ביים מענטשן און איר דערהויבן צו דער הויכער שטופע איז נאָר מעגלעך דורך דער באַשאַפונג פון דער נייער געזעלשאַפט מיט נייער סאָציאַלער אחריות. ארויסצוברייננגען די עמאָציאָנעלע אויסשטראַלונג וואָס שלאָגט ארויס פון דער טיפער אינערלעכקייט פונ'ם יחיד און קען באַווירקן דעם כלל צו א הערשאַפט פון גערעכטיקייט און ליבע צו יעדן מענטש אָן אונטערשייד פון קלאַס אָדער סאָציאַלן שטאַנד.

דער יידישער באַגריף פון צדק איז צו געבן די פולסטע פרייהייט צום יחיד, צו געבן אויסדרוק צו דעם ווילן און שטרעבן פונם אינדיווידועלן מענטש און גלייכצייטיק זען, אז דער אינדיווויד זאָל ניט שטערן די תקנות און דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פונם קאָלעקטיוו.

זיי האָבן אויך געלערנט, אז טעאָריע, מדרש (לערנען), מוז גיין צוזאַמען מיט פּראַקטיק, מיט מעשה (טאַט). טעאָריע אליין, אידייע פאַר זיך, איז ניט גענוג . . .

דער רעליגיעזער סאָציאַליזם האָט קלאָר ארויסגעבראַכט די אידייען פון דער עטישער באַקערונג פונעם מענטשן, זיינע אינערלעכע פאַרלאַנגען פאַר די העכערע ווערטן, זיינע עמאָציאָנעלע קאָנפליקטן און אינטעלעקטועלער באַוואוסטזיניקייט.

הערות

א.

1. איוב א', ז' — יהואש איבערזעצונג.
2. דאָרט, י"ר, ד'.
3. בראשית א', כ"ב, כ"ח; יבמות ו', ע"ב.
4. שער המצוות לר"ח וויטאַל; מ. שווארצמאַן, מאיר עיני ישרים, בראשית, ז' 15; אליהו כי טוב, איש וביתו, ירושלים, 1960 ז"ז י"ח־כ; קכ"ג־קכ"ד.
5. אבא גאָרדין, די פּרוי און די ביבל, ערשטער קאַפּ., ניו־יאָרק, 1939.
6. דר. אהרן באַרט, „מצוות למה נתנו", ז"ז 7־13.
7. יחזקאל ל"ו, כ"ו; סוכה נ"ב, ע"ב.
8. אבות ה', כ"ב.

ב.

1. ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעוויזן אין די פריערדיקע פּרקים — און מיר וועלן ווייטער נאָכמאָל בארירן דעם דאָזיקן ענין.
2. הקדמה־באַגריסונג צו י. ראַדזינסקי'ס „מיטן כח פון טאַט", וואַרשע, ניסן תרצ"ז, 1937 — אַן אויסגאַבע צום 15־יאָריקן יובילײ פונעם „הפועל המזרחי" אין ארץ ישראל.
זע אויך דאָרט, במקום הקדמה: א. בן־יהודה „צו דער יודישער יוגענד", ארויסג. דורך דער הנהלה הראשית פון דער תו"ע באַוועגונג אין פּוילן, אונטער דער רעדאַקציע פון הרב א. נייפעלד, וואַרשא, תרצ"ח.
3. אין זיין בוך „די סאָציאַליסטישע אידייע", דערשינען — 1933.
4. דאָרט, ז' 65.
5. שערים, כ"ב טבת, תשי"ג.
6. בבא מציעא, נ"ט, ע"ב.
7. ערובין מ"ה; שבת ק"ח; רש"י — דאָרט; רמב"ם, הקדמה צו פירוש המשנה און אין הלכות יסודי התורה, פרק ט', הלכה ד'.
8. ויקרא י"ט, כ'.
9. יומא ל"ט, ע"א.
10. קונטרס, תפארת ישראל, חוב' א', (י"ח), תש"ח, ז"ז ט"ו־י"ח.

קאפיטל איין-און-דרייסיק

די תורה פארן מענטש

די אידעאָלאָגיע פון תורה ועבודה, ווי בכלל די יהדות השקפה פון אירע טעאָרע־טיקער, איז די פאַרזעצונג פון די קאָנצעפּציעס ביים יהדות, וואָס שליסן איין יהידישע מעדיטאציע מיטן אידעאליזם פון מענטשן־ליבע[1].

א. מעדיטאציע ביחידות.— ליבשאַפט צום צבור. — די דריי אהבות. — די פילאָזאָפיע פון יהדות.

אלס יסוד, האָבן זיי אָנגענומען די דריי אהבות: אהבת חסד, אהבת צדק און אהבת ישראל. די סוגיא פון „בצדק תשפוט את עמיתך״ (מיט גערעכטיקייט זאָלסטו אורטיילן דיין חבר)[2] איז אנערקענט געוואָרן אלס דער סאמע וויכטיקסטער פונקט אין דער יידישער אויפפאסונג פון עטיק און מאָראלישער דערהויבונג.

די אָנגענומענע מיינונג אין דער יידישער פילאָזאָפיע, אָנהויבנדיק פון ר׳ סעדיה גאון ביז די גאָר לעצטע (חוץ דעם אבן עזרא) איז, אז די צענטראלע כוונה פונם וועלט־באשאף איז דער מענטש. דער מענטש, וואָס טוט גאָט׳ס ווילן, דערקלערט דער רמב״ם אויפן פסוק „ועץ הדעת טוב ורע״ (בראשית ב׳, ט׳) האלט אויף די וועלט, דערלאָזט ניט, זי זאָל זיך אומקערן צום תהו ובוהו פון פאר בראשית. דער מענטש איז א קאָסמישע דערשיינונג — און די תורה איז פאר אים, דעם בעל בחירה, צוגעגרייט געוואָרן נאָך פון פאר מעשה בראשית.

אין תנ״ך ווערט דער מענטש־ייד דערצויגן צו די הויכע נאַציאָנאַל רעליגיעזע ווערטן און אויפגאבן. ער ווערט רייף צו די אידייען און קאָנצעפּציעס פון א יידיש געהייליקט לעבן. די תורה דערהויבט דעם מענטש צו אהבת האדם, צו אהבת ישראל — דורך ליבע און פאַרגעבונג אויפצושטעלן א גערעכטע מענטשהייט, א גערעכטע אוניווערסאלע וועלט, אן אידעאלע רעליגיעז־סאָציאלע געזעלשאפט![3]

פאראַן אָבער מאָמענטן, ווען אין געפעכט מיט דאָס שלעכטע און בייזע, ווענדעט אָן דער תנ״ך גוואַלד מיטלען. עמלק׳ן הייסט די תורה אָפּמעקן. די פאַרדאַרבענע ז׳ אומות פון כנען — פאַרניכטן. רוצחים באַפעלט די תורה אָפּראַמען פון לעבנס־וועג. די תורה יוריספּרודענץ, די תנ״ך געזעצגעבעריי איז גאָר אָפט זייער שטרענג צו פאַרברעכער־מערדער, באַהויפּטנדיק אַזוי שטרענג: „דער וואָס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט — זאָל זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן[4]; דער וואָס הרג׳עט א מענטש זאָל הינגעריכטעט ווערן[5]. אויף איין אָרט פאָדערט די תורה פולע קאָמפּענסאציע: „נפש תחת נפש — א זעל פאר א זעל״[6]. אָבער אויך דאָרט, איז די שטראָף ניט קיין אַקט פון הווילער ראַכע. עס איז גיכער א וואָרנונג צו דער סביבה, אז אזעלכעס זאָל מער ניט געטאָן ווערן. דער אַקט פון

אפצאל איז געצילט אויף אפצושטעלן די פאטענציעלע פארברעכנס. עס איז די אויסגעשפראכענע אבזיכט אויסצוראמען דאס שלעכטס און דאס בייז — דאס גאנצע פאלק זאל הערן און מורא האבן . . . דער פסוק זאגט גאנץ קלאר; און די איבעריקע וועלן הערן און מורא האבן, און זיי וועלן מער ניט טאן אזא שלעכטע זאך ביי דיר"[7]. גומל לאיש חסד כמפעלו ונותן לרשע רע כרשעתו", איז א קאטעגארישער אימפעראטיוו: דער ציל פון באשטראפן איז די אנלערנונג, די ווארנונג.

די תורה האט געלערנט: דער וואס טוט שלעכטס, דארף ווערן באשטראפט; דעם מערדער דארף מען אויסראמען; דעם געצנדינער פארניכטן.

אבער דא קומט דער פרינציפ פון פארגעבונג. תשובה איז א גרונט־פרינציפ אין דער תורה. מחילה וסליחה זענען עיקרים אין דער יידישער אמונה, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין יענער הייליקער נעילה־מעדיטאציע: „אתה נותן יד לפושעים וימינך פשוטה לקבל שבים . . . דער מענטש, לערנט אונז די גמרא, דארף ווי דער באשאפער דולדן באליידיקונגען. דער מענטש דארף באזיצן סבלנות און ניט אפשטעלן גוטסקייט אפילו פון די וואס בא'עוולה'ן אים . . . הנעלבים ואינם עולבים, שומעים חרפתם ואינם משיבים — עליהם הכתוב אומר: ואוהביו כצאת השמש בגבורתו"[8].

און דא וועלן מיר ציטירן א פאראגראף פון דער תו"ע־קאנסטיטוציע, „תחוקת ההסתדרות"[9], וואס לויטעט: „הפועל המזרחי כתנועת עבודה ציונית דתית רואה את תפקידו העיקרי בהקמת חברים עובדים מושתת על היסודות הרוחנים מוסריים חברתיים־הלכתיים של תורת ישראל. על חברה זו לשמש סמל למשטר התורה במובן הציבורי המדיני המקיף". דער הפועל המזרחי, הייסט עס, האט זיך געשטעלט אלס הויפט אויפגאבע אויפצושטעלן אן ארבעטער געזעלשאפט, וועלכע זאל זיין באזירט אויף די גייסטיקע ווערטן, אויף די עטיש־געזעלשאפטלעכע ווערטן פון תורת ישראל . . .

אויך די פועלי אגודת ישראל, קאן אן ספק מסכים זיין צו אט דער הנחה, בלויז אפשר נעגירן דעם אויסדרוק ציונית, אבער בדרך כלל, איז דאס אויך דער יסוד פון דער רעליגיעזער ארבעטער באוועגונג, ארויסגעשפראצט פון דער אגודת ישראל. אויך די באוועגונג, אינערהאלב דער הסתדרות—„תנועת העובד הדתי", מוז דערויף מסכים זיין. דער אונטערשייד איז, אין די מעטאדן פון אויספירבארקייט, אין די וועגן פון ארגאניזאציאנעלקייט, אין די באציאונגען מיט די אנדערע פראלעטארישע סאציאליסטישע באוועגונגען א. א. וו.

אויפן אידייען־מארק, אזוי צו זאגן, איז ניטא קיין צו שארפע מיינונגס־פאר־שיידנקייטן וואס שייך דעם מאדערנעם סאציאליזם. מיר האבן אויך אין דער „תחוקת ההסתדרות" א פארמולע, ווי ר' מאיר'ס באציאונג צו זיין רבי'ן, אלישע בן אבויה (אחר): „תוכו אכל וקליפתו זרק" — די יאדרע צו עסן און די שאל

אוועקצוואַרפן, די פאָדערונגען פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען אויף צו פאַרבעסערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. דאָס, דאַרף מען אָננעמען און העלפן דורכפירן צוזאַמען מיט דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אויך דער „היסטאָרישער גורל" פונ'ם רעליגיעזן אַרבעטער.

דאָס זעלבע מיט דער פּא"י באַוועגונג, וועלכע האָט שוין ביים אָנהויב פון פאָרמולירן אירע אידעאַלן, אַרויסגעבראַכט גאַנץ קלאָר אירע אויפגאַבעס, בנוגע דער געזעלשאַפט און גאַנצן קאָמפּלעקס פון די יידיש רעליגיעזע ספּעציפישע פּראָבלעמען, אין דעם קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן מיסברויך פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס, פאַרשקלאַפנדיק דעם גוף און נשמה פון דעם פּראָדוצירנדיקן מענטשן.

די גרינדער און טעאָרעטיקער פון פּא"י האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי פון פּראָלעטאַריאַט וואָס שייך זיין מיסיע איינצופירן אַ סאָציאַליסטישן סדר, אַנטפּלעקן די גייסטיקע רעזערוון פון דער שעפערישער ענערגיע ביי דער מענטשהייט.

ל. פּראַם, אין זיין מאמר: „אונזער שטעלונג צום סאָציאַליזם"[10], שרייבט צווישן אַנדערן:

„ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז ווען מיר, חברים, דיסקוטירן צווישן זיך וועגן דער שטעלונג פון פּא"י צום סאָציאַליזם, רעדט זיך ניט וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועלכער באַהויפּטעט, אַז די רעליגיע איז געוואָרן געשאַפן פון די קאַפּיטאַליסטן כדי צו פאַרטושן די אַרבעטער . . . און אַז דעריבער דאַרפן די אַרבעטער באַקעמפן די רעליגיע — קענען דאָך ביי אונז חברים פון פּא"י, ניט זיין און ס'זענען ניטאָ קיין צוויי מיינונגען . . . זענען מיר דאָך מאמינים; האַלטן מיר און פילן מיר דאָך, אין ריכטיקע לייזונג פונ'ם סוד הבריאה; אַז ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן דענקען און לעבן רעליגיעז, איז עס ניט צום אומגליק, נאָר צום גליק פון דער מענטשהייט.

„ . . . היסטאָרישער מאַטעריאַליזם — שרייבט ער ווייטער — איז אַלזאָ פאַר אונז חברים ניט קיין מאַטעריאַל פאַר דיסקוסיע . . . די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן איז „די שטעלונג פון פּא"י צו דער פּאָליטיש עקאָנאָמישער שיטה פונ'ם סאָציאַליזם . . . "

ל. פּראַם, דערציילט וועגן די צוויי מיינונגען אין פּא"י:

„אַ טייל זענען אָנהענגער פון סאָציאַליזם, האַלטנדיק, אַז אינ'ם עיקר, איז ער אַבסאָלוט ניט אין סתירה צו דער תורה און דעריבער ווילן זיי איינשליסן דעם סאָציאַליזם אינ'ם פּראָגראַם פון פּא"י אויף וויפיל ער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אין איינקלאַנג מיט דעם דרך התורה . . . אַנדערע ווידער, האַלטן, דעם היפוך, אַז ניט בלויז קאָן ניט פּא"י אַריינגעמען דעם סאָציאַליזם אין איר פּראָגראַם, נאָר זי מוז נאָך זיין קעגן אים . . .

דערפון מאַכן זיי די מסקנא, אַז דער סאָציאַליזם מיט דער פּאַ"י אידעאָלאָגיע קענען בשום אופן ניט לעבן בשלום און זיי זענען אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך...

„איך בין אָבער ניט מסכים מיט אָט דעם לעצטן פּונקט ווי כ'שטעל זיך ניט אויפ'ן צד פון די ערשטע. כ'ווייס ניט פונוואַנען מ'קאָן אַרויסדרינגען פון דער תורה אַ התנגדות צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. אויב, דערפון, וואָס די סאָציאַלע געזעצן פון דער תורה, באַציען זיך אויף פּריוואַט אייגנטום, איז דאָך נאָך כלל ניט געדרונגען, אַז ס'מוז תמיד עקזיסטירן פּריוואַט אייגנטום; אַז די געזעלשאַפט טאָר זיך נישט אַנדערש איינאָרדנען איר לעבן און איבערבויען די סאָציאַלע אָרדנונג אויף אַנדערע יסודות.

און ער פאַרענדיקט:

„כ'רעזומיר אַלזאָ: אונזער באַציאונג צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז זעלבסט פאַרשטענדלעך אומבאַדינגט אַ נעגאַטיווע, צום מאַקסימום פּראָגראַם פון דער פּאָליטיש עקאָנאָמישער סאָציאַליסטישער טעאָריע . . . אַ גלייכגילטיקע, און צום מינימום פּראָגראַם — אומבאַדינגט אַ פּאָזיטיווע, ווייל האָבנדיק די אידייע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט וועלן מיר ניט דערלאָזן באַ'עוולה'ן, אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די האַרעפּאַשנע מאַסע!"

אידעאַליזם ווערסוס מאַטעריאַליזם איז די באַזע פאַר'ן רעליגיעזן סאָציאַליזם. דאַריבער זענען אים פרעמד יענע גרונט־הנחות פונ'ם מאַרקסיזם, וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע דורך גוואַלד, ווי שטרענגע מאַרקסיסטן האָבן עס פאַרשטאַנען און ווי נעטשאַיעוו האָט עס אַזוי קלאָר דעפיניטיוו אויסגעדריקט: „פאַר'ן רעוואָלוציאָנער איז מאָראַליש אַלץ וואָס העלפט מיט דעם טריאומף פון דער רעוואָלוציע; אַלץ וואָס שטערט, איז ניט מאָראַליש, פאַרברעכעריש . . . " לויט'ן יידיש רעליגיעזן באַגריף איז רעוואָלוציע דורך בלוט־פאַרגיסונג, היסטערישער טעראָר, דעסטרוקטיוו, שטערט אינ'ם אויפבוי פון דער מוסטער־געזעלשאַפט, ווי עס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די נביאים: לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי! . . . "

די נביאים האָבן פּראָקלאַמירט די אידייע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט פאַר אַלע קלאַסן אינ'ם גאַנצן פאָלק. זיי האָבן געשטרעבט מתקן צו זיין די וועלט און איר אויפהויבן צו דער נייער אָרדנונג, זיי האָבן געלערנט דעם יידישן פאָלק און דער גאַנצער וועלט דעם ווערט פון אמת'ער מענטשן־ליבע. אין דעם, באַשטייט זייער העראָאישע קאַמפּס־לוסטיקייט.

די תורה פירט דעם מענטש אויף די ברייטע שליאַכן פון סאָציאַלן לעבן און פורעמט די אידעאָלאָגישע פונדאַמענטן פון סאָציאַלן יושר.

די תורה גיט אויך אַ וואָרנונג די קינ'ס פון דער וועלט: אויב דו וועסט זיך גוט אויפפירן, וועסטו גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ; אויב נישט,

נערענק, די זינר לויערט פאר'ן טיר און גלוסט נאָך דיר, און דו מוזט איר באהערשן[11].

און דאָ קומען מיר צום ענין אתה בחרתנו, דעם געדאנק פון אויסדערוויילטקייט . . .

ר' יהודה הלוי אין „כוזרי", איז מיט דער מיינונג, אז די דורות פון אדם ביז משה זענען געווען דאָס האַרץ און דער גייסט פון דער מענטשהייט . . .

ב. עם סגולה און אוניווערסאַלקייט. — ר' יהודה הלוי. — גייסטיקע ווערטן.

די איבעריקע זענען געווען די שאָל פון פירות, ניט אריינגעטראָטן אין די עלטערע און די געטלעכקייט האָט זיך אין זיי ניט באהעפט . . . ביז יעקב אבינו האָט געבוירן די צוועלף שבטים, וועלכע זיינען אלע ווי איינער ראוי געווען צו דער געטלעכער השפעה און דער רוח הקודש האָט גערוט אויף א גרויסער געמיינשאפט . . . צו אברהם אבינו איז אנטפלעקט געוואָרן דער סוד פון וועלט באשאפונג אָבער נאָר בבחינת יחיד . . . ערשט ביי יעקב'ן איז דער גראָבער חומר אינגאנצן געלייטערט געוואָרן . . . און זיי האָבן באקומען אויף א געמיינשאפטלעכן אופן דעם סוד פון גלויבן און פון וועלט באשאף. דאָס אויך אין באַצוג צו דער ראַסליכער אַנטוויקלונג, גייענדיק איבער פון אָבות אבותם צו בני בנים: „אברהם היה סגולת עבר ותלמידו ועל כן נקרא עברי, ועבר היה סגולת שם, ושם היה סגולת נח" . . . אָט די ראַסליכע אוצר'דיקייט איז איבערגעגאַנגען פון אברהם צו יצחק, פון יצחק צו יעקב א. א. וו.

רבי יהודה הלוי ברייטערט אוים די דאָזיקע טעאָריע[1], ווי א בוים וואָס גיט ארויס פרוכט א דאנק זיינע טיפע וואָרצלען, אזוי זעט ער די וואָרצלען: אברהם, יצחק, יעקב; דער בוים: די שבטים, יוסף מיט זיינע ברידער און די פרוכט, די „פרי": משה, אהרן, מרים, בצלאל, אהליאב . . . יהושע בן נון, כלב בן יפנה, חור בנה של מרים א.א. אפילו פון דער הייליקער ראסע וואָס רעוואָלטירט קעגן דער געטלעכקייט, בלייבט ביי זיי עפּעס, פון דער קדושה, און אין „שורש תולדתו" ליגט דער כח ארויסצוברענגען און צו געבאָרן ענלעכעס צו דאָס סגולה'דיקע.

ר' יהודה הלוי ווערט כמעט שאָוויניסטיש אין זיין באגייסטערונג פאר אָט דעם סינטעטישן אויספיר: „הפחות שבבני תורת האלהים, יותר מעולה במדרגה מן המעולה שבאומות שאין להם תורת האלהים"[2]. דער נידעריקסטער פון די וואָס זענען באהויכט פון דער געטלעכער תורה שטייען אויף א העכערער מדרגה פון די בעסטע פון די פעלקער וואָס האָבן ניט די געטלעכע תורה. „א ווידערשפעניקער זינדיקער בעל־תורה איז בעסער פון דעם, וואָס האָט ניט קיין תורה. עס בלייבן אין אים צייכנס פון תורה.

ר' יהודה הלוי ווידערהאָלט די דאָזיקע דאָקטרין סיי אין זיין פילאָזאָפיש ווערק, סיי אין זיין פּאָעטיש שאפן, זיך אויסדריקנדיק וועגן דער גריכישער

פילאָזאָפיע „אשר אין לה פרי כי אם פרחים, און אין זיין שיר: „דברי נבוניה נבכים, בנוים על יסוד תוהו וטוחים".

הלוי, ווי דער גרעסטער געניאַלסטער פאָרשטייער פון ראָמאַנטיזם אין דער גאָלדענער תקופה פונ'ם מיטלאַלטער, דערקלערט די דאָזיקע פילאָזאָפיע אין איר אוממיטלבאַרקייט אַלס היסטאָרישער פערספעקטיוו, אַז: חכמה וואָס האַלט זיך מיט'ן געטלעכן כוח, איז ביי קיינעם ניט צו געפינען, בלויז ביי קינדער פון שם וועלכע זענען אַן איינהייטלעכער קאָלעקטיוו: כולם סגולה . . . און ווי ער דריקט קלאָר אויס דעם געדאַנק אין זיינעם א שיר:

הבט לעם רק לך סגולה
קרא ללבו היה מסלה
לאל תשימו לשם ותהלה
שים חלק אל ראש תבואות, חן חן תשואות
להיותם הבלך נחלה וסגולה
ולהיות שמך לשם עליהן ולתהלה[3]

מיר קענען זיך דאָ מער ניט אָפּשטעלן אויף ר' יהודה הלוי'ס טעאָרעטישן איינשטעל וואָס שייך ראַסלישער ריינקייט ביי יידן — אַז דערמיט זענען זיי דערהויבן געוואָרן איבער די פעלקער און צוליב דעם האָט זיי גאָט געשאָנקען די תורה און פאַרלאַנגט פון זיי קיום המצוות.

הרב פישמאַן־מיימון, באַרירט אָט די אַנשויאונגען אין אַלע זיינע אַספּעקטן, געפינענדיק דעם פּאַראַלעלישן שנור צווישן ר' יהודה הלוי'ס באַהויפּטונג: ולא קרא משה לתורתו זולת עמו ואנשי לשונו[4], און ר' שמעון בן יוחאי[5] „מדר הקב"ה על כל האומות ולא מצא אומה שהיא ראויה לקבל את התורה, אלא ישראל. התורה לפי תכונתה, ראויה רק לעם ישראל שהיה נבדל בתכונותיו מעמים אחרים . . .

די ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפן, ווי דער רמב"ם און אַנדערע זענען ניט מסכים צו אָט דער דעה. זיי שטעלן די יידישע תורה אַלס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. ווער ס'איז מקיים אירע תרי"ג מצוות און דרינגט אריין אין איר גייסט, דער קען דערהויבן ווערן אַלס מענטש פון אינדיווידועלן שטאַנדפּונקט און אַלס צבור פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם.

הרב פישמאַן ווייזט אָן מיט רעכט, אַז אפילו ר' יהודה הלוי וואָס האָט אַזוי אויפגעהויבן דעם גזע ישראל, דעם יידישן אָפּשטאַם, אַנערקענט, אַז דער כח וואָס האָט געשיצט דעם יידישן אָפּשטאַם, די יידישע ראַסע, נאַציאָנאַלע בלוט ריינקייט און אַנדערע אַטריבוטן, איינשליסנדיק זיין לעבן, זיין פיזישן עקזיסטענץ — איז געווען די תורה[6].

ר' יהודה הלוי שטייט וואָס אַן אמת אויפ'ן העכסטן פּעדעסטאַל אַלס יידישער פּאָעט און פילאָזאָף און אין זיין שאַפן קומט צום אויסדרוק דאָס

נצחיות׳דיקע אין יידנטום ווי י. נ. שמחוני זאָגט וועגן אים, אז ווען ער איז געשטאַנען פאר דער פארווירקלעכונג פון זיין עליה קיין ארץ ישראל, האָט ער געקאָנט זאָגן אויף זיך: „האומה הישראלית — זהו אנכי״7. דאָך איז זיין קאָנצעפּציע וואָס שייך דעם יסוד פון גזע, ניט די דעה פון אלע יידישע דענקער, אויך ניט פון די, וועלכע האָבן, ווי ער, איינגעהילט דאָס פארגאַנגענע אין ליכט פון שלימות און פארשטאַנען אז אַן דעם עבר און זיינע ווערטן, וואָלטן יידן געווען אויסגעשטעלט צום פולסטן קאָשמאר פון אונטערגאַנג . . .

דער פייערדיקער גלויביקער ייד, ווייסט אז אהבת השם, אָדער אהבת המקום, פירט צו אהבת הבריות, צו ליבשאַפט פון מיט־מענטש, אוניווערסאַלע ליבשאַפט וואָס סעגרעגירט ניט קעגן וועלכער ניט איז ראַסע אָדער קאָליר, ווייל אַלע זענען גאָט׳ס באשאַף . . . אלקים בקודש חזיתיך, בכל נפשי אותיך.

די תורה האָט געמוזט אָנקומען צו יידן און יידן האָבן געמוזט האָבן די תורה. יידיש פאָלק און תורה איז אַן איינהייטלעכקייט, געקניפּט מיט אַן אידעאַליסטישן צוזאַמענבונד . . . דער בונד איז ניט בלויז מיט דער תורה שבכתב נאָר אויך מיט דער תורה שבעל פה: „תורתינו קשורה בהלכה למשה מסיני . . . די תורה און די מסורה זענען צוזאַמען געקומען „כרוכים מן השמים״ . . . „אמרות האל טהורות מפנינים, הם יקרות בלבבות, בנפשות הם קשורות״.

ווי געזאָגט קענען מיר זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין חקירה וועגן ר׳ יהודה הלוי׳ס אנשויאונגען, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין זיין פילאָזאָפיש און פּאָעטיש שאַפן. זיי זענען קלאָר: די יידן אַלס ריינע ראַסע (גזע מאחד) האָבן זוכה געווען צו דער געטלעכער תורה וועמעס געזעצן און באפעלן האָבן געהיטן דעם העבּרעאישן אָפּשטאַם, ער זאָל בלייבן אין זיין ריינקייט און געשטאַלטונג און נאָך א זאַך, אז די אָפּהיטונג פון אָט די באפעלן איז נאָר מעגלעך אין ארץ ישראל. אויסער ארץ ישראל, פארלירן די יידן זייער אייגנאַרטיקייט, זייער דערהויבנקייט . . . אויסער ארץ ישראל קענען זיי ניט באַקומען דעם נבואה גייסט: לא יתכן להגיע אל הענין האלהי (הנבואה) מבלעדי המקום הזה8. און נאָר אין ארץ ישראל ווערן זיי גערופן גאָט׳ס פאָלק: „ראוים בני ישראל להקרא בשם ד׳ — רק כשהם בארץ המאחדת הנקראת נחלת ד׳״

ר׳ יהודה הלוי, אין זיין אומגעווייגלעכער ליבשאַפט פון יידישן פאָלק, זעט אין יידנטום דעם „לב האומות״, דאָס הארץ פון די פעלקער. דאָס הארץ איז דער צענטער פון לעבן, דער מקור פון שעפערישקייט אינ׳ם לעבן פון יחיד. דער מענטש איז דאָס הארץ־צענטער פון דער געזעלשאַפט; די געזעלשאַפט — דער צענטער פון דער וועלט . . . אין זיין ליבשאַפט צו זיין לאַנד ארץ ישראל, דאָס הייליקע לאַנד, האָט ער געזען ארץ ישראל, אלס דאָס הארץ פון דער וועלט; דעם צענטער פון זיין קדושה.

און דאָ ווילן מיר זיך דערלויבן א מערקווירדיקן חסידישן טייטש, אויפן ווערטל: „איזהו חכם — המכיר את מקומו", ווי דער לובלינער רבי, ר' אברהם איגר, זצוק"ל דערקלערט עס. אין זיין לשון:

„נזדמן לדבר מהמאמר דמרגלא בפומי דאינשי, איזה חכם המכיר את מקומו, אמרנו שהוא דבר בעתו, בש"ק זה מענין החכמה של בנין המשכן ע"י חכמי לב, והמקדש ע"י המלך החכם מכל אדם. וענין המכיר את מקומו, שבכל מקום שהוא, בכל ימי חייו, הוא מכיר שאין זה מקומו העיקרי, רק מקומו האמתי העיקרי הוא במקום המקודש, שהוא ארץ ישראל, מקום החכמה, כי ד' בחכמה יסד ארץ, ואוירא דארץ ישראל מחכים, והחכם האמתי יודע כי מקומו האמתי הוא שם" . . .

(ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם זאָג אין מויל פון מענטשן, אז דער קלוגער איז דער, וואָס דערקענט זיין אָרט. האָבן מיר געזאָגט, אז דאָס איז א צייטיק וואָרט אין דעם שבת, ווען מען לייענט וועגן בנין פון משכן, וואָס איז געטאָן געוואָרן דורך די קלוגע הערצער און דאָס בית המקדש, דורך דעם קלוגסטן קעניג. דער ענין פון „מכיר את מקומו", מיינט, אז וואו דער מענטש זאָל זיך געפינען אין זיין לעבן, דאַרף ער אָנערקענען, אז דאָס איז נישט זיין הויפּט־אָרט, זיין אמת'דיק פּלאַץ איז אינעם געהייליקטן לאַנד, ארץ ישראל — דאָס אָרט פון חכמה . . . אז אפילו די לופט מאכט קלוג און דער אמת'ער חכם ווייסט, אז זיין אמתדיק אָרט איז דאָרט . . . שבט מיהודה חלק שני, לובלין, תרצ"ח, פ' תרומה, ז' ס"ו).

מיר קומען צו נאָך א וויכטיקן סאָציאלן מאָמענט אין דעם פּראָצעס פון דער יידישער יוריספּרודענץ:

ג. משפט און יושר העכער פון מלוכה. — „קול אלהים מתהלך" אין דער מענטש־לעכער נשמה. — הלל הזקן אלס מוסטער.

ביי יידן ווערט משפט געשטעלט העכער פון מלוכה, העכער פונם מלך, העכער פון שטאַט. יעדער ייד, אָן אונטערשייד פון קלאַס אָדער שיכט, איז אונטערוואָרפן דעם געזעץ. דער פּרינציפּ פון „דינא דמלכותא — דינא", איז בלויז אן אקסיאָמע ביי מלכי עכו"ם, אָבער ניט ביי מלכי ישראל, וואו דער קעניג איז, וואָס שייך דעם משפט, ניט העכער פונעם געוויינטלעכן ייד.[1] דער עטיש־סאָציאלער יסוד פאר אונזער יורי איז דער „משפט אחד יהי' לכם!", די דער־הויבונג פון מענטש קאָן אָבער נאָר מעגלעך זיין ווען ער דערפילט אין זיך דעם קול אלקים מתהלך בתוך האדם[2] ווען ער דערפילט אין זיך די געטלעכקייט . . . הלל הבבלי, וועלכער האָט זיך דערהויבן צום טיטול „נשיא", דער אולטרא הומאַ־ניסט, דורכגעזאַפּט מיטן גרויסן אידעאל פון מענטשן־ליבע און איבערמענטשלעכער סבלנות. ער האָט באוויזן צו פאַרוואָרצלען דעם פּאָזיטיוון געביט: „האָב ליב דעם צווייטן ווי זיך אליין" (ואהבת לרעך כמוך)[3] אין א נעגאַטיוו אויסגעדריקטן אימ־

פעראטיוו: „וואָס עס איז דיר ניט ליב, זאָלסטו דעם צווייטן ניט טאָן". דוכט זיך, דאָ גאָרנישט מחדש געווען! — ווען מען באטראכט אָבער טיפער הלל'ס מיין, מיט דער דאָזיקער אינטערפרעטאציע, אין זיין נעגאטיווער אויפפאסונג „מה דעלך סני לחברך לא תעביד—זה כלל גדול בתורה"[4]—איז אן אויסגעהאַלטנקייט פון א שיטה, וואָס פארבינדט תורה מיטן לעבן, דעם יחיד מיטן צבור. פארן בעש"ט ווערט גע־זאָגט, אז ער האָט געטייטשט „השם צלך"—גאָט איז דיין שאָטן, פּינקטלעך ווי דער שטן פון מענטש טוט נאָך וואָס דער מענטש טוט, אזוי איז זיך דער באשעפער אויך נוהג. אויב דער מענטש וועט ליבן אנדערע מענטשן . . . וועט גאָט אים נאָכטאָן און אים ליבן.

ה ע ר ו ת

א.

1. זע, הרב דר. שמעון פעדערבוש, משפט המלוכה בישראל, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ב, אָ בוך איבערפולט פון א שפע ערשט־קלאסישן מאטעריאל פאר דעם יורידישן, סאָציאלן און עטישן אורשפרונג, היסטאָרישן איינפלוס פון יהדות אויפן יידישן לעבנס־שטייגער אין אלע צייטן און אין אלע דורות.
2. ויקרא י"ט; שבועות ל', ע"א־ע"ב.
3. וועגן אהבת ישראל, זע: רבנו אברהם יצחק הכתן קוק, „ערפלי טוהר"; א. י. שחראי, ישראל בתפיסתו של הרב קוק, מבוא; דאָרט, ז"ז 18־19, תל־אביב, תרצ"ז.
4. בראשית ט', ו'.
5. שמות, כ"א, י"ג.
6. דאָרט, כ"א, כ"ב.
7. דברים י"ט, כ'.
8. שופטים ה', ל"א.
9. „נתיבה", עתון הפועל המזרחי בארץ ישראל, תל אביב, אייר, תשי"ג (שנה כ"ט) ז. 3. „המגמה והגשמה עצמית".
10. „יידישע ארב. שטימע", נומ. 10; זע אויך, משה מונק „לבירור יסודות הצדק התורתי", שערים, י"ט אדר, תשי"ג (6.3.53) עמוד ד'.
11. די תו"ע אידעאָלאָגיע, ווערט טעאָרעטיש באפעסטיקט אין א גרעסערער צאָל העפטן (קובצים). מיר וועלן אויסרעכענען אייניקע: גוילין (וואַרשע, תרצ"ז); במיצר, לשאלות הזמן (תל־אביב, תש"ב); פרקי אמונה, תל־אביב, תש"ג; ילקוט מאמרים . . סדורים וערוכים ע"י נ. עמינח וי' ברנשטיין, ירושלים, תרצ"א; הליכות, לקט מאמרים . . . תל־אביב, תרצ"ח, כתבי ש. ה. לנדא, וורשה, תרצ"ח.

ב.

1. כוזרי, מאמר א', צ"ה, וועגן „סגולה גזעית"
2. דאָרט, מאמר ה', סימן כ'.
3. שמעון בערנשטיין, שירי יהודה הלוי, ניו־יאָרק, תש"ה, דבר אל הקורא, ז' 26.
4. כוזרי מאמר ה', ס"ג; קל"ג.
   דיון, כולל כל שיר אביר המשוררים, יהודה בן שמואל הלוי, הוצ' חיים ברודי, סימן צ"ו; בערנשטיין, דאָרט, ז' 40.
   כוזרי, מאמר א', סימן ק"א.
5. ויקרא רבה, פרשה י"ג.
6. דיון, רע"ו־רע"ז. ש. בערנשטיין, דאָרט ז' 30.
7. יהודה הלוי, ג', ד' ־ ברודי, תרנ"ד־תר"ץ; י. נ. שמחוני, וועגן ר' יהודה הלוי.
   כוזרי, ב', ג'. דאָרט, זימן ט"ז.

ג.

1. זע, מ. א. עמיאל, הצדק הסוציאלי . . . ז' 23, ציטירט פון רשב"א, גיטין ע"ב.
2. דאָרט, ז"ז 29, 39־40.
3. ויקרא י"ט, י"ח.
4. שבת ל"א, ע"א. אין די פריערדיקע פרקים, באהאנדלט מער פרטימדיק.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

דין ולפנים משורת הדין

א. צווייפלען אין מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק. — יהדות אין היסטאָרישן פאַרנעם. — אויפבוי און איבערבוי. — גאולה פון גוף און פון רוח.

נישט אַלע סאָציאַליסטן, אפילו די מאָדערנע ראַדיקאַלע, האָבן אָנגענומען דעם מאַרקסיזם אַלס אַן אומאָפּהענגיקע וויסנשאַפטלעכע לערע. אין אַלע לענדער, ביי אַלע פעלקער, האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געצווייפלט אין דעם מאַרקסיזם אַלס די פעסטגעשטעלטע דיאַלעקטישע תורה אויף וועלכער מען קען גאָרנישט מוותר זיין. אין דייטשלאַנד איז עס געווען דער רעוויזיאָניזם פון עדואַרד בערנשטיין; אין ענגלאַנד, די פאַביאַנער, וועמענס גרינדער סידני און ביטריס וועב האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אין אַ סך ענינים — יסודותדיקע — קעגן מאַרקסיזם און געהאַט די שטיצע פון דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו, סער סטעפאָרד קריפּס, קלעמענט עטלי און אַנדערע.

ביי יידן געפינען מיר גאָר־גאָר אָנגעזעענע דענקנדיקע פערזענלעכקייטן, סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, וועלכע זענען נישט מסכים צו מאַרקס'עם פּראָגנאָזן און הנחות. דער רעליגיעזער סאָציאַליזם איז אוודאי און אוודאי אוועק פון די מאַרקסיסטישע אַקסיאָמען.

די אידעאָלאָגן און טעאָרעטיקער פון דער תורה ועבודה באַוועגונג זענען דורכגעדרונגען מיט דער תורה'דיקער קאָנצעפּציע פון אַ סאָציאַלער אָרדנונג בנוגע דעם אויפבוי און איבערבוי פון יידישן פאָלק אין לאַנד פון זיינע אָבות.

מיר וועלן ציטירן פון אייניקע:

ש. ז. שרגאַי — אין אַלע זיינע מאמרים (און אין די „דברים שבעל פה"), זינט דער גרינדונג פון דער באַוועגונג (מנחם אב, תרפ"א), באַמיט זיך, אויף זיין שטייגער, קלאָר צו מאַכן דעם חידוש פון תורה ועבודה און הפועל המזרחי. אין זיין מאמר „הכשרתנו"[1], שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„יסוד היסודות של תחיתנו, היא השיבה לעבודת האדמה ואין בנין הארץ בלי גאולת הארץ . . . תחית עמנו בלי עבודת אדמה לאו שמה תחיה, ובנין האָרץ בלי גאולתה לאו שמי' בנין . . .

„והפועל המזרחי" השואף לשינוי ערכין גמור בחיינו הגלותיים שלמה ומקיפה, לחיי אבות בארץ אבות, לקשר את ההווה עם העבר והעתיד, לאחד שמים ואָרץ שמכאן נובע גם הרעיון של תורה ועבודה — עאכו"כ שססמתו העיקרית לגישום הרעיון ולכל עבודתו צריכה להיות: הדבקות באלקים ובטבע".

די באהעפטונג אין גאָט און אין דער נאַטור קאָן נאָר מעגלעך זיין דורך א תורהדיק שעפעריש לעבן — א לעבן וואָס איז באַזירט אויף קדושה פון ארבעט: א לעבן וואָס גיט די מעגלעכקייט איבערצובויען דאָס יידישע פאָלק פאר זיינע נצחיותדיקע אידעאַלן.

מיר וועלן בלויז ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון זיין לענגערן מאמר „יחסי עבודה בין הפועלים"[2], אין וועלכן ער באַרירט די שלעכטע באַציאונגען צווישן ארבעטער־שיכטן: „מלחמת אחים בתוך ציבור הפועלים". ער ווייזט אָן, אז ס'איז נויטיק א ראַדיקאַלע לייזונג פון אָט די פּראָבלעמען. עס רעדט זיך דאָרט בעיקר וועגן א הסכם מיט דער הסתדרות, וואָס איז דאַן פאַרגעשלאָגן געוואָרן מצד דעם ועד לאומי. דרך אגב, ווייזט ער אָן, אז דער ציבור הפועלים אין ארץ ישראל איז נישט סתם בלויז א פּראָלעטאַריאַט וואָס קעמפט פאר פּראָפעסיאָנעלע פאַרבעסערונגען. דער גרעסטער טייל פון ציבור הפועלים האָט אויף זיך גענומען די ארבעטס־פליכט ווי א פּרינציפּ פון זיין וועלט־אַנשויאונג.

אזוי האָט שרגאי און אזוי האָבן אַנדערע געקוקט אויף הפועל המזרחי און דעריבער באַשטאַנען, אז ער זאָל בלייבן אַן אומאָפּהענגיקע באַוועגונג, נישט בלויז וואָס שייך פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט אָדער פּראָפעסיאָנעלע דערגרייכונגען — נאָר אויך צו געבן אויסדרוק צו א תורהדיק לעבן; צו שאַפן אינ'ם לאַנד די אַטמאָספערע פון א רעליגיעזן לעבן:

„עצם זכות קיומו של הפועל המזרחי בתוך התנועה הציונית והישוב העברי בארץ בתור הסתדרות פועלים מיוחדת מתוך השקפתו ומגמתו המיוחדת, מחייבת אותו ומקנה לו זכות עבודה וחדירת עבודה לשוק העבודה הפרטי והצבורי בעיר ובכפר ע"י לשכות עבודה משלו אשר תטפלנה ותדאגנה לחברי הפועל המזרחי להסתדר בעבודה ולחדור לשוק העבודה, לרכזם לחטיבה אחת, להגן על עניניה וכו' וכו'."

ישעיה בערנשטיין, שרייבנדיק וועגן דער אידעאָלאָגיע פון הפועל המזרחי[3], קומט צו דער סומירונג, אז תורה ועבודה מיינט תחית העם און שלימות העם (די אויפלעבונג און די גייסטיקע פאַרפולקאָמונג פונ'ם פאָלק), און ווייטער:

„יהדות אין היסטאָרישן פאַרנעם שטעלט מיט זיך פאָר די וועלט־השקפה פון רעליגיעז, עטיש, אינדיווידואַליסטיש־סאָציאַלע איינהייטלעכקייט. די דאָזיקע וועלט־אַנשויאונג זעט די אויפגאַבע פונעם מענטש און זיין פאַרבינדונג צום באַשעפער, דורך אָנערקענען און באַהעפטן זיך אין זיינע דרכים . . . האלקות — זהו האידיאל של השלמות המוסרית העליונה. האלקות — מקור הטוב המוחלט והצדק העליון, וכל הבריאה כולה מקבלת ממקור זה את שפעת היותה וקיומה . . . והדרך לעלית האדם הוא בתורה . . . בתורה נתגלה רצונו של היוצר ואת דרכי טובו הורה לעולם ע"י עבדיו הנביאים . . . " דורך מקיים זיין די מצוות און סייגים, איז דער מענטש משלים די בריאה; ער ווערט, כביכול, א שותף צום

באַשאַפער . . . דאָס מקיים זיין די מצוות ווערט דעריבער נישט בלויז דער קנין פונעם יחיד, נאָר פונעם כלל, פון דער געזעלשאַפט . . . אָן דעם תיקון פונעם פרט, איז נישט מעגלעך דער תיקון פונעם כלל, און פאַרקערט: אויב דער „כלל" איז ניט געלייטערט איז אויך דער „פרט" דעגראַדירט . . . עס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן די אויפלעבונג פונעם פאָלק אָן דער אויפלעבונג פון אירע אייגנטלעכע ווערטן, ווייל, ווי ער דריקט זיך אויס: „עצם השקפת עולמה של היהדות היא סוציאלית מוסרית — די שטרעבונג פון תורה ועבודה, פירט ער אויס, איז די אויפלעבונג פון יהדות אין איר פולקאַמענהייט, איינשליסנדיק: תיקון הפרט, הכלל „ולסדר חיים חברתיים על יסודות הצדק והמוסרי".

דער רעיון עבודה באַקומט זיין ברייטערן באַדייט אין דער באַשאַפונג און אין דער דערמעגלעכונג פון דער נייער עטיש רעליגיעז סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — ענדערן די וועלט און איר דערפירן צו די לערעס פון די נביאים, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אָט דעם סאָציאַליסטישן און מאָראַלישן לעבן פונ'ם פאָלק.

אַזוי שרייבט איינער פון די אידעאָלאָגן פון תורה ועבודה, א מענטש וועלכער טראַכט לאָגיש און פאַרשטייט גרינטלעך דעם מהות פון יהדות, אין פשוטן פראַקטיש־עטישן ווערט.

י. בערנשטיין, איז פון די געוואגטע אינ'ם קרייז פון תורה ועבודה טעאָרע־טיקער און וואָרט־פירער.

אין זיינעם א שאַרפן ענטפער „על ערבוב המושגים"$_4$ אויף דער קריטיק קעגן זיין אָנשויאונג, ווייזט ער אָן, אז אויך ער, פונקט ווי זיינע חברים, האַלטן נישט פון רעוואָלוציע און איבערקערענישן פאַר דער לייזונג פון די אָנגעווייטיקטע וועלט־פּראָבלעמען, ס'איז אָבער קיין ספק נישט, שרייבט ער, אַז מיר דאַרפן גיין מיט די וואָס גייען אויפ'ן וועג פון דער עוואָלוציאָנערער פאַרווירקלעכונג אין דער בהדרגהדיקער פאַרבאַרייטונג צו דעם געגאַרטן מאָרגן. ער איז איבערצייגט, אַז מען קען זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף עטישער אַנטוויקלונג און אויף דעם סאָציאַלן פאָרשריט . . . „מיר קענען נישט — שרייבט ער — אין קיין פאַל זיך שטעלן אויף דער דאָזיקער לעצטער באַהויפּטונג . . . סוף כל סוף לעבן מיר נישט פון (גוסטאַוו) לאַנדאַוערס שיטה, פונקט ווי מיר באַזירן נישט אונזער שיטה לויט דער מאַרקסיסטישער לערע . . . טויזנטער יאָרן ווערט שוין דאָס יידישן פאָלק געפירט דורך די לערעס פון עטיק און סאָציאַלער דערהויבונג . . . דאָס יידנטום האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דער פּראָפּאַגאַנדירונג פון אָט די שיינע אידעאַלן — די נביאים האָבן געפירט א שטאַרקן קאַמף פאַר אָט די אידעאַלן, געפירט א קאָמפּראָמיסלאָזע מלחמה קעגן יעדן סאָרט שטאַטלעכער טיראַניי און אומיושרדיקער האַנדלונג — און אפילו אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנדן קעגן אומפאַסיקע הערשער".

אויך אין אונזערע אָנגעלעגנהייטן מוז מען זיך באַנוצן מיט די זעלבע מעטאָדן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די מיינונג פון רוב קהל וועט זיין פאַר אַ געוויסער ענדערונג אינ׳ם געזעלשאַפטלעכן סדר, אָבער אַ געוויסער עלעמענט וועט נישט זיין צופרידן וועט מען זאָגן, אַז די מערהייט זאָל לײַדן צוליב דער מינדערהייט? . . . מיר דאַרפן זיך אָנשטרענגען צו באַפרידיקן דעם כלל און איבערצייגן די מינדערהייט אינ׳ם אומיושר נאָכצוקומען אירע פאָרלאַנגען״.

בערנשטיין ווייזט אויך אָן, אויף דעם טעות פון די אַלע וואָס מיינען, אַז די „תורת האהבה״ איז דער יסוד פון יידנטום און פילן נישט, באַגרייפן נישט, אַז די דאָזיקע אָנשויאונג איז אַ „פרעמד געוויקס״ וואָס האָט ניט קיין פרוכט, נאָר בלויז בליעכץ . . . דער גאָט פון ישראל איז דער רחום וחנון ורב חסד — אָבער אויך דער קנא ונוקם . . . נאָכן ארך אפים קומט דער „ונקה לא ינקה״, ווי די חז״ל מאָלן פאַר אונז צוויי אַנטפּלעקונגען: אויפ׳ן באַרג סיני — ווי אַ זקן מלא רחמים; און אויפ׳ן ים — ווי אַ גבור מלחמה — ד׳ איש מלחמה! . . . די תורה פון דערבאַרעמדיקייט און ליבע איז אויך די תורה פון אמת און אבסאָלוטער גערעכטיקייט . . . אויב דער רבונו של עולם האָט געזען, אַז די וועלט קען קיין קיום נישט האָבן מיט דער מדת הדין, האָט ער משתתף געווען די מידה פון רחמים, אָבער בלויז אַ שותף, נישט מער.

ווי געזאָגט, זענען נישט אַלע חברים פון תורה ועבודה, מסכים צו דעם דאָזיקן טעאָרעטישן איינשטעל.

א. י. יקותיאלי[5], דער מעסיקער דענקער פון פועלי־מזרחים איז שטאַרק קעגן אידענטיפיקאַציע מיט די קאַמפן פון די סאָציאַליסטן, אפילו עוואָלוציאָנערע, ווייל, האַלט ער, זיי שטאַמען אָפּ פון עגאָאיסטישע מאָטיוון, זיי פירן צום „קלאַסן־קאַמף״, אין זיין קלאַסישן זין, דעם מאַרקסיסטישן, וועמענס ציל איז סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אָן תורה־אידעאָלאָגיע.

ער איז קעגן דעם דאָזיקן קלאַסן־קאַמף און באַזירט זיך בעסער אויף דער פאַרשטענדעניש פון די מאַסן, אויף די תקנות פונ׳ם בית דין א. אז. וו. בלויז אין געציילטע פאַלן, וועט דערלויבט אַליין באַשטימען דעם אורטייל „אָדם עושה דין לעצמו״[6], מיטן באַדינג, דאָס דער דין איז קלאָר, אומצווייפלהאַפטיק און דייטלעך, און וועט נישט דערוועקן אָדער אַרויסרופן שנאה און פיינטשאַפט, ווייל אויף דעם איז מען געוואָרנט: „ואהבת לרעך כמוך״ און „לא תשנא את אחיך בלבבך״.

יקותיאלי איז אויך קעגן באַגרינדן דעם יהדות פון אַ פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט, אויף אַרבעט . . . דאָס יידנטום, איז זיין מיינונג, דאַרף האָבן מענטשן פון טיפן דענקערישן פאַרנעם, וועלכע זענען בכח אויסצופאָרמען אין זיין מקורותדיקן באַדייט די פילאָזאָפיע פון יהדות.

ש. ח. לאַנדוי, — דער וואָס האָט אריינגעגעבן אין דער באַוועגונג זיין גוואַלטיקן התלהבותדיקן אימפּעטפולן פּאַטאָס, האָט אויך אריינגעבראַכט זיין קאָנצעפּציע פון תורה ועבודה אידעאַל. ער שרייבט אין זיין מאמר: „על מהות הפועל המזרחי"[7]: „ביז היינט, צוויי יאָר נאָך דער קאָנפערענץ און דער הפועל המזרחי האָט נאָך אַלץ נישט געפונען זיין וועג . . . די לייזונג צו די הפועל המזרחי פראַגן דאַרף אַלץ קומען פון זיין אידעאָלאָגיע . . . צוליב עקאָנאָמישע אינטערעסן האָט זיך נישט געלוינט די גוואַלטיקע אָנשטרענגונג . . . "

דער אידעאַל, זאָגט ער, פון הפועל המזרחי, איז „תורה ועבודה". נישט בלויז לשם חתימה און לאָזונג, נאָר דאָס איז דער תמצית . . . רעוואָלוציע אין די רייען פון רעליגיעזער יוגנט . . . אַ לאָזונג וואָס דאַרף פאַרוואַנדלען יעדן רעליגיעזן יונגטלעכן אין אַ פּראָדוקטיוון שעפערישן מענטש . . . דער געדאַנק פון הפועל המזרחי מיינט, נישט בלויז דאָס איינאָרדענען די געזעלשאַפט אלס אַזעלכע, נאָר בעיקר די פּראָדוקטיווע אויפלעבונג פון דער יוגנט . . . "

ש. ח. לאַנדוי איז מאריך וועגן תכלית פון דער יידישער עטיק, דער אונטערשייד צווישן דער קריסטלעכער און יידישער עטיק, דער קריטעריום און ציל צו פאַרקלענערן דאָס שלעכטס, צו ברענגען צו זיין מינימאַלקייט אין דער מענטשלעכער נאַטור, אויפלעבנדיק אויף אַזאַ אופן די טענדענץ פון דער עטיק אין דער יידישער פאָלקס־מענטאַליטעט. אַלס יסוד אין יידישן דין און געזעץ, ברענגט ער דעם פאַקט פון צער בעלי חיים וואָס איז פון עטישן שטאַנדפּונקט אַן איסור מן התורה[8].

די עטיק פון יהדות, האָט, דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, נישט בלויז בנוגע דער פאַרווירקלעכונג פון „ואהבת את ד' אלקיך" . . . נאָר אויך צו דעם „ואהבת לרעך כמוך", צו דעם והתקדשתם והייתם קדושים . . . די העכסטע הימלישע עטיק, וועלכע הויבט איבער דעם „רוח ישראל".

ר. וויינשענקער (דר. ראובן גפני) איז דאָס מסביר אין זיין מאמר „הציונות השלמה"[9], אז תורה ועבודה איז באַזירט אויף די גייסטיקע און סאָציאַלע יסודות פונ'ם פאָלק: גאַנץ ציוניזם, אַ סינטעטישער צונויפבונד פונ'ם נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם און תורה עטיק, דאָס איז דער חידוש פון הפועל המזרחי.

די אנטפּלעקונג פון הפועל המזרחי אידעאַל . . . איז געווען — גאולת הרוח העברי ע"י התורה, וגאולת הגוף העברי ע"י העבודה".

„נישט בלויז ציוניזם, ווי די באַוועגונג פון אַ קלאַס, האָבן געוואָלט די טעאָרעטיקער פון תורה ועבודה, זייער „ציוניזם" איז די באַוועגונג וואָס דאַרף לייזן אַלע גייסטיקע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פונ'ם יידישן פאָלק און צוליב דעם איז זיי אויסגעקומען צו פירן אַן אידייאישן שטריט מיט רעכטס און לינקס, און מיט נישט ווייניק רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, דורכמאַכנדיק פאַרשידענע עטאַפּן ביז צו די היינטיקע דערגרייכונגען.

די תורה ועבודה טעאָרעטיקער באַטראַכטן סיי דאָס סאָציאַלע און סיי דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון מענטשן ניט בלויז פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. זייער סאָציאַליזם וואַקסט נישט אַרויס פון קלאַסן־אינטערעסן אָדער פון אומרעאַלער עגאָאיסטיש־קאַפּיטאַליסטישער סטימול — ער וואַקסט אַרויס פון זיין ווילן צו אַן עטיש יושרדיקן לעבן וואָס ליגט טיף אין זיין אורשפּרינגלעכן איך וואָס ווערט באַווירקט פון דער אומגעבונג און סביבה, פון די באַדינגונגען און איינפלוסן.[10]

איינער פון די יונגערע אָנגעזעענע טוער פון דער תורה ועבודה באַוועגונג משה קרונה, באַהאַנדלט אָט די ענינים אין איינער פון זיינע בראָשורן[11], אָנווייזנדיק אַז „השאיפה לחדש במולדת ההיסטורית את התכנית של היהדות המקורית שמשה נר לרגליהם של מבשרי ציון בכל הדורות . . . והאמינו כי בשוב ישראל לארצו יוכל לחדש אף את נעורי היהדות. במדינה עצמאית ותחת שלטון יהודי עצמי אפשר יהא לשמור על קדשי האומה במלואים . . . לבסס את סדרי חיי הצבוריים על יסודות התורה והמצוה . . .״

מ. קרונה גייט ווייטער אין זיין שילדערן די אויפטוען פון הפועל המזרחי: „היריעה תקצר מלהכיל את כל פרטי עבודתו המעשית של הפועל המזרחי לטובת הפועלים הדתיים בארץ ולחזיקם של חיי תורה ועבודת במדינה . . . לא להניח אף פינה מהחיים המתהווים בארץ כי־אם לשתף עצמו בכל מערכות היצירה . . .

„גולת הכותרת במעשי היצירה של הפועמ״ז הוא באותם השטחים שבהם באים לידי בטוי מלא השקפות עולמה של התנועה . . . .[12]

די תורה ועבודה איז געוואָרן דער פאַרווירקלעכער פון די תורה־אידעאַלן, ווי די ערשטע מזרחי־פירער האָבן זי אויפגעפאַסט און פאַרשטאַנען און נאָך מער: אַרויסגעפירט די אידעאַלן און זיי געגעבן אַ דינאַמישן אינהאַלט, אַ סאָציאַלן לבוש, צוגעפּאַסט צו דער צייט.

ב. דאָס טאָן מער ווי דער דין. — אַן אויפגאַבע וואָס איז געוואָרן פליכט. — סאָציאַלע אַחריות. — באַדינגונגען און איינפלוסן.

ווי אַזוי קאָן מען אַרויסברענגען און אַנטפּלעקן די עטישקייט ביים מענטשן און איר דערהויבן צו דער הויכער שטופע? דורך דער באַשאַפונג פון דער נייער געזעלשאַפט מיט נייער סאָציאַלער אַחריות; דורך אַ דורעהאַפטן מסירת־נפש׳דיקן קאַמף אַרויסברענגען די מענטשלעכע וועזנטלעכקייט און אינדיווידועלן כאַראַקטער. די עמאָציאָנעלע אויסשטראַלונג וואָס שלאָגט אַרויס פון דער טיפער אינערלעכקייט פונ׳ם יחיד.

און דאָ קומען מיר צום עיקר פּונקט אין עטישן באַנעם פון ‚דין׳ און ‚לפנים משורת הדין׳.

וואָס שייך פּריוואַט אייגנטום, דאַרף עס לויט׳ן דין, געהיט ווערן: עס זענען

דאָ קנין, עבדות, מסחר, הלכות פּועלים, אפילו די אַלע באַגרענעצונגען דורך שמיטה, יובל, לקט, שכחה, פאה, און אַנדערע עטישע פאַרפליכטונגען אין די מענטשלעכע באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, הענדלער, קויפער און פאַרקויפער, לוה און מלוה א.א.וו. עס איז אויך דאָ דער דין פון „לפנים משורת הדין". די „מידת חסידות", וואָס ווערט אין געוויסע פאַלן באַטראַכט אַלס דין. ירושלים, זאָגט אונז דער תלמוד, איז חרוב געוואָרן צוליב דעם וואָס זיי האָבן געאורטיילט בלויז לויט'ן טערמין פון „יקוב הדין" און נישט געפירט זיך לפנים משורת הדין"[1]. אין אַ קריזיס עפּאָכע ווערט דער „לפנים משורת הדין" באַטראַכט אַלס „דין" . . . דער הויך־עטישער אידעאַל ווערט באַטראַכט אַלס פליכט!

מיר געפינען טאַקע אין נחמיה, אַז אין זיין צייט, אין דער עפּאָכע פון שיבת ציון, איז פאָרגעקומען, נאָך אַ גרויסע מערקווירדיקע היסטאָרישע דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך: די באַפרייאונג פון קנעכט און דער אומקער פון זייערע פעלדער — אַ רעוואָלוציע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן בלויז אויפ'ן באַפעל פון די פירער פון עולי בבל. ווען נחמיה בן חכליה האָט דאָס פאַרלאַנגט פון די עולים, האָבן זיי געענטפערט דעצידירנדיק: „כן נעשה כאשר אתה אומר" . . . .[2] דאָס ווייזט אויף דער הויך עטישער אַנטוויקלונג ביי יידן, אויף דעם עטישן סאָציאַליזם וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין יענעם גרויסן מאָמענט פון נאַציאָנאַל שטאַטלעכן ווידערגעבורט. דאָס ווייזט, אַז עס איז מעגלעך צו עטאַבלירן אַ תורה געזעץ, אויב די צייט איז רייף און ראוי דערצו . . .

די טעאָרעטיקער פון תורה ועבודה און פּועלי אגודת ישראל, באַהאַנדלען די ענינים אויף אַ גאָר ברייטן מאַסשטאַב. זיי דרינגען אַריין אין אַט די פּראָבלעמען, סיי פון סאָציאַלן און סיי פון רעליגיעז עטישן שטאַנדפּונקט.

י. בערנשטיין, אין זיין מאמר „דין ולפנים משורת הדין"[3] ברענגט אַרויס, אַז דער לפנים משורת הדין האָט אַ באַזונדער איינזעעניש פאַר די אָרימע, פאַרפאָלגטע און געפּלאָגטע, פאַר דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, פאַר די יידישע פאָלקס־מענטשן. אויף דעם פסוק: כי תצא בכרם רעך ואכלת ענבים כנפשך (ווען דו וועסט קומען אין דיין פריינט'ס וויינגאָרטן, מעגסטו עסן טרויבן וויפיל דו גלוסט אליין[4]. זאָגט די גמרא[5] „בפועל הכתוב מדבר", דאָס רעדט מען וועגן אַן אַרבעטער, ווען דו דאַרפסט באַהאַנדלען ווי דיין נפש „כנפשך" . . .

אויף אַ גאָר ברייטן אופן וועגן די באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, האָט מ. ש. גשורי אַרויסגעבראַכט אין זיין מאמר, „עבודה ומלאכה במקרא ובתלמוד"[6].

צו דעם דין און צו די פאַרלאַנגען פון תורה און נביאים קומט גלייכצייטיק די תורה שבעל פה, די מינדלעכע טראַדיציע ביים יידישן פאָלק וואָס האָט באַקומען אויסדרוק אין תלמוד בבלי — דאָס ריזיקע ווערק פון וויסן און

געדאַנקען, אַן וועלכער, מיר וואָלטן גאָרנישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשטיין די תורה און נביאים דאָס ווערק וואָס זאָגט עדות אויף דעם געניום און אָריגינעלער שאַפונגס־קראַפט פון יידישן פאָלק . . .

די תורה הייסט טאָן „לפנים משורת הדין" — אָבער אויך דער לפנים משורת הדין האָט אַ גרענעץ און עס איז דאָ אַ געריכט וואָס באַצאָלט ווי געהעריק, לויט'ן געזעץ אימפעראַטיוו: מברכך ברוך ואוררך אָרור! אַ הימליש געריכט וואָס אורטיילט און וואָס באַצאָלט מיט שלעכטס פאַר שלעכטס . . . רחמנות איז איינע פון די כאַראַקטער שטריכן פון אַ יידן. יידן זיינען רחמנים בני רחמנים — אָבער ווען שאול המלך האָט געוואָלט אַרויסווייזן רחמנות צו די פאַרדאָרבענע עמלקים, האָט ער זיין טראָן פאַרלאָרן. עטיק אין סאָציאָלאָגיע — דאָס אומבאַדינגט; אָבער עטיק וואָס זאָל פירן צו אַבסורדישקייט, דאָס געוויס ניט!

„אין מבליעין דינרי זהב במלחמה", זאָגט דערויף די תוספתא[7], אַז דאָס זאָל האָבן אַ גאָר טיף־עטישן זין. עס איז פאַרבאָטן צו שלינגען גאָלדענע מטבעות אין אַ קריגס־עפּאָכע". ווען עס שטראָמט אַ ים פון בלוט, טאָר מען זיך ניט אַראָפּלאָזן אין בלוטיקן ים ווי אַ טויכער, קלייבן אויף זיין אָפּגרונט די בריליאַנטן און פּערל . . . אַ מערקווירדיקער סימבאָלישער משל לערנענדיק די קאַפּיטאַל־נאָכיאָגער, אַז אין צייט פון בלוט־פאַרגיסונג זאָלן זיי ניט זוכן מאַכן פּראָפיטן; אין צייט פון קריג, ווען די באַדינגונגען פון לעבן זענען עלול אָפּצואָווישן פון מענטש דעם צלם אלקים, זאָלן זיי האָבן אין זיך גענוג גייסטיקן כח זיך קעגנשטעלן דער אַנטמענטשלעכקייט און ניט כאַפּן פון בלוטיקן אַפּשוּים . . .

דער תנ"ך און תנ"כ'ישע נאָכפאָלגער האָבן געלערנט עטישע אידעאַלן וועלכע מען קען און מען מוז ברענגען צו דער מענטשהייט, אָבער אָן דער אויפהייבונג פון דער שווערד, אָן די דיקטאַטאָרישע, טיראַנישע, טעראָריסטישע גוואַלד מיטלען. מענטשלעך בלוט און שוויים איז זייער טייער.

וואָס שייך דעם אַרבעטער האָבן מיר אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געזען אַז די יידישע עטיק פאָדערט, מען זאָל שטענדיק אָנווענדן דעם לפנים משורת הדין.

ניט בלויז טאָדלט דער תנ"ך און תלמוד עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג אין וואָס פאַר אַ פאָרם זיי זאָלן זיך ניט באַווייזן. די יידישע אמונה, דאָס יהדות שטרעבט איינצופירן די אָרדנונג פון פרייהייט, גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט, באַזירט אויף די העכסטע סאָציאַלע אידעאַלן.

דאָס עקאָנאָמישע, סאָציאַלע לעבן, האַלטן רעליגיעזע סאָציאַליסטן, דאַרף געפירט ווערן אין אַט דעם גייסט. די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק קאָן נישט מעגלעך זיין אָן דעם יידיש־מקור'דיקן גייסט.

איינער פון די וואָרט־זאָגער פון פועלי אגודת ישראל הרב משה מונק, באַרירט דאָס פּראָבלעם פון „משפט וצדקה", לויט דער תורה, אין זיין מאמר:

„לברור יסודות הצדק התורתי[8]. (א וויכוח צווישן די ח"ח מונק, פוקס, רזמיווש, מ. ב. קליינמאן א.א.)

„. . . בין תפיסה דתית לבין תפיסה סוציאליסטית מפרידה בעיקר שאלה אחת: האם האדם מעצב את המשטר או המשטר מעצב את האדם. האם חנוך למוסר ולצדק הוא הדרך להקמת משטר סוציאלי צודק או האם שנוי פני המשטר בדרכים מהפכניות או אפילו אבילציונות הוא תנאי להתנהגות המוסרית של האדם. אני טוען, שזו היא התהום המפרידה בין התפיסה הדתית — כל דתית — לבין התפיסה הסוציאליסטית מיסודה של מרקס והמטריאליסט ההיסטורי . . . "

הרב מונק ווייזט אָן ,אז נאָר די יידישע רעליגיע וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, סיי די הימליש גייסטיקע און סיי די מענטשלעך־ערדישע, איז בכח צו דערציען דעם מענטש צו דעם דאָזיקן צדק מוחלט, צו דעם אַבסאָלוטן יושר און גערעכטיקייט, וואָס שליסט איין דעם לפנים משורת הדין.

מיר ציטירן נאָך עטלעכע שטעלן אין זיין העברייאישן מאמר:

„ידועים לי סוגים של לפנים משורת הדין, ושלשה מקורות בתנ"ך לביסוסם: מקור אחד, הוא הפסוק ועשית הישר והטוב; רש"י, מסביר: הטוב: זה לפנים משורת הדין. אמנם בגמרא, לא נתן הסבר זה להפסוק. הגמרא מצטט פסוק זה בדין „שומא הדרא לעולם"[9] ובדין „דבר מצרא[10]. בשני המקורים הרי זה דין חמור. מכריחים את המלוה להחזיר את המשכון הנשום תשלום, ומסלקים את הקונה מן השדה לטובת בר מיצר . . . המקור השני הוא: את המעשה אשר יעשון, זו לפנים משורת הדין. הדוגמא: ר' ישמעאל ב"ר יוסי שהחזיר מציאה למרות שמשום זקן ואינו לפי כבודו לא היה חייב בכך[11]. ור' חייא שהחזיר לאשה מטבע . . . למרות שהוא כמומחה היה פטור מזה[12]. בשני המקרים אין חיוב עליו . . . המקור השלישי הוא ענין הסבלים העניים ששברו חבית, וחיוב מעבידם לוותר על תשלום החבית ולשלם את שכרם משום: למען תלך בדרך טובים ואורחות צדיקים תשמור[13].

הרב מונק וויל באווייזן, אז דער יושר פון דער תורה און פון תלמוד איז ווייט ניט אין הסכם מיט די סאָציאַליסטישע לאָזונגען. דאָס, וואָס לויט דער תורה קאָן זיין אין הסכם מיט יושר און לפנים משורת הדין, קען לויט'ן סאָציאַליזם זיין קעגן יושר און דעריבער, האַלט ער, טאָר א רעליגיעזער מענטש זיך אַפילו ניט אידענטיפיצירן מיט אָט דער סאָציאַליסטישער דאָקטרין.

אַלע אַנדערע פון דער פּועלי אגודת ישראל פּירערשאַפט טרעטן שאַרף ארויס קעגן זיינע קאָנצעפּציעס און אינטערפּרעטירונגען פון מצוות שבין אדם לחברו. זיי פּאָלעמיזירן און דיסקוטירן זיינע באַהויפּטונגען און ענטפערן אויף אַלע זיינע פראַגן אין איינקלאַנג מיט דער פּאַרטיי אידעאָלאָגיע[14].

הרב בן ציון פירער[15] קומט צו דער סומירונג, אז „לפנים משורת הדין", ווערט דין, געזעץ, און אויב מ'פירט זיך ניט לויט די דאָזיקע העכערע עטישע פאַרשריפטן, ווערן לענדער, (ביי אונז, דאָס לאַנד), חרוב[16].

משה פוקס[17] ענטפערט אויך זייער שאַרף אָפּ הרב מונק'ן, טוענדיק דאָס מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן און מיט יראת הכבוד, האָט ער דאָך זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון דער באַהויפּטונג, אז זיינע טעאָריעס זענען „גורם נזק רב ליהדות הדתית ושאיפותיה בהעמידה את היהדות באור לא נכון . . ."

ער האַלט, אז הרב מונק פאַרטיידיקענדיק פריוואַט אייגנטום, קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, ברייננגט אריין צעטומלעניש. דער באַווייז פון לקט שכחה און פאה, האַלט ער, איז אין דעם פאַל פאַרפירעריש, פונקט ווי ס'איז ניט אויסגעהאַלטן זיין באַווייז פון ר' אליעזר בן חרסום, אז ער איז געווען א רייכער און אייגנטימער פון קנעכט . . . מ'דאַרף אַריינקוקן טיפער אין דער אמת'דיקער ליכט פון דער יידישער הלכה.

ס'איז אים שווער צו דיסקוטירן מיט הרב מונק, אין קלאָר מאַכן דעם מהות און וויזיע פון פועלי אגודת ישראל, אָבער, זאָגט ער, מיר אין חדר פון פועלי אגודת ישראל אין פוילן, האָבן אַנדערש פאַרשטאַנען די אידעאָלאָגיע פון רעליגיעזן אַרבעטער יושר. אונזערע לערער „שקטנם עבה ממתנינו", האָבן אונז געוויזן דעם אמת'ן וועג, אונז דערקלערט די תורה און די הלכה אין דער אמת'ער ליכט . . . לקט, שכחה און פאה, איז ניט געווען בלויז אויף צו ראַטעווען דעם באַרויבטן, בעסער וואָלט געווען, ווען מיר לעבן אין א געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר אָט די מצוות און ס'זאָל הערשן ביים יידנטום א פולשטענדיקע גלייכהייט, ווי אין דער מדבר מיט'ן מן און אין לאַנד ביי דער ערשטער גלייכער פאַנאַנדערטיילונג . . . די תורה וויל פון אונז „את השוויון המלא בחיים".

אויך יהודה נחשוני[18] טרעט אַרויס קעגן דער סומירונג פון הרב משה מונק, אז רעליגיעזער סאָציאַליזם אַלס שיטה, האָט ניט קיין מקור, האָט ניט קיין וואָרצלען אין יהדות . . . ער דריקט זיך אויס זייער שאַרף קעגן דעם ערשטנס באַהויפּטונג: „עריסתי עמדה בגרמניה ולא בפולין או ברומניה ומתוך כך לא ינקתי בילדותי מהרעיונות החברתים של קרל מרקס" . . .

דאָס קוקט אויס אין זיינע אויגן „כיוהרא" . . . ער באַמערקט, אז נישט אַכטנדיק וואָס זיין וויגל איז געשטאַנען אין רומעניע, האָט ער אויך נישט איינגעזאַפּט אין זיך דווקא די געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס און איז ווי מונק, געווען א ישיבה בחור און ער געפינט גראַד אין דער תורה די עיקרים פאַר א רעליגיעזן סאָציאַליזם, אַריינדרינגענדיק אין די טעמי המצוות, אין די הויפּט מאָטיוון פון די מצוות שבין אָדם לחברו . . .

די מצוות שמיטה, יובל, לקט, שכחה, פּאה א. א. וו., ווייזט ער אָן — אויב זיי זענען נישט געצילט פאַר פולער נאַציאָנאַליזאַציע און געגצלעכער אָפּשאַפונגופן פון פּריוואַט אייגנטום, איז עס אָבער אַ שריט נענטער צו „הפקעת הרכוש הפרטי, ומחאה עזה נגד התפיסה הרכושנית של המסחר והתחרות חפשית . . . " „ער באַזירט די דאָזיקע הנחה אויף די ווערק פון ר' יצחק ברויער[19], פון הרב משה פינדלינג[20] און פון ר' יהודה ליב אָרלעאַן, אנערקענטע ווערק ביי אַלע גדולי ישראל.

„מיר, — שרייבט ער — האָבן געזען דעם „קרע שבין התורה והחיים, וכך מצאנו את דרכנו לצדק תורתי זה שהח' מונק מתלבט בתוכנו ופשרו . . . כי הח' מונק כפי שהוא עצמו מספר, לא ראה פועל חשמלאי בסיבתו, והחברה שהוא היה חי בה, היתה „מאושרת" וראתה רק את הטוב שבמשטר הרכשוני. הסתירה בין העוול שבמשטר ובין הצדק האלוקי לא היתה בולטת בסביבתי, לא הישיבה שכולנו למדנו בה, ולא מרקס שכלנו לא למדנו בה, עושים את המחיצות — אלא החיים עשו ועושים את שלהם . . . "

ער איז קעגן דעם אַטעאיסטישן סאָציאַליזם (פּונקט ווי עס איז הרב מונק) אָבער בלויז ווייל ער איז אַטעאיסטיש און ניט צוליב דעם וואָס ער קומט ענדערן דעם געזעלשאַפטלעכן סדר.

דער רעליגיעזער סאָציאַליזם קעמפט פאַר דער דערהויבונג פונ'ם יידישן מענטשן, אָבער דאָס מוז געטאָן ווערן מיט אַ קלאָרן, תורה'דיקן אידייאיש באַזינגטן פּלאַן.

דאָס איז אויך די אידעאָלאָגיע פון תורה ועבודה, שטרעבנדיק צו אַ באַנייענדיקן שעפעריש יידיש לעבן, צו אַ יושר'דיקער סאָציאַלער געזעלשאַפט, צו אַ גייסטיקער דערהויבונג פונ'ם יידישן פאָלקס־מענטש — אָבער אָן דער רעוואָלוציאָנערער בלוטיקער קלאַסן־מאַכט, מיט אירע פאָלגן פון ברויזנדיקן האַס, מענטשלעכן גראַנגל און גיהנום'דיקן שטורם וואָס שטערט דער שעפערישער און בויערישער אַרבעט.

און דאָ קומען מיר נאָכאַמאָל צום פּראָבלעם דין און לפנים משורת הדין.

דר. י. מירקין, באַהאַנדלט דעם דאָזיקן ענין, באַווייזנדיק, אַז פאַר הויך עטישע מענטשן גילט דער לפנים משורת הדין, ווי געזעץ, צוליב דעם מאָטיוו פון „ועשית הישר והטוב". ער ברענגט פון „כוזרי", אַז דעריבער איז די תורה געגעבן געוואָרן צום יידישן פאָלק און ניט צו אַנדערע פעלקער, ווייל יידן זענען געווען בעסער אַנטוויקלט דורך זייערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב; זיי זענען געווען די יחידי סגולה, זיי זענען געווען „מוכשרים לכך". אָבער, זאָגט ער, השם יתברך האָט דאָן געגעבן אַ תורה וואָס זיי האָבן געקענט מקבל זיין אין יענעם מאָמענט — אַ מינימום פליכטן . . . די העכערע פאָדערונגען זענען איבערגעבליבן בעל פּה. דער דין פון „לפנים משורת הדין", איז גרעניצלאָז,

אין איבערגעגעבן צום מענטש לויט זיינע מדרגות, דעריבער האט רב צו אזא אדם גדול ווי רבה בר־בר־חנה באפוילן ניט בלויז צוריקגעבן די מאנטלען צו די טרעגער וואס האבן אים צעבראכן א פעסל וויין, נאר אויך באצאלן זייער לוין, באזירנדיק דאס אויף די פסוקים: „למען תלך בדרך טובים” און „וארחות צדיקים תשמור[21].

בערנשטיין גייט נאך ווייטער[22] אין זיינע באווייזן, וויאזוי לפנים משורת הדין ווערט מיט דער צייט „ד י ן” למשל, דאס קויפן קנעכט, אין דער אלטער צייט, אויב מ'האט דאס דורכגעפירט על פי דין, איז ניט געווען קיין פארבאט און דער וואס האט זיך ניט געוואלט באנוצן מיט שקלאפן, האט געטאן מער ווי דער דין . . . היינט, אויב א ייד וועט קויפן א שקלאף, וועט ער שוין באשטראפט ווערן, ווייל ער האט געהאנדלט ניט געזעצלעך . . . אזוי אין די דינים פון אישות, די תורה האט דערלויבט פיל־ווייבעריי אבער, ווי עס זעט אויס, איז דער וואס האט געהאט בלויז איין פרוי, האט געטאן לפנים משורת הדין . . . היינט איז דאס שטרענג פארבאטן. אבער וועגן דעם — באזונדער.

ה ע ר ו ת

א.

1. „הד הנתיבה”, ירושלים, ט"ו אלול, תרפ"ט, ז"ז 12-11.
2. הדפסה מיוחדת מהתור ,ירושלים, תרצ"ג.
3. נתיבה, ט"ו, מנחם־אב, תרפ"ח, חוב' כ"ב (רמ"ז), ז"ז 362-360.
4. דארט, י"ד תשרי, תרפ"ח, חוב' א־ב' (ר"ב־ר"ג), ז"ז 17-15 — ענטפער אויף קריטיק קעגן זיינע אנשויאונגען אין נתיבה נומ' כ' און כ"א.
5. אין זיין מאמר „לברור כל המושגים, דארט, ט"ו חשון, כ"ד־כ"ה, ז"ז 35-16.
6. בבא קמא, כ"ז, ע"ב.
7. נתיבה, א' אלול, תרפ"ח, שנה ג', חוב' כ"ו, מ"ד, ז"ז 498-405; אויך אין נומ' פון ט"ו אלול.
8. בבא מציעא, ל"ב, עב. אויספירלעד וועגן יידישער עטיק — אין די פריערדיקע פרקים.
9. נתיבה, יד ניסן, תרפ"ח, שנה שלישית, חוב' י"ג־ט"ו, גליון מוקדש למלאות שבע שנים ליסוד הסתדרות הפועל המזרחי בא"י (תרפ"א־תרפ"ח).
10. זען: ש. ז. שרגאי, הפרובלים העיקרי בועידיה החמשית של הפועל המזרחי; דר. מ. זגורסקי, המזרחי, התורן שנה ז', ח'; רעיון העבודה, העברי, שנה ט', ל"ח נ. עמינח, תנועת עבודה דתית, ירושלים תרצ"א און אנדערע.
11. בימי מבחן, ז"ז 11-7.
12. דארט, ז"ז 16-14.

ב.

1. בבא מציעא, ל', ע"ב.
2. נחמיה ה', י"ב. זע אויך, שמות, י"ח, כ'; ב"ק, צ"ט, ע"א און מפרשים.
3. „הליכות”, תל־אביב, תרצ"ח, ז"ז מ"ב־מ"ג.
4. דברים, כ"ג, כ"ה.   5. בבא מציעא, פ"ז, ע"ב.
6. נתיבה, ח', ז"ז 204-202.
7. גיטין, פ"ח, ע"ב.
8. „לברור יסודות הצדק התורתי”, סעריע ארטיקלען אין „שערים” (כ"א און כ"ח שבט, י"ב אדר, תשי"ג).
9. בבא מציעא, לח, ע"א.   10. בבא קמא, ק"ח, ע"ב.   11. בבא מציעא, ל', ע"ב.
12. בבא קמא, צ"ט.   13. בבא מציעא, פ"ג, ע"ב.   14. שערים, דארט, דארט.
15. שערים, דארט — אויספירלעך.
16. זען: בבא מציעא, כ"ד, ע"ב און פ"ג.
17. שערים, כ"ט טבת, תשי"ג.
18. דארט, דארט.   19. נחליאל, ז' של"ד.   20. תהוקת העבודה, ז' ה'.
21. זע, בבא מציעא, פ"ג, ע"ב.   22. הליכות, תל־אביב, תרצ"ח, חוב' י"ד, ז"ז מ"ב־מ"ח.

קאפיטל דריי-און-דרייסיק

דאָס געזעץ פון ווערט

דאָס געזעץ פון ווערט האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דענקנדיקע מענטשן פון ביידע ריכטונגען אין דער סאָציאָלאָגיש-עקאָנאָמישער וויסנשאַפט: די בורזשואַזישע און די פּראָלעטאַרישע. יעדער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע לייזונגען.

א. פּלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג. — פּרייז פון סחורות און פון מענטשן. — פּריוואַט־אייגנטום.

„דאָס געזעץ פון ווערט", פאַרשטייט זיך, עקזיסטירט בלויז דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן סחורה־פּראָדוקציע און אַרבעטער־הענט. דער אויסטויש פון סחורות קומט פאָר, לויט עקאָנאָמישע אַקסיאָמעס, אין איינקלאַנג מיט דער אַריינגעלייגטער אין זיי געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, מענטשלעכער אַרבעט און אָנשטרענגונג. אין קאַרל מאַרקס'עס ווערטער: „אַלס ווערטן שטעלן מיט זיך אַלע סחורות פאָר, בלויז באַשטימטע סכומים אַריינגעלייגטע אַרבעטס צייט"[1].

די דאָזיקע לערע ווערט נאָכגעפאָלגט פון אַלע מאַרקסיסטן, סאָציאַליסטישע ווי קאָמוניסטישע, נישט אַכטנדיק וואָס יעדער גיט צו זיין „נופך"; וואָס איטלעכער קומט אַרויס מיט זיין מאָדיפיצירונג. זיי אַלע זענען מסכים, אַז דאָס געזעץ פון ווערט איז אַן אָביעקטיוו־עקאָנאָמישער געזעץ, וואָס עקזיסטירט און ווירקט אומאָפּהענגיק פון דעם מענטשלעכן ווילן . . . אַלע גיבן אויך צו, אַז די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, וואו די פּראָדוציר־מיטלען זענען באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום און אין דער געזעלשאַפט הערשט פּראָדוקציע קאָנקורענץ, איז דאָס געזעץ פון ווערט, דער רעגולאַטאָר פון דער פּראָדוקציע. צוליב דער קאָנקורענץ און פּרייז־וואַקלונגען, קומט פאָר אַ סטיכישע פאַרטיילונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פון די קאַפּיטאַלן צווישן די פאַרשידענע אונטערנעמונגען . . . דאָס פירט צו פּעריאָדישע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע.

ביים סאָציאַליזם האַלטן זיי, קען דאָס געזעץ פון ווערט, נישט זיין דער רעגולאַטאָר פון דער פּראָדוקציע; פּשוט דערפאַר, ווייל ס'איז נישטאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. ס'הערשט אַ פּלאַנמעסיקע, פּראָפּאָרציאָנעלע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און איז אונטערגעוואָרפן דעם עקאָנאָמישן גרונט־געזעץ פון סאָציאַליזם, דעם געזעץ פון פּלאַנמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. אין אַן אמת־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווערן די ווירקונגס־ספערן גאַנץ אַנדערש; די פּרייזן ווערן קאָנטראָלירט; אָנשטאָט דעם סטיכישן געזעץ פון קאָנקורענץ, באַווייזט זיך דאָס געזעץ פון ווערט, לויט דער הצטרכות, מאַטעריעלער באַדערפעניש און פּראָדוציר־קרעפטן.

ווענן דעם געזעץ פון ווערט, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָבן כמעט אַלע מאַרקסיסטישע עקאָנאָמיסטן געשריבן.[2]

קאַרל מאַרקס איז דער ערשטער וואָס באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע אין דעטאַלירטקייט. ער טוט דאָס אין אַ צאָל פון זיינע ווערק און ווידמעט דערויף אַ גאַנצע אַרבעט, אַ ווערק, באַזירט אויף אַ רעפעראַט — אַן ענטפער צום „בירגער ווערסטאַן", אָפּפרעגנדיק זיינע הנחות און בעיקר זיין דאָגמע, אַז „די פּרייזן פון די סחורות ווערן רעגולירט דורכן אַרבעטס־לוין". ער שרייבט צווישן אַנדערעס:

„... אַזוי ווי דער טויש־ווערט פון אַ סחורה איז בלויז די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג פון דער סחורה און האָט לחלוטין קיין שום שייכות נישט מיט אירע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, דאַרפן מיר קודם כל פעסטשטעלן, וואָס ס'איז אַזעלכעס דער געזעלשאַפטלעכער עלעמענט, וועלכער איז אַלגעמיין אין אַלע סחורות. אַזאַ עלעמענט, איז די אַרבעט. כדי צו פּראָדוצירן אַ סחורה, דאַרף מען אין איר אַריינלייגן אָדער פאַרברויכן אויף איר אַ געוויסע צאָל געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, נאָר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אַ מענטש פּראָדוצירט אַ קעגנשטאַנד פאַר זיין אייגענעם, דירעקטן געברויך, דאָס הייסט, כדי ער אַליין זאָל אים פאַרברויכן, פּראָדוצירט ער אַ פּראָדוקט, אָבער נישט קיין סחורה.

„ער דאַרף זיך געפינען אין דער ספערע פון אַרבעטס־צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט ..."

„... די סחורה האָט דעריבער אַ ווערט, ווייל זי איז אַ קריסטאַליזירטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. די הויך פון איר פּרייז, אָדער איר פאַרהעלטניסמעסיקער ווערט, הענגט אָפּ פון דער גרעסערער אָדער קלענערער צאָל געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ... וואָס איז פאַרקערפּערט און פיקסירט אין זיי ..."[3]

קאַרל מאַרקס גייט ווייטער מיט זיינע באַהויפּטונגען, אַז „דער ווערט פון די סחורות, איז אין פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל אַרבעטס־צייט, וואָס מען האָט פאַרברויכט, כדי זי צו פּראָדוצירן און אַלץ קלענער, וואָס פּראָדוקטיווער ס'איז די אַרבעט וואָס מען האָט אויף זיי פאַרברויכט ..."[4]

דער פּרייז פון די סחורות, האַלט מאַרקס, ווי אַלע זיינע נאָכפאָלגער אין דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער לערע, איז נישט מער, ווי אַ געלט־אויסדרוק פון דעם ווערט. ער באַזירט דאָס, אויף זיינע אייגענע לאָגישע אויספירן און אויף די הנחות פון טון אין זיין „געשיכטע פון די פּרייזן" און אַנדערע.

„די וואַקלונגען אין די מאַרק־פּרייזן — שרייבט מאַרקס — זייער אָפּנייגונג פון דעם ווערט, זייער שטייגן און זייער פאַלן, פאַרניכטן און זענען משלים איינע די אַנדערע ...

דער מצב פון גלייכגעוויכט איז, לויט זיין מיינונג, נאָר מעגלעך דאַן, ווען דער מאַרק־פּרייז פון די סחורות שטימט מיט דעם נאַטירלעכן פּרייז, דאָס הייסט,

מיט זייער ווערט, וואָס ווערט באַשטימט לויט דער אַנטשפּרעכנדיקער צאָל אַרבעט וואָס איז נויטיק כדי זיי צו פּראָדוצירן . . .

„טאָמאַס האָבס, שרייבט ער, איינער פון די עלטסטע עקאָנאָמיסטן און אָריגינעלסטע פילאָזאָפן אין ענגלאַנד, האָט שוין אין זיין ווערק „דער לויתן„ אינסטינקטיוו באַמערקט דעם דאָזיקן פאַקט אויף וועלכן זיינע פאָרגענגער האָבן נישט געלייגט קיין שום אַכטונג. ער זאָגט:

„דער ווערט פון אַ מענטש איז, ווי פון אַלע אַנדערע קעגנשטאַנדן, זיין פּרייז, דאָס הייסט, ער איז דאָס, וואָס מען גיט פאַר דעם רעכט צו באַנוצן זיך מיט זיין קראַפט . . . "

מאַרקס באַמיט זיך צו געפינען אַ מעגלעכע דעפיניציע, ווי צו באַשטימען דעם ווערט פון דער אַרבעט. ער באַמיט זיך אויך, ווי צו קאָנטראָלירן דעם ווערט סיי פונ׳ם אַרבעטער און סיי פון די סחורות און פּראָדוקטן און ווי אַזוי צו צוימען דעם ריווח און אים פאַנאַנדערטיילן פאַר דעם געווינס און געברויך פונ׳ם ציבור.

מיר ווילן אָבער פריער זען, וואָס די רעליגיעזע סאָציאַלע דענקער האָבן צו זאָגן וועגן דעם, מה נתחדש בבית מדרשם של תורה ועבודה ופועלי אגודת ישראל.

אין דער פראַגע פון אַרבעטס־קראַפט און אַרבעטס־ווערט איז פאַראַן אַ טיפער תהום צווישן דעם מאַרקסיסטישן און רעליגיעז־סאָציאַליסטישן צוגאַנג.

לייב פּראַם, איינער פון די גרינדער פון דער פועלי אגודת ישראל אין פּוילן, באַרירט אָט דעם פּראָבלעם אין זיין אַרבעט „דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער גערעכטיקייט"[5], שרייבנדיק (מיר דערלויבן זיך סטיליזירן) צווישן אַנדערעס:

„די סיבה פון עקספּלואַטאַציע, פון דעם וואָס די אַרבעטער ווערן אַזוי שטאַרק אויסגענוצט דורך זייערע אַרבעטס־געבער, איז דאָס איצט הערשנדע פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציע מיטלען, דורך דעם וואָס אַלע קאַפּיטאַלן, סיי באַוועגלעכע, סיי אומבאַוועגלעכע זענען היינט צו טאָג מאָנאָפּאָליזירט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן און די גרויסע מאַסן פּראָלעטאַריער דאַקעגן פאַרמאָגן גאָרנישט, אַ חוץ זייער אַרבעטס־קראַפט, זענען זיי געצוואונגען די דאָזיקע קראַפט צו פאַרקויפן צו קאַפּיטאַליסטן כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. די קאַפּיטאַליסטן ווידער, נויטיקן זיך אין אָט דער אַרבעטס־קראַפט צו זייער אינדוסטריע, האַנדלס און נאָך איבערגעבליבענע האַנטווערק־אונטערנעמונגען; פונדעסטוועגן, אויסנוצענדיק געשיקט די קאָנקורענץ וועלכע הערשט צווישן די אַרבעטער, קויפן זיי די אַרבעטס־קראַפט פאַר אַ נישטיקן מקח, אַלנפאַלס פאַר אַ מקח, נאָך וועלכן ס׳זאָל זיי פאַרבלייבן אַ ריווח, דער אַזוי־גערופענער „מערווערט". פאַר קיין פאַל אָבער וועלן זיי קיינמאָל נישט צאָלן פאַר דער אַרבעטס־קראַפט אַזוי פיל וויפיל

עס באַטרעפט איר אמתער ווערט, ווייל דאַן וואָלט דאָך זיי נישט איבערבלייבן דערפון קיין ריוח און דער גאַנצער עסק וואָלט זיי זיך נישט לוינען".

און דאָ קומט אַ באַמערקונג ווי אַ דערקלערונג פונ'ם מחבר:

„די מאַרקסיסטן האַלטן, אַז אַלע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן געהערן די אַרבעטער וועלכע האָבן זיי פּראָדוצירט. דער אמת'ער ווערט פון דער אַרבעטס־קראַפט, איז, לויט זיי, דער סכום פּראָדוקטן, וועלכע דער באַטרעפנדער סכום אַרבעט האָט פּראָדוצירט. וואָס שייך אונז, זענען מיר מיט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג פון אמת'ן ווערט פון דער אַרבעטס־קראַפט נישט מסכים בנוגע דער היינטיקער צייט. היות דער קאַפּיטאַל — די פּראָדוקציע־מיטלען — ווירקט אויך באַדייטנדיק אין דער פּראָדוקציע, וועלכע איז אָן אים פּונקט אַזוי נישט מעגלעך, ווי זי איז נישט מעגלעך אָן דער אַרבעט, און היות דער דאָזיקער קאַפּיטאַל געפינט זיך איצט סוף כל סוף צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט, אין די הענט פונ'ם קאַפּיטאַליסט, האַלטן מיר, אַז די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן געהערן ביי דער איצטיקער אָרדנונג ביידן, דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער . . .

„ווי די סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן, האַלטן מיר אויך, אַז אָפּצושאַפן עקספּלואַטאַציע איז נאָר מעגלעך דורך אָפּשאַפן דעם איצטיקן סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום, אָדער אַמווייניקסטנס אויסצובעסערן די איצטיקע געזעל־שאַפטלעכע אָרדנונג וואָס קאָן געטאָן ווערן נאָר דורך דער סאָציאַלער געזעצגעבונג פון דער תורה . . . "

ל. פּראַם באַווייזט[6] אַז דער מאַרקסיזם אָן דער מיטהילף פון דער תורה איז בשום אופן נישט ביכולת צו פאַרשאַפן דער מענטשהייט אַן אמת גליקלעכע צוקונפט . . . „זיי מוזן — האַלט ער — באַזירן די נייע געזעלשאַפט וועלכע זיי ווילן גרינדן, אויף דער תורה, אויב זיי ווילן, זי זאָל באמת זיין אַ גליקלעכע . . . "

און נאָך מער, די סיבה פון זינדיקייט, האַלט ער, איז דעם מענטשנס עגאָאיזם און זיין מאַטעריאַליסטישקייט וואָס פירט אַראָפּ דעם מענטשן פונ'ם עטישן דרך הישר — און די צוויי אייגנשאַפטן אויסצואוואָרצלען און היילן איז נאָר מעגלעך דורך דער תורה . . . ווייל דער מאַרקסיזם, ווייזט ער אָן, טוט אין דער ריכטונג לחלוטין גאָרנישט. די שיטה פונ'ם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", אָפּלייקענונג אין דער עצם עקזיסטענץ פון מאָראַלישע אידייען און זייער ווירקונג, ווירקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווייל די אידייען זענען דאָך נישט מער ווי „דאָס מאַטעריעלע, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן אינ'ם מענטשנס מוח" (מאַרקס).

די חסרונות פונ'ם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם באַשטייען אין דעם, וואָס ער אָנערקענט בלויז דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס פּריידיקט די דאַרוויניסטישע שיטה, אַז די מאָראַל נעמט זיך נישט פון קיין שום העכערן מקור, נאָר פון די סאָציאַלע אינסטינקטן וועלכע דער מענטש באַזיצט. די דאָזיקע לערעס

קענען דער מענטשהייט קיין ישועה נישט ברענגען. די ישועה קאָן בלויז קומען — האַלט פּראַם און אַלע רעליגיעזע סאָציאַליסטן — דורך דער תורה, וועלכע בעסערט אויס דעם מענטשן, דערציט אים בהדרגה'וויַיז און שאַפט דערמיט די יושר'דיקע געזעלשאַפט.

די תורה באַקעמפט דעם עגאָאיזם; זי לערנט — „וחי אחיך עמך"! זי באַקעמפט דעם מאַטעריאַליזם און דערהויבט דעם מענטשן צו אַ „שלחן ערוך" פּראָגראַם, צו די העכסטע גייסטיקע אַטריבוטן פון יהדות, צום „שלטון הרוח על החומר".

די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט — שרייבט ער — באַציט זיך נעגאַטיוו צום מאַרקסיזם אַלס גאַנצעס, אַלס וועלט־אַנשויאונג, אָבער נישט קענען דעם עיקר פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישן שטח און אויך נישט „קענען זיין ציל צו דערפירן צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג".

וואָס שייך די אַלטע פראַגע, אַז די תורה באַציט זיך פּאָזיטיוו צו פּריוואַט־אייגנטום, באַווייזט ל. פּראַם, אַז דאָס איז לחלוטין נישט קיין סתירה צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג; ווייל: ראשית איז פאַראַן דער דין פון „הפקר בית דין הפקר". דאָס בית דין האָט אַ כח איינצופירן תקנות לצורך המדינה ולטובת הכלל; והשנית, קאָן מען אין תפוצות ישראל אָנווענדן דעם כלל פון „דינא דמלכותא דינא" . . . דער יחיד טאָר נישט רויבן אָדער באַרויבן דעם אַנדערן — אַ רעגירונג האָט אַ רעכט, אויב ס'איז אין די אינטערעסן פון דעם רוב, אין די אינטערעסן פון דער מדינה איבערצואַנדערשן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. דאָס געריכט, ווי דאָס מלכות, האָט אַ רעכט צו עקספּראָפּריאירן געוויסע פאַרמעגנס לטובת דער מענטשהייט[7].

ווי אַ פּאָרזעצונג, אָבער מער אויסגעבריייטערט און טיפער פאַרטראַכט, דאַרף באַטראַכט ווערן די אַרבעט פון י. ל. אַרלעאַן הי"ד[8], וועלכע פאַרנעמט זיך פריער מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס העכסטע אידעאַל פונ'ם יידנטום, איז דער גלויבן אין אחדות אלקים, אין הכרת הבורא ומלכות שמים און אַלס רעזולטאַט: דער תורה־אידעאַל פון יושר און צדק, אין קעגנזאַץ צום מאַטעריאַליסטישן וועלט־קוק. צדק און אמונה — איז ער איבערצייגט, מוזן זיין פאַראייניקט. „סאָציאַליזם אָן מלכות שמים — דריקט ער זיך אויס — איז נישט פרוכטבאַר, מוז סוף כל סוף דאַרן און אונטערגיין"[9].

אָרלעאַן קלערט אויף די מעטאָדן ווי צו באַקעמפן אויף אַ יושר'דיקן אופן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, וואָס אָנערקענט דאָס רעכט פון אייגנטום, אפילו ווען דאָס שאַפט און פאַרגרעסערט זיך אויפ'ן חשבון פון דעם צווייטן. דאָס יידנטום, ווייזט ער אָן, באַטראַכט דעם קאַפּיטאַליסט אַלס אומבאַדייטנדיקן אייגנטימער איבער'ן ריוח פון דער פּראָדוקציע לגבי דעם אַרבעטער. „דער קאַפּיטאַליסט לייגט טאַקע אַריין געלט, דער אַרבעטער אָבער — נשמה: „ואליו

הוא נושא את נפשו״! ווי קען מען זשע געלט און נשמה באטראכטן פאר גלייכע שותפים.

אָרלעאַנ׳ס וועלט־השקפה, זיין פּאָליטיש־סאָציאַלער קרעדאָ, איז דורכאויס א תורהדיקער. ער באקעמפט דעם מארקסיסטישן קלאסן־קאמף. ער נעמט אָבער אויך אָן, ווי ל. פּראַם, דעם מארקסיסטיש־עקאָנאָמישן פּראָגראַם פאר דער פאַרבעסערונג פונ׳ם ארבעטס־לוין, אכט־שעהדיקע ארבעטס־טעג, סאָציאַלע פאַרזיכערונג, פאר וועלכע מען דאַרף אָנווענדן די מאקסימאַלע כוחות דאָס צו פאַרזיכערן . . . דאָס איז אָבער נישט דער עיקר: „מיר שטייען טאַקע אויף דער ערד, אָבער מיט די אויגן צום הימל! מיר זענען טאַקע איינגעטונקען אין די נויטן פון דער קעגנוואַרט, דעם קאָפּ שטאַרן מיר אָבער צו דער צוקונפט . . . די צוקונפט מיינט די הויכע אידעאַלן פון יהדות, דעם גייסטיקן און מאטעריעלן קיום פון יידישן פאָלק, די געטלעכע אידייען פון תיקון עולם במלכות שדי. און נישט בלויז דער לאָבן ברויט! „אויב — שרייבט ער — מיר ווילן זיך פאַקטיש ראַטעווען פון דער מורא׳דיקער עקספּלואַטאַציע; אויב מיר ווילן נישט מאַטעריאַליזירט ווערן; אויב מיר ווילן נישט אונזער מאַטעריעלן קאַמף אידעאַליזירן, ווי דער סאָציאַליזם טוט עס, מוז אונז אין אַלע ארבעטן באַגלייטן דער גייסט און אידעאַל פון דעם יידנטום וואָס פירט נישט צו דער גאולה דורך קלאַסן־קאַמף, נאָר דורך אמת׳ער מענטשנליבע״.[10]

מען קאָן — האַלט ער — אויף אַ גאַנץ יושר׳דיקן אופן רעגולירן דעם ווערט פון אַרבעטס־קראַפט, אַרבעטס־לוין און דעם ווערט פון די פּראָדוקטן. מען קאָן שאַפן אַ סיסטעם וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלע שיכטן און קלאַסן... ס׳איז בלויז נויטיק דאָס צוימען דעם מענטשלעכן עגאָאיזם.

און דאָ איז פּאַסיק די אויפפאַסונג פון ר׳ משה סופר (חתם סופר, געב. ז׳ תשרי, תקכ״ג — 24־טן סעפּט., 1762; נפטר געוואָרן ת״ר — 1839), וועגן ווערט פון פּראָדוקציע. ער גיט אונז, אַ וואונדערלעכע קלאַסיפיקאַציע פון די קאַטעגאָריעס מענטשן, באַטייליקט אינ׳ם אויפהאַלט פון אונזער ציוויליזאַציע און לעבנס־סיסטעם.

ער קלערט עס אויף[11] אין שייכות מיט זיין אינטערפּרעטירן דעם פּסוק אין קהלת[12] „ויתרון ארץ בכל היא״. מיר וועלן עס געבן בקיצור מיט געוויסע הסברות אין יידיש:

א. די ערשטע — אויף וועלכע ס׳האַלט זיך דער קיום פון מענטשהייט און קולטיווירונג פון באָדן, זענען די ערד־אַרבעטער, די פשוטע פּויערים. אָן זיי, וואָלט קיין וועלט נישט געווען און מענטשן וואָלטן אויסגעגאַנגען פון הונגער. אין זיינע ווערטער: „ואילולא הם אין עולם״.

ב. די מערסט נאָענטע צו די גרונט־פּראָדוצירער, זענען די בעלי מלאכה — אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט, פּראָלעטאַריער. זיי מאַכן פאַר׳ן געברויכער, די

פאַרשיידענע כלים; זיי אַרבעטן אויס די פאַרשיידענע קליידער. נאָכ׳ן אַקערן, זייען, פלאַנצן, שניידן, שערן, שפּינען, וועבן — קומען זיי און אַרבעטן אויס די געהעריקע נוצלעכע מאַטעריאַלן פאַר שפּייז און פאַר פאַרדעקן נאַקעטקייט, באַשיצן דעם קאָנסומער פון שלעכטע מאכלים, פון היים און קאַלטן קלימאַט אא״וו.

מיט די דאָזיקע צוויי עלעמענטן קאָן געזיכערט ווערן דער ישוב הארץ, „ובאלה נתישבה הארץ ולא צריך יותר לישובה של עולם״.

ג. נאָך זיי, קומען די, וואָס אַרבעטן ווייניקער, פּראָדוצירן נישט מיט זייער פיזישן כח — אָבער זענען נויטיק צו דערגענצן די אַרבעט פון די ערשטע. דאָס זענען די סוחרים און אַגענטן. זיי זענען אויף אַ נידעריקער מדרגה, וואָס שייך פּראָדוציר־שעפערישקייט און דאָך פאַרנעמען זיי אַ העכערע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט. זייער פאַרדינסט־איינקונפט איז אויך אַ העכערער. זייער פונקציע באַשטייט אין פאַנאַנדערטיילן די פּראָדוצירטע אַרטיקלען צווישן פּראָדוצירער און קאָנסומענט.

ווען ניט די פונקציע פונ׳ם סוחר, וואָלט יעדער געדאַרפט האָבן שליחים צו ברענגען פאַר אים די נויטיקסטע אַרטיקלען, רויע און אויסגעאַרבעטע מאַטעריאַלן. דער סוחר, אָדער דער אַגענט — ער ווייסט טאַקע נישט ווי צו פּראָדוצירן און ער איז נישט מסוגל צו פיזישער אַרבעט — ער איז אָבער נוצלעך, גאָר נוצלעך פאַר׳ן אויפהאַלט פון דער געזעלשאַפט און דערפאַר קומט דעם סוחר — אָנערקענונג, „והם הפחותים ונחשבים לגדולים״.

ד. די פערטע קאַטעגאָריע, זיינען די שולחנים, די באַנקירן און פינאַנסיסטן. זיי האָבן שוין קיין אָנונג נישט אין דער סחורה און אויך נישט אינ׳ם מסחר. זיי באַזאָרגן אָבער מיט געלט־פאָנדן פאַר דעם סוחר און גאַראַנטירן דעם באַטרעף פון דער סחורה, אפילו, ווען מ׳דאַרף דאָס ברענגען פון אַנדערע לענדער און קאָנטינענטן. זיי קאָנטראָלירן דעם לאָקאַלן, נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק, כאָטש אַליין, שאַפן זיי גאָרנישט. זיי זענען, אין די ווערטער פון ר׳ משה סופר, די „פחותי פחותים בישובי העולם ונחשבים לגדולי גדולים בעולם״. זיי קריגן דעם העכערן געהאַלט, זיי קריגן מער אָנזען, זיי פאַרנעמען די ערשטע פּאָזיציעס . . .

ה. העכער פון זיי און קלענער אין פּראָדוציר־פונקציעס, זענען די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, די פּאָליציי, די ריכטער, משרתים און יוצר־משרתים פון די ציוויל־באַאַמטע. זייער בייטראָג אַלס שעפערישער עלעמענט, איז כמעט נול, זיי העלפן אָבער אינ׳ם אויפהאַלט פונ׳ם ישוב העולם. זיי פאַרהיטן פון כל מיני פאַרברעכנס און האַלטן די אָרדנונג אין לאַנד. אָן זיי, וואָלט איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען . . . „איש את רעהו חיים בלעו . . . ״. האָט מען פאַר זיי דרך ארץ. זיי זענען די מאַכט־האָבער!

ו. די לעצטע אין מדרגה פון שעפערישקייט און וואָס איז דער העכסטער אינסטאַנץ אין פירערשאַפט און מאַכט, איז דער קעניג און זיינע געהילפן. זיי שאַפן גאָרנישט. זיי פאַרהיטן אָבער דאָס לאַנד פון וועלכן ניט איז אָנפאַל פון א שונא.

די מלוכה, אירע גענעראַלן, איר אַרמיי, איז תמיד אויף דער וואַך, איז שטענדיק גרייט צו פאַרטיידיקן, אויב ס׳קומט אויס, זייער לאַנד . . .

דער מלך איז דעריבער דער העכסטער אין כבוד און מאַכט, ניט געקוקט, וואָס ער אליין שאַפט גאָרנישט. נאָך אים קומט די מלוכה היריאַרכיע: די שרים און מושלים, לויט זייער ראַנג. זיי שטייען אויפ׳ן העכסטן פעדעסטאַל צוליב דער מורא פאַר מלחמה און אַטאַקע מצד אַן אויסערלעכע מאַכט . . .

ווען אָבער — פירט אויס ר׳ משה סופר — ס.וואָלט נישט געווען קיין געפאַר פון מלחמה; ווען דער אמת וואָלט באַהערשט די וועלט, ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין מורא פאַר גזילה און אָפּנאַרעריי . . . וואָלטן בלויז די ערשטע צוויי גרונט־עלעמענטן געזיכערט די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט; די פּראָדוצירנדיקע, שאַפערישע עלעמענטן וואָלטן רעגירט און די איבעריקע וואָלטן במילא אוועקגעפאַלן . . .

די טעאָרעטיקער פון דער תורה ועבודה און פון פועלי אגודת ישראל, באַהאַנדלען די ענינים, וועלכע מאַרקס באַרירט, אויף גאַר א ברייטן מאַסשטאַב. זיי דרינגען אריין אין אַט די פּראָבלעמען, סיי פון תורה׳דיקן און סיי פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט.

ב. די רעכט אויף פּריוואַט־אייגנטום. — קאַמפּס־מע־טאָדן פאַר אַרבעטער־רעכט. — טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַנטי־מאַרקסיזם.

מאַרקס למשל, איז איבערצייגט, אַז אָן דעם נצחון פון אַרבעט איבער קאַפּיטאַל, איז נישט מעגלעך קיין יושר׳דיקע לייזונג פון די אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן א שייכות צו אַרבעט און קאַפּיטאַל. „כל זמן דער קאַפּיטאַל געוועלטיקט איבער׳ן פּראָדוקציע־פּראָצעס", וועט דער קאַפּי־טאַליסט וואַקסן און דער אַרבעטער וועט ליידן, ניט געניסן פון זיין פּראָדוקציע. ער איז איבערצייגט:

„אַז די עקזיסטירנדע אָרדנונג באַשאַפט אין דער זעלבער צייט צוזאַמען מיט אַלע צרות, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן, די מאַטעריעלע באַדינגונגען און די סאָציאַלע פאָרמען, וואָס זענען נויטיק פאַר דער עקאָנאָמישער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט. אָנשטאָט דעם קאָנסערוואַטיוון לאָזונג: „א יושר׳דיקער אַרבעטס־לוין פאַר א יושר׳דיקן אַרבעטס־טאָג", דאַרף זיין אויפגעשריבן אויפ׳ן פאָן: „די פאַרניכטונג פונ׳ם לוין אַרבעט סיסטעם".

לויט מאַרקס'ן דאַרפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, וועלכע שאַפן, אויפן בעסטן אופן, אַ מעגלעכקייט פאַר דעם ריוח פונ'ם יחיד:

„די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — שרייבט ער — האָבן אַ באַדייטונג אַלס קאַמפּס צענטערן קעגן די פאַרלאַנגען פונ'ם קאַפּיטאַל . . . ווייל זיי באַפרידיקן זיך מיט אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה קעגן די פאָלגן פון דער מאָדערנער אָרדנונג. זיי מוזן אָבער מיטהעלפן איבערבויען די דאָזיקע אָרדנונג, געברויכנדיק די אָרגאַניזירטע קראַפט אַלס אַ ווערקצייג פאַר אַ פאָלקאָמער עמאַנסיפּאַציע פונ'ם אַרבעטער קלאַס, דאָס הייסט, פאַר דער פאָלקאָמער „פאַרניכטונג פונ'ם לוין־אַרבעט סיסטעם"[1].

די טעאָרעטיקער פונ'ם רעליגיעזן סאָציאַליזם, זענען, פאַרשטייט זיך ניט מסכים צו די אויספירן. דאָס איבערבויען די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג וואָס שליסט אויך איין דעם סיסטעם פון לוין־אַרבעט, דאַרף לויט דער תורה, נישט געטאָן ווערן מיט גוואַלט מיטלען, דורך צוואַנג און דרוק. דאָס מוז געטאָן ווערן לויט דעם עוואָלוציאָנערן פּראָצעס, בהדרגה'ווייז, אויף אַ תורה'דיקן אופן.

דעם עיקר טעאָרעטישן קאַמף קעגן מאַרקסיזם, האָבן די רעליגיעזע סאָציאַליסטישע שרייבער אָנגעווענדעט קעגן דעם מאַטעריאַליזם.

„דאָס אַליין — שרייבט יעקב לייטער — וואָס דער סאָציאַליזם איז געבאָרן געוואָרן אויף דער שוים פונ'ם מאַטעריאַליזם; דאָס אַליין, וואָס די פילאָזאָפישע גרונטלאַגע פונ'ם סאָציאַליזם, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן אים פאָרמולירט, איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. ווי עס שרייבט ענגעלס אין זיין בוך, „אוטאָפּישער און וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם": „די לעצטע אורזאַך פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרענדערונגען און פּאָליטישע רעוואָלוציעס, דאַרפן געזוכט ווערן ניט אין דעם מענטשנס מאַרך, ניט אין זיין שאַרפן איינבליק אין דער אייביקער וואַרהייט און גערעכטיקייט, נאָר אין די פאָדערונגען פון פּראָדוקציע און אויסבייט, זיי דאַרפן געזוכט ווערן ניט אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אין דער עקאָנאָמיק פון יעדער באַזונדער עפּאָכע . . . "

„—דאָס אַליין, זאָגן מיר, שטעלט אַוועק דעם סאָציאַליזם אין אַ גרויסן קאָנטראַסט צו דער יהדות . . . "[2].

ער ווייזט ווייטער אָן, אַז יהדות שטרעבט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער ניט צו אַן אויסערן מעכאַנישער, נאָר צו אַן אינערלעך גייסטיקער, צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון „ומלאה הארץ דעה את ד' "[3].

די תורה זאָרגט סיי פאַר דער פרייהייט פונעם אינדיווידיאום און סיי פאַר דער גערעכטיקייט פון דער געזעלשאַפט. זי באַזאָרגט די פּערזענלעכע פרייהייט און רעכט פון מענטש לגבי זיין מיט־מענטש. דערביי שטאַרקט זי די האַרמאָניע און צוזאַמענאַרבעט פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. גרויס איז די השקפה פון יהדות,

ווייל זי באפרייט דעם יחיד און לייזט אים אויס פון קענעכטשאַפט אָדער אונטערדריקונג דורך א צווייטן בשר ודם.

ווען מען זאָגט „תורה השקפה", מיינט עס אויך די מיינונגען און אַנטשיידיקונגען פון חכמים שוין נאָכ'ן פּעריאָד פון נבואה; מיינונגען פון די תלמוד־שאַפער און זייערע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו סטימולירן דעם מענטשנס ווילן צו טאָן גוטס און נחת רוח פאַר דער געזעלשאַפט. די סאָציאַל־עטישע יסודות דערהויבן און לייטערן דעם מענטש, פאַר דער שאַפונג פון דער קדושהדיקער אַטמאָספּערע.

דער יחיד, מיט זיין אומבאַגרעניצטער געוואוינהייט צו אייגענער סואווערעניטעט פון זיין געבורט, דולדעט ניט קיין געזעלשאַפט וואָס שאַפט קלאַסן און אונטערטאַנען פון נידעריקער און העכערער קלאַס — ער וויל זיין פריי!

די תורה, רעגולירנדיק אָט די סאָציאַלע התנהגות און געוואוינהייטן, ניט דעם יחיד דעם תיקון דורך וועלכער די גאַנצע געזעלשאַפט איז זיך מתקן.

ניט אומזיסט דריקן זיך אויס די חז"ל: „אז דו זעסט א דור וואָס עס קומען אויף אים צרות — זאָלסטו בודק זיין די דיינים פון ישראל" און אז „ווייז איז צום דור וואָס זיינע שופטים דאַרפן געמשפּט ווערן" . . .

אַזוי דער מנהיג, דער רעגירער, אַזוי זיינע אַרויסהעלפער: מושל מקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים"[4]. יחידים מיט א הויך־מאָראַלישן געוויסן קענען אַנטוויקלען א סאָציאַלע הנהגה באַזירט אויף מענטשן־ליבע, אויף ברייט־האַרציקייט.

ה ע ר ו ת

א.

1. זע, קארל מארקס, „דער ארבעטס־לוין, דער פרייז און דער ריוח", פארל. קולטור און בילדונג־אפטיילונג ביים קאמיסאריאט פאר יידישע ענינים, פעטערבורג, דרוקעריי „טאגבלאט", איזמאַי־לאָווסקי פר. 18, 1918.
2. סטאלין, אין זיינע אויסגעקליבענע ווערק, ב' 12, ז"ז 44-43.
3. מארקס'עס פריער דערמאָנטע ארבעט, וועגן פרייז און ריוח.
4. דארט, ז"ז 42-44; „קאפיטאל", באנד 1, ז"ז 44-43; 107.
5. ווארשע, תרפ"ח, ז"ז 7-5.
6. דאָרט, ז"ז 43-33.
7. דאָרט, ז"ז 44-58; 65-60.
8. „צו זאטע און צו הונגעריקע".
9. ז"ז 10-8.
10. דאָרט, ז"ז 44; 49-48.
11. אין זיין ספר „תורת משה", פרדס על חמשה חומשי תורה . . . בראשית . . . לאחרון של פסח, ז"ז ל"ו־ל"ז.
12. קהלת ה', ח'.

ב.

1. זיין ווערק וועגן ארבעטס לוין; באזונדערס ז"ז 13-10; 81-80; 84 — באריכות.
2. סאָציאליזם און יהדות, ז' 12.
3. הרב מונק אין זיין פריער דערמאָנטער פּאָלעמיק וועגן „הצדק הסוציאלי, החברה והמדינה", שערים כ"א שבט, תשי"ג. זע אויך די מאמרים פון מ. ב. קליינמאן, הרב בן ציון פירער, משה פוקס, יהודה נחשוני (שערים כ"ח שבט — י"ט אדר, תשי"ג; כ"ט טבת, ד.ז.י.)
4. משלי, כ"ט, י"ב, א געוועלטיקער וואָס פאַרנעמט רייד פון ליגן, זיינען אלע זיינע משרתים רשעים.

קאפיטל פיר-און-דרייסיק

מזרחי אַלס באַוועגונג

מיט אַ צייט צוריק האָב איך איבערגעלייענט אַ קליין ביכעלע, אינגאַנצן 122 זייטלעך טאַשען פאָרמאַט, אונטערן נאָמען „בראשית התנועה", פון אברהם לעווינסאָן, מיט אַ באַשיידענעם אונטער־קעפּל „קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון „צעירי־ציון־התאחדות". דאָס קליינע ווערק נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון די ערשטע שפּראָצונגען פון אָט דער באַוועגונג ביז 1920. אַ גע־לונגענער פאַרזוך פון צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן פאַר אַן אַלץ אַרומנעמענדיקער געשיכטע וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם און זיין אַנטוויקלונג.

אַ. דער אויפשטייג אויף פּאָליטישער אַרענע. — צעירי מזרחי אין פּוילן. — בראשית פון באַוועגונג.

אויך מזרחי און הפועל המזרחי האָבן די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן עטלעכע ווערק — פראַגמענטן פון היסטאָריאָגראַפיש־דאָקומענטאַרן פאַרנעם. עס פעלט אָבער די שטרענגע פּעדאַנטישקייט; סדר צו די אויטענטישע פאַקטן; די גענויקייט לויט כראָנאָלאָגישער אַנטוויקלונג; עס פעלן אפילו בילדער דורך וועלכע מען זאָל קענען אילוסטרירן די אַקטיוויטעטן פון דער דאָזיקער ריכטונג אינעם ציוניזם.

אין די רייען פון רעליגיעזן ציוניזם איז דער דאָזיקער חוש ניט געווען גענוג אַנטוויקלט. די וואָס שרייבן וועגן אָט די באַוועגונגען שאַפן באמת אַ היסטאָרישן בנין, אין דער בחינה פון „יש מאין", פון שטיקלעך און ברעקלעך שטעלן זיי אויף דעם געהעריקן מאַסיוון בנין. דאָס איז ניט פון די גאָר לייכטע זאַכן, בפרט נאָך, ווען מען וויל זיין פּינקטלעך אין איבערגעבן די סטרוקטור פונעם מזרחי און רעליגיעז־ציוניסטישן סאָציאַליזם אין זיין אידייאיש־טעאָרעטיש אַבסטראַקטן זין און אין זיין רעאַל פּראַקטישן פאַרנעם.

פון די ערשטע גרינטלעכע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון תורה ועבודה באַוועגונג אין פּוילן, איז בלי ספק, די אַרבעט פון דר. מ. שולוואַס, אונטערן נאָמען „דאַטען און כראָניק", (וואַרשע, תרצ"ו). אין דעם אַריינפיר פון דער רעדאַקציע ווערט געזאָגט:

„דאָס איז נישט קיין פולע געשיכטע פון אונזער באַוועגונג און פון דער אַנטוויקלונג פון „תורה ועבודה" געדאַנק. אָבער אַן אַנגעזעענער יסוד דערצו איז די איצטיקע אויסגאַבע . . . אַ פונדאַמענט, אויף וועלכן עס קאָן זיך אויפהויבן דער געשיכטלעכער בנין פון אונזער באַוועגונג און די השתלשלות פון אונזער רעיון: „תורה ועבודה".

באַלד אין ערשטן קאַפּיטל דערציילט אונז דער כראָניקער, אַז אין די פאַר־מלחמה יאָרן (ערשטע וועלט־מלחמה 1914־1918 — נ. ש.), איז דער מזרחי אין

קאָנגרעס פוילן געווען זייער שוואַך. דער קערן־פּונקט פון דער באַוועגונג איז געווען ליטע.

(אין א שפּעטערער תקופה, ווי הרב מימון גיט איבער, האָט זיך דער מצב געענדערט).

עס איז ניט קיין וואונדער, פאַרוואָס אין ליטווישן טייל פון פוילן, איז דער מזרחי געווען מער פּאָפּולער און מער פאַרוואָרצלט ווי אין קאָנגרעס פוילן. אין ווילנע, די ירושלים דליטא, די מוטער שטאָט פון יידיש וויסן און יידישן אינטעלעקטואַליזם, איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון מזרחיזם אלס רעליגיעזע באַוועגונג. אין ווילנע איז פאָרגעקומען אין די טעג כ"ה־כ"ו אדר תרס"ב, (מיט 60 יאָר צוריק) די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון מזרחי אונטער דער פירערשאַפט און ווירקונג פון דעם באַרימטן ראש ישיבה און רבנישער גאון ר' יצחק יעקב ריינעס, ז"ל (תקצ"ד־1834־תרע"ה־1915).

הרב ריינעס, זייענדיק רב אין שווענציאַן, האָט נאָך מיט 20 יאָר פריער געהערט צו דער חובבי ציון באַוועגונג און איז געווען באַגייסטערט פון ציוניזם. ער האָט זיך אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט באַטייליקט אין דער ערשטער חובבי ציון קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ אין יאָר תרמ"ה, צו וועלכער עס איז יאָ געקומען דער ביאַליסטאָקער רב, ר' שמואל מאָהילעווער (תקפ"ד־1824; תרנ"ח־1898). הרב ריינעס האָט אָבער נאָכגעפאָלגט זיינע פאָרגענגער ר' צבי הירש קאַלישער און ר' אלי' גוטמאַכער, די תלמידים מובהקים פון ר' עקיבא אייגער, און זיך אויסגעצייכנט מיט די מערסט־באַגייסטערטע ווערטער וועגן ציוניסטישן אידעאַל, וואָס איז בכח צו פאַראייניקן און צו פאַרבינדן מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען פאַר דעם הויכן ציל פון פאָלק־רעטונג, באַנוצנדיק זיך מיטן אויסדרוק פון ר' יהושע בן לוי אין זיין לויב וועגן ירושלים — „ירושלים הבנויה כעיר שחוברה לה יחדיו — עיר שהיא עושה כל ישראל חברים"[1]. ירושלים, ציון פאַרוואַנדלט אלע יידן אין איין קאָלעקטיוו, אין חברים . . .

הרב ריינעס האָט זיך אויך באַטייליקט אין ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר תרנ"ז (אויגוסט, 1897) אין באַזעל און דאָרט געמאַכט דעם געהעריקן רושם, נעמענדיק אַן אַקטיוון אַנטייל אין אלע פראַגן און פּראָבלעמען. מיט גרויס אייפער, ענטוזיאַזם און אומגעהויערער ענערגיע האָט ער פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון פּאָליטישן ציוניזם, דעם הערצליאַנישן קאָנגרעס־ציוניזם, און געווירקט אין די רעליגיעזע קרייזן פאַר אָט דעם געדאַנק.

נאָכן פינפטן קאָנגרעס האָט ריינעס מיט א צאָל פירנדע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן באַשלאָסן צו גרינדן א באַזונדערע רעליגיעזע פראַקציע, אונטערן נאָמען „מזרחי" (מרכז רוחני — א נאָמען וואָס ר' שמואל מאָהילעווער האָט פון פריער שוין געהאַט גענוצט), וואָס איז צושטאַנד געקומען אין ווילנע, אין אדר תרס"ב, אַרויסקומענדיק מיט א חודש שפּעטער מיט א דעקלאַראַציע

אונטערן נאָמען „מזרחי" און מיט אַ נאָכפאָלגנדן „קול קורא", פאַרפאַסט פון היסטאָריקער זאב יעבץ, וואָס אַנטהאַלט זעכצן פונקטן — אַ פּראָגראַם באַזירט אויף דער לאָזונג פון „ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל"; אַ פּראָגראַם וואָס רופט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון ישוב ארץ ישראל, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער ריינער ציון־ליבע און דער פאַראייניקונג און דערגענצונג פון תורה אין ציון . . .[2]. דער נאָמען „מזרחי" איז אָנגענומען געוואָרן אויפן פאָרשלאַג פונעם קדוש ר' אברהם יצחק סלוצקי.

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין די יאָרן נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, האָט זיך אין צענטראַל און מערב פּוילן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע און ברויזנדיקע מזרחי באַוועגונג, אין וועמעס רייען עס האָט זיך אָנגעהויבן אָנזען אַ יוגנט פול מיט פייער און שוואונג און מיט נייע אידעאַלן, וועלכע די קאָמפּליצירטע צייט האָט אַרויסגערופן. אַ צאָל באַרימטע רבנים אין פּוילן איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש פאַר מזרחי. געגוג צו דערמאָנען הרב קאָוואַלסקי (וולאָצלאַוועק־רב), הרב טרונק (קוטנער רב), הרב גרויבאַרט, הרב בירנבוים, הרב עמיאל, הרב בראָדט, הרב זלאָטניק און אַנדערע.

מ. פלאַקסער שרייבט וועגן הרב י. קאָוואַלסקי[3]:

„עס ווילט זיך זאָגן אויף דעם אָרט, אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט דירעקט אפשר נישט געהאַט קיין שייכות צום מאָדערנעם יידישן שאַפן, אָבער וועלכער האָט זיכער משפיע געווען אויף אייניקע יונגע יידישע שריפט־שטעלער און קינסטלער מיט זיין ערלעכקייט און לויטערקייט, מיט זיין טיפן פאַרשטיין די פיינלעכקייט פונעם היינטצייטיקן צעריסענעם דור און מיט זיין אויפריכטיקן ווילן אַנטקעגנצוטראָגן הילף און דערפאַרונג אויף זיינע אומבאַקאַנטע וועגן צום מאָרגן פון אונזער לעבן . . . "

וועגן הרב קאָוואַלסקי, איז פאַרצייכנט אין אַ מזרחי־אָרגאַן, אַז ה' אדר תרפ"ה (מערץ 4, 1925) איז ער צוריקגעקומען קיין וולאָצלאַוועק, נאָך אַ מזרחי־קאָנפערענץ (ער איז געווען פּרעזידענט פון מזרחי אין פּוילן) שטאַרק דערשלאָגן און פאַרצווייפלט. ער איז דאַן קראַנק געוואָרן און מער זיך ניט דערהאָלט.

ער איז נפטר געוואָרן פרייטיק־צו־נאַכטס אַ פערטל צו ניין, ד' מנחם־אָב, דאַן געווען שבת חזון, ווייט פון זיין היים, פון זיין משפחה, פריינט און קרובים, אין ברעסלאַו, היינטיקע וורָאָצלאַוו, און אינגאַנצן איז ער געווען 62 יאָר אַלט.

דער בעלכאַטאָווער רב, ר' משה אליהו בירנבוים, איז געווען דער גרינדער פון מזרחי אין לאָדזש און זיך געציילט צווישן די ערשטע חובבי ציון. אויסשטייענ־דיק שרעקלעכע רדיפות צוליב זיינע ציוניסטישע טעטיקייטן, איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן בעלכאַטאָווער רבנות און זיך באַזעצט אין לאָדזש, וואו ער האָט נאָך אין תרס"א, אַ יאָר פאַר דער גרינדונג פון מזרחי, געלייגט

דעם גרונטשטיין פאַר מזרחי, דורך גרינדן דעם אַרטיקן פאַריין "שלומי אמוני ציון" וועלכע האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין מזרחי.

ער האָט געהאט די זכיה זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל און ביזן טאָג פון זיין פּטירה אין תרצ"ז-1937, אין טיפן עלטער פון 82 יאָר, געווען דער רב פון פרדס חנה.

כ"ה אייר תרע"ז, איז אין לאָדזש[4], אונטער דער פירערשאַפט פון יצחק ריבקינד[5], געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אָרגאַניזאַציע „צעירי מזרחי". ביים גרינדער פון אָט דער באַוועגונג געפינט זיך נאָך עד היום די מיטגלידס קאַרטע נומער 1, און אויף זיין באַזוך אין ארץ ישראל, אלול תש"ז, האָבן די מיטגלידער פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע באַערט זייער פירער און גרינדער צו די דרייסיק יאָר זינט דער גרינדונג פון „צעירי מזרחי" אַלס וועלט־באַוועגונג[6].

אין דעם ערשטן אויפרוף פון אָט דער נייער יוגנט באַוועגונג, ווי פאַרעפנטלעכט אין דער לאָדזשער פּרעסע, וועמעס מחבר איז געווען טאַקע דער גרינדער, רעדט זיך וועגן צוזאַמענגעמען די יונגע כחות און זיי אַקטיוויזירן פאַרן מזרחי אידעאַל, פאַר אַ שטאַרקער רעליגיעז ציוניסטישער באַוועגונג.

דער אויפרוף האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק און איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „הצפירה" (כ"ו טבת, תרע"ח) און אין אַ ספּעציעלער בראָשור אונטערן נאָמען „צו אונזערע אָרטאָדאָקסישע ברידער" (וואַרשע, תרע"ח) מיט דער אונטערשריפט פונעם מחבר.

מ. שולוויס, אין זיין „דאַטען און כראָניק", שטעלט זיך אָפּ אויף דעם ערשטן גרינדונגס־פּעריאָד און וועגן די ערשטע חברים פון צעירי מזרחי. ווי אַ קינד פון מזרחי איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין פראַגע פון אידעאָלאָגישן כאַראַקטער. עס זיינען אָבער געווען פּראָבלעמען ווי אַזוי צו דערציען די יוגנט צום מזרחי אידעאַל, פראַגן פון רעליגיעזן חלוציזם, א. א. וו.

לאָדזש האָט געוויזן דעם וועג און באַלד, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין די טעג י"ז־י"ח אייר תרע"ח, איז אין לאָדזש אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג (פון 20 שטעט זענען געקומען 460 דעלעגאַטן). אין אַ סך שטעט און שטעטלעך זענען אָרגאַניזירט געוואָרן צעירי מזרחי אָרגאַניזאַציעס און וואַרשע איז באַלד געוואָרן דער צענטער פון דער באַוועגונג, אָנפירנדיק מיט אַלע אַקטיוויטעטן און דירעקטיוון, האָבנדיק אויך אַ העברייאישן קלוב, אונטערן נאָמען „הפינה העברית", און שוין דאַן זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן וועגן הכשרה, חלוציות, ארץ ישראל אַקטיוו — אָבער אַלץ אין די ראַמען און אונטער דער פולשטענדיקער השפעה פון מזרחי אין פּוילן.

אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון הרב א. נייפעלד, ז"ל, איינער פון די פירער פון דער דאַן פּאָפּולערער יוגנט אָרגאַניזאַציע „תבונה", אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט אינטעליגענטע באַוואוסטזיניקע יונגעליייט, איז תבונה" פאַראייניקט

געוואָרן מיט צעירי מזרחי. די דאָזיקע יונגעליט האָבן אַריינגעבראַכט אַ פּראָגראַם פון קולטור טעטיקייטן, פון ליטעראַרישע אָנהויבן, פון גרינדן ביבליאָטעקן, לייען קרייזן, לעקציעס, א. ד. ג.

עס האָט זיך אָבער דאָך געפילט אין דער יוגנט באַוועגונג אַ דראַנג און אַ נויטיקייט פון „עצמאות", פון זעלבסטשטענדיקייט, פון האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, אַ באַזונדערע צענטראַלע אינסטאַנץ. דאָס איז צושטאַנד געקומען אין ניסן, תרע"ט, אויף דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ פון מזרחי אין פּוילן. אין דער ריי פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס, געפינען זיך א) אַ באַשלוס צו אָרגאַניזירן חלוצים גרופּעס; צו שאַפן אַ ספּעציעלן חלוצים פאָנד, און ב) איינשטעלן אַ „משרד הצעירים" אינעם מזרחיסטישן צענטראַל קאָמיטעט, אונטער וועמעס אויפזיכט עס זאָל געשטעלט ווערן די יוגנט באַוועגונג.

פון די אַלע פּאַפּיר החלטות איז קיין סך ניט דערגרייכט געוואָרן. עס איז אָנגעקומען די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע און האָט צערודערט און אָפּגעשטעלט יעדן שריט פון אַ ברייטער אָרגאַניזירטער פאַרצווייגטער טעטיקייט. עס האָט בכלל געפעלט שוואונג און ריכטונג אין דער אַקטיוויזירונג פון דער יוגנט באַוועגונג.

ווי מ. שולוואס גיט איבער איז אין וואַרשע פאָרגעקומען (א' טבת תרפ"א) אַ וויכטיקע זיצונג פונעם אָרטיקן צעירי מזרחי קאָמיטעט ביי וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַררופן אַ דרינגענדע פאַרטרויאונגסמענער באַראַטונג „וועידת אַנשי אמונים". די באַראַטונג איז פאָרגעקומען ז' טבת. צווישן די דעלעגאַטן האָט זיך געפונען צום ערשטן מאָל שמואל חיים לאַנדוי ז"ל, (שח"ל), אַלס דעלעגאַט פון טשעמערניק, וועלכער האָט שפּעטער אַרויפגעפירט די באַוועגונג אויפן ברייטן שליאַך, סיי פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט, סיי פון טאַקטישן, סיי פון פּראַקטישן און סיי פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט.

די דערמאָלדיקע אויסעראָרדנטלעכע קאָנפערענץ האָט אויף דער אָנווייזונג פונעם פאָרזיצער עדעלשטיין כמעט מער ניט באַשלאָסן ווי איינפאַך וויילן אַ זעלבסטשטענדיקן צענטראַל קאָמיטעט, און דאָס זאָל ניט מיינען, אַז ס'זענען דאָ וועלכע ניט איז פּרינציפּיעלע ניגודים, מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן מזרחי און צעירי מזרחי. דאָס האָט אָבער געפירט צו אַ גאָר וויטערן דראַסטיש־ראַדיקאַלן שריט — די פּראָקלאַמירונג פונעם תורה ועבודה פּראָגראַם און צו דער גרינדונג פון „הפועל המזרחי" אַלס וועלט באַוועגונג מיט אַן אידעאָלאָגיע דורכגעדרונגען מיטן טיפן יידישן אָפּטימיסטישן לעבנס געפיל און קולטיווירט אויף דעם אוממיטלבאַרסטן און נאַטירלעכסטן אופן — אויף אייגענעם באָדן, וואו ס'איז מעגלעך צו סטאַביליזירן דעם תורה סאָציאַליזם, און צו דערהויבן די קולטור־ווערטן צוזאַמען מיט דעם נאַטירלעכן געפיל פאַר יושר אידעאַלן.

די גרונט־פאקטארן פאר דער אנטשטייאונג פון דער נייער באוועגונג זענען געווען די אלגעמיינע שטרעמונגען אין יידישן לעבן, די רעוואלוציאנערע ענדערונגען אין לעבן און אין גורל פון יידישן פאלק; די אויפגעוואכטע פאטענץ פון נאציאנאלע און סאציאלע שאפונג־מעגלעכקייטן; די היסטארישע אנטוויקלונגען פון יארהונדערטער פון מזרח־אייראפייאישן יידנטום — ספעציעל דאס פוילישע יידנטום, וואו מזרחי און תורה ועבודה באוועגונגען האבן געפונען גרוים נאכפאלגערשאפט.

ב. לעצטער האלבער יארהונדערט. — די נייע באוועגונגען. — הפועל המזרחי און פועלי אגודת ישראל.

דער לעצטער האלבער יארהונדערט איז געווען, פון פארשיידענע שטאנדפונקטן, דער שטורמישסטער אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן פראגרעס; גאר באזונדערס אין דער יידישער געשיכטע, ספעציעל, וואס שייך דער אנטוויקלונג און דערוואכונג פונעם סאציאל־נאציאנאל־רעליגיעזן גייסט.

אין זיין כאראקטעריזירן אונזער תקופה, דריקט זיך אוים דער היסטאריקער שמעון דובנאוו: „מיר לעבן היינט אין דער עפאכע פון היסטארישע סופן, ווען עס ווערט ליקווידירט די ירושה פון 19־טן יארהונדערט אויף אלע געביטן פון סאציאלן און אינדיווידועלן לעבן. עס איז פארענדיקט געווארן א גאנצע עפאכע, אונזער עפאכע אויפן ראנד פון 2 יארהונדערטער . . . ״

לויט אונזער מיינונג, האט דער 20־טער יארהונדערט געבראכט מיט זיך דעם אנהויב פון די „היסטארישע סופן״. די היסטארישע אידעאישע שטרעמונגען — די ירושה פון 18־טן און 19־טן יארהונדערט זענען דערוואכט געווארן! אין סאמע מיטן פון „שטורם און דראנג״, באגלייט מיט היסטארישע קאטאקליזמען, איז ארויף אויפן אויבערפלאך א נייער טעזיס אין מענטשלעכן אידעאישן געראנגל — א געשיכטלעכער סינטעז וואס האט פאראייניקט עבר מיט קעגנווארט און צוקונפט; א סינטעז וואס האט אויך פארבונדן דאס נאציאנאלע, רעליגיעזע מיטן אלגעמיין מענטשלעכן, מיט דעם אוניווערסאלן סאציאלן אידעאליזם.

פארשיידענע דערשיינונגען אין יידישן און אין אלגעמיינעם לעבן האבן ארויסגערופן נייע לעבנס־באגריפן, אזעלכע, וואס זאלן אפשאפן דעם תהום צווישן דעם ראציאנאלן, ניכטערן פאזיטיוויזם און דעם טרוימערישן ראמאנטיזם; אזעלכע וואס זאלן אפשאפן דעם קעגנזאץ צווישן אינדיווידואליסטישן און סאציאלן מאטעריאליזם.

דער 20־טער יארהונדערט האט געבראכט מיט זיך די הארמאניזירונג פון יענע עלעמענטן אין יידישן באוואוסטזיין, וועלכע האבן זיך ניט באפרידיקט

אינגאַנצן מיט די לאָזונגען פון 19־טן יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען עלעמענטן וועלכע האָבן אויסער הלכה — דאָס שטרענג אָביעקטיוו, געזוכט, אַזוי צו זאָגן, אַ ביסל אגדה אין יידישן לעבן. אַ סך געווירקט אין דעם פאַל, האָט די דערפאַרונג און דאָס לעבן אין דער אומגעוויינלעכסטער צייט פון אונזער געשיכטע, וואָס האָט אַרויסגערופן נייע רעוויזיעס, נייע אַנטפּלעקונגען אין אונזער גייסטיק וועלט. אַלטע אידייען זענען געוואָרן רעווידירט; אידעאישע אַקסיאָמעס אַנאַליזירט, און נייע הימלישע באַדינגונגען, אויסנאַמלעכע דערשיינונגען האָבן אָנגעפילט דעם חלל פון אונזער גערענקען וועלט. די איינשטעלער פון אונזערע אַנשויאונגען זענען מיטאַמאָל אַראָפּ פון זייער פּעדעסטאַל און נייע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר זיי באַוויזן, וואָס שייך סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציעס.

איינער פון די טעאָרעטיקער פון תורה ועבודה, ש. ז. שרגאי, שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . מיר זענען עדות, אַז מענטשן וואָס זיינען געוואָרנט ניט עובר צו זיין אויפן „לא תבערו אש״ . . . , זיינען ניט געוואָרנט אויפן פאַרבאָט פון „רבית״ (פּראָצענט, וואוכער — נ.ש.), און מענטשן, וואָס זיינען געהיט ניט צו עסן קיין נבלה אָדער טריפה, זיינען ניט געהיט אין „לא תלין פעולת שכיר״ . . . זיי קענען ניט קאָנטראָלירן זייערע תאוות איינצוזאַמלען גרויס פאַרמעגן . . .[1]

דער אידעאָלאָג פון פּועלי אגודת ישראל, י. ל. אָרלעאַן הי״ד, שרייבט צווישן אַנדערעס: קודם־כל דאַרף די אָרטאָדאָקסיע שאַפן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז לעבן אויפן חשבון פון אונטערדריקטן און געפּלאָגטן אַרבעטער, איז פּונקט אַזאַ חטא ווי יעדער אַנדערער שרעקלעכער פאַרברעכן וואָס איז סאַנקציאָנירט דורך דער געזעלשאַפט, און אַז די מצוות שבין אדם לחברו זיינען ביי השי״ת אַזוי חביב, ווי די מצוות שבין אדם למקום.

„פאַרוואָס זאָל אַ ייד ניט מהדר זיין אָפּצוהיטן די מצוות שבין אדם לחברו, על כל פנים מיט אַזוי פיל געלט און מי, וויפל ער גיט אוועק פאַר אַ שיינעם אתרוג? . . .״[2]

ערשט נאָר אין די לעצטע יאָרן, האָבן אָרטאָדאָקסישע יידן אָנגעהויבן זוכן אַ לאָגישן ענטפער און אַ לאָגישע אינטערפּרעטאַציע אויף די מצוות פון דער תורה אינעם זין פון ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם, געזען אין די תרי״ג מצוות און געבאָטן, די אַנטפּלעקונג פון דער נשמה פונעם יידישן פאָלק, אין די סאָציאַלע פליכטן געזען דעם באַדייט פאַרן גייסטיקן אויפבוי פונעם גאַנצן מענטש אין זיין יידישן לבוש.

דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם איז פאַר דעם מאָדערנעם רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישן שריפטשטעלער און טעאָרעטיקער געוואָרן אַ צענטראַלע פּראָבלעם. ער האָט דערין געזען די אָפּהענגיקייט פונעם קיום פון אָרטאָדאָקסישער יידישקייט.

דער אָרטאָדאָקסישער סעקטאָר פון יידישן לעבן, האָט באַגריפן וואָס עס באַטייט אויפצולעבן און צו פּראָפּאַגירן די אידעאַלן פון די נביאים און פון די תלמוד־שאַפער וואָס שייך די „מצוות שבין אדם לחברו", די זיטלעך־עטישע אויפפירונג פון מענטש מיט זיינע מיטמענטשן, פונקט ווי מען האָט זיך מיט דורות פריער, אויסשליסלעך פאַרנומען מיט אויסטייטשן און אויסברייטערן דעם טערמין פרומקייט וואָס נעמט אַריין די „מצוות שבין אָדם למקום" — ביידע זיינען דאָך קאַרדינאַלע, גלייכוועטיקע פּרינציפּן אין יהדות.

אין העברייאיש און אין יידיש איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַר רייכע ליטעראַטור דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, אויף אַרויסצוברענגען די סינטעזע פון תורה־סאָציאַליזם און ציון אידעאַל; די גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן וועלט־באַנעם, דעם קאָמפּלעקס פון אידייען און געפילן, וועלכע באַהערשן דעם יידישן מענטש. צוזאַמען מיט הכרת הבורא און עבודת הבורא, איז געקומען די אויפקלערונג פון רצון הבורא, די אייגנאַרטיקייט פון עטישן „מאָנאָטעאיזם", „אהבת הבריות", א.א.וו.

די באַגרינדער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, סיי די טעאָרעטיקער פון תו"ע און סיי די שאַפער פון פועלי אגודת ישראל, האַלטנדיק פונעם כלל „הפוך בה והפוך בה דכולא בה"[3], האָבן יעדער אין זיין ריכטונג און אויפפאַסונג, געזוכט אין דער תורה און אין תלמוד די לייזונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען; געזוכט אין תלמוד דעם יסוד פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט . . . און אין די מצוות פון דער תורה, געזען דעם תיקון הגוף והנפש, דעם אמת'ן גליק און וואוילזיין פונעם מענטש, די מאָראַלישע יסודות פאַר דער מענטשהייט און די העכערע עטיק, וועלכע איז בכוח, דורך דער ריינער אמונה, צו דערהויבן און אויסאיידעלן דעם מענטש צו דער מדרגה פון אַן אָדם השלם. ווי דער רמב"ם דריקט זיך אויס אין זיינע תשובות: „אין ספק בדבר שכל מי שהתקין עצמו ונפשו בכשרון המדות והדעות באמונת השם יתברך, הוא מבני עולם הבא, וכל עצמו של דבר ויגיעת תורת משה היא תיקון הגוף והנפש להבורא".

דער תיקון קומט ניט דוקא פונעם כלל. דער תיקון קומט דורך יעדן יחיד — דער אייגצעלנער אינדיווידועלער מענטש דאַרף זיך דערהויבן צו דער מדרגה, אַז ער זאָל משפיע זיין אויפן כלל. עס איז דער מענטש, אַ קליין זאַמדל אין דעם גרויסן וועלט־מדבר, אַ קליינער טראָפּן אין דעם ברויזנדיקן ים פון לעבן — און דאָך שטייט ער אַזוי קרעפטיק אינעם גרויסן ווירבל־ווינט און קעמפט פאַר זיין קיום. די קראַפט איז דער חלק אלקי ממעל וואָס געפינט זיך אין יעדן מענטש, לויטן קריטעריום פון „אב אחד לכלנו, אל אחד בראנו, מדוע נבגוד איש באחיו?"[4].

די רעליגיעזע אַרבעטער באַוועגונגען האָבן אין דער פּראַקטיק אַרויסגעבראַכט די זיטלעכקייט וואָס ליגט באַהאַלטן אין די טיפע חכמה־קוואַלן פון: „האי מאן דבעי למהוי חסידא, לקיים מילי דנזיקין", דער וואָס וויל זיין אַ פרומער, זאָל אין

מאטעריעלע ענינים זיין געהיט מיט ערלעכקייט, ווייל אַט אין די ריין עקאָנאָמיש־מאטעריעלע טאטן, איז אָפּהענגיק דער גאַנצער בנין פון וועלט עקזיסטענץ און פּרינציפּ פון אחדות הבורא.

אזוי ארום איז ארויסגעשוואומען א נייע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, א רעליגיעז־סאָציאַליסטישע, וועלכע האָט קודם כל זיך באמיט ארויסצוברענגען דעם „מאור היהדות" אין דעם דאָזיקן זין; באַווייזן די ריכטיקייט פונעם געדאַנק אַז די מצוות לייטערן די חומר'דיקע געפילן, וואָרצלען אויס די מאַטעריאַליסטישע זעלבסטצופרידענע טענדענצן און פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין א בחיר היצירה.

די רעליגיעז־סאָציאַליסטישע שרייבער האָבן פאַרוואָרפן דעם ראַציאָנאַליסטיש־אַטעאיסטישן סאָציאַליזם און זיך אומגעקערט צום אומטיילבארן סובסטאַנץ אין דער יידישער אמונה, וועלכער וואַרפט אָפּ דעם דואַליזם צווישן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם. זיי, שרייבער לויטן כאַראַקטער: עטישע פערזענלעכקייטן, פּלאַטערדיקע מאָראַל לערער, האָבן געשריבן מיט מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דינאַמיש, אינטענסיוו, וועלנדיק ארויסברענגען די ליכט פון יידישקייט.

דאָס איז זיי היבשלעך געלונגען. זייערע ווערק זיינען געשריבן חנ'עוודיק, עס פילט זיך הארציקייט, טיפע ליבשאַפט — ממש „דברים היוצאים מן הלב" . . .

אין זיין פאָרוואָרט, דערציילנדיק, אַז זיין ווערק איז א פּראָדוקט פון שווערער מיזאַמער ארבעט, ווייסט, למשל, הרב יצחק כ״ץ, אַז ניט ווייניק וועלן אָפּ'חוזק'ן פון זיין ווערק, זאָגנדיק „וואָס פאַר א נייעס האָט דער מחבר אנטדעקט? . . . " און ער איז מסביר דעם „קורא נכבד", די וויכטיקייט פון זיין ארבעט מיט אַן אַלטן אַפאָריזם:

„די בין און די שפּין זיינען זיך אמאָל צונויפגעקומען. מאַכט די שפּין צו דער בין: איך בין חשוב'ער פון דיר. איך שאַף נייאיקייטן, אָריגינעלעס, אָט די שפּין־וועב. אָבער דו, בין, וואָס טוסטו? זוּיגסט אויס דעם זאַפט פון די בלומען און דערפון מאַכסטו האָניק. איז דען דער האָניק דיינער? עס איז דאָך גאָר דער האָניק פון די בלומען.

„אמת, איך באַשאַף ניט קיין אָריגינעלע זאַך — האָט די בין געענטפערט — די בלומען האָבן אין מיין האָניק א גרויסן חלק, אָבער דאָך באַשאַף איך אַזאַ גוטן, זיסן און געשמאַקן האָניק. אָבער דו, שפּין, דו שאַפסט טאַקע אָריגינעלעס, אָבער עס איז דאָך מיאוס און עקלהאַפט! . . . "

„ניט שטענדיק איז גוט דאָס אָריגינעלע, דאָס פריש־צאַפּלדיקע . . . דעריבער קום איך נישט מיטן דאָזיקן ווערק עפּעס נייעס און אָריגינעלעס צו אנטדעקן. איך קום בלויז דערמאָנען דאָס אַלטע און באַקאַנטע, אויף וואָס דער מאָדערנער לעזער לייגט נישט קיין אַכט, צוליב דעם אייגנטלעכן טעם: „עס איז דאָך אַלט און באַוואוסט . . . "[5]

מיט אזא באשיידנקייט רעדט א רבנישער מחבר, וועלכער האט גראד א סך מחדש געווען מיט זיין ארבעט וועגן סאָציאַלן פּראָבלעם אין ליכט פון תורה און רבנישער ליטעראַטור, שוין דערמיט אליין וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אזעלכע טעמעס און וואגט צו ציטירן מארקסן (גראד ניט פון אָריגינאַל). ער דרינגט אריין אין די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און דערפילט דערמיט א היסטאָריש־נויטיקע אויפגאַבע, באַווייזנדיק, אַז רעליגיע און סאָציאַלער יושר גייען ביידע פּאַראַלעל, איינס דערגאַנצט דאָס צווייטע און עס ווערן געשאַפן די דאָקטרינען און פּאָסטולאַטן לויט די עטישע פונדאַמענטאַלע לערעס פון יהדות און מוסר.

דער הפועל המזרחי האָט אַנטפּלעקט, אויפגעבונדן, אָרגאַניזירט און געגעבן ריכטונג, דער ריזיקער קאַמפּס־ענערגיע, וואָס האָט געשטיקט פאַר דורות . . .

„עס איז אונזער ירושה פון אָבות־אבותנו די ליבשאַפט פון ארבעט און שעפערישקייט", דריקט זיך אויס, הרב ב"צ עוזיאל זצ"ל (אין זיין ספר „מכמני עוזיאל") — און די דאָזיקע ליבשאַפט, שרייבט ער „לא פסק ולא יפסיק" . . . ער פירט אויס: „פונקט ווי עס איז ניט מעגלעך תורה אָן מלאָכה, אַזוי איז ניט מעגלעך מלאכה אָן תורה. ביידע מוזן קומען צוזאַמען".

אין זיינעם א מאמר וועגן תורה ועבודה[6], רעדנדיק וועגן דער אַנטוויקלונג און די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער דאָזיקער באַוועגונג, שרייבט זרח וואַרהאַפטיג:

„דער חדוש, וועלכן דער „מזרחי" האָט אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג, איז באַשטאַנען איבערהויפּט אין דעם אַנטפּלעקן די נאַציאָנאַלע ווערטן פון דער יידישער תורה און זייער אומטיילבאַרן צוזאַמענבונד מיט דער יידישער רעליגיעזער אויפפאַסונג. דער „מזרחי" האָט אויפגעלעבט דעם באַגריף פון „ישראל ואורייתא חד הוא", אַלס א צוזאַמענבונד, נישט נאָר צווישן דעם ישראל אַלס יחיד און דער יידישער תורה, נאָר — צווישן דעם יידישן כלל־פאָלק און דער יידישער תורה".

דער געדאַנק פון תו"ע — זאָגט ער ווייטער — איז געווען „דאָס אַנטפּלעקן די אוצרות פון סאָציאַלן אינהאַלט אין דער יידישער תורה . . . "

„א שווערע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די תו"ע באַוועגונג — און שווער נישט נאָר אין איר פאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס אין לעבן, נאָר אויך, אין איר אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג און אויסבויאונג . . . א שטאַרקן, גרענעצלאָזן אָפּטימיזם האָט די תו"ע באַוועגונג געמוזט האָבן, כדי נישט אַריינצופאַלן אין א יאוש שטימונג צוליב דער גלייכגילטיקייט פון רעליגיעזן יידנטום . . . ווי אויך צוליב די אָפּטע בולטע סתירות פון לעבנס־אַרט פון גרויסע טיילן פון רעליגיעזן יידנטום מיט די זייער וויכטיקע פּרינציפּן פון דער יידישער תורה אויפן שטח פון סאָציאַלן לעבן . . .

„דורך א וועג פון שווערע אידעאָלאָגישע ראנגלענישן האט די תו"ע באוועגונג אויסגעקריסטאליזירט איר יידיש־אָרגינעלע אידעאָלאָגיע.

„תורה ועבודה איז דערהויבן געוואָרן צו א מדרגה פון א וועלט־אַנשויאונג א דאנק איר שלימותדיקייט".

ה ע ר ו ת

א.

1. ירושלמי, חגיגה פ"ג, ה"ו.
2. מזרחי, קובץ־יובל, ז"ז 29־39.
3. „ליט. בלעטער", נומ. 66, ז' 12, ווארשע, פרייטיק, 7־טן אויג. 1925.
4. אין א בריוו פון מיין ליבן פריינט ר' יצחק ריבקינד (דאטירט, כ"א אייר, תש"ד), שרייבט ער מיר: „דאָ איז אָנגעקומען אהרן אסט, פון די ערשטע צעירי מזרחי אין לאָדזש, א מיטגרינ־דער. אין „הצופה" ט' אייר, האט זיך געדרוקט זיינער א קאפיטל זכרונות „ייסודה של תנועת תורה ועבודה" (צום סוף, פרק שני יבוא), אָבער דאָס האָב איך נאָך נישט געזען. אין דעם נומער, איז אויך אָפּגעדרוקט א בילד פון דער ערשטער מזרחי קאָנפערענץ אין פוילן (תרע"ז), וואָס מען האט דאָס מגלה געווען, ווען איך בין געווען אין א"י . . . א היסטאָריש בילד . . . "
5. שפּעטער — בארימט־געוואָרענער ביבליאָטעקאר, ביבליאָגראַף און מחבר פון א צאָל מאָנומענטאלע ווערק.
6. זע, מנחה ליצחק, ז' 55. א פאָטאָסטאטישע קאָפּיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם הפועל המזרחי אָרגאַן, „דזשואיש האָרייזאָן", סעפּט. 1943.
7. זיי האָבן דאן ארויסגעגעבן יצחק ריבקינד'ס אינטערעסאנטע ביאָגראַפישע ארבעט וועגן נציב, אונטערן נאָמען „הנציב ויחוסו לחבת ציון" און אויך זיין מאמר „המזרחי ותקופתו", לחקר תולדות המזרחי והתפתחותו (וורשה, תרע"ח, 28 עמוד).

ב.

1. זע, הליכות — לקט מאמרים במשנה תורה ועבודה ובשאלות הוי" חוב' י"ד, ספרית תו"ע, בסיוע „מוסד הרב קוק", תל־אביב, תרצ"ח, ז' י"א.
2. „צו זאטע און צו הונגעריקע", תרצ"א, ז' 16.
3. אבות פרק ה'
4. זע, נ. שמן, „באציאונג צום פרעמדן", און אין די פריערדיקע פּרקים.
5. הרב יצחק כ"ץ, פּראָבלעם פון ארבעט און ארבעטער אין ליכט פון תורה און תלמוד, צוויי טיילן, בילגארייא, פּוילן, תרפ"ט.
6. זע, די יוגנט־באוועגונגען אין ציוניזם, רעד. ב. צווייבוים, ארויסג. דורך דעם ועד העירוני פון דער ציונ. אָרגאנ., ווארשע, ז"ז 58־65.

קאַפּיטל פינף-און-דרייסיק

תורה ועבודה

ווי די „צעירי-ציון-התאחדות", „פועלי ציון-מפא"י, אזוי איז די תורה ועבודה באוועגונג, ארויסגעוואקסן פונעם ציוניזם, פונעם רעליגיעזן ציוניזם, וועמעס אנהייב איז געווען א גאַר קליינער, אָבער באַלד זיך פאַרצווייגט צו א ריזיקער

א. אָנגעהויבן אין פוילן און אַריבער אין ארץ ישראל. — גרונטלייגער פון א תורהדיקן סאָציאַליזם.

באוועגונג. אין זיין ספרל „בראשית התנועה"[1] דערציילט אברהם לעווינסאָן וועגן די „צנורות" פון וועלכע דער ראדיקאַלער ציוניזם האָט געצויגן יניקה: פונעם אַלגעמיין פּאָליטישן מצב וואָס האָט געהערשט אין אָנהויב פון 20-טן יאָרהונדערט אין צארישן רוסלאנד און פונעם קריזיס צושטאנד אין די ציוניסטישע רייען נאָכן זעקסטן קאָנגרעס. די תקופה פון ערב רעוואָלוציע 1905 איז געווען אָנגעזאָפּט מיט ראדיקאַליזם, האָט אויפגעשטורעמט און אויפגעברויזט די מאַיאָריטעט פון דעם רוסישן פאָלק, באזונדערס דעם פּראָלעטאַרישן ארבעטאַרישן טייל, די קרייזן פון דער אינטעליגענץ און די יידישע יוגנט . . .

אין יענער צייט האָט דער „בונד", די יידיש-סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, געשלאָגן טיפע וואָרצלען, ניט אכטנדיק זיינע קאָסמאָפּאָליטישע טענדענצן און זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיטן רוסישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן און סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

עס איז געווען דער „בונד", מיט זיין אַנטי-ציוניסטישער אָריענטאַציע, וואָס האָט באוויזן צו באאיינפלוסן גרויסע טיילן פון די יידישע מאַסן מיט זיין סאָציאַליסטישער וויזיע און צו באווייזן, אז נאָר די סאָציאַליסטישע אידייען קענען באפרידיקן די באַדערפענישן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. עס איז אויך געווען דער „בונד" מיט זיין פּאָזיטיוויסטישן אָפּטימיזם, אז די וועלט איז אויף דער שוועל פון פאָרשריט, פּראָגרעס, אויף דעם העכערן שטאַפּל פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס וועט ברייגנען יושר, גליק און האַרמאָניע. דער „בונד" ווי די אנדערע סאָציאַליסטישע פּראַקציעס, איז געווען איבערצייגט, אז אנשטאָט דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס קומט באַלד צו דער מאַכט דער פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אז פּריוואַט-אייגנטום פון פּראָדוקציע, פינאַנצן און האַנדל, גייען איבער אין די הענט פון דער געזעלשאַפט, אונטער דעם קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט.[2]

די סאָציאַליסטיש-בונדישע געדאַנקען האָבן אויך אָנגעהויבן אריינדרינגען אין די ציוניסטישע רייען. דערצו, נאָך די ירידה-יאָרן פון 1903 (די דורכפאַלן פון הערצל'ס פּאָליטישע פּלענער). דער התלהבות איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן

צוליב די אינערלעכע קאָנפליקטן, אוגאַנדע, טעריטאָריאַליסטן, א. א. וו. אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע דער ציוניסטישער סאָציאַליזם. פריער דורך קליינע גרופּן, ווי נ. סירקינ׳ס „חירות" (געגרינדעט אין 1901 אין בערלין), „התחיה" (וואַרשע 1903) און פּועלי ציון (נוסח מינסק, 1900), און אַנדערע.[3]

אין די מזרחי רייען, האָט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אָנגעהויבן אַריינדרינגען ערשט אין די מלחמה און נאָך מלחמה יאָרן, אין דער צייט ווען עס זיינען אַנטשטאַנען נייע ריכטונגען אין פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די פעלקער.

אין יענע טעג פון רעוויזיע אין טעאָריעס, האָט זיך געהערט דער נייער רוף וועגן אומקער צום יידישן, תורה׳דיקן סאָציאַליזם; א רוף וואָס איז געהערט געוואָרן ווייטער און איבער די ביז דעמאָלדיקע רופן פונעם פאַרטרויאונגס־מענער קאָנפערענץ („ועידת אנשי אמונים") — עס איז געווען דער רוף פון תורה ועבודה־חלוציזם און ס׳איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער נייער פראַקציע אינעם מזרחי.

דער גרונטשטיין פאַר דער צוקונפטיקער „ברית עולמית", איז צום ערשטן מאָל באַטראַכט געוואָרן אויף דער באַראַטונג און אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ שמואל חיים לאַנדוי, הרב א. נייפעלד און וואַסערמאַן (וואַרשע תרפ"א).

ס׳איז דאָ ניט וויכטיק איבערצוגעבן די דעטאַלן פון יענע אַקטיוו־חדשים אין די רייען פון צעירי מזרחי.[4] וויכטיק זיינען אָבער די לאָזונגען פונעם זעלבסטשטענדיקן „תורה ועבודה" חלוציזם, וועלכער איז באַקעמפט געוואָרן פון רעכטס און לינקס, און דאָך באַוויזן בייצוקומען אַלע שוועריקייטן און אָנצופירן א העפטיקע קאַמפּאַניע פאַר עליה און הכשרה, א דאַנק דער מיטהילף פון אַזעלכע חברים ווי הרב ישעיה שאַפּירא (זון פון גראָדזשיסקער רבי), לוי יונגסטער, דער שליח פון ארץ ישראל, און אַנדערע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צענטראַליזירן די אַרבעט, צונויפבינדן די דאַן פיר עקזיסטירנדיקע „הפועל המזרחי" גרופּעס אין א לאַנד־אָרגאַניזאַציע און דערביי ניט פאַרנאַכלעסיקט די ישראל סניפים.[5]

איינער פון די וואָס האָבן געבויט די באַוועגונג, איר געשטאַלטיקט און צעמענטירט, איז געווען ר׳ שמואל חיים לאַנדוי, ז"ל. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אינטענסיווער אַרבעט אויף אַלע געביטן פונעם פּאַרטיי לעבן, אויפגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציע אַלס א וועלט־באַוועגונג און ניט ווייניקער זיך באַטייליקט אין פעסטשטעלן דעם גרונט שטיין פאַר דעם אידעאָלאָגישן בוי פון דער באַוועגונג, וואָס איז קלאָר געוואָרן אויף דער צווייטער לאַנד קאָנפערענץ אין פּוילן, י"ד מנחם אָב, תרפ"ה, און וואָס איז מיט א יאָר פריער פעסטגעשטעלט געוואָרן ביי דער גרינדונג פונעם „הפועל המזרחי" אין ארץ ישראל.

עס איז געווען, ווי שולוויים גיט איבער, א פייערלעכע קאָנפערענץ. די באריכטן גאָר אָפּטימיסטישע: אַן עליה פון העכער 200 חברים, 100 סניפים אין פוילן; צען טויזנט חברים, און אַזוי ווייטער. דער וויכטיקסטער טייל איז געווען דער פּראָגראַמאַטישער.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געהערט געוואָרן בליציקע געדאַנקען וועגן באַדייט פון צעירי מזרחי, זיינע צילן וועגן יידישער באַנייאונג צוזאַמען מיטן צוריקקער צו ציון — דאָס זאָל מיינען צוריקקער צום מקורות'דיקן יידנטום; דאָס זאָל מיינען די ליקווידאַציע פון גלות, גלות'דיקע ווירטשאַפט פאָרמען. אויף יענער היסטאָרישער קאָנפערענץ איז מיט גרויס וויזיע און דורכגעדרונגענער פילאָזאָפיע פאָרמולירט געוואָרן דער אידעאַל פון תורה ועבודה, וועמעס באַזע איז תורה, יושר און דער שטרעבן צו פּראָדוקטיוויטעט און אַרבעט. שח"ל האָט דאָן געהאַלטן דעם אידעאָלאָגישן רעפעראַט, אָנווייזנדיק טעאָרעטיש די ליניע פון תו"ע, דעם חידוש פון דער באַוועגונג און די אַנשויאונג מיט וועלכער זי קומט אַרויס צום יידישן עולם.

„לאַנדוי, דריקט זיך אויס שולוויים, גייט אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז צוליב די גלות אומנאָרמאַליטעטן, וועלכע האָבן זיך אינעם פאַרלויף פון די יאָר־הונדערטער אַריינגעריסן אין אונזער לעבן, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן קוקן אויפן לעבן דורך טונקעלע ברילן. מיר האָבן אויפגעהערט דאָס לעבן צו באַטראַכטן אַלס פּאָזיטיווע זאַך. מיר האָבן עס קינסטלעך געשטעלט אין גענגנזאַץ צו דעם דת, זיך אָפּגעטיילט פונעם לעבן כדי זיך צו קענען אינגאַנצן קאָנצענטרירן אויף דער פאַרטיידיקונג פון דעם דת. אָט די דאָזיקע שטעלונג — מיינט לאַנדוי — איז געווען היסטאָריש באַרעכטיקט צוליב די באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס יידנטום האָט יאָרהונדערטער געלעבט. איצט אָבער איז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פאַרעלטערט, ווייל אויך די באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט . . . דער מזרחי האָט געמאַכט דעם רעוואָלוציאָנערן שריט, וואָס ער איז דער ערשטער, ביים רעליגיעזן יידנטום, צוריק געגאַנגען צו ציון, אָבער דער מזרחי איז אין איין וועזן געבליבן א פאַרטיי פון חובבים ומעריצים!

די אויפגאַבע פון „צעירי מזרחי", „תורה ועבודה" איז געווען צו ווערן די מעשים באַוועגונג. אויפצולעבן די אַלטע יידישע קולטור און מאַכן דעם יידישן מענטש פאַר איר אמת'ן טרעגער. דער יידישער מענטש וועט עס קענען זיין נאָר דאַן, ווען ער וועט זיך באַפרייען פון דער לאַסט פון אומפּראָדוקטיוויטעט, דער ייד מוז צוריקקומען צו אַן אַרבעטס־לעבן און דערמיט רעאַליזירן זיין שלימות'דיקייט.

ביי יענער גרויסער פאַרזאַמלונג איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אָט דער שטרעבונג צו א פול האַרמאָניש יידיש לעבן. נאָך די אידעאַישע בלאָנדזשעניש איז געקומען די צענטראַלע אידייע — סאָציאַליזם אין א יידישער

געשטאַלטיקונג און פאַרמולירונג. די טיף־אין־הארצן־פאַרבאָרגענע סאָציאַלע אידייען פון די נביאים צוזאַמען מיטן טראַדיציאָנעלן גלויבן אין אוניווערסאַלן צדק און יושר זענען געקומען צום אויבערפלאַך און געפונען זייער אויסדרוק אין דער אָרגאַניזירונג פונעם „הפועל המזרחי", וואָס איז ארויסגעקומען מיט אן ארבעטס לאָזונג, וואָס איז אין תוך, אין טעאָריע, און אין פראַקטיק, אנדערש ווי די פון די אַנדערע מאַטעריאַליסטיש־ראַציאָנאַליסטישע ארבעטער פארטייען.

דער לאָזונג פון תו"ע איז געוואָרן: ניט קלאַסן קאַמף, נאָר שטרעבן צו פאַרווירקלעכן אין ארץ ישראל דורך קאָנקרעטע מעשים דאָס הייליקע געזעץ פון יושר און פאַרברידערונג צווישן אַלע איינוואוינער — און אַזוי ארום ווייזן אַ מוסטער דער וועלט אין דער בחינה פון „ונהרו אליו כל הגוים" — די העכסטע שטרעבונג פאַרן תיקון העולם.

הרב גייפעלד האָט דערגענצט דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן רעפעראַט וועגן קולטור אנטוויקלונג פאַר דער איבערגעבויטער און באַלעבטער יידישער געזעלשאַפט. "מיר יידן — האָט ער געזאָגט — האָבן זיך צוליבן גלות דערווייטערט פון אונזערע קולטור קוואַלן און האָבן פארלוירן די מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען. פרעמדע שטרעבונגען האָבן אָנגעהויבן אריינצודרינגען אין אונזער לעבן און אונטערצוגראָבן זיינע ריין־יידישע יסודות . . . דאָס יידישע קולטור פּראָבלעם וועט נאָר געלייזט ווערן דורך אַ פולשטענדיקן צוריקקער צו דער אַלט־יידישער קולטור, וועלכע איז אין איר תוך אַ תורה קולטור און אונטערשייד זיך פון די ארומיקע קולטורן"[6].

יענע רעזאָלוציע, ווי גרינדונגס־חברים גיבן איבער, איז געוואָרן דער שלחן ערוך פון דער באַוועגונג, באַזירט אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז דער יסוד פאַר דעם בנין ארץ ישראל איז תורה ועבודה, און אַז די עקזיסטענץ פונעם „הפועל המזרחי" דערמעגלעכט די רעאַליזירונג פון אַ תורה ועבודה לעבן.

אָנגעהויבן האָט מען אין פוילן מיט שוואַכע טריט. די לאָזונג פאַר אַ יידיש־רעליגיעזן תורה־סאָציאַליזם איז געווען זייער אַ שמאָלער. אַ דאַנק דער אינטענסיוויקייט פון פירנדע חברים, איז די באַוועגונג געוואַקסן און געוואָרן די גרויסע, רעליגיעז־נאַציאָנאַלע יוגנט־און־ארבעט באַוועגונג אין ארץ ישראל, אין פוילן און אין אַנדערע לענדער פון תפוצות ישראל.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט אריינגעבראַכט אינעם יידישן לעבן אַ קאָנסטרוקטיווע שיטה אין דער סינטעזע פון רעליגיעזן סאָציאַליזם. זי האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ פרישער און שעפערישער יידישקייט.

אין אַ „רוף צו דער יידישער יוגנט" פון א. בן יהודה[7], דער ערשטער אידעאָלאָגישער זאַמלהעפט, ווערט געזאָגט: „צו דיר, יידישע יוגנט, רופן מיר: שטיי אויף און הער אונזער וואָרט, דאָס וואָרט וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן טיפן צער פון אונזער ליידנדיק פאָלק אין גלות, און מיטן טרייסטנדן קלאַנג פונעם

בויענדן האמער־שלאג און גראבענדן אקער־אייזן אין ארץ ישראל . . . צו דיר, יידישע יוגנט, האפן מיר. דו האסט דעם מוט ארייצוּבליקן אינעם פרישן גלות־תהום וואס האט זיך אזוי פלוצים פאר אונזערע אויגן באוויזן און וועסט באגרייפן אין דער גאנצער ברייט דיין היסטאָריש חלוצישע אויפגאבע: אונטערצושטעלן דיין הארטן נאקן, דיין אומגעבויגענעם שטאלצן יידישן רוקן און פארוואָרפן איבערן דאזיקן מורא'דיקן תהום א בריק, איבער וועלכער עס זאָל אריבערגיין אונזער אלט, שווער־אויסגעפּרוּווט פאלק פון גלות צו גאולה, פון פינסטערע קאַשמאָרן צום זוניקן ארץ אבות אין מזרח".

א סך אמת'ן ווערן ארויסגעזאָגט אין יענער ערשטער בראשור;

„נישטאָ קיין וועג פארן קיום האומה אין זיין רעליגיעז־נאציאָנאלער אייגנארט, אָן דעם אויפבוי פונעם הייליקן לאַנד".

און ווייטער:

„נאָר די קלאָרע און טיפע אמונה אינעם אומצוּברעכבארן צוזאמענבונד פון די דאָזיקע יסודות, האט אונז געגעבן כח און מוט אויפצוהאלטן דעם צוויי טויזנט יאָריקן בלוט שטורעם אין גלות ביזן היינטיקן וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט פון בנין ותחיה הארץ".

די תורה ועבודה באוועגונג האט זיך געשטעלט א מיסיע איבערצוּאנדערשן א לעבנס־שטייגער, צו פראָדוקטיוויזירן זיך פארן בנין הארץ, פארן אויפלעבנדיקן פאָלק און אויפלעבנדיקן לאנד און דערמיט זיך שטעלן אין דינסט פאר דעם רענעסאנס פונעם רעליגיעזן געדאנק, פארן אמת'ן חיי תורה אויפן יסוד פון די יידיש־עטישע פרינציפּן; א שנוי ערכין, באזירט אויף דער סינטעזע פון תורה־גייסט און תורה־מאָראל צו נאָרמאליזירן דעם יידישן פאָלקס־לעבן אויף פּראָדוקטיווע געזונטע יסודות פארוואָרצלט אין באָדן פון פאָטערלאנד.

אין זיין דערציילן וועגן אָנהייב פון דער תורה ועבודה־באוועגונג, שרייבט הרב ק. א. פרענקעל[1], אז דער אָנהויב איז געמאכט געוואָרן אין שעדלעץ, אין יאָר תרע"ח און אז ער האט פאר דעם צוועק איינגעלאדן דעם גאָמבינער רב, הרב יהודה ליב זלאָטניק צו האלטן א פּאָרטראג פאר דער לאָקאלער ערשטער צעירי מזרחי אין פוילן.

ב. גרינדונג פון „צעירי מזרחי". — וויאַזוי דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן. — יצחק ריבקינד גרינדער פון לאָדזשער „צ ע י ר י מ ז ר ח י". — ערשטע אָרגאַניזאַציע. — א י נ ט ע ר ע ס א נ ט ע פאַקטן.

ס'איז פארביי א געוויסע צייט, ווי ער גיט איבער — און זיי האָבן באקומען אן איינלאדונג פון יצחק ריבקינד, פון לאָדזש, צו קומען צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון לאָדזשער צעירי מזרחי, וואס איז פאָרגעקומען י"ח־י"ט אדר, תרע"ח.

פרענקעל גיט איבער זכרונות פון יענעם היסטאָרישן צוזאמענפאָר, פון דער וואָרעמקייט, פון דעם אידעאליזם וואס האט באהערשט די

חברים, געקומענע פון אלע טיילן פוילן, דאן אקופירט פון קייזער ווילהעלמ'ס דייטשן חייל. די הויפט־רעדנער זיינען געווען, ווי ער גיט איבער, הרב י. ל. זלאטניק (עלזעט. אבידע, ירושלים) און מ. שצעראנסקי (הי"ד). מיט ווערטער זיינען צווישן אנדערע ארויסגעטראטן די ח"ח, וועלכע געפינען זיך אין ישראל: חיים וואלנער, ק. א .פרענקעל, י. פיליק (פלאי), בענטשקאווסקי (מבורך), אהרן אסט, דר. בצלאל דובנער, לוי יונגסטער, מרדכי גאלד (זהבי).

ביי יענער ערשטער גרינדונגס־פארזאמלונג, זיינען געוויילט געווארן, שלא על מנת לקבל פרס, צוועלף חברים אנצופירן מיט דער ביורא אין לאדזש. יעדער חבר האט געדארפט געבן פריי א חודש דינסט אין דער ביורא (ער האט איבערגענומען די ביורא־לייטונג י"ט סיון, תרע"ח) און מ'האט זיך באלד גענומען צוגרייטן דעם אקטיוו מיט דעם געהעריקן פארמעסט.

די „תבונה"־ארגאניזאציעס וועלכע האבן פריער געהאט בלויז א קולטורעלע אויפגאבע, האבן זיך אנגעשלאסן אין דער „צעירי מזרחי", און ס'זענען דאן געגרינדעט געווארן נייע צווייגן פון „צעירי מזרחי" אין קראקע, זאוויערטשע, סאסנאוויץ, בענדין, טשענסטאכאוו און צום לעצט — אין ווארשע, אונטער דער לייטונג פון די ח"ח: נייפעלד, וואסערמאן און יאנאווער.

די נאציאנאלע ארגאניזאציע — שרייבט ער ווייטער — איז אבער ערשט ארוים מכח אל הפועל נאך דער באראטונג פון „וועידת אנשי אמונים" אין ווארשע, וואס איז פארגעקומען אין די טעג י"ז־י"ח טבת, תרפ"א און נאכדעם, איז די באוועגונג ארויף אויף דער ארענע אלס נאציאנאלע ארגאניזאציע.

ווי א בעל זכרון (און אפשר באזירט ער זיינע זכרונות אויף ארכיוואלע דאקומענטן?), גיט ער א רשימה פון דער צאל דעלעגאטן און פון וועלכע שטעט און שטעטלעך זיי זיינען געקומען.[3]

פון די פארשיידענע רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארן, איז כדאי צו דערמאנען די רעזאלוציע וואס לויטעט:

„דער חבר וואס וויל געהערן צו דער ארגאניזאציע „צעירי מזרחי", מוז זיין רעליגיעז אין גייסט און אין טאט; דארף אנערקענען העברייאיש אלס אונזער איינציקע נאציאנאלע שפראך; נעמען דעם שקל פון מזרחי, ארבעטן פאר'ן קרן החלוץ . . . און דער חבר וואס קומט ניט נאך זיינע חברשע פליכטן, ווערט ער באזייטיקט נאך א ווארנונג . . . ".[4]

די דעמאלטדיקע באראטונג, גיט ער איבער, האט אויך באשלאסן ארויסצוגעבן ליטערארישע אויסגאבעס, געווידמעט דעם רעיון פון צעירי מזרחי, אינפארמאטיווע, באלערנדע אויסגאבעס מיט א רעליגיעזן אינהאלט, ארויסברענגען דעם עטיש־פילאזאפישן יסוד פון דער באוועגונג א.א.וו.[5] ס'איז אויך געקומען א פארלאנג פון דעם צענטראל קאמיטעט אין אמסטערדאם, צו

פאררופן א וועלט־צוזאמענפאַר פאר דער אָרגאַניזאַציע און איבערטראָגן די וועלט־לייטונג פון דער באַוועגונג קיין ירושלים.

ווען די ענינים פון „החלוץ והעליה" און אויך ווען קולטור־ארבעט זיינען אָנגענומען געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס:

1) צו גרינדן אין יעדן שטעטל, חלוצים קבוצות, הכשרות, צוגרייטן פאר'ן לאנד, פּראָדוקטיווע עלעמענטן און פאר דעם צוועק פאָך־שולעס, טעכנישע קורסן אדג"ל.

2) צו פארפליכטן אלע חברים פאר לימוד התורה, צו שטיצן בני תורה, ישיבה־בחורים און אליין איינפירן שיעורים אין תנ"ך און תלמוד.

עס איז דאן געוויילט געוואָרן א פּראָוויזאָרישער צענטראַל קאָמיטעט (וועד מרכזי זמני) פון די ח"ח:

אברהם בענטשקאָווסקי (פּיעטרקאָוו), כ. פ. טכורש (וולאָצלאַוועק), לוי יונגסטער (סאָסנאָוויץ), שמואל חיים לאנדוי (טשעמערניק), פּינחס נייהויז (טאָמאַשאָוו, לוב.), יעקב לעסלוי (טשענסטאָכאָוו), אריה פריד (מלאַווע), יחזקאל בענעט (קראָקע).

אינעם וועד הפּועל זיינען אריין:

הרב קלמן אליעזר פרענקעל, הרב אלימלך נייפעלד, אהרן בלום, ש. ח. לאנדוי, ש. וואַסערמאַן און ישראל אַלטער.

אין יאָר תרפ"א, איז געגרינדעט געוואָרן אין ירושלים דער „המזרחי הצעיר", וועמעס פּאָרזיצער איז געווען ש. ראובני און הויפּט־סעקרעטאר ר' ישעיה שפּירא (ז"ל).

הרב פרענקעל גיט איבער די נעמען פון די גרינדער פון צעירי מזרחי אָרגאַניזאַציע אין אנדערע לענדער, דערמאָנט דר. ש. פעדערבוש, וויסבערגער־לאַנגלעבען (הי"ד) אַלס גרינדער פון דער באַוועגונג אין עסטרייך; ראובן וויינשענקער (דר. גפני) — ליטע; משה שאַפּירא (מיניסטער), — ווילנע; יחזקאל בענעט — קראָקע; הרב דר. יחזקאל לעווין — לעמבערג.[6]

פרענקעל רעכנט אויס די גרינדער פון צעירי מזרחי־סניפים אין פּוילן: גורקאָוויץ — ש. ז. פּיוולאָוויטש (שרגאי); וואָלצלאַוועק — (הרב) כ. טכורש; בצלאל בעזשינסקי (בזק); סאָקאָלאָוו — י. גרינבערג; טשענסטאָכאָוו — לעסלוי און פּיליק; בענדין — לערנער.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'איז אין פּוילן געגרינדעט געוואָרן דער צעירי מזרחי, איז אין ירושלים, אין ה' אדר תרע"ח, געגרינדעט געוואָרן דער אָרטיקער הפּועל המזרחי אין וועמעס פירערשאַפט ס'זיינען אריין ש. שלעזינגער (הרמתי ז"ל), ש. ברוקנער (גשורי), בינדער, אדלער און אנדערע.[7]

למען האמת, ספּעציעל געשיכטלעכן אמת, מוז מען דאָ אָנווייזן אויף די אומפּינקטלעכקייטן אין הרב פרענקעל'ס באַהויפּטונגען, וועלכע זיינען באַזירט מסתמאָ אויף זכרונות און ניט אויף פאַקטן.

האָבנדיק די זכיה זיך צו באַקענען מיט אַ טייל פונעם באַוועגונגס־אַרכיוו פון די ערשטע דריי יאָר (תרע"ז־תר"פ), וואָס געפינט זיך ביים פּאַקטישן גרינדער פון צעירי מזרחי אין לאָדזש, די ערשטע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, וואָס עס מיינט: די ערשטע אָרגאַניזאַציע אין ישראל און בכל תפוצות ישראל, קומט אויס, אַז לאָדזש און ניט שעדלעץ (ווי ק. א. פרענקעל גיט איבער) איז געווען די שטאָט, וואו די צעירי מזרחי איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען אויף דער יידישער גאַס.

מיר דערוויסן זיך אויך, אַז ניט אין תרע"ח, נאָר אין תרע"ז — 1917 — איז צעירי מזרחי געקומען אויף דער וועלט.

ווי עס ווייזן פאַקטן (בריוו, מודעות) איז עס דאַן געווען אַן איין מאַן אָרגאַניזאַציע — ר' יצחק ריבקינד איז געווען דער איניציאַטאָר, פּובליצירער פונעם רעיון און גלייכצייטיק, פאָרזיצער, סעקרעטאַר, פאָרשטייער ביים מזרחי־צענטראַלע, רייזנדער אא"וו.

אין „הצפירה"[8], לייענען מיר וועגן אַ מזרחי־קאָנפערענץ אין וואַרשע, די ערשטע מזרחי־קאָנפערענץ אין פּוילן (י"ג־ט"ו, תמוז) אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, און אינעם באַריכט, „ה' ריבקינד, האָט באַריכטעט וועגן דער „קבוצת הצעירים החרדים, צעירי מזרחי שבלודז".

אַ לייט אַרטיקל פון הרב י. ניסנבוים הי"ד, איז דערשינען אין אַ שפּעטערן נומער[9], אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן פּסיכאָלאָגישן „פּירוד" צווישן די „זקנים" און „צעירים", ניט זעענדיק דאַן קיין שום אידעאָלאָגישן אונטערשייד. דער שרייבער איז זיכער, „צעירי מזרחי" וועט בלייבן אַ טייל פון מזרחי.

מיר געפינען אויך אין „הצפירה" אַ באַריכט וועגן דער אַנטוויקלונג פון „צעירי מזרחי" אין לאָדזש[10], איבערגעבנדיק, אַז די אָרגאַניזאַציע ציילט שוין אַרום 180 חברים . . .

אין „הצפירה" פון תרע"ח[11], געפינען מיר אַ באַשרייבונג:

„ביום א', כ"ט לחודש תשרי, היתה אספת — היסוד של צעירי המזרחי בוורשה באולם המזרחי, לאספה באו כמאתים צעירים משדרות החסידים . . . (מיין קורסיוו — ג. ש.) די אָנפירנדיקע חברים פון יענער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען געווען געלפאַרב, זילבער, טרעסמאַן, יודעלעוויטש.

מיר לייענען ווייטער אין „הצפירה"[12] דעם ערשטן רוף פון לאָדזשער צעירי מזרחי (אויך פאַרעפנטלעכט אין: „לאָדזשער טאַגבלאַט", „לאָדזשער פאָלקס־ צייטונג", אין „המזרחי", און אין אַנדערע צייטונגען) וועגן דער גרינדונג פון צעירי מזרחי אין פּוילן אונטערן נאָמען „אל צעירי המזרחי".

געחתמעט איז „הועד של צעירי המזרחי בלודז" און א נאָכבאמערקונג: „כל אגודות צעירי המזרחי וכל המתעניינים ביסוד אגודות חדשות מתבקשים להודיע כתבותיהם עפ"י האדריסה: „צעירי המזרחי, לודז, ציגלניה 54 אָדער לידי היו"ר מר ריבקינד, לודז, ווסכודניה 45".

פון שעדלעץ ווערט קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

אין אַ נאָכפאָלגנדיקן נומער[13] איז פּאַרעפנטלעכט דער ערשטער אַרטיקל וועגן צעירי מזרחי, פון זיין גרינדער יצחק ריבקינד. ער שרייבט וועגן די אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע, „שאיפת צעירי מזרחי ותפקידיהם" . . . , סומירנדיק: „תמצית העבודה הציונית העמית, תחית הציונית הלבבית, הנפשית . . . חובותנו אָנו להחיות בכל זהרה והדרה, בכל חנה וערכה ההיסטורי את אותה הציונית הדתית, הרוחנית, הרגשית . . . "

דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו איז קלאָר.

אין אַלע באַריכטן רעדט זיך וועגן צעירי מזרחי אין לאָדזש און אין װאַרשע און וועגן ריבקינד'ן — ווי דער „כח פּעיל", דער ווירקנדיקער כח. ערשט אין נומער 15[14], ווערט פּאַרעפנטלעכט דער כרוז פאַר דער ערשטער לאַנד־קאָנפערענץ, שוין אַ יאָר נאָך דער גרינדונג פון צעירי מזרחי אין לאָדזש. די קאָנפערענץ איז פאַררופן געוואָרן אויף ב' וג' י"ז־י"ח אייר (1918, אַפּריל 29־30) און דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען דערעיקר:

„בירור יסודותינו העקרים — הרב י. ל. זלוטניק מגומבין; הכשרתנו והשתלמותנו הדתית הלאומית והמוסרית — הרב י. ח. בונין מלודז; הסתדרות ותעמולה — י. ריבקינד און אַנדערע.

אין נומער 19 פון „הצפירה"[15] געפינען מיר, אַ גרעסערן באַריכט פון דער דאָזיקער היסטאָרישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויף וועלכער ס'זענען פאַרטראָטן דעלעגאַטן פון 21 שטעט און שטעטלעך (דאַן געווען מסירת־נפש, צו קומען קיין וואַרשע אין צייט פון אָקופּאַציע און קריגס־צושטאַנד). עס ווערט איבערגעגעבן אַז ריבקינד האָט דערעפנט די קאָנפערענץ. דער וולאָצלאַוועקער רב, הרב י. ל. קאָוואַלסקי איז געוויילט געוואָרן אַלס ערן־פאָרזיצער און הרב י. ל. זלוטניק, אַלס פאָרזיצער. צום פּרעזידיום זענען געוויילט געוואָרן: אָסט (לאָדזש), פרענקעל (שעדלעץ), קאָבלענץ (טשענסטאָכאָוו) און אַלס סעקרעטאַרן — קראַקאָווסקי (פּיעטרקאָוו), רובינאָוו (לאָדזש) און פון די הויפּט־רעפעראַטן איז איבערגעגעבן דער רעפעראַט פון ח. י. בונין (דעם שפּעטער באַוואוסטן קענער פון חב"ד חסידות) אין העברייאיש אונטערן נאָמען „תפקידי צעירי המזרחי לתחית העם ועתידותיו". אין די דיסקוסיעס, האָבן זיך באַטייליקט צווישן אַנדערע: קלאַפּער (ש. יהלום) פון קאַליש, בונצזשיקובסקי (פּיעטרקוב) נעסק (מלאַווע), אָבערמאַן (טשענסטאָכאָוו) און פיל אַנדערע:

צום סוף פון באריכט:

„הרבנים מוולאצלאוועק ומגומבין ומר י. ריבקינד נושאים נאומי־סגירה נלהבים ובשירת „התקוה" נסגרה בהתרוממות־רוח רבה". אין פארטיי־כראניק ווערט צוגעגעבן נאך א סך פרטים וועגן צעירי און החלוץ המזרחי, אויך וועגן פארלעגערישע טעטיקייטן און פלענער.

די גרינדונג פון צעירי מזרחי האט דאן געמיינט א רעוואלוציע אין רעליגיעזן לעבן, דערצו מיט אזא קאנסטיטוציע:

„לאחד ולרכז את אותם הצעירים החרדים שבאו לידי הכרה, שהגיעה השעה לעלות לא"י; להכינם ולעשותם מוכשרים להביא תועלת לעמנו ולארצנו בחומר וברוח, רוח התורה והמסורה . . . ."

די אויפגאבן פון דער נייער באוועגונג זיינען דאן געווען:

א) „החלוץ" — זיך צו באמיען איינצוארדענען שעורים, צו לערנען תנ"ך און העברייאיש;

ב) צו גרינדן א קבוצה פון אגריקולטור־ארבעטער (פועלים חקלאים, פארמער);

ג) צו העלפן פאכמענער, פראפעסיאנאלן אנטוויקלען און אויסברייטערן זייער פאך־קענטעניש.

די פליכט פון יעדן חבר איז: זיך צוגרייטן לויט אלע מעגלעכקייטן צו באזעצן זיך אין ארץ ישראל, אמווייניקסטנס, זיין גרייט צו ארבעטן און לײדן, אויב ס'קומט אויס, צוויי יאר אין א"י, פאר דער פארווירקלעכונג פונעם ציוניסטישן אידעאל לויטן גייסט פונעם „מזרחי".

אינעם חוזר א'[16], ווערט איבערגעגעבן וועגן א באשלוס ארויסצוגעבן א העברייאישן זשורנאל אונטערן נאמען „המזרחי הצעיר", וועגן דער גרינדונג פון א „קרן ספרותית" און וועגן דעם שנעלן וואוקס פון דער דאזיקער יוגנט־באוועגונג.

אין שעדלעץ — ווערט דארט איבערגעגעבן — האט די „תבונה" ביי אן אלגעמיינער פארזאמלונג באשלאסן, זיך אנצושליסן אין „צעירי מזרחי".

ס'זיינען אויך ארגאניזירט געווארן ארגאניזאציעס אין קוזמיר, זשעליכאוו, קאזשעניץ, טשעכאנאוו און ווי עס ווערט איבערגעגעבן, האט יאנאווער, פירער פון ווארשעווער צעירי מזרחי, יענעם חנוכה באזוכט די שטעט: נאווארדאמסקי, סאסנאוויץ, בענדין. אונטערגעשריבן אויף דעם „חוזר" (פארטיי־צירקולאר), איז יהודה שטשעראנסקי (פון דער באקאנטער הסידישער משפחה אין פוילן).

אין אן אנדערן נומער[17] האבן מיר שוין פארטיי־כראניק:

„שעדלעץ — ביום ו' טבת, נערך ע"י „צעירי מזרחי" אספת־אבל גדולה לרגלי הפרעות בלבוב. נאמו החברים שפילמאן, קאמיניץ ורובינשטיין.

„קאליש — אגודת „צעירי מזרחי" בעירנו מתפתחת באופן מצוין; מספר חבריה מתרבה והשפעתה בין הצעירים החרדים גדלה מיום ליום . . . ביום א' י"ב טבת, בקר את עירנו מר יצחק ריווקינד ונשא באולם „צעירי מזרחי" נאום על הנושא: „המזרחי בעתיד ותפקידי צעירי מזרחי". הנאום עשה רושם כביר . . . "

מיר ווילן זיך ניט אריינלאָזן אין פּרטים פון באריכטן, ווי זיי זיינען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, איבערהויפּט אינעם מזרחי־אָרגאַן, „המזרחי", ווייל דאָס וואָלט פאַרפירט צו ווייט. מיר געפינען דאָרט, צענדליקע מאמרים פון י. ריבקינד און אַנדערע, רופנדיק און וועקנדיק אומאויפ־הערלעך די יידישע יוגנט, זיך אַנצושליסן אין דער דאָזיקער באַוועגונג און עס ווערט שוין אָנגעדייטעט אויף סאָציאַלע עלעמענטן וועלכע קומען אין ריי פון דער אידעאָלאָגיע פון צעירי־מזרחיזם און וועלכע זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אין אַלגעמיינע טערמינען אינעם ערשטן קול־קורא פון ר"ח אייר, תרע"ז.

ריבקינד רעדט אויך וועגן דעם אונטערשייד צווישן די עלטערע און יונגערע אין דער באַוועגונג[18], וועגן דעם „הבדל פּסיכולוגי עמוק" און וועגן דעם אומקער צום „דרך היהדות הדתית הטהורה, דורך תורת החיים, התורה העברית" . . .

די דעמאָלטדיקע קאָנפערענצן, זיינען ווי מיר זען פון די באַריכטן, געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון ר' יהודה לייב קאָוואַלסקי, דעם פירער פון מזרחי, וואָס ווייזט, אַז מזרחי און צעירי מזרחי האָבן דאַן געאַרבעט האַנט־אין־האַנט ווי איין אָרגאַניזאַציע[19].

אין א באַזונדערן מאמר איז שפּעטער ארויסגעקומען ר' יצחק ניסנבוים אונטערן נאָמען „תעודתם של צעירי מזרחי"[20], אָנווייזנדיק, אַז ניט אַכטנדיק, וואָס ער איז שטאַרק דערפאַר, אַז די יוגנט זאָל האָבן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, טאָר זי ניט זיין אַ „חטיבה בפני עצמה", צעירי מזרחי מוז בלייבן אַ טייל פון דער מזרחי און מוז האָבן די זעלביקע לאָזונגען און די אַלע אָרגאַניזאַציעס מוזן זיך געפינען אונטער איין מרכז . . .

צווישן די אַקטיוויסטן געפינען מיר יאַנאָווער, ש. יונגסטער, יעקב גרינבערג (סאָקאָלאָוו). ב. מנוח וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט אַ גרעסערן מאמר, באַהויפּטנדיק, אַז עס איז ניטאָ קיין אידייאישער אונטערשייד צווישן מזרחי און צעירי מזרחי.

אַזוי זיינען דאַן שוין אָנגעגאַנגען די וויכוחים, וועגן דער אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע און וועגן דער אידעאָלאָגיע, וואָס דאַרף באַרעכטיקן איר אומאָפּהענגיקייט. דערווייל זיינען צוגעקומען אָרגאַניזאַציע נאָך אָרגאַניזאַציע. אויך אין דער ליטע, איז, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, געגרינדעט געוואָרן אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „צעירי ישראל" און מען איז געגאַנגען מחיל אל חיל . . .

דער דערפאָלג און שוואונג פון דער יוגנט־באַוועגונג, האָט געפאָדערט — ווייזט אוים ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און יצחק ריבקינד, איז ווידער דער ערשטער אַרויסגעקומען מיט דער פאָדערונג פאַר אַ באַזונדערער ביורא וואָס זאָל זיך ווידמען מיט דער יוגנט טעטיקייט: „ויסוד משרד צעירים זהו הצוו המחליט של שעת משבר זו, שבו תלויה הרבה הגדלת הסתדרתנו הכללית, הארצית, הפרחתה והצלחתה"[22].

אַזעלכע פּלאָמיקע מאמרים קומען כסדר אין די פּאַרטיי אָרגאַנען און צירקולאַרן, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק, און גאָר בולט, די סאָציאַלע מאָמענטן, ווי דער זעלביקער י. ריבקינד דריקט זיך אוים וועגן אַט דער גאָלדענער יוגנט „שואף לכבוש הארץ ע"י עבודה עברית פּרודקטיבית, להעמיד את החברים על הקרקע ולהכשירם למלאכה, לאומנות ולכל משלח־יד" . . . און אַז אָט די יוגנט, באַזעצנדיק זיך אין ארץ ישראל, דאַרף ווייזן אַ מוסטער־לעבן, באַזירט אויף דער עטיק און מאָראַל פון יהדות:

„הצעיר הא"י צריך לשמש למופת בחיוו המוסרים, חיי צדק ומשפט, חיים עבריים ישרים, ולזכור תמיד את דברי הנביא „הוי בונה ביתו בלא צדק ועליותיו בלא משפט, ברעהו יעבוד חנם ופעליו לא יתן לו".

אינעם דאָזיקן מאמר, האָבן מיר דעם קווינט־עסענץ פון דער תורה ועבודה אידעאַל. ער ווייזט אָן אויף דעם פעלער פון מזרחי, וואָס פאַרזעט די וויכטיקייט צו שטאַרקן און דערמוטיקן דעם עלעמענט פון „חלוצי המזרחי"; פאַרזעט די וויכטיקייט פון כבוש הארץ און קידוש כבוד מולדתו און ער פירט אוים:

„והיסוד הבריא ליצירת מפלגה חזקה של פועלים ועובדים בוני הארץ ובוני הרוח העברי הטהור, צריכים לשמש „צעירי המזרחי" בגולה והצעיר הא"י בארץ הגאולה . . . "

י. ריבקינד רופט צו אָט דער נייער ליניע, וואָס איז אייגנטלעך די ליניע פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, פון תורה ועבודה, וועמעס נאָמען אייגנטלעך, מיר געפינען שוין אין „אחיאָסף" (תרס"ג) — אַן אַרטיקל פון ד"ר ח. ד. הורוויץ אונטערן נאָמען „התורה והעבודה".

י. ריבקינד, איז דערנאָך, צוליב געוויסע סיבות אוועק אין דער ליטע, נאָכדעם קיין אַמעריקע — און במילא אוועק פונעם אַקטיוו פון דער באַוועגונג[23].

פון די גרינדער פון צעירי מזרחי אין לאָדזש, דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: א. אָסט (אין תל־אביב); דר. בצלאל דובנער, סעקרעטאַר (תל־אביב); יעקב פוקס (תל־אביב); שמואל בערקענוואַלד; אהרן לאַנגלעבן; י. ב. עקיבאָ (הי"ד).

דער דערמאָנטער אהרן אָסט, באַשרייבט אין אַ מאמר וועגן דעם באַגין פון דער באַוועגונג. אין לאָדזש, אין פרילינג פון תרע"ז, וועגן דער מסירת נפש און שוואונג פון די מיסדים אונטער דער וואכער אויג פון דייטשן אָקופּאַנט, אויך

וועגן דער אגודת האורטודכסים (נאָכדעם אגודת שלומי אמוני ישראל). ער דערמאָנט ריבקינד'ען אלס מיסד פון „צעירי מזרחי".

ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ וועגן דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, י"ג־ט"ו תמוז פון יענעם יאָר און ער שרייבט:

„כדי להפוך את „צעירי המזרחי" בפולין לתנועה עולמית סודרה ביזמתה של „אגודת צעירי מזרחי" בלודז וועידה ארצית של אגודת צעירי מזרחי בפולין, שהשתתפו בה למעלה משמונים ציר, באי־כח של יותר מ 40 עיר . . . "

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט אָסט, נאָך א קאַפּיטל זכרונות[25] אונטערן נאָמען „תנועת צעירי מזרחי — ליום היסוד — שלשים בניסן, תרע"ז" און ער שרייבט:

„היה זה עוד לפני פרסום הצהרת בלפור, בשנת 1917 . . . מכל מאות רבניה ומנהיגיה הרוחניים היו אחדים שהבינו והעיזו להראות בגלוי נטיה לציונות . . . במצב כזה של יהדות פולין נפגשנו אז, צעירים דתיים אחדים בלודז בראשותו של החבר יצחק ריבקינד. באסיפה שהתקימה בלודז בשלשים בניסן ער"ח אייר, בהשתתפות של למעלה מהמשים צעירים הוחלט לייסד ארגון בשם „צעירי מזרחי" שמטרתו:

„לרכז ולקבץ את כל אלו הכוחות הצעירים המפוזרים והמפורדים, ולארגנם ולסדרם על יסודות הסתדרותיים חזקים תחת דגל אחד בשם „צעירי מזרחי" לשם עבודה ממשית, מתמדת ושיטתית ברוח המזרחי".

„ . . . בחרנו בוועד של 13 חברים, מהם:

יצחק ריבקינד, יו"ר; כותב הטורים האלה (אָסט — נ. ש.) — סגנו; יעקב פוקס ושמואל ברקנוואלד (איצט אין פאַריז).

עס קומען א ריי צעירי מזרחי־אָרגאַניזאַציעס: אין שעדלעץ (ק. א. פרנקל); קאַליש, שלמה יהודה קלעפּער, שלמה קפלן (גרינדער); טשענסטאָכאָוו און אנדערע שטעטלעך.

אין א מאמר פונעם „הצופה"־רעדאַקטאָר, ש. דניאל (דניאל יחיא), ווערט ר' יצחק ריבקינד גערופן „הזורע הראשון" (דער ערשטער פאַרזייער)[26], ווייל, ער איז עס געווען דער גרינדער פון דער צעירי מזרחי באַוועגונג, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן די פאַרצווייגטקייט פונעם הפועל המזרחי אלס וועלט באַוועגונג — און דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אז אויך ער האָט היפּשלעך גענומען פון וואָלאָזשין (וואו ער האָט געלערנט אין דער אָרטיקער ישיבה) זיין חיבת ציון און דעם אידעאַל פון רעליגיעזן ציוניזם געבראַכט סיי צו די בני ליטע און סיי צו דער יוגנט פון קאָנגרעס פּוילן.

ער האָט אין יאָר תרע"ז, 1917, אָנגעצונדן דעם דאָזיקן הייליקן פונק פריער צווישן די יוגנטלעכע פון בית מדרש און צווישן ישיבה־לייט און באַלד פאַרכאַפּט

די יוגנט פון יעדער שטאָט און שטעטל אין קאָנגרעס פוילן, ליטע, גאליציע און אין די קרעסן.

ווי געזאָגט, לאָזן מיר דאָס איבער צו די גרינדער וועלכע זיינען בחיים — אַז זיי וועלן דאָס משלים זיין. מיר האָבן בלויז געוואָלט פיקסירן געוויסע פאַקטן און דאַטעס — אמת לאמתו של דבר . . .

הערות

א.

1. הוצ׳ „מרכז הספר לכפר״, תל־אביב, תש״ז.
2. וועגן „בונד״ אין א פריערדיקן קאפיטל און אין א באזונדערער ארבעט, וואָס איז געבליבן אין מאנוסקריפּט.
3. לעווינסאָן, דאָרט, ז״ז 8־9 און אין א פריערדיקן קאפיטל שטעלן מיר זיך אָפּ באריכותדיק.
4. זע, שולוויים „דאטן און כראָניק״, ז״ז 11־14.
5. לויט שולוויים׳ן: אין ירושלים, תל־אביב, ראשון לציון און פתח תקוה.
6. דאָרט, ז׳ 17. 7. אונטער דער רעדאקציע פון הרב א. נייפעלד, ווארשע, תרצ״ד.

ב.

1. „תחילתה של תנועת תורה ועבודה״ (שלושים שנה ליסוד צעירי מזרחי בפולין), „הצופה״ יום חמישי, כ״א סיון, תשי״ג, 4.6.53.
2. „האגודה הראשונה של צעירי מזרחי״, נוסדה בשדליץ, בשנת תרע״ח, ע״י כותב הטורים האלה, שהזמין אז את הרב ר׳ יהודה ליב זלוטניק מגומבין, לבוא לשדליץ ולהרצות לפני צעירי מזרחי. זע, הרב קלמן אליעזר פרענקעל, שעדלעצער יזכור בוך, בוענאָס איירעס, התשט״ז, ז״ז 311־314, וואו ער ווידערהאָלט זיינע זכרונות, איבערגעבנדיק, אז ח׳ סיון, תרע״ח איז געגרינדעט געוואָרן דער צעירי מזרחי אין שעדלעץ.
3. עס זיינען געקומען דעלעגאטן פון פּיעטרקאָוו, בענדין, קראשניק, שיראדז, וולאצלאוועק, וועגראָוו, טאָמאשאָוו, מלאווע, טשענסטאָכאָוו, בלוינע, זאווירטשע, לאָדזש, שעדלעץ, מאקאָוו, שידלאָוויעץ, לוקאָוו, אָזערקאָוו, קראָקע, באראנאָוויטש א.א.
4. על כל צעיר החפץ להיספח להסתדרות „צעירי מזרחי״: להיות דתי ברוחו ובמעשיו; להודות כי השפה העברית היא שפתנו הלאומית היחידה; לדעת או ללמוד את השפה העברית בדבור ובכתב; לשקול את שקל „המזרחי״; לעבוד בעד קרן החלוץ, קק״ל, קרן היסוד וקופת רבי עקיבא; לשלם תרומת חבר ומס הסתדרות; לסור למשמעת הוועד ולעמוד הכן לכל קורותיו וקריאותיו. הערה: חבר שיעשה דבר כנגד הסעיפים האלה מוציאים אותו אחרי התראה מאגודתנו״.
5. חודש שריפט „הקדם״.
6. מ. ש. גשורי האָט דעם זכות צו האָבן די מיטגלידס־קארט נומער 1 — ד. ה. דער ערשטער מיטגליד.
7. זע, דאָרט באריכות וועגן וואוקס און פארנעם פון דער באוועגונג פאר די לעצטע 35 יאָר, זינט דער גרינדונג. 8. גליון 20, וורשה, כ״ב תמוז, תרע״ז, יולי 12, 1917.
9. גליון 25, וורשה, כ״ח מנחם־אב, תרע״ז (אויג. 1917.)
10. גליון 28, י״ט אלול, תרע״ז.
11. גליון 35, ט׳ מרחשון, תרע״ח (1917, 20, 25). אויך באריכט וועגן צעי״מ אין לאָדזש.
12. הצפירה 2, ווארשע כ״ו טבת, תרע״ח — 1918, יאנ. 10. מערסטע באריכטן זיינען דערשינען אין דעם אָרגאַן מסתמא צוליב דעם, וואָס יצחק ניסנבוים, דער מזרחי טריבון, איז דאַן געווען רעדאקטאָר. 13. נומ׳ 4, וורשה י״א שבט, תרע״ח — יאנ. 24, 1918.
14. וורשה, כ״ט ניסן, תרע״ח — 1918, 11.4.
15. וורשה, כ״ז אייר, תרע״ח — 1918, 5, 9; זע אויך: גליון 47 (92), י״ז כסלו, תרע״ט — 1918, 12, 21; אויך באריכטן אין „המזרחי״ פון מזרחי און צעירי מזרחי אין יענעם יאָר.
16. אין הצפירה — באריכות.
17. זע, המזרחי, נומ׳ ד׳ וורשה כ״ב טבת, תרע״ט — 1918, 12, 25.
18. דאָרט, נומ׳ 17, וורשה, י״א ניסן, תרע״ט — 1919, 4, 11.
19. דאָרט, נומ׳ 19, י״ד אייר, תר״עט; חוזר ב׳ וורשה, ניסן תרע״ט. קאָנפערענץ פארגעקומען יום א׳, כ״ז ניסן. 20. וורשה, נומ׳ 31, כ״ה תמוז, תרע״ט.
21. המזרחי 36, ב׳ אלול, תרע״ט און אנד. 22. דאָרט, ב׳ טבת, תר״פ — 1919, 12, 24.
23. ביים גרינדער פון דער באוועגונג, געפינען זיך אומצייליקע דאָקומענטן, פּאָטאָסטאטן, בריוו, קול־קורא׳ס און נאָך און נאָך נויטיקע מאטעריאלן — אָבער דאָס, האָף איך, וועט ער אליין נאָכטאָן ביי דער ערשטער געלעגנהייט און מעגלעכקייט.
24. „הצופה״, יום ה׳, כ״ט ניסן, תש״ב — 16.4.42. 25. דאָרט, יום שני, ל׳ בניסן, תש״י — 17.4.50.
26. מאת דונש, הצופה, יום ששי, ג׳ חשון, תשכ״ב—8.10.61

קאַפּיטל זעקס־און־דרייסיק

חזון און מעשים

ווי מיר האָבן פריער געזען, איז תורה ועבודה אַ פאַרזעצונג פון „צעירי מזרחי", אַ קינד פון מזרחי, אַ קינד, וואָס וואַקסט מיט פילן רייפקייט, כח אין די פיסלעך, ווייל עס שוין שטיין אַליין אויף די אייגענע פיסלעך, לאָזט זיך ניט פירן,

א. רעליגיעזער רענעסאַנס. — יונג אין גייסט; אַלט אין דערפאַ־רונג. — אַ קינד וואָס איז רייף געוואָרן. — פון ר' שמואל מאָהילעווער ביז ר' שמואל חיים לאַנדוי.

לאָזט זיך אפילו ניט אָנהאַלטן, נאָר וויל דווקא באַווייזן אייגענע בריה'שאַפט. תורה ועבודה האָט אָנגעהויבן פילן באָדן אונטער די פיס און געוואָלט שטיין אויף די אייגענע כוחות, זיין אומאָפּהענגיק. די באַוועגונג האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרלייקנט אירע אָבות, אָנהייבנדיק פון ר' צבי הירש קאַלי־שער, (תקנ"ה־1794; תרל"ה־1874), ר' אליהו גריידינגער (גוטמאַכער) און ר' שמואל מאָהילעווער ז"ל. דער פאָדים וואָס האָט זיך געצויגן פון ר' שמואל מאָהילעווער ביז ר' שמואל חיים לאַנדוי, איז קיינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן.

ר' שמואל מאָהילעווער, (געבוירן כ"ז ניסן תקפ"ד־1824 אין שטעטל גלובאָקע, וויטעבסקער גובערניע; נפטר געוואָרן ביאַליסטאָק, תמוז תרנ"ח ־1898), איז דער פּאַקטישער פאָטער פון רעליגיעזן ציוניזם, פון מזרחיזם. ווי דער מנהיג פון זיין דור און גרויסע רבנישע פערזענלעכקייט, האָט ער פאַראייניקט גרויסע טיילן פון פאָלק אַרום דעם אידעאַל פון שיבת ציון, אַרום דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזער טעריטאָריעלער גאַנצקייט.

ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פיר אהבות: אהבת השם, אהבת התורה, אהבת ישראל און חיבת ציון, ווי אַ סימבאָלישער איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט אין יידנטום. זיין גאַנץ לעבן, ווי זיינע ביאָגראַפן גיבן איבער, און ווי מיר זען פון זיינע מעשים, איז געווען באַהויכט פון אַט־דעם האַרמאָנישן אהבת ישראל גייסט, ווייל ער האָט געזען אין דעם תוך פון דער יידישער אמונה, **אהבת ישראל**, וואָס האָט איר מקור אין אהבת השם, אין אהבת התורה און אין חיבת ציון...

ר' יצחק ניסענבוים (געבוירן אין באָברויסק, מוצאי שבת בראשית, כ"ה תשרי, תרכ"ט־1869, אומגעקומען על קידוש השם אין טרעבלינקע, סעפּטעמבער 1942), האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אין דער חובבי ציון באַוועגונג אַלס סעקרעטאַר פון ר' שמואל מאָהילעווער אין יאָר תרנ"ד, (דאַן ביאַליסטאָקער רב). ער שילדערט די גרויסקייט פון זיין לערער און וועג־ווייזער, אז חיבת ציון און ישוב ארץ ישראל איז ביי אים געשטאַנען אין צענטער פון אַלע מצוות.

אַ ציוניסט בלויז מיטן מויל — האָט ער געהאַלטן — איז ניט גענוג. יעדער ייד וואָס האָט נאָר אַ מעגלעכקייט, מוז קויפן לאַנד אין ארץ ישראל. ריידענדיק וועגן די אדמו"רים פון פוילן, וועלכע זיינען געווען קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ער זיך אויסגעדריקט: „זאָרגט זיך ניט, לאָמיר בויען דאָס לאַנד, זיי וועלן קומען צו אונז, צו אַן אויפגעבויטער לאַנד וועלן זיי קומען . . .[2]

מיט מסירת נפש, האָט הרב מאָהילעווער געבראַכט אין תחום המושב פון דער צאַרישער רוסלאַנד דאָס וואָרט פון נאַציאָנאַלער גאולה; ווי אַ גייסטיקער דינאַמיט, גערופן, געמאַנט און מאָביליזירט דאָס יידנטום צו גרויסע אויפגאַבן פון תחית האומה און שיבת ציון — די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע פון ציוניזם.

ווי דער טעאָרעטיקער פונעם רעליגיעזן ציוניזם, האָט ער אָנגעפירט אַ ליידנשאַפטלעכן קאַמף מיט דעם אַנטי־ציוניסטישן לאַגער, פון די פאַרשיידענע ריכטונגען, אויסנוצנדיק דערביי זיינע גייסטיקע און מאָראַלישע מעלות און פייאיקייטן. זיין הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פאַר אַלע ציוניסטישע אַקציעס, פאַר אַ ברייט פאַרצווייגטער מזרחי טעטיקייט אויפן געביט פון פראָפּאַגאַנדע, געלט־זאַמלונגען א. א. וו.

ווי אַ גאון אין תורה און אין וועלטלעך וויסן, איז ער רב און מנהיג פון זיין עדה — אָבער דאָס האָלט אים ניט צוריק פון זיין דער עסקן בצרכי צבור אינעם גרויסן היסטאָרישן פאַרנעם פון וועלן בויען די מדינה, אַ לאַנד פאַר זיין פאָלק וואָס גאַרט זיך אומקערן צום לאַנד פון זייערע אָבות . . . אויף אַלע קאָנפערענצן וואו נאָר ער טרעט ארויף אויף דער בימה, ווייזט ער אָן, אַז די איינציקע לייזונג און די אמת'ע הילף איז שיבת ציון.

ר' שמואל מאָהילעווער איז געווען דער געטרייסטער נאָכפאָלגער פון רצ"ה קאַלישער, דער תלמיד מובהק פון ר' עקיבאָ איגר (1761-1737) נאָך פון דער ליסער תקופה, וועלכער האָט דער ערשטער ארויסגעבראַכט דעם דאן גאָר געוואַגטן רעיון פון שיבת ציון אַלס באַזע און הכנה פאַר דער גאולה שלימה, און האָט פאַרעפנטלעכט ספרים אויפצוקלערן דעם דאָזיקן געדאַנק.[3]

„שוין 25 יאָר — שרייבט צבי הירש קאַלישער — אַז עס האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ גייסט צו באַזעצן דאָס לאַנד פון אונזערע עלטערן, און איך האָב געבראַכט ריכטיקע באַווייזן וועגן דעם שטאַרקן חוב וואָס ליגט אויף אונז. איך האָב אויך גערעדט וועגן דעם, מיט מיין גרויסן רבי'ן, הגאון רבן של כל בני הגולה ר' עקיבאָ איגר זצוק"ל, ווען ער איז נאָך געווען ביים לעבן און ער האָט מסכים געווען מיט מיר. עס איז קלאָר ווי די זון, אַז די סיבה פון אונזער גאולה, וועט זיין, וואָס ארץ ישראל וועט באַזעצט ווערן דורך יידן, די וויסטעניש וועלן אויפגעלעבט ווערן און דאַן וועט אויפשפּראָצן די ליכט פון משיח בן דוד און עס וועלן מקוים ווערן אַלע צוזאָגן פון די נביאים . . . "

פון ר׳ צבי הירש׳ן האָט ר׳ שמואל מאָהילעווער אויך געלערנט דעם וועג פון פראָפּאַגאַנדירן דעם ציון געדאַנק דורך באַזוכן גרויסע פּערזענלעכקייטן, זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט איינפלוסרייכע פּערזאָנען, שרייבן בריוו צו גדולי ישראל און וועקן דאָס געוויסן ביי פאַרמעגלעכע יידן.

אין זיין לענגערן בריוו צו ר׳ אשר אנשיל ראָטשילד פון פראַנקפורט (1773-1855) שרייבט ר׳ צבי הירש צווישן אנדערן: די דערלייזונג פון ישראל און דאָס קומען פון אונזער משיח, אויף וועלכן מיר האָפן און שטרעבן יעדן טאָג, זאָל קיינער ניט טראַכטן, אז דאָס וועט קומען פּלוצלונג . . . ביסלעכוויז וועט די גאולה קומען . . . ביסלעכוויז, דורך א לאַנגזאַמען פּראָצעס, וועט אַרויס־שפּראָצן דער הילפס־האָרן (קרן ישועה) און עס וועלן אָנהויבן רעאַליזירט ווערן די פאַרשפּרעכונגען פון די נביאים . . . דער אָנהויב פון דער גאולה וועט קומען דורך א נאַטירלעכער סיבה און דורך דעם ווילן פון די פעלקער, און דאָס וועט מיינען א טייל פון קיבוץ גליות . . . נאָך א לאַנגן לײדנס וועג און פרייד פּראָצעס . . . וועט קומען צו א שרעקלעכער גוג ומגוג מלחמה, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין יחזקאל[4] און נאָכדעם וועט קומען די גאולה שלימה און דער פאָלקאָמענער קיבוץ גלויות[5].

די אָפיציעלע אָבות פון רעליגיעזן ציוניזם און דער חיבת ציון באַוועגונג פאַר דער מזרחי באַוועגונג זיינען געווען: דער נצי״ב (ר׳ נפתלי צבי יהודה ברלין), ר׳ שמואל מאָהילעווער און ר׳ מרדכי עליאַשבערג (1817-1889). דער ערשטער האָט געגעבן דער מזרחי, זיין פירער און אָרגאַניזאַטאָר, וואָרט־זאָגער און וועג־ווייזער ביז דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל — ר׳ מאיר ברלין (בר אילן) (געבוירן וואָלאָזשין ערב ר״ח אייר תר״מ; נפטר י״ט ניסן, ד׳ חוהמ״פ תש״ט, ירושלים), וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט פון „בית אבא" און פון דער וואָלאָזשינער ישיבה[6], וועלכע האָט אַרויסגעגעבן די בעסטע זין פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג[7]. אין משך פון זיין גאַנצן לעבן געשטאַנען אין קאַמף פאַר דער יידישער רענעסאַנס געבויט אויף דעם באַזיס פון תורה און מצוות; געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם צוג פאַר א הערליך שיין תורה׳דיק ארץ ישראל. א וויזיאָנער און רעאַליסט מיט א סכעמאַטישן אינסטרומענט צו באַזאָרגן דעם קיום פון אידישן פאָלק, אנערקענענדיק דעם נציב׳ס גרונט געדאַנק וועגן קדושה און עבודה פאַרן ישוב ארץ ישראל אלס „בריח התיכון המבריח את ישראל מקצה העולם ועד קצהו לדעה אחת . . . "[8]. דער נציב דריקט זיך אוים אויף אַן אָרט:

„מיר זען די האַנט פון דער השגחה העליונה, אז אין אונזער דור זאָל זיך אָנהויבן דאָס אויפלעבן די וויסטענישן פון לאַנד דורך יידישע קינדער . . . היינט איז געקומען דער שעת רצון . . . קול המון כקול שדי און מיר דאַרפן נאָכגיין

דעם דאָזיקן קול און זיך פאַרלאָזן אויף השית"ב, אז ער וועט ענדיקן נאָך אונז . . . "

ר' מרדכי עליאשבערג, באקאנט אלס ר' מרדכי'לע בויסקער (י"ח אדר תקע"ז-י"ח כסלו תר"ן), גרויסער עסקן און רעליגיעזער נאציאָנאַלער פילאָזאָף, אונטער וועמענס השפעה עס איז שטענדיק געשטאַנען דער מרא דארעא דישראל הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל, האָט צוגעגעבן די באזע פאר דער רעליגיעזער מחשבה פון דער ניי־געבוירענער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין זיין צוואה צו די בויער פונעם ישוב, זאָגט ער זיך ארויס: די אלע וואָס פאַרנעמען זיך מיטן אויפבוי פון ארץ ישראל דאַרפן זיין דורכגעדרונגען מיטן תורה־גייסט און זיך פירן לויט די מצוות פון דער תורה. אין דער אָנפירערשאַפט פון די קאָלאָניעס דאַרפן זיין גדולי תורה, בעלי מידות, וועלכע זאָלן ווירקן מיט זייער עטישער אויפפירונג און באַנעמונג, מיט זייער מענטשנליבע; זיי זאָלן אָננעמען דעם מאָטאָ פון אהרן הכהן: אוהב שלום ורודף שלום ומקרבן לתורה . . .

דער אומקער קיין ארץ ישראל האָט פאר אים געמיינט אומקער צו די הייליקע אטריבוטן פון א תורה'דיק לעבן.[9]

נאָך איינער פון די עליאשבערגס, ר' יונתן עליאשבערג (איז געווען רב אין וואָלקאָוויסק, געשטאָרבן זייער יונג), האָט א סך געטאָן פאר מזרחי. דר. מ. איינהאָרן, אין זיין מאָנאָגראפיע וועגן וואָלקאָוויסק[10] שרייבט צווישן אנדערן:

„הרב יונתן ז"ל איז געווען א גרויסער רב און אפילו באַקאַנט געווען אלס איינער פון די גאוני התורה אין יענעם דור. ער איז געווען א חכם, א סופר און א דענקער און אלע חכמי־הדור און גרויסע משכילים פלעגן זיך מיט אים צונויפשרייבן און אים זייער שעצן. צווישן איינעם פון ר' יונתנ'ס ספרים האָט הרב קאסאווסקי געפונען א בריוו, געשריבן פון רש"י פין ז"ל פון ווילנע, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענע משכילים און געלערנטע פון יענעם דור און אויך איינער פון די „חובבי ציון". אין דעם דאָזיקן בריוו איז באהאנדלט געוואָרן די פראגע וועגן א חשוב'ער אסיפה, וואָס איז פאררופן געוואָרן פאר דער ערשטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין קאטאָוויץ, מיט אומגעפער זעכציק יאָר צוריק.

„הרב ר' יונתן עליאשבערג ז"ל איז געווען דער מחבר פון „קסת יהונתן" און „ספר המדות". ער האָט געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער קהלה פון וואָלקאָוויסק און ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט אריינגעפירט דעם אידעאל פון חיבת ציון צווישן די וואָלקאָוויסקער יידן . . . "

ס'ווילט זיך דאָ א ביסל מאריך זיין — און איבערגעבן דאָס גרויסע קאפיטל געשיכטע „מזרחי" פאר זיין גרינדונג אין ווילנע, כ"ה־כ"ו אָדער א, תרס"ב; מיר זענען אָבער באַגרענעצט אין צייט און אין אָרט און ס'וועט זיין גענוג בלויז דערמאָנען, אז די גדולי ישראל, האָבן א גרויסן חלק אין יענעם ערשטן „קול

קורא" פון מזרחי, פראקלאמירנדיק: „בארצות הגולה אי אפשר לנשמת האומה, שהיא תורתינו הקדושה להתקיים בכל כחה, ולמצוותיה להשתמר בעצם טהרתן . . . אין מבטח אחר לציון שתתכונן, בלתי אם במשמרת היהדות הנאמנה בכל תקפה ובכל טהרתה".

דער מזרחי אידעאל, בויען דאָס לאַנד לויט דעם יידישן דת, האָט דאָך זיינע טיפע וואָרצלען אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און אין לעבן פון יידישן מענטש אין אַלע דורות. וועגן דעם קשר פון פאָלק, תורה, לאַנד און השם יתברך ווערט דאָך גערעדט אין אַלע מדרשים און אין אַלע ספרים פון וויכטיקן באַדייט. אַזוי אין די ספרי הלכה ואגדה און אַזוי אין די ספרי המקובלים, ר' יעקב עמדין (1776-1696), זאָגט זיך גאַנץ אָפן אַרויס, אַז: יעדער ייד דאַרף באַשליסן ביי זיך אין האַרצן עולה צו זיין און וואוינען אין ארץ ישראל . . . הערט מיך אויס, מיינע ברידער און פריינט וואָס וואוינען אין אַ ניט־יידיש לאַנד, אויף אומריינער ערד . . . איילט אייך צו, איילט אייך צו און טראַכט ניט צו בלייבן אין חוץ לאַרץ, וואו עס קאָן חלילה מקוים ווערן די קללה: „ואכלה אתכם" . . . עס דוכט זיך אונז, ווען מיר זיצן אין חוץ לארץ, אַז מיר האָבן שוין געפונען אַן אַנדער ארץ ישראל, אַן אַנדער ירושלים . . . ישראל איז גאָט'ס נחלה; זיין נחלה איז דאָס לאַנד און די תורה איז אָפּהענגיק פון ביידע . . . ווער עס פאַרלאָזט איין זאַך, פאַרלאָזט במילא די צווייטע זאַך (התורה תלויה בשניהם: בעם ד' על נחלת ד', והעוזב אחת עוזב השנית . . .).

הרב קוק ברייטערט אויס דעם דאָזיקן געדאַנק, גיט אים אַ טיף פילאָזאָפישן אינהאַלט: סגולת הארץ וסגולת האומה מתאימות יחד. כשם שהאומה מיוחדת להתרוממות האלהית במעמקי חייה, כך הארץ, ארץ ד' מכשירה את העם היושב עליה בנחלת עולמים . . . נצח ישראל מיוסד על הטבע האלקי הקבוע במטבעת ארץ חמדה נפלאה זו . . .

ר' שמואל מאָהילעווער'ס גרעניצלאָזע ליבע צו ציון און זיין איבערגעבענקייט צום ישוב האָרץ האָט אים געגעבן די געהעריקע קראַפט און גרויסע ווירקונג צו גרינדן אין ביאַליסטאָק די באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אידעאַל און אויף דער עצה פון דעם קדוש ר' אברהם יצחק סלוצקי[11], אַ נאָמען געגעבן דעם קרייז „מזרחי", אַ פאַרקירצונג פונעם רעליגיעזן נאָמען מרכז רוחני, פון וועלכן ס'איז אַרויסגעוואַקסן די מזרחי באַוועגונג אַלס רעליגיעזע ציוניסטישע פראַקציע אינעם ציוניזם.

ר' שמואל מאָהילעווער, ווי לעאָן פינסקער (1821, — כ' כסלו, תרנ"ב 1891) דער אָנזאָגער פון מאָדערנעם ציוניזם איז דער פאָרלויפער פונעם מזרחי און פונעם הפועל המזרחי, וועלכע האָבן, ווי ער, געוואָלט האָבן אין ארץ ישראל אַ פול תורה'דיק לעבן, פעסטשטעלנדיק די סימפּטאָמען אין יידנטום, אַנאַליזירנדיק די סבות פון דער יידן־נויט; באַקענענדיק זיך טיפער מיט דער טראַגעדיע פון

אויסדערוויילטן פאָלק — איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס יידנטום מוז קעמפן פאַר:

1) זעלבסטבאַפרייאונג.
2) פאַר אַן אייגענער נאַציע אויפן אייגענעם ארץ אבות.
3) אומקער צום נביאים אידעאַל.
4) שאַפן אַ געזעלשאַפט פון אידעאַלן יושר.

די תורה ועבודה באַוועגונג ווי דאָס קינד פון צעירי מזרחי האָט אריינגעבראַכט אַ נייעם פרישן טאָן סיי אינעם אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, סיי אינעם קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. זיי האָבן אריינגעבראַכט אַ נייעם פּולסירנדן כח און אינהאַלט אינעם ציוניזם; זיי האָבן באַווירקט די רעליגיעזע אינטעליגענטע יונגעלייט אינעם מזרחי לאַגער און נאָך מער, די לעצטע, האָבן זיך פאַרנומען מיט די פּראַקטישע אַנטוויקלונגען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, באַווייזנדיק, אַז לעבנדיק לויט די רעגולירונגען פון שלחן ערוך, פון תורה קאָדעקס, קאָן מען בויען אַ געזעלשאַפט וועמענס ציל זאָל זיין זיכערהייט, פרייהייט און וואוילזיין פונעם מענטשן . . . און אַז אויף דערויף פאָדערט זיך ניט דווקא סתם אַזוי אמונה, סתם גלויבן, נאָר אויב מען וויל זיין היסטאָריש רעטראָספּעקטיוו ערלעך, זעט מען אַז דורך דעם אידעאַל פון תורה ועבודה, קען מען אויפבויען אַ נייע גערעכטע מענטשלעכע געזעלשאַפט וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלע קלאַסן און אַלע שיכטן.

איינער פון די וועלכער האָט דער ערשטער ארויסגעבראַכט דעם אידעאַל פון תורה ועבודה איז אויך געווען אַ מאַן מיטן נאָמען שמואל — ר' שמואל חיים לאַנדא, באַקאַנט אין דער באַוועגונג מיט'ן נאָמען שח"ל. וועגן אים דריקט זיך אויס ר' בנימין: „בן ל"ו היה במותו וכאחד מל"ו מלא את עבודתו בצניעות ובקדושה". ער האָט געלעבט 36 יאָר און אַ ל"ו אידעאַליסט געווען אין זיין לעבן.

אָבער וועגן אים אין אַ קומענדיקן קאַפּיטל.

ב. מזרחי פירער וועלכע האָבן פאַרשטאַנען וויכטיקייט פון רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט. — ר' יצחק ניסנבוים באַגייסטערט פון תו"ע אידעאָלאָגיע.

מ. ש. גשורי[1] פאַנגט אָן זיין מאמר „מסלילת הכביש עד בנין בית הפועלים" (ראש פנה תרפ"א — תל־אביב תרפ"ו) מיט די ווערטער: „די געשיכטע פון מזרחי, דער „פּאַטער" פון דער באַוועגונג . . . פאַנגט זיך אָן אין א ד ר און אויך דער הפועל המזרחי, דער „זון", (דאָס קינד — נ. ש.) האָט זיין אָנפאַנג אין א ד ר , דעם פינפטען טאָג אין אָדר א', תרפ"א (1921), האָט זיך אין ירושלים, אָרגאַניזירט די ערשטע „הפועל המזרחי"־אָרגאַניזאַציע[2].

נאָך צוואַנציק יאָר מזרחי עקזיסטענץ, (געגרינדעט כ"ה אדר, תרס"ב — 1902) איז געבוירן געוואָרן דאָס נייע צאַפּלדיקע קינד און אויף דער

יידישער גאַס, איז אַרויסגעקומען אַ נייע רעליגיעזע באַוועגונג, אַ רעליגיעז־אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט וועלכער האָט אין די יאָרן פון קאַמף און עליה געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין היסטאָרישן גאַנג פון בנין און תחית הארץ והאומה.

די בשורה וועגן דער גרינדונג פון „הפועל המזרחי", האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער, באַזונדערס אין פּוילן און ליטע וואו די רעליגיעזע יוגנט האָט געזוכט אַ וועג אין לעבן . . . פון נאָענט און ווייט, האָט מען די באַוועגונג אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג און געלייגט אויף איר גרויס האָפנונג, פילנדיק אַז זי וועט זיין בכח אַריינצובלאָזן אַ נייע נשמה אין דער רעליגיעזער יוגנט, איר דערציען אויף געזונטע יסודות פון באַוואוסטזיניקייט און ווערן באַזעלט מיט'ן גייסט פון קאַמף פאַר אַ נייעם סדר אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, באַזירט אויף אַ גערעכטן נאַציאָנאַל־רעליגיעז־סאָציאַלן יושר. דער אידעאַל פון הפועל המזרחי האָט געמיינט די סינטעזע פון בענקענדיקן נעכטן און שטרעבנדיקן מאָרגן — די לעבנספולסן פונעם פאָלק אין זייער דינאַמישן אויסדרוק, די אָנרעגנדיקע קראַפט פאַר דער פאַנאַנדערוואַקסונג און פאַנאַנדער־בליאונג פון דעם גרויסן אידעאַל אינעם לאַנד פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער גרויסער צוקונפט־גאולה.

ניט אַלע פון דער מזרחי האָבן פאַרשטאַנען דעם אידעאַל פון תו"ע, אייניקע האָבן געקוקט מיט חשד אויף דער נייער באַוועגונג און אַנדערע מיט בטול, ניט באַנעמענדיק ווי געהעריק דעם אויפשטייג אויף דער אַרענע פון דער נייער באַוועגונג. עס זענען אפשר אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן צוליב פּסיכאָלאָגישע און ריין־עקאָנאָמישע אינטערעסן ניט געקענט קוקן אָביעקטיוו אויף דעם וואוקס פון דער יוגנט־באַוועגונג, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז דער אָנשפּאַר און אינספּיראַציע פון מזרחי דאַרף זיין די חלוצישע יוגנט.

בלויז געציילטע מזרחי־פירער האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַן אָרגאַניזירטער רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט און באַגריפן דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט־גערעכטיקייט על פּי תורת ישראל, פּונקט ווי אַלע מצוות פון דער תורה. צו ז י י , געהערט דער שפּעטער אַנערקענטער רבי פון פּועל־מזרחיזם, דער רב הראשי ר' אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל; מיין רבי, דער גאון און פּוסק ר' יהודה ליב גרויבאַרט זצ"ל; זיין חבר לדעה אין פולסטן זין פון וואָרט, הרב יהודה ליב קאָוואַלסקי, דער וולאָצלאַוועקער רב (נפטר ברעסלוי ד' מנחם אָב, תרפ"ה, אין עלטער פון 62 יאָר), הרב משה אביגדור עמיאל, הויפּט־רב פון תל־אביב, און דער באַוואוסטער מזרחי טריבון און פּרעזידענט פון מזרחי אין פּוילן, הרב ר' שמואל בראָט, הרב מאיר בערלין, הרב זאב גאָלד און נאָך אייניקע האָבן זיך באַצויגן סימפּאַטיש צו דער תו"ע באַוועגונג און געהאָלפן איר אַנטוויקלונג.

הרב עמיאל, זייענדיק באַהערשט פון תו"ע רעיון, האָט אַפילו פאַרעפנטלעכט א סעריע אַרטיקלען אין „נתיבה", אויפן געביט פון תורהדיקן סאָציאַלן יושר, וואָס איז שפּעטער אַרויס אין בוך פאָרם אונטערן נאָמען „הצדק הסוציאלי והצדק המשפטי והמוסרי שלנו"[3] — א טעמע וואָס איז ווייט ניט אויסגעשעפּט געוואָרן, אָבער דאָך א ציגל צום בנין. אין דעם אַריינפיר פון די אַרויסגעבער ווערט געזאָגט:

„אכן עם התעוררות תנועת התחיה בישראל ובתוכה הענף הצעיר והרענן של הנוער הדתי אשר חרת על דגלו את סיסמת „תורה ועבודה", בא מפנה חדש שהביא גלוי רב ערך בחיי היהדות . . . ותיתי לו למורנו הרב הגאון מ. א. עמיאל שליט"א (ז"ל), שהוא היחידי מבין גדולי התורה שבדורנו אשר נתן דעתו על הענין הזה, וגם דלה „מבאר זו חפרוה שרים, כרוה נדיבי עם" והעלה השקפת־עולם מקיפה שנתגבשה ביהדות הדורות הפותחת לנו שערים רחבים לפתרון שאלות החיים עפ"י התורה . . . "

דער מחבר פון „דרשות אל עמי" האָט גענומען א לעבעדיקן אינטערעס אין אָט די לעבנס־ברענענדיקע פראַגן און זיך אַרויסגעזאָגט ווי אַזוי זיי צו לייזן על פי תורה שטאַנדפּונקט. פונעם טרוקענעם דין, ווייזט ער אָן, די ליכטיק־תורה'דיקע קדושה און אהבת ישראל וואָס שטראַלט אַרויס איבער דער געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, גאולת העם, גאולת הפרט והכלל און פירט די מענטשהייט אויפ'ן העכסטן שטאַפּל פון דער לייטער „וראשו מגיע השמימה . . . " צום העכסטן אידעאַל פון „קדושים תהיו, כי קדוש אני!"

ווי א טיף־דענקערישער מענטש, ווייזט ער אָן, די וועגן פון גערעכטיקייט; די באַגריפן פון עטיק ביים יידישן פאָלק. דער „דעת הקהל",—שרייבט ער—מוז ניט קומען תמיד צום אויסדרוק דוקא דורך רעוואָלוציעס . . . דאָס יורידישע געזעץ ווערט פיל מאָל געענדערט לויט די אומשטענדן און פאַרשטענדעניש פון די ריכטער וועלכע זענען דאָך אויך א טייל פונעם פאָלק און ווערן באַאיינפלוסט פונעם פאָלק „ומה שהיה אתמול צדק מוחלט נעשה היום לרשע גמור ולהיפך"... פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַן אונטערשייד פון דעם „צדק המשפטי" און דעם „צדק המוסרי": דער ערשטער קוועלט אַרויס פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און זיין הויפּט־צוועק איז „תיקון המדינה", אין ברייטערן זין, „תיקון העולם" און דער צדק המוסרי קוועלט אַרויס פון די אינערלעכע האַרץ־געפילן — און זיין תכלית איז „תיקון־הנשמה" . . .

ביים יידנטום, קוועלן זיי ביידע אַרויס פון איין מקור — דער מקור פון „קדושים תהיו, כי אני ד' אלקיכם — ל ה ד ב ק במדותיו של הקב"ה . . . "

און דערפאַר — פירט ער אויס — וואָס די באַגריפן פון עטישער גערעכטיקייט און די באַגריפן פון געזעצלעכער גערעכטיקייט קומען פון איין קוואַל, פונעם קוואַל: „מה הוא רחום אף אתה רחום . . . דער תורה־געטלעכער

מקור פון אבסאָלוטער גערעכטיקייט, וואָס רעכנט זיך ניט מיט צייט און אָרט...
מיר געפינען אין דער עשרת הדברות די דאָזיקע סינטעזע („התערובות האלה״ ...) צוזאַמען מיט'ן לא תרצח און לא תגנוב, די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון יורידישן געזעץ קומט דער לא תחמוד, דער העכסטער מאָראַליש־עטישער געזעץ צו וועלכער די מענטשהייט האָט ווייט זיך ניט דערהויבן ....[4]

דעריבער איז ביי אונז מעגלעך, די שטראָף פון גנב זאָל זיין גרעסער פון דער שטראָף פונ'ם גזלן: שאלו תלמידיו את רבן יוחנן בן זכאי, מפני מה החמירה בגנב יותר מבגזלן? אמר להם: זה השוה כבוד עבד לכבוד קונו, וזה לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו[5].

הרב עמיאל ווי נאָך אייניקע מזרחי־טעאָרעטיקער, האָבן געזען אין אָט דער נייער יוגנט באַוועגונג דעם סינטעז וואָס פאַראייניקט ניט בלויז דעם ע ב ר מיט'ן ה י י נ ט און מיט'ן מ אָ ר ג ן נאָר בעיקר דאָס נאַציאָנאַלע מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן. ניט קיין נייע זיטלעכקייט האָבן זיי עס גדאַרפט באַווייזן אין דער אויפלעבונגס־תקופה. זיי האָבן אָבער געבראַכט דעם טיפן גלויבן אינעם גליקלעך־ליכטיקן מאָרגן, אַרויסברענגנדיק אינעם לעבן און דורך רעליגיעזן ברען, די ביבלישע נבואה און די סאָציאַלע לערעס ווי געלערנט אין יידישן „אורחות חיים״ אנשטאָט דעם דיאַלעקטישן היסטאָרישן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

די תו״ע אידעאָלאָגן וואַרפן אָפּ די פילאָזאָפישע יסודות פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, זיי זענען קעגן אירע דאָקטרינען און קעגן אירע פאָרמען, מעטאָדן און טאַקטיק; זיי זענען אָבער פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער אָרדענונג וואָס דערמעגלעכט און דערמוטיקט די אויסנוצונג פון מענטש דורך מענטש, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו באַרייכערן זיך אויפ'ן חשבון פון אַנדערע, די מעגלעכקייט אויסצונוצן פרעמדע מי און אַרבעט . . .

אָבער, ווי געזאָגט, האָבן גאָר ווייניקע דאָס אויפגעפּאַסט אין זיין פולן פאַרנעם און באַדייט. אייניקע האָבן דאָס ערשט שפּעטער איינגעזען און סוף־כל־סוף אנערקענט דעם הפועל המזרחי אלס גרויסן פאַקטאָר פאַר דעם רעליגיעזן אויפבוי פון מדינת ישראל, ווי עס טוט ר' אריה ליב געלמאַן[5]. ער רעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן די רעליגיעזע חלוצים, די „בנים־בונים״, די פייערדיקסטע אידעאַליסטן פון כפר עציון, משואות יצחק און אַנדערע קבוצות, וואו ער האָט געזען התרוממות הנפש, פייערלעכקייט[6].

איינער פון די ווייניקע וואָס האָט געהאַט אַ קלאָרע וויזיע וועגן דער ראָל פון הפועל המזרחי און געפירט מיט די אַנדערע מנהיגים אַן עקשנותדיקן, מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר'ן הפועל המזרחי, איז געווען דער קדוש ר' יצחק ניסענבוים הי״ד (כ״ה תשרי תרכ״ט־1868; אומגעקומען אין תש״ג־1943), מיטגרינדער פון מזרחי, פון די מערסט ווירקנדיקע כחות און וואָרט זאָגער ביים רעליגיעזן

ציוניזם, באַגלייטער פון מזרחי אין פּוילן פון געבורט ביזן אונטערגאַנג, צוזאַמען מיט׳ן חורבן פון פּוילישן יידנטום.

הרב ניסענבוים, דערזעענדיק דעם גרויסן כח פון הפועל המזרחי, האָט ער וועגן דעם גערעדט און געשריבן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, באַטראַכטנדיק די באַוועגונג פאַר דאָס בעסטע נאַטירלעך־לעגאַל געראָטענעם קינד וואָס איז ראוי צו האַלטן הויך דעם מזרחי־פאַן און זיך דערהויבן צו זיין דער עמוד־האש פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אויפלעבונג אין אונזער היסטאָריש־באַרעכטיקט לאַנד.

ער האָט געזען אין תו"ע דעם המשך פון דער פאָלקס־באַוועגונג וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע פון רעסטאַווירן די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג אויף די יסודות פון תורת און יושר ישראל ניט בלויז אויפ׳ן פּאָליטישן, קולטורעלן און גייסטיקן געביט, נאָר אויך אויפ׳ן געביט פון עקאָנאָמישער באַפרידיקונג, ווירטשאַפטלעכער באַנייאונג לעבנסנויטיק און לעבנסווירדיק פאַר׳ן קיום פון פאָלק.

ווי דער פירער וואָס האָט דערפילט די גאָר וויכטיקע מיסיע פאַר בנין הארץ, פריער אַלס סעקרעטאַר פון הרב שמואל מאָהילעווער און גרינדער פון „נצח ישראל" אין מינסק (אין יאָר תרנ"א) און נאָכדעם אַלס הויפּט פונעם מרכז־רוחני, שפּעטער מזרחי, פון די חובבי ציון אין ביאַליסטאָק.

זיין ערשטע דירעקטע באַקאַנטשאַפט מיט׳ן גורל פונעם יידישן אַרבעטער, אינעם לאַנד פון די אָבות, האָט ער געקראָגן אויף זיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל אין זומער תרס"ה (1905), אין צייט פון די גרויסע סטרייקן, אויפבררויזן און רעוואָלוציעס אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָרט, צווישן נס ציונה, רחובות און פתח תקוה איז פאַר אים קלאָר געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון יידישן אַרבעטער אין דער פולער שאַרפקייט און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט זיין גורל. זיין ביאָגראַפער שרייבט וועגן יענעם ערשטן איינדרוק:

„הבקור הראשון של הרי"נ בפתח תקוה הוא במטבח הפועלים. הוא מתוודע מקרוב אל הפועלים ובעיותיהם ומשתדל לעמוד על היחסים ביניהם לבין האכרים. בשבת הוא עולה בבית הכנסת הגדול ונואם נאום רב־רושם על ערכה של עבודה עב־רית. באותו יום הוא סר לביתו של יהושע שטאמפר ולמועדון הפועלים ועושה הרבה להשקטת הרוחות הסוערות . . . מהאכרים הוא דורש אהבת אחים לפועלים, רובם יוצאי רוסיה שמסרו את נפשם על כבוד היהודים וברחו משם בעוד מועד, ומאת הפועלים הוא דורש סבלנות ומתינות ביחסים עם האכרים[7].

דער אינטערעס צום יידישן אַרבעטער, ווערט ביי אים באַטראַכט ווי א וועלט־פּראָבלעם סיי פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, סיי פון יחידיש־אינדיווי־דועלן. ער נעמט זיך אָן פאַר צוויי יידישע אַרבעטער ,וועלכע האָבן לויט׳ן אַדרעסער קאָמיטעט, זיך געדאַרפט באַזעצן אין יבנאל, און קאַלוואַריסקי, דער דירעקטאָר,

האָט דעם ענין אינגאַנצן איגנאָרירט. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט קאַלוואַריסקי׳ן, טאַדעלט ער אים פאַר אָט דער האַנדלונג און זאָגט אים: „גורל שני הפועלים הוא ענין פעוט בעיניך אתה, המייסד מושבות ומושיב בהן מאות משפחות, אבל התישבותם של שני הפועלים האלה, הוא ענין שחייהם תלויים בו, וזה מטריד את הועד האודיסאי . . .8".

ווי ער גיט איבער אין זיין לעבנס-ווערק „עלי חלדי"9, האָט אים דאַן שטאַרק אינטערעסירט און איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פונעם יידישן אַרבעטער.

זיין פאַרהערלעכונג צום יידישן אַרבעטער, איז רחמנות און סימפּאַטיע. און ער האַלט אַז ס׳דאַרף ניט הערשן דער צוויי קלאַסן סיסטעם פון אַרבעטס געבער און אַרבעטס נעמער און ער פירט אויס: „לא די לשבת עם הפועלים, צריכים גם לעבוד עמהם ולעבוד עוד יותר מהם . . . " און ערשט דאַן, ווייזט זיך אַרויס אַ סימן ברכה.

אין פּתח תקוה, איז פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס אַרבעטער פּראָבלעם אין זיין פולן פאַרנעם און אָנגעהויבן באַגרייפן די וויכטיקייט פון האָבן אַן אָרגאַניזירטע־רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל.

דאָס געפיל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז דאַן ביי אים רייף געוואָרן. ווי אַ תורה־ייד, האָט ער געוואוסט די פאָדערונגען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט פאַר׳ן אָרימאַן, פאַר׳ן גר, פאַר׳ן יתום, פאַר דער אַלמנה, פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון דער תורה, האָט דאָ געשאַרפט דאָס סאָציאַלע־גערעכטיקייט־געפיל ביים יידישן פאָלק און אוודאי ביי זיינע פירער.

ניסענבוים איז אָבער דאַן געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט און געזען די מאָראַליש־עטיש־פּאָליטישע קאָנסעקווענצן אַלס פועל יוצא פון עקאָנאָמישן קאַמף צווישן דער יידישער בורזשואזיע און פּראָלעטאַריאַט און ער איז אויפגעציטערט געוואָרן, זעענדיק אַז אינעם לאַנד פון תחית העם העברי, וואו די אַרבעטערשאַפט ברענגט צום אויסדרוק דעם דורותדיקן ווערט און בייטראַג צו דער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם — אַז דאָרט זאָל ניט הערשן סאָציאַלער יושר.

אין יענעם מאָמענט, האָבן אים ניט פאַראינטערעסירט די קאָסמישע אידעאַלן און די פרייהייטס באַגערן, די לאָזונגען פון די פרייהייטס־באַגערן, די לאָזונגען פון די דעמאָלטדיקע רעוואָלוציאָנערן אין דער העראָאישער עפּאָכע, ווען וועלט־יוגנט האָט זיך געלאָזט מיט גיגאַנטישע כוחות און פאָלקסטום גבורה, מיט אומגעצוימטן ווילן און גרענעצלאָזן ענטוזיאַזם צו מאַכן אַ סוף צו די טראַדיציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט . . . אים האָבן בעסער אימפּאָנירט די יונגעליט וועלכע האָבן גענומען קעמפן אינעם „תחום המושב", אין די אייגענע רייען פאַר דעם עטיש־סאָציאַלן באַנעם, וואָס דערנענטערט דעם „אחרית הימים".

ווי איינער פון די מזרחי בויער און געשטאַלטער פון יענער תקופה, האָט ער דערפילט דעם כח פונעם אַרבעטס מענטש און זייענדיק דורכגעדרונגען מיט׳ן

גייסט פון „חיבת הארץ", וואָס האָט אים פאַרטראָגן אין די הויכע ספערן פון האַרמאָניע, טרוים און שלימותדיקייט, איז ער געשטאַנען מיטביידע פיס אויף דעם ארץ ישראלדיקן באָדן אונטער דעם ארץ ישראלדיקן הימל און געזען די מעגלעכקייט פון אַ גראַדואַלן עוואָלוציאָנערן גאַנג פון רעליגיעזן סאָציאַליזם אין עקאָנאָמישער רעאַליטעט און אין גייסטיקער דערהויבנקייט.

ניסנבוים'ס סאָציאַלע אָרדענונג געפינט זיך אינעם „חזון הנביא", אין „דעת אלקים" וואָס דאַרף אָנפילן דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד „כמים לים מכסים". די רעליגיעזע פליכטן, די מצוות שבין אָדם למקום מוזן קומען אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט די מצוות שבין אָדם לחברו, ווייל גאָט וויל האַרציקייט און ניט קיין קרבנות (הושע) און „אַז איר וועט פאַרשפּרייטן אייערע הענט אין געבעט, וועל איך, גאָט, אַוועקנעמען מיינע אויגן פון אייך, וויפיל איר זאָלט ניט תפלה טאָן — איך וועל אייך ניט דערהויבן . . . וואַשט אייך, רייניקט אייך, נעמט אַוועק דאָס שלעכטס פון אייערע מעשים . . . לערנט זיך גוטס טאָן, זוכט גערעכטיקייט, שטאַרקט דעם באַרויבטן, ברענגט רעכט פאַר דעם יתום, נעמט זיך אָן די קריוודע פון די אַלמנות.[10]

רי"נ זעט אויך דעם תהום צווישן יידן און ניט־יידן אין באַצוג פון זייער עקאָנאָמישער, פּראָפעסיאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור און ער אַנאַליזירט די עיקרים פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער לייזונג:

העיקר הראשון — עבודה, עבודת כפיים, היוצרות ערכים גופניים פשוטים...

העיקר השני — המוסר בכל היקפו הכולל בקרבו אמת שבלב, יושר, צדק, אמון וכל המדות שמנו חכמים באדם ובחברה . . .

העיקר השלישי — כבוד האומה, אחדותה ותקותה . . .

די סינטעזע פון אַ לייזונג פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, גייסטיק־קולטורעלע און רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ער נעמט צוזאַמען די אידעאַלן פון די נביאים מיט די אידעאַלן פון סאָציאַליזם; ער וויקלט זיי צוזאַמען אין איין טלית, און שאַפט די געלונגענע קאָמבינירונג פון אידייען וועלכע זענען טיף פאַרוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נשמה און אין יידישן לעבנס־געפיל — די ברידערלעכע געמיינשאַפט פון אַלע מענטשן און פון אַלע פעלקער.[11]

אינעם „הפועל המזרחי" זעט ער, די פאַרווירקלעכונג פון אָט די מאַקסימאַלע אידייען.[12] זיין אידייע פון סאָציאַליזם און ווערט פון אַרבעטס־מענטש איז דער עיקר באַזירט אויף דער תנכישער אידייע פון יושר אינעם לאַנד פון די אָבות, ווי ס'האָט איר געזען דער נביא יחזקאל אין זיין וואונדערלעכער וויזיע, אין דעם טאָל פון די עצמות היבשות, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „היתה עלי יד ד' . . ." די האַנט פון גאָט האָט אַרויסגעפירט דעם נביא פונעם טאָל וואָס איז געווען פול מיט ביינער און די ביינער זענען געווען זייער פאַרטרוקנט, האָט דער נביא געזאָגט צו די ביינער: „איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פון

גאָט; זעט, איך ברענג אריין אין אייך אַן אָטעם און איר וועט לעבעדיק ווערן . . . ״ אין הפועל המזרחי, אלס באזונדערער סאָציאַל-עטיש-רעליגיעזער באַוועגונג האָט ער געזען דעם דינאַמישן כוח פון יידישער אויפלעבונג און באַנייאונג אין יידישן לאַנד אין וועלכער ער זעט די פולסטע האַרמאָניע פון גוף און נפש, חומרית ורוחנית און אַלע יסודותדיקע לעבנס-אידעאַלן פון יידישן פאָלק[13]

דאָס איז געווען די השקפה פון איינעם וועלכער ווערט טיטולירט אַלס לערער און וועגווייזער פונעם רעליגיעזן ציוניזם, ווי גענעכאָווסקי רופט אים „המורה״ און שילדערט אים אַלס איינער פון די „ענקי התנועה הציונית, ממורי דרכה ומניחי היסוד לבירור השקפת עולמה. איש התרבות הגדולה שמאחד באישיותו את החזון ואת המעשה . . . כששים שנה היה פעיל ומפעיל לרעיון תקומת העם במולדתו . . . בכל פעל והפעיל, הדריך והלהיב, גם ב„המזרחי״ וגם ב״הפועל המזרחי״ . . . כשנוסד החלוץ המזרחי בפולין, לפני עשרים ושלש שנים, היתה גדולה התענינותו של הרב ניסנבוים בעובדה זו . . . את עתיד „המזרחי״ ראה בדור הצעיר, בעבודה מעשית הנעשית מתוך חלוציות; ומכאן יחסו האבי ל„הפועל המזרחי״ . . . שמצא בו את התגשמות השאיפה של מחוללי רעיון חיבת ציון[14].
אין אַרבעט, זעט ער דעם פּאָזיטיוון ווערט פון מענטשלעכער קרעאַטיוויקייט.

ער פאַנגט אָן זיין מאמר: „העבודה והבטלה״[15] מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:
„תורת ישראל שונאת את הבטלה ואוהבת את העבודה. אדם ראשון הובא על פיה לגן אשר בעדן . . . הקללה האיומה „בעצבון תאכלנה כל ימי חייך״, מוצאת מקום לחול רק על האדם היחידי. עם עבודת רבים נטל ארסה של קללה זו, ועם עבודת כל האדם יבטל לגמרי. האדם יאכל אז פרי יגיעו בשמחה „ובא יבוא ברנה נושא אלומותיו״. אבל האדם לעבודה נועד, ובאשר גורש מגן עדן נשלח „לעבוד את האדמה אשר לקח משם״, ויש אומרים כי אדמה זו, היא הר מוריה[16].

לויט זיין מיינונג, איז קין׳ס זינד באַשטאַנען אין דעם ליידיק גיין. ער באַזירט דאָס אויף שפּעטערע פאַקטן אין תנ״ך. דוד, למשל, איז דער פאַסטוך, ער איז דער קלענסטער און דער יונגסטער און דעריבער איז ער פּאַסיק בלויז צו זיין א „רועה צאן״. דער פסוק[17] דערציילט: „עוד שאר הקטן והנה רעה בצאן״. איז דערפון געדרונגען, אַז דער מנהג איז געווען: די עלטערע, זאָלן באַאַרבעטן און קולטיווירן דעם באָדן און די יונגערע זאָלן פשוט פּאַשען די שאָף . . .

רי״נ זעט אין אַרבעט, די דערהויבונג פונעם מענטשן און די מעגלעכקייט צו ענדערן די סאָציאַלע ווירטשאַפטלעכע אָרדנונג, צו רעגולירן די מענטשלעכע פּראָדוקטיוויקייט וואָס זאָל ניט דערלאָזן צו עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטישקייט — דיזעלביקע לערע וואָס סאָציאַליסטן לערנען מיט דער וועלט זינט 1840, צו דערהויבן דעם אַרבעטס מענטש, מאַכן אים באַוואוסטזיניק, ענדערן זיינע מאַכט אָרגאַנען, געבנדיק אים פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיקונג, אַרויסנעמען

אים פון שקלאַפן צושטאַנד, געבן אים פולשטענדיקע פרייהייט . . . דאָס פּאַסיקסטע לאַנד פאַר'ן יידישן אַרבעטער, זעט ער אין ארץ ישראל, וואו ס'איז דאָ די מעגלעכקייט צו בויען אין אַ דער ריכטונג פון מאַקסימאַלער פרייהייט אונטער אַ מינימום הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. דאָרט אינעם לאַנד פון די אָבות, זעט ער די מעגלעכקייט צו שאַפן אַזאַ אָרדנונג.

אויך הרב זאב גאָלד (נפטר געוואָרן אין ירושלים אין עלטער פון 67 יאָר כ"ז ניסן, תשט"ו, אפּריל 8, 1956) מזרחי טריבון אויפ'ן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַ רעליגיעזער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען[18] שרייבט ער:

„דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ רעליגיעזער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, ווי הפועל המזרחי, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ סך יאָרן פריער, איידער דער הפועל המזרחי האָט זיך אָרגאַניזירט אין ארץ ישראל.

„קומענדיק קיין אַמעריקע, אַן ערך מיט 48 יאָר צוריק, איז דאָרט די לאַגע פון די אַרבעטער געווען אַ שרעקלעכע, דאַמאָלסט האָט נאָך עקזיסטירט אין ניו־יאָרק די באַקאַנטע „שוויץ־שאַפּס" . . . די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אין פינסטערע הייזער, אין וועלכע די זון־שטראַלן זענען נישט אַריינגעדרונגען . . . ער האָט געאַרבעט 14 אָדער 15 שעה אַן אויפהער, כדי צו פאַרדינען אַ טרוקן שטיקל ברויט. איך פלעג דאַמאָלסט זען אין די אָרימע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק ווי אַרבעטער גייען אַראָפּ פון די פאַבריקן־טרעפּ מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ האַרצרייסנדיקער הוסט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די אַנטוויקלונג פון דער טובערקולאָז־קראַנקהייט . . . איך האָב געזען די טרערן פון די עקספּלואַטירטע, איך האָב געזען די אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן אונטער דער זון און איך האָב געשריגן מיט אַ האַרץ־ברומעריי קעגן דאָס באַרויבן די אָרעמע לייט און קרעכצן פון די אביונים.

„ווען אין די דאָזיקע צייטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און טויזנטער יידישע אַרבעטער האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן, האָב איך מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט באַגריסן די דאָזיקע באַוועגונג. איך האָב זי באַטראַכט פאַר אַ הייליקע באַוועגונג און איך האָב מתפּלל געווען פאַר איר דערפאָלג. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ ליד, געשריבן דורכן אַרבעטער־דיכטער אין אַמעריקע, מאָרים ראָזנפעלד, וואָס איז געווען אַן עלעגיע אויף דער ירידה פון מענטש. ער האָט געשילדערט וויאַזוי אַ ייד זיצט פון דער פרי ביז ביינאַכט איינגעבויגן ביי דער ניי־מאַשין און מיט אַ בליץ־שנעלקייט דרייט ער מיט די פיס דעם ראָד פון דער מאַשין און מיט ביידע הענט ציט ער אריין אומאויפהערלעך דעם פאָדעם אינעם שטאָף, ביז דער דאָזיקער אומגליקלעכער ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ

מאשין . . . פארלירט זיין נשמה, דעם אייגנווערט, זיין פערזענלעכקייט, דעם צלם אלהים און ווערט פארוואנדלט אין א ניי־מאשין . . .״

ער שילדערט אויך ווי זיין הארץ האָט אים וויי געטאָן, ווען ער האָט געזען, אז די ארבעטער פירער, וועלכע האָבן גערופן צום בונט . . . האָבן אויך גערופן אראָפּצונעמען פון זיך דעם עול תורה ומצוות . . . אגיטירט כפירה, אפּיקורסות, יום־כפור בעלער און טעניץ — און ער האָט זיך דערמאָנט אינעם תמימותדיקן היימישן טיפּ בעל מלאכה, די ספּעציעלע בתי מדרש פאר די באזונדערע בעלי מלאכות אין די גרעסערע שטעט אא״וו.

„און — שרייבט ער — ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עליה אין הייליקן לאַנד אריין, האָב איך געטראַכט: אפשר וועט זיך דאָ אָרגאַניזירן א נייער ארבעטער־פארבאַנד, וועלכער וועט פארשטיין און פראָקלאַמירן אז אונזער תורה האָט שטענדיק געפאָדערט רעכט און סאָציאַלע גערעכטיקייט פאר ארבעטער. צו מיין באַדויערן האָבן אויך אין הייליקן לאַנד די ארבעטער־פירער פארגעזעצט די דאָזיקע משונהדיקע געוואוינהייט: צו פארבינדן דאָס אראָפּוואַרפן פון זיך די הערן־הערשאַפט מיט אראָפּנעמען פון זיך דעם עול מלכות שמים. גרויס איז אַלזאָ געווען מיין פרייד, ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט דער „הפועל המזרחי״ און האָט פּראָקלאַמירט די הייליקע לאָזונג פון „תורה ועבודה״.

הרב גאָלד דערציילט:

„איך געדענק, אז אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון מזרחי אין קראָקע, האָט אונזער פּראָמינענטער חבר הגאון ר׳ משה אביגדור עמיאל זצ״ל, וועלכער איז נאָכדעם געוואָרן תל־אביבער רב, געהאַלטן א רעפעראַט וועגן „די אידעאָלאָגישע יסודות פון מזרחי״.

„אינעם דאָזיקן רעפעראַט, וועלכער איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א בראָשור, האָט דער רעדנער אָנגעגריפן דעם הפועל המזרחי און האָט צווישן אנדערן געזאָגט, אז מען טאָר גאָרנישט צוגעבן צו דער תורה און ווער עס זאָגט „תורה ועבודה״, האָט אויך קיין תורה נישט . . .

„ווען כ׳האָב באַקומען די בראָשור האָב איך געשריבן צו הרב עמיאל ז״ל א בריוו, וואָס איז נאָכדעם פארעפנטלעכט געוואָרן אין „נתיבה״ . . . האָב איך אויפגעוויזן, אז די מיינונג פון אונזערע חז״ל שטימט נישט מיט זיינע רייד . . .

„עס איז נישטאָ קיין יידנטום און קיין תורה אָן ארבעט. דער דאָזיקער אידעאַל איז געקומען צו אונז בירושה . . . דער הפועל המזרחי האָט אראָפּגענומען די שאַנדע פון יידנטום . . . דעריבער דאַרף די מזרחי באַוועגונג זיין אַן איינהייטלעכע און אויב דער ארבעטער־טייל פון דער באַוועגונג איז אָרגאַניזירט, כדי צו פארטיידיקן זייערע ארבעטער־אינטערעסן, ברענגען זיי דערמיט א גרויסע ברכה פאר דער גאנצער וועלט . . .״

ווי באקאנט, איז הרב עמיאל, אין די שפעטערע יארן געווארן א גרויסער פריינט פון תורה ועבודה; געווארן איינער פון אירע אידעאלאגן און געהאלפן דער באוועגונג מיט ווארט, שריפט און מיט מעשים.

הערות

א.

1. לויט איינינקע — י״ט סיון.
2. ניסנבוים, עלי חלדי, ז״ז 117-126.
3. די ספרים, „דרישת ציון" (ליק, תרכ״ב); „שלום ירושלים" (טארן, תרכ״ח).
4. ל״ח, ב׳, ג׳; ל״ט, א׳, י״א, ט״ו.
5. זע, יצחק וורפל (רפאל), אגרות הרב צבי הירש קאלישער, אזכרה ה׳, ירושלים, תרצ״ז, ז״ז שצ״ד-שצ״ו. דער בריוו איז געדרוקט אין אנהויב ספר „יוסף חן" (ווארשע, תרל״ח) און איז „שיבת ציון", י׳, חלק ב׳, ווארשע, תר״ס, ז׳ 45.
6. וועגן אים — אין א ווייטערן קאפיטל.
7. זע, יצחק ריבקינד, הנציב ויחסו לחבת ציון, המזרחי ותקופותיו, וורשה, תרפ״ח.
8. זע, א. מ. גנחובסקי, גאון המחשבה הציונית, אזכרה, דארט, ז׳ תנ״ה.
9. באריכות וועגן דעם אין דער פריער דערמאנטער מאנאגראפישער ארבעט.
10. באנד 1, ז״ז 71-72.
11. אברהם יעקב סלוצקי, געב. אין נאוואגראד, סעווערסק, א שטעטל אין טשערניגאווער גובערניע, רוסלאנד, א „המליץ"-שריפטשטעלער, האט אין יענע התחלה יארן פון ציוניזם, ארויסגעגעבן א בוך א.נ. „שיבת ציון" מיט א הסכמה פון הונדערט רבנים, א היתר פון מאה רבנים אויף דער כשרות פון ציוניזם.

ב.

1. א לענגערע צייט, רעד. פון תו״ע ארגאן „נתיבה".
2. נתיבה, א׳ ניסן, תרפ״ז, חוב׳ ט׳-י׳, ז׳ 17.
3. תל-אביב, כסלו, תרצ״ו.
4. באריכות, דארט, ז״ז 75-77.
5. בבא קמא, ע״ט, ע״ב.
6. אין זיין בוך: „אינעם קאמף פאר דער יידישער מדינה", ניו-יארק, תש״ה, ז״ז 101-103; 132-133; 148-155; 202-209.
7. ישראל שפירא, הרב יצחק ניסנבוים, ירושלים, תשי״א, ז׳ 26. מזרחי פירער, ווי גדלי׳ בובליק אין אמעריקע און ד. נ. ברינקער, אין ארץ ישראל (מחבר פון לוח ירושלמי), האבן גראד נישט גורם געווען דעם הפועל המזרחי. דער לעצטער, האט באטראכט חברים פונעם הפועל המזרחי, ווי רעליגיעזע באלשעוויקעס (זע, נתיבה, חוב׳ כ״ד), (מ״ח, ט״ו אלול, תרפ״ח).
8. דארט, ז׳ 27.
9. וורשה, תרפ״ט, ז״ז 216-218; 222-229.
10. ישעיה א׳, ט״ו. זע אויך, יצחק ניסנבוים, כתבים נבחרים, בעריכת אלי׳ משה גנחובסקי, בהוצ׳ האחים לוין-אפשטין ושות׳, ירושלים, תש״ח, ז״ז רכ״ד-רכ״ה; רמ״ט-רנ״ט.
11. זע, ישראל שפירא, הרב יצחק ניסנבוים, ז״ז 7-8; 29-31; 50; „הצפירה", י״ד אדר, תרע״ז; כ״ח שבט, תרע״ח.
12. זע, „המזרחי", מס׳ 226, ז׳ 26, י״ז כסלו, תרפ״ד; שפירא, דארט, ז׳ 47.
13. כתבים נבחרים, ז״ז י״ט-כ״ה; ע׳-ח-פ״ד.
14. דארט, ז״ז ה׳-ח׳; „התור", גליון כ״א-כ״ב, כ״ד אדר, תרפ״ב.
15. כתבים נבחרים, ז״ז רכ״א-רכ״ח.
16. מדרש שוחר טוב, צ״ג.
17. שמואל א׳, ט״ז, י״א; כתבים, נבחרים, דארט — באריכות.
18. ייד, זשורנאל, פרייטיק, אקט. 31, 1947; אונזער וועג, פאריז, נומ׳ 16 (297), ז׳ 2.

קאַפּיטל זיבן־און־דרייסיק

הפּועל המזרחי אין ארץ ישראל

אין פּוילן איז געליגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער תו"ע באַוועגונג און אין ארץ ישראל איז געשטעלט געוואָרן דער בנין פון דער באַוועגונג. די יאָרן תרפ"א ביז תרצ"ד, שטעלן מיט זיך פאַר די גוואַלטיק־אומגעהויערע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג און איר אויפשטייג סיי אין פּוילן, סיי אין ארץ ישראל.

תורה ועבודה באַוועגונג אין ארץ ישראל און אין תפוצות ישראל. — „ראש פּינה" דער ווינקלשטיין. — וואוקס און השפּעה.

מיר'ן אָנהייבן פונעם ווינקעלע אין פּוילן: פינף חברים האָבן אין יאָר תרפ"א צוזאַמענגע־שטעלט די גאַנצע הנהלה פון דער באַוועגונג. דאָס זענען געווען חברים וועלכע זענען געשטאַנען ביים געבורט פון אָט דער באַוועגונג און געהאַט די וויזיע וועגן איר כח און מיסיע. מ. שולוואס, דערמאַנט זייערע נעמען: שמואל חיים לאַנדוי, הרב אלימלך נייפעלד, קלמן פרענקל, שמעון וואַסערמאַן און אהרן בלום. זיי צו הילף, זענען געקומען די ח"ח: הרב ישראל באַרנשטיין (דאַן רב אין רייוויץ, שפּעטער אין פּלאָנסק), מ. ש. גשורי (ברוקנער), דאַן שוין אַ תושב אין ארץ ישראל און י. גערטנער.

די באַוועגונג אין פּוילן איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און געהאַט גרוים דערפאָלג אין ווערבירן רעליגיעזע חלוצים־עולים. עס איז אויך אָנגעפירט געוואָרן איבערן לאַנד אַ ברייטע אינטענסיווע קולטור־אַרבעט פאַר הכשרה, פאַר פאַך־אויסבילדונג און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פונעם הפּועל המזרחי אין ארץ ישראל סיי אין זיין קאַמף קעגן דער „הסתדרות"־העגעמאָניע און סיי אין זיינע אינערלעכע הייסע אידעאָלאָגישע וויכוחים און פּאַרטיי ראַנגלענישן. פּוילן איז געווען דאָס וויגעלע פון דער באַוועגונג און דער בית היוצר פון דער אידעאָלאָגיע; דער צענטער פון פּראָפּאַגאַנדע אינערהאַלב און אויסערהאַלב דעם פּוילישן יידנטום. פון דאָרט איז געקומען די גרעסטע עליה אין די יאָרן תרפ־פ"א, וואָס האָט דערפירט צום הויכן קלימאַקס פון הונדערטער מזרחי־חלוצים וועלכע האָבן געקלאַפּט אין די טירן, פאַרלאַנגנדיק חלוצישע אַרבעט. די צענטראַלע פון מזרחי אין ארץ ישראל האָט זיך דערפילט הילפלאָז; די פאַרוואַלטונג, האָט צום ערשטן מאָל געזען, אַז זי קען ניט אויספירן איר באַרוף אָן דער מיטהילף פון דער ניי־אַנטשטאַנענע אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט בעסערע אויסזיכטן פאַר דערפאָלג סיי אין ארץ ישראל און סיי אין תפוצות ישראל — און דאָ קומען מיר צום קאַפּיטל פועלי מזרחי אין ארץ ישראל וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט בוי פונעם „ראש פּינה" שאָסיי, דער היסטאָרישער „כביש", וואָס האָט געבראַכט כבוש עבודה

פֿאַר רעליגיעזע אַרבעטער. ביי יענעם כ ב י ש איז אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן און ס'איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿאַר דעם הפּועל המזרחי אין ארץ ישראל.

עס איז געווען ווי מ. ש. גשורי גיט איבער, אין יענעם תשרי פֿון יאָר תרפ"א (1920), ווען דער מזרחי, אונטערן דרוק פֿון ציון־קאָנגרעס, האָט זיך אונטערגענומען אַ פּיאָנערישע אַרבעט, בויען דעם ראש־פּינה שאָסיי. די 120 אַרבעטער באַשעפֿטיקט ביי דער אונטערנעמונג האָבן געאַרבעט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, זייענדיק ניט דערפֿאַרן און ניט באַרופֿן צו אַזעלכע אַרבעטן . . . דאָס האָט אָבער אַרויסגערופֿן, לויט'ן קלאַסישן אויסדרוק, גויט איז דער שאַפֿונגס־כח, דעם ווילן צו אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען רעליגיעזע אַרבעטער האָבן זיך באַקענט מיטן רעאַלן לעבן אין ארץ ישראל און געזען אַז מען מוז זיין גרייט מיט מעשים און יצירה, אַז מען מוז זיין פֿאַרבונדן מיט לעבן וואָס איז באַזירט אויף אַרבעט און פּראָדוקטיוויטעט פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ לאַנד און איבערבוי פֿון אַ פֿאָלק.

מ. ש. גשורי, מיטגליד פֿון ערשטן ועד מרכזי פֿון הפּועל המזרחי דערציילט[1]:

„ביים סוף פֿונעם יאָר תר"פ און אינעם אָנהויב פֿון יאָר תרפ"א, האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשטאַרקן די עליה קיין ארץ ישראל. ס'זענען געקומען חלוצים אין די צענדליקע און אין די הונדערטער און פֿון די הונדערטער זענען געוואָרן טויזנטער. צווישן זיי זענען אויך געווען מזרחי־חלוצים אין די צענדליקער און פֿון זיי זענען געוואָרן הונדערטער. דער „מזרחי", ניט זייענדיק צוגעגרייט צו דער עליה פֿון זיינע חלוצים, נישט האָבנדיק געמאַכט די גהעריקע צוגרייטונגען זיי אויפֿצונעמען און איינאָרדנען אין לאַנד, איז געווען געצוואונגען צו זוכן געלעגנהייטס־אַרבעטן פֿאַר די מזרחיסטישע חלוצים און אין תשרי תרפ"א, האָט דער „מזרחי", איבערגענומען די אַרבעט פֿון פֿלאַסטערן דעם שאָסיי ראש־פּינה־טפּחה, ביי וועלכער ס'זענען געוואָרן באַשעפֿטיקט הונדערט און צוואַנציק חלוצים...

„ווען די אַרבעט ביים שאָסיי, איז געוואָרן אינמיטן אָפּגעשטעלט, האָבן די חברים זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, ביי געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן, שאָסייען און אין די קאָלאָניעס. נאָכ'ן לייגן דעם גרונט־שטיין פֿון דער ערשטער אָרגאַניזאַציע פֿונעם „הפּועל המזרחי" אין ירושלים, אין אָדר, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע מזרחיסטישע אַרבעטער פֿון פּופּציק פּערזאָן, ביי דער רעגירונגס־אַרבעט פֿון רייניקן די וואַסער־קאַנאַלן אין ברכות שלמה ביי בית לחם".

י. ראַדזינסקי[3] גיט צו:

„ס'איז אָן יעדן ספק, אַז די פּרובן פֿון די פֿיזישע אַרבעטן אין ראש־פּנה און בית לחם, זענען געווען וויכטיקע מאָמענטן אין דער אַנטשטייאונג פֿונעם „הפּועל המזרחי" . . . דורך זיי איז געשטעלט געוואָרן צום עקזאַמען די געזעלשאַפֿטלעכע הכרה פֿונעם רעליגיעזן אַרבעטער־צבור און זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי זיך זעלבסט, דורך זיין פּאָזיטיווע תשובה, אַז דער רעליגיעזער אַרבעטער־צבור וועט

עקזיסטירן אלס באזונדערע איינהייט, געשטאלטעט דורך די אייגענע באשטרעבונגען און צילן, אפגעשיידט פון די אנדערע „ארבעטער חברים" און פון זיין מאראלישע מעגלעכקייט צו צערייסן די גלות־קייטן . . ."

דער ערשטער סניף פון „הפועל המזרחי", איז געגרינדעט געוואָרן אין תל־אביב, אין חודש שבט, תרפ"א; אָדער א' איז געגרינדעט געוואָרן דער סניף אין אין ירושלים און אין סיון, זענען געגרינדעט געוואָרן די סניפים אין פתח תקוה און אין ראשון לציון[4].

ראדזינסקי ווייזט אָבער אָן, אז דער הפועל המזרחי ציילט זיינע טעג, נישט זינט דער גרינדונג פון די ערשטע אָפּגעזונדערטע סניפים און נישט זינט דאָס דערשיינען פון די מזרחיסטישע ארבעטער־גרופּן אויף די פארשיידענע ארבעטס־פּלעצער, נאָר פונעם טאָג, אין וועלכן ס'איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פון דער לאנד־אָרגאניזאציע אין ארץ ישראל: י"ח ניסן, תרפ"ב, ווען ס'זענען זיך צונויפגעקומען אין ירושלים, צוויי און צוואנציק דעלעגאטן, פארטרעטער פון די סניפים אין ירושלים, תל־אביב, פתח תקוה און ראשון לציון, רעפּרעזענטירנדיק דריי הונדערט חברים.

אויף יענער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון א נאציאָנאלע אָרגאניזאציע, געשאפן דעם ראט פון דער רעליגיעזער ארבעטערשאפט און אינעם יסוד־פּראָגראַם זענען אריין צוויי רעזאָלוציעס:

1. דער הפועל המזרחי שטרעבט צו בויען דאָס לאנד על פּי התורה והמסורה אויפן יסוד פון ארבעט;
2. צו פארפעסטיקן די חברים עקאָנאָמיש און גייסטיק, צו אנטוויקלען און פארשטארקן דאָס רעליגיעזע געפיל צווישן די ארבעטער און דערמעגלכן זייער עקזיסטענץ אלס רעליגיעזע ארבעטער . . .

די קאָנפערענץ אין ירושלים האָט דערוויילט א „ועד המרכזי" (צענטראל־קאָמיטעט) אין וועלכן ס'זענען אריין די פאָלגנדע חברים:

הרב ישעיה שפּירא; ל. י. יונגסטער; מ. ש. גשורי; מ. זאקראשניצקי (זכאי); מ. מאסלאווטי; נתן גארדינסקי (גרדי); א. בענטשקאָווסקי (מברך). דער ועד הפועל איז באשטאנען פון הרב שפירא, יונגסטער און מ. ש. גשורי.

די קאָנסטיטוציע, אָדער ווי זיי רופן די גרונט־פּרינציפּן, די יסודות פון דער אָרגאניזאציע, ווי פארצייכנט אין פּנקס פון דער ערשטער תל־אביבער אָרגאני־זאציע זאָגט בקיצור:

השם: הפועל המזרחי, התארגנות פועלים דתיים־לאומיים „השואפים לבנין הארץ ברוח התורה על יסוד עבודה".

המטרה: לבסס את מצב החברים בחומר וברוח. לפתח ולחזק את הרגש הדתי בין הפועלים ולאפשר את קיומם בתור פועלים דתיים.

התפקידים: כבוש העבודה העברית בכל מקום שהוא; סדור קבוצות פועלים . . . המצאת האפשרות ללמוד ולהשתלם בעבודה מקצעית; יסוד מוסדות קואופרטיביים . . .

קבלת חברים: לחבר מתקבל כל עובד החי מיגיעי כפיו ולא לנצל את האחרים ומתנהג על פי התורה בחייו הפרטיים והחברתיים . . .

לויט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע איז דער הפועל המזרחי א רעליגיעזער ארבעטער־פאַראיין פאַראייניקט און פאַרבונדן מיט א באַוועגונג וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַשאַפן א וועלט־באַוועגונג פאַר די אידעאַלן פון תורה און יושר און א געזעלשאַפט פון חברישקייט, קלאַסן־סאָלידאַריטעט און הויכער נאַציאָנאַל־פּיאָנערישער גייסט. דער הפועל המזרחי אין ארץ ישראל איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער וועלט־באַוועגונג תורה ועבודה, אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיטן וועלט־פאַרבאַנד („ברית עולמית") פון די אָר־גאַניזאַציעס: צעירי מזרחי, חלוץ המזרחי און הפועל המזרחי.

צבי בערנשטיין[6], פאַרזיכערנדיק, אַז ער פּרעטענדירט ניט צו געבן די פולע געשיכטע פון דער באַוועגונג, גיט דאָך איבער וויכטיקע דאַטעס און שטעלט פעסט, אַז די גרינדונגס־דאַטע איז י"ח ניסן תרפ"ב: „הסתדרות הפועל המזרחי בארץ ישראל מונה את שנות קיומה מי"ח ניסן תרפ"ב, הוא יום כנוס המועצה הראשונה בירושלים".

מיר ווילן ניט און ק ע נ ע ן נ י ט זיך אַריינלאָזן אין די פּרטים פון אָרגאַניזאַציע און אויך ניט וועגן די דערגרייכונגען און דערפאָלגן[7].

דער הפועל המזרחי האָט עקספּערימענטאַל, און נאָכדעם רעאַל, באַוויזן אַז רעליגיעזע ארבעטער קענען אויספירן אַלע וויכטיקע פונקציעס אויפ'ן געביט פון עקאָנאָמיק, אַגריקולטור, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, פּאָליציי־דינסט, ספּאָרט און אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער פיזישער קראַפט פון מענטש. רעליגיעזע ארבעטער קאָלאָניזאַציע האָט באַוויזן אַז א רעליגיעזער קיבוצניק קאָן שאַפן א לעבנספעאיקן סאָציאַליסטישן ווירטשאַפטס־סעקטאָר און שטעלן דאָס דאָרפישע לעבן אויף א גאָר הויכן קולטורעלן ניוואָ.

דער וועג פון דעם רעליגיעזן חלוץ, ווי פון דעם רעליגיעזן ארבעטער אין ארץ ישראל איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אויסגעליגט מיט רויזן. דורך איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגען האָט דער דאָזיקער ארבעטער געדאַרפט דורכברעכן זיין וועג אין א סביבה פון מדבריות און זומפּן, אין פרעמדקייט ביי אייגענע און ביטול ביי אַנדערע — דער טיפער געפיל און די אחריות פון חברישקייט און בעיקר די שטרעבונג צו באַשאַפן נייע לעבנס־און־ווירטשאַפט־פאָרמען אויפ'ן יסוד פון קאָלעקטיוויזם, גלייכהייט אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, האָט אים געגעבן כח בייצושטיין אַלע נסיונות, איבערצוקומען די שווערע טעג און דורכפירן

באוואוסטזיניק זיין חלוצישער שליחות אינעם לאנד פון די אָבות און פון דער צוקונפט־גאולה.

דער אומנאָרמאַלער, אָדער בעסער געזאָגט איבערנאָרמאַלער אנטוויקלונגס־גאַנג פון דער באוועגונג, האָט דערפירט צו אינערלעכע רייסערייען און אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן. אויף דער פערטער קאָנפערענץ, י״ב־ט״ז חשון תרפ״ד איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכער „ריס״ וואָס האָט גורם געווען צו אַן אָרגאַניזירטער גרופּע וואָס איז אריינגעטראָטן אין דער „הסתדרות״.

פיר יאָר האָט מען געפירט פאַרהאַנדלונגען צו פאַראייניקן די ביידע אָרגאַניזאַציעס, צו פאַרנייען דעם ריס. דאָס איז געשען י׳ חשון תרפ״ח, ווען ביידע אָרגאַניזאַציעס זענען צוריק פאַראייניקט געוואָרן דורך דער רעאָרגאַניזירונג פון דער באוועגונג און אינעם נייעם ועד הפועל זענען אריין ש. ח. לאַנדוי, ז״ל, מ. שאַפּיראָ, ל. י. יונגסטער, ר. ווײַנשענקער (דר. ראובן גפני), א. קסטנבוים א. א.

די באוועגונג אין די תפוצות, ספּעציעל תפוצת פּוילן, דער רעזערוואואַר פון נייע און פרישע כחות, האָט אַ סך משפּיע געווען פאַר דער פאַראייניקונג. עס האָט דאַן געהערשט אַ שטאַרקע געגנזייטיקע השפּעה צווישן דער באוועגונג אין ארץ ישראל און אין פּוילן. דער „קבוצת אקטיביים״ אינעם וואַרשעווער סניף, האָט אין יענער צייט ארויסגעגעבן אַ שריפט אונטערן נאָמען „אונזער טריבונע״, רעדאַקטירט פון א. מ. גראַדזענסקי און נאָכדעם איז געבוירן געוואָרן דער זעלבסטשטענדיקער צעירי־מזרחי־אָרגאַן „אונזער שטימע״ אונטער דער רעדאַקציע פון הרב אלימלך נייפעלד, דר. שמעון פעדערבוש און יעקב גרינבערג.[8]

די חברים אין פּוילן האָבן געקוקט מיט נייגער צו יעדער ברעקל אנטוויקלונג אין דער באוועגונג און אויפגענומען מיט פרייד, ווי שולוואַס גיט איבער, יעדע דערגרייכונג פון הפועל המזרחי אין ארץ ישראל, באַזונדערס ווען ס׳זענען אָנגעקומען די פריידיקע ידיעות וועגן דער גרינדונג פון קבוצת שמואל, די ערשטע קבוצה פון הפועל המזרחי, די ערשטע חדוות־יצירה ביי די פירער פון דער נייער חלוצישער באוועגונג, ווי אַ המשך פון פּתח־תקוה (די ערשטע יידישע קאָלאָניע, געגרינדעט אין 1878). און אַ פאָרזעצונג פון יענער ערשטער ביל״ו עליה אין 1882 יאָר.

די רעליגיעזע ארבעטער זענען אַ דאַנק דעם איבערגעגאַנגען פון „עבודה שכירה״ צו עבודה עצמית, צום אַקער און אייגן פעלד, צום גאָרטן און שטאַל, וואָס האָט געמיינט מער ווי סתם אַזוי קאָלעקטיוויסטיש־רעליגיעז־חלוצישע דערגרייכונגען. אין יענער תקופה פונעם געראַנגל פון דער נשמה פון ארבעטער בכלל, און פון רעליגיעזן ארבעטער בפרט איז געווען גאָר וויכטיק צו דערהויבן די ווירדע פון ארבעטער ביים רעליגיעזן קליינבירגערלעכן ייד און באַשאַפן דעם רעליגיעזן רענעסאַנס אין ישראל. רעליגיעזע ארבעטער האָבן באוויזן זייער כח סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט און סיי אין די ניט־לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַכן ווי

האַנטווערק, טעכניק, טראַנספּאָרט, באַדינונגס־פּאַכן וכדומה. זיי האָבן אויך באַוויזן אין פּאַקט דעם כח פון חברישקייט און דעם באַוואוסטזיין פון חלוצישער שליחות.

עס זענען נאָך דעם געקומען די אַנדערע קבוצות, וועגן וועלכע מיר וועלן ווייטער רעדן. אויף די בערג פון גליל און יהודה, האָט זיך באַוויזן אַ נייער סאָרט פון חלוציזם און דער ווינטער תרפ״ד האָט פּאָראויסגעזאָגט אַ הערלעכע צוקונפט דעם רעליגיעזן חלוציזם, דער רעליגיעזער מושבים־באַוועגונג. ס׳האָט זיך געשטאַרקט די טענדענץ צו פאַרטיפן די קאָלעקטיוויסטישע שטריכן אינעם לעבן פונעם מושב, און ס׳זענען אַנטשטאַנען אַלץ נייע מושבים, די אַזוי גערופענע צווייערליי מושבים, אַריינגערעכנט מושב־שיתופי, אַ מין קאָמבינאַציע פונעם מושב מיט דער קבוצה.

די באַוועגונג איז געוואָרן פאַרצווייגט אין שטאָט און אין דאָרף, נעמענדיק אויך אָן אינטערעס אין אַנטוויקלען די אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, וועלכע זענען פאַלקאָם פּריוואַט און אומאָפּהענגיק און דאָך אונטערוואַרפן די סאָציאַלע נאָרמען וועלכע זענען דער יסוד פונעם מושב. עס זענען געשאַפן געוואָרן די סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס, די קופת חולים בשותפות מיט דער הסתדרות, די קראַנקען־קאַסע פון דער ארץ ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט וועלכע ווערט באַטראַכט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס און נאָך אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס וועלכע האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם נייעם עולה פון חלוצישן און פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער.

דער הפועל המזרחי האָט זיך אָבער באַמיט טיפער אַריינצודרינגען אינעם אַלגעמיינעם און פּראָלעטאַריש־חלוצישן לעבן פון לאַנד און דעריבער אָרגאַניזירט פאַרשיידענע „משרדים קבלנים״ אין לאַנד און אויך אונטערנעמונגס־ביוראָען פאַר עפנטלעכע, פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע בוי־אונטערנעמונגען אונטערן נאָמען „הבונה״ (אין ירושלים, געעפנט ביוראָ אין האַרבסט תרצ״ז; אין חיפה — ווינטער תרצ״ח; אין תל־אביב — זומער תרצ״ח א. א. וו.). די דאָזיקע שטאָטישע אונטערנעמונגען זענען געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג און אַ גרויסער געווינס פאַר דער באַוועגונג. אַזוי אויך די אָרגאַניזירונג פון די „משרדים קבלנים״ אין די מושבות (קאָלאָניעס), דער „קרן להלואות״ פאַר די חברים אויף לאַנדווירטשאַפט, די גרינדונג פון הילפס־אָפּטיילונגען, ווי „סעד״, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז צו העלפן חברים מיט נויטיקע הלואות אויף צו קענען זיך איינאָרדענען און צו באַזאָרגן אומפאַרמעגלעכע חברים מיט שפּייז־פּראָדוקטן און ביליקע פּרייזן. מיט איין וואָרט: ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָלשטענדיקע אַרבעטער פּאַרטיי מיט אַלע נויטיקע אַרבעטער אינסטיטוציעס.

אָבער, ווי געזאָגט אין אָנהייב, איז ניט אַלץ געגאַנגען כשורה, ניט לייכט איז עס אָנגעקומען צו פאַראייניקן און צו אָרגאַניזירן די פאַרשיידענע גרופּן;

נאָך שווערער איז געווען צו דערגרייכן די ציל, אפילו די מינימאַלסטע פונעם פּראָגראַם, וואָס איז דאַן אויסגעאַרבעט געוואָרן, צוגעפּאַסט צו די שטרעבונגען פון יונגן יידישן רעליגיעזן אַרבעטער: אויפשטעלן אַן אינטעגראַלע יידישע ווירטשאַפט וואָס זאָל אַוועקנעמען דעם רעליגיעזן ייד פונעם פּאַראַזיטישן גלות־לעבן און שאַפן נייע עקאָנאָמישע פונקציעס, באַזירט אויף סאָציאַל־עטישע הנחות, דערהויבענע פון תורה ועבודה־אידעאַלן.

דער חלוץ וואָס איז געגאַנגען פּאַרוואַנדלען די וויסטעניִשן פון יידישן היים־לאַנד אין בליענדיקע פעלדער, האָט זיך מיטאַמאָל באַפרייט פון אַלע מינים קנעכטשאַפט: אויסערלעכע און אינערלעכע. מיט זיין בלוט און שוויים האָט ער גע־שאַפן אַן אייגענע היים פאַר זיך און פאַר יעדן יידן אויף דער וועלט. ער האָט דערביי געוויזן, אַז ער איז דורכגעדרונגען מיט דער היסטאָרישער אינטואיציע פון פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גייסטיקער איבערגעשטאַלטקייט פונעם יידישן לעבן.

דאָס איז דאָך געווען דער נייער טעזיס פון דער נייער רעליגיעז־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פאַר וועלכער ס'איז אַלעם ערשטן נויטיק געווען מאָראַלישע פעסטקייט, האָריזאָנטאַלע פּאַראייניקונג, געווינען דעם גאַנצן רעליגיעזן אַרבעטער־צבור פאַר דער רעאַליזירונג פונעם הפועל המזרחי פּראָגראַם.

ב. צעירי מזרחי אין פּוילן. — הפועל המזרחי אין ארץ ישראל. — וועלט־באַוועגונג. — אין פּערזענלעכקייטן.

אין פּוילן איז, ווי געזאָגט, געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער תורה ועבודה באַוועגונג און אין ארץ ישראל איז געשטעלט געוואָרן דער בנין פון דער רעליגיעזער אַרבעטער באַוועגונג אַרויסגעוואַקסן פון דער צעירי מזרחי, וועמעס גרינדער איז געווען ווי דערמאָנט פריער, ר' יצחק ריבקינד (געגרינדעט אין לאָדזש, כ"ח אייר, תרע"ז־1917).

אין איינעם פון זיינע מאמרים וועגן צעירי מזרחי אין פּוילן, שרייבט אהרן אסט (איינער פון די גרינדער) אַז נאָך אין תרע"ו (1916) האָט יצחק ריבקינד גערופן צו דער אָרגאַניזירונג פון אַזאַ באַוועגונג און אַז ווען דער „הפועל המזרחי" איז געקומען אויף דער וועלט, האָבן זיך שוין געפונען אומעטום כמעט צעירי מזרחי אָרגאַניזאַציעס, אָבער ווי מיר האָבן דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט געפעלט די פּראָגראַם־צענטראַליזירונג און פּראָגראַם־רעאַליזירונג — און דאָס האָט באַוויזן דער הפועל המזרחי אונטער דער פאָן פון תורה ועבודה.

א. אסט שרייבט[1]:

„ההתעוררות בתוך צעירי ישראל דתיים לארץ ישראל כבר היתה שנים אחדות לפני התייסדות של הפועל המזרחי. כבר בשנת תרע"ו, פרסם יצחק ריבקינד מאמר־הצעה, לאחד את כל הצעירים החרדים, שהיו מאורגנים אז בהרבה חברות

בחורים בשמות שונים, בארגון כללי אחד בשם צעירי מזרחי, בעתון לודז׳ר טאָגבלאַט, י״ז אלול, תרע״ו״.

ער גיט אויך איבער וועגן א קאָנפערענץ חוה״פ, תרע״ז, בעת אַן אספה וועגן פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן שקל, אין לאָדזש, מיט דער באַטייליקונג פון הרב קאָוואַלסקי (וולאָצלאַוועקער רב) און הרב זלאָטניק פון גאָמבין, ווען יצחק ריבקינד, האָט אים געוויזן, אַז די מערסטע באַטייליקטע, זענען רעליגיעזע יידן און באַלד צומאָרגנס, איז ריבקינד געקומען צו אים אין הויז און פאָרגעלייגט זיין פּלאַן וועגן גרינדן אַ „צעירי מזרחי״ . . . ערב ראש־חדש אייר, תרע״ז, האָבן זיי געגרינדעט די צעירי מזרחי אין לאָדזש, די ערשטע אין פּוילן און יצחק ריבקינד האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן „קול קורא״.[2]

זיי האָבן שפּעטער צוזאַמענגערופן א קאָנפערענץ אין לאָדזש, י״ז־י״ח אייר און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען. פון דער דאָזיקער צעירי מזרחי, האָט זיך אַנטוויקלט דער „החלוץ המזרחי״ און דער „הפּועל המזרחי״.

ער גיט צו, אַז ניט קוקענדיק וואָס צווישן די גרופּעס צעירים, האָבן זיך געפונען יגיעי־כפּימניקעס, האָט די ארבעטס־פראַגע ניט פאַרנומען קיין אָרט און זיי האָבן געמיינט, אַז באַזעצנדיק זיך אין ארץ ישראל וועלן במילאַ די סאָציאַלע פראַגן און פּראָבלעמען געלייזט ווערן.

י. ראַדזינסקי, טיילט אָפּ די גרינדונג פון „הפּועל המזרחי״ און גרינדונג פון „צעירי מזרחי״.

„דער ‚הפּועל המזרחי׳ אין ארץ ישראל — שרייבט ער — איז דער שפּראָץ, דער אָפּשטאַם, פון דער אַלוועלטלעכער „תורה ועבודה״־באַוועגונג . . . אויב דער הפּועל המזרחי ציילט זיינע טעג פון זיין ערשטער לאַנד מועצה אין ניסן תרפ״ב, אין ירושלים; וועלן מיר באַטראַכטן דאָס יאָר תרע״ח, אַלס גרינדונגס־יאָר פון „צעירי מזרחי״ אין פּוילן.

„שוין אין תרע״ז, האָבן עקזיסטירט „צעירי מזרחי״־אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזש, וואַרשע און אין נאָך אייניקע מקומות, אָבער די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון צעירי מזרחי אין פּוילן, איז פאָרגעקומען י״ז־י״ח אייר, תרע״ח אין לאָדזש.[3]

ער ווייזט אָן אויף דעם רייכן אינהאַלט פון דער צעירי מזרחי פּראָגראַם, זיין טעטיקייט אויפ׳ן געביט פון הכשרה עצמית, גרינדונג פון קבוצות הכשרה, די ועידת אנשי אמונים און אַזוי ווייטער — די דערגרייכונגען אין פּוילן און אין ארץ ישראל אין די יאָרן תרע״ח־תרפ״ב, די פיר אָרגאַניזיר־יאָרן פון דער באַוועגונג, אַלס אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט אַ ברייטן פּראָגראַם.

רעדנדיק וועגן דעם בראשית פון דער באַוועגונג, שרייבט ער:

„ . . . פריער, דער צעירי מזרחי אין גלות און שפּעטער די פון אים אויסגעוואַקסענע הפּועל המזרחי־אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל, וואָס האָבן ביידע (צוזאַמען — נ.ש.) געבילדעט די אַלוועלטלעכע תורה ועבודה באַוועגונג, האָבן

געשטעלט זייערע ערשטע פוס־טריט אויפ'ן וועג פון פאַרווירקלעכן די שטרעבונג: „בויען דאָס לאַנד עפ"י התורה והמסורה אויפ'ן יסוד פון ארבעט" דורך „ריכטן אַלע שאַפונגען און די גאַנצע טעטיקייט אינעם גייסט פון מקורותדיקן טראַדיציאָנעלן יידנטום". — די הויפּט הוספה צום מזרחי אידעאַל איז געווען לויט זיין דעפיניציע: י צ י ר ה . . . "[4].

ר' שמואל חיים לאַנדוי שרייבט וועגן אַקטיוו פון צעירי מזרחי"[5]: „דער צעירי מזרחי" דאַרף פאָדערן און זיך באַמיען צוריקצוגעבן דעם „מזרחי", זיין ספּעציפישע געשטאַלטונג, דורך זיין אייגנטלעכן גייסט און מהות, דאָס הייסט: אַ באַוועגונג פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אַרומנעמענדיק דאָס גאַנצע יידישע לעבן און יידישע מחשבה, אַ באַוועגונג געבויט אויפ'ן יסוד פון דער געלייטערטער דערקענטעניש, אויסגערייניקט פון יעדער גלות השפעה און לויט די באַגריפן פון יהדות און אונזערע גייסטיקע היסטאָרישע ווערטן".

דער אָנהויב, איז געווען „צעירי המזרחי", אַ יונגנט אָרגאַניזאַציע אינערהאַלב דעם מזרחי, פון איר איז אַרויסגעקומען דער „הפועל המזרחי", מיט אַ ברייטן אידעאָלאָגישן פּאַרנעם, ווייט אַוועק פון דער אידעאָלאָגיע פון בלויז „חובבים ומעריצים", נייע ערכין האָבן זיך באַוויזן אין די לאָזונגען פון דער באַוועגונג, רוף צו אַ פּראָדוקטיוו יידיש לעבן אַלס יסוד פון פאָלקס אויפלעבונג.

די דאָזיקע טעאָרעטישע איינשטעלונג איז אויסגעברייטערט געוואָרן אין די שריפטן פון פירענדע און דיינקענדיקע חברים.

ש. ז. שרגאי, שרייבט:

„פאַראַן איין אמת, איין נקודה, וואָס מיר אַלע אין הפועל המזרחי, זענען אין איר מודה. דאָס איז: דער הפועל המזרחי, איז דער פאַרווירקלעכער בפועל, דעם פּראָגראַם פון מזרחי.

די תורה ועבודה באַוועגונג, ווי דאָס קינד פון צעירי מזרחי, האָט דערמיט אַריינגעבראַכט אַ נייעם פרישן טאָן סיי אינעם אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, סיי אינעם קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. זי האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם פולסירנדן כח אינעם ציוניזם, באַווירקט רעליגיעזע יונגעלייט פאַר פּראַקטישע מעשים פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער היים און פאַר דער פרייהייט און וואוילזיין פונעם מענטש אין אַלגעמיין. די דאָזיקע באַוועגונג האָט פּראָפּאַגירט אויסלעבונג פונעם שלחן ערוך אינעם לאַנד פון די אָבות, די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ געזעלשאַפט אין אַן אייגענער, אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה לויט די רעגולירונגען פונעם יידישן קאָדעקס און באַוויזן אַז דערויף פאָדערט זיך ניט דווקא אמונה פשוטה, סתם גלויבן, נאָר אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אויב מ'וויל זיין רעטראָספּעקטיוו ערליך . . .

די אידעאָלאָגן פון תורה ועבודה האָבן אַרויסגעבראַכט פריער פון אַלץ די וויכטיקייט פון חלוציזם און די וויכטיקייט פון קיבוצים־לעבן וואָס גיט די

מעגלעכקייט צו שאַפן די מוסטער־געזעלשאַפט אויף׳ן יסוד פון סאָציאַליזם, אויסצובויען א מלוכה אויף די יסודות פון א גערעכטער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין וועלכער אַלע שיכטן און אַלע קלאַסן זאָלן זיין צופרידן.

ווי אַלע אַרבעטער־באַוועגונגען האָט אויך די תורה ועבודה, ניט געקוקט וואָס זי איז פון די יונגסטע, אירע אידעאַליסטן, אירע מאַרטיראָלאָגן. איינער פון די אויסגעצייכנטע איז געווען, ווי מיר האָבן פריער געזען ר׳ שמואל חיים לאַנדא, באַקאַנט אין דער באַוועגונג מיטן נאָמען שח״ל (געבוירן תרנ״ב־1892; נפטר תרפ״ח־1928).

ער האָט זיך מוסר נפש געווען סיי אין פוילן און סיי אין ארץ ישראל פאַר הכשרה עצמית, זיך אויסבילדן פאַר א קאָלעקטיוון, קיבוצ׳דיקן לעבן . . .

די „צעירי מזרחי״ האָט אין אָנהייב ניט געהאַט קיין קלאָרן פּראָגראַם, וואָס שייך די סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן. ערשט ביים גרינדונג פון תו״ע (ביי דער קאָנפערענץ אין מנחם אָב, תרפ״ב) האָבן די צוויי חסידישע קינדער: ר׳ שמואל חיים לאַנדוי און ר׳ ישעיה׳לע שאַפּיראָ (דאַן שוין א תושב אין ארץ ישראל), געבראַכט קלאָרקייט וואָס שייך אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק, ווי א צוגאָב צום חלוציזם פון צעירי מזרחי.

די אינטענסיווע אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אָנגעגאַנגען צו יענער צייט, סיי אין פוילן און סיי אין ארץ ישראל. אומעטום איז די באַוועגונג געגאַנגען באַרג־אַרויף. גרויסע טיילן פון דער רעליגיעזער יוגנט, האָבן אויפגעפּאַסט די ווערטער פון שח׳ל: זיך אומצוקערן צום מקורותדיקן יידנטום און גלייכצייטיק צו דער ליקווידאַציע פון די גלותדיקע ווירטשאַפטס־פאָרמען — און מיר ווילן זיך דערלויבן ציטירן פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט ביי יענער קאָנפערענץ (י״ד מנחם־אָב, תרפ״ב:

„. . . און דאָס איז די אויפגאַבע פונעם „צעירי מזרחי״. ער מוז ווערן די מעשים־באַוועגונג. ער מוז אויפלעבן די אַלטע יידישע קולטור און מאַכן דעם יידישן מענטש פאַר איר אמתן טרעגער. אָבער דער יידישער מענטש וועט עס קענען זיין נאָר דאַן, ווען ער וועט זיך באַפרייען פון דער לאַסט פון אומפּראָדוק־טיוויטעט. דער ייד מוז צוריקקערן צו אַן אַרבעטס־לעבן און דערמיט רעאַליזירן זיין שלימות׳דיקייט״ . . . 6.

אָנפירער פון יענער קאָנפערענץ איז געווען הרב א. נייפעלד ז״ל.

מיר וואָלטן געדאַרפט זיך אַריינלאָזן אין געשיכטלעכע פרטים, אין די באַגרעניצטע ראַמען, מוזן מיר אָבער זיין אין דער בחינה פון „תוכו אָכל וקליפּתו זרק״ . . . בלויז דעם תוך, דאָס אַריינדרינגען פונעם רעליגיעז־סאָציאַלן באַוואוסטזיין אַרויסברענגען און אַרויסלאָזן די שוועריקייטן און ליידן אויפן וועג פון רעאַליזירונג וואָס די מאָדערנע ר׳ יצחק נפחא׳ס האָבן דורכגעמאַכט, זינט דער אַנטשטייאונג פון דער באַוועגונג און אַרויסגעקומען מיט דער לאָזונג פון

„טהר חייך בעבודה וקדשם בתורה", לייטערן דאָס לעבן דורך ארבעט און עס דערהויבן דורך תורה[7].

אַ קליין הייפעלע זענען עס געווען די חלוצים פון דער דריטער עליה וואָס האָבן אין יאָר תרפ"א אויפגעשטעלט די ערשטע סניפים (צווייגן) פון הפועל המזרחי אין ארץ ישראל, אין יפו, פתח תקוה, ירושלים און ראשון לציון, מיטן ציל צו אָרגאַניזירן די רעליגיעזע ארבעטער אין אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע און אין י"א ניסן, תרפ"ב (1922) איז פאָרגעקומען די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ אין ירושלים און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות הפועל המזרחי בארץ ישראל, וועמעס ציל איז דאַן געווען אַ גאָר באַשיידענער, ווי זיי האָבן עס דעקלארירט: „לבנות את הארץ על פי התורה והמסורה על יסוד של העבודה".

תורה האָט געמיינט אויפלעבונג פונעם פאָלק אין זיין לאַנד אויפ'ן באַזיס פון די תורה ווערטן . . . און עבודה — באַזירן דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן אויף דעם פונדאמענט פון ארבעט. עבודה — דער מיטל און תורה דער ציל!

הערות

א.

1. „ראטן און כראַניק", ז' 19.
2. זען: „נתיבה", ניסן תרפ"ז; „התור", גליון כ"ו־כ"ז, כ"ד אדר שני, תרפ"ז.
3. „מיטן כח פון טאט", ווארשע, ניסן, תרצ"ז־1937, ז"ז 10־11.
4. נתיבה, כ"ו־כ"ח, ט' סיון, תרצ"ה.
5. אין דערמאַנטער בראַשור; זע אויך, ישעיה בערנשטיין, מזרחי קובץ־יובל (תרע"א־תרצ"ו) ז"ז 88־97
6. אין „30 שנות יצירה, במלאת שלשים שנה להפועל המזרחי בארץ", ז' 5.
7. זע, צבי בערנשטיין, „כה לחי", סיוון הת"ש און דערמאַנט ביכל „30 שנות יצירה".
8. שולוואס, ראטן און כראַניק, ז'24.

ב.

1. הצופה, יום ששי, י"ד בניסן תשכ"א — 31.3.61.
2. פארעפנטלעכט אין „לאדזשער טאגבלאט" און אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", ה' אייר, תרע"ז.
3. מיטן כח פון טאט, ז"ז 12־13.
4. דאָרט, ז' 15.
5. „הקדם", תרפ"ב.
6. דאָרט, ז"ז 14־17; נתיבה, כרך א'
7. זע, „כה בנינו, פרקי הפועל המזרחי לנוער . . . "; „אגרת לברור שאלות הציונות והישוב", ספרית תורה ועבודה, תרצ"ג.

קאַפּיטל אַכט־און־דרייסיק

פּערזענלעכקייטן

א. פון הרב ריינעס ביז הרב בערלין. — ווייזאַנער. — דער פוסק פון דער באַוועגונג. — מרן הראי"ה קוק זצ"ל.

די פירער און אידעאָלאָגן פונעם הפועל המזרחי, זענען געגאַנגען, אויב ניט פאָלשטענדיק, אין די פוס־טריט פון מזרחי פאַרגענגער: רבי צבי הירש קאַלישער תקנ"ה־תרל"ה); ר' אליהו גוטמאכער (תקנ"ח־תרל"ט); ר' נפתלי צבי יהודה ברלין (הנצי"ב, תקס"ז־תרנ"ג); ר' שמואל מאָהיליווער, וועגן וועמען מיר האָבן פריער געשריבן און זייערע נאָכפאָלגער, רבי יצחק יעקב ריינעס (ת"ר־תרע"ח); ר' זאב יעבץ (תר"ח־תרפ"ד); ר' אברהם יצחק הכהן קוק (תרכ"ח־תרצ"ח); ר' יהודה לייב גרויבארט (תרכ"ב־תרצ"ח); ר' יצחק ניסנבוים, הרב יהודה לייב מימון־פישמאן (תרל"ה - 1875; תשכ"ב - 1962), הרב שמואל הלוי בראָדט, הרב משה אביגדור עמיאל, הרב קאָוואַלסקי און אנדערע.

זיי האָבן א סך געלערנט פונעם מזרחי־גרינדער הרב ריינעס. ער איז געווען אָריגינעל אין זיין סדר פון לערנען, אין סדר פון ישיבה אין לידא, אין עסקנות און אין פילאָזאָפישן דיינקען.

ער האָט געגרינדעט די ישיבה, פריער אין שווענציאַן (דאָרט איז ער באַקעמפט געוואָרן און די ישיבה האָט ניט אויסגעהאַלטן אפילו איין יאָר), דערנאָך אין לידאָ. דער סדר הלימודים איז געווען באַזירט אויף ברייטערע ידיעות ניט בלויז אין תלמוד, שלחן ערוך און הלכה למעשה געביטן, נאָר אויך בקיאות אין תנ"ך, געשיכטע, העברייאיש, די לאַנד־שפּראַך או"וו. עס איז געווען א מאָדערנע ישיבה נוסח ליטאָ.

וועגן ציוניזם און חובבי ציון, האָט ער געשאַפן די מאָדערנע באַוועגונג מיט נוסח־תורה — רעליגיעזן ציוניזם און זיך אַנגעשטרענגט אריינצודרינגען מיט זיין ציוניזם אין די רייען פון רעליגיעזן יידנטום אין די טעג כ"ה־כ"ו אָדר א', תרס"ב צוזאַמענגערופן די גרויסע אסיפה אין ווילנע, מיט דער באַטייליקונג פון די גדולי הרבנים פון רוסלאַנד און געגרינדעט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען מזרחי.

זיינע ספרים האָבן אָריגינעל־מערקווירדיקע נעמען: „עדות ביעקב — א צוזאַמענמיש פון דרוש, פּלפּול און הלכה — און צוגעפּאַסט צו דער צייט; „אור שבעת הימים" (ווילנאָ, תרנ"ו); „חותם תכנית" (צוויי טיילן); „שערי אורה" (ווילנאָ, תרמ"ו); „אור חדש על ציון"; „אור לארבעה עשר" (פּיעטרקוב, תרע"ג) און נאָך און נאָך אַזעלכע ספרים מיט מאָדנע נעמען מיט א נייעם צוגאַנג צום

פארשטיין א פסוק און א נייעם סטיל אין ארויסברענגען א געדאנק און א נייעם פארם פון באשטעטיקן א הלכה . . .

איינער פון די אויסשטייענדיקע מזרחי־מנהיגים, וועלכער האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די „יונגע" (צעירי מזרחי און נאכדעם פועלי מזרחי) איז געווען דער „איש החזון והמעשה", רבי מאיר בערלין (בר־אילן), דעם נצי"ב'ס בן זקונים (געבוירן ערב ראש חודש אייר תר"ם־1880, 4, 25 און נפטר געווארן אור ליום ד' חול המועד פסח, י"ט ניסן, תש"ט־1949). ער איז געווען דער עמוד־אש פאר דער באוועגונג און גאר א סך געטאן אי פאר דער מזרחי און אי פאר די אפצווייגונגען, ניט מורא געהאט פאר דער זעלבסטשטענדיקייט און אומאפהענגיקייט פון די יוגנטלעכע, וועלכע זענען געגאנגען א סך ווייטער פונעם מזרחי־פראגראם.

הרב בערלין האט דאס פארשטאנען און דערמיט זוכה געווען, באטראכט צו ווערן אלס מנהיג פון מזרחי און פון אלע זיינע אפצווייגונגען.

ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן, איז ער געווען דער ליכטיקער ר' מאיר־נהוראי, דער דינאמישער טריבון, דער עסקן און תורה־טוער: מיט דער תלמודישער ענציקלאפעדיע, מיט'ן ש"ס ירושלמי, מיטן גרייטן די אונטערנעמונג פון ש"ס שלם, מיט דער ארבעט פאר א תורה־געזעץ אין דער מדינה, מיט דער ארבעט פאר'ן מפעל התורה און נאך און נאך אומצייליקע אונטערנעמונגען.

דער „וואלאזשינער פרינץ", ווי מען פלעגט אים רופן, איז געווען דער „איש הרוח ואיש המעשה" און האט זוכה געווען צו דער פראקלאמירונג פון דער מדינה אין וועלכער ער האט געהאט א גרויסן חלק.

אין דער „מגילת היסוד" פון „בית מאיר" (די צענטראלע פון מזרחי אין ארץ ישראל), ווערט צווישן אנדערן געזאגט:

„היום יום ראשון בשבת, ארבעה עשר בחשון, שנת חמשת אלפים שבע מאות שנים לבריאת עולם, אלף תתע"ז לחורבן בית מקדשנו, שבעים שנה ואחת לפטירת רבי צבי קלישר זצ"ל, ראשון למבשרים וקוראים לשיבת ציון, ארבעים וארבע שנים ליסוד הסתדרות המזרחי העולמית על־ידי נשיאה הראשון רבי יצחק יעקב ריינעס זצ"ל בשנת העשתי עשרה לפטירתו של רבי אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל, ראש הרבנים לארץ ישראל בימי תקוה לבית לאומי על פי הצהרת בלפור . . . ואחרי תום המלחמה הנוראה . . . הננו שמים את הספר הגלוי והחתום הזה בכלי חרס, למען יעמוד ימים רבים בפנת היסוד של בית מאיר בית המרכז העולמי של המזרחי שייבנה פה בתוככי ירושלים עיר הקודש ובירתה של מדינתנו על המגרש של הקרן הקימת לישראל . . .

„הבית הזה בית מאיר ייקרא על שמו של רבי מאיר ברלין הי"ו בן רבן של ישראל רבי נפתלי צבי יהודה ברלין זצ"ל, נשיא ההסתדרות העולמית של המזרחי בעבור שהקדיש ומקדיש חייו בקברניטה של היהדות הנאמנה ודור לדור יספר על פעליו הרצויים למען התורה, העם והארץ . . . "

ס'איז אויך אין פּלאַץ צו דערמאַנען דעם מזרחי־גרינדער אין ארץ־ישראל, ר' יצחק צבי ריבלין (תרי"ז־י"ח ניסן, תרצ"ב). אויך ער איז געקומען פון דער וואָלאָזשינער ישיבה און איינגעזאַפּט אין זיך פון דער דאָזיקער אַטמאָספערע, וואו תורה און ציון זענען געגאַנגען זאַלבענאַנד.

שוין אין יאָר תרנ"א, האָט ער געגרינדעט אין ירושלים אַ חברה מיטן נאָמען „אלף שערים", נאָכדעם, „אוהבי מלאכה" און אַנדערע חברות, ווי פאָרגענגער פון מזרחי־הפועל המזרחי. דאָס האָט געשאַפן שטימונג און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די מאָדערנע רעליגיעז־ציוניסטיש־סאָציאַלע באַוועגונגען אין לאַנד.

דער רבי־פּוסק פאַר דעם הפועל המזרחי, איז געווען מרן הראי"ה קוק ז"צל. ער איז געווען די העכסטע רבנישע פּערזענלעכקייט פאַר דער באַוועגונג. די פירער און די אידעאָלאָגן האָבן אים תמיד באַטראַכט אַלס אַזעלכן, ווייל אין אים, האָבן זיי געזען די גרויסע גאונישע רבנישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך גרעניצלאָזע אהבת ישראל און ארץ ישראל. גענוג אַ בליק צו טאָן אין אַזאַ מאמר ווי „תורת ארץ ישראל במשנת מרן הראי"ה קוק"[2] און ענלעכע מאמרים. מיר האָבן דאָך שוין וועגן אים אַ גאַנצע ליטעראַטור, שילדערנדיק זיין ביאָ־פּסיכאָגראַפיע: זיין צדקות, לומדות און בכלל ליבאַשאַפט צו און פאַר יעדן יידן. אָט ליגט פאַר אונז, דער „ספר זכרון"[3]. האָבן מיר דאָרט אַ צענדליק מאמרים פון און וועגן דעם גאון און צדיק.

הרב ש. י. זעווין שרייבט אַ פּראַכטפולן מאמר וועגן זיין „חזון הקדושה והטהרה" . . . ; הרב זאב ארי' רבינר, וועגן „בויסק ורבניה", די שטאָט וואו הרב קוק'ס ליכט האָט אָנגעהויבן שיינען און וואו ער האָט אויסגעברייטערט די איינשטעלונגען פון זיין פאָרגענגער ר' מרדכי עליאַשבערג, באַזונדערס אין שייכות מיט דער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אגודת ציון" און „תפארת בחורים", וועמעס גרינדער ער איז געווען צוזאַמען מיט דר. בנימין מנשה לעווין, וועמעס ציל איז געווען, צו פאַרשפּרייטן תורה צווישן דער יוגנט, באַזונדערס צווישן בעלי מלאכה.

הרב קוק האָט געהאַט זיין געדאַנקען־וועלט אין אַלע ענינים פון יהדות און גאָר באַזונדערס אין שייכות מיט עטיק און קדושה, וועלכע קומען לויט אים, צו יעדן יידן סיי דורך ירושה־איינגעזאַפּט און סיי דורך אייגענע כחות פון גבורה, וואָס איז כבוש היצר און בחירה, דורך אויסוויילן דעם גוטן וועג, דעם וועג פון לעבן. ווי זיינע ביאָגראַפער ווייזן אָן, האָט ער אַ סך גענומען — און איז אין דער הינזיכט במעט אַ תלמיד — פון רבי צדוק הכהן מלובלין[4].

הרב קוק האָט אין זיין גאַנצן לעבן געזוכט און געשטרעבט צו שלימות אינעם יידישן לעבן — אַ שלימות וואָס פירט צו א ח ד ו ת און אין דער תו"ע באַוועגונג, האָט ער געזען אָט די מעגלעכקייט פון שלימות דורך קדושה און טהרה,

דורך דערהויבן דעם מענטשן אלס יחיד און במילא, דעם גאנצן מין מענטש, אלס גאט'ס געשטאלט.

עס איז ניט קיין וואונדער הרב קוק'ס ליבשאפט צום מענטשלעכן מין. ער „איז געגאנגען אין ר' עקיבא'ס טריט און אויסגעשטראלט פון זיך ליבשאפט צו אלעמען, אין צוגאב צו זיין אומפארגלייכלעכער אהבת ישראל"[5].

רעדנדיק וועגן זיין אהבת ישראל און ארץ ישראל, איז כדאי צו דערציילן וועגן זיין שטעלונג אין ענין שמיטה.

ווען ער איז געקומען אין יאר תרס"ד קיין ארץ ישראל, האט ער געטראפן עטלעכע צענדליק פויערים באארבעטן די פעלדער, צווישן זיי, תלמידי חכמים, געוואלטיקע בקיאים אין תורה און הלכה און עס איז אנטשטאנען דאס פראבלעם פון היטן שמיטה, ווייל אלע האבן פארשטאנען, אז ס'איז שווער איבערצולאזן הפקר די פעלדער פאר א יאר צייט, דערצו נאך, האט די טערקישע רעגירונג געזאגט, אז זי וועט ניט מותר זיין אויף די שטייערן . . .

עס איז אנטשטאנען א מחלוקת און דער באראן ראטשילד האט זיך געווענדעט צו די הויפט־רבנים פונעם ישוב, זיי זאלן ארויסקומען מיט א פסק־הלכה. די רבנים־דעלעגאציע וואס האט אויף זיך גענומען צו באווייזן דאס לאנד פון דן ביז באר שבע, איז באשטאנען פון קוק, זאנענפעלד, חרל"פ און הורוויץ.

איינער פון די בארימטע אכרים פון לאנד ר' פישל סלמון (פון די מעזריטשער עולים) אליין אן עילוי און למדן, האט אראנזשירט ביי אים אין הויז א מלכותדיקע מאלצייט פאר די רבנים.

בעתן וואשן זיך די הענט, האט ער שטארק מאריך געווען ביים „בנאות דשא ירביצני" און דערנאך אויסגעשריען גאר הויך „על מי מרום ינהלני" . . . הרב קוק האט געהערט די ווערטער און געשמייכלט. הרב זאנענפעלד האט אים אנגעקוקט בייזלעך אבער אים ניט אפגעשטעלט (אין פסוק איז געשריבן „על מי מנוחות ינהלני").

ביים בענטשן, האט יעדער כנהוג, אויסגערופן די ווערטער, וואס ער האט ליב געהאט און זיי געגעבן אויסדרוק. פלוצלונג רופט אויס ר' פישל, איינער פון די גרינדער פון יסוד המעלה, „והוא יוליכנו קוממיות בארצנו". דאס האט הרב זאנענפעלד שוין מער ניט געקענט פארטראגן און באטאנט דעם תיקון „לארצנו" . . .

נאכ'ן בענטשן, איז ר' פישל צוגעגאנגען מיט גרויס עניוות צו הרב זאנענפעלד און אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ער ווייסט, אז עס איז געשריבן ל א ר צ נ ו . האט אבער הרב זאנענפעלד אים איבערגעהאקט מיט כעס: איר האט פריער אויך איבערגעדרייט א פסוק, אנשטאט „מי מנוחות", האט איר געזאגט „מי מרום" . . .

ר׳ פישל האָט עס מסביר געווען, אז ער האָט משנה געווען, ווייל זיי געפינען זיך ביים ים, ביי מי מרום, וואָס איז ביי אים און פאַר אים דער „מי מנוחות" און וואָס שייך דעם וואָרט בארצנו פון לארצנו, ווייל אז גאָט האָט מיר געגעבן דעם זכות צו וואוינען אין „מולדת", בין איך מתפלל בארצנו".

ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע צווישן די געערטע געלאַדענע און ס׳איז נתגלה געוואָרן אַ נוסח בארצנו, אז אזוי האָט זיך נוהג געווען ר׳ חיים אבולעפיה זצ"ל וועלכער האָט באַנייט דעם ישוב אין טבריה.

איז דאָ ניט וויכטיק אריינצוגיין אינעם המשך פונעם וויכוח. וויכטיק איז, אז ווען הרב קוק האָט דעם ר׳ פישל׳ען געשטעלט די פראַגע, פונוואַנען ער האָט גענומען צו ענדערן דעם נאָמען יסוד המעלה, וואָס אין עזראַ[6] איז עס געשריבן אָן אַ „וואָוו" און ווי ר׳ פישל האָט אים מסביר געווען, אז דאָ האָבן די גליליער יידישע פאַרמער איינזינען געהאַט דעם שם הויה, אז השם יתברך זאָל זיי בענטשן און זיי זאָלן קענען אויסטרוקענען די שרעקלעכע זומפּן . . . האָט הרב קוק אים ארומגעכאַפּט, געקושט און מיט טרערן פון פרייד אויסגערופן: אשרי שזכיתי לשמוע אמרי שפר מפי חקלאי עבריך[7]. אזוי, איז די נסיעה דאָן געווען דורכגע־דרונגען, מיט אהבת ישראל אין זייער טאָפּלטן באַדייט.

ווי געזאָגט, איז דאָ ניט דאָס פּאַסיקע פּלאַץ צו שרייבן און צו שילדערן דאָס לעבן פון אָט דעם גאון און צדיק רבי אברהם יצחק ב"ר שלמה זלמן הכהן קוק, אוודאי ניט קיין אָפּשאַצונג. עס איז גענוג אַ בליק צו טאָן אין די ספרי „אזכרה", וואָס הרב י. ל. הכהן מימון האָט ארויסגעגעבן (פינף טיילן) אָדער אַזאַ מאמר אין איינעם פון די „סיני"-נומערן[8], אין וועלכן הרב מימון אין זיין „חודש בחדשו", שרייבט מיט אזא באַגייסטערונג וועגן דעם רב־הראשי, וועמען ער האָט קענען געלערנט אין יאָר תרס"ח און געבליבן איינער פון זיינע מקורבים, ביז׳ן טאָג פון זיין פטירה — אָבער דאָס אַלץ געהערט צו אַ באַזונדער ארבעט און מאָנאָגראַפיע שטודיע.

ישעיהו וואָלפסבערג מאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן די צוויי גדולי ישראל[9], הרב קוק און הרב ריינעס, ווי ער טיטולירט זיי די „שני המאורות הגדולים" און זייער אָרט אין דער יידישער געשיכטע, ספּעציעל אין דער רענעסאַנס-תקופה, ווען ביידע זענען געווען אזוי איבערגעגעבן צום חזון הגאולה, ניט פאַרלאַזנדיק זייער אינטעגראַלן טייל אין רבנות און לומדות און רבנישער שעפערישקייט.

נאָך הרב ריינעס, האַלט ער, איז עס געווען ער, און בלויז ער, הרב קוק, דער מעורר פאַר ציון און עליה, פאַר בנין און ישוב הארץ, ווי ספּעציעל געשיקט פון דער השגחה העליונה פאַר אָט דעם צוועק און די צילן פון אויפבויען דאָס רעליגיעזע און אַלגעמיין־אוניווערסאַלע אינעם לאַנד פון די אָבות.

אינעם הפועל המזרחי, אין תורה ועבודה, האָט הרב קוק געפונען אויסדרוק פאַר זיינע אידעען און שטרעבונגען, אז די שכינה זאָל קריגן איר האַרמאָנישע

גאַנצקייט אין די אהלי יעקב בארץ אבותינו: אויפבויען דאָס נייע ארץ ישראל אויף דער סינטעזע און גייסט פון תורה, שמירת המצוות און גערעכטע סאָציאַלע יסודות.

עס איז דאָ אויך אין פּלאַץ צו דערמאָנען נאָך איינעם וואָס איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון אָט דער נייער אַרבעטאָריש־רעליגיעזער באַוועגונג און וואָס ווערט אויך באַטראַכט אין אַ געווּיסן זין, ווי אַ מורה־דרך פאַר דער תורה ועבודה באַוועגונג — דאָס איז דער היסטאָריקער ר׳ זאב יעבץ ז״ל. ער דריקט זיך אויס אויף אַן אָרט: „אין אמונה זו של שיבת ציון מתקיימת בלתי אם בעבודה״. ער האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז נישט אויסערלעכע אומשטענדן און פאַקטאָרן וועלן אונז באַוועגן פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, נאָר די אידעאַליסטישע געפילן און די מאָראַלישע באַדייטונג וואָס ליגט אין דעם „יגיע כפיך״ און אין „אהוב את המלאכה״. אַזוי האָט יעבץ אויפגעפּאַסט די אידעאַלן פון תו״ע, די רעליגיעז נאַציאָנאַלע אויפלעבונג וואָס איז אומצעטיילבאַר פון די סאָציאַלע פּראָגרעסיווע איינשטעלונגען.

די **תורה** ועבודה באַוועגונג אין פּוילן, וואָס ר׳ שמואל חיים לאַנדוי (שח״ל) איז געווען איינער פון אירע ערשטע וואָרטזאָגער און פאַרקעמפער, איז גלייך אַריינגעדרונגען אין סאַמע צענטער פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף און

ב. שח״ל. — טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער. — קאַמפער דרך. — טריבון פון באַוועגונג.

אַרויסגעוויזן שטאַרקע, בולטע סימנים פון אַ צוקונפט־טראָגנדיקער באַוועגונג. דער באַגרינדער, יעדנפאַלס איינער פון אירע וויכטיקסטע גרינדער־טעאָרעטיקער, האָט נישט דערלעבט צו זען די באַוועגונג אין איר ברייטער פאַרצווייגטקייט. זיין לעבן האָט געהאַט אַ קורצן דויער. צו 36 יאָר איז ער שוין נישט געווען צווישן די, וועלכע האָבן אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פאַרערונג און ליבע. פּריצייטיק איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אַ לעבן מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער עשירות אין שוואונג און איבערגעגעבנקייט.

זיין לעבן, זיין ביאָגראַפיע, איז נישט גענוי באַקאַנט. אפשר וועט דער צוקונפטיקער ביאָגראַף פון שח״ל זיך באַנוצן מיט די גענעאַלאָגישע פאַרצייכענונגען פון דאָ און דאָרט און דערציילן גענוי זיין סדר היחוס — זיין גייסטיקע קרובהשאַפט צו די גדולי הדור, וועלכע האָבן געווידמעט זייער לעבן צום קאַמף פאַר תורה־מאָראַל און וויסן, זיי וועלן אויך דערציילן מער וועגן דער אַטמאָספערע אין וועלכער ער האָט געלעבט און ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגע־פורעמט זיין געדאַנקען־וועלט, זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַרן סאָציאַלן יושר און דער טיף־יידישער מאָראַלישער צוגאַנג צו עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

שח"ל האָט אַ בליאַסק געטאָן ווי אַ ליכטיקער שטערן און געוויזן דעם וועג פאַר דער רעליגיעזער יוגנט. מיט זיין חסידישן אייפער האָט ער אָנגעצונדן גרויסע טיילן פון דער רעליגיעזער יוגנט פאַר דעם אידעאַל פון תורה ועבודה. ער האָט זיך באוויזן אין אַ צייט, ווען די באַוועגונג האָט זיך געהאַלטן אין צעברעקלען און צעקרישלען צוליב אידעאָלאָגישע בלאָנדזשענישן און טעאָרעטישע אומקלאָרקייטן, ווי עס דריקט זיך אויס ש. דניאל[1], „התנועה עמדה לפני התפוררותה; אך ההשגחה העליונה דאגה לקיומה ולהמשכת פעלותיה. הופיע מנהיגה־מדריכה המחונן ש. ח. לאנדוי ז"ל, לצערנו לא הוערך עדיין כהוגן המנהיג הצעיר ורב הכשרון הזה, שלא זכה להגיע לידי גלוי כחותיו המצוינים ושמוכשר היה לתפוס מקום מכובד בכל התנועה הציונית".

לאנדוי האָט מצליח געווען צו געבן אַ שאַרף אידעאָלאָגישן אויסדרוק צו די טיפע אריינטראַכטונגען און אַ דאַנק זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און זיין צווּבערדיקער פּערזענלעכקייט, האָט ער פאַראייניקט די צעריסנקייט אין דער באַוועגונג און אויפגעשטעלט דאָס כמעט צעפאַלענע . . . לאַנדוי איז געשטאָרבן „בדמי ימיו", גאָר יונג. זיין ירושה — די פאַראייניקונג פון דער באַוועגונג, דאָס קלאָר מאַכן אירע אידעאָלאָגישע ליניעס און איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס — דאָס איז געווען די טיפערסטע ירושה פאַר זיינע נאָכפאָלגער.

נאָך זיין טויט, ט"ו סיון, תרפ"ח, האָט די באַוועגונג געווידמעט צוויי נומערן פון איר אָרגאַן „נתיבה" (וועמעס גרינדער און איניציאַטאָר ער איז געווען), דעם „גליון אבל"[2] א' תמוז, תרפ"ה און דעם „גליון ש. ח. לאנדוי" און געווידמעט אַ גרויסן טייל פון דער דאַנציק־קאָנפערענץ (ג'—ז' אלול תרפ"ח) צו זיין אָנדענק.

אין זיין דערעפענונגס־רעדע האָט משה שאַפּיראָ (דאַן פּאָרזיצער), צווישן אַנדערעס געזאָגט: „טראַגיש איז ער געווען ביים לעבן און טראַגיש ביים טויט. ווער עס האָט אים געקענט, ווייסט, אַז זיין לעבן איז געווען פול מיט טראַגישקייט. דאָס האָט אים אָבער נישט צוריקגעהאַלטן פון זיין געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, באַזונדערס אין „הפועל המזרחי" אין ארץ ישראל, אויף וועלכער ער האָט געלייגט אַלע האָפענונגען . . . טראַגיש ביים טויט — אינמיטן אָנגעשטרענגטער אַרבעט מיט אַזוי פיל מי און פליים און לאנדוי איננו" . . . שווער מספּיד צו זיין אַ מענטשן ,וועלכער איז אַ טייל פון אונז „כולו הוא אומר קדוש ונערץ" . . .

מיט דער זעלבער פאַרערונג האָבן גערעדט די רבנים: ברלין, דר. פעדערבוש, שאַפּיראָ, די חברים: גרינבערג גנעכאָווסקי און אַנדערע. הרב גאָלד האָט אין זיין פּאַטעטישער קאָנדאָלענץ אויסגערופן: „שמואל מת והשמש שקע בצהרים..." איינער פון די חברים האָט געריסן קריעה . . . .[3]

ר' בנימין (יהושע פעלדמאַן) האָט אין זיין הספד זיך אויסגעדריקט: ער איז אַלט געווען 36 יאָר (בן ל"ו היה במותו) און ווי אַ ל"ו'ניק דערפילט זיין

אויפגאבע מיט באשיידנקייט און קדושה . . . ער איז געקומען צום מזרחי פון קאָצקער חסידות; געבראַכט פון דאָרט די באַגייסטערונג און די פּאַרטיפונג . . .

צו די שלושים (ט״ו תמוז) זענען דורכגעפירט געוואָרן אָנדענק־אַקאַדעמיעס אין ארץ ישראל און אין אַלע לענדער וואו עס האָט זיך געפונען אַ סניף פון הפועל המזרחי. עס איז באַשלאָסן געוואָרן: א) ארויסצוגעבן אַ ספר צו זיין אָנדענק אין וועלכן עס זאָלן אריין: זיין ביאָגראַפיע, זכרונות וועגן אים, בריוו, מאמרים פון אים; ב) אָנצורופן קיבוצים און אינסטיטוציעס אויף זיין נאָמען; 3) צו פלאַנצן אַ וואַלד אין זיין הייליקן אָנדענק.

לאַנדוי איז געווען פאַר דער תו״ע באַוועגונג דער פירער, דערציער און באַגייסטערער. ער איז געווען דער, וואָס האָט דער באַוועגונג צוגעשטעלט נייע כוחות, התלהבות געמישט מיט ריינער לאָגיק — און אויך געווען באַהויכט פון אַ גייסט וואָס האָט אַרויסגערופן דרך ארץ פון רעכטס און לינקס. ער איז געווען אַזוי צו זאָגן, דאָס הארץ און די נשמה פון דער באַוועגונג.

זיין קורץ לעבן, נאָך קירצער אין דער באַוועגונג, געהערט צו די אַנאַלן פון דער פּאַרטיי־געשיכטע. מ. שולוואַס, אין זיין „דאַטן און כראָניק״, שרייבט צווישן אַנדערעס:[4]

„דאָס יאָר תרפ״ח האָט געבראַכט צוויי פאַרלוסטן פאַר דער באַוועגונג. כסלו תרפ״ח, האָט אַ מיטגליד פון דער פוילישער „הנהלה הראשית״, משה גאָלדבערג פון זגיערזש פאַרלאָזט פוילן אויף צו באַזעצן זיך אין קאַליפאָרניע, וואו ער איז געוואָרן רב און באַלד האָט מיט אים געטראָפן אַ שרעקלעכע אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. די ידיעה האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער, ווייל ער איז געווען איינער פון די באַליבטסטע חברים און איז פון דער ערשטער מינוט געשטאַנען מיט דער באַוועגונג. סיון תרפ״ח האָט געבראַכט דער באַוועגונג די טרויעריקע ידיעה פונעם גרויסן אומגליק — די פטירה (בעת אַן אָפּעראַציע אויף אַ בלינד דאַרם) פון שמואל חיים לאַנדוי. אין פוילן, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, האָט דאָס געטראָפן דער באַוועגונג ווי אַ דונער און פאַרוואַנדלט דעם „צעירי מזרחי״ אין איין טרויעריקער מחנה.

„דאָס יידישע לעבן״ (מזרחי אָרגאַן אין פוילן) האָט צוויי נומערן געווידמעט דער פטירה פונעם גרויסן חבר־פירער.

ר׳ שמואל חיים לאַנדוי איז געקומען אין דער באַוועגונג אומדערוואַרטעט. קיינער האָט אים נישט געקענט. ער איז געזעסן — ווי שולוואַס שילדערט אים — „אין זיין פּראָווינץ־שטעטל און געוועבט זיינע געדאַנקען וועגן ישראל און זיין שטעלונג אין דער וועלט . . . ״ עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און לאַנדוי איז געוואָרן איינער פון די טעאָרעטיקער פון דער באַוועגונג, פאָרמולירט די לאָזונג תורה ועבודה און, ווען אין תרפ״ח איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער ברית עולמית, האָט די פוילישע אָרגאַניזאַציע מוותר געווען אויף דער ריזן־קראַפט

לאַנדוי און אים געשיקט קיין ארץ ישראל, כדי צו בויען די באַוועגונג אין איר וועלט מאַסשטאַב און זאָרגן פאַר אַ געזונטער אַנטוויקלונג פונעם „הפועל המזרחי" . . . פּלוצלונג איז געקומען דער טויט און אים אַוועקגעריסן כמעט ביים סאַמע אָנהויב פון זיין אַרויפשטייגן אויף דער אַרענע.

די באַוועגונג — שרייבט שולוואַס — איז געוואָרן פאַריתומט און איז היינט נאָך נישט געקומען צו זיך . . . ס'פילט זיך נאָך אַלץ די טיפע וואונד . . . אונטערן צייכן פון טרויער איז געשטאַנען די מועצה ראשית סעסיע פון י"ט סיון, תרפ"ח און אַזוי די גאַנצע באַוועגונג".

ווער איז געווען ר' שמואל חיים לאַנדוי? וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר? פון וואָס פאַר אַ סביבה איז ער אַרויסגעקומען?

שח"ל איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין פּויליש שטעטל, מאַטשעוויץ, (מאָדזיבאַזיצע), ט"ו שבט, תרנ"ב, ביי אַ פּאָטער, אַ קאָצקער חסיד, ר' משה מאיר און איז דערצויגן געוואָרן אין קרייז פון קאָצקער חסידים. איינזאַפּנדיק אין זיך די קדושה פון קאָצקער חסידות האָט ער אָנגעהויבן זוכן דעם שליאַך פון גאולה און שלימות. דאָס האָט ער געפונען אין ציוניזם, אין הפועל המזרחי; דאָרט וואו ער האָט געפונען דעם תיקון און די פאַרפולקאָמונג פון דער שיטה „אוריתא בשביל ישראל", די תורה קען נאָר עקזיסטירן אַ דאַנק יידן, אַ דאַנק די טרעגער פון אירע גרויסע אידעאַלן. ער האָט אויך אַלס יונגער בחור, אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע כשרונות און אין רעליגיעזן ציוניזם געפונען זיין פּלאַץ; געפונען אַן אָרט פאַר זיין איידעלער נשמה. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט געאַרבעט פאַר אָט־דעם לעבנס־אידעאַל, רעדאַגירט דעם „המזרחי" אין וואַרשע, אָרגאַניזירט סניפים, א.א.וו. ווען ער איז אויפגעטראָטן מיט זיין פלאַם־פייערדיקער פּראָגראַם־רעדע ביי דער צעירי מזרחי קאָנפערענץ אין וואַרשע, אין יאָר תרפ"ב האָט ער אַלעמען באַצויבערט — עס זענען געהערט געוואָרן ווי אַנוועזנדיקע גיבן איבער — דברים היוצאים מלב טהור וקדוש . . . אין יאָר תרפ"ה, אויף דעם ווינער קאָנגרעס, איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס חבר פון מרכז עולמי. ער איז דאַן עולה געווען, צוזאַמען מיט זיין משפחה, קיין ארץ ישראל און זיך דערהויבן צו ווערן דער פּראַקטישער פירער און טעאָרעטיקער פון דער תורה ועבודה־באַוועגונג ביזן טאָג פון זיין פּטירה ט"ו סיון תרפ"ח (1928).

זיין מסירת נפשדיקע אַרבעט, די פאַרווירקלעכונג פון זיין טרוים, די פּאַרצווייגטע רעליגיעזע אַרבעטער פּאַרטיי — דאָס איז דער באַווייז פון זיין השפעה, אַז ער לעבט, ווי הרב מאיר ברלין דריקט זיך אויס[5]. הלך וישנו (אַוועק און איז דאָ): אוי לה לספינה שאבדה קברניטה, אך אשרי לקברניט שסלל דרך לספינה. הלך לנדוי בגופו וישנו בכחו ובהשפעתו, וזכרו קים לעולם".

אין דער באַוועגונג האָט ער נישט געשפּילט די ראָלע פון אַ פירער. ער האָט גיכער אויסגעזען אין התנהגות ווי אַ רבי, אַרומגערינגלט מיט חסידים, און אַלס

אזעלכער וועט ער אייביק בלייבן — דער „רבי" פון תורה ועבודה; דער רבי פון „בטול היש", לטובת דער באוועגונג, לטובת דעם הויכן אידעאל . . .

ווי זיינע חסידים דערציילן[6], פלעגט ער זיך נוהג זיין, אין גרויסן עקסטאז, צו מאכן א רקידהלע אויף עטלעכע שעה, מיט פארמאכטע אויגן („ועד חלוץ עצמות"). עס האָבן דאן נישט געהאָלפן די געבעטן פון זיין פרוי. ער האָט אַלץ געטאנצט און אויסגעשטראלט דעם אידעאַל פון תורה ועבודה לויטן קאַצקער נוסח ביז חלשות און התפשטות הגשמיות.

זיין איבערגעגעבנקייט צו דער באוועגונג איז געווען א לויטערע, תמימותדיקע, הצנע לכת'דיקע. ווי ש. ברקאי, (מ. ש. גשורי־ברוקנער) גיט איבער, האָבן זיי זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט ביי א גרויסן בנין וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען דורך בלויז יידישע הענט, דורך חברים פון הפועל המזרחי אין ארץ ישראל. ער איז געוואָרן אזוי באגייסטערט צו זען ווי יידן ווערן פראָדוקטיוו, ווי יידן שאַפן, אַז די „חדות יצירה" האָט באשטראַלט זיין גאנצן וועזן.

„אין גלות — האָט ער געזאָגט — זענען יידישע הענט נישט באשעפטיקט ביי קיין שווארצער ארבעט. די ארבעטער זוכן וואָס לייכטערע ארבעט און מער פאַרדינסט; מען איז פאראינטערעסירט מיטן אייגענעם פּראָפיט . . . אין ארץ ישראל איז אָבער ארבעט א הויכער ענין, אַן אידעאַל אין די אויגן פון הפועל המזרחי, וועלכער וויל פארפלאנצן א באנייט יידיש לעבן פון ליבשאפט, איבערגעגעבנקייט צו דער געזעלשאפט, צום פאָלק, צו דער מענטשהייט . . . די גרויסקייט פון דעם פּראָדוקטיוון לעבן קומט צום אויסדרוק אין דער ריינקייט פון אמונה און געזאנג פון ארבעט — „העבודה ברינה לאל חי"! דורך דעם הפועל המזרחי איז אַרבעט דערנענטערט געוואָרן צום יידנטום, אריינגעבראכט אינעם פּראָלעטארישן גייסט דעם יידישן אָריגינעלן אייגנארט, די נשמה יתירה וואָס אין גלות פילט עס דער ייד בלויז שבת־יום־טוב . . .

אין גרוים באַגייסטערונג האָט ער ביים בנין אויסגערופן: „גדול ערך יצירתכם". איר טאָרט נישט שווייגן. איר קענט א טרייסל טאָן די זיילן פון יידנטום. נישט וואַרטן, ווירקן און באווירקן בלכתך בדרך בשכבך ובקומך . . . איך בין אייערער מיט אלע פעדעם פון מיין נשמה . . .

און ער האָט דעם צוזאָג דערפילט בשלימות. אין אַלץ וואָס איז געשאַפן און געטאָן געוואָרן איז זיין וואָרט געווען דעצידירנדיק, צוליב זיין טיפקייט, גרינטלעכקייט און שאַרפזיניקייט.

שמואל חיים לאַנדוי, ווי זיין פאָטער משה־מאיר און זיין זיידע ר' שמואל ליקעווער, (וואָס איז פריער געפאָרן קיין פשיסכע און נאָכדעם קיין קאָצק), האָט איבערגענומען דעם דרך פון קאָצק וואָס האָט געמיינט חריפות, שאַרפקייט און פאַרטיפונג — און ער אַליין איז געווען א „יושב" ביי ר' ישראל פילעווער, דאָס

אייניקל וואָס האָט איבערגענומען דעם רוב בנין און רוב מנין פון קאָצקער חסידים.

ר׳ ישראל פון פּילעוו (לובלינער געגנט) איז געווען דער זון פון ר׳ דוד, דעם מיטעלן אדמו״ר פון קאָצק און איז דערצויגן געוואָרן ביים זיידן — אָבער אריינגעבראַכט אַ נייעם דרך אין קאָצקער חסידות און מלכות — און ווי מיר האָבן שוין געשריבן אויף אַן אַנדער אָרט, זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער חיבת ציון באַוועגונג, זיך קאָרעספּאָנדירט מיט די רבנים גדולי תורה וועגן ישוב ארץ ישראל.

ער האָט געשריבן צו זיין פעטער און מחותן דעם סאָכאַטשעווער רב און רבי ר׳ אברהם באָרנשטיין (מחבר פון „אבני נזר״ און „אגלי טל״) וועגן ישוב ארץ ישראל. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אגודת האלף״ וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט קויפן לאַנד און באַזעצן יידן־חסידים אויף אָט דעם באָדן.

דער יונגער שמואל חיים האָט טאַקע אין פּילעוו (פּילוב) זיך איינגעהערט צו אָט דעם אַלעמען און באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם נייעם קאָצקער דרך. מיט דער שאַרפקייט פון אַ קאָצקער איז ער אריינגעטראָטן אין דער נייער, פאַר אים, באַוועגונג, און געוואָרן דער מנהיג און אויטאָראַטיווע פּערזענלעכקייט.

האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אין ארץ ישראל אַ פּאַרטיי־אָרגאַן און געטראַכט וועגן אַ פּאַסיקן נאָמען, האָט שח״ל, מיט דער שנעלער תפיסה זיינער שוין געהאַט אַ נאָמען, באַזירט אויף אַ פּסוק: „לויט מיין באַשיידענער מיינונג זאָל די שריפט גערופן ווערן „נתיבה״ ווי עס איז געשריבן „במים עזים נתיבה״, און מיט גרויס ציטער און יראת הכבוד פאַר דער שריפט און פאַר דער באַוועגונג, האָט ער געדאַרפט שרייבן דעם ערשטן פּראָגראַמאַטישן לייט־אַרטיקל, אונטערן נאָמען „לברור שיטתנו״, אין וועלכן דער „בעל מחשבה״ און דער „בעל מעשה״, דער טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער האָט קלאָר געמאַכט די יסודות פון דער באַוועגונג[8].

ער אַנאַליזירט און גענעראַליזירט די באַגריפן תורה און עבודה. ער קלערט אויף דעם באַגריף פון תורה אַלס אַ קאָדעקס פאַר יחידים, חובת היחיד און דער באַגריף פון תורה אינעם ברייטן כלל׳דיקן פאַרנעם, אַלס „רוח האומה, מקור תרבותה ונשמת חייה״ . . . „די תורה אין אָט דער בחינה דערשיינט אינעם פּראָצעס פון עבודה, עבודת בנין הארץ ותחיית העם און זיין אויספיר „אין אומתנו אומה כי אם בתורתה״ ואין מקום לרוח האומה בלי תחית האומה בארצה, כי ניצוץ האלקי מועיל אצל עמו בארצו!״

שח״ל איז געווען דער מורה דרך און „הוגה דעות״, דער טאָן געבער וואָס האָט סטימולירט די באַוועגונג. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ווי אַ חבר און דעריבער איז אים געלונגען משפּיע צו זיין צו שאַפן אַ צענטראַלע קעמפערישע

אָרגאַניזאַציע, מיט פירנדע קאַדרען און מיט אַן אײנהײטלעכן פּראָגראַם פאַר דער רעליגיעזער יוגנט.

שח"ל און זײנע נאָכפאָלגער, האָבן טיף אַרײנגעדרונגען אין דעם היסטאָרישן גורל גאַנג פון ייִדישן פאָלק; זײ האָבן אױפגעפּאַסט די היסטאָרישע דראַמאַטישע מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע און געפונען די היסטאָרישע לײזונג אין דער קאָנצעפּציע פון תורה ועבודה, אַלס לעבנס־מאָטיװ און לעבנס־ציל, סײ אין דעם פאָלקס־הײם און סײ אין זײן תפוצות'קײט װאָס מוז אומבאַדינגט ציען יניקה פונעם ייִדישן לאַנד װאו ס'בױט זיך דאָס אײנגאַרטיקע ייִדיש לעבן, די אײגענע קולטור, אײגענע װעלט פילאָזאָפיע און — װאו ס'װערן אָפּגעהיט די גײסטיקע אוצרות, דאָס שאַפן פון דורות; די הײם װאָס זיכערט דעם פיזישן קיום, קולטורעלן המשך און רעליגיעזן אײנפלוס.

אין ייִדישן לאַנד, איז מעגלעך דער נס פון גאולה אין ברײטסטן און טיפסטן זין פון די װערטער — דאָרט איז אױך מעגלעך די רעאַליזירונג פון דעם „באחרית הימים" אידעאַל, װאָס דאַרף קומען ניט דורך בלוט פאַרגיסונג און קלאַסן קאַמפן, נאָר דורך אַ געלײטערטער מענטשהײט, װאָס שטרעבט פאַר אָט דער גאולה, פאַר דער נאַציאָנאַלער, מאַטעריעלער און גײסטיקער גאולה!

אַזױ האָט עם פאַרשטאַנען דער פּױלישער יונגערמאַן, דער קאָצקער חסיד, אַ „בעל זקן שחור ובעל עינים יוקדות", װי אײנער שילדערט אים און אַנדערע רופן אים „בעל המרד הקדוש"[9]. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו אַנטפּלעקן די אָריגינעלקײט פון הפועל המזרחי אין שטח פון מחשבה און אידעאָלאָגיע, משפּיע זײן פונעם יהדות־גײסט אױף דעם אַרבעטער קאָלעקטיװ.

די תורה — האָט ער געלערנט — האָט צװײ עלעמענט־באַגריפן: אַ קאָדעקס, אַ ספר־חוקים, דער חוב פון יעדן ייִדישן מענטשן אַלס אינדיװידועלע פּערזאָן און אינעם כלל, אַלס פאָלקס־גײסט, דער יסוד פון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיװ . . . אינעם אינדיװידועלן זין, האָט די תורה קײן פאַרבינדונג ניט. זי רעדט צום יחיד און איז מחייב דעם יחיד אַפילו אינעם גלות; װאָס שײך דעם צװײטן באַגריף, דער נאַציאָנאַלער יסוד פאַרבינדט תורה, פאָלק און לאַנד, װײל דער „ניצוץ האלקי מועיל אצל עמו — בארצו". אַ פאָלק אָן אַ באָדן, װעמעס נאַטירלעכער גאַנג איז איבערגעריסן געװאָרן, מעג ער האָבן אַלע גײסטיקע אַטריבוטן האָט ער ניט קײן מעגלעכקײטן פאַר גרעסערע יצירות, פאַר שעפערישקײט.

ר' שמואל חיים לאַנדוי, האָט ניט זוכה געװען צו זען די פאַרװירקלעכונג פון זײנע װיזיעס. ער האָט אָבער זוכה געװען, אַז דער קיבוץ הדתי זאָל ממשיך זײן זײנע רעיונות און אידעען, דער תורת שח"ל. די ערשטע קבוצה פון עולים פון מזרח־אײראָפּע, װערט גערופן אױף זײן נאָמען, קבוצת שח"ל, געגרינדעט אין רחובות אין יאָר תר"ץ (1930) דורך חלוצים פון פּױלן און רומעניע און נאָכדעם איבערגעגאַנגען אױף קאָלאָניזירונג אין טירת צבי (תרצ"ז), װאָס איז אַ געװיסע

צייט געווען דער מוסטער פון פאַרשיידענע נסיונות פאַר צופּאַסונג, מענטשלעכע, קאָלאָניזאַטאָרישע צופּאַסונגען, קלימאַטישע (געפינענדיק זיך אינעם בית־שאָן טאָל) און טעכנישע. דער שטח פון דער „טירה" ווי די אנשי הקבוץ רופן טירת צבי, גרייכט איבער 6 טויזנט דונאַם — און דער צווייטער דור האָט שוין אָנגעהויבן נעמען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער קולטיווירונג פונעם מושב.

טירת צבי איז געווען דער מוסטער פון קאָלאָניזאַציע אויף אַ קאָלעקטיוון יסוד פאַר די אַנדערע מער באַקאַנטע הפועל המזרחי קאָלאָניעס, ווי שדה אליהו, עין הנצי"ב, שלוחות אא"וו. (אין טירת צבי איז געפאַלן ביים אָנהויב איינער פון די איבערגעגעבנסטע חברים, הרב ג. אונא ז"ל, וועמעס השפעה אויף דער גייסטיק־קולטורעלער אַנטוויקלונג איז גרויס).

ג. אינעם רייסטער פון פירנדיקע ח ב ר י ם. — ראשונים אין דער באַוועגונג. — אין כנסת און אין דער ממשלה.

איינער פון די הויפּט מיט־גרינדער פון דעם הפועל המזרחי און קבוץ הדתי אין ארץ ישראל איז געווען, הרב ר' ישעיה שפּיראָ ז"ל. אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ גזע אדמורי"ם אין פּוילן, האָט ער פאַרלאָזט דעם רביישן הויף און געוואָרן אַ פּשוט'ער חלוץ און פּראָפּאַגירער פונעם תו"ע אידעאַל. ער האָט אויך אַ סך משפּיע געווען, האָבנדיק אין זיך די חסידישע דינאַמיק און די סאָציאַל־בונטאַרישע געפילן.

אויך ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער „קבוץ הדתי", ווי אַן אינטעגראַלער טייל פונעם הפועל המזרחי, וועט מיט דער צייט האָבן אַ שטאַרקע השפּעה אין דער באַוועגונג און אינעם לאַנד בכלל און אויך ער, האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פונעם קבוץ, איז צוזאַמענצונעמען די גייסטיקע און אָרגאַניזאַציאָנעלע כוחות פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם אידעאַל אויפצושטעלן אַ רעליגיעז־אַרבעטנדיקע געזעלשאַפט.

ער איז נפטר געוואָרן אין יונגן עלטער, אינגאַנצן 54 יאָר (ה' סיון תש"ה־1945) ניט דערלעבט צו זען די פאַרווירקלעכונג פון אַ יידישער מדינה. ער האָט אָבער זוכה געווען צו שטיין ביים וויגעלע פון הפועל המזרחי אין ארץ ישראל, צו זיין פון זיינע פירער ביז'ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן און זיין אַ תושב אין איינע פון די הפּוהמ"ז מושבים, אין כפר פינס. דאָרט האָט ער דורכגעפירט בפועל, זיין אידעאַל אַלס „תורה ועבודה"־מענטש.

וויניק זענען געווען זיינע יאָרן אָבער גרויס מיט מעשים, גרויס מיט אינהאַלט. אין עלטער פון אַ יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום; זיין פאָטער, דער גראָדזשיסקער רבי, ר' אלימלך, איז אים נפטר געוואָרן. נאָכדעם, אין זיינע רייפערע יאָרן, אַלס יונגערמאַן האָט ער מיטגעמאַכט נאָך אַ טראַגעדיע: אין די בעסטע יאָרן, איז אים געשטאָרבן זיין ווייב און אים איבערגעלאָזט מיט פינף קליינע יתומים, ווייט

פון משפחה, גואל, קרוב — און ביים סוף פון זיין יונג לעבן, די שרעקלעכע טראגעדיע פון נאציזם אין אייראָפּע, ווייטיקן אויף ווייטיקן און דאָך גייסטיק אזוי שטאַרק, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דאָס אמת'ע, אצילות'דיקע, געראָפּן און אליין דורכגעפירט דעם „הייליקן קאַמף און רעוואָלוציע" אין זיין אייגענעם לעבן. ער האָט פאַרווירקלעכט זיין חלום צו זיין אַן ערד־אַרבעטער אין הייליקן לאַנד און זיך אויסלעבן אַ גאַנץ שלימות'דיק יידיש לעבן וואָס איז נאָר מעגלעך אין ארץ ישראל און דורך יגיע כפים.

ווי אַ חבר צווישן חברים האָט ער אַרויסגעוויזן אומגעוויינלעכע „שמחת יצירה", געווען באַגייסטערט און ענטוזיאַסטיש, ממש אַרויסגעזונגען אָט די שירת החיים, דאָס געזאַנג פון שעפערישקייט —אליין געוויזן אַ מוסטער פון אַ הדרת כבוד און תפארת אדם וואָס ער האָט אין זיך פערזאָניפיצירט — אַ חלוצישער אדמו"ר מיט אַלע הייליקע אַטריבוטן פון אהבת השם, אהבת האדם און אהבת הארץ. ער האָט מקיים געווען דאָס וואָס ער האָט פּראָפּאַגירט און געלערנט אַנדערע.

קיין ספרים האָט ער ניט מחבר געווען. די מערסטע פון זיינע כתבים זיינען פאַרשפּרייט דאָ און דאָרט, מערסטנס אין „הצופה" (מזרחי־אָרגאַן). זיין לעבן, זיין תורה שבעל פּה איז אַ מוסטער פאַר אַלץ וואָס איז שיין און הערלעך אין יידישן לעבן, פאַר די קדשי האומה, פאַר דער „הייליקער רעוואָלוציע" וואָס שח"ל האָט אָנגעפאַנגען.

אין אַ גאָר אינטערעסאַנטן אָפּשאַצונג־אַרטיקל[1], דערציילט דונש (ש. דניאל) וועגן די ערשטע עליה ר' ישעיה'לעס אין יאָר תרע"ד, טרעפנדיק אים ביים דעמאָלטדיקן יפוער רב, ר' אברהם יצחק הכהן קוק (שפּעטער רב־ראשי).

עס איז געווען שבת־פאַרנאַכט, ביי שלש סעודות, דער רב פירט טיש, זאָגט תורה, עולם זינגט, דביקות און התפעלות — און ר' ישעיה'לע שטייט אין אַ ווינקל און קוקט זיך גוט איין אינעם ליכטיקן פּנים און איז פאַרטראַכט פון די טיפע רעיונות פון הרב קוק. אַלע זענען באַצויבערט און פאַרדביקהט.

נאָך הבדלה, האָט אימיצער באַמערקט, אַז ס'געפינט זיך דאָ אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד. דער רב האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט אַלס אויסדרוק פון יראת הכבוד, צוגעלאָפן צו אים אַרומגענומען און געהאַלזט און אים שטאַרק געבעטן צו דערציילן ספּורי צדיקים. ר' ישעי' שפּירא, האָט פריער געשילדערט זיין אייגן לעבן, דערנאָך דערציילט וועגן זיינע עלטערן — און איבערגעגעבן וועגן זיין פעסטן באַשלוס עולה צו זיין.

הרב קוק האָט אָנגעקוואָלן פון אַזעלכע רייד, איז געוואָרן געוואַלטיק באַגייסטערט און אין גרויס התלהבות זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָפט, אַז ר' ישעיה'לעס קומען איז אַ סימן פון די ערשטע טריט פון חסידישער עליה וואָס

וועט זיך אָנפאַנגען און אים געבענטשט מיט די ווערטער: „אשריך שהחזרת עטרת אבותיך ליושנה. ירבו כמותך בבתי רביים וחסידיהם".

אין יאָר תר"פ, איז ר' ישעיה געקומען צום צווייטן מאָל. שוין להשתקע. איז ער אויך דאַן זאָפאָרט געגאַנגען זען דעם רב — און אויך יענע פּגישה איז געווען גאָר אינטערעסאַנט. דער רב האָט אויסגעדריקט זיין זיכערקייט אין אַן עליה פון מאַסן חסידים. ער האָט גערעדט וועגן חסידות, וועגן חסידישן דרך, וועגן אהבת ישראל און ארץ ישראל — און פון דעמאָלט אָן האָט הרב קוק אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע התקרבות צום גראָדזשיסקער קינד.

ווען ס'איז אין תרפ"ב, געגרינדעט געוואָרן דער הפועל המזרחי, איז ר' ישעיה'לע, כמנהגו, ווי איינער פון די גרינדער, געגאַנגען צום רב, אים איבערגעבן די נייעס און זיך שואל־עצה זיין וועגן פאַרשיידענע ענינים.

דער רב האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס אין אַלע איינצלהייטן און אים געע'עצהט, ניט איבערצורייסן די פאַרבינדונגען מיט מזרחי, צו האָבן גוטע באַציאונגען מיט די אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

הרב קוק האָט זיך אויסגעדריקט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן דער נייער באַוועגונג „הפועל המזרחי", אַז ער דערוואַרט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אַ פאַרשטאַרקונג פון מעשים לטובת בנין הארץ והאומה.

דונש גיט איבער, אַז אַ דעלעגאַציע, אָנגעפירט פון ר' ישעיהו שפּיראָ, איז אַמאָל געקומען צו הרב קוק, פאַרלאַנגנדיק פון אים, ער זאָל קויפן אַ שקל און זיך באַטייליקן אין די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט ער געענטפערט: אלס רב, מוז איך בלייבן אומפּאַרטייאיש . . . איך קען זיך אָבער ניט צוריק־האַלטן פון זאָגן מיין מיינונג, אַז אינעם הפועל המזרחי זע איך די שלימות פון רעליגיעזן יידנטום . . .

אינטערעסאַנט איז, אַז שוין אויף זיינע נסיעות אין פּוילן, האָט ר' ישעיה'לע שפּיראָ, אָנגעוויזן, אַז אין די ספרים פון הרב קוק, זעט מען אַ געוואַלטיקע השפעה פון אדמו"ר ר' צדוק הכהן מלובלין, אַז אין זיינע רעיונות, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין „ארץ חפץ", זעט מען דעם קשר צו דעם געדאַנקען־גאַנג פון כהן ז"ל, דעם הוגה־דעות אין דער חסידיש־לומדישער וועלט.

אין אַ באַזונדער ווערק[2] האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן קשר צווישן לובלינער און ירושלימער כהן הגדול מאחיו . . . ביי ביידן געפינט מען די מקורות (הלכה און קבלה) פון קדושת ישראל, ווי אַזוי די קדושה איז זיך גובר פון דור צו דור, אַז אין צייט פון עקבתא דמשיחא, כאַפּן זיך אַריין שלעכטע געדאַנקען, אָבער זיי ווערן באַהערשט . . .

מיר האָבן געהאַט די זכיה צו הערן ר' ישעיה'לע און זיך צו באַקענען מיט אים נענטער אין הויז פון מרן המהרי"ל גרויבאַרט ז"ל. דאָס איז געווען אין 1933, בעת זיינס אַ לענגערן באַזוך ביי אונז אין קאַנאַדע. אַ דאַנק זיין

התעוררות, האָט הרב גרויבארט אָנגעשריבן זיין באקאנטער עסיי „המסחר״[3] ווי א פּועל־יוצא פון די שמועסן מיטן גאסט.

דער ביאָגראפישער קיצור: געב. אין יאָר תרנ״ד (1891); באטראָטן די הייליקע ערד אין חודש אייר, תרע״ד (1914) אין עלטער פון 23 יאָר; נפטר, ערב שבועות, תש״ה (1945). אויף זיין מצבה — דעם פסיכאָגראפישן קיצור:

יה חננך נשמה אצילה ומתנת הרוח,
שירת חייך תורת ה׳ וישועת ישראל,
עם שחר ימיך עלית בלהט קודש לארץ הקודש,
ידיך אמונה לגאולת אדמתה ובנין עד,
הדרכת דור ראשון נאמן ל„תורה ועבודה״,
ויחזו בך ותיק וחסיד, חבר ורבן.

* * *

צוליב דוחק אין פּלאַץ, קענען מיר דאָ ניט אויסרעכענען, אפילו א טייל פון די וותיקים, וועלכע שטייען נאָך ביים רודער פון דער באוועגונג. מיר וועלן בלויז דערמאנען אייניקע:

משה (חיים) שפּיראָ (געבוירן, גראָדנע, פּוילן, ראש־חודש ניסן, תרס״ב־1902) — דער איצטיקער אינערן־מיניסטער. נאָך אין דער ישיבה, ביים גאון רבי שמעון שקאָפּ, האָט ער אָרגאניזירט א גרופּע „בני ציון״, נאָכדעם „צעירי מזרחי״ און אין יאָר תרע״ט אָרגאניזירט אין ליטע די צעירי מזרחי באוועגונג. זייענדיק אין תרפ״ב אין ווילנע, איז ער אריין אין דער הנהלה פון מזרחי און „החלוץ המזרחי״ און צוליב דעם זיך אריבערגעצויגן קיין ווארשע.

ער האָט אָבער באלד פארלאָזט ווארשע און אוועקגעפאָרן קיין בערלין צו שטודירן אין לערער־סעמינאר אויפן נאָמען פון הרב עזריאל הילדעסהיימער און אויך דאָרט פארנומען א צענטראַלן פּלאַץ אין דער באוועגונג. אין 1925, צום 14־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז ער געשיקט געוואָרן אַלס דעלעגאט פון הפּועל המזרחי.

אין יאָר תרפ״ה האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און איז געוואָרן איינער פון די פירנדע חברים אין דער וועלט־לייטונג פון דער תורה ועבודה באוועגונג און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דער הויפּט פון דער באוועגונג.

מיט צען יאָר שפּעטער (אין תרצ״ח), איז ער דערוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פון דער יידישער אגענץ אַלס הויפּט פון עליה דעפּארטמענט און דעם דאָזיקן אמט, אָנגעהאלטן ביז׳ן יאָר תש״ח, ווען זיינע פליכטן אַלס מיניסטער פון דער נייער ישראל רעגירונג, האָבן אים צוריקגעהאלטן פון אָנהאלטן דעם אמט אין דער אגענטור. ער האָט אָבער אויך אין דער ערשטער רעגירונג פארנומען דעם אמט פון אימיגראַציע־מיניסטער צוזאמען מיט געזונטהייט־מיניסטער.

אין דער ישראל־רעגירונג האָט ער שוין אָנגעהאַלטן עטלעכע פּאָרטפעלן, דערהויפּט אַלס אינערן־מיניסטער — און צו זיין קרעדיט ווערט צוגעשריבן דאָס איינשטעלן דעם סיסטעם פון מוניציפּאַליטעטן, פאַראייניקונג פון יפו־תל־אביב אא״וו.[4]

ס'איז אויפן פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז אַ סך האָט ער דערגרייכט, אַ דאַנק זיין עוזרת, די איידעלע פרוי לאה (ליזאַ באַסטאַמסקי פון ווילנע) די מוטער פון זיינע צוויי קינדער יהודה און נעמי. אין איר הילף צום שר ר' משה חיים, באַווייזט זי זיך אַלס „די מלוכה־שעפערישע ראָלע פון דער פרוי״[5], ווי עס ווערט גערעדט וועגן דער פרויען־אָרגאַניזאַציע ביים „הפועל המזרחי״ אונטערן נאָמען „ברוריה״ וועגן וועלכער ס'פאָדערט זיך אַ גאָר באַזונדערע אַרבעט, וואָס מיר האָפן מיט גאָט'ס הילף דאָס משלים זיין.

אויב פרוי שפּירא ווייזט ניט אַרויס קיין אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער באַוועגונג, איז אָבער גרויס איר אָפּפערווויליקייט אין דערמעגלעכן איר מאַן, ער זאָל קענען פאַרנעמען זיין אָרט אין דער היסטאָרישער עפּאָכע פון ישוב און בנין הארץ.

וואָך שייך ביאָגראַפיש, וועלן מיר בלויז איבערגעבן אייניקע שטריכן:

משה חיים שאַפּירא איז, ווי דערמאָנט פריער, געבוירן געוואָרן אין גראָדנע (פריער וויים־רוסלאַנד, נאָכ'ן קריג — פּוילן (ר״ח ניסן, תרס״ב (1902. 3. 26) אין דער צייט ווען ס'איז דורך הרב ר' יצחק יעקב ריינעס געגרינדעט געוואָרן די מזרחי און ס'איז דערשינען זיין ספר „אור חדש על ציון״[6].

ביי זיינע עלטערן ר' זלמן און ראַזאַ, האָט שאַפּירא געקראָגן די שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג אויפ'ן ליטווישן שטייגער. פריער אין חדרים און נאָכדעם אין דער ישיבה פון רבי שמעון שקאָפּ, וואו ער האָט שוין אָרגאַניזירט אַ „צעירי מזרחי״ אָרגאַניזאַציע.

אין יאָר תרע״ט, איז ער אַוועק קיין קאָוונע, דאָרט געאַרבעט אינעם חנוך און קולטור־דעפּאַרטמענט פון דעם אָרטיקן „יידישן נאַציאָנאַל־ראַט״, אונטער דער לייטונג פון דר. דייטשלענדער און אויך דאָרט אָרגאַניזירט אַ גרופּע אונטערן נאָמען „צעירי מזרחי״.

אין יאָר תרפ״ב, איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן, אַוועק קיין ווילנע, געוואָרן אַ לערער אין „אחי עזר״ (געגרינדעט פון ר' חיים גראָדזענסקי), געווען טעטיק אין מזרחי און חלוץ המזרחי — אָבער אים האָט געצויגן צו ברייטע האָריזאָנטן. איז ער דאַן אַוועק קיין וואַרשע און פון דאָרט קיין בערלין, וואו ער האָט גענומען קורסן אינעם רבנים־סעמינאַר פון ר' עזריאל הילדעסהיימער און גלייכצייטיק געוואָרן דער הויפּט פון דער אָרטיקער צעירי מזרחי באַוועגונג.

אין בערלין, איז ער אין 1925, געוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום 14־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און זינט דאַן, זיך באַטייליקט אין אַלע ציוניסטישע

קאָנגרעסן אַלס פאָרשטייער פון הפועל המזרחי. אין יענעם יאָר (תרפ"ה) האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און אָנגעהויבן זיין נייע קאַריערע צו וועלכער ער איז געווען מסוגל צוליב זיין לאָגישן און גוט־פאַרטראַכטן צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן. ער איז געוואָרן דער פירער פון דער באַוועגונג.

אָנגעהויבן האָט ער זיין קאַריערע אַלס מיטגליד פון „ברית עולמית" (וועלט־צענטראַלע פון תורה ועבודה (פאַראייניקונג פון צעירי, החלוץ און הפועל המזרחי) אָבער באַלד זיך דערהויבן צו די העכסטע אַמטן.

אין אַ גרעסערער אָפּשאַצונג,[7] האָבן מיר צווישן אַנדערעס געשריבן:

„איך האָב פאַר זיך געזען אַ שיין מאַיעסטעטיש הדרת־פּנימדיקע פּערזענלעכקייט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל פון גוטסקייט . . . וואָס מאַכט קאָמפּראָמיסן מיט די „איזמען" וועלכע זענען קאָנסטרוקטיוו און טוען אַ סך מיט שוואונג און וויזיע פאַר'ן אויפבוי פון דער יידישער אמונה . . .

„אַ שטרענגען פּאַרטיי־טוער, דערצו אַן אמת־זיידענעם מענטשן האָב איך פאַר זיך געזען — אַ מענטש וועלכער האַלט צוריק דעם שטראָם פון שלאַכט און קאַמף . . . ער רופט זיינע אָנהענגער צו דערגרייכן זייער ציל דורך מעשים, דורך שווערער האַרעוואַניע, דורך גייסטיקער דערהויבונג, דורך שלום'דיקע מעטאָדן . . .

„בעת'ן געזעגענען זיך: ער זיך גרייטנדיק צו דער לופט־נסיעה קיין פּאַריז און מיר — יעדער צו זיין אַכסניה . . . האָב איך באַמערקט, צווישן די איינגעפּאַקטע זאַכן אַ ספר וועגן חסידות און גראָד אין יידיש . . . דער גראָדנער מתנגד וויל דווקא אין די גורלדיקע טעג, זיין באַהויכט פון בעל שם'ס חסידות, פון פאָלקס־גייסט און ווילן . . . געפינען שטאַרקונג אין חסידיש־מיסטישן איראַציאָנעלן באַוואוסטזיין . . ."

שלמה זלמן שרגאי, דער ראַדזינער חסיד, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900, אין גורשקאָוויץ, פּוילן, און זינט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין דער שטרענג־חסידישער אַטמאָספערע. אַ צייט געלערנט אין דער ראַדאָמסקער ישיבה — און גאָר יונג געוואָרן טעטיק אין מזרחי.

ווי איינער פון די גרינדער פון „החלוץ המזרחי" אין פּוילן, האָט ער עולה געווען אלול תרפ"ד און אין יאָר תרפ"ה, ביי דער פינפטער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג אין ארץ ישראל איז ער געוויילט געוואָרן צום ועד הפועל און זינט דאַן פאַרנעמט ער זיך מיט „משנה תורה ועבודה".

ער האָט געהאַט די זכיה צו ווערן דער אידעאָלאָג פון תו"ע און זיינע ספרים פלעגן געלערנט ווערן בצבור, אַזוי זיין „חזון והגשמה", אַזו זיין „שעה ונצח", אַזוי זיין „תחומים" און אַזוי די אַנדערע קלענערע און גרעסערע ווערק אין וועלכע ער ברייטערט אויס זיין טעאָרעטישן איינשטעל.

ווי אַ חסיד ווייסט ער וואויל אַז „כל הבא אל הקודש" — ווער עס קומט אין הייליקן לאַנד, ווי ס'האָט אַמאָל געזאָגט אַ חסידישער רבי — צריך עבור ויניקה

וקטנות, דאַרף ער אויפסניי געבוירן ווערן, דורכצומאַכן אַלע קינדער־שוואַכקייטן . . .

פאַרן קיין ארץ ישראל, ליב האָבן דאָס לאַנד, פאַרטראָגן און אויסהאַלטן אַלע אירע צרות, ליידן און פּיינען פון אַ לאַנד וואָס ווערט איבערגעבויט פון חורבות, מוותר צו מאַכן אויף אַלע גלות לוקסוסן און באַנעמען די נאַציאָנאַלע זאַך — אויף דעם דאַרף מען זיין מוכשר, גייסטיק צוגעגרייט, צו ווערן אַ חוץ אַן אַקטיווער באַטייליקער אינעם איבערבוי פון אַ לאַנד, אינעם אויפבוי און באַשיצונג, דאַרף מען זיך נאָך מער צוגרייטן. נאָך מער זיך מכשיר זיין . . . צו ווערן אַ בויער פון אַ נייער מאָדערנער יושר׳דיקער געזעלשאַפט וואָס איז אין איר טיפסטן תוך מענטשלעך־אוניווערסאַל און אין ברייטן פאַרנעם אָדער ברייטער באַנעמונג — יידיש נאַציאָנאַל, געזיגלט מיט דעם דורכאויסיקן יידישן חותם, באַזירט אויף נאַציאָנאַלער יידיש היסטאָרישער דערפאַרונג — אויף דעם פאַדערט זיך קדושה, העראָאיזם און הויכער אידעאַליזם.

דער הפועל המזרחי, אין זיין אַקטיוון אנטייל אינעם אויפבוי פון אונזער מדינה, האָט באַוויזן די מעגלעכקייט, פון אַ פּראַקטישער סינטעזע פון אוניווערסאַלקייט אינעם ברייטסטן זין פון וואָרט; און נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אויפבוי, אינעם טיפסטן באַנעם פון די ווערטער.

און באַוויזן אָט די סינטעזע פון גוף־נשמה אויף ארץ ישראל באָדן אונטער ארץ ישראל הימל, האָבן עס די פּיאָנערן פון רעליגיעזן חלוציזם דווקא אין אונזער עפּאָכע, די ערגסטע עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אין אַ צייט ווען מענטש האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אַלמענטשלעכן שורש, אין אַ פּעריאָדע ווען דער מענטש האָט געגנצלעך פאַרלוירן זיין צלם אלקים . . .

ער ווייס אָפּצושאַצן דעם מהות פון תורה ועבודה אידעאַל, דעם גרויסן אויפטו פון די הפועל המזרחי קאָלאָניעס, דעם יסוד פון דער נייער געזעלשאַפט וואָס בויט זיך אין ארץ ישראל.

און ער זעט די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידייען.

אין יאָר תרצ״ט, איז ער דערוויילט געוואָרן צו דער פאַרזאַמלונג פון ועד לאומי, דער כמו כנסת, זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע און זינט דאַן עולה געווען מעלה־מעלה אין דער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט פון יידנטום.

איצט פאַרנעמט שרגאי דעם הויפּט־אַמט פון עליה־דעפּאַרטמענט און נישט אַכטנדיק וואָס אין צייט פון זיין איבערנעמען דעם דאָזיקן אַמט, אין יאָר תשי״א, איז די עליה געפאַלן, האָט ער דאָך זוכה געווען, אז אין זיין צייט זאָל עס זיין אַ התעוררות פון עליה ביי חסידים, וועמעס קלימאַקס איז דערגרייכט געוואָרן מיט דער עליה פון קלויזנבורגער רב און רבי און זיין גרינדונג פון קרית צאנז, שפּעטער די גרינדונג דורכ׳ן באַבאַווער רבי, די קרית באבאוו און אזוי אַנדערע

איבערגעבליבענע פון די אַמאָל בארימטע חסידישע דינאַסטיעס וועלכע ווערן איבערגעפּלאַנצט אין מדינת ישראל.

ער האָט געהאַט די זכיה דערוויילט צו ווערן ערשטער מעיאָר פון ירושלים עיר הקודש נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל. אַלס מעיאָר האָט ער אָרגאַניזירט די פייערונג פון דריי טויזנט יאָר ירושלים, וואָס האָט אים געגעבן וועלט־פּרסום און אָנערקענונג.

אין דער ריי פון ותיקי התנועה און פון פירערשאַפט געהערן יעקב גרינבערג און דר. יצחק רפאל (ווערפל). דער ערשטער, האָט יאָרן־לאַנג אינעם בלי־פּעריאָד פון דער באַוועגונג פאַרנומען דעם העכסטן אַמט אין דער לייטונג פון דער צעירי מזרחי־תו"ע באַוועגונג אין פּוילן און זינט ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, זייענדיק איבערגעגעבן בלב ונפש דער באַוועגונג, האָט ער פאַרנומען די העכסטע אַמטן אין דער אָרטיקער לייטונג. (איצט איז ער חבר־כנסת און איינער פון זיינע וויצע־פּאָרזיצערס).

דאָס האָט אָבער יעקב גרינבערג'ן ניט צוריקגעהאַלטן פון קובע זיין עתים לתורה, שרייבן, רעדאַקטירן און בכלל פאַרטיפערן זיין אינטעלעקטואַלן מהות. ווערנדיק פאַרשלונגען אין פּאַרטיי אַרבעט האָט ער דאָך באַוויזן אַ סך אויפצוטאָן פאַר די גייסטיקע כוחות אין דער באַוועגונג.

בעת איינעם פון זיינע באַזוכן אין טאָראָנטאָ, האָבן מיר געשריבן וועגן אים[8]:

„. . . באַלד ביים ערשטן מאָמענט, מאַכט ער דעם איינדרוק אויף אייך, ווי אַ טיפּיש פּויליש־יידישער פירער: שנעל, פאַרנומען, צעטראָגן, אָנגעשטרענגט... אָבער ווי נאָר איר באַקענט זיך מיט אים נעענטער, ווערט ער אייך אַזוי ליב, אַזוי אינטים, אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז איר באַקומט גרויס דרך־ארץ פאַר אים. איר שלינגט זיינע ווערטער, איר כאַפּט אויף זיינע געדאַנקען, איר באַוואונדערט זיין חריפות, איר דערזעט זיין פערזענלעכקייט.

יעקב גרינבערג איז דער בוי־מייסטער פון דער תו"ע באַוועגונג און ער, ווי נאָך איינציקע, ווייזט אַרויס די גרעסטע פּאָזיטיוויטעט אין אָט־דער קאָמפּליצירטער אַרבעט פון רעסטאַווּרירן אַ צעוואַלגערטן בנין וואָס מען וויל פאַראייניקן אין האַרמאָנישער גאַנצקייט. מען מוז האָבן די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם קלענסטן דעטאַל פון בנין.

בויען תורה ועבודה, מיינט צוריק אויפשטעלן און באַנייען דאָס מקורות'דיקע נביאישע יידישקייט, וואָס איז אין גלות צעשטערט געוואָרן. דאָס קען מען נאָר ווען מען פאַרשטייט די אויפגאַבע פון בוי־מייסטער: צוזאַמענשטעלן דאָס פּיל־פאַרביקע און פּיל־געשטאַלטיקע אין דער יידיש־מענטשלעכער געזעלשאַפט; מען דאַרף זיין דורכגעדרונגען פון די עטישע און עסטעטישע ווערטן פון אַ פאָלק; מען דאַרף זיין איבערפולט מיט דעם ווייטיק און צער פון פאָלק — מען דאַרף זיך קענען שטעלן אין דינסט פון פאָלק.

יעקב גרינבערג ווי איינער פון די גרינדער פון תו"ע באַוועגונג האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון פאָלק. ער האָט זיך אינגאַנצן אויפגעגעבן, פאַרנאַכלעסיקט זיין קאַריערע, זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דער באַוועגונג אין וועלכער ער פאַרנעמט אַ דעצידירנדע ראָל. ער טוט זיין טייל אין דער באַוועגונג מיט גרויס אַחריות. ער פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע ביישפּילן פון זיין אייגן לעבן די אידעאַלן פון תורה ועבודה. די טעאָריעס פון תו"ע וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר דאָס עיקר'דיקע און וועזנטלעכע אינעם יידישן לעבן, זענען געוואָרן פאָרמעל און אומפאָרמעל זיין אייגן לעבן.

„. . . דעריבער איז ה' גרינבערג דער „רב פעלים מקבצאל", ווי עס ווערט קאָמענטירט אין דער גמראָ[9] — שקבץ ורבה פעלים לתורה — מיר וועלן צוגעבן — „ולעבודה". . .

יעקב גרינבערג האָט זיך געקענט האָבן אַ גאַנץ רייכע ליטעראַרישע קאַריערע, אפשר זיצן אין אַ רעדאַקציע מנוחה'דיק און שרייבן עסייען, זאַכלעכע אַרטיקלען, פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען און מיר וואָלטן אַ סך געוואונען פון זיין שרייבן. ער שרייבט פריי, פליסיק, האָט אַ פיינעם סטיל, אַן עסטעטישן חוש און וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטער שרייבער אין העברייאיש און אין יידיש.

ער האָט אָבער אויסגעקליבן דעם וועג פון אַ געזעלשאַפטלעכן פירער וואָס איז אי גענעראַל, אי סאָלדאַט, און אַלס פירער און טוער אַרויסגעוויזן גוואַלדיקע אומגעהויערע פייאיקייטן. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע דורכצופירן די קאָמפּליצירטסטע שליחות'ן פאַר דער באַוועגונג און פאַר'ן ציוניזם בכלל. אַרבעט פאַר דער תו"ע באַוועגונג ווערט ביי אים באַטראַכט ווי מלאכת הקודש, דעריבער גייט ער ניט אויפן רוטינעם וועג פון באַאַמטנטום ווי דער שטייגער איז אין די ביוראָען. ער אַרבעט מיט התלהבות טאָג און נאַכט פאַר דער אָרגאַניזירונג, אויסברייטערונג און אויפהאַלטונג פון דער „ליגע פאַר'ן רעליגיעזן אַרבעטער". ער ווערט ניט דערשעפּט פון דער שווערער האָרעוואַניע — און בעיקר ניטאָ ביי אים קיין פּאָזע אָדער גרויסהאַלטעריי.

ער רופט דעריבער ביי אונז אַרויס גרויס רעספּעקט און ליבשאַפט — יאַנקעלע, ווי אַ סך רופן אים, איז באַליבט ביי יעדן איינעם אין דער באַוועגונג אַזוי אין ארץ ישראל און אַזוי אומעטום וואו מען דערקענט אים נעענטער און מען איז מיט אים אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט.

דר. יצחק רפאל, איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשער וועגן חסידות. זיינע ווערק זענען באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט, אַ צאָל יאָרן דירעקטאָר פון עליה ביי דער יידישער אַגענטור. אַלס איידעם פון הרב מיימון, איז ער דער כח המשפיע און פּאַקטישער אָנפירער פונעם מוסד הרב קוק (דער גרעסטער פאַרלאַג וואָס שייך דאָס אַרויסגעבן ספרים און היסטאָרישע ווערק אין די ראַמען פון דער יידישער טראַדיציע). ער האָט אַ סך געהאָלפן און ביינעטראָגן

צום וואוקס פון דער באוועגונג און האָט גרויס השפעה אינעם לעבן פון דער מדינה.

ווי א חבר־כנסת און וויצע־מיניסטער פאַרשאַפט ער גרויס אָנזען, דעם מזרחי־הפועל המזרחי און ווי א שריפטשטעלער און תורה־עסקן — גאָר א סך פראַמינענץ געקראָגן אין דער וועלט פון פאָרשונג און וויסנשאַפט — און מיט זיינע ווערק, זיך געשאַפן א נאָמען. געגוג צו דערמאָנען זיינע חסידות ווערק; זיין „ראשונים ואחרונים" (תשי"ז); זיין „אנציקלופדיה של הציונות הדתית" און נאָך און נאָך.

דר. יוסף בורג, איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער, אָנערקענט אין גאַנצן לאנד — אין דער רעגירונג פאַרנעמט איצט דעם אמט פון וואוילזיין־מיניסטער. ער איז באַליבט און געאַכטעט אין דער באוועגונג. ניט געקוקט וואָס ער האַלט זיך מיט דער „למפנה"־פראַקציע אין וועלכער ער, צוזאַמען מיט מ. אונא און ד. בית אריה (אינטראַליגאַטאָר) פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

איינער פון די ראשונים אין דער באוועגונג, וואָס איז עד היום אַקטיוו, איז טאַקע דער דוד בית ארי'. ער איז איינער פון די גרינדער פונעם „הקבוץ הדתי", אין וועלכער ס'געפינען זיך די מוסטערהאַפטע חלוצישע מושבות, ווי טירת צבי, יבנה, סעד און אַנדערע — אָבער וועגן דעם באַזונדער אין א ווייטערן קאַפּיטל.

דוד איז געבוירן געוואָרן אין תרס"ג, אין קאָוונע, די הויפּט־שטאָט פון ליטע. ער האָט געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און שטודירט אין באָן, דייטשלאַנד אגראָנאָמיע און געוואָרן איינער פון די גרינדער פון „ברית חלוצים דתיים".

אין 1929, איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט געהאָלפן גרינדן דעם קבוץ „רודגס", וואָס איז שפּעטער געוואָרן קבוץ „יבנה". ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר און געוואַקסן צוזאַמען מיט זיין אַמט.

מיט אַרום צען יאָר שפּעטער האָט ער באַרייזט אייראָפּע און באַזונדערס דייטשלאַנד, געהאָלפן עולה זיין חברים פון בח"ד (ברית חלוצים דתיים) און דעמאָלט געווען איינער פון די אָרגאַניזירער פון דער „בני עקיבא" יוגנט־באוועגונג.

פון 1933 אָן, זען מיר אים שוין אלס הפועל המזרחי פאַרשטייער, ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן — און די לעצטע יאָרן, איז ער דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג פון „חנוך ותרבות בגולה" ביי דער יידישער אגענטור. וועגן זיין שטעלונג צו פאַרשיידענע פּאַרטיי־פּראָבלעמען אינעם קאַפּיטל וועגן פראַקציעס אינעם הפועל המזרחי.

עס איז אויך אויפן פּלאַץ צו דערמאָנען נאָך איינעם פון די פּיאָנערן וועלכע זענען נאָך אין פולסטן אַקטיוו פון דער באוועגונג — הרב כתריאל פישל טכורש.

הרב טכורש איז איינער פון די גרינדער פון דער באַוועגונג אין פוילן און נאָכדעם אין ארץ ישראל — און איז די לעצטע יאָרן פאַרבונדן מיטן רבנות הראשית און פאָרזיצער פון מחלקת הכשרות אין דעם תל־אביבער שטאָט־ראַט.

ער פאַרנעמט זיין רבנות־פּאָזיציע מיט חשיבות און פאַרנאַכלעסיקט אויך ניט זיינע פליכטן אַלס פעז־מענטש. ווי אַ מיטאַרבעטער אין „הצופה", באַרירט ער אַקטועלע, פאַרטייאישע און גאָר אָפט לומדישע ענינים.

כתריאל פישל טכורש, געב. אָקט. 8, 1896, אין ניעשאווע, סואוואלקער געגנט (רוסיש־פוילן). ער איז א תלמיד פון וולאָצלאַוועק'ער רב, מזרחי פירער אין פוילן, און פון אים, געקראָגן סמיכת־רבנות.

אויסער רבנות, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליזם, געשריבן עסייען אויף פאַרשיידענע טעמעס, מערסטנס רבניש־הלכה'שע ענינים . . . [10]

מיר וואָלטן אויך געדאַרפט דערמאַנען דעם מיניסטער פון רעליגיעס אדוו. זרח וואַרהאַפטיג און נאָך אַ צאָל פירנדע חברים — מיר מוזן אָבער זאָגן חסל!

הערות

א.

1. יצחק גוש זהב (גולדשלג), מוילנה עד ירושלים, ירושלים, תשי"ד, ז"ז כ"ג־כ"ו.
2. זע, סיני, אלול, תש"ב.
3. „לנשמת הגאון הצדיק הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל, למלאות עשר שנים לפטירתו", קובץ־תורני־מדעי, ערוך בידי הרב י. ל. הכהן פישמאן (מימון), הוצ' מוסד הרב קוק שעל יד המזרחי העולמי, ירושלים, תש"ה.
4. זע, מאמר פון הרב יהודה גרשוני,יידישער קעמפער, פרייטיק, דעצ. 16, 1960, ז"ז 7־9; זע אויך, מיין ספר „דאָס געזאַנג פון חסידות" — באריכות.
5. הרב גרשוני, דאָרט.
6. פרק ז', פסוק ט', געשריבן יסד המעלה.
7. זע, יוסיעזר הצפוני, הצופה לילדים, תשכ"א.
8. סיני, אלול, תשט"ו, שנה י"ח, כרך ל"ז, חוב' ו (רכ"ה).
9. טובים השנים, סיני, דאָרט, ז"ז תל"ט־תנ"ב.

ב.

1. אין זיין מאמר, „נוער תורה ועבודה", מזרחי קובץ יובל, ז' 115.
2. ירושלים, ט"ו סיון, תרפ"ח און א' תמוז; זע אויך, „חוזר הפועל המזרחי", המרכז לתרבות, ליום הזכרון הכ"ה, סיון תשי"ג.
3. „נתיבה", תרפ"ט, חוב' א', מ"ו.
4. דאַטן און כראַניק, ז"ז 47־48.
5. גליון לאנדוי, ז' 337.
6. דאָרט, ז' 342.
7. אינעם ספר „דאָס געזאַנג פון חסידות", צוויי בענד, בוענאָס־איירעס, 1959.
8. נתיבה, ירושלים, יום ששי, ה' סיון, תרפ"ו.
9. זע, ידיעות הקבוץ הדתי, סיון, תשי"ג — יוני, 1953.

ג.

1. „שורש וענפיו", הצופה, כ"ט אלול, תש"ך — 24.9.60.
2. „דאָס געזאַנג פון חסידות", באַנד צוויי.
3. יהודה לייב גרויבאַרט, ימין ושמאל, הוצ' מסורה, לודז, תר"ץ. ז"ז י"א־י"ז.
4. בעת זיין באַזוך אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, דעם 2־טן טאָג חוהמ"פ תשי"א — אַפּריל 24, 1951, האָט דער שרייבער פון די שורות רעדאַקטירט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע „יידישער זשורנאַל" לכבודו און אַ קאָלום געווידמעט זיין כאַראַקטער, פּאָזיציע און פירערשאַפט.
5. זע, „ברוריה", וואַרשע אדר ב', תרצ"ה.
6. ווילנא — תרס"ב.
7. „דער יידישער זשורנאַל", דינסטיק, דעם 24־טן אַפּריל, 1951.
8. אין „יידישן זשורנאַל" צו דער געלעגנהייט פון זיינס אַ באַזוך.
9. ברכות י"ח.
10. זע, לעקסיקאָן פון דער ייד. ליטעראַטור, באַנד 4, ז"ז 87־88.

קאַפּיטל ניין-און-דרייסיק

עולים פון פערטער עליה

מיר האָבן פריער שוין געזען, ווי שווער עס איז אָנגעגאַנגען מיט דער אַקטיוויזירונג פון דער רעליגיעזער יוגנט פאַר חלוצישער און סאָציאַלער אַרבעט אין לאַנד. מ'האָט אָנגעהויבן, ווי שולוואַקס באַמערקט ריכטיק, מיט שוואַכע טריט — אָבער מיט שוואונג וואָס האָט געבראַכט די געהעריקע געזעלשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען[1].

א. אַנטוויקלונג פון באַוועגונג. —אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן. — נאַטירלעכע לעבענס-קראַפט.

דער כח איז געווען, ארץ ישראל; די מאַגנעטישע קראַפט ,וואָס האָט געצויגן צו זיך דעם רעליגיעז-באַוואוסטזיניקן אַרבעטער, וועלכער האָט געזוכט זיין מנוחת הגוף והנפש אין דער ארץ-ישראל זוניקייט, וואו עס האָט אויפגעשיינט מיטן צאת השמש בגבורתו דער טיפּ אַרבעטער און די נייע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג.

ווי מ. ש. גשורי, גיט איבער אין זיינע זכרונות[2], האָבן מזרחי און הפּועל המזרחי זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט אויפצונעמען די נייע עולים פון דער פערטער עליה, זיי צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, געבן זיי באַשעפטיקונג. ס'איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דער קאָאָפּעראַטיוו פון „עולים בונים" און אַ צאָל נייע קאָלאָניעס, וועגן וועלכע מיר וועלן ווייטער רעדן.

אין יענער צייט, איז הרב א. י. קוק זצ"ל, אַרויסגעקומען מיט אַ רוף, צו שטיצן די רעליגיעזע חלוצים און די רעליגיעזע אַרבעטער[3].

די באַוועגונג, האָט, ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, געמאַכט גרויס פאַרשריט סיי אויפ'ן געביט פון אָרגאַניזאַציע, סיי אויפ'ן געביט פון התישבות-חלוציזם. זונטאָג, דעם פינפטן טאָג חול המועד סוכות, איז געפייערט געוואָרן דאָס לייגן דעם גרונט-שטיין, דער „אבן הפינה" פאַר דעם בנין פון הפּועל המזרחי אין פתח תקוה, ביי וועלכער דער יו"ר מ. שאַפּיראָ, האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער באַוועגונג, אין יענער צייט איז אויך די פּראַקציע וואָס איז געהאַט אריינגעטראָטן אין דער הסתדרות צוריקגעקומען און דער ריס אין דער באַוועגונג איז פאַרנייט געוואָרן.

מיר לייענען אין „נתיבה"[4]: דאָס אַרויסטרעטן פון לינקן פּועל המזרחי פון דער הסתדרות, צוריקקומענדיק אין די אייגענע רייען, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פולשטענדיקע פאַראייניקונג אינעם פּועל המזרחי — „אחוד שלם בהסתדרות „הפּועל המזרחי". דער דאָזיקער טאַט איז פון אַלעמען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד און איז פון אלעמען באַגריסט געוואָרן. די „בשורת האחוד", ווי דער לייט-אַרטיקל דריקט זיך אויס, איז געווען די וויכטיקסטע דערשיינונג אין דער

אָרגאַניזאַציע: קוינו, חכינו לה ובטוחים היינו כי אף־על־פי שתממהמה בא תבוא...

נאָך דריי יאָר צעשפּאַלטונג, צעטיילונג, צעטרייסלונג, צאַנקערייען און רייסייערייען איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פון פאַראייניקונג — און אַלע חברים, גרינדער, פירער־טוער און נאָכפאָלגער עולים זענען געווען צופרידן פונעם גרויסן טאַט, ווי עס איז געוואָרן אויסגעדריקט אין די באַגריסונגס־ווערטער, ביי דער פאַראייניקונג־פייערונג אין פתח־תקוה, דורך די חברים: יצחק גור אריה, ר. וויינשענקער (דר. ראובן גפני), י. בערנשטיין און אַנדערע.

ש. דניאל, אין זיין מאמר „נוער תורה ועבודה"[5] שרייבט צווישן אַנדערעס: „התנועה עמדה לפני התפוררתה; אך השגחה העליונה דאגה לקיומה ולהמשכת פעלותיה, הופיע מנהיגה־מדריכה המחוגן ש. ח. לאנדוי ז"ל . . . הוא הצליח לתת בטוי אידיאולוגי חריף ללבטיה העיונים; ונוסף לכך: הודות לכשרונותיו הארגוניים וקסמי אישיותיו המרהיבה — איחד את קרעי התנועה והקים הריסותיה."

לאַנדוי האָט קלאָר געמאַכט דעם וועג און זיינע נאָכפאָלגער האָבן שוין געהאַט פאַר זיך אַ וועג ווי אַזוי אויסצובערייטערן די באַוועגונג, מיט אַלע שטרעמונגען; אין יענע ערשטע יאָרן, זענען עס געווען צוויי הויפּט־שטרעמונגען: „אל המקור", וואָס האָט אַרויסגעוויזן און געזוכט צו שטאַרקן דעם טענדענץ פון פאַראייניקונג מיט מזרחי; פון דער אַנדערער זייט זענען געווען אַזעלכע, ווי למשל די סיעה (פראַקציע) „יצירה ובנין", וואָס האָט געזוכט איבעררייסן די פאַרבינדונגען מיט מזרחי און די דריטע פראַקציע, דעם צענטרום, אין וועמעס הענט ס'ליגט עד היום די מאַכט פון דער באַוועגונג. דער גלייכגעוויכט, רעכענדיק זיך מיט די באַדינגונגען, האָט אויסגעאַרבעט אַ ליניע פונעם „שביל הזהב־ כאַראַקטער: אָנהאַלטן די שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט מזרחי כדי צו זיכערן די אייניקייט פונעם רעליגיעזן יידנטום אין זיין קאַמף פאַר די הייליקע ווערטן פון יהדות און פון דער אַנדערער זייט אַרבעטן האַנט־אין־האַנט מיט הסתדרות וואָס שייך אַרבעטער דערגרייכונגען . . .

אַ גרויסע הילף האָט דער צענטרום געהאַט פון דער באַוועגונג, אויסער ארץ ישראל, באַזונדערס פון פוילן, דער רעזערוואואַר פון דער באַוועגונג. ווי שולוואס גיט איבער, איז אין יענער צייט אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע ביי אַ זיצונג פון דער תורה ועבודה באַוועגונג אין פוילן קעגן דער פאַראייניקונג מיט „הסתדרות" און געשטאַרקט די ארץ ישראל חברים וועלכע האָבן געזען אין איר די געפאַר פון צעפאַלונג פון דעם פּרעקטיקן בנין וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן און שטייגן.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער פוילישער באַוועגונג איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער משרד מרכזי (ו' תמוז, תרפ"ד) אונטער דער לייטונג פון משה

שאַפּיראָ און אליהו משה גענעכאָווסקי. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו צו קאָאָרדינירן די באַוועגונג פון הפּועל און החלוץ המזרחי אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, באַקומענדיק די שטיצע פון די העכסטע ציוניסטישע אינסטאַנצן.

ווי שוין געזאָגט פריער, האָט די פערטע ארץ־ישראלדיקע קאָנפערענץ אין פּתח־תקוה (חשון תרפ״ה) ווי אַ פּועל־יוצא פון דער דריטער קאָנפערענץ (אָדר ב׳ תרפ״ד) געבראַכט צו דער טראַגישער שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג און אַ גרויסער טייל — דער אַזוי גערופענער לינקער פליגל, האָט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין דער אַלגעמיינער „הסתדרות העובדים״[6]. און די גורמים זענען געווען אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע: אידעאָלאָגישע — זוכנדיק אַ ליניע, פילנדיק זיך פאַרלאָזן אין איינזאַמקייט, ניט האָבנדיק די געהעריקע פאַרשטענדעניש מצד דעם מזרחיסטישן מרכז עולמי . . . אייניקע פירנדיקע פערזאָנען אינעם לינקן פליגל האָבן אָבער שפּעטער חרטה געהאַט אויף זייער געוואַגטן און געאײַלטן שריט און צוריק אַריין אין הפּועל המזרחי.

אויך אין פּוילן איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אַן ענלעכע שפּאַלטונג. אַ גרופּע מיטגלידער פונעם „החלוץ המזרחי״ אין וואַרשע, מיט פּינחס וואַסערמאַן בראש האָבן אַפּגעאָבירט די שטעלונג פונעם לינקן „הפּועל המזרחי״ און געגרינדעט דעם „החלוץ המזרחי השמאלי״. ער האָט אָבער קיין דערפאָלג ניט געהאַט. די גרופּע האָט שפּעטער געגרינדעט די אַזוי גערופענע רעליגיעז־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע „דת ועבודה״ — אָבער אויך וויניק־וואָס מצליח געווען. די אינערלעכע רייסערייען האָבן אָבער אָנגענומען אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער . . .

אין יענער צייט, די קריטישסטע, אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג, איז אין קאָנגרעס־פּוילן פאָרגעקומען אַ גרויסע קאָנפערענץ פון „צעירי מזרחי״, אונטער׳ן פאָרזיץ פונעם דעמאָלטדיקן סיים־דעפּוטאַט הרב דר. שמעון פעדערבוש. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט אַ באַראַטונג אין ווילנע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פירנדע חברים: לאַנדוי, נייפעלד, ביעזשינסקי, בלום, וואַסערמאַן און אַנדערע.

די קאָנפערענצן אין פּוילן, האָבן געטאַדעלט סיי די וואָס האָבן געמאַכט דעם שריט אויף לינקס און סיי די טאַקטלאָזיקייט מצד דעם מזרחיסטישן מרכז עולמי וואָס האָט דערפירט צו אָט דעם פאַרצווייפלטן מצב. די קאָנפערענצן האָבן אויך פאַרשטאַרקט די מאַטעריעלע הילף צו דעם רעכטן פליגל פונעם ארץ ישראלדיקן הפּועל המזרחי און דערביי ניט פאַרגעסן די קולטור־אַרבעט שאַפנדיק דאָן די צענטראַלע וואַנדער־ביבליאָטעק „עקדת יצחק״, אויפן נאָמען פון הרב יצחק ניסענבוים.

דאָס האָט געווירקט אויף אַזויפיל, אַז די געטרייע פּועל המזרחי חברים, זאָלן געשטאַרקט ווערן סיי אינערלעך, קעגן אייגענע פּוסחים־על שתי הסעפּים׳דיקע

חברים, סיי אין זייער קאַמף קעגן „הסתדרות", וועלכע האָט געזען אין הפועל המזרחי אַ קאָנקורירענדע פּאַרטיי . . . ס'זענען געווען שווערע — אָבער צוגלייך — גייסטיק דערהויבענע יאָרן פאַר'ן קאַמף פון רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט.

ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס מחוץ ומפנים, איז דאָס יאָר תרפ"ה, געווען דער פּעריאָד פון גרויסע געשעענישן. ביז דאַן, איז וואַרשע באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם צענטער פון דער באַוועגונג, פון פאַרשיידענע לענדער פלעגט מען זיך כסדר ווענדן קיין וואַרשע מיט אָפיציעלע מיטטיילונגען. אויף דער קאָנפערענץ, ט"ו מנחם אָב, תרפ"ה, איז געגרינדעט געוואָרן דער „ברית עולמית של צעירי־החלוץ־והפועל המזרחי" מיט אַ הנהלה הראשית און די צענטראַלע איז געוואָרן ירושלים[7].

ס'איז אויך אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע טעטיקייט מצד הכשרה און עליה, מצד דער פּראָלעטאַריזירונג פון דער רעליגיעזער יוגנט און מצד דעם חלוציזירונג־פּראָצעס. דער החלוץ המזרחי איז דאַן געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון לאַנדוי, הרב נייפעלד, גנאַכאַווסקי, יעקב גרינבערג און אַנדערע איבערגעגעבענע חברים. דער הכשרה געביט איז געווען זייער פּראָדוקטיוו, האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט, אַזוי אין די קיבוצים, ערד־אַרבעט און אַזוי אין די פּאַכלעכע הכשרה־פּונקטן, ווי די צענטראַלע שלאָסערייע אין פּוילן, „מסגריה ע"ש ר' יצחק נפחא" און אַזוי די אַנדערע ענלעכע אונטערנעמונגען.. אין דעטאַלן קאָן מען זיך דאָ ניט אַריינלאָזן (דאָס ווערט געטאָן אין די פאַרשיידענע באַוועגונגס־אויסגאַבעס). אינעם ברית עולמית, זענען געווען פאַרטראָטן די חברים מ. שפּירא, מ. קלמר, א. ניפלד, א. בלום, י. גרינבערג, דר. שערשעווסקי (בערלין), משה אברהם קורץ, ש. ז. שרגאי און אַנדערע.

דער זומער תרפ"ח, איז געווען אַן אַנטשיידנדער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג: די קאָנפערענץ פון מזרחי אין דאַנציק — און מיט איר, די קאָנפערענץ פון צעירי, הפועל און החלוץ המזרחי. עס איז געווען דער פּעריאָד פון נאָך דער פאַראייניקונג פוןביידע פועל המזרחי פראַקציעס אין ארץ ישראל. די דאַנציקער קאָנפערענץ האָט אָבער אויפסניי אַרויסגעבראַכט די אַלטע אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע דיסקוסיעס. ס'זענען נאָך אַלץ געהערט געוואָרן די זעלביקע טענות ווי פון דער ערשטער תקופה, ווען די גרינדער זענען געווען געצוואונגען אָנצונעמען אַ באַשלוס „ל ה ב ד ל", (ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין איינעם פון די לייט־אַרטיקלען אין „נתיבה").

די רייסערייען אין ארץ ישראל האָבן אָבער ניט געשטערט דער באַוועגונג אין פּוילן. אומעטום האָט זיך געמערקט אינטענסיווקייט סיי בנוגע אויפקלערונגס־אַרבעט סיי בנוגע פּראַקטישע הכשרה מיטלען. אַזוי איז אין יאָר תרפ"ט, אונטער דער ווירקונג פון הרב א. נייפעלד, געגרינדעט געוואָרן אין אָסטראָוו, מאַזאָוויעצק, די ערשטע צעירי מזרחי־פרויען אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „ברוריה" אונטער

דער פירערשאפט פון פריילין לאכאָווער (שפּעטער פרוי דאמבעק, פּאביאניץ). די פּרויען־אָרגאַניזאַציע האָט אריינגעבראכט א סך אויפשוואונג און פריש לעבן אין דער באַוועגונג.

די באַוועגונג אין פּוילן איז געשטאַנען אויף א גאָר הויכן ניוואָ, מיט נייע כחות אויף אַלע געביטן. אויך אין פּוילן, ווי אין ארץ ישראל זענען געהערט געוואָרן פאַרלאַנגען פאַר „עצמאות", לכל הפּחות אידעאָלאָגישע און אָרגאַני־זאַציאָנעלע עצמאות, זעענדיק אין שותפות מיט מזרחי א שטערונג אין אָריענטאַציע און אין טיפערער אריינדרינגונג אינעם יידישן לעבן. אין פּוילן — דער לעבעדיקסטער טייל פון דער באַוועגונג מיט די בעסטע כוחות אין אירע רייען און אין ארץ ישראל — די ניי־אַנטשטאַנענע רעליגיעז־סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אַזעלכע גוטע פּערספּעקטיוון פון פּיאָנערישן אַנטייל אינעם בנין הארץ והאומה.

א נייעם שטויס האָט געגעבן די אויסעראָרדנטלעכע קאָנפערענץ פון כ"ו טבת, תרפּ"ט, וואָס האָט געשאַפן א נייע תקופה אין דער באַוועגונג אינעם לאַנד, וואו ס'איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער באַוועגונג. די דאָזיקע גאָר־וויכטיקע קאָנפערענץ איז אדרעסירט געוואָרן פון נחום סאָקאָלאָוו (דאַן פּרעזידענט פון ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע), פון סיים־דעפּוטאַט יצחק גרינבוים, דאַן פּאָפּולערסטער ציון־פירער און פון א ריי וויכטיקע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן. אינעם זאַל האָט געהערשט פייערלעכקייט — אָבער באַלד נאָכדעם, נאָך די אָפיציעלע באַגריסונגען און טעטיקייטס־באַריכט פון יעקב ראַדזינסקי, האָט זיך אָנגעפאַנגען די גענעראַל־דעבאַטע אין דער פון פריער־באַשטימטער ריכטונג: „עצמאות". צווישן די הויפּט־רעפערענטן, געפינען מיר די נעמען פון אדוואָקאַט זרח ווארהאפטיק, דר. מ. א. שולוואַס, יעקב גרינבערג, הרב כתריאל טכורש, ל. י. יונגסטער, דר. יהודה אייגעס און אַנדערע.

דער פאַרלאַנג פון „עצמאות", איז אָבער דאַן נאָך געווען פּריצייטיק, סיי אין פּוילן און סיי אין ארץ ישראל. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז אָבער ניט אראָפּ פון טאָג אָרדנונג פון אַלע גרעסערע צוזאַמענקונפטן און אין די יאָרן תרצ"א־תרצ"ב, איז די עצמאות־פראַגע געוואָרן די פּראָבלעמאַטיק פון דער באַוועגונג און באַשעפטיקט אַלע זיצונגען, באַראַטונגען און קאָנפערענצן.

ניט געקוקט אויף די אינערלעכע חילוקי־דעות איז דאָך די באַוועגונג אין פּוילן געוואַקסן. די ברוריה־פרויען אָרגאַניזאַציע האָט דאַן שוין געהאַט דרייסיק סניפים איבער'ן לאַנד און דער השומר הדתי האָט אפילו באַוויזן אין יאָר תרצ"ד ארויסצוגעבן א סטאַבילן חודש־שריפט אונטערן נאָמען „אהלנו" און דער ביאַליסטאָקער קן האָט דאַן ארויסגעגעבן א קובץ (זאַמעלבוך), געווידמעט דעם אַנדענק פון ישעיה גאָלדבערג ע"ה.

דער וואוקס אין די תפוצות איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט'ן וואוקס אין ארץ ישראל. דער וואוקס איז געווען נומעריש און דערגרייכעריש אין שטאָט און אין

דאָרף, אין אינדוסטריע און אין קאָלאָניזאַציע, קאָנטראַקטירונג פון בוי־אַרבעט, קאָנטראַקטירונג פון אַרבעטער אין לאַנדווירטשאַפט, גרינדונג פון מושבים און מושבות, סאָציאַלע הילף, קולטור־טעטיקייט אאַ״וו.[8]

אין אַ מער פּרטים'דיקן באַריכט, גיט איבער ש. ברקאי[9] דעם וואוקס פון ליטעראַרישן שאַפן אין יענע ערשטע יאָרן. די ערשטע שריט אויפ'ן דאָזיקן געביט זענען נישט געווען קיין לייכטע. דער ירחון „הפועל המזרחי", רעדאַגירט פון א. י. שחראי, האָט געמוזט אָנקומען צו מיטאַרבעטער וועלכע האָבן ניט געהערט צו דער באַוועגונג און געהאַט גאָר־ווייניק פון נויטיקע אידעאָלאָגישע אַרטיקלען. בלויז געציילטע חברים האָבן זיך באַטייליקט, צווישן זיי, הרב י. שפירא, מ. זהב, י. מ. זקרוזשניצקי (זכאי) און נאָך אייניקע.

דער באַניטער „הפועל המזרחי", ניסן תרפ״ד, איז שוין דערשינען אין אַ פאַרגרעסערטער אויסגאַבע און האָט שוין באַוויזן צוציען אַ גרעסערע צאָל מיטאַרבעטער. ווי ברקאי דריקט זיך אויס: „הוברות הירחון שמשו בגלגולו השני אכסניה מרכזית לבית ספר חנוכי־ספרותי לחברים שלמדו את ידיהם למשוך בעט סופרים ולכתוב דברי עיון ומחשבה בהתאם לרוח התנועה החדשה והשקפותיה והן מלאו תפקיד חשוב בגדול הכחות הספרותיה החדשים . . . " מיר געפינען שוין צווישן די באַטייליקטע: הרב הגאון מרן א. י. הכהן קוק זצ״ל („למהלך האידיאות בישראל"); דר. י. מירקין („ערך העבודה בישראל"); דר. מ. ווישניצער („בעלי המלאכה היהודים ואגודותיהם בפולין וליטא"); נ. אשריאלי („חופש, שויון ואחוה בסוציאליות העברית); מ. ש. גשורי („בנין וסתירה") און נאָך אַנדערע.

עס זענען נאָכדעם צוגעקומען אַלס מיטאַרבעטער: יצחק גור ארי', א. נ. הכהן, מ. מסלובטי, י. צ. רמון, יעקב רמון, צ. הר־זאב, ב. ביזינסקי, מ. קלמר און אַנדערע. צוזאַמען זענען דערשינען ניינצן נומערן (פון שבט תרפ״ג ביז מנחם־אב תרפ״ה) און נאָך זיין איבעררייס (הפסקה) פון אכט חדשים, האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער „נתיבה", ערשטער נומער אַלס צוויי־וועכנטלעכער אָרגאַן, אָנגעהויבן דערשיינען דעם אַכטן טאָג אין סיון תרפ״ה. ווי גשורי גיט איבער, האָבן זיי אין אָנהייב געהאַט גענוג קאָמפּליקאַציעס, סיי טעכנישע, סיי רעדאַקציאָנעלע, ניט געווען קיין פּינקטלעכע קאָרעקטור און נאָך פאַרשיידענע שוועריקייטן. מיט דער דערשיינונג פון פינפטן נומער (ה'־ו') איז די אויסגאַבע אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג און ט״ו אלול, איז זי דערשינען אויפ'סניי מיט'ן צוגאַב נאָמען, „הד הנתיבה" און אירע רעגולערע מיטאַרבעטער זענען געוואָרן: ש. ח. לאַנדוי, ש. ז. שרגאי, ל. י. יונגסטער, א. בן־נון, יצחק קרקובסקי, י. מ. זעירא, רחל רייז, אליעזר לערנער און אַנדערע. די שריפט איז געוואָרן דער אויסגעצייכנטער צענטראַלער אָרגאַן.

אין יענער צייט זענען דערשינען אַ ריי בראָשורן און פּאַרטיי־העפטן, צווישן זיי: האמת מחיפה (תשרי תרפ״ו), געווידמעט די חיפה געשעענישן, דעם

צוזאמענשטויס מיט דער הסתדרות; האהלה אונטער דער רעדאקציע פון ר׳ בנימין און אנדערע אויסגאבעס וועלכע מ׳קען דאָ ניט אויסרעכענען. פון צייט צו צייט פלעגן דערשיינען פארטיי־העפטן, באריכטן און צירקולארן. פון די ערשטע אינטערעסאנטע און באלערנדע באריכטן, איז דער „תזכיר לועידה העולמית של המזרחי בעיר דנציג" (ג׳־ו׳ אלול, תרפ"ח) אין וועלכער ס׳ווערט דערציילט וועגן די פארשיידענע אקטיוויטעטן פון דעם הפועל המזרחי אין ארץ ישראל, וועגן די ארבעטס־אָפּטיילונגען, די פארשיידענע דעפּארטמענטן: הסתדרות, עבודה, עולים־בונים, התישבות, קופת חולים, תרבות, ספרות, חנוך א. א. וו.

ווילן מיר זיך דאָ ניט ארײנלאָזן אין פרטים וועגן התישבות־דערגרייכונגען. מיר ווילן בלויז ברענגען א טאבעלע, אויפן סמך פון צ. בערנשטיינ׳ס „30 שנות יצירה" וועגן דעם נומערישן וואוקס פון הפועל המזרחי[10]. אין משך פון די צען יאָר אין דער צווייטער תקופה פון רעאָרגאניזאציע:

י אָ ר	צאָל חברים
תרצ"א — — — — — — — — — —	1068
תרצ"ב — — — — — — — — — —	1804
תרצ"ג — — — — — — — ——	1804
תרצ"ד — — — — — — — — — —	3952
תרצ"ה — — — — — — — — — —	6529
תרצ"ו — — — — — — — — — —	1226
תרצ"ז — — — — — — — — — —	9622
תרצ"ח — — — — — — — — — —	10789
תרצ"ט — — — — — — — — — —	12231
ת"ש (י"ח ניסן) — — — — — —	13432

היינט צו טאָג ציילט די באוועגונג ארום 70,000 מיטגלידער[11].

די באוועגונג האָט אויפגעטאָן אומגעהויער פאר דער אנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאציע, וואו ס׳איז דאָ א ברייטערע מעגלעכקייט דורכצופירן א תורה ועבודה־לעבן, באזירט אויף די אידעאלן און פרינציפּן פון תורהדיקן צדק סיי אינעם אינדיווידועלן און סיי אינעם צבורדיקן לעבן און סיי אינעם שאפן די אטמאָספערע פון א תורהדיק לעבן . . . אין התישבות, האָט דער הפועל המזרחי געזען דעם פּאָזיטיוון אומקער צו דער נאטור, צו דעם יידישן מקור!

ה ע ר ו ת

1. דאטן און כראָניק, ז׳ 88. 2. נתיבה, שנה ג׳, י"ד תשרי, חוב׳ א׳־ב׳, כ"ב־נ׳, ז"ז 13־15.
3. דארט און אין נומ׳ פון ט"ו חשון, חוב׳ ג׳־ד׳, כ"ד־כ"ח — באריכות.
4. כסלו, תרפ"ח, חוב׳ ה׳, (כ"ו). 5. מזרחי קובץ יובל, ז"ז 115־116.
6. דאטן און כראָניק, ז׳ 26. 7. דאָרט, ז"ז 51־52.
8. מ. נשורי אין זיינע זכרונות, נתיבה, ט"ו חשון, תרפ"ח, וועגן קולטורעלע דערגרייכונגען.
9. נשורי, גליון ז׳, ספרות התנועה, ז׳ 223. 10. ז׳ 3
11. אין דער שריפט „בנתיבי הפועל המזרחי" גליון ב׳, מנחם־אב, תשכ"ב, ווערט אנגעגעבן די צאָל פון נוטשטייענדיקע מיטגלידער: מענער — — — — — 44021
פרויען — — — — — 23293 צוזאמען — — — 67314

קאַפּיטל פערציק

קאָלאָניזאַציע און התישבות

אין זיין קורצן איבערבליק און צוריקבליק פון דערגרייכונגען און פּערספּעקטיוון פאַר ווייטערע אַנטוויקלונגען, באַקענט אונז צבי בערנשטיין[1], מיט'ן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון „הפועל המזרחי", מיט'ן סטרוקטור און מיט'ן פּאַרנעם פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן אַרויסגערופן אַ סך קעגנערשאַפט הן מצד חוץ און הן מצד פנים.

א. הפועל המזרחי אין שטאָט און אין דאָרף. — אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן. — נאַטירלעכע ל ע ב נ ס־קראַפטן.

די באַוועגונג, ווייזט ער אָן מיט רעכט, איז ניט די גרינדונג פון איין מענטש. דער קאַפּריז אָדער דער אידעאַל פון אַ פּערזאָן, ווי הויך ער זאָל ניט זיין, וואָלט ניט געהאַט דעם געהעריקן אָפּרוף — און דערפאָלג! די באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פון די נויטן, און האָט באַפרידיקט אַ גרויסע צאָל מענטשן, אינטעלעקטואַלן און איינפאַכע מענטשן פון פאָלק . . .

פאַר דעם רעליגיעזן אַרבעטער איז זייער שווער געווען זיך צופּאַסן צו די אָרגאַניזירטע פרייַדענקערישע אַרבעטער פאַראייניגן און אָרגאַניזאַציעס. דער רעליגיעזער אַרבעטער האָט געזוכט אַן אייגענעם ווינקל; ער האָט געזוכט אויפצושטעלן אייגענע אינסטיטוציעס און צו שאַפן אייגענע קאָלאָניעס, אַרבעטס־אונטערנעמונגען און בכלל, אַן אַרבעטאַרישע געזעלשאַפט אויף טהרת הקודש און קדושת התורה, אויפ'ן באַזיס פון דער יידישער טראַדיציע און תורה'דיקן יושר.

דער הפועל המזרחי, האָט אָבער ניט געהאַלטן, אַז צוליב די באַהערשטע פון אומרעליגיעזע אידעאָלאָגיעס, זאָל מען זיך דערווייטערן פונעם ציוניזם. אין קעגנטייל, אויף אַ קאָנסטרוקטיוון וועג האָט ער געוואָלט באַהערשן דעם אויפבוי פונעם יידישן לאַנד; אויפן וועג פון בנין, זיך דערווערבן אַ מעמד.

דעם „הפועל המזרחי" איז געלונגען אַ סך בייצוטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזירונג פונ'ם לאַנד, סיי אין דער גרינדונג פון מושבי עובדים (קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס) סיי אין דער גרינדונג פון קבוצות (קאָלעקטיווע), „כפר הנוער" קאָלאָניעס, משקי פועלות און אַנדערע.

צבי בערנשטיין דערציילט אונז וועגן דער פאַרצווייגטער טעטיקייט אויפן געביט פון שכון, פון שאַפן וואוינונגען פאַר וותיקים, לאַנג־יאָריקע תושבים און פאַר נייע עולים. די שכונות הפועל המזרחי געפינען זיך אין די הונדערטער, מיט טויזנטער איינוואוינער אין פאַרשיידענע שטעט אין לאַנד, אין ירושלים, תל־אביב, חיפה, פתח תקוה, רחובות, בני ברק, כפר סבא, רמת גן און אַנדערע.

ניט לייכט איז עס געווען דאָס אויסשולן רעליגיעזע חלוצים, דאָס שאַפן די וויכטיקע הכשרה־פונקטן — און צו באַקומען פאַר דעם צוועק באָדן פון קרן קימת לישראל. די לעצטע האָט פשוט ניט געגלויבט, אז נעכטיקע ישיבה און בית מדרש בחורים וועלן זיין פייאיק צו באַארבעטן דעם ארץ ישראלדיקן באָדן (גענוג צו דערמאָנען די קאָמפּליקאַציעס און קאָנפליקטן אין שדה יעקב (תרפ״ד) און אין שיך אבריק, עמק יזרעאל (אלול, תרפ״ז) און אנדערע.

די תו״ע באַוועגונג אין לאַנד האָט דערמוטיקט דאָס קאָלעקטיווע קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, די קבוצה, די „התישבות שותפית שאין בה רכוש פרטי, והכל אשר בה שייך לכלל שבקבוצה המספקת את כל הצרכים של הכלל והפרט גם יחד...״[2]

דאָס איז געווען איינס פון די הערלעכסטע אויפטואונגען פאַר דעם מענטשלעך קאָמונאַלן פּראָגרעס, באַזירט אויף אייגענעם פרייען ווילן און גוטער פאַרשטענדעניש, אַן איינשטעלונג וואָס האָט געקענט אימפּאָנירן פאָלקס מענטשן און באַגייסטערן גייסטיקע פירער, ווי עס דריקט זיך אויס הרב א. י. הכהן קוק זצ״ל:

„ובשדרת העובדים, הפועלים, הנה יש לנו כבר חלקים, אשר האיר שם שחרנו, השחר המקורי. דעת ד׳ דעת החיים, דעת האומה ממקור ישראל: נשיאת הנם לעבודה, ליגיע כפים, למתח ולשדד את תלמי ארץ המורשה . . . ״

„חזקו ואמצו והיו למופת, אחים, חלוצים, גבורי־רוח, טהורי לב וכבירי מפעל. ויהי נועם ד׳ עליכם ותשאו ברכת דור דור, אמן״[3]

הרב בן ציון מאיר חי עוזיאל (דאַן רב־ראשי ביפו תל־אביב ומחוז), שרייבט צוו״א:

„התארגנות הברית עולמית של צעירי, החלוץ והפועל המזרחי, היא אחת ההופעות הכי מזהירות בתקופת תחיתו הלאומית והמלאה של עם ישראל ובנין ביתו הלאומי בארץ נחלת אבות . . . ״

נאָך א שמיטה יאָרן פון עקזיסטענץ און נאָך אזויפיל געשעענישן אין די ערשטע יאָרן, אינערלעכע רייסערייען, וועלכע האָבן גורם געווען צו דעם פון פריער דערמאָנטן „סלע המחלקת״, איז די באַוועגונג געוואַקסן מיט א טעמפּאָ, ניט געקוקט, וואָס מ׳איז געווען פאַרזיכטיק מיט אריינגעמען חברים, וועלכע זיינען געזיפּט געוואָרן מיט דרייצן זיפּן.[4] דער הפועל המזרחי איז ניט געבליבן הינטער־שטעליק אָרגאַניזאַציאָנעל. אין זיינע רייען האָבן זיך געפונען דעפּאַרטמענטן: „קליטת העליה״, „שער העליה״ און אנדערע. אָפּטיילונגען צו העלפן דעם רעליגיעזן עולה זיך צופּאַסן צו פאַרשיידענע שטאָטישע ארבעטן, אָדער צו דער מושבה און קבוצה, איבערלאָזנדיק עס צו זיין אויסוואַל און פאַרשטענדניש פאַר צוגעפּאַסטקייט.

די פרוי, די חברה, איז אויך געווען באַזאָרגט צו געפינען איר טעטיקייט אויף אלע געביטן פונ׳ם הפועל המזרחי אקטיוו. דער „ארגון הפועלות״, אונטער דער פירערשאַפט פון מועצות הפועלות, פאַרנעמט א גאַר בכבוד׳יקן אָרט און א פאַקטאָר אין דער באַוועגונג, ציילנדיק א פיר צענדליק סניפים, מיט בתי חלוצות,

בתי מלאכה, מוסדות חנוך, בתי ילד, גני ילדים (קינדערגארטנס) און אזוי ווייטער אויפ'ן פילאנטראָפּישן, דערציערישן און ווירטשאַפטלעכן געביט, ווייזנדיק דעם וועג פון טאַט, פון לעבעדיקן אויפטו, פון מעשים אנשטאָט ווערטער. די פרויען אָרגאַניזאַציע האָט, זינט דער ערשטער קבוצת חברות (תרצ"ה) א סך בייגעטראָגן צום פאָרשריט פון דער תו"ע באַוועגונג.

שווער איז געווען דער וועג, אָבער גרויס די רעזולטאַטן.

אין דער געשיכטע פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט אין ארץ ישראל, זינט דער גרינדונג פון „הסתדרות הפועלים הצעירים העברים" (שפּעטער געענדערט אויף „הפועל הצעיר" (1905 יאָר) און דער גרינדונג פון „הסתדרות העובדים" (חיפה, 1920), האָט דער הפועל המזרחי א וויכטיק און אָנגעזען אָרט מיט זיינע פאַרצווייגטע ארבעטן אויפ'ן געביט פון ריין פּראָפעסיאָנעלע דערגרייכונגען פאַר'ן רעליגיעזן ארבעטער; אויפ'ן געביט פון התישבות, קאָנטראַקטירונג, קאָאָפּעראַטיוון פאַרקויף און קאָנסומירונג, קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט און קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן, האָבנדיק אויף דערויף איינגעשטעלט צענטראַלע אינסטאַנצן, קלענערע משרדים (אמטן), ארבעטס־אמטן אין הסכם מיט דער הסתדרות, קופּת חולים, צוזאַמען מיט דער הסתדרות (זינט תרפ"ח און אויסגעבעסערט אין יאָר תר"ץ), שטיצע פאַר ארבעטסלאָזע, ביליקע שפּייז פאַר ארבעטער און אזוי ווייטער.[5]

די תורה ועבודה באַוועגונג האָט, לויט אירע מעגלעכקייטן, דורכגעפירט א גרויסע מיסיע. א דאַנק דעם גרויסן ווילן צו לעבן א נאָרמאַל תורה'דיק לעבן אין ארץ ישראל, האָבן תו"ע חברים באַוויזן צו באַזייטיקן די ספקות און דעם סקעפּטיציזם, סיי פון די אינעווייניקסטע און סיי פון אויסערלעכע קעגנער, וועלכע האָבן גע'טענה'עט, אז דער רעליגיעזער ארבעטער איז ניט פייאיק צו קיין ארבעט. זיי האָבן באַוויזן, אז אויך פאַר דעם רעליגיעזן ארבעטער איז ניטאָ קיין ארבעט, מעג זיין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע, אויף וועלכער ער זאָל ניט פייאיק זיין פיזיש, פּסיכיש און ווילנסמעסיק . . .

א נייער סאָרט חלוציזם האָט זיך באַוויזן אויף די בערג פון גליל, זינט דעם ווינטער פון יאָר תרפ"ד און ניט אומזיסט דריקט זיך אויס וועגן דער רעליגיעזער יוגנט אין תו"ע, דער רב־ראשי הרב קוק, דער „פילאָזאָף און דיכטער פון יידנטום", ווי מען טיטולירט אים: „מ'דאַרף אין זיי איינפלאַנצן אהבת האומה און דער רגש פון אמונה וועט שוין במילא קומען דורך דער ליבשאַפט צום פאָלק, צו דער יידישער רעליגיע, קולטור, טראַדיציע און מצוות" . . .

דער דאָזיקער געפיל איז געוואָרן שטאַרק אנטוויקלט ביי דער יוגנט פון תורה ועבודה, אָנהויבנדיק פונ'ם „ארגון בני עקיבא", די יוגנט אָרגאַניזאַציע פון הפועל המזרחי (געגרינדעט אין יאָר תרפ"ט) ביז די אנדערע צווייגן פון דער באַוועגונג, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דערציען דעם יונגן מענטשן אינ'ם גייסט פון דעם רעיון תורה ועבודה.

ביים סוף פון תרצ"ח איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער א.נ. „נערים עובדים", פאַרנעמענדיק זיך מיט געפינען באַשעפטיקונג פאַר דערוואַקסענע און זיי באַזאָרגן מיט גייסטיקע השתלמות. דורך אָוונט־קורסן באַקומען זיי אַקאַדעמישע און פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג און דערצו גיט מען זיי אַ מעגלעכקייט זיך פיזיש צו אַנטוויקלען דורך ספּאָרט און אַנדערע סאָרט פאַרוויילונגען.

אין יאָר תרצ"ט, האָט דער הפועל המזרחי געשאַפן די ספּאָרט אָרגאַניזאַציע א. נ. „אליצור", אָנפירנדיק אַלערליי ספּאָרט איבונגען, און ציילט אַרום 6,000 ספּאָרטלער, געטיילט אין 143 סניפים.[6]

וואָס שייך אַנדערע דערגרייכונגען, דאַרף דערמאָנט ווערן די מוסטערהאַפטע דערגרייכונג אויף'ן געביט פון קאָאָפּעראַציע, אָנגעפירט פון דעם „מרכז לקואופּרציה של הפועל המזרחי", אָנהויבנדיק פון'ם „דפוס הפועל המזרחי" אין תל־אביב ביז דער „סנדלריה קואופּרטיבית" אין ירושלים. דערצו קומען דער „הבונה" (חברה קבלנית ובנין הפועל המזרחי", וואָס פירט אָן מיט „עבודות בנין צבוריות ופרטיות בעיר ובכפר") מיט צווייגן אין גאַנצן לאַנד; מרכז הקואופּרציה וואָס פירט אָן מיט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען; „קפּת מלוה", וואָס גיט הלוואות אויף ווי ווייט מעגלעך איז, צו העלפן דעם חבר זיך איינאָרדענען און זיך צופּאַסן צו אַ נאָרמאַלן לעבן, ווערן אַ פּראָדוקטיווערער און ווירדיקער בויער פון'ם לאַנד און שפּייזער פון זיין פאַמיליע . . . ; „יניב", צענטער פאַר קאָלאָניזאַציע פאַרבאַרייטונגען, פּלאַנטאַציעס, אַגראַרע, לאַנד־ווירטשאַפטלעכע מאַשינען, טראַקטאָרן און אַנדערע נויטיקע מכשירים . . . ; ס'קומען אויך די באַזונדערע פאָנדן אויף צו העלפן קבוצים און מושבות און פאַרשיידענע קרעדיט־הילף פאַר ספּעציפישע אונטערנעמונגען אונטער דער דירעקציע פון ברית עולמית.

וואָס שייך די קרעדיט־פּראָיעקטן, האָט דער מזרחי אַ גרויסן חלק און די „מזרחי באַנק" האָט פינאַנציעל אַ סך אַרויסגעהאָלפן דעם הפועל המזרחי און איינער פון די וואָס האָט שטענדיק מעורר געווען דער מזרחי פאַר אָט דעם פּראָיעקט איז געווען שמריה כהן מרגלית.[7] מיט'ן מזרחי באַנק האָט יאָרן לאַנג אָנגעפירט דער באַוואוסטער מזרחי־פירער אין פּוילן, העשל פאַרבשטיין ,אַ לייטענדע פיגור פון וועלט־מזרחי.

דאָס אַלץ האָט צוגעהאָלפן צו דער שנעלער אַנטוויקלונג און שוואונג פון דער באַוועגונג; דאָס האָט געהאָלפן צו דער איבערגעשטאַלטונג פון'ם רעליגיעזן אַרבעטס־מענטש; דאָס האָט געהאָלפן דער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג און פּלאַנירונג, אין יענעם אָנהויב־עטאַפּ פון גרויסן ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן איבערבוי, פון אָרגאַניזירטער פאָלקס־לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריאַליזירונג פון דער בויענדער יידישער נאַציאָנאַלער היים. דאָס האָט געהאָלפן אויפהויבן די שנעלע קוואַליפיקאַציעס, דעם הויכן וויסן, טאַלאַנט און פיאיקייט פון'ם חבר

אין דער באַוועגונג, די שוץ־קראַפט פון אַ רעליגיעז־סאָציאַל־יושר'דיקער מדינה, ווי זי האָט זיך געפורעמט אַ יובל יאָרן, זינט דער באַזעלער פּראָגראַם איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן (באַזעל, 1897) און זינט דער גרינדונג אין ראשון לציון אין יאָר תרמ"ד (1884), די ערשטע „אגודת הפועלים"—און זינט דער גרינדונג פון דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין מקוה ישראל, אין יאָר 1870.

וועגן דער רעליגיעזער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, האָט מען אַ סך געשריבן און אומעטום, אויסער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געגוג צו דערמאָנען די פלאַמיק־התלהבותדיקע באַשרייבונגען פון רעליגיעזן

ב. קאָלעקטיווע ווירט־שאַפט. — קיבוץ יבנה. — מוסטער און מוטער פון קיבוצים. — דאָס לעבן פון אַ קיבוצניק.

קיבוץ דורך חיים ליבערמאַן, וועלכער האָט אַזוי אויסגעצייכנט באַשריבן די פּרטימדיקייט און גע־שילדערט די הערלעכקייט פון אָט דעם קיבוץ־לעבן, און גאָר באַזונדערס וועגן קיבוץ יבנה און וועגן דער ישיבה אין יבנה[1] און וועגן דאָרטיקן תושב דוד בית ארי', דעם גרינדער פון הפועל המזרחי חלוציזם אין דייטשלאַנד.

מיט באַגייסטערונג וועגן רעליגיעזן קיבוץ־לעבן, שרייבט אויך בן ציון גאָלדבערג; און מיט ניט ווייניקער באַגייסטערונג, שרייבן וועגן רעליגיעזן קיבוץ, היים־גלויביקע אַנאַרכיסטן וועלכע באַשרייבן דעם וואונדער פונעם רעליגיעזן קיבוץ[2] און פאַרשטייט זיך, אז אין מזרחי און הפועל המזרחי אָרגאַנען, האָבן אַלע געשריבן וועגן וואונדער פון קיבוץ הדתי (מערסטע פון די שרייבער, האָבן אַליין מיטגעמאַכט אָט דעם סאָרט לעבן).

אַזוי האָט צבי בערנשטיין אין זיין „כה לחי", זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף די אַנטוויקלונגען און דערגרייכונגען אין די מושבים און קבוצות[3]. אַן אַנדערער אין דער פירערשאַפט פון דער יוגנט און חלוצים באַוועגונג ביים מזרחי־הפועל המזרחי, משה קרונה, הויפּט פונעם אַמאָליקן „השומר הדתי" אין פּוילן, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט אונטערן נאָמען „מכורה"[4] איבערגעבנדיק די געשיכטע פון ראָדגעס ביז יבנה, וואָס מיינט די געשיכטע פונעם רעליגיעזן חלוציזם. אַלס צוגאָב צו זיין שטודיע, צוגעגעבן די אַרבעט פון יהודה הערשקאָוויץ, וועגן דער געשיכטע פון יבנה.

די גרינדער פון ראָדגעס, האָבן געהאַט אַ גאָר רייכע פאַרגאַנגנהייט אינעם רעליגיעזן חלוציזם. דאָס זענען געווען יידיש־דייטשע סטודענטן, אינטעלעקטואַלן, אונטער דער השפעה פון הרב נחמיה א. נאָבל, רב אין פראַנקפורט ביים מיין, איינער פון מזרחי גרינדער אין דייטשלאַנד.

די דאָזיקע יונג־שעפערישע ענטוזיאַסטן, האָבן אין יאָר תרפ"ד (1924), געגרינדעט אַ רעליגיעזן חלוצים פאַרבאַנד און אָרגאַניזירט אַ הכשרה־פּונקט

אונטער דער פירערשאַפט פון משה אונא. נאָך א פעריאָד פון דריי יאָר, פאַרגרעסערט די אַרבעט, געגרינדעט דעם הכשרה־פּונקט אין ראָדגעס, א דערפל אין פולדא, דייטשלאַנד און גלייכצייטיק אויסגעבריייטערט די טעטיקייט פון „בח״ד״ (ברית חלוצים דתיים), וועמעס ציל איז געווען צוצושטעלן חלוצים צו דער באַוועגונג.

ביז׳ן יאָר תרפ״ט, זענען געפאַרן איינצלנע חברים. ערשט אין חול המועד פּסח, פון דעם יאָר, האָט א גרופּע פון דייטשלאַנד אונטערן פאָן פון בח״ד זיך גענומען גרייטן פאַר עליה און אין חשון פון יאָר תר״ץ, האָט א גרופּע פון 16 חברים, געגרינדעט אין ארץ ישראל דעם ערשטן הפּועל המזרחי קיבוץ אונטערן נאָמען „ראָדגעס״ ביי פּתח תקוה — און דער דאָזיקער קיבוץ איז געוואָרן די מוטער פון די קבוצות. די פאַרצווייגונג פון ראָדגעס האָט נאָכדעם איינגעשלאָסן יבנה, טירת צבי און אַנדערע.

די קבוצישע באַוועגונג האָט געוויזן דעם וועג פון א ניי לעבן — א לעבן וואָס באַפרייט די שעפערישע ענערגיע פונעם מענטש און ברענגט דערנענטערונג, ברידערלעכקייט און חשיבות צווישן אַרבעטנדיקן מענטשן.

מ. קרונה, דערציילט וועגן די מאָראַל־עטישע דערגרייכונגען און רעליגיעז־סאָציאַלע לייטערונג וואָס די „קבוצה הדתית״ האָט אריינגעבראַכט אינעם ישוב.

ער שטעלט זיך אָפּ וועגן באַדייט פון יבנה (געגרינדעט כ״ד ניסן, ת״ש), די באַגייסטערטע ווערטער פון מנחם מענדל אוסישקין, די פרייד פון רבי מאיר בערלין (בר־אילן) און וועגן די ערשטע טריט אויפ׳ן יבנה־באָדן וואָס עס האָבן געמאַכט די גרינדער פון ראָדגעס, ט״ז חשון, תש״א. די שטאָט וואָס איז ביים בית שני געווען דער גרויסער צענטער פון חכמים און פון ישיבה, איז באַנייט און באַלעבט געוואָרן אַלס גרויסער תורה־צענטער און מוסטער פון רעליגיעזער מסירת נפש

ניי־יבנה שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסער קולטיווירטער לאַנדווירט־שאַפטלעכער צענטער. דערצו: עטלעכע אַגריקולטור־אינדוסטריעס, ווי עופות־ציכט, דערגרייכנדיק קרוב צו צוויי מיליאָן אייער און א האַלבן מיליאָן הינדלעך א יאָר. דאָס אַלץ איז איינגעריכטעט אויפן העכסטן מאָדערנסטן שטייגער.

א טייל פון דער גרינוואַרג־פּראָדוקציע, ווערט פאַראַרבעט אין אַן אייגענע קאָנסערוון־ פאַבריק און געליפערט דורך „תנובה״ (דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרקויף־צענטער פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן).

אין יבנה קיבוץ, ווערט אויך באַאַרבעט דאָס זאַמד פאַר בוי־צוועקן, און ווערט צוגעשטעלט צו די פאַרברויכער דורך דער סולל־בונה. נאָך און נאָך צווייגן פון אינדוסטריעלע דערגרייכונגען אויפ׳ן אַגריקולטורעלן געביט, ווערן דורכגעפירט פונעם יבנה לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו.

צו די לעצטע אַרבעטן אויפ׳ן געביט פון „הקיבוץ הדתי״, איז נחמיה

עמינח׳ס, „התישבות עובדת דתית״5. ער זאָגט אינעם אַריינפיר, אַז ער גיט דעם „מועט שמחזיק את המרובה״, אין שילדערן די 60־70 פּונקטן פון רעליגיעז־אַרבעטאַרישער קאָלאָניזאַטאָרישקייט, צווישן זיי: 10 קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטן; 10 אַרבעטער לאַנדווירטן און ענלעכע.

ער פאַנגט אָן מיט כפר אוריה אויף די יהודה־בערג אין 1923 און שפּאַצירט מיט׳ן לייענער איבער כפר חטין, כפר חסידים, שדה יעקב (ערשטער זעלבסטשטענדיקער מושב פון הפועל המזרחי, געגרינדעט אין די יאָרן תרפ״ה־תרפ״ח, אויפן באָדן פון שיך אבריק, מערב־זייט פון עמק יזרעאל); ער פירט דעם לייענער איבער קבוצת רודגס (תרצ״ג), יבנה, כפר אברהם, טירת צבי אא״וו און ווייטער. דאָס זענען וויכטיקע פּונקטן פאַר׳ן ישוב בכלל און פאַר׳ן רעליגיעזן ישוב בפרט6.

און ניט בלויז, וואָס שייך דעם סאָציאַלן איבערבוי פון דער מדינה: אויך אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון באַשיצן דאָס לאַנד, סיי אין דער „שומרים״־תקופה, סיי אין דער תקופה פון הגנה און אוודאי אין דער צייט פון באַפרייאונגס־מלחמה, האָבן די קיבוץ־חברים אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטאַל אין דער עפּאָפּייע פון מאָדערנעם העלדנטום. דער מאַרטירער־קאַמף אין גוש עציון איז גוט באַקאַנט7. אַזאַ העלדישקייט האָבן די חלוצי ציון אַרויסגעוויזן אויף אַלע שלאַכט־פעלדער אינעם „מלחמת השחרור״: געגנט צו דערמאָנען כפר דרום, בארות יצחק, כפר יעבץ — ביי די טויערן פון עזה און ביי די בערג פון ירושלים — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

גאָר גרויס איז געווען די ראָלע פונעם הפועל המזרחי אינעם איבערגאַנגס־פּראָצעס, אין דער תקופה וואָס מיר רופן „מיזוג גלויות״. דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט געוויס געבן אַן אָנגעזען אָרט דעם הפועל המזרחי, פאַר זיין וויַיזן דעם וועג פון מאָדערנער, רעליגיעזער התישבות; פאַר זיין אָרגאַניזירן מושבים און קיבוצים און פאַר זיין פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אינעם לאַנדווירטשאַפטלעכן סעקטאָר פונעם ישוב, אַזוי אין די פּריוואַטע „מושבים״־קאָלאָניעס, אַזוי אין די מושבי עובדים (פּריוואַטע זעלבסט־אַרבעטנדיקע לאַנדווירטן, באַזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות), אַזוי אין די מושבי שיתופי וואו די ווירטשאַפט איז אַ געמיינזאַמע, די אַפּראָוויזאַציע און פאַרקויף אַ געמיינזאַמע, נאָר בלויז די קיך, וואוינונג איז פּריוואַט. דער „קיבוץ״ — איז דער קאָלעקטיווער פאָרם פון לעבן, וואו אַלץ איז געמיינזאַם, סיי די ווירטשאַפט, סיי דער פאַרברויך.

דער הפועל המזרחי חלוץ האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון נגב, אַזוי אין דער פלעגונג פון באָדן: זיין באַוואַסערונג און צופּאַסונג צו לאַנדווירטשאַפטלעכע באַאַרבעטונג, אַזוי ביים געביט פון ים־ברעג; אַזוי, אַרום דעם הויכלאַנד פונעם נגב; אַזוי אויף די בערג פון נגב (דרומדיק פון חברון ביז דעם אקאבא־אויסגוס צום מזרח) און אַזוי אויף דער ערבה —

דער שמאָלער טאָל, די אַזוי גערופענע סטעפּעס. אומעטום, אויף אַלע שטחים, האָבן זיך די רעליגיעזע חלוצים אַרויסגעלאָזט באַארבעטן דעם באָדן און אַנטוויקלען דאָס הייליקע לאַנד פאַר עליה.

דער רעליגיעזער קיבוץ האָט אויך אַרויסגערופן באַגייסטערונג, ביי פירער פון הסתדרות און מפא״י.

„כפר חטים — שרייבט איינער פון הסתדרות־התאחדות טוער — איז אַ קאָלעקטיווער מושב (מושב שיתופי״), אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פונקט, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, האַלב קיבוץ און האַלב מושב, אַ פּרואוו פון אַ סינטעז צווישן זיי ביידע 8

„כפר חטים — שרייבט ער וויטער — איז, פאַרשטייט זיך, נישט דער איינציקער מושב שיתופי אין לאַנד, פאַראַן נאָך אַנדערע, אָבער כראָנאָלאָגיש, איז דאָס דער עלטסטער . . . און ממילא זענען פון אים באַאיינפלוסט געוואָרן די אַנדערע וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך אים . . .

„דער באָדן פון כפר חטים איז איינע פון די ערשטע קניות פון קרן קימת. ער איז געקויפט געוואָרן — דוכט זיך — אין יאָר 1905, שטיקערווייז, איינציקווייז, עטלעכע גרופּן האָבן זיך געפּרואווט באַזעצן . . . זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן. 40 משפחות פון מזרחי זענען דאָרט געזעסן 8 יאָר — און לסוף געמוזט פאַרלאָזן. „ערשט אין 1936, זענען 10 חברים אַרויף אויפן באָדן — און מיט עקשנות ביינעקומען אַלע סכנות און מכשולים . . . ״

יאָ, אַזוי האָט מען יעדן שטיקל באָדן געמוזט כובש זיין אונטער אַלע באַדינגונגען, מכשולים און סכנות — און אָט די אָנשטרענגונגען האָבן געגעבן דעם הפועל המזרחי אָנזען אין לאַנד און פּראָמינענץ אין דער פירערשאַפט פון דער מדינה.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, נאָך דרייסיק יאָר אָנגעשטרענגטער אַקציע פון אַ באַוועגונג, זאָל דער הפועל המזרחי ציילן אין ארץ ישראל איבער 42,000 מיטגלידער, זיין באַטייליקט אין אַלע פּאָזען פון דעם אויפבוי פון דער מדינה, זיין באַטייליקט אין קאַבינעט און אין דער כנסת (אין 1־טן כנסת מיט 6 מיטגלידער־דעפּוטאַטן), אין אַלע שטאַטישע פאַרוואַלטונגען, אין די צענטראַלע ציוניסטישע און לאַנד קערפּערשאַפטן און אין הסכם מיט „הסתדרות״, אַקטיוו באַטייליקט אין קופּת חולים, אַ דאַנק וועמען ס׳ווערט שטרענג געהיט כשרות און יידישע טראַדיציע . . . און דאָס אַלץ צוליב זיין ראָל אויפ׳ן געביט פון התישבות, פאַרנעמענדיק דאָ, לויט דער סטאַטיסטיק און טאַבעלן פון צבי בערנשטיין9 55 ישובים פון 4145 משפחות (12,387 נפשות) געטיילט אויפף פאָלגנדן אופן:

קבוצות

אין עמק בית שאן:

טירת צבי, שדה אליהו, עין הנציב, שלוחות.
אין דרום: יבנה, משואות יצחק, עין צורים, כפר דרום.

מושבים —ישובי עולים

פרוזדור ירושלים:
שואבה, בית סוסין, מחסה (א), ישעיה (ב), נחם, מטע.
הגליל העליון:
מירון, כפר שמאי, עלמא, ההר האדום, ביריה, שחר, פאר עם.
שפלת־לוד: טירת יהודה, אחיעזר, חד־יד.
גוש תל־מונד: דרום, יעבץ, פורת.
דרום:
זרנוקא, יבנה ג׳, ספריה, שפיר, בן זכאי, זרחיה, פלוג׳ה.
הנגב: שובה, יושיביה.
סך־הכל: 28 ישובים; 1,930 משפחות; 6,840 נפשות.

מושבים

אין נגב: סעד.
אין שפלת לוד: בארות יצחק.
אין גליל העליון: לביא
אין צפון: ניר עציון.
סך־הכל 12 קבוצות, 1,300 חברים, 2,737 נפשות, ניט איינ־שליסנדיק די 300 בני עלית הנוער און 200 נח״ל.

מושבים בהתישבות:

אין עמק יזרעאל: שדה יעקב.
אין עמק חפר: כפר הרואה, גאולי תימן.
שומרון: כפר פינס.
יהודה: הזורעים, שדה אילן.
אין נגב: תקומה, בשרשרת, בנתיב המולדת.
אין דרום: ניר וגל, חמד (היילים דתיים משוחררים).
שפלת־לוד: נחלים.
גוש למונד: נצר ישׂשכר.
עמק זבולון: כפר חסידים.
סך־הכל: 15 מושבים, 915 חברים, 2,810 נפשות.

יעדער מושב אָדער מושבה האָט זיך זיין קאַפּיטל געשיכטע, זיינע גלגולים, זיינע קאָמפּליקאַציעס, ביז ער דערגרייכט צו וועלכער ניט איז שטופע.[10]

דאָס איבערגיין, למשל, פון געווינטלעכע מושבים קאָלעקטיווע, צו מושבי־עובדים, איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון ריין אידעאַליסטישע מאָטיוון; דער הויפּט־מאָטיוו צוליב וועלכן די פּיאָנערן פון מושב האָבן פאַרגעצויגן דעם מושב איבער דער קבוצה, איז געווען — אַז אין דער קבוצה פילט דער חבר אויס, אין באַצוג צו דער גאַנצער ווירטשאַפט בלויז אַ טיילווייזע און ניט קיין פולע פונקציע . . . דאַקעגן אין מושב, האָט דער חבר אַ מעגלעכקייט צו דערפילן די פולע פונקציע אין דער פילפאַרביקער און פילפאָרמיקער קאָלאָניזאַציע אויפטועו, מיט דער הילף פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קרעדיט, קאָנטראַקטאָרס און קאָלאָניזאַציע־מכשירים.

די אידייע, די טרייב־קראַפט איז געווען אַרבעטער־זידלונג וואָס שטייט בשום אופן ניט אויף קיין נידעריקערער מדרגה פון קאָלעקטיוויזם און חלוצישער גרייטקייט. איינס איז משלים דאָס צווייטע. דער, וואָס איז באַקאַנט מיט אָט דער געשיכטע פון חלוציזם און מושבים־גרינדונג, ווייסט, אַז נישט קיין אינדיווידואַליסטיש־עגאָאיסטישע מאָטיוון האָבן באַוועגט די גרינדער פון דעם מושב־טיפּ אין דער נייער זידלונג, נאָר פיל טיפערע סיבות וועלכע האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון פאַרשיידענע קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענטן, אַריינגערעכנט דעם משק חקלאי־עצמאי . . . [11]

ה ע ר ו ת

א.

1. מיט זיין שטאַרק קאָנדענסירטער אַרבעט א.נ. „30 שנות יצירה", ז"ז 4־3. 2. דאָרט, ז' 24.
3. „נתיבה", שנה ג', י"ד ניסן, תרפ"ח, חוב' י"ג־ט"ו, ל"ד־ל"ו; נשורי חוב' י"ז־י"ט.
4. בן צפור, נתיבה, תרפ"ח, ז' 209. 5. זע, ישעיה בערנשטיין, מזרחי קובץ יובל, ז"ז 88־97.
6. צ. בערנשטיין, 30 שנות יצירה, ז' 26. 7. המזרחי, גליון 19, כ"ה מרחשון, תר"פ.

ב.

1. „פאָרווערטס", אָקט. 1, 1956.
2. אויגוסטין זוכי, פרייע אַרב. שטימע, פּרייטיק, דעם 24־טן אַפּריל, 1953.
3. ספרית תורה ועבודה, חוב' י"ח, בהוצ' הועד הפועל של המזרחי, תל־אביב, סיון, הת"ש.
4. „מרודנס עד יבנה", ישובים דתיים במולדת, יוצא לאור ע"י המחלקה לעניני הנוער . . . בסיוע מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ד. יהודה הרשקוביץ, קדמוניות יבנה, סקירה היסטורית . . . יבנה אין אַלע אירע גלגולים.
5. 32 שנות התיישבות בקרקע של הפועל המזרחי, בהוצ' מחלקת ההסברה של החזית הדתית, תל־אביב, תשט"ו.
6. דאָרט, ז' 5.
זע אויך, מ. חזני, משדה יעקב עד טירת צבי, תל־אביב, תשרי, התרצ"ח. אַ גאָר וויכטיק, אויטענטיש און באַלערנדיקער איבערבליק „על התישבות הפועל המזרחי בארץ ישראל".
7. זע, „גוש עציון במלחמתו" און ספר יזכור.
8. נתן עק, „יידישער קעמפער", ר"ה נומער, תש"י, ז"ז 87־90.
9. „כה לחי", תל־אביב, סיון ת"ש, ז"ז 13־37.
10. צ. בערנשטיין און נ. עמינוח אין זייערע דערמאָנטע אַרבעטן, גיבן איבער באַריכטס־מעסיק און אויך היסטאָריש די אַנטוויקלונג פון יעדער סאָרט און סיסטעם פון קאָלאָניזאַציע ביים הפועל המזרחי. מיר דאָ קענען זיך ניט אַריינלאָזן אין פּרטים.
11. אַ וויכטיקער בייטראַג, ווי געזאָגט, צו דער ספּעציפישער געשיכטע פון הפועל המזרחי קאָלאָניזאַציע, איז די אויסגאַבע „מכורה ישובים דתיים במולדת', יבנה" — משה קרונה; ב, קדמוניות יבנה — יהודה הרשקוביץ (ירושלים, תש"ד).
מער וועגן די ערשטע קאָלאָניזאַציע־טריט אין א. מ. גנחובסקי'ס, „כי תבואו אל ירושלים, תרצ"ו
מער וועגן די ערשטע קאָלאָניזאַציע־טריט אין א. מ. גנחובסקי'ס, „כי תבואו אל הארץ" ירושלים, תרצ"ו (ז"ז 142־157); וועגן די פּראָבלעמען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון קבוצה דתית, ביים הפועל המזרחי — זע, משה אונא, בשבילי המחשבה והמעשה, תל־אביב תש"ז (ז"ז 51־113).

קאַפּיטל איין-און-פערציק

פּראָגראַם פון התישבות

מיט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט דער קיבוץ הדתי געציילט 10 לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן און 7 ארבעטס-צענטערן. די באַפעלקערונג האָט דאַן געציילט ארום 2,200, דערוואַקסענע און יוגנטלעכע און זיך קאָנצענטרירט מערסטנס אין גוש בית שאָן, גוש עציון און גוש עזה מיט׳ן צוגאָב פון קבוצת יבנה אין דרום.

א. אַרבעט שעפעריש־קייט. — אַ מיטל צו אַ תורהדיק לעבן. — קאָנ־סטרוקטיוו אין בוי און אינטענסיוו אין בייטראָג.

צום גוש בית שאן (טירת צבי, שדה אליהו און עין הנציב) איז צוגעקומען קבוצת שלוחות (געגרינדעט ג׳ סיון, תש״ח — יוני, 1948). גוש עציון (דריי פונקטן: כפר עציון, משואות-יצחק און עין צורים) איז פארנומען געוואָרן דורכ׳ן שונא נאָך פאר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און די מערסטע חברים פון כפר עציון זענען געפאַלן אין שלאַכט און די חברים פון משואות און עין צורים זענען גענומען געוואָרן אין פאַנגשאַפט. אויך די קבוצות אין עזה האָבן שרעקלעך געליטן.

די פארלוסטן זענען געווען גרויס. אָבער די אידעאַליסטישע יונגעליט האָבן ניט אויפגעגעבן און זיך געלאָזט דעראָבערן דעם דרום, צו קולטיווירן דעם דרומדיקן הארטן און זאַמדיקן באָדן — און נייע ישובים זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט דער גרויסער עליה פון מזרח און מערב, אַזוי ווייט, אַז אין יאָר תשי״א, האָט דער קיבוץ געציילט 12 לאַנדווירטשאַפטן (משקים), 4 פון זיי אין גוש בית שאָן: טירת צבי, שדה אליהו, עין הנצי״ב, שלוחות; 2 אויפ׳ן דרום: משואות יצחק און עין צורים; 4 קבוצות אין אנדערע טיילן פונעם לאַנד: לביא אין גליל, בארות יצחק אין לודער טאָל, מער צפון פונעם נגב און ניר עציון ביי עתלית. נאָך דעם זענען געקומען נאָך און נאָך קאָלעקטיווע און האַלב־קאָלעקטיווע לאַנדווירט־שאַפטן — אָבער מיר קענען זיך ניט אָפּשטעלן אויף פּרטים אין דער דאָזיקער אנטוויקלונג און ריכטונג. אַ גאָר גרויסע ראָל האָבן געשפּילט די חברים פון בח״ד, די גרינדער פון קבוצת דודגם אין דער אנטוויקלונג פון די אנדערע מושב־פונקטן.

ניט קליין איז אויך געווען זייער ראָלע אין גרינדן די חנוך־מוסדות אין און ארום די ישובים און געזען, אַז די יוגנטלעכע, אויפגעוואַקסענע און דערצויגענע אין די דאָזיקע דערפער, זאָלן דורכמאַכן אגריקולטורעלע שולונג צוזאַמען מיט תורה־בילדונג. ווי אַן אָפּצווייג פון „בני עקיבא״, זענען געשאַפן געוואָרן די ישיבות חקלאות, וואו דער קוריקולום באַשטייט פון תורה עם דרך־ארץ און מיידלעך לערנען, אויסער חקלאות, הויז־ווירטשאַפט, קאָכן, מאַכן שפּייז, צוגרייטן מאָלצייטן אא״וו. די פּראָגראַם פאר יינגלעך איז: אינדערפרי — תורה; פארמיטאָג

— ארבעט אויפ'ן פעלד און נאָכמיטאָג: יידישע לימודים צוזאַמען מיט וועלטלעכע, איינשליסנדיק: פיזיקס, מאַטעמאַטיק, אַגראָנאָמיע, פי־צוכט, בכלל אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן אין שייכות מיט פלאַנצונגען, תבואה און בעלי חי. תורה ווערט פאַרבונדן מיטן סערפּ און די יוגנט ווערט צוגעגרייט צו אַ יגיעי כפּימדיק לעבן.

דער הפועל המזרחי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען אויפ'ן וועג פון התישבות, אַלע קאָמפּליצירטקייטן אין באַצוג צו אַט דער רעליגיעזער קאָלאָניזאַציע און געגאַנגען מיט אַ סדר אין דער באַשאַפונג פון די פאַרשיידענע סניפים, לויט פּראָגראַמען פון התישבות[1].

דער הפועל המזרחי, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שאַפן ארבעט־מעגלעכקייטן, נייע ווירטשאַפט צווייגן, אָפּטיילונגען פאַר ווירטשאַפטלעכער פּלאַנירונג פאַר אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, אינוועסטיציעס, בויאונגען, אויפגעשטעלט שכונות, פּונקט ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַנטוויקלונג פון בילדונג, קולטור, וויסנשאַפט און געזונטהייט־שוץ, זייענדיק פאַרטראָטן אין דער קופּת חולים צוזאַמען מיט דער הסתדרות. און ס'זענען געלייזט געוואָרן די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען אין דער באַוועגונג. מ'האָט אויך פאַרהעלטניסמעסיק, לויט די באַדינגונגען, געשאַפן ארבעט, געטוישט אַרבעטער, טראַנספערירט אַרבעטער משפּחות, רעגירונגס־אונטערנעמונגען, פאַרהאַנדלונגען מיט דער הסתדרות העובדים הכללים און אַזוי ווייטער.

דערצו זענען צוגעקומען די עולים־בונים־קאָאָפּעראַטיוון (געגרינדעט אין יאָר תרפ"ד, דורך דעם מרכז העולמי של המזרחי) מיט'ן ציל צו העלפן פּועל־המזרחי חברים שאַפן אַ תורה לעבן באַזירט אויף ארבעט און יגיעי־כפּימדיקייט. דערויף האָט זיך געפאָדערט גרויס אָנשטרענגונג, אינטענסיווקייט און קאָנסטרוקטיווע בויאונג צוזאַמען מיט קולטורעלע פּראָגראַמען, ווי שעורים, סעמינאַרן, פאָרטראַגן, כאָרען, טיולים, ספרות, ביבליאָטעקן א. א. וו.

די נייעסטע ישובים פון הפועל המזרחי געפינען זיך איבערן גאַנצן לאַנד, אין געגנט פון ירושלים, אויף די בערג אין גליל, ווי אין די טאָלן פון צפון און דרום. אומעטום[2], געפינען זיך די דאָזיקע רעליגיעזע קיבוצים, מושבי עובדים, כפרי עבודה און ישובי עולים, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט איגוד מושבי הפועל המזרחי:

		געגנט	גרינדונג־יאָר
1.	כפר חסידים[3]	עמק זבולון	1924
2.	שדה יעקב[4]	עמק יזרעאל	1925
3.	כפר פינס[5]	הדרה, שרון צפוני	1933
4.	כפר אברהם[6]	יהודה, השרון	1932
5.	כפר הרא"ה[7]	עמק חפר, השרון	1934
6.	הזורעים (פירגוניה)[8]	כנרת, גליל תחתון	1939

7.	שדה אילן	כנרת, גליל תחתון	1949
8.	ביריה	גליל עליון	1945
9.	שרשרת	נגב, באר שבע	1946
10.	נחלים (וילהלמה)	יהודה, השפלה	1949
11.	צפריה (ספריה)	יהודה, רמלה	1949
12.	כפר שמאי	גליל עליון, צפת	1949
13.	מירון	גליל עליון, צפת	1949
14.	ההר האדום	גליל עליון, צפת	1949
15.	טירת יהודה	יהודה, רמלה	1949
16.	תקומה	נגב, באר שבע	1949
17.	עלמאַ	גליל עליון, צפת	1949
18.	שפיר (ד׳)	דרום, אשקלון	1949
19.	בנתיב המולדת	נגב	1949
20.	ניר וגל (ניר גלים)	דרום, רחובות	1949
21.	בן־זכאַי (יבנה)	יהודה, רחובות	1950
22.	שוכה (שובה)	נגב, באר שבע	1950
23.	נצר יששכר (צוזאַמען מיט כפר יעבץ)	שרון דרומי	1950—1952
24.	גאולי תימן	עמק חפר, השרון	1947—1950
25.	שלהביה	עמק חפר, השרון	1950
26.	למרחב	יהודה	1950
27.	חמד	יהודה	1950

די קיבוצים וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן קיבוץ הדתי פון „הפועל המזרחי"

28.	טירת צבי[9]	עמק בית שאָן	1937
29.	שדה אליהו[10]	עמק בית שאָן	1939
30.	יבנה	דרום	1941
31.	בארות יצחק (אחדות[11])	דרום	1943
32.	עין הנצי"ב	עמק בית שאָן	1946
33.	סעד	דרום	1947
34.	בארות יצחק (נחלים)	יהודה	1948
35.	שחר	גליל תחתון	1948
36.	שלוחות	עמק בית שאָן	1948
37.	לביא	גליל תחתון	1949
38.	נתיבות — כפר דרום	דרום	1949
39.	חדיד (תחיה)	יהודה, רמלה	1949

40. משואות יצחק, אשקלון	דרום	1949
41. עין צורים	דרום	1949
42. ניר עציון	שומרון	1950
עולים ישובים פון פועל המזרחי		
43. טירת יהודה	יהודה	1949
44. עוזה	באר שבע	1950
45. שלוה	באר שבע	1950
46. יושיביה[12]	באר שבע	1952
47. אחיעזר	רמלה	1950
48. בית גמליאל[13]	רחובות	1949
49. ספריה — צפריה	יהודה	1949
50. סעד — בארי	נגב	1949
51. הר טוב ב׳	הרי יהודה	1949
52. שער הגיא — זרנוגה	יהודה	1949
53. שואבה (סרים)	הרי יהודה	1949
54. בית מאיר (בית מחסיר)	הרי יהודה	1950
55. בית סוסין	הרי יהודה	1950
56. פאר עם	הרי יהודה גליל עליון	1950
57. דיר אבן	הרי יהודה	1950
58. מוחרקה	נגב	1950
59. חמד	רמלה	1950
60. כרם בן זמרא	צפת	1949
61. דלתון	צפת	1949
62. פורת	השרון	1950
63. יושיביה	באר שבע	1952
64. שדה תרומות	בית שאן	1951
65. רחוב	באר שבע	1951
66. ברקת	רמלה	1952
67. בית הגדי	באר שבע	1950
68. זרחיה	אשקלון	1949
69. רווחה	באר שבע	1953
70. שבטים	באר שבע	1950
71. גבעולים	באר שבע	1952
72. מלילות	באר שבע	1953
73. שובל 11 (זרועה)	באר שבע	1953
74. ישעיה	הרי ירושלים	1950

75. מחסיה	הרי ירושלים	1950
76. תעוז	הרי ירושלים	1950
77. נוחם	הרי ירושלים	1950
78. מסילת ציון[14]	הרי ירושלים	1950

ס'איז אויך אין פלאץ צו דערמאָנען דעם גאר לעצטן אקט — דעם נייעם ישוב מעלה הגלבוע, אויף דעם היסטאָרישן בארג גלבוע וואו ס'איז אומגעקומען מיט טויזנטער יאָרן צוריק דער ערשטער יידישער קעניג שאול און זיין זון יהונתן, דוד המלך האָט צוליב דעם לאמענטירט „אויף די בערג גלבוע ניט קיין טוי און ניט קיין רעגן" . . .[14א].

נאָך צוויי טויזנט אכט הונדערט יאָר, איז דער פארשאָלטענער בארג צוריק אויפגעלעבט געוואָרן דורך נח"ל, די קעמפערישע חלוצישע יוגנט ביי דער בני עקיבא באוועגונג.

זיי זענען ארויף אויפן באדן דעם 29־טן נאָוו., 1962 (א היסטאָרישער טאָג אין דער געשיכטע פון ישראל און די פאראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע).

אין זיין באגריסן דעם דאָזיקן היסטאָריש־געוואגטן שריט, האָט דער פרעמיער דוד בן גוריון צוו"א געזאָגט:

„איר זאָלט יאָ דערציילן אין גת און איר זאָלט יאָ זאָגן אין די גאסן פון אשקלון, אז יידישע יוגנט פון ישראל, איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג גלבוע און צוריק באקרוינט די שילד פון די גבורים" . . .

די אַלע קיבוצים זענען דערגרייכט געוואָרן א דאנק דעם אידעאליזם פון די יונגעלייט וועלכע האָבן מיטגעמאכט אַלע נסיונות, ביז זיי האָבן דערגרייכט אָט דעם כיבוש הארץ וואָס איז א כבוד פאר'ן רעליגיעזן יידנטום.

די דאָזיקע חלוצי הרוח און חלוצי הצבאָ האָבן פארשטאנען ווי צו באלעבן דעם עטישן אידעאל פון תורה ועבודה און געזוכט צו שאפן נייע סאָציאלע לעבנס־פאָרמען אין די ראַמען פון היסטאָרישן יידנטום, ווי דער גרינדער פון צעירי מזרחי אין פוילן יצחק ריבקינד, איז עס מסביר אין זיינעם א מאמר[15]. ער שרייבט צווישן אנדערש:

„דער מאָדערנער „תורה ועבודה" אידעאל באריכערט דעם היסטאָרישן יידנטום און דעם יידישן סאָציאַליזם מיט דעם שטאַטלעכן געדאנק, וואָס שטרעבט עס צו רעאַליזירן דורך א מוסטער־לעבן אין ארץ־ישראל.

„תורה ועבודה" וויל לעבן מיט קידוש־השם!

„תורה ועבודה" איז אָבער נישט פון די „מצוות התלויות בארץ", עס איז „חובת גברא". דער „מסכת פועלים" איז אָבליגאַטאָריש פאר אַלעמען און די

„דיני־עבודה" זענען לעבנס־דינים פאַר יעטוועדער ייד, אַ וואו ער זאָל נישט זיין.

„מיר באַדאַרפן נאָך גאַנץ גוט צעאַקערן אונזער גאַנץ רייכע פאַרצווייגטע ליטעראַטור סיי הלכה און שו"ת, סיי אגדה און דרוש, סיי מוסר, תקנות ומנהגים צו געפינען די פּערל אויף צו באַרייכערן די תורה ועבודה אידעאָלאָגיע.[16]

„אויב ר' ישראל סאַלאַנטער פלעגט זיך וואַשן צום עסן און פאַרברויכן נאָר אַ רביעית נישט מער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מהדר במצוה זיין אויף'ן חשבון פון דער אָרימער דינסט־מיידל, וואָס פלעגט דאַרפן שלעפּן, אויף אירע אַקסלען, די וואַסער באַרג אַרויף — איז דאָס געווען תורה ועבודה!

„נישט פרום זיין אויף יענעמס חשבון, אַזוי ווי נישט לעבן פון יענעמס פּראַצע.

„אויב ר' ישראל סאַלאַנטער האָט איינגעפירט ביי זיך אין שוהל צו דאַווענען ערב שבת און יום־טוב פריער און נישט וואַרטן אויף קריאת־שמע בזמנה, כדי די דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן אַזוי שווער געהאָרעוועט אין מאַכן שבת און יום־טוב, זאָלן נישט באַדאַרפן צוליב קידוש, צו לאַנג וואַרטן, מיט פאַרחלשטע הערצער, אויף דער סעודה — דאָס איז תורה ועבודה![17]

„אָדער אויב ר' נתן נטע וויטקין, אַ געוועזענער דיין פון קאַלוואַריע, זאָגט אָן אין זיין צוואָה זיינע קינדער אין אַמעריקע: „אַ משרת אָדער אַ משרת'טע אין אייער הויז אָרנטלעך באַהאַנדלען, זיי זאָלן עסן צוזאַמען מיט אייך ביים טיש, ניט אַוועק סטופּען עסן אין אַ קיטשען באַזונדער, זיי דאַרפן זיין גלייך מיט אייער פאַמיליע. עס איז אַ גרויסע עבירה אָפּטהיילן זיי באַזונדער"[18]. ער איז לכל הדעות געווען אַ תורה ועבודה'ניק!

„דער ביאָגראַף פון ר' יצחק אלחנן, ווייס פיל צו דערציילן פון דער איידעלער באַציאונג פון קאָוונער רב צו זיין הויז־דינערשאַפט, אַז ער פלעגט זיי נישט מטריח זיין צו טאָן קיין זאַך, וואָס ער קען אַליין טאָן, ער פלעגט נישט גיין עסן, איידער זיי פלעגן עסן. זיין גאַנצע האַנדלונג איז געווען אין גייסט פון יענעם תלמודיש־עטישן „כאלו קונה אדון לעצמו"[19].

„דאָס זענען נאָר מוסטערן פון דער מוסר־און דרוש־ליטעראַטור וועגן „תורה־ועבודה". עס איז אַ ברייטער ים, וואָס וואַרט אויף אַ געניטן טויכער, ער זאָל אַרויסציען די פּערל פון שיינע געדאַנקען און מעשים טובים . . .

„מיר קענען נאָר צוגעבן, אַז די „תורה ועבודה" באַוועגונג, די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט, שפּינט ווייטער, מער ווי ווער עס איז אַנדערש, די משיחישע וויזיע פון „אחרית הימים". אין ארץ ישראל וועבט זיך די הלכה און אגדה פון רעליגיעזן אַרבעטער און די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט וועבט די אגדה פון גאָט און ייד, לאַנד און טראַדיציע, אַרבעט און פרייהייט".

מיר האָבן שוין פריער דערמאנט, אַז מזרחי און תורה ועבודה, האָבן באַלד, אינעם באַגין פון זייער דערשיינען אויף דער ארענע זיך פארנומען מיט אַ פאַרצווייגטער ליטעראַרישער טעטיקייט.

ב. ישיבות און התישבות. — „השומר הדתי" און „בני עקיבאָ". — יוגנט און חינוך. — פּאַרטיי ליטעראַטור.

שוין אין די דרייסיקער יאָרן, האָט זיך געפילט אַ נויטיקייט צו פאַרצייכענען די שריפטן וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער אויסשולונג פון באַוואוסטזיניקע פירער. דר. משה א. שולוואס, האָט שוין דאַן צוזאַמענגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפיע[1] ווי אַ וועג־ווייזער פאַר סניפים, ביבליאָטעקן[2] און האָט געדינט פאַר אַ האַנט־ביכל, פאַר די מיטגלידער פון דער תו"ע באַוועגונג, פאַר לימודים אין „ברוריה" (פרויען־אָרגאַניזאַציע ביי דער באַוועגונג) און פאַר יוגנטלעכע, חברים פון „השומר הדתי".

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן זיך באַוויזן נאָך אַזעלכע ביבליאָגראַפישע און מדריכישע ארבעטן. צו די גאָר וויכטיקע, געהערט די ארבעט פון ה"כ דר. יצחק רפאל[3]. אין פוילן, האָט דער „השומר הדתי" אין זיין בלי־פעריאָד ארויסגעגעבן גאָר אינטערעסאַנטע שריפטן אויף צו פּראָפּאַגירן און פאַרשפּרייטן די אידעאָלאָגיע פון תורה ועבודה. גענוג צו דערמאַנען די אַנטאָלאָגיע „אורחות"[4] — אַן אויסוואַל פון ארום 100 מאמרים מיט דער באַטייליקונג פון אַ פינף טוץ שריפטשטעלער.

אין ארץ ישראל איז אין ווינטער, תרפ"ט־1929, געגרינדעט געוואָרן די יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „בני עקיבאָ" מיטן ציל „לחנך דור עברי נאמן ומסור לתורתו, עמו וארצו"[5].

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַלד פארנומען מיט פאַרצווייגטער טעטיקייט, אָרגאַניזירט סניפים אין גאַנצן לאַנד — און ביי די סניפים איינגעאָרדנט אָוונט־שולן פאַר דעם יוגנטלעכן ארבעטער.

די לייטונג פון „בני עקיבאָ" איז באַשטאַנען פון ר' ישעיה שפּירא, פּיבל מעלצער און דר. ארנסט סימון און פון די יוגנטלעכע: מ. חרובי און יחיאל אלי' אליש (היינט פאַרוואַלטער פון „הצופה"). זיי האָבן ארויסגעגעבן אַ שריפט אונטערן נאָמען „אורנו". און געהאַט די פולסטע שטיצע פון הרב קוק.

די סעמינאַרן, קורסן און הכשרה־פּונקטן פון „בני עקיבאָ" האָבן ארויסגערופן לויב ביי אַלע שיכטן. אין יאָר תרצ"ה (חנוכה) איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע ענדערונג אינעם בני עקיבא אקטיוו און אין דער פירערשאַפט זענען אריין: הרב משה צבי נריה, בנימין שחור, פּינחס ראָזנבליט, אליעזר גואלמאַן, אשר אלמוני און אַנדערע.

אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון הרב נריה האָט די לייטונג ארויסגעגעבן אַ חודש־שריפט אונטערן נאָמען „זרעים". וועגן די דערגרייכונגען פון דער יוגנטלעכע

אָרגאַניזאַציע זענען דערשינען א צאָל העפטן און בראָשורן[6]. דאָס זענען געווען די יונגטלעכע וועלכע האָבן אָנגעהויבן פילן און אָנערקענען די תו"ע־אידעאַלן און זיי האָבן אַרויסגערופן אינספּיראַציע ביים אונטערוואַקסענעם דור אויפ׳ן הייליקן באָדן, וואו זיי האָבן געשטעלט די ערשטע טריט.

געדענקען מיר אַלע ווי עס ווערט דערציילט אין תנ"ך: מען האָט געדאַרפט גיין ראַטעווען דאָס פאָלק. זענען געקומען טויזנטער און צענדליקע טויזנטער . . . האָט מען פון זיי אָפּגעקליבן געציילטע דריי הונדערט, די, וואָס קענען זיך מאַכן א ביסל אומבאַקוועם צוליב א פּרינציפּ . . . "בשלש מאות האיש המלקקים אושיע אתכם"[7].

אַזוי איז עס! די וואָס טראַכטן וועגן גורל פון אונזער פאָלק בכל תפוצות און וועגן עקזיסטענץ אַלס פריי־זעלבסטשטענדיק פאָלק אין ארץ ישראל — די מוזן קומען צו דעם אָפּקליײַב, צו די ווינציקע, געציילטע און „מיט די דריי הונדערט וועט איר געראַטעוועט ווערן" . . .

און מיר דערלויבן זיך ציטירן פון א ניט־לאַנג געשריבענעם מאמר וועגן אָט דעם סאָרט חלוציזם.

. . . . „ ס׳ווירקן אויף דער יוגנט אָביעקטיווע, דרויסנדיקע פאַקטאָרן, לעבנס־באַדינגונגען וואָס רייסן אוועק פון אונז דער יוגנט: סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן, וואָס רייסן אוועק דעם יוגנטלעכן מענטשן פון אידעאַליזם, פון דעם „מסתפק במועט"־אידעאַל, וואָס גיט זיי האָפנונג און פריידיקייט און א לעבן מיט אַלע גלייך.

דאַרף מען האָבן א גוואַלדיקן מסירת־נפש־אידעאַליזם צו קענען אַנטלויפן פון דער גרויסער וועלט, צו זיך, צו דעם אייגענעם געסל, צו בויען און צו שאַפן, זיך און אַנדערע, צוגרייטן פאַר א שעפערישער ייִדישקייט, וואָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אונזער צוקונפט־גורל; דער בעסטער אָנזאָג צום לעבן — צו לעבן ביז אויף אייביק . . .

די חלוצים מיט זייער מוט און גייסטיקע ענערגיע, ווי ווייניק זיי זאָלן ניט זיין אין צאָל, — זיי זענען אונזערע אמת׳ע קינדער, יורשים פון אמת׳ער ייִדישקייט; זיי ברענגען די פרייד פון בוים וואָס וואַקסט, פון פייגעלעך וואָס בויען נעסטן — זיי ברענגען המשך . . . אייביק לעבן! זיי פאַרווירקלעכן די וואונדערלעכע ווערטער פון דעם נביא אמוס:

ושבתי את שבות עמי ישראל ובנו ערים נשמות, וישבו ונטעו כרמים, וישתו את יינם . . . ונטעתים על אדמתם, לא ינתשו עוד מעל אדמתם אשר נתתי להם . . . (און איך וועל אומקערן די געפאַנגשאַפט פון מיין פאָלק ישראל, און זיי וועלן אויפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד,

און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד, וואָס איך האָב זיי געגעבן . . .)

דעם ווילדן „נאַשאַ פּאָלסקאַ" האָבן זיי ניט געקענט פּאַרטראָגן — און קיין ציון האָט זיי געטראָגן: דאָרט אויף די הרי יהודה און גליל־טאָלן, אונטערן בלוי־ווייסן שרון געגומען בויען די יידישע היים . . . מיטגעמאכט דעם גאנצן פּראָצעס פון דער אין לעצטן יאָרהונדערט אויפטרייסלענדיקייט, און ווי פרום־ערלעכע באוואוסטזיניקע מיט קדושה אין הארץ און טהרה אין נשמה אין אמת'ן באַגריף פון יהדות, געגומען פונדאמענטאַל איבערבויען די יידישע עקאָנאָמיע.

די פירער פון בני עקיבאָ, ווי אַ טייל פון דער „תורה ועבודה" האָבן אויך געוואוסט, אַז מ'דאַרף דער יוגנט געבן אַ חינוך פאַר קיום מצוות מעשיות — און אַז דאָס מוז געטאָן ווערן אויף'ן אָרט, אינעם קיבוץ, האָט די באַוועגונג אַלס רעזולטאַט, זיך פאַרנומען מיט גרינדן בתי ספר, קינדער שולעס, עלעמענטאַרע און העכערע דערציאונגס־מוסדות און אַ פאַרצווייגטע נעץ פון ישיבות.

אין יאָר ת"ש, איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ישיבה — און באַלד איז דאָס נאָכגעפאָלגט געוואָרן ווי אַן אָפּצווייג פון „בני עקיבאָ", דורך הרב משה צבי נריה און די ישיבות האָבן ארויסגערופן באַגייסטערונג פון אַזעלכע גדולים אין דער רבניש־ישיבהשער וועלט, ווי ר' איסר זלמן מעלצער, ר' יעקב משה חרל"פ, ר' משה אביגדור עמיאל, ר' יצחק אייזיק הערצאָג, דער הרב הראשי און אַנדערע.

אין די בני עקיבאָ ישיבות האָט מען געוויזן אַ נייעם דרך און מ'האָט געגעבן אַ נייעם באַדייט און אַ נייעם זין פונעם „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ"[8].

פון די מער באַקאַנטע ישיבות וועלכע זענען פאַרבונדן מיט „בני עקיבאָ" זענען: ישיבת כפר הרואה און נתיב מאיר (די ערשטע אויפן נאָמען פון הרב קוק און די צווייטע אויפ'ן נאָמען פון ר' מאיר ברלין־בר־אילן). היינט־צו־טאָג, געפינען זיך אין לאַנד איבער אַ טוצן ישיבות, געפירט אין דעם גייסט. ס'ווערן דאָרט צוגעגרייט די חלוצי התורה! זיי ווערן צוגעגרייט תלמידי חכמים און בעלי הוראה וועלכע זאָלן זיין פייאיק צו פאַרשטיין הלכה אין די ראַמען פון מלאָכה און מלוכה און קענען פּסקענען ווען נויטיק אַקטועלע שאלות, ווי זיי ווערן באַהאַנדלט, אין די שריפטן, „התורה והמדינה[9] „ההלכה והמדינה[10] אָדער „משפט המלוכה בישראל"[11].

אַ דאַנק דעם הפועל המזרחי, זענען ארויפגעשוואומען אומצייליקע הלכות, גאָר־ניט פון אבסטראַקטן כאַראַקטער, נאָר ריין פּראַקטיש־הלכהשע וואָס פאָדערן אַ רבנישע לייזונג, ווי למשל שמירת שבת אין די קאָלאָניעס, צי סטרייקן זענען על־פּי־דין, דיני שמיטה, און נאָך און נאָך אַזעלכע ענלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס אין בית המדרש פון הלכה ווערן זיי אויפגעקלערט און קריגן אַ תורה'דיקע לייזונג.

די יוגנטלעכע דערצויגן אין אַזעלכע ישיבות וועלן געוויס האָבן דעם

געהעריקן ענטפער אויף די הלכהשע פראָבלעמען מיטן קיבוץ־לעבן, מיט בנין־הארץ, מיט הכשרה והגשמה . . . זיי ווילן פּראַקטיצירן יידישקייט לויט א סאָציאַלן סדר און זיך אויסלעבן אין א יידישקייט לויט הלכה.

אַלס אילוסטראַציע, קען דינען דער ענין שמיטה, וויאַזוי די דאָזיקע דינים ווערן באַהאַנדלט ביי פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג[12].

ג. פאַרשיידענע סאָציאַלע לייסטונגען. — הילפס־צווייגן פון כל המינים. — קופּת מלוה. — די ראָל פון דער פרוי.

איינס פון די אומצייליקע הילפס־לייסטונגען איז דער „קופּת מלוה" ביים הפּועל־המזרחי, געגרינדעט אין יאָר תרפ"ט־1929 און געטאָן פאַר די איבער דריי צענדליק יאָר, א וואונדערלעכע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין אַרויסהעלפן דעם רעליגיעזן עולה.

די גרינדער זענען געווען: בצלאל ביזינסקי (בזק); משה גבירצמאַן; ראובן ווינשענקער (גפני); שמואל חיים לאַנדוי; יעקב לעסלוי; יצחק קריב (קראַקאָווסקי) און משה (חיים) שפּירא.

דעם „טשאַרטער" האָבן זיי אַרויסגענומען דעם 19־טן מאַי, 1928 און באַלד געהאַט די שטיצע פון מזרחי און הפּועל המזרחי. א גאַר באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגעוויזן הרב מאיר בערלין (בר־אילן). איינער פון די גרינדער יעקב לעסלוי, שטייט נאָך עד היום ביים רודער פון אָט דער ליי־קאַסע וועלכע האָט היינט צווייגן איבער'ן גאַנצן לאַנד[1].

די צילן זענען געווען גרויסע, פאַרנעמיקע — און די דערגרייכונגען גאָר קאָלאָסאַלע, געבנדיק הלוואות אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, איבערהויפּט אויף קאָנסטרוקטיווע אין גייסט פון הפּועל המזרחי און אויפבוי פון לאַנד: הלוואות אויף אויפצובויען שיכונים; הלוואות אויף צו פאַרשטאַרקן און דערמעגלעכן דעם פּראָגרעם פונעם מושב עובדים און קרעדיט פאַר'ן בוי פון ישיבות. עס זענען אויסגעטיילט געוואָרן הלוואות אויף צענדליקער מיליאָנען פונטן[2].

לויט א טאַבעלע[3] פון 1952 זענען אין די ערשטע 25 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אויף 48,517,250 ל"י.

דער קופּת מלוה איז געוואָרן דער ליב אין דער באַוועגונג, ווי עס דריקן זיך אויס צבי ברנשטיין, אין נאָמען פון ועד הפּועל; גרשון יערי, אין נאָמען פון מרכז החקלאי; משה פרידמאַן, אין נאָמען פון אגוד הקבוצות של הפּועל המזרחי; א. קופּלוביץ, אין נאָמען פון אגוד המושבים והארגונים; טובה סנהדראי, אין נאָמען ארגון הפּועלות; יעקב דרורי, אין נאָמען פון בני עקיבא, הנהלה ארצית; מ. קלמר, אין נאָמען פון „משכנות"; ש. רויך, אין נאָמען פון „הבונה" און א. בורנשטיין, אין נאָמען פון מרכז הקואופּרציה — אַלע האָבן גענאָסן און געניסן עד היום פון דער דאָזיקער ליי קאַסע[4].

אַ דאַנק זיינע ממשותדיקע מעשים פּאַרבאַרייטונגען, איז דער הפועל המזרחי געווען בכוח, זיך צו באַטייליקן אַזוי אינטענסיוו אין התיישבות, שיכון, אַרבעטס־אַמטן, קאָאָפּעראַטיווע לייסטונגען, עליה אַבסאָרבירונג און דערמיט פאַרנעמען זיין אָרט, סיי אין פּאָליטישן און סיי אין סאָציאַלן לעבן פון דער מדינה.

ווען מען רעדט וועגן „קופּת מלוה", קען מען ניט דורכלאָזן די אַנדערע אונטערנעמונגען וועלכע זענען אומבאַדינגט נויטיק געווען, ווי „יניב" (געגרינדעט תש"ה), „הבונה" (געגרינדעט תש"י) און אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען וועלכע זענען נויטיק געווען ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה אויפצובויען שיכונים, געבנדיק באַשעפטיקונג און וואוינונג צו נייע רעליגיעזע עולים.

די הילף צו דעם מזרחי אַקטיוו, אויפן געביט פון חינוך איז גאָר קאָלאָסאַל.

מיר'ן אָנפאַנגען מיט גני ילדים (קינדערגאַרטנס). די מועצת הפועלות ביים הפועל המזרחי פאַרנעמט כמעט אַ גליך אָרט ווי דער אמ"ן (ארגון נשי מזרחי). זינט דער עטאַבלירונג פון דער מדינה ביזן יאָר תשי"ג, ווען דער חנוך ממלכתי איז געוואָרן געזעץ האָבן די צוויי אָרגאַניזאַציעס געשאַפן איבער 200 קינדער־גאַרטנס. היינט צו טאָג, זענען שוין פאַראַן אַזעלכע קינדערגאַרטנס קרוב 600 אין וועלכע ס'לערנען איבער 25 טויזנט קינדער.

נאָכדעם קומען די עלעמענטאַרע און העכערע מיטל־שולן אינעם צווייג פון חינוך ממלכתי דתי, אָנגעפירט פון מזרחי און הפועל המזרחי. איבער הונדערט טויזנט שילער און שילערינס געפינען זיך אין די דאָזיקע שולן.

מזרחי, ווי מיר האָבן פריער געזען, האָט געשאַפן אומצעליקע תורה און לערן־סעמינאַרן פאַר לערער און לערערינס און ניט ווייניק ישיבות וועלכע שטייען אויף אַ גאָר הויכע מדרגה, אריינגערעכנט די נעץ ישיבות איבערן לאַנד אויפן נאָמען פון בני עקיבאָ, ישיבות תורה ומלאָכה, אַגריקולטור אינסטיטוציעס וכדומה.

די מוטער פון די תורה ומלאכה ישיבות, איז די ישיבה אין כפר אברהם, ביי פתח תקוה. דאָרט זעט מען, ווי אַזוי יגיע כפים גייט צוזאַמען מיט יגיע־מוח: ס'ווערן דערצויגן יוגנטלעכע, וואָס וועלן ווייזן אַ מוסטער פון אַ נייעם יידישן בעל מלאכה.

די קרייזן פון העכערן חינוך, זענען די „ישיבת מרכז הרב" אין ירושלים און „כרם ביבנה", ביידע געגרינדעט דורך הגראי"ה זצ"ל: די ערשטע אין יאָר תרפ"ג און די צווייטע איז פאַרגרעסערט געוואָרן אַלס צענטער פון אַלע ישיבות „בני עקיבא" אין יאָר תשי"ד. איר ציל איז: אויפצושטעלן אַ דור פון גדולי תורה און גייסטיקע פירער פאַר דער מדינה און פאַר'ן פאָלק.

דער הויפּט־אינסטיטוט פאַר תורה און מדע, איז דער בר־אילן אוניווערסיטעט, וועמעס צוויי צענדליק פּרעכטיקע בנינים שטעלן צוזאַמען דעם קעמפּוס אויף אַ

שטח פון 160 דונאַם באָדן און וועמעס ציל איז אויפצושטעלן און אויסשולן אַקאַדעמיקער פון העבערן באַרוף. אַרום 1000 סטודענטן פון דער גאַנצער וועלט שטודירן אין בר־אילן, וואָס ווערט אָנערקענט אַלס ערשט־קלאַסישער אוניווערסיטעט אויף עטלעכע אַקאַדעמישע פאַקולטעטן.

ווען דער ראָל פון דער פרוי אין דער באַוועגונג איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין די ערשטע וואַלן פון לאַנד, האָט די „מועצת הפועלות" (פרויען־אָרגאַניזאַציע פון הפועל המזרחי) אַרויסגעשטעלט אַן אייגענע ליסטע („פ"ד"—פועלות דתיות) האַלטנדיק אַז דער רעליגיעזער בלאָק, דער דאַן געשאַפענער „חזית הדתית המאוחדת", איז ניט געווען אויסגעהאַלטן מיט זיין דעצידירנדיקן פסק וואָס איז לויט זייער מיינונג געווען שאַרף דיסקרימינאַטאָריש צו דער פרוי: זי קען ניט עדות זאָגן; זי האָט ניט די זעלביקע פּאָליטישע רעכט — אין מעמידין אשה במלכות . . . וכן כל משימות שבישראל אין ממנים בהן אלא איש . . . .[5] די חברות פון הפועל המזרחי, ווי פּראָגרעסיווע פרויען, האָבן זיי עס געהאַלטן פאַר דעם „צו השעה" זיי צו געבן דעם זעלביקן פּאָליטישן רעכט אין דער מדינה, ווי מענער.

איינע פון די פירערינס, מרים אליאש, האָט דאַן געשריבן . . . .[6]: זעקס און צוואַנציק יאָר איז די הפועל המזרחי חברה געגאַנגען האַנט־און־האַנט מיטן חבר; אין באַגין פון דער באַוועגונג דערשינען אין דעראָבערן דעם טאָג־אַרבעט, געקעמפט מיט אים צוזאַמען פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון רעליגיעזן אַרבעטער, געהאָלפן אַריינדרינגען צווישן דער יוגנט דעם געדאַנק פון תו"ע . . . צוזאַמען געפאַלן אַלס קדושים אינעם קאַמף פון געווינען אונזער לאַנד . . . און איצט וויל מען צוליב רעליגיעזע פּרינציפּיעלע מאָטיוון דיסקרימינירן קעגן אונז!? . . .

מיר, מזרחי באַוועגונג און הפועל המזרחי האָבן דורכגעפירט די רעליגיעזע רעוואָלוציע, רעוואָלטירט קעגן די אדמורי"ם, קעגן די עלטערן, קעגן די רבנים וואָס האָבן אונז געשטערט . . . מיר נעמען ניט אָן דעם דאָזיקן גזר . . . מיר זענען דעריבער אַרויס מיט אַ באַזונדערן וואַל־פּלאַטפאָרם" . . . .[7]

ביי נאָכקומענדיקע וואַלן, זענען שוין די פועלות געגאַנגען צוזאַמען מיט די מענער און טובה סנהדראַי איז געוואָרן אַ חברה־כנסת.

הערות

א.

1. צבי בערנשטיין, אין זיין „30 שנות יצירה", ז"ז 10־6, גיט אָן אַ גענויע רשימה פון מושבים, קבוצות ופלוגות עבודה, אויך געשיכטלעכע דאַטעס, וועגן גרינדונג און אַנטוויקלונג.
2. זע, צבי ברנשטיין, כח לחי, חת"ש; נ. עמינוח, התישבות העבודת הדתית, טאַבעלן, סטאַטיסטיק און געשיכטלעכע אָנמערקונגען.
3. אַרויף אויפן באָדן נאָכן אָרגאַניזירן זיך אין יאָר תרפ"ו.
4. זיך אָרגאַניזירט אַלס מושב עובדים אין יאָר תרפ"ד אין כפר סבא . . . נאָך פאַרשיידענע שוועריקייטן איז זיי קוים געלונגען אַרויף אויפן באָדן פון קרן קימת אין שיד־אַבריק, עמק

יזרעאל, אלול תרפ"ז. נאָמען פון מושב „שדה יעקב" אין אָנדענק פון ר' יעקב ריינעס שעפער פון מזרחי — עס איז אַ גאָר גרויסער קאָלאָניזאַציע פּונקט און פאַרנעמט אַ באַדייטנדיק אָרט אין לאַנדווירטשאַפט.

מיר וואָלטן אויך געדאַרפט נעבן אין חשבון די קבוצות:

1. שח"ל — נעג. אין יאָר 1930 אין רחובות;
2. משמר השרון — אין 1934, ביי כפר יעבץ;
3. רמת השומרון — אין 1935, ביי פרדס חנה;
4. קבוצת אברהם — 1935, ביי כפר פינס. זיך גערופן אויפן נאָמען פון הרב קוק. געפירט אַ מסירת־נפשדיקן קאַמף קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער. אין די געשעענישן פון תרצ"ח, זיינען צוויי חברים אומגעקומען אויף אַ שרעקלעך־שאָקירנדיקן אופן. איינער פון זיי, דוד פראַנק איז אוועקגעכאַפּט געוואָרן פון אַראַבישע רוצחים ביי זיין אַרבעט אויפן פעלד אין גבעת עדה, י"ד סיון, צ"ח און זיין קערפּער איז געפונען געוואָרן צוויי יאָר שפּעטער און געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל י"ט אדר ב', ת"ש, אין גבעת עדה. אברהם כ"ץ איז געפאַלן אויפן אָרט.
5. די גרופּע פון כפר פינעס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ניסן, תרפ"ח און ערשט כ"ג ניסן, תרצ"ג, אַרויף אויף באָדן פון קרן קימת ביי כרכור (קאַרקאָר), באַזיצנדיק איבער 100 דונאַם לאַנד און געציילט איבער 300 נפשות. דער מושב ווערט גערופן אויפן נאָמען פון ר' יחיאל מיכל פינס.
6. דער מושב און גאָר רייך־אַנטוויקלטע לאַנדווירטשאַפט געפינט זיך אויפן באָדן פון מושב סלבנדי (סאַלוועגדי) — די אָרטיקע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען חשון, תרצ"ג.
7. די חברים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין תרצ"א און אַרויף אויפן באָדן אין עמק חפר, דרום־זייט פון חדרה, כ' טבת תרצ"ד. עס איז איינער פון די מערסט־אַנטוויקלטע מושבים — און גערופן אויפן נאָמען פון מרן הרב אברהם יצחק הכהן קוק.
8. דער דאָזיקער קיבוץ האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים — און לסוף אַרויף אויף באָדן ערב שבועות תרצ"ט, נאָכ'ן פאַרעפנטלעכן דעם ווייסן פּאַפּיר . . . אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט איז אַ קיבוץ געבוירן געוואָרן.
9. דער דאָזיקער קיבוץ איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון חלוצים פון קבוצת רודגס, שח"ל, יעב"ץ און זיך באַזעצט אויף דעם מזרח־דרום־עק פון בית־שאָן־טאָל, כ"א תמוז תרצ"ז. דאָס איז דאָן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער געשעעניש . . .
10. די חברים פונעם דאָזיקן קיבוץ געהערן צו דערצויגענע פון דער עלית הנוער אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געענדיקט אַ קורס אין דער קבוצת רודגס און זיך אָרגאַניזירט אין אַן איינהייט־לעכער גרופּע, פריער ביי חדרה און אין מאַי, 1939 זיך באַזעצט בקביעות אויף באָדן נאָענט צו טירת צבי. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פונם ווייסן פּאַפּיר, דורך דער מאַנדאַטן־מאַכט. דער קיבוץ טראָגט דעם נאָמען פון ר' אליהו גוטמאַכער.
11. דער דאָזיקער מושב איז אויך אַן אָפּצווייגונג פון די בח"ד חלוצים, וועלכע האָבן אין תמוז, תרצ"ה פאַרלאָזט קבוצת רודגס ביי פּתח תקוה און אַריבער צום דרומדיקן טייל פון שומרון, ביי פרדס חנה. זיי האָבן דורכגעמאַכט פאַרשיידנס, ביז כ"ב שבט, תש"ג, ביז זיי זיינען אַרויף אויף באָדן ביי דער אַראַבישער עזה און אַ נאָמען געגעבן דעם קיבוץ „בארות יצחק" א.נ. פון ר' יצחק ניסנבוים, מזרחי פירער, וועלכער איז אומגעקומען אין פּוילן אין יענער אויסזידלונג קיין טרעבלינקע.
12. די אַלע נייע מושבים און קבוצות שטעלן מיט זיך פאָר אַן אמת'ן מיזוג גלויות פון אשכנזים, ספרדים, תימנים א"א — אַלע טיילן פון פאָלק, מזרח און מערב ווערן צעמענטירט אין איין גרויס פאָלק, אין אַן עם חכם ונבון . . .
13. דער קיבוץ געפינט זיך מערב פון יבנה — און אויך דאָרט איז פאָרגעקומען אַן אויסגע־צייכנטער „מיזוג" פון עולים פון אונגאַרן, מאַראָקאָ, טוניס און אַלץ לעבט זיך אַזוי איינהייטלעך.
14. נאָך געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען, איז געלונגען אַ גרופּע עולים אָנצוהויבן אַ נייעם לאַנד־ווירטשאַפטלעכן פּונקט אַרום די יהודה־בערג, צווישן די דאָזיקע געהערן אויך די ישובים שובה, עוזה, שובל און אַנדערע.

14א. שמואל, ב' — כ"ב

15. משואות יצחק איז באַנייט געוואָרן אין יאָר תש"ט (ל"ג בעומר), זעקס יאָר נאָכ'ן גרינדן דעם גרעין משואות אין טירת צבי. פון אַ קבוצה, זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו אַ מושב שיתופי — אַ קאָלאָניע וואָס גיט אינדיווידועלע ווירטשאַפט אויפן באַזיס פון שותפות און קאָלעקטיווער אַרבעט.
16. גראָד אין מלחמה צייט איז דערשינען אין ארץ ישראל צוויי ספרים, וואָס באַרייכערן די תו"ע־ליטעראַטור פון הלכה שטאַנדפּונקט: ספר דיני עבודה, אוסף הלכות ומנהגים ביחסי עובדים ומעבידים, מאת הרב שמואל בנימין בר־אדון. עורך־דין תלמודי מוסמך, באשור הרבנות הראשית לא"י. נספחים: פסקי דין שהוצאו בבתי דין שונים בהתאמה למסקנות הספר והלכותיו . . . חיפה תש"ב; מסכת פועלים, תלמוד קטן, משנה וגמרא, בבלי וירושלמי, מדרשי הלכה ואגדה

עם פירוש רש"י ותוספות רב פרפראות, ומקצת באורי מלים, מאת בנימין מנשה לוין, ירושלם תש"ג.

16א. „רעליגיעזע ארבעטער שטימע", ארויסגעגעבן פון דער תורה ועבודה באוועגונג אין קאַנאַדע, טאָראָנטאָ, אָנט., קאַנ., ד' סיון, תש"ד.

17. זע, הרב יהודה ליב הכהן פישמן, שרי המאה רשימות וזכרונות, חלק שני, ירושלים תש"ג, 263.

18. שמן לנר, צוואה לפני בני . . . ממני נתן נטע ארי' בהרב אברהם זצ"ל וויטקין, שהיה דיין ומ"ץ בקאלוואריע, במדינת רוסיא. ניו־יאָרק, תש"ד, ז' 10.

19. זע תולדות יצחק מאת יעקב הלוי ליפשיץ, ווארשא תרנ"ו, ז' 14.

ב.

1. ביבליאָגראַפישער אריינפיר פאַר יודישען און אלגעמיינעם וויסן, נומער 7-8, ארויסגעגעבן דורך דער הנהלה הראשית פון דער תו"ע באוועגונג אין פוילן, אונטער דער רעדאַקציע פון הרב א. נייפעלד, ווארשא, תרצ"ה.
2. דאָרט, ז' 6.
3. ספרית ציונית־דתית.
4. „פרקי הוי, ציוני דרך, קטעי מחשבה. הוצאה שניה. הוצאה ראשונה על־ידי כנסת „השומר הדתי" בפולין (טבת, צ"ח), הוצאת ההנהגה העליונה לכנסת „השומר הדתי" באמריקה, תש"ה, ניו־יורק — 1944.
5. פון דער רעזאָלוציע צו גרינדן אזא ארגאַניזאַציע.
6. זע, הרב משה צבי נריה, „עד כה", כה בנינו, פרקי הפועל המזרחי לנוער . . . למלאות ח"י לקיום „בני עקיבא" כ"ה, עשרים וחמש שנות הפועל המזרחי בארץ ישראל.
   זע אויך „תערוכת יובל הכ"ה, ט"ז ניסן — ר"ח תמוז, תשי"ד. די אויסשטעלונג איז געוויזן גע־ווארן אין ירושלים, תל־אביב, חיפה.
7. שופטים, ז' 8. וועגן יונגט — אויף אן אנדער אָרט.
8. אבות, פרק ב', משנה ב' — רבן גמליאל דער זון פון ר' יהודה הנשיא זאָגט: גוט איז לערנען תורה מיט וועלטלעכקייט, ווייל דאָס מיען זיך אין ביידע מאַכט פאַרגעסן זינד און תורה, וואָס מיט איר איז ניטאָ קיין ארבעט וועט דער סוף זיין אז זי וועט בטל ווערן און נאָך מיטשלעפּן זינד . . . די מפרשים ווייזן דאָ אָן, אז דרך־ארץ מיינט דאָ—א מלאכה, א פּראָפעסיע.
   דער דאָזיקער מאמר איז אן ספק באַזירט אויף שמעיה'ס אָנזאָג (פרק א', משנה י') „אהב את המלאכה" — האָב ליב ארבעט! און האָט א שייכות צו ר' מאיר'ס (קדושין פ"ב), אז „לעולם ילמד אדם לבנו אומנות נקיה" . . . אז מלאכה איז געוואַלטיק וויכטיק און ווי דער געים זמירות באַזינגט דעם „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך" (תהלים קכ"ח) אויף וועלכן די בעלי התלמוד האָבן קאָמענטירט: „גדול הנהנה מיגיעי כפיו יותר מיראת שמים". אין ארבעט, האָבן אונזערע חכמים געזען א וויכטיקן פאַקטאָר אין מענטשנס מאָראַלישער דערהויבונג. ארומגייען ליידיק פירט צו אויסגעלאַסנקייט און משוגעת (זע, ברכות ח', א'; כתובות נ"ט, ע"ב — באריכות נאָכקוקן: נ. קראַוויץ, פרקי אבות אנטאָלאָגיע, א', י'; ב' ב').
9. בעריכת הרב שאול ישראלי, ארויסגעגעבן „המרכז לתרבות של הפועל המזרחי, בסיוע מוסד הרב קוק".
10. אן ארבעט פון אליעזר גולדמאַן.
11. ווערק פון דר. שמעון פעדערבוש, ארויסג. פון מוסד הרב קוק, וואָס באַהאַנדלט אָט די אַקטועלע רעליגיעז־שטאַטלעכע פּראָבלעמען אין ליכט פון הלכה.
12. דבר השמיטה, קדושתה, הלכותיה, טעמיה, הוצ' „בני עקיבא" ירושלים, שנת השמטה, התצח"ר ערוך על־ידי נ ר י ה .

ג.

1. זע, יעקב לסלוי, כ"ה לחי, קופת מלוה של הפועל המזרחי בארץ ישראל בע"מ, תרפ"ד־תשי"ד. צווישן די מיטגלידער פון דער דאָזיקער מאָדערנער גמילת־חסד ארג. געפינען זיך די אָנגעזעענ־סטע פירנדיקע חברים פון דער באוועגונג.
2. דאָרט, ז' 14.
3. דאָרט, ז"ז 17-22.
4. באריכות אין „מצפה", מוקדש ליובל החמישים של תנועת המזרחי העולמית, ירושלים, אדר, תשי"ג, ז"ז תר"ל־תרל"ד.
5. רמב"ם, הלכות מלכים א'.
6. נתיבה, גליון ה' שבט, תש"ט.
7. וועגן דער באַציאונג צו דער פרוי אין אלגעמיין — א באַזונדערע ארבעט.

קאַפּיטל צוויי-און-פערציק

פראַקציעס אינעם הפועל המזרחי

די דערשיינונג פון פראַקציעס אינערהאַלב דעם הפועל המזרחי איז געווען און איז נאַטירלעך, פונקט ווי אין יעדער אַנדער באַוועגונג, בפרט נאָך, אין אַ רעליגיעזער אַרבעטער באַוועגונג, מיט אירע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

א. דריי הויפּט - פראַקציעס. — די 11־טע וועידה. — צוזאַמענאַרבעט אונטערן ברית עולמית.

דער פאַקט, אָבער, וואָס עס האָבן זיך אין הפועל המזרחי אויסגעקריסטאַליזירט דריי באַזונדערע פראַקציעס, ווייזט אויף דעם וואוקס און גרויס פון דער באַוועגונג.

ביי דעם לאַנד צוזאַמענפאָר (11טע וועידה), וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין תמוז, תשי״ב (אויגוסט 1952), זענען די מיינונגס־פאַרשיידענהייטן געקומען צום שאַרפסטן אויסדרוק און עס האָט זיך געמערקט אַן אינטענסיווע אָנשטרענגונג מצד יעדער פראַקציע צו דעראָבערן די צענטראַלע אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג, דעם ברית עולמית.

מיר וועלן אָנפאַנגען מיט דער יונגסטער, ראַדיקאַלסטער אָפּצווייגונג, מיט דער „למפנה״ גרופּע, וועלכע האָט זיך דאַן פאַרמאָסטן צו דער פירנדיקער פּאָזיציע אין דער באַוועגונג, האָבנדיק מיט עטלעכע יאָר פריער ביי דער א. ג. „ועידת העשור״ שוין דערגרייכט 38 פּראָצענט פון די שטימען וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן ביי דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

די „למפנה״ פראַקציע פאַרנעמט אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דער באַוועגונג, ווייל זי באַשטייט מערסטנס פון די יונגטלעכע הפועל המזרחי חברים, די אידעאַליסטיש־טרוימערישע, דער עיקר, די חלוצישע יוגנט; די קיבוץ־בויער און שאַפער. דער רעליגיעזער קיבוץ איז דאָך דער העכסטער אידעאַל און ציל פון דער תורה ועבודה. אינעם רעליגיעזן קיבוץ־לעבן קומט צום אויסדרוק די עטישע און מאָראַלישע עיקרים פון תורה־יידישקייט. מיטן יידישן קאָלעקטיוון אַקערבויער איז דאָ די מעגלעכקייט מקיים צו זיין די „מצוות התלויות בארץ״, צוזאַמען מיט די אַנדערע מצוות, אָן וועלכע אַ תורה־לעבן איז ניט מעגלעך:

די „למפנה״ פראַקציע מוז מען וויסן, באַשטייט דווקא ניט פון יונגע חלוצים און פון סתם צעהיצטע פאַנטאַזיאָרן, וועלכע זוכן אַ וועג צו דער „הסתדרות״ און ווילן זיך אָפּרייסן פון מזרחי און אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטייען. אין דער „למפנה״ פראַקציע האָבן זיך געפונען אַזעלכע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן ווי דר. ישעיה וואָלפסבערג, און יבדל לחיים דר. יוסף בורג, דר. מ. א. קורץ, דר. ש. ז. כהנא, משה אונא, דוד בית אריה (אינטערליגאַטאָר) און אַנדערע באַקאַנטע פיגורן אין דער תנו״ע באַוועגונג. די דאָזיקע פראַקציע איז דאַן אַרויסגעקומען

מיט די שארפסטע ווערטער קעגן דעם „מיזוג" וואס איז דיסקוטירט געוואָרן ביים מזרחי און הפועל המזרחי — א מיזוג וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס צוזאמענגיסן פון די צוויי טיילן פון רעליגיעזן ציוניזם, צוריקצוברענגען אזוי צו זאגן עלטערן מיט די קינדער צוזאמען אונטער איין פאן, ווי עס איז געווען פאר דער גרינדונג פון הפועל המזרחי.

די „למפנה"־גרופע האט געהאלטן, אז דער „מיזוג" איז שעדלעך פון א סך שטאנדפונקטן, אז ער וועט בלויז פירן צו א „טשטוש מוחלט של דרכו הרעיונית של הפועל המזרחי"[1] און געזאגט, אז די דאזיקע פראקציע איז פאר דעם אנהאלט פון א באזונדערער פועל־המזרחי פארטיי, „הסיעה תמשיך במאבקה למען הפועל המזרחי כתנועת פועלים דתית".

די חברים פון „למפנה", ווערט ווייטער געזאגט, האלט זיך שטרענג ביי די אידייען און לאזונגען, ווי עס האט זיי קלאר ארויסגעבראכט ר' שמואל חיים לאנדוי און אז נאר דורך אומקאמפראמיסלעכן קאמף וועט מעגלעך זיין צו פארווירקלעכן די אידעאלן פון תו"ע.

זיי האבן באשלאסן זיך האלטן ביי די טעארעטישע איינשטעלונגען פונעם הפועל המזרחי און נעגירן די וועגן פון צוזאמענמישן און צוזאמענשמעלצן באוועגונגען.

זייער רוף איז געווען, ניט צו ווערן פארפירט פון „מיזוג"־לאזונגען, אז דער אנשלוס וועט ניט לייזן קיין שום פראבלעם.

זיי האבן גערופן זיך צו האלטן ביי די לאזונגען פון תו"ע, וועלכע קענען ברענגען לייזונגען צום רעליגיעז־געזעלשאפטלעכן קריזיס אין לאנד. אין זייערע ווערטער:

„נחזק את אמונותנו ונשאף לטהר ולקדש את חיינו בתורה ובעבודה ובעזרת ד' נתגבר על המכשולים ונצליח בדרכינו".

די אנדערע פראקציע, וועלכע האט אין צייט פון די וואלן זיך אידענטיפיצירט אלס „רשימה מאוחדת" איז געפירט געווארן פון די ח"ח יצחק רפאל, משה קאלכהיים, א. מ. גניחובסקי, הרב י. סנהדראי, דר. ד. צ. ראזענצווייג, יוסף יוסט און אנדערע.

די דאזיקע פראקציע איז ניט ארויסגעקומען מיט קיין ספעציעלער פראגראם. זי איז אבער ארויסגעקומען פאר אן אויסטויש פון פירערשאפט און בעיקר קעגן די מעסיקע פירער פון הפועל המזרחי, קעגן דער פירערשאפט פון משה שאפירא, זרח ווארהאפטיק, יעקב גרינבערג, הרב כ. פ. טכורש און אנדערע, די מעסיקע קאמפראמיספולע, וועלכע פירן די באוועגונג כמעט זינט איר גרינדונג.

געזיגט אין דער „רשימה המאוחדת" האט דער מעסיקער, מיניסטער משה חיים שאפירא, און דורך אים — די צענטראלע פראקציע, ווייל די מאיאריטעט

פון דער באַוועגונג האָט אין אים געזען דעם „איש האחריות”, דעם פאַראַנט־וואָרטלעכן פירער, שטאַטסמאַן און דיפּלאָמאַט.

משה שאַפּירא האָט אָנגעפאַנגען זיין ציוניסטישע טעטיקייט, ווי שוין דערמאַנט, נאָך גאָר יונג, אין דער „בני ציון” און צעירי מזרחי” אין פּוילן. אין ארץ ישראל איז ער געוואָרן דער מנהיג פונעם הפועל המזרחי, ווייל ער איז דער פּראַקטיקער און לאָגיקער און לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון אילוזיעס און אוטאָפּישע געדאַנקען. א מענטש מיט א שטאַרקן כאַראַקטער און ווירקנדיקע פּערזענלעכקייט אינערהאַלב און אויסערהאַלב דעם פּאַרטיי קרייז[2].

אויך די אַנדערע חברים פון דער צענטראַלער פראַקציע זענען באַהויכט פון אָט דער מעסיקייט, טאָלעראַנטקייט און קאָמפּראָמיסקייט . . .

זיי, די פירנדע חברים פון „רשימה מרכזית” האָבן אונטער קיינע אומשטענדן ניט געוואָלט איבעררייסן דעם פאָדים מיטן מזרחי; אין אַלע פראַגן און פּראָבלעמען פון הפועל המזרחי, די טעאָרעטישע און פּראַקטישע, האָבן זיי געזען איין לייזונג: תורה ועבודה, „שנים שהם אחד”, און אַזוי ווי דער מזרחי שטייט דאָך אויפן יסוד פון תורה קאָן מען תמיד געפינען א געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער „פּאַטער”־באַוועגונג, ניט אַכטנדיק וואָס אין געוויסע פראַגן, ספּעציעל עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע, צוגייט מען זיך פון דעם מזרחי, וועלכער האָט סוף־כל־סוף בלויז בירגערלעכע אינטערעסן . . .

בעת דער הפועל המזרחי האָט זיך גענומען גרייטן צו דער 12־טער ועידה, ניסן תשט"ו, האָט יעדער פראַקציע אויפס'ניי באַנייט דעם ויכוח, וויאַזוי אויף ווייטער צו פירן דעם הפועל המזרחי אין ישראל, אונטער די נייע באַדינגונגען.

ב. רוף פאַר רעליגיעזער איינקייט. — די 12־טע קאָנפערענץ. — יצחק רפאל אַלס איינקייט טריבון.

יצחק רפאל האָט דאַן פאַרעפנטלעכט א צאָל אַרטיקלען אין „הצופה” אונטער דעם טיטל פון „עת לאחד”[1] אָנווייזנדיק אויף דער נויטיקייט פון שאַפן א פאַראייניקטע פּאַרטיי: מזרחי און הפועל המזרחי. אין זיין געדאַנקען־גאַנג, איז ער דער אַדוואָקאַט און שטאַרק באַגייסטערטער, ממש באַצויבערנדיקער פון „מיזוג”, פון שאַפן א פאַראייניקטע פּאַרטיי פון רעליגיעזע ציוניסטן און ניט בלויז פון אָט די צוויי ריכטונגען אינעם ציוניזם, נאָר בכלל א פאַראייניקטע באַוועגונג פון אַלע רעליגיעזע פּאַרטייען אין לאַנד, אויסלאָזנדיק דערווייל די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, אריינגערעכנט אויך די עקסטרעמיסטיש־קנאותדיקע טענדענצן וועלכע מען געפינט ביי דער, אָדער אַנדער גרופּע, רעליגיעזע יידן. די הויפּט־דערגרייכונג וועט זיין אַן אַלגעמיינע ליניע, אַזוי צו זאָגן, פאַרן גאַנצן רעליגיעזן יידנטום. רפאל פאַרענדיקט, אַפּעלירנדיק:

„רבה אמונתי, כי קרובה שעת האיחוד ואם לא תבוא התעוררות פנימית

יכפוה עלינו גורמים מן החוץ . . . רב הוא המאחד מהמפרד. יקר המכנס מהמפזר. שעת כינוס הגיעה . . .[2]

די צייט פון א ל ג ע מ י י נ ע פאראייניקונג איז נאָך ניט געקומען. אין דער אגודה זענען נאָך פאָרגעקומען נייע שפּאַלטונגען. זיין רוף האָט אָבער צעמענטירט און געשטאַרקט דעם „חזית" פון מיזוג ביי מזרחים. עס הערשט אַן איינהייטלעכע בשותפותדיקע לייטונג פון מזרחי־הפועל המזרחי. אין יאָר 1957, איז געשאַפן געוואָרן דער „מיזוג", די אַמאַלגאַמירונג און צונויפבונד פון מזרחי און הפועל המזרחי אונטערן נאָמען מפד"ל.

די „למפנה" פראקציע האָט אָבער ניט אויפגעגעבן איר קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט און פאַר אַ באַזונדער פאַרטיי אין ישראל און תפוצות ישראל. זייער אָריענטאַציע האָבן זיי אַרויסגעבראַכט סיי אין „הצופה", דעם מזרחי־אָרגאַן און סיי אין די ספּעציעלע צירקולאַרן.

אַזוי געפינען מיר אין „ידיעות למפנה" אַ פּראָגראַם רעדע פון דר. מ. א. קורץ, אין וועלכער ער ווייזט אָן, אַז ווי אַן אַרבעטער־פאַרטיי מיט ספּעציפישע עקאָנאָמישע אינטערעסן, קען דער „הפועל המזרחי" ניט זיין פאַראייניקט מיט די עלעמענטן, וועלכע האָבן אינזינען די פאַרטיידיקונג פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, באַזירט אויף אַ „קאַפּיטאַליסטישער איינשטעלונג".

ער ווייזט אָן, פאַרוואָס „למפנה" איז קעגן אַ פאַראייניקטן רעליגיעזן בלאָק אויף אַ באַגרענעצטן שטח, וואָס ברייינגט מער שאָדן ווי געווינס פאַרן רעליגיעזן יידנטום. אַ פאַרטיי דאַרף אַרויסגעקומען אין צייט פון וואַלן מיט אַ קלאָרער ליניע וואָס נעמט אַרום אַלע גייסטיקע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע מיינונגען . . .

דעריבער האַלטן די „למפנה" פירער:

א) צו פאַראייניקן ביידע רעליגיעזע אַרבעטער פאַרטייען, דעם הפועל המזרחי מיט דער פועלי אגודת ישראל און שאַפן אַ „הסתדרות עובדים דתיים";

ב) די „הסתדרות עובדים דתיים" זאָל ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער הסתדרות. אינערהאַלב דער הסתדרות, ווי אַ פאַראייניקטער כח, וועט די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט קענען אַ סך אויפטאָן, סיי וואָס שייך די עקאָנאָמישע אינטערעסן, סיי דער פאַרפעסטיקונג פון די פּאָזיציעס פון תורה־יידנטום אַ דאַנק דעם איינפלוס אין דער הסתדרות.

די „למפנה", האָט אויך אַן אייגענע שטעלונג צום חנוך־וועזן, אין דער יונגער מדינה. אַלע רעליגיעזע פאַרטייען — האַלטן די „למפנה" טוער — דאַרפן זיך אייניקן אויף אַ מינימאַלער פּראָגראַם פון אַן איינהייטלעכן איבער־פּאַרטייאישן שול־וועזן, כדי צו העלפן נאָרמאַליזירן דאָס מלוכה־לעבן פון דער יונגער מדינה.

איינער פון די פירנדיקע חברים, האָט אפילו צוגעגרייט אַ פּראָגראַם פאַר „למפנה" אַלס אַ באַזונדערער פּאָליטישער פּאַרטיי. משה אונאַ[4], דער שטאַרקער אָנהענגער פון דער נייער אָריענטאַציע, האָט אויסגעאַרבעט די פּאַרטיי כללים.

די מערסטע חברים פון דער תורה ועבודה באַוועגונג, האָבן זיך ניט געקענט אידענטיפיצירן מיט אונאַ'ס באַנעם, מיט זיין באַציאונג צו די פאַרשריפטן און אָנגענומענער יידישער טראַדיציע, מעג זיין, אַז זיי זענען די שאַפונגען פון גלות, — ווי קען מען זיך באַציען אַזוי נעגאַטיוו צום גלות שאַפן? . . .

עזרא הסופר איז געקומען שטאַרקן דאָס יידישע געזעץ, די יידישע טראַדיציעס, די יידישע קולטור, דעם יידישן באַוואוסטזיין — אָבער חלילה ניט מבטל מאַכן „מנהגי אבות". ער האָט געשטאַרקט די יידישע מאָראַל, דאָס יידישע אייגנאַרטיקע — אָבער ניט צושטערן דאָס, וואָס איז ביז זיין צייט געשאַפן געוואָרן אויף צו געשטאַלטיקן אַן אייגן נאַציאָנאַל־יידיש לעבן . . .

די היינטיקע שבי ציון — האַלטן זיי — דאַרפן נאָכפאָלגן די עולי בבל אונטער דער גייסטיקער פירערשאַפט פון עזרא הסופר און זיינע מיטהעלפער . . .

יאָרהונדערטער האָבן יידן געלעבט און געשאַפן אין גלות, אין צענטערס פון תורה, פונוואַנען עס האָט זיך צעשטראַלט דאָס ליכט פון תורה דורך גאונים, לומדים, רבנים, און עס איז אויפגעקומען אַן אייגנאַרטיקער לעבנס־שטייגער, געשטאַרקט און באַזירט אויף העברעע מאָראַל־עטישע עיקרים און דאָגמעס.

וואָס שייך סאָציאַלע פראַגן, עקאָנאָמישע, מאַטעריעל־ווירטשאַפטלעכע, ווי אויך שטאַטלעכע, פאַרשטייט זיך, קאָן יעדער חבר פון תורה ועבודה, אידעאַליסט פון הפועל המזרחי מסכים זיין צו אָט דער אידעאָלאָגיע פון „למפנה", אויך צו די פראַגן פון פרויען רעכט און פרויען אנטייל אינעם שוץ פון דער מדינה, ווי אונאַ שרייבט אינעם נאָמען פון דער נייער פראַקציע: „למפנה מתנגדת לשוויון האשה עם הגבר בשרות בצבאי ותלחם לשנוי החוק בנדון זה. אין אנו רואים בזה שאלה של שוויון האשה כי אם של נצול יעיל של כח־אדם לטובת בטחון המדינה . . .

רעדנדיק וועגן רעליגיעזן לעבן אין לאַנד, שרייבט אונאַ, אַז די אויפגאַבע פון רעליגיעזן צבור איז ניט צו באַקעמפן דעם ניט־רעליגיעזן און אָנפירן קעגן אים אַ שטענדיקע קאַמפּאַניע. פריער פאַר אַלץ—האַלט ער—דאַרף מען באַזייטיקן די נעגאַטיווע, שאַטנדיקע דערשיינונגען אינעם רעליגיעזן ייד, ווייזן דעם ניט־רעליגיעזן, אַ מוסטער פון אַ רעליגיעז־יידיש לעבן, במילא באַווייזן זיין טאָלעראַנץ, פאַרשטענדעניש און אַזוי אַרום אים באַאיינפלוסן.

דער „למפנה", גיט ער איבער איז שטאַרק פאַר דער גרינדונג פון אַ העכערן אויטאָקראַטיוון רעליגיעזן ראַט, אַ סאָרט סנהדרין, וואָס זאָל זיין די העכסטע אינסטאַנץ אין לייזן אַלע רעליגיעזע פראַגן און פּראָבלעמען[5].

ווי **געזאָגט**, איז דער וויכוח, וויאַזוי צו פאַרווירקלעכן די אידייען פונעם הפועל המזרחי אָנגעגאַנגען יאָרן־לאַנג און ס'האָבן זיך ארויסגעשיילט פינף שיטות, דורך וועלכע ס'זענען געשאַפן געוואָרן פינף פראַקציעס:

ג. פינף שיטות אינער־האַלב דער באַוועגונג. — זיג פון מעסיקע. — „מזוג" — אַ פאַקטאָר.

א) אחדות התנועה, איינגעשלאָסן די „רשימה המאוחדת":

ב) „למפנה" דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטיש קאָמפּראָמיסלאָזער ווענדונג;

ג) אל המקור — די שיטה פון די רעכטע, צו האַלטן זיך אייניק מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען און ניט אויפגעבן דעם קאָנטאַקט מיט הסתדרות;

ד) חזון והגשמה — די אידייע פון ישעיה בערנשטיין, אָפּצושאַפן די פראַקציעס און צעשפּליטערטקייט און צו שאַפן אונטער אַלע אומשטענדן אַ פאַראייניקטן רעליגיעזן פראָנט אין לאַנד;

ה) התחדשות — די גרופּע, וואָס וויל, אַז דער הפועל המזרחי זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט גייסטיקע ווערטן.

ס'זענען אויך געווען אייניקע, ספּעציעל פּועלי מזרחים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן גערופן צו ענדערן די שטעלונג צו קאָנסערוואַטיווער יידישקייט, זיך צו רעכענען מיט פאַקטן — און אַז מען קאָן האָבן גרויס נוצן פון קאָנסערוואַטיווע ראַבינער. דאָס אַריינטרעטן פון קאָנסערוואַטיווע מנהיגים אַלס חברים פונעם הפועל המזרחי — האָבן זיי אָנגעוויזן — וועט שטאַרקן דעם הפּועל המזרחי פינאַנציעל און מאָראַליש.

די דאָזיקע חברים האָבן אָבער באַגעגנט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד, פריער פון מזרחי מנהיגים, ווי ל. געלמאַן, מזרחי וועטעראַן און אַנדערע און נאָכדעם פון פירנדיקע רבנים אין די אייגענע רייען.

מיר'ן ציטירן דעם פאָלגן טעקסט פון אַ בריוו פון הרב כתריאל פישל טכורש[1] וואָס זאָגט זיך קאַטעגאָריש ארויס קעגן דער ווענדונג. ער האַלט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ סכנותדיקער שריט. דער בריוו לייענט זיך:

הסתדרות הפועל־המזרחי בישראל   3818/מ

המרכז לתרבות   חבר הרבנים

רח' סלומון 18, תל־אביב   ב"ה, י"ב סיון תשי"ב

לכבוד הסתדרות הפועל המזרחי בארה"ב   52 .6 .5

לידי ר' משה פירסט

ניו־יורק

ר. ות. נ. מ.,

בכאב ובהתמרמרות שמענו על קבלת חברים מבין ה„רביים" הקונסרבטיביים לתוך שורות הסתדרתנו בארה"ב.

בכל מלא האחריות, הננו קובעים שאין מקום בשורותינו לרועי־רוח אלה, אשר אינם עומדים על בסיס של תורה מן השמים, והמשתמשים בעמדתם המרכזית בעדותיהם להפצת דעות זרות ליהדות הנאמנה, ודורסים ברגליהם את ערכי ישראל המקודשים, אשר עליהם נטושה מלחמתנו בארץ.

כניסתם למחננו לא תקרב אותם להשקפתנו. אדרבא — כניסה זו רק תשמש להם כסות עינים להמשכת פעולתם המזיקה, ותביא להרחבת השפעתם גם בין החוגים אשר עד עכשיו נמנעו מלבא עמהם במגע. אין גם שום ספק שבסופו של דבר יחדרו לצמרת המנהיגות ויהיו בין מכווני התנועה ונושאי דברה כלפי פנים וכלפי חוץ כאחד.

בקירובם של אלה, יש גם משום דחיה בידים של חוגי היהדות הנאמנה הבלתי מפלגתית, האוהדים אותנו והצריכים ויכולים להצטרף אלינו. הם יתחילו לראות בנו, ולא בלי הצדקה, תנועה אשר איבדה את הבסיס המוצק של יהדות המסורת מתחת רגליה והם יפנו מעלינו.

אנו דורשים בכל תוקף הסתייגות מוחלטת מהחוגים הללו, אל נקוה להבנות מהם, ואל נתפתה מברק התועלת הרגעית שנוכל לקבל מהם.

דרכנו דרך היהדות הנאמנה למסורת סיני, דרכנו דרך היהדות השלמה. אל נכתים את עצמנו בהתחברות עם פורצי מסורת ומטיפי הפסיחה על שני הסעיפים.

והיה מחננו קדוש, והיה מחננו שלום. ואלקי אבותינו יהא בעזרנו!

בהפנותנו את תשומת לבכם להנ"ל,

הננו בברכת חברים נאמנה,

(מקום החותם)

הרב כ. פ. טכורש.

הט/יג.

העתק: 1) הסתדרות הפועל־המזרחי בקנדה

2) לועד־הפועל של הפוהמ"ז בישראל.

3) לברית העולמית בישראל.

דער וככות איז געבליבן ווי געווען וואָס שייך די אינערלעכע שיטות אין דער באַוועגונג. מיר וואָלטן אפשר געדאַרפט אריינגיין אין פּרטים, מיר מוזן זיך אָבער, צוליב פאַרשיידענע טעמים, האַלטן ביים כלל פון ר׳ מאיר „תוכו אכל וקליפתו זרק"[2]. ס'איז אויך אין פּלאַץ צו באַמערקן אַז אפילו די, וואָס באַצייכענען דער „למפנה"־פראַקציע אַלס מאָדערנער רעליגיעזער מאַרקסיזם, מוזן דאָך צוגעבן, אַז אידעאָלאָגיש איז די „למפנה" גרופּע גאָר־גאָר ווייט פונעם מאַרקסיזם. ווי אַ רעליגיעזע באַוועגונג, אנערקענען זיי די אויטאָריטעט פונעם שלחן ערוך, וואָס איז די קאָדיפיקאַציע פון דער יידישער וועלט אנשויאונג.

זיי זענען בלויז מער פּראָגרעסיוו, ראַדיקאַל־געוואַגט אין ענינים פון פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, אין פּאָליטישע, שטאָטלעכע, מאַטעריאַליסטיש־

ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען . . . אויך אין די ענינים, זעט די מעסיקע קאָנגרעס־פראַקציע, די געפאַר פון אַקלימאַטיזירונג מיט דער הסתדרות, ווערנדיק מושפע פון דער לעצטער, מוותר צו זיין אויף תורה אידעאַלן, מוותר צו זיין אויף אידיש־דורותדיקער טראַדיציע.

דער אָפיציעלער הפועל המזרחי, זעט אין דעם, אַ סכנה פאַר דעם תורה־יידנטום אין מדינת ישראל. דאָס איז עלול צו פירן צו אינערלעכע קאַמפן, צו אינערלעכער צעשפּליטערטקייט; דאָס קען פירן צו דעם ראַדיקאַלן געדאַנקען־גאַנג פון תיקונים בדת, צו רעפאָרם.

מערקווירדיק און אינטערעסאַנט ביז גאָר איז, דער פאַל וואָס אין דער „למפנה"־פירערשאַפט געפינען זיך פערזאָנען פון הויכן אינטעלעקטועלן פאַרנעם, דר. יוסף בורג, דר. אונא און אַנדערע — חברים, וואָס שטאַמען פון דייטשלאַנד, ביי וועלכע פּראָלעטאַרישער אידעאַליזם איז געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכער יסוד, און גראַד מער ווי אַ מח־זאַך, — אַן אידעאַל פון יידישן פאָלקס־הארץ.

די חברים פונעם צענטער, די מעסיקע, שטאַמען דאָס רוב פון מזרח־אייראָפּע, פונעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, פון די טיפסטע זאַפטן פונעם פאָלקס לעבן, פונעם דלות און טאָרבע־לעבן אינעם געוועב פון דער גרויער, ליב היימישער גאָט־געבענטשטער אָרימקייט: „יאה עניותא לישראל"; פון די יידישלעכע שליאַכעץ פון טויזנט יאָריקן גלות — זיי האָבן טיפער באַנומען די לאַגע פון די יידישע פאָלקס מאַסן: מיטן שאַרפן אויג, קלאָרען מוח און עמפּפינדלעך הארץ אויפגעכאַפּט אַלע פּלאָגן און פּרעניותן וואָס שטייען אויפן וועג פון אַ נאָרמאַל, פּראָדוקטיוו יידיש לעבן — זיי האָבן זיך געשטעלט אַ נייעם שטערנדיקן וועלט־באַנעם; אַ סוף צו מאַכן פון דעם יידישן געטאָ־פעאָדאַליסטישן סדר; אָבער נאָר אין פּראָצעס פון עוואָלוציע און ניט דורך דעם ריזיקאַלן רעוואָלוציאָנער־דראַסטישן שפּרונג. זיי זענען איבערצייגט, אַז די ישועה וועט ניט קומען דורך דעם אַריינטריט אין דער הסתדרות, ווי משה אונא און אַנדערע חברים פון „למפנה" האָבן אין אייניקע מאָמענטן געוואָלט.[3]

די מעסיקע זעען איין, אַז נאָר דורך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון יצירה־ענערגיע וועט מעגלעך זיין פאַר דער באַוועגונג דורכצומאַכן די קאָרומפּטירטע צייט, ארויסהויבן די עקרים פון גאולה איבער די „סעקונדערע" מאָמענט געווינסן, שטאַרקן די רעליגיעזע פּאָזיציע אין מדינת ישראל און במילא פירן דעם ישראל'דיקן מענטש צו די הויך הומאַניסטישע אידייען, צו דער פּראַקטיצירונג פון יענע סאָציאַלע אידייען, מיט דער געטלעכער הייליקייט פון תורה מסיני־פּראָגראַם.

פון די אַלע טעאָריעס, געדאַנקען און אַנשויאונגען, סיי די וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויפן שמאָלן לאַנד־פּאַס צווישן דעם ירדן און דעם מיטלענדישן ים, סיי די וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון יידן זינט דעם אור־באַגין פון אונזער

אנטיקן געשיכטע ביז די ביל"וצעס אין ניינצנטן יאָרהונדערט — תורה ועבודה האָט געשאַפן די סינטעטישע אידעאָלאָגיע פאַר דעם נייעם ישראל און זיינע ביידע באַגריפן — לאַנד און מענטש — אין דער בחינה פון ר' שמלאי מנהרדעא'ס באַהויפטונג:

תרי"ג מצוות נאמרו למשה, בא דוד והעמידן על אחת עשרה, בא ישעיהו והעמידן על שש, בא מיכה והעמידן על שלש. חזר ישעיה והעמידן על שתים, בא עמוס והעמידן על אחת: דרשוני וחיו . . . בא חבקוק והעמידן על אחת . . . וצדיק באמונתו יחי' [3a].

דרש'ענען מיינט דאָ ניט בלויז אַבסטראַקציע, טעאָריע; נאָר מיינט בעיקר מעשים, פּראַקטיק, לעבן אַ תורה'דיקן לעבן, אַ ווירדיקן לעבן אין דער יידישער מדינה וועט דאָס במילא ברייננגען אַ סוף צו אַלע איבלען, צו אַלע קאָנפליקטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפטלעכקייט.

אמונה מיינט אויך ניט, סתם אַזוי גלויבן; אמונה באַדייט אויך התחזקות: שטאַרקע איבערצייגונג אין דעם, וואָס דער מענטש טוט און שטרעבט, דערפירן די סאָציאַלע אָרדנונג, אויפן באַזיס פון תורה־גערעכטיקייט אין טעאָריע און פּראַקטיק.

ביי אַלע פּראָקציעס איז דאָ אַ צענטראַלע אידייע וואָס באַהערשט און באַווירקט זייערע געפילן און זייערע געדאַנקען — די אידייע איז ליבשאַפט צו ארץ ישראל, צום הייליק־געהייליקטן לאַנד וואָס איז ביי זיי געוואָרן אַ נאַטור־זאַך און די איבערגעגעבנקייט צום תורה־לעבן, צום אידישן דין, וואָס קאָן, דאַרף און מוז לייזן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען. אין דער טיפקייט און טרייקייט פון דער יידישער הלכה, פון דער יידישער יוריספּרודענץ, מוז יעדע מענטשלעכע פראגע געפינען איר קלאָרע און ווירדיקע לייזונג.

אַלע פּראָקציעס זענען אייניק, אַז וואָס שייך די עיקרים פונעם יידישן דת, טאָר מען ניט מוותר זיין, אויף זיי קען מען ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן. זיי אַלע אַנערקענען די אַקסיאָמע פון יידיש־רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם, וועמעס אויפגאַבע איז אויפצוהאַלטן אונטער אַלע אומשטענדן דאָס פאָלק אַלס גאַנצן איינהייטלעכן קאָלעקטיוו אין אַ הייליקן בונד פון אַ וועלט פאָלק, ווי עס קומט צום אויסדרוק דורך דעם ציון טריבון, ר' יחיאל מיכל פינעס:

„דת ישראל היא כתורת מדינה משולבה בחיים . . . ומגמתה להקים גוי כולו כאיש אחד וברית עם לעם עולם[4].

תיקונים, נייע מנהגים, זענען וויכטיק און נויטיק אָנצוהאַלטן און צו שטאַרקן דאָס אַלטע ווי י. מ. פינעס, ברענגט עס אַזוי קלאָר ארויס אין זיין ספר „ילדי רוחי"[5], אַז פון עזרא ביז היינט זענען מיר איין קייט פון אַלע שאַפּענדיקע נייע תקנות וועלכע זענען געווען לעבנס־נויטיק, אָרגאַניש פאַרבונדן מיט'ן יידישן לעבן, ווי הלל'ס תקנה פון „פּרוזבול" און אַנדערע אומצעליקע טאָג־טעגלעכע צוגאָב תקנות אין ליקווידירונג פון פאַרעלטערטע אומפּאַסיקע פירונגען . . . [6].

דאָס קען אָבער געטאָן ווערן בלויז מיט'ן הסכם פון באַרוף־אויטאָריטעטן, מיט פאַרשטענדעניש און טיפער אָריענטאַציע פאַר די אַנטשטאַנענע צייטיקע פּראָבלעמען און זייער אַקטואַלקייט, אָבער בשום אופן ניט סתם אַזוי איבעררייסן די קייט און אָנהייבן אַן אומאָרגאַנישע רעפאָרמע אין די יידישע מנהגים — דאָס איז אַ געפאַר פאַר יעדער באַוועגונג, וועלכע איז אין תוך־תוכיות ניט רעוואָלוציאָנעריש — אַ זוכערין פון שיינקייט און גערעכטיקייט אָבער ניט שטורמערין פון איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס אין יידישן לעבן . . .

און דאָ איז אין פּלאַץ די מיינונג פונעם גאון הדור ר' יוסף בער (דוב) סאָלאָווייטשיק[7]. „די רעליגיעזע פּאַרטייען, זענען גראָד און דווקא יאָ נויטיק אין ישראל, פאַר דער השפעה אין מלוכה־לעבן און ספּעציעל, פאַר'ן רעליגיעזן יידישן חנוך אין לאַנד".

ער האַלט אַז „אפילו ווען אַ סעקולערע פּאַרטיי זאָל יאָ וועלן זאָרגן פאַר דת; אפילו ווען אַזאַ פּאַרטיי זאָל האָבן אין אירע רייען טויזנטער רעליגיעזע יידן (געמיינט אוודאי דעם עובד הדתי — נ. ש.), און וועלן באמת באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפעניש, ובפרט דעם באַדאַרף פאַר אַ תורה'דיקן חנוך, קאָן מען בשום אופן נישט אָננעמען, אַז זי זאָל עס טאָן מיט דעם זעלבן מסירת נפש, ווי אַ פּאַרטיי פון רעליגיעזע יידן".

ער קומט צום אויספיר, אַז „בלויז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן בילדן אַ כח, מיט וועלכן מ'וועט זיך רעכענען!

„געוויס זענען מיר נישט פרעמד די חסרונות פון אַ פּאַרטיי . . . געוויס פאַרזע איך נישט, אַז די רעליגיעזע פּאַרטייען זענען פונקט ווי די נישט־רעליגיעזע, נישט ריין דערפון (פון פּאָליטיק — נ. ש.).

„אָבער נאָר ווען מ'טוט גאָרנישט קאָן מען זיין באַהיט און באַשירעמט פון באַגיין פעלערן. אויב מ'טוט, אויב ס'איז ידים עסקניות, פאַראַרבעטע הענט . . . קאָנען זיי נישט זיין שטענדיק דעליקאַט און זויבער . . . דערויף האָט מען מתקן געווען נטילת ידים . . . "

אין זיין דאָזיקן מאמר, גיט הרב סאָלאָווייטשיק אַ טיפזיניקן פילאָזאָפישן יסוד, פאַר אָט דעם היתר זיינעם, אַז ווען ס'איז נויטיק צוליב הצלת נפשות, גייסטיקע הצלה, מעג מען אפילו מיט ירידה, אויב ס'איז לצורך עליה.

„אויב עס האַנדלט זיך — זאָגט ער — וועגן קדושת ארץ ישראל, מעג מען, מ ו ז מען אַראָפּנידערן. אויב מען דאַרף מציל זיין קדושת עם ישראל, מעג מען, מ ו ז מען זיך אַראָפּלאָזן צו פּאָליטיק, איידער, חלילה, מפקיר זיין דאָס הייליקסטע!"

„דער פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט אין ישראל אַן אָרטאָדאָקסישע דינאַמישע באַוועגונג, וועלכע קעמפט פאַר אירע אידייען; וועלכע פאַרטיידיקט די יידישע

הייליקייטן און, ווען נויטיק, קען אויך צוריקשלאָגן — אַט דער פאַקט רופט אַרויס רעספּעקט פאַר רעליגיעזע יידן . . .

אַ מענטש, און אַ ציבור, געווינט רעספּעקט ווען ער גייט אַרויס מוטיק פאַר זיינע איבערצייגונגען, ווען ער קעמפט פאַר זיינע אידעאַלן."

אַזוי זענען פּינף פראַקציעס באַהויכט פון דער קאַרדינאַלער אידייע פון יידישן „באחרית הימים" אידעאַל, פונעם ענדגילטיקן נצחון פון גערעכטן און דערלייזטן מענטשן, אַז אַ צייט ווען „ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים" (און די ערד וועט ווערן פול מיט וויסן ווי די וואַסערן וואָס דעקן צו דעם ים־פּלאַך . . .

ניט געקוקט אויף די געוויסע קעגנזייטיקע אידייען, איז דאָ צווישן אַלע פראַקציעס דאָס בשותפות'דיקע, וואָס שייך די עיקר'דיקע סאָציאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אנערקענענדיק די יידישע טיף־אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט, און דער עיקר: גלויבן אין דער צוקונפט־וויזיע, די דערהויבונג פונעם מענטש צו דער העכסט מעגליכער שלימות.

„מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל". די צייט האָט אויפגעטאָן מער ווי אַלע דיסקוסיעס וועגן פאַר און קאָנטראַ „מיזוג". די צייט האָט געבראַכט צו אַ שטילשטאַנד מצד דעם פראַקציאָניזם און געפירט צו אַ צוזאַמענשמעלצונג פון מזרחי און הפועל המזרחי, וועמעס פּלאַנירער און אַרכיטעקט עס איז געווען דער שר משה שפּירא.

דער היסטאָרישער מיזוג (צוזאַמענשמעלצונג) אין אַמעריקע, איז פאָרגעקומען אויף דעם צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק סיטי אין די טעג פון ז' ביז י"א שבט, תשי"ז (פון מיטוואָך ביז זונטיק דעם 9־טן ביזן 13־טן יאַנואַר, 1957).

ביי דער דאָזיקער היסטאָרישער קאָנפערענץ איז איבערגעגעבן געוואָרן טאָטאַלע דערגרייכונגען פוןביידע צווייגן[8] וואָס שטעלן היינט צוזאַמען די רעליגיעז־ציוניסטישע באַוועגונג, באַקאַנט אין ישראל אַלס „מפלגה דתית לאומית (מפד"ל). עס איז באַריכטעט געוואָרן אַז ביידע באַוועגונגען האָבן ביז איצט געשאַפן:

82 קאָלאָניעס און קיבוצים;
65 ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון;
51 קולטורעלע אַנשטאַלטן;
33 הייזער־פּראָיעקטן;
23 אָפּרו־צענטערס;
131 ישיבות אויסגעהאַלטן מיט מעדיצינישער הילף;
115 קינדער־גאָרטנס
14 בני עקיבא ישיבות;
12 בני עקיבא ישיבות;
40 יוגנט עליה צענטערס

און דערצו: בר־אילן אוניווערסיטעט; מפעל התורה; „הצופה״־טאָג־צייטונג; מוסד הרב קוק; תלמודישע ענציקלאָפּעדיע; הילף צו רבנים פליטים; גמילת חסדים קאסעס; „חסן״ פענסיע פאר חברים־ארבעטער נאכן עלטער פון 65 יאָר און נאָך און נאָך וואוילטעטיקע אונטערנעמונגען און לייסטונגען.

דער נס פון אייניקייט — ווייזט אוים — איז גרוים און וויכטיק און עס איז די האָפנונג פון א סך אז דאָס זאָל שוין בלייבן א בנין עדי עד.

הערות

א.

1. פון די באשלוסן ביי דער בּאראטונג פון די פירער פון דער „למפנה״־פראקציע, באהאנדלענדיק בכובד ראש דעם דאן פארגעשלאָגענעם „מיזוג״.
2. וועגן אים — אין א פריערדיקן קאפיטל און אין אנדערע ארבעטן.

ב.

1. פארעפנטלעכט אין א באזונדער בראשור, א.נ. „נאחד את יהדות התורה״.
2. דארט, ז׳ י״ח.
3. תמוז, תשי״ב.
4. זע, משה אונא, „הצעה לתכנית המפלגה״, צוגעגרייט צו דער קאנפערענץ פון „למפנה״, י״ב סיון, תשי״ב.
5. דארט, ז״ז 9־10 — אויספירלעך.

ג.

1. דאן געווען גענ.־סעק. פון מרכז לתרבות ביים הפועל המזרחי.
2. חגיגה, ט״ו, ע״ב; ירושלמי, חגיגה, ב׳, א׳.
3. זע, הצופה, יום ששי, ו׳ מרחשון, תשי״ג — 24.10.52.

3ב. זע, מכות, כ״ג, ע״ב־כ״ד, ע״א.

4. מער וועגן די ענינים — אין די פארטיי שריפטן.
5. ילדי רוחי, א׳, ז׳ 2; גאולה בת יהודה, רבי יחיאל מיכל פינס, ירושלים, תש״ד, ז׳ 9.
6. דארט, ז״ז 10־11.
7. „דער טאָג־מאָרגן זשורנאל״, דעצ. 15 און 22, 1961.
8. זע, ש. ז. שרגאי, תהליכי התמורה והגאולה, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ט, ז״ז 378־454.

קאַפּיטל דריי-און-פּערציק

עפּאָפּייע פון רעליגיעזן חלוציזם

גוש עציון איז געוואָרן לעגענדאַריש, אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער ישראל — דאָס אָרט פון געהייליקטן העראָאיזם!

א. אויפערגע־ דיינלעכער הע־ ראָאיזם.—יבנה אין קאַמף קעגן שונא. — גוש עציון קדושה און גבורה.

וואָס ווייטער מיר ווערן פון יענעם מאָמענט, ווען אונזערע בעסטע חלוצישע זין און טעכטער האָבן מיט'ן גרעסטן אייפער באַשיצט די ניי־פּראָקלאַמירטע מדינה, געפאַלן אויפן מזבח פון דער, נאָך צוויי טויזנט יאָר, ווי־ דערגעבוירענע מדינה, אַלץ מער, ווייזן זיך אַרויס די גבורות פון יענע יונגע העלדן און העלדינס — און עס גייט ממש אַדורך אַ ציטער, בעת מען איז מזכיר דאָס פאַלן פון גוש עציון און די אָרטיקע קרבנות, וועלכע האָבן מיט זייערע קערפּערס, פאַרשטעלט דעם וועג צו ירושלים און אָפּגעראַטעוועט די הייליקע שטאָט.

יענע מאָמענטן אינעם באַפרייאונגס־קאַמף, זענען געוואָרן די עפּאָפּייע פון יום העצמאות; די לעגענדע „הייליקער באַרג" ווערט אַ קאַפּיטל, ווי „חנה ושבעה בניה", ווי די אזכרה־מדרשים וועגן די „עשרה הרוגי מלכות" און ענלעכע פּרקים אין דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע.

דער קאַמף איז לכתחילה געווען אַ קידוש השם אַקט. ווען דורות שפּעטער וועלן דערציילן וועגן גורל און גרויל פון תש"ח, וועט מען געוויס דערציילן וועגן ג ו ש און זיין „הייליקער מנין" וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר דער מדינה.

עס זענען ביז איצט שוין דערשינען צענדליקער שריפטן, זכרונות און באַשרייבונגען פון יענעם גרויסן העראָאישן מאָמענט. אָבער די פעדער איז צו שוואַך און די טינט צו בלאַס צו קענען שילדערן די געפילן און די איבערגעגעבנקייט צום לאַנד פון אָט די יונגע חלוצים! ווי קען מען שילדערן די טיפע אמונה פון אָט דעם מסירת נפש ביי די יונגע, פריש־צאַפּלדיקע בוער פון דער מדינה, וועלכע זענען מיט'ן געזאַנג פון „אני מאמין" אַרויף אויפן שלאַכט־פעלד, און מיט זייער בלוט — בלוט פון ריין אצילותדיקע, יונגע יידישע נשמות, אָפּגעראַטעוועט דעם כבוד פון פאָלק און ציון — און אָפּגעהאַלטן דעם שונא פון ירושלים עיר הקודש.

אויפן שוועל פון מדינה־פּראָקלאַמאַציע, בעת דער ישוב איז אַרויף אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה, זענען אָט די יונגע זין און טעכטער געפאַלן אויף דער עקדה פון וועלכער זיי האָבן געהאָפט, ס'וועט קומען לעבן פאַר דער מדינה.

איז פונקט ווי מען איז זיך מתייחד מיט זיי בעת די יום העצמאות־פייערונג,

אזוי דאַרף מען זיך מתייחד זיין מיט זיי, ווען נאָר מ׳רעדט אָדער מ׳שרייבט, וועגן הפּועל המזרחי, און וועגן רעליגיעזן חלוציזם בכלל.

איינער פון די לעבן־געבליבענע, באַשרייבנדיק אין פּראָזע און אין פּאָעזיע יענעם הייליקן מנין, דריקט זיך אויס:

„איך אקונן מנינכם הקודש
וכה צעירים הייתם עוד
סופדות לכם מר הפסגות
ונושאות אבלכם גבוהה מאד״[2].

ניט קיין יחידישע עקדה איז עס געווען; אַ צבורדיקע, אַ קרבן־צבור איז עס געווען. אַ גאַנצער צבור איז אויסגעריסן געוואָרן אויפן שוועל פון דער מדינה — און פּ אַ ר דער מדינה.

מיר האָבן אַ יומן, די כראָנאָלאָגיע פון כפר עציון זינט זיין אנטשטייאונג ביזן אומקום, ביז זיין פאַלן, כ״ח כסלו, תש״ח — אַ וואונדערלעך קאַפּיטל פון בוי און קאַמף. גרויליק איז דער סוף פון אַ צעבליט יידיש לעבן אינעם מולדת, ווי עס קומט צום אויסדרוק אין דעם אַלגעמיינעם געדענק־בוך[3] און אין די באַשרייבונגען פון די לעבן־געבליבענע[4].

וואָלט מען געדאַרפט געבן אַ רשימה פון די קדושים־העלדן בעת מיר זענען זיך מתייחד מיט זייער אָנדענק, מיט זייערע נשמות — אָבער מיר ווילן דאָס לאָזן צו די יזכור־ביכער און צו די מאָנומענטן אין „נוה עובדיה״ ביי כפר עציון. מיר פילן אָבער, אַז עס איז וויכטיק לכל־הפּחות אַ ציטאַטע פון די הספד־ווערטער פון הרב ראשי ר׳ יצחק אייזיק הערצאָג זצ״ל:

„אתם קדשו המקדש, דמכם נזרק על מזבח אהבת ארץ הקודש, בדמכם כרתנו ברית עולמים ששום כחות שבעולם לא יוכלו לבטל אותה . . .

„ואתם קרבנות קדושים, עדה קדושה, „מנין שלם״, התייצבו לפני כסא כבודו, לפני מקור המקורות של החסד והצדק והעתירו תפלה על החשת הגאולה ותהיינה נשמותיכם הקדושות צרורות לעד בצרור החיים הנצחיים״.

יאָ! זייערע נשמות זענען אויף אייביק פאַרבונדן געוואָרן מיטן בונד פון אייביקן יידישן לעבן. זיי לעבן אין זכרון פון פאָלק!

פונוואַנען זענען זיי געקומען? וואו האָבן זיי קדושה־גייסט געקראָגן?

צו ענטפערן אויף בלויז די דאָזיקע פראַגעס, וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אַ באַזונדער — און גאָר אינטערעסאַנטער־שטודיע און דאָס גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט.

דער ערשטער איז געפאַלן משה פרידריך, אַ תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין, וועלכער איז אין דער נאַצי־תקופה געוואָרן אַ חלוץ און נאָך דער באַפרייאונג, געלערנט די דינים פון חלוציזם אין די לאַגערן[5]. ער איז געפאַלן אַ קרבן, מוצש״ק

ל׳ כסלו, תש״ח — באַלד נאָך דער אָפּשטימונג פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן א יידישער מדינה. זונטיק א׳ טבת איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל.

מיט א חודש שפּעטער, זענען, אונטער די שווידערלעכסטע אומשטענדן, אומגעקומען זיינע חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף איזאָלירטע פּאָזיציעס: עובדיה זרובבל און חנוך זילבערשטיין און דער קאַמף צווישן גוש און די אַרומיקע אַראַבישע רוצחים האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף א גרעסערן מאַסשטאַב.

די גוש עציון־חלוצים האָבן געוואוסט אַז זיי זענען א מינדערהייט, אַז עס וועט זיין שווער צו ברענגען צו זיי מיליטערישע באַפעסטיקונג. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן ניט צו פאַרלאָזן דעם ישוב וואָס איז געבויט געוואָרן מיט אַזויפיל מסירת נפש; זיי האָבן באַשלאָסן צו שטעלן א ווידערשטאַנד דעם אַראַבישן חייל וועלכער האָט געצאָלט מיט צען אַראַבער פאַר יעדן איינציקן חלוץ. פאַר די דריי געפאַלענע: יאיר גראָנער, ארז הירשלער און יהושע מאַרקס, האָבן די אַראַבער באַצאָלט מיט עטלעכע צענדליק פּערזאָן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי זענען ניט בכח צו שטיין אין שלאַכט קעגן די מאַסן באַוואָפנטע אַראַבישע לעגיאָנערן און וואָס פאַר א טרייסט האָט עס געקענט זיין פאַר׳ן קיבוץ, אַז עס פאַלן מער אַראַבער? זיי האָבן אָבער ניט פאַרלאָזט די פּאָזיציעס!

הילף איז געקומען, אָבער שוין צו שפּעט — די געשיקטע ווי פאַרשטאַרקונג, זענען אומגעקומען אויפן וועג צווישן ירושלים און כפר עציון.

די כראָניק פון יענע טעג דערציילט:

ירושלים האָט יענע טעג (ה׳ שבט, תש״ח — יאַנואַר 15־טן, 1948) אַרויסגעשיקט 35 יונגע הגנה קעמפער, באַלאָדנט מיט וואָפן און אַלערליי אויפרייס־מאַטעריאַלן, אויך ערשטע הילף־מעדיקאַמענטן. זיי האָבן אַפילו באַוויזן צו אָקופּירן אַן אַראַביש דאָרף וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן זיי . . . עס איז געווען א נצחון!

אָבער ניט אויף לאַנג . . .

ס׳זענען אָנגעקומען טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער, וועלכע האָבן דורך שפּיאָנען, זיך דערוואוסט וועגן דעם נאַכט־וואַנדער און וועגן די פאַרשטאַרקונג וואָס קומט אָן פון ירושלים. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם „משמר ל״ה״ וועלכע האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, ביז דער וואָפן האָט זיך אויסגעלאָזט — זיי זענען אַלע געפאַלן און געבליבן איז א שטיין, א שטומער שטיין, וואָס וועט אין דער אייביקייט דערציילן וועגן די גבורות פינף און דרייסיק.[6]

די ענגלענדער, דאָס חייל פון בריטישן מאַנדאַט, האָט זיך דאַן געהאַלטן „נייטראַל״, זיך ניט געמישט, בעת אונזערע יונגינקע מאַרטירער האָבן דורכגעווייקט דעם הייליקן באָדן מיט אַזויפיל היים־בלוט . . . זיי זענען געקומען שוין נאָכדעם, צו טאָן דעם חסד מיט די געפאַלענע און ח׳ שבט, זענען א דאַנק בריטיש מיליטער,

געבראַכט געוואָרן צו קבורה די 35 הרוגים וועלכע זענען געקומען העלפן זייערע חברים אָנהאַלטן דעם גוש.

דער מזבח האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט, זיך ניט באַרויקט און ניט באַגנוגנט. נאָך קרבנות האָט ער פאַרלאַנגט און נאָך נסיונות געפאָדערט — און ער האָט זיי געקראָגן, ניט געקוקט דערויף וואָס אונזערע כחות אין דער לופט האָבן אָנגעשראָקן און צעיאָגט די חילות פונעם שונא.

אויף יעדן ייד, זענען געפאַלן 7 אַראַבער און צענדליקער פאַרוואונדעטע — אָבער וואָס פאַר אַ טרייסט האָט דאָס געקענט זיין, אַז נאָך מענטשן זענען געפאַלן; וואָס פאַר אַ טרייסט איז דאָס געווען פאַר די אומגליקלעכע מאַמעס, פרויען, כלות און נאָענטע.

ג׳ אייר, איז געפירט געוואָרן אַ פאַרביטערט־פאַרביסענער קאַמף. פון פיר אַזייגער פאַרטאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט איז אָנגעגאַנגען די שלאַכט. פון אַלע זייטן זענען זיי געקומען די צעיושעטע אַראַבישע רוצחים, פאַרניכטן דעם גוש און זיך לאָזן אויף ירושלים. אַרום צען טויזנט אַראַבער האָבן אַרומגערינגלט גוש עציון אויף וועמעס קאַמף־פּאָזיציעס ס׳האָבן זיך געפונען 520 מענטשן, פון זיי, העכער 100 מיידלעך און פרויען. איין ייד, מיט וויניק וואָפן, האָט געדאַרפט קעמפן קעגן 20 שטאַרק באַוואָפנטע אַראַבער און קיין פאַרשטאַרקונג האָט ניט געקענט קומען. ירושלים פּאָזיציעס האָבן בשום אופן ניט געקענט אויפגעגעבן ווערן . . .

גוש עציון איז געפאַלן און מיט אים אַרום דריי הונדערט בחורים און בחורות — די יוגנטלעכע „היקרים והמסלאים בפז . . . ״ זיי האָבן אָבער אָפּגעראַטעוועט ירושלים, די אייביקע שטאָט, ירושלים: „והנצח — זו ירושלים״[7].

„נצח״ מיינט אויך נ צ ח ו ן , דער נצחון איז געווען: זיי האָבן ירושלים ניט געקענט אָקופּירן, ניט געקענט חרוב מאַכן, ירושלים איז געבליבן אונזערס. די יונגע קערפּערס פון גוש עציון, די קדושים פון אונזערע יונגע חלוצים האָבן מיט זייערע קערפּערס געשאַפן די „חומה״ אַרום ירושלים.

קאַמפן פאַר ירושלים׳ס פרייהייט איז באַקאַנט, זינט דער באַלאַגערונג פון אדרינוס קיסר מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, געבנדיק איר דעם נאָמען „אעליא קאַפּיטאָלינאַ״. יידן האָבן כסדר געקעמפט פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון ירושלים, געשאַפן די מיסטישע סימבאָלן פון ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה . . .

דאָס לעצטע קאַפּיטל קאַמף פאַר ירושלים, האָט ניט זיין גליכן, זינט יענעם ווידערשטאַנד קעגן רוים אין צייט פון בר כוכבא. די נייע יונגע העלדן, די מאָדערנע „שומרי החומות״ האָבן געבראַכט כבוד און שטאָלץ דעם יידישן ישוב, האָבן געשאַפן נייע רעכט אויף אונזער הייליקער ירושה.

און ניט בלויז גוש עציון האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ אומגעהויערן העראָאישן

ווידערשטאַנד און אָפּגעהאַלטן דעם שונא פון אַריינדרינגען אין ירושלים. אויך אַנדערע קיבוצים, געשאַפּענע מיט בלוט און שווייס פון רעליגיעזן חלוציזם, האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מסירת נפש אין באַשיצן לאַנד־פּאָזיציעס. גענוג אַ בלעטער טאָן די ביכער אין וועלכע ס׳ווערן באַשריבן און געשילדערט די געשעענישן אין דער תקופה פונעם באַפרייאונגס־קאַמף[8]. ס׳איז נשתומם צו ווערן פון דער מוטיקייט און דרייסטקייט פון אָט די „חלוצי הרוח" וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „חלוצי הצבא".

כפר דרום איז געוואָרן דער „כפר הגבורה". דער יונגינקער פּועל המזרחי קיבוץ אין נגב אין געגנט פון עזה, איז מיטאַמאָל באַרימט געוואָרן אַלס דאָרף, וואו גבורה איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אין פאַרטיידיקן זיך קעגן מצריישן חייל.

גענוג אַ קוק צו טאָן אין די בלעטער, געשריבן מיט טרערן און בלוט, וועגן די פאַרטיידיקונגען אין קיבוץ יבנה[9]. מ׳ווערט אויפגעציטערט פון די איבער־מענטשלעכע כחות וואָס די יונגע קינדער האָבן אַרויסגעוויזן, ווי איינער פון די שרייבער דריקט זיך אויס:

„המות לא פסח על ביתנו. אנשים צעירים בדמי חייהם . . . נפלו כעמיר אחרי קוצר . . .[10].

מיר לייענען די „יומנים" (טאָג־ביכער), און ווי אינטערעסאַנט זיי זענען, אין באַשרייבן יענע גורלדיקע מאָמענטן, ווי אַזוי אַ הייפעלע יידן, מענער, פרויען און ממש קינדער, האָבן זיך געשטעלט קעגן טאַנקען, קעגן באָמבעס און פייערן.

ס׳ווערן באַשריבן די איבערלעבענישן, דעם פחד וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט און וויאַזוי זיי האָבן גובר געווען די אינערלעכע שרעק און זיך צוגעפּאַסט צו דעם נייעם לעבן פון אַרבעט אונטער „פּקוח נפש" — אפילו שבת געמוזט שטיין אויף דער וואַך און פאַרהיטן דעם ישוב פון אומקום.

אין אַזעלכע גרויליקע מאָמענטן, האָט מען אין יבנה אויפסניי דיסקוסירט די דינים פון הלכות שבת, געשיקט שאלות צו גדולי הרבנים און העכערע רבנישע אינסטאַנצן וועגן היתר פון „פּקוח נפש דוחה שבת"[11]. אין אַזעלכע מאָמענטן, דאָך ניט פאַרגעסן דעם „זכור את יום השבת", זאָל זיין מיט אַ „תפלה חטופה"[12] אַ כאַפּנדיקע תפלה . . . די הייסע דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אונטערן שיין פון פלאַמען און די רעליגיעזע חלוצים האָבן געוואָלט וויסן, ביז ווי ווייט איז דער כח פון היתר „פּקוח נפש".

צווישן די פאַרטיידיקער פון יבנה זענען אויך געווען שול־קינדער — דער ערשטער קרבן איז געווען אַ קינד, אַ „ילדה רכה"! ווי פּאַטעטיש־פּאַטעטיש איינער פון די יוגנטלעכע שילדערט יענע פינסטערע אַבלותדיקע נאַכט, ווען דאָס קינד, רות מאיר, גערופן „רותי", דאָס תמיד לאַכנדיקע יידיש מיידעלע, וואָס האָט געבראַכט פרייד און פריילעכקייט אין דער גאַנצער קאָלאָניע, ווי אַזוי זי איז

מיטאַמאָל שטיל געבליבן, אויף אייביק פאַרמאַכט די לאַכנדיקע אויגעלעך „מלא חיים וצחוק — והצחוק נדם"[13].

די איבערגעבליבענע בריוו, פּאָעמעס, פאַרצייכענונגען געהיט און געזאַמלט אינעם יבנה־אַרכיוו זענען אינטערעסאַנט. פון דער אינטימער קאָרעספּאָנדענץ דערוויסן מיר זיך פונעם מצב־רוח ביי די יבנה קאָלאָניסטן אין צייט פון מלחמה. ווי גרויס די פרייד איז געווען, ווען זיי האָבן דערלעבט צו זען אַ פרייע, אומאָפּהענגיקע יידישע מדינה[14]. צו דעם ערשטן חג העצמאות האָבן זיי צוגעגרייט אַן אייגענע דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס זאָגט זיך:

„ואם לא לנו, אנשי המלחמה וחרב, ניתן לגמור את המלאכה, כי לא יכולנו עוד לכתת את חרבותינו לאתים וחניתותנו למזמרות, הרי יבנו בית את ד' . . . [15].

אויך טירת צבי האָט אריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטאַל אין דער עפּאָפּייע פון רעליגיעזן חלוציזם.

דער קיבוץ געפינט זיך ניט ווייט פון בית שאָן, איבער וועמעס באַפעלקערונג, די אַראַבער האָבן זיך פאַרמאָסטן אין 1948 — און אויך דאָרט איז זיי נישט געלונגען.

ארום בית שאָן, געפינען זיך נאָך אייניקע הפּועל המזרחי קיבוצים: „עין הנצי"ב, שלוחות, שדה אליהו און ס'זענען דאָרט דאָ קיבוצים פון השומר הצעיר, פון מפּ"ם — קיבוץ המאוחד און פון מפּא"י (חבר הקבוצות).

די אַראַבער האָבן געמיינט אַז זיי **נעמען** טירת צבי. עס איז זיי ניט געלונגען. דער קיבוץ האָט איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן קריזיס אין זיין געשיכטע — און אַ ישוב איז געבליבן לעולמי עד.

גרויס איז געווען דער אנטייל פון דער רעליגיעזער יוגנט אינעם קאַמף פאַר דער מדינה. אַלע רעליגיעזע באַוועגונגען, אַלע תורה צענטערן, אַלע קיבוצים און אַלע ישיבות האָבן העלדיש און מסירת נפשדיק געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג

ב. בהתנדב עם. — איך נפלו גבורים. — וואונדער פון אונזער תקופה. — קידוש השם.

פון מדינת ישראל. די פלאַמען פון גוש עציון האָבן אָבער זיך דערהויבן העכער און העכער און אייביק וועלן זיי שיינען און באַלייכטן די בלעטער פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער רענעסאַנס־תקופה. בארות יצחק, כפר דרום, סעד, יבנה, טירת צבי, גוש עציון און נאָך און נאָך — זיי דינען אַלס סימבאָל פון גבורה און זייער זכרון איז אויף אייביק איינגעקריצט אינעם זכרון פונעם פאָלק.

„אל תפארת בחורים ומחול העלמות
אשר אָמרנו המה יראו בנחמות —

ועתה הנה בלעתם האדמה הזאת
והיא תובעת עוד"[1].

די יוגנט אויף די פראָנטן, האָט גאַנץ גוט געוואוסט און איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז מלחמת מצוה. די בני עקיבא חברים וועלכע זענען אַרויס אויף די שלאַכט־פעלדער האָבן געהאַט די האָפנונג, אַז דער שומר ישראל וועט וואַכן און זיי היטן בעתן אַרויסגיין למלחמת מצוה — און אַז ער וועט זיי צוריקברענגען גאַנצע, געזונטע.

שרעקלעך איז געווען די באַלאַגערונג אַרום ירושלים, אַרום כפר עציון און די שוץ־פונקטן אַרום דער הייליקער שטאָט.

זעקס חדשים — שרייבט איינער, וואָס האָט איבערגעלעבט די דאָזיקע אומ־פאַרגלייכלעכע באַלאַגערונג — האָט אָנגעהאַלטן די באַלאַגערונג. ניט געווען קיין עסן, ניט געווען די מינדעסטע באַקוועמלעכקייט פאַר אַ מענטש פון ישוב — אָבער דער גייסט, די מאָראַל איז געווען הויך, אומבויגזאַם און פול מיט בטחון.

ווען די מענטשן פון עין צורים זענען גענומען געוואָרן אין פאַנגשאַפט, האָבן זיי אפילו אין בהלה און טויט־געפאַר ניט פאַרגעסן מיטצונעמען די ספר תורה, צוויי ש"ס'ען, ספרי תנ"ך און אין פאַנגשאַפט האָט מען ניט אויפגעהערט לערנען. די אַראַבער, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט די שפּיזיקע מעסערס און אָנגעלאָדענע מאַשין־ביקסן, האָבן דאָס ניט געקענט משיג זיין.

נאָך מער:

זייענדיק אין אַזאַ גרויסע צרה, האָבן די דאָזיקע תורה־פלאַמיקע חלוצים פונעם הנוער הדתי, דורכגעמאַכט ספּעציפישע נסיונות זיך אויסצוהיטן פון חילול שבת און פון טרפות און געגלויבט באמונה שלמה, אין „חסדי ד' כי לא תמנו"...

ווי געזאָגט, האָבן מיר איניקע באַשרייבונגען, מער אָדער ווייניקער געלונגענע, וועגן די קדושים אומגעקומענע — און מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט געבן אפילו קיצורים פון זייערע באַשרייבונגען.

מיר דערמאָנען זיך, אַ באַשרייבונג פון קאַמף ביי טירת צבי, ווי עס האָט אַזוי האַרציק־נשמהדיק איבערגעגעבן, אַ מיטגליד פון דער אַלגעמיינער הסתדרות העובדים, א. ש. שטיין[2]:

„די שלאַכט פון טירת צבי", אינמיטן פעברואַר 1948 — איז געווען איינע פון די ערשטע קאַמפן אין דער גרויסער יידיש־אַראַבישער מלחמה, וואָס האָט שפּעטער אַרומגענומען גאַנץ ארץ ישראל... דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן 3 פאַרטאָג, מיט אַ שווער פייער פון אויטאָמאַטיש געווער און מינען־וואַרפער. 7 אינדערפרי, האָבן די אָנגרייפער זיך דערנעענטערט צו דער פאַרצוימונג פון טירת צבי. די פאַרטיידיקער — חברים פון דער קבוצה און הגנה־איינהייטן — האָבן געענטפערט מיט אַ מעכטיק פייער, זיך העלדיש פאַרטיידיקט און אָפּגעשטויסן די אָנגרייפער. כוואַליע נאָך כוואַליע איז דער אָנגריף אָפּגעשטויסן געוואָרן —

און די אָנגרייפער האָבן געליטן 35 פאַרלוסטן אין געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

„שפּעטער האָבן די אַראַבער אַריינגעוואָרפן אין קאַמף נייע רעזערוון — און באַנייט זייער אָנגריף . . . 9 אַזיינער איז אויפן אָרט אָנגעקומען בריטיש מיליטער . . .

„דער פלוצלונגדיקער אָנגריף אויף טירת צבי, דער עקסטרעמסטער יידישער פונקט אינעם בית־שאָן־טאָל, איז דערפאָלגרייך אָפּגעשטויסן געוואָרן, הגם אַלע געאָגראַפישע פאַקטאָרן זיינען געווען לטובת די אָנגרייפער. טירת צבי, וואָס איז אויסגעשטאַנען דעם פייער־נסיון אין די געשעענישן פון 1938, האָט אויך דאָס מאָל באַוויזן אַ מוסטער פון העראָאיזם און שטאַנדהאַפטיקייט. דער יידישער זיג האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג און אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט . . . ”

זיין גרויסע ראָלע, האָט טירת צבי געשפּילט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, אין פרילינג פון תש״ח־1948. נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, איידער די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן זייער ברוטאַלע אַטאַקע. ממש ערב חג העצמאות ד׳ אייר תש״ח איז גוש עציון באַלאַגערט געוואָרן און די אָרטיקע חברים האָבן באַוויזן גבורה מיט איינשטעלן זייערע לעבנס בכדי אָפּצוהאַלטן דעם שונא פון אַ פלוצלונגדיקער אַטאַקע אויף ירושלים. די קדושים פון גוש עציון האָבן מיט זייער בלוט געהאָלפן די באַפרייאונג פון דער באַנייטער מדינת ישראל. זייער טאַט איז אומפאַרגלייכלעך און זייער גבורה איז אומבאַגרייפלעך.

די גבורה פון גוש עציון, אויך די קאַמפן ביי טירת צבי איז טיילווייז באַשריבן ביי מנחם תלמי[3] און אַנדערע ווערק וועגן דעם באַפרייאונגס־קאַמף און בעיקר אין „גוש עציון במלחמתו[4].

דער יידישער ישוב אין גוש עציון קרייז, (פריער געווען „מגדל־עדר” געגרינדעט אין יאָר תרפ״ז) איז חרוב געוואָרן אין די געשעענישן פון תרפ״ט און דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים. אין יאָר תש״ג, זענען אַרויף אויפן באָדן חברים פון הפועל המזרחי און באַנייט דעם אָרטיקן ישוב דורכמאַכנדיק גרויס דערפאָלג. אין יאָר תש״ה איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן משואות יצחק, און אין יאָר תש״ו „עין צורים”, נאָכדעם „רבדים” — דער גאַנצער געגנט: גוש עציון און דער דאָזיקער גוש האָט געהאַט קאַמפן מיט די אַראַבער נאָך אין כסלו און אין טבת תש״ח — אָבער דאָס העראָאישע קאַפּיטל פאַרשריבן אינעם טאָג ווען אויף דער גאַנצער יידישער וועלט האָט מען גע׳יובל׳ט וועגן דער ניי־אַנטשטאַנענער מלוכה. דער אָרטיקער ישוב האָט דאַן באַצאָלט מיט די לעבנס פון אירע העלדישע תושבים און דערמיט געראַטעוועט ירושלים.

יגאל אלון שרייבט וועגן די קעמפער פון גוש עציון: „נתנו את נפשם לא רק על הגנת גושם, אלא על הגנת ירושלים, שנאבקה על נפשה, במלחמתם בהרי חברון נלחמו את מלחמת ירושלים הרבה יותר משיכלו לעשות מתוכה”[5].

איין טראַגעדיע נאָך דער אַנדערע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אָט די יונגע ישובים ביי חברון, דערוועגבנדיק פאַר זיך באַזונדערן רום און קדושה אין די געשעענישן און קאַמף פאַר דער יידישער מדינה.

דאָרט האָבן רעליגיעזע חלוצים מיט שוויים און בלוט זיך פאַרנומען פאַרוואַנדלען דעם שטייניקן באָדן אין אַאַזיס־פּונקטן — און דאָס אין אַ געגנט וואָס איז תמיד באַטראַכט געוואָרן פאַר די געפערלעכסטע פּונקטן אין לאַנד, האָט דערויף זיך געפאָדערט גאָר באַזונדערע גבורה. ווען די העלדישע חלוצים זענען אַרויף אויפן דאָזיקן געביט און פאַרלייגט די יסודות פון דער דאָזיקער גרופּע דערפער, האָט מען געוואוסט אַז זיי גייען אין סאַמע מויל פונעם לייב . . . און בלויז „בהתנדב עם", קען אַזעלכעס באַוויזן ווערן און נאָר די „המובחרים שבעם" . . . ווי הרב משה צבי נריה רופט זיי אָן[6] קענען באַווייזן געטלעכע נסימדיקער גבורה, ווי די גבורים פון כפר עציון, עין צורים און אַנדערע.

א. צורף אין זיין קינה „על הר עציון אשא נהי", דריקט זיך אויס:

הוי ברוכי היגע, בשומי התום, התורה והטוהר

מעירי השחר חורשי בטרש, זורעי בזוהר . . .

אינעם קאָנדאָלענץ „על הר עציון שחרב" (צום 1־טן יאָרטאָג פונעם יום המר והנמהר . . . ד' אייר תש"ח), ווערט געזאָגט, „ציבור שלם הי' לקרבן עולה . . . הקדושים והטהורים, אף לקבר ישראל לא זכו. גם אחרי מותם לא ניתנה הזכות שידים רועדות של חבריהם יסתמו את הגולל עליהם . . . השפט כל הארץ היש שילומים לדם הזה? . . . אכן קדושים היו האנשים גם בחיים . . . ואנו אין לנו אלא להצדיק עלינו את הדין . . . "

אין יידיש: אויפן באַרג עציון וואָס איז חרוב געוואָרן . . . אַ גאַנצע עדה איז איינגאַנצן אומגעקומען . . . די הייליקע נשמות האָבן אפילו ניט געהאַט די זכיה צו קבר ישראל און נאָכן טויט ניט זוכה געווען ציטערדיקע חברישע הענט זאָלן זיי צו קבר ישראל ברענגען . . . ריכטער פון דער וועלט — איז דאָ באַצאָלונג פאַר אָט דעם בלוט? יאָ, הייליקע זענען געווען די דאָזיקע מענטשן און אונדז בלייבט בלויז איבער נעמען אויף זיך דעם משפט . . .

אינעם „יזכור לכפר עציון". ווערט איבערגעגעבן בקיצור, די גרינדונג פון כפר עציון ווי אַ „קבוץ ואב בישראל", די אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן גוש עציון און דעם לעצטן גאַנג אויף די עקדה־וועגן, בשבילי עקדה בין חברון וירושלים, פאַלנדיק אינעם קאַמף פאַר ירושלים. דאָס איז געווען ווי הרב נריה דריקט זיך אויס, אַ „קרבן צבור. צבור שלם נעקד על מזבחו, על סף המדינה ולמענה חלל נפלו. חרב ישראל בידם ונצח ירושלים בפיהם".

ס'זענען אויסגערעכנט די קדושים פון כ"ח כסלו, תש"ח, נאָך דער אָפּשטי־מונג פון יו־ען פאַר ישראל מדינה און די אַנדערע געפאַלענע אין די שפּעטערע אָנפאַלן. אין דער „אגרת הגבורה" און „זעקת האבות" ווערט איבערגעגעבן אַלץ

וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן ביז דער לעצטער אטאַקע, „המערכה האחרונה", אין וועלכער ס'ווערט דערציילט ווי ס'איז געפאַלן דער גוש און ס'זענען אומגעקומען 232 מענטשן, די גאַנצע שיירה, שפכו דמם כמים סביבות ירושלים — ואין קובר, ד' ינקום דמם!

ס'וואָלט דאָ געווען אין פּלאַץ צו געבן אַ רשימה פון די געפאַלענע אויף אַלע פראָנטן—אָבער דאָס גייט שוין אריבער די גרעניצן פון אונזער אַרבעט—און וועגן זיי אַלע, אָדער כמעט וועגן אַלע, ווערט דאָך געשריבן און דערציילט אינעם אַלגעמיינעם יזכור־בוך וואָס די ישראל רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן.

ג. יידיש בלוט אויף פּאַרהייליקטן באָדן. — קינדער פון השומר הצעיר מיט קינדער פון השומר הדתי. — פאַרייניקט אויף פּאָזיציעס. — רשימה פון געפאַלענע.

אוודאי איז דאָ אַ סך צו דערציילן וועגן אַזאַ געטרייע יידישע טאָכטער, ווי עס איז געווען אסתר ציילינגאָלד, וועלכע האָט אויף זיך גענומען צו אַר־בעטן און פאַרטיידיקן ירושלים: בייטאָג געגרייט עסן פאַר די חלוצי הצבאַ און ביינאַכט אַליין אַרוים אויף די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. מ'וואָלט געקענט און טאַקע געדאַרפט אַ סך דערציילן וועגן אַזעלכע יונגיטשקע חלוצים פונעם הפועל המזרחי ווי משה פרידריך, שלמה פריינט, יאיר גראָנער, ארז הירשלער, יהושע מאַרקס, עובדיה זרובבל, חנוך זילבערשטיין, צבי ורדי (ראָזנטאַל), אברהם געסנער און אַנדערע.

וועגן לעצטן אברהם (אדאק)געסנער, ווערט איבערגעגעבן ביאָגראַפישע שטריכן אינעם דערמאָנטן יזכור[1], אַז ער איז געווען דער זון פון ישעיהו און חנה, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין קראָקע דעם 10־טן אָקטאָבער, 1925 און דערצויגן געוואָרן אין שטאַרק רעליגיעזן גייסט. ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום פון נאַצי־לאַגערן — און אַז ערשט ווינטער תש"ח, איז ער אַרויף אויף באָדן פון גוש עציון און אינעם זעלביקן יאָר געפאַלן (ד' אייר, תש"ח־13.5.48), געפינענדיק זיין מנוחת עולמים אויפן הר הרצל אין ירושלים (17.11.49).

אָט קוק איך און באַטראַכט דאָס בילד פון דער אסתר ציילינגאָלד, אַזאַ שיינע באַחנטע יידישע טאָכטער פון עלטערן אין לאָנדאָן (משה־לייב און חנה) געווען אינעם זעלביקן עלטער ווי דער פריערדיק־דערמאָנטער געסנער (געבוירן 28.6.25), אַ גראַדואירטע פון אַ העכערע שולע אין ענגלאַנד, אַן איבערגעגעבענע חברה פון בח"ד (ברית חלוצים דתיים), האָט זי עולה געווען אין 1946 און באַלד געקראָגן אַ מיסיע אין הגנה אַלס פאָרשטייערין פון תו"ע . . . זי איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן ירושלים כ' אייר, תש"ח (מאַי 29, 1948) און ערשט אין 1950 (10.9) געקראָגן איר אייביקן רו אויפן הר־הרצל.

משה פרידריך דער זון פון נתן און חיה, איז געבוירן געוואָרן אין סלאָמניק,

ביי קראָקע דעם 8־טן מאַי, 1923. דערצויגן געוואָרן שטאַרק רעליגיעז. געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, אויך אין דער ישיבת חכמי לובלין, וואו ער האָט געקראָגן אַ דאַנק זיינע עילווישע פייאיקייטן סמיכת רבנות אין עלטער פון 17 יאָר — און נאָכדעם, מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשלעפט געוואָרן אין אומצעליקע טויט־לאַגערן און ניצול געוואָרן. אַפילו דורכגעמאַכט קפריסין (ציפערן טורמעס אונטער דער מאַנדאַטן־מאַכט) זיך פאַרנומען מיט שרייבן עטלעכע ווערק; איין ווערק וועגן רמ״אַ — ער איז געקומען נאָך לאַנגע גלגולים אין ישראל, זיך אַריינגעוואָרפן אין חלוצישע אַרבעטן. ער איז געפאַלן פאַרטיידיקנדיק אַ פּאָזיציע אין כפר עציון אין דער נאַכט צו דעם ערשטן טאָג אין טבת, תש״ח און צו אייביקער רו אויפן הר הרצל געבראַכט געוואָרן דעם 17־טן דעצעמבער, 1949.[2]

יאיר גראָנער איז ניט געווען קיין חבר פון פועל המזרחי, אָבער געווען אין דער פאַרטיידיקונג פון גוש עציון. אַ געבוירענער אין תל־אביב, אין יאָר 1927, אַ קינד פון „השומר הצעיר״־איינפלוס, האָט ער געפילט ווי אַן אָפיצער פון פלמ״ח, אַ תושב פון בית־זרע, פון רבדים, אַריינצוטרעטן אינעם אָפיציעלן דינסט יענעם ווינטער פון תש״ח, ווען די שונאים האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דער נייגוטגעהייסענער מדינה ביי די פאַרייניקטע פעלקער — ער איז געפאַלן ערב דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, ד׳ אייר, תש״ח טאָקעביים קיבוץ רבדים אין פאַרטיידיקונג פונעם גוש עציון — נאָך צוויי יאָר פאַראייניזאַמקייט, געפונען זיין מנוחה, צוזאַמען מיט אַנדערע אויפן הר־הרצל, אין ירושלים.

נאָך איינער פונעם „השומר הצעיר״ איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן „רבדים״ אינעם גוש עציון. ארז הירשלער (זון פון אלי׳ און זיוה, געבוירן כ׳ אייר תרפ״ח־10.5.28), אַ קינד פון תל־אביב, אַן אָנפירער פון הגנה, איז ער מיט דער גרעסטער מסירת נפש אַרויס אויף די פראָנט־פּאָזיציעס בעת דער מלחמת השחרור און געפאַלן ביים פאַרטיידיקן גוש עציון ג׳ שבט, תש״ח־14.1.48.[3]

יהושע מארקס איז שוין געקומען פון אַ גאַנץ אַנדער סביבה, פון אַן אַנדער געזעלשאַפט. ער איז געבוירן געוואָרן ביי גאָר רייכע עלטערן אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד (14.6.21), אַ דערצויגענער אין דייטש־יידישן גייסט, דורכגעמאַכט שולונג און געהאַט אַ קאַריערע פאַר זיך.

איז געקומען דער נאַצי־רעזשים און עס איז פאַר קיין ייד ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו בלייבן אויפן פאַרשאָלטענעם היימלאַנד. אין 1939 איז ער אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. ער איז באַלד מאָביליזירט געוואָרן אין דער בריטישער אַרמיי. געדינט אויף אַלע פראָנטן אין פאַרשיידענע קאַפּאַציטעטן און ראַנגען — און דערביי אַ סך געשריבן.

אין דעצעמבער פון 1947, איז ער געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך אַ

צאָל סטודענטן צום גוש עציון אָבער מיט א חודש שפעטער איז ער שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. ער איז געפאַלן ג' שבט, תש"ח (14.1.48) און נקבר געוואָרן אין שבי ציון, וואו ער האָט געלעבט אין די ערשטע יאָרן ווען ער איז געקומען אין לאַנד אריין.

עובדיה זרובבל (זון פון יחזקאל און חנה) איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, כ"ט אייר תרפ"ט (8.6.29) און געווען א שילער פון דער אָרטיקער „תחכמוני" וואו ער האָט אַרויסגעוויזן גוואַלטיקע כשרונות. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז ער געווען איינער פון די וואָס האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע אָנצופירן מיט די קאַראַוואַנען־טראַנספּאָרטן פון און צו ירושלים.

אויף איינעם פון די באַגלייטונגען, זענען די אָמניבוסן פאַרהאַלטן געוואָרן אויף א סכנותדיקן פונקט ניט ווייט פון בית לחם. איינער פון די וואָס האָבן געדאַרפט באַזייטיקן די עלעקטרישע דראָטן, איז געפאַלן און עובדיה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין אויטאָ אים ראַטעווען. ביים העלפן דעם פאַרוואונדעטן איז ער אויפן אָרט געהרגעט געוואָרן (ד' שבט, תש"ח־13.1.48). דער קאַראַוואַן האָט געצויגן אויפן וועג פון כפר עציון, געמוזט ממשיך זיין באַזאָרגן די הייליקע שטאָט מיט פּראָוויאַנט איבערלאָזנדיק די צוויי טויטע קערפּערס, ניט האָבנדיק אפילו קיין מעגלעכקייט זיי צו ברענגען צו קבר ישראל — און ערשט שפּעטער האָט די שמירה זיי באַזאָרגט מיט אָט דעם חסד של אמת.

דער וועג צווישן גוש עציון און ירושלים איז געצייכנט געוואָרן מיטן בלוט פון כסדר'דיקע הרוגים.

אזוי איז געפאַלן חנוך (העברי) זילבערשטיין (זון פון שמואל און ברכה). א געבוירענער אין באָרדאָ, פראַנקרייך אין יאָר 1927, האָבנדיק אַלס קינד פון דאָס בעסטע, האָבן זיינע עלטערן גראָד באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און מיטגענומען זייער 9־חדשימדיק קינד. זיי האָבן אין לאַנד דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. חנוך איז געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין „השומר הצעיר". ער איז אַריין אין פלמ"ח, געווען איינער פון די גרינדער פון רבדים אין גוש עציון — און אין צייט פון קריג, אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פונעם קיבוץ, בכדי צו פאַרהאַלטן דעם שונא פון ירושלים — און אזוי, אויף די שלאַכט־פעלדער, איז ער געפאַלן א' שבט, תש"ח (12.1.48). זיין טויטער קערפּער איז שפּעטער אָפּגעזוכט און געבראַכט געוואָרן אויפן קבר אחים פון הר הרצל, כ"ח חשון, תש"י־17.11.49.

זיין פאָטער, שמואל, א ציוניסט פון מאָהילעוו, רוסלאַנד, האָט געגנבעט גרעניצן ביז ער האָט דערגרייכט אין 1929, ארץ ישראל באָדן און געוואָרן איינער פון די גרינדער פון רמת רחל. פאַרלירנדיק זיין בכור, האָט ער באַשלאָסן, ניט געקוקט אויף זיין עלטער, אליין צו זיין אויף די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס — און אויך ער איז געפאַלן (י"ב תמוז, תש"ח).

נאָך אַ זילבערשטיין איז געפאַלן אין פאַרטיידיקן גוש עציון — משה זילבערשטיין (זון פון ארי׳ און שרה). ער איז געווען אַ יליד תל־אביב, אַ סאַברע, (געבוירן נאָוועמבער 2, 1929) און געווען פאַרוואונדעט זינט די געשעענישן אין תש״ז. ער האָט זיך אָבער ניט צוריקגעהאַלטן און אַרויס דערפילן זיינע פליכטן צום לאַנד. ער איז גאָר געפאַלן פון אַ בריטישער קויל אין כפר עציון (4.5.48) און צו קבר ישראל געבראַכט געוואָרן דעם 17־טן דעצעמבער, 1949, אויפן הר הרצל.

צבי ראָזנטאַל (ורדי), זון פון אברהם און עדה, איז געבוירן געוואָרן אין רומעניע דעם 7־טן מאַי, 1925, ער איז געוואָרן פאַריתומט און אויפגעבראַכט געוואָרן אין אַ יתומים הויז. אין 1939, איז ער געקומען אין ארץ ישראל מיט דער עליה הנוער הדתי; צוויי יאָר געווען אינעם כפר הנוער הדתי, ביי כפר חסידים, נאָכדעם אַריבער צום קיבוץ יבנה, וואו ער האָט געקראָגן אורלויב אויף אַ יאָר צייט זיך צו פאַרפולקאָמען אין לערנען אין „מרכז הרב" (ירושלים). ער איז פרייוויליק געשטעלט געוואָרן אויף פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס און דעם 11־טן מאַי 1948, אומגעקומען, איבערלאָזנדיק אַ פרוי און אַ טאָכטער, געבוירן נאָך זיין טויט, וועמעס נאָמען איז צביה פון צ ב י[5].

פון די אַנדערע געפאַלענע אין און אַרום דעם גוש, ווילן מיר דערמאָנען די פאָלגנדיקע וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ קיבוץ־גלויות:

שמעון האָלענדער, אַ געבוירענער אין סטאַניסלאַוו, גאַליציע (אין יאָר תרע״ג־11.7.13). עולה געווען אין יאָר תרצ״ח, אַ סך אויפגעטאָן אין די קיבוצים, פריער אין קיבוץ אברהם אין כפר פינעס, דערנאָך אין שדה יעקב. ער איז געפאַלן אין כפר עציון ד׳ אייר, תש״ח (1948), איבערלאָזנדיק אַ פרוי, אַ זון און טאָכטער.

יוסף וואַנדער, געבוירן אין סאָסנאָוו אין תרע״ג און אויך עולה געווען צוזאַמען מיט האָלענדערן אין תרצ״ח, אַריין אין קבוצת שח״ל, נאָכדעם זיך באַזעצט אין כפר עציון און דאָרט געפאַלן אין יענעם טרויעריקן טאָג. זיין אייביקע מנוחה געפונען אויפ׳ן הר הרצל.

ארי׳ ווייל, אַ געבוירענער אין פרייבורג, דייטשלאַנד אין יאָר תרע״ה, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און געפאַלן אין טירת צבי אין צייט פון צווייטן וועלט־קריג, י״ד אָדר תרצ״ט (1939).

משה זילבערשמידט, געבוירן אין דייטשלאַנד כ׳ כסלו, תר״ף (1919) — אומגעקומען אין פאַרטיידיקן כפר עציון ג׳ אייר, תש״ח.

משה אלי׳ ווײַנבערגער, געבוירן אין אונגאַרן, אין יאָר תרפ״ב־1922, געפאַלן ביים פאַרטיידיקן משואות יצחק[6], חנוכה תש״ח, באַלד נאָכ׳ן אָפּשטימונג פאַר אַ מלוכה, ביי די פאַראייניקטע פעלקער.

יהודה ארי׳ בן ציון כאנטשינסקי, אַן אייניקל פון ראדאָמסקער רבין, אַן אָנפירער פון דער רעליגיעזער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „אליצור" און אַקטיוויסט אין „הגנה" — אויך ער איז געפאַלן אין יענעם טאָטאַלן אומקום פון די קדושי עציון.

צבי חסיד, געבוירן אין קאָוועל, פּוילן אין יאָר תרפ״א־1921, אומגעקומען ביי טירה, ד׳ אייר, תש״ח.

בנימין טוי, געבוירן אין כזשאַנאָוו, גאַליציע, תרע״ה — געפאַלן אין יענעם טאָג, און ערשט געבראַכט צו קבורה אויפן הר הרצל, כ״ב חשון, תש״י.

דוד טייטלבוים (תמרי) געבוירן אין ביעלסק, פּאָדלאַסקי, פּוילן אין יאָר תרע״ז, אריין אין „השומר הדתי" פון ביאַליסטאָק, עולה געווען אין תרצ״ה אַלס מיטגליד פון קבוצת אברהם אין כפר פינעס, געפאַלן אין יענער מוראַדיקער שלאַכט — און זיין מנוחת־עולמים געקראָגן אויפן הר הרצל אין תש״י.

צבי טילמאַן, געבוירן סאַמבאָר, גאַליציע, אין תרע״ג. פריער געווען אַ חבר אין „גורדוניה", נאָכדעם אריבער צו בני עקיבא, געוואָרן קולטור־פירער. ער האָט עולה געווען אין יאָר תש״ד, זיך באַזעצט אין כפר עציון — און דאָרט אויסגעהויכט זיין נשמה אונטער דער קויל פונעם שונא.

דעמזעלביקן גורל האָט געהאַט איינער פון די גאָר אינטעליגענטע יונגעלייט יחיאל יוכלמאַן (געבוירן ריגע, ג׳ טבת, תרפ״א־1921). ער איז אויך געווען פון די גאָר וויכטיקער געשולטע הגנה־מענטשן און פון טבת ביז אייר תש״ח אָנגעפירט מיט די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס אין גוש עציון. דער שונא האָט זיך געשטאַרקט — און אויך ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן, בעת כפר עציון איז געפאַלן.

צווישן די געפאַלענע אין כפר עציון, האָט זיך אויך געפונען שלמה ראָזן (געבוירן אין שעדליץ, דעם 7־טן מערץ, 1919). ער איז געווען אַן אַקטיוויסט אין „השומר הדתי". אין 1937, האָט ער דורכגעמאַכט הכשרה און זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

ער האָט זיין פּלאַן ניט רעאַליזירט. די מלחמה איז אָנגעקומען מיט אַלע אירע שוידערלעכקייטן . . . ער איז על־פּי נס געראַטעוועט געוואָרן, געקומען קיין ארץ ישראל, אין 1941 און זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין די אַרבעטן פונעם הפּועל המזרחי אין כפר פינעס.

אין 1943, איז דערשינען זיין בוך „מתוך המפולת", אין וועלכן ער שילדערט שעדליץ און אומגעגנט אין ציַיט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך ער, איז געווען איינער פון די העלדישע קעמפער ביי דער פאַרטיידיקונג פון כפר עציון, און געפאַלן אויף די דאָזיקע פּאָזיציעס . . .

און ניט בלויז מענער, בחורים, אויך מיידלעך, פון גוש עציון, האָבן אָנגעפירט מיט פאַרטיידיקונגס פּאָזיציעס און געפאַלן מות־קדושים, צווישן זיי:

מלכה וויינבערגער (געפאַלן אין בארות יצחק, ה' אייר, תש"ח־1948).

חיה וואַסערטייל, געבוירן אין אוישוויץ־פוילן אין יאָר תרפ"ב־1922, דורכגעמאַכט דעם קריג און נאָכדעם אַריין אין אַ קיבוץ ביי אָסטראָוויץ־אָסטראָווצע — און זיך געלאָזט אויף די געפערלעכע וועגן צו דערגרייכן די טויערן פון ארץ ישראל, געווען אין לאַגער אין ציפּערן און ווען דערגרייכט דעם ציל, אָנגעהויבן געניסן פון מדינה־לעבן, איז זי געפאַלן. איר קבר, אויפן הר הרצל, וואָס איז דער יזכור־באַרג פון די געפאַלענע אין דער פרייהייט־מלחמה.

חנה זינגער, געבוירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין תרפ"ז־1927, זיך געראַטעוועט פון אוישוויץ, דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום — און אַזוי געקוואָלן פונעם לעבן אין כפר עציון — איז געקומען ד' אייר תש"ח און געמאַכט אַ סוף צו איר יונג לעבן.

אַזוי זענען זיי, די הונדערטער געטרייע היטער פון יבנה, פון ירושלים, פון גוש עציון, אומגעקומען על קדושת שם שמים ושם ישראל.

יאָ, אַן אימהדיק קאַפּיטל פון אומעט, אַנגסט און טרויער — אָבער דאָך ניט פאַרצווייפלונג, ניט יאוש, ניט פאַראיינזאַמקייט — ווייל איבער די קברים האָט שוין געשטראַלט דער פאַקל פון מדינת ישראל — פאַר אונז לעבן־געבליבענע, צי אין ישראל אָדער אין תפוצות ישראל . . .

די דאָזיקע שטילע העלדן און העלדינס, האָבן געזוכט אַ וועג צום העכסטן יושר און זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָס דערגרייכן, אַפילו ווען דאָס האָט געמיינט — גערانגל און אַקטיווער באַטייליקונג אינעם קאַמף קעגן ביטערע שונאים און פון אַרויפגעצוואונגענער מלחמה. זיי זענען אַרויס אין שלאַכט, צו פאַרטיידיקן די מדינה אין איר ערשטער פאַזע אויף דער ניי־מאָדערנער מאַפּע און געהאָלפן אויפהייבן די פאָן פון אייגענער הערשאַפט און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט.

די דאָזיקע באַשיידענע, צניעותדיקע העלדן און העלדינס האָבן זיך איבער־געגעבן בלב ונפש דער חלוצישער אינציאַטיוו. אין זייער שטרעבן „אל המנוחה ואל הנחלה", האָבן זיי ממשיך געווען די אידעאַלן פון פתח־תקוה קאָלאָניסטן פון 1878, וועמעס ציל איז געווען זיך צו פאַרוואָרצלען אין דער ערד פון זייער היימלאַנד.

מיט זייער שווייס און בלוט האָבן זיי ווייך געמאַכט דעם הייליקן באָדן און געהאָלפן אין דער העראָאישער תקופה, אַז דער וואונדער פון 20־טן י"ה זאָל ווערן אַ פאַקט און פאַקטאָר, אין דער געשיכטע פון ישראל אין זיין טאָפּלטן באַדייט און אין דער געשיכטע פון פעלקער־באַפרייאונג אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישן רענעסאַנס פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר דאַרפן זיך מתייחד זיין מיט זייער אָנדענק, מיט זייערע נשמות און זאָגן אין דער שטיל, אין אַ קול דממה דקה וואָס דאַרף זיך הערן פון איין עק וועלט צו דער צווייטער: א ל מ ל א ר ח מ י ם !

אל מלא רחמים דיין אלמנות ואבי יתומים אל נא תחשה ותתאפק לדם ישראל שנשפך כמים . . . במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמותיהם של קדושי גוש עציון שנפלו חלל על קדוש השם וקדושת הארץ . . .
ארץ אל תכסי דמם ואל יהי מקום לזעקתם וינוחו על משכבותם בשלום ונאמר אָמן"!

הערות

א.

1. גענוג צו דערמאָנען: „בהתנדב עם" (ירושלים, סיון, תש"ט); „יזכור" — קדושי גוש עציון, (ד' אייר, תש"ט); „מבית" (יבנה . . . חשון, תש"י); שאול רז, „הר הקדוש" און נאָך אנדערע יזכור־ווערק.
2. דאָרט, יזכור לקדושי גוש עציון.
3. יזכור — פרשת חייהם ומותם של הנופלים במלחמת־הקוממיות בישראל, בהוצאת ממשלת ישראל, משרד הבטחון, התשט"ז, העורך, יצחק למדן ז"ל. חברי המערכת: ראובן אבינועם, מאיר מוהר, אנדה פינקרפלד־עמיר.
פונם אריינפיר: „יזכור עם ישראל, את בניו ובנותיו ויתברך בזרעו ויאבל על זיו העולמים וחמדת הגבורה וקדושת הרצון ומסירת הנפש אשר נספו במערכה הכבדה . . . „והיו גבורי מלחמת השחרור והנצחון חתומים בלב ישראל לדור דור . . . "
4. יעקב אדלשטיין, אין „יזכור לקדושי גוש עציון".
5. מער וועגן אים אינם דערמאָנטן אלגעמיינעם יזכור־בוך וואָס די רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט.
6. זע, יזכור לכפר עציון, ז' 28, רשימה פון די ל"ה נופלים.
7. ברכות נ"ה, ע"ב.
8. גענוג צו דערמאָנען א. תלמי'ס ווערק „במצור ובקרב".
9. „מבית", קבוצת יבנה במערכת תש"ח, הוצא ע"י קבוצת יבנה, חשון תש"י.
10. דאָרט, ז' 3.
11. דאָ, האָט מען זיך פאַרלאָזט אויפן פסק פון רמב"ם (הלכות שבת, פרק ב', הלכה ט"ז), באַזירט אויף דער הלכה אין תלמוד: „מפקחין פקוח נפש בשבת ואין צריך ליטול רשות מבית דין. והמקדים להציל את הנפש — „הרי זה משובח".
12. זע, מבית, ז' 20.
13. דאָרט, ז' 58.
14. דאָרט, ז"ז 40־43.
15. דאָרט, ז"ז 61־62.

ב.

1. זע, ש. שלום, תפלה למערכות, בהתנדב עם, ירושלים, סיון, תש"ט.
2. „ישראל אין קאַמף", ארויסג. דורך „הועד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל", מחלקת „החלוץ", תש"ח־1948, תל־אביב.
3. „כד לחם ישראל", הוצ' יזרעאל, תשי"ג.
4. בעריכת דב קנוהל, משגב אמוני ישראל במלחמת השחרור ב', המדור הדתי במחלקה לעניני הנוער והחלוץ של ההסתדרות הציונית, ירושלים, תשי"ד, ז' כ"ח.
5. יזכור לכפר עציון, רעד. מרדכי לאובער, תל־אביב, ד' אייר, תש"ח.
6. בהתנדב עם, ירושלים, סיון, תש"ט, ז"ז 8־9; 26; הצופה, ל"ג בעומר, תש"ח (4.6.48).

ג.

1. ז' ב 194.
2. דאָרט, ז' א 679.
3. זע, חוברת אין אָנדענק פון פיר מאַרטירער: „חנוך, יאיר, ארז, איציק־לזכרם"; אויך, דער־מאָנט יזכור־בוך, ז' ב 255.
4. 19.7.48. וועגן אים, אין ביכל „בני קרית חיים" און אין יזכור, ז' א 323.
5. דאָרט, ז' ב 785.
6. משואות יצחק אין גוש עציון איז געגרינדעט געוואָרן אויפן נאָמען פונעם רב־ראשי ר' יצחק אייזיק הלוי הערצאָג (לאָמזשע, פּוילן, כ"ח כסלו, תרמ"ט־1888; נפטר, ירושלים, י"ט תמוז, תשי"ט ־25,7,59.) דער קיבוץ איז צעשטערט געוואָרן בעת דער גוש איז געפאַלן.

קאַפּיטל פיר-און-פערציק

פּועלי אגודת ישראל

צוזאַמען, אוּן אין איין צייט מיט דער תו"ע, זענען אין פּוילן געשאַפן געוואָרן נאָך צוויי רעליגיעז-סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועמעס פּראָגראַמען און לאָזונגען זענען געקומען פון איין־און־דעמזעלביקן מקור, אָבער דאָך אַנדערש; אַנדערש אין צוגאַנג און אַנדערש אין אויפפאַסונג פון דער יידיש-סאָציאַלער טעאָריע — דאָס זענען: די „פּועלי אגודת ישראל" און די „תפארת בחורים" באַוועגונג.

א. אַן אַפּשפּראָץ און אַרויסשפּראָץ פון פּוילישן יידנטום. — אָנהייב פון דער באַוועגונג. — דרייס־טער שפּאַן.

די „פּועלי אגודת ישראל", ווי אַ קינד פון דער אַלגעמיינער „אגודת ישראל" אין פּוילן, איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יאָר תרפ"ב (1922) פּראָקלאַמירנדיק אין די שטרענג־רעליגיעזע קרייזן, וואו מסחר האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, די חשיבות פון אַרבעט, פון אהבת המלאָכה און יגיעי־כפּים לעבן.

צווישן אירע גרינדער, פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער, איז געווען ר' יהודה־לייב אָרלעאַן ז"ל הי"ד, אַ באַוואוסטער פּעדאַגאָג אין דעם פּוילן פון פאַר 1939.

די פּועלי אגודת ישראל האָט באַלד באַוויזן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע שריפט, „די יידישע אַרבעטער צייטונג" און אַ צאָל בראָשורן אין וועלכע, זיי, די גרינדער פון דער באַוועגונג, ברענגען אַרויס זייער אידעאָלאָגישן „אני מאמין"; אַריינגעמענדיק אויך, בנין הארץ, ווי אַ טייל פונעם פּראָגראַם פון אַקטיוויטעט.

אין יאָר תרפ"ה, דאָס יאָר פון דער פערטער עליה, האָבן חברים פון פּועלי אגודת ישראל, געגרינדעט אַ צענטראַלע ביוראָ אין ארץ ישראל, אונטער דער לייטונג פון בנימין מינץ, מיט סניפים אין ארץ ישראל, פּוילן און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. היינט צו טאָג, ציילט די באַוועגונג טויזנטער חברים און האָט אונטער זיך, אַ צאָל קבוצים, ווי „חפץ חיים" ביי גדרה, „יסודות", „נתיבה" ביי כפר סבאַ שעלבים און אַנדערע, געפירט אין גייסט פון תורהקראַטיע, וואו דער שלטון התורה דאָמינירט אין פולסטן זין פון די ווערטער.

וואָס שייך מצות ישוב ארץ ישראל, האָבן זיי ניט געדאַרפט זוכן אינספּיראַציע ביי די וועלטלעכע ציוניסטן און ניט געדאַרפט אויסאַרבעטן קיין עליה־פּראָגראַמען. דער פּראָגראַם איז דער תנ"ך׳ישער; די געגועים — אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, זינט חורבן בית שני . . .

פּועלי אגודת ישראל, מאמינים אין דברי חז"ל, ווייסן די וויכטיקייט פון

ישוב הארץ, וואָס איז, לויט אַ מיינונג אין תלמוד (דערמאָנט פריער), אַזוי גרויס ווי אַלע מצוות צוזאַמען;[2] זיי ווייזן אויך, אַז די גלות־קללה, איז די ערגסטע פון אַלע קללות אין דער תוכחה. נאָך מער: יידן דאַרפן זיך תמיד גרייטן צו דער גאולה און דער בעסטער וועג, ווי צו גרייטן זיך צו גאולה, איז דורך עליה און עבודה אין לאַנד פון די אָבות וואו קיום האומה און קיום התורה גייען זאַלבענאַנד, ווי דער רמב"ם פסקנט אין ספר המצוות: מצוות התורה המוטלת עלינו בכל הדורות, לרשת את ארצנו".

פאַר פועלי אגודת ישראל איז תמיד געווען קלאָר די תשוקה צום הייליקן לאַנד, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק ביי רבי יהודה הלוי, וועלכער איז ממש אויסגעגאַנגען פון ליבע און בענקשאַפט פאַר ארץ ישראל. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אַרויסזינגען און אויסדריקן זיין אומגעהויערע האַרץ־רייסנדיקע בענקשאַפט נאָכ'ן צוגעזאָגטן גאולה־לאַנד, נאָר זיך געלאָזט אין וועג אַריין, ניט געקוקט אויף זיינע יאָרן און אויף די סכנות.

רבי יהונתן אייבעשיץ (הת"נ־1690; התקכ"ד־1764) שרייבט וועגן גלות: „אלו ידעו אבותינו הקדמונים שיהי' כל־כך אריכות הגלות היו מאבדין עצמם לדעת לרוב צער ודאגה . . . " און אויף אַן אַנדער אָרט: „בשוב ד' שבות ציון . . . נהי' עולים ממות לחיים. ומי אשר לו נשמת ישראל הלא לבבו נשבר בקרבו בזכרו חורבן ירושלים".

אויך זיין בר־פלוגתא ר' יעקב עמדין (התנ"ז־1697; התקל"ו־1776) דריקט זיך אויס: „אלמלא לא היה לנו אלא עון זה בידנו שאין מתאבלין על ירושלים כראוי — די להאריך גלותנו . . . די צרות אונזערע, האַלט ער, נעמען זיך; „לפי שיצא האבל הלז מלבנו בהיותנו שוקטים בארץ לא לנו, שכחנו את ירושלים ולא עלתה על לבנו . . . "

דאָ איז ניט שייך, ווידערהאָלן די אַלע שטעלן ביי אונזערע גדולים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן ליבשאַפט צום הייליקן לאַנד און נעגירונג פונעם גלות־לעבן.

די פועלי אגודת ישראל, ווי אַ קינד פון דער אגודה, האָט אפשר אַ צאָל יאָרן ניט געשטעלט אין צענטער פון איר אַקטיוו די פליכט פון פיזישער עליה, ווייל זי האָט זיך געמוזט רעכענען מיט פאַקטן און רעאַליזיר־מעגלעכקייטן.

די פועלי אגודת ישראל האָט אויך, ווי אַן אידעאַליסטיש־רעליגיעזע באַוועגונג, געמוזט פאַרוואָרפן די אוטאָפּיסטישע לערעס פון אַ טאָמאַס מור (1478־1535) אין זיין „אוטאָפּיאַ" אָדער אַן עדוואַרד בעלאַמי (1850־1899) אין זיין „לוקינג בעקוואַרד": 2000־1887", ווען מ'וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און אַריינטרעטן

אין אַ געזעלשאַפט וואָס איז באַזירט אויף פרייהייט און גלייכהייט. זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין סאָציאַלע אוטאָפּיע באַזירט אויף חלומות; זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט סתם אַזוי פאַנטאַזיעס פון אַ העכערן לעבנס־שטייגער און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען; זיי האָבן געזען אין די לערעס פון תורה־יושר און אין די פּרינציפּן פון רעליגיעזער עטיק די עמאַנציפּאַציע פונעם מענטש אין אַלע זיינע הערלעכע גאולה־פּערספּעקטיוון.

ניט דת העבודה, נאָר תורה און עבודה קען פירן דעם מענטש אויף די וועגן פון פולער, שלימותדיקער גאולה. אַ געזעלשאַפט, באַזירט אויף פּראָדוקטיוויטעט, קען לייזן אַלע פּראָבלעמען אין דער צווישן־מענטשלעכער באַציאונג. די אַרבעט דאַרף אָבער זיין אַ קאָלעקטיווע (אַנדערש פון א. ד. גאָרדאָן, וועלכער האָט גראָד ניט געהאַלטן פון קאָלעקטיוויזם), דורך אַ שותפותדיקעווירטשאַפט (ווי אַ קיבוץ) וואָס וואָרצלט אויס די עגאָאיסטישע טענדענצן ביים יחיד און פאַרזיכערט די סאָציאַלע גלייכהייט און דעם עקאָנאָמישן יושר.

פון תורת משה ביז „חובות הלבבות" (רבנו בחיי אבן פּקודה); פון די נביאים ביז ר' משה חיים לוצאַטו (התס"ז־1707; התק"ז־1747), מיט זיין „מסילת ישרים"; פון של"ה, ביז חסידות פון בעש"ט, און מוסר פון ר' ישראל סאַלאַנטער — אַלע האָבן זיי געהאַט איין ציל — צו באַהערשן דעם מענטשנס גוף און זיין נשמה, זיך דערגרונטעווען אין דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און איר דערהויבן צו אהבת השם און אהבת הבריות. זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו אַנטפּלעקן ביים מענטשן די גייסטיקע דערהויבונג, די מיסטישע קדושה און געטלעכע שיינקייט — און במילא שאַפן די סאָציאַלע אַטמאָספערע אַרום אים.

לויט דער קבלה און חסידיזם, איז דאָך באַהאַלטן אין יעדן מענטשלעכן וועזן אַ שטיק משיח און ער קען ברענגען, אָדער אַמווייניקסטנס העלפן ברענגען, די גאולה, וועלכע איז אין פּראָצעס פון קומען יעדע רגע . . . און קען אויסלייזן די גאַנצע וועלט.

די פּועלי אגודת ישראל, האָט סיי אין טעאָריע און סיי אין פּראַקטיק, זיך גענומען און מיטגענומען אַנדערע אויף אָט דעם גאולה־וועג, וואָס קען רעאַליזירט ווערן אין ארץ ישראל — און דאָרט טאַקע זיך פאַרנומען מיט גרינדן קאָלעקטיווע ישובים, קבוצים וועמעס יסוד זאָל זיין אמונה טהורה, אהבת ישראל און אהבת הבריות, שאַפן די סטרוקטור אין וועלכער עקספּלואַטאַציע זאָל קיין אָרט ניט האָבן און אַבסאָלוטע פרייהייט זאָל באַהערשן דעם ישוב.

די באַוועגונג „פּועלי אגודת ישראל", ווי אַ קינד פון דער עקסטרעם־רעליגיעז־פּאָליטישער פּאַרטיי אגודת (אָדער שלומי אמוני) ישראל איז געבוירן געוואָרן,

ווי געזאָגט, אין פּוילן — דאָס לאַנד, וואו ס'האָט זיך געהאַלטן אין משך פון טויזנט יאָר, דער יסוד פון יידישן פאָלקס־לעבן; דאָס לאַנד, וואו ס'האָט זיך פאַר הונדערטער יאָרן געשפּינט די לעגענדע פון מדות און מצוות, פרומקייט און לומדות, גאולה און גייסטיקייט... פון איין זייט, האָבן מיר געזען אין פּוילן דער מדינה, גערעאַנגל פאַר פיזישן קיום, טאָג־טעגלעכער מי און מאַטערניש פאַר'ן גוף — און פון דער אַנדערער זייט — אַ גרויסע, קאַלירהייכע הערלעכקייט פון תורה־גאוניות, פון שבת־יום־טובדיקייט אין דער וואָכן, אַ שטיק געהייליקט יידיש לעבן אין דער טיפער גרויקייט; אין יענעם לאַנד האָבן מיר געזען אויפגיין אַ התלהבות וואָס האָט ניט איר גלייכן . . .

ב. די אַגודיסטישע אַר־בעטער באַוועגונג. — גע־בורט־לאַנד. — כח און פאַרמעסט אין ישראל. — תשוקה צום הייליקן לאַנד.

אין די כותלי בית המדרש, איז אויפגעשטאַנען אַ פלאַמיקע יוגנט וואָס האָט מיטאַמאָל געוואָלט ענדערן דעם שטייגער לעבן, ווי ער איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור אין פאַרשיידענע גלגולים. זיי זענען געקומען מיט צילן פון וועלט־איבערבויערישע אידייען, מיט נייע אויפפאַסונגען און קאָנצעפּציעס. עס איז אַנטשטאַנען אַ ניי קאָכעדיק געזעלשאַפטלעכקייט ביים ראַנד פון אַ תקופה — און דאָרט איז אַנטשטאַנען, ווי אַ קינד פון אגודת ישראל און קאָצקער חסידות, די דאָזיקע נייע באַוועגונג; פועלי אגודת ישראל מיט אַלט־נייע באַגערן! מיט ברען און צעפּלאַמקייט האָט זי די דאָזיקע נייע באַגערן ארויסגעבראַכט אין דער געדיכטעניש פון דער יידישער וואַרשע און פון דער יידיש־פאַרמסחרטער אינדוסטריעלער לאָדזש — און פון דאָרט צעטראָגן די תורה פון רעליגיעזן סאָציאַליזם איבער דער לענג און ברייט פון דער פּוילן וואָס האָט זיך געצווייגן איבער דעם באַלטיק, ווייסל, בוג און אַנדערע טייכן.

עס איז געווען אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד, די צוואַנציקער יאָרן פון אויפברויז און געראַנגל, סיי אין דער אויפגעשטאַנענער מלוכה נאָכ'ן ווערסאַילער אָפּמאַך און נאָכ'ן זיג איבער די באָלשעוויקעס, סיי אין דער גאַנצער יידישער וועלט, אַ דאַנק דער באַלפור דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַטן־רעזשים אין ארץ ישראל. אויף דער יידישער גאַס זענען טאָג־טעגלעך צוגעקומען נייע פּאַרטייען, נייע באַוועגונגען, נייע אינסטיטוציעס, נייע געזעלשאַפטן . . . דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געגעבן נייע געשטאַלטונג דעם יידישן לעבן אונטער די נייע באַדינגונגען פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם.

אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן די דאָזיקע יונגעלייט פון דער צעירי און פועלי אגודת ישראל פּראָפּאַגירן דעם רעליגיעזן סאָציאַלן יושר, וואָס האָט שטאַרק אַפּעלירט צו דער יידיש־פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט און זיך צוגעפּאַסט צו דער

אַרטיקער גייסטיקייט. זיי זענען געקומען נאָכדעם, ווי דער גרויסער פייער־זייל פון פוילישן חסידות האָט אָנגעהויבן זיך לעשן און בלויז פינקלדיקע שטערן האָבן דאָ און דאָרט געבלישטשעט אין יידישן תחום ארום דער ווייסל, בוג, סאַן און נארעוו. זיי האָבן געוואָרעמט און געשטאַרקט יידישע הערצער, באַצויבערט יידישע יוגנט, באַלויכטן דעם וועג פאַר דער נייער אויפגייענדיקער זון.

אין אָנהייב איז קיין פּראָגראַם ניט געווען. ס׳רוב האָט געוואָלט האָבן אָרגאַניזאַציע, ליטעראַטור, זיין גלייך מיט די פרייע פון כל המינים, מיט כחות פאַר דעם רעליגיעזן לעבן, און פאַר דער פאַרזעצונג פון דאָס קערנדיקע יידישקייט פאַר וויטערע דורות. אונטער די פּוילישע הימלען, אויף די שליאַכן פון טויזנט יאָריקער געשיכטע, האָבן זיי געוואָלט פלעכטן אויף ווייטער די קייט פון מנהגים און יידישן שטייגער־לעבן, פון זון אויפגאַנג ביז זון פאַרגאַנג . . .

זיי האָבן קודם־כל אריינגעבראַכט אין עקסטרעם־רעליגיעזן לאַגער, דעם ווערט פון ארבעט און די רעכט פון ארבעטער . . . און אַלס צוגאָב אריינגעבראַכט (אמת, ניט אין דער געהעריקער מאָס) דעם נאַציאָנאַלן בנין־הארץ מאָמענט, דעם ציוניסטישן עלעמענט אין די אגודה קרייזן. אויף ביידע געביטן, איז די פּועלי אגודת ישראל געגאַנגען מחיל אל חיל, פון זיג צו זיג און געשטאַלטיקט די באַוועגונג אידייאיש, טעאָרעטיש, פּראַקטיש און רעאַליסטיש, אזוי אין זייערע אויפטוען אין פוילן, אזוי אין אנדערע לענדער, בכל תפוצות ישראל.

די דאָזיקע יונגעלייט, ווייט־און־טיף זעער, רעליגיעז באַהויכט, האָבן פאַרשטאַנען זייער ראָל פאַר׳ן רעליגיעזן יידנטום אין יענעם ערשטן פּעריאָד און צייט־אָפּשניט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן געזען און פאַרשטאַנען די געוואַלטיקע פאַרשאַרפונג פון די פּראָבלעמען וואָס האָבן געמאַטערט נישט בלויז דעם יידישן מענטש, נאָר די גאַנצע מענטשהייט; פּראָבלעמען וואָס האָבן נישט בלויז צעטרייסלט דאָס יידישע פאָלק — נאָר אַלע פעלקער.

אויף אָט דער דאָזיקער סאָציאַלער, פּאָליטישער און גייסטיקער קאַנווע, האָבן די דאָזיקע יונגעלייט מיט א „נופך משלהם", דער עיקר אין דער א י נ ט ע ר ־ פּ ר ע ט א צ י ע און קאַמפס־מעטאָדע א סך געהאָלפן אין דעם אויפהאַלט פון רעליגיעזן לעבן ביי דער ארבעטנדיקער יוגנט און גאָר באַזונדערס, אין צייט ווען א חושך האָט זיך פאַרצויגן איבער דער וועלט, די יאָרן פון חורבן און אומקום. זיי האָבן אויך געהאָלפן מיט זייערע מאָראַלישע לערעס אין די יאָרן פון נאָכ׳ן חורבן, נאָכ׳ן איבערלעבן די גרויליקע עפּאָכע, אין דער תקופה פון „אתחלתא דגאולה", אין דעם באַגין און גאַנג פון דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל נאָכ׳ן היטלער־חורבן, אין צייט פון איבערראַשנדיקן פּראָצעס פון קיבוץ גלויות . . .

די פּועלים פון אגודת־ישראל־חדר האָבן ווי די אנדערע רעליגיעזע ארבעטער

זיך גענומען מיט מוט און עקשנותדיקער מסירת נפש צו דעם אויפבוי און געשטאַלטונג פון אַ תורהדיק יידיש לעבן אין מדינת ישראל.

דער אַקטיוויטעט פון פּאַ"י אין פּוילן, איז ווייט אַריבער די גרעניצן פון בלויזער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר די רעכטן פון רעליגיעזן אַרבעטער. זיי האָבן אויך אַ סך ביינעטראָגן צו דער ליטעראַטור פון רעליגיעזן סאָציאַליזם; ווייטער וועלן מיר רעדן וועגן דעם.

פון די ערשטע ליטעראַרישע פּרעסע־שפּראַצונגען דאַרף דערמאָנט ווערן: „יודישע אַרבעטער שטימע"[1]. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען (לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן) פון אייזיק בער עקערמאַן און שמואל ראָטשטיין[2].

אין יענער איינציקער אויסגאַבע, לייענען מיר אַ לייט־אַרטיקל פון דערמאָנטן א. ב. עקערמאַן, „אונזער אויפגאַבע", אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„עס איז קיין ספק נישט, אַז די אָרגאַניזירטע רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט, אויב זי וויל פּאַקטיש דורכפירן אַ גרינטלעכן באַפרייאונגס־פּראָצעס . . . וועט מוזן איר טעטיקייט ווידמען אויף אַלע געביטן פון אַרבעטענדן לעבן, נישט אויסשליסנדיק קיין פּראָפעסיאָנעלע און זאָגאַר פּאָליטישע ענינים . . .

„. . . און פּונקט ווי די איבעריקע אָרטאָדאָקסיע, האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבן אַלס אויפגאַבע „דאָס אַנטשיידן אַלע פראַגן וואָס זענען נוגע דעם כלל ישראל אין גייסט פון יידישער טראַדיציע . . . " אַזוי מוז אויך זיין אַרבעטנדער טייל, אַריינדרינגען אין אַלע אַרבעטס־געביטן און דאָרט קעמפן פאַר דער יידישער טראַדיציאָנעלער לייזונג פון דער פראַגע . . . "

דער פּאַרנעם פון דער באַוועגונג, ווי עס איז צו זען פון די פּראָגראַמאַטישע אַרטיקלען, איז געווען אַ גרויסער, אַ פולער.

ירוחם פישל שפּיטאַלעוויטש, דערציילט מיט פרייד אינעם זעלביקן נומער, אַז די פועלי אמוני ישראל האָט געמאַכט גרויס פאָרשריט, האָט שוין אַן אייגענעם ראַטמאַן אין לאָדזשער שטאָטראַט, האָט שוין געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַן אייגענעם אָרגאַן וואָס דערגרייכט איר אויפגאַבע „לעשות נפשות בישראל ולהכניסם תחת כנפי השכינה" . . . ער איז זיכער אין דערפאָלג פון דער נייער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, דערפאַר, ווייל: „פועלי אמוני ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען פון אינוועניק, פונעם ריינעם שורש, פון אָריגינעלן און געלייטערטן קערן . . . אַרבעטנדיק ערנסט לשמה . . . האָט זי די האָפנונג זיך צו אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן עד בלי די . . . "

דאָס זענען געווען גוטע וואונטשן, אָבער ווייט פון רעאַליזירונג.

דער ערשטער אָפיציעלער נומער פונעם פּאַ"י־אָרגאַן, אין געווען ווי געזאָגט, אַ צוויי־וואָכן־שריפט א.נ. „די יודישע אַרבעטער שטימע"[3]. דער ערשטער לייט־אַרטיקל „וואָס ווילן מיר יעצט"? איז אַ שאַרפער, שניידנדיקער מאמר,

פּראַטעסטירנדיק קעגן אַלערליי מה יפית־טענץ, קעגן דער עלנטקייט און שוצלאָ־זיקייט פונעם רעליגיעזן ארבעטער, רופנדיק צום „קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אייגענעם יידישן גלות, פון וואָס פאַר א זייט, ער זאָל ניט קומען . . . "

די פּאַ"י שלאָגן א נייעם טאָן אין דער קעמפערישער אגרעסיווער אָרטאָדאָקסיע, ווי דער דערמאָנטער שרייבער פירט אוים:

„אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן מאָמענט אין וועלכן מיר מוזן אָפּריכטן דעם גלות וואָס מיר האָבן אַליין אויף זיך ארויפגעצווינגען, האָט א בלישטש געגעבן א ליכטיקער שטראַל . . . מיר האָבן זיך ארומגעקוקט און דערזען, אז נאָר ביי אונז, איז דאָ די מעגלעכקייט די שווערע לאַנג־אויסגעשמידטע קייטן פאַנאַנדערצוררייסן . . . "

די פירער פון פּאַ"י טרעטן ארוים מיט פאַרדאַמונג סיי קעגן אַטעאיסטישן סאָציאַליזם סיי קעגן אגודה'איסטישן קאַפּיטאַליזם. מיט דער געהעריקער דרייסטקייט מאָנען זיי גערעכטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. איינער פון אירע קעמפער אין יענער גרינדונגס־תקופה, י. לביא, שרייבט אין זיין פּלאָמיקן ארטיקל:

„ס'מוז ווערן פאַר אַלע יידישע ארבעטער פעסטגעשטעלטע אַקסיאָמען: אז ס'איז ניטאָ קיין האַרמאָנישער, גליקלעכער פרייהייטלעכער לעבן, ווי אונטערן געזעץ און אידעאַל פון דער יידישער תורה; אז קיין תורה געזעץ קאָן מען נישט שפּאַלטן אויף דער העלפט, איינע פאַר זיך און א צווייטע פאַר'ן ארבעטער, וואָס האָרעוועט שווער און ביטער; אז שטעלנדיק זיך אין די רייען פון תורה־טרייע יידן, מוז מען די יידישע תורה אָנווענדן אין דער פולער מאָס לגבי דעם יידישן רעליגיעזן ארבעטער; אז ס'איז ביי אונז נישט פאַראַן קיין קלאַסן־תורות, נאָר אַן איינציקע, אייביקע, געטלעכע תורה פאַר אַלע גלייך, אָרים און רייך; און, אז אָנצוטרויען אונזערע בלוטיקסטע לעבנס־אינטערעסן, זאָל מען נאָר אַזעלכן, וואָס לעבט אונזער לעבן, ליידט און פילט אַזוי ווי מיר און שטרעבט צום זעלבן וואָס מיר רעליגיעזע ארבעטער שטרעבן."

מיר לייענען דאָרט א באַריכט, אז אויף א זיצונג פון צענטראַל־ראַט פון אגודת ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון י"ב־י"ג אייר, תרפ"ו, אין בערלין, איז אויף דער איינווענדונג פון פּאַ"י־טוער דוד צבי זילבערשטיין פון לאָדזש, באַטראַכט געוואָרן די פאַרלאַנגען פון פּאַ"י. ר' משה בלוי (ירושלים) האָט באַריכטעט, אז די פּאַ"י אין ארץ ישראל ציילט 500 חברים און האָט אַכט (8) אָפּטיילונגען. אויך ר' יעקב ראָזענהיים, דאַן, דער נשיא פון דער וועלט־באַוועגונג, האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דער נייער באַוועגונג. בלויז איינער, י. האַלענדער, האָט געהאַט אויסצוזעצן קעגן דער פּאַ"י אין ארץ ישראל.

מיר געפינען אין „די יודישע ארבעטער שטימע", גאָר אינטערעסאַנטע מאמרים, (פּאָליטישע, פּובליציסטישע), און אויך באַלערנדע־אויפקלערנדע

ארטיקלען. א. ב. עקערמאַן, דער גלענצנדער זשורנאַליסט, איז אין די ערשטע יאָרן געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, שרייבנדיק אויף אַזעלכע טעמעס ווי „פּראָפעסיאָנאַליזם אָדער אידעאַליזם", „די אויפגאַבן און טעטיקייטן פון פּא"י[4] און אַזוי ווייטער.

פון זיינע אַרטיקלען און באַריכטן, ווי פון די אַנדערע, קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער פאַרצווייגטער טעטיקייט און וואוקס נומעריש און השפּעהדיק אין פּוילן און אין ארץ ישראל. אינעם זעלביקן נומער לייענען מיר אַן אַרטיקל פון דר. בן ציון פעסלער, מיטגליד פון פּא"י־צענטראַלע, אָנווייזנדיק אויף דער וויכטיקייט: 1) שאַפן פּראָדוקטיוויזירונגס־פּלאַן; 2) די אַרבעט זאָל געפירט ווערן פּאַראַלעל אין גלות און אין ארץ ישראל; 3) מ'זאָל שוין שאַפן די צווייטע פערמע (הכשרה־פאַרם) פאַר רעליגיעזע חלוצים.

פּא"י האָט אַריינגעבראַכט די אַקטואַלקייט פון בנין האָרץ אין אגודה קרייזן. אָבער ניט ווייניקער קלאָרקייט אין זיינע באַציאונגען צו אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען פון לינקס און רעכטס. אַזוי געפינען מיר אַ מאמר[5] פון א. ב. עקערמאַן, אונטערן נאָמען „דיקטאַטור אָדער גערעכטיקייט", קעגן דער רוסישער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט . . . און אויך וועגן „דער אידעאַלער יסוד פון אונזער פּראָפעסיאָנאַליזם" (י. לביא) און אַנדערע צייטיקע און אינהאַלטסרייכע מאמרים.

די „יודישע אַרבעטער שטימע", איז וואָס אַמאָל רייכער געוואָרן אין אינהאַלט, אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער 6־טער נומער[6] געווידמעט דעם חנוך־וועזן, די אָוונט־קורסן פון פּא"י וואָס האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג פון וואַרשעווער ראַבינאַט (געחתמעט: ועד הרבנים לעדת וורשה, הרה"ג ר' צבי יחזקאל מיכלזון, הרה"ג ר' שלמה דוד כהנא, הרה"ג ר' חיים פּויזנער, הרה"ג ר' יצחק מאיר קאַנאַל, הרה"ג ר' חיים יהושע גוטשעכטער און אַנדערע), פון פירענדע פּערזענלעכקייטן אין אגודה, פון גערער רבי'ן, פון אַלעקסאַנדער רבי און אַנדערע רביים, פון אַלכסנדר זושא פרידמאַן און אַנדערע.

לייב שטשעקאַטש[7], גיט איבער אַ באַריכט פונעם וואוקס פון דער באַוועגונג, און בעיקר, וועגן דעם ניי־געגרינדעטן פּא"י צווייג אין אַמעריקאַ.

רעדנדיק וועגן דער דאָזיקער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין יאָר תרפ"ד (1924), מיט צוויי יאָר פריער, איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַ שריפט, געווידמעט דעם דאָזיקן אידעאַל. ס'ליגן פאַר מיר די ערשטע צוויי נומערן „די יידישע אַרבעטער צייטונג" וועמעס רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער איז געווען מ. וואָלק, אַ בן הרב, רופט זיך מיט'ן פּסעוודאָנים מ. ג. בהר"ן[8] און פון זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען זיין שוועסטער פּשא (פּעשע) וואָלק[9]. זי שרייבט וועגן דער „ראָלע און אויפגאַבע פון דער יידישער פרוי", גאָר באַלערנדע אַרטיקלען.

דער ערשטער נומער איז דערשינען „יום ה׳, כ״ה אייר, תרפ״ד[10]. די לאזונגען: „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך — עסטו דיין אייגענע פראצע, וואויל איז דיר און גוט[11]. „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה — תורה אן מלאכה, קען ניט האבן קיין קיום[12]. דער לייט־ארטיקל אונטערן נאמען: „באפרייאונג״ האט אלס מאטא, דעם פסוק „כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם ולא עבדים לעבדים . . . ״ נאכדעם קומען א צאל ארטיקלען, מערסטע, רופן צו יידישקייט, בלויז איינער, איז געווידמעט אויסשליסלעך דעם יידישן ארבעטער, דער ארטיקל פון מ. ג. בהר״ן, „דער וועג פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג״. עס איז א טעארעטיש־געשיכטלעך ארטיקל, וועגן די דערגרייכונגען פון 30 יאר ארבעטער־באוועגונג אויף דער יידישער גאס, אנווייזנדיק בעיקר אויף די אידעאלאגישע פעלערן, אויף דעם באדנלאזן יסוד און די וויכטיקייט צו פירן די באוועגונג אויף דעם סאציאל־תורהדיקן דרך.

א. ל. באדענשטיין, ווי די רעדאקציע באמערקט, „אן עלטערער ייד, בן תורה און ירא שמים, איינער פון די אנגעזעענסטע ארבעטער עסקנים . . . „ווענדט זיך צו די רבנים, זיי זאלן, אנשטאט זיך שטענדיק פארנעמען מיט די גבירים, קומען צו הילף דעם יידישן ארבעטער . . . מיר געפינען דארט, צווישן אנדערן א פאדערונג פאר א פינף־טאגיקע ארבעטס־וואך, וואס וועט א סך העלפן שמירת שבת, פאדערונג צו שטיצן תורה ומלאכה אינסטיטוציעס א. א. וו. עס ווערן אינעם זעלבן נומער פארעפנטלעכט אין א יידישער איבערזעצונג די „ניינצן בריוו וועגן יידנטום״ פון ר׳ שמשון רפאל הירש.

דער צווייטער נומער מיט אן ענלעכן אינהאלט, איז דערשינען אסרו־חג שבועות, התרפ״ד. קיין לאנגן קיום האט די שריפט ניט געהאט. פשוט דערפאר, וואס זי האט ניט געהאט הינטער זיך א באוועגונג, וואס זאל דינען פאר א פעסטן יסוד, און זיך בלויז געשטיצט אויפ׳ן גוטן ווילן פון עטלעכע יחידים.

„די יודישע ארבעטער שטימע״ אין פוילן, האט אבער יא געהאט א לענגערן קיום, ווייל זי האט געהאט הינטער זיך א באדן, אן ארגאניזירטע רעליגיעזע ארבעטערשאפט, א גרעסערן סטעף פון מלומדים און סופרים, זשורנאליסטן מיט פארנעם, א באוועגונג מיט אן עקספאזיטור פון פאליטישן ארגאניזם, ווי וואל־אקציעס, געלט־קאמפאניעס און אז. וו.

ביי דער זייט פון פובליציסטיק, ווערן פארעפנטלעכט גרינטלעכע וויסנשאפטלעכע ארטיקלען לויטן יהדות[13], ווי אן ארטיקל אונטערן נאמען „ארבעט אין ליכט פון יודענטום״, באזירט אויף ציטאטן פון תנ״ך און תלמוד. מיר געפינען דארט אזעלכע מאמרים ווי „ארבעטער סאלידאריטעט אדער הומאניטאריזם״[14]. ארטיקלען וואס קריטיקירן שטעלונג פון אגודת ישראל צו ארבעטער פראבלעמען[15] און אנדערע וויכטיקע ארטיקלען און פארטיי כראניק.

דער נומער 10, „יודישע ארבעטער שטימע", איז א סאָלידער נומער מיט באַלערנדע ארטיקלען, מיט פּאָלעמיק, ווי דער שטייגער אין אַזעלכע קעמפערישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג און אַז. וו.

דער דאָזיקער פּאַרטיי־אָרגאַן, איז פאַר א צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן, צוליב מאַנגל אין פינאַנציעלע פאָנדן; און איז באַנייט געוואָרן אין יאָר תרצ"א (1931), ארויסגעגעבן אין לאָדזש, אונטער דער רעדאַקציע פון א. מ. גרובשטיין[16].

מיר לייענען אין פּראָספּעקט־נומער[17]:

„נאָך א לאַנגער הפסקה, הויבן מיר אָן צוריק ארויסצוגעבן אונזער צענטראַל־אָרגאַן, דעם „יודישן ארבעטער".

„דער יודישער ארבעטער", אַלס דער אָרגאַן פונעם רעליגיעזן יידישן ארבעטער, אַלס דער אָרגאַן פון דעם לײַדנסטן צווישן די ליידנדע, פון דעם געפּלאָגסטן צווישן די געפּלאָגטע, האָט אויך דעם זעלבן גורל ווי דער יוד. ארבעטער זעלבסט, קיינמאָל האָט ער נישט קיין פעסטן באָדן, שטענדיק נע ונד, וואַנדערט כסדר פון איין אָרט צום צווייטן".

דער פאָרם, דער צוזאַמענשטעל, דאָס רעדאַגירן איז א פיל־בעסערער; דער אינהאַלט כמעט דער זעלביקער, די פּראָבלעמען — די זעלביקע, די מיטארבעטער — די זעלביקע!

דער צווייטער נומער[18], איז געווידמעט דער פּטירה פון ר' אלי' יוסף קירשברון, דער דינאַמישער פירער פון אגודת ישראל אין פּוילן (ה' כסלו, תרמ"ב־1882 — ה' אדר תרצ"א), אַזוי דער דריטער נומער[19], איז געווידמעט צו דעם פּאָליטישן אקטיוו פון דער באַוועגונג, ווי למשל דער ארטיקל „אָן אידייע וואָס פּאַרנאַרט" . . . פון צייט צו צייט באַווייזן זיך ארטיקלען פון ליטעראַרישן כאַראַקטער, ווי יחיאל פיינער'ס פּאָעזיע און עסייען.

דער נומער 4, פון דער באַנייטער אויסגאַבע[20], איז געווידמעט דער 2־טער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון פּא"י, אויף וועלכער ס'זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן ארץ ישראל ארבעט (די רעפערענטן: ח. ש. סענדיק; א. לערנער) אָבער ניט ווי די צענטראַלע פראַגע. דער פינפטער נומער[21], מאַכט דעם איינדרוק פון א פּאַרטיי־אָרגאַן, געווידמעט דעם פּאַרטיי צוזאַמענפאָר; דער לייט־ארטיקל פון נ. שצופּאַק „פאַר'ן משפּט — א פּאָר ווערטער וועגן אונזער צווייטער קאָנפערענץ", איז דער טאָן־געבער כמעט צו אַלע מאמרים אין דעם נומער, ווי פּ. לאַנדענבערג'ס: „פאַרוואָס מוזן מיר גיין זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן" . . . ער רופט דער פּאַרטיי צו עקזאַמינירן די כחות נאָך זיבן יאָר עקזיסטענץ. דוד באַמאַץ, שרייבט (אונטערן קעפּל: „מער פעלט זיי נישט . . . ") וועגן דער סכנה וואָס לויערט אויף יידישע יונגעלייט וואָס זוכן ארבעט און ער רופט: „צו אַלאַרמירן אונזערע רעליגיעזע אויטאָריטעטן איבער דער קאַטאַסטראָפע וואָס עס באַדרייט פאַר'ן

יודישן דת, די גלייכגילטיקע באַציאונג צו דעם גאַנצן ענין. און דאָס טאָלערירן שיינע חסידים, וועלכע באַיקאָטירן יידישע אַרבעטער . . . "

מ. גערשטיין באַהאַנדלט דאָס יוגנט פּראָבלעם. „די קאָנפערענץ — שרייבט ער — באַדאַרף לאָזן הערן איר שטאַרק און מעכטיק וואָרט קעגן דער איצטיקער צעפוילטער וועלט־אָרדנונג . . . אויסשופרן פאַר דער גאָרער וועלט אַז ס'וואַקסט אויף אַ נייע יוגנט, אַ נייער דור, נייע מענטשן, מענטשן וואָס ווילן זיך — נישט געקוקט אויף דער גרויסער פּוסטקייט פון דער איצטיקער וועלט — אויסלעבן אַ לעבן פון טראַכטן, פון טיפער גערדאַנק, פון בענקן נאָך יושר, נאָך אמת און סאָציאַלן יושר . . . "

פון די ערשטע שפּראָצונגען פון דער העברייאישער פּרעסע פון פּא"י אין ארץ ישראל, ווערט באַטראַכט דער „קול העתיד", אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב לנדוי.

דער דאָזיקער נומער איז געווידמעט דער 3־טער לאַנד־קאָנפערענץ פון פּא"י אין ארץ ישראל אין פּתח־תקוה, כ"ה־כ"ז אייר און איז פאָרגעקומען אונטער'ן שאָטען פון די היטלער נצחונות און יאושדיקע שטימונג אין דער יידישער וועלט. אין דעם „נאום הפּתיחה" פון יעקב לאַנדוי, קומט צום אויסדרוק די שרעקלעכע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק:

„בשעת אימים זו, כשהעולם שקוע בלהבות ועם היהודי נתון להרג ולאבדון, למשיסה ולביזה, אנו מתכנסים לכנוס ומתועדים לועידה.

„בלב כל אחד מאתנו מנקרת השאלה: העת לועידות העת הזאת? עם ישראל למיליוניו טובע בים של דם ודמע ואנו אומרים שירת המפלגה? . . . "

ר' יעקב לאַנדוי, דער וועטעראַן אגודה־פירער, גיט איבער אַ לענגערן באַריכט פון צוויי און אַ האַלב יאָר טעטיקייטן, דערגרייכונגען, זינט דעם צווייטן קאָנגרעס אין ארץ ישראל (כסלו תרצ"ה).

עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַכציק (80) דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון זיבעצן מקומות (כמנין טו"ב), פון די סניפים אין תל־אביב, פּתח־תקוה, ירושלים, חיפה און אַנדערע ערטער אין לאַנד.

ביים הויפּט־טיש געפינען מיר צווישן אַנדערע: הגר"מ קאַרעליץ, גייסטיקער פירער פון מפּא"י, הג"ר ראובן כ"ץ, באַרימטע אדמורי"ם, הרב דר. פּינחס כהן, הרב י. מ. לעווין, הרב משה בלוי און אַנדערע גדולים[22].

דער דערוויילטער ועד הפּועל איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע:

יעקב לאַנדא, זאב פישר־שיין, מאיר ווידיסלאַבסקי, דר. קלמן כהנא, און אַנדערע. אין פּרעזידיום: הרב זלמן יענקלביץ, בנימין מינץ, יעקב כ"ץ.

נאָכ'ן „קול העתיד", איז געקומען „שערים", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון פּא"י, וואָס גיט אויך פּלאַץ פאַר אַנדערע ניט פּאַרטיי־שרייבער און איז בכלל, אַ צייטונג (דערשיינט טעגלעך) מיט פּאַרנעם, מיט אינהאַלט, מיט ערנסטע און

באַלערנדע אַרטיקלען — אַ וויכטיקער אָרגאַן און שולע פאַר דעם אָרטאָדאָקסישן שרייבער.

צוזאַמען מיט די פּאַרטיי־אַרטיקלען, דעקנדיק די כראָניק פון אָט־דעם אַרבעטער־סעקטאָר, פּראָקלאַמירנדיק די אייגענע, אומאָפּהענגיק־רעליגיעזע־אַרבעטאָרישע שטעלונג צו די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען . . . געפינט דער לייענער באַלערנדע אַרטיקלען, טיף דורכגעטראַכט און טעאָרעטיש באַגרינדעט וועגן די אידייען און קאָנצעפּציעס פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — אָבער וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

ה ע ר ו ת

א.

1. געבוירן אין לאָדזש, פּוילן אין יאָר 1903; נפטר געוואָרן פּלוצלונג, ט"ו סיון, תשכ"א־מאַי 30, 1961. ער איז געוועזן דער הויפּט פון דער באַוועגונג. אַ צייט געוועזן וויצע־פּאַרזיצער פון כנסת; מיניסטער פון פּאַסט אין דער קאָאַליציע־רעגירונג, קעגן דעם ווילן פון דער אגודת ישראל. זיין לעבן איז געוועזן אַ פלאַמיק התלהבותדיקס פאַר תורה, אמונה און רעליגיעז־סאָציאַלן יושר . . . אָבער וועגן אים ווייטער.
2. ספרי, ראה.

ב.

1. אויסגאַבע פון „פּועלי אמוני ישראל" אין פּוילן, אַרויסג. אין וואַרשע, פּרייטיק, תרומה, ג. אָדר א', תרפ"ד (פעב. 8, 1924). דאָס איז געווען אַן איינצעלנע אויסגאַבע היינט אַ יקר המציאות — באַקומען פון קאָלעגע הרב י. י. וואַלגעלערנטער, דעם באַקאַנטן זאַמלער פון אַזעלכע אויסגאַבעס.
2. ער האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים ל. שיף; ער געפינט זיך די לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרק און פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער רעליגיעז־שריפטשטעלערישער וועלט.
3. אָנגעהויבן דערשיינען פּרייטיק, פּ' פּינחס, כ' תמוז, תרפ"ו (יולי 2, 1926). הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען י. י. בראַון.
4. זע, נומ. 2, 4.
5. אין נומ' 5, „יוד. אַרב. שטימע", י"ז אלול, תרפ"ו — 27.8.26.
6. ערב ראש השנה תרפ"ו — 8.9.26.
7. דער היינטיקער דר. ראָזן פון אַטלאַנטאַ.
8. עס איז מיר אויסגעקומען אים קענען צו לערנען בעת ער איז געווען מנהל פון דעם בית ספר „עץ חיים" אין טאָראָנטאָ. ער איז געווען, לויט מיין אָפּשאַצונג, אַן עקסצענטריק, קנאי, קעגנער פון ציוניזם אָבער חובב ארץ ישראל, האָט תמיד אַרויסגעוויזן אומגעווײנטלעכע ליבע צו ארץ ישראל, אַ שטרענג רעליגיעזער ייד און צוליב זיין עקשנותדיקייט געבליבן אומפאַרהייראַט . . . היינט אַ תושב אין ישראל — אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט אויפריכטיקייט.
9. נפטרה אין טאָראָנטאָ, ערב שבת הגדול, י"א ניסן תש"ו (אַפּריל 12, 1946).
10. ניו־יאָרק, מאַי 30, 1923.
11. תהלים, קכ"ג, ג'.
12. אבות ב'
13. זע, נומער 8. דאָרט איז אויך פאַרעפנטלעכט דער פּא"י הימן פון ל. זאב (זאב ליפּסקער): ניישט פאַרצווייפלען, ניישט זאָרגען מיר קינדער פון מאָרגען; אויב טונקל איז דער היינט, דער מאָרגען פאַר אונז ער שיינט . . . "
14. ל. פראַם, נומ' 4 „יוד. אַרב. שטימע", פרייטאַג, פּ' פקודי, ר"ח אדר א', תרפ"ז, מערץ 4, 1927.
15. דאָרט, „זו תורה וזו שכרה", יצחק מאירזאָן. גליון א', פון דער „יוד. אַרב. שטימע" צווייוועכנלעכער פּועלי אגודת ישראל אָרגאַן, דערשינען, וואַרשע, כ"ה תמוז, תרפ"ט.
16. אברהם משה גרובשטיין, איז געווען דער אַרויסג. פון פאַרלאַג „מסורה" אין לאָדזש, געדרוקט מסכתות פאַר די בתי ספר, ספּעציעל „יסודי התורה", אַרויסגעגעבן, ספרים, צווישן זיי דאָס ספר שו"ת חבלים בנעימים, חלק ד'; „יביע אומר" און „ימין ושמאל" פון מיין רבי'ן, ר' יהודה לייב גרויבאַרט ז"ל.
17. נומ' 1, 4־טער יאָרגאַנג, פּרייטיק, פּ' משפטים, כ"ו שבט, תרצ"א.
18. פּרייטיק, פּ' תצוה, א' אדר, תרצ"א.
19. לאָדזש־וואַרשע, מיטוואָך ערב פסח, י"ד ניסן, תרצ"א — אַפּריל 1, 1931.
20. פּרייטיק, ל' ניסן, 17.4.31.
21. תמוז־יולי, תרנ"ז, 1940, גליון חד־פּעמי.
22. אין איניקע ווערטער, האָט יעדער באַגריסט די היסטאָרישע „ועידה" און זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די אויפגאַבן און צילן.

קאַפּיטל פינף-און-פערציק

פון אגודה צו זעלבסטשטענדיקער באַוועגונג

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אגודת ישראל אלס וועלט־באַוועגונג, איז פאָרגעקומען אין קאַטאָוויץ, פּוילן, אין די טעג פון י"ב־י"ד סיון, תרע"ב מיט דער באַטייליקונג פון גדולי ישראל פון פּוילן, ליטע און דייטשלאַנד. ר' יעקב

א. ווען פייערזאל פון פּוילישן חסידות האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. — אויף די שליאַכן פון געשיכטע.

ראָזנהיים, איינער פון די דריי פון יענער פלעיאַדע פירער וואָס זענען נאָך בחיים, האָט געהאַלטן די פּראָגראַם־רעדע און איז ביי יענער קאָנפערענץ באַשטימט געוואָרן אלס דער לייטער און פּאָליטישער פירער פון דער אגודה.

די עיקרים פונעם אגודה־פּראָגראַם, ווערן אויסגעדריקט אין איין פּאַראַגראַף:

„אגודת ישראל שטרעבט צו פאַרענטפערן אלע פראגן, וואָס שטייען אויפ'ן טאָג־אָרדנונג אינעם יידישן לעבן, אין ארץ ישראל ווי אין גלות, אינעם גייסט פון תורה און מסורה[1]. די שטרעבונג צו דערפילן דעמדאָזיקן פּראָגראַם, האָט געבראַכט צו דער פאַרצווייגונג פון דער באַוועגונג, דורך גרינדן א צעירים באַוועגונג (אין יאָר תרפ"א), א פרויען באַוועגונג — און לסוף אויך א פועלים באַוועגונג.

אין אָנהייב איז די „צעירי אגודת ישראל" באַטראַכט געוואָרן, ווי דאָס קינדער־צימער פון דער אגודה, אָבער ביי דער ערשטער לאַנד־קאָנפערענץ (א'־ג' טבת, תרפ"ח, אין ווארשע) איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן דורך נטע ירוחם בערלינער הי"ד אויף איר אייגנעם, כמעט, זעלבסטשטענדיקן פּראָגראַם מיט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, ניט אכטנדיק וואָס קיין אַנדער פּראָגראַם, אויסער דעם אגודת ישראל תורה־סובערניטעט־פּראָגראַם, האָט ניט געקענט זיין[2] און ווי אירע גרינדער דריקן זיך אויס, „זענען ניט מעגלעך און עס זענען נישטאָ קיין פּראָגראַמאַטישע חילוקים . . . "[3].

א ווייטערן שריט אין דער פאַרצווייגטקייט פון אגודת ישראל, איז געווען די גרינדונג פון דער פועלי אגודת ישראל, ארויסקומענדיק שוין מיט א זעלבסט־שטענדיקע אידעאָלאָגיע און מיט א פולשטענדיק זעלבסטשטענדיקן פּראָגראַם סיי בנוגע יידיש לעבן אין די תפוצות, סיי בנוגע די באַציאונג צום אויפבוי פון ארץ ישראל — די אזוי־גערופענע ציוניסטישע אַספּיראַציעס, (חיבת ציון אין פּאָליטישן זין).

אָבער פריער וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער באַוועגונג.

ווי געזאָגט אין אָנפאַנג, איז די באַוועגונג געגרינדעט געוואָרן אין

פוילן. כ"ו אייר, תרפ"ב (מאי, 1922), איז אין ווארשע פארגעקומען די ערשטע קאנפערענץ פון אגודה־פירער און רעליגיעזע אינטעלעקטואלן וועלכע האבן באשלאסן צו גרינדן אן ארגאניזאציע פון רעליגיעזע ארבעטער אונטערן נאמען „פועלי אמוני ישראל" (שפעטער געענדערט אויף „פועלי אגודת ישראל"). אין יענע ספירה־טעג, איז געלייגט געווארן דער יסוד פון דער דאזיקער באוועגונג אין וועמעס פירערשאפט ס'זענען דאן אריין צווישן אנדערע: דער קדוש יהודה ליב ארלעאן הי"ד; ישראל עדעלמאן; נפתלי שצופאק; לייבל פראם; לייבל שטשעקאטש; בנימין מינץ און אנדערע.

די דאזיקע חברים־מנהיגים האבן קודם כל געזוכט די סיבה פארוואס דער יידישער ארבעטער, אפילו דער רעליגיעזער, מוז אריינפאלן אין דער נעץ פון די מאטעריאליסטיש־אטעאיסטיש־סאציאליסטישע באוועגונגען און פארוואס אויך ביי אים, דעם רעליגיעזן ארבעטער, איז טיף איינגעווארצלט די שנאה און האס צו דער יידישער בורזשואזיע און יידישע בירגלעכקייט. זיי האבן געזען די נעגאטיווע דערשיינונגען אינעם יידישן לעבן אין באצוג צום יידישן ארבעטער, וועלכער שמאכט אין ארעמקייט און אין פינסטערניש; ער האט אפילו ניט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון תורה־לערנען. ווערט ער דעריבער באהערשט פון דער מארקסיסטישער קלאסן טעאריע.

די פועלי אגודת ישראל איז דעריבער ארויסגעקומען פאר דער דערהויבונג פונעם יידישן ארבעטער, אנווייזנדיק, וויאזוי, די תורה, דער שלחן ערוך באשיצט די ארבעטער־אינטערעסן און אויב מ'דארף א נייעם סדר אין דער געזעלשאפט קאן עס געטאן ווערן לויט דער תורה און אין די ראמען פון יידישן געזעץ.

אין פוילן, האט די פא"י געפונען דאס געהעריקע ארט פאר אט די אידייען. אין פוילן, וואו דער פאטריארכאל־רעליגיעזער לעבנס־שטייגער איז געווען גוט איינגעפונדעוועט; וואו די אינערלעכע וועלט־אויפפאסונג אין וועלכער דער ייד האט זיך אויסגעלעבט, האט פאלשטענדיק אנטשפראכן זיין אויסערלעכע אויפפירונג: מנהג, שפראך און הלבשה אפילו אין צייט ווען די לעבנספארמען האבן זיך אנגעהויבן ענדערן מיט אן אומגעהייער שנעלקייט: — דארטן איז אממיינסטענס נויטיק געווען אט די באוועגונג אינערהאלב דער יידישער געזעלשאפט . . .

ווען ס'האבן זיך אנגעהויבן באוויזן בולטע סימנים פון אן אנטאגאניזם צווישן דעם יידישן הארעפאשנעם, ארבעטנדיקן מענטש מיט דער יידישער בורזשואזיע, מיט די גביריש־באלעבאטישער „פני", און נאך מער, ווען ס'האט זיך באוויזן די באדנלאזיקייט פון די מכל המינים מנחם מענדלס און זייער טראגיש־קאמיש לעבן און עקזיסטענץ . . . אין אט דעם „שטורם און דראנג" פעריאד איז געקומען די פא"י אנטפלעקן די אמת'ן פון א יידיש לעבן, אנווייזן אויף די אמת־נאציאנאל־סאציאלע יסודות פון א תורה'דיק לעבן וואס איז בכח ארויספירן די

יידישע געזעלשאַפט פון אירע גרויסע סכנות, איר ראַטעווען פונעם פּלאַנטער אַלס רעזולטאַט פון די נייע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן. זיי האָבן גערופן צו אַ באַזינונג־לעבן סיי ביי די האָרעפּאַשנע־אַרבעטנדיקע און סיי ביי די גבירהאָקראַטיע. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַ טיפן געפיל פון יושר און זעלבסטווירדע; מיט אַ טיפער וועלט־אויפפאַסונג, דורכגעדרונגען מיט מענטשנליבע . . .

עס איז געווען די צייט פון אומרו און נערוועזיטעט אין דער יידישער מחנה — זענען די דאָזיקע יונגעלייט אַרויסגעקומען מיט אַלטע פּסוקים, אָבער, מיט אַ נייער אינטערפּרעטאַציע. זיי זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט ברען און ענטוזיאַזם, מיט אַחריות און געוויסן און אַרויסגעבראַכט די אויפגאַבן פאַר דער אויפריכטונג פונעם רעליגיעזן און בכלל אַרבעטנדיקן מענטשן. זייער רוף איז געווען דער אָנזאָג פאַר אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר אין יידיש־רעליגיעזן לעבן . . .

אין יאָר תרפ"ט (1929), איז אין ווין פאָרגעקומען די גרויסע וועלט־קאָנפערענץ פון אגודת ישראל. אויף דער דאָזיקער גרויסער כנסיה, איז געהערט געוואָרן אָפיציעל דאָס וואָרט פון די פועלים. מיר לייענען אין דעם אויספירלעכן באַריכט פון צוזאַמענפאָר[4] וואָס שליסט אויך איין אַלע רעפעראַטן, רעזאָלוציעס, אילוסטראַציעס, בילדער, ליסטע פון פירער, וועד הפועל, צענטראַל־ראַט א. א. וו. דעם רעפעראַט פון י. ל. אָרלעאַן, פירער פון פא"י, וועגן אָט דער רעליגיעזער אַרבעטער באַוועגונג, אָנווייזנדיק אויף דעם פאַקט אַז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם, איז געוואָרן דער מיטעלפּונקט פון אַלע פּראָבלעמען און אַז „אויף דעם סאָציאַלן שלאַכט־פעלד האָבן מיר יידן בייביידע צדדים, אַ גרויסן אַנטייל . . . "

אָרלעאַן, רופט צו פּראָקלאַמירן דעם נביאישן קוק איבער גערעכטיקייט.[5]

„מיר, פועלי אגודת ישראל, ווילן דאָס פּראָבלעם לייזן דורך שאַפן אַ דור וואָס זאָל פירן אַ מוסטער־לעבן, געשטיצט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט . . . מיר ווילן וועקן ביים פאָלק, דאָס געפיל, אַז די פּאָטענציעלע כחות פאַר'ן צדק, באַוועגן אין דער ערשטער ריי, די אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע, דאָן דעם גאַנצן כלל ישראל און דאָן די גאַנצע מענטשהייט, צו מאַכן הערשן דעם צדק איבער דער וועלט . . . . "

די אָפיציעלע דריי פאָרשטייער פון פא"י אין פּוילן, זענען געווען: ל. פּראַם, י. ל. אָרלעאַן און פאַליק לאַנדענבערג (בילד דאָרט). צוגלייך מיט דער כנסיה, איז פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון פא"י אונטערן פאָרזיץ פון י. ל. אָרלעאַן. די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן מיט התלהבותדיקע רעדעס, אונטער די טענער פון פא"י הימן: „נישט פאַרצווייפלען, נישט זאָרגען, מיר קינדער פון מאָרגען . . ."

די געדאַנקען פון פועלי אגודת ישראל, האָבן געקראָגן אָנזען אויף דער אגודה טריבונע. אויף דער דערמאָנטער „כנסיה הגדולה" (ווין, ה'־י"ב אלול, תרפ"ט) זענען צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן אויפטרייסלענדיקע רייד:

„מיר לעבן איצט אין אַ צייט פון געזעלשאַפטלעכער אויפטרייסלונג. די וועלט איז צעטיילט אין צוויי זיך קעמפנדיקע מחנות: אין אָרימע פּראָלעטאַריער און רייכע קאַפּיטאַליסטן.

„דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם איז געוואָרן דער מיטלפּונקט פון אַלע פּראָבלעמען.

„אויף דעם סאָציאַלן שלאַכט־פעלד האָבן מיר יידן בייביידע צדדים אַ גרויסן אַנטייל. פאַרשיידענע טעאָרעטיקער זוכן צו לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם. וואָלט דען נישט געוועזן אַן אַבסורד, אַז גראָד דאָס ישעיהו־פאָלק זאָל אינעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט נישט זאָגן זיין אייגן אָריגינעל וואָרט, נאָר בלינד נאָכגיין די מאַטעריאַליסטישע לאָזונגען פון די רייכע און אָרימע קלאַסן ביי די פעלקער?"

די דאָזיקע אויפפאָדערונג איז געקומען פונעם פריער דערמאָנטן קדוש י. ל. ארלעאַן, וועלכער האָט פאָרגעזעצט:

„צדק איז דער מיטל צו הכרת השם. אַ מיטל איז אָבער בויגזאַם און איז אויסגעשטעלט אויף אָפּנויגונגען און אויסרעכענונגען. האָט דעריבער השי"ת פון אונז פאַרלאַנגט, מיר זאָלן אין זיך איינפלאַנצן דעם געפיל צו צדק אַלס אידעאַל וואָס ווייס נישט פון קיין פשרות און חשבונות. . "

ארלעאַן וואַרפט שטאַרקע קריטיק אויף רעכטס און לינקס: אויף דעם אַרבעטער קלאַס, וואָס קעמפט פאַר'ן מאַטעריעלן וואוילזיין; און אויף דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס קאָנצענטרירט ביי זיך דעם קאַפּיטאַל, און מאַכט גרויס זיינע רווחים אויף דעם חשבון פון אַרבעטער.

„ביי קיין נישט־יידישע אונטערנעמער — האָט ער געזאָגט — באַקומט נישט דער יידישער אַרבעטער קיין אַרבעט; נאָך ערגער איז אָבער דאָס, וואָס ביי יידישע פאַבריקאַנטן ווערט אויך דער יידישער אַרבעטער אַרויסגעשטויסן.

„מיר, פועלי אגודת ישראל ווילן דאָס פּראָבלעם לייזן, דורך שאַפן אַ דור, וואָס זאָל פירן אַ מוסטער לעבן געשטיצט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט . . . מיר האָבן זיך דעריבער אָנגעשלאָסן אין דער אַלוועלטלעכער אגודת ישראל און נישט אָן דעם סאָציאַליסטיש־אַטעאיסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווייל ס'איז גרינגער צו באַוועגן צו אַ לעבן פון צדק, אַזעלכע וואָס האָבן גאָט אין האַרצן און אָנערקענען דאָס מלכות שמים . . . "

ער האָט דאַן פאָרגעלייגט אַ ריי פּלענער וועגן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין יידנטום און ווי זיי צו לייזן. זיין רעפעראַט איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט אַ ברייטער דיסקוסיע. איינער פון די דעלעגאַטן אברהם מאיר קראַנגראַד הי"ד (רעדאַקטאָר פון די „אָרטאָדאָקסישע יוגנט בלעטער") האָט אין גרויס פּאַטאָס אויסגערופן:

„אַ פּאָזיטיווע ענערגישע אַרבעט פאַר דערלערנען מלאָכה, הויך צו שטעלן

די נהנים מיגיעי כפּים און גרינג צו שעצן די לײדיק־גײער, מעגן זײ אפילו װי הויך־גײסטיק שטײן — דאָס איז אונזער הײליקע אויפגאַבע!"[6].

װי אַזוי האָט דער רעליגיעזער קאָנגרעס זיך באַצויגן צו אָט די פאָדערונגען? װי אַזוי האָבן די פירנדיקע פּערזענלעכקײטן, די מועצת גדולי התורה אויפגעפאַסט אָט די לאָזונגען? װי אַזוי האָט דער ועד הפּועל און צענטראַל־ראַט רעאַגירט אויף די רײד פון די יונגע התלהבותדיקע אידעאַליסטישע פּועלי אגודת ישראל אידעאָלאָגן? דאָס איז ניט געגוי באַקאַנט.

די רעזאָלוציע (די לעצטע אין דער רשימה) בײ יענער היסטאָרישער כנסיה, האָט געלויטעט:

„1. די כנסיה גדולה באַשליסט, אין אַלע גרעסערע אינדוסטריע אָדער האַנדלס־צענטערן, צו גרינדן קאָמיסיעס װעלכע זאָלן באַשטײן פון אַ גלײכער צאָל בירגערלעכע אגודיסטן און פּועלי אגודת ישראל, לויט מעגלעכקײט דאַרפן די קאָמיסיעס שטײן אונטער'ן פאָרזיץ פון דער מועצת גדולי התורה.
די אויפגאַבן פון די קאָמיסיעס זענען:
„א) די רעגולירונג פון סכסוכים צװישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטער.
„ב) צו האָבן השגחה, אַז עס זאָל אָפּגעהיט װערן די מצוות התורה און די גרונדזאַצן פון סאָציאַלער גערעכטיקײט.
„ג) די פאַרמיטלונג פון אַרבעט פאַר תורה־טרײע אַרבעטער.

„2. די כנסיה גדולה פאַרדאַמט אויפ'ן שאַרפסטן אופן, די האַנדלונג פון די ײדישע און ספּעציעל פון די אָרטאָדאָקסישע אַרבעטסגעבער װעלכע באַשעפטיקן נישט אין זײערע געשעפטן ײדישע אַרבעטער. די כנסיה גדולה מאַכט די דאָזיקע ײדישע אַרבעטסגעבער פאַראַנטװאָרטלעך פאַר דעם װירטשאַפטלעכן חורבן פון די ברײטע מאַסן פון דער ײדישער אַרבעטערשאַפט און פאַר דער רעליגיעזער ירידה פון דעם תורה־טרײען פּראָלעטאַריאַט װעלכער ציט נאָך זיך נאָך די עקאָנאָמישע נויט . .

„3. די כנסיה גדולה באַשליסט, דאָס אין אַלע מוסדות פון דער אגודת ישראל מוזן באַשעפטיקט װערן בלויז אָרטאָדאָקסישע אַרבעטער.

„4. די כנסיה גדולה באַשטעטיקט דעם פּלאַן צו שאַפן פאַרזיכערונגס־קאַסעס פאַר אַרבעטסלאָזע און פאָדערט די נײע עקזעקוטיװע אַלע פאַרשלאָגן אין דעם ענין װי אַמשנעלסטן דורכצופירן.

„5. די כנסיה גדולה באַשליסט, צו גרינדן קאָאָפּעראַטיװע געזעלשאַפטן, כדי צו לינדערן די װירטשאַפטלעכע נויט פון די ײדישע אַרבעטער און פאָדערט אויף די עקזעקוטיװע צו שטיצן אַזעלכע געזעלשאַפטן אומעטום װאו זײ אַנטשטײן נאָר בײ אָרטאָדאָקסישע ײדן."

די ערשטע ארויסצוקומען דורך שריפט און ליטעראַטור, מיט׳ן פּועלי־אגודיסטישן געדאנק אין פּוילן, זענען געוועזן, ווי דערמאָנט, לייב פּראַם, י. ל. אָרלעאַן, הרב בן ציון כ״ץ, לייב שטשעקאַטש און אנדערע. די ערשטע זענען

ב. אַ קינד וואָס איז שנעל רייף געוואָרן. — אַ באַוועגונג פון רעליגיעזע אַרבעטער. — די ראשונים פון פּועלי אַגודיזם.

אומגעקומען צוזאַמען מיט׳ן פּוילישן יידנטום, ווי קדושים זענען זיי געפאַלן אויפ׳ן מזבח פון קאַמף פאַר קדושת החיים. ל. שטשעקאַטש (היינט אדוו. ראַזן) האָט זיך על פי נס געראַטעוועט פונעם גיהנום, פּראַקטיצירט איצט יוריספּרודענץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זעצט פאָר אויף שטילן באַשיידענעם אופן זיין ליטעראַרישע אַרבעט, זייענדיק ווייט פון יענער אַזוי רעשיקער תקופה.

אין זיין בראָשור: „דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער גערעכטיקייט״[1], ברענגט לייב פּראַם, דער ערשטער, ארויס צו דער עפנטלעכקייט, די צילן און אויפגאַבן פון דער פּועלי אגודת ישראל. י. ל. אָרלעאַן, שרייבט אין זיין אריינפיר: „אונזער אידייע, די אידייע פון אבסאָלוטן יושר לויט דער תורה, איז נישט ניי און אומבאַקאַנט. זי איז אַלט, ווי אַלט ס׳איז די תורה, ווי אַלט ס׳איז דאָס יידישע פאָלק. פאַר אַ גרויסן טייל פון דער יידישער מאַסע און פאַר דער היינטיקער אינטעליגענץ איז זי אָבער ניי און פאַר זיי מוז מען עס זי פּראָפּאַגירן.

. . . ״ האָט זיך טאַקע געוואונדערט דער פּרייגייסטיקער דר. חיים זשיטלאָווסקי (אין זיינס אַן אַרטיקל וועגן „פּועלי אמוני ישראל״, מיט עטלעכע יאָר צוריק), וואָס ער דערהערט ערשט צום ערשטן מאָל — ביים אָנהייב פון דער רעליגיעזער אַרבעטער באַוועגונג די קלאַנגען פון יידישן יושר. 30 יאָר — וואונדערט ער זיך — האָט מען שוין ביי יידן גערעדט וועגן סאָציאַליזם און דאָס יידישע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל יושר אין זיך, אַזויפיל רעליגיעז־האַרציקן יושר, האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן מיט אַן עכט יידיש קול? . . . ״

„מיר קומען אַלזאָ צום יידישן פאָלק מיט זיינע אַלטע אידייען וועלכע דאָס פאָלק האָט פאַרגעסן, מיט׳ן צוועק זיי צוריק אריינפירן אין דעם לעבן, וואו זיי האָבן שוין גאָר קיין פּלאַץ ניט געהאַט — דאַרף מען זשע דאָך אָט די דאָזיקע אידייען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט לויט דער תורה פּראָפּאַגירן כדי דאָס פאָלק זאָל עס אליין באַלעבן און ווידער אויף זיך נעמען, ס׳זאָל זיין: „הדר קבלוה״.

אָרלעאַן שרייבט ווייטער[2]:

„. . . ווער ס׳איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון פּא״י ווייסט, אַז פּא״י איז געשאַפן געוואָרן סטיכיש (קורסיוו — מיינער, נ. ש.), אָן יענע צוגרייטונג וואָס אַ פּאַרטיי דאַרף האָבן פאַר איר געבוירן ווערן. עטלעכע פּוילישע יונגעלייט, רעליגיעזע אַרבעטער, מענטשן פון

פּאָלק, זענען צוגעטראָטן און געגרינדעט פּועלי אמוני ישראל. נישט די אינטעליגענץ, נישט די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע אונזערע, נישט די גרויסע אידייען־מענטשן; פּשוטע פאָלקס־מענטשן זענען עס געווען די שעפער פון דער היסטאָרישער באַוועגונג: פּועלי אגודת ישראל . . . ווען פּא״י האָט שוין עקזיסטירט און מען האָט געמוזט איר פּראָגראַם אָנצייכענען, האָט קיינער, אַפילו די אינטעליגענטן, וואָס זענען שפּעטער צו דער באַוועגונג צוגעשטאַנען, נישט געוואָלט עס טאָן. קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער ערשטער . . . ביז די נויטווענדיקייט פון אַ פּא״י־ליטעראַטור איז שוין געוואָרן אַזוי בולט און דרינגענד . . . אַז מ׳האָט שוין לענגער נישט געקענט זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין אין דעם פּרט באַשיידן און חבר פראם, וועלכער שטייט אין צענטער פון דער פּא״י באַוועגונג, און וועלכער האָט דעריבער די דאָזיקע נויטווענדיקייט אַמשטאַרקסטן געפילט, האָט עס געבראַכט זיין באַשיידנקייט אַ קרבן אויפ׳ן מזבח פון אונזער הייליקן אידעאַל און ער האָט געשאַפן די טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונג איבער פּא״י אונטערן נאָמען, „דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער גערעכטיקייט״ . . .

לייבל פראם, דער חסידיש־התלהבות׳דיקער יונגערמאַן, האָט געמאַכט דעם ליטעראַרישן אָנהייב, אַרויסברענגענדיק די פּועלי־אַגודיסטישע יהדות־אידייע, דעם אידעאַלן געדאַנק און דראַנג פון אַ רעליגיעז־תורהדיקער אָרדנונג, אַרויסברענגענדיק אויך די שיטה פון דער תורה, ווי צו לייזן די פּראָבלעמען פון דער טראַגישער אומגלייכהייט אין דער געזעלשאַפט, אין קאָנטראַסט צו דער סאָציאַליסטיש־אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטיש־מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג.

ל. פראם ווייזט אָן, ווי די תורה רעגולירט דעם מענטשנס לעבן דורך די 613 מצוות, צווישן זיי, מצוות בין אָדם לחבירו, די געזעצן פון דער גרעסטער מאָראַל און אַבסאָלוטן יושר וועלכע רינגלען אַרום זיין גאַנצן לעבנס־וועג . . . געזעצן וועלכע נעמען אַרום יעדן פּרט פון לעבן און זענען פּרעציז ביז גאָר . . . רעגולירנדיק די באַציאונגען צווישן ברודער מענטש און באַזונדערס, די באַציאונגען פונעם אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער . . .

די פּועלי אגודת ישראל באַרעכטיקט אויך דעם פּאָליטישן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט: אויסקעמפן אומבאַגרענעצטע וואַל־רעכט צו די פּאַרלאַמענטן און צו אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; אויסקעמפן סאָציאַלע שוץ־געזעצן — און בכלל אַלע מענטשלעכע פּריוויליעגן . . . אָבער בתנאי, דאָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט׳ן תורה געזעץ און תורה יושר.[3]

יהודה לייב אָרלעאַן איז נאָכדעם אַרויסגעקומען מיט מער קאָנקרעטע פּלענער פאַר דער באַוועגונג און איר קאַמף אין יידישן לעבן. זיין רוף: „צו זאַטע און צו הונגעריקע״,[4] האָט געמאַכט אַ רושם אין אַלע קרייזן צוליב דער געוואַגטקייט און פּראַקטישקייט אינעם סאָציאַלן שלאַכט־פעלד, באַטאָנענדיק דעם

נביאישן קוק איבער גערעכטיקייט, וועקענדיקביים יידישן פאָלק דעם טיף־פאַרוואָרצלטן יושר־געפיל.

ארלעאַן ווייזט אָן, אז „ביים יידנטום, איז נישט מאַטעריאַליזם און אַפילו נישט גערעכטיקייט דער העכסטער אידעאַל. דער העכסטער אידעאַל איז גאָט אליין. אינעם גאַנצן לעבן און אין דער גאַנצער וועלט מוז אנערקענט ווערן גאָט אַלס דער איינציקער באַשעפער און הערשער. די ברידערלעכקייט צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען דאַרפן זיין פאַרבאַדינג און רעזולטאַט פון דער הויפּט־אידייע: הכרת מלכות שמים, ווי דער נביא זאָגט: הגיד לך אָדם מה טוב ומה ד׳ דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד, והצנע לכת עם ד׳ אלקיך" . . . צ ד ק איז בלויז אַ מיטל צו הכרת השם וואָס איז דער עיקר . . . פאַקטיש אַ מיטל און רעזולטאַט 5

ארלעאַן רעדט אויך וועגן דעם שווערן מצב פון יידישן ארבעטער אין פוילן, באַהויפּטנדיק צווישן אנדערן:

„ביי קיין נישט־יידישע אונטערנעמער באַקומט דער יידישער ארבעטער ניט קיין ארבעט. דער קריסטלעכער פאַבריקאַנט קאָן באַשטיין אַפילו טייערער צו צאָלן דעם קריסטלעכן אַרבעטער, אַבי קיין ייד נישט צונעמען. און אַפילו ביי די יידישע אונטערנעמער און פאַבריקאַנטן ווערט אויך דער יידישער ארבעטער אַרויסגעשטויסן . . . "

אין 1921, ברענגט ער אַלס אילוסטראַציע, זענען ביי דער אויסאַרבעטונג פון רוי־שטאָף געווען באַשעפטיקט אין י י ד י ש ע פאַבריקן אויף 127,983 ארבעטער — 93,522 קריסטלעכע אַרבעטער. אין דער גרויס־אינדוסטריע, ברענגט ער, זענען געווען זייער ווייניק יידן באַשעפטיקט. יידן זענען געוויינטלעך באַשעפטיקט אין אַזעלכע אינדוסטריעס וואו די אַרבעטלאָזיקייט שוועבט שטענדיק אין דער לופט . . . נאָך מער ליידן דערפון רעליגיעזע אַרבעטער און ער טאַדלט דעריבער די פרומע פאַבריקאַנטן וועלכע נעמען אריין קריסטלעכע ארבעטער צו ארבעטן ביי זיי שבת און יום־טוב אויפ׳ן סמך פון שטר מכירה. דער רעזולטאַט איז, אז דאָס פאָלק וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַזאַ שטאַרקע פאַרשטענדעניש פאַר דער טיפקייט פון סאָציאַלן געדאַנק — אָט דאָס פאָלק האָט ממש פאַרלוירן די סאָציאַלע עמפינדלעכקייט פאַר די ליידן פון אירע אייגענע פּראָלעטאַריער . . .

די אויפגאַבע פון פּועלי־אגודיזם, האַלט ער, דאַרף זיין, אויפצואוועקן דעם געפיל און חוש פון יידישן צדק און יושר. די רעליגיעזע וועלט ווערט דורך אים גערופן צו אָפּפערוויליקייט פאַר די יסודות פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן, אויפצו־ברויזן דעם רעליגיעזן פּאַטאָס און זען, אַז דאָס רעאַלע לעבן זאָל זיין באַהויכט מיט׳ן גייסט פון די נביאים.

זיין קרעדאָ, וואָס איז, אייגנטלעך דער קרעדאָ פון דער באַוועגונג, איז אַזוי אַלט ווי עס איז דאָס יידנטום און איז באַזירט אויף די צוויי הויפּט־יסודות: צ ד ק

און א מ ו נ ה , און זיין לאָזונג איז שטענדיק: „אם אין אני לי מי לי". דאָס, האלט ער, דאַרף זיין די לאָזונג ניט בלויז פאַר'ן יחיד, נאָר א יסוד פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער ארבעט. באַקעמפן דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַראַזיטנטום. ער רופט די רעליגיעזע ארבעטער אַראָפּצוגיין פון קעסט, און מער ניט דולדן די נ ה מ א ד כ ס ו פ א , צו ווערן די דינאַמישע קראַפט פון העראָאישע מעשים פאַר אונזער פאָלק'ס אידעאַל.

אין זיין פּראָפּאַגירן די אידייע פון פועלי אגודיזם, וואָס איז, ווי ער גיט צו, אַזוי אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק, באַרירט ער דעם שטאַט און סטאַטוס פון דער יידישער קהילה, די רומפולסטע אינסטיטוציע אין יידישן לעבן, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט די יידישע אידייע אויף דעם מאָראַלישן צוטרוי מצד דעם יידישן כלל פון איין זייט און אויף דער הערשנדיקער מלוכה־מאַכט פון דער צווייטער זייט . . . די קהילה האָט געבראַכט צום אויסדרוק די יידישע אידייע דורך א כלל לעבן; די קהילה האָט פאַראייניהייטלעכט אַלע אירע מיטגלידער צו איין שטרעבונג. די קהילה האָט די אידייע פון יידישקייט אַרויסגעפירט פונעם רשות היחיד אינעם רשות הרבים אריין . . . די קהילה האָט, לויט איר ווירקונג און אָרגאַניזאַטאָרישער פאָרם באַקומען געוויסערמאָס א מלוכה־כאַראַקטער. דאָס פּראָגראַם פון דער קהילה־ארבעט איז אָבער געווען באַגרעניצט . . . די קהילה האָט אויסגענוצט איר גאַנצע סואווערעניטעט אויף איינצופירן א פעסטע דיסציפּלין, גאַראַנטירט די פאַרווירקלעכונג און דויערהאַפטיקייט פון איין איינציקן יידישן יסוד, פון אמונה.

די קהילה, ווייזט ער אָן, האָט אויך געטאָן א סך פאַר צדק, אָנגעפירט א ברייטע פאַרצווייגטע סאָציאַלע טעטיקייט, און אויך געצוואונגען צו זיין געהאָרכזאַם צו די פסקים פון בית־דין, אין די סכסוכים פון „בין אָדם לחברו"־כאַראַקטער. זי האָט אָבער נישט, גיט ער צו, אויסגענוצט איר קראַפט צו רעגולירן דעם שטענדיקן, דויערנדיקן סכסוך צווישן אַרבעטער און ארבעטסגעבער; זי האָט נישט פון אייגענער איניציאַטיווע געשאַפן קיין תקנות וואָס זאָלן דעם אַרבעטער געבן די געלעגנהייט צו פירן א מענטשלעך, און נישט קיין שקלאַפיש לעבן. אין זיינע ווערטער: „עס איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן אַנטקעגן דעם מאַסענהאַפטן און קאָלעקטיוון עובר זיין אויף די בפירוש'ע תורה־געזעצן לגבי דעם יידישן אַרבעטער." ער גיט אָן געוויסע סיבות פאַרוואָס די קהילה איז נישט געוואָרן „דער מאָראַליש־יורידישער אָרגאַן צו לייזן אַלע פראַגן פון יהדות", די בירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע האָט אפשר גורם געווען צו דער פּאַסיוויטעט, און דאָס האָט גורם געווען און דערפירט צו דעם, אַז די אויפגאַבע פון לייזן די שווערע סאָציאַלע פּראָבלעמען, זאָל דער יידישער אַרבעטער אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און טרייב־קראַפט, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אַז מען וועט אים שוין פאַרזאָרגן.[6]

אמת איז, אַז ארלעאָן האָט ניט אַרויסגעבראַכט אַלע שאָטנדיקע זייטן פון

דער קהילה, וועלכע איז אין געוויסע צייטן באַשטאַנען פון אליין געקרוינטע ת ק י פ י ם פון „פני", וועלכע האָבן דורך זייער מאָה זיך דערוואָרבן די אבסאָלוטע דעה און ווייט געווען פון וועלכער עס איז דעמאָקראַטישער איינשטעלונג. בלויז א דאַנק דעם טיפן יושרדיקן געפיל, איז דאָס יידישע לעבן געפירט געוואָרן פאַר יאָרהונדערטער אויף די פרינציפּן פון מענטשלעכער פאַר־שטענדעניש. א דאַנק דער אמונה און תורהדיקן חוש, זענען א סך עוולות אויסגעמיטן געוואָרן, ניט ברענגענדיק צו עפנטלעכן חלול השם, און אין א סך פאַלן האָט דאָס געבראַכט צו אָפטע מחלוקות, רייבונגען, מסירות און חלול השם. פא"י זאָגט ווייטער ארלעאָן, האָט דעריבער גענומען די איניציאַטיווע צו מאַכן דאָס יידישקייט פאַר א באַדייטנדיקן פאַקטאָר אינעם רעגולירן די ארבעטס און לעבנס־באַדינגונגען פונעם יידישן אַרבעטער. דער יידישער צדק זאָל איבערגיין פון זיין סטאַטישן אין דינאַמישן שטאַנד.

ניט לייכט איז עס געווען, צוזאַמענצונעמען אָט די תורה־דיינקנדיקע און ארבעטאָריש־באַהויכטע יינגעלייט, פאַר דער אידייע פון שאַפן א וועלט־באַוועגונג. ס'זענען געווען שוועריקייטן אין אָרגאַניזאַציאָנעלן און אין וועזנטלעכן זין. דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום, איז דאָך אפילו אין פוילן, ווייט ניט געווען מעור אחד.

דאָס יידישע לעבן האָט פּולסירט „על פי התורה אשר יורוך" . . . אָבער יעדער רבי און יעדער רב מיט זיין קרייז און מיט זיינע חסידים־נאָכפאָלגער—און עס איז די פיאָנערן פון פא"י אָנגעקומען זייער שווער צו עפענען די האָריזאָנטן פאַר א געמיינזאַמען פּראָגראַם און פאַר א האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט. אויף דערויף האָט זיך געפאָדערט געוואַלטיקער סבלנות און אומגעהויערער מסירת נפש.

ה ע ר ו ת

א.

1. זע, נטע ירוחם בערלינער, צעירי אגודת ישראל . . . תרצ"א, ז' 10.
2. דאָרט, באריכות.
3. דאָרט, ז"ז 36־35.
4. כנסיה גדולה, וועלט קאָנגרעס פון אגודת ישראל (ווין, ה'־י"ב אלול, תרפ"ט). אויספירלעכער באריכט פון דער 2־טער כנסיה הגדולה, רעדאַגירט דורך אברהם מאיר קראַנגראַד, פאַרלאַג און הויפּט־פאַרקויף: חודש זשורנאַל, „אָרט. יוגנט בלעטער", וואַרשע, תר"צ — 1930.
5. א גרעסערן טייל פונעם רעפעראַט, קען מען געפינען אין זיין בוך „צו זאַטע און צו הונגעריקע".
6. כנסיה גדולה ב', דאָרט, ז"ז 37־31.

ב.

1. „ייד. ארבעטער פאַרלאַג", וואַרשע, תרפ"ח.
2. דאָרט, ז"ז 5־4.
3. ז"ז 63־51.
4. פאַרלאַג, „אונזער בוך", וואַרשע, תרצ"א.
5. דאָרט, ז"ז 17־12.
6. ז"ז 50־44.

קאַפּיטל זעקס-און-פּערציק

טעאָרעטישע באַגרינדונגען

אין יענער צייט זענען דערשינען נאָך אַ צאָל בראָשורן און ביכלעך וועגן רעליגיעזן סאָציאַליזם. דאָס וויכטיקסטע, איז די אַרבעט פון הרב יצחק כ״ץ, „פּראָבלעם פון אַרבייט און אַרבייטער, אין ליכט פון תורה און תלמוד״[1].

א. חוש פאַר צדק און געפיל פאַר יושר. — סאָציאַלער פּאַטאָס און געזעלשאַפטלעכער רעאַליזם.

דאָס איז אַ שטודיע פון אַ גרעסערן פאַרנעם. דער מחבר אַנאַליזירט גרינטלעך און יסודותדיק די השקפה פון רעליגיעזן סאָציאַליזם. ער סומירט זיינע געדאַנקען און מיינונגען פאַר וועלכע ער ווערט געלויבט פון אָנגעזעענע רבנים. הרב מאיר דן רפאל, אָסטראָווער רב, און הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן, פּלונסקער רב, דריקן זיך אויס מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן די ווערק פון הרב כ״ץ, די נוצלעכקייט פון זיינע אַרבעטן און די באַלערנטקייט פון זיינע שטודיעס.

דער מחבר[2] האַלט זיך זייער באַשיידן וואָס שייך זיין ביטראָג צו דער שטודיע פון סאָציאַלן פּראָבלעם. ער איז אָבער אש־להבה, קעגן דעם קאָמוניסטישן סאָציאַליזם, קעגן דער יעווסעקציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו באַקעמפן רעליגיע. דאָ פאַרלאָזט ער דעם קילן טאָן, דעם וויסנשאַפטלעכן נוסח. ער אַלאַרמירט די וועלט קעגן געפאַר פון די „רויטע טייוואָלאָנים״, „רויטע חבריא״ און אַנדערע ענלעכע עפּיטעטן, מיט וועלכע ער באַצירט די סאָציאַליסטישע מאַרקסיסטן. און ווי זאָגן די חכמים ז״ל, בא לכלל כעס, בא לכלל טעות, הרב כ״ץ, אין ציטירן מאַרקס׳ן, טרייבט ער אַביסל איבער[3] אפילו אַ קעגנער דאַרף מען באַקעמפן בלויז דורך ערלעכע אופנים, איבערגעבן פּינקטלעך וואָס יענער האָט געזאָגט . . .

די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, שטרעבנדיק אָפּצושאַפן די קלאַסן־געזעלשאַפט, זענען אָבער דורכאויס קעגן פּראָגראַם פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. זיי זענען קעגן נוצן מאַכט, קעגן בלוטיקע רעוואָלוציעס, קעגן באַנוצן געוואַלט־מיטלען און דיקטאַטאָרישע מעטאָדן וואָס באַדראָען די מענטשלעכע פרייהייט.

די פּועלי אגודת ישראל, זיינען, ווי תורה ועבודה, פאַר אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין וועלכער עס זאָל מער ניט הערשן קיין אַנטאַגאָניזם צווישן פּראָלעטאַריער און בורזשואַזיע; עס זאָל מער ניט מעגלעך זיין אַ סיסטעם פון עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטירער. אָבער, זיי זענען איבערצייגט אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך שלומדיקע אויספּלאַנירטע ווירטשאַפט־סיסטעמען,

דורך אַן עוואָלוציאָנערן פּראָצעס וואָס זאָל ברענגען דעם אמתן פּראָגרעס און ליקווידירן די איצטיקע געזעלשאַפט פון אונטערדריקטע און אונטערדריקער, שקלאַף, פּאַטריציער און פּלעבייער . . . עס זאָל מער ניט זיין קיין קלאַסן־גראַדאַציעס, נאָר איין מענטשהייט אין וועלכער אַלע זאָלן קענען געניסן פולע פרייהייט פון אויסדרוק און שעפערישקייט אויף אַלע געביטן, אריינגערעכנט די אינדוסטריעלע און פּראָדוקטיווע קרעפטן.

די רעליגיעזע ארבעטער־באַוועגונגען קענען בשום אופן ניט מסכים זיין צו דער מאַרקסיסטישער הנחה „אַז דער ערשטער שריט אין דער ארבעטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז צו דערהויבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער מדרגה פון אַ הערשנדן קלאַס, דעראָבערן די דעמאָקראַטיע.” ביי זיי איז הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט געמיינט עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פון יושרדיקער אָרדנונג, באַזירט אויף רעכט, יושר, דעמאָקראַטיש־געזעץ און ניט דאַרפן עקספּראָפּריאירן פּריוואַט־אייגנטום; אַ סאָציאַל־גערעכטע געזעלשאַפט אויף צופרידנשטעלן די גאַנצע מענטשהייט, אַ געזעלשאַפט אויף וועלכער אפילו מפא״י־פירער שטרעבן. ווי בן גוריון האָט זיך ניט לאַנג צוריק אויסגעדריקט:

„אני רוצה לראות בישראל דימוקרטיה וסוציאליזם שניתנו במעמד הר סיני . . .”

אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט דאַרף באַקעמפן די מעטאָדע פון „דער ציל הייליקט דאָס מיטל”.

ווי אַן אריינפיר צו הרב כ״ץ'עס ארבעט, פּאַסט זיך גוט דאָס קליינע ביכעלע פון יעקב לייטער „סאָציאַליזם און יהדות”, אין וועלכן דער מחבר ווייזט אָן, אַז „די הויכע, גראַנדיעזע געטלעכע אידייע וואָס רופט זיך יהדות, איז אדורכגענומען מיט די ערהאַבענסטע אידעאַלן פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט . . . הויכער מאָראַל און ריינער עטיק . . . און שטרעבט צו אַן אָרדנונג פון פרייהייט און גערעכטיקייט; ברידעלעכקייט אין דער בחינה פון „וחי אחיך עמך”.

יעקב לייטער ברענגט דעם פאַקט, אַז די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן זענען געקומען „פון ישיבות און בתי־מדרשים, אין וועמעס אויערן עס האָט נאָך געקלונגען דער צאַרטער, זיסער גמרא ניגון, און זענען ווייניק וואָס נתפּעל געוואָרן פונעם סאָציאַליזם וואָס האָט פאַרהילכט די וועלט מיטן „שופר של משיח”. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז בנוגע מדות און מוסר, אלס יסוד פאַר די ריינע און אבסאָלוטע אידייען פון צדק און יושר, שטייט יהדות ניט נידעריקער פון סאָציאַליזם. יהדות איז דער מקור פון די וויכטיקסטע עיקרים פון דער סאָציאַליס־טישער אידעאָלאָגיע”.

אויך ער, טאַדלט די יעווסעקציע און די אַטעאיסטישע סאָציאַליסטן, אָבער מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, מיט לאָגישע ארגומענטן אנשטאָט אינסינואירענדע אויסדרוקן. ער אַפּעלירט צו דעם געוויסן און באַוואוסטזיין, באַווייזנדיק אויך,

אַז קאַרל מאַרקס, זייענדיק אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן, האָט ניט געקענט קיין ייד.

דאָרט, וואו דאָס פאַרגרעסערן מאַטעריעלע פאַרלאַנגען און באַגערן ווערט באַטראַכט פאַר אַ לעבנס תוכן, און דאָס ווילדע יאָגעניש נאָך פאַרגעניגן און וואוילטאָג פאַר אַן אידעאַל, דאָרט איז אָפּגעטעמפּט דער חוש און פאַרשטענדעניש פאַר ריין־גייסטיקע אידעאַלן . . . פאַר פרידלעכע באַציאונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און עס מוזן הערשן די סאָציאַלע קאָנטראַסטן, דער מוראַדיקער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם . . . „דאָס יידישע פאָלק, שרייבט ער, מיט זיין התלהבותדיקייט, מיט זיין הייסן שטרעבן צו קדושה און דביקות, קען באַשאַפן די דאָזיקע מוסטער געזעלשאַפט און ווערן „נס לגוים", דער מוסטער פאַר אַלע פעלקער".

דאָס ביכל, ווי דער מחבר דערקלערט, איז געשריבן געוואָרן נאָך איידער די באַוועגונג „פועלי אגודת ישראל", איז געקומען אויף דער פּאַרטיי־אַרענע און איז געוועזן אומבאַקאַנט אויף דער יידישער גאַס. „זייט יענער צייט", גיט צו דער מחבר, „איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע שטאַרק אויסגעוואַקסן, און האָט זיך פאַרצווייגט סיי אין דער ברייט, סיי אין דער טיף."

די הויפּט־אויפגאַבע אין יענע יאָרן איז געוועזן צו באַווייזן אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט געוועזן אַ בורזשואַזיש־הענדלעריש־פאָלק, ווען נאָר עס איז פאַר אים מעגלעך געוועזן צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן.

ב. קעגנערשאַפט צו ערשטער מאַי פייערונג. — וועגן פּריוואַט־אייגנטום. — טעאָרעטישע איינשטעלונגען.

פון די גאָר אינטערעסאַנטע און גאָר מערקווירדיקע בראָשורן, אַרויסגעגעבן פון דער פּא"י אין פּוילן, איז „דער ערשטער מאַי — פאַרוואָס מ'דאַרף אים נישט פייערן"[1]. דער מחבר, ל. שטשעקאַטש, גיט אַ געשיכטלעכן איבערבליק פון 1־טן מאַי, אַרבעטער יום טוב, זיין באַדייט און פאַרנעם — און פאַרוואָס רעליגיעזע אַרבעטער דאַרפן ניט פייערן דעם דאָזיקן פייערטאָג. אין די זעכצן זייט־לעך, מאַכט שטשעקאַטש אַ טיפן אַנאַליז וועגן די סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלן, אַרבעטער־קאָנגרעסן און אַזוי ווייטער.

„דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל" — שרייבט ער — וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון קאַרל מאַרקס אין יאָר 1864, איז זיך צעפאַלן צוליב דעם פּאַריזער פּאָגראָם און באַקונין'ס אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע . . . ערשט אין יאָר 1888, איז אויפ'ן קאָנגרעס פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט אַרויס־געזאָגט געוואָרן דער געדאַנק איינצואָרדנען אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב . . . אין 1889, איז אין פּאַריז צום ערשטן מאָל אויפסניי פאָרגעקומען אַן אַלוועלטלעכער אַרבעטער קאָנגרעס. דער דאָזיקער קאָנגרעס וועלכער איז געוועזן

דער ערשטער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט באַשלאָסן אַז אין דער גאַנצער אַרבעטער וועלט זאָל געפייערט ווערן דער ערשטער מאַי פון 1890, אַלס יום טוב פון אַרבעטער סאָלידאַריטעט . . ."

שטש. פרעגט: פאַרוואָס גראַד אין ערשטן מאַי?

און ער ענטפערט:

„מאַי איז דער ערשטער חודש פון אויפוואַכענדיקן פרילינג. די אַמאָליקע עגיפּטער, רוימער, גריכן, סלאַוון און אַנדערע האָבן אין דעם חודש געפייערט זייערע יום טובים צו די אָפּגעטער פון פרילינג. די קירכע האָט אויך אויסגענוצט דעמדאָזיקן חודש פאַר איר פּראָפּאַגאַנדע . . . די סאָציאַליסטן האָבן דעריבער די ערשטע געוואָלט אויסנוצן די שטימונג פון די מאַסן פאַר'ן פרילינג און באַשטימט איר אינטערנאַציאָנאַלן יום טוב אינעם דאָזיקן חודש . . . אין יאָר 1890, האָט די אַרבעטערשאַפט צום ערשטן מאָל געפייערט דעם ערשטן מאַי.

„דער 80־יאָריקער פראַנצויזישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט וויקטאָר קאָנמידעראַנט, איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו פייערן דעם 1־טן מאַי.

אין דעם ערשטן יאָר, איז דער דאָזיקער אַרבעטער יום טוב געפייערט געוואָרן אין פּאַריז, ווין, בערלין און אַנדערע גרויסע שטעט און אַרבעטער־צענטערן. אין פּוילן איז דער 1־טער מאַי געפייערט געוואָרן אין וואַרשע, לעמבערג, קראָקע אין יאָר 1891 און אין לאָדזש און אַנדערע שטעט אין 1892 — אָבער אַלץ אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב.

דער באַשלוס פון קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געלויטעט:

„די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער דאַרפן די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס איינאָרדנען אַנטשפּרעכענד צו די באַדינגונגען, וועלכע הערשן אין די באַזונדערע לענדער . . . " אין די יאָרן 1905־1906, איז דער ערשטער מאַי געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יום טוב אין וועלכן ס'איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג:

„אַלע וואָס אַרבעטן, זאָלן רעגירן מיט דער וועלט! אַלע וואָס אַרבעטן, ליידן און ווערן באַעולהט, אונטערדריקט, זאָלן דעמאָנסטרירן אונטער איין פאָן, כדי צו ווייזן דער גאַנצער וועלט די סאָלידאַריטעט פונעם אָרגאַניזירטן און אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט".

שטשעקאַטש באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דער ערשטער מאַי, איז ניט באַזירט אויף וועלכער ניט איז היסטאָרישע געשעעניש און אַז אין יעדן לאַנד, זענען די מאָטיוון געווען פאַרשיידנאַרטיק און דעריבער האַלט ער, דאַרפן רעליגיעזע אַרבעטער איבערהויפּט ניט פייערן דעם יום טוב . . .

ער רופט דעם רעליגיעזן אַרבעטער: אַנשטאָט, „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך", שרייבט אויף אייערע פאָנען, קריצט איין אין אייערע מוחות און הערצער, דאָס העכסטע מענטשלעכע געבאָט: „ואהבת לרעך

כמוך!״ ... מ ע נ ט ש ן פ אַ ר א י י נ י ק ט א י י ך ! פאַראייניקט אייך אונטער דער פאָן פון דער תורה! קריצט איין אין אייערע הערצער דעם אידעאַל פון דער תורה! וועט די צוקונפט זיין אונזער אַלעמענס און דער פּראָלעטאַריאַט אין ערשטער ריי וועט פאַקטיש באַפרייט ווערן פון די קייטן פון נויט און הונגער, פון אומרעכט און אונטערדריקונג, באַעולהונג און עקספּלואַטאַציע!

אויב צווישן אונז אַרבעטנדיקע און ליידענדע ברידער, איז נאָך גייסטיק פינסטער? לאָמיר אָנצינדן דאָס אייביקע געטלעכע תורה־ליכט!

„כי אשב בחושך — ד׳ אור לי ! . . . ״

אין דער פראַגע פון אַרבעטס־קראַפט און אַרבעטס ווערט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז פאַראַן אַ גאַר טיפער תהום, צווישן דעם מאַרקסיסטישן און רעליגיעז־סאָציאַליסטישן פּועלי אגודיסטישן צוגאַנג.

די תורה באַקעמפט דעם עגאָאיזם; זי לערנט — „וחי אחיך עמך״! זי באַקעמפט דעם מאַטעריאַליזם און דערהייבט דעם מענטשן, דערציט אים, לויט׳ן שלחן ערוך צו די העכסטע גייסטיקע אַטריבוטן פון יהדות, צום „שלטון הרוח על החומר״; זי פירט דעם מענטשן אויפ׳ן וועג צום „אחרית הימים״, צו דער וועלט פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, צו אַ תורה סובערניטעט פון כולו צדק ויושר . . .

ארויסקומענדיק פון אָט די הנחות קומט ל. פראַם צום עיקרדיקן אויספיר פאַר דער לייזונג פון די אַרבעטער פּראָבלעמען, וואָס קאָן נאָר מעגלעך זיין דורך דער באַזייטיקונג פון דער מחלה וואָס שטערט אין פּראָגרעס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט: באַזייטיקן די סיבות וועלכע האָבן די דאָזיקע נויט פאַראורזאַכט — די גאָטלאָזיקייט פון די היינטיקע מענטשן און די נישט־תורהדיקייט פון היינטיקן לעבן . . . [3] פאַראייניקן די אַרבעטער אין מעכטיקע פאַראיינען, אין אַן אָרגאַניזירטן כח אויף צו פאַרמיידן די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער און פירן אַן עקאָנאָמישן פּראָפעסיאָנעלן קאַמף דורך כשרע, לעגאַלע מיטלען, ניט צו באַנוצן זיך מיט טעראָר אַקציעס — ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, ווי אַזוי פּועלי אגודת ישראל האָט זיך גענומען דאָס רעאַליזירן אין ארץ ישראל.

ה ע ר ו ת

א.

1. געטיילט אין צוויי טיילן, בילגוריי, פוילן, תרפ״ט.
2. יצחק בלא״א ר׳ מאיר הכהן נ״י מריפין (אַ שטעטל אין פוילן).
3. צוליבן דוחק אין פּלאַץ, מוזן מיר דורכלאָזן די אָנווייזונגען אויף די ניט־דירעקטע ציטירונגען. מיר האָפן דאָס צו טאָן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

ב.

1. װאַרשע, תר״ץ.
2. װאַרשע, תרפ״ח, ז״ז 5־7.
3. דאָרט, ז״ז 33־43.
4. ז״ז 44־46 — אויספירלער.

קאַפּיטל זיבן־און־פערציק

שיבת ציון און פועלי אגודיזם

מערקווירדיק איז, וואָס אין דער גאַנצער פּובליציסטיק און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור פון יענער צייט, רעדט זיך גאָר ווייניק, כמעט גאָרנישט ניט וועגן שיבת־ציון־אידעאַל, עס רעדט זיך גאָר ווייניק וועגן גאולה אידעאַל, נאַציאָנאַלער גאולה, ציוניזם . . . די באַגרינדער פון פּועלי אגודת ישראל, זענען ווי קינדער פון אגודת ישראל, נאָך אַלץ געווען באַהערשט פונעם אַנטי־ציוניזם, פונעם גלות געפיל . . . זיי האָבן געזען אין גלות פּאָטענציעלע שאַפערישע כחות, אַ מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן יידישקייט, לויטן באַגריף „בכל מקום שגלו, גלתה שכינה עמהם" (אויף יעדן אָרט וואו ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן, איז מיט זיי אויך די שכינה פאַרטריבן געוואָרן) און די שכינה ווי אַ רייכער פילפאַרביקער סימבאָל — מיינט דאָך די פאַרזיכערונג פונעם ייד, אינעם גלות, ווי אַ היסטאָריש־עטנישע פאָרמאַציע, אַ דאַנק זיין רעליגיעזער געטריישאַפט. זיי זענען געווען איבערצייגט אַז יידן קאָנען באַווייזן צו פאַרוואַנדלען די פרעמד אין אַ גלות, און צו געפינען אין דער באַגרענעצטקייט און אָפּגעזונטערטקייט שוץ, קיום־פאַרזיכערונג — אָן אייגענע גייסטיקע היים, ווי דער מדרש[1] דריקט זיך אַזוי קלאָר אויס: אומות העולם אינם גולים, אלא אף־על־פי שגולים אין גלותם גלות. אומות העולם שאוכלים ושותים מיינם אין גלותם גלות, אבל ישראל שאין אוכלים מפתם ואין שותים מיינם גלותם גלות . . . די פעלקער ווערן ניט פאַרטריבן . . . זייער גלות איז ניט קיין גלות . . . יענע פעלקער וואָס עסן פון זייערס ברויט און טרינקען זייער וויין, איז זייער גלות קיין גלות ניט. אָבער יידן וואָס עסן ניט זייער ברויט און טרינקען ניט זייער וויין, איז זייער גלות — אַ גלות . . . " די אגודה־טעאָרעטיקער האָבן זיך דערמיט באַגנוגנט — און מיט זיי זענען געגאַנגען אַלע אָפּצווייגונגען.

א. קילערטאָן וואָס ווירקט. — אַלאַרם וואָס וועקט נישט. — השפעה פון מתנגדי ציון. — ענדערונגען.

אין דער גאַנצער, מיט גאָר ווייניק־אויסנאַמען, דעמאָלטדיקער, אַזוי־גערופענער שפּראַצונג־ליטעראַטור פון דער פּא"י, קומט כמעט ניט צום אויסדרוק דער שיבת ציון מאָמענט, דער עליה אידעאַל און פּראַקטיק, ווי אַ לייזונג צו דעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם פון יידן. עס ווייזט אויס, אַז זיי זענען נאָך אַלץ געווען אונטער דער השפעה און ווירקונג פון דער אַנטי־ציון ליטעראַטור פון סוף ניינצעגטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיי זענען נאָך אַלץ געווען באַווירקט פון די „מתנגדי ציון"[2] מענטשן פון וויזיע און טאַקט, דאָך זענען זיי באַווירקט געווען פון די כחות וועלכע האָבן געאַרבעט קעגן ציוניזם, וועלכע

האָבן געזען אין ציוניזם די מורא פון אַ פאַלשן משיח, די מורא פון דוחק זיין את הקץ . . .

פון איין זייט האָבן זיי איבערגעלאָזן יידישע גאולה צו דער איבערנאַטירלעכער נסימדיקער באַפרייאונג, דורך משיח בן דוד, ווי ס׳ווערט איבערגעגעבן אין ספרים און פון דער אַנדערער זייט זיך געהאַלטן אין דעם „גלות נאַציאָנאַליזם״, זייענדיק באַהערשט, זאָל זיין אומדירעקט, פון דעם וועלטלעכן גלותדיקן נאַציאָנאַליזם, (די פאָלקיסטן, בונדיסטן און אַנדערע) וואָס זעט דעם ייד אין גלות ווי אַ „נאַציאָנאַלע איינס״, קעמפענדיק אויפ׳ן אָרט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, פאַר יידישער אויטאָנאָמיע, פאַר יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, מיט די אָדער אַנדערע פּרעגראַטיוון פון אַ שטאַטלעכער מאַכט . . .

דעריבער זעען מיר ניט ביי זיי קיין ענטוזיאַזם פאַר דער אידייע פון אַ נאַציאָנאַלער היים, ווי דאָס איז געוואָרן אויסגעדריקט אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין יענע ערשטע יאָרן נאָך דער דעקלאַראַציע, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן עליות קיין ישראל אין פאָרם פון שיבת ארץ ישראל, שרייבט מען זייער ווייניק וועגן אויפבוי פון ישוב, אוודאי ניט קיין אינפאָרמאַטיוו־סימפּאַטיזירענדע אַרטיקלען פון העכערער קוואַליטעט. זיי האָבן געזען אַ גרויסע געפאַר אין דערפאָלג פון ציוניזם און ציוניסטן . . .

די אַנטי־בנין און אַנטי־ציון השפעה איז געווען גענוג שטאַרק, ניט־געקוקט וואָס איינס פון די פּאַראַגראַפן אין דער אגודת ישראל קאָנסטיטוציע, איז:

„צו באַפעסטיקן דאָס יידישע פאָלק, מאַטעריעל און גייסטיק אין הייליקן לאַנד, דורך באַזעצן ארץ ישראל אין גייסט פון דער תורה, און אַזוי אַרום שאַפן אַ קוואַל פון הייליקן לעבן פאַר׳ן יידישן פאָלק״ . . .

אגודת ישראל האָט אויך פון אָנהייב אָן אָנגעפירט מיט קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט אין ארץ ישראל, געהאַט אַ צענטראַלע אין ירושלים און געגרינדעט אַ קאָלאָניע אויפן נאָמען „מחנה ישראל״ אויף אַ שטח פון 4225 דונאַם (אַ דונאַם, בערך 900 קוואַדראַט מעטער). ארץ ישראל אַרבעט איז דאָך אַ סך פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, ספּעציעל אין די קרייזן פון עלטערע טוער און פירער.

די שפּעטערע הויפּט־טוער זענען געווען די פּא״י און צא״י וועלכע האָבן געקראָגן אַ געהעריקן ווילן פאַר אינטענסיווע ווירטשאַפט אין ציון. זיי האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען דעם זין פון ישוב ארץ־ישראל, פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, לויט ר׳ סעדיה גאון׳ס אַקסיאָמע: „אומתנו אינה אומה כ״א בתורתה . . . ״ און דעריבער זיך גענומען קעמפן פאַר תורה־תחוקה־קאָנסטיטוציע; ארץ ישראל זאָל זיין באַזירט אויף אַ תורה־לעבן און ניט ווערן באַאיינפלוסט פונעם מאַרקסיזם . . .

אין דעם זין האָבן פּא״י־טעאָרעטיקער אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם יידישן אתה בחרתנו און דעם „אתה אחד . . . ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד . . . ״ און אין דעם זין איז געמיינט געוואָרן, דער רוף פאַר אחדות, ווי

א וויכטיקער פאקטאָר אין דער מענטשלעכער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, אחדות אלקים וואָס באַשאַפֿט דעם אחדות ביי דער מענטשהייט.[3]

אין אָנהייב זענען די פירער פון פּא"י אויך געווען אונטער דער השפּעה פון די קענגער פונעם ציוניזם, וועמעס צענטער איז גערופן געוואָרן „הלשכה השחורה" („שווארצע ביורא) און וועמעס אָנפירער האָבן זיך געפונען אין קאָוונע און פּאָלטאַווע.

ווען מ'לייענט די ערשטע שפּראַצונגען פון דער אגודה־ליטעראַטור, פילט מען דעם ריח פון אָט די אַנטי־ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן מיט ראיות פון אונטער דער ערד, אַז דער ציוניזם איז פאַרבאָטן לויט דער יידישער רעליגיע.[4]

בלויז אייניקע פירער און טוער, האָבן פאַרשטאַנען און פאַראויסגעזען, דעם באַדייט פון רעליגיעזן חלוציזם, רעליגיעזן ציוניזם, רעליגיעזער עליה. בלויז אייניקע פירער, זענען געוואָרן באַהויכט פון דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער אחריות, פאַר דעם קיום פון פאָלק. זיי האָבן באַגריפן דעם **נאַציאָנאַלן אינטעגראַליזם** . . .

צווישן די דאָזיקע האָבן זיך געפונען די גרינדער און פירער פון פּועלי אגודת ישראל אין ארץ ישראל. מיר וועלן דערמאָנען אייניקע:

פאלק לאַנדבערג, דוד באַמאַץ, שלמה שיקלער, תלמיד פון ר' מאיר שאַפּיראָ, פאלק לערנער, מאיר וואַידעסלאַווסקי (וו. ליכטער), יעקב בראון (ערשטער מזכיר פון פּא"י אין פּוילן), בנימין מינץ ז"ל, דער טריבון פון דער באַוועגונג, וועלכער ווערט טיטולירט אַלס „רב פּעלים", אין פולסטן זין פון די ווערטער דערגרייכנדיק צו פירערשאַפט אין עלטער פון „ג ל העדה".[6]—אָבער וועגן אים ווייטער.

ב. אויפבוי פון באַוועגונג אין ארץ ישראל. — — אַ נייער לעבנס־שטייגער.

פּועלי אגודת ישראל האָט אריינגעהויכט אַ נייעם לעבנס־אָטעם אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, די באַוועגונג האָט אריינגעבראַכט, אַזוי צו זאָגן, אַ רעוויטאַליזאַציע אין אָרטאָדאָקסיע, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער פינפטער לאַנדעס־קאָנפערענץ אין תל־אביב, (ב' — אלול, תש"י) מיט דער באַטייליקונג פון 223 דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד.

צו דער פייערלעכער דערעפענונג, זענען געקומען: דער רבי פון דער באַוועגונג, הרב ר' מאיר קארעליץ, (ברודער פון דעם „חזון איש"), פאַרשטייער פון מועצת גדולי התורה;[1] ר' אברהם יעקב פרידמאַן, סאַדיגאַרער רבי; רב אשר זאב ווערנער, טבריה'ער רב; ר' יעקב ראָזענהיים, ערן־פּרעזידענט פון וועלט־באַוועגונג, אגודת ישראל; הרב יצחק מאיר הכהן לעווין, ועד הפּועל־פּאָרזיצער און געוועזענער מיניסטער;

מיניסטאָרן, כנסת מיטגלידער און אַנדערע פירנדע פערזענלעכקייטן, פּאַרטיי־פירער פון אַלע ריכטונגען.

די דערעפענונגס־רעדע („נאום הפתיחה") פון בנימין מינץ, איז געווען א הימן צו דער אנטשטייאונג פון דער באַנייטער מדינת ישראל. ער דערמאָנט די באַטייליקונג פון פּא"י חברים אינעם קאַמף פאַר דער מדינה און קומט אַרויס מיט דער לאָזונג פאַר דער וויכטיקייט פון א רעליגיעזן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין („הסתדרות עובדים דתיים) וואָס זאָל צושטאַנד קומען דורך א הסכם מיט דעם הפועל המזרחי. ער זאָגט צווישן אנדערן:

„עם ישראל השיג את עצמאותו במדינתו בארץ ישראל . . . עם ישראל כולו . . . קם ויהי הנס הגדול . . . נס קיבוץ גלויות . . . למה שלא זכו דורות לפנינו, זכינו אנחנו, ונגד עינינו עושה לנו הקדוש ברוך הוא נסים יום־יום . . . מדינת ישראל הצעירה היא שיר מזמור גדול לשיבת עם גולה לארצנו . . . מדינת ישראל היא פרק שירה אדירה להקדוש ברוך הוא, אשר ברוב חסדו הופרחו שממות ארץ הקודש על ידי שבי הגולה . . . וגדולה זכותנו, זכות הדור המעונה הזה, ואשרינו שבמו עינינו זכינו לראות בקום עם ומדינה . . . "

צווישן די פיל באַגריסער, איז וויכטיק ציטירן דעם פּרעמיער דוד בן־גוריון'ס באַגריסונג, זיך אויסדריקנדיק:

„מבחינה זו, שאתם עומדים לפני הצעד האחד, אני מברך אתכם. אני רואה את הצעד הזה שאתם הולכים לעשות, להקים הסת' עובדים דתית עם הפועהמ"ז כצעד חיובי . . .

„ההתבדלות שלכם עם הפועהמ"ז עושה רושם מוטעה . . ."

דער פּרעמיער האָט אַפּעלירט צו שאַפן א געוויסן באַזיס פאַר איינהייטלעכער באַטייליקונג פון הפועל המזרחי, פועלי אגודת ישראל און עובד הדתי מיט אַלע פּראַקטישע פּראַקציעס אין דער מדינה . . .

דער פירער פון הפועל המזרחי, מיניסטער משה שאַפּירא, האָט אין נאָמען פון זיין באַוועגונג, אויסגעשטרעקט די האַנט פון פאַראייניקונג מיט פּא"י, זאָגנדיק צווישן אנדערן:

„ . . . לפי הכרתי הברורה אין דרך אחרת להציל את העליה החדשה הזו, כי־אם באחודם של ארגוני פא"י והפועהמ"ז, כדי שהם יהוו את הכח החלוצי של היהדות הדתית . . . "

ווי אַן אויפריכטיקער פירער, רופט ער אויס: „אני נאמן להסתדרות המזרחי לא פחות מאשר חברי פא"י נאמנים לאגו"י. אבל אני בראש וראשונה נאמן ליהדות הדתית בתור כזו, ולא למפלגה . . . וכיצד נחזיק מעמד במדינה זו כלפי הכיבוש הגדול של החפשים? כיצד נוכל להתקיים? על זה יש תשובה אחת:

הפועלים הדתיים צריכים להתאחד והמזרחי ואגודת ישראל צריכים להתאחד..."

א נייער כח אין דער אָריענטירונגס־ליניע איז אַרויסגעוואַקסן ערב און נאָך דעם לעצטן קריג. דער שארית הפליטה אין פּא"י קריזן, האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין דער פאַרענדערטער וועלט, איז אויך פאַרענדערט געוואָרן דער מצב פון יידישן פאָלק. די ענדערונג האָט געבראַכט אַן ענדערונג אין דעם גאַנצן יידישן דענקען און טראַכטן — און מען האָט זיך אָנגעהויבן באַציען פּאָזיטיוו צום ציון־אידעאַל. ס'זענען געהערט געוואָרן לאָזונגען פון „מדינת ישראל לאלתר" . . .

די פירער און טעאָרעטיקער פון פּא"י, זייענדיק שטענדיק אונטער דער השפעה פון „חזון איש"[2] און גערער רבי, זצ"ל, האָבן זיך דערהויבן צום ערנסט פון היסטאָרישן מאָמענט, האָבן סטימולירט זייערע נאָכפאָלגער פאַר'ן קאַמף פון דער מדינה און זינט איר אַנטשטייאונג, גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע פאַזן פון איר אויפבוי און אַנטוויקלונג. ביים סוף פון דער אַלטער און אָנהייב פון דער נייער תקופה פון „אתחלתא דגאולה", האָבן זיי גענומען אַנטייל צוזאַמען מיט'ן אַלגעמיינעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער קלאַס, ניט אַכטנדיק די אידעאָלאָגישע שטרעמונגען פונעם עקסטרעמען אגודיסטישן רעליגיעזן קנאות־דיקן חדר.

די פּא"י האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די העכסטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן פון דער מדינה און געשטאַלטונג פון יידישן פאָלק, אין דער נייער צייט. מדינת ישראל האָט דערוועקט דעם מוט, גלויבן, אַז נאָבעלע אידייען קענען אַמאָל רעאַליזירט ווערן — און אַז אויך, דער אידעאַל פון מענטשלעכער גערעכטיקייט, צילן און אמת'ן פון דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם וואָס זענען אַל־מענטשלעך און גילטן פאַר אַלע פעלקער, אודאי און אודאי פאַר אונז יידן, דאָס תורה פאָלק!

און דאָ ווילן מיר ציטירן אייניקע ווערטער פון דעם אגודה־מנהיג און אידעאָלאָג דר. יצחק ברויער, אין זיין עסיי „ישראל — האומה וארצה באור ההיסטוריה"[3]. „בין היחיד ובין השם עומד עם ישראל. הוא האמצעי „המתווך" בין היחיד ובין השם" . . . „בין החיים הפרטיים ובין החיים החברתיים של היחיד אין שום הבדל . . . גם היחיד עצמו איננו יחיד. רק השם לבדו הוא יחיד אבל האדם עצמו הוא כבר „חברה". הוא מורכב משלשה חלקים: נפש, רוח ונשמה, והרצון הוא המקשר ביניהם גם היחיד עצמו חי חיי חברה . . . "

הערות

א.

1. איכה רבתי, נ"ט, ע"ב.

2. זע, יצחק וורפל (רפאל), ספרות ציונית דתית, ביבליוגרפיה, למדריך ז', ירושלים, תש"ה. אין דער הקדמה, דערמאָנט ער, אז ער פאַרצייכנט בלויז העברייאישע אויסג.

3. „תניא, לקוטי אמרים", באריכות אינעם „המעין" פון תשי"ג, דר. יצחק ברויערס אויסדרוק: „אחד ויחיד הוא עם ישראל בתולדות העמים ואחת ויחידה היא ארץ ישראל, אחד ויחיד — כמו אלקי העולם" . . .

4. זיי זענען געווען באַאיינפלוסט פון: „הפלס (רבנישער חודש־זשורנאַל), ארויסגעגעבן דורך ר' אלי' עקיבא ראַבינאַוויץ, ברלין, תרס"א־ס"ה; „המודיע", וועכנטלעכע שריפט, ארויסג. דורך דעם זעלביקן מחבר־רעדאַקטאָר אין פּאָלטאַווע, תר"ע־תרע"ד.

ר' אלי' עקיבא ראַבינאָוויץ איז ארויסגעקומען מיט צוויי העפטן קעגן ציוניזם: 1. „ציון במשפט" (וואַרשע, תרנ"ט); 2. „וענתה בי צדקתי" (תר"ס). נאָך א קנאי, דוב בעריש טורש, איז ארויס־געקומען מיט א שאַרפער אטאַקע אויפ'ן ציוניזם אין זיין ביכל „בר הדיא און חלום הרצל" (וורשה, תרנ"ט). נאָך זיי, זיינען געקומען א גאַנצע ריי פלוג־בלעטלעך און העפטן קעגן ציוניסטישע אַספּיראַציעס און איינפלוסן, צוו"א: א „קול קורא" אינעם ספר „דעת הרבנים" (ארויסג. אברהם ברוך שטיינבערג, וואַרשע, תרס"ב); „קונטרס אחרון" (פונעם זעלביקן מחבר, ווילנע, תרס"ג); „ספסל האשמים" פון אליעזר אטלאס און אנדערע.

5. זיין מאמר, „התורה והארץ" אין אגודה־זשורנאַל, „דגלנו", האָט בשעתו געמאַכט א גרויסן רושם.

6. זע, ספּעציעל־געווידמעטן „גליון היובל החמשים", פאַרטיי־אָרגאַן „שערים", ז' טבת, תשי"ג (26.12.52).

ב.

1. ער איז געווען דער איידעם פון ר' שלמה הכהן, מו"ץ דק"ק ווילנא, באַוואוסטער פּוסק און איינער פון די לעצטע אנערקענטע מפרשי הש"ס.

ר' מאיר קאַרעליץ איז א צאָל יאָרן געווען מורה הוראה אין ווילנא (זינט תרס"ה), נאָכדעם רב אין לעכאָוויץ — און געוואָרן באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט אלס עסקן לויטן פאַרנעם פון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי און דעם חפץ חיים, וועמעס מקורב ער איז געווען.

2. ר' אברהם ישעיה קאַרעליץ, געבוירן אין קאָסוב, גראָדנער גוב., י"א חשון, תרל"ט נפטר אין בני ברק, ט"ו חשון, תשי"ד. ער איז געווען אנערקענט אין ישראל און בכל תפוצות ישראל, אלס גאון און צדיק הדור.

3. זע „המעיין" — אויספירלעכער. מיר מוזן דאָ מקצר זיין

קאַפּיטל אַכט־און־פערציק

פא"י התישבות

אינעם מאָמענט, ווען די פירער פון פועלי אגודיזם, זענען געקומען צו דער הכרה, אז די צוקונפט פון דער באַוועגונג מוז זיין פאַרבונדן מיט בנין און ישוב הארץ, מיט'ן אויפבוי־ווערק פון ארץ ישראל, האָבן זיי גענומען צו פּראָפּאַגירן די אידייע פון אַגודישן חלוציזם, זיי האָבן זיך אויך גענומען צו דער רעאַליזירונג פון התישבות דתית און אין משך פון א צענדליק יאָר, זייענדיק אַקטיוו אויף דעם געביט, האָבן זיי באַוויזן וואונדער אין אַוועקשטעלן א יסוד פאַר דעם קיבוץ־לעבן.

א. קיבוצים, מושבים און קאָלאָניעס. — מוסטערן פון רעליגיעזן קאָלעקטיוויזם. — דערגרייכונגען.

ווען מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָבן די פועלים שוין געהאַט אַן אחיזה און א כוח אין לאַנד. זיי זענען געשטאַנען אויף באָדן — אַזוי, אז פון קיבוץ חפץ חיים ביז שעלבים, וואָס ליגט האַרט ביי דער גרעניץ, איז געשאַפן געוואָרן א נעץ פון אַזעלכע פרומע קיבוצים, וואו יונגע מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, אידעאַליסטן און אידעאַליסטקעס קומען זיך אויסלעבן א גאַנץ רעליגיעז לעבן. די יונגע קיבוצניקעס מיטן אַלטן פּיאָנערישן גייסט, שטעלן זיך צופרידן דערמיט וואָס זיי ווייסן, אז זיי ברענגען א וויכטיקן ביישטייער צום אויפבוי פון לאַנד.

די דאָזיקע יונגע מענטשן ווייסן, אז זייער טאַט מיינט **הגשמה**, פאַרווירקלעכונג אינעם טאָפּלטן זין: תורה־חלוציזם פאַר'ן סאָציאַלן יושר און פאַר דער דערהויבונג פונעם גייסט. די דאָזיקע חלוצים זענען באַהויכט פונעם טאָפּלטן מסירת נפש: א) אויסהאַלטן די דיסציפּלין ביים אָפּהיטן די פּאָזיציעס און ביים פאַרוואַנדלען וויסטענישן אין בליענדיקע קאָלאָניעס; ב) אַרויסווייזנדיק אַן אַנטשלאָסנקייט צו שאַפן אויפן הייליקן באָדן פעסטונגען פון תורה און יהדות.

ווי אַן אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל, האָט די פועלי אגודת ישראל אויף איר קרעדיט א צאָל קאָלאָניעס, קיבוצים און אַנדערע וואוילטעטיקע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אויף אַרויסצוהעלפן דעם ניי־געקומענעם אַרבעטער־עולה. מיר'ן דערמאָנען א צאָל פון זייערע קאָלאָניעס:

צ ו ר י א ל — א דאָרף אין גליל, ביי צפת; (געגרינדעט אין 1950);

ג מ ז ו — א דאָרף אין לוד; יהודה; (1950);

ש ל ה ב ת — א קיבוץ ביי לטרון, די גרעניץ פון לאַנד;

ג ב ע ת ש א ו ל — א דאָרף ניט ווייט פון ירושלים (פריער געווען אַן אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען דיר יאסון);

ז ב ד י א ל — אַ דאָרף אין נגב, וואו די יידישע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער די עגיפּטער;

ז נ ו ח — אַ דאָרף אין די בערג פון יהודה, ביי הרטוב;

ת פ ר ח — ביי באר שבע;

נ ו ה א ח י ע ז ר — אויפ׳ן נאָמען פון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ביי בני ברק;

נ צ ח י ש ר א ל — ביי רמת הדר (אין שרון);

ח פ ץ ח י י ם — עלטסטער און גרעסטער קיבוץ פון פועלי אגודת ישראל, אויפן נאָמען פון „חפץ חיים"; (1933);

מ ו ש ב ב נ י ע י " ש — ביים קיבוץ חפץ חיים;

נ ת י ב ה — אַ קיבוץ ביי דער חפץ חיים קאָלאָניע, (דרום, 1949);

י ס ו ד ו ת — אַ קיבוץ ביים טייך שורק (נחל שורק); (יהודה, 1948);

ב נ י ר א ם — אויפן נאָמען פון גערער רבי׳ן זצ"ל (רבי אברהם מרדכי אלטר);

מ א ס מ י א — אַ דאָרף וואָס טראָגט נאָך אַן אַראַבישן נאָמען; (דרום, 1949);

ב י ת ח ל ק י ה — אַ דאָרף ביים קיבוץ חפץ חיים;

כ פ ר א ל י ה ו — אַ קינדער קאָלאָניע אויפן נאָמען פון הרב דר. אליהו (לעא) יאָנג.

ש ע ל ב י ם — וואָס האָט לעצטנס געפייערט 10 יאָר עקזיסטענץ.

צו דעם חג העשור פון שעלבים (י"ב מנחם אב, תשכ"א) איז געלייגט געוואָרן אַ ווינקלשטיין פאַר אַ ישיבה און אונטער דעם דאָזיקן אבן הפינה, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ מגילת היסוד לישיבת שעלבים אין וועלכער ס׳ווערט צווו"א געזאָגט:

„בשלישי בשבת יום שנכפל בו כי טוב, להפטרת על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון, בי"ב לחודש מנחם־אב שנת חמשת אלפים שבע מאות עשרים ואחת לבריאת העולם, במלאת עשר שנים ליום בו נתקע היתד הראשון כאן בקבוצת שעלבים, על גבול המדינה, בפתח עמק אילון, למען הקים ישוב חקלאי אשר ינהל את חייו הרוחניים, החברתיים והכלכליים בדרך התורה, למען קיים את המצוות התלויות בארץ ולהוות מבצר להשלטת התורה בארץ ישראל;

התאספנו כאן במעמד חגיגי, בנוכחות שרי התורה וראשי עם, רבני ונציגי ישובי פועלי אגודת ישראל להנחת אבן הפינה לבניני ישיבת שעלבים.

הישיבה תחנך בעזר ה׳ יתברך תלמידי חכמים בני תורה שילונו באהלה של תורה,

תחנך לאהבת תורה וליראת שמים, לאהבת ישראל ולחיבת הארץ, לאמונת חכמים ולדקדוק במצוות שבין אדם למקום ובין אדם לחבירו,

תחנך להשלטת התורה בכל שטחי החיים בארץ ובעם ותעמיד בנים בונים נאמנים אמונים עלי תורה לשם כך,

בסיעתא דשמיא תיהפך הישיבה למרכז להפצת תורה בארץ כולה, ובמיוחד באיזור זה, תמשוך את הנוער לתורה ותקרב רחוקים, תעסוק בלימוד תורת הארץ ותפיץ ידיעת מצוות התלויות בארץ בנוער ובישוב החקלאי. . . . ״

דאָס זענען ישובים, וואָס קענען באַטראַכט ווערן, אַלס ליכטיקע שטערן אויפ׳ן הימל פון מדינת ישראל, וואו שומרי תורה ומצוות לעבן זיך אויס, אַפּהיטנדיק אַלע מצוות התלויות בארץ.

אויך אויפ׳ן געביט פון חנוך האָט די פא״י א סך אויפגעטאָן אין משך פון דער קורצער צייט פון זייער עקזיסטענץ אין ישראל; צייל׳ענדיק, ווי זיי גיבן איבער ארום 10 קינדערהיימען, ארום 72 קינדערגאַרטנס אין וועלכע ס׳ווערן צוגעגרייט טויזנטער יידישע קינדערלעך ווער צו תלמוד תורה, ווער צו בית יעקב שול — און איבערהויפּט ווערט אין זיי פאַרוואָרצלט ליבשאַפט צו תורה־יידישקייט. די פא״י האָט אויך אויף איר חשבון א צאָל בתי־חלוצות און בתי־חלוצים אין וועלכע יידישע בחורות און בחורים ווערן דערצויגן אויף א חלוצישן שטייגער צו מלאָכה, יידישן לעבנס־שטייגער און ארבעטסזאַמקייט. „עזרא״, העלפט דערציען די יוגנט אין פועלי־אגודת־ישראל גייסט, דורך שעורי ערב, קורסן נאָך דער ארבעט און אַנדערע חנוכ׳ישע דערגרייכונגען.

די פא״י האָט זיך אירע דעפּאַרטמענטאַלע אָפּטיילונגען: מרכז רוחני, מועצת החברות, מחלקת הקליטה, לשכת עבודה, קופת מלוה, פיתוח (בוי געזעלשאַפט) און אַזוי ווייטער. די באַוועגונג נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אין אַלע פאַזן פונעם בנין הארץ, האָט אירע פאַרטרעטער אין כנסת, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין רעליגיעזע ראַטן, אין אַלע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנצן פון לאַנד.

איינער פון די פירנדע חברים פון דער תו״ע באַוועגונג און רעדאַקטאָר פון „הצופה״, ש. דניאל, שרייבט וועגן דער פועלי אגודת ישראל:

„עם עלית „פועלי אגודת ישראל״ התחזק הכח של העובד הדתי. בקשר זה עומדת על הפרק שאלת השיתוף בין אורגני הפועלים הדתיים בשטח העבודה והתרבות. צריך למצוא את הדרך אשר תכשיר הקמת הסתדרות עובדים דתיים חזקה אשר תרכז את אלפי הפועלים הדתיים בישוב ותשמש מנוף ברזל לפעולה ישובית בכח התורה״[1].

מיט׳ן אָנקום פון דער פא״י־באַוועגונג — האַלט ער — איז געשטאַרקט געוואָרן דער כח פונעם רעליגיעזן ארבעטער און אַז אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג שטייט די פראַגע פון פאַראייניקן די רעליגיעזע־ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין איין גרויסער הסתדרות . . .

וואָלט דאָס פּלאַץ דערלויבט, וואָלט מען דאָ געדאַרפט זיך אָפּשטעלן באריכות אין שילדערן אַמווייניקסטנס דעם מסירת נפש ביים דערגרייכן די דאָזיקע קיבוצים.

גענוג זיך אָפּשטעלן ביים קיבוץ חפץ חיים, וואָס ווערט גערופן „אם ההתישבות התורתית" — דאָס איז אַ קיבוץ וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די אידעאַלן פון חפץ חיים, סיי וואָס שייך די מצוות התלויות בארץ און סיי די אַלגעמיינע מצוות, הן די מצוות שבין אָדם למקום און הן די מצוות שבין אָדם לחברו . . .

די גרינדער פון דעם קיבוץ, זענען געווען יונגע חלוצים פון דער דייטשער אָרטאָדאָקסישער עליה וועלכע האָבן זיך ביים ערשטן צונויפקום, אין תל־אביב, סוכות תרצ"ד געשטעלט צוויי הויפּט־אויפגאַבעס:

א) צו שאַפן באַדינגונגען פאַר דעם נייעם אַגודיסטטישן חלוציזם;

ב) צו באַווייזן און איבערצייגן רעליגיעזע מאַסן אין דער מעגלעכקייט צו לעבן אַ פול תורהדיק לעבן אויפ'ן באָדן, ווי ערד־אַרבעטער, קאָלאָניסטן.

פאַר דעם פּראָטאָטיפּ און סימבאָל האָבן זיי גענומען דעם ראַדינער צדיק ר' ישראל מאיר הכהן, דעם חפץ חיים, וועלכער איז יענעם יאָר נפטר געוואָרן.

דעם 24־טן טאָג אין כסלו, תרצ"ד, זענען זיבן חברים פון דער גרופּע אַרויס אין רחובות, מאַכנדיק דעם ערשטן שריט פון רעליגיעז־אַגודיסטישן חלוציזם. ס'זענען נאָכדעם צוגעקומען נאָך צען חברים און צוזאַמען האָט מען זיך געשטעלט אַרבעטן, אויסצושולן אין קאָלאָניזאַציע און אַגריקולטור.

אין יענער צייט, איז צוגעקומען נאָך אַ גרופּע אין כפר סבא, מיט די זעלביקע צילן — אוןביידע צוזאַמען האָבן גענומען אַ צוויי צענדליק דונאַם באָדן פון דער אגודה און פּרובירט זיך מסדר זיין, אויפשטעלנדיק צריפים און אַנדערע בנינים און זיך גענומען קולטיווירן דעם באָדן.

צען יאָר האָט געדויערט דער הכשרה־פּראָצעס פון די צוויי קיבוצים, אַרבעטנדיק אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, לאַנגזאַמע אָבער געזיכערטע טריט זענען עס געווען, ביז זיי האָבן געקראָגן אַ גרויסן שטח פון קרן קימת (1850 דונאַם) אין אום חזין, 5 ק"מ דרום־מזרח פון גדרה — און ב' אייר, תש"ד, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון אָט דעם מוסטערהאַפטן קיבוץ, וואָס איז אַ כבוד פאַר דער באַוועגונג.

דער קיבוץ שטייט אונטער דער גייסטיקער השפעה פונעם חבר הכנסת און וויצע־מיניסטער הרב קלמן כהנא, אַ מחבר פון אַ צאָל וויכטיקע הלכה און לומדישע ספרים, אַ מנהיג פון רעליגיעזן יידנטום און אידעאַליסט. אַ סך ווערט צוגעשריבן אויף זיין קרעדיט.

די דערגרייכונגען פונעם קיבוץ, אויך אַלס פּרעכטיקער „מקום מרגוע" (אַפּרו־אָרט), איז געקומען צוליב דעם וואָס דער באָדן, איז 80 מעטער העכער איבער'ן ים און די לופט איז אַ מחיה . . .

היינט צו טאָג פאַרנעמט דער קיבוץ אַרום 5,400 דונאַם באָדן, פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט צווישן די קיבוצים אינעם „נחל שורק" ראַיאָן און האָט אַ

באפעלקערונג פון ארום 500 נפשות. אירע מענטשן האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין הגנה, עליה ב', צה"ל אא"וו. די שול אין קיבוץ, איז פון די שענסטע אין לאנד, שאפנדיק די סינטעזע פון בוי־סטיל אין דער ארכיטעקטור: מאָדערניזם און מיטלענדיש, אראבישן סטיל.

פון די אנדערע מער־באקאנטע קיבוצים זענען: „יסודות" (געגרינדעט נאָך חפץ חיים), „תפרח" (אין נגב), שעלבים ביים גרעניץ און פון די שוועסטער ישובים, די שותפים לדעה, כאָטש ניט אין סאָציאַלן, פּאָליטישן קאָניוקטור, געהערן די אגודה מושבים, אָדער מושב עובדים: זבדיאל, קוממיות, מחנה יהודה, כפר מרמורק, טירת שלום, אלישיב, כפר יעבץ, מי נפתוח, אשתאול, מסילת ציון, — די לעצטע אויף די הרי ציון.

אמת, די מושבי עובדים זענען ניט קיין קיבוצים, לויטן סדר אין „חפץ חיים". זיי שטאַרקן אָבער די דיסציפּלינירטע רעליגיעזע פאָלקס־באַוועגונג.

ס'איז כדאי אויך א וואָרט, וועגן מסירת נפש פון די פא"י־קיבוצים אין שייכות מיט אָפּהיטן די דינים פון שמיטה, לויט די פסקים פון מועצת גדולי התורה, פון גערער רבי'ן, פון „חזון איש" און אנדערע.

אין איינעם פון די „שערים"־נומערן[2], איז פאַרעפנטלעכט די בריוו בנוגע שמיטה פון די אדמור"ים ר' אברהם מרדכי אלתר (גערער רבי), ישראל במוה"ר מרדכי פּיבש (הוסיאַטינער רבי), נחום מרדכי בן מוה"ר ישראל (טשאָרטקאָווער רבי), אליעזר בהרה"צ מהר"י (וויזשניצער רבי). דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תש"ה, אין שייכות מיטן דעמאָלטדיקן שמיטה־יאָר, אפּעלירנדיק מען זאָל שטיצן די קיבוצים וואָס נעמען אויף זיך שמירת שמיטה.

עס איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער בריוו פון „חזון איש" (שמיטה תשי"ב) רעדנדיק באַזונדערס מיט באַגייסטערונג וועגן קיבוץ חפץ חיים און מיר וויסן דאָך, ווי איינגעהאַלטן ער איז געווען מיט טיילן שבחים. ס'זענען פאַרעפנטלעכט די בריוו פון פא"י־רבנים, ר' מאיר קארעליץ און ר' אשר זאב ווערנער, באַגלייט מיט צושריפטן פון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי (וועגן קרן השמיטה אין יאָר תרצ"ח), פון ר' יוסף צבי דושינסקי, (אפּעלירנדיק צו שטיצן די וואָס זענען נזהר אין שמיטה) און פון ר' איסר זלמן מעלצער.

אָפּצוהיטן שמיטה, ווי דער דין, איז פאַרבונדן מיט גוואַלטיקער מסירת נפש — די חברים פון די פּועלי אגודת ישראל קיבוצים, האָבן באַוויזן, אז זיי קענען ביישטיין דעם נסיון.

א סך געהאָלפן צום וואוקס פון דער באַוועגונג, האָט די יוגנט אָרגאַניזאַציע „עזרא" און דעם פּרעסטיזש אין דער רבנישער וועלט, האָט איר געגעבן דער ברודער פון חזון איש פון איין ריכטונג און דער טבריה'ער רב, ר' אשר זאב ווערנער פון דער אַנדערער זייט — און אומבאַגרעניצטער שטיצע האָבן זיי געהאַט פון גערער רבי'ן רא"ם זצ"ל — אָבער וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

פון די ווירקטיקסטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון צוגרייטן דעם אונטערוואַקסענעם דור אין ישראל פאַר אַט די אידעאַלן פון תורה און מלאכה, האָט פּא"י גאָר אַ סך אויפגעטאָן — איבערהויפּט מיט דער שאַפונג פון דער „עזרא־יוגנט אָרגאַניזאַציע וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געפייערט איר 10־יאָריקע עקזיסטענץ.

ב. גייסטיקע מנהיגים פון דער באַוועגונג. — לויב פאַר און פון דער באַוועגונג. — צען יאָר עקזיסטענץ.

די „עזרא" באַוועגונג גיט זיך באַזונדערס אָפּ מיט דער דערציאונג פונעם אונטערוואַקסענעם דור, צוגרייטנדיק אַ ספּעציעלן קוריקולום פאַר די נאָך שול־שטונדן און מיט צוציען יונגטלעכע צו אַ ישיבה לימוד ווי אין רחובות אָדער שעלבים און מיט צוגרייטן אַנדערע אַקטיוויטעטן, ווי זומער־סעמינאַרן, לעקציעס, פאָרומס אויף פאַרשיידענע קענגשטאַנדן וואָס ווערן ניט געלערנט אין די געוויינלעכע שולן, אפילו די פונעם חנוך עצמאי כאַראַקטער.

די „עזרא"־יוגנטלעכע ווערן דערצויגן אינעם פּאַלשטענדיקן גייסט פון „תורה עם דרך ארץ", ווי עס פאַרשטייען די רעליגיעזע חלוצים.

ווער עס וויל זיך באַקענען מיט די אויפטוען זייערע, דאַרף בלויז באַזוכן דעם עמק אילון, דעם באַרימטן היסטאָרישן טאָל, וואו יהושע האָט די לבנה אָפּגעשטעלט און ער וועט באַגייסטערט ווערן פונעם תמימות־לעבן אין „שעלבים" וואו תורה און עבודה הויזן אַזוי צוזאַמען, האַרמאָניש, ווי איינס דערגענצט דאָס צווייטע.

זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס אָרט און נאָמען ש ע ל ב י ם פאַר אַ רעליגיעזן קיבוץ, ווייל דאָרט האָט דאָך יהושע באַוויזן דעם נס פון כבוש. דאָס אָרט ביים עמק אילון איז דאַן צוגעטיילט געוואָרן צו די בני דן[1] און איצט איז דאָרט באַנייט געוואָרן אַ ישוב מיט אַ ישיבה, וואָס רופט אַרויס פרייד ניט בלויז ביי דער פּועלי אגודת ישראל, נאָר ביי אַלע וואָס ווילן זען אַ תורהדיק לעבן, אַ יושרדיק לעבן אינעם לאַנד פון די שבטים[2].

די גייסטיקע פירער, סיי פון די עלטערע און סיי פון די יונגערע פּא"י, זענען, ביז מיט עטלעכע יאָר געווען די רבנים רבי מאיר קאַרעליץ און רבי אשר זאב ווערנער זצ"ל. די השפעה איז געקומען פון דער מועצת גדולי התורה, די העכסטע אויטאָראַטיווע תורה־אינסטאַנץ ביי דער אַלגעמיינער און פּועלי אַגודיסטישער פירערשאַפט. מיט שאלות און פּסקים, האָבן זיך פּא"י תמיד געווענדעט צו די צוויי דערמאָנטע רבנישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס די אָפיציעלע רבנים און בעלי ההוראה פון דער באַוועגונג.

די דאָזיקע צוויי רבנים האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט רבנישע טיפּן פון אַ חפץ חיים פאָרנעם, אַזוי אין באַנעמונג, אַזוי אין התנהגות, אַזוי ביים אַרויסגעבן אַ פּסק הלכה; דערצו, אַזוי איבערגעבן די דאָזיקע באַוועגונג און

אזויפיל ליבשאפט ארויסגעוויזן צו די אידעאליסטן וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן צו אזא סאָרט חלוציזם.

רבי מאיר קארעליץ, דער ברודער פון „חזון איש" איז אויף דער עצה פון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי, דעם ווילנער רב, אויפגענומען געוואָרן אלס רב פון דער באוועגונג. רבי אשר זאב ווערנער, דער צווייטער מנהיג (נפטר געוואָרן ז' טבת, תשי"ח), איז געווען דער סימבאָל פון אצילות, פון לויטערקייט און איז געווען באליבט ניט בלויז ביי זיין קהלה אין טבריה. יונג און אַלט, למדן און פּאָלקס־מענטש — אַלע האָט אים ליב געהאט . . . אַלע האָבן אין אים געזען אַן איש מורם מעם און זיין בית־דין שטוב איז געוואָרן אַ בית חסד ורחמים פאַר דעם גאַנצן כלל.

ביידע רבנים מנהיגים, זענען פּאַקטיש געווען די גייסטיקע מורי־דרך און תמיד זיך איינגעשטעלט און ארויסגעשטעלט פאַר פא"י—און גאָר באַזונדערס ביי דער דער מועצת גדולי התורה.

זיי האָבן משפיע געווען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן בשום אופן ניט דערלאָזט צו קיין ריס אין אגודה־רייען, געשטאַרקט די גאַנצקייט פון ביידע שטרעמונגען, אַלס באַזונדערע צווייגן פון איין אײנהייטלעכע אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געהאַלטן די וואָגשאָלן פון די צוויי אָפּצווייגונגען, דעם בירגערלעכן און דעם אַרבעטאָרישן, אויף אַן אופן, אַז קיין איינער זאָל ניט איבערוועגן, מכריע זיין דאָס צינגל און ברענגען אַ שפּאַלטונג און צעטיילונג.

די דאָזיקע אײנהייטלעכקייט האָט אָבער אָנגעהאַלטן, אַזוי לאַנג ווי עס זענען געווען בחיים די אמתע איבערגעגעבענע רודפי שלום.

מיט דער צייט, האָבן אַלץ מער און מער די פא"י געפילט די נויטיקייט פון פירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק — און נאָכדעם, ווי די פא"י האָט באַשלאָסן אריינצוטרעטן אין דער קאָאַליציע־רעגירונג, זענען די אגודה־מנהיגים ארויסגעקומען מיטן גרעסטן צאָרן קעגן דער באוועגונג, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר זייער קינד. ביי זיי איז עס געוואָרן אַן „אינפאַן טעריבל", אַ בן סורר ומורה וועלכן מ'דאַרף פאַראורטיילן מיט דעם ערגסטן שטראָף און די מועצת גדולי התורה האָט פאַרדאַמט די האַנדלונג פון די פועלים אַלס אַן אַקט פון מרידה און הפקרות און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די סדרה פון זלזולים און אינסינואַציעס.

הערות

א.

1. מזרחי קובץ יובל.
2. שערים, גליון שבועות, תשי"ח, עמ' ט', מכתבי הגאונים . . . בשנות השמיטה הקודמות . . .

ב.

1. זע, יהושע י"ט, מ"ב־מ"ג; שופטים א', ל"ד.
2. זע, שלום בלומבערג, פנים אל פנים, ירושלים, כ"ב מנחם־אב, תשכ"א, מס' 119.

קאַפּיטל ניין־און־פערציק

אַ היסטאָרישער שריט

א. ווען פּועלי אגודת ישראל איז אַריינגעטראָ־טען אין רעגירונג. — אנערקענט נישט „מועצת גדולי התורה". — אַ היס־טאָרישער באַשלוס.

נאָך יאָרן אינערלעכע צאַנקערייען און רייסערייען, האָט די פּועלי אגודת ישראל, אין יולי 1960, באַשלאָסן, זיך צו דערקלערן זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק אַלס פּאַרטיי און מער זיך ניט באַטראַכט פאַר דעם קינד פון דער אגודה, ווי אַ צווייג פון אַ בוים, וואָס מוז זיך האַלטן אויפן בוים — און נאָך אַ זאַך: מער ניט זיין געבונדן ביי די באַשלוסן פון מועצת גדולי התורה.

די פּא"י איז דאַן, אונטער דער פירערשאַפט פון ר' בנימין מינץ ז"ל אַריינגעטראָטן אין דער ישראל רעגירונג, ניט אַכטנדיק די קעגנערשאַפט מצד דער אגודה, און ניט רעכנדיק זיך מיט דעם איסור פון דער מועצת גדולי התורה, די העכסטע רבנישע אינסטאַנץ ביי דער אגודת ישראל,, וועמעס אויטאָריטעט איז גוטגעהייסן געוואָרן, נאָך ביי דער ערשטער קאַטאָוויצער פאַרזאַמלונג.

אַזאַ האַנדלונג, האָט נאַטירלעך, ווי דערוואַרטעט, אַרויסגערופן די גרעסטע טאַדלונג מצד די אגודה־פירער און גאָר באַזונדערס פון איר פּאַקטישן פּאָליטישן לייטער ר' יצחק מאיר לעווין. אויך דער גערער רבי ר' ישראל אַלתר שליט"א, דער רבי פון ר' בנימין מינץ (אַ קרוב־און־מקורב ביים גערער און באַליבט אין גערער הויף), האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער האַנדלונג פונעם פּלאַמיקן גערער חסיד, וועמעס געוואַגטקייט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר מרידה, שיער נישט ווי די מרידות ביי רבייאישע דינאַסטיעס מיט צענדליקע יאָרן צוריק.

דאָס האָט תיכף געפירט צו אַ קאָנפליקט סיי מיט דער אגודה און סיי מיט דער מועצת גדולי התורה — אָבער פּא"י האָט זיך דאָ ניט אָפּגעשראָקן פאַר די התראות און אזהרות, בכתב ובעל־פה, אויך ניט פאַר די סטראַשונקעס מצד די הייס־בלוטיקע קנאים. דער אָפּמאַך מיט'ן ראש הממשלה דוד בן גוריון און מיט דער מפא"י איז געווען געשלאָסן און בנימין מינץ איז באַשטימט געוואָרן אַלס שר הדואר (פּאָסט־מיניסטער) אַ גאָר בכבודיקער אַמט אינעם ישראל־קאַבינעט.

דאָס האָט געפירט צו אַ שרעקלעכער רעאַקציע מצד דער אגודה: חרופים און גדופים וואָס האָבן ניט זייערס גלייכן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייער־מחלוקת אין אַלע ווינקלען. פון ירושלים די עיר השלום, איז דאָס העליש פייער אַריבער אַלע תחומים און איז עד היום ניט פאַרלאָשן געוואָרן.

בנימין מינץ איז פאַריאָגט געוואָרן פון גערער רבינ'ס טיש, וואָס האָט פאַר אים געמיינט די טראַגישסטע איבערלעבונג; זיינע נאָכפאָלגער זענען געיאָגט

געוואָרן פון די „שטיבלעך" און פון די פּאָסטנס. „גייסטיקע" פּעטש זענען געפלויגן אין דער לופטן, באַגלייט מיט קול־קורא׳ס, מיט בייסנדיקע מאמרים — חרפות און בזיונות.

דאָ האָבן מיר אים געזען אַ צעבראָכענעם! דער פייערדיקער גערער חסיד ביי וועמען גערער חסידות איז געווען זיין בלוט און פלייש (זיין אייגענער אויסדרוק), דער אָפּשטאַמיקער פון דורות גערער חסידים, איז דערווייטערט געוואָרן פון גער, און פון ר׳ יצחק מאיר לעווין, דעם גערער רבינ׳ס שוואָגער, זיין אַמאָליקער מורה־דרך, דער הויפּט פון דער אגודה זינט תר״ע.

עס איז געווען פאַר אים אַ ביטערער פּיל אָראָפּצושלינגען. ער האָט דאָס געטאָן צוליב זיין איבערצייגונג, אַז ער גייט אויף דעם ריכטיקן וועג, אַז ער וועט דערמיט העלפן זיין פּאַרטיי, אַז דאָס וועט זיין פאַר׳ן וואוילזיין פונעם רעליגיעזן אַרבעטער, אַז אינערהאַלב דער רעגירונג, קען מען אויפטאָן אַ סך מער פאַר׳ן רעליגיעזן יידנטום, פאַר די ענינים פון דת און עבודה, ווי שטיין פון דרויסן, אין דער אָפּאָזיציע.

פּאַרטיידיקנדיק זיין דראַסטישן שריט, האָט ער אָנגעגעבן זיינע מאָטיוון פאַר אָט דער האַנדלונג, באַהויפּטנדיק, אַז ער איז אַלעמאָל געווען פאַר צוזאַמענאַרבעט מיט׳ן גאַנצן ישוב, פאַר אַריינטרעטן אין דער קאָאַליציע־רעגירונג, ווייל דאָס קען נאָר ברענגען גוטס און געוויס ניט קיין שלעכטס דעם רעליגיעזן אַרבעטער, ווער שמועסט נאָך ווען ס׳זענען דאָ אַזעלכע שאַנסן, אַרויסצוקריגן פון דער רעגירונג אַזעלכע באַדינגונגען וועלכע זענען לטובת די רעליגיעזע פּאַרטייען.

זיין אַריינטריט אין דער רעגירונג, האָט ער אָנגעוויזן, האָט געעפנט נייע פּרנסה קוואַלן, האָט געשאַפן נייע פּאָסטנס פאַר רעליגיעזע יונגעלייט, הנחות און פּריווילעגיעס פאַר רעליגיעזע קיבוצים — און בכלל אַ טיר פאַר דעם היימיש־רעליגיעזן פאָלקס־מענטש.

דעם 19־טן יולי 1960 (כ״ד תמוז, תש״ך) האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון פּועלי אגודת ישראל געלאָזט וויסן: א) פּועלי אגודת ישראל איז אַריין אין דער קאָאַליציע־רעגירונג; ב) דער כנסת האָט גוטגעהייסן דעם צונויפגוס פון דער נייער פּאַרטיי אין דער רעגירונג; ג) ב. מינץ איז געוואָרן פּאָסט־מיניסטער; ד) פּא״י ווערט אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי; ה) איז מער ניט פאַרפליכטעט צו אָנערקענען די מועצת גדולי התורה אלס די העכסטע רבנישע אינסטאַנץ.

דער דאָזיקער אַקט מצד די פּועלים, האָט אַרויסגערופן פון איין זייט, לויב פאַר די פירער און באַזונדער פאַר מינצעס האַנדלונג; פון דער אַנדערער זייט, די גרעסטע קעגנערשאַפט און אַן איסור פון דער מועצת גדולי התורה.

די פּא״י האָט זיך פּאַרטיידיקט דערמיט, וואָס די זעלביקע רבנים פונעם ראַט,

האָבן גראַד יאָ דערלויבט — און דאָס אויך על פּי דין תורה — זיך צו באַטייליקן אין דער קאָאַליציע פון ירושלימער שטאָט־ראַט. און דאָ, ביי דער רעגירונגס־קאָאַליציע, פאַרבאָטן זיי: וואו זענען די תחומים און ווי פאַרשטייט מען דעם פּרעצעדענט. פאַרוואָס אגודה — מעג און פּועלי אגודה — ניט! די אגודה האָט זיך באַמיט צו פאַרענטפערן און פאַרטיידיקן זייער שריט.

די זלזולים אין דער פּרעסע האָבן אָבער געבראַכט דערנידערונג סיי צו דער אגודה און סיי צו דער פּועלי אגודה. דאָס האָט דערנידעריקט דעם כבוד התורה, כבוד הרבנות און ניט ווייניק — כבוד הבריות[1].

די פּועלי אגודת ישראל איז געווען צופרידן דורכצומאַכן נאָך אַ פּעריאָד פון יסורים, אַבי געניסן פון דער פרייהייט וואָס אַ „תנועה עצמאית" פאַרזיכערט איר. סיי אירע מאַסן און סיי איר פירערשאַפט האָבן געיובלט די דרייסטע און דראַסטישע האַנדלונג פון זייער פירער אָבער דאָך פאַרביסן מיט די ליפּן, אויף דעם אופן, ווי אַזוי די אגודה איז אַרויס קעגן זיי, און אַז דער אָפּרוף וועט בכלל ברענגען מיט זיך אַ ביטערן נאָך־טעם.

די דיסקוסיע פון פּאָר און קעגן גייט נאָך אָן און ס'איז באמת צו באַדויערן וואָס אין דער גאַנצער רבנישער וועלט, געפינט זיך ניט קיין איינער וואָס זאָל זיך איינשטעלן, אַרויסשטעלן און איינשטילן דאָס פייער פון מחלוקת.

ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז ביז „גיוס נשים" אַרגומענטן, האָט דאָך אויך די אגודה זיך באַטייליקט — און מסתם לויט אַ היתר פון מועצת גדולי התורה — אין דער קאָאַליציע־רעגירונג מיט אַ מערהייט פון „חופשים", פון פרייע. ס'איז אויך אַן אמת, אַז אינעם אַריינטרעטן אין דער רעגירונג, ווייזן די פּאַ"י פירער אַרויס אַ געוואַלטיקן מסירת נפש אין פאַרטיידיקן רעליגיעזע פּאָזיציעס, ניט דורך הינטער טירן, הינטער קוליסן שתדלנות, נאָר דירעקט, ביי קאַבינעט־זיצונגען.

דער רב פון פּועלי אגודת ישראל רבי רפאל קאַצענעלבויגן, איינער פון די אויסשטייענדיקע רבנים אין לאַנד, פאַרנעמט זיך מיט פאַרטיידיקן אָט די שיטה פון דער פּאַ"י[3] און באַווייזט קלאָר, די אויסגעהאַלטנקייט פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע, סיי פון פּראַקטיש־פּאָליטישן זין און סיי פון הלכה'שן שטאַנדפּונקט.

ס'מוז דאָ נאָכאַמאָל אויסגעדריקט ווערן באַדויערן, וואָס עס געפינט זיך ניט קיין אויטאָראַטיווע גרויסע רבנישע פּערזענלעכקייט וואָס זאָל נעמען אויף זיך די דאָזיקע הייליקע אויפגאַבע פון אָפּשטעלן די שנאה און איינשטעלן בעסערע באַציאונגען צווישן די צוויי רעליגיעזע פּאַרטייען וועלכע זענען דאָך ניט מער ווי פּראַקציעס פון אַ באַוועגונג, צווייגן פון אַ בוים.

ס'איז נאָך ניט שפּעט אָפּצושטעלן די מעשים פונעם שטן, ניט צו דערלאָזן מער צו דער שנאת חנם, וואָס שטאַרקט זיך, און איז עלול צו ברענגען אַ סך שאָדן דעם רעליגיעזן יידנטום.

מיטוואָך, ט"ז סיון, תשכ"א (מאַי 31, 1961) אינעם טאָג ווען די ליכט וואָס באַלייכטן די וועלט זענען אויפגעהאנגען געוואָרן און בעת די יידישע וועלט האָט געליינט אין דער תורה „בהעלותך את הנרות", גראַד אין דעם טאָג, איז פאַרלאָשן געוואָרן אַ גרויס ליכט, דער שר הדואר ר' בנימין מינץ האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

ב. בנימין מינץ. — בוי־ער און וויזיאָנער. — פון פּוילישן מאַנטשעס־טער ביז ירושלימער מלכות.

אין עלטער פון 58 יאָר, האָט ער, נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, פאַרלאָזט דעם עולם און אריין אין דער וועלט פון אייביקייט. גאַנץ ישראל האָט באַוויינט זיין פטירה און געקלאָגט איבער דעם טויט פונעם „לוחם מלחמות ד'". טרויער־טעלעגראַמעס זענען אין די הונדערטער געקומען פון אַלע וועלט־טיילן; נעקראָלאָגן זענען דערשינען אין שוואַרצע ראַמען אין אַלע ציטונגען; ביי דער פּועלי אגודת ישראל, איז דערקלערט געוואָרן אבילות — ער האָט געהאַט איינע פון די גרעסטע לויות אין ישראל — דאָס באַווייזט ווי ליב און געשעצט ער איז געווען.[1]

ער ווערט געשילדערט אַלס דער מענטש בהאַ הידיעה: „הי' איש" . . . שטורמישער מענטש, „בסערה עשה דרכו" . . .[2], מיט שטורעם אויפגעגאַנגען אין פּוילן, מיט שטורעם כובש געווען יידישע הערצער סיי מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, סיי מיט שילדערן זיינע נסיעות און סיי מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן — און מיט שטורעם געשאַפן די רעליגיעזע אַרבעטער באַוועגונג, אינערהאַלב דעם אגודה־קרייז. ער האָט מיט שטורעם געגומען די יידיש־רעליגיעזע יוגנט, די חובשי בית המדרש צום אויפבוי פון קיבוצים און מיט שטורעם איז ער אויפגעגאַנגען בלהב השמים, ניט דערגרייכנדיק אַפילו צום פולן זקנה־עלטער. פון די לאָדזשער קוימענס ביז די קרוין פון ישראל־ממשלה איז געווען כולו אומר כבוד . . .

מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת די פּועלים האָבן געפייערט זיין ווערן אַ „בן חמשים", דערגרייכנדיק די שטופּע פון עצה־געבער, איז ער כאַראַקטעריזירט געוואָרן אַלס גרויסער „חובב ארץ ישראל", אַלס ליבהאָבער פון ארץ ישראל און ניט חובב ציון, ווי אַ פּאָליטישער ציוניסט — און גראַד אַלס חובב ארץ ישראל האָט ער באַוויזן אריינצודרינגען אין די רייען פון אגודה און ישיבה־קרייזן.[3]

ער האָט געווירקט אַלס שרייבער און אַלס רעדנער.

אַלס שרייבער, האָט ער פריער אין „יוד" און נאָכדעם אין „דאָס יודישע טאָגבלאַט" געשילדערט די ארץ ישראל קאָלאָניעס, דאָס ארץ־ישראלדיקע לעבן און אַזוי אַרום באַאיינפלוסט צענדליקע משפחות, זיי זאָלן קומען זיך באַזעצן אינעם לאַנד פון די אבות.

אַלס רעדנער פלעגט ער באַרייזן פּוילן און מיט זיינע דונערדיק־פלאַמיקע

רעדעס צוציען יידישע הערצער און זיי מעורר זיין פאַר ישוב און בנין האָרץ. ער האָט געווירקט, ווייל ער איז ניט געווען בלויז א נאָה דורש, נאָר אויך א נאה מקיים. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער מצוה פון ישוב הארץ אַלס אַן אַקטיווער בויער.

ווען ער איז אויפגעטראָטן אויף אַגודה־קאָנגרעסן, האָט ער פון דער טריבונע געוועקט פאַר ציון, קריטיקירנדיק די נעגאַטיווע שטעלונג מצד דער אַגודה־פירערשאַפט. ניט אומזיסט, איז ער אין אַגודה־קרייזן טיטולירט געוואָרן אַלס „ראשון לציון"[4].

בנימין מינץ איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש, פוילן, אין יאָר תרס"ג (1903), ביי א גאָר מיוחסדיקער משפחה. זיין פאָטער ר' בונם איז געווען דער זון פון ר' אליעזר מינץ, פון די חשובסטע יידן אין וואַרשע און פון די אָנגעזעענסטע גערער חסידים — אַן אייניקל פון ר' משה זאב, ביאַליסטאָקער רב, מחבר פון פאָפּולערן הלכה־ספר „מראות הצובאות", וועלכער גיט אָן זיין יחוס פון מהר"ל פון פּראָג, רמ"א און אַנדערע.

זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון ר' יעקב וואָווידיסלאַווסקי, איינער פון די באַרימטע טעקסטיל מאַגנאַטן אין פוילן, אָנגעזעענער חסיד און מקורב, פריער אין קאָצק און נאָכדעם אין גער.

אין אַט דער סביבה פון תורה און חסידות, איז ער דערצויגן געוואָרן; חתונה געהאַט האָט ער מיט אַן אייניקל פון חדושי הרי"ם — און ווידער אַריין אין דער זעלביקער חסידישער סביבה. זיין שווער ר' מרדכי יוסף ווערדיגער פון יענדזשעוו, איז געווען באַקאַנט אַלס שאַרפער גערער חסיד, א מקורב ביים „שפת אמת" — אַזוי, אַז ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון קאָצק־גער.

נאָך אַלס גאָר יונגער מענטש, באַווייזט ער טאַלאַנט אַלס זשורנאַליסט, שרייבער און פאַרשער. זייענדיק אין זיין יוגנט זייער קראַנק, האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן נסיעות אין מרחקים, צו ווערן אונטערזוכט פון באַרימטע דאָקטוירים און ווערן געהיילט אין פאַרשיידענע קור־ערטער. ער האָט שוין דאַן א סך אָבסערווירט און נאָכדעם דאָס באַשריבן און געשילדערט. זיין קאַריערע אַלס שרייבער האָט ער אָנגעפאַנגען אין די אַגודה־אָרגאַנען און פּעריאָדישע שריפטן. ער איז געוואָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „יוד", נאָכדעם „טאָגבלאַט" (יידיש) און אין „דגלנו" (העברייאיש) און אין א צאָל אַנדערע, שוין נישט פּאַרטייאישע שריפטן.

באַזיצנדיק אויך אָרגאַניזאַטאָרישע פעיאיקייטן, איז ער געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער אַגודה, און גאָר באַזונדערס מיט אָרגאַניזירן א גרופּע יידיש־אָרטאָדאָקסישע שרייבער און פאָרשער, אַן אָרטאָדאָקסישן ליטעראַרישן קלוב — און די דאָזיקע גרופּע, האָט עס טאַקע אָנגעהויבן פּראָפּאַגירן די אידייען, פון בנין האָרץ דורך רעליגיעזע יידן.

צו דער זעלביקער צייט, האָט ער דורכגעמאַכט נסיעות קיין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, זוכנדיק שפּורן פון די דאָרטיקע אנוסים. די דאָזיקע רייזעס האָט ער באַשריבן אויף אַ גאָר קינסטלערישן אופן.

דאָס האַלט אים ניט אָפּ פון זיינע געזעלשאַפטלעכע מעשים. ער איז איינער פון די גרינדער פון „צעירי אגודת ישראל" אין פּוילן. אין תרפ"ג, ווערט ער דערוויילט אַלס דעלעגאַט צו דער כנסיה גדולה אין ווין, וואו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער יוגנט־באַוועגונג.

אַ קינד פון דער רייכער פּוילישער מאַנטשעסטער, פון גבירים־אַריסטאָקראַטן, פאַרלאָזט ער די רייכע היים מיט אַלע זיבן גליקן, מיט פּראָמינענץ אין גער און חשיבות אין אגודה — אין עלטער פון 23 יאָר איז ער עולה קיין ארץ־ישראל, זוכט זיין היים אין דער יידישער אַלטער היים. ער נעמט פאַר ליב אַלע זיינע עינויים, וואוינט אין אַ פאַרוואָרפענעם געסל אין כרם התימנים און פאַרנעמט זיך מיט מלאכה, ווייל לעבן אויף יגיעי־כפּים אין ארץ הקודש — און דערביי האָט ער זיך ביים שרייבן, האַלט פונעם כלל „וגם מזה אל תנח ידך", ער האַלט אָן קאָנטאַקט מיט זיינע חברים־שריפטשטעלער אין פּוילן, אַזעלכע ווי משולם קאַמינער (רעדאַקטאָר פון „יוד"), מאָטל רובין (רעדאַקטאָר פון „ריגער הייגט"), אברהם מרדכי ראַגאַווי, אליעזר גרשון פרידנזאָן און נאָך און נאָך אַגודיסטישע עסקנים און שרייבער און צו דער זעלביקער צייט געפינט ער זיך, דער חסידישער יונגערמאַן מיטן בערדל, אין דער געזעלשאַפט פון חיים נחמן ביאַליק, א. שטיינמאַן, ל. שלאָנסקי און באַטייליקט זיך אין זייער „כתובים", אין אַנדערע שריפטן. ער שרייבט אין „הארץ", אונטער דער רעדאַקציע פון משה גליקסאָן, איז דער פאָרשטייער פון דער אגודה־וועלט־באַוועגונג אין „סוכנות" ענינים אא"וו.

ווי געזאָגט, האָט ער עולה געווען אין יאָר תרפ"ה (1925) און באַלד גענומען אויף זיך די מיסיע צו אָרגאַניזירן די הייפּעלעך פועלי אגודת ישראל אין אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע. ער אַליין, האָט געאַרבעט אַלס דרוקער און נאָכדעם, צוזאַמען מיט זיין פעטער ו. לייכטער (מאיר וואַוידיסלאַווסקי ע"ה) געגרינדעט אַ דרוקעריי.

מיט פּרנסה איז ניט געווען אַזוי גוט. האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן אַלס פּראָפעסיאָנעלער צייטונגס־מאַן און דאָן אפילו באַוויזן זיך צו באַטייליקן אינעם בוך „ספר הרחובות של תל־אביב", אַ וויכטיק מאָנאָגראַפיש ווערק.

ער איז נאָכדעם צוריק געקומען קיין פּוילן, אַלס אגודה־טריבון און איז אַ לענגערע צייט געווען אין לובלין, וואו דער שטאָט רב, ר' מאיר שאַפּירא, האָט אים שטאַרק מקרב געווען און אים אפילו פאָרגעשלאָגן צו ווערן דירעקטאָר פון „ישיבת חכמי לובלין". די פריינטשאַפט פון לובלינער רב, האָט געמאַכט אויף אים אַ רושם און נאָך דער פּטירה פון לובלינער רב זצ"ל, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ העפט מיטן נאָמען „מאיר באהבה", צו פאַראייביקן יענע חדשים זיינע אין

לובלין. פון די שפּעטערע ארבעטן זיינע, דאַרף דערמאַנט ווערן זיין „ספר ההסתלקות", באַשרייבונג פון גער און פאַרהערלעכונג פון חסידות — אָבער דאָס איז ניט געווען זיין הויפּט־באַרוף. זיין באַרוף און מיסיע איז געווען חלוציזם אין דער אגודה!

ביי דער כנסיה גדולה אין מאַרינבאַד, אין יאָר תרצ"ז, (1937) האָט ער טאַקע צוזאַמען מיט דר. יצחק ברויער ז"ל, געשטורעמט פאַר עליה. זיי זענען אויפגעטראָטן פאַר דער מועצת גדולי התורה, ווילנדיק האָבן די גוטהייסונג פון דער העכסטער אגודה אינסטאַנץ פאַר ארבעט פון א יידישער מדינה און געוואָלט באַווייזן אַז דער אידעאַל איז נאָענט צו פאַרווירקלעכונג.[5]

ער האָט זיך ווידער געגרייט צוריקצופאָרן קיין ארץ ישראל, אָבער פריער געוואָלט קומען מיט רעזולטאַטן, מיט עליה־דערגרייכונגען און פאַר דעם צוועק האָט ער דאַן געדופן, געוועקט די „צעירי אגודת ישראל", די „פּועלי אגודת ישראל", די „בנות" און די „פרחי אגודת ישראל" — אומעטום געקומען מיט דער לאָזונג פון הכשרה, פון רעליגיעזער עליה, פון רעליגיעזן חלוציזם.

ווען ער איז צוריק געקומען אין ארץ ישראל, האָט ער זיך פאַרנומען מיט צייטונג־ארבעט און מיט ליטעראַרישע טעטיקייטן. ער האָט דאַן פאַרענדיקט א גאָר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע הלכה־ארבעט „שלחן ערוך" על־פּי אלף־בית[6] און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער גאַרנישט מוותר געווען אויף זיינע אחריות לגבי דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט בלב ונפש, און באַזונדערס זיך שטאַרק פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן דעם קיבוץ „חפץ חיים", ווי אַן אָנהויב פונעם פּא"י־קיבוץ־לעבן אין לאַנד.

מיט'ן אָנקום פון צווייטן וועלט־קריג און חורבן פון פּוילישן יידנטום, האָט ער געשטורעמט פאַר הצלה און זיך ממש מקריב געווען אין הצלה־ארבעט. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן א שריפט אונטערן נאָמען „יהדות פּוילין", וועקנדיק און רופנדיק דעם יידישן און דעם וועלט־געוויסן פאַר הצלה. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון „ועד הצלה".

עס איז אָבער געווען שוין צו שפּעט, אָפּצוראַטעווען דאָס פּוילישע יידנטום, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין געטאָס און אין די גאַז־קאַמערן, וואָס די נאַציס האָבן אַזוי פּינקטלעך אויספּלאַנירט.

עס איז פאַר אים געוואָרן קלאָר וועגן טאָטאַלן אומקום פון אָרטיקן יידנטום. ער שטעלט זיך ניט אָפּ, מאַכט דורך סכנות־נפשותדיקע נסיעות אין אייראָפּע בכדי צו ראַטעווען וואָס נאָר עס לאָזט זיך פונעם שארית הפליטה — און באַלד נאָכן קריג, איז ער אויפן אָרט פון חורבן און דערביי פאַרגעסט ער נישט צו אָרגאַניזירן די פּועלי אגודת ישראל אין א וועלט־באַוועגונג. ער פאַררופט פאַר דעם צוועק א קאָנפערענץ אין אַנטווערפּן אין יאָר תש"ו — און נאָכדעם צוריק צום היימישן פראָנט, צוריק קיין ארץ ישראל.

אין אָנהייב תש״ח, איז ער ווידער געקומען אין אַמעריקע צוליב הצלה־אַרבעט — און דאָ האָט ער דורכגעמאַכט אַלע פיבערן און שרעק פון „חבלי לידה״ — די תקופה ווען די פאַראייניקטע פעלקער האָבן געדאַרפט אָפּשטימען פאַר אַ מדינה, די נאָוועמבער טעג פון 1947.

ווי אַ מיטגליד פון ועד הבטחון, אונטערן פאָרזיץ פון דוד בן גוריון, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע פאַרהאַנדלונגען און אין דער ניי־פּראָקלאַמירטער ישראל פאַרנומען זיין פּאָזיציע.

ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ערשטן כנסת (שפּעטער דערוויילט געוואָרן צום צווייטן, דריטן און פערטן כנסת) און באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר אינערלעכע אנגעלעגנהייטן — און אין כנסת שוין געוועזן אַלס פאָרשטייער פון זיין פּאַרטיי, וואָס איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, אַפּילו מיט אַן אייגענעם אָרגאַן.

ער האָט געגרינדעט דעם „שערים״, אים רעדאַגירט פאַר קרוב ניין יאָר און געזאָרגט סיי פאַר זיין אינהאַלט און סיי פאַר זיינע פינאַנצן און דערביי גאָרנישט אויפגעגעבן פון זיינע פליכטן אין דער באַוועגונג, העלפנדיק אַפּילו אָרגאַניזירן די יוגנט־דערפער (כפר הנוער), כפר אליהו און שערי אברהם.

אין זיין אריינפיר צום „גליון השלושים״[7] דריקט זיך אויס דער רעדאַקטאָר, יהודה נחשוני: „רבי בנימין מינץ היא היסטוריה, ועדיין ההיסטוריה במהלכה והתהותה״ . . . ער איז אריין אין דער געשיכטע ווי דער „איש חי רב פעלים״ און איז אוועק, ניט האָבנדיק פאַרענדיקט זיין קאַפּיטל אין דער דאָזיקער וואונדערלעכער געשיכטע. — אַן אומרואיקער גייסט, האָט געברויזט דעם גאַנצן לעבן און אוועק אין סאַמע מיטן פונעם אויפברויז.

ער איז אַ סך באַוויינט געוואָרן, אומצאָליקע עלעגיעס זענען פאַרפאַסט געוואָרן — אייניקע מילי דהספדא מעג מען דאָ ציטירן.

דער הרב ראשי ר׳ י נסים האָט אים גערופן „שר וגדול״; ר׳ משה חיים שאַפּיראָ, דער שר הפנים און פירער פון מזרחי־הפועל המזרחי (מד״ל) האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלס „אישיות רבת גוונים וברוכת פעלים, בה התגלמו הטוב והיפה שביהדות״ . . . און קדיש לוז, דער ראש הכנסת האָט זיך אויסגעדריקט: „אחד האישים המרכזיים בכנסת״[8].

ער איז געווען אַן אצילותדיקע נשמה, דורכגעדרינגען מיט חסידות פוילן און בעל מידות לויט אַלע פאָרשריפטן פון די מוסר און מדות ספרים. הרב קלמן כהנא, זיין נאָכפאָלגער האָט געשריבן וועגן אים: „פולין המעטירה הרתה וילדתו, ארץ צבי גדלתו ותוך גידולו נגדע״[9]. אינמיטן פון זיין אקטיוו, פאַרשניטן געוואָרן. דער מלאך המות האָט געקראָגן שליטה איבער אים, ער האָט אָבער איבערגעלאָזט נאָכפאָלגער וואָס וועלן אים פאַראייביקן דורך מעשים, ווי ער פלעגט זאָגן, אַז „ער איז ניט קיין אידעאַלאָג נאָר אַ פּראַקטיקלאָג״[10], ווייל ניט קיין נאה דורשים

דאַרף די וועלט . . . וויכטיק זענען די מעשים „והכל לפי רוב המעשה" . . . און פאַר ארץ ישראל האָט ער געטאָן מעשים, אמתדיקע מעשים.

ווען ער איז אין 1953, געווען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע און מ'האָט אַלץ געוואָלט הערן פון אים דעם אמת וועגן מדינת ישראל, האָט ער דאַן געשריבן:

„דער אמת פון ארץ ישראל איז נאָר איינער. עס זענען נישט פאַראַן קיין צוויי אמתן. מען זאָגט נאָך פון קאָצקער רבי'ן ז"ל: „חותמו של הקדוש ברוך הוא — אמת". פאַרוואָס דווקא די מדה פון אמת? פאַרוואָס ניט שלום, פאַרוואָס נישט צדק? ווייל, האָט געזאָגט דער קאָצקער ז"ל, אַלע אַנדערע מידות קען מען נאָכמאַכן, אָבער אמת קען מען נישט נאָכמאַכן. מאַכט מען עס נאָך, איז עס נישט מער אמת. דעריבער האָט דער אויבערשטער אויסגעוויילט אמת פאַר זיין שטעמפּל. דער אמת פון ארץ ישראל איז אמת, נאָר ווען ער איז אַ גאַנצער, אַ כוללדיקער, וואָס נעמט אַלץ אַרום און נישט קיין ברעקלעך.

„דער אמת איז, אַז עס בויט זיך אַ לאַנד, אַן ארץ ישראל, אַ פאָלק, אַ יידיש פאָלק — אויף אַ וואונדערלעכן אופן מיט אַלע ליכט־זייטן און אַלע שאָטן־זייטן. אָט דאָס איז דער אמת, ואידך זיל גמור . . . עס איז אַ געוואַלטיק, גרויס ליכטיק געשעעניש אין דער לאַנגער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ליכטיק, אפילו, ווען עס זענען אויך פאַראַן אויף אים שאָטן־פלעקן . . . "[11].

וואָלטן מיר געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויף די מאָמענטן אין זיין לעבן, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, אַזאַ קלאָרקייט, אַז אפילו ווען מ'איז אויף אים אָנגעפאַלן און פּראָוואָצירט, איז ער אַלץ געבליבן דער איש העט והמעש און אָפּגעוואָרפן קליינלעכקייטן.

אין סאַמע מיטן פון זיינע התלהבותדיקע מעשים, פאַר דעם אידעאַל פון פּועלי אגודת ישראל, איז ער אוועק אין דער אייביקייט, דער דאַזיקער האַרציקער און מענטשלעכער ייד ומי יביא לנו תמורתו, ווער וועט זיין בכח צו פאַרנעמען זיין אָרט און ממלא זיין זיינע פונקציעס פאַר יידישקייט, פאַר ישראל אין זיין טאָפּלטן זין און באַדייט.

דער נאָכפאָלגער פון ר' בנימין מינץ, הרב קלמן כהנא[12], קומט שוין פון אַ גאַנץ אַנדערע סביבה, אַ מערב־אייראָפּייאישע — אַ דערצויגענער אין גייסט פון ר' שמשון רפאל הירש.

הרב כהנא איז דער סיסטעמאַטיקער אין לערנען און אַ מחבר מיט סדר, בקיאות, פעסטגעשטעלטקייט אין הלכה לעומקה של דבר . . . אַזוי איז ער אויך אין אָרגאַניזאַציע און אין פירערשאַפט: אַ בויער פונעם רעליגיעזן אגודיסטישן חלוציזם און רב פון גרעסטן פּא"י קיבוץ „חפץ חיים". ער איז אַ פאַרשער אויף אַ ברייטן פאַרנעם און אַן אידעאָלאָג מיט ברייטע האָריזאָנטן — זיין הויפּט געביט איז:

הלכות ארץ ישראל, דינים פון שמיטה און יובל און א סך אנדערע מצוות התלויות בארץ.

זיין השפעה איז גרויס אין און אויסער דער באוועגונג.

הערות

א.

1. זע, שערים, גליון 2741, שנה י', יום ג' פ' מטות־מסעי, כ"ד תמוז תש"ך (19.7.60). דער „המודיע", אָרגאַן פון אגודה, האָט דעם קאַמף קעגן פאַ"י אָנגעפאַנגען ניט מיט זיידענע הענטשקעס. יעדער נומער איז געווען פול מיט רופן פון חרמות און אָנגעזאָגט ווען אַן אומפאַרגלייכלעכער און אומפאַרגעבלעכער מחלוקה אין די אגודה רייען.
2. גענוג א בליק צו טאָן אין „המודיע" און אין „שערים". ספּעציעל די מאמרים פון הגאון רבי רפאל קצנלבויגן און הרב משה מונק.
3. זע, שערים, עש"ק י"א מנחם־אב, תש"ך (12.6.60); עש"ק י' אלול, תש"ך (2.9.60); עש"ק י"ז אלול, תש"ך (9.9.60).

ב.

1. זע, יהודה נחשוני, שערים, עש"ק בהעלותך, י"ח סיון, תשכ"א (2.6.61). אַפּשאַצונגען וועגן אים אין די שערים נומערן פון סיון־תמוז, תשכ"א, באַזונדערס דעם נומער פון כ"ג סיון, תשכ"א (גליון 3011, שנה י"א, 7.6.61).
2. פנים אל פנים, ירושלים כ"ה סיון, תשכ"א, גליון 111, 9.6.61.
3. זע, ישראל איידלמאַן, שערים, ז' טבת, תשי"ג (26.12.52), ספּעציעל־געווידמעטן גליון היובל . . .
4. יהודה ראַזמיוויש, דאָרט; אויך, די מאמרים פון ש. ערנסט און אפרים טויבנהויז.
5. זע „שערים", גליון 3011 — באריכות.
6. דאָס ספר איז פאַרעמירט געוואָרן פון וואַרשעווער קהלה — אָבער עד היום געבליבן אין כתב־יד.
7. זע, שערים, עש"ק ט"ז תמוז, תשכ"א — 30.6.61.
8. דאָרט, גליון השבעה, י"ט און כ"ג סיון, תשכ"א.
9. דאָרט נומ' 7.6.61.
10. יהודה איידלמאַן, דאָרט נומ' 7-6-61.
11. „דער איד", רעד. דר. אהרן ראַזמאַרין, פּרייטיק, פ' וירא, י"ד חשון, תשי"ד (נומ' 34).
12. געבוירן אין בראָר, גאַליציע אין יאָר 1910.

קאַפּיטל פופציק

העובד הדתי

די באַוועגונג. „רעליגיעזער ארבעטער", די דריטע רעליגיעז־ארבעטאַרישע פראַקציע, איז אין ארץ ישראל באַקאַנט מיט'ן נאָמען „העובד הדתי". פּונקט ווי די אַנדערע צוויי פראַקציעס, הפועל המזרחי און פועלי אגודת ישראל, איז זי

א. שטעלט טראָפּ אויף פּראָלעטאַריש־קייט. — האַלט זיך אין „הסתדרות". — גרינדונג פון באַוועגונג.

געבוירן געוואָרן אין פּוילן. דאָרט, אָרום און צווישן די כותלי בית המדרש פון די פּויליש־ליטווישע ישיבות און חסידים־שטיבלעך איז זי אויפגעקומען מיט'ן נאָמען „דת ועבודה".

די אַנדערע רעליגיעז־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין פּוילן האָבן אין יענע ערשטע יאָרן שטאַרק באַקעמפט די דאָזיקע באַוועגונג. זיי האָבן געזען אַ געפאַר אינעם וואוקס פון דער דאָזיקער לויט זייער מיינונג, צו ראַדיקאַלער באַוועגונג וואָס קאָן זיין פאַרפירעריש פאַר דער ענטוזיאַסטישער יוגנט און ווערן די בריק פאַר און צו אַנדערע וועלטלעכע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

אין זיין טעאָרעטישע בראָשור „צו זאַטע און צו הונגעריקע", ווידמעט י. ל. אַרלעאַן אַ גאַנצן קאַפּיטל, אויף צו באַווייזן די געפאַרן פון „דת ועבודה". ער שרייבט אין פאָרם פון אַ חבריש בריוול (אונטערן נאָמען „אוטאָפּיעס און אידעאַליזם) און אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן:

„מאָלע דאָרט, זאָגט ער, וואָס עטלעכע לייכט־זיניקע יונגעלייטלעך קאָנען נישט אַרבעטן אין אַ באַוועגונג יאָרן דורכאַנאַנד און ביים מינדעסטן רוח־מצויה געפינען זיי זיך באַלד, וואו אַנדערש. דערפון איז זיך נאָך קנאַפּ צו שרעקן. וואָס איך נעם מיך דיר צו שרייבן מכח דעם ענין, איז גאָר דערפאַר, וואָס איך האַלט, אַז געפאַרן פון אַזעלכע שטייגער טרייסלונגען אין אונזער מחנה, זענען שטענדיק פאַראויסגעזען . . .

„איינס קאָן איך דיר נאָר מיט דער גאַנצער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז דער, וואָס האָט נאָר איינמאָל דערגרונטעוועט זיך צו דער סאַמער טיפקייט פון אונזער אידייע, וועט שוין נישט אַזוי שנעל איבערגיין, אויב ער איז נאָר בטבע ערלעך צו זיך אַליין . . . "

פון אַרלעאַנ'ס בריוו, און ווי ער נעגירט די דאָזיקע באַוועגונג, ווייזט אויס, אַז אַ צאָל פּא"י חברים איז אַריבער צו דער „דת ועבודה". רעדנדיק צו אייגענע חברים, באַווייזט ער, אַז די נייע ריכטונג, לויט אירע לאָזונגען, איז ווייט פון דורכגעדרונגענער אמונה און אַז ס'איז אוממעגלעך צוזאַמענפּאָרן „דת" מיט „עבודה", אין דער סינטעזע, ווי אַזוי די טעאָרעטיקער פון דער נייער באַוועגונג

זעען עס, מאַכנדיק אַ קולט פון ע ב ו ד ה , זוכנדיק צו לייזן אַלע ארבעטס פּראָבלעמען דורך סאָציאַליסטישע תרופות.

דער טעאָרעטיקער פון פּועלי אגודיזם שרייבט ווייטער:

„דער שלחן ערוך אונזערער נעמט ארום גאַנצן געביט פון לעבן און דרינגט ארויס פונעם רוח התורה אין אַלע זיינע פּונקטן, דאַרף דאָך אויך די סאָציאַלע פּראַגע, אַפילו אין מינדעסטן פּרט, פון דער תורה אַרויסלייכטן. יעדע נייע קאָמפּליקאַציע, למשל אין הלכות שבת, אָדער נזיקין צווישן יחידים, איז באַלויכטן געוואָרן אין דער פאָרם פון שאלות ותשובות און ענדלעך צוגעפירט געוואָרן צום מקור התורה און פון דאָרט געשעפּט דעם ענטפער. זאָל די שטרייט־פראַגע צווישן קלאַסן, די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער צוקונפט וכדומה, אַזעלכע שאלות נישט קאָנען געלייזט ווערן דורך דער תורה גופא?

„ווען מיר לייגן דעם טראָפּ אין דער פאָרמול אויף נאָך עפּעס, אויסער תורה, צוימען מיר איין די תורה אין די ד׳ אמות פון אַזוי געראופענער דתיות. ס׳ווערט דערמיט (חלילה) פאַרלייקנט דאָס אין־סופיות פון דער תורה, דער „ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים״. ציוויליזאַציע, קען מען נעמען ביי גויים. סאָציאַלע אידייען, תורה, מוז מען נאָר נעמען פון אונזער מקור . . . ״

„דת ועבודה״ אין פּוילן, איז געווען די באַוועגונג וואָס האָט געזוכט אַנצוהאַלטן דעם רוח היהדות, די יידישע מסורה בנוגע די וועגן און ענד־צילן פון דער מענטשהייט אָבער דאָך זיך שטאַרק אָריענטירט אויפ׳ן וועלטלעכן סאָציאַליזם, אויף דער אויפפאַסונג פון מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די פאַרשיידענע פּראָבלעמען. דערפאַר זענען זיי פאַרשריען געוואָרן פון די אַנדערע מער קאָנסעקווענטע רעליגיעזע אַרבעטער פירער וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַלע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען קענען און דאַרפן געלייזט ווערן בלויז דורך תורה און רוח היהדות. זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז „דת ועבודה״ קאָן אַפילו אין אַ „רוח מצויה״, נכשל ווערן, אַראָפּ פון די רעלסן און אריבער צו די לינק־אַטעאיסטישע באַוועגונגען.

„דת ועבודה״ האָט פון זיך אויך אַראָפּגעוואָרפן דעם שטאַרק נאַציאָנאַליסטישן מאָמענט אין דעם יידישן רענעסאַנס. זי האָט באַטראַכט טעאָרעטיש און פּראַקטיש סיי דעם אָביעקטיוון און סיי דעם סוביעקטיוון יידישן לעבנס־שטייגער, ניט אין ציוניסטישן גייסט . . . זי האָט פאַרוואָרפן דעם הערצליאַנישן ציוניסטישן צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען, יידישע דערלייזונג און פרייהייט אין די ראַמען פונעם אומקער נאָך ציון. זי האָט אויך ניט געזען דעם יידישן גלות אין די תפוצות אין ליכט פון פינסקער־אחד העם־משה העס. זי האָט ניט געגלויבט אין זייערע פאָרמולעס און גאולה ווזיעס.

די פירער פון „דת ועבודה״ האָבן געגלויבט אין אַ רעליגיעזן סאָציאַליזם, פּונקט ווי ביי אַנדערע פעלקער און ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ, צום טייל, אין די

ווערק פון פּאַרגאַ אין אַמעריקע און ביי די מערב־אייראָפּייאישע אוטאָפּיסטן ווי ראָבערט אָוען (1858-1771), שאַרל פוריע (1837-1772) און אַ סך אַנדערע.

זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז יידן זענען אַ פֿאָלק מיט פעלקער גלייך, אַז יידן האָבן פליכטן צו דערפילן, בייצוטראָגן צו דער וועלט׳ס קולטור און וועלט׳ס ציוויליזאַציע. זיי האָבן זיך אָבער, ניט דוקא אָריענטירט אויף די ציוניסטישע פאָרמולעס, אַז נאָר אין ארץ ישראל, אין אַן אייגן לאַנד, וועלן די יידן קענען אַמבעסטן אַרויסברענגען זייערע שעפערישע כחות . . . דער יידישער ביישטייער, האָבן זיי געהאַלטן, קען נתגלה ווערן אומעטום און דערעיקר דורך דער יידיש־רעליגיעזער עטיק און דורך דעם יידיש־רעליגיעזן לעבן . . .

צו די טעאָרעטיקער פון „דת ועבודה״ נוסח פּוילן, האָט אויך געהערט אברהם ביק[1]. אין יאָר תרצ״ח, אַ יאָר פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „גרונט פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם״[2] אין וועלכן ער נעמט אַרום דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער באַוועגונג אין פּוילן, אירע הנחות און קאָנצעפּציעס[3] און ער זאָגט, דאָרט אומגעפער, אַז די באַוועגונג אין פּוילן שטיצט זיך נישט אויף שיבת ציון און נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, ווי די ציוניסטן מכל המינים, פאַרשטייען עס. ער זאָגט זיך אויך שטאַרק אַרויס קעגן דער באָלשעוויסטיש־לעניניסטיש־מאַרקסיסטישער שיטה וואָס פירט צום פּראָצעס פון פאָלשטענדיקער אויפלייזונג פון יידישן אייגנאַרט . . .[4]

די באַוועגונג איז אָבער אין פּוילן ניט געוואַקסן. זי האָט דאָרט בלויז אירע ערשטע טריט געשטעלט אָבער ניט געהאַט דעם פעסטן באָדן הינטער זיך, ניט געהאַט דעם אויסגעפּלאַסטערטן וועג.

אין ארץ ישראל איז די באַוועגונג אַרויסגעקומען אין איר נייעם גלגול, אונטערן נייעם נאָמען „העובד הדתי״, און אירע וואָרט־זאָגער האָבן גענומען זינגען דאָס זעלבע מעכטיקע געזאַנג פון גאולה בענקשאַפט, דעם זעלבן גלויבן און האָפנונג. די שירה־הימלען זענען פאַר זיי אויך געעפנט געוואָרן. ציון און געטלעכקייט זענען שוין ביי אירע פירער געבונדן און געפלאָכטן געוואָרן פונקט ווי ביי אַלע חלוצים־דורכגעדרונגענע תושבים פון לאַנד און בויער פון דער מדינה.

די טעאָרעטיקער פון „העובד הדתי״ האָבן באַטראַכט די אַרבעט פאַר ארץ ישראל אַלס לייזונג פאַר׳ן פּראָבלעם גאולת ישראל און פאַר דעם יסוד פון דער רעליגיעז־סאָציאַלער אויפלעבונג צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג פונעם ארץ אבות. די טעאָרעטיקער פון „עובד הדתי״, ווי די אַנדערע חובבי ציון, זענען אויך געווען באַהויכט פונעם ציון אידעאַל, זייערע הערצער זענען אָנגעפילט געווען מיט ליבע צו ציון — און אין דעם איז באַשטאַנען דער חידוש פון דער באַוועגונג וואָס איז אַ קינד פון „דת ועבודה״. נאָך אַ חידוש, זייער אָנהאַלט אין דער „הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל״,

אַנפּירנדיק אינערהאַלב דער הסתדרות מיט אַן אומאָפּהענגיקן זעלבסטשטענדיקן אַפּאַראַט.

די הויפּט־פירער פון אַט דער פראַקציע פון דער רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט אין די ערשטע יאָרן זענען געווען דר. ישעיה לייבאָוויטש און א. ערליך. דער ערשטער אַלס וואָרט־זאָגער און דער צווייטער, דער טאָן־געבער פון דער באַוועגונג. היינט צו טאָג געפינען זיך אין דער באַוועגונג אַ צאָל אינטעלעקטואַלן, שריפטשטעלער, פּראָפעסיאָנאַלן און אַנדערע וויכטיקע שעפערישע כחות אינעם לאַנד, אַ געקליבענער אָבער קערנדיקער טייל פון דער אינטעליגענץ. געגנוג צו דערמאָנען אפרים קאַמינקא (זון פון הרב אהרן קאמינקא ז"ל), דעם שריפטשטעלער און ליטעראַטור־פאָרשער דוב סדן און נאָך אַ צאָל סימפּאַטיקער וואָס קומען פון אַט דער ריי.

צווישן די טוער געפינען זיך אייניקע מער און אַנדערע וויניקער ראַדיקאַל געשטימט. אַ גרויסער צאָל פון די אַקטיוויסטן אין דער באַוועגונג, וואָלט זיך גאָר גוט צוגעפּאַסט צו דעם הפועל המזרחי אָדער אפילו צו דער פועלי אגודת ישראל וואָס שייך טראַדיציאָנעלער יידישקייט! זיי געפינען זיך אָבער זייער גוט אין דער באַוועגונג וואָס האַלט זיך אין דער פּאָליטיק פון דער הסתדרות און אין דער קולטור פון תורת משה.[5]

דער דערמאַנטער אברהם ערליך (דעראַקטאָר פון די שריפטן וואָס די באַוועגונג גיט אַרויס פון צייט צו צייט און פון דעם אָרגאַן „העובד הדתי", וואָס ווערט סובסידירט פון דער „הסתדרות") האָט פאַרעפנטלעכט אַ „פנקס קטן"[6], איבערגעבנדיק אין אַ קאָנדענסירטן פאָרם די אידעאָלאָגישע יסודות פון דעם „העובד הדתי". ער קלערט אויף זיין מהות אַלס פראַקציע פון רעליגיעזן אַרבעטער אין דער הסתדרות. ער קאָנסטאַטירט דעם פאַקט, אַז נאָר אין דער הסתדרות, האָט דער עובד הדתי זיין פּאַסיק אָרט: „העובד הדתי קם והתארגן בתוך ההסתדרות הכללית באשר זה מקומו הטבעי, מהיותו תנועה דתית, ציונית סוציאליסטית השואפת לבנות את חיינו על יסוד עבודה עצמית, עמל כפים ושויון, ומתנגדת לכל מיני ניצול ומרמה; שכן — זה יסוד מוסר היהדות, ויסוד הסוציאליזם האמתי".

דער „עובד הדתי" שטרעבט צו אָרגאַניזירן די רעליגיעז־געשטימטע אַרבעטער, משפיע זיין אויף זיי און העלפן זיי אויסלעבן זיך רעליגיעז אין די ראַמען פון דער הסתדרות, וואָס גיט זיי די בעסטע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען און אויסברייטערן זייער השפעה.

די אָנהענגער פון אַט דער באַוועגונג האַלטן עס פאַר אַ טעות פונעם הפועל המזרחי און פועלי אגודת ישראל, וואָס אנשטאַט אַריינדרינגען אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, האָבן זיי זיך גאָר אָריענטירט, אין זייער קאַמף פאַר רעליגיע, אויף די בירגערלעכע און קאַפּיטאַליסטישע באַוועגונגען[7]. די פירער פון עובד הדתי אַגיטירן פאַר דער הסתדרות, פּראָפּאַגירן די אויפטוען פון

הסתדרות און די וויכטיקייט פון האָבן איין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד.

אין דערמאָנטן „פּנקסל", ברענגט א. ערליך דעם פאַקט, אַז דער ערשטער קערן פונעם עובד הדתי איז באַשטאַנען פון די „לינקערע" אין הפּועל המזרחי וועלכע האָבן געציילט אַרום אַכציק (80) חברים, געבענדיק זיך דעם נאָמען „העובד הדתי". די דאָזיקע (לעצטע) שפּאַלטונג, ווי ער גיט איבער, איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די וואַלן צום פּתח תקוה שטאָט־ראַט, בעת דער הפּועל המזרחי האָט געשטימט מיט די בירגערלעכע עלעמענטן און די לינקערע, זייענדיק דורכגעדרונגען מיט'ן הפּועל המזרחי סאָציאַליזם, האָבן ניט געוואָלט מוותר זיין. זיי האָבן פאַרלאָזט דעם הפּועל המזרחי און זיי זענען ווי אַ קערפּערשאַפט אַריין אין דער הסתדרות. דאָרט האָט מען זיי אויפגענומען צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון, אויך אויפריכטיק־ערלעכע, מיט וואַרעמקייט און חברישקייט . . .

אָפיציעל, הייסט עס, האָט זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט דער „עובד הדתי". געשיכטלעך האָט זיך אָבער אַ סך פריער אָרגאַניזירט אַ גרופּע אונטערן נאָמען „דת ועבודה", אינערהאַלב דער הסתדרות. שוין אין חשון תרצ"ו (1935) געפינען מיר אַ גרופּע, כמעט ווי אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון דער באַוועגונג מיט'ן זעלבן נאָמען אין פּוילן, פון וועלכער דער דערמאָנטער א. ערליך, איז געווען אַ מיטגליד[8] און דער פירער איז געווען דער קדוש פּינחס וואַסערמאַן. דער אַדרעס פון וואַרשעווער צענטראַלע איז געווען אויף זאַמענהאָף גאַס.

מיר וועלן ווייטער נאָך שרייבן וועגן אָט דעם אינטערעסאַנטן יונגנמאַן, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פונעם הפּועל המזרחי אין פּוילן.

פון די אַקטיוויסטן אין וואַרשע, דאַרף אויך דערמאַנט ווערן שלמה דאַמב. אין צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, האָט ער באַוויזן ממש לעגענדאַרע מעשים אין קאַמף קעגן שונא און אין דער רעטונג פון יידן[9].

אַלס אַריער, אויף שווייצאַרישע פּאַפּירן, האָט ער זיך פריי אַרומגעדרייט אויף דער קריסטלעכער זייט און אַרויסגעראַטעוועט מענטשן פון געטאָ, פאַראייניקט צעריסענע משפּחות און געראַטעוועט יידישע נפשות, ביז ער איז ביים סוף פון 1943, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און איז דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן.

אויף דעם זעקסטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות, ווינטער תש"ח, פאַרנעמט שוין דער „עובד הדתי" אַן אָנגעזען אָרט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער ציילט בלויז איין און אַ פערטל פּראָצענט (5 דעלעגאַטן צווישן 400).

אויף יענער קאָנפערענץ איז די רעליגיעזע פראַקציע באַגריסט געוואָרן פון דוד רמז און יוסף שפּרינצאַק ע"ה, די אָפיציעלע פירער פון הסתדרות. ר' בנימין, ווידמעט אַ התלהבותדיקן מאמר אין דעם רעליגיעזן חודש־שריפט „במישור", האַלטנדיק שטאַרק פון דער „סיעה חדשה" אין דער הסתדרות. ער איז באַגייסטערט

פאר זייערע רעליגיעזע פאָדערונגען, ווי כשרות אין עפנטלעכע פּלעצער, שטיצע פאר רעליגיעזע עולים, הילף פאר רעליגיעזע דערציאונגס־אינסטיטוציעס: „כשרות המטבחיים הפומביים, ביטול עבודה בשבת, חנוך לילדי הפועל הדתי אשר בהסתדרות, הכשרת שליחים דתיים לגולי הדתית, קליטת עליה דתית בתוך תחומי ההסתדרות . . . "

די פירער פון „עובד הדתי", זענען איבערציינגט, אַז אינעווייניק אין דער הסתדרות און מיט דער סימפּאַטיע פון הסתדרות־פירער קענען זיי אַ סך מער אויפטאָן פאר דעם רעליגיעזן לעבן אין לאַנד, ווי דורך אַ באַזונדערער אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט, ווי דורך „ארגונים נפרדים" . . . ווייל די צעשפּליטערטקייט פון פּראָלעטאַריאַט, צעטיילט בכלל דעם אַרבעטער־כח. „מפצלים את כחו של הפועל במלחמתו המקצועית . . . " און נאָך מער — דאָס שאַפט אַ כאָאָס אין די קרייזן פון רעליגיעזן אַרבעטער „חוגים גדולים של פועלים דתיים אינם מצטרפין לשם ארגון"[10].

פאַרשטייט זיך, אַז די אַנדערע גרעסערע פּאַרטייען פון רעליגיעזע אַרבעטער זענען קעגן דער דאָזיקער איינשטעלונג און ווייזן אָן אויף פאַקטן, אַז נאָר אַ דאַנק דער אָרגאַניזירטקייט פון רעליגיעזן אַרבעטער אַלס אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענעם אַפּאַראַט, גיט דעם רעליגיעזן אַרבעטער אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך זעלבסטשטענדיק און דערגרייכן אַ סך אויפ׳ן פּאָליטישן, סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן געביט.

די לעצטע יאָרן האָט דער „עובד הדתי" צוגעקראָגן אַ ר ב י י א י ש ן כוח — דעם סטרעטינער רבי ר׳ יהודה צבי בראַנדווײַן, וועלכער האָלט שטאַרק פון יגיע־כפּים. ער אַליין איז פריער געווען אַ בוי־אַרבעטער און איצט איז ער באַשטימט געוואָרן פון דער „הסתדרות" אָנצופירן מיט דער רעליגיעזער אָפּטיילונג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער „עובד הדתי"־גרופּע.

דער סטרעטינער רבי, ווי באַקאַנט, שטאַמט פון סטרעליסקער „שרף" פון אַ באַקאַנטע חסידישער דינאַסטיע אין גאַליציע, אָבער ער אַליין איז שוין אַ „סאַברע", אַ געבוירענער אין צפת, די מקובלים־שטאָט. אים האָט געצויגן צו אַרבעט, אַנשטאָט פירן חסידישע טישן. אידעאָלאָגיש און פּראַקטיש האָט ער זיך געהאַלטן ביים כלל פון „תורה עם דרך ארץ" — און זיין וועג געפינען אין דער הסתדרות, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט פאַרשפּרייטן יידישקייט צווישן הסתדרות־מיטגלידער.

אין ישראל, איז ער באַקאַנט מיטן נאָמען „דער רבי פון הסתדרות" און ער איז צופרידן פונעם דאָזיקן טיטול. ער זעט אַ באַפרידיקונג אין דעם, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט צו צעטיילן הונדערטער פּאָר תפלין, צענדליקער ספרי תורה, טליתים, רעליגיעזע ספרים, תשמישי קדושה און העלפט אויסשטאַטן צענדליקער רעליגיעזע ביבליאָטעקן מיט ש״ס׳ן, משניות־סדרים, מדרשים, ספרי לימוד אא״וו.

מיט אַ צייט צוריק איז איבערגעגעבן געוואָרן וועגן אַן איינדרוקספולער

צערעמאָניע וואָס דער רבי האָט דורכגעפירט ביים איבערגעבן 33 ספרי תורה און 10 תורה־ביבליאָטעקן צו פאַרשטייער פון 30 רעליגיעזע דערפער אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, האָט הרב בראַנדוויין איבערגעגעבן, אַז זיין דעפּאַרטמענט האָט אין משך פון צוויי יאָר אויסגעגעבן אַ האַלבן מיליאָן פונט אויף צו גרינדן און אויסשטאַטן 400 בתי מדרשים, 25 מקוואות און צעטיילט טויזנטער ספרים, תפלין און טליתים — אפילו געוויזן, אַז אַזעלכע קיבוצים ווי ניר עם, אפיקים (מפא״י־קיבוצים) זאָלן אויפשטעלן בתי מדרשים און יד מרדכי (קיבוץ פון השומר הצעיר) זאָל אַריינגעמען אַ ספר תורה — און אַזוי גייט ער אָן מיטן דאָזיקן פּראָגראַם פון אַריינברענגען יידישקייט, וואו נאָר ס׳לאָזט זיך.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז עס געווען די סענסאַציע, מיט אַ סוכה אויפן דאַך פון דער הסתדרות־געביידע. דאָס הסתדרות־הויז, דער בנין פון סעקולערער יידישקייט, איז געוואָרן באַקרוינט מיט אַ סוכה און צווישן די וואָס זענען געקומען זיך באַטייליקן אין שמחת חג צוזאַמען מיטן סטרעטינער רבי, זענען געווען הסתדרות־פירער און רבנים פון ספרדישע עדות, אַריינגערעכנט דעם דעמאָלטדיקן רב־ראשי פון תל־אביב, דער שפּעטערער רעליגיע־מיניסטער הרב י. מ. טאָלעדאַנאָ ז״ל.

מיט באַגייסטערונג ווענן אָט דעם אַקט און כבוד השם, האָבן צווישן אַנדערע גערעדט: הרב טאָלעדאַנאָ, דר. ש. ז. כהנא, ישראל ישעיהו (מפא״י־עסקן און רעליגיעזער מענטש), פּינחס לבון, דאַן גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות און אַנדערע.

דער **„עובד הדתי"**, קומט פון צייט צו צייט אַרויס, מיט אינפאָרמאַציע וועגן זיינע דערגרייכונגען, זינט ער איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן, ווי אַ פראַקציע אין דער אַלגעמיינער הסתדרות.

ב. טעטיקייטן אויפן הנוך־געביט. — שמירת שבת און כשרות. — בלויז זעלבסטשטענדיקע, אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע קען שטאַרקן רעליגיעז לעבן. — איבערצייגונג פון הפועל המזרחי.

אברהם ערליך (אַרליך) האָט דאָס געטאָן, ווי דערמאָנט, אין זיין „פּנקס קטן"[1] אַנווייזנדיק, אַז אין די ראַמען פון „הסתדרות" האָבן זיי אַ סך דערגרייכט און אַז ער איז איבערצייגט, אין אָט דעם נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס־גאַנג: אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישע פראַקציע אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער הסתדרות, וועלכע שטרעבט צו אַ לעבן באַזירט אויף אַרבעט און סאָציאַלן יושר, קעגן יעדער פאָרם פון עקספּלואַטאַציע

ער האַלט, אַז סיי די „פּועלי אגודת ישראל" און סיי דער „הפועל המזרחי" האָבן געמאַכט אַ טעות דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך ניט אָרגאַניזירט ווי אַ טייל

פון דער „הסתדרות" — צו אגיטירן און פּראָפּאַגירן די אידייען פון רעליגיעזן, תורהדיקן סאָציאַליזם אין דער אָרגאַניזאַציע וואָס נעמט אַרום דעם רוב מנין און רוב בנין פון אַרבעטאָרישן קלאַס.

ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פאַקט, וואָס נאָך אין פּוילן האָט עקזיסטירט אַזאַ ענלעכע אָרגאַניזאַציע און אַז נאָך אין תרצ"ו. זענען געמאַכט געוואָרן פּרואוון צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אונטער דעם דאָזיקן נאָמען און מיט די די דאָזיקע צילן. זיי זענען דורכגעפאַלן. די הויפּט־סיבה פאַר זייער דורכפאַל — האַלט ער — איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט די שטיצע פון דער „הסתדרות, ווייל זיי זענען געשטאַנען פונדערווייטנס, מחוץ דער „הסתדרות".

„עס איז געווען — לויט זיין מיינונג — אַ וויכטיקער צוג מצד זיין גרופּע. אָנצוהייבן זייער אַקטיוו אין דער הסתדרות". ער ציטירט טאָקע פון ר' בנימין, די באַגייסטערונג זיינע, צו זען אַ רעליגיעזע פּראַקציע וואָס מישט זיך ניט אין פּאָליטיק — און די דאָזיקע פראַקציע זאָל קריגן אָנזען און זיך דערווערבן איינפלוס אין דער הסתדרות און אין די הסתדרות־קערפּערשאַפטן2.

מיט'ן כח פון דער „הסתדרות" האָבן זיי געקראָגן די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די רעליגיעזע אַרבעטער וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין דעם דאָזיקן אַלץ־אַרומנעמענדיקן אַרבעטער־פאַראיין און נאָך אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די נאָך ניט רעליגיעזע אַרבעטער אין לאַנד.

ניט זייענדיק פאַרטאָן מיט פּאָליטישע טעטיקייטן, האָט דער „עובד הדתי" אַלע שאַנסן, אויסצונוצן זיין ענערגיע און רעסורסן פאַר די גייסטיקע ווערטן און רעליגיעזן חנוך־וועזן פאַר די וותיקים ווי פאַר די נייע עולים — און דאָס, דורך דירעקטע אויפטריטן ביי הסתדרות זיצונגען.

די דאָזיקע שטעלונג ווערט שטאַרק אָפּגעפרעגט פון די אַנדערע רעליגיעז־סאָציאַלע באַוועגונגען אין לאַנד, וועלכע האַלטן אַז די אַלע דערגרייכונגען האָבן אַ מינימאַלן באַדייט — אָבער וועגן דעם ווייטער.

אין זיין פריער־דערמאָנטן פּנקסל, ציטירט א. ארליך, בריוו פון די פירער פון הסתדרות. בריוו פון ועד הפועל פון דער הסתדרות (איין בריוו, דאַטירט, ח' כסלו, תש"ז — 1946, 11, 21; אַ צווייטן בריוו, דאַטירט, ט' כסלו, תש"ז — 1946. 12, 22) אין וועלכע די הסתדרות פירער פאַרזיכערן: אויפשטעלן כשרע קיכן, רעסטאָראַנען, דער רו טאָג זאָל זיין שבת, אַ רעליגיעזער חנוך פאַר די וואָס פאַרלאַנגען עס און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווען מיר באַקענען זיך אָבער מיט די פאַקטן זעען מיר, אַז די אַלע זאַכן זענען געווען נאָר גוטע וואונטשן, אָבער אין דער פּראַקטיק, איז עס ניט געווען

אזוי לייכט דורכצופירן אפילו ווען מ'זאָל אָננעמען אז ס'איז געווען דער ווילן און די גוטע פארשפּרעכונגען. פון די פארשיידענע באריכטן אין די אָרגאַנען פון דער באוועגונג, ווייזט זיך ארויס, אז בלויז אויף'ן געביט פון חנוך האָט דער „עובד הדתי" געהאַט די מעגלעכקייט ארויסצואווייזן אן אינטענסיווע טעטיקייט און נאָר אויף'ן חנוך געביט האָבן די פירער פון דער דאָזיקער פראַקציע אָנצואווייזן אויף געוויסע דערפאָלגן מיט וועלכע זיי קענען שטאָלצירן.

אזוי לייענען מיר אין דעם „דין וחשבון של הכנוס ארצי הרביעי של העובד הדתי", (חנוכה תשי"ג—16.12.52) דעם גרעסטן און דעם וויכטיקסטן צוזאמענפאָר, אויף וועלכן ס'זענען געווען פארטראָטן 216 דעלעגאַטן פון 90 ישובים אין לאַנד, ס'ווערט דאָרט איבערגעגעבן וועגן די דערגרייכונגען במשך דריי יאָר (פונעם 3־טן צוזאמענפאָר, מאַי 17, 1949, ביז דעם 4־טן) צום 32־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אריינגערעכנט די יאָרן אין פוילן, זעט מען, אז מער ווי אויף'ן געביט פון חנוך האָט די אָרגאַניזאַציע קיין סך ניט דערגרייכט. די אָרגאַניזאַציע איז אויך נומעריש ניט איבעריק געווען דערפאָלגרייך., ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט צום הסתדרות קאָנגרעס געציילט אַרום 3000 שטימען. אויף'ן געביט פון חנוך האָט דער עובד הדתי יאָ עפּעס דערגרייכט. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט 100 מוסדות אין לאַנד מיט אַרום 500 לערער און לערערינס.

די אנשויאונג פון אירע פירער, איז, אז נאָר דורך אַ גוט אָרגאַניזירטן רעליגיעזן חנוך, קען געזיכערט ווערן די רעאַליזירונג פון די נביאישע לאָזונגען, ניט בלויז דורך טראָגן די לאָזונגען „בגרונו", נאָר דערעיקר ב מ ע ש י ם און דורך פּעדאַגאָגישן „חנוך למצוה של אדם לבין עצמו"[3].

איינער פון אירע טוער, י. ד. בית הלוי, איז מיט דער מיינונג, „ההסתדרות הכללית על כל פלגיה וזרמיה היא היא המעצבת את דמותה הרוחנית והחומרית של הארץ הנבנית . . . ולכן מקומם של העובדים הדתיים אך ורק בתוכה"[4]. אז נאָר דורך דער מיטאַרבעט מיט הסתדרות, קען דער רעליגיעזער אַרבעטער קריגן רעליגיעזער הצטרכות און עקאָנאָמישער פאַרזאָרגונג און ניט פאַרשווענדן צייט, ענערגיע, געלט אויפצושטעלן און אָנהאַלטן אַ פּאַרטיי אַפּאַראַט, פּאָליטיש־געשולטע חברים, באַאַמטע אא"וו.

פון די קנאַפּע דריי צענדליק החלטות פון יענעם כנוס, איז כדאי צו דערמאַנען: די דערציערישע, וואָס זענען זייער אַקטועל מיטן באַשאַפן און באַשטימען דעם חנוך־אחיד, דורך דער רעגירונגס חנוך־סיסטעם און אויך די החלטות וועגן די באַציאונגען מיט די רעליגיעזע אַרבעטער באַוועגונגען מחוץ דער הסתדרות. זיי ווערן גערופן צו שאַפן איין פאַראייניקטע רעליגיעזע אַרבעטער פּאַרטיי:

1) הכנוס הארצי הרביעי של העובד הדתי מטיל על המרכז לקיים קשר

מתמיד עם כל ארגוני הפועלים הדתיים אשר מחוץ להסתדרות בכדי לצרפם למסגרתה. כמו כן לקיים קשר הדוק עם כל החברים הדתיים, כדי שיצטרפו לשורות העובד הדתי.

2) הכנוס מקדם בברכה את הצטרפתו של הפועל המזרחי לאגוד המקצועי של ההסתדרות, והוא פונה בקריאה לפועל המזרחי ולפועלי אגודת ישראל להצטרף להסתדרות הצטרפות מלאה".

די מערסטע ארטיקלען אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן, „העובד הדתי", זענען ווי דערמאנט, געווידמעט, די כנוסים, דעם געביט פון חנוך, וויאזוי צו לערנען און באַקענען דער יוגנט מיט דער עטיק פון תורה און תלמוד. די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע ענינים, ווייזט אויס, פאַרלאָזן זיי זיך אויף דער פירערשאַפט פון הסתדרות.

מיר קוקן למשל אריין אינעם נומער פון כסלו, תשי"ג (נומער 31, געווידמעט דער 4־טער לאַנד־קאָנפערענץ, ד' חנוכה, תשי"ג—16־טן דעצעמבער, 1952), זעט מען, אַז די עיקר פּראָבלעמען מיט וועלכע די באַוועגונג פאַרנעמט זיך, זענען חנוך און נאָכאַמאָל חנוך, תלמוד תורה כנגד כולם . . .[4a].

אינעם דערמאָנטן נומער (חנוכה תשי"ג) זענען פאַרעפנטלעכט באַגריסונגען פון כמעט אַלע פירער פון מפא"י־הסתדרות. די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע איז די באַגריסונג פון יוסף שפּרינצאַק, דער דעמאָלטדיקער ראש הכנסת. ער זאָגט זיך אַרויס גאַנץ קלאָר, וואָס ער דערוואַרט פון דער דאָזיקער פראַקציע:

„אני מיחס לקבוצה זו חשיבות ככח מתווך ומכשיר את הכנסת „הפועל המזרחי" להסתדרות. אינני מתפשר עם העובדה ש„הפועל המזרחי", נמצא מחוץ להסתדרות, שכן אני מסכים על אלה האומרים, כי תנועה זו הצדיקה את פעלה בארץ ככוח מאורגן, מיישב, פועלי, הקלאי".

צי אַזאַ פאַראייניקונג, ווי דער עובד הדתי שלאָגט פאָר, קען פאָרקומען, איז אַ גרויסער ספק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס וואָלט אַ סך געהאָלפן דער פאַרשטאַרקונג פון רעליגיעזן לעבן אין לאַנד[5].

דער אמת איז, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסע מחיצה צווישן די רעליגיעזע אַרבעטער פּאַרטייען. דער הפועל המזרחי און פועלי אגודת ישראל, זענען דאָך סוף כל סוף באַזירט אויף תורהדיקן סאָציאַליזם. זיי שליסן איין אין זייער פּראָגראַם, בלויז די סאָציאַליסטישע פּאָדערונגען וואָס זענען אין איינקלאַנג מיט תורה־פּרינציפּן . . . די דערמאָנטע פּאַרטייען שטעלן זיך ניט צופרידן מיט גרינדן אַ צאָל שולן און רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי די העובד הדתי פירער[6].

עס זענען אויך דאָ חלוקי־דעות אין די באַציאונגען צו אמונה און צו די רעליגיעזע דאָגמעס; עס זענען דאָ מיינונגס־פאַרשיידנהייטן סיי פון פּראַקטישן און סיי פון טעאָרעטישן כאַראַקטער, וואָס לאָזן זיך ניט אַזוי לייכט און אוודאי ניט אויבערפלעכלעך דערקלערן. מיר וועלן זיך ווייטער אָפּשטעלן מער באַריכות וועגן די טעאָרעטישע אונטערשיידן צווישן דעם „עובד הדתי" און די אַנדערע זעלבסטשטענדיקע רעליגיעזע ארבעטער פּאַרטייען

הערות

א.

1. איצט פירער פון דער לינקער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.
2. רעל.־סאָציאַלער פּאַרלאַג, „באַפרייאונג", ניו־יאָרק־לאָדזש, 1938.
3. זע, די הסכמות און אריינפירן פון דר. יצחק נחמן שטיינבערג, א. אלמי און נאָכוואָרט פון מאיר הערצבערג.
4. זע, דאָרט, באַריכות וועגן סאָוועטישן סאָציאַליזם און סטאַלינסטישן דעספּאָטיזם.
5. זע, העובד הדתי, תל־אביב, תשי"ב, גליון 30.
6. הוצאת מרכז לתרבות והסברה, אב תשי"א — אויג. 1951.
7. זע, דאָרט, ז"ז 4־5.
8. דאָרט, ז"ז 7־8.
9. זע, אמנון אייזענשטאַט, „און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט", טאָראָנטאָ 1962, ז"ז 222־223.
10. אדר, תש"ה.
11. דאָרט, ז"ז 10־11.

ב.

1. „העובד הדתי", הוצ' מרכז לתרבות והסברה, אב תשי"א.
2. „במישור", אדר, תש"ח.
3. דאָרט, ז"ז 7־8.
4. דאָרט, ז' 8.

4א. זע דאָרט, מאמר פון משה עץ חיים (גרינוואַלד) „העובד הדתי" און אַזוי זענען אַלע אויסגאַבעס איבערפולט מיט חנוך־פּראָבלעמען איבערלאָזנדיק צו דער הסתדרות אַלע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ס'זענען דאָן געווען 216 פּאַרטרעטער פון 90 ישובים.

5. דאָרט, ז"ז 4־5.
6. זע, משה בן נחום, החנוך הדתי בההסתדרות, ז"ז 12־14; 15; 22־24.

קאַפּיטל איין־און־פופציק

טעאָרעטישע קאָנצעפּיעס

ווי מיר האָבן געזען, זוכן די פירער פון עובד הדתי א וועג פון פאַראייניקונג, מיט די אַנדערע צוויי רעליגיעז־סאָציאַלע פּאַרטייען. אַזוי שרייבן און רעדן די יונגערע, די אַזוי גערופענע קנאים פון דער דאָזיקער פראַקציע אין „הסתדרות"

א. אמונה און פאַרשטענדעניש. — נעגירונג פון דאָגמעס. — ענלעכקייט צו גאָרדאָניסטען שיטה.

און אַזוי שרייבן און רעדן די עלטערע צווישן זיי, אַריינגערעכנט דער זעכציק יאָריקער סטרעטינער רבי, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער דעם רעליגיע־דעפּאַרטמענט ביים הסתדרות. זיי זענען גרייט צו געבן דעם הפועל המזרחי, א דאַנק זיינע פאַרדינסטן, דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין אַזאַ פאַראייניקונג.

ז. פליכס (פעליקס) אין זיין פאַרלאַנג צו שאַפן אַזאַ סאָרט צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע רעליגיעזע פּאַרטייען, גיט צו: „הפועל המזרחי הוא הותיק ורכש לו עמדה מכובדה, ביחוד הודות להישגיו בהתישבות, שהיא לתפארת לישוב כולו וליהדות הדתית בפרט". ער קומט צום אויספיר, אַז ס'איז געקומען די צייט צו שאַפן די „אחדות תנועת העבודה הדתית" די פאַראייניקונג פון דער רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט. ער גיט אָן אַ ריי פּלענער וויאַזוי דאָס צו פאַרווירקלעכן, אויף אַן אופן, אַז יעדער פּאַרטיי זאָל ניט פאַרלירן איר זעלבסטבאַשטימונג און דער עובד הדתי זאָל ניט פאַרלירן די מעגלעכקייט צו געניסן די רעכטן פון דער הסתדרות[1].

די טעאָרעטיקער פון „עובד הדתי", זענען דורכאויס דערפאַר אַז דאָס שטיין מחוץ להסתדרות, שטעלט מיט זיך פאָר די היסטאָרישע סכנה פון שאַפן א מחיצה צווישן דער גרויסע מאַסע אַרבעטער. זיי האַלטן אויך אַז די הסתדרות דאַרף טאָן דאָס מעגלעכסטע, אַז די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט זאָל זיך דאָרט קענען באַקוועם אויסלעבן: „מוטל היה (על ההסתדרות הכללית — נ. ש.) ליצור את התנאים שיאפשרו לצבור הדתי ולצבור שאינו מקבל עליו עול תורה ומצוות להמצא יחד במסגרת אירגונית אחת ולהמשיך כל אחד במאבקו למען עיצב העובדת ברוחו . . . "

לייבאָוויטש, ווי איינער פון אירע אַמאָליקע טעאָרעטיקער איז באַגייסטערט פון רעזאָלוציעס, וואָס ווערן אָנגענומען ביי הסתדרות קאָנפערענצן, אַפילו ווען זיי זענען ניט מער ווי פרומער וואונטש, ווייל רייד, האַלט ער, פירן צו מעשים און די החלטות — האָפט ער — וועלן ברענגען גוטע רעזולטאַטן[2].

א סכעמאַטישער אמת — האַלטן זיי — קריסטאַליזירט, סטימולירט, באַווירקט און ברענגט רעזולטאַטן. די רייד פון עובד הדתי אין הסתדרות, איז די שטים פון

מאַנענדיק געוויסן אינערהאַלב די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט און איז בכח צו שאַפן שטימונג פאַר רעליגיעזן יושר, אין דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט.

אין אַ צווייטן נומער פון דעם דאָזיקן פּאַרטיי־אָרגאַן[3], לייענען מיר, צווישן אַנדערן, אַן אינטערעסאַנטן בריוו פון דער הסתדרות־פאַרוואַלטונג. (דאַטירט י״ח באָב תש״ז — 1947, 7, 4.):

„לכבוד העובד הדתי
יהודה הלוי 33, כאן,

ח. נ.

על האוכל בביה״ס לפעילי ההסתדרות

בזה סיכום ישיבתנו עם הנהלת ביה״ס לפעילי ההסתדרות. הנהלת ביה״ס מודיעה:

1) כי היא ממשיכה לקיים במוסד רק אוכל צמחוני,

2) כי היא תבנים לחימום בשבת מכונת חשמל, שתחמם את האוכל לכל המתלמדים בביה״ס (כמו בקופ״ח).

3) כי עד הכנסת המכונה דלעיל לא יהיה אוכל חם בשבת.

מובטחני, כי בזה הובטח בהחלט האופי הכללי, של ביה״ס ומטבחו.

בברכת חברים,
י. מרמינסקי

ניט אַזוי לייכט איז צו געפינען דעם טעאָרעטישן איינשטעל פון אָט דער באַוועגונג. דאָ און דאָרט געפינט מען בלויז די צופעליקע אָפּהאַנדלונגען אין באַצוג צום טעאָרעטישן יסוד פון דעם „עובד הדתי". אינעם פריער־דערמאָנטן נומער פּאַרטיי־אָרגאַן איז אָפּגעדרוקט אַ טיפּזיניק־באַלערנדיקער מאמר פון דר. ישעיה ליבוביץ אונטערן נאָמען „דת ומדינה", וואו ער נעמט אַרום אַלע טעאָרעטישע אַספּעקטן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם (סוציאליזם דתי) און אויך אַלע זיינע קעגנווערטיקע און צוקונפטיקע פּראָבלעמען און דערעיקר פון זיין אַרטיקל, איז דער אַלטערנאַטיוו און שטעלונג צו דער פראַגע צי רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך און די קריטעריע, ווענן מעמד פון אַ רעליגיעזן מענטשן. ער שרייבט:

„מוסכם ומקובל, למשל, לראות כקריטריון לעמדתו הדתית של אדם את האטליז שבו קונה בשר, אך לא את עמידתו לציונית או לאנטי־ציונית, למלחמה ולשלום, לכלכלה המבוססת על היזמה הפרטית ועל העבודה השכירה לעומת הכלכלה המבוססת על שיתוף ברכוש ושיתוף בעבודה . . . היהדות הדתית בימינו מכירה — לא באידיאולוגיה כי אם במציאותה החיה — בתורה לאדם מישראל, אך לא בתורה לעם ישראל . . . "

ליבאָוויטש איז אויך מיט דער מיינונג, אַז דער רעליגיעזער אַרבעטער דאַרף אַרויס פון זיינע ענגע ד׳ אמות פון הלכהשן סדר צו אַ ברייטערן שטאַטלעכן

פאַרנעם פון „תורת ישראל", אין זיין ברייטערן זין פון תורת חיים[4]. ער גייט אוועק פון דער שיטה פון הפועל המזרחי און פון פועלי אגודת ישראל, און ער רופט צו א רעוואָלוציאָנערנדיקן פּראָגראַם פון פאַרווירקלעכן דעם „חיי התנ"ך" אָן די, ווי ער רופט זיי, גלותדיקע דאָגמעס.

דער עובד הדתי, ווי ליבאָוויטש פאַרשטייט אים, דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר קיין דראַסטישקייט.

ווען מען באַקענט זיך מיט דעם טעאָרעטישן איינשטעל פון דער באַוועגונג, געפינט מען אין איר געדאַנקען נאָענט צו די אידייען פון א. ד. גאָרדאָן, זיין רעיון העבודה אלס „הלכה למעשה ולפרט, לעם וליחיד". די באַזע פאַר דעם לעבנס־גאַנג פונעם אינדיווידיואום און דעם קאָלעקטיוו[5].

ליבאָוויץ קומט צו דער מסקנא, אַז ס'איז ניט גענוג בלויז אָננעמען דעם גלויבן — פּרינציפּ, ווי א געוואוינהייט, נאָר עס פאָדערט זיך באַוואוסטזיניקייט און פאַרשטענדעניש, א טיפע הבנה אין דער פּראַקטיק און ציל פון מצוות.

המחייב פיתוח של תורה והלכה דתית ובעיון החברה והמדינה בהווה ברוח התורה הכתובה והמסורה וע"פי דוגמת הלכה שנתגבשה בתנאים ובמסיבות אחרים — אין לו ברירה אלא לסמוך על הבנתו הוא את רוח התורה ואת מצוותיהן ותכליתן יחד עם חבריו לדעה, תוך התלבטות קולקטיבית, ישתדל להגיע לידי מסקנות מעשיות המתחייבות מתוך התפיסה הזאת".

דער דאָזיקער טעאָרעטישער מאמר ליבאָוויטשעס קומט אַריין מיט נאָך אַן עודף אין דער איינציקער גרעסערער שריפט פאַר טעאָרעטישער פאָרטיפונג „דת ומדינה[6]". ער ברענגט צום אויסדרוק דעם אידעאָלאָגישן חידוש פון דער דאָזיקער רעליגיעזער אַרבעטער פראַקציע דעקלאַרירנדיק אַזוי דעמאָנסטראַטיוו, אַז די דאָזיקע שריפט איז דער באַשיידענער פּרוּוו צוזאַמענצונעמען די עיקר קאָנצעפּציעס פון דער דאָזיקער נייער פראַקציע: „קובץ קטן זה הוא נסיון צנוע ראשון לכנוס יחד עיקרי רעיונות והדי פעולות של הצעירה מבין התנועות הדתיות בישראל".

די באַגרינדער פון אָט דער רעליגיעזער פראַקציע זענען צופיל נישט באַרעדעוודיק, קאַרג אויף אַרויסברענגען זייערע געדאַנקען און אפשר טאַקע דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט וואָס מחדש צו זיין אינעם אינהאַלט און זייער גאַנצער חידוש איז דער ל ב ו ש , ווילנדיק זיך צופּאַסן צום אַפּאַראַט און צו די פונקציעס פון הסתדרות, דאָרט ווערן א קוואַל און א קראַפט פון השפּעה אינערהאַלב די ברייטע און פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייטן פון הסתדרות.

„העובד הדתי" — ווערט געזאָגט אין דער דערמאָנטער שריפט — נוסד כסיעת פועלים דתיים בתוך ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל, היא קוראת לעצמה דתית, בלי צירוף תואר אחר — כי הדת לה ערך וקנה מדה עליון, היא מדגישה את אפיה כתנועת פועלים — כי לדעתה יש לה

בתור שבזאת דעות ודרכים מיוחדות לפיהן היא חייבת להגשים את הרעיון הדתי, דרכים שהן שונות מדרכי הגשמתה של דת ישראל בעיירה היהדות הישנה . . . ״

דער עובד הדתי, הייסט עס, קומט אַרויס מיט אַ נייעם וועג, וויאַזוי צו פאַרווירקלעכן די יידישע רעליגיע. ניט האָבנדיק קיין נייע סאָציאַלע פּראָמולעס, ניט ברענגענדיק קיין נייע נביאישע אַנטפּלעקונגען און רעכענדיק זיך מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט, זוכן זיינע פירער אַ נייעם לבוש פאַר קאָנקרעטע אידייען. זיי גייען אַוועק פונעם דרך אינעם קליינעם שטעטל אין אַמאָליקן יידישן תחום המושב.

זיי האָבן אויך געוואָגט צו מאַכן אַ מער ראַדיקאַלן אָפּנויג, אינעם קאַמף פאַר׳ן סאָציאַלן יושר אין ישראל. אַ קליינע גרופּע — און דאָך — אַרויסגעשטעלט גאַר מוטיק זייערע אידעאַלן פון סאָציאַליזם און רעליגיע.

ביים עובד הדתי — מוז מען צוגעבן — פעלט דער ברען־פּונקט, דער פייער־זאַל וואָס זאָל צינדן און באַגייסטערן. ס׳פעלט ביי זיי פיבער, דער אינטואיטיווער בליק, און געפיל. ס׳פעלט ביי זיי די וויזיע ווי צו שפּינען אויף ווייטער די געשיכטלעכע פעדים פון רעליגיעזן קיום, וואָס זאָל זיין אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט׳ן געשיכטלעכן עבר פון אַלע דורות, און מיט׳ן יידישן געניום פון אַלע תקופות.

זיי האָבן אויך ניט באַוויזן וויאַזוי אַרויסצונעמען דעם קווינט־עסענץ פון דעם יידישן שאַפן אין די גלות׳ן און עס אַריינוועבן אין דער צוקונפט־וויזיע פון אונזער תנ״ך. צוזאַמען מיט די אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטייען העלפן אויסברייטערן די יידישע וועלט־אויפפאַסונג פון האַרמאָניש־אידילישן צוזאַמענלעבן פון די קלאַסן און ניט לאָזן צו פאַרגליווערטקייט אַ לעבעדיק יידנטום.

פּאַרטיי צעגלידערטקייט טויג ניט. ס׳דאַרף זיין דער טיפער, ערנסטער, אַנאַליטישער און במילא אָביעקטיווער צוגאַנג צו דער פאַרפילגעשטאַלטונג און פאַרפילפאַכונג פון יידישן לעבן.

אַ באַוועגונג פון דעם כאַראַקטער מוז אויך האָבן די דינאַמיק אויף אויסצונוצן די אָנגעזאַמלטע כחות, די טרייבנדע פאַקטאָרן פון די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון און טענדענצן און קומען מיט עפּעס אייגנס פאַר גייסטיקער און מאַטעריעלער באַפרידיקונג פון ייד־מענטש.

זי מוז אַרויסרופן דעם אינטערעס צו אירע סאָציאַל־טעאָרעטישע אַנאַליזן און פּראָגנאָזן, און זיין בכח אַרויסצורופן דעם פּאַטאָס פון רעליגיעזער עטיק וואָס איז אין הסכם מיט׳ן צייט־גייסט און מיט די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטורן און געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען.

דער רעליגיעזער יידישער אַרבעטער מוז געפינען אין דער באַוועגונג די קאָנצעפּציעס פון אַ האַרמאָניש לעבן, אַ העכערן לעבנס־אינהאַלט, אַ לעבנס־

מאָראַל פאַר דער געשטאַלטונג פונעם נייעם יידישן לעבן אין דער יידישער מדינה.

די טעאָרעטיקער פון „עובד הדתי" האָפן אַז זיי וועלן צוציען צו זייער קרייז די שעפעריש־רעליגיעזע כחות פון לאַנד, די אינטעלעקטועלע כחות, ווי זיי דריקן דאָס אויס אין דער הקדמה צום העפט „דת ומדינה", אַז די אַלע ערלעכע אינטעלעקטועלע עלנטע כחות וועלן זיך פאַרבינדן מיט זייער קרייז . . . און זיי פאַרזיכערן, אַז זיי ווילן ניט בודק זיין זייערע ציצית, אויב נאָר זיי וועלן מסכים זיין צו די הויפּט־פּרינציפּן וואָס שייך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגעס, צוזאַמען מיט זיי, זוכן אַ קלאָרן ענטפער צו אַלע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען און אַרויסווייזן אָט־דעם ווילן סיי דורך אינערלעכע און סיי דורך אויסערלעכע מאַניפעסטאַציעס.

„אנו מקווים כי הכחות האינטלקטואליים העשירים יושבי בדד . . . יתחברו אתנו. כל חייל, כל איש־הרוח, כל עסקן צבורי — ה מ ק ב ל ע ל ע צ מ ו ע ו ל מ ל כ ו ת ש מ י ם — מי אנו שנבדוק את ציציותיו? י ב ו א ו וישמיעו את קולם בתוך שורותנו, נחפש יחד את הדרך הנכונה והיעילה להגשמת התורה במדינת ישראל".

די פירער זענען זיכער, אַז די יעניקע אינטעלעקטואַלן מיט אָפענע חושים און מיט אַ וואך הארץ, צו פירן און צו הערן דעם דופק פון יידישע מענטשן און פון דער מענטשהייט בכלל, וועלן געפינען זייער אָרט נאָר אין די רייען פון עובד הדתי וועלכע זוכט דעם „ירושלים של מטה": פליש, ברויט, קלייד, ערד, גשמיותדיקייט, ניט פאַרלירנדיק דערביי דאָס קאָסמישע, הימלישע אין מענטשענס דעקאָרענט. זיי זענען זיכער אינעם אמת פון זייער סאָציאַליזם וואָס פאַרשוועכט ניט די דורותדיקע הייליקונג, דורותדיקע ווייזיעס, וואָס מענטשהייט האָט דערגרייכט אַ דאַנק דער געטלעכער התגלות, אַ דאַנק דער געטלעך סאָציאַל־מאָראַלישער באַווירקונג.

דער גרעסטער טייל פון דעם העפט „דת ומדינה", איז — ווי דערמאָנט — אויסגעפילט מיט די טעאָרעטישע מאמרים פון דר. ישעיה לייבאָוויטש וועלכער זוכט צו שאַפן אַ סינטעטישן סך־הכל פון זיין טעאָרעטישן איינשטעל, זוכנדיק צו באַווייזן אַז יידישע רעליגיע, „דת ישראל", איז היינט ביי גאָר אַ סך, נישט שטרענג פאַרבונדן מיט אמונה און אַז אַ גרויסער צאָל פון גלויביקע אין גאָט, אין דעם איראַציאָנאַליסטיש־מעטאַפיזישן באַגריף זענען ניט אָפּגעהיט אין קיום המצוות, אין דער יידישער טראַדיציע. ס'טליעט אָבער ביי זיי אַ שטאַרקער פונק פון קדושה אין לעבן, ניט געקוקט אויף זייער ברייטער ליבעראַלער השקפה — און אָט די עלעמענטן, דאַרפן צוגעצויגן ווערן, צו די רייען און צו די קרייזן, וואָס עפענען פאַר זיי, די קוואַלן פון מים חיים, סיי וואָס שייך דער נייער יצירה

אויפ'ן געביט פון הלכה און סיי וואָס שייך דעם שאַפן פון דער עטישער אגדה וואָס דערהויבט דעם מענטש צו די הימלישע ספערן.

דעריבער, האַלט לייבאָוויטש, דאַרף דער עיקר אַכט געלייגט ווערן אויף לימוד התורה, אויף חינוך, אויף דער באַוואוסטזיניקייט פון תורה'דיק לעבן, ווי רבי עקיבאָ האָט געזאָגט צו זיין חבר ר' טרפון „גדול הלימוד, שהלימוד מביא לידי מעשה"[7]. די אידעאַלאָגן פון דת ועבודה באַווייזן אויך, אַז די תורה, ווילנדיק דערהויבן דעם מענטש, האָט איבערגעלאָזט דאָס הימלישע, און געזוכט צו באַזאָרגן דעם מענטש אויף דער ערד. דאָס איז דער טיפער תורה'דיקער וועלט־באַנעם.

ניט געקוקט וואָס דער מיין איז אַ גאַנץ אַנדערער קומט אויפ'ן רעיון אַ פּערז פון אורי צבי גרינבערג:

„זינג נישט מער פון דערהויבנקייט פונעם הימל
רעד וועגן דעם מענטשן וואָס לעבט אויף דער ערד"[8].

און דאָ קומען מיר צו איינעם פון די עיקר־פּונקטן, די באַציאונג צו אמונה און אמונה דאָגמעס. דער „עובד הדתי" גלויבט אין די עיקרים פון דער יידישער אמונה; ער איז אָבער איבערצייגט, אַז עס איז געקומען די צייט פון רעליגיעזן רענעסאַנס; אַז מ'דאַרף מאַכן אַ גייסטיקע רעוואָלוציע, אַראָפּוואַרפן, ווי זיי דריקן זיך אויס, פון דער ריינער רעליגיע, דעם גלותדיקן שטויב און שפּינוועבס . . .

ס'איז געקומען די צייט — האַלטן זיינע פירער — צו פאַרשטיין דעם „מה ד' אלקיך שואל מעמך" . . . די יידישע רעליגיע, האַלטן זיי (און דאָס לייקנט קיינער ניט), איז אַן עטישע, אַ לערע וועגן גלויבן אין אַן איינציקן באַשעפער, מאָנאָטעאיזם, ווי מיר רופן עס, וואָס וויל, אַז די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש זאָל זיין אַן עטישע, אַ הומאַניטאַרע. דערביי דאַרפן אָפּגעהיט ווערן אַלע תרי"ג מצוות, היטן די פאָרמען פון טראַדיציאָנעלן יידנטום, אָפּהיטן שבת, כשרות, פאַמיליע און געשלעכט־מאָראַל . . .

סומירנדיק זייערע קאָנצעפּציעס, זעט מען, אַז זיי זענען נאָענט צו די אידייען פון קאָנסערוואַטיווע יידישקייט, באַפּוצט מיט דער אידעאָלאָגיע פון אַרבעטאָרישקייט. אויב זיי זענען, לאָמיר זאָגן, פ ר ו מ ע ר טעאָרעטיש און אפשר אויך פּראַקטיש להלכה ולמעשה פונעם אַמעריקאַניש־קאָנסערוואַטיוון ייד, איז עס אַ רעזולטאַט פון „מקום גורם"! ארץ ישראל, אָרטאָדאָקסישע קנאותדיקייט, דערלאָזט ניט צו דראַסטישע ענדערונגען. זייער צוגאַנג צו רעליגיעזע פּראָבלעמען איז אָבער מער וועלטלעכער פון וואָסער עס איז רעליגיעזע באַוועגונגען אין ישראל. זייערע צילן זענען „תיקונים בדת", אויסבעסערונגען, צוגעפּאַסט צום „רוח הזמן", שטאַרקנדיק און אָפּראַטעווענדיק דערמיט, לויט זייער מיינונג, דאָס יסודותדיקע אין יידישקייט.

דר. לייבאָוויטש, אַ טיף־דענקענדיקער מענטש, באַרירט אָפּן דעם ענין רעוויזיע

אין יידישער טראַדיציע. ער גייט אַזוי ווייט אָנצואווייזן די נויטיקייט פון אַ רעוויזיע, אַפּילו אין דער הלכה און אין דינים פון שבת. ער רופט טאַקע אַרויס קריטיק, ביי די פירער פון די אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטייען. די רבנישע פירער פון הפּועל המזרחי, ווי משה צבי נריה, א. גרשוני, י. ישראלי און אַנדערע טרעטן שאַרף אַרויס קעגן זיין איינשטעלונג. זיי זענען קעגן רעפאָרמען אין יידישקייט, תיקונים און ה י ת ר י ם . זיי גייען אַזוי ווייט צו באַשולדיקן אַז אין זיינע רעפאָרמען איז דאָ כפירה און אַז רעוויזיעס אין באַצוג צו ענינים פון פיקוח נפש אין שבת, אין באַצוג צו ענינים אָן וועלכע די מדינה קען ניט עקזיסטירן . . . דאָס, האַלטן זיי געהערט צו רבנים, די הלכה אויטאָריטעטן; זיי דאַרפן האַנדלען וועגן דעם „על פי התורה אשר יורוך . . . ״ אָבער ניט לויט אַן אַלגעמיינע שיטה פון רעוויזיעס אין דת!

אויך אין די רייען פונעם עובד הדתי, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס שטימען ניט מיט דר. לייבאָוויטש׳עס מיינונג וועגן ראַדיקאַלע תיקונים בדת, און אויך זיי, ווי די פירער פונעם הפּועל המזרחי און פּא״י האַלטן, אַז נאָר דורך שטאַרקן דעם יידישן גייסט, פירן די בלאַנדזשענדיקע יוגנט אויפ׳ן ריכטיקן וועג, היטן דאָס רוחניותדיקע אין יידנטום, אויסברייטערן און ניט פאַרפלאַכן די יידישע רעליגיע — דאָס וועט ראַטעווען דעם יידישן גייסט און די יידישע רעליגיע. ניט קיין נייע הלכה דאַרף מען פּראָדוצירן אין מדינת ישראל, נאָר באַפעסטיקן די אַלטע און אַנטדעקן לייזונגען פאַר די אַלץ־נייע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען **על פי תורה**, דורך די געהעריקע אויטאָריטעטן וועלכע קלאַמערן זיך אין דער מסורה, אין דער הלכה למשה מסיני און זענען פאַרבונדן מיט׳ן יידישן אַמאָל, מיט׳ן תורהדיקייט וואָס ציט זיך פון תנ״ך, משנה און תלמוד ביז שלחן ערוך און אחרון שבאחרונים.

די רעליגיעזע אַרבעטערשאַפט, ווי פאַרשטאַנען פון די אַנדערע פּאַרטייען, געפינט אין דער תורה און אין דער הלכה אַן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען. אין די הלכה ספרים, באַווייזן זיי, איז קאָנסערווירט די גייסטיקע און די מאַטעריעלע ווערטן פון יידנטום אין זיין לאַנגן וואַנדער־וועג, אין זיין געפאַלנקייט און דערהויבנקייט. די דינים און סייגים רעגולירן דאָס לעבן פונעם יידן פון וויגעלע ביז צום קבר.

דער הפּועל המזרחי, ווי פּא״י, איז אויך איבערצייגט, ווי שוין באַטאָנט, אַז נאָר דורך אַן אָרגאַניזירטער אומאָפּהענגיקער, רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט, קען מען אויסמיידן דעם חסד און די טובה פון הסתדרות פירער, אַפּילו ווען זיי קומען פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען יוסף שפּרינצאַק.

ביים עובד הדתי, זענען, ווי געזאָגט, דאָ שטאַרקע טענדענצן פון איבער־אַנדערשן דעם רעליגיעז־יידישן וועג אין ישראל. זייער טענה: יידן זענען אין זייער אייגן לאַנד, אונטער זייער אייגענער מלוכה — דאַרף מען זיך אומקערן צו דער אַמאָליקער, יידיש־עטישער רעליגיע, רעווידירן די גלות־טענדענצן און בויען אין

מדינת ישראל די געזעלשאַפטלעכע מוסטער אָרדנונג, באַזירט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט, פרייהייט און גלייכקייט פאַר אַלע איינוואוינער.

דער עובד הדתי איז ווייט פון סעקטאַנטישער קנאותדיקייט. ער זוכט בלויז טעאָרעטיש, דעם געטלעכן יסוד אינעם מענטשן, דעם צלם אלקים זיינעם; ער זוכט ארויסצושיילן דאָס עכטע קערנדל אין דער יידישער רעליגיע, זייענדיק מוותר אויף גרויסער צאָל סייגים, דאָס וואָס ער באַטראַכט פאַר גלות ווערטן.

דער דאָזיקער דרך איז פול מיט מכשולים, סכנות פאַר דער צוקונפט פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. עס איז ניט פון די לייכטע ענינים סינטעטיש צוזאַמענבינדן אמונה מיט אולטרא־מאָדערניזם, רעפאָרמען פירן איבערצוריידן מיט'ן עבר און מ'דאַרף זיך פריער אַוועקשטעלן אויף גאָר שטאַרקע יסודות צו זיכערן די צווייגן. פריער דאַרף מען זיכערן די שטאַרקייט און אומצעררייסבאַרקייט פון די יידישע גייסטיקע פעדעם וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דאָס יידנטום פאַר טויזנטער יאָרן.

די טעאָרעטיקער פונעם אַלגעמ. רעליגיעזן סאָציאַליזם, ווילן דעריבער שאַפן די האַרמאָניע צווישן גייסט און מאַטעריע; זיך צו האַלטן ביי די יסודות פון תורהדיקער מאָראַל, ביי די דרייצן עיקרים פון דער יידישער אמונה, ווי דער רמב"ם קלאַסיפיצירט זיי, און ניט לאָזן זיך פירן פון אַזאַ רעפאָרם, וואָס איז עלול צו ברענגען אַ נהיליזם וואָס שייך רעליגיע און אמונה.

אַלס פאַקט ברענגען זיי משה מענדעלסאָן (1786־1729), דער אָנהענגער פון דער דייטשער פילאָזאָפיע, בעיקר די פילאָזאָפיע פון גאָטפריד ווילהעלם לייבניץ (1716־1646), דער פאָטער פון „מעטאַפיזישן אידעאַליזם", וואָס ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז מיט ביידע פיס געשטאַנען אין דער וועלט פונעם אַלט־רעליגיעזן טראַדיציאָנעלן יידנטום (זיך גערעכנט פאַר אַ תלמיד פון ר' יעקב עמדין) האָט ער דאָך מיט זיין פילאָזאָפיע געפירט צום „קרע שבלב", צום רעפאָרמיסטישן רים פאַר אַלע דורות[9], און מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק מיט רעפאָרמען.

די ענדערונגען וואָס קענען געמאַכט ווערן זענען בלויז די, וואָס רבנישע אינסטאַנצן אויטאָריזירן — און וואָס רירן ניט אָן די עקרי הדת.

דער גרויסער תנ"ך־פאָרשער ר' אהרן קאַמינקא ז"ל (ער האָט ארויסגעוויזן אַ סך סימפּאַטיע צום „עובד הדתי"), ציטירט פון ר' יוסף אלבו (הק"מ־הר"ד 1444־1380) מחבר פון „ספר העיקרים", וועגן דער מעגלעכקייט צו מאַכן שינויים אינעם אופן פון מקיים זיין מצוות פון דער תורה. „עס איז ניט מעגלעך" זאָגט אלבו „די יידישע רעליגיע זאָל זיך ענדערן . . . זי קאָן אָבער איבערגיין ווי אַ מעדיצין, וואָס ווערט פאַרביטן אויף אַ נייעם רעצעפּט, אויב די קראַנקהייט נעמט אָן נייע סימפּטאָמען[10].

ר' אהרן קאַמינקא באַווייזט (אויף דעם סמך), אַז ניט געקוקט וואָס אונזער

תורה איז נצחית „לא תהא מחולפת", זי איז אייביק פאַר אַלע דורות, קענען דאָך פאַרקומען שינויים, צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער צייט און וועט גאַרנישט זיין אין סתירה צום אָנזאָג פון „חוקת עולם"[11]. ער באַמערקט דערביי, אַז גראָד אין דער לובלין־עפּאָכע פון פּוילישן יידנטום, די עפּאָכע פון פּלפּול אין לערנען תורה, איז דער ספר העיקרים פון ר' יוסף אלבו, דאָס טיפּיזיניקע פילאָזאָפיש ווערק געווען שטאַרק פּאָפּולער און אין צייט פון השכלה האָט דאָס פאַרלוירן זיין פּאָפּולאַריטעט און ער מיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די רבנים און געלערנטע אין וועלט־וויסנשאַפט האָבן זיך פאַרנומען מיט שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן און זענען אוועק פונעם מקור.

די משכילים פונעם נייעם דור — זאָגט ער ווייטער — ווילנדיק זיך באַהעפטן מיט דער וויסנשאַפט, מיט דער מערב־קולטור, (אפילו די יעניקע וואָס האָבן ליב געהאַט די חקירה אין דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע) זענען זיי אוועק צו פרעמדע לשונות. זיי זענען געבליבן פרעמד און ווייט די לומדי תורה. דאָס האָט גורם געווען אַז די רבנישע וועלט זאָל פאַרלירן זייער השפעה . . .

עס איז פאַרגעסן געוואָרן — זאָגט ער — דער כלל, אַז וואו מ'קאָן געפינען אַ צד היתר, דאַרף מען עס טאָן און ניט מאַכן שווערער און האַרבער דעם דין, אויב די צייט פאָדערט פאַרלייכטערונג און צייט צוגעפּאַסטקייט. ער באַנוצט זיך מיט'ן תלמודישן כלל פון „מוטב שיהיו שוגגים ואל יהיו מזידים[12].

הרב קאַמינקא רעכנט אויס, אַ צאָל ענינים, וואָס וואָלטן געקענט געלייזט ווערן דורך אַ ליבעראַלן צוגאַנג צו הלכה. אַלס באַווייז ברענגט ער דעם מאמר אין דער פריער דערמאָנטער גמרא: „כל מקום שיש למצוא היתר לעמול בשביל ההיתר [13]. ער ציטירט אויך פון הרב גאַראַנטשיק'ס מאמר אין „סיני"[14], וועגן עלעקטריק אום שבת אין דער ישראל אַרמיי, באַזונדערס אויפ'ן מאמר פון שמואל ירחינאי[15], וואָס זאָגט: „מכבין גחלת של מתכת ברשות הרבים אבל לא גחלת של עץ".

הרב גורנ'ס פסק בנוגע עלעקטריק אין דער אַרמיי קוואַרטיר, האָט אַרויסגערופן שטורעם מצד רבנים פון ישראל און תפוצות ישראל און אומצעליקע מאמרים זענען דאָן דערשינען אָפּצואוועגדן זיין מיינונג אָדער הלכהשע סוגעסטיע[16].

די פירער פון עובד הדתי פאָלגן נאָך די שיטה פון די לייבאָוויטשעס, קאַמענקאַס און אַנדערע. (אָפיציעל, איז דר. לייבאָוויטש מער ניט פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג און פּראָפעסאָר קאַמענקא איז קיינמאָל ניט געווען קיין אָפיציעלער חבר פון „דת ועבודה"). זיי האַלטן פון זייערע מיינונגען, צו זען די הלכה און טראַדיציע אין די נייע אַספּעקטן און במילא, נייע אַנטפּלעקונגען פאַר פאַרשטאַרקונג פון דת אין דער מדינה. דערצו, איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו שאַפן דעם נייעם טיפּ אַרבעטער ביי די ברעגן פון ירדן און ים התיכון — אַן אַרבעטער

וואָס זאָל זען אין אַרבעט אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפגאַבע און אין די אמת'ע תורה־אידעאַלן אַ תיקון פון זיין נשמה.

דאָס סינטעטישע, וואָס מ'קאָן אַרויסנעמען פון זייערע טעאָריעס, איז די שטרעבונג פון קעגנזייטיקע השפעה צווישן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און דאָס אומקערן דעם יידישן פאָלק צו זיין שטאַם, צו זיין אָרגאַנישע קראַפט פון אַמאָל צוזאַמען מיט'ן היינטיקן נייעם לעבן . . . ניט איבעררייסנדיק דערביי די קייט, וועמעס רינגען זענען אויסגעהאַמערט געוואָרן דורך טויזנטער יאָרן אין פאַרשיידענע לענדער.

צי דאָס איז בלויז אַן אוטאָפּיע, צי דאָס איז אַ וויזיע — ווער קאָן פאָראויס־זאָגן? זיכער איז, אַז אַ רעליגיעזע באַוועגונג קען ניט איגנאָרירן די פאָלקס־קוואַלן, די פאָלקס־אוצרות געהייליקט אין תמימות און אין גלויבן, כח און מוט פאַר'ן המשך אין דער אייגענער מדינה און אין די תפוצות . . . אין דעם גייסט פון תורה און אין דער סכעמע פון אירע געבאָטן.

אין ארץ ישראל איז אויפגעקומען די נאָכפאָלגערין פון דערדאָזיקער באַוועגונג, שוין מיט'ן נייעם נאָמען „עובד הדתי", וואָס האָט באַלד פון באַגין, זיך געשטעלט אונטער איין דאַך מיט דער „הסתדרות".

אינטערעסאַנט איז, אַז פונקט ווי דער עובד הדתי, ווערט קריטיקירט פאַר אַרבעטן מיט און צוזאַמען מיט הסתדרות, אַזוי ווערט די לעצטע קריטיקירט פאַר געבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס די רעליגיעזע אַרבעטער. אירע פרייַדענקערישע עלעמענטן קריטיקירן איר פאַר דעם אויפשטעלן פון אַ רעליגיעזן אָפּטייל בראש פון וועלכער ס'שטייט דער פריער דערמאָנטער ר' יהודה בראַנדוויין, וועמעס ביוראָ געפינט זיך אויפ'ן צווייטן שטאָק פון „ועד הפועל" בנין אין תל־אביב.

דער דאָזיקער אָפּטייל — ווערט איבערגעגעבן — פירט אָן אַן אינטענסיווע אַרבעט מיט באַזאָרגן קיבוצים און מושבות מיט מקוואות, מזוזות, ציצית, ספרים און אַנדערע רעליגיעזע הצטרכות. די הסתדרות־מאַיאָריטעט, די מפא"י, ווייסט, אַז ס'לוינט זיך דאָס אַלץ, ווייל דערמיט האָט זי אַ רעליגיעזע גרופּע וואָס איז געהאָרכזאַם, וואָס שייך פּאָליטישער אויטאָריטעט.

די צענטראַלע אידייע פון עובד הדתי, איז צו געווינען פּאָזיציעס פאַר רעליגיעזע ווערטן, דורך אחדות און קאָאָפּעראַציע פון דער גרויסער אַרבעטאָרישער קערפּערשאַפט וואָס אַנערקענט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ווערטן פון יהדות.

די אַנדערע רעליגיעזע באַוועגונגען פון פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער באַמיען זיך אויך אַרויסצוברענגען די תורה־אידעאַלן וואָס שאַפן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, די סאָציאַלע יסודות פון דער תורה פאַר'ן יחיד ווי פאַר'ן פאָלק. זיי באַווייזן אַז מ'קאָן ניט איגנאָרירן קיין איין רינג אין דער גרויסער גאָלדענער ירושה־קייט, די שעפערישע אַנטוויקלונגען פון דורות, וואָס זענען נוצלעך פאַר דער איצטיקער תחיה־תקופה — אַרויסברענגענדיק סיי די מצוות התלויות בארץ און סיי די וואָס

האָבן אַ שייכות צו דער יידישער עטיק אין אַלגעמיין. צוזאַמען, ווייזן זיי דעם מוסטער וועג פון אַ יידיש־רעליגיעז־עטיש לעבן.

די תורה־אידעאַלן, אין זייער ברייטער און טיפער אינטערפּרעטאַציע, קענען, אָן ספק, האָבן אַ גרויסן און דעצידירנדיקן איינפלוס, אויפ׳ן גורל און אַנטוויקלונג פון דער יידישער מדינה.

ב. ניט קיין סאָציאַלע און ניט קיין רעליגיעזע רעוואָלוציע. — באַשיידענע פאָדערונגען. — ניט לייכטע דערגרייכונגען.

ווי געזאָגט, אין אָנהייב, איז די באַוועגונג אין גרעסטן טייל, אַ המשך פון „דת ועבודה" (רעליגיע און אַרבעט) אין פּוילן. דאָרטן, איז די באַוועגונג אַרויסגעוואַקסן צווישן די כותלי בית המדרש. זי איז צוגעגרייט געוואָרן אינעם יידישן תחום, אויף די יסודות פון דער יידישער רעליגיע.

פּינחס וואַסערמאַן, ווי די אַנדערע פון זיין טיפּ, האָבן אָנערקענט און געגעבן אַ פּאָזיטיווע דעפיניציע די רעליגיעזע געפילן — טיף פאַרוואָרצלט אין דעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן זיך „געקאָכט" וועגן מ ע ר ו ו ע ר ט, וועגן מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, וועגן אָרטאָדאָקסאַלן און רעוויזיאָניסטישן סאָציאַליזם — אָבער דערביי ניט מוותר געווען אויף אַ „קוצו של יוד" וואָס שייך דעם שלחן ערוך און יידישער טראַדיציע, וואָס שייך חסידות און אמונה.

אין ארץ ישראל, האָט די באַוועגונג געענדערט איר נאָמען און דער „שינוי השם" האָט אויך געפירט צו אַ געוויסער שינוי אין מעשים. אַ סך זיך דערנענטערט צו דער שיטה פון א. ד. גאָרדאָן מיט זיין קלאָרער דעפיניציע „דת העבודה", רעליגיע פון אַרבעט.

דער שינוי השם אויף „עובד הדתי" האָט אָנגעזאָגט אַ נייע ריכט־ליניע אינעם סינטעז פון רעליגיעזער פרומקייט מיט עכטע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. ער האָט צוגעזאָגט אַ נייעם צוגאַנג הן וואָס שייך רעליגיע טראַדיציעס און הן וואָס שייך פאַרבינדונג מיט אַ וועלטלעך סאָציאַליסטישער קערפּערשאַפט.

מיט׳ן דאָזיקן שריט, האָט די באַוועגונג זיך אָפּגעזאָגט פון דער דינאַמישקייט, וואָס אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע ברענגט מיט זיך. זי האָט אָפן צוגעגעבן, אַז זי פאַרלאָזט זיך אויף דעם ס ט א ט ע ט ש נ ע ם עוואָלוציאָנערן פאָרשריט, באַזירט אויף לערע און באַוואוסטזיניקייט מצד די וועלטלעכע אויף וועמעס חסד, יושר און פאַרשטענדעניש זי פאַרלאָזט זיך.

דאָס, האָט במילא געפירט צום וויטערן שריט: אויפצוגעבן וואָסער ניט איז פּאָליטישע ליניע. פּאָליטישע פירונג ווערט איבערגעלאָזט צו דער „הסתדרות" און אירע דאָמינירנדיקע מאַיאָריטעט מיטגלידער, דאָס הייסט, די מפא"י, וועלכע האָט די פּאָליטישע אָפּעקון אויך איבערן „עובד הדתי".

צי די פירער פון עובד הדתי זענען צופרידן אָדער ניט, דאָס איז אַן אַנדער ענין. דאָ איז בלויז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז דער „עובד הדתי, אַנדערש ווי „דת ועבודה" האָט באַשלאָסן אַרבעטן אין הסתדרות פאַר יידישקייט; אַרבעטן פאַר די גייסטיקע ענינים, די ה י מ ל י ש ע אַזוי צו זאָגן, אין דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט. שטעלן די לייטער אויף דעם פעסטן באָדן בכדי צו דערגרייכן דאָס הימלישע, עס זאָל זיין „סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" . . .

זיי האָבן דערין געזען, דעם לייכטערן וועג, ווי צו דערגרייכן הימלישעס אויפ'ן ערדישן באָדן — און זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אַגיטאַציע פאַר שמירת שבת, חינוך דתי, כשרות און אַנדערע עיקרים אין יהדות. זיי האָבן אויסגעפּועלט ביי דער „הסתדרות" אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט באַזאָרגן דעם רעליגיעזן אַרבעטער און רעליגיעזן חלוץ מיט יידישקייט.

פון די ליט. אויסגאַבעס פונעם דאָזיקן קאָמיטעט, „הועדה לסיפוק צרכי הדת בהסתדרות הכללי", דאַרף דערמאָנט ווערן דער יערלעכער וואַנט-לוח אונטערן נאָמען „מהחיים הדתיים בהסתדרות" — אַ זעלטן אינטערעסאַנטער לוח, באַגלייט מיט בילדער פון כנוסים און אויפטוען פון דער רעליגיעזער אָפּטיילונג; דערביי — גענוי דער זמן פון הדלקת הנרות און צוגאַבן פון מאמרי חז"ל בנוגע שבת, מלאכה אא"וו. דער לוח ווערט גוט פאַרשפּרייט צווישן הסתדרות מיטגלידער, אין קיבוצים און אין עפנטלעכע פּלעצער.

ס'ווערן אויך אַרויסגעשיקט שליחים, אין פאַרשיידענע לאַנד-פּונקטן, צו פּראָפּאַגירן די אידייען פון אַ רעליגיעז יידישן לעבן. איינער פון די שליחים, מרדכי הערצאָג, באַריכטעט וועגן זיינע באַזוכן און מיר זען, אַז אַזעלכע באַזוכן און מאַניפעסטאַציעס פאַר רעליגיעזער יידישקייט ברענגען רעזולטאַטן.

אין דעם „ידיעון העובד הדתי"[1] ווערט אָנגעגעבן אַ רשימה פון „בתי ספר הדתיים", ווי אַ דירעקטע אָנשטרענגונג און מיטווירקונג פונעם עובד הדתי. די צאָל חנוך-אינסטיטוציעס אונטער זייער איינפלוס[2], זענען געווען:

אין ירושלימער געגנט — — — — — — —	16	חנוך אינסטיטוציעס
אויפן דרום-סעקטאָר — — — — — — —	11	" "
אין נגב — — — — — — — — — — — —	4	" "
אויפ'ן שרון — — — — — — — — — —	8	" "
אין חיפה און אומגעגנט — — — — — —	8	" "
אין גליל — — — — — — — — — — —	7	" "
צוזאַמען — — — — — —	54	שולן

האָבנדיק אייגענע שולן, האָט דער עובד הדתי אויך זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן זיינע לערער און דורכגעפירט סעמינאַרן און דערויף געהאַט די שטיצע פון דעם הסתדרות אַפּאַראַט פאַר קולטור, פּעדאַגאָגיע און דערציאונגס-וועזן.

דער עובד הדתי האָט אָבער קיינמאָל ניט געטראַכט און אוודאי זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי מזרחי שטעלט זיך פאָר, צו מאַכן דעם גאַנצן ישוב מזרחיסטיש רעליגיעז. זיי האָבן זיך בלויז געשטעלט אַ מינימום־פּראָגראַם פון באַזאָרגן און מאַכן מעגלעך אַ רעליגיעזע דערציאונג פאַר קינדער פון עלטערן וואָס פאַרלאַנגען עס.

אַזוי זאָגט עס אָפן, איינער פון זייערע פּעדאַגאָגן־פירער י. גורפינקל[3]: „יש הבדל יסודי בין החינוך הדתי ההסתדרותי לבין זה של „המזרחי". „המזרחי חושב להפך את כל הישוב ל„מזרחי" באמצעות חינוך . . . לעומת־זה ההסתדרות באה רק לספק את צרכי ההורים . . . "

אַן אַנדערער, משה גרינוואַלד, גייט נאָך ווייטער, באַהויפּטנדיק, אַז זיי צילן אַפילו ניט איינצואוואָרצלען רעליגיע אין מענטשן וואָס האָבן ניט דעם נאַטירלעכן חוש פאַר רעליגיע[4].

רעליגיע, איז ביי אים געגליכן צו מוזיק, און פּונקט ווי מ'קען ניט איבערגעבן מוזיק צו די, וואָס האָבן ניט דעם חוש און דעם טאַלאַנט, אַזוי קען מען ניט איבערגעבן רעליגיע צו מענטשן וואָס האָבן ניט קיין רעליגיעזן געפיל. מ'דאַרף אָבער לערנען רעליגיע, פּונקט ווי מען לערנט געזאַנג אין יעדער מאָדערנער שולע, ניט געקוקט דערויף וואָס בלויז אַ מיעוט אין אַ קלאַס וועט לערנען און געניסן פון מוזיק און געזאַנג[5].

פאַרשטייט זיך, אַז פירער פון הפועל המזרחי, קענען בשום אופן ניט מסכים זיין צו אַזאַ איינשטעלונג און עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס משה חיים שאַפּיראָ, דער פירער פון מזרחי־הפועל המזרחי, האָט פּשוט אָפּגעלאַכט פון דעם חנוך־דתי, ווי דער עובד הדתי פאַרנעמט זיך דערמיט. דאָס — האַלט ער — איז אַ פאַרבלענדונג און שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין ערנסטן שריט צו דערציען אַ רעליגיעזן דור, איבערצוגעבן דעם קומענדיקן דור, די גייסטיקע רעליגיעזע ווערטן.

„הענין של „עובד הדתי" הוא לצערי רק הסוואה ולא ענין רציני. אילו התכונתם באמת לתת חינוך דתי לילדים, מפני מה אינכם דואגים לחינוך ילדיכם הדתיים בהסתדרות שיהי' להם חינוך דתי? אולי תטריחו את עצמיכם ותראו לנו בית ספר אחד של „העובד הדתי", שהוקם בתל־אביב, יפו, חיפה, פתח תקוה או גבעתיים. אולי תואילו להסביר לי, כיצד קרה הנס הגדול הזה, שמפלגה קטנה כמו „העובד הדתי" זכתה לפתע־פתאום בתקופה קצרה מאד, לחמשים ואחד בתי ספר ומעלה מארבעת אלפים תלמידים. מנין ההצלחה הזאת שאין דומה לה בהיסטוריה"[6].

א. ארליך, ענטפערט אויף דער דאָזיקער קריטיק[7] און איז מסביר די סיבות פונעם דערפאָלג, אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון פינף יאָרן אָנגעשטרענגטן אַקטיוו און נאָכאַמאָל, זיין איבערצייגונג, אַז הילף און קאָאָפּעראַציע פון הסתדרות, האָט געפירט צו זייער דערפאָלג.

אין דער דאָזיקער אויסגאַבע, קומט נאָכאַמאָל די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דר. ישעיה לייבאָוויטש, סיי בנוגע די פאַרבינדונג מיט הסתדרות, סיי די אידעאָלאָגיע פון רעליגיעזן פּראָגרעס.[8] זיין הויפּט־טעזע, אַז מיט דער באַנייאונג פון שטאַטלעכקייט, דאַרף אויך די יידישע רעליגיע אָננעמען נייע פאָרמען, אַז מען דאַרף דורכפירן געוויסע שינויים און אַז אַ תורה־פּראָגראַם דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן צוגעפּאַסט צו דער מאָדערנער געזעלשאַפט:

„היהדות הדתית לא תצליח במלחמתה למען התורה במדינת ישראל, אם לא תצא לדלות מתוך התורה פרוגרמה חיובית להסדר הענינים הציבורים על פי התורה בתנאיה ומסיבותיה של החברה המודרנית".[9]

אויך אין באַצוג צו דער יידישער פרוי, שלאָגט ער פאָר אַ גענצלעך געענדערטע שטעלונג, ווייל איר אָרט, האַלטונג און מעמד אין דער געזעלשאַפט איז היינט אינגאַנצן געענדערט געוואָרן. עס איז אַן אבסורד — דריקט ער זיך אויס — צו האָבן אַזאַ צוגאַנג צו דער היינטיקער פרוי, ווי צו דער אַמאָליקער, באַזירט אויף „כל כבודה בת מלך פנימה"; אָדער, „אין כבודן של בנות ישראל לצאת לשוק". היינט צו טאָג, האַלט ער, מוז די פרוי האָבן די פולשטענדיקע רעכטן, פּאָליטישע אַריינגערעכנט, פונקט ווי די מענער. ווייל, האַלט ער, די צייט האָט געבראַכט דערצו, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן מאַן און פרוי און במילא, איז די פראַגע פון „גיוס נשים" ביי אים איבערהויפּט נישט קיין פּראָבלעם.

אין דער זעלביקער שריפט, איז אויך פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע פּאָלעמיק (אין פאָרם פון אַ קאָרעספּאָנדענץ) צווישן מ. בן חורין, דעם סעקרעטאַר פון „עובד הדתי" און דער רבנות הצבאית, בנוגע כשרות און שמירת שבת אין דער אַרמיי און אויך מיט'ן רב־ראשי פון תל־אביב, א. י. אונטערמאַן בנוגע דעם אימפּאָרט פון פלייש פון אַרגענטינע און וועגן דעם היתר צו וואַרעמען און קאָכן עסנס פאַר געפאַנגענע דורך אַראַבער.[10]

נאָך די אַלע דיסקוסיעס און פּאָלעמיקס, קומען זיי אויך צו דער מסקנא, אַז ווען אַלע דריי רעליגיעז־אַרבעטאָרישע פּאַרטייען זענען פאַראייניקט, וואָלט מען אַ סך מער געקענט אויפטאָן פאַר'ן רעליגיעז־סאָציאַלן לעבן אין לאַנד.

ביי די וואַלן צום צווייטן כנסת (זומער תשי"א), איז דער „העובד הדתי", ווי זיינע פירער האָבן געוואָלט, ניט דערשינען אויף דער פּאָליטישער אַרענע, ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי — און די שיטה ווערט נאָכגעפאָלגט.

אייניקע פון זיינע אַקטיווע טוער, האָבן עס שפּעטער באַדויערט און אפילו געטאַדלט די הסתדרות פירערשאַפט, דאָמינירט פון מפא"י, פאַר ניט דערלאָזן אַ מאַנדאַט פאַר דעם עובד הדתי.[11] זיי האָבן אָנגעהויבן פילן אַז ס'בלייבט פאַר זיי מער ניט, ווי זיך ווידמען צום חנוך־וועזן אין די מעברות און אין אַנדערע

ישובים פון נייע עולים און זיי האָבן אויף דעם געביט, דאַן געקראָגן שטיצע און מיטהילף פון ז. שזר, מ. נמיר און אַנדערע גדולים פון מפא״י און הסתדרות[12].

אין איינעם פון די לעצטע נומערן „העובד הדתי״[13], ווערט איבערגעגעבן וועגן אַן אינטענסיווע אַקציע צו ווערבירן חברים און זיי מאָביליזירן צו די קיבוצים „מן העיר אל הכפר״, זיי זעען אין דעם, ניט בלויז אַן ארבעטער אידעאַל, נאָר אויך אַ פאַרזיכערונג פון קיום המצוות „לעבוד את האדמה ולשמרה״.

ס׳ווערט איבערגעגעבן, אַז אין זייער רשות געפינט זיך שוין אַ צאָל פון 85 חנוך־אונטערנעמונגען.

צום סוף:

הגם זייער צוגאַנג צו יידישקייט און זייער סאָציאַלער אני מאמין, איז אין אַ סך הינזיכטן ווייט פונעם מזרחיסטיש־פועל המזרחיסטישן אָדער פון פועלי אגודת ישראל, האָט אויך זייער אַרבעט געהאָלפן משפיע זיין אויף׳ן ישוב און געשטאַרקט די גרופּירונגען אין לאַנד וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט תורה ומסורה אידעאַל און וואָס שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון די יעודי הנביאים.

דער גרינדער פון דער רעליגיעז־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פּוילן, פּינחס וואַסערמאַן הי״ד, איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין יאָר תרס״ו (1906). זיין פאָטער, יעקב, איז געווען אַן אָנגעזעענער וואַרשעווער ייד, משפּחהדיק פאַרבונדן מיט גער־קאָצק[1], און איז געווען אין עסקן אין דער חסידישער וואַרשע.

ג. גרינדער פון דת ועבודה. — סיבות. — פאַרוואָס ניט דערפאָלג־רייך אין פּוילן. — אויך אין ישראל ווייט פון דערפאָלג.

זיין גרונט־דערציאונג, האָט וואַסערמאַן גע־קראָגן אין חדר, בית־מדרש, חסידישע היים און סביבה. אים האָט אָבער געצויגן אויך צו וועלטלעכער בילדונג און ער האָט דאָס באַקומען פריער אין קרינסקי־גימנאַזיע און נאָכדעם אין וואַרשעווער הויך־שול פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

ווי אַ דיפּלאָמירטער, איז ער אַנטוישט געוואָרן, זעענדיק אַז קיין פּאָסטן וועט ער ביי דער פּוילישער רעגירונג נישט קריגן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז באַרעכטיקט און עס איז זיין באַרוף. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אומעטום, ביי אַלע אינסטאַנצן געהערשט און דאָמינירט און זיינע אויסזיכטן, צו ווערן אַ דירעקטאָר אין וועלכער עס איז אָפּטיילונג, זענען געווען גאָר שוואַכע — האָט ער באַשלאָסן מאַכן קאַריערע און זיך אויסלעבן פּראָפעסיאָנעל אין דער יידישער געזעלשאַפט.

ער איז אַריבער אין דער דינסט־לייטונג פאַר יידן, פריער אַלס דירעקטאָר פון דער פּויליש־פּאַלעסטינער האַנדלס־אָפּטיילונג און נאָכדעם, אריין אין קהלה, אָנגעפירט מיט׳ן ארכיוו און אינפאָרמאַציע ביוראָ פון דער קהלה. ער האָט אויך

רעדאַקטירט דעם אָרגאַן אָדער בולעטין פון דער וואַרשעווער קהלה אין יידיש און פויליש.

ער איז אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון ציוניסטישן לעקסיקאָן (וואַרשע, 1935).

וואָס שייך אידעאָלאָגיש, פּאַרטייאיש, האָט ער זיך אָנגעהערט צום הפּועל המזרחי. ער האָט זיך פּאַקטיש באַטייליקט אין אָרגאַניזירן דעם הפּועל המזרחי אין פּוילן — און זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער באַוועגונג אַ צאָל יאָרן.

ער איז אַוועק פון דער באַוועגונג, בעת דעם אינערלעכן פּאַרטיי ריס אין תרפ"ה[2]. ער האָט דאַן זיך געווידמעט צו דער אָרגאַניזירונג פון דער „דת ועבודה", ווי אַ שטרענג רעליגיעז־סאָציאַליסטישע פראַקציע וואָס האָט ווייניק־וואָס צו טאָן מיט די רעליגיעז־בירגערלעכע פּאַרטייען. ער האָט דאַן אויך געשאַפן אַ הכשרה־פּונקט ביי וואַרשע.

אים צו הילף איז דאַן געקומען אַ וויכטיקער און אָנגעזעענער חבר פונעם הפּועל המזרחי אין פּוילן, שלמה האַלבערשטאַט הי"ד, אַ הויך באַגאַבטער מענטש מיט שטאַרק סאָציאַלע נטיות[3].

האַלבערשטאַט, איז געווען פון די אַקטיווסטע תו"ע חברים, דערעיקר פאַרנומען זיין אָרט אין קולטור ארבעט פון דער באַוועגונג, געהאַלטן פּאָרטראַגן אויף סאָציאַלע טעמעס און שטאַרק נוטה געווען צו אַ ראַדיקאַלן צוגאַנג צו אַט די פּראָבלעמען. ער איז געווען, ווי אין ישראל, די „למפנה"־גרופּע, אַ ראַדיקאַל־רעליגיעזער סאָציאַליסט.

אין וואַסערמאַנ'ס „דת ועבודה", האָט ער געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט: פאַרלאָזן דעם שותפות מיט דער בירגערלעכער מזרחי און האָבן פאַר זיך אַ ריין־פּראָלעטאַריש־רעליגיעזע באַוועגונג.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און ער איז געווען איר אידעאָלאָג און טעאָרעטיקער און זיינע השקפות ארויסגעבראַכט אין זייער אָרגאַן „רעליגיעזע סאָציאַליסטישע בלעטער"[4].

ער איז אָבער גיך אַנטוישט געוואָרן. געזען, אַז די באַוועגונג האָט ניט קיין שאַנסן פאַר אַנטוויקלונג, און ער איז אַוועק צוריק צום הפּועל המזרחי, צו זיין אַמט און פּאָזיציע אין דער באַוועגונג און פאַרלאָזט וואַסערמאַנ'ען מיט זיין גרופּע. ער האָט געהאַלטן, אַז יידיש־רעליגיעזע ארבעטער אין פּוילן, זענען ניט רייף צו די אידייען וועלכע ווערן געפּריידיקט דורך דער „דת ועבודה" און אַז מען וועט מער דערגרייכן דורך מזרחי און תורה ועבודה, ניט פאַרלאָזנדיק די שותפות מיט מזרחי.

האַלבערשטאַט האָט זיך געגרייט צו עליה אין 1939. ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו פאַרלאָזן פּוילן, איידער די בראַנד און דער גיהנום האָט זיך צעפלאַקערט.

ער איז אומגעקומען אין ווארשע, מיט'ן אומקום פון די הונדערטער טויזנטער קדושים אין ווארשעווער געטאָ.

פּ. וואסערמאַן, האָט אָבער ניט אויפגעגעבן זיין „דת ועבודה" און געגלויבט אין דער פּראַקטישקייט פון דורכפירן זיין פּראָגראַם. אפילו נאָכדעם, ווי האַלבערשטאַט האָט אים פאַרלאָזט צוזאַמען מיט אַ צאָל וויכטיקע אינטעליגענטע חברים און נאָכדעם, ווי הפּועל המזרחי חברים אין ארץ ישראל האָבן פאַרלאָזט די הסתדרות און צוריקגעקומען אין די אייגענע רייען . . . ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

ניט האָבנדיק געגוג חברים אין ווארשע, האָט ער איבערגעטראָגן דעם צענטער קיין לאָדזש און אין ווארשע, איז זיין היים געוואָרן די ביוראָ און דער פאַרזאַמלונגס־זאַל פאַר די אָנהענגער פון זיין „דת ועבודה" וועלכער ער איז געווען אַזוי איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט פאַר אָט דעם אידעאַל.

ער האָט אפילו באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר אין ווארשע (י"ב־י"ג טבת, תרפ"ט), מיט דער באַטייליקונג פון 100 דעלעגאַטן און אַרויסגע־געבן פּעריאָדישע אויסגאַבעס₅ צו פאַרשפּרייטן זיינע אידעאָלאָגיעס און מיינונגען.

נאָך דער קאָנפערענץ זענען זיי אַרויסגעקומען מיט אַ קול קורא צום רעליגיעזן אַרבעטער, דערקלערנדיק דערביי, די פּראָגראַם פון „דת ועבודה": אַז מען קאָן זיין אַ מאמין און אַ סאָציאַליסט אין פּוילן און ברייטן זין פון די ווערטער. דער קול קורא, האָט אויך אָנגעגעבן די מאָטיוון פון האָבן אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין פאַרבונדן מיט רעליגיעז־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס ביי אַנדערע פעלקער.

„דת ועבודה", איז אָבער יאָ געווען באַטייליקט, אין דער ליגע פאַר'ן רעליגיעזן אַרבעטער אין ארץ ישראל און געשיקט דעלעגאַטן צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער ליגע.

די באַוועגונג איז אונטערגעגאַנגען מיט'ן אָנקום פון נאַציזם אין פּוילן. וואסערמאַן האָט זיך גראָד געפונען אין שווייצאַריע בעת די נאַצים האָבן פאַרכאַפּט די קהלה אין ווארשע און זיך גענומען אים זוכן. ער האָט אָבער מוראָ געהאַט, אַז זיי וועלן צוליב אים נעמען נקמה אין קהלה־פירער און דעריבער זיך צוגעשטעלט אין קהלה־אַמט און געטיילט דעם גורל פון ווארשעווער יידנטום.

* * *

צום סוף אייניקע ווערטער בנוגע די רעליגיעז־סאָציאַלע חלוצים פון אַלע דריי ריכטונגען.

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן געזען דעם „רעוואָלוציאָנערסטן" טאַט אין גרינדן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, מאַכן עקספּערימענטן פאַר פאַקטן, און באַווייזן וואונדער אין דער שאַפונג פון קבוץ־הדתי.

ווער זענען געווען די רעליגיעזע חלוצים־קאָלאָניסטן? פון וואַנען זענען זיי געקומען? וואָס פאַר אַ טרייב־קראַפט באַזיצן זיי?

די גרינדער פון אַט די באַוועגונגען, צי זיי זענען געקומען פון אַטלאַס און זייד, צי פון וואָכעדיקע היימישע ערד פון פוילן, גאַליציע, ליטע און רוסלאַנד, האָבן געטראָגן מיט זיך די ירושה פון דורות, פון חלום און וואָר — אָבער ווי זיידענס יורשים די גייסטיקע ירושה באַנייט, באַפּוצט און צוגעגעבן איר אַ נייעם לבוש, ניט ווייניקער אַ נייעם אינהאַלט.

עס איז געווען די יוגנט, געבוירן אין דער יידישער סביבה פון דעם אַלטן יידישן שטעטל. די יוגנט וואָס האָט אָנגעהויבן זוכן „תכלית! די יוגנט וואָס האָט אַראָפּגענומען דעם ראָמאַנטישן שלייער פון שטעטל און איר געזען אין איר נאַקעטקייט, אָרעמקייט און אויסגעלײדיקייט.

עס איז געווען די יוגנט וואָס איז געשטאַנען אויפן פרשת דרכים און זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון מסורת אָבות.

די „זיידענע" יונגעלייט וועלכע ס'איז מער ניט געפעלן געוואָרן דער סיסטעם פון לופט־פּרנסות, דער סיסטעם פון „טעג עסן", דער סיסטעם פון האָפן אויף „קעסט". די דאָזיקע יונגעלייט האָבן אויך געזען די סוף מלחמה־טעג פון 1918, ווען פאַרברענט און צעשאָטן איז געלעגן דאָס יידישע שטעטל, אין אָפּגעריסענע מויערן, אין צעפאַלענעם אַש פון סחורות און געוועלבער און יידן אין גרוים עצבות, וואַלגערנדיק זיך אויף די חורבות פון זייערע שטיבער און הייזער. די פרעכע פוילנס פענער האָבן זייערע הערצער ניט געקאָנט דערפרייען, זיי האָבן דעם ווילדן „נאַשאַ פּאָלסקאַ" ניט געקענט פאַרטראָגן . . . קיין ציון האָט זיי געטראָגן, דאָרט אויף די הרי יהודה און גליל־טאָלן, אונטער'ן בלוי־ווייסן שרון, בויען די יידישע היים און ווי האָט עס געזאָגט ביאַליק ע"ה:

„אם יש את נפשך לדעת את המעין
ממנו שאבו אחיך המומתים

— — — — — — — — —

לעלות על המוקד לקפץ אל המדורה
וב"אחד" למות מות קדושים;

— — — — — — — — —
— — — — — — — —

הוי, אח נענה! אם לא תדע לך
כל אלה —
אל בית המדרש סור, הישן והנושן,
בלילי טבת הארכים השוממים,

בימי התמוז הבוערים הלהטים
כחום היום, בשחר או בנשף לילה
— — — — — — — — —
— — — — — — — —

אהה! מה נקלה ועלובה זה המראה
בעיני זר לא יבין! . . . אָז יגדך לבך,
כי רגלך על מפתן בית חיינו תדרוך
ועינך תראה אוצר נשמתנו" . . .

פונעם אלטן בית המדרש זענען זיי געקומען, מיט'ן גייסט פון ישראל סבא איבערפולט, און פון דער שטעטל־סביבה, וואָס איז געווען דער בית היוצר לנשמת האומה . . .

די דאָזיקע יונגעלייט, קינדער פון אַ תקופה וואָס האָט געבליט אין גלופּסק און קאַפּוליע, קינדער פון בעל טאַקסעס און מנחם מענדלס; קינדער פון אַן עפּאָכע, וואָס האָט געהאַט גזירות רעות, פּאָגראָמען, שחיטות און בייזער פאַנאַטיזם; קינדער פון דער עפּאָכע, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט געהערשט דער תקיף וועלכער האָט נישט פאַרטראָגן קיין שום נייע אידייען און האָט נישט געלאָזט אויסוואַקסן קיין נייע גייסטיקע כחות — אָט די קינדער פון נייעם דור, זענען מיט אַמאָל רייף געוואָרן און אַרויסגעקומען מיט דרייסטע יידישע תנכ"יש־רעוואָלוציאָנערע אידייען און געוויזן דעם וועג ווי אַזוי מען דאַרף לייזן די יידישע פּראָבלעמען, ווי אַזוי מען קען לייזן די יידישע נויטן, דורך נייע יושרדיקע לעבנס פאָרמען ווי עס האָבן זיי געזען אונזערע נביאים.

זיי, די דאָזיקע אידעאַליסטן, האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן אַ יידיש־רעליגיעזע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט אויף אַ סאָציאַלער קאַנווע וואָס איז באַזירט אויף אונזער היסטאָרישן אויפקום וואָס האָט אונזער מאָראַלישע קראַפט דערהויבן אַזוי הויך, אַז אפילו אין צרות און דלות האָבן זיי באַוויזן אויפצוהיטן די ליכטיקע פלעמלעך פון העכערער חכמה, רחמנות און מענטשנליבשאַפט . . .

הערות

א.

1. זע, דו"ח ז"ז 6־12; 16־20.
2. „עובד הדתי", עלון אינפורמטיבי, לבירור רעיוני, 2, תל־אביב, טבת תש"ז.
3. אלול, תש"ז, גליון 4.
4. זע,דאַרט,ז"ז10־12.
5. אברהם יפה, דאָרט, ז"ז 21־23.
6. קובץ מאמרים, על דרכו של העובד הדתי, סיעת פועלים דתיים, חברי ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל, מהדורה שני' מורחבת בצירוף מוסף ספרותי, תל־אביב, טבת תש"ט, יאנ. 1949. העורך אפרים פ. קמינקא (זון פון באַרימטן ביבל־פאָרשער הרב אהרן קאַמינקא ז"ל.)

7. קרושין מ׳, ע״ב.
8. „הגבורת העולה״ (די שטייגנדיקע קראַפט), פּאַרל. סדן, תּל־אביב, תרפ״ו־1926.
9. זע, אשר פּריצקער, המעילה, תּל־אביב, תשי״ז, וועגן דער מענדלסאָן־תּקופה, אַסימילאַציע און רעפאָרמיזם אין יידישן לעבן אין אַכצנטן יאָרהונדערט. פּאַרגל. זיין ספר הגות, תּל־אביב, תשי״ח, ז״ז 69־85. דער מחבר גיט אונז אַן ערלעכע און גרינטלעכע, כאָטש קאָנדענסירטע, אָפּשאַצונג פון מענדלסאָן און דעם רעפאָרמיזם.
10. זע, דת ומדינה, ז״ז 46־47; 55־57.
11. דאָרט, באריכות.
12. שבת קמ״ח, ע״ב.
13. דאָרט, קמ״ב, ע״ב.
14. חוב׳ כסלו, תש״ט.
15. שבת מ״ב, ע״ב.
16. איבערהויפּט אינעם רבנישן חודש־זשורנאַל „הפּרדס״, וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק און ווערט געשטיצט פון דער אגודת הרבנים פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

ב.

1. חוהמ״פּ, תשי״ח. 2. דאָרט, גענומען פון בתי ספר און קיבוצים. 3. העובד הדתי, אלול, תש״ז, ז׳ 27.
4. דאָרט: „לפי דעתנו אין זה מן האפשר. את הדת לא נוכל להשריש בלב איש שנולד מחוסר טבע דתי, כפי שלא נוכל להקנות את חוש היופי או את חוש המוסיקה למי שנולד באין כשרונות אלה.
5. דאָרט, באריכות.
6. זע, פּנקס קטן, העובד הדתי, ז׳ 16.
7. דאָרט, ציטירט פון אַ רעדע אין כּנסת.
8. אין אַ בריוו פון י. ד. בית הלוי, שרייבט ער צוו״א: „הד״ר ליבוביץ (ובלי שום ספק שהוא אחד האישים הבולטים אצלנו) פּרש מאתנו זה הרבה שנים, ושכר פּרישתו קיבל „העובד הדתי״ ולא הוא, באשר דרכו של ל. לא יכלה להיות דרכם של רוב רובם חברי העובד הדתי . . .
9. „דת ומדינה״, תּל־אביב, תש״ט ז׳ 14. דר. ליבוביץ׳עס ספר „תורה ומצוות בזמן הזה״ (מסדה, תשי״ד) האָט געמאַכט אַ רושם אין די אינטעלעקטועלע קרייזן. פּראָפ׳ יוסף קלויזנער אין אַ מאמר „על המשבר הדתי במדינת ישראל״ (גליונות, חוב׳ י״א, קפ״ה, תּל־אביב, תשרי, תשט״ו) שטיצט זיך אויף זיינע אויספירן.
10. זע, דאָרט פּרטים אין דער זייער אינטערעסאַנטער קאָרעספּאָנדענץ.
11. זע, א. ארליך, הכנסת השני׳ והעובד הדתי. העובד הדתי בטאון, סיעת הפּועלים הדתיים בהסתדרות, תּל־אביב, תשרי, תשי״ב, גליון 28.
12. זע: י. ד. בית הלוי, „השבט הצעיר״; משה בן נחום, „תמיד הרגשנו שאנו מופיעים בשם העובד הדתי . . . ״
13. חוהמ״ס, תשי״ד.

ג.

1. זע, מ. ש. נשורי, אנציקלופּדיה של הציונות הדתית, בעריכת יצחק רפאל, ז״ז 179־181. זע אויך: דר. מ. שולוואַס, דאַטן און כראָניק פון דער תו״ע באַוועגונג אין פּוילן (וואַרשע, 1937); לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, דריטער באַנד, ז״ז 295־296.
2. ווי נשורי גיט איבער, האָט ער זיך געטראָפן ביים ציון־קאָנגרעס אין ווין אין תרפ״ה, מיט הפּועל המזרחי חברים פון ארץ ישראל, וואָס זיינען אַריבער צו דער הסתדרות און זיי האָבן משפּיע געווען אויף אים, צו שאַפן די נייע באַוועגונג.
3. זע, דאָרט, ז״ז 4־5.
4. דערשינען אין די יאָרן תרצ״ד־צ״ה, פריער אין וואַרשע און נאָכדעם אין לאָדזש.
5. ער האָט אַרויסגעגעבן די זשורנאַלן: „דערוואַכונג״, „רעליגיעזע סאָציאַליסטישע בלעטער״ און „באַנייאונג״.

זוכצעטל (נעמען־רעגיסטער)

א

אבולפיה, ר' חיים — 308
אָבערמאַן — 271
אבראַמאָוויטש, הירש — 153-54
אבראַמאָוויטש, ר. — 176
אבראַמאָוו, נח — 169
אבראַמסאָן — 157
אברהם אָבינו — 29, 58-59, 96, 111, 225, 240
ר' אברהם בן הרמב"ם — 56
ר' אברהם בן חסדאי — 43
אברהמס, ישראל — 111
אדלער, פרידריך — 65, 269
אדם הראשון — 44, 197, 225, 289
אהליאב — 225
אהרן — 225
אוטין, ניקאָליי — 148
אויערבאַך, בערטאָלד — 73
אונאָ, ג. — 316
אונאָ, משה — 325, 339, 343, 358, 362, 365, 369
אוסטרובסקי, ר' משה — 193
אוסישקין, מנחם מענדל — 339
אוען, ראָבערט — 61, 116
אונטערמאַן, א. י. — 460
אחד העם (זע, גינצבערג)
איגר, ר' אברהם (אדמו"ר) — 228
איגר, ר' עקיבאָ — 253, 278
איוב — 10, 30
איווענסקי, מ. — 79
אייבעשיץ, ר' יהונתן — 387
אייגעס, יהודה — 331
איידלבערג, שלמה — 97
איידלמאַן, ישראל — 435
אייזנשטאַדט, אמנון — 446
אייזנשטיין, י. ד. — 36, 55, 176
איינהאָרן, ד. — 141
איינהאָרן, מ. — 280
איינשטיין, אלבערט — 129
אלבו, יוסף — 52, 454-55
אלון, יגאל — 377
אלטער ר' אברהם מרדכי (אדמו"ר) — 420, 432
אלטער, ר' ישראל (אדמו"ר) — 269, 426
אלטשולער, מ. — 134
אליאש, מרים — 355
אליהו הנביא — 219
אליצקי, ל. — 98
ר' אליעזר בן חרסום — 239
אליש, יחיאל ארי' — 350
אלישע בן אבויה — 222
אלכסנדר, דער גרויסער — 23
אלכסנדר, 3־טער — 157
אלמוני, אשר — 350
אלמי, א. — 36, 53, 55, 79, 162, 177, 193, 446
ר' אלעזר בן ערך — 213
אלפערין, א. — 177
אמיתי, ל. — 208
אנטאנאָווסקי — 114
אנטיגנוס איש סוכו — 61
אנטיוכוס — 112
א. נ. הכהן — 332
אנסקי, ש. — 171
אָסט, אהרן — 262, 268, 271, 76-274, 299, 300
אסף, ר' שמחה — 90
ר' אפרים לונטשיצער — 87-93, 98
אפיאָן — 23
אפענאל — 22
אקסלראָד — 149
אראנאָוויטש, יוסף — 144, 187
אריסטאָטל — 24, 23
אָרלעאַן, י. ל. — 240, 246-47, 258, 386, 399, 403-5, 407, 436, 41-440
אָשעראָוויטש, מ. — 39, 54
אש, שלום — 55, 112
אשריאלי, נ. — 332

ב

באדנשטיין, א. ל. — 394
באדער, ג. — 36
באָוושאָווער, ד. — 146
באוער, אָטאָ — 65, 76
באוער, ברונאָ — 68, 71
באָמאַץ, דוד — 70, 395, 415
באמבערגער, מרדכי — 66
באָסטאַמסקי, לאה — 320

באקונין, מיכאל — 21, 67, 80, 410
באַראַכאָוו, בער — 151, 180, 182-83, 188-93, 204
באַרדיטשעווסקי, מ. י. — 208
בארט ,אהרן — 220
באַרנשטיין, ר' אברהם (אדמו"ר) — 314, 353
באַרנשטיין, ישראל — 293
בובליק, גדלי' — 292
בולגאַקאָוו — 72
בונין, י. ח. — 271
בורגין, ח. — 114
בורג, יוסף — 325, 358, 365
בזשעזשינסקי, בצלאל (בזק) — 269, 329, 332, 353
רבנו בחיי — 15, 388
ביאַליק, ח. נ. — 115, 129, 431, 464
בינדער — 269
ביקעל — 19
ביק, אברהם — 79, 125, 135, 192, 438
בירנבוים, ר' משה אלי' — 254
בית ארי', דוד — 325, 338, 358
בית הלוי, י. ד. — 444, 466
בכר, נסים — 159
בלאָך, דזשאַרדזש — 65
בלוי, ר' משה — 392, 396
בלום, אהרן — 269, 329-30
בלומבערג, שלום — 425
בן גוריון, דוד — 160-61, 183, 199, 203, 208, 348, 409, 416, 426, 433
בן זומא — 46
בן חורין, מ. — 460
בן יהודה, א. — 220
בן נון, א. — 332
בן נחום, משה — 446, 466
בן צבי, יצחק — 179-80, 183, 199
בן צפור — 343
ר' בנימין — 310, 333, 440, 443
בעבעל, אויגוסט—68, 72-76, 110-11
בעלאמי, עדוואַרד — 82, 83, 97, 387
בעלינסקי, וויסאַריאָן — 148
בענטשקאָווסקי, א. — 268-69, 271, 295
בענעט, יחזקאל — 269
בערגסאָן, אַנרי — 14, 67
בערגסאָן, תמרל — 144
בערגער, הערצל — 208
בערלין, ר' מאיר (בראילן)—126-29, 135, 279, 283, 305, 310, 312, 339, 352-53
בערלין, ר' נפתלי צבי יהודה (נצי"ב) — 127-29, 279, 304
בערלינער, נטע ירוחם — 398, 407
בערמאַן, פאַוועל — 169-70
בערנער, לודוויק — 70
בערנשטיין, ישעיה — 303, 343
בערנשטיין, י. — 229-33, 236, 241, 328
בערנשטיין, עדוואַרד—65, 67, 81-82, 230
בערנשטיין, צבי—296, 303, 333-34, 338, 341, 353, 355
בערנשטיין, שמעון — 229
בערקאָוויטש, יוסף — 138
בערקענוואַלד, שמואל — 274-75
בעש"ט — 41, 229, 388
בצלאל — 225
בר־אדון, שמואל — 356
בראַדט, ר' שמואל — 254, 283, 304
בראַדי, חיים — 229
ברויער, ר' יצחק — 240, 432
בראון, י. י. — 397, 415
בראַנדוויין, ר' צבי יהודה — 441-42, 456
בראַנדעס — 27
בראַנמאַן, א. — 176
ברוקנער, ש. — (זע, גשורי)
ברוקער, לואי דע — 82
ברוצקוס, יוליוס — 157
ברזילי, יצחק — 36
ברינקער, ד. נ. — 292
ברלס, חיים — 135
ברענער, יוסף חיים — 187, 202-3
ברקאי, ש. — זע גשורי
בת יהודה, גאולה — 163, 208, 369

ג

גאבעט, אהרן — 162
גאַנגאַל — 25
גאָלאַמב, א. — 98
גאָלד, ר' זאב — 283, 290-91
גאָלד, מרדכי — 268
גאָלדבערג, בן ציון — 338
גאָלדבערג, ישעיה — 331
גאָלדבערג, משה — 311
גאָלדבערג, נ. — 114
גאָלדמאַן, אליעזר — 350, 357

גאָלדמאַן, לייבל — 169
גאָלדרייך, משה — 137
גאָלדשטיין, — 137
גאָלדשלאַג, יצחק — 326
גאנדי — 195
גאנז, דוד — 126
גאַראַנטשיק־גורן, ר' שלמה — 455
גאָרדאָן, א. ד. — 37, 183-84, 187, 193-99, 208, 388, 449, 457
גאָרדין, אבאָ — 66, 115, 193, 220
גאָרדינסקי, נתן — 295
גאריבאלדי — 67
גארסאָן, ש. ס. — 114
גאָרקי, מאַקסים — 54
גבירצמאַן, משה — 353
גדעון — 133
גוטמאַכער, ר' אלי' — 253, 277, 304, 356
גוטמאַן, יוסף — 79, 147
גוטשעכטער, ר' חיים יהושע — 393
גור־אַרי', יצחק — 328, 332
גורפינקל, י. — 459
גיאַם, דזשוליוס — 67
גייער, לודוויק — 167
גילקינסאָן, האַרדנער — 115
גינצבערג, אשר — 140, 437
גינצבערג, באַראָן ד. א. — 156
גינצבערג, לוי — 115
גלאָבוס, ד. — 79
גלאַטשטיין, יעקב — 98, 192
גליקסאָן, הירש — 128
גליקסאָן, משה — 431
רבן גמליאל — 59-60, 357
געזיניוס, היינריך — 28
געלדקע, טעאָדאָר — 19
געלמאַן, ר' אַרי' לייב — 285, 363
געלפאַרב — 270
גענעכאָווסקי, אלי' משה — 289, 292, 310, 329-30, 343, 359
געסנער, אברהם — 379
געסנער, חנה — 379
געסנער, ישעי' — 379
גערטנער, י. — 293
גערצן, אלכסנדר — 148
גערשטיין, מ. — 396
גפני, ראובן (זע, וויינשענקער)
גץ, פ' — 39
גראָדזענסקי, א. 297
גראָדזענסקי, ר' חיים עוזר — 130, 135, 320, 420, 423, 425
גראָדזענסקי, ש. — 79
גראַנער, יאיר — 372, 379-80
גראַנאָווסקי — 148
גראָסמאַן — 137
גרובשטיין, א. מ. — 397
גרוטן, דאָף — 27
גרויבאַרט, ר' יהודה לייב — 135, 254, 283, 304, 318-19, 326, 397
גרינבוים, יצחק — 161, 331
גרינבלאַט, ראָזע — 169
גרינבערג, אורי צבי — 452
גרינבערג, חיים — 40, 132, 134
גרינבערג, יעקב — 269, 273, 310, 323-24, 330-31, 359
גרינוואלד, משה — 459
גרעץ, היינריך — 74, 79
גרשוני, א. — 453
גרשוני, ר' יהודה — 326
גשורי, מ. ש. — 236, 269, 276, 282, 293-95, 313, 327, 332-33, 343, 466

ד

דאמב, שלמה — 440
דאָסטאָיעווסקי — 25
דאַרווין, טשאַרלס — 57, 61
דובנאָוו, שמעון — 54, 141-42, 145, 162, 206-70, 257
דובנאָוו־ערליך, סאָפיע — 162
דובנער, בצלאל — 268, 274
דוד המלך — 29, 33, 55, 289, 348
דוואָרזשעצקי, מ. — 66
דונש (זע, דניאל ש.)
ר' דוסאָ בן הרכינס — 59
דוראי — 26, 27
דושינסקי, ר' יוסף צבי — 423
דזשאלוצקי, מירע — 169
דזשעראַלד, דאָגלעס — 36
דיאָדאָר — 23
דייטשלענדער — 320
דימיטריעוו, עליזע — 137
דימאנטשטיין, מ. — 134
דימענשטיין, ש. — 176
דיקנס, טשאַרלס — 25
דירינג, עאוגען — 57
דניאל הנביא — 30, 53
דניאל, ש. — 275-76, 310, 317-18, 328, 421
דעליאָן, דניאל — 79, 147

דע מאַן, הענריק — 217-18
דרורי, יעקב — 353
דרייזין, נ. — 66

ה

האָבס, טאָמאָס — 244
האַגער, ר׳ אליעזר (אדמו״ר) — 423
האָזליטש, — 81
האָלבאַך — 73
האַלבערשטאַט, שלמה — 462-63
האָלענדער, י. — 392
האָלענדער, שמעון — 382
האָמער — 45
האַרטגלאַס, מ. א. — 177
הבל — 110
הורוויץ, ח. ד. — 275
הורוויץ, י. — 307
הורוויץ, ישעיה (של״ה) — 88
הורוויץ, שעפּטל — 88
הושע הנביא — 288
הייַלפּרין, ישראל—97, 98, 114, 162
הייַנע, היינריך — 69, 73, 76, 77
הילדעסהיימער, ר׳ עזריאל — 319-20
הילפערדינג, רודאָלף — 72
הילקוויט, מאָרים — 147, 162, 177
היפּאָקראַטעס — 30
הירש, באַראָן — 132
הירש, ר׳ שמשון רפאל — 134, 394, 434
הלוי, מאיר — 163
הלל — 228-29, 366
העגעל, פרידריך — 63, 67, 73
העלער, ר׳ חיים — 55
העלער, ר׳ יו״ט ליפּמאַן — 88
העס, משה — 68, 72-79, 81, 139, 178-79, 181, 192, 437
העסיאָד — 45
העקטאָרויזם — 24
העקסלי, אָלדאָס — 134
העקסעל יוליאַן — 36
העראָדאָטוס — 25, 30, 110
הערדער, גאָטפריד — 72, 75, 76, 79
הערווענ, געאָרג — 145-56
הערצאָג, ר׳ יצחק אייזיק—352, 385, 371
הערצאָג, מרדכי — 458
הערצבערג, מאיר — 446
הערצל, טעאָדאָר — 140, 181, 215
הערצען, אַלכסנדר — 79
הערשקאָוויץ, יהודה — 338, 343
הר־זהב, צ. — 332

וו

וואָהלגעלערנטער, י. י. — 397
וואָוידיסלאַווסקי, יעקב — 430
וואָוידיסלאַווסקי, מאיר — 396, 431, 451
וואַטסאָן, הערי — 36
וואָלט, וויטמאַן — 12
וואָלטער — 73
וואָלמאַן, ב. — 208
וואָלנער, חיים — 268
וואַנדער, יוסף — 382
וואַנדערוועלדע — 65
וואַסערטייל, חיה — 384
וואַסערמאַן, יעקב — 461
וואַסערמאַן, פּינחס—264, 329, 440, 457, 461-63
וואַסערמאַן, שמעון — 268-69, 293
וואָלף, חיים — 135
וואָלפסבערג, ישעיה — 308, 358
וואָלק, מרדכי גימפּל — 393-94
וואָלק, פּשא (פּעשע) — 393
וואַרהאַפטיג, זרח — 261, 326, 331, 359
וויטאַל, ר׳ חיים — 220
וויטנבערג, סאָלאָמאָן — 162
וויטקין, יוסף — 187
וויטקין, ר׳ נתן נטע — 349, 357
ווייל, ארי׳ — 382
וויינבערגער, מלכה — 384
וויינבערגער, משה אלי׳ — 382
וויינשטיין, ב. — 114
וויינשענקער, ראובן — 234, 269, 297, 328, 353
ווין, ר. — 122-23
ווינטשעווסקי, מאָרים — 132, 146
ווישניצער, מ. — 332
וולאַדעק, ב. — 177
וועב, סידני — 230
ר׳ וועלוועל — 135
וועלס, ה. ג. — 25, 35
ווערדיקער, ר׳ מרדכי יוסף — 430
ווערנער, ר׳ אשר זאב — 451, 423-25
וורדי, אברהם — 382
וורדי, עדה — 382
וורדי, צבי — 379, 382

ז

זאַלאַטאראַף, הלל — 104
זאַמבאַרט, ווערנער — 20-18, 22, 82-80
זאַנענפעלד, ר' יוסף חיים — 307
זאַק, א. י. — 156
זאַק, חיים — 135
זאַקס, א. ש. — 177
זאַקס, בנימין — 137
זאַקס, ש. ז. — 67
זאַקס, שלמה — 122
זאַקס, שניאור — 137
זביטקאָווער, ר' שמואל — 45-144
זגורסקי, מ. — 241
זהב, מ. — 332
זוכי, אוגיסטין — 343
זונדעלעוויטש, אהרן — 148, 164
זילבער — 270
זילבערשטיין, דוד צבי — 392
זילבערשטיין, חנוך — 372, 379, 381
זילבערשטיין, מארקוס — 155
זילבערשטיין, שמואל — 381
זילבערשמידט, משה — 382
זינגער, חנה — 384
זינגער, י. י. — 167
זכאי, י. מ. — 295, 332
זלאַטאָפּאָלסקי, סאַוועלי — 148
זלאַטניק, י. ל. — 254, 68-267, 271, 276, 300
זעווין, ר' שלמה יוסף — 33-127, 306
זעירא, י. מ. — 332
זעליקאָוויטש, געצל — 55
זרובבל, יעקב — 179, 183, 193
זרובבל, עובדי' — 372, 379, 381
זשיטלאָווסקי, חיים — 42-141, 145, 162, 8-207, 403

ח

חבקוק הנביא — 366
חור — 225
חורגין, גרשון — 208
חזני, מ. — 343
חיות, ר' צבי הירש — 48
ר' חייא — 238
חיסין, אלכסנדר — 202
רב חסדא — 66
חסיד, צבי — 383
חרוב, מ. — 350
חרל"פ, ר' יעקב משה — 307, 352

ט

טאָלסטאָי, לעוו — 35, 55-37, 195
טאָלעדאנא, י. מ. — 442
טאמינסקי, ש. — 176
טאנענבוים, א. — 114
טאציטוס — 23
טואווים, יוליאן — 94, 95
טוי, בנימין — 383
טויב, ר' שמואל אלי' (אדמו"ר)—219
טויבנהויז, אפרים — 176, 435
טוינבי, ארנאָלד — 18, 36-32
טון — 249
טורגעניעוו — 54
טורקעניץ — 187
טייטלבוים, דוד — 383
טיילאָר — 11
טילמאן, צבי — 383
טכורש, ר' כתריאל פישל — 69-268, 26-325, 331, 359, 64-363
טעלער, י. ל. — 79
טענענבוים, ב. — 177
טענענבוים, יוסף — 134
טראַצקי, ל. — 65, 67
טרומפעלדאָר, יוסף — 202
טרונק, הרב — 254
טרונק, י. י. — 161
טרידאָן, ג. — 70, 79
טרייטשקע — 22
טרעסמאן — 270
ר' טרפון —452
טשעכאָוו — 25
טשעמבערליין, האוסטין סטוארט — 22, 36
טשעמערינסקי, (מרדכילע) ח. — 55
טשעריקאָווער, אלי' — 114
טשערנאָוו, וויקטאָר מיכאלאוויטש — 207
טשערנאָוויץ, ר' חיים — 36
טשערניאנסקי, ע. — 176

י

יאנאָווסקי, ש. — 101, 113, 115, 118
יאָנג, לעאָ — 420
יאנאָווער — 268, 272
יאנקאלעוויטש, ר' זלמן — 396

יאָסעלעוויטש, בערעק — 138, 144, 161
יבנאלי, שמואל — 200, 203
ר' ידעי' הפניני — 43
ר' יהודה בן תימא — 213
ר' יהודה הלוי — 29-225, 387
יהונתן — 348
ר' יהושע — 60-59, 219
ר' יהושע בן לוי — 253
יהושע בן נון — 29, 225
יהלל — 77
יודלעוויטש — 270
יוחנן כהן גדול — 11
ר' יוחנן בן זכאי — 34, 213, 285
יוכלמאן, יחיאל — 383
יונגסטער, לוי — 264, 69-268, 273, 295, 297, 332
יונה, גירונדי — 55
יוסט, יוסף — 359
ר' יוסי — 103
יוסף — 225
יוסף הכהן — 147
יחזקאל הנביא — 30, 58, 288
ינאית, רחל — 80-179
יעבץ, ר' זאב — 161, 254, 304, 309
יערי, גרשון — 353
יעקב אבינו — 29, 58, 110, 225, 240
יפה, אברהם — 465
יצחק אבינו — 29, 58, 96, 110, 225, 240
יצחק בן אהרן (דרוקער) — 98
ר' יצחק אלחנן — 349
יקותיאל, א. י. — 233
ירמיה הנביא — 30, 51
ישורין יעפים — 177, 80-107
ר' ישמעאל ב"ר יוסי — 238
ישעיה הנביא — 16, 30, 71, 366
ישר, מ. מ. — 135
ר' ישראל מאיר הכהן (חפץ חיים) — 31-130, 135, 420, 422
ר' ישראל סאלאנטער—131, 349, 388
ר' ישראל פילעווער (אדמו"ר) — 14-313
ישראל, ישעיה — 442
ישראלי, י. — 453
ישראלי, ר' שאול — 357

כ

כאנטשינסקי, יהודה ארי' — 383
כהן, יעקב — 177
כהן, ר' פינחס — 396
כהנא, ר' קלמן — 396, 422, 34-433
כהנא, ר' שלמה דוד — 393
כהנא, ש. ז. — 358, 442
כי־טוב, אלי' — 36, 66, 220
כלב בן יפונה — 225
כ"ץ, אברהם — 356
כ"ץ, בן ציון — 39, 403
כ"ץ, יעקב — 396
כ"ץ, יצחק — 260 09-408
כ"ץ, ר' ראובן — 396

ל

לאובער, מרדכי — 385
לאווראָוו — 149, 165
לאזאר, בערנארד — 180
לאזארוס, מאָריץ — 67
לאכאָווער־דאמבעק — 331
לאנגלעבן, אהרן — 269, 274
לאנגע, זשאן — 76
לאנגע, שארל — 76
לאנדבערג, פ. — 395, 400, 415
לאנדוי, יעקב — 396
לאנדוי, שמואל חיים — 229, 234, 256, 264, 269, 277, 282, 293, 297, 02-301, 316, 309, 30-328, 332, 353, 359,
לאנדוי, ש. ד. — 151, 180
לאנדויער, גוסטאוו — 215, 232
לאסאל, פערדינאנד — 62, 139
לאפארג, לאורע — 134
לאפארג, פאול — 65, 10-108
לבון, פינחס — 441
לביא, י. — 93-392
לואי פאסטאָר — 27
ר' לוי יצחק בארדיטשעווער — 56
לוז, קדיש — 433
לוטער, מארטין — 41
לונאטשארסקי, וו. — 107, 115
לונינסקי, ע. — 161
לונץ, א. מ. — 163
לוצאטו, ר' משה חיים — 388
לוקסעמבורג, ראָזא — 67, 81, 139
ליבנה, אליעזר — 201, 208
ליבערמאן, אהרן שמואל — 164, 176
ליבערמאן, הערמאן — 149
ליבערמאן, חיים — 46, 47, 55, 112, 162, 338

ליבקנעכט, קארל — 67
ליבשיץ, ר' יחזקאל — 123, 133
ליטווין, א. — 129
לייבאָוויטש, ישעי' — 439, 448-53, 455, 460, 466
לייבניץ, גאָטפריד, ווילהעלם — 454
לייוויק, ה. — 177
לייטער, יעקב — 79, 250, 409
ליליינבלום, משה-לייב — 140, 208
לינקאָלן — 12
ליעסין, א. — 71, 72, 99, 100, 132, 171-73, 175
ליפּמאַן, יו"ט — 90
ליפּסקי, לואי — 208
ליפּסקער (ל. זאב) — 397
ליפשיץ, יעקב — 357
למדן, יצחק — 385
לעאָנטאיעף (מאיעסעיעוו) מ. — 114
לעבאָוויטש, ר' ברוך-בער — 133
לעהמאן, ש. — 177
לעהרער, ל. — 93, 94, 98
לעוו, אבאָ — 122-23
לעווי, ארמאן — 137
לעווי, לאזאר — 137
לעווין, בנימין מנשה — 306, 357
לעווין, ר' יחזקאל — 269
לעווין, ר' יצחק מאיר — 396, 415, 426-27
לעווין, מיכאל קלמן — 26
לעווינסאָן, א. — 252
לעווינסאָן, יצחק בער — 101, 114
לענין — 65, 67, 115, 119-21, 134
לעסינג, טעאָדאָר — 73, 94
לעסלוי, יעקב — 269, 353, 357
לעקערט, הערש — 173-74
לערנער, אליעזר — 332
לערנער, פאלק — 269, 415
לעשצינסקי, יעקב — 147, 152, 154

מ

מאהיליווער, ר' שמואל — 253, 277-79, 281, 286, 304
מאהלער, רפאל — 90-86, 105, 163
מאיער, סימאן — 136-37
ר' מאיר — 222, 357, 364
ר' מאיר בן טודרוס — 55
ר' מאיר שמחה — 129
מאיר רות — 374
מאירזאָן, יצחק — 397
מאדזיני, יוזעף — 72
מאָמזען — 27
מאנדעל, גרעגאָר — 58
מאסט, יאָהאָן — 103
מאסלאָווטי, מ. — 295, 332
מאקסימיליאן, קעניג — 126
מארגאן, הענרי — 11
מארקס, יהושע — 372, 379-80
מארקס, קארל — 11, 21, 61-84, 86, 109, 116-19, 136, 138-39, 145, 158, 178, 242-45, 250-51, 261, 414
מארק, ב. — 90, 92, 98, 142-45, 161-63
מארק יודל — 162
מהר"ל — 88, 89, 93, 97, 98, 430
מהרש"א — 125
מוטניק, אברהם — 169-70
מונק, משה — 229, 237-40, 251
מונק, שלמה — 27
מוקדוני, א. — 162
מור, טאָמאס — 61, 387
מייזיל, נ. — 54
מייזל, ר' אלי' חיים — 122, 135
מייזל, מרדכי — 126
מייזלס, דוב בער — 138
מיימון, י. ל. — 56, 96, 98, 126, 135, 163, 216, 226, 253, 304, 308, 324, 326, 357
מיימון, שלמה — 89
מייערס — 98
מיכה הנביא — 53, 95, 366
מיכלזאָן, ר' צבי יחזקאל — 393, 408
מילך, יעקב — 114
מילל, דזשיימס — 57
מילל, יוסף (דזשאן) — 79, 169-70, 177
מילמאן, ש. — 177
מילנער, יוסף — 36
מילער, יוסף — 161
מילער, לואי — 147
מינץ, ר' אליעזר — 430
מינץ, ר' בונם — 430
מינץ, ר' בנימין — 386, 396, 399, 415-16, 426-27, 429-35
מיעטשיסלאוו, ערשטער — 97
מיצקעוויטש, אדאם — 22
מירסקי, ר' ש. ק. — 135
מירקין, י. — 240, 332
מנוח, ב. — 273

מעדעם, וולאדימיר — 150, 171, 177
מעטערלינק — 27
מעלצער, ר' איסר זלמן — 352, 423
מעלצער, ר' פיבל — 350
מענאכאָווסקי, מ. 93-188
מענאטאן — 25-23
מענאסטענאם — 24
מענדעלי מו"ם — 101, 114
מענדעלסאָן, אברהם — 70
מענדלסאָן, משה — 15, 454
מענדעלסאן, סטאניסלאוו — 149
מענדעלסאָן, פעליקס — 70
מענעס, א. — 87-85, 89, 97, 105, 67-164, 176
מערינגען — 72
מרגלית, שמרי' כהן — 337
מרים — 225
מרמר, קלמן — 176, 193
ר' משה זאב — 430
משה רבינו — 23, 24, 51, 60, 69, 12-111, 26-225
מתיא — 33, 36

נ

נאָבל, נחמי' — 338
נאזשיוון, איוואן — 40
נאכומאָוו־קאצענעלסאָן, צפורה — 124
נאפּאָלעאָן — 26, 65, 137
נאָרדוי, מאקס — 215
נח (פּאַרטנוי) — 150, 170
נחמי' — 236
נחום איש קודש הקדשים — 97
נחשוני, יהודה — 239, 251, 433, 435
ניגער, ש. — 97, 132, 135
ניטשע — 22
נייבער — 32
נייהויז, פּינחס — 269, 297
נייפעלד, ר' אלימלך — 220, 255, 264, 69-268, 293, 297, 302, 30-329, 357
ניסנבוים, ר' יצחק — 216, 270, 273, 276, 277, 282, 89-285, 292, 304, 329, 356
נמיר, מ. — 461
נסים, ר' יצחק — 433
נעטשאיעוו — 224
נעסק — 271
נצי"ב (זע, בערלין)
נריה, ר' משה צבי — 350, 352, 357, 378, 453

ס

סאָלאָוויאוו, וולאדימיר — 39
סאָלאָוויטשיק, ר' חיים — 126, 134
סאָלאָווייטשיק, ר' יוסף בער — 41, 127, 367
סאלאנטער, ר' שמואל — 159
סאָקאָלאָוו, נחום — 144, 163, 331
סאָקראַטעס — 30
סאָראָקאָ, הירש — 70-169
סגל, ר' יוסף הלוי — 90
סדן, דוב — 439
סודארסקי, מ. — 134
סופר, ר' משה (חתם סופר)—49-247
סטאלין — 251
סטאָליפּין — 123
סטאנקעוויטש, ניקאָליי — 148
סטראשון, מתתי' — 123
סיאָמקין, וולאדימיר — 157
סימאן, גראף דע סען — 80, 116
סימן, ערנסט — 50
סירקין, מערי — 36
סירקין, נחמן—151, 83-178, 93-191, 204, 264
סלונים, מ. ש. — 135
סלוצקי, אברהם יעקב — 254
סלמון, ר' פישל — 08-307
סמאָלענסקי, פּרץ — 165
סמילאנסקי, מ. — 187
סנהדראי, טובה — 353
סנהדרי, י. — 359
ר' סעדי' גאון — 221, 414
סעמיועל, מאָרים — 34, 36
ספּענסער, ה. — 57, 111
סערגעי, דעגאיעוו — 149
סקלאר, ג. — 102

ע

עבנער, מ. — 180
עדעלמאן, ישראל — 399
עדעלשטאדט, דוד — 103, 146
עדעלשטיין — 256
עדמאן, פּיקאר — 75
עובדיה הנביא — 14
עוזיאל, ר' בן ציון — 261, 335
עטלי, קלעמענט — 230

עליאשבערג, ר' יונתן — 280
עליאשבערג, ר' מרדכי—161, 279-80, 335
עמדין, ר' יעקב — 281, 387, 454
עמוס הנביא — 14, 71, 95, 366
עמיאל, ר' משה אביגדור — 79, 229, 254, 291-92, 304, 352
עמינוח, מ. — 229, 241, 340, 343, 355
ענגעלמאן, אורי' צבי — 151
ענגעלס, פרידריך — 11, 61-68, 74, 76, 79, 81-84, 116-19, 250
עפשטיין, מלך — 177
עפשטיין, ר' משה מרדכי — 133
עץ חיים, משה — 446
עק, נתן — 343
ר' עקיבא — 55, 129, 307, 452
עקיבא, י. ב. — 274
עקער — 19
עקערמאן, ע. ב. — 391, 393
ערליך, א. — 439-40, 442-43, 459, 466
ערליך, הענריק — 141
ערנסט, ש. — 435

פּ

פּאן, וואל — 173-74
פּארבשטיין, העשל — 337
פּוקס, יעקב — 174-75
פּוקס, משה — 238-39, 251
פּוריע, שארל — 20, 61, 80, 116
פּייגין, ש. י. — 55
פּייגנבוים, ש. ב. — 55, 79, 99-104, 114, 135
פּיינער, יחיאל — 395
פּייערבאך, לודוויק — 117, 134
פּיכטע — 76
פּילא — 30
פּיליק, י. — 268-69
פּינדלינג, משה — 240
פּירער, בן ציון — 239, 251
פּירשט, מ. — 363
פּישבערג, מאַרים — 163
פּישער־שיין, זאב — 396
פּישמאן, י. ל. (זע, מיימון)
פּלאוויוס — 24, 33, 36
פּלאקסער, מ. — 254
פּלינקער, ד. — 161
פּעדערבוש, שמעון — 229, 269, 297, 310, 329, 357
פּעסלער, בן ציון — 393
פּעליקס, ז. — 447
פּערדמאן, משה — 161
פּערדמאן, שאול — 161
פּראנק, דוד — 356
פּראנק, ה. — 102-03, 114-15
פּרומקין, אברהם — 113
פּרומקין, ישראל דוב — 113
פּריד, ארי' — 269
פּרידלאנד, מ. פ. — 156
פּראַם, לייבל — 223, 244-47, 397, 399, 400, 403-04, 412
פּרידמאן, ר' אברהם יעקב (אדמו"ר) — 415
פּרידמאן, אלכסנדר זושא — 393
פּרידמאן, ר' ישראל (אדמו"ר) — 423
פּרידמאן, ל. — 163
פּרידמאן, משה — 353
פּרידמאן, ר' נחום (אדמו"ר)—423
פּרידנזאָן, אלעזר גרשון — 431
פּרידריך, חיה — 379
פּרידריך, משה — 371, 379
פּרידריך, שלמה נתן — 379
פּריינט, שלמה — 379
פּרענקל יצחק ידידי' — 88, 97
פּרענקל, לעאָ — 136-37
פּרענקל, ק. א. — 267-71, 276, 293

פ

פּאלאטניק, ש. — 176
פּאול — 112
פּאָזנאנסקי, ישראל — 126, 135, 155
פּאטיע, עזשען — 134
פּאָליאקאוו, ס. ס. 156
פּאָמפּעאוס — 23
פּאנער, ס. — 162
פּאפּסט בענעדיקטוס, 13-טער — 30
פּויזנער, ר' חיים — 393
פּלאצקי, ר' מאיר דן — 408
פּיטאגאָרעס — 24
פּינסקער, לעאָ — 140, 161, 215, 281, 437
פּינעס, יחיאל מיכל—159, 163, 356, 366, 369
פּיקאר, עדמאן — 70
פּלאַטארך — 23
פּלארום — 23

פלעווע — 126
פלעכאנאָוו, געאָרג — 65, 67, 77, 167
פעטרוס — 112
פעטראניוס — 23
פערלמאַן, זעליק — 162
פערפער, יוסף — 37, 54
רב פפא — 99
פראגער, מ. (מארק, משה) — 36, 134
פרודאָן — 64, 65, 67, 80
פרוזשאנסקי, אברהם יהודה — 135
פריצקער, אשר — 466

צ

צביון (דר. ב. האָפמאַן) — 79
ר' צבי הירש לונטשיץ — 89
ר' צדוק הכהן פון לובלין—112, 115, 306, 318
צוקערמאַן, ברוך — 141, 183
צורף, א. — 378
צייטלין, אהרן — 49-50, 54, 55, 79
צייטלין, הלל — 41-43, 55, 79
ציילינגאָלד, אסתר — 379
צינבערג, י. — 90, 208
צירלסאָן, ר' יהודה לייב — 123
צעלזוס — 23

ק

קאָבלענץ — 271
קאהאן, אב. — 97, 101, 105-7, 114-15, 132, 147, 162, 176-77
קאהאן, יאָסל — 96
קאהאן, י. — 1040-5, 114
קאהאן, כא. — 115
קאָהן, אשר — 155
קאָהן, דזשאָרדזש — 163
קאָוואלסקי, יהודה לייב — 254, 271, 273, 283, 300, 304
קאוטסקי, קארל יאָהאן — 58, 65, 67, 72, 82
קאזשדאן, ח. ש. — 161-62
קאטץ, משה — 101-4, 114
קאלוואריסקי — 286-87
קאלישער, צבי הירש — 161, 215, 253, 277-79, 292, 304-5
קאלכהיים, משה — 359
קאָמט, אויגוסט — 50, 55, 57
קאמיניץ — 272
קאמינער, ר' משולם — 431
קאמינקאָ, ר' אהרן — 439, 454-55, 465
קאמינקא, אפרים — 439, 465
קאנאל, ר' יצחק מאיר — 393
קאָנמידעראנט, וויקטאָר — 411
קאָסאָווסקי, וולאדימיר — 169
קאָסאָווער, מ. — 158-163
דר. קאָפּ — 19
קאפלאָן, שלמה — 275
קאפלאנסקי, שלמה — 183
קאפלינסקי, ישראל — 169-70
קאָפּעלאָוו — 114
קאָץ, דוד — 169
קאָץ, הלל — 169
קאצענעלבויגן, ר' רפאל — 218-19, 428, 435
קאצענעלסאָן, בערל—179, 187, 201, 203, 208
קאצענעלסאָן, יצחק — 124, 135
קאָראלענקאָ, וולאדימיר — 54,
קאָרעליץ, ר' אברהם ישעי' („חזון איש") — 415, 417, 423, 425
קאָרעליץ, ר' מאיר — 396, 415, 418, 423-25
קאָשטשושקאָ, טאדעאוש — 138, 143-44
קוויאטעק, יוזעף — 149
קויפמאן, יחזקאל — 94, 98
קופּעלוביץ, א. — 353
קופּערניקוס — 12
קופּפער, א. — 90-92, 98, 163
קוק, ר' אברהם יצחק—96, 133, 229, 280-83, 304-9, 317-18, 326-27, 332, 335-36, 350, 352, 354, 356
קורסקי, פראנץ — 79, 169-71, 177
קורץ, מ. א. — 330, 358, 361
קושניראָוו, א. — 177
קין — 110, 289
קירשבראָן, ר' אלי' — 395
קלאפּער, שלמה (ש. יהלום) — 271, 275
קלויזנער, י. — 34, 36, 466
קליאברום — 23
קליארבום — 24
קליין, צבי הכהן — 66, 67
קליינמאן, מ. ב. — 238, 251
קנוהל, ד. — 385
קעלמער, מ. — 330, 332, 353
קעסטנבוים, א. — 297

קראוויץ, נפתלי — 66, 357
קראַכמאַל, ר׳ מנחם מענדל — 131
קראַכמאַל, נחמן—76, 79, 114, 205, 208
קראַנגראַד, אברהם מאיר — 401, 407
קראַפּאָטקין, פּ. — 114, 150
קראַקאָווסקי, יצחק — 271, 332
קרונה, משה — 235, 39-338, 343
קריב, יצחק — 353
קריפּס, סטעפאַרד — 230
קרניאלי, י. — 39
קרעמיע, אדאָלף — 22
קרעמיע, גאַסטאָן — 137
קרעמער, ארקאדי—150, 168, 70-169, 177

ר

ראבינאָוויטש, א. ז. — 203
ראבינאָוויטש, עקיבאַ — 135
רבינר, זאב ארי׳ — 306
ראַגאָווי, אברהם מרדכי — 431
ראַגאָף, הלל — 114, 117
ראדזינסקי, י. — 220, 95-294, 300, 331
ראהלינג — 19
ראובני, ש. — 269
ראווידאָוויטש, שמעון — 79, 208
ראווניצקי — 115
ראזמיוועש, יהודה — 238, 435
ראַזמארין, אהרן — 435
ראַזן, ר׳ יוסף — 129
ראַזן, שלמה — 283
ראזנהיים, ר׳ יעקב — 392, 398, 415
ראַזנבליט, פּינחס — 350
ראַזנבוים, מ. מ. — 171
ראַזנטאַל, מ. — 156
ראַזנפעלד, מאָרים — 146, 290
ראַזנצוויַיג, ל. — 104, 111
ראַזנצוויַיג, ד. צ. — 359
ראַטשטיין, ש. — 135, 391
ראַטשילד, ר׳ אשר אנשל — 21, 109, 279, 307
ראַטנשטרייך, פּ. — 177
ראַקער, רודאָלף — 150
רב — 84, 241
רבה בר בר חנא — 241
רובין, מאַטל — 431
רובינאָוו — 271
רובינשטיין — 272
רויזנבלאַט־רובין, רבקה — 162
רויך, ש. — 353
רונס, דאגאַרעט ד. — 79
רוסאַ — 73, 195
רז, שאול — 385
ריבאק, אפרים אלי׳ — 66
ריבלין, יצחק צבי — 306
ריבקינד, יצחק — 97, 255, 262, 76-270, 292, 299, 300, 348
ריינעס, ר׳ יצחק יעקב — 253, 304, 308, 320, 356
רייז, רחל — 332
רינגלבלום, ע. — 161, 163
רמ״א — 125, 380, 430
רמב״ם — 15, 18, 36, 41, 50-49, 53-52, 55, 56, 61, 112, 221, 226, 259, 387, 454
רמב״ן — 219
רמון, י. ד. — 332
רמון, יעקב — 332
רמז, דוד — 440
רעוואוצקי, א. — 208
רעכטמאַן, א. — 163
רעליטש — 19
רענאַן, ערנסט — 18, 32-25
רענער — 81
רפאל, יצחק — 292, 25-323, 350, 359, 360, 466

ש

שאול המלך — 348
שאול פון תרשיש — 33
שאו, דזשארדזש בערנארד — 230
ש. איש הורוויץ — 208
שאפּיראַ, ר׳ זלמן — 320
שאפּיראַ, ר׳ מאיר — 368, 431
שאפּיראַ, משה חיים — 269, 310, 21-319, 30-327, 353, 60-359, 368, 16-415, 433, 459
שאפּיראַ, ראַזא — 320
שאפּענהויער — 198
שאַצקי, יעקב — 145
שבתאי, ק. — 208
שווארצמאַן, ר׳ מאיר — 220
שוב, ד. — 49-148
שולוואס, מ. א. — 84, 161, 252, 255, 293, 297, 312, 28-327, 331, 350, 466
שולמאַן, וו. — 176

שזר, ז. — 461
שחור, בנימין — 350
שחראי, א. י. — 229, 332
שטאמפער, יהושע — 286
שטיין, א. ש. — 376
שטיינבערג, יצחק נחמן — 446
שטיינמאן, אליעזר — 135, 431
שטראק — 19
שטשעקאטש, ל. — 393, 399, 403, 410-11
שטשעראנסקי, יהודה — 272
שיינגאלד, מ. — 134, 176
שייקאווסקי, ז. — 79, 97, 161
שינמאן, מ. — 118-19
שיפער, יצחק — 84, 163, 177
שיקלער, שלמה — 415
שלאנסקי, אברהם — 431
שלום, ש. — 385
שלום עליכם — 37-39, 54
שלמה המלך — 29, 30, 33
ר' שלמה בן אברהם — 55
שלעזינגער, שלמה — 269
ר' שמלאי — 366
ר' שמואל ירחינאה — 455
ר' שניאור זלמן — 55
שמחוני, י. נ. — 227, 229
ר' שמעון בן יוחאי — 226
שמעון הצדיק — 23, 61
שמעיה — 357
שעלי, פוירסי בוש — 146
שערמאן, בצלאל — 96, 93-192
שערשעווסקי — 135, 330
שקאפ, ר' שמעון — 20-319
שרגאי, ש. ז. — 241, 258, 269, 301, 23-321, 32-330, 369
שעקספיר, וויליאם — 17, 25
שפיזמאן, ל. — 193, 208
שפילמאן — 272
שפינאזא, ברוך — 14, 27, 112
שפירא, ר' אלימלך (אדמו"ר) — 316
שפירא, ישעיה — 264, 269, 292, 295, 302, 19-316, 332, 350
שפירא, ד. — 79
שפענגלער — 32
שפרינצאק, יוסף — 440, 445, 453
שצופאק, נ. — 395, 399
שצעראנסקי, מאיר — 268

ת

תלמי, לגי — 24
תלמי, מנחם — 377
תלמי פילאדעלפוס — 23, 25

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט		געדרוקט	דאַרף זיין
		(צוגאָב צום ערשטן באַנד)	
49	הערה 15	שמות	בראשית רבה
53	הערה 5	רביינו	רבינו
54	קעפּל	גריכישע	א. גריכישע
55		אביה	אבויה
62		באמונותו	באמונתו
64	הערה 17	חיים גרינבערג — טאָפּל	
68		לאירעו	לא ירעו
77		דעמיט	דערמיט
		(צווייטן באַנד)	
29		פליזאָפיע	פילאָזאָפיע
51		עבד	עבדי
79	הערה 13 3־טע שורה		אורות התחי׳
81		לוקפעמבורג	לוקסעמבורג
97	הערה 4 פאר לעצטע שורה	ארויסגעלאָזט וואָרט	אָנגעפאנגען
122	אָנהייב לעצטער פּאראג.	אזא	אז
123	לעצטער פּאראג.	ספרנו	ספרי
135		פארדרייט שורות פון קעפּל. דארף זיך לייענען: א. געשיכטע פון יידיש־רעוו.־ארב. באוועגונג.—פירער פון יידישן פּראָלעטאריאט.—התחייבות צו זיך און צו וועלט	
147		פעאָדראלן	פעאָדראלע
150		קלאמערן ניט אויף ריכטיקן אָרט	פּאָרטנאָי)
163	הערה 6, שורה 2		קלאמערן אין ייד. איבערז.
168		דאָט (3־טע שורה פון אויבן)	האָט
179		און (לעצטע שורה, פּאר. 2)	אין
203־204		צוויי פּאראג. וועגן פארבאנד	צו נאָכפאָלגנדיקן סוב־קאפּ.
219		„והמסורה״	והמסורה״
225		יפנה	יפונה
226		מדר	מדרד
234		הויבט	הויכט
244		לויתן„	לויתן״
251	הערה 3	לעצטער פּאראג. צו הערה 4	
254		אברהם יצחק	אברהם יעקב
267		ותחיה	ותחית
276	הערה 23	נאָכ־	נאָך
280		אדר א,	אדר א׳,
281		אברהם יצחק	אברהם יעקב
289		בעובדה	בעבודה
295	שורה 6	2־טער פּאראג. אין איז איבעריק	
		גוועאָרן	געוואָרן
321		יידישע אמונה	מדינה
331		סאָיצאַליסטישע	סאציאליסטישע

N. SHEMEN

JEWISH ATTITUDE TOWARD LABOUR

Social Justice, Based on Biblical, Talmudic and Rabbinic Studies

VOLUME II

TORONTO, CANADA
1963